STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05593

IDISHER ARBEYTER YOHR-BUKH UN ALMANAKH 1928

Permanent preservation of this book was made possible
by Richard Hess
in memory of
Mildred Roberts

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישער
ארבייטער יאהר-בוך
און אלמאנאך

1928

רעדאגירט פון

ב. לאָקער

JEWISH LABOR YEAR BOOK AND ALMANAC

Published by the

POALE ZION

32 Union Square, New York

Copyright 1928
By the Poale Zion

איהר דאַרפט לייענען דעם

„טאָג״

די אידישע אינטעליגענץ האָט שוין לאַנג אַנערקענט, אז קיין אנדערע אידישע צייטונג קען זיך ניט פארגלייכען מיט׳ן „טאָג״. דער „טאָג״ — דאָס איז אידישע גאַנצקייט, ער שפּיגעלט אָפּ מיט זיך אַלץ, וואָס האָט א שייכות מיט יעדען איד, ווער און וואָס ער זאָל ניט זיין.

סיי דער ארבייטער, סיי דער געשעפטסמאַן, סיי די העכסטע אינטעליגענץ — אלע געפינען זיי אין „טאָג״ אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר זייער טעגליכער אינפאָרמאַציע בנוגע אידישע ענינים.

די באַלייכטונגען אויף אידישע געשעהענישען ווערען געמאַכט אין „טאָג״ פון די גרעסטע אידישע פּובליציסטען און אנגעזעהענסטע שריפטשטעלער.

בלייבט ניט אַ טאָג אָהן אַ „טאָג״

פאַראייניגטער
ציון אַפיל קאַמפיין

זיבען מיט א האלבען מיליאָן דאָלאר
איז די קוואָטאָ פאר'ן לאנד

אַלע אידען ווערען אויפגעפאָדערט צו טאָן זייער פליכט פאר'ן ציון אפיל און העלפען בויען די אידישע היימלאנד אין ארץ־ישראל.

דער פאַראייניגטער ציון אַפיל

העלפט מעהר איינוואַנדערער אַריינקומען אין לאנד.
העלפט דעם אידישען נאַציאָנאַל־פאָנד אויסלייזען מעהר באָדען פאר'ן אידישען פאָלק.
העלפט דעם "קרן היסוד" קאָלאָניזירען וואָס מעהר חלוצים.
האַלט אוים און פארברייטערט דעם העברעאישען שול סיסטעם אין ארץ־ישראל.
גיט אַכטונג אויף דעם געזונט פון לאנד דורך דער חדסה מעדיקאַל אָרגאַניזאַציע.
שטיצט דעם העברעאישען אוניווערזיטעט.
העלפט אויף פארשיידענע אופנים די אידישע ארבייטער אין ארץ־ישראל, זייערע קבוצות, זייערע קראנקען־קאַסעס און זייערע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס.
שטיצט די מזרחי רעליגיעזע אינסטיטוציעס.
העלפט די אנטוויקלונג פון אינדוסטריע און האנדעל, דורך קרעדיטען און אז. וו.

צוויי מיט א האלבען מיליאָן דאָלאר
איז די קוואָטאָ פאר גרייטער ניו יאָרק

פאַראייניגטער ציון אַפיל

פאר'ן „קרן היסוד", אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד, „הדסה", „דזשוניאָר הדסה", העברעאישער אוניווערזיטעט פאָנד און מזרחי אינסטיטוציעס.

United Palestine Appeal

111 Fifth Avenue — New York City

די פולסטע ציוניסטישע נייעס
פון דער גאַנצער וועלט

פון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען
ווערען געדרוקט אין

„מאָרגען זשורנאַל"

די איינציגע אידישע
מאָרגען־צייטונג

Jewish Morning Journal

77-79 BOWERY

Tel. Orchard 8400 New York, N. Y.

פּאַלעסטיין ענד אָריענטאַל טורס

מר. ע. ראָזען,
פּרעזידענט.



PALESTINE AND ORIENTAL TOURS

122 Fifth Avenue, New York, N. Y.

דער איינציגער רייזע אָפיס, וואָס ספּעציאַליזירט אין פּאַסאַזשירען און טוריסטען פון אַמעריקא נאָך ארץ־ישראל.

ביטע, שרייבט אונז ווען איהר דענקט פאָהרען נאָך ארץ־ישראל, סיי אַלס אַ טוריסט אָדער אַלס אַ סעטלער. מיר וועלען מיט פארגעניגען געבען אייך אַן עסטימייט פון די קאָסטען פאַר אייער רייזע, די פּאַקונג פון אייערע פוירניטשור און די טראַנספּאָרטיישאָן. מיר באַזאָרגען אויך אַלע רייזע דאָקומענטען און באַקומען די וויזעס פאַר אונזערע פּאַסאַזשירען.

אָפיציעלע שיפּינג אַגענטור פון דער ציוניסטישער אָרגאַנ. פון אַמעריקא.

באַזאָרגט זיך מיט אַ ביבליאָטעק!

פאָלגענדע ביכער קאָנט איר באַקומען אין

פּועלי ציון פאַרלאַג

באָראָכאָוו'ס שריפטען, ערשטער באַנד — — — — — — — — $1.00
באָראָכאָוו'ס שריפטען, צווייטער באַנד — — — — — — — — 1.50
באָראָכאָוו, די אידישע אַרבעטער באַוועגונג אין ציפערן — — — — .50
דר. נ. סירקין, שריפטען, צוויי בענדער — — — — — — — — 4.00
„ארץ־ישראל“, רעדאַגירט פון בן־צבי און בן־גוריון — — — — 1.50
„יזכור“, רעדאַגירט פון חאַשין און בן־גוריון — — — — — — 1.20
יובילעי־בוך — צוואַנציג יאָר פּועלי ציון — — — — — — — .25
י. זאַר, דער נאַציאָנאַל פאָנד און די פּועלי ציון — — — — — — .05
ה. פיינמאַן, פּועלי ציוניזם, אין ענגליש — — — — — — — — .10
דר. ח. זשיטלאָווסקי, פון אַסימילאַציע ביז פּועלי ציוניזם, .10
דר. ח. זשיטלאָווסקי, א"י און די אידישע אַרבעטערשאַפט, .10
א. וואָהלינער, דער איד. אַרבעטער און די אידישע באַפרייאונג, .10
בן־צבי, די אַראַבישע באַוועגונג אין ארץ־ישראל — — — — — — .1ז
פּאַרווירקליכונג, זאַמעלהעפט פון פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, .15

POALE ZION FARLAG, 32 Union Square, New York, N. Y.

דריי הונדערט טויזענט דאָלאַר

פאַר דער אויפבוי ארבעט פון דער „הסתדרות“
און פון אונזערע ארבעטער אנשטאַלטען אין ארץ-ישראל

דאָס איז דער ציל פון דעם
געווערקשאפטען קאמפּיין פאר'ן יאָר 1928

דער געווערקשאַפטען קאַמפּיין

העלפט צו באַפעסטיגען און אויסברייטערען די וואונדער־באַרע ארבעט פון דער „הסתדרות“ מיט אלע אירע קאָאָפּע־ראטיווע און קולטור אנשטאַלטען סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף.

דער געווערקשאַפטען קאַמפּיין

העלפט שאַפען און בויען די נייע געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל אויף פּראָדוקטיווע און ארבעטער־יסודות.

דער געווערקשאַפטען קאַמפּיין

איז געוואָרען א גרויסער ווירקזאַמער כח, וועלכער זאַמעלט צונויף די אידישע ארבעטער מאַסען פון אַמעריקע ארום די אידייען און שטרעבונגען פון דאָס ארבייטענדע ארץ־ישראל.

יעדער דאָלאַר פאַר אונזער קאַמפּיין

ווערט פאַרווענדעט אויף א קאָנסטרוקטיווען אופן און שטאַרקט די פּאָזיציעס פון דעם אידישען ארבעטער אין ארץ־ישראל.

באַטייליגט זיך אין דער גרויסער היסטאָרישער אַרבעט!

ווערט אן אקטיווער טוער און זאמלער פאר אונזער קאמפּיין!

טראָגט צו א ציגעל צו אונזער הערליכען ארבעטער בנין אין ארץ־ישראל!

נאַציאָנאַלער אַרבייטער קאָמיטעט
פאַר ארץ ישראל

א. העמלין, סעקרעטאר.

אב. שיפּליאַקאָוו, טרעזשורער. 32 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק.

אינהאַלט.

הקדמה — פון ב. לאָקער — 10

א יאָר אידיש לעבן — פון ברוך צוקערמאַן — 11
(ווייכטיגסטע אידישע געשעענישען אין יאָר 1927)

ארץ ישראל אין יאָר 1926־1927 — פון דר. וואַלטער פּרויס:
אַלגעמיינער טייל — 30
דער אידישער ישוב — 37
לאַנדווירטשאַפט — 40
נייע זידלונגען — 42
אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג — 43
אַנטוויקלונג פון שול־וועזען — 49
די אַרבייטערשאַפט אין יאָר 1926־1927 — 51
די הסתדרות און אירע אינסטיטוציעס — 60

10 יאָר סאָוועט־מאַכט אין דער אידישער סביבה — פון בן־יהודה — 71

צו דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידען אין אַמעריקע — פון דר. הערמאַן פראַנק:—
א) פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער אידישער איינוואַנדערונג, 88
ב) סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשיכטונג פון אידען אין אַמעריקע, 92
ג) די טרייד־יוניאָן באַוועגונג צווישען די אידישע אַרבייטער אין ניו יאָרק — 99
ד) די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישען די אידישע אַרבייטער אין אַמעריקע — 106

דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם אין יאָר 1927 — פון היינריך שטרעבעל:
דייטשלאַנד — 111
עסטרייך — 113
פראַנקרייך — 115
בעלגיע — 117
ענגלאַנד — 119

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל אין יאָר 1927 — פון ב. לאָקער — 122

אונזער באַוועגונג:
אַלוועלטליכער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פאַרבאַנד פּועלי ציון — פון ב. לאָקער — 125
א יאָר פּועלי ציון טעטיגקייט — פון פּ. קרוזאָ — 128
דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד — פון מאיר בראָון, 132
די פּיאָנערען פרויען אָרגאַניזאַציע — פון לאה ביסקין — 134
די יונגע פּועלי ציון — פון י. שניידער — 135
דער געווערקשאַפטען קאַמפּיין פאַר די אָרגאַניזירטע אידישע אַר־בייטער אין ארץ ישראל — פון א. העמלין — 137
דער אַלוועלטליכער החלוץ — פון י. מערעמינסקי — 140
דער אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד — פון מ. רודענסקי — 145

סטאַטיסטיקס:
די צאָל אידען אויף דער וועלט — 147
די אידישע וואַנדערונג — 148
דער אַלוועלטליכער פּראָלעטאַריאַט (לויט לענדער) — 151
פּראָצענט פון אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין פאַרשידענע לענדער — 152
די אינטערנאַציאָנאַלע טרייד־יוניאָן באַוועגונג — 153
אַנדערע אָרגאַניזאַציעס — 154
דער אַרבייטער קלאַס אין די פאַראייניגטע שטאַטען — 155
דער אַרבייטס־לוין אין די פאַראייניגטע שטאַטען — 156

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג:

אריינפיר — פון ב. לאָקער — — — — — — — — — — — 160
כראָניק פון דער פּועלי ציון באוועגונג — — — — — — — 161
א. ליבערמאַן — דער פאָטער פון אידישען סאָציאַליזם — פון ב. באָראָכאָוו — — — — — — — — — — — — — — — — 166
דאָס יובילעאום־יאָר פון דער דער אידישער ארבייטער באווע־גונג — פון ב. באָראָכאָוו — — — — — — — — — — — 173
זכרונות — פון ב. באָראָכאָוו — — — — — — — — — — 180
רוסלאַנד:
די תקנות פונ׳ם פּאַראיין „פּועלי ציון" אין מינסק — — — — — 186
ערשטער צוזאמענפאָר פון די ציוניסטישע ארבייטער פּאַראיינען — 187
די נייע שטרעמונגען אין מינסק — — — — — — — — — 197
כראָניק פון דער ציוניסטישער ארבייטער באוועגונג — — — — — 199
פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ — — — — — — — — — — — 226
פּועלי ציון אין דער צווייטער עליה — — — — — — — — — 235
עסטרייך:
ציוניזם — פון סאָלאָמאָן רובינשטיין — — — — — — — — — 237
די אידישע ארבייטער באוועגונג אין גאַליציע — — — — — — — 238
פלוגשריפט נומער 1, פון די לעמבערגער „פּועלי ציון" — — — — 240
„פּראָגראַם און טאַקטיק" — — — — — — — — — — — — 243
די אַנטוויקלונג פון די פּועלי ציון — פון בן שבתי — — — — — 249
פּראָגראַם־פּראָיעקט פון די פּועלי־ציון אין עסטרייך — — — — 252
אַמעריקע:
אונזער פּלאַטפאָרם — — — — — — — — — — — — — — 256
ערשטער צוזאמענפאָר אין אמעריקע — — — — — — — — — 260
דעקלאַראַציאָן (פון דעם אקציאָנס קאָמיטעט פון דער סאָציאַליס־טישער אָרגאַניזאַציאָן פּועלי ציון און אמעריקא) — — — — 261
אונזער פּלאַטפאָרם (אָנגענומען אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן פון די פּועלי ציון אין באַלטימאָר אין יאָר 1905) — — — — — 264
ענגלאַנד:
פאָרבאַמערקונג — פון ב. ל. — — — — — — — — — — 265
סטאַטוטען פון די „פּועלי ציון", נומער 1 — — — — — — — — 267
פּראָגראַם פון די לידזער פּועלי ציון (1905) — — — — — — — 268
מאַנטשעסטער פּראָגראַם (אַפּריל 1906) — — — — — — — — 268
ליווערפּול פּראָגראַם (דעצעמבער 1906) — — — — — — — — 269
אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — — — 271
ארץ ישראל:
א בריוו פון ארץ ישראל (1906) — — — — — — — — — — 273
באָדען־קויף אין דאַלייקא — — — — — — — — — — — 274
סטרייק פון שלאָסעריי ארבייטער אין יפו — — — — — — — 274
אַ בריוו פון פּתח־תקוה — — — — — — — — — — — — 274
א בריוו פון רחובות — — — — — — — — — — — — — 276
פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע אין ירושלים — — — — — — — — 276
שוסטער און סטאָליער ארבייטער אין יפו — — — — — — — — 277
די באוועגונג פון די דרוקעריי ארבייטער אין ירושלים — — — — 278
אַ באַריכט פון דעם שטרייק אין ראשון לציון — — — — — — — 283
פּלאַטפאָרם פון די פּועלי־ציון, אויסגעארבייט אויף דער קאָנפע־רענץ אין רמלה (י"ח תשרי, ס"ו) — — — — — — — — — 285
„החורש" (א בריוו פון ארץ ישראל) — — — — — — — — 287
דאָס פּראָגראַם פון „החודש" — — — — — — — — — — 289
דירעקטאָרי — — — — — — — — — — — — — — — — 291

הקדמה.

דער הײַ־יאָריגער צווייטער יאָרגאַנג פון אונזער ארבעטער־אַלמאַנאַך האָט קיין באַזונדער מזל ניט געהאַט. דער לכתחילה׳דיגער רעדאַקטאָר חבר א. וואָהלינער, וועלכער האָט רעדאַגירט אויך דעם ערשטן יאָרגאַנג, האָט צום באַדויערן באַלד ביים אָנהויב פון דער ארבעט געמוזט פאַרלאָזן ניו יאָרק. דער שרייבער פון די שורות האָט איבערגענומען די רעדאַקציע ערשט פעברואַר 1928 און ס׳איז אים אויסגעקומען דורכפירן זי אַלס אַ ביי־אַרבעט אונטער אָפטע איבעררייסן. צוליב דעם האָט זיך ניט נאָר פאַרשפעטיגט דאָס ערשיינען פונ׳ם אַלמאַנאַך, נאָר ס׳האָט נאַטירליך אין אַ געוויסן מאָס אויך געליטן זיין אינהאַלט, בפרט די געוואונשענע אַלזייטיגקייט פון דער אינפאָרמאַציע, און אַפילו די אויסערליכע פאָרם (איינהייטליכקייט פון דער אָרטאָגראַפיע א. אַ.).

פונדעסטוועגן גלויבן מיר, אַז מיר גיבן דעם לעזער אַ נוצליכן ספר, וואָס קען אויסהאַלטן דעם פאַרגלייך מיט אַלע ענליכע ערשיינונגען אויפ׳ן ביכער מאַרק. מיר האָבן זיך געהאַלטן ביים כלל, אין אַלגעמיין ניט איבערצו׳חזר׳ן קיין מאַטעריאַל, וואָס איז געווען אנטהאַלטן אינ׳ם אַלמאַנאַך פון 1927. דער איצטיקער אַלמאַנאַך מוז בכן באַטראַכט ווערן פאַר אַ המשך פונ׳ם ערשטן און אין וויכטיגע טיילן דערגענצן זיי זיך געגנזייטיג.

מיר האָפן, אַז די לעזער און חברים וועלן זיין צופרידן מיט דער קאָמפּענסאַציע, וואָס זיי קריגן פאַר דער פאַרקלענערונג פונ׳ם ריין אינפאָרמאַטיוון טייל דורך דער פאַרעפנטליכונג פון די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג, וועלכע זיי געפינען אינ׳ם צווייטן טייל פונ׳ם ספר. וועגן דעם צוועק פון דער דאָזיגער פובליקאַציע ווייזן מיר אָן אויף דעם באַזונדערן אַריינפיר (זייט 160).

אַ חוץ די מיטאַרבעטער, וואָס זייערע נעמען זיינען אָנגערופן ביי די שיכות׳דיגע אַרבעטן, זאָל דאָ אַרויסגעזאָגט ווערן אַן אמת׳ער דאַנק די חברים, וואָס האָבן דורך זייער פילזייטיגער הילף פאַרלייכטערט די אויפגאַבע פונ׳ם רעדאַקטאָר. חבר א. וואָהלינער האָט צוגעשטעלט וויכטיגן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, די חברים דוב האָז, י. זאר, י. מערעמינסקי, פ. קרוזאָ און דר. י. שפּיראָ האָבן זיך באַטייליגט אין דער איבערזעצונגס אַרבעט, חבר ב. צוקערמאַן האָט דעם הויפּט־חלק אין דער קאָרעקטור, די חברים י שניידער און ב. קאָדער אין דער טעכנישער צוגרייטונג פונ׳ם מאַטעריאַל.

אַ ספּעציעלן פאַרדינסט האָבן די חברים ס. באָנטשיק און, באַזונדערס, חבר וועלוול שוואַרץ, וועלכע האָבן פּאַקטיש דערמעגליכט דאָס דערשיינען פונ׳ם אַלמאַנאַך.

אין די קאַפּיטלען וועגן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט האָבן מיר זיך באַנוצט מיט די מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען געווען אין פאָרברייטונג פאַר׳ן „אַמעריקאַן לייבאָר יער בוק״. מיר דריקן אויס אונזער טיפע דאַנקבאַרקייט צו סאָלאָן דע לעאָן, דירעקטאָר פון לייבאָר ריסוירטש דעפּאַרטמענט פון רענד סקול; צו נתן פיין, אַסאָשיאייט דירעקטאָר, און צו אַנאַ ראָטשעסטער. סאָציאַליסטישע שריפטשטעלערין, פאַר זייער פריינדליכער מיטהילף און דערלויבניש זיך צו באַנוצן מיט אַ טייל פון דעם ווערטפולן און רייכן מאַטעריאַל, וועלכער גייט אַריין אין דעם הייאָריגן „לייבאָר יער בוק״ פון רענד סקול.

אַ באַזונדערן דאַנק דעם חבר דר. יצחק שפּיראָ, וואָס האָט גענומען אויף זיך די פאַרענדיגונג פון דער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט, וואָס איז נויטיג געוואָרן דורך מיין אָפּפאָרן קיין אייראָפּע, איידער דאָס בוך איז פאַרטיג געוואָרן.

ב. לאָקער.

ניו יאָרק, אפּריל, 1928.

אַ יאָר אידיש לעבן

פון ברוך צוקערמאַן

(וויכטיגסטע אידישע געשעענישן אין יאָר 1927)

דער צוועק פון דעם דאָזיגן אַרטיקל איז, צו רעגיסטרירן די וויכטיגסטע פּאַסירונגען פון דעם אידישן לעבן אין יאָר 1927. דערביי, ווי ווייט מעגליך, זיך צוריקהאַלטן פון קאָמענטאַרן. דער סדר פון די לענדער איז גענומען געוואָרן, אָדער לויט דער צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין יענע לענדער, אָדער לויט די פאַרבינדונגען צווישן די געשעענישן. די פאַרשידענע לענדער גופא זיינען גענומען געוואָרן לויט זייער אינערער שייכות, אָדער, לויט זייער וויכטיגקייט. נאַטירליך האָט דער שרייבער זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף זיין אייגענער אָפּשאַצונג פון דעם גראַד וויכטיגקייט פון יעדער פּאַסירונג.

דאָס אידישע לעבן אין יעדן לאַנד באַזונדער האָט פאַרמאָגט סיי לאָקאַלע געשעענישן, סיי געשעענישן וואָס רירן אָן אַלוועלטליך־אידישע פראַגן. אָפט איז שווער צו באַשטימען די גרעניצן צווישן לאָקאַלער און אַלוועלטליכער באַדייטונג. אויף וויפיל דאָס אַלוועלטליך־אידישע פאָלק פונקציאָנירט ווי איין אָרגאַניזם, האָט יעדע לאָקאַלע פּאַסירונג אַ באַדייטונג פאַר׳ן גאַנצן אָרגאַניזם. די אַלוועלטליכע אידישע געשעענישן ווערן רעגיסטרירט אין יעדן לאַנד לויט דער ספּעציעלער לאַגע, וואָס דאָס דאָזיגע לאַנד פאַרנעמט אין דער געגעבענער אַלוועלטליכער געשעעניש. אייניגע אויסנאַמען ווערן אָבער דערביי געמאַכט, ווי צום ביישפּיל, דער ענין שוואַרצבאַרד, די ציוניסטישע באַוועגונג, די ציריכער וועלט־קאָנפערענץ, — זיי ווערן באַהאַנדלט באַזונדער ווי דורכאויס אַלוועלטליך־אידישע פּאַסירונגען. אין די באַזונדערע לענדער ווערן זיי דערפאַר, ווי ווייט מעגליך, אויסגעלאָזן.

אַ מ ע ר י ק ע. — די וויכטיגסטע פּאַסירונג אין אַמעריקאַנער אידענטום איז געווען דער סאַפּיראָ־פאָרד־פּראָצעס, וואָס האָט זיך געעפנט אין דעטראָיט דעם 14טן מאַרטש. די וויכטיגסטע פונקטן פון דעם דאָזיגן פּראָצעס זיינען געווען: דער פאַרזוך מצד סאַפּיראָ און זיינע אַדוואָקאַטן צו ברענגען צום משפט די אַטאַקעס וואָס פאָרד׳ס זשורנאַל „דער דירבאָרן אינדעפּענדענט” האָט געמאַכט אויף דעם גאַנצן אידישן פאָלק; דער פאַרזוך מצד פאָרד׳ס אַדוואָקאַטן צו מאַכן דערפון אַ פּערזענלאַכן פאָרד־סאַפּיראָ־ענין; דער וואונדערבאַרער אויפטרעט פון סאַפּיראָ און זיין הויפּט־אַדוואָקאַט גאַלאַגהער; די גאָר ניט שיינע מעטאָדן פון פאָרד׳ס אַדוואָקאַטן מיט סענאַטאָר ריעד בראש; די פּאַרטייאישע האַלטונג פון דעם ריכטער געגן סאַפּיראָ; די ערלאַכע און אומפּאַרטייאישע האַלטונג פון דער גרעסטער טייל פון דער פּרעסע אין אַמעריקע, וועלכע האָט אויפגעפאָדערט פאָרד׳ן און זיינע אַדוואָקאַטן אָפּן צו באַגעגענען די פראַגן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט׳ן פּראָצעס און באַנוצן די מעגלאַכקייט וואָס דער משפט האָט זיי געגעבן צו באַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט דעם אמת פון די אַנטיסעמיטישע באַהויפּטונגען פון „דירבאָרן אינדעפּענדענט”; און אויב פאָרד קאָן עס ניט באַווייזן, זאָל ער, ווי אַן ערנמאַן, צוריקציען זיינע באַשולדיגונגען געגן אידן; די קאָנספּיראַציע פון פאָרד׳ס אַדוואָקאַטן אָפּצוברעכן דעם פּראָצעס, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעפונען אַז סאַפּיראָ׳ס קרייז־פאַרהער, וואָס האָט געדויערט טעג נאָכאַנאַנד,

האָט סאַפּיראָ'ס צד גוואַלדיג געשטאַרקט און פּאָרד'ס צד גוואַלדיג בלאַמירט. דער משפּט ווערט דאַן אָפּגעבראָכן דעם 21טן אַפּריל. דעטראָיטער האַנדלס־קאַמער ווענדעט זיך צו ביידע צדדים צו אַרביטרירן דעם סכסוך, פּאָרד'ס אַדוואָקאַטן ווייזן עס צוריק. דער טאָג פאַר אַ נייעם פּראָצעס ווערט דאַן עטליכע מאָל באַשטימט און אָפּגעלייגט. ביז עס פּאַסירט דאָס סענסאַציאָנעלסטע אין דער דאָזיגער געשעעניש.

אָנהויב יולי קומט פּאָרד אַרויס מיט אַ דערקלערונג, אַז אים פּאַרדריסט וואָס אין זיין נאָמען זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אַזוי פיל בלבולים געגן אידן. ער בעט אַנטשולדיגונג און פאַרזיכערט, אַז ער וועט אַנווענדן אַלע כחות צו פאַרריכטן דאָס, וואָס קאָן פאַרריכט ווערן.

דער סאַפּיראָ־פּאָרד פּראָצעס ווערט דאַן צווישן די צדדים גופא געשליכטעט. עס ווערט אויך געשליכטעט אַ צווייטער פּראָצעס געגן פּאָרד'ן וואָס עס האָט אָנגעהויבן פירן הערמאַן בערנשטיין.

— דורך דעם יאָר זיינען זייער אָפט פאָרגעקומען געשעענישן פון אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער אין אַמעריקע. די דאָזיגע געשעענישן האָבן זיך אויסגעדריקט אויף פאַרשידענע אופנים. עס ווערן באַקאַנט דער עפנטלאַכקייט דיסקרימינאַציעס, וואָס ווערן געגן אידישע סטודענטן באַגאַנגען אין פאַרשידענע קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטן. אַ פּאָר מאָל איז מצד אַנטיסעמיטן גאַנץ קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען מוז קעמפן געגן די אידישע סטודענטן, אַניט וועלן די אידן פאַרפלייצן אַלע פּראָפעסיעס. עס ווערן אָפטער די ערשיינונגען פון ניט־באַשעפטיגן אידישע אַרבעטער, הויפּטזעכלאַך אידישע אָפיס־אָנגעשטעלטע.

דער פאַרבאַנד פון פּוילישע אידן אין אַמעריקע באַשליסט צו שטעלן אַ מאָנומענט נאָך חיים סאָלאָמאָן און די ניט־אידישע קאָמיסיעס וואָס דאַרפן באַשטימען וועגן מאָנומענט גופא און וועגן דעם פּלאַץ, וואו דער מאָנומענט זאָל אויפגעשטעלט ווערן, ווייזן אַרויס גאַנץ בולטע סמנים פון אַנטיסעמיטיזם. עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז אידישע קריגס־וועטעראַנען פאָדערן אַן אונטערזוכונג און די אידישע פּרעסע פּאָדערט פעסטצושטעלן די ראָלע פון חיים סאָלאָמאָן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. דער קלען מאַכט אַ פאַרזוך דורכצופירן אַ געזעץ, אַז פרעמדגעבאָרענע בירגער זאָלן ניט קאָנען געוויילט ווערן אין ביידע הייזער פון קאָנגרעס. דערפון אמת שמעקט שוין ניט בלויז אַנטיסעמיטיזם, נאָר אויך אַנטי־קאַטאָליציזם, און בכלל אַנטי־פרעמדן, אָבער אַנטיסעמיטיזם הויפּטזעכליך. — אין ברוקלינער קינגס־קאַונטי האָספּיטאַל ווערן אידישע דאָקטוירים שענדליך באַהאַנדלט. דאָס פירט צו אַן אונטערזוכונג פון דער באַציאונג מצד אַלע ניו־יאָרקער שפּיטעלן צו אידישע דאָקטוירים און אידישע פּאַציענטן, און עס ווערן אויפגעדעקט זייער מיאוסע אַנטי־אידישע דיסקרימינאַציעס. — גרויס אויפרעגונג רופט אַרויס דער פילם „קינג און קינגס“, פאַר זיין אַנטי־אידישן אינהאַלט. — אין אַ פּאָר פּלעצער האָט מען געשענדעט אידישע סינאַגאָגן און אידישע בית־עולם'ס. — קלאָגן זיינען געבראַכט געוואָרן געגן אַמעריקאַנער קאָנסולס אין אייראָפּע פאַר זייער האַלטונג אַנטקעגן אידישע אימיגראַנטן־קאַנדידאַטן און אַנטקעגן אידישע רבנים. בקיצור — די אַנטיסעמיטישע חיה הויבט אָן אויך אין אַמעריקע ווייזן אירע נעגל.

— די פראַגע פון דער קוואָטע פאַר אימיגראַנטן האָט געהאַלטן די אידישע אַמעריקע אין אויפרעגונג כמעט דאָס גאַנצע יאָר. פאַרשידענע פּלענער ווערן פאָרגעשלאָגן ווי אַזוי צו ענדערן דעם קוואָטע־געזעץ. איין פּלאַן, באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „נייִשאָנאַל אָרידזשין“ פּלאַן, איז אַממערסטענס דיסקוטירט געוואָרן. לויט דעם דאָזיגן פּלאַן זאָל די צאָל עמיגראַנטן וואָס זאָל יערליך אַריינגעלאָזט ווערן פון יעדער לאַנד, באַשטימט ווערן לויט דער פּראָפּאָרציע, וואָס געבוירענע פון יענער לאַנד האָבן פאַרנומען אין דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג אינ'ם צענזוס פון יאָר 1790, און, אַז די צאָל אימיגראַנטן, וואָס זאָל יערליך אַריינגעלאָזט ווערן, זאָל ניט זיין מער ווי 153,541. — פּלענער ווי אַזוי צו פאַרגרינגערן דאָס אַריינקומען פון קרובים פון בירגער און פון

דעקלאַראַנטן זיינען פאָרגעשלאָגן געוואָרן. אָבער דורכ'ן יאָר 1927 איז קיין ענדערונג
אין דעם אַלטן קוואָטאַ־געזעץ ניט געמאַכט געוואָרן.

— רייך איז דעם יאָר דאָס אַמעריקאַנער אידישע לעבן געווען אין קאָנפערענצן,
צוזאַמענפאָרן, קאָנגרעסן פון די פאַרשידנסטע ריכטונגען.

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס האָט אָפּגעהאַלטן זיין זיצונג אין וואַשינג־
טאָן אָנהויבנדיג דעם 20טן פעברואַר. די ווינכטיגסטע פראַגן, וואָס זיינען דאָרט באַ־
האַנדלט געוואָרן זיינען געווען: די אידישע לאַגע אין רומעניען; דער אַלוועלטליך־
אידישער צוזאַמענפאָר אין צוריך; די אידישע אַגענטור פאַר ארץ־ישראל און דער
פּלאַן פון אַ נאַציאָנאַלן טשעסט. דער דאָזיגער פּלאַן באַצוועקט צו שאַפן איין קאַסע
וואָס זאָל פינאַנסירן אַלע ניט דורכאויס לאָקאַלע אידישע אַנשטאַלטן אין אַמעריקע,
געזעלשאַפטליכע אָדער פילאַנטראָפּישע, וועלכע זאַמלען איצטער געלט יעדערער באַ־
זונדער. די הויפט רעדנער ביים קאָנגרעס זיינען געווען סענאַטאָר באָראַ און דר.
סטיפען ווייז. דר. יצחק גרינבוים איז געווען דער ערן־גאַסט פון קאָנגרעס און ער
איז עטליכע מאָל אויפגעטראָטן ביים קאָנגרעס. זיין הויפט־רעדע איז געווען אַן אי־
בערבליק איבער דער אידישער לאַגע אין מזרח־אייראָפּע בכלל און פוילן בפרט. גרויס
אויפזען, אַז אין איניגע קרייזן אפילו אויפרעגונג, האָט אַרויסגערופן גרינבוים'ס
דערקלערונג, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אַז די לאַגע אין פוילן איז אַזאַ,
אַז אַ מיליאָן אידן וועלן מוזן פון דאָרט עמיגרירן. — די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע
האָט איר יערליכע זיצונג אָפּגעהאַלטן דעם 13טן נאָוועמבער. דאָס ווינכטיגסטע אויף
דער זיצונג איז געווען מר. לואיס מאַרשאַל'ס באַריכט איבער דאָס אידישן לעבן.
פאַרצייכענען דאַרף מען, אַז דער דאָזיגער באַריכט האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט
דעם ענין שוואַרצבאַרד. — די דזשאָינט דיסטריבושאָן קאָמיטע צוזאַמען מיט דעם
יונייטעד דזשואיש קאַמפּיין האָט אָפּגעהאַלטן איר קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ דעם 18־
19טן אָקטאָבער. דאָרטן זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן פון דער טעטיגקייט
פון דזשוינט אין דער גאַנצער וועלט, הויפּטזאַכליך רוסלאַנד און פוילן. די ווינכטיג־
סטע רעדעס זיינען דאָרט געהאַלטן געוואָרן פון מר. פעליקס וואַרבורג, דר. יוסף ראַ־
זען, קאָל. הערבערט לעהמאַן, לואיס מאַרשאַל און דייוויד בראַון. דער לעצטער האָט
אויך באַריכטעט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם יונייטעד דזשואיש קאַמפּיין. אַן
אינדירעקטער ענטפער איז דאָרט געגעבן געוואָרן אויף דער שאַרפער אַטאַקע וואָס
מאַקס ד. סטויער האָט געמאַכט אויף דער טעטיגקייט פון „דזשוינט" אין אייראָפּאַ.
כדאי צו באַמערקן, אַז סטויער האָט זיין אַטאַקע באַגרינדעט אויף דערקלערונגען, וואָס
עס זאָלן האָבן געמאַכט דער שריפטשטעלער ה. נאָמבערג, דר. יצחק גרינבוים, דר.
צמח שאַבאַד און איסאַק טשערניכאָוו. אַלע פיר האָבן קאַטעגאָריש געלייקנט סטויער'ס
באַהויפּטונגען. — אַ שורה צוזאַמענקונפטן פון פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע קער־
פערשאַפטן זיינען פאָרגעקומען. קאָלאָסאַלע סומען זיינען צוזאַמענגעקליבן געוואָרן
פון די פאַרשידענע פעדערייש‍אָנס. די סומען האָבן דערגרייכט אין אַ סך צענדליגע־
מיליאָנען. די „דזשואיש קאָמיוניטי צענטערס" האַלטן אָפּ אַ קאָנפערענץ אין אַטלאַנ־
טיק סיטי דעם 6טן דזשון. די דאָזיגע עכט־אַמעריקאַנישע אידישע געזעלשאַפטליכע קער־
פערשאַפטן האָבן זיך אין יאָר 1927 שטאַרק אַנטוויקלט. אויך זייערע בודזשעטן דער־
גרייכן צענדליגער מיליאָנען. — די יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָנס פירן דורכ'ן
יאָר דורך זאַמלונגען אויף מיליאָנען דאָלערס. — די מנורה סאָסייעטי האַלט אָפּ איר
קאָנפערענץ, וואו עס ווערן ערנסט דיסקוטירט פראַגן פון אידישער קולטור און אידי־
שער צוקונפט. — די דזשואיש אַגריקאָלטשורעל אייד סאָסייעטי האַלט אָפּ איר זי־
צונג, וואו עס ווערט באַריכטעט וועגן נייע פיר הונדערט אידן, וואָס זיינען אַוועק
אויף פאַרמס.

דאָס רעליגיעזע אידנטום האָט אָפּגעהאַלטן צאָלרייכע צוזאַמענפאָרן. די רעפאָרם־
אידן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ וועלכער האָט פראַקטיש בלויז אָנגענומען אַ באַ־
שלוס צו אינדאָרסירן די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל און רוסלאַנד. אָבער אויך

ריין אבסטראקטע רעליגיעז־אידישע פראגן זיינען דאָרטן דיסקוטירט געוואָרען. דער עיקר איז געזוכט געוואָרן א נייע אינטערפרעטאציע פון אידנטום צוגעפאסט צום מאָדערנעם לעבן. די פראגן פון קאפיטאל און ארבעט און סאָציאלער גערעכטיגקייט האָבן פארנומען א באדייטנדען אָרט אין די דיסקוסיעס. — אויך די קאָנסערוואַטיווע ריכטונג האָט געהאט איר קאָנפערענץ. אויך דאָרטן זיינען אויפגענומען געוואָרן א סך רעליגיעזע אידישע פראגן. ס'איז באשלאָסן געוואָרן צו גרינדן א צענטראלע סינאגאָגע אין ירושלים. — די אָרטאָדקסן האָבן אָפגעהאלטן עטלאכע צוזאמענפאָרן סיי נאציאָנאלע, סיי לאָקאלע. הויפטזעכליך האָבן זיי זיך אָפגעגעבן מיט פראגן פון חינוך, פון כשרות, און פון פארשטארקן דעם מצב פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום בכלל און פון די רבנים בפרט. די וויכטיגסטע דערגרייכונג פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום איז געווען דאָס לייגן פון ווינקלשטיין פאר דער נייער גרויסער געביידע פאר דער ישיבת רבי יצחק אלחנן, וועלכע איז געפייערט געוואָרן מיט גרויס פאראד.

— די אידישע אָרדענס, דאַגעגן, לעבן דורך א שווערע צייט. די מערסטע פון זיי ראַנגלען זיך פאר זייער עקזיסטענץ. ניט די מאטעריעלע פארזאָרגונג, וואָס איז געווען א וויכטיגער יסוד פון די אָרדנס, ניט די געזעלשאפטליכע פאָרמען זייערע, וואָס איז געווען אזוי וויכטיג פאר די ניי־אנגעקומענע אימיגראנטן, קאָנען איצט שפּילן א באדייטנדע ראָלע ביי די אמעריקאנער אידישע מאסן. איינע פון זיי זיינען נאָך קרבנות פון אן אָפגעלעבטער און גרונט־פאלשער סיסטעם פון אָפצאָלונגען. גייט דאָס אידישע אָרדן־לעבן אין אמעריקא בארג אראָפּ. איינציגע אויסנאמען זיינען אָבער געווען. דער אָרדן בני־ברית האָט גראד דאָס יאָר, אונטער דער פירערשאפט פון דר. באָגען, אנטוויקלט א פיל באדייטענדערע טעטיגקייט ווי אין די פריערדיגע יאָרן. די ארבעט פאר'ן הלל פאָונדיישאָן און די אונטערזוכונג פון דער לאגע פון די אידן אין מעקסיקאָ זיינען געווען די וויכטיגסטע ארבעטן פון אָרדן בני־ברית. דער אָרדן בני־ציון האָט דאָס יאָר צו פארצייכענען א זייער וויכטיגן אויפטו: די ערעפענונג פון דער דזשודיאַ לייף אינשורענס קאָמפּאַני. דער נאציאָנאלער ארבעטער פארבאנד איז צווישן די אָרדנס, וואָס לעבן א נאָרמאלן לעבן און ער צייכנט זיך אויס מיט זיין קולטור־טעטיגקייט און מיט זיין ארבעט פאר ארץ־ישראל. אין יאָר 1927 איז זיין וויכטיגסטער אויפטו געווען די גרינדונג פון דעם הסנה, א לעבנס־פארזיכערונג־געזעלשאפט, וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פון דער אידישער ארבעטערשאפט אין ארץ־ישראל.

— דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די אמעריקאנער אידן אין 1927 איז לגבי די פריערדיגע יאָרן ניט געווען אזא גלענצענדער. באדייטנדע געשעפטלאכע געביטן אין וועלכע אידן פארנעמען אן אָנגעזען אָרט, האָבן דורכגעמאכט א שווערן קריזיס. אם־מערסטנס האָט עס זיך אָפגערופן אויף דעם אידישן ארבייטער און דעם אידישן קליין־הענדלער. די סעזאָנען פון די אידישע פאכן זיינען געווען זייער קורצע. און אפילו אין די סעזאָנען האָבן די ארבעטער זייער ווייניג פארדינט. ארבעטסלאָזיגקייט האָט זיך שטארק פארשפרייט. און דער קליין־הענדלער האָט זייער ווייניג געשעפטן געמאכט. די לאגע פון די ארבעטער איז נאָך שטארק פארערגערט געוואָרן דורך דעם קאמף אין די יוניאָנס, וואָס האָט אין 1927 דערגרייכט די העכסטע אויפרעגונג און געבראכט די גרעסטע צרות אויף די אידישע ארבעטער.

פּ ו י ל ן. קיין באדייטנדע ענדערונגען זיינען אין יאָר 1927 אין פּוילישן אידנטום ניט פאָרגעקומען. עס האָבן אויך ניט פּאסירט קיין אויסערגעוויינליכע געשעעניש. אויפ'ן עקאָנאָמישן, ווי אויפ'ן סאָציאלן, אויפ'ן פּאָליטישן, ווי אויפ'ן קולטור־רעלן געביט האָט זיך דאָס אידישע לעבן אין פּוילן געצויגן אין די זעלביגע ליניען ווי אין די פריערדיגע יאָרן.

עס האָבן ניט געפעלט קיין אנטיסעמיטישע אויסברוכן. אנטיסעמיטישע סטו־

דענטן האָבן געמאַכט עקסצעסן געגן אידן אין לעמבערג. — אַנטיסעמיטן מאַכן ברוטאַלן איבערפאַל אויף דעפּוטאַט גרינבוים. ווייל די רעגירונג אַביסל גרינגער מאַכן די לאַסט פון די זונטאָג־געזעצן וואָס רירן אַזוי שווער אָן דאָס אידישע לעבן אין פּוילן, פירט די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע אַ העפטיגן קאַמף געגן דעם. הויבן אידישע פאַרטרעטער אין די פאַרשידענע שטאָדט־פאַרוואַלטונגען אָן אַ קאַמף פאַר דער אַנערקענונג פון דער אידישער שפּראַך, ווייזט דער אַנטיסעמיטיזם זיינע ציין און נעגל. פירן אידן אָן אַ קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, האַלטן אָפּ אידישע אַרבעטער אין אָנהויב יאָר אַ קאָנגרעס וועגן דעם און דעפּוטאַט העלער טרעט אויף אין סיים מיט אַ פאָדערונג אַז עס זאָל אַנערקענט ווערן פאַר די אידישע מאַסן דאָס רעכט אויף אַרבעט, — קומט דער ענטפער, ווען אַפילו ניט דירעקט, פון רעגירונגס קאָמיסאַר פאַר אייזנבאַנען, אַז אידן קאָנען דאָרטן קיין אַרבעט ניט באַקומען. קומט אַ צווייטער ענטפער מצד די פּוילישע טראַמוויי־קאָנדוקטאָרס אין וואַרשע, וועלכע פ אָ ד ע ר ן, אַז אידן זאָלן ניט צוגעלאָזט ווערן צו זייער אַרבעט.

זוכן גרויסע טיילן פון דער אידישער מאַסע צו עמיגרירן, איז ניטאָ וואו. דער קריזיס אין ארץ־ישראל האָט די פּוילישע אידן שאַרפער געטראָפן, ווי די אידן פון וועלכער ס'איז אַנדער לאַנד. אָבער אויף די פלעצער בלייבן, איז אויך ניט מעגליך. פילע גאַנצע אידישע קהלות אין פּויזן און פּאָמערן פאַרשווינדן לחלוטין. די אידן צעלויפן זיך אין קאָנגרעס־פּוילן, מאַכנדיג די לאַגע פון די דאָרטיגע אידן נאָך אומדערטרעגליכער.

— פּאָליטיש האָט געהערשט אַ ווירוואַר אין פּויליש־אידישן לעבן. די אידישע דעפּוטאַטן אין סיים זיינען צעריסן צווישן זיך. ניטאָ קיין פירערשאַפט. ניטאָ קיין אויסגעהאַלטענע ליניע. דעם גאַנצן יאָר געפינט זיך דאָס פּאָליטישע לעבן אונטער דעם שאָטן פון דער פאַר־אַ־יאָריגער פּילסודסקי־רעוואָלוציע און אונטער דעם צייכן פון די קומענדיגע נייע וואַלן צום סיים. די פּוילישע פּאַרטייען זוכן אַלע תחבולות צו פאַרקלענערן די צאָל פאַרטרעטער פון די מינאָריטעטן, הויפּטזאַכליך פון אידן. אידן אַליין זוכן אינערליך זיך צו בלאָקירן, אויפצוטרעטן ווי אַן איינהייטליכער פּאָליטישער כח, אָבער עס געלינגט ניט, ניט דער אידישער בורזשואַזיע און ניט די אידישע אַרבעטער. און עס ענטשטייען קאָמישע פּאָליטישע סיטואַציעס און גרופּירונגען. די אגודה, וואָס באַוועגט זיך אַלץ מער רעכטס, מאַכט אַ קאָמבינאַציע מיט פּרילוצקי'ן, דער אַמאָליגער פירער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי. אַנדערע גרופּירונגען האָבן אויך ניט צו טאָן מיט פּאַקטישע עקאָנאָמישע אָדער סאָציאַלע אינטערעסן. ניט די פאַרבינדונגס־מאָמענטן און ניט די צעטיילונג־מאָמענטן זיינען באַזירט אויף געמיינשאַפטליכע אָדער געגנזעצליכע ווירקליכע אינטערעסן. דער אידישער פּאָליטישער כח אין קומענדיגן סיים וועט שוין ניט קאָנען זיין אַזוי גרויס, ווי אין דעם איצטיגן.

אַ וויכטיגע פּאָליטישע געשעענים זיינען געווען די וואַלן אין די שטאָדט ראַטן, וואו די אידישע אַרבעטער פּאַרטייען האָבן ערוואָרבן וויכטיגע פּאָזיציעס. דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלאַכקייט אָנצופירן אַ באַדייטנדן קאַמף פאַר די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינטערעסן פון די אידישע פאָלקסמאַסן. אין אַ רייהע שטעדט האָבן זיי, מיט דער הילף פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַפילו זיך דערשלאָגען צו וויכטיגע בודזשעטאַרע דערגרייכונגען פאַר'ן אידישן שול־וועזן.

— אויפ'ן קולטור־געביט איז אינערליך ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די מלחמה צווישן אידישיסטן, העברעאיסטן און אגודיסטן. עס איז נאָך געקומען צו שאַרפערע צוזאַמענשטויסן צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען אין דער ערציאונגס פראַגע. כמעט אין די מערסטע שטאָט־ראַטן האָבן די דאָזיגע דריי כחות געקעמפט איינע געגן די אַנדערע מיט'ן רעזולטאַט, אַז אַלע האָבן פאַרלאָרן. אין יאָר 1927 האָבן אַלע דריי ריכטונגען געקראָגן געלט פון אַמעריקאַנער דזשוינט, דאָס האָט זיי געגעבן די מעגליכקייט דערוויל ווי עס איז צו עקזיסטירן.

ר ו ס ל אַ נ ד. אויך אין רוסלאַנד איז אַנטיסעמיטיזם געוואָרן אַ געזעלשאַפטלאַכע ערשיינונג, וואָס מען קאָן שוין ניט פאַרבויגן. אויף אַ קאָמוניסטישער קאָנפערענץ אין מאָסקווע ווערט ערנסט דיסקוטירט ווי אַזוי צו באַקעמפן דעם וואַקסנדן אַנטיסעמיטיזם. אַ צווייטע קאָנפערענץ אין כאַרקאָוו שטעלט פעסט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט אין רוסלאַנד און נעמט אָן אַ רעזאָלוציע געגן אַנטיסעמיטיזם. די גאַנצע רוסישע פרעסע באַטראַכט דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס געפאַר. בוכאַרין אַליין טרעט ארויס געגן אַנטיסעמיטיזם און געגן די ספעציעלע „אידישע” וויצן וואָס ווערן פאַרשפרייט. די רעגירונג פירט אָבער אָן אַן ענערגישן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

— עקאָנאָמיש האָט זיך באַמערקט אַ פאַרבעסערונג אויף צוויי געביטן: די צאָל פון קאָלאָניזירטע משפחות איז דורכ'ן יאָר פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַרום 4 טויזנט. די צאָל פון אידן אין די רוסישע אינדוסטריען איז באַדייטנד געוואָקסן. די אַנדערע קלאַסן פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן אָבער אויך דאָס יאָר דורכגעלעבט זייער אַ שווערע לאַגע. די מאַסן־אַרעסטן פון הענדלער, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורכ'ן יאָר, האָבן נאַטירליך געטראָפן אַ סך אידן. און די פראַגע, ווי אַזוי די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער אידישער באַפעלקערונג זאָל זיך צופאַסן צו דער נייער פאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע, באַשטייט נאָך אין איר גאַנצער שאַרפקייט.

אין דער קאָלאָניזאַציאָנס אַרבעט איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַביסל מער אימפעט. יק"א האָט פאַרגרעסערט איר טעטיגקייט אויף דעם געביט. אויך דער דזשוינט משער הילפס פאַראיין, וואָס איז יאָרן נאָכאַנאַנד, צוליב דער עקאָנאָמיש־שווערער לאַגע אין דייטשלאַנד גופא, געווען אומטעטיג, האָט זיך איצט פאַרנומען באַדייטנד מיטצוהעלפן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. דאָס יאָר איז אויך אָפיציעל אָפגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ פון דעם אויטאָנאָמען אידישן ראַיאָן שדי מנוחה. די קאָנפערענץ איז באַגריסט געוואָרן, אויסער פון באַדייטנדע סאָוועטישע פאָרשטייער, אויך פון דר. ראָזען אין נאָמען פון דזשוינט.

אין דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט זיינען די הויפט פאַסירונגען פאַרבונדן מיט דעם קאַמף, וואָס די אידישע קאָמוניסטן פירן געגן רעליגיע און געגן ציוניזם. די רעליגיעזע געפילן צווישן אידן אין רוסלאַנד וואַקסן. און דער קאַמף פון דער יעווסעקציע ווערט פאַרביסענער. די שאַרפסטע פאַסירונג אויף דעם געביט איז געווען דער אַרעסט פון ליובאַוויטשער חסידישן רבי, וועלכער איז דורך אויסלענדישן איינפלוס באַפרייט געוואָרן און איז נאָכער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד. די יעווסעקציע האָט אָבער דורך דעם גאַנצן יאָר ניט אויפגעהערט צו זוכן אידישע רעליגיעזע חדרים און ישיבות און האָט געמאַכט שווער דאָס לעבן פאַר אַלע יענע, וואָס זיינען ביי איר געשטאַנען אונטער'ן חשד, אַז זיי גיבן זיך אָפּ מיט רעליגיעזער אידישער דערציאונג.

שאַרפער איז געווען דער קאַמף געגן ציוניסטן, הויפטזעכליך געגן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. דאָ האָט די יעווסעקציע אין איר קאַמף דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן, האָט די ציוניסטן־סאָציאַליסטן אַריינגעוואָרפן אין די פאַרשידענע טורמעס, האָט פילע פון זיי געשיקט אין די וויטסטע סיבירער וויסטענישן. זי האָט זיך אויך ניט אָפגעשטעלט אין איר קאַמף אפילו פון רואינירן אַ אידישע קאָלאָניע, תל־חי, ווייל דער איינפלוס פון די חלוצים איז דאָרט געווען צו גרויס און זיי האָבן ניט דערלאָזן דער יעווסעקציע צו זיין די אַליין־הערשערין.

ניט קוקנדיג אויף אַלע אוממענשליכע אונטערדריקונגען און רדיפות איז אָבער אין 1927 די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג און אויך די חלוצים אָרגאַניזאַציעס געלונגען אויפצוהאַלטן זייערע פאָזיציעס. אין פילע ערטער זיינען זיי אויך שטאַרק אויסגעוואַקסן.

ר ו מ ע נ י ע ן. די אידישע לאַגע אין רומעניען איז פאַר'ן יאָר 1927 געשטאַנען אין מיטל־פונקט פון וועלט־אידנטום. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס יאָר מיט אַ רייה

פון פאגראמען, וואס זיינען פארטגעזעצט געווארן נאך פון 1926 און געענדיגט האט זיך דאס יאר מיט א נייעם אויסברוך פון פאגראמען, הויפטזעכליך אין יאסי.

א כוואליע פון פראטעסטן האט אנגעהויבן שטראמען געגן רומעניען. די כוואליע האט זיך געטראגן ניט נאר פון אידן, נאר אויך פון באדייטנדע ניט־אידישע קערפערשאפטן. אין די ערשטע טעג פון יאנואר איז א שארפער פראטעסט געשיקט געווארן פון דער פעדערייישאן פון אמעריקאנער קירכן. די באפטיסטן האבן אויפ'ן שארפסטן אופן פראטעסטירט און האבן אנגעהויבן א וועלט־באוועגונג געגן רומעניען. דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל, די ליג פאר מענשליכע רעכט, דער אמעריקאנער קאמיטעט פאר מינאריטעטן רעכט, דער פרעזידענט פון קארנעגי אינסטיטוט און ענליכע קערפערשאפטן האבן זייער שטים אויפגעהויבן געגן דער רומענישער רעגירונג. די אידן פון אלע לענדער האבן געפאדערט פון זייערע רעגירונגען זיך אריינצומישן. אזוי האט דער אידישער קאנגרעס אין אמעריקע, ניט קוקנדיג אויף דער שטעלונג פון לואיס מארשאל, גערופן מאסנמיטינגען און געשיקט א דעלעגאציע צום סטייט־דעפארטמענט אריינצומישן זיך אין דער לאגע. סעקרעטאר קעלאג האט די דעלעגאציע אויפגענומען דעם 14טן יאנואר און האט צוגעזאגט צו פארלאנגען א באריכט איבער דער לאגע פון דעם אמעריקאנער פארטרעטער אין רומעניען. די אליאנס איזראעליט אוניווערסאל האט איר פראטעסט באוועגונג נאך אנגעהויבן אין דעצעמבער, 1926. דעפוטאט רייך האט אין פוילישן סיים פארלאנגט, אז די פוילישע רעגירונג זאל זיך אריינמישן אין רומעניען. ענגלישע אידן פאדערן אויף דער ענגלישער רעגירונג עפעס צו טאן. דער קאמיטעט פון אידישע דעלעגאציעס שיקט א ספעציעלען מעמאראנדום צום פעלקער־בונד וועגן דער לאגע אין רומעניען. אויך פאול נאטאן פאדערט דעם פעלקער־בונד צו אינטערווענירן. פארשידענע אידישע רעליגיעזע קערפערשאפטן נעמען אן שארפע פראטעסטן. לואידזשי לוצאטי שרייט ארויס זיין צארן געגן די פאגראמען. ראטשילד פראטעסטירט אויך. די רומענישע אידן אליין זיינען דאס יאר שארפער און מיט מער מוט אויפגעטראטן געגן דער רומענישער רעגירונג ווי ווען עס איז פריער. די רומעניש־אידישע פאראייניגונג אפעלירט צו איר רעגירונג זי זאל אפשטעלן דעם שטראם פון אנטיסעמיטיזם. אידישע סטודענטן אין רומענישע תפיסות דערקלערן א הונגער סטרייק. דער פראטעסט פון די רומענישע אידן רייסט זיך פון זייערע הערצער ניט קוקנדיג אויף דעם פארזוך וואס די רעגירונג מאכט צו צווינגען די אידן זיי זאלן אויפהערן שרייען. איין רומענישע רעגירונגס־צייטונג האט אפילו געפאדערט אז די אידן זאלן אינגאנצן אפלייקענען די באריכטן וועגן פאגראמען און עקסצעסן. אויב די אידן וועלן עס ניט טאן, האט די דאזיגע צייטונג זיי פשוט געסטראשעט מיט נקמה.

פאר דער וועלט האט די רומענישע רעגירונג געלייקנט אז עס זיינען פארגעקומען אנטיסעמיטישע אויסברוכן געגן אידן. ווען די דאזיגע פראגע איז אויפגענומען געווארן ביים פעלקער־בונד, האט די רומענישע רעגירונג אויך דארטן געפרובירט מאכן דערקלערונגען, וואס מאכן צו גארנישט די אלע עקסצעסן. דער ווילן צו ערשיינען אומשולדיג פאר דער וועלט האט אויך געפירט צו דער פעלשונג פון א רעדע פון רבי נעמיראווער. עס האט געהייסן, אז רבי נעמיראווער זאל האבן דערקלערט, אז אלע מעלדונגען וועגן אנפאלן אויף אידן אין רומעניען זיינען פאלש. שפעטער צו האט זיך ארויסגעוויזן, אז רבי נעמיראווער'ס רעדע איז אבזיכטליך געפעלשט געווארן. מיניסטער קרעציאנו, רומענישער פארטרעטער אין אמעריקע, קאנפערירט מיט אמעריקאניש אידישע פארטרעטער און זוכט אויך דא צו פארקלענערן די באדייטונג פון די עקסצעסן און די קרבנות, וואס דאס האט די רומענישע אידן געקאסט. דער נייער רומענישער גובערנאטאר פאר בעסאראביען זאגט אפילו צו אפצוהיטן די מינאריטעטן רעכט, וואס דער ווערסאלער שלום גאראנטירט די בעסאראביער אידן און אנדערע מינאריטעטן־פעלקער, אבער אין רומעניען גופא איז דאס בילד גאר אן אנדערע.

דער מערדער פון אידישן סטודענט פאַלעק, ווערט באַפרייט. אַנדערע פּאָגראָם אופהעצער ווערן אויך באַפרייט. געגנוג אַז אַנטיסעמיט קוזאַ זאָל עס פאַרלאַנגען, און 26 פּאָגראָמשטשיקעס זאָלן באַפרייט ווערן. אַ ליפלעט אָפּגעדרוקט אין אַ מיליטערישער רעגירונגס־דרוק גיט איבער דעם באַשלוס פון די רומענישע אַנטיסעמיטן מיט דעמזעלבן קוזאַ בראַש, אַז דער רעוואָלווער, די ביקס און די בייטש זיינען די וואַפן, וואָס זיי וועלן נוצן געגן די אידן. און די אַנטיסעמיטן בלייבן ניט ביים וואָרט בלויז. נייע פּאָגראָמען ברעכן אויס דעם 22טן יוני. און נאָך מיט אַ ווילדערער קראַפט, אין דעצעמבער. קישינעוו, יאַסי, פילע שטעדט אין טראַנסילוואַניע ווערן באַפאַלן פון אַנטיסעמיטישע מחנות. אין יאַסי אַליין זיינען דרייסיג אידן פאַרוואונדעט געוואָרן. דער געלט־שאַדן איז אומגעהויער.

אַזוי לעבן דורך די אידן פון רומעניען דעם גאַנצן יאָר 1927 אונטער דער כסדר'דיגער פּאָגראָם־שטימונג און אין פילע פלעצער קומט פאָר אַ פּערמאַנענטער פּאָגראָם אויף דער אידישער באַפעלקערונג. אַ געוויסער קאַלאַנעל אַמענט, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס פאַרטרעטער פון אַמעריקע, ווייל ער האָט אַמאָל זיך באַטייליגט אין דער הואווער־רעליעף אַקציע, האָט אין אַן ערקלערונג געזוכט ריין צו וואַשן דער רומענישער רעגירונג. די דאָזיגע דערקלערונג האָט אַרויסגערופן גרויס צאָרן אין אַמעריקע. אויסער דעם דאָזיגן קאָלאָנעל האָט אָבער די רומענישע רעגירונג געמוזט דאָס יאָר אויסהערן שאַרפע ווערטער פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. דער שאַרפסטער פּראָטעסט איז פאַרעפענטליכט געוואָרן דעם 7טן דעצעמבער פון אַן אַמעריקאַנער ניט־אידישער קאָמיסיע, וועלכע האָט אין רומעניען גופא אונטערזוכט די לאַגע. די דאָזיגע קאָמיסיע איז קיין רומעניען געשיקט געוואָרן פון דער „אַמעריקאַן קאָמיטי פאָר מינאָריטי רייטס".

אָבער די פיזישע אַטאַקעס שטעלן נאָך דעם רומענישן פּאָגראָמשטשיק ניט צופרידן. אין אַלע טיילן פון דער איצטיגער גרויס־רומעניען גייט אויך פאָר אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישער דרוק. דער צוועק איז אַרויסצושטויסן אידן פון אַלע עקזיסטענץ־מעגליכקייטן. אין בעסאַראַביען איז דאָס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער אַלטער רבי צירלסאָן, באַקאַנט ניט חלילה אַלס רעוואָלוציאָנער, נאָר פונקט דער היפּוך, אַלס איינער וואָס זוכט כסדר שלום מיט דער רעגירונג, — ער האָט שוין אין אַ רעדע אויסגעשריען: אַרונטער מיט'ן אַבסאָלוטיזם און דיקטאַטור. רבי צירלסאָן ווערט פון דער רעגירונג אויפגעפאָדערט צו דערקלערן, וואָס ער האָט דערמיט געמיינט, און ער דערקלערט, אַז ער האָט געמיינט די האַנדלונגען פון די לאָקאַלע בעסאַראַביער באַאַמטע. אויך די באָיקאָט־באַוועגונג צווישן דער רומענישער באַפעלקערונג איז אין יאָר 1927 שטאַרק אויסגעוואָקסן. אין אַלט־רומעניען און אין בעסאַראַביע, אין בוקאָווינאַ און אין טראַנסילוואַניען, אומעטום האָט די באָיקאָט־העצע דערגרייכט און האָט פאַרפינסטערט דאָס לעבן פון דער אידישער באַפעלקערונג.

אונגאַרן. דאָס דאָזיגע מדינה איז ניט ווייט הינטערשטעליג געבליבן הינטער איר שכנה און שונא, רומעניען. אויך אין אונגאַרן איז דאָס אידישע לעבן דורכ'ן גאַנצן יאָר געשטאַנען אונטערן שאָטן פון פּאָגראָמען און עקסצעסן. און אויך דאָ האָבן דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס פאַרנומען די סטודענטן.

די אונגאַרישע סטודענטן ווילן מיט אַלע כחות דורך דעם נומערוס קלאַוזוס פאַרקלענערן די צאָל פון אידן אין די אוניווערזיטעטן. פּראָטעסטן פון אויסלאַנד געגן נומערוס קלאָזוס האָבן ניט געהאָלפן. יעדער פּרואוו צו אַמענדירן דעם נומערוס קלאַוזוס לטובת אידן, האָט אַרויסגערופן גרעסערע אָנפאַלן אויף אידן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אידישע סטודענטן האָבן געמוזט בויען באַריקאַדן צו פאַרטיידיגן זיך געגן די בלוטיגע אָנפאַלן פון די אַנטיסעמיטישע סטודענטן. 600 אונגאַרישע אַדוואָקאַטן האָבן געפאָדערט אַ נומערוס קלאַוזוס פאַר אידן אין דער אַדוואָקאַטן־פּראָפעסיע.

בכלל האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין אונגאַרן זיך פאַרנומען אַרויסצוטרייבן וואָס מער אידן פון אונגאַרן. די לאַגע פון די אידן איז געוואָרן אַזוי ביטער, אַז צווישן זיי האָט זיך פאַרשפּרייט אַן עפּידעמיע פון זעלבסטמאָרדן. וואו נאָר מען האָט גערעדט וועגן געגנערשאַפט צו פרעמדע, האָט עס שטענדיג געצילט געגן אידן. און די באָיקאָט־באַוועגונג האָט אויך אין אונגאַרן געפונען אַנהענער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג אין אונגאַרן איז געווען פאָלגנדער פאַקט: עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צוויי אידישע סענאַטאָרן, רבי קאָפּל רייך און עמנואל לאָו. דער ערשטער איז ניט געקומען צו דער דערעפענונג פון סענאַט, ווייל ער איז דער עלטסטער מיטגליד פון דעם סענאַט, און לויט אַן אַלטן מנהג, וואָלט ער געדאַרפט זיין פּאַרזיצער ביי דער דערעפענונג. אַ איד אַ פּאַרזיצער פון דער ערשטער סענאַט־זיצונג — דאָס וואָלט אויפגערעגט די כשר׳ע מאַדיאַרן. איז רבי קאָפּל רייך בעסער צו דער זיצונג ניט געקומען.

אין דעם אינווייניגסטן אידישן לעבן פון די אונגאַרישע אידן איז בלויז צו פאַרצייכענען, אַז ניט קוקנדיג אויף זייער לאַגע, זיינען די פירער פון די רעליגיעזע אידן דאָרט נאָך אַלץ געגן ציוניזם, פּונקט ווי בימי הערצל. אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמער פאַראייניגן זיך דאָרטן אין קאַמף געגן ציוניזם אָבער דער ציוניזם געווינט דאָך באָדן אין אונגאַרן.

דייטשלאַנד. דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די אידן אין אייניגע דייטשע פּראָווינצן איז דורכ׳ן יאָר 1927 עטוואָס פאַרבעסערט געוואָרן. נאַטירליך איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג. אָבער דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד איז אויך ניט געבליבן הינטערשטעליג. און אין אַלגעמיין איז די לאַגע געווען זייער אַ שווערע.

האַנקרייצלער מאַכן אַטאַקעס אויף אידן אין ברעסלאַו, פאַרוואונדן 15 אידן אין פראַנקפורט, פאַראומרייניגן און באַשמוצן בתי־מדרשים און בית־עולם׳ס אין פילע שטעט פון דער גאַנצער דייטשער רעפּובליק, פירן דורך עקסצעסן געגן אידן אין פילע שטעדט, אין אייניגע פלעצער דערגייט עס צו בלוט־בלבולים; אויך נוצן זיי אויס דעם באַר־מאַט־משפּט געגן אידן, זיי פירן אָן אַ באָיקאָט־אַגיטאַציע געגן אידן, זיי דערלאָזן אפילו ניט, אַז אידישע קריגס־וועטעראַנען זאָלן קריגן באַשעפטיגונג. די פּאָליציי אין פילע פלעצער קעמפט געגן די האַקנקרייצלער, זיי ווערן אַרעסטירט. אָבער די מערסטע גע־ריכטן באַפרייען זיי. פילע אַנטיסעמיטן פאָדערן מען זאָל דעפּאָרטירן איינשטיינ׳ען פון דייטשלאַנד. די אַנטיסעמיטישע כוואַליע שטייגט: עס איז שוין ניט בלויז דער אַמאָליגער דייטשער „טעאָרעטישער" אַנטיסעמיטיזם. ער ווערט אַקטיוו, און אין ערשטער שורה זיינען די סטודענטן.

דער אַלגעמיינער רעזולטאַט איז, אַז פילע אידן פאַרלאָזן די אידישע קהלות, מיינענדיג אַזוי־אַרום צו באַפרייען זיך פון דעם שווערן אַנטיסעמיטישן דרוק. בכלל מערקט זיך דורכ׳ן יאָר, אַז די אידישע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד ווערט פאַר־קלענערט.

עסטרייך. עסטרייך גייט אינגאַנצן אין די וועגן פון דייטשלאַנד. גלייך דעם ערשטן יאַנואַר 1927 נעמען די קריסטליך־סאָציאַלע — די אַנטיסעמיטישע פּאַר־טיי — אַן אַ ניי־יאָר באַשלוס פאָרטצוזעצן דעם קאַמף געגן אידן. דער עסטריי־כישער פּרעמיער — דר. זעיפּעל, — וועלכער איז אַ מיטגליד פון די קריסטליך־סאָציאַ־לע, פּרובירט צו מאַכן דערקלערונגען אָפּצושוואַכן די רעזאָלוציע, — אָבער עס געלינגט אים ניט. און די אַקטיוויטעט פון די עסטרייכישע אַנטיסעמיטן דורכ׳ן יאָר האָט באַוויזן, אַז זיי האָבן זייער באַשלוס דורכגעפירט.

ווי אומעטום זיינען די סטודענטן די אַקטיווסטע אַנטיסעמיטן. עקסצעסן ווערן דורכגעפירט אין פילע שטעדט. אין ווין גופא קומט פאָר אַן אָנפאַל אויף אידן דעם

5טן פעברואַר. די אַנטיסעמיטישע כוואַליע וואַקסט. און נאָך די פּאָליטישע און עקאָנאָמישן מאַסן־אונרוהען פון מיטן יולי, וואָס האָט שיער געבראַכט צום צוזאַמענבראָך פון דער איצטיגער עסטרייכישער רעגירונג, גייען די אַנטיסעמיטן אַרויס מיט טענות, אַז די אידן זיינען שולדיג אין דעם, וואָס די מאַסן־אויפשטאַנדן געגן דער רעגירונג זיינען פאָרגעקומען. די אַנטי־אידישע סענטימענטן ווערן נאָך שאַרפער.

אין דער ווינער אידישער קהלה האָבן די אידישע סאָציאַליסטן זיך ערוואָרבן אַ באַדייטנדע פּאָזיציע. מיט זייער הילף איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שטענדיגע ביישטייערונג פאַר׳ן קרן היסוד, פאַר׳ן פּאַלעסטינאַ אַרבעטער פאָנד און אַפילו פאַר דער החלוץ אָרגאַניזאַציע.

אין ווין האָבן אידן פאַרלאָרן זייערע פאָרשטייער אין דער שטאָדט־רעגירונג. דאָס איז געשען צוליב דעם, וואָס גראָד אין ווין ליגט די רעגירונג אין די הענט פון סאָציאַליסטן. און די אידישע בורזשואַזיע האָט געזוכט צו מאַכן יד־אחת מיט די רעאַקציאָנערן, וואָס זיינען אין די מערסטע פאַלן אויך די אַנטיסעמיטן. די אידישע ווילער האָבן דעריבער בעסער געשטימט פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

ל י ט ע . די דאָזיגע מדינה׳לע באַזאָרגט אידן מיט צרות ניט ווייניגער ווי גרויסע מלוכות. סיי די רעגירונג, סיי די געזעלשאַפט באַטייליגט זיך אין דעם. און בראש — אַלץ סטודענטן.

אין שאַוועל איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם לויט אַלע נוסחאות פון רומעניען און אונגאַרן. און אַז אַ דעלעגאַציע פון שאַוועלער אידן ווילן זיך ווענדן צום ליטווישן פּרעמיער, נעמט ער זיי ניט אויף. אין יאַנעווע זיינען פאָרגעקומען אָנפאַלן אויף אידן. בית־עולם׳ס זיינען געשענדעט געוואָרן אין שוקיאַן, אין פּילווישאַק און אין אַנדערע שטעדטלאַך. מעדיצין־סטודענטן פון קאָוונע ווילן ניט צולאָזן קיין אידן אין די קאַלעדזשעס. וואַנדאַלן ראַבירן שולן און בתי־מדרשים. די רעגירונג זאָרגט דערפאַר, אַז די געצוואונגענע זונטאָג־רו זאָל רואינירן וואָס מער אידן. אַ נייער איינפאַל איז דאָס יאָר געווען מצד רעגירונגס באַאַמטע צו מאַכן אַ פאַרזוך צו צווינגען אידישע שענקער צו האַלטן זייערע שענקען אָפן אום שבת. די דערקלערונג איז געווען, אַז די רעגירונגס־הכנסות ווערן פאַרקלענערט דורך דעם, וואָס די אידישע שענקען זיינען שבת געשלאָסן. די אידן האָבן אָנגעפירט אַ שאַרפן קאַמף געגן דעם און די רעגירונג האָט דערווייל צוריקגעצויגן איר פאָדערונג. געגן אידישע סאָציאַליסטן זיינען די רדיפות מצד דער ליטווישער רעגירונג געווען גאָר שוידערליכע. איינינגע זיינען הינגעריכטעט געוואָרן. דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל האָט פּראָטעסטירט געגן דעם. אַ איד, וואָס ליטאַ האָט געמאַכט פאַר איהר קאָנסיל אין ניו־יאָרק, איז געצוואונגען געוואָרן צו רעזיגנירן.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין ליטאַ איז אַלע מאָל געווען אַ געדריקטע. זי איז נאָך ערגער געוואָרן צוליב די פּאָליטישע רעוואָלוציעס וואָס קומען פאָר אין ליטע. דעם 2טן מאַרטש איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אידישע ערד־אַרבעטער אין ליטע. די דעלעגאַטן האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער לאַגע וואָס האַלט שטענדיג אין ווערן ערגער. די קולטורעלע לאַגע דאָס זעלבע.

ל אַ ט ו ו י ע . אַביסעלע פרייער האָט זיך געלעבט די אידן אין לאַטוויע. פאַר׳ן גאַנצן יאָר איז די רעגירונג געווען אין די הענט פון לינקע עלעמענטן, ווייל די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צוזאַמען מיט דעם דעמאָקראַטישן מינאָריטעטן־בלאָק, וואָס ווערט אָנגעפירט פון רבי נוראָק, האָבן געבילדעט די מאַיאָריטעט אין לאַטווישן סיים. די רעגירונג האָט באַקעמפט די אַנטיסעמיטן. האָט דורכגעפירט דעם באַשלוס, אַז אַלע, וועלכע וואוינען אין לאַטוויע פון 1921 קאָנען ווערן בירגער. די אַנטיסעמיטן האָבן געגן לעצטן געזעץ אויפגעהויבן אַ קאָלאָסאַלע אַגיטאַציע און האָבן געוואָלט, דורך אַ פאָלקסאָפשטימונג, דעם געזעץ בטל מאַכן. זיי האָט זיך געוואָלט עס זאָל בלייבן

ביים אלטן געזעץ, לויט וועלכן א בירגער האט געקאנט ווערן נאר יענער, וואס האט געקאנט מיט דאקומענטן באווייזן, אז ער וואוינט אין לאטוויע פאר די לעצטע 30 יאר, אבער די פאלקס־אפשטימונג האט געבראכט דער לינקער רעגירונג און די אידן א גרויסן נצחון. דער נייער געזעץ איז אנגענומען געווארן.

אין לאטוויע געניסן די אידן געוויסע נאציאנאל־קולטורעלע רעכט. די רעגירונג דעקט א טייל פון דעם בודזשעט פון אידישער דערציאונג. אין דער אידישער באפעלקערונג פלאקערט אבער דער קאמף צווישן אידישיסטן און העברעאיסטן.

אויך די עקאנאמישע לאגע פון די אידן אין לאטוויע איז לפי־ערך געווען ניט שלעכט.

אנדערע לענדער: פראנקרייך. די אידישע באפעלקערונג וואס האט אהין אריינגעמיגרירט נאך דער מלחמה, פאסט זיך ביסלאכווייז צו. עקאנאמיש האבן אידן דורכגעלעבט דעם יאר פארהעלטניסמעסיג נשקשה. אבער דער אנטיסע־מיטיזם הויבט דארט ווידער אויף דעם קאפ. די אנטיסעמיטן טענה'ן, אז די ליג און נייעשאנס און אפילו פואנקארע אליין זיינען נאר געצייג אין אידישע הענט.

טשעכא־סלאוואקיע. אין סוואלדזשעווא מאכט מען א בלוט־בלבול געגן אידן. אין מאיכאלאווצע קומען פאר עקסצעסן. דאקטוירים זיינען געגן אידן, ווייל זיי ציטערן פאר אידישע קאנקורענץ. פאלן פון שענדן בית־עולם'ס קומען פאר אין עטליכע שטעדט.

אין דעם אידישן לעבן גופא קומען פאר גוואלדיגע סכסוכים. חסידישע גרופן קעמפן צווישן זיך איינע געגן די אנדערע, אין מונקאטש נעמט עס אן זייער שארפע פאר־מען און פאליציי מוז זיך אריינמישן. עקסטרעמע ארטאדאקסן לייגן אריין אין חרם קאלאנעל וועדזשוואוד און אנדערע ארבעטער פאר'ן קרן־היסוד. די אלגעמיינע עקא־נאמישע לאגע ניט פארענדערט.

אין בעמען און מערן, וואו עס עקזיסטירן באדייטנדע אידישע קהלות, דארף נאך פארצייכנט ווערן דער פאקט, אז גראד דארטן שטייגט דער אינטערעס אין ציוניזם און אין ארץ ישראל.

גריכנלאנד. די לאגע פון אידן אין סאלאניקי איז געווען שוידערליך. דארטיגע אידן האבן אפעלירט צום דזשוינט און צו אנדערע קערפערשאפטן נאך הילף. פילע אידן זיינען נאך עד היום קרבנות פון דעם גרויסן פייער פון 1917. און אנטי־סעמיטיזם פעלט אין גריכנלאנד אויך ניט. הויפטזעכליך ווערן די אידן באשולדיגט, אז זיי קאנספירירן מיט די בולגארן און סערבן געגן גריכנלאנד.

טערקיי. די פאליטישע לאגע פון די אידן אין טערקיי איז זייער א בי־טערע. די שקלאפישע האנדלונג פון די טערקיש־אידישע נאטאבלען אפצוזאגן זיך פון מינאריטעטן־רעכט האט דער טערקישער רעגירונג נאך ניט צופרידנגעשטעלט. דער פרעמיער פאדערט, אז אידן זאלן אויפגעבן זייער אייגענע שפראך — לאדינא — און אננעמען טערקיש אלס זייער שפראך. פילע באאמטע פאדערן, אז די דארטיגע אידן זאלן ווערן פאלשטענדיגע טערקן. און אנטיסעמיטישע אויסברוכן זיינען שוין דארט אויך פארגעקומען. אידן האבן געמאכט א דעמאנסטראציע געגן א טערקישן אפי־ציר וואס האט דער'הרג'עט א אידישע מיידל. זיינען די אידן ארעסטירט געווארן, דער אפיציר ניט. דער משפט איבער די אידן האט ארויסגערופן גרויס אויפזען אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

בולגאריען האט אויך געהאט צו פארצייכענען אנטי־אידישע עקסצעסן. די בארימטע „פראטאקאלן פון זקני ציון" ווערן דארט שטארק פארשפרייט און העצן אויף דעם המון. די בולגארישע רעגירונג האט זיך אבער באמיט צו באקעמפן די עקסצעסן.

ענגלאנד. די באפרייאונג פון סלייטערן וועלכער איז געזעסן אומ־שולדיגערהייט אכטצען יאר אין תפיסה, איז געווען די וויכטיגסטע פא־

סירונג אין ענגלישן אידנטום. די „ווהייט נייטס" — אַן אַנטיסעמיטישער אָרדן — האָט דורך דעם יאָר געפּרעדיגט באָיקאָט געגן אידן. די פראַגע פון איינוואַנדערונג קיין ענגלאַנד האָט דאָרט אויך פאַרנומען געהעריגע אויפמערקזאַמקייט. בכלל גייט דאָס ענגלישע אידענטום באַרג־אַראָפּ. די העכערע קלאַסן אַסימילירן זיך. די אַמאָ־ליגע ווהייטשעפּל, הגם דער תהום צווישן איר און די ענגלישע יהודים איז נאָך אַלץ טיף, אַנגליזירט זיך אויך. די אַמאָליגע ראָלע פון אַ דורכוואַנדערונג־לאַנד שפּילט שוין ענגלאַנד ניט. קיין גאָר וויכטיגן פּלאַץ אין וועלט־אידנטום פאַרנעמט ענגלאַנד אויך ניט. דער איינציגער אידישער טעאַטער וואָס האָט עקזיסטירט אין לאָנדאָן, איז דאָס יאָר אויך געשלאָסן געוואָרן.

קאַנאַדע. דאָרטן פּולסירט גראַד אַ געזונטער אידישער לעבן, הויפּטזעכליך אין די שטעדט מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג. עקאָנאָמיש לעבן די אידן פון קאַנאַדע כמעט אויף דער זעלבער מדרגה ווי די אַמעריקאַנער אידן. אויך ערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם מערקן זיך דאָרטן אַזוי ווי אין אַמעריקע. אידיש־גייסטיג איז דאָס דאָרטיגע לעבן געזינטער. הויפּטזאַכליך איז דאָרט פיל מער אַנטוויקלט דער געביט פון אידישער דערציאונג.

גרויס אויפזעהן האָט אַרויסגערופן די שול־פראַגע אין דער פּראָווינץ קוויבעק, פון וועלכער מאָנטרעאַל איז די הויפּט שטאָט. דאָרטן האָט זיך געפירט פאַר לאַנגע יאָרן אַ קאַמף צווישן די אַסימילאַטאָרישע אידן, וועלכע האָבן געוואָלט אויפהאַלטן זייער פאַרבינדונג מיט דעם פּראָטעסטאַנטישן שול־וועזן און די נאַציאָנאַלע אידן, וואָס האָבן געוואָלט קריגן דאָס רעכט פון דער רעגירונג אויפצובויען אַן אייגענעם אידישן שול־וועזן. אין יאָר 1927 האָט דער דאָזיגער קאַמף דערגרייכט די העכ־סטע שטופע. אין די וואַלן פון פאַרטרעטער צום קענעדער פּאַרלאַמענט האָט די דאָ־זיגע פראַגע געשפּילט די הויפּט ראָלע. צום סוף איז די פראַגע געקומען צום פּרי־ווי־קאָונסיל — דער העכסטער געריכט פון דער ענגלישער אימפּעריע. דער פּריווי קאָונסיל האָט געדאַרפט ערשטנס באַשטימען, צי האָבן די אידן אַ רעכט צו פאָדערן פאַרטרעטערשאַפט אין דער אַדמיניסטראַציע פון דעם פּראָטעסטאַנטישן שול־וועזן. אויף דעם האָט דער פּריווי קאָונסיל געענטפערט, אַז אידן האָבן ניט קיין רעכט. די צווייטע פראַגע איז געווען, צי קען די קוויבעקער רעגירונג אננעמען אַ באַשלוס צו דערלויבן אידן צו בויען אַן אייגענעם שול־וועזן. אויף דעם האָט דער פּריווי קאָונסיל געענטפערט פּאָזיטיוו. די געזעצליכע מעגלאַכקייט פאַר אַן אייגענעם שול־וועזן איז דערמיט באַשאַפן געוואָרן. און די קענעדער אידן אַליין קאָנען איצט באַשטימען דעם ווייטערדיגן גורל פון אידישער דערציאונג.

אַנדערע ענגלישע דאָמיניאָנס. אין דער אידישער לאַגע אין אויסטראַליע, ניוזעלאַנד, דרום־אפריקא און אַנדערע בריטישע דאָמיניאָנס, זיינען אין 1927 קיינע וויכטיגע ענדערונגען ניט פאָרגעקומען. אין די דאָזיגע לענדער האָט דער אַנטיסעמיטיזם ניט אַזאַ שליטה ווי אין אייראָפּאַ. אָבער פעלן האָט ער דאָרט אויך ניט געפעלט. אין דרום אפריקע איז די ליבעראַלע פּאַרטיי גאַנץ אַנטיסעמי־טיש געפאַרבט. אין די אַנדערע לענדער האָבן אין פאַרלויף פון יאָר פּאַסירט איינגע אַנטיסעמיטישע געשעענישן. אָבער באַווירקן דאָס אידישע לעבן האָט דער אַנטי־סעמיטיזם ניט באַוויזן. די אידישע צרות פון יענע לענדער זיינען מערסטנס אינע־ווייניגסטע. הויפּטזעכליך באַרירט די דאָרטיגע אידן די פראַגע פון אידישער דער־ציאונג. אין דרום אפריקע איז אין פאַרלויף פון יאָר בולט געוואָרן אַ באַוועגונג צו לאַנד־ווירטשאַפט ביי די דאָרטיגע אידן.

דרום־אַמעריקאַנישע מדינות. אין מעקסיקאָ, קובאַ און אַנדערע לענדער זיינען די אידישע באַפעלקערונגען, וואָס האָבן אהין אַריינגעוואַנדערט די לעצ־טע יאָרן, אינ'ם פּעריאָד פון צופאַסן זיך. לאַנגזאַם גייט דער פּראָצעס. אָבער די אידן אָרדנען זיך דאָרט ווי־ניט־איז איין. אויך דאָרטן שטייט שוין אויף די פראַ־גע פון אידישער דערציאונג.

אין ארגענטינא איז אין 1927 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנגרעס פון אידישע קאָלאָניסטן. דאָרטן איז ערקלערט געוואָרן אַ שאַרפער קאַמף געגן דער יק"א. אַ פּאָר־דערונג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אידישע געזעלשאַפטן אין דער וועלט, דורכ־צופירן דעם אַלטן פאָרשלאַג פון פאַרשטאָרבענעם חבר ל. כאַזאַנאָוויטש, צו שיקן אַהין אַן אונטערזוכונגס קאָמיסיע.

כינע. אויך אַהין האָט דער אַנטיסעמיטיזם דערגרייכט. די „פּראָטאָקאָלן" זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין כינעזיש און צעטיילט געוואָרן צווישן די מאַסן. די אידישע פליכטלינגע אין כאַרבין האָבן געליטן גרויס נויט. די כאַרבינער אידישע קהלה קריגט אַ געזעצליכן סטאַטוס, אָבער מיט דער באַדינגונג אַז זי מוז זיין בלויז אַ רעליגיעזע.

שווייצאַריע — אויך אין דער דאָזיגער פרייער מדינה האָבן די באַרימטע „פּראָטאָקאָלן" געקראָגן גענוג אויפזען אין יאָר 1927. און העצעס געגן אידן האָט מען באַמערקט אין פילע שוואַצאַרישע שטעדט.

מאַראָקאָ. — אָנפאַלן אויף אידן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין פילע שטעט, הויפּטזעכליך אין ראַבאַט, יועקואַס און מאַגאַדאָר.

אין די איבעריגע לענדער וואו עס געפינען זיך אידישע ישובים איז ניט פאָר־געקומען עטוואָס וואָס דאַרף רעגיסטרירט ווערן. אין צוויי לענדער זיינען אָבער אָנגענומען געוואָרן צוויי וויכטיגע געזעצן, וואָס זיינען שטאַרק נוגע די אידען.

אין יוגאָסלאַוויע איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט צו אַגיטירן פאַר שמד. און אין עסטאָניע איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ וויכ־טיגערער געזעץ, וועגן נאַציעס. דער דאָרטיגער געזעץ לויטעט אַזוי:

„פּערזאָנען, וואָס זוכען דורך צוואַנג, דורך סטראַשען, דורך מיסנוצן פון אוי־טאָריטעט אָדער דורכ'ן צוואַנג פון עקאָנאָמישער אָפּהענגיגקייט צו באַאיינפלוסן אַ דערוואַקסענעם בירגער צו רעגיסטרירן זיין נאַציאָנאַליטעט אָדער די נאַציאָנאַלי־טעט פון זיינע קינדער אַנדערש ווי ער אַליין וויל עס, וועלן באַשטראָפט ווערן מיט תפיסה ביז אַ מאַקסימום פון 6 חדשים".

געשעענישן פון וועלט־באַדייטונג פאַר אידן זיינען פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון יאָר 1927. די וויכטיגסטע איז זיכער געווען —

שוואַרצבאַרדס משפּט און זיין באַפרייאונג. אין פאַרבינדונג מיט דעם שוואַרצבאַרד משפּט דאַרפן רעגיסטרירט ווערן אייניגע פּאַסירונגען. די ערשטע איז געווען אַדוואָקאַט טאָרעס' שאַרפער פּראָטעסט געגן דעם אַרויסטריט פון לואיס מאַרשאַל, אין וועלכן ער האָט דערקלערט, אַז דער גאַנ־צער משפּט שוואַרצבאַרד'ס דאַרף זיין אָפּהענגיג אָן דעם, צי איז ער געווען ביים פּולן פאַרשטאַנד. טאָרעס, אפשר מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע פּערזאָן, האָט דערשפּירט די געפאַר וואָס מאַרשאַל'ס דערקלערונג האָט געבראַכט פאַר שוואַרצ־באַרד'ן. די אוקראַאינער האָבן פון דער דאָזיגער דערקלערונג געצווינגן אַלע מעגליכע נוצן. און עס האָט אויסגעזען, אַז מאַרשאַל'ס אומפאַרצייליכע שטעלונג וועט קאָסטן שוואַרצבאַרד'ס לעבן און וועט ברענגען אַ גרויסע מאָראַלישע מפּלה די אידען פון דער גאַנצער וועלט. גליקליכערווייז איז געשען גאַנץ אַנדערש. ניט קוקנדיג אויף מאַרשאַל'ס שטעלונג, און אויף דעם פאַרזוך, וואָס פּעטליורא'ס אַדוואָקאַטן און אייניגע רעכטע מיטגלידער פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט האָבן געמאַכט צו דער־קלערן שוואַרצבאַרד'ן אַלס אַגענט פון דער סאָוועט־רעגירונג און זיין אַקט אַלס אַן אַקט פון אַ קאָמוניסט, — האָט אָבער כמעט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט בכלל און פראַנקרייך בפרט, גוט פאַרשטאַנען דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו, וואָס האָט באַוועגט שוואַרצבאַרד'ס האַרץ און האַנט, און באַדייטענדע קערפּערשאַפטן האָבן אָנגע־נומען שטעלונגען, וואָס האָבן פאַרטיידיגט שוואַרצבאַרד'ס אַקט, ווי עס האָט, צום ביישפּיל, געטאָן די פראַנצויזישע ליג פאַר מענשליכע רעכט. די אידישע קאָמיטע,

וואָס האָט אָנגעפירט די אַרבעט פון זאַמלען די פּאָגראָם מאַטעריאַלן און צושטעלן זיי פאַר דעם געריכט, האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן ניט פאַר מאַרשאַל'ס ארויסטריט, און ניט פאַר די אוקראַינער סטודענטן, וועלכע האָבן געשראָקן אַלעמען מיט נקמה אויב שוואַרצבאַרד וועט באַפרייט ווערן. צום פּראָצעס, וואָס האָט זיך געעפנט אין פּאַריז, דעם 18טן אָקטאָבער, איז געבראַכט געוואָרן אַן אומגעהויערער מאַטעריאַל פון דאָקומענטן און אַ גרויסע צאָל פון עדות, וואָס האָבן איבערגעלעבט די גרויסע שחיטות פון אוקראַינע. דער פּראָצעס האָט זיך אינגאַנצן געצויגן 8 טעג. אויף דעם 9־טן טאָג, נאָך איידער עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן אַ גאַנצע רייע פון עדות, האָט אַדוואָקאַט טאָרעס פאָרגעשלאָגן איבערצוגעבן די קלאַגע צו דער דזשורי. און די דזשורי האָט איינשטימיג אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל „ניט שולדיג“. די גאַנצע אידישע וועלט איז אויפגעשטורמט געוואָרן פון גרויס פרייד. אומעטום האָט זיך געפילט אַז אין פּאַריז איז פאָרגעקמען אַ גרויסער אַקט פון היסטאָרישער גערעכטיגקייט.

צירי כער וועלט־קאָנפערענץ. — אין ציריך איז אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר פאָרגעקומען די וועלט־קאָנפערענץ פאַר אידישע רעכט. אויך דאָ האָט די אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע מיט לואיס מאַרשאַל בראש, געוויזן אַז זי האָט גאָרנישט געלערנט זינט דער צייט פון דער קאָנגרעס באַוועגונג, און זי איז אַרויסגעטראָטן געגן אַ אידישן וועלט־צוזאַמענקונפט. נאָך איר האָבן דעם זעלבינן פּזמון נאָכגעזאָגט דער דזשאָינט פאָרעין קאָמיטע אין ענגלאַנד, דער טשיף־רבי פון פראַנקרייך און אַלע כחות פון דער אַלוועלטליך אידישער גרויס בורזשואזי. ליידער זיינען די הכנות צו דער קאָנפערענץ געמאַכט געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז אַפילו די אידישע דעמאָקראַטיע האָט אויך ניט אַרויסגעוויזן דעם געהעריגן אינטערעס אין דער קאָנפערענץ. דאָס האָט די באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ שטאַרק רעדוצירט. אויף דעם צוזאַמענפאָר גופא איז אויך פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן אַ ריכטונג, וואָס וויל פון אַזאַ קאָנפערענץ מאַכן אַ לעבעדיגע קערפּערשאַפט פאַר אַלע אַלוועלטליך־אידישע פּראָבלעמען, וואָס פאָדערן אַן אַלוועלטליך אידישן ענטפער, און צווישן אַזעלכע, וואָס זוכן נאָך אַלץ צו באַגרעניצן די פונקציעס פון אַזאַ וועלט־קערפּערשאַפט. די גרינדונג פון וועלט־קאָונסיל אַן־און־פאַר־זיך איז אָבער אַ באַדייטענדער שריט אין דער ריכטונג פון אידישער אָרגאַניזירונג אין וועלט־מאַסשטאַב.

אין גענף איז אין אויגוסט פאָרגעקומען דער וועלט־קאָנפערענץ פון מינאָריטעטן נאַציעס אויף וועלכע דר. מאָצקין האָט פאַרטראָטן דעם וועלט־קאָונסיל, און איז אויפגעטראָטן אַלס פאַרטרעטער פון דער אידישער נאַציע. די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט קלאָגן געגן פאַרשידענע רעגירונגען, וואָס היטן ניט אָפּ די מינאָריטעטן רעכט און עס זיינען אָנגענומען געוואָרן געהעריגע פאָדערונגען וועגן די פאַרשידענע מלוכות.

שחיטה. — אין פילע לענדער איז דאָס יאָר אויפגעהויבן געוואָרן אַן אַגיטאַציע געגן דער אידישער שחיטה. צו קיין דירעקטע רעזולטאַטן האָט עס דערווייל נאָך ניט געפירט. אָבער אַז די דאָזיגע אַגיטאַציע וועט פון זיך נאָך לאָזן הערן איז אויסער יעדן ספק.

שפּינאָזאַ. — דאָס יאָר איז געוועזן דער 200־טער יאָרצייט נאָך ברוך שפּינאָזא און אין פילע לענדער זיינען פאָרגעקומען אַרויסטרעטונגען צו זיין אָנדענק. די הויפּט פייערונג איז פאָרגעקומען אין האַאַג. אַ באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן מען זאָל פאָרמעל אַראָפּנעמען דעם חרם פון ברוך שפּינאָזא. די אַמסטערדאַמער אידישער קהלה, אויסער די ציוניסטן, איז געוועזן געגן דעם. אויך אין פּוילן זיינען אייניגע אָרטאָדאָקסישע קהלות אַרויסגעטראָטן געגן דעם.

רעפאָרם אידנטום. אנהויב פעברואַר איז געגרינדעט געוואָרן אַ וועלט־קאָמיסיע פאַר'ן רעפאָרם אידנטום מיט קלאָוד מאָנטיפיאָר אַלס פאָרזיצער.

וואַנדערונג. אויסער דעם פאַרזוך וואָס ווערט געמאַכט דורכצופירן

דעם „נייש׳אנעל ארידזשין פלאן” אין אמעריקע, האט די אידישע וואנדערונג צו פארצייכענען נאך איינינע פאסירונגען. פאראגוויי, פערו און אוראגוויי, האבן ארויסגעוויזן א פארלאנג פאר אידישע אימיגראנטן. אין אוראגוויי איז געגרינדעט געווארן אן ארבעטס־פארמיטלונגס־ביורא פאר אידישע איינוואנדערער. די אידישע אימיגראציע קיין פראנקרייך איז פארטגעזעצט געווארן. די פראגע פון אידישער עמיגראציע ווערט פארהאנדלט אויף דעם וועלט־קאנגרעס פון פרויען־קאונסילס. — ס׳קומט פאר א פאראייניגונג צווישן „איקא”, „עמיגדירעקט” און „האיאס” פאר געמיינשאפטליכער ארבעט אויפ׳ן וואנדערונגס געביט.

ג ע ש ט א ר ב ן . זייער א גרויסע צאל פון אידישע פערזענלאכקייטן זיינען געשטארבן אין פארלויף פון יאר 1927. די וויכטיגסטע זיינען געוועזן: אחד העם, 2טן יאנואר; יהואש, 10טן יאנואר; איזרעאל דייוויס, פארפאסער פון ביכער איבער אידישע געשיכטע, 21טן יאנואר; סעמיאן יושקעוויטש, סוף יאנואר; י. ענגעל, אידישער מוזיקער, אנהויב פעברואר; געארג בראנדעס, 19טן פעברואר; דר. פאול נאטאן, 15טן מארטש; לואידזשי לוצאטי, 29טן מארטש; יכנ״הז, ישעה ניסן גאלדבערג, 1טן אפריל; לואי מילער, 22טן מאי; לארד סוויטלינג, 10טן דזשון; דר. חיים ספיוואק, 16טן אקטאבער; ה. ד. נאמבערג, 21טן נאוועמבער; ראבינער צ. פ. חיות, 14טן דעצעמבער און וולאדימיר טיאמקין, 25טן דעצעמבער.

א ר ץ ־ י ש ר א ל . דער עקאנאמישער קריזיס אין ארץ־ישראל איז אנהויב 1927 געוועזן אין דער סאמע שארפקייט. די צאל פון ארבעטסלאזע איז געוועזן זייער גרויס. א באדייטנדער טייל פון די ארבעטסלאזע האט געמוזט זיין אנגעוויזן אויף פשוט׳ע רעליף (סיוע). די ארגאניזירטע ארבעטערשאפט האט אלע אירע כחות אנגעווענדעט סיי דורך אייגענע אונטערנעמונגען, סיי דורך אויסאיבן א דרוק אויף דער ארץ־ישראל־רעגירונג, און אויף דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, צו שאפן ארבעטס־מעגליכקייטן פאר די ארבעטסלאזע און פטור ווערן פון דער נויטיגקייט פון ארבעטסלאזער־שטיצע. דער עקאנאמישער קריזיס האט געפירט דערצו, אז די אימיגראציע קיין ארץ־ישראל איז שטארק רעדוצירט געווארן און די עמיגראציע פון ארץ־ישראל האט זיך זייער פארגרעסערט. צום ענדע יאר האט דער קריזיס שוין אנגעהויבן אביסל נאכלאזן. די צאל ארבעטסלאזע איז קלענער געווארן. נייע ארבעטס־מעגליכקייטן האבן זיך געעפנט. די רעגירונג האט באדייטנד געהאלפן צו באקעמפן די ארבעטסלאזיגקייט. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אין ארץ ישראל זייער ווייניג. צום סוף יאר האט אויסגעבראכן דער קאמף אין פתח־תקוה, וואו אידישע עפענדים האבן דורך פארשידענע תירוצים זיך ארויסגעדרייט פון באשעפטיגן אידישע ארבעטער ביים אראפנעמען די מאראנצן. עס איז דערגאנגען צו דער שאנדטאט, אז אידישע ארבעטער זיינען געשלאגן און ארעסטירט געווארן. דער גאנצער אידישער ישוב איז אויפגעשטורעמט געווארן געגן די פתח־תקוה׳ער קאלאניסטן. אויך די חוץ־לארץ׳דיגע אידישע וועלט איז אויפגערעגט געווארן געגן דער שענדליכער האנדלונג פון די פתח־תקוה׳ער גוט־באזיצער.

די פאליטישע לאגע אין ארץ־ישראל איז דורכ׳ן יאר דורכגעגאנגען איינינע וויכטיגע סטאדיען. דאס יאר 1926 האט זיך געענדיגט מיט דעם, וואס די נײנטע זיצונג פון דער מאנדאט־קאמיסיע ביים פעלקער־בונד האט אויפגענומען די פראגן פון ארץ־ישראל, האט אויסגעהערט וועגן דער איצטיגער לאגע, וועגן דעם ועד הלאומי, וועגן דער ראלע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע אין דער אויפבוי ארבעט, וועגן די באציאונגען מצד דער מאנדאט־מאכט. דארט איז אויך אויפגענומען געווארן דער פראטעסט מצד דער אגודת ישראל געגן דער אסיפת הנבחרים און דער פארלאנג פון אגודת ישראל צו קריגן דאס רעכט צו ארגאניזירן אייגענע קהלות. אהין זיינען אויך געבראכט געווארן די טענות פון דער אראבישער עקזעקוטיווע. אויך דער אונטערשיד צווישן אידישער און אראבישער ארבעט איז אנגעצייכנט געווארן פאר

דער מאַנדאַט קאָמיסיע. אין פאַרלויף פון יאָר האָט די אַראַבישע עקזעקוטיווע צו־געשטעלט איר מעמאָראַנדום צום פעלקער־בונד און די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט צוגעשטעלט איר באַריכט. נאַטירליך האָט די ענגלישע רעגירונג געגעבן דער מאַנ־דאַט־קאָמיסיע איר ווערזיע פון דער לאַגע און איר שטעלונג צו די אידישע און אַראַ־בישע טענות. די מאַנדאַט קאָמיסיע האָט צום סוף אָנגענומען און גוטגעהייסן די ענגלישע ווערזיע, וועלכע רעדט וועגן קאָנסאָלידירן די אידישע פּאָזיציעס, וועגן פּאַ־ראַלעלער אַנטוויקלונג פון ביידע פעלקער, וועלכער ווייזט אָן אויף דער איצטיגער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, אָבער ער וואָרנט געגן איבערטריבענעם פּעסימיזם.

צוליב דער נעגאַטיווער שטעלונג פון דער אַראַבישער עקזעקוטיווע ווערט אָרגאַ־ניזירט דער באַראַטונגס־ קאָונסיל בלויז פון ענגלישע באַאַמטע.

זייער אַ טיפן אינטערעס האָט אַרויסגערופן די פראַגע פון דער ים־המלח קאָנצע־סיע. סיי אין אַלוועלטליכן אידענטום, סיי אין בריטישן פּאַרלאַמענט, האָט מען וועגן דעם אַ סך און אָפט גערעדט און פאַרהאַנדלט. ענדליך איז באַקאַנט געוואָרן דורך דער ענגלישער רעגירונג, אַז די קאָנצעסיע איז געגעבן געוואָרן צו נאָוואָמייסקי און טור־לאָק און אַז די לעצטע מאַכן פלענער צוצוטרעטן צו דער אַרבעט פון אַרויסקריגן די אומגעהויערע קוואַנטומס פון מינעראַלן פון ים־המלח.

ענדע נאָוועמבער זיינען ענדליך אַרויסגעלאָזט געוואָרן די באָנדס פון דער ער־שטער רעגירונגס־הלואה פאַר ארץ־ישראל אויף דער סומע פון 22 און האַלבן מיליאָן דאָלאַר. די באָנדס זיינען תיכף אויספאַרקויפט געוואָרן. און די פאַרשידענע אַר־בעטן צוליב וועלכע די הלואה איז געמאַכט געוואָרן, הויפּטזאַכליך די אַרבעט פון בויען דעם חיפה'ער האַפן, וועט זיך אינגיכן אָנהויבן.

עס איז דורכ'ן יאָר אויך באַקאַנט געוואָרן, אַז די רערן דורך וועלכע דער מעסאָ־פּאָטאַמישער אויל וועט דאַרפן געצויגן ווערן צום ים־המלח, וועלן געפירט ווערן צום חיפה'ר האַפן.

פון פּאָליטישער באַדייטונג זיינען געווען די שטאָדט־וואַלן אין ירושלים. דאָרטן זיינען די אידן געגאַנגען צוזאַמען מיט דער נאַשישיבי ריכטונג ביי די אַראַבער. די דאָזיגע פאַראייניגונג האָט געזיגט אין די וואַלן. פיר אידן זיינען אַריין אין דער שטאָדט־רעגירונג. צווישן זיי אונזער חבר בן־צבי. נאַשישיבי איז מיט דער אידישער הילף ווידער ערווייִלט געוואָרן אַלס מעיאָר.

די אידן האָבן אויך געהאַט אַ נצחון אין זייער קאַמף געגן דעם האַנדלס־אָפּמאַך מיט סיריען פון וועלכן די יונגע ארץ־ישראל'דיגע אידישע אינדוסטריע וואָלט שטאַרק באַשעדיגט געוואָרן. דער דאָזיגער אָפּמאַך איז צוריקגעצויגן געוואָרן אונטער'ן דרוק פון אידישן פּראָטעסט. עס איז אויך פאַרקלענערט געוואָרן דער אָפּצאָל אויף אַריינ־פירן אַגריקולטורעלע געציַיג.

דער פינאַנציעלער יערליכער חשבון פון דער רעגירונג האָט געהאַט אַ באַדייטנדן באַלאַנס. אַ באַווייז אַז דער עקאָנאָמישער יסוד פון ארץ־ישראל איז אַ גאַנץ פעס־טער.

די אידישע אינערליכע אָרגאַניזירונג אין ארץ־ישראל האָט געמאַכט באַדייטנדן פאָרטשריט אין יאָר 1927. דער קאַמף אַרום פרויען שטימרעכט האָט אַפילו אַרויס־גערופן היים בלוט. אָבער ביים ענדע יאָר איז שוין קלאָר געווען, אַז פרויען וועלן זיכער האָבן שטימרעכט אין דער געפּלאַנטער זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר דאָס אידישע ארץ־ישראל. כאָטש די איינצלהייטן פאַר דער דאָזיגער זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווי ווייט אירע קאָמפּעטענצן וועלן זיין, זיינען נאָך ניט באַקאַנט געווען דער עפנטליכקייט.

צוויי ערדציטערנישן זיינען פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל אין איין וואָך צייט. די ערשטע האָט אַפילו געקאָסט פילע צענדליגע מענשליכע לעבנס. אידן זיינען ניט אומגעקומען. די אידן האָבן תיכף אָרגאַניזירט אַ הילף אַקציע און אַרויסגעהאָלפן די געליטענע אַראַבער און שומרונים.

די אַרבעט פון העברעאישן אוניווערזיטעט אַנטוויקלט זיך. אין אַמעריקא ווערט

געפירט אַ שטילע אָבער אַן ענערגישע אַקציע פאַר דער אוניווערזיטעט. אינערליך אָבער ענטשטייען חלוקי־דעות. איין סכסוך איז אַנטשטאַנען נאָך אָנהויב יאָר, צווישן איינשטיינ׳ען און דר. מאַגנעס איבער דער באַציאונג פון דער אוניווערזיטעט צו ביבל־פאָרשונג און ביבל־קריטיק. אַ צווייטער סכסוך איז ענטשטאַנען צום סוף יאָר איבער דער געפּלאַנטער אידישער קאַטעדרע אין אוניווערזיטעט. דערביי איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די צייטונג פון דער הסתדרות „דבר” איז אַרויסגעטראָטן פאַר דער אידישער קאַטעדרע.

די פאַרשידענע כחות פון דעם אידישן ישוב האָבן דורכ׳ן יאָר אָפּגעהאַלטן פאַרשיידענע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן. די וויכטיגסטע זיינען אָבער געווען די צוזאַמענפאָרן פון אחדות העבודה און הפועל הצעיר און דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות. אַלע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דעם ישוב און פון זיין באַציאונג צו אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער קערפּערשאַפטן, צום אידישן פאָלק אין גאַנצן גלות און צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, זיינען דאָרט דיסקוטירט געוואָרן. און אויף די דאָזיגע קאָנפערענצן זיינען אַם בולט׳סטן ניכר געוואָרן די דערגרייכונגען וואָס מיר האָבן ביז איצט שוין צו פאַרצייכענען אין ארץ־ישראל.

דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל האָט דורך זיין „לייבאָר פרעס סוירוויס” אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן סטייטמענט וועגן דער הסתדרות, געבנדיג אַ זייער גינסטיגע אָפּשאַצונג פון דער הסתדרות, אירע אינסטיטוציעס און אירע אויפטואונגען.

ד י צ י ו נ י ס ט י ש ע ב אַ ו ו ע ג ו נ ג. די וויכטיגסטע פּאַסירונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין 1927 איז געווען דער וויצמאַן־מאַרשאַל־אָפּמאַך, לויט וועלכן עס איז ענדליך באַשטימט געוואָרן, אַז אַ קאָמיסיע פון עקספּערטן זאָל געשיקט ווערן אין ארץ־ישראל מיט דעם צוועק אויסצואַרבעטן אַן אַקציאָנס פּלאַן פאַר די קומענדיגע יאָרן און אַזוי שנעל ווי די קאָמיסיע איז פאַרטיג מיט איר באַריכט זאָל די אויסגעברייטע אידישע אַגענטור אָנהויבן פונקציאָנירן.

גרויס אומצופרידנקייט האָט אָבער אַרויסגערופן דער בריוו־וועקסל, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן וויצמאַנ׳ען און מאַרשאַל׳ן. דער דאָזיגער בריוו־וועקסל האָט געדאַרפט באַזייטיגן די פריערדיגע מלחמה צווישן די ציוניסטן פון אַמעריקא און דער „דזשוינט” וועגן אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. אין דעם בריוו פון וויצמאַנ׳ען צו מאַרשאַל׳ן איז די לאַגע אַזוי פעסטגעשטעלט געוואָרן פונקט ווי די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער פריערדיגער ניט־פּרינציפּיעלער און אומזיניגער מלחמה איז געפאַלן אין גאַנצן אויף די ציוניסטן. דאָס איז היסטאָריש זיכער ניט געווען אמת. די ציוניסטן האָבן אודאי אָנגענומען אַ פאַלשע שטעלונג צו דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. אָבער אויך אין דעם צווייטן צד זיינען געווען כחות, וואָס טראָגן פונקט אַזוי פיל פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער מלחמה, ווי די ציוניסטן. דער דאָזיגער בריוו האָט, אַלזאָ, אין אַ פאַלשער און אין אַ זייער ניט־גינסטיגער ליכט אוועקגעשטעלט די ציוניסטישע זייט אין דעם גאַנצן ענין. אַלס רעזולטאַט פון דעם אָפּמאַך איז אָבער די קאָמיסיע געשיקט געוואָרן אין ארץ־ישראל, און ענדע 1927 איז זי שוין געווען צוריק, און דער באַריכט אירער ווערט פאַרפערטיגט.

אין 1927 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער 15טער ציוניסטישער קאָנגרעס. זיין ראָלע אין דער ציוניסטישער געשיכטע וועט בלייבן אין דעם, וואָס ער האָט רעאָרגאַניזירט די ארץ־ישראל׳דיגע עקזעקוטיווע און האָט פון איר אַרויסגעוואָרפן דעם אַרבעטער־פליגל. דער גאַנצער קאָנגרעס האָט דער ציוניסטישער באַוועגונג קיין גרויסע טובה ניט געטאָן. בלויז איין מאָמענט פון ציוניסטישער התרוממות איז דאָרט געשען, דאָס איז געווען די פאָרמעלע פייערונג פון 30 יאָר ציוניזם, אין וועלכער אַלע ווענטעראַנען פון ציוניזם, וואָס לעבן נאָך, האָבן זיך באַטייליגט.

דער דאָזיגער קאָנגרעס איז אָבער געווען דער רעזולטאַט פון אַ שטימונג וואָס איז

אויסגעוואָקסן אין ציוניסטישע קרייזן, הויפּטזעכליך אין אַמעריקע, פאַר די לעצטע פאָר יאָר. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנטי־אַרבעטער אָריענטאַציע אין ציוניזם. די דאָזיגע אָריענטאַציע האָט באַזירט סיי אויף ריינע קלאַסן־אינטערעסן פון די פּריוואַטע אונטערנעמער אין ארץ־ישראל גופא, סיי אויף דער פּסיכאָלאָגישער נויטווענדיגקייט צו געפינען אַ שעיר לעזאזל פאַר דעם קריזיס אין ארץ־ישראל. אויף דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער קאָנווענשאָן איז עס אַם־בולטסטן אַרויסגעבראַכט געוואָרן. צוגעגרייט פון פריער האָט די גאַנצע קאָנווענשאָן געזען אין „עפּישענסי” דעם נייעם שלאַג־וואָרט פון ציוניזם. און „עפּישענסי” איז דאָך כידוע דאָ זייער פיל ביי די סתם ציוניסטן, און גאָרניט ביי די אַרבעטער. האָט מען זיך דאָרט אָוועקגעלאָזן אויף דעם דאָזיגן גליטשיקן וועג און מען האָט מיטגעשלעפּט דעם גאַנצן קאָנגרעס.

גלייך אָבער נאָכ'ן קאָנגרעס, אויף דער קליוולאַנדער קאָנפערענץ, שלאָגן זיך אייניקע אין הארצן פאַר דער ירידה וואָס די אַטלאַנטיק־סיטי קאָנווענשאָן האָט געבראַכט. עס ווערט דאָרט געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסצושלעפּן דעם ציוניסטישן וואָגן פון טעמפּן ווינקל. טיילוויז איז עס געלונגען. אין קליוולאַנד און נאָך קליוולאַנד האָבען אייניגע פירער פון אַמעריקאַנער ציוניזם אָנגעהויבן איינזען, אַז דער וועג אַרויס פון דער ירידה־שטימונג איז אין אַליין אָננעמען זיך פון דאָס ניי מיט מוט און מיט אַרבעטס־לוסט.

אין איין פונקט האָט סיי אַטלאַנטיק סיטי, סיי דער קאָנגרעס און הויפּטזעכלאַך די קליוולאַנדער קאָנפערענץ געהאַט אַ גוטע ווירקונג. דאָס יאָר האָבן ציוניסטן אָנגעהויבן ריידן שאַרפער וועגן דער ראָלע פון דער מאַנדאַט־מאַכט און דעם בוי־פּראָצעס פון ארץ ישראל. נאָך פאַר אַטלאַנטיק־סיטי איז ליפּסקי אַרויסגעטראָטן אין לאָנדאָן מיט גאַנץ שאַרפע ווערטער געגן ענגלאַנד. אויפן קאָנגרעס האָט ווייז נאָך אַ שאַרפערן טאָן אָנגעשלאָגן. און אין קליוולאַנד האָט ווייז מיט זיין פולער קראַפט אַפּעלירט צו ענגלאַנד צו טאָן איר פליכט. די אַלע אַרויסטרעטונגען האָבן געהאַט אַ געוויסע ווירקונג. דעם 10טן נאָוועמבער טרעט דער אַלטער באַלפור אַרויס אין נאָמען פון דער ענגלישער רעגירונג מיט אַ באַנייאונג פון דער באַלפור דעקלאַראַציע און מיט אַ פאַרזיכערונג אַז די רעגירונג וועט טאָן איר פליכט. דער שטענדיגער דרוק פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין ארץ ישראל האָט אָן ספק זייער שטאַרק מיטגעהאָלפן. און די באַציאונג פון דער מאַנדאַט מאַכט הויבט זיך אָן צו בעסערן.

פאַר דעם קאָנגרעס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די מעסטע לענדער וואַלן פאַר דעלעגאַטן. די אַרבעטער פראַקציעס האָבן אין פילע לענדער געצויגן אַ גרויסע צאָל שטימען. אין ארץ ישראל האָבן די אַרבעטער געוויילט די גרויסע מאַיאָריטעט פון אַלע דאָרטיקע דעלעגאַטן. די דריטע הסתדרות קאָנפערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן עטלאַכע וואָכן פאַרן קאָנגרעס האָט אָנגעצייכנט אַן אַרבעטס־פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט, אָנווייזענדיג אויף די פעלערן פון עבר. די הסתדרות קאָנפרענץ האָט שאַרף אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון פרייע איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל.

אַ פּראָטעסט געגן שליסן די טויערן פון ארץ־ישראל איז אויך אָנגענומען געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון החלוץ אין דאַנציג.

וועגן דער לאַגע אין ציוניזם האָט אַרויסגעטראָגן שאַרפע רעזאָלוציעס די וועלט־באַראַטונג פון די פועלי־ציון (פאַראייניגט מיט צ. ס.) און די וועלט קאָנפערענץ פון התאחדות. די פועלי־ציון קאָנווענשאָן אין אַמעריקא האָט אויף אָן אָפענעם בריף פון מר. ליפּסקי געענטפערט מיט שאַרף פאָרמולירטע רעזאָלוציעס וועגן דער לאַגע אין ציוניזם און מיט אַ העפטיגן קאַמף געגן דעם פאַרזוך פון די אַמעריקאַנער סתם ציוניסטן צו פאַרכאַפּן די מאָנאָפּאָל איבער אַלע אַלוועלטלאַכע ציוניסטישע פאָנדן.

ציוניסטישע לאַנדעס צוזאַמענפאָרן זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין כמעט אַלע לענדער. די וויכטיגסטע אין פּראַקטישן זין איז געווען דער צוזאַמענפאָר אין קאַנאַדאַ מיט דער באַטייליגונג פון מר. אוסישקין. זיין באַזוך אין קאַנאַדאַ האָט דאָרט זייער

פיל פארשטארקט די ארבעט פארן נאציאָנאל פאָנד און האט דערמעגלאכט דעם נאציאָנאל פאָנד צו ערווערבן א נייעם באדייטענדן שטח באָדן אין ארץ ישראל.

א וויכטיגע פאסירונג איז געווען די גרינדונג פון פראָ-פאלעסטיין ליג'ס אין פראנקרייך, דייטשלאנד, איטאליען, אונגארן און אנדערע לענדער.

דער 30 יעריגער יובל פון ציוניזם איז געפייערט געוואָרן אין פילע לענדער. אין איינגע לענדער איז אויך געפייערט געוואָרן דער 25 יעריגער יובל פון נאציאָנאל פאָנד.

דער 1927 געווערקשאפטן קאמפיין פאר דער אָרגאניזירטער אידישער ארבע-טערשאפט פון ארץ-ישראל איז אין אמעריקא דורכגעפירט געוואָרן מיט באדייטנדן דערפאָלג. עס זיינען צוגעקומען נייע ארבעטער קערפערשאפטן און עס איז גע-זאמלט געוואָרן מער געלט.

אין פארלויף פון יאָר זיינען אין דער ענגלענדישער פרעסע ערשינען אָפט אטאקעס געגן ציוניזם. אם שארפסטן איז ארויסגעטראָגן דער „דיילי עקספרעס" אויפפאָדערנדיג ענגלאנד זיך אָפצוזאָגן פון מאנדאט. דער בעסטער ענטפער איז געווען באלפור'ס אָפיציעלע רעדע דעם 10טן נאָוועמבער.

געשלאָסן האט זיך דאָס יאָר 1927 מיט א שטארק פארבעסערטער שטימונג אין ציוניזם, ווי ער האט זיך אָנגעהויבן.

אָט אזוי איז אָפגעלאָפן א יאָר אידיש לעבן. פול מיט ליידן, פאָגראָמען, רדיפות, באליידיגונגען, עקאָנאָמישן און פאָליטישן דרוק. אָבער ניט קוקנדיג אויף דעם אלעמען קעמפט דאָס אידישע פאָלק אומעטום פאר א מענטשלאָכער עקזיסטענץ און בויט זיין צוקונפט סיי אין גלות און הויפטזעכלאך אין ארץ ישראל.

ארץ ישראל
אין יאָר 1926—1927

אַלגעמיינער טייל.

אַ חוץ פאַראיינצלטע ערשיינונגען, איז דאָס יאָר 1926־1927 ניט געווען קיין יאָר פון אויפשוואונג פאַר דעם אידישן ארץ־ישראל און ספּעציעל פאַר דער ארבייטערשאַפט. אין אַלע ווירטשאַפטס־צווייגן האָבן זיך געלאָזט באַמערקן די פאָלגן פונ׳ם כלומרשטן אויפבליען פון יאָר 1925, ווען אין לאַנד האָבן איינגעוואַנדערט 36923 נפשות, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס ניט ענטשפּראָכן די באַדינגונגען פון לאַנד און וואָס וואָלטן דאָך ביי אַן אַקטיווער ווירטשאַפטס־פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ביי פאַרגרעסערטע הכנסות פון די נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלען (קרן היסוד און קרן הקימת) זיך איינוואָרצלען אין אַ פיל גרעסערער מאָס אין לאַנד. דער צוזאַמענברוך פון דער דאָזיגער עליה סוף 1925 האָט אין אַ גלייכער מאָס משפּיע געווען סיי די אַלגעמיינע ווירטשאַפט (רעגירונגס־בודזשעט, עקספּאָרט און אימפּאָרט) ווי אויך די אידישע ווירטשאַפטליכע לאַגע (איינ־ און אויסוואַנדערונג, אַרבעטסלאָזיגקייט). די רעזולטאַטן פון קריזיס האָבן זיך אויך געלאָזט באַמערקן אין 1926־1927 אויך אין אַנדערע סאָציאַלע ערשיינונגען, ווי אין דער ירידה פון דירה־געלט, פון אַרבעטס־לוין אַ. אַ.

מיר וועלן פריער באַמערקן איניגע כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן פון דעם שנוי אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט־סיטואַציע, כדי נאָכהער צוטרעטן צו דער אַנטשיידענדער פראַגע: וועלכע צווייגן פון דער ווירטשאַפט זיינען דורך דעם דאָזיגן שנוי אָנגערירט געוואָרן? צי דאַרף מען אָפּשאַצן דעם דאָזיגן יאָר פון סטאַגנאַציע אַלס אויסדרוק פון אַ קראַנקהייט פון דער אַלגעמיינער, און באַזונדער, פון דער אידישער ווירטשאַפט, אָדער, אַז די גרונד־פאַקטאָרען פון דער ווירטשאַפט, ווי לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, זיינען געבליבן דערפון אומבאַרירט, אָדער גאָר איינדירעקט מושפּע געוואָרן.

דער ערשטער סימן פון שנוי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם יאָר 1925, איז צו זען אין די צאָלען פון דער איינוואַנדעררונג און אויסוואַנדערונג.

אין דער צייט, ווען אין יאָר 1925 איז די צאָל פון די א י נ ו ו אַ נ ד ע ר ע ר געווען 36,923, איז עס אין יאָר 1926 אַראָפּגעפאַלן אויף 14,566 (לויט דעם באַריכט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס שטימט ניט איינגאַנצען מיט דער צאָל פון דער רעגירונג), דאָס הייסט צוריקגעקומען אויפ׳ן מצב פון יאָר 1924, און איז אין 1927 נאָך מער געפאַלן.

די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די אַנטוויקלונג פון דער איינ־ און אויסוואַנדערונג זייט סעפּטעמבער, 1925, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו ענדערען דער מצב:

	איינוואַנדערונג	אויסוואַנדערונג
סעפּטעמבער, 1925	3472	169
אָקטאָבער, 1925	3843	283
נאָוועמבער, 1925	2791	279
דעצעמבער, 1925	2605	115
יאַנואַר, 1926	1625	218
פעברואַר, 1926	1492	259
מערץ, 1926	2466	339
אַפּריל, 1926	1556	384
מאַי, 1926	1609	452
יוני, 1926	1437	603
יולי, 1926	863	840
אויגוסט, 1926	903	960
סעפּטעמבער, 1926	785	795
אָקטאָבער, 1926	750	1051
נאָוועמבער, 1926	605	822
דעצעמבער, 1926	565	642
יאַנואַר, 1927	157	467
פעברואַר, 1927	220	280
מערץ, 1927	410	649
אַפּריל, 1927	390	149
מאַי, 1927	400	485
יוני, 1927	457	565
יולי, 1927	223	383

מיר זעהען, בכן, אַ כסדר׳דיגען פאַלען פון די איינוואַנדערונגס־ציפערען, בעת די אויסוואַנדערונג דערגרייכט שוין אין סוף 1926 צו אַ געוויסן הויכן גראַד.

אין יאָר 1926 זיינען די איינוואַנדערער געוועזן אין גרעסטן רוב בעלי משפחות, אָבער זיי האָבן דאָס שפּעטער גענעבן דאָס רוב אויסוואַנדערער. די צאָל פון ארבעטער אויסוואַנדערער איז געווען פאַרהעלטניסמעסיג זייער קליין. אין יאָר 1926 איז זייער צאָל אַביסל געשטיגן.*) 50 פּראָצענט פון די אויסוואַנדערער האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן, 13 פּראָצענט — קיין רוסלאַנד, 4 פּראָצענט נאָך רומעניען, 20 פּראָצענט נאָך די איבעריגע טיילן פון אייראָפּע, 5 פּראָצענט נאָך אַמעריקע, און 8 פּראָצענט נאָך די איבעריגע לענדער.

די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די צוזאַמענזעצונג פון דער איינוואַנדערונג:

---

*) לויט די אָפּשאַצונגען פון דער הסתדרות העובדים איז בכלל די צאָל אויסגעוואַנדערטע אַרבעטער פאַר 1926 און 1927 נישט מער פון 700. — די רעדאַקציע.

*) לויט די ידיעות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיינען פאַרבליבן אין לאַנד 4097 פערזאָן אין 1925, און 1554 פערזאָן אין 1926, פון די וואָס זיינען געקומען אַלס טוריסטן.

	1925	1926
1) אַלגעמיינע איינוואַנדערונג — — — — — — — — — —	36,933	14,656
2) איינוואַנדערער מיט סערטיפיקאַטען (אַרבעטער) — — —	10,731	6,425
3) אַרבעטער איינוואַנדערער מיט קרובים — — — — — —	16,169	8,812
4) פאַרשריבען אין דער צענטראַלע פאַר איינוואַנדערער ביי דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע — — — — — — — — —	8,235	4,571
5) אַלגעמיינע אויסוואַנדערונג — — — — — — — — —	2,151	7 356

די פאַרהעלטנים פון דער אַרבעטער איינוואַנדערונג צו דער אַלגעמיינער איינוואַנדערונג איז אין יאָר 1925 געווען 43 פּראָצענט און אין 1926 — 60 פּראָצענט.

מיר מוז באַצייכענען, אַז מיט'ן שטייגען פון דער אויסוואַנדערונג און פאַלן פון דער איינוואַנדערונג איז גלייכצייטיג געשטיגן די אַרבעטסלאָזיגקייט.

דער קריזיס אין דער עליה אין יאָר 1925, צוליב דער ניט גענוגענדער פּראָדוקטיווירונג פון אירע כחות; דער צום טייל ניט פּאַסיגער מענטשן־מאַטעריאַל, די ניט־גענוגענדע פאַרגרעסערונג פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן און דערצו די אינוועסטירונג פון אַ טייל פון די קליינע מיטלען פון די איינוואַנדערער אין באָדן־ספּעקולאַציע און הייזער־בוי, אַנשטאָט צו באַשאַפן פּראָדוקטיווע ווערטען אין דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, — דאָס אַלץ האָט געמוזט, ביים דרוק פון אויסערליכן גורם, ברענגען צו אַ צוזאַמענברוך.

די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטסלאָזיגקייט:

אַרבעטסלאָזיגקייט		אַלגעמיינע איינוואַנדערונג	אַרבעטער איינוואַנדערונג	אויסוואַנדערונג
יולי־סעפּטעמבער, 1925 —	900	9337	2893	683
אָקט.־סעפּטעמבער, 1925 —	2500	9320	4251	638
יאַנואַר־מערץ, 1926 —	4200	5583	2586	816
אַפּריל־יוני, 1926 — —	6000	4592	2391	1438
יולי־סעפּטעמבער, 1926 —	6000	2551	797	2595
אָקט.־דעצעמבער, 1926 —	6500	1920	646	2515
יאַנואַר־מערץ, 1926 —	7500	787	194	1396
אַפּריל־יוני, 1926 — —	8000	1247	328	1199
יולי־סעפּטעמבער, 1926 —	5500			

שפּעטער זיינען נאָך די ציפערן געוואַקסן, און אין יאָר 1927 זיינען געווען חדשים, וואָס דאָס לאַנד האָט געציילט ביי 8000—7 אַרבעטסלאָזע. דורכשניטליך האָט זיך אַ העלפט פון דער אַרבעטסלאָזיגקייט (פון 3000 ביז 4000) געפונען אין תל־אביב, 2000־1500 אין חיפה, 1200־800 אין ירושלים. די איבעריגע (סעזאָן אַרבעטסלאָזע) — אין די קאָלאָניעס און אַן ערך 30 — אין עפולה און טבריה.

דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטסלאָזע זיינען אונקוואַליפיצירטע און בוי־אַרבעטער. אָבער אויך אין די אַנדערע פאַכען, באַזונדערס צווישען סטאָליאַרעס זיינען פאַראַן אַרבעטסלאָזע. די פריער געבראַכטע טאַבעלע ווייזט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אַרבעטסלאָזיגקייט און איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג. פון דער טאַבעלע

זעט מען, אַז אין 1925 — בשעת דער איינוואַנדערונג — האָבן נאָך פיל איינוואַנדערער געפונען אַרבעט, באַזונדערס אין די קאָלאָניעס, און די אַרבעטסלאָזיגקייט איז ניט געשטיגן אַזוי ווי די איינוואַנדערונג. אַזוי לאַנג ווי עס האָט נאָך איבערהויפּט געדויערט אַ געוויסע איינוואַנדערונג, האָבן אָפּט די נייע איינגעוואַנדערטע כחות געשאַפן נ י י ע אַרבעטסמעגליכקייטן. די דאָזיגע מעגליכקייטן זיינען אָבער אויך בטל געוואָרען דורכ׳ן אָפּשטעלען די איינוואַנדערונג דורך דער רעגירונג. די שטייגערונג פון אַרבעטסמעגליכקייטן איז אויך צו פאַרדאַנקען, וואָס די אַרבעטער איינוואַנדערונג איז צו דער צייט אַלץ מער אָרגאַניזירט געוואָרן אין קאָלעקטיוון, ווי עס ווייזט די פאָלגענדע טאַבעלע:

	אָרגאַניזירטע אין קאָלעקטיוון	פּראָצ.	איינצעלנע	פּראָצ.
אַפּריל־יוני, 1925 — — — — — —	211	56.2	164	43.8
יולי־סעפּטעמבער, 1925 — — — — — —	257	49.1	266	50.9
אָקטאָבער־דעצעמבער, 1925 — — —	330	78.7	89	21.3
יאַנואַר־מערץ, 1926 — — — — —	390	73.1	143	26.9
אַפּריל־יוני, 1926 — — — — — —	526	87.8	117	18.2
יולי־סעפּטעמבער, 1926 — — — —	252	83.7	49	16.3
אָקטאָבער־דעצעמבער, 1926 — — —	175	88.8	22	11.2

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אָרגאַניזירטע גרופּען קענען זיך לייכטער איינאָרדנען ווי איינצעלנע אַרבעטער. אָבער צוליב דער הפסקה פון עליה בכלל האָט אויך די איינוואַנדערונג פון די אָרגאַניזירטע גרופּען ניט געקאָנט ענטשיידענד ענדערען דאָס אַלגעמיינע בילד.

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ ראַדיקאַלער שנוי אין דער אַלגעמיינער איינוואַנדערונג און אין דער לאַגע פון אַרבעטס־מאַרק האָט געמוזט טיף אָנרירען די אידישע ווירטשאַפט אין לאַנד און אויך די אַלגעמיינע ווירטשאַפט און די פינאַנצען פון דער רעגירונג זיינען ניט געבליבען אומבאַרירט פון דער ענטוויקלונג.

אַזוי לאַנג ווי עס איז ניטאָ קיין מאָס פון דעם שטייגען אָדער פאַלען פון דעם אינערען קויף קראַפט פון לאַנד, דינען אַלס כאַראַקטעריסטישער סימן פון דער לאַגע אין לאַנד — די ציפערן פון אימפּאָרט און עקספּאָרט. באַזונדערס איז דאָס חל אויף אַזאַ לאַנד ווי ארץ ישראל מיט איר אומאַנטוויקעלטער ווירטשאַפט, וועלכע איז כמעט פּלוצלונג אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין אַ תקופה פון אַ שטאַרקער אַנטוויקלונג.

	אימפּאָרט אין פונטען	עקספּאָרט אין פונטען	פּראָצ. פון אימפּאָרט איבער עקספּאָרט
1923 — — — — —	4,825,185	1,143,234	23.7
1924 — — — — —	5,266,349	1,200,812	22.8
1925 — — — — —	7,338,499	1,297,559	17.7
1926 — — — — —	6,434,945	1,275,625	20.1

אַלזאָ, ביז׳ן יאָר 1925 כאַראַקטעריזירט די ענטוויקלונג פון א״י דאָס אויסערגעוועהנליכע אויפשטייגען פון אימפּאָרט. דאָס איז אַ טיפּישער סימן פון אַן אַנ־

ראַרע איינוואַנדערונגס לאַנד (דיזעלבע דערשיינונג איז אויך געווען אין גריכענלאַנד צוליב דעם פּלוצלינגדיגן אַריבערפירן פון אַנדערהאַלבן מיליאָנען היימלאָזע אין יאָר 1923), וואָס בעדאַרף אין אַ גרויסער מאָס אַריינפירן מאַשינען, בוי־מאַטעריאַל, טעקסטיל און אפילו לעבענסמיטעל כדי צו דערמעגליכען די קאָלאָניזירונג פון די איינוואַנדערער.

אויפ'ן ערשטען אָרט פון אימפּאָרט (1925-1926) שטייען :

פאַרשיידענע מינים סחורות	1925	1926
בוימוואָל	832,495	721,396
קליידער	310,505	254,321
נאַפט	173,080	204,089
מאַשינען	238,327	196,686
זייד סחורות	158,872	176,607
בענזין	117,397	173,687
בוי האָלץ	269,169	157,540
אויטאָמאָבילען	125,182	126,969
בוי אייזען	177,419	88,207
וואָל און לייווענט	105,195	89,457
צעמענט	242,300	82,975
האָלץ פאַר קאַסטענס (אָראַנדזשען)	81,523	81,836
לעבענס-מיטעל		
מעל	312,682	353,016
רייז	179,864	179,861
צוקער	180,831	174,779

זייט אָנהויב 1926 פאַלט דער אימפּאָרט אין אַ גרויסער מאָס. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פון דעם אָנגעהויבענעם קריזיס. די דאָזיגע דערשיינונג ווערט פאַרטגעזעצט אין אַ פאַרשאַרפטער מאָס אין יאָר 1927, ווי מיר זעהען פון דער דעטאַליזירטער טאַבעלע :

	אימפּאָרט		עקספּאָרט	
	1925-26	1926-27	1925-26	1926,27
אָקטאָבער	745,915	572,221	60,141	85,789
נאָוועמבער	710,062	547,124	55,310	126,949
דעצעמבער	580,954	517,345	83,307	172,568
יאַנואַר	488,974	475,583	113,422	224,699
פעברואַר	527,320	436,670	123,569	241,094
מערץ	633,284	523,578	154,149	237,566
אַפּריל	542,901	478,502	122,366	168,144
מאַי	566,765	491,613	91,820	85,558
יוני	509,851	473,527	73,006	87,922

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויפ'ן ערשטען אָרט פון אימפּאָרט געהען : צע־

מענט בוי־האָלץ, מאַשינען, קעמלען (אַלס טראַנספּאָרט־מיטל פאַר בוי־מאַטעריאַל), אָבער אויך טעקסטיל סחורות און לעבענס־מיטל.

אין פאַרגלייך מיט'ן אימפּאָרט האָט דער עקספּאָרט אין 1926 ניט געוויזען קיין גרויסע שנויים כלפי דאָס יאָר 1925. זייט 1923 איז דער עקספּאָרט פון אר"י געשטיגן בס"ה נאָר אויף אומגעפער 200,000 פונט. דערפאַר אָבער איז קענטיג זייט סוף 1926 אַ געוויסע ענדערונג אין די עקספּאָרט ציפערען. דאָ זעט מען כלפי 1925-26 אַ באַדייטענדע פאַרגרעסערונג. אין דער צייט ווען די גאַנצע עקספּאָרט־סומע אין די 9 מאָנאַטען זייט אָקטאָבער 1925 ביז יוני 1926 האָט באַטראָפען 877,090 פונט האָט עס אין דער אַנטשפּרעכענדער תקופה פון 1926-27 באַטראָפען 1,422,289 פונט. עס איז אויף אַזאַ אופן צו פאַרצייכענען אַ פאַרגרעסערונג פון 68 פּראָצענט. דעם דאָזיגען רעזולטאַט דאַרף מען צורעכענען קודם כל אויפ'ן חשבון פונ'ם פאַרגרעסערטען אַרויספיר פון אָראַנזשען און אויך פון זייף, תבואה, מאַנדלען, צעמענט, זאַקען, ציגאַרעטן. מען דאַרף נאָך אָפּוואַרטן צו זען ווי ווייט עס וועט דויערן די דאָזיגע פאַרגרעסערונג פונ'ם עקספּאָרט, אין וועלכען ס'באַמערקען זיך צום ערשטען מאָל די אַרויספיר־סחורות פון דער יונגער ארץ־ישראל'דיגער אינדוסטריע (זאָקען פון פאַבריק „לודזיה", צעמענט פון דער צעמענט־פאַבריק „נשר", ציגאַרעטען („מאַספּעראָ" און „לובלינער").

אויפ'ן ערשטען אָרט פון עקספּאָרט פון יאָר 1926 שטייען אָראַנזשען 566,493 פונט; זייף — 170,476 פונט; אַרבוזן — 102,720 פונט; — דורה — 42,917 פונט; טאַבאַק — 41,135 פונט; ווייץ — 39,458 פונט; גערשטען — 37,923 פונט; ווייַן — 27,037 פונט; לופּינען — 21,011 פונט; פעל — 20,967 פונט; שומשין — 17,058 פונט; מאַנדלען — 17,960 פונט; אַרבעס — 11,525 פונט.

כלפי דעם יאָר 1925 איז צו פאַרצייכענען אַ באַדייטענדע פאַרגרעסערונג ביי: גערשטען אויף 37,613 פונט; טאַבאַק — 30,440 פונט; ווייץ — 29,812 פונט; דורה — 28,823 פונט; אָראַנזשען 15,939 פונט; אַרבעס — 10,989 פונט; לופּינען — 9,649 פונט; מצות — 6,289 פונט; בעבלאַך — 6,162 פונט; צעמענט — 5,131 פונט; ציגאַרעטען — 2,886 פונט; לינזען — 2,724 פונט; טעפּיכען — 2,082 פונט.

באַזונדער איז כדאי צו דערמאָנען די פאַרגרעסערונג פון אַרויספיר פון תבואה, צעמענט, זאָקען, מצות טעפּיכען און ציגאַרעטען, וואָס איז צו זען אויך אין יאָר 1927. דערפאַר אָבער איז אין דעם יאָר באַדייטענד געפאַלען דער אַרויספיר פון זייף, אַרבוזן, מאַנדלען, ווייַן און פעל. די ביז איצטיגע באַדייטענדע אַרויספיר־לענדער פאַר ארץ־ישראל זיינען געווען ענגלאַנד (אָראַנזשען) 40 פּראָצענט; מצרים 32,7 פּראָצענט און סיריען 12,5 פּראָצענט. אויפ'ן צווייטען אָרט: דייטשלאַנד 4.1 פּראָצענט, פראַנקרייך 2.7 פּראָצענט און אַמעריקא 2.1 פּראָצענט.

דער קריזיס האָט זיך אויף אַזאַ אופן געמאַכט בולט אין דעם פאַלען פון די אימפּאָרט־ציפערען אין דער צייט, ווען דער עקספּאָרט, באַזונדערס זייט סוף 1927, האָט, פאַרקערט, אויפצואווייזען וויכטיגע שטייגערונגען, וועגען וועלכע מיר וועלען נאָך ריידען אין דעם פּרק „די לאַגע פון דער לאַנדווירטשאַפט און דער אינדוסטריע."

די דאָזיגע אַנטוויקלונג האָט געמוזט האָבען אַ השפּעה אויפ'ן רעגירונגס־

בודזשעט. דאָס רעגירונגס־באַלאַנס האָט זיך אנטוויקעלט אין די פאַרגאַנגענע יאָרען אויף פאָלגענדען אופן (דער בודזשעט־יאָר רעכענט זיך פון 1 אפּריל ביז 30 מערץ):

	הכנסות	הוצאות	איבערשוס
1921-22	£2,312,243	£1,881,108	£+43,435
1922-23	1,764,585	1,837,173	—72,588
1923-24	1,633,893	1,633,227	+ 676
1924-25	1,910,824	1,806,660	+104,164
1925-26	2,539,335	2,166,601	+372,734
1926-27	2,390,081	2,103,275	+286,806

דער איבערשוס פון דער רעגירונג האָט אין די לעצטע 6 יאָר באַטראָפען אַן ערך 1.2 מיליאָן פונט. דערפון זיינען אויסגעפאַלען אויף די יאָרען 1925-21 אליין 660,000 פונט. אנטקעגען דעם פריערדיגען יאָר מיט זיין אויסערגעוויינליכען שטייגען פון די הכנסות איז געווען אין יאָר 1926-27 אַ ירידה פון די הכנסות און דאָס האָט געדויערט אויך דעם גאַנצען יאָר 1927. קודם כל זיינען געפאַלען די הכנסות פון אָפּצאָל פון ערד קניות, פּאָרט הכנסות, באַנען, פּאָסט און צאָל־טאַריפן — די אַלע הכנסות, וואָס זיינען אין יאָר 1925 אויסערגעוויינליך געשטיגן צוליב דער אידישער איינוואנדערונג.

די הכנסות פון דער א"י רעגירונג האָבן זיך צונויפגעשטעלט פון 4 קוואַלן: שטייערן, צאָל־טאַריפן, הכנסות פון אייזענבאַן, פּאָסט און טעלעגראַף און ספּעציעלע אָפּצאָלן. די הכנסות פאַרטיילן זיך אויף פאָלגענדן אופן:

	צאָל	שטייערן עשר, ווערקא א. א.	אייזענבאַן פּאָסט און טעלעגראַף	אָפּצאָלען
1924-25	32.8% = £626,016	32. % = £611,567	25.1% = £479,117	9.5% = £182,348
1925-26	34.4% = 864,154	30.8% = 782,502	22.3% = 567,067	11.5% = 292,580
1926-27	34. % = 790,617	30. % = 704,481	23. % = 521,357	12. % = 289,308

די באַדייטענדסטע שטייערן זיינען „עשר" (tithe)—דער צענטל־חלק פון ברוטאָ הכנסה, וואָס צוליב דער פאַלשער אָפּשאַצונג פון דער גרונט־הכנסה באַטרעפט ער אָפּטמאָל 20—30 פּראָצענט — און דאָס ווערקא (ערד־ און בנינים־שטייער).

נעמענדיג אין באַטראַכט דעם גרויסען איבערשוס פון 1.2 מיליאָן אין משך פון איינ ע יאָר איז דער הוצאה־בודזשעט נידעריג צוזאַמענגעשטעלט. ער אַנטהאַלט אַלס באַדייטענדסטע פּאָסטענס:

	1925-26 (פונט)	1926-27 (פונט)
אויסצאָלן חובות (אָטאָמאַנישער חוב) — —	223,000	307,956
פּאָליציי און תפיסות — — — — — —	211,415	322,826
אייזענבאַנען — — — — — — — — —	255,841	279,194
עפענטליכע אַרבייטען — — — — — —	85,166	240,089
גרענעץ־קאָרפּוס — — — — — — — —	———	177,223
דיסטריקט־פאַרוואַלטונגען — — — — — —	97,479	100,048

אויסער די עפנטליכע ארבעטן זיינען אחוץ די גרויסע הוצאות פאַר פאַרוואַל־טוג, ארמיי, פּאָליציי, אויסצאָלען חובות, זייער קליינע סומען אויסגעגעבן פאַר די דירעקטע הצטרכות׳ן פון די ברייטע פּאָלקס־מאַסען:

	1925-26 (פונט)	1926-27 (פונט)	1921-22 (פונט)
געזונדהייט — — — — — — — —	84,487	97,679	142,931
דערציאונג — — — — — — — —	106,511	121,378	———
האַנדעל און אינדוסטריע — — — —	———	———	15,409
איינוואַנדערונג און טוריסטיק — —	———	———	13,304
צאָל און פאַרוואַלטונג פון האַפען —	43,412	49,397	103,987

די הוצאות פאַר געזונדהייט, אינדוסטריע און צאָנ־אַמט זיינען אין 22—1921 געווען גרעסער ווי אין יאָר 1925, ד״ה ניט קוקענדיג אויף די פאַרגרעסערטע הכנסות האָט די רעגירונג אין 1926 פאַרקירצט גראדע אָט די צווייגען וואס דינען דירעקטע פּראָדוקטיווע צוועקן אין דער צייט ווען די הוצאות פאַר דער פּאָליציי, גרענעץ־קאָרפּוס און חובות־אָפּצאָלונג זיינען באַדייטענד פאַרגרעסערט געוואָרען.

דער אידישער ישוב אין יאָר 1926־1927.

דער שנוי אין דער ווירטשאַפטסלאַגע האָט זיין נאַטירלאַכע השפעה אויפ׳ן אידישן ישוב. די פּאָלגענדע טאַבעלע ווייזט זיין אנטוויקלונג אין צאָלן אין די לעצטע 3 יאָר:

	1924		1925		1926 (ביז אָקט. 1)	
צאָל אידען אנהויב יאָר — — —	93,290		109,977		146,942	
איינוואַנדערונג — — — — —		16,297		36933		12736
אויסוואַנדערונג — — — — —		2037		2151		4850
פאַרמערונג — — — — —	14,260		34,782		7,886	
געבורטען — — — — — —		3623		4000		4500
טויט־פאַלען — — — — — —		1196		1817		1000
נאַטירליכער צוואוקס —	2,427		2,183		3,500	
צאָל אידען סוף יאָר — — — — — —	109,977		146,942		158,328	

מען קען רעכענען אַז זייט דעם 1טען אָקטאָבער, 1926, ביז דעם 1טען אָקטאָבער, 1927, איז די צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג ניט באַדייטענד געשטיגען. דער איבערשוס פון דער אויסוואַנדערונג האָט זיך אויסגעפילט דורכ׳ן איבערשוס פון די געבורטן. דערפאַר אָבער איז געפאַלן אביסל דער פּראָצענט פון דער אידישער באַ־פעלקערונג אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וועלכער איז אין יאָר 1926 געווען בערך 17.5 פּראָצענט.

די אידישע באַפעלקערונג פאַרטיילט זיך אויף פאָלגענדען אופן:

לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים — — —	30,500
יפו און תל אביב — — — — — — —	50,000
ירושלים — — — — — — — — —	48,000
חיפה — — — — — — — — — —	15,000
טבריה — — — — — — — — —	7,000
צפת — — — — — — — — — —	3,000
חברון — — — — — — — — —	500
פאָרשטעט פון תל אביב — — — —	4,000
איבעריגע שטעט — — — — — — —	500
בס"ה — — — — — — — — —	158,500

די באַפעלקערונג פון די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס מאַכט אויס 19 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אידישער באַפעלקערונג; די אַרבייטענדע באַפעלקערונג — 27.5 פּראָצענט.

לאַנדווירטשאַפט.

א גענויען איבערבליק איבער די לאַנדווירטשאַפטליכע אידישע באַפעלקערונג גיט אונז די לאַנדווירטשאַפטליכע ציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרען אינ'ם חדש אַפּריל 1927, וועלכע נעמט אַרום אַלע אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע פּונקטן.

לויט דער דאָזיגער ציילונג געפינען זיך אין די 120 ישובים:

אין:	מענער	פרויען	קינדער	סך הכל	%
יהודה — — — — — — —	7219	5571	4605	17395	57
שומרון — — — — — — —	1744	1137	1097	3978	13
עמק יזרעאל און עמק עכו —	2254	1930	1648	5832	19
גליל התחתון — — — — — —	803	638	638	2079	7
גליל העליון — — — — — —	449	379	388	1216	4
ס"ה — — — — —	12469	9655	8376	30500	100

דערפון געפינען זיך אין די 5 גרעסערע קאָלאָניעס: פתח תקוה — 6,631; ראשון לציון — 2,143; רחובות — 1,689; חדרה — 1,378; זכרון יעקב — 1,360.

אין די ישובים, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען דורך דער ציונ. אָרגאַניזאַציע אָדער דורך איר אונטערשטיצונג, פאַרטיילט זיך די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אויף פאָלגענדען אופן:

	מענער	פרויען	קינדער	סך הכל
קבוצות — — — — — — — — — — — — —	842	659	420	1921
מושבי עובדים — — — — — — — — — —	948	767	838	2553
ניי קאָלאָניזירטע פון 1927 — — — — — —	724	495	519	1738
אין אונטערשטיצטע קאָלאָניעס — — — —	1115	795	688	2598
לערען־פאַרמעס פאַר מיידלאך — — — —	9	152	2	163
תימנ'ער ישובים — — — — — — — — — —	402	390	576	1368
הכשרה גרופען — — — — — — — — — —	39	43	4	86
עקספערימענטען סטאַנציע — — — — — —	7	2	—	9
ס"ה — — — — — — — — — —	4086	3303	3047	10436

בערך אַ דריטעל פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער באַפעלקערונג איז בכן באַזידעלט געוואָרען דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער ווערט פון איר לכל הפחות אונטערשטיצט.

לויט דער „אַרבעטער־ציילונג" פונ'ם 1טען סעפּטעמבער 1926, האָבען זיך געפונען אין די אַליינאַרבעטענדע ישובים, וואָס אונטערליגען דער הסתדרות העובדים:

	מענער	פרויען	קינדער	סך הכל
קבוצות — — — — — — — — — — — —	1079	701	449	2229
מושבי עובדים — — — — — — — — — —	673	413	622	1708
פאַרשיידענע ישובים — — — — — — — —	94	100	61	255
ס"ה — — — — — — — — — —	1846	1214	1032	4092

באַמערקונג: — די אונטערשיידען בנוגע דער צאָהל פון דער באַפעלקערונג אין די קבוצות און מושבים, וואָס ווייזן זיך אַרויס צווישן דער ציילונג פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע און דער ציילונג פון דער הסתדרות, נעמען זיך דערפון, ערשטענס, וואָס איז דער ציילונג פון דער ציונ. אָרג. געפינען זיך נאָר אַ טייל ישובים וואָס זיינען שייך צו דער הסתדרות, פון דער אַנדערער זייט געהערען צו דער הסתדרות אויך אַזעלכע קבוצות, וואָס זיינען נישט געגרינדעט געוואָרן דורך דער ציונ. אָרגאַניזאַציע (כפר גלעדי, אילת השחר, תל חי). בעקר נעמען זיך אָבער די אונטערשיידען דערפון, וואָס אין דער ציילונג פון דער ציונ. אָרג. זיינען אַריינגערעכענט געוואָרען אַלע איינוואוינער וואָס האָבען זיך אין טאָג פון דער ציילונג געפונען אויפ'ן אָרט, בעת די ציילונג פון דער הסתדרות העובדים נעמט נאָר אַריין אין חשבון די שטענדיגע זידלער אַליין.

באָדען־שטח.

פון דעם אַלגעמיינעם באָדען־שטח פון לערך 20,000,000 דונאַם (1 דונאַם איז אַן עלפטעל פון אַ העקטאַר) געפינט זיך (ביז אַפּריל 1927) 1 מיליאָן דונאַם אינ'ם אידישן רשות. דערפון באַלאַנגען: צו דער פיק"א 400,000 דונאַם; צום קרן קימת 200,000 דונאַם; אַלטע קאָלאָניעס 200,000 דונאַם; קהלית ציון 100,000 דונאַם; צו פאַרשיידענע געזעלשאַפטען און יחידים — 100,000.

במשך דעם יאָהר 1926-27 האָט דער קרן קימת אָנגעקויפט 50,312 דונאַם; דערפון 28,156 דונאַם אין עמק יזרעאל, 10,844 דונאַם אין חיפה—עמק עכו, 6,651 דונאַם אין יהודה 4,360 דונאַם אין עמק הירדן, 301 דונאַם אין שומרון.

דער שטח פון באָדען, וואָס געהערט צום קרן קימת, האָט זיך אנטוויקעלט אויף פאָלגענדען אופן:

סוף 1923 — 98,074 דונאַם; סוף 1924 — 141,756 דונאַם; סוף 1925 — 177,530 דונאַם; סוף 1926 — 192,010 דונאַם; פרילינג 1927 — 202,202 דונאַם.

לאַנדווירטשאַפט אין די יאָרן 1926—1927.

אַלע ביז־איצטיגע אונטערזוכונגען און בעקר די מיינונגען פון די באַזידעלטע גופא — וואָס זיינען געהערט געוואָרען אויף דער דריטער קאָנפערענץ פון דער הסתדרות — באַווייזען, אז די לאַנדווירטשאַפט איז פונ'ם קריזיס אין שטאָט און אויפ'ן ארבעט־מאַרק נאָר באַרירט געוואָרן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ס'האָט זיך פאַרקלענערט געוויסערמאָסן דער אַפּזאַצמאַרק פאַר אייניגע פּראָדוקטן. די פּראָדוקציע אַליין, ווי אויך דער אַלגעמיינער מצב איז אָבער געשטיגן.

מיר ברענגען קודם כל די פאָלגענדע טאַבעלע וועלכע באַווייזט די אנטוויקלונג פון די גערטענישען און זייערע הכנסות אין די לעצטע יאָרען, — לויט די ידיעות פון דער רעגירונג:

אַרטיקלען	1924 (טאָן)	1925 (טאָן)	1926 (טאָן)
ווייצען	92,192	101,078	99,023
גערשטען	32,310	39,763	69,358
דורא	33,905	27,177	23,973
בעבלאָך	4,512	2,347	2,691
אַרבעס	1,296	1,443	1,134
לינזען	2,930	2,427	3,321
כרשינה	7,983	5,408	8,014
סעזאַם (שומשין)	3,613	4,858	1,877
ווייַנטרויבען	7,587	3,674	6,735
אַרבוזען	20,158	22,263	25,571
איילבערטן	3,865	1,276	2,093
איילבערטן־אויל	4,901	2,689	4,650
מאַנדלען	516	305	302
פייגען	7,218	7,187	7,275
אָראַנזשען און לימענעס	1,589,331	2,146,457	1,515,116

די אָראַנזשן און לימאָנעס באַטרעפן אין עגיפּטישע פונטן: אין יאָר 1924 — 420,792 פונט; אין יאָר 1925 — 605,744 פונט; אין יאָר 1926 — 455,002 פונט.

גאָר א גרויסע באַדייטונג האָט דער כסדר'דיגער וואוקס פון די אָ ר אַ נ־ ז ש ע ן ־ פּ ל אַ נ ט אַ צ י ע ס און זייערע גערטענישן אין די לעצטע יאָרן.

אין דער צייט ווען ביים אָנהויב פון דער ציונ. קאָלאָניזאַציע האָט באַטראָפען דער גאַנצער ערד־שטח וואָס איז געווען באַפלאַנצט מיט אָראַנזשען 2—3,000 דונאַם, באַטרעפט שוין איצט דער באַפלאַנצטער שטח 30,000 דונאַם, און מען שאַצט נאָך אויך די איבעריגע ערד־שטחים, וואָס זיינען שוין באַארבייט געוואָרען אויף נייע באַיאָרעס אין די יאָרען 1926־27 אויף 10—15,000 דונאַם. דער אידישער קאַפּי־טאַל, וועלכער האָט ביים היינטיגן טאָג אין שטאָט קליינע אינוועסטירונג־ און ריווח־מעגליכקייטן, האָט זיך לעצנס גענומען צו אָראַנזשען־פּלאַנאַציעס.

אין יהודה זיינען אין משך פון דער צייט ניי־באַארבעט געוואָרן אויך טויזענטער דונאַם אויף ו ו י י נ ג ע ר ט נ ע ר.

ד י פ ר אָ ד ו ק צ י ע פ ו ן ט אַ ב אַ ק, — הגם זי האָט זיך פאַרקלענערט פונ׳ם יאָר 1924 ביז 1925, פון אַנדערהאַלבען מיליאָן קילאָ אויף 200,000 קילאָ, און פון 1925 ביז 1926 אויף 120,000 קילאָ (צוליב סיבות פון איבערפּראָדוקציע לויט דער פאָדערונג פון אויסלאַנד און צוליב אָפּזאַץ־שוועריגקייטן אינ׳ם לאַנד) איז פון דעסטוועגען דער עקספּאָרט פון טאַבאַק דאָך געשטיגען פון יאָר צו יאָר לויט פאָל־גענדע טאַבעלע:

עקספּאָרט פון טאַבאַק: אין יאָהר 1924 — 1,364 קילאָ, וואָס באַטרעפט 308 עגיפּטישע פונט; אין יאָר 1925 — 43,145 קילאָ, וואָס באַטרעפט 10,615 עגיפּטישע פונט; אין יאָר 1926 — 271,827 קילאָ, וואָס באַטרעפט 41,135 עגיפּ־טישע פונט.

עקספּאָרט פון ציגאַרעטען: אין יאָר 1924 — 31 קילאָ, וואָס באַטרעפט 20 עגיפּ. פונט; אין יאָר 1925 — 753 קילאָ, וואָס באַטרעפט 573 עגיפּטישע פונט; אין יאָר 1926 — 6,112 קילאָ, וואָס באַטרעפט 3.459 עגיפּ. פונט.

אַלס סמנים פון כסדר׳דיגן וואוקס און א י נ ט ע נ ס י ו ו י ר ן די אי־דישע ווירטשאַפט קאָנען דינען פאָלגענדע ידיעות:

ט ר אַ ק ט אָ ר ס: אין יאָר 1921 איז די צאָל טראַקטאָרס געווען 40 מיט אַ פערד־קראַפט פון 735; אין יאָר 1924 — 52 טראַקטאָרס מיט אַ פערד־קראַפט פון 1,318; אין יאָר 1926 — 113 טראַקטאָרס מיט אַ פערד־קראַפט פון 3,973.

ב ה מ ו ת. אין יאָר 1921 איז די צאָל רינדער געווען 108,500; אין יאָר 1926 — 181,221. דערפון 120,790 ארבעט־בהמות (אָקסן און קי) און 59,227 מילך־בהמות.

גאָר באַזונדערס וועט אונז אינטערעסירען די אנטוויקלונג פון די ל אַ נ ד־ו ו י ר ט ש אַ פ ט ל י כ ע א ר ב ע ט ע ר ־ י ש ו ב י ם. איבער די דאָזיגע אַנט־וויקלונג גיט אונז אַן אינטערעסאַנטען מאַטעריאַל דער דין וחשבון פונ׳ם „מרכז חקלאי" (ארויסגעגעבען צו דער לאַנדווירטש. קאָנפערענץ אין חיפה אָנהויב 1927), ווי אויך דער דין וחשבון פונ׳ם לאַנדווירטשאַפט־דעפּאַרטמענט פון דער ציונים־טישער אָרגאַניזאַציע צום 15טן קאָנגרעס אין באַזעל.

אינ׳ם יאָר 1926 האָבן די 8 ארבעטער־ישובים (נהלל, כפר יחזקאל, בן שמן, דגניה א׳, דגניה ב׳, גבע, מרחביה און גן שמואל) באַקומען זייער לעצטען חלק פון בודזשעט. די באַזידלונגס־קאָסטען אין די דאָזיגע ישובים האָבען באַטראָפען פאַר יעדע משפחה אין גבע און מרחביה צו 700 פונט און אין די איבעריגע ישובים צו 900 ביז 1000 פונט.

די פאָלגענדע טאַבעלע אינפאָרמירט אונז איבער די אנטוויקלונג פון די דאָזיגע אַרבעטער־ישובים.

מילך־הכנסות.

ישובים	1924	1925	1926
	ליטער פון יעדער ראסען־קי		
קרית ענבים	2029	2760	3225
גן שמואל	2050	2115	2480
דגניה א׳	3320	2660	2790
דגניה ב׳	2360	1770	2530

אין נהלל איז געשטיגען די מלוכה־הכנסה פון 1925 ביז 1926 פון 114,000 ליטער אויף 238,000 ליטער.

די גערעטעניש פון ווייץ האָט באַטראָפען אין די יאָרן 1924-25:

אין די ישובים	מינימום קילאָ	מאקסימום	א דורכשניט אויף יעדען העקטאַר	1925-26 דורכשניט
נהלל	780	2120	1270	1180
נגינגד	864	1963	1220	1000
מרחביה, מושב	700	1680	1050	——
מרחביה, קבוצה	——	——	1617	——
גבע	——	——	1520	800
עין חרוד	330	1850	1399	1450
תל יוסף	600	1430	980	620
כנרת	——	——	——	1300

די ברוטאָ הכנסות פון די אַרבעטער־ישובים זיינען געשטיגען אינ׳ם יאָר 1924—1925 מיט 20 פּראָצענט; אין יאָר 1925—1926 — מיט 30 פּראָצענט.

בעת אינ׳ם יאָר 1924 האָט נאָך קיין שום אַרבעטער־ישוב ניט געהאַט אויפ־צואווייזען וועלכען עס איז רוח (פון די מושבי עובדים זיינען אַזעלכע באַריכטען נישטאָ) — האָבען אינ׳ם יאָר 1925 שוין באוויזען אַפּצושליסן אָן דעפיציטען זייערע יאָר־באַלאַנסן די ווירטשאַפטן פון: גן שמואל, נגינגר, מרחביה און גבע, און אינ׳ם יאָר 1926 איז צו זיי צוגעקומען אויך דגניה, וועלכע האָט דאָס יאָר 1927 פאַרענדיגט מיט ריינעם ריוח פון 350 פונט שטערלינג.

נייע זידלונגען אין 1927.

נאָך א יאָרן־לאַנגער הפסק האָט מען אינ׳ם 7-1926 ווידער אָנגעהויבן צו באַזעצען 265 משפּחות אויף א שטח פון 36,500 דונאַם אויפ׳ן מזרח׳דיגען קישון־פּאַס. די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט אונז די נייע שטחים לויט׳ן זידלונגס־פּלאַן, — אויף וויפיל דער דאָזיגער פּלאַן איז אויסגעפירט געוואָרען ביז אין מיטען פון 1927.

ארבעטער מושבים:

מושבים	דונאַם	צאָל פון משפחות (מינימום פּלאַן)	דערווייליגע צאָל פון באַזעצטע נפשות
כפר יהושוע (מושב פון דער הסתדרות) —	7500	50	67
קבוצת שרונה — — — — — — — — — — —	2250	20	27
קבוצת השרון — — — — — — — — — — —	2250	20	26
קבוצת פינסק — — — — — — — — — — —	3700	30	22
קבוצת „אחוה" אין אחניפאַם — — — — —	2500	25	(*25

פאַרשיידענע מושבים:

מושבים	דונאַם	צאָל פון משפחות (מינימום פּלאַן)	דערווייליגע צאָל פון באַזעצטע
פון רומענער — — — — — — — — — — —		20	42
פון ספרדים — — — — — — — — — — —	12,000	20	87
פון מיטעלשטאַנד — — — — — — — — —		20	—
פון חסידים — — — — — — — — — — —	6000	60	120
פון הפועל המזרחי — — — — — — — — —	3000	25	30

די דאָזיגע נייע ישובים געפינען זיך אין דער ערשטער תקופה פון אנטוויקלונג און נאָר א טייל פון די זידלער האָבן זיך ביז איצט באַזעצט אויף דעם באָדן.

בכן קען מען קאָנסטאַטירען, אַז אינ'ם ווירטשאַפט־יאָר 1926־27 איז די לאַנד־ווירטשאַפט נישט נאָר ניט באַרירט געוואָרן פון קריזיס, נאָר סיי די נאַציאָנאַלע, סיי די פּריוואַטע אידישע לאַנדווירטשאַפט האָבן דאָס יאָר שטאַרק באַרייכערט זייערע בעלי־בתים, און אַרויסגעוויזן די לעבנספייאיגקייט פון דער לאַנד־אַרבעט (אָראַנזשען פּלאַנטאַציעס)

אינדוסטריעלע אנטוויקלונג.

דער פאַקט, וואָס דער קריזיס פונ'ם יאָר 1926־27 האָט אָנגערירט די הויפּט־יסודות פון דער אידישער ווירטשאַפט אין לאַנד נאָר אין א פאַרהעלטניסמעסיג קליי־נער מאָס, לאָזט זיך אויך פעסטשטעלן אין דער ארץ־ישראל'דיגער אינדוסטריע, וועלכע איז אין די יאָרן 1922—1925 גאַנץ באַדייטענד געשטיגן הגם די צאָל פון די ניי־געגרינדעטע אונטערנעמונגען איז נישט אַזוי גרויס, האָט די דאָזיגע אינדוסטריע (אחוץ די וואָס האָט א שייכות מיט דער בוי־טעטיגקייט) אין משך פון די קריזיס־יאָרן פונדעסטוועגן געקענט דערהאַלטן איר באַזיצשטאַנד. דאָס באַווייזט אונז די פאָלגענדע טאַבעלע, וועלכע גיט אַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל איבער תל־אביב.

אינדוסטריען :	סוף 1925: אונטערנעמונגען	סוף 1925: באשעפטיגטע	סוף 1925: דערפון לוינארבעטער	סוף 1926: אונטערנעמונגען	סוף 1926: באשעפטיגטע	סוף 1926: דערפון לוינארבעטער
בוי־אינדוסטריע — — — — — — —	36	572	467	46	353	215
מעטאל און עלעקטריציטעט — — —	21	319	229	19	262	205
האלץ־אינדוסטריע — — — — — —	16	271	183	12	182	100
לעבענס־מיטעל — — — — — — —	13	58	26	10	69	36
משקאות אינדוסטריע — — — — —	13	52	25	15	61	20
טעקסטיל אינדוסטריע — — — —	12	199	179	13	216	197
דרוקערייען — — — — — — — —	15	214	54	·25	243	83
קאנפעקציע און שיך — — — — — —	8	66	29	8	71	40
טאבאק, שוועבעלאך און שאכטלאך —	6	108	100	5	119	115
כעמישע פראדוקציע — — — — — —	5	18	10	3	11	6
זיסקייטען — — — — — — — —	3	123	112	5	120	109
גארבער — — — — — — — — —	3	32	22	3	22	7
פארשידענע — — — — — — — —	5	16	10	6	51	43
ס"ה — — — — — — —	156	2048	1446	170	1780	1170

די דאזיגע טאבעלע באווייזט די שטארקע ירידה פון אלע אינדוסטריען, וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער בוי־טעטיגקייט (בוי־מאטעריאל־פאבריקען, סטאלערייען און בוי־שלאסערייען). פון דער אנדערער זייט באמערקט זיך אבער א שטארקע שטייגערונג פון דער טעקסטיל־פאבריקאציע, וועלכע האט זיך אויך אנטוויקלט אינ'ם יאר 1927, ווי מיר זעהען דאס פון פאלגענדע ציפערען:

טעקסטיל אינדוסטרי אין תל־אביב.

אקטאבער 1925 : 199 ארבייטער אין 12 פאבריקען.
אקטאבער 1926 : 216 ארבייטער אין 13 פאבריקען.
מאי 1927 : 275 ארבייטער אין 17 פאבריקען.

במשך פון דעם יאר איז אויך געשטיגען די צאל פון די ארבעטער אין די דרוקע־רייען און טאבאק־פאבריקען. דער קאפיטאל־סכום האט זיך, אמת, פארקלענערט פון 586,557 פונט אויף 490,850 פונט, אבער די דאזיגע ירידה דארף מען נאר פארשרייבן אויפ'ן חשבון פון דער בוי־אינדוסטריע

קאפיטאל סכום.

א י ן ת ל - א ב י ב :

בוי אינדוסטריע : סוף 1925 — 148,180 פונט ; סוף 1926 — 32,780 פונט.
מעטאל־אינדוסטריע : סוף 1925 — 19,550 פונט ; סוף 1926 11,770 — פונט.

האָלץ־אינדוסטריע: סוף 1925 — 39,880 פונט; סוף 1926 — 32,650 פונט. דערפאַר אָבער איז געשטיגן די

טעקסטיל־אינדוסטריע: סוף 1925 — 43,270 פונט; סוף 1926 — 89,350 פ.

דרוקערייען: סוף 1925 — 34,575 פונט; סוף 1926 — 43,160 פונט.

אין ח י פ ה, וואו די אָרטיגע אינדוסטריע באַשעפטיגט קרוב צו 700 אַרבעטער, האָט זי איינגעהיט איר באַזיץ — אפילו ביי דער פאַבריקאַציע פון בוי־מאַטעריאַלן (צעמענט פאַבריק „נשר") דאָסזעלבע איז אויך ח אויף יפו און ירושלים.

בכלל האָט די אידישע אינדוסטריע באַשעפטיגט סוף 1926 אין 592 אונטערנע־מונגען פון גאַנצן לאַנד 5,711 מענטשן (אין 1925 — 4,894), דערפון 3.500 לוין־אַרבעטער.

פון דער צאָל 5,711 באַשעפטיגטע האָבען געאַרבעט:

אין 304 אונטערנעמונגען 1,088 פּערזאָן (ווייניגער ווי צו 6 פּערזאָן אין אַן אונטערנעמונג).

אין 243 אונטערנעמונגען 2,231 פּערזאָן (צווישען 7—25 אין אַן אונטערנעמונג).

אין 45 אונטערנעמונגען 2,302 פּערזאָן (צווישען 26—300 איי אַן אונטערנעמונג).

פון די דאָזיגע 45 גרעסערע אונטערנעמונגען געפינען זיך:

אין תל אביב — 20 מיט 914 באַשעפטיגטע (45 אַרבעטער דורכשניטליך צו יעדער אונטערנעמונג).

אין חיפה 8 מיט 673 באַשעפטיגטע (דורכשניטליך צו 84 אין אַן אונטערנעמונג).

אין יפו 9 מיט 432 באַשעפטיגטע (דורכשניטליך צו 48 אין אַן אונטערנעמונג).

אין ירושלים 8 מיט 283 באַשעפטיגטע (דורכשניטליך 33 אין אַן אונטערנעמונג).

פון דעם קאַפּיטאַל־סכום פון 1.8 מיליאָנען פונט (1925 — 1.6 מיליאָנען) וואָס איז געווען אינוועסטירט אין דער אידישער אינדוסטריע, קומען אויס 1.1 מיליאָן אויף די אויבן־דערמאָנטע 45 אונטערנעמונגען (10 אונטערנעמונגען פון דער בוי־אינדוסטריע, 9 פון דער לעבענס־מיטעל־אינדוסטריע, 7 פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, 7 אין דער דרוקעריי און פּאַפּיר־אינדוסטריע, 5 אין דער האָלץ־אינדוסטריע, 4 אין דער מעטאַל־אינדוסטריע, 2 אין דער לעדער־אינדוסטריע און 1 אין דער שוועבעלאַך אינדוסטריע).

דערפון ווידער זיינען אינוועסטירט געוואָרען:

661,200 פונט אין די 8 פאַבריקען פון חיפה.

258,760 פונט אין די 20 פאַבריקען פון תל אביב.

100,630 פונט אין די 9 פאַבריקען פון יפו.

70,140 פונט אין די 8 פאַבריקען פון ירושלים.

די דאָזיגע טאַבעלע ווייזט אָן אויף דער באַדייטונג פון חיפה אַלס די שטאָט פון קאָנצענטראַציע פון די גרעסערע אונטערנעמונגען. דאָרט געפינען זיך:

די צעמענט־פאַבריק „נשר" (די גרעסטע פאַבריק פון ארץ ישראל).

די אייל־פאַבריק „שמן".

די מיל־ און מצות־פאַבריק פון ראָטשילד'ן.

און אין דער סביבה ארום חיפה:

*) עס זיינען נאָך באַשעפטיגט געוואָרן צו נייער זידלונג דער קבוץ השומר הצעיר ב" — 30 נפשות און די קבוצה „עתיד" 20 נפשות.

די שוועבעלאַך־פאַבריק „נור" אין עכו.
די זאַלץ־פאַבריקען „עתלית".
די עקסטיל־פאַבריקען „ג׳ידה".

תל אביב איז ביז היינט געבליבען דער אָרט, וואו ס׳געפינען זיך די טעקסטיל־אינדוסטריע, שאָקאָלאַדען־פאַבריקען און א. וו. דאָ, ווי אויך אין יפו, זיינען אחוץ דעם פאַראַן מעבעל־פאַבריקען און סטאָלעריעס, אַלע מינים מעטאַל־פאַבריקען, די ציגאַרעטען־פאַבריקען פון די פירמעס „לובלינער" און „מאַספעראָ", די שאָקאָלאַדען־פאַבריקען „ליבער" און „נעם" און אַנדערע.

אין דעם דאָזיגען צוזאַמענהאַנג ווילען מיר נאָך אָנווייזען אויף דער דערפרייענדע וואוקס פון דער קאָאָפּעראַטיווער אינדוסטריע פון דער אַרבעטערשאַפט גופא. דער דאָזיגער צווייג פון געגאָסענשאַפטליכער פּראָדוקציע האָט זיך אין די לעצטע יאָרען אַנטוויקעלט אָן יעדער אונטערשטיצונג מצד די אַלגעמיינע נאַציאָנאַל־פאָנדען (קרן היסוד) און איז דורך דער אייגענער אַרבעטער־איניציאַטיוו אויסגעוואַקסען צו אַ באַדייטענדען פאַקטאָר. די איינציגע אונטערשטיצונג, וועלכע די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע האָט באַקומען איז געווען מצד דעם פּאַלעסטינאַ אַרבעטער־פאָנד און אַרבעטער־באַנק און פון אַנדערע באַנקען, וועלכע האָבען איר נאָר געגעבען קורץ־טערמיניגע קרעדיטען. 74 פּראָצענט פון די אינוועסטירטע קאַפּיטאַלען האָבען געמוזט די קאָאָפּעראַטיוו־חברים פון זיך אַליין צונויפברענגען. דאָס איבעריגע איז געקומען הויפּטזעכליך פון געווערקשאַפטען־קאַמפּיין.

די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַטיוו־אינדוסטריע אין די לעצטע יאָרען:

אין 1923:	צאָל קאָאָפּעראַטיוועןn — 17;	צאָל באַשעפטיגטע — 207.
אין 1924:	צאָל קאָאָפּעראַטיוועןn — 23;	צאָל באַשעפטיגטע — 353.
אין 1925:	צאָל קאָאָפּעראַטיוועןn — 23;	צאָל באַשעפטיגטע — 675.
אין 1926:	צאָל קאָאָפּעראַטיוועןn — 67;	צאָל באַשעפטיגטע — 820.
אין 1927:	צאָל קאָאָפּעראַטיוועןn — 67;	צאָל באַשעפטיגטע — 67.

מיר זעהען בכן אַ שטענדיגען וואַקסען פון די קאָאָפּעראַטיוועןn זייט 1925, און טאַקע באַזונדערס אין די יאָהרען 1926 און 1927.

די קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע איז ביים היינטיגען טאָג שוין מפרנס מער ווי 2,000 משפחות אין לאַנד. די צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען איר באַשעפטיגט, באַטרעפט 25 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער לוין־אַרבעטערשאַפט אין די פאַבריקען.

אין מיטען פון 1927 איז אין די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון געווען באַשעפטיגט פאָלגענדע צאָל אַרבעטער: ביי מעטאַל אַרבעט — פון 20 ביז 135 אַרבעטער; האָלץ־אַרבעט — פון 8 ביז 144 אַרבעטער; בוי מאַטעריאַל — פון 7 ביז 56 אַרבעטער; לעדער — פון 6 ביז 36 אַרבעטער; קליידער — פון 6 ביז 32 אַרבעטער; טראַנספּאָרט — פון 6 ביז 230 אַרבעטער; וועשערייען — פון 6 ביז 18 אַרבעטער; דרוקערייען — פון 3 ביז 112 אַרבעטער; בעקערייען — פון 3 ביז 14 אַרבעטער; אַרבעטער קיכען — פון 3 ביז 13; אינסטאַלאַציע — פון 2 ביז 11; פריזיר־אַנ־

שטאָלטען — פון 2 ביז 7; פיש — פון 2 ביז 10; איבערזעצונגס־ביוראָס — פון 1 ביז 3; פאַבריקאַציע פון הינער־ערנערונג — פון 1 ביז 4; פאַבריקאַציע פון שפּירט — פון 1 ביז 4 אַרבעטער.

פון די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיווען האָבען זיך געפונען: אין תל אביב 37; אין חיפה 2; אין ירושלים 4; אין עכו 4; אין עפולה 4; אין טבריה 2; אין פתח תקוה 5; אין חדרה 2; אין ראשון לציון 1.

דער אַלגעמיינער קאַפּיטאַל האָט באַטראָפען — 24,970 פונט.
די פּראָדוקציע פון אַ יאָר האָט באַטראָפען — 168,216 פונט.
דער אַרבעט־לוין פון אַ יאָר האָט באַטראָפען — 126,840 פונט.

אינטערעסאַנט זיינען אויך עטליכע צאָלען איבער דער פּאַרטיילונג פונ׳ם אַרבעט־לוין אין די קאָאָפּעראַטיווען. דאָס הייסט — לויט וועלכען פּרינציפּ צאָהלט דער קאָאָפּעראַטיוו די שכירות זיינע חברים — לויט׳ן פּרינציפּ פון דער משפחה־גרויס, פּראָדוקטיוויטעט, פאַכקענטעניש א. א. וועגן דעם האָבן מיר פאָלגנדע ידיעות:

לויט דער משפחה־צאָל — 10 קאָאָפּעראַטיווען; לויט דעם פאַך אַרבעט — 12 קאָאָפּעראַטיווען לויט דער משפחה־צאָהל און פאַך־אַרבעט — 15 קאָאָפּעראַטיווען; פולער און גלייכער לוין, נישט נעמענדיג אין באַטראַכט נישט די משפחה־צאָל און נישט דעם פאַך אַרבעט — 30 קאָאָפּעראַטיווען; שטיק־אַרבעט לויט דער פּאַרטיג געמאַכטער צאָל — 9 קאָאָפּעראַטיווען.

דער גרעסטער חלק פון די באַשעפטיגטע אין די קאָאָפּעראַטיווען זיינען שטענדיגע חברים. זייט ביים ועד הפועל פון דער הסתדרות האָט זיך געבילדעט דער צענטראַלער סעקרעטאַריאַט פאַר קאָאָפּעראַציע האָט זיך אויף דעם דאָזיגען געביט זעהר אַ סך פאַרבעסערט. אַזוי האָט למשל באַטראָפען די צאָל חברים פון די קאָאָפּעראַטיווען אין תל אביב:

אין פרילינג 1926: חברים — 75 פּראָצענט; צייטווייליגע אַרבעטער — 17 פּראָצענט; לערען־אינגלאַך — 8 פּראָצענט.

אין זומער 1926: חברים — 81 פּראָצענט; צייטווייליגע אַרבעטער — 13 פּראָצענט; לערען־אינגלאַך — 6 פּראָצענט.

אין זומער 1927: חברים — 91 פּראָצענט; צייטווייליגע אַרבעטער — 5 פּראָצענט; לערען־אינגלאַך — 4 פּראָצענט.

ס׳איז כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז אַ גרעסערער טייל פון די מעטאַל־ און האָלץ־קאָאָפּעראַטיווען, וואָס האָבען נאָך אין יאָר 1925 געאַרבעט פאַר דער בוי־טעטיגקייט, האָבען פאַרשטאַנען און באַוויזען אין משך פון לעצטען יאָר זייער פּראָדוקציע צו איבעראַנדערשען און פּראָדוצירען היינט לאַנדווירטשאַפטליכע כלים, אַקעראייזען, הינערשטאַלען א. ז. וו.

בוי־טעטיגקייט.

די פאָלגענדע טאַבעלע כאַראַקטעריזירט דעם שנוי, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מצב פון דער בוי־טעטיגקייט.

אין יאָר 1925 זיינען אַרויסגעגעבען דורך די שטאָדט־פאַרוואַלטונגען און רעגיסטרירט געוואָרען אין תל אביב — 2818 בוי־קאָנצעסיעס אין דעם ווערט פון

1,436,000 פונט; ירושלים — 527 בוי־קאָנצעסיעס אין ווערט פון 226,936 פונט; חיפה — 514 בוי־קאָנצעסיעס אין ווערט פון 111,100 פונט.

אין יאָר 1926: תל אביב — 1,061 בוי־קאָנצעסיעס אין ווערט פון 270,000 פונט; ירושלים — 904 בוי־קאָנצעסיעס אין ווערט פון 393,449 פונט; חיפה — 580 בוי־קאָנצעסיעס אין ווערט פון 156,003 פונט.

פאַר חיפה און ירושלים זיינען נישט פאַראַן קיין באַזונדערע סטאַטיסטישע ידיעות איבער אידישע און אַראַבישע בנינים. דאָך קען מען זיך משער זיין, אז די ידיעות איבער אידישע און אַראַבישע בנינים. דאָך קען מען זיכער פעסטשטעלען, אַז די אידישע בוי־טעטיגקייט האָט זיך אינ׳ם יאָר 1926 אין די דאָזיגע שטעדט נישט געענדערט. דערפאַר אָבער איז געשטיגען די אַראַבישע בוי־טעטיגקייט.

לויט דעם באַריכט פון דער רעגירונג — זיינען אינוועסטירט געוואָרן אין אַלע איבעריגע שטעט, אחוץ תל אביב (דערפון חיפה, ירושלים, טבריה מיט אידישער באַטעטיגונג): אין 1925 — 559,487 פונט; 1926 — 842,641 פונט.

דער יעהרליכער בוי־שטח אין תל־אביב האָט זיך פאַרקלענערט פון 239,578 קוואַדראַט מעטער אין 1925 ביז 54,010 קוואַדראַט מעטער אין 1926, און אינ׳ם יאָר 1927 האָט ער זיך נאָך מעהר פאַרקלענערט.

אין דער זעלבער צייט איז ער געשטיגען אין ירושלים.

טוריסטיק און פאַרקער.

מיר ווילען זיך נאָך אָפּשטעלען אויף דער אנטוויקלונג פון אַ ווירטשאַפטס־צווייג, וואָס האָט אַלס אַ ווירטשאַפטס־פאַקטאָר — ביי דער פּאַסיוויטעט פון די באַלאַנצען — נישט קיין קלענערע באַדייטונג. דאָס איז די טוריסטיק.

די צאָל טוריסטען, וואָס האָבען באַזוכט ארץ־ישראל, זיינען אינ׳ם יאָר 1926, נישט קוקענדיג אויפ׳ן קריזיס, גרעסער געווען ווי אין 1925:

אין 1925 — 55,000 טוריסטען; אין 1926 — 62,000 טוריסטען.

עס זיינען אָבער אריינגערעכענט געוואָרען אַלס טוריסטען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אריינגעקומען צוליב האַנדעלס־צוועקען פון די ארומיגע לענדער.

די צאָל אידישע טוריסטען איז שווער פּינקטליך אָפּצושאַצען. דאָך איז די צאָל אידישע טוריסטען אַ סך גרעסער. אויב מען נעמט אין באַטראַכט דעם מינימום־סכום פון 25 פונט, וואָס יעדער טוריסט האָט אויסגעגעבען אין לאַנד, נעמען זיך דערפון צוזאַמען פון 1.3 ביז 1.5 מיליאָן פונט אַ יאָר.

שיפספאַרקער.

די צאָל שיפען וואָס זיינען אריינגעפאָרען אין די ארץ־ישראל׳דיגע פּאָרטען האָבען באַטראָפען:

אין יאָר 1924: 605 דאַמפשיפען פון 1,329,575 טאָן, און 1,521 זעגעל־שיפען פון 24,266 טאָן.

אין יאָר 1925: 754 דאַמפשיפען פון 1,831,619 טאָן, און 1,718 זעגעל־שיפען פון 27,423 טאָן.

אין יאָר 1926: 712 דאמפשיפען פון 1,580,540 טאָן, און 1,939 זעגעל־שיפען פון 34,094 טאָן.

דורך דער פארקלענערטער עליה אינ'ם יאָר 1926 איז בכן אויך קלענער געוואָרען די צאָל אריינקומענדע דאמפשיפען.

באַן־פאַרקער.

דער באַן־נעץ דערגרייכט ביים היינטיגען טאָג:

אין ארץ ישראל — — — — — — — — — —	472,714	קילאָמעטער
די סיני־באַן — — — — — — — — — — —	243,120	"
די חג'אז באַן (א"י) — — — — — — — — —	242,586	"
אין עבר הירדן — — — — — — — — — —	447,288	"
ס"ה — — — — — — — — — — — — —	1,405,708	קילאָמעטער

אויטאָמאָביל פאַרקער.

אין א"י געפינען זיך היינט מער פון 1700 אויטאָמאָבילען. 1300 טוריסטען־אויטאָס, 300 משא־אויטאָס, 300 שטאָטישע פאַרקערס־וועגען (אין ירושלים, חיפה און תל אביב), אחוץ דעם 160 מאָטאָציקלעטען. אריינגעבראכט געוואָרען אין לאַנד זיינען: אין יאָר 1924 — 318 אויטאָמאָבילן, אין יאָר 1925 — 508 אויטאָמאָבילן און אין יאָר 1926 — 767 אויטאָמאָבילען. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע אויטאָמאָבילען קומען פון אמעריקע. ערשט אין 1926 איז אויך געשטיגען די צאָל אויטאָס וואָס זיינען אריינגעקומען פון איטאַליען און ענגלאנד.

פּאָסט.

אינ'ם יאָר 1926 זיינען ערלעדיגט געוואָרן: 11,496,000 בריוו, 737,000 פּאָסט־ און טעלעגראַפען־פאַרקער געשטיגען מיט 17 פּראָצענט.

די צאָל אנגעגעבענע טעלעגראַמעס איז געשטימען מיט 25 פּראָצענט. די צאָל טעלעפאָן־באזיצער — מיט 10.5 פּראָצענט.

אינ'ם יאָר 1926 זיינען ערלעדיגט געוואָרען: 11,496,000 בריוו, 737,000 פּאָסט־קאַרטלאך, 4,410,574 דרוק־זאכען, 185,115 פעקלאך, 306,024 טעלעגראַמעס, 557,870 טעלעפאָן־געשפּרעכען, 10,000,000 אָרטיגע טעלעפאָן־געשפּרעכען.

דער אנטייל פון די אידן אין דעם דאָזיגן פאַרקער איבערשטייגט אין אַ גאַר הויכער מאָס זייער פּראָפּאָרציע צו דער אַלגעמיינער באפעלקערונג. (דאָס באַווייזט בולט דער אנטייל פון תל אביב און אנדערע אידישע פּונקטען אינ'ם אַלגעמיינעם פּאָסט־פאַרקער).

אַנטוויקלונג פון שול־וועזן.

אין דעם „ארבעטער אַלמאנאך" 1927 געפינט זיך אַן אויספירליכער סטאַטיסטישער באריכט איבער'ן אַלגעמיינעם אידישען שול־ווערק, אויף ווי ווייט ער איז

אונטערוואָרפען דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. מיר וועלען זיך דאָ באַנוגענען דער־מיט, וואָס מיר וועלען צוגעבען איייניגע נייע ידיעות.

לויט אַ באַריכט פון דער רעגירונג זיינען געווען אין ארץ ישראל אין 1927 פאָל־גענדע ערציהונגס־אַנשטאַלטען :

צאָל פון שולען : רעגירונגס־שולען 314 ; ניט־רעגירונגס שולען — אידישע 255, מאַכמעדאַנישע 45, קריסטליכע 183. צוזאַמען — 798 שולען.

צאָל פון די שילער :

אידען — אין די רעגירונגס־שולען 17 ; אין די אידישע שולען 26,386 ; אין די מאַכמעדאַנישע 2 ; אין די קריסטליכע 445. צוזאַמען 26,850 אידישע שילער.

מאַכמעדאַנישע שילער : אין די רעגירונגס־שולען 17,109 ; אין די אידישע שולען 71 ; אין די מאַכמעדאַנישע שולען 3,426 ; אין די קריסטליכע שולען 1,727. צוזאַמען 22,333 מאַכמעדאַנישע שילער.

קריסטליכע שילער : אין די רעגירונגס־שולען — 2,174 ; אין די אידישע שולען 24 ; אין די מעכמעדאַנישע — 17 ; אין די קריסטליכע — 13,893. צוזאַמען 16,108.

דרוזען : אין די רעגירונגס־שולען — 437 ; אין די קריסטליכע שולען — 80. צוזאַמען — 517 דרוזישע שילער.

די שילער לויט׳ן געשלעכט : אין די רעגירונגס־שולען — 16,146 אינגלאַך און 3,591 מיידלאַך ; אין די אידישע שולען — 14,207 אינגלאַך און 12,274 מיידלאַך ; אין די מאַכמעדאַנישע שולען — 3,005 אינגלאַך און 440 מיידלאַך ; אין די קריסט־ליכע שולען — 8,639 אינגלאַך און 7,506 מיידלאַך. ס״ה 41,997 אינגלאַך און 23,811 מיידלאַך.

צאָל לערער : אין די קריסטליכע שולען — 687 ; אין די אידישע שולען — 1,145 (805 מענער, 340 פרויען) ; אין די מאַכמעדאַנישע שולען — 140 (118 מענער, 22 פרויען) ; אין די קריסטליכע שולען — 866 (405 מענער, 416 פרויען). צוזאַמען 2,338 לערער.

די דאָזיגע סטאַטיסטיק ווייזט, אַז כמעט אַלע אידישע קינדער באַזוכען שולען אין דער צייט ווען פון די אַראַבישע, ספּעציעל פון די מאַכמעדאַנישע קינדער, באַזוכט די שולן נאָר אַ קליינער טייל און באַזונדערס די מיידלאַך.

די אידישע שולען ווערען אויסגעהאַלטען און אונטערשטיצט :

דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — 142 שולען מיט 15,671 שילער ; דורך דער הסתדרות העובדים — 35 שולען מיט 1503 שילער ; תלמוד תורה׳ס — 28 מיט 3,172 שילער ; אגודת ישראל — 9 שולען מיט 883 שילער ; אַליאַנס — 8 שולען מיט 2,942 שילער ; אַמעריקאַניש־אידישע געזעלשאַפט — 1 שול מיט 502 שילער ; פּריוואַטע שולען — 22 שולען מיט 945 שילער ; פאַרשיידענע שולען — 10 שולען מיט 768 שילער.

די צאָל פון די שולען און קינדער־גערטנער, וואָס שטייען אונטער דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אין די לעצטע יאָרען אַנטוויקעלט אויף פאָלגענדען אופן :

אין 1926 : קינדער־גערטנער מיט 3,038 קינדער ; עלעמענטאַרע שולען 10,770 ;

טעכנישע שולען — 1,365; לערער־סעמינאַרען — 293; פאַך־שולען — 552; פאַר־שיידענע שולען 217. בס"ה — 16,243 שולען.

אין 1927: קינדער־גערטנער — 3,442; עלעמענטאַרע שולען 12,679; טעכנישע שולען — 1,261; לערער־סעמינאַרען — 466; פאַך־שולען — 520; פאַרשיידענע שולען — 165. בס"ה — 18,593 שולען.

איבער די שולען וואָס געהערען דירעקט צו דער אַרבעטערשאַפט און זייער אַנטוויקלונג וועלען מיר ריידען אין פּרק פון די „הסתדרות"־אינסטיטוציעס.

די אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטערשאַפט אין יאָר 1926־1927.

אַלגעמיינע אַנטוויקלונג, אַרבעטערשאַפט און קריזיס.*)

איבער דער אַנטוויקלונג פון דער ארץ ישראל'דיגער אַרבעטערשאַפט ביז 1925 איז שוין געווען באַריכטעט אין אַרבעטער־אַלמאַנאַך פון 1927. דער שנוי אין דער ווירטשאַפטס־לאַגע האָט טיף אַנגערירט די אַרבעטערשאַפט. מיר האָבן שוין באַריכטעט וועגן די ענדערונגען אין דער איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג און אויך וועגן דעם פּאַרנעם פון דער אַרבעטסלאָזיגקייט. דאָס פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיגקייט און איר באַקעמפונג זיינען געשטאַנען אין מיטל־פּונקט פון די ענינים פון דער הסתדרות העובדים. דורכ'ן דרוק אויף דער רעגירונג און ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זעלבסטהילף דורך פאַרטיילונג פון אַרבעט און דאָס צונויפברענגען מיטלען פון דער אַרבעטערשאַפט גופא, פאַרטיילונג פון אַרבעטסלאָזן־אונטערשטיצונג און אויך אויס־אַרבעטן פון פּלענער כדי צו ברענגען צו אַ פאַרלייכטערונג און פאַרענדערונג פון דער לאַגע, איז געלונגען אין זומער 1927 צו פאַרווירקליכן דעם אַרבעטס־פּלאַן פון דער הסתדרות. דורכדעם איז די צאָל אַרבעטסלאָזע פאַרקלענערט געוואָרן פון 8,000 אין יוני ביז 4,500 אין סעפּטעמבער 1927.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די לייסטונגען פון דער ארץ ישראל'דיגער אַרבעטערשאַפט גופא ביים באַקעמפען די אַרבעטסלאָזיגקייט.

לויט אַ באַשלוס פון דער הסתדרות האָ טמען אַלע מעגליכע אַרבעטען געמוזט פאַרטיילען צווישען די שטענדיגע אַרבעטער און די אַרבעטסלאָזע. דאָס האָט געגעבען די אַרבעטסלאָזע אין תל אביב במשך 1926־27 — 23,500 אַרבעטס־טעג; אין חיפה אין 1926 — 11,500; אין טבריה — 8,000. אויסער דעם פּלעגט דאָס אַרבעטס־ביוראָ, וואו עס איז נאָר מעגליך געווען פאַרגרעסערען אין **פאַרשיידענע** אַרבעטס־פּלעצער די צאָהל אַרבעטער, ווי אויך געשאַפען נייע אַרבעטס־מעגליכקייטען פאַר ווייטערדיגע אַרבעטער.

אויף דעם אופן זיינען אין תל־אביב געשאַפען געוואָרען 20,900 אַרבעטס־טעג, אין חיפה 500, אין טבריה 700. פו די שטענדיגע באַשעפטיגטע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, וואו ס'האָט ניט געקאָנט פאָרקומען קיין אַרבעטס־פאַרטיילונג, זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אַרבעטס־טעג אין פאָרם פון געלט (פון אַן אונפאַרהייראַטן — 4 טעג אין

---

*) גענויע ידיעות וועגען אַט דעם וויכטיגסטען אַרבעטער־קאַמף און טעטיגקייט אין א"י פאַר די קריזיס־יאָרען 1925—1927 רעקאָמענדירען מיר צו זעהן אין דעם באַריכט פון דער הסתדרות צו דער דריטער קאָנפערענץ פון די ארץ ישראל אַרבעטער, וואָס איז ערשינען זומער 1927 — די רעדאַקציע.

מאָנאַט און פון אַ פאַרהייראַטען — 2 טעג אַ מאָנאַט). אויף דעם אופן איז אין משך פון 10 מאָנאַטען 1926־27 צונויפגעקליבען געוואָרען אין תל אביב 4,500 פונט, אין חיפה — 2,200 פונט, אין ירושלים — 1,400 פונט, אין טבריה — 54 פונט. בס"ה האָט די אַרבעטערשאַפט אויף דעם אופן צונויפגעבראַכט *) 35,000 פונט צו באַשאַפען אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע מיט אייגענע מיטלען.

צו דערקענען אויסערליך די לאַגע פון דער אַרבעטערשאַפט זיינען דאָ 3 סמנים: דאָס וואַקסען פון דער אָרגאַניזאַציע, די צאָל פון אַרבעטס־סכסוכים און די הויך פון לוין.

דער וואוקס פון דער אַרבעטערשאַפט.

די אַרבעטער־ציילונג פון 1 סעפּטעמבער 1926 האָט געוויזען אַז די צאָל פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל האָט באַטראָפען צו דעם טאָג 31,836 אַנטקעגען 16,608 סוף 1922. אין משך פון יאָר 1926־27 האָט זיך די צאָל ניט באַדייטענד געענדערט ווייל אפילו אַנטקעגען דער באַשרענקטער איינוואַנדערונג איז געווען אויך אַן אויסוואַנדערונג פון קרוב 700 אַרבעטער.

פון דער אַלגעמיינער צאָל פון דער אַרבעטערשאַפט האָבען זיך געפונען: אין די לאַנדווירטשאַפטליכע פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס 5,313 אַרבעטער; אין די לאַנדווירט־שאַפטליכע אַרבעטער־קאָלאָניעס — 3,061 אַרבעטער; אין די שטעט — 23,462.

די צאָל פון די חברים פון דער הסתדרות האָט באַטראָפען:

אָנהויב 1925: אין די שטעט — 9,275; אין די פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס — 3,700; אין די לאַנדוו. אַרב. קאָלאָניעס — 2,300; בס"ה — 15,275.

אָנהויב 1926: אין די שטעט — 13,569; אין די פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס — 3,500; אין די לאַנדוו. אַרב. קאָלאָניעס — 2,519. בס"ה — 19,628..

אָנהויב 1927: אין די שטעט — 15,235; אין די פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס — 4,200; אין די לאַנדוו. אַרב. קאָלאָניעס — 2,963. בס"ה — 22,538.

די השפעה פון דעם קריזיס האָט זיך באַמערקט אין דעם, וואָס די צאָל פון די אַרבעטער אין משך פון יאָר 1927 איז מער ניט געשטיגען. אין די פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס, למשל, איז די צאָל פאַרקלענערט געוואָרען (ס'זיינען נאָך ניט פאַראַן קיינע אַפּשלום־צאָלען).

אין די אַרבעטער־קאָלאָניעס איז די צאָל אָבער גרעסער געוואָרען צוליב דער נייער קאָלאָניזאַציע אין יאָר 1927 און דער אינטענסיווירונג פון דער לאַנדווירט־שאַפט.

די אַלגעמיינע צאָל פון די אַרבעטער מיט די פרויען און קינדער איז געווען 43,960, וועלכע זיינען געווען פאַרטיילט אויף פאָלגענדען אופן:

---

*) פאַר אָט דעם געלד זיינען געבויט געוואָרען פאַרשידענע בנינים און אונטערגענומען געוואָרען פאַרשידענע אַרבעטען אויף כל'ערליי געביטען. דעם ערשטען מאַי 1927 האָט זיך אין חיפה פייערליך געעפענט די אַרבעטער־היים און דער גרויסער אַמפיטעאַטער, וואָס איז טאַקע געבויט הויפּטזעכליך דורך אָט די אַרבעטס־טעג. אַ חלק פון זיי ליגט אויך אין בנינים פון קופּת־חולים, פון דער ביבליאָטעק פון ועדת התרבות, אין אַ רייה ביכער־אויסגאַבען א. א. — רעדאַקציע.

אונפאַרהייראַטע אַרבעטער 12,474; אונפאַרהייראַטע אַרבעטערינס 3,206; פאַר־הייראַטע אַרבעטער און אַרבעטערינס 15,874; אַלמנות, גע׳גט׳ע און אַנדערע איינציגע 282; קינדער 10,594; אַנדערע אָפּהענגיגע 1,260. בס״ה — 43,690 נפשות.

עס איז כדאי צו באַמערקען דעם פאַקט, וואָס די צאָל פון די אונפאַרהיי־ראַטע אַרבעטער איז כמעט 4 מאָל אַזוי גרויס ווי די צאָל פון די אונפאַרהייראַטע אַרבעטערינס. דאָס ערקלערט זיך מיט דער קלענער צאָל איינגעוואַנדערטע אַר־בעטערינס.

די אַרבעטער־ציילונג האָט געגעבען מאַטעריאַל אויך איבער דער פאַמיליע־צוזאַ־מענזעצונג און עלטער פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל.

משפחות אָן קינדער — 3,123 (וואָס מאַכט אויס 38 פּראָצענט); משפחות מיט 1 קינד 2,255 (27.5 פּראָצענט); משפחות מיט 2 קינדער — 1,374 (16.7 פּראָצענט); משפחות מיט 3—4 קינדער — 1,163 (14.2 פּראָצענט); משפחות מיט 5—6 קינ־דער — 219 (2.6 פּראָצענט); משפחות מיט מער ווי 6 קינדער — 85 (1 פּראָצענט).

עס איז צו באַמערקען, אַז דער גרעסטער פּראָצענט פון פאַרהייראַטע אָן קינדער איז אין די פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס, וואו עס געפינען זיך דאָס רוב אינגערע אַרבעטער (42.3 פּראָצענט) און קבוצים; דאַן קומען די שטעט (38.2 פּראָצענט), און דער נידע־ריגסטער פּראָצענט פון די קינדערלאָזע משפחות איז אין די „מושבי עובדים" (31.2 פּראָצענט). פאַרהייראַטע מיט מערערע קינדער (2 קינדער און מער) זיינען דאָ אין די „מושבי עובדים" 44.6 פּראָצענט, אין די שטעט און פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס 17.2 פּראָצ., אין די קבוצים און קבוצות 14 פּראָצענט. אין די דאָזיגע צאָלען דריקט זיך אויס דער אונטערשייד אין עלטער פון דעם מענשען־מאַטעריאַל אין די „מושבי עובדים" און קבוצות **). אויף יעדע 3 פאַמיליען זיינען אין די פּריוואַט־ווירטשאַפטליכע פּלאַנטאַציע־ישובים געווען 12 אונפאַרהייראַטע אַרבעטער, אין די קבוצות — 6, אין די שטעט — 5, אין די מושבי עובדים — 3.9.

די פאָלגנדע ציפערן ווייזן די טיילונג פון דער אַרבעטערשאַפט לויט׳ן עלטער:

פון 16 ביז 18 יאָר — 6.7 פּראָצ.; 19—20 יאָר 11.7 פּראָצ.; 21—23 יאָר — 11.9 פּראָצ.; 24—25 יאָר — 15 פּראָצ.; 26—30 יאָר — 22.7 פּראָצ.; 31—35 — 8.6 פּראָצ.; 36—40 יאָר — 5.3 פּראָצ.; 41—45 יאָר — 2.5 פּראָצ.; 46—50 יאָר — 2.1 פּראָצ.; 51—60 יאָר — 2.2 פּראָצ.; עלטער ווי 60 יאָר 1.3 פּראָצענט.

68 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער זיינען אַלט אונטער 30 יאָר (אין 1922 האָט דער דאָזיגער פּראָצענט באַטראָפען 76.4).

אַרבעטער־באַשעפטיגונג.

פון אַ גרויסן אינטערעס איז די פאָלגנדע טאַבעלע, וועלכע ווייזט די פּראָ־פעסיעס פון די אַרבעטער פאַר און נאָך זייער איינוואַנדערונג. (אין אַלמאַנאַך 1927 איז פאַרעפענטליכט די אַנטשפּרעכענדע טאַבעלע לויט דער ציילונג פון 1922).

**) אין די מושבים זיינען דאָך פאַקטיש אריינגעטראָטען די עלטערע לאַנד־אַרבעטער, בשעת די קבוצה האָט געשפּילט די גרעסטע ראָל ביים אריינבעמען די דריטע חלוצישע עליה.

די רעדאַקציע.

	אַבסאָלוטע צאָלען		אין פּראָצענטען	
	פאַר דער אײנוואַנדערונג	נאָך דער אײנוואַנדערונג	פאַר דער אײנוואַנדערונג	נאָך דער אײנוואַנדערונג
לאַנדווירטשאַפט און גערטנעריי *) — —	2149	5331	7.2	17.8
בוי־אינדוסטריע — — — — — — —	459	2691	1.6	8.9
עפענטליכע אַרבעטען — — — — — — —	403	6117	1.4	20.4
טעקסטיל אינדוסטריע און קאָנפעקציע —	1931	1365	6.5	4.5
מעטאַל און עלעקטרישע אינדוסטריע — —	1664	1538	5.6	5.2
האָלץ־אינדוסטריע — — — — — — —	1034	1174	3.5	3.9
טראַנספּאָרט — — — — — — — — —	98	644	0.3	2.2
ערנערונגס־אינדוסטריע — — — — — —	399	570	1.3	1.9
פּאַפּיר און דרוקעריי — — — — — —	257	335	0.9	1.1
אָנגעשטעלטע — — — — — — — — —	1427	1488	4.5	4.9
אונטעררייכטס־פּערזאָנאַל — — — — —	812	452	2.4	1.5
סאַניטאַר־פּערסאָנאַל — — — — — —	450	520	1.5	1.8
פרייע באַרופען — — — — — — —	260	314	0.9	1.1
פאַרשיידענע — — — — — — — — —	130	365	0.5	1.2
הענדלער — — — — — — — — — —	764	——	2.6	—
שילער — — — — — — — — — —	3125	94	10.4	0.3
אַרבעטס־געבער — — — — — — — —	21	——	0.1	—
הויז־אַרבעט — — — — — — — —	252	117	0.9	3.1
האָבען ניט געענטפערט — — — — — —	14,346	5866	47.9	19.6
בס"ה — — — — — — — — —	29981	29981	100	100

די טאַבעלע באַווייזט בולט ווי אַזוי אינטענסיוו עס איז אין ארץ־ישראל דער איבערגאַנג פון „פרייע" און „לייכטערע" פּראָפעסיעס צו הויפּט־אַרבעטען אין לאַנד ביים אויפבוי, ווי לאַנד־ווירטשאַפט, בוי־אַרבעט און עפענטליכע אַרבעטען. אויב מען זאָל ניט נעמען אין באַטראַכט די פאַרהייראַטע פרויען וואָס זיינען באַשעפטיגט נאָר אין שטוביגע אַרבעט (וואָס זיינען אַריין אין רובריק פון די ניט געענטפערטע) וועט אויסקומען אַז די וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דער לאַנדווירטשאַפט דערגרייכען ביז 25 פּראָצענט.

בס"ה זיינען 67 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער באַשעפטיגט אין לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, האַנדווערק (און אויב מיר וועלען ניט נעמען אין באַטראַכט די וואָס זיינען

*) גענויע טאַבעלען איבער פּראָפעסיע אין אויסלאַנד און אין לאַנד, געשלעכט, אַר־בעטס־פּלאַץ א. אַ. וו. זעה די טאַבעלען 4—10 אין דעם באַריכט: „המפקד השני של העובדים העברים בארץ ישראל" (כ"ב אלול תרנ"ו—1ספּטעמבער 1926). —די רעדאַקציע.

נאָר באַשעפטיגטע אין שטוביגע אַרבעט — זיינען עס 86 פּראָצענט), אין דער צייט ווען אין גלות זיינען נאָר 28.8 פּראָצענט באַשעפטיגט אין די דאָזיגע פּראָדוקטיווע צווייגען. ד. ה. אַז 38.3 פּראָצענט זיינען אין ארץ־ישראל אַריבער צו פּראָדוקטיווע אַרבעט.

פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען פון דער הסתדרות.

פון די 22,538 מיטגלידער פון דער הסתדרות האָבען געהערט (1927) צום לאַנד־ווירטשאַפטליכען אַרבעטער־לאַנדעספאַרבאַנד — 7,276 אַרבעטער; צום בוי־אַרבעטער־פאַרבאַנד — 4,891 אַרבעטער; צום אָנגעשטעלטען פאַרבאַנד — 1,133 אַרבעטער; אייזענבאַנער (אויסער 422 אַראַבישע אַרבעטער) — 345 אַרבעטער; 40 לאָקאַלע געווערקשאַפטען (שניידער, בעקער און שוסטער) — 4,638 אַרבעטער; פאַבריק־אַרבעטער (אחוץ די אַרבעטער אָרגאַניזירט אין אַנדערע פּראָפ. פאַראיינען) — 705 אַרבעטער; פאַרשיידענע פאַרבאַנדען און גרופּען — 700 אַרבעטער; איינצעלנע אַרבעטער (אין ערטער, וואו צוליב דער קליינער צאָל זיינען ניט פאַראַן קיין פאַראיינען) — 2,950 אַרבעטער. בס"ה — 22,538 אַרבעטער.

70.8 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער אין לאַנד זיינען אָרגאַניזירט אין דער הסתדרות (אין 1927 זיינען געווען נאָר 55.5 פּראָצענט); אין די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבעטער־ישובים 96.8 פּראָצענט; אין די פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס — 80 פּראָצענט; אין די שטעט — 65.3 פּראָצענט. כמעט אין אַלע פאַך־צווייגען זיינען אָרגאַניזירט 71.9 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער און 67.9 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטערינען; אין דער לאַנדווירטשאַפט — 97.1 פּראָצענט; אין די איבעריגע פאַכען — 66—70 פּראָצענט, אויסער אין דער קאָנפעקציע (45 פּראָצענט), און אין קלענערע פאַכען (פריזירער, הויז־אָנגעשטעלטע א. א.) — 17—8 פּראָצענט. דער צוואוואוקס־פּראָצענט פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטערינס איז ניט פיל קלענער ווי פון די אַרבעטער.

אַרבעטס־סכסוכים *) אין 1925—1927.

די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די שטרייק־באַוועגונג אין ארץ־ישראל אין משך פון יאָר 1924־26:

ערטער	1925 צאָל שטרייקן	1925 צאָל שטרייקער	1926 צאָל שטרייקן	1926 צאָל שטרייקער	1927 (ביז אָקט. 1) צאָל שטרייקן	1927 (ביז אָקט. 1) צאָל שטרייקער
תל אביב — — — — — —	35	16091	10	7506	3	——
חיפה — — — — — — —	17	11031	2	193	6	——
ירושלים — — — — — —	8	4980	4	695	1	——
איבעריגע ערטער — — — —	1	1200	5	469	2	——
ס"ה — — — —	61	33302	21	8863	12	——

*) מיר רעקאָמענדירען באַזונדערס אין די פראַגען פון דער פּראָפעסיאָנעלער און קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג ווי אויך פונ'ם קאַמף וואָס די הסתדרות פיהרט פאַר איהר רעכט אויף אַרבעט און אַרבעטס־תנאים — דעם „דין וחשבון של הסתדרות העובדים בעד 1923־1927").

מיר זעהען בכן, אַז די צאָל פון שטרייקען האָט זיך זייט 1925 כסדר פאַרקלענערט. ווען נישט דער שטרייק אין דער שוועבעלאַך־פאַבריק „נור" אין עכו, וואָס איז ארויס־גערופען געוואָרען צוליב אַ באַזונדערע אָרטיגע לאַגע און וועלכער האָט זיך פאַרצויגען איבער 3 חדשים אַ דאַנק די עקשנות'דיגקייט פון די בעלי־בתים, — וואָלט אויך די צאָל שטרייק־טעג אין 1927 אַראָפּגעפאַלען אויף אַ מינימום. (די צאָל פון פאַרלוירענע אַרבעטס־טעג אינ'ם שטרייק פון עכו אַליין האָט באַטראָפען 10,000).

צוליב דער אַרבעטסלאָזיגקייט און צייטוויילינגע קריזיסען אין אַ רייה אינדוס־טריען האָט זיך ביי דער אַרבעטערשאַפט געשאַפען אַזאַ לאַגע, אַז זי האָט אויך גע־מוזט אין איינינגע פאַלן אָננעמען פאַרקלענערונגען פון לוין.

בדרך כלל אָבער מוז באַצייכנט ווערן, אַז די הסתדרות האָט באַוויזן אויסצומיידן אַז אַרבעטער זאָלן אָפּגעזאָגט ווערן און אויך פאַרהיט ווערן פון לוין־ירידה.

די פאָלגענדע ציפערען ווייזען די השפּעה פון דער ווירטשאַפטס־לאַגע אויף די רעזולטאַטען פון די שטרייקען:

אין 1925: אין תל אביב — 27 שטרייקען האָבען זיך געענדיגט מיט אַ נצחון פאַר די אַרבעטער; 1 — פאַר די בעלי בתים; 7 — מיט אַ פשרה. אין חיפה — 7 שטרייקען האָבען זיך געענדיגט מיט אַ נצחון פאַר די אַרבעטער; 2 — פאַר די בעלי בתים; 7 — מיט אַ פשרה; 1 — אומבאַקאַנט. אין ירושלים — 5 מיט אַ נצחון פאַר די אַרבעטער; 2 פאַר די בעלי בתים; 1 מיט אַ פשרה. אין פאַרשיידענע ערטער — 1 מיט אַ נצחון פאַר די בעלי בתים. ס"ה האָבען זיך 39 שטרייקען געענדיגט מיט אַ נצחון פאַר די אַרבעטער, 6 פאַר די בעלי בתים, 15 מיט אַ פשרה און 1 אומבאַקאַנט. אין פּראָצענטען מאַכט דאָס אויס: 64 פּראָצ. פאַר די אַרבעטער, 10 פּראָצ. פאַר די בעלי בתים; 25 פּראָצ. מיט אַ פשרה; 1 פּראָצ. אומבאַקאַנט.

אין 1926: אין תל אביב — 6 שטרייקען האָבען זיך געענדיגט מיט אַ נצחון פאַר די אַרבעטער; 3 פאַר די בעלי בתים; 1 מיט אַ פשרה. אין חיפה — 1 פאַר די אַרבעטער; 1 פאַר די בעלי בתים. אין ירושלים — 2 פאַר די אַרבעטער; 2 מיט אַ פשרה. אין פאַרשיידענע ערטער — 4 פאַר די אַרבעטער; 1 מיט אַ פשרה. ס"ה — 13 פאַר די אַרבעטער; 4 פאַר די בעלי בתים; 4 מיט אַ פשרה. אין פּראָצענטען מאַכט דאָס אויס — 62 פאַר די אַרבעטער; 19 פאַר די בעלי בתים; 19 מיט אַ פשרה.

אין 1927 (ביז אָקטאָבער): אין תל אביב — 2 שטרייקען האָבען זיך געענדיגט מיט אַ פשרה; 1 אומבאַקאַנט. אין חיפה — 2 פאַר די אַרבעטער; 4 מיט אַ פשרה. אין ירושלים — 1 אומבאַקאַנט. אין פאַרשיידענע ערטער — 1 מיט אַ פשרה; 1 אומבאַקאַנט. ס"ה — 2 פאַר די אַרבעטער; 7 מיט אַ פשרה און 3 אומבאַקאַנט. אין פּראָצענטען מאַכט דאָס אויס — 17 פּראָצ. לטובת די אַרבעטער; 58 מיט אַ פשרה און 25 אומבאַקאַנט.

די דאָזיגע ציפערען באַווייזען, אַז די צאָל דורכגעפירטע שטרייקען, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט נצחונות פון דער אַרבעטערשאַפט איז געפאַלען, אָבער אויך די בעלי בתים האָבען אין 1927 נישט געקענט דורכפירען קיין שום שטרייק מיט אַ נצחון. כאַראַקטעריסטיש איז אויך פאַר אַ סך בעלי בתים און אויך פאַר דער אַרבעטערשאַפט די הויכע צאָל שטרייקען וואָס האָבען זיך געענדיגט מיט פשרות.

די ירידה פונ׳ם אַרבעטס־לוין.

ווען מען פאַרגלייכט די הויך פונ׳ם ארבעטס־לוין צווישען 1922 און 1926 (אין פּראָצענטען) באַקומט מען דאָס פאָלגענדע בילד: (אין 1922 האָבען 4,452 אָנגעגעבען זייער טעגליכען ארבעטס־לוין; אין 1926 — 6,336).

אַרבייט לוין אין די שטעדט.

טאָג־לוין	סעפּטעמבער 1922 (אין פּראָצענטען)	סעפּטעמבער 1926 (אין פּראָצענטען)
פון 5 ביז 15 פּיאַסטער — — —	9.9	18.2
פון 16 ביז 20 פּיאַסטער — — —	11.0	17.8
פון 21 ביז 25 פּיאַסטער — — —	14.0	10.5
פון 26 ביז 30 פּיאַסטער — — —	35.8	22.3
פון 31 ביז 35 פּיאַסטער — — —	8.5	14.2
פון 36 ביז 45 פּיאַסטער — — —	7.7	11.2
פון 46 ביז 50 פּיאַסטער — — —	7.2	3.7
פון 51 ביז 60 פּיאַסטער — — —	2.3	1.4
פון 61 ביז 70 פּיאַסטער — — —	1.3	0.4
פון 71 ביז 80 פּיאַסטער — — —	1.5	0.3
פון 81 און מער פּיאַסטער —	0.8	——

די דאָזיגע טאַבעלע באַווייזט די ירידה פונ׳ם אַרבעטס־לוין אין משך פון 4 יאָר (1926—1922).

דער לוין פון דער פאַך־אַרבעט, וואָס איז אין 1922 נאָך געווען זעהר הויך, איז געפאַלען — באַזונדערס אינ׳ם בוי־פאַך (וואו עס האָט בשעתו אויסגעפעלט געלערנטע פאַך־אַרבעטער) — אויף 31 ביז 50 פּיאַסטער אַ טאָג. קודם כל איז אָבער געפאַלען דער לוין פון די ניט קוואַליפיצירטע אַרבעטער אויף דער נידעריגער מדרגה פון 10—20 פּיאַסטער אַ טאָג. די דאָזיגע ירידה איז בולט באַזונדערס אינ׳ם יאָר 1926 זייט דעם אָנהויב פון דער אַרבעטסלאָזיגקייט. דאָס באַווייזט אַם בעסטען אַ טייל ציילונגען וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרען אין תל אביב. אויפ׳ן סמך פון די דאָזיגע ציילונגען האָבען אין תל־אביב פאַרדינט אין אַפּריל 1926 איבער 57 פּראָצענט פון אַלע לוין־אַרבעטער 30 פּיאַסטער אַ טאָג. דאַגעגען אין 1927 נאָר 36 פּראָצענט פאַרדינט 36 פּיאַסטער אַ טאָג. דאָך איז די דאָזיגע ירידה פונ׳ם לוין נישט קענטיג אין אַלע פאַכען. באַזונדערס אין די פאַכען, וואָס האָבען נישט דירעקט געפילט די אַרבעטסלאָזיגקייט, איז דער אַרבעטס־לוין נישט אַראָפּגעגאַנגען. (ביי אַ סך פאַבריק־אַרבעטער — אַחוץ פון די פאַבריקען וואָס זיינען צום טייל אָדער אין גאַנצען פאַרמאַכט געוואָרען, אויך פאַבריקאַציעס וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דער בוי־אַרבעט, ווי אויך ביי אָנגעשטעלטע, אָדער אַזעלכע פאַבריקאַציעס וואו מען אַרבעט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות).

לוין אין קאָאָפּעראַטיווען און פּריוואַטער אינדוסטריע.

ווען מיר פאַרגלייכען דעם אַרבעטס־לוין פון דער פּריוואַטער אינדוסטריע מיט דער קאָאָפּעראַטיווער אין תל־אביב, באַקומען מיר דאָס פאָלגנדע בילד:

פּריוואַטע אינדוסטריע:

אין יאר 1926: ווייניגער פון 15 פיאסטער — 19 פראצענט פון אלע ארבעטער; פון 16 ביז 35 פיאסטער — 59 פראצענט; פון 36 ביז 80 פיאסטער — 10 פראצענט.
אין 1927: ווייניגער פון 15 פיאסטער — 51 פראצענט פון די ארבעטער; פון 16 ביז 35 פיאסטער — 39 פראצענט; פון 36 ביז 80 פיאסטער — 10 פראצענט.
קאאפעראטיווע אינדוסטריע:
אין 1926: ווייניגער פון 15 פיאסטער — 7.6 פראצענט פון אלע ארבעטער; פון 16 ביז 35 פיאסטער — 39.1 פראצענט; פון 36 ביז 80 פיאסטער — 53.3 פראצ.
אין 1927: ווייניגער פון 15 פיאסטער — 8.5 פראצענט פון די ארבעטער; פון 16 ביז 35 פיאסטער — 65.5 פראצענט; פון 36 ביז 80 — 26.0 פראצענט.
די שטארקע ירידה פונ'ם ארבעטס־לוין ביי דער פריוואטער אינדוסטריע דער־קלערט זיך דערמיט, וואס ס'איז אפגעשטעלט געווארען דער העכסט באצאלטער לוין אין דער בוי־אינדוסטריע בשעת ס'האבען זיך אנטוויקעלט נייע אינדוסטריען וואס צאלען א נידעריגע לוין אדער באשעפטיגען לרוב ארבעטערינס (טעקסטיל, שאכטעל־ און ציגארעטען־אינדוסטריען). יעדענפאלס איז דער לוין אין דער קא־אפעראטיווער אינדוסטריע אין ערגעץ נישט אראפגעפאלען אין דער מאס, ווי אין דער פריוואטער אינדוסטריע.
די דאזיגע אנטוויקלונג ווערט באוויזען דורך די פאלגענדע ציפערען:

דער טאג־לוין אין ירושלים ביי אידישע און אראבישע בוי־ארבעטער.

אידען: ביז 15 פיאסטער — 33 ארבעטער (13 פראצענט); פון 16 ביז 20 פיאסטער — 95 (37 פראצ.); פון 21 ביז 25 פיאסטער — 71 (28 פראצ.); פון 26 ביז 40 פיאסטער — 30 (12 פראצ.); מער פון 40 פיאסטער — 27 (10 פראצ.). סך הכל — 256 ארבעטער (100 פראצענט).
אראבער: ביז 15 פיאסטער — 139 (61 פראצ.); פון 16 ביז 20 פיאס־טער — 43 (20 פראצ.); פון 21 ביז 25 פיאסטער — 7 (3 פראצ.); פון 26 ביז 40 פיאסטער 12 (5 פראצ.); מער פון 40 פיאסטער — 24 (11 פראצ). סך הכל 225 (100 פראצענט).
דער לוין פון די אראבישע פאך־ארבעטער איז בכן קוים קלענער ווי דער לוין פונ'ם אידישען פאך־ארבעטער, בעת דער לוין פונ'ם נישט קוואליפיצירטען אראבישען ארבעטער איז שוין א סך קלענער.

חודש־געהעלטער.

אם ווייניגסטען האט זיך אין די לעצטע יארען געענדערט דער חדש־געהאלט פון אנגעשטעלטע, פערסאנאל פון אינסטיטוציעס א. ז. וו. בידוע זיינען חדש־גע־העלטער תמיד סטאבילער ווי דער טאג־לוין, וואס איז שטענדיג א וואקעלדיגער.

טאג־לוין אין די לאנדווירטשאפטליכע קאלאניעס.

די צאל ארבעטער וואס האבען פארדינט פון 5 ביז 15 פיאסטער איז אין יאר 1922 געווען 99 און אין 1926 — 813, וואס מאכט אויס 8.5 און 35.6 פראצענט.

פון 16 ביז 25 פּיאַסטער: אין 1922 — 789; אין 1926 — 1,200; וואָס מאַכט אויס אין פּראָצענטען 67.5 און 48.9.

פון 26 ביז 35 פּיאַסטער: אין 1922 — 220; אין 1926 — 281; וואָס מאַכט אויס אין פּראָצענטען 18.9 און 11.5.

פון 36 ביז 80 פּיאַסטער: אין 1922 — 61; אין 1926 — 95; וואָס מאַכט אויס אין פּראָצענטען 5.1 און 4.0.

די צאָל לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבעטער, וואָס פאַרדינען מער פון 17½ פּיאַסטער, איז זייער קליין. דער טאָג־לוין אין די קאָלאָניעס באַטרעפט צווישען 12½ ביז 17½ פּיאַסטער.

צווישען דעם אַרבעטס־לוין פון אַראַבישען פּאַך־אַרבעטער און דעם אידישען פּאַך־אַרבעטער איז היינט כמעט נישטאָ קיין בולט'ער אונטערשייד. אויך אין די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס איז פאָרגעקומען אַ געוויסער לוין־אויסגלייך. דערפאַר אָבער איז דער לוין פון'ם פּאַכלאָזען אַראַבישען אַרבעטער אין'ם בוי־פאַך און ביי עפענטליכע אַרבעטען נאָך היינט אַ סך נידעריגער ווי דער לוין פון'ם אידישען אַרבעטער אין די דאָזיגע פאַכען.

אין די שטעט: פון 1 ביז 5 פונט — אין 1922 — 699, אין 1926 — 903 (אין פּראָצענטען איז דאָס 25.1 און 28.4); פון 6 ביז 10 פונט — אין 1922 — 1,183, אין 1926 — 1,324 (אין פּראָצענטען 43.1 און 41.5); פון 11 ביז 25 פונט — אין 1922 788, אין 1926 — 903 (אין פּראָצענטען 28.6 און 28.1); פון 26 און מער פונט — אין 1922 — 87, אין 1926 — 62 (אין פּראָצענטען 3.2 און 2.0).

אין די קאָלאָניעס: פון 1 ביז 5 פונט — אין 1922 79, אין 1926 101 (אין פּראָצענטען 24.3 און 25.9); פון 6 ביז 10 פונט — אין 1922 130, אין 1926 184 (אין פּראָצענטען 39.9 און 47.7); פון 11 ביז 25 פונט — אין 1922 114, אין 1926 106 (אין פּראָצענטען 35.0 און 27.0); פון 26 און מער — אי 1922 3 (וואָס מאַכט אויס אין פּראָצענטען 0.8).

ווי מיר זעהען האָבען זיך די חדש־געהעלטער אין דער שטאָט ווי אויך אין די קאָלאָניעס ווינציג־וואָס געענדערט.

דער לוין פון אַרבעטערינס.

דער אַרבעטס־לוין ביי אַרבעטאָרינס האַלט זיך זייער נידעריג, באַזונדערס אין דער פאַבריקאַציע פון טעקסטיל, שאָכטלאַך, ציגאַרעטען, צוקערלאַך, ווי אויך אין דער הויז־ווירטשאַפט. (צווישען 7—12 פּיאַסטער אַ טאָג, אָדער 2—3 פונט אַ חדש מיט עסען).

פאָלגענדע ציפערען ווייזען דעם טאָג־לוין ביי אַרבעטאָרינס:

פון 7 ביז 10 פּיאַסטער — 185 אַרבעטערינס (22 פּראָצ.); פון 11 ביז 15 פּיאַסטער — 270 (32 פּראָצ.); פון 16 ביז 25 פּיאַסטער — 249 (28 פּראָצ.); פון 26 ביז 40 פּיאַסטער — 145 (18 פּראָצענט). ס"ה — 849 אַרבעטערינס (100 פּר.).

מיר זעהען פון די דאָזיגע ציפערען, אַז 54 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטערינס האָבען פאַרדינט ווייניגער פון 15 פּיאַסטער אַ טאָג.

אַרבעטס־לוין פון יוגענד.

גאָר שווער זיינען די לוין־באַדינגונגען ביי דער אַרבעטער־יוגענט. אויפ'ן סמך פון אַ ציילונג פונ'ם יאָר 1926, זיינען געווען באַשעפטיגט גאַנץ אָן אַ לוין:

אין טבריה — 31.8 פּראָצענט פון אַלע יוגענדליכע אַרבעטער (ביז 18 יאָר); אין ירושלים — 28.5 פּראָצענט; אין חיפה — 14.5 פּראָצענט; אין תל אביב — 12.3 פּראָצענט.

די דאָזיגע צאָלען באַווייזען די השפעה פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אויף די לוין־באַדינגונגען פון דער אַרבעטער־יוגענט. אין טבריה און ירושלים, וואו די אַרבעטערשאַפט איז נאָך קליין אין צאָל, זיינען די אַרבעטס־באַדינגונגען אויך ערגערע.

יוגענדליכע וואָס פאַרדינען פון 1 ביז 2½ פונט אַ חדש:

אין תל אביב — 24.5 פּראָצ.; אין חיפה — 28.5 פּראָצ.; אין ירושלים — 38.4 פּראָצ.; אין טבריה — 53.9 פּראָצענט.

דער איבעריגער טייל (אין תל אביב און אין חיפה אַ גרעסערער פּראָצענט, אין ירושלים און טבריה אַ מינדערוועטיגע צאָל) — באַקומט פון 3 ביז 4 פונט אַ חדש. מער פון 4 פונט האָט קיינער נישט פאַרדינט.

אַרבעטס־צייט.

איבער די באַדינגונגען פון דער אַרבעטס־צייט איז פאַראַן אַן אויספירליכע טאַבעלע אינ'ם יאָרבוך און אַלמאַנאַך פון 1927 (אויף דער 237טער זייט) אַזוי, אַז מיר ווילען זיך דאָ נאָר באַנוגענען צו אונטערשטרייכען, אַז אינ'ם יאָר 1926 האָבען נאָר 16 פּראָצענט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט געאַרבעט לענגער פון 8 שעה אַ טאָג. דערפאַר אָבער מאַכט אויס די צאָל פון די נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער: אין שטאָט — אַרבעטער וואָס אַרבעטען לענגער ווי 8 שעה אַ טאָג 48 פּראָצענט און אין די פּריוואַטע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס 26 פּראָצענט. אויך אין 1927 האָט זיך די דאָזיגע סיטואַציע נישט געענדערט, נישט קוקענדיג אויף דער פאַרערגערונג פון די אַלגעמיינע אַרבעטס־באַדינגונגען צוליב דער אַרבעטסלאָזיגקייט.

אויפ'ן סמך פון אַן אַנקעטע וואָס איז דורכגעפירט געוואָרען אין תל אביב אין מאַי 1927, האָבען אין דער אינדוסטריע געאַרבעט 8 שעה אַ טאָג און ווייניגער — 95 פּראָצענט פון אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין לאַנד. פון דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט אין תל אביב האָבען געאַרבעט: 81.9 פּראָצ. — 8 שעה און ווייניגער; 3.4 פּראָצ. — 9 שעה; 64 פּראָצ — 10 שעה; 8.2 פּראָצענט — מער פון 10 שעה.

די לענגערע אַרבעטס־צייט וואָס באַטרעפט 10 שעה אַ טאָג, באַציט זיך (אַחוץ אויף בעקערייען וואו מען אַרבעט 10 שעה) — נאָר אויף איינציגע פאַכען, וואָס לאָזען זיך שווער אָרגאַניזירען.

די הסתדרות און אירע אינסטיטוציעס אין יאָר 1926־27.

גאָר אַ באַדייטענדע געשעעניש אינ'ם לעבען פון דער אַרבעטערשאַפט און איר אָרגאַניזאַציע, דער „הסתדרות העובדים העברים הכללית", אינ'ם יאָר 1926־27 איז געווען די 3טע אַלגעמיינע קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין תל אביב פונ'ם

6טען ביז'ן 20טען יוני, 1927. אינ'ם רעזולטאַט פון די וואַלען צו דער דאָזיגער קאָנפערענץ (דעצעמבער 1926) האָבען מיר אַ קלאָר בילד איבער דער פּאָליטישער שטעלונג פון דער ארץ ישראל'דיגער אַרבעטערשאַפט (אינ'ם אַלמאַנאַך פון 1927, ז. 238, געפינט זיך אויך אַ טאַבעלע, וועלכע גיט איבער די פּאַרטיי־צוגעהעריגקייט פון דער ארץ־ישראל'דיגער אַרבעטערשאַפט אין חוץ לאָרץ און אין ארץ־ישראל).

די פאָלגענדע טאַבעלע גיט איבער די רעזולטאַטען פון די וואַלן צו דער 3טער אַלגעמיינער קאָנפערענץ לויט די פּאַרטיי־גרופּירונגען.

	צאָל שטימען:								ס"ה
	אחדות עבודה	הפועל הצעיר	לינקע פועלי ציון	לינקער בלאָק	קבוצים	לינקע אָפּאָזיציע	אומפּאַר־טייאישע	רעוויזיאָ־ציון	
אין לאַנדוו. ערטער	2786	2123	278	75	351	151	81	105	6279
אין שטעט — —	6059	2261	909	630	312	146	155	99	10799
ס"ה — — —	8845	4384	1187	705	663	298	246	204	17078
אין פּראָצ. —	53.5	26.5	7.2	4.3	4.0	1.8	1.5	1.2	100

ווי מיר זעען האָבען די פּאַרטייען פון דער אָפּאָזיציע (לינקע פועלי ציון, לינקער בלאָק, לינקע אָפּאָזיציע) באַקומען 3.3 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אָפּגע־געבענע שטימען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „אחדות העבודה", וועלכע איז אַ טייל פון'ם וועלט־פּאַרבאַנד „פועלי ציון" (פּאַראייניגט מיט צ. ס.) איז נישט נאָר פּאַר־בליבען דער הויפּט־כח פון דער הסתדרות, נאָר זי איז פון די וואַהלען אַרויס מיט אַן אַבסאָלוטער מערהייט (53.5%).

דער „הפועל הצעיר" וועלכער האָט אין 1927 געפייערט דעם 20טען יובל פון זיין צייטונג האָט ביי די וואַהלען באַקומען העכער אַ פערטעל פון די שטימען.

אין דער פראַגע פון'ם אָרגאַניזאַטאָרישען אויפבוי פון דער הסתדרות האָט די קאָנ־פערענץ באַשלאָסען נישט פאָרצונעמען קיין שום ממשות'דיגע ענדערונגען, אחוץ רעגלען די שטרייטיגע פראַגע פון'ם וואַל־סיסטעם צו די אויספירנדיגע אָרגאַנען און צו די קאָמיטעטען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

איבעראַל איז בולט געווען דער פּרינציפּ, אַז נעבן אַ געזעצגעבנדיגער אינסטאַנץ (ראַט) וועלכע דאַרף געוויילט ווערן דורך פּראָפּאָרציאָנאַל־וואַלן, מוז אויך זיין אַן אויספירנדיגער אָרגאַן, וואָס דאַרף אויך געוויילט ווערן דורך אַלגעמיינע וואַלן מצד דעם ראַט. אויף אַזאַ אופן איז פון איין זייט געזיכערט געוואָרען אַ באַטייליגונג פון די מינדערהייטען אין די געזעצגעבנדע אָרגאַנען, צווייטנס זענען דערמיט אויך גאַראַנ־טירט געוואָרען די מעגלאַכקייטען פאַר אַ באַשטימטער און איינהייטלאַכער טעטיגקייט אין די אויספירונגס־אָרגאַנען, וואָס ווערן געוויילט דורך דער אָדער יענער מערהייטס־פּאַרטיי אויפ'ן יסוד פון אַן איינהייטלאַכען פּראָגראַם.

די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטען — סולל בונה, אַרבעטער־באַנק, די לאַנדווירטשאַפטלאַכע זידלונגס־גענאָסענשאַפט „ניר", דער „המשביר",

קפּא"י, ווי אויך איינינע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זיינען ביז צו דער 3טער אַלגעמיינער קאָנפערענץ נאָך געווען יעדע פאַר זיך, ווערן אויפ'ן סמך פון די קאָנפערענץ־באַשלוסן איינגעשלאָסן אין דער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט „חברת העובדים", וואָס וועט אין אירע הענט קאָנצענטרירן פון 41 ביז 50 פּראָצענט גרינדונגס־אַקציעס פון אַלע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס. אַזוי אַרום ווערן די ענינים פונ'ם כלל געזיכערט אין די דאָזיגע אינסטיטוציעס.

די פאַרבינדונג צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין דער „חברת העובדים" איז דיזעלבע וואָס צווישן די יוניאָנס מיט דער הסתדרות. מיט'ן אַריינטריט פון חברים אין דער הסתדרות ווערן זיי ממילא חברים פון דער „חברת העובדים", צו וועלכער ס'האָבן וואַל־רעכט אחוץ די גרינדער־אַקציען נאָר אַרבעטער. דערמיט איז געזיכערט די גלייכצייטיגע השפעה פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אויף אַלע פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע ענינים און אויף די קאָאָפּעראַטיווע און זידלונגס־אינסטיטוציעס.

פון די החלטות פון דער 3טער אַלג. קאָנפערענץ פון דער הסתדרות ווילן מיר דערמאָנען די שאַפונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן בונד פון די ארץ־ישראל'דיגע אַרבעטער", אויפ'ן יסוד פון נאַציאָנאַלע (אידישע און אַראַבישע) סעקציעס, מיט דעם תנאי צו אַנערקענען די באַדייטונג און באַרעכטיגונג פון אַ אידישער איינוואַנדערונג קיין א"י. אַלע אידישע סעקציעס פונ'ם „בונד" בילדן אַן אָרגאַנישן באַשטאַנד־טייל פון דער הסתדרות, וועלכע בלייבט, נישט געענדערט, באַשטיין, אויך נאָכדעם ווען דער „בונד" וועט אָנהויבן צו עקזיסטירן. אויך אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע סעקציעס האָבן דאָס רעכט צו בילדן אין די ראַמען פונ'ם אינטערנאַציאָנאַלן „בונד" אַלגעמיינע אויטאָנאָמע אַרבעט־סעקציעס אין לאַנד־מאַסשטאַב. אין דעם מאָמענט ווען דער „בונד" הויבט אָן פאַקטיש צו עקזיסטירן, ווערט ער די פאַרטרעטונג פון דער ארץ־ישראל'דיגער אַרבעטערשאַפט כלפּי חוץ און נעמט אויף זיך אַלע קאַמפן־ און באַשטרעבונגען, וועלכע באַרירן איינהייטלאַך די אַלג. אַרבעטערשאַפט אין לאַנד (למשל, אַרבעטער־שוץ־געזעץ, קאַמף פאַר'ן פאַרבעסערן פון די אַרבעטס־באַדינגונגען).

איבער דער צאָל־מעסיגער צוזאַמענזעצונג פון דער הסתדרות אין אירע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבען מיר שוין באַריכטעט. מיר גיבן דאָ איבער נאָך עטלאַבע צאָלן איבער דער אַנטוויקלונג פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות אינ'ם לעצטן יאָר.

אינסטיטוציעס פון דער אַרבעטערשאַפט.

„מרכז חקלאי" און „ניר".

די צענטראַלע פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבעטערשאַפט, וועלכע ווערט געוויילט אויף דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון אַלע לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעטער (מרכז חקלאי) פאַרוואַלטעט מיט אַלע ענינים פון לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבעטער, הן פון די וואָס זיינען באַשעפטיגט אין די קאָאָפּעראַטיווע זידלונגען און אויך פון די וואָס אַרבעטן אין די פּריוואַט־ווירטשאַפטלאַכע קאָלאָניעס. זייט 1925 זיינען אַלע אַרבעטער־זידלונגען, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפען דעם מרכז חקלאי, צוזאַמענגעשלאָסן אין אַ צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער לאַנדווירטשאַפטס־געזעלשאַפט „ניר"

וועלכע באטייליגט זיך אַלס אַלגעמיינער לאנדארבעטער־פארטרעטער אין שליסן די קאָנטראקטן צווישן די קאָלאָניזאציאָנס־אינסטאַנצן (קרן היסוד) און די איינצעלנע זידלונגען. די באציהונגען פון „ניר", וועלכע איז די פארטרעטערין פון די זידלונגען כלפי חוץ, צו די זידלונגען גופא זיינען געגוי באשטימט אין א רייע תקנות. אין 1927 זיינען 41 זידלונגס־פונקטן געווען אונטערגעשטעלט „ניר". די צאָל ארבעטער און ארבעטערינס אין זיי האָט באטראָפן 3,066. דערצו קומען נאָך צו די נייע 8 זידלונגס־פונקטן פון יאָר 1927. איבער די סאָציאַלע פאָרמען פון די זידלונגען מיט זייערע 3 הויפּט־טיפּן: גרויסע קבוצות (אויף'ן קאָלעקטיוויסטישן באזיס, וואָס איז פארבונדן הן ווירטשאפטליך און הן סאָציאַל מיט פארשיידענע קאָלעקטיוון אין פארשיידענע ערטער פון לאַנד); קליינע קבוצות (מיט באשרענקטער צאָל חברים) און „מושבי עובדים" (באזירט אויף אינדיווידועלע יסודות אָבער אויף'ן פּרינציפּ פון זעלבסט־ארבעט און געגענזייטיגער הילף), איז שוין געווען קורץ באריכטעט אין אלמאנאך פון 1927. אין 1927 האָבן 8 פון די זידלונגען באקומען זייער פולע אויסשטאַטונג פון קרן היסוד. בס"ה 986 נפשות אויף 28,033 דונאם באארבעטן באָדן.

אין יאָר 1926־27 איז די צאָל ארבעטער וואָס זיינען געווען באשעפטיגט אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס געשטיגן. די פאָלגענדע צאָלן באווייזן די דאָזיגע אנטוויקלונג:

אָקטאָבער 1924 — 1,000 ארבעטער; אָקטאָבער 1925 — 2,500 ארבעטער; אָקטאָבער 1926 — 5,000 ארבעטער; מערץ 1927 — 5,200 ארבעטער.

פון זיי האָבן זיך געפונען צו דער צייט: אין פתח תקוה — 1,600 ארבעטער; אין ראשון לציון, רחובות און נס ציונה — 1,200 ארבעטער; אין צפון יהודה (הרצליה, מגדיאל, כפר סבא, רמת־גן א. א.) — 750 ארבעטער; אין חדרה — 500 ארבעטער; אין זכרון יעקב און בנימינה — 870 ארבעטער; אין גליל — 280 ארבעטער.

פון די 3,000—3,500 ארבעטער זיינען 60 פּראָצענט מענער און 30 פּראָצענט פרויען.

מער ווי א העלפט בערך פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער זיינען געווען אין יאָר 1927 אָרגאניזירט אי קבוצים און חבורות, די איבעריגע — איינצעלנע ארבעטער.

„משרד קבלני".

א נייער פארזוך פון אריינדרינגען אין די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטן אין די קאָלאָניעס איז געמאַכט געוואָרן מצד דער הסתדרות דורך דער שאפונג פון משרד קבלני — אן אמט, וואָס נעמט זיך אָן אויסצופירן אַלע לאנדארבעטן אין פּריוואַטע, נאַציאָנאַלע און רעגירונגס־ווירטשאפטן. דער משרד קבלני איז אָרגאניזירט אַלס אַן אָפּטיילונג פון „ניר". פון דעם פריער באשטימטן גורנט־קאַפּיטאַל אין גרויס פון 5,000 פונט האָט דער אמט באקומען פּאַקטיש נאָר א קליינעם טייל. די ארבעט ווערט אויסגעפירט דורך קאָלעקטיוון. שוין אין ערשטן האַלבן יאָר פון זיין באשטיין (ביז'ן 30טן אפּריל, 1927) האָט דער משרד קבלני אָנגענומען דאָס אויספירן פון לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטן אין גרויס פון 9,464 פונט אויף א שטח באָדן פון 1,465 דונאם.

ארבעטרינס־טעטיגקייט.

באזונדערס איז כדאי צו דערמאָנען די לאנדווירטשאפטלאכע זעלבסט־טעטיגקייט פון די ארבעטערינס וואָס האָט זיך שוין געהאַט אייגנטלאך אָנגעהויבן פאַר דער מלחמה. ביז איצט האָט זיך די דאָזיגע טעטיגקייט אויסגעדריקט אין 2 פאָרמען: משקי הפועלות (ארבעטערינס ווירטשאפטן), אין וועלכע אלע ארבעטערינס זיינען באשעפ־טיגט נאָר אין דער זידלונג גופא און באקומען פאַכקענטניש אין אלע צווייגן פון דער לאנדווירטשאפט און לויט אַ רעגלמעסיגער רייע פאַרלאָזן זיי נאָך 2 יאָר די ווירט־שאפט און גייען אריין אין די אלגעמיינע קבוצות אָדער מושבים אין לאנד. לעצטענס האָבן זיך געשאפן כמעט אומעטום „חבורות הפועלות" (ארבעטערינסארטעלן) וואו די חברות באשעפטיגן זיך נאָר טיילווייז אין זייער אַ הילפס־ווירטשאפט און טייל־ווייז אויך אין פארשיידענע ארבעטן מחוץ דער ווירטשאפט אין שטאָט אָדער פריוואַ־טע קאָלאָניע.

משקי הפועלות האָבן עקזיסטירט ביז 1925־7 (נחלת יהודה, פתח תקוה, שכונת באָראָכאָוו, ירושלים און חדרה), בס"ה 101 חברות. דער הויפט־טעטיגקייטס צווייג צווישען די איבעריגע לאנדווירטשאפטליכע צווייגען זיינען די בוימער־פלאַנצונגען, אויך די לאנדווירטשאפטלאכע ארבעטערינס שולע אין נהלל איז באשטימט אויף אויס־צובילדן לאנדווירטשאפטליכע ארבעטערינס.

די „חבורות הפועלות", וועלכע באזירן טיילווייז אויף דער אייגענער ארבעט פון דער ווירטשאפט זיינען אין זומער 1927 געווען 11. פון זיי אין שטעט 5 (2 אין תל אביב, 1 אין חיפה, 1 אין טבריה, 1 אין עפולה). בס"ה 243 חברות.

ארבעטער באַנק.

דער צענטראלער אינסטיטוט פאַר קורצטערמיניגע הלואות פאַר די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס און קאָלעקטיוון פון דער הסתדרות אין דאָרף און אויך אין שטאָט איז תמיד די ארבעטער באנק. זי האָט ערפילט אירע אופגאבן אין דער העכסטער מאָס אויך אין 1927.

די באנק האָט געגעבן די מאקסימאלע הילף אלע ארבעטער־אונטערנעמונגען, הגם דער קריזיס אין לאנד האָט אויך געדריקט אויף דער באנק.

מיר ברייגגען דאָ די וויכטיגסטע ציפערן פון די יאָרן 5, 1926.

1925: גרונט־קאפיטאל — 100,000 פונט; ברוטאָ ריוח — 12,325 פונט; ריינער ריוח — 5,300 פונט; אלגעמיינער אומזאץ — 2,179,568 פונט; דעפּאַזיטן — 43,312 פונט; רעזערוו־פאָנד — 5,606 פונט.

1926־27: גרונט־קאפיטאל — 100,000 פונט; ברוטאָ ריוח — 11,604 פונט; ריינער ריוח — 4,100 פונט; אלגעמיינער אומזאץ — 1,641,325 פונט; דעפּאַזיטן — 26,047 פונט; רעזערוו־פאָנד — 9,206 פונט.

דער רעאלער אַקציען־קאפיטאל האָט סוף 1926 דערגרייכט די הויך פון 72,000 פונט. דערצו קומען נאָך צו 9,000 פונט פון ריוחים און 2,887 פונט פון פאַרקויף פון די פאַרצוגס־אקציעס.

אין פאַרלויף פון איר 5־יאָריגער עקזיסטענץ האָט די באנק געגעבן הלואות:

	צאָל פון די לוים	צאָל פון די הלוואות	סכום פון די הלוואות
לאַנדווירטשאַפטלאַכע גרופּן און זידלונגען — —	158	1617	189000
אמט פאַר עפנטלאַכע ארבעטן (סולל בונה) —	2	432	257000
אינדוסטר. שטאַטישע קאָאָפּעראַטיוון און גרופּן	178	2616	194000
אָרגאַנ. פון הסתדרות (קולטורעלע און אַלגעמיינע)	78	1079	124000
יחידים אין שטאָט און דאָרף — — — — — — —	628	744	22000
בס"ה — — — — — — — — — — —	1044	6488	786000

אין 1926 זיינען געגעבן געוואָרן 1,794 הלוואות צו 424 קרעדיטאָרן אין סכום פון 183,765 פונט (61,244 פאַר עפנטלאַכע ארבעטן, 52,281 פונט — אינסטיטוציעס, 46,304 פונט — קאָאָפּעראַטיוון, 20,123 פונט — לאַנדווירטשאַפטלאַכע זידלונגען און 3,810 פונט — יחידים.

„המשביר".

אויך דער „המשביר", „קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאַר איינקויף און פאַרקויף פון דער פּראָדוקציע פון דער ארבעטערשאַפט אין ארץ ישראל" האָט, ניט קוקנדיג אויפ'ן קריזיס, ענערגיש פאָרגעזעצט זיין אנטוויקלונג (זע אַלמאַנאַך 1927, זייט 240).

דאָס ווייזט די פאַרגרעסערונג פון זיין אומזאַץ: אין יאר 1925 — 179,243 פונט; אין יאָר 1926 — 209,713 פונט; אין האַלב יאָר 1927 — 97,295 פונט.

זייט אָנהויב תרפ"ז איז צו מערקן אַ געוויסע פאַרקלענערונג פון אומזאַץ. דאָס איז צוליב דער פאַרערגערונג פון דער אַלגעמיינער לאַגע און אויך צוליב דעם וואָס ס'זיינען פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל פאַרקויפס־שטעלן וואָס איז געמאַכט געוואָרן צוליב דער ראַציאָנאַליזירונג פון דער אינסטיטוציע. די צאָל אָפּטיילונגען איז געווען אין יאר 1925 — 18; 1926 — 15; 1927 — 11. אַ טייל פון די איינריכטונגען און אונטערנעמונגען פון „המשביר" (קיכן, בעקערייען) זיינען געוואָרן זעלבשטענדיגע אינסטיטוציעס.

דערפאַר איז געעפנט געוואָרן אַ מאַנופאַקטור־קראָם אונטער'ן נאָמען „משביר־טעקסטיל", אין וועלכען ס'באַטייליגט זיך אויך פּריוואַטער קאַפּיטאַל. דורכדעם איז דערמעגלאַכט געוואָרן דאָס איינקויפן פון נויטיגע אויסלענדישע און אינלענדישע סחורות פון דער ערשטער קוועלע.

דאָס איז דער ערשטער פּרוב פון בשותפות'דיגע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות און פּריוואַט־קאַפּיטאַל. דורך אַן אָפּמאַך מיט אַ באַקאַנטער געזעלשאַפט איז אויך דערמעגלאַכט געוואָרן דער פאַרקויף פון נאַפט צו זייער גינסטיגע באַדינגונגען.

אויך די קרעדיט־פונקציעס פון „המשביר" צו זיינע קונים, וואָס זיינען געווען שווערער צוליב דער לאַגע אין לאַנד און וואָס האָבן דורך זייער גרויסן פאַרנעם געשטערט די אנטוויקלונג פון „המשביר", זיינען ממשות'דיג באַשרענקט געוואָרן.

דער גרונט־קאַפּיטאַל אין 1925 איז געווען 11,883 פונט; אין 1926 — 12,092

פונט. דער ריינער ריוח פון „המשביר” האָט באטראָפען: אין 1925 — 131 פונט, אין 1926 — 295 פונט.

פון אַ באזונדערער באדייטונג איז די טעטיגקייט פון „המשביר” בנוגע דעם אָפּזאַץ פון די לאַנדווירטשאַפטלאַכע פּראָדוקטן, און ספּעציעל פון די ארבעטער־זידלונגען. צו דעם צוועק איז געשאַפען געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג צום אָפּזאַץ פון די לאַנדווירטשאַפטלאַכע פּראָדוקטן.

אויפ'ן ערשטן אָרט שטייט דער אָפּזאַץ פון מילך, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אויף פאָלגענדן אופן: אין 1924 — 19,690 פונט; אין 1925 — 35,307 פונט; אין 1926 — 43,596 פונט.

אויך איז געשטיגן דער אָפּזאַץ פון געמיזע און פרוכטן: אין 1925 — 4,912 פונט; אין 1926 — 7,533 פונט.

פון אַ גרויסער באדייטונג איז די אויפגאַבע פון המשביר ביים אָפּזאַץ פון לאַנד־פּראָדוקטן איבערהויפּט. די פאָלגענדע ציפערן ווייזן די טעטיקייט פון „המשביר” אין דער הינזיכט (דאָס מאַטעריאַל פון 1924 איז ניט באַאַרבעט געוואָרן):

תרפ"ג־1923: אַלגעמיינער אומזאַץ — 108,965 פונט (דערפון לאַנד־פּראָדוקט: 33,750 פונט, וואָס מאַכט אויס 33 פּראָצענט).

תרפ"ה־1925: אַלגעמיינער אומזאַץ — 179,943 פונט (דערפון לאַנד־פּראָדוקטן 81,000 פונט, וואָס מאַכט אויס 45 פּראָצענט).

תרפ"ו־1926: אַלגעמיינער אומזאַץ — 209,713 פונט (דערפון לאַנד־פּראָדוקטן 98,748 פונט, וואָס מאַכט־אויס 42 פּראָצענט).

קפא"י.

נאָכ'ן אריבערגיין אין רשות פון דער „הסתדרות” האָט דער פּאַלעסטינא אַר־בעטער פאָנד (קפא"י) אָנגעהויבען די ליקווידאַציע פון די פריערדיגע תקופות, אָנ־קניפּן ברייטערע באַציאונגען מיט אַלע לענדער, דאָס ארויסגעבן פון ביולעטינס אין פארשידענע שפּראַכן, א. אַ. וו.

דער פּאַלעסטינא־ארבעטער פאָנד איז אַצינד דער צענטראַלער פאָנד פון דער הסתדרות פאַר אַלע אירע ווירטשאַפטליכע, קולטורעלע און פּאָליטישע אויפגאַבען. דער פּאַלעסטינאַ ארבעטער פאָנד שליסט איין די הכנסות פון אַלע לענדער, ווי אויך פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין אַמעריקאַ. די אויסגאַבען ווערן געמאַכט לויט באַ־שלוסן פון ועד הפועל פון הסתדרות, אין די זיצונגען פון וועלכע עס באַטייליגען זיך די פאַרטרעטער פון קפא"י).

די אינוועסטירונג פון קפא"י זייט דעם 1טן יולי 1926 ביז'ן 1טען יולי 1927 — אויסער די געלדער פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין — שטעלט זיך צוזאַמען אויף פאָלגנדן אופן:

אויסגעצאָהלט פאַר ווירטשאַפטליכע אונטערנעמונגען פון

פריערדיגע יאָרען — — — — — — — — — — — — 1,829,085 פונט

אַרבעטערנים זידלונגען — — — — — — — — — — — 1,865,935

פאַרשידענע הוצאות און אינוועסטירונגען פאַר קאָאָפּעראַטיוון,

קופת חולים, פּרעסע־בולעטין, זאַמלבוך „פאַרווירקליכונג”, א. אַ. 1,031,639.

דעם ועד הפועל פון הסתדרות אויפ'ן חשבון פון אויפקלערונגס־
טעטיגקייט אין אויסלאנד — — — — — — — — — — — — 150,000
שכונות בארכאוו פאר וואסער־אינסטאלאציע — — — — — — — 97,190

סוף 1926 איז די פארזיכערונגס־געזעלשאפט „הסנה" אריבער אין דעם געמיינ־זאמען רשות פון דער „הסתדרות" און דעם „אידיש־נאציאנאלען ארבעטער פארבאנד". דער פארבאנד האט זיך מתחיב געווען צונויפזאמלען צו דעם צוועק 75,000 דאלאר אין משך פון 2 יאר. די „קופת אחריות" (פארזיכערונגס־פאנד), וואס האט עקזיס־טירט ביי דער הסתדרות זייט 1925, האט דעריבער באשלאסען זיך אויפצולייזן. סוף 1926 האבן געהערט צום פאנד 393 חברים און 187 פאליסים זיינען געשריבען גע־ווארן. די אלגעמיינע פארזיכערונגס־סומע איז געווען 16,400 פונט (ביז מערץ, 1927, איז די צאל געשטיגען אויף נאך 1,245 פונט). די פארזיכערטע זיינען אריבער צום „הסנה".

„קופת־חולים".

די קראנקען־קאסע (קופת חולים) פון דער „הסתדרות" איז געגרינדעט געווארן שוין אין יאר 1912. דאמאלסט האט באטראפן איר צאל מיטגלידער 300. די צאל מיטגלידער איז געשטיגן פון יאר צו יאר, ווי עס ווייזן די פאלגענדע ציפערן: 1922 — 5700; 1923 — 6600; 1924 — 8100; 1925 — 12350; 1926 — 15364.

פון זיי געפינען זיך 8,017 (52 פראצענט) אין די שטעט; 2,166 (27.7 פראצ.) אין די פריוואטע לאנדווירטשאפטליכע קאלאניעס; 3,181 (20.7 פראצענט) אין די לאנדווירטשאפטליכע ארבעטער־זידלונגען.

די באדייטונג פון „קופת חולים" פאר דער ארבעטערשאפט און פאר'ן גאנצן ישוב באשטייט אין צוויי'ען. ערשטנס, וואס זי פאלגט נאך דער ארבעטערשאפט אין געפערליכסטע פאר'ן געזונט ערטער (זומפן, מאלאריע־אנשטעקנדע ערטער) אין דער צייט ווען „הדסה" איז בעשרענקט מיט איר טעטיקייט נאר אין די שטעט. אפטיילונגען פון „קופת חולים" געפינען זיך אין 1 שטאט, 23 פריוואטע לאנדווירט־שאפטליכע זידלונגען און 40 לאנדווירטשאפטליכע ארבעטער־זידלונגען. צווייטנס, ווערט דער ביודזשעט פון „קופת חולים", להיפך צו די אנדערע סאציאלע הילפס־אינ־סטיטוציעס אין לאנד, אין גרעסטן טייל צונויפגעבראכט פון די מיטגלידער גופא, ווי דאס ווייזן די פאלגנדע ציפערן:

הכנסות אין 1925: אפצאלונגען פון די ארבעטער 20,611 פונט (57.3 פראצ.); פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע 11,300 פונט (31.4 פראצ.); אפצאלונגען פון די ארבעטס־געבער 3,748 פונט (10.3 פראצענט); פארשיידענע הכנסות 366 פונט (1.9 פראצענט). בס"ה 36,025 פונט (100 פראצענט).

הכנסות אין 1926: אפצאלונגען פון די ארבעטער 30,928 פונט (58.4 פראצ.); פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע 17,298 פונט (32.6 פראצ.); אפצאלונגען פון די ארבעטס־געבער 3,805 פונט (7.2 פראצ.); פארשיידענע הכנסות 971 פונט (1.8 פראצענט). בס"ה 53,052 פונט (100 פראצענט).

די ארבעטערשאַפט גופא באַצאָלט 58 פּראָצענט פון די מיטלען. דורכשניטליך צאָלט יעדער ארבעטער 2.3 פּראָצענט פון זיין לוין.

די הוצאות פון דער קראנקען־קאַסע זעצן זיך צוזאַמען אויף פאָלגנדן אופן:

1925: פאַר מעדיצינישע הילף 24,742 פונט (59.3 פּראָצענט); פאַר דער האַלטונגס־צוועקען 3,464 פונט (8.3 פּראָצענט); קראנקן שפּייז־געלט 4,829 פונט (11.6 פּראָצענט) ף אדמיניסטראַציע 5,154 פונט (12.3 פּראָצענט); פארשיידענע 3,561 פונט (8.5 פּראָצענט). בס"ה 41,750 פונט (100 פּראָצענט).

1926: פאַר מעדיצינישע הילף 33,482 פונט (60.6 פּראָצענט); פאַר דער האַלטונגס־צוועקן 5,540 פונט (8.2 פּראָצענט); קראנקן שפּייז געלט 5.166 פונט (9.4 פּראָצענט); אדמיניסטראַציע 7,564 פונט (13.7 פּראָצענט); פארשיידענע 4,501 פונט (8.1 פּראָצענט). בס"ה 55,253 פונט (100 פּראָצענט).

„קופּת חולים" האָט אינוועסטירט אין אייגענע בנינים, רפואות און אינווענטאַר פון אייגענע ארבעטער־מיטלען די סומע פון 27,000 פונט. צו איר געהערט דאָס ארבעטער־סאַנאַטאָריום „ארזה" אין מוצא און אויך א צווייטער סאַנאַטאָריום אויפ'ן כרמל אויפ'ן נאָמען פון ב. באָראָכאָוו.

דער ארצטליכער פּערסאָנאַל באַשטייט פון 148 פּערזאָן אין סוף 1926 געגן 45 סוף 1922, ווי פאָלגט:

66 דאָקטוירים, 14 אַפּטייקערס, 38 פעלשערינעס, 25 שוועסטער) 3 סאַני־טאַרן. ס"ה 148.

דערצו קומען נאָך 48 פּערזאָן פון הילפס־פּערסאָנאַל (קיך און רייניגונג פּער־סאָנאַל און 34 אָנגעשטעלטע. די צאָל פון די בעטן אין די קראנקן־הייזער פון דער קראנקן־קאַסע האָט באַטראָפן זומער 1926 — 122 (געגן 95 אין 1925). די צאָל פו די קראנקן־טעג: 1925 — 28,535; 1926 — 37,269. די צאָל פון די באַזוכער אין די שטעטיגע אַמבולאַטאָריעס: 1925 — 182,096; 1926 — 280,255.

דער פאַקט, אַז די קראנקן־קאַסע האַלט אוים אייגענע קראנקן־הייזער אין די ערטער וואו „הדסה" האָט ניט קיין קראנקן־הייזער און אַמבולאַטאָריעס, גיט איר די מעגליכקייט אַזוי צו איינאָרדנען אירע אַנשטאַלטען, אַז זיי זאָלן אַנטשפּרעכן די באַ־דערפנישן פון דער ארבעטערשאַפט און זיי איינריכטן צו דעם צוועק.

ועדת התרבות.

די קולטורעלע ארבעט פון דער הסתדרות ווערט דורכגעפירט דורך א באַזונדערן דערציאונגס־קאָמיטעט, „ועדת התרבות". די דאָזיגע ארבעט באַגרענעצט זיך ניט מיט קורסן, ווי דאָס איז אַם מייסטן די קולטורעלע טעטיקייט פון ארבעטער־אינסטיטוציעס, נאָר נעמט ארום אַלע צווייגן פון קולטורעלער טעטיקייט: אונטעריכט פון ארבעטער און ארבעטער־יוגנט, אַלגעמיינע קורסן פאַר ארבעטער, פאַך־קורסן, שפּראַך־קורסן, ארץ ישראל־געאָגראַפיע און וואַנדערונגען, קינסטלערישע פאַראַנשטאַלטונגען, איינריכטן אַן ארבעטער־טעאַטער, צענטראַלע ביבליאָטעק און אירע אַפּטיילונגען אין לאַנד.

די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון דעם קולטור־אַמט ווערט כאַראַק־טעריזירט אין די פאָלגענדע צאָלען: אין יאָר 1923 האָבן גע־לערנט אין די אָוונט־קורסן אין 11 פונקטן — 1,451 פּערזאָנען; אין 1926 — 3,440

פערזאָן אין 31 ערטער. אין 1923 האָבן געלערנט אין 15 שולן און קינדער־גערטנער פון דער „ועדת התרבות" 153 קינדער; אין 1926 — אין 38 ערטער 908 קינדער. אין דער צענטראַלער ביבליאָטעק האָבן זיך דאַן געפונען 30,603 ביכער; אין 1926 — 62,000 ביכער. באַזונדערס האָט זיך אַנטוויקעלט אין דיזער צייט די טעטיקייט צווישן דער אַרבעטער־יוגנט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ גרויסער טעטיגער אָרגאַניזאַציע מיט בערך 2,000 חברים. אין די שולן פון דער אַרבעטער־יוגנט זיינען געווען אין 1923 — 90 שילער; אין 1926 — 680 שילער. אין 1926 האָט זיך אַנטוויקלט די טעטיקייט פון אַרבעטער־טעאַטער „האהל". די הכנסות און הוצאות פון דער „ועדת התרבות" זיינען געווען אין 1923 — 7,000 פונט; אין 1926 — 22,000 פונט. די צאָל פון די באַאַמטע און לערער איז געווען אין 1926 מער ווי 170 פערזאָן.

די נויטווענדיגקייט און די דערפאָלגרייכע טעטיקייט פון די העברעאישע אָוונט־קורסן וואָס האָט אין 1926 אַרומגענומען 3,440 שילער, זעט מען פון פאָלגנדע ציפערן, וואָס ווייזן די ידיעות פון דער העברייאישער שפּראַך פון די אַרבעטער פאַר און נאָך דער איינוואַנדערונג:

קענען פון העברייאיש.

אין גלות: אַרבעטער — 11,178 (58.3 פּראָצענט); אַרבעטערינס — 2,892 (26.8 פּראָצענט). בס"ה 14,070 (46.8 פּראָצענט).

אין לאַנד: אַרבעטער — 16,890 (82.4 פּראָצענט); אַרבעטערינס — 5,434 (47.9 פּראָצענט). בס"ה 22,324 (70.1 פּראָצענט).

פאַר דער איינוואַנדערונג האָבן נאָר 46.8 פּראָצענט פון די אַלע אַרבעטער־איינוואַנדערער געקאָנט העברייאיש. נאָך דער איינוואַנדערונג אָבער שוין 70.1 פּראָצענט. אַ גרויסן טייל אין דעם דאָזיגן דערפאָלג דאַרף מען געווים צורעכענען די קורסן.

אַ גאַנצע שורה פון אַלגעמיינע און פאַכליכע קורסן און סעמינאַרן געפינען זיך אין אַלע שטעט.

פון די 62,000 ביכער פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק זיינען העברייאיש — 68.6 פּראָצענט; דייטשע — 12.4 פּראָצענט; רוסישע — 8.4 פּראָצענט; אידישע — 7.10 פּראָצענט; ענגלישע — 3.4 פּראָצענט; אַנדערע — 1. פּראָצענט.

די צאָל פון די אָפּטיילונגען באַטרעפט 84. די צאָל פון שטענדיגע לעזער, 5,369. אין משך פון 1926—1923 זיינען דורך דער „ועדת התרבות" אַרויסגעגעבן געוואָרען 21 ביכער פון פאַרשיידענעם אינהאַלט.

„הנוער העובד."

פון אַ באַזונדערער באַדייטונג איז די באַוועגונג פון דער אַרבעטער־יוגנט, וואָס ציילט היינט אין 19 ערטער — 1,838 חברים ביז 18 יאָר. פון זיי 559 מיידלאַך. זי איז אָרגאַניזירט אויף פּראָפעסיאָנעלע יסודות און האָט אין תל אָביב אַליין 8 פאַך־סעקציעס. זי האַלט אויס קלובען און קורסן און אַנטוויקעלט צוזאַמען מיט'ן קולטור־אַמט פון הסתדרות אַ ברייטע דערציאונגס־טעטיקייט אויף יסודות פון זעלבסט־

פאַרוואַלטונג. זי האָט שוין זאָגאַר פאַרשיידענע גרופּן פון אירע חברים אַריבער־געפירט צו לאַנדווירטשאַפט און עס איז איר אויך געלונגען אריינצודרינגען אין די ספרדישע יוגנט־קרייזן. די ארבעטער יוגנט־באַוועגונג איז אויך טעטיג אויפ'ן געביט צו פאַרבעסערן די ארבעטס־באַדינגונגען פון דער ארבעטער־יוגנט. א באַזונדערע ארבעטער־סקאוט באַוועגונג, „צופים עובדים", נעמט ארום די אינגערע 6143 חברים).

די שולן פון דער „ועדת התרבות" געפינען זיך אַלע, אחוץ תל אביב מיט 149 קינדער, אין די לאַנדווירטשאַפטליכע ארבעטער־זידלונגען. אין זיי זיינען באַשעפ־טיגט 30 פּרעבעליסטינס און 31 לערער און לערערינס. אין קומי, אין עמק, ווערט איינגעריכט א צענטראַלע שולע פאַר די קינדער פון די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבע־טער־זידלונגען.

פון פּערסאָנאַל פון דער „ועדת התרבות" זיינען באַשעפטיגט: 61 אין קינדער־גערטנער און שולן; 59 אין די אָוונט־קורסן; 26 אין די אַנשטאַלטן און קורסן פון דער ארבעטער־יוגנט; 11 אין די ביבליאָטעקן; 5 אַלס לעקטאָרן־רעפּערענטן לייטער פון „אהל" און ביים ביכער־פאַרלאַג; 16 אין דער אַדמיניסטראַציע. בס"ה — 178.

82 זיינען באַשעפטיגט פולשטענדיג, 96 — נאָר טיילוייז.

10 יאָר סאָוועט־מאַכט אין דער אידישער סביבה

פון בן־יהודה.

דעם 7־טן נאָוועמבער, 1927, האָט די סאָוועטישע רעגירונג געפייערט דעם 10־יאָריגן יובל פון איר עקזיסטענץ. 10 יאָר זיינען פארביי זינט די קאָמוניסטישע פארטיי האָט איבערגענומען די מאָנאָפּאָליסטישע הערשאפט איבער א זעקסט־חלק פונ׳ם ערד־קוגל און האָט געפּרואווט מיט דיקטאַטאָרישע מעטאָדן איבערצובויען דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן סדר אויף נייע סאָציאַליסטישע יסודות. ווי ביי אַלע יובילייען, האָט מען אויך צום יובל פון דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע אונטערגעפירט א סך־הכל פון דער אָפּגעטאָנענער ארבעט, פעסטגעשטעלט די דערגרייכונגען און געפרואווט אויפ׳ן סמך פון דער צעניאָריגער דערפאַרונג אָנצומערקן די ווייטערדיגע פערספּעקטיוון פונ׳ם סאָוועטישן פארבאנד. אויך אין אונזער אידיש וועלטל איז נויטיג צו מאכן א חשבון הנפש, א בליק טאָן אויף די פארגאנגענע 10 יאָר, דיסקאָנטירן דעם אקטיוו און פאסיוו פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אויף דער אידישער גאס.

אמת, אידען בילדן ניט קיין זעלבסטשטענדיגן אָרגאַניזם אין רוסלאנד, זיי זיינען דאָרט, ווי אין אנדערע לענדער, פארבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם ווירטשאפטליכן און פּאָליטישן לעבן פונ׳ם לאנד, און די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין אַלרוסלענדישן מאסשטאב, קומען אויך פאָר אין דער אידישער סביבה, קורץ: „ווי עס קריסטלט זיך, אזוי אידלט זיך”.

אָבער דאָך איז אין אידישן לעבן פאראן אזוי פיל אייגנטימליכקייטן, אזוי פיל ספּעציפיש־אידישעס, אז אפילו די דונערן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָבן דאָרט געפונען אן אייגנאַרטיגן אָפּקלאנג.

דער ספּעציפיש־אידישער עקאָנאָמישער פּרצוף, דער אומנאָרמאַלער סאָציאַלער בוי פון דער אידישער באפעלקערונג, וואָס דארף קוואַליפיצירט ווערן ווי א באזונדערער **אידישער** עקאָנאָמישער אָרגאַניזם, אָט דער פאקטאָר, וועלכן א גרויסער טייל פון דער אידישער סאָציאַליסטישער וועלט האָט צענדליגער יאָרן געלייקנט און וועלכער ווערט איצט פון אַלעמען אנערקענט, האָט געמוזט פירן צו א רייע ספּעציעלע דערשיינונגען אין דער אידישער סביבה. אויב ביי ניט־אידן איז די איבערוועגנדע מערהייט באשטאנען פון פּויערשע האָרעפּאשניקעס, וואָס האָבן זוכה געווען נאָך דער רעוואָלוציע צו פארווירקליכן זייערע הונדערט־יעריגע טרוימען — צו קריגן ערד, האָבן מיר ביי אידן כמעט אינגאנצן ניט געהאט קיין פּויערשן קלאַס, מיר האָבן געהאט אזא קליינעם פּויערשן שיכט, וועלכער האָט קיין שום ראָלע ניט געשפּילט אין ווירטשאפטליכן לעבן פון די אידישע מאסן. אויב ביי ניט־אידן איז שוין פאר דער מלחמה געווען אן אינדוסטריעלער פּראָלעטאריאט, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין גרויסע פאבריקן און זאוואָדן, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט נאציאָנאַליזירט און איבערגענומען אין רשות פון דער מלוכה, איז דער אידישער ארבעטער־קלאַס באשטאנען פון האנטווערקישע פּועלים פון די קליינע ווארשטאטלאך, פון שווארצארבעטער און הויזדינסטן — א פּראָלעטאריאט פון דער צווייטער מדרגה. אויב ביי ניט־אידן האָבן די האנדלס־עלעמענטן אין רוסלאנד געבילדעט אינגאנצן בערך 3%, האָבן זיי ביי אידן אויסגעמאכט כמעט צוויי־פינפטל פון דער באפעלקערונג. קורץ, אויב ביי ניט־אידן איז געווען א נאָרמאַלער געזונטער

עקאָנאָמישער אָרגאַניזם, וואו די אַרבעטנדיגע עלעמענטן האָבן געבילדעט דעם רוב מנין און רוב בנין פונ׳ם פאָלק, האָבן ביי אידן כמעט אַ העלפט אויסגעמאַכט די הענדלערישע און אומפּראָדוקטיווע מענשן. קלאָר, אַז אין דער אידישער סביבה האָט זיך דעריבער די רעוואָלוציע מיט איר שטורם אויפ׳ן אַלטן עקאָנאָמישן סדר, מיט איר שאַרפן קאַמף קעגן דער פּריוואַטער איניציאַטיוו געמוזט אויסדריקן אין אַנדערע פאָרמען, ווי ביי דער אַרומיגער באַפעלקערונג. ביי אידן האָט זיך אַ סך שטאַרקער געפילט דער אָנגריף געגן פּריוואַטן הענדלער און אונטערנעמער, ביי אידן איז אין אַ סך אַ שטאַרקערער מאָס געגאַנגען דער רואינירונגס־פּראָצעס, און ממילא איז אַ סך שווערער געווען צו פירן די אויפבוי־אַרבעט, צו שאַפן אַרבעטס־מעגליכקייט פאַר די אַרויסגעשטויסענע עלעמענטן, וואָס זיינען ממש אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס אָן קיינע מקורים פון חיונה. דערביי האָבן מיר געהאַט נאָך אַנדערע ספּעציפיש־אידישע צרות. חוץ די נאַציאָנאַליזאַציעס און קאָנפיסקאַציעס פונ׳ם באַזיץ פון דער פאַרמעגליכער באַפעלקערונג, האָבן דאָך די רוסישע אידן איבערגעלעבט די שרעקליכסטע פּאָגראָם־כוואַליע, וועלכע עס איז ווען פאָרגעקומען אין דער אידישער געשיכטע. אין אוקראַינע — דער הויפּט־צענטר פון דער אידישער קאָנצענטראַציע אין סאָוועטישן פאַרבאַנד — האָט העכער צוויי יאָר געבושעוועט די פּאָגראָם־וואַקכאַנאַליע, וועלכע האָט אָפּגעקאָסט די אידן הונדערטער טויזנטער פיזישע קרבנות און האָט פּולשטענדיג חרוב געמאַכט הונדערטער אידישע ישובים. מחמת דעם איז דער שווערסטער פּעריאָד פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע — דער אַזוי־גערופענער „מיליטערישער קאָמוניזם” — באַזונדערס קרענקליך דורכגעגאַנגען אין דער אידישער סביבה. אין דעם דאָזיגען פּעריאָד פון ווילדע קאָנפיסקאַציעס, וואָס האָבן חרוב געמאַכט די אינדוסטריע און אויף אַ העלפט פאַרקלענערט די פּראָדוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָבן אידן נאָך געהאַט אויסצושטיין פון פּאָגראָם־באַנדיטן, וואָס האָבן זיך ווי בייזע חיות געטראָגן איבער די אידישע ישובים, פאַרניכטנדיג פּולשטענדיג דאָס אידישע האָב און גוטס, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דאָס אידישע ביסל אָרימקייט.

אָט אַזוי איז די אידישע מאַסע, פאַראָרעמט ביז׳ן לעצטן גראַד, עקאָנאָמיש און מאָראַליש צעבראָכן, אַריינגעטראָטן אין דער „נעפּ”־תקופה, ווען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט אויפגעגעבן אַ גרויסן חלק פון אירע קאָמוניסטישע פּאָסטולאַטן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווידעראויפבוי פונ׳ם לאַנד. ווי די קאָמוניסטן זאָלן זיך ניט פּרואוון דערוויזן, אַז דער „נעפּ” איז געווען אַ געוויינליכער רינג אין דער רעוואָלוציאָנערער קייט, אַ נאָרמאַלער עטאַפּ אויפ׳ן וועג צום סאָציאַליזם, איז אָביעקטיוו דער „נעפּ” געווען אַ ריקצוג, אַן אָפּזאָג פון דער פאַרווירקליכונג פונ׳ם קאָמוניזם תיכף ומיד. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי מיט לענינען אין דער שפּיץ האָט עס פאַרשטאַנען, אין דער לעצטער מינוט פאַר דער קאַטאַסטראָפע, פאַר׳ן פולשטענדיגן צוזאַמענברוך — אָפּצוטרעטן פונ׳ם וועג, אויף וועלכן זי האָט זיך געשטעלט. די פריערישע אויפשטאַנדן און דער עיקר דער אויפשטאַנד אין קראָנשטאַדט האָבן איר באַוויזן, אַז אין אַזאַ קלאַסיש־אַגראַריש לאַנד ווי רוסלאַנד איז אוממעגליך גלייך איינצופירן דעם סאָציאַליזם, און זי האָט געעפנט מעגליכקייטן פאַר דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, זוכנדיג זיך צוצופּאַסן צו די אינטערעסן פונ׳ם קליינבירגערליכן פּויערטום. כדי צו סטימולירען דעם פּויער צו באַאַרבעטן דאָס לאַנד, צו פאַרזייען זיינע פעלדער, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָפּגעשאַפט די מכה פונ׳ם מיליטערישן קאָמוניזם — די „פּראָדראַזוויאָרסטקע” און האָט ערלויבט דעם פּויער צו פאַרקויפן זיינע פּראָדוקטן אויפ׳ן פרייען מאַרק. און וויפיל די קאָמוניסטן זאָלן דאָס ניט לייקענען (באַזונדערס אין אויסלאַנד), בלייבט דאָך אַ קאַטעגאָרישער פאַקט, אַז דער „נעפּ” האָט געהאַט דעם צוועק צו באַפרידיגן דעם פּויער, אַז זיין לאָזונג איז געווען: „מיט׳ן פּנים צום דאָרף” — דעם קליינבירגערליכן פּויערשן דאָרף, וואו עס הערשט די פּריוואַטע ווירטשאַפט און עס זיינען

ניטאָ קיין שום סמנים פון קאָמוניזם. אַ דאַנק דעם דאָזיגן ריקצוג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע ווידעראויפבוי־אַרבעט אויף אַלע געביטן: דער פּויער האָט זיך גענומען צו פאַרבעסערן זיין ווירטשאַפט, צו פאַרברייטערן זיין פאַרזייי־שטח, די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן אויף די פאַבריקן, און צום 10־יאָריגן יובל פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט זיך דער אויפשטעלונגס־פּראָצעס פון דער רוסישער פאָלקסווירטשאַפט פאַרענדיגט. טיילווייז האָט די פּראָדוקציע אפילו איבערגעשטיגן דעם פאַר־מלחמה'דיגן ניוואָ. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די אַלגעמיינע אויפלעבונג אין לאַנד האָט זיך געלאָזט פילן אויך אויף דער אידישער גאַס, אַז די לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך באַדייטנד פאַרבעסערט אַקעגן דעם פּעריאָד פונ'ם „מיליטערישן קאָמוניזם". אָבער אויך אין דער „נעפּ"־תקופה איז די לאַגע פון די אידישע מאַסן געווען אַ סך שווערער, ווי ביי דער אַרומיגער באַפעלקערונג.

צולאָזנדיג די פּריוואַטע איניציאַטיוו האָט די סאָוועט־רעגירונג אָנגענומען אַ רייע מאָס־מיטלען, וועלכע באַגרענעצן אַלץ מער די מעגליכקייטן פונ'ם פּריוואַטן אונטערנעמער און הענדלער. אויף די „ניט־אַרבעטנדיגע עלעמענטן" זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אומגעהויערע שטייערן־לאַסטן, די מעגליכקייטן צו קריגן סחורות און קרעדיטן ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער און גלייכצייטיג אַרבעט מיט דער גרעסטער ענערגיע דער סאָוועטישער אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט. די דאָזיגע זיגזאַגן פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער סאָוועט־רעגירונג האָבן באַזונדערס שטאַרק געטראָפן די אידישע באַפעלקערונג, וועלכע ציילט, ווי געזאָגט, אַ גרויסן פּראָצענט הענדלער, וואָס ווערן אַלץ מער און מער אַרויסגעשטויסן פון זייערע פּאָזיציעס. אַ געוויסע באַדייטונג האָט אויך געהאַט די פּאָליטיק פון די אידישע קאָמוניסטן, פון דער „יעווסעקציע". די דאָזיגע קאָמוניסטישע נעאָפיטן, די ליטוואַקאָוס און אסתרס, וועלכע האָבן זיך מטהר געווען אין דער הייליגער קאָמוניסטישער וואַסער ערשט אין 1921טן יאָר, ווען עס האָט זיך פאַרענדיגט דער בירגער־קריג, האָבן זיך מיט גרויס אימפּעט און התלהבות גענומען דורכצופירן אויף דער אידישער גאַס אַזוינע עקספּערימענטן, פון וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך אין אַלגעמיינעם מאָסשטאַב שוין לאַנג אָפּגעזאָגט. בשעת אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק האָט געהערשט דער לאָזונג „מיט'ן פּנים צום דאָרף", האָבן די אידישע קאָמוניסטן פאַרגעזעצט די מעטאָדן פונ'ם מיליטערישן קאָמוניזם, פירנדיג אַ שאַרפן קאַמף געגן דעם פּאַראָרימטן אידישן האָרעפּאַשניק — דעם בעל־מלאכה און קליינהענדלער. פּסיכאָלאָגיש זיינען די דאָזיגע מעשים פון די „יעווסעקן" אין די ערשטע יאָרן פונ'ם „נעפּ" פאַרשטענדליך. די „יעווסעקן" האָבן געוואָלט אָניאָגן די פאַרפאַסטע צייט פונ'ם „מיליטערישן קאָמוניזם", בעת זיי זיינען נאָך געווען „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן" און האָבן ניט געוואוסט, צו וועלכן ברעג צוצושטיין. און ווען זייער גורל איז ענדליך באַשטימט געוואָרן, ווען די נעכטיגע הייסע מענשעוויקעס האָבן נאָך דער פאַרפעסטיגונג פון דער סאָוועטן־מאַכט באַשלאָסן זיך באַהעפטן מיט דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן זיי ניט געהאַט קיין קלאָרע צילן און אויפגאַבן פאַר זיך. אָן אַ באַשטימטער פּראָגראַם. אָן אַ וועגווייזער האָבן זיי געבלאָנדזשעט אויף דער אידישער גאַס, וואַקלענדיג צווישן אַסימילאַציע און אינטערנאַציאָנאַליזאַציע און האָבן געקאָמאַנדעוועט און קאָמיסאַרעוועט. אין דער אידישער סביבה זיינען דעמאָלט געגאַנגען געפערליכע פּראָצעסן פון פאַראָרימונג און דעקלאַסירונג, דחקות און דלות האָבן געהערשט אין אידישן שטעטל, אָבער די „יעווסעקן" האָבן עס ניט באַמערקט, זיי האָבן געפירט אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט דער „בורזשואַזיע", מיט'ן „פּאַראַזיט און עקספּלואַטאָר" — דעם קליינשטעטלדיגן אידישן האַנטווערקער און קליינהענדלער, וואָס זיינען שוין גענוג רואינירט געוואָרן אין דער צייט פון מיליטערישן קאָמוניזם און פּאָגראָמען. דאָס אנערקענען איצט די „יעווסעקן" אַליין, פון פאַל צו פאַל שלאָגן זיי זיך על חטא

אויף די דאָזיגע חטאת נעורים פון זייערע קאָמוניסטישע קינדער יאָרן*), אָבער די אידישע מאַסן האָבן פאַר די דאָזיגע שפּילערייען פון אונזערע „יעווסעקן“ באַצאָלט זייער טייער. ערשט אין 1924 האָבן זיך די „יעווסעקן“ אויסגעניכטערט פון זייער מיליטער־קאָמוניסטישער שכרות, האָבן געעפנט די אויגן און האָבן איינגעזען דעם שרעקליכן אָרום — די הונגערנדע אידישע מאַסן, די ליידיגגייערישע אידישע יוגנט, די בלוטלאָזע אידישע אָרימקייט. ערשט דעמאָלט זיינען די אידישע קאָמוניסטן געוואָרן לייטן גלייך און אָנגעהויבן די ווידעראויפבוי־אַרבעט אין אונזער פאַר'חושך'ט אידיש וועלטל. און מ'דאַרף מיט צופרידנהייט קאָנסטאַטירן, אַז פאַר די לעצטע 3 יאָר האָבן די אידישע קאָמוניסטן אַ סך געטאָן אויף אַלע געביטן פון אידישן לעבן, זיי האָבן מיטגעהאָלפן דער אָרגאַניזירונג און אינדוסטריאַליזירונג פון די אידישע מאַסן, געזאָרגט פאַר דער פאַרבעסערונג פונ'ם עקאָנאָמישן מצב פונ'ם אידישן האַנטוועקער. געשאַפן אַ גרויסע נעץ אידישע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַנשטאַלטן און האָבן אין אַלע הינזיכטן דערגרייכט באַדייטנדיגע רעזולטאַטן. אָפיציעל שטעלן זיך די אידישע קאָמוניסטן אויך איצט ניט קיין נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, אָפיציעל פּראָקלאַמירן זיי נאָך זייער נייטראַליזם צום גורל פון דער אידישער נאַציע אַלס אַזעלכער אָבער דאָס זיינען ניט מער ווי פּראַזעאָלאָגישע נאָכוויענישן פון די פריערדיגע צייטן, די פּראַקטישע אַרבעט פון די „יעווסעקן“ איז איצט דורכגעדרונגען מיט אַ בולט'ער שטרעבונג צו פאַרגעזונטערן דעם אידישן אָרגאַניזם, צו נאָרמאַליזירן דאָס אידישע לעבן.

די אידישע קאָמוניסטן טראָגן אַ היפּשן טייל פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער פאַראָרימונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די ערשטע יאָרן פון „נעפּ“, אָבער זייער איצטיגע טעטיגקייט שטייט אין פולן הסכם מיטן אַלגעמיינעם קורס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויב די לאַגע פונם רוסישן אידנטום איז איצט אויך זייער אַ שווערע און איז דאָס לעצטע יאָר אַפילו פאַרערגערט געוואָרן, אויב אין דער אידישער סביבה איז די נויט גרעסער ווי ביי דער אַרומיגער באַפעלקערונג, איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער פּאָליטיק, פון די עקספּערימענטן, וואָס ווערן נאָך עד היום געמאַכט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און טרעפן די אידישע מאַסן, צוליב זייער אומנאָרמאַלן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל, אַ סך מער, איידער די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פונ'ם סאָוועטישן פאַרבאַנד.

.2

אין די באַריכטן פון דער אידישער קאָמוניסטישער פּרעסע צום 10 יאָריגן יובל פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע ווערט אַלס די גרעסטע דערגרייכונג פאַרצייכנט די פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו י ז אַ צ י ע פון די אידישע מאַסן אין סאָוועט־רוסלאַנד, דער איבערגאַנג פון האַנדל־וואַנדל צו געזונטער אַרבייט — צו לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע. די ציפערן, וואָס ווערן געבראַכט צו באַשטעטיגן די דאָזיגע הנחה זיינען טענדענציעז און שטאַרק איבערגעטריבן און דערמאָנען געוויינליכע קאַזיאָנע רעלאַציעס. בלי ספק קומען פאָר אין אידישן לעבן וויכטיגע פּראָצעסן פון אומשיכטונג. די אַגראַריזאַציע פון טויזנטער אידישע משפחות, דאָס אַריינדרינגען אין דער אינדוסטריע זיינען געוויס פּאָזיטיווע דערשיינונגען, וואָס דאַרפן באַגריסט ווערן פון יעדן אויפריכטיגן סאָציאַליסט. אָבער אין דער זעלבער צייט דויערט נאָך ביז איצט די ר ו י נ י ר ו נ ג פון דער אידישער באַפעלקערונג, די אַרויסשטויסונג פון גרויסע מאַסן אידן פון זייערע פּאָזיציעס. און אויב מיר ווילן מאַכן אַ חשבון הנפש, סומירן די רעזולטאַטן פונ'ם דורכגעמאַכטן 10־יאָריגן דערנערוועג, דאַרפן מיר

---

*) זע, למשל, דעם אַרטיקל פון א. מערעזשין אין „עמעס“ פונ'ם 2טן אָקטאָבער 1925, וואו ער שרייבט: „אין אַלפאַרבאַנדישן מאַסשטאַב האָט זיך דער „נעפּ“ אָנגעהויבן אין 1921, ספּעציעל אין דער אידישער אַרבעט, אין דער באַציאונג צום אידישן אַרבעטנדיגן קליינבירגערטום האָט זיך אָבער דער „נעפּ“ אָנגעהויבן ניט אין 1921, נאָר מיט אַ פאַרשפּעטיגונג אויף אַ פּאָר יאָר“.

פעסטשטעלן וואָסערע פּראָצעסן זיינען שטאַרקער: דער חורבן אָדער דער אויפבוי, די פּאַופּעריזאַציע אָדער די פּראָדוקטיוויזאַציע?

די אָפיציעלע סאָוועטישע ידיעות גיבן אויף דעם אַ קאַטעגאָרישן ענטפער: **די צעשטערונגס־פּראָצעסן אין דער אידישער סביבה זיינען אַ סך שטאַרקער, איידער די איינאָרדנונג.** דער פירער פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס א. טשעמערינסקי האָט אקאָרשט אויף דער באַראַטונג פון די איד־טוער ביים צ. ק. פון די קאָמוניסטישע סעקציעס אין ווייסרוסלאַנד ערקלערט: „מיר מוזן דאָך אַנערקענען, אַז דער וואוקס פון דער אינדוסטריאַליזאַציע און קוסטאַרעריי, הגם זיי שוואַכן שטאַרק אָפּ די קרענקליכקייט פון די צעשטערנדע ווירקונגען פון דער סאָצ. בויאונג אויף די אידישע מאַסן אין דער אַלטער עקאָנאָמיק, קאָנען נאָך ניט אַרומכאַפּן אַלע אַרויסגעשטויסענע און צערואינירטע און אויך די אונטערדערוואַקסנדע יוגנט" („עמעס" נומ. 26. פונ'ם 31טן יאַנואַר 1928). מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז אַ טייל פון די רואינירטע אידישע מאַסן קריגט ניט קיין אַרבעטס־מעגליכקייטן, האָט ניט קיין נייע פּראָפעסיע, ווערט פאַראָרימט און דעקלאַסירט.

די רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט די אייזערנע גראַטעס, וואָס האָבן אָפּגעצוימט אידן פון דער מוטער ערד, פון דער גרויס־אינדוסטריע און פונ'ם מלוכה'שן אַפּאַראַט; עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נייער קלאַס אידישע באַאַמטע, טויזנטער אידן זיינען אַריינגעדרונגען אין אַזעלכע אינדוסטריעלע צווייגן, וועלכע זיינען פאַר אידן פריער געווען אינגאַנצן פאַרשפּאַרט, עס וואַקסט מיט אַ שנעלן טעמפּ די אידישע לאַנד־ווירטשאַפט, אָבער... ואחרי ככלות הכל בלייבט אַ גרויסער טייל אָן קיינע מקורים פון חיונה, לעבט פון אַמעריקאַנער שטיצע אָדער אָרטיגער קצבה, הייגגט אין דער לופט, ווערט פאַרוואַנדלט אין אמת'ע לופט־מענטשן, אָן קיין שום באַשעפטיגונג און אָן אויסזיכטן אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

עס פאַלט די צאָל קרעמער און הענדלער. אונטער דעם שטאַרקן אַדמיניסטראַ־טיוון און עקאָנאָמישן דרוק פון דער סאָוועט־רעגירונג זיינען די גרעסערע און מיטעלע קרעמער געצוואונגען צו ליקווידירן זייערע געשעפטן; צוליב די אומגעהויערע שטייערן, שוועריקייטן צו קריגן סחורות און דער קאָנקורענץ פון דער קאָאָפּעראַציע ווערן אפילו די קליינהענדלער אַרויסגעשטויסן פונ'ם מאַרק. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווייס־רוסלאַנד האָט אין 1926 יאָר אויסגע־פאָרשט דאָס שטעטל פּאַריטש און איז געקומען צו דער מסקנא, אַז ביי די קליינ־הענדלער באַטרעפן די שטייערן מער, איידער די סחורה אין געשעפט, זייער לאַגע איז דעריבער אַ שרעקליכע („טריבונאַ" נומ. 2. מאָסקווע, אַפּריל 1927). אין משך פונ'ם לעצטן יאָר איז די לאַגע נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן, אַדאַנק דעם ענערגישן אָנגריף מצד דער סאָוועט־רעגירונג אויף דעם פּריוואַטן אונטערנעמער און הענדלער. דער אידישער האַנדלס־קלאַס פאַרלירט אַזוי אַרום זיינע וויכטיגסטע שטיצפּונקטן, ער ווערט פולשטענדיג רואינירט און פאַראָרעמט, און קיינע אַנדערע עקזיסטענץ־מקורים האָט ער ניט. נאָר אַ קליינער טייל פון די אַרויסגעשטויסענע הענדלער האָט זיך איינגעאָרדנט אויף ערד און אין קוסטאַרעריי, די מערהייט אָבער האָט ניט קיין מעגליכקייט זיך צו פּראָדוקטיווירן, איבערצוגיין צו שאַפנדער אַרבעט, טיילווייז זעצט מען פאַר דעם האַנדל אומלעגאַל, טיילווייז בלייבט מען אינגאַנצן אָן באַשעפטיגונגען און מען ווערט פולשטענדיג דעקלאַסירט.

„דער פּראָצעס פון פּאַופּעריזאַציע באַמערקט זיך ניט נאָר צווישן די הענדלער, ער פאַרכאַפּט געוויסע טיילן אויך פון די פּראָדוקטיווע אַרבעטנדיגע עלעמענטן. אויף דער דערמאָנטער באַראַטונג פון די אידישע קאָמוניסטישע טוער אין ווייס־רוסלאַנד האָט ה' ראָזשאַנסקי אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם באַשטאַנד פון דער שטעטלשער אָרימקייט:*)

*) „אָקטיאַבר" נומ. 27 פונ'ם 1טן פעברואַר, 1928.

„לויט דער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג באַשטייט די שטעטלדיגע אָרימקייט פון איצטיגע און פריערדיגע אַרבעטנדיגע און געוועזענע דעקלאַסירטע עלעמענטן. נאָר אין אַלגעמיין וועבירט זי זיך פון אַלע סאָציאַלע גרופּן, וואָס בילדן די שטעטלדיגע באַפעלקערונג. אין איר באַשטאַנד דאַרף מען אויסטיילן געוועזענע אַרבעטער און טאָג־אַרבעטער. די לאַגע איז אין שטעטל אַזאַ, אַז אַ געוויסער טייל פון די געוועזענע אַרבעטער, באַזונדערס די טאָג־אַרבעטער קומען אין אַן ענגער באַרירונג מיט דער דעקלאַסירטער אָרימקייט. ניט געפינענדיג וואו אויסנוצן זייער אַרבעטס־קראַפט אין דער פּראָדוקציע, זיינען זיי געצוואונגען אָנצוקומען צו כל־ערליי באַשעפטיגונגען און אַלס מקור פון חיונה דינען פאַרשיידנאַרטיגע מלאכות, אָנהויבנדיג פון טאָג־אַרבעט און ענדיגנדיג מיט קליינהאַנדל.

„קוסטאַרן. דער קאָנטינגענט פון די קוסטאַרן באַשטייט אין אַ געוויסן טייל פון אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן ניט קיין געלט און ניט קיין מכשירים. אַ סך פון זיי זיינען דערצו נאָך גאָר ווייניג קוואַליפיצירט. אַזוי אַרום הערן זיי אויף צו זיין אַ פּראָדוציר־עלעמענט און גייען אריבער צו דער גרופּע פון דעקלאַסירטער אָרימקייט.

„פּויערים. צווישן די אידישע פּויערים איז פאַראַן אַ געוויסע צאָל ערד־אַרבעטער, וואָס פאַרמאָגן אַ ניט־באַדייטנדיגן ערד־חלק, האָבן ניט גענוג לעבעדיגן און טויטן אינווענטאַר, אָהער געהערן אויך די גערטנער מיט ווייניג ערד. אַ סך פון זיי זיינען נאָך נאָמינאַל פאַררעכנט פאַר פּויערים, אָבער גיכער געהערן זיי צו דער דעקלאַסירטער אָרימקייט.

„דעקלאַסירטע אָרימקייט. דאָס זיינען מערסטנטייל געוועזענע אָנגעשטעלטע, אינוואַלידן, אַלמנות, צורואינירטע קליינע קרעמער, וואָס זיינען ניט געוואוינט צו האָרעוואַניע און לעבן זיך איצט דורך אויף די שטיצע, וועלכע זיי באַקומען פון זייערע קרובים אין אויסלאַנד, אָדער פון די היגע צדקה־חברות. אַהער קען מען אויך צורעכענען קרעמער אָרימע לייט, וואָס האַלטן נאָך טישלאַך,ביידלאַך, נאָר וועלכע גיבן זיי ניט אַפילו דעם קלענסטן מינימום פון זייער חיונה".

מיר האָבן געבראַכט אַזאַ אויספירליכן אויסצוג פון ה' ראָזשאַנסקי'ס רעפעראַט, ווייל אַפילו נאָך דער פּאַרזיכטיגער פּאַרטייאישער רעדאַקציע באַקומען מיר דאָ אַ בילד פונ'ם ווירקליכן צושטאַנד אין אידישן שטעטל. ניט נאָר דער קרעמער און הענדלער — דער דאָרן אין אויג פון דער סאָוועטישער רעגירונג — נאָר אויך אַ טייל אמת'ע האָרעפּאַשניקעס — אַרבעטער, קוסטאַרן און פּויערים געפינען ניט קיין אַרבעטס־פּלעצער, ווערן פּאַופּעריזירט און דעקלאַסירט. דאָ גייען מיר צו צו דער וויכטיגסטער פראַגע, צו דעם מצב פון די פּראָדוצירנדע און פיזיש־אַרבעטנדע עלעמענטן אין דער אידישער סביבה און אויך ביי זיי געפינען מיר ספּעציפישע מאָמענטן, וואָס שטאַמען פון דעם אייגנאַרטיגן אידישן ווירטשאַפטליכן פּרצוף, פון דער „אידישער עקאָנאָמיק".

דער אידישער אַרבעטער־קלאַס האָט אונטער דער סאָוועטנמאַכט אַ סך געוואונען אין איכות. אַ גרויסער טייל פונ'ם אידישן האַנטווערקערישן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך קאָנצענטרירט אין גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן פון דער מלוכה'שער ליכטער אינדוסטריע, וואָס אַרבעט אויס געברויך־אַרטיקלען (שניידעריי, לעדער־באַאַרבעטונג, טאַבאַק, שפּייז־אינדוסטריע, זאָקן־מאַכעריי א. אַז. וו.). דער דאָזיגער קאָנצענטראַציע־פּראָצעס, וואָס האָט אַ סך טויזנטער אידישע אַרבעטער איבערגעוואָרפן פון די קליינע שניידער־ און שוסטער־וואַרשטאַטן אין גרויסע מלוכהשע ניי־ און לעדער־פאַבריקן, האָט אַ גרויסע באַדייטונג. קלענערע רעזולטאַטן זיינען פאַראַן אין דער שווערער אינדוסטריע — אין דער באַרג־אינדוסטריע, אויף די אייזנבאַנען, אין דער גרויסער מעטאַל־אינדוסטריע א. אַז. וו. אָבער אויך אויף דעם געביט זיינען פאַראַן געוויסע דערגרייכונגען. אין אַ רייע גרויסע מעטאַל־פאַבריקן אין די גרויסע שטעט, ווי אויך אויף די צוקער־זאַוואָדן אַרבעטן איצט טויזנטער אידישע אַרבעטער. דאָ איז אָבער דער פּראָצעס

געגאַנגען אַ סך לאַנגזאַמער און באַגעגנט גרויסע שוועריקייטן. אידן זיינען פאַר דער
רעוואָלוציע אין די דאָזיגע פּראָדוקציע־צווייגן כמעט אינגאַנצן ניט געווען פאַרטראָטן
און דעריבער איז זיי נאַטירליך שווער געווען אַריינצודרינגען אין די פאַבריקן און
זאַוואָדן, ווייל די פרייע פּלעצער זיינען אין דער ערשטער רייע פאַרנומען געוואָרן
דורך די רוסישע אַרבעטער, זייערע קינדער און קרובים. אידן האָבן ערשט געמוזט
דורכברעכן די וואַנט, שאַפן אינזלען אויף די פאַבריקן, כדי שפּעטער זיך דאָרט צו
פאַרפעסטיגן. דאָס האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס איינגעגעבן, דער קערן איז געשאַפן
געוואָרן, אָבער צוליב דער אָפּוועזנהייט פון קוואַליפיצירטע אידישע אַרבעטער זיינען
זיי אין דער שווערער אינדוסטריע איינגעאָרדנט געוואָרן הויפּטזעכליך אַלס
שוואַרצאַרבעטער.

דער אידישער אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד האָט אַזוי אַרום צום 10־יאָריגן יובל
פון דער רעוואָלוציע צו פאַרצייכענען אַ וויכטיגע דערגרייכונג — ער האָט באַקומען
אַ צוטריט צו דער גרויסער פאַבריק און צו אַלע פּראָדוציר־צווייגן. אָבער אין דער
זעלבער צייט באַמערקן מיר ביים אידישן אַרבעטער אַ רייע ספּעציפישע ערשיינונגען,
וואָס שטעלן אים אין אַן אומגינסטיגע לאַגע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז
אַ גלייכבאַרעכטיגטער מיטגליד פון דער אַרבעטער־משפּחה פונ׳ם סאָוועטישן פאַרבאַנד.

אין דער ערשטער רייע דאַרף מען דערמאָנען די אַרבעטסלאָזיגקייט,
וועלכע איז ביי די אידישע אַרבעטער פאַרהעלטניס־
מעסיג 2 מאָל גרעסער, ווי ביי די ניט־אידישע.
אין אוקראַינע, דער הויפּט־צענטער פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט,
בילדן די אידן 12.1 פּראָצענט פון אַלע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־
נען און צווישן די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער פון די פאַריינען מאַכן זיי אויס 23.3
פּראָצענט.*) דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ פאַקט פון אַרויסשטויסן דעם
אידישן אַרבעטער פון די פאַרנומענע דורך אים פּאָזיציעס. דעם דאָזיגן פּראָצעס
באַמערקט מען ניט נאָר ביי די אָנגעשטעלטע און באַאַמטע, וואו עס זיינען לעצטנס
פאָרגעקומען גרויסע פאַרקירצונגען פון די פּערסאָנאַלן, נאָר אויך ביי די אינדוסטריעלע
אַרבעטער — מעטאַליסטן, טעקסטילער, כעמיקער, צוקער־אַרבעטער א. אַז. וו. אין
אַלע פאַכן איז ביי די אידישע אַרבעטער די אַרבעטסלאָזיגקייט פּראָפּאָרציאָנעל 2 און
3 מאָל גרעסער, ווי ביי זייערע ניט־אידישע חברים. די אידישע אַרבעטער, וואָס
זיינען אין די יאָרן פון אויפשטייג — אין 1925 און 1926 — אַריין אין דער
אינדוסטריע זיינען ביי דער ערשטער כוואַליע פון אַרבעטסלאָזיגקייט אַרויסגעשטויסן
געוואָרן אין אַ סך גרעסערער מאָס ווי די רוסישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע אַרבע־
טער. דאָס איז ניט קיין צופעליגע ערשיינונג, זי ערקלערט זיך מיט דער ניט־
גענוגענדער קוואַליפיקאַציע פונ׳ם אידישן אַרבעטער, מיט זיין אָפּגעשטאַנענקייט, מיט
דעם איבערפלוס פון אַרבעטסקראַפט אין די אידישע פאַכן, מיט די ספּעציפישע
סמנים, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם פּרצוף פונ׳ם אידישן אַרבעטער־קלאַס. צום
10־יאָריגן יובל פון דער רעוואָלוציע איז אין אוקראַינע געווען 355.000 אַרבעטסלאָזע
(„שטערן" פון 9 אויגוסט 1927), און אין ווייסרוסלאַנד — העכער 51.000
(„אָקטיאַבר" פון 29 אָקטאָבער 1927), אַזוי אַז די צאָל אידישע אַרבעטסלאָזע אין
רוסלאַנד דערגרייכט ביז 100,000. די דאָזיגע גרויסע מחנה האָט ניט קיין אויס־
זיכטן צו באַקומען אַרבעט אין דער נאָענטסטער צייט, מחמת די צאָל נייע אַרבעטער,
וואָס וועט אין די נאָענטסטע יאָרן אַריינגעצויגן ווערן אין די אינדוסטריע, מוז נאָך
דער אויפשטעלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט שטאַרק פאַרקלענערט ווערן. (אין
1925־26 — 538.000, אין 1926־27 — 130.000 און לויטן פּלאַן אויף 1927־28 —
70,000). אַ טייל פון די אידישע אַרבעטסלאָזע גייט דערפאַר איבער צו אַנדערע
פּראָפעסיעס — קוסטאַרעריי, לאַנדווירטשאַפט, קליינהאַנדל און אַ טייל ווערן אינגאַנצן

*) מ. קיפער. „10 יאָר אָקטיאַבר", קיעוו 1927, זייטן 45 און 48.

דעקלאַסירט, ד. ה. אַז אַ טייל פון׳ם אידישן אַרבעטער־קלאַס איז געצוואונגען איבערצוגיין אויף אַ נידעריגערע עקאָנאָמישע שטופע.

דער צווייטער מאָמענט, וואָס כאַראַקטעריזירט די אידישע אַרבעטער־סביבה, איז די אָפּהענגיקייט פון אַ גרויסן טייל אידישע אַרבעטער פון׳ם פּריוואַטן בעל־מלאכה. די צאָל אידישע אַרבעטער, וואָס געפינט זיך מחוץ דער מלוכה־אינדוסטריע, איז נאָך זייער גרויס. עס איז געווען אָנצואווייזן, אַז אין אוקראַינע זיינען אין דער נייע־אינדוסטריע, דעם קלאַסישן אידישן פאַך, באַשעפטיגט אין מלוכה׳שע אונטערנעמונגען נאָר 41.9% אַרבעטער *), די איבעריגע זיינען אָנגעוויזן אויפ׳ן פּריוואַטן בעל־הבית. דער דאָזיגער גרויסער טייל פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט געפינט זיך אין אויסערגעוויינליך־שווערע באַדינגונגען. די אַרבעטער זיינען צעוואָרפן איבער קליינע וואַרשטאַטלאַך, זיינען ניט אָרגאַניזירט און כדי צו קריגן אַרבעט זיינען זיי געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון אַ גרויסן טייל פּריווילעגיעס, וואָס די סאָוועטישע געזעצגעבונג גיט דעם אַרבעטער־קלאַס. צווישן דעם האַנטווערקישן אידישן פּראָלעטאַריאַט איז נאָך שטאַרק פאַרשפּרייט די הויז־אַרבעט, וועלכע איז גראָד אויפן צענטן יאָר פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן. אַ דאַנק דעם נייעם „זיגזאַג" פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק געגן דעם פּריוואַטן אונטערנעמער, אויך געגן דעם קליינעם האַנטווערקער, וועלכער פאַרלירט לויטן נייעם געזעץ דאָס וואַלרעכט אַפילו ביי 1 אַרבעטער, זוכן די בעלי־מלאכות מיט אַלע מעגליכקייטן זיך צו באַפרייען פון די אַרבעטער, כדי צו בלייבן קוסטאַרן־יחידים, און געבן זיי אַרבעט אַהיים אויף אַן אומלעגאַלן אופן. די צאָל קוואַרטירניקעס ווערט דעריבער ניט נאָר ניט פאַרקלענערט, נאָר זי האַלט אין וואַקסן. אין באַריכט פון׳ם נאָדל־פאַריין אין אוקראַינע ווערט געזאָגט, אַז די בעלי־בתים באַנוצן אַלץ מער געדונגענע אַרבעטס־קראַפט אויף אַן אומלעגאַלן אופן („שטערן" פון׳ם 20טן אַפּריל 1927). אין באַריכט פון׳ם לעדער־פאַריין אין ווייס־רוסלאַנד לייענען מיר: „אַ סך קוסטאַרן סטאַרען זיך אָפיציעל צו פאַרמאַכן זייערע וואַרשטאַטן און אָפּזאָגן די אַרבעטער, אָבער פאַקטיש ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי גיבן אַרבעט אַהיים די זעלבע אַרבעטער, נאָר אומלעגאַל" („עמעס" פון׳ם 4טן יוני, 1927). די קוואַרטירניקעס ווערן עקספּלואַטירט אויפ׳ן שווערסטן אופן, פאַר זיי עקזיסטירט ניט קיין 8־שעה׳דיגער אַרבעטס־טאָג, זיי געניסן ניט פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג און באַקומען אַ נישטיגן לוין פאַר זייער שווערער אַרבעט. דער קאָרעספּאָנדענט פון „אָקטיאַבער" כאַראַקטעריזירט אַזוי די לאַגע פון וויטעבסקער שניידער־קוואַרטירניקעס: „מען אַרבעט מיט ווייב און קינדער, מען אַרבעט טאָג און נאַכט אין קעלערס, אויף בוידימער און מען באַקומט דערפאַר קדחות מיט כשר׳ע פאָדים" („אָקטיאַבער" פון׳ם 2טן יוני 1926). וועגן די הויז־אַרבעטערינס אין דער קאָנפעקטן־אינדוסטריע דערציילט דער „שטערן" פון׳ם 21טן יוני 1927. די אָדעסער פּריוואַטע בעל־הבתים פון די קאָנפעקטן־פאַבריקלאַך האָבן „אַלע אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די אַרבעט צו וויקלען קאָנפעקטן די קוואַרטירניקעס, אָרימע אויסגעמוטשעטע מיידלאַך, וואָס אַרבעטן צו 12 און 14 שעה און באַקומען פאַר זייער האָרעוואַניע גראָשנס". די לעצטע צייט ווערט די הויז־אַרבעט שטאַרק פאַרשפּרייט דורך דעם סיסטעם פון פּיקטיווע קוסטאַרן — די אַזוי גערופענע „פּאַטענטניקעס". דער קוואַרטירניק נעמט אַרויס אַ פּאַטענט אויף פּערזענליכער באַשעפטיגונג, פאָרמעל פיגורירט ער אויף אַזאַ אופן ווי אַ קוסטאַר־יחיד, פאַקטיש אָבער אַרבעט ער פאַרן פאַרמעגליכן בעל־מלאָכה און הענדלער און ווערט שרעקליך עקספּלאָאַטירט. די אומלעגאַלע שוויצגריבער עקזיסטירן אין אַלע אידישע ישובים, אין זיי אַרבעטן אַ סך טויזנטער אידישע אַרבעטער אין די ערגסטע באַדינגונגען, וועלכע דערמאָנען די פינסטערסטע צייטן, ווען דער אידישער אַרבעטער איז געווען פולשטענדיג פאַר־

*) „די רויטע נאָדל", נומ. 1, כאַרקאָוו, יאַנואַר, 1928.

קנעכטעט, ווען ער האָט נאָך אינגאַנצן ניט געהאַט קיין שום אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קעמפן פאַר זיינע עלעמענטאַר־מענשליכע רעכט.

אונטערפירנדיג אַ סך הכל צום 10־יאָריגן יובל פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע דאַרפן מיר אומבאַדינגט רעגיסטרירן די דאָזיגע פאַקטן פון נויט און עלנט — פון מאַסן־אַרבעטסלאָזיגקייט, הויז־אַרבעט און שרעקליכער עקספּלואַטאַציע.

אין אַ באַזונדערס שווערער לאַגע געפינט זיך די אידישע יוגנט. אַ גרויסער טייל פון דער אידישער יוגנטליכער מאַסע (כמעט אַ העלפט) האָט ניט קיין פאַך אין האַנט און קיין פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט. אויך דאָ שטויסן מיר זיך אָן אין דער אידישער סביבה אויף אַ ריי ספּעציעלע דערשיינונגען, וואָס זיינען אַ דירעקטער פועל יוצא פון דער אומנאָרמאַלער סאָציאַלער סטרוקטור פונ׳ם אידישן פאָלק. ביי דער ניט אידישער באַפעלקערונג ווערט 80% פון דער יוגנט דערצויגן אין דאָרף, פון די קינדער יאָרן אָן ווערן זיי אַריינגעצויגן אין דער לאַנדווירטשאַפט־ליכער אַרבעט און טרעטן אַריין אין לעבן ווי ערפאַרענע ערד אַרבעטער. אויך אין שטאָט האָט די גרעסטע מערהייט פון דער ניט־אידישער יוגנט אַ מעגליכקייט צו קריגן אַ קוואַליפיקאַציע, דורך די עלטערן ווערן די יוגנטליכע אַריינגעצויגן אין דער פאַבריק, אין די קוילנגרובן, אויף די אייזנבאַנען א. אַז. וו. גאָר אַן אַנדער בילד טרעפן מיר ביי דער אידישער באַפעלקערונג. דער רוב פון די אידישע יוגנטליכע קאָן ניט גיין אויף די אויסגעטראָטענע וועגן פון די עלטערן, די יוגנטליכע קאָנען ניט און טאָרן ניט זיך גרייטן צו קרעמעריי און האַנדל, זיי מוזן ווערן אַן אַרבעטנדיגער עלעמענט, כדי אויפהערן צו זיין שטיף־קינדער, כדי צו ווערן פולבאַרעכטיגטע בירגער פון דער סאָוועטישער מלוכה. אָבער וואו און ביי וועמען זאָל דער אידישער יונגער דור אויסבייטן זיין סאָציאַלן געשטאַלט, וואו און ביי וועמען זאָל ער קריגן די נויטיגע קוואַליפיקאַציע? דער הויפּט־רעזערוואואַר, וואָס האָט געשפּייזט די אידישע סביבה מיט נייע פּראָדוצירנדע קרעפטן, איז געווען די האַנטווערקעריי, וועלכע האָט פאַר־נומען און פאַרנעמט נאָך עד היום דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די פּראָדוצירנדע און פיזיש־אַרבעטנדיגע עלעמענטן פונ׳ם אידישן פאָלק. אָבער גראָד דאָס האַנטווערק איז אַזוי גוט ווי פאַרשלאָסן פאַרן אונטערוואַקסנדן אידישן דור. צוליב די ספּעצי־פישע סאָוועטישע באַדינגונגען, ווילן די האַנטווערקער ניט אָננעמען קיין לערנאינגלאַך, ניט געקוקט אויף אַלע הנחות, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט די לעצטע פאָר יאָר געמאַכט פאַר בעל־מלאָכות, וואָס האַלטן לערנאינגלאַך. די צאָל לערנאינג־לאַך אין דער מלאָכה איז איצט 5—6 מאָל קלענער ווי פאַר דער מלחמה. לויט די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען פאַרעפנט־ליכט געוואָרן אין „עמעס” פונ׳ם 11טן פעברואַר, 1927, באַטרעפט די צאָל האַנטווערקער־שילער אינגאַנצן ביז 10,000; דאָס איז באמת אַ טראָפּן אין ים פון דער יוגנטליכער נויט. די אידישע קאָמוניסטן ווענדן אָן אַלע זייערע קרעפטן אויף אַריינציען די יוגנט אין דער מלאכה, אָבער אַלע באַמיאונגען בלייבן אָן ערפאָלג, ווייל אין דער סאָוועטישער אַטמאָספער פון „זיגזאַגן” איז דער קוסטאַר ניט זיכער, אַז מאָרגן וועט ער פאַר „עקספּלואַטאַציע” פונ׳ם לערנאינגל ניט אַנערקענט ווערן פאַר אַ ניט־אַרבעטנדיגן עלעמענט מיט אַלע קאָנסעקווענצן. באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, אין די פּאַרוואָרפענע אידישע שטעטלאַך, וואו עס הערשט נאָך ביז איצט דער קאָמסאָמאָליעץ מיט זיין אייגענעם „צוגאַנג” צום בעל־מלאכה, האָט דער לעצטער גענוג ביישפּילן, וואָס באַרעכטיגן זיין צוריקהאַלטונג. עס בלייבט אַ טרויעריגער פאַקט, אַז די קוסטאַרן און האַנטווערקער מיידן אויס אָנצונעמען שילער, אַפילו ווען זיי נויטיגן זיך אין זיי. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שטייט די אידישע מלאכה פאַר אַ שווערער פּראָבלעם פון שאַפן דעם נאָכוואוקס, אַ פּראָבלעם וואָס האָט נאָך ניט געפונען איר לייזונג. די אידישע יוגנט קאָן אין די סאָוועטישע באַדינגונגען ניט שעפּן פון דעם קוואַל, פון וועלכן די פריערדיגע אַרבעטער דורות האָבן געצויגן די יניקה, זי מוז זוכן אַ מעגליכקייט זיך לערנען אַ פאַך אין די

פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע און פאַבריק־זאַוואָדישע שולן. אָבער די פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע נעץ איז עד היום אין רוסלאַנד זייער שוואַך אַנטוויקלט און קלעקט כלל וכלל ניט צו באַפרידיגן די באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג. ווי שטאַרק די אידישע יוגנט־מאַסע זאָל ניט אַריינדרינגען אין די פּראָפעסיאָנעלע שולן, זיינען די מעגליכקייטן דאָרט זייער באַגרעניצטע און קאָנען ניט פאַרענטפערן אַפילו אין דער קלענסטער מאָס די פּראָבלעם פון קוואַליפיקאַציע אין דער אידישער סביבה. סך־הכל לערנען זיך אין אַלע פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע, פאַבריק־זאַוואָדישע און קוסטאַרישע שולן פונ׳ם סאָוועטישן פאַרבאַנד בערך 15.000 אידישע שילער*). דער רוב פון דער אידישער יוגנט איז דעריבער ניט ביכולת זיך לערנען אַ פאַך. אַ טייל גייט אין די גרויסע שטעט און הויבט אָן דעם אַרבעטס־סטאַזש אַלס ניט־קוואַליפיצירטע שוואַרץ־אַרבעטער, וועלכע ווערן צוליב דער ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע אַרויסגעשטויסן אין דער ערשטער רייע (53% פון אַלע אַרבעטסלאָזע אין רוסלאַנד בילדן די ניט־קוואַליפיצירטע עלעמענטן). די לאַגע פון דער אידישער יוגנט איז דעריבער באמת אַ טראַגישע. ה׳ טשעמערינסקי האָט אויף דער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס פעסטגעשטעלט אויפן סמך פון אַן אויספאָרשונג אין אַ רייע ווייסרוסישע שטעטלאַך, אַז דורכשניטליך מאַכן אויס די אַרבעטסלאָזע צווישן דער אידישער יוגנט גאַנצע 50 פּראָצענט, און אַז אויף די ערטער איז ניטאָ קיין האָפנונג צו באַקומען אַרבעט און זיך אויסלערנען אַ מלאכה.**) דאָס לעצטע יאָר איז די לאַגע פון דער יוגנט נאָך פאַרערגערט געוואָרן, און די צאָל אַרבעטסלאָזע אידישע יוגנטליכע איז נאָך מער אויסגעוואַקסן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס דער אויפנעם אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן איז פאַרקירצט געוואָרן ביז צום מינימום.

ח׳ קאַלמאַנסאָן שרייבט אין „עמעס" פון 17טן אויגוסט, 1927: „די לעצטע צייט האָבן מיר אַ גרויסע צאָל אַרבעטסלאָזע מינדעריעריגע, וואָס זיינען פאַרשריבן אויף די אַרבעטס־בירזשעס און האָבן פאַקטיש ניט קיין פּערספּעקטיוון איינצואָרדנען זיך אין דער אינדוסטריע. מיר האָבן אין אַלע שטעט גרויסע מחנות מינדעריעריגע, וואָס האָבן ניט קיין שום קוואַליפיקאַציע און קאָנען בשום אופן ניט ווערן אויסגענוצט". און דער פירער פון די אידישע סעקציעס ביים קאָמוניסטישן יוגנט פאַרבאַנד לעזמאַן האָט אויף אַ באַראַטונג פון די סעקציעס אין אָקטאָבער 1927 אַזוי כאַראַקטעריזירט די לאַגע פון דער אידישער יוגנט: „דער פּראָצעס פון רואינירונג קומט פאָר מיט אַ שנעלערן טעמפּ, איידער דאָס אַריינציען אין אַלע פּראָדוציר־צווייגן („עמעס" פונ׳ם 28טן אָקטאָבער 1927).

די דאָזיגע אויסצוגן נויטיגן זיך ניט אין קיינע פּירושים, זיי באַשטעטיגן קאַטעגאָריש אונזער גרונט־הנחה, אַז אין דער אידישער סביבה איז דער חורבן אַ סך שטאַרקער פונ׳ם אויפבוי. דער דאָזיגער פּראָצעס קומט פאָר ניט נאָר ביי די אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן נאָר אויך אין די רייען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און דער אַרבעטער־יוגנט, וועלכע וואָלטן געדאַרפט זיין די באַזע פון דער דיקטאַטור אויף דער אידישער גאַס. פאַקטיש אָבער האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז ניט די אַרבעטער, נאָר די קוסטאַרן און האַנטווערקער

---

*) לויט די אָנגאַבן פון מ. קיפּער באַטרעפט די צאָל אידישע שילער אין די פּראָפעסיאָנעלע שולן אין אוקראַינע 19.231. ח׳ קיפּער רעכנט אָבער אַריין אויך די שילער פון די פּעדאַגאָגישע טעכניקומס, פון די מעדיצינישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קונסט־שולן, ד. ה. פון אַזעלכע שולן, וואָס גרייטן פּערזאָנען פון פרייע פּראָפעסיעס. מיר האָבן אויסגעפּילט נאָר די שולן, וואו עס ווערן צוגעגרייט פּראָדוצירנדע עלעמענטן — אַרבעטער און האַנטווערקער. די צאָל אידישע שילער אין די דאָזיגע שולן באַטרעפט אין גאַנצן סאָוועטישן פאַרבאַנד ניט מער פון 15,000.

**) „די אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די אידישע סעקציעס", מאָסקווע 1927, זייטן 61-62.

בילדן די צענטראַלע פיגור אין דער אידישער סביבה. אין דער צייט פונ׳ם „מיליטערישן קאָמוניזם" און די ערשטע יאָרן פון „נעפּ" זיינען די קליינבירגערליכע בעל־מלאכות טאַקע באַטראַכט געוואָרן ווי אַן עקספּלואַטירנדער עלעמענט, אויף זיי זיינען אַרויפגעלעגט געוואָרן אומדערטרעג־ליכע שטייערן־לאַסטן און אַנדערע אָפּצאָלונגען, וועלכע האָבן זיי פולשטענדיג רואי־נירט. מיט די דאָזיגע האָרעפּאַשניקעס האָבן די „יעווסעקן" געפירט אַ שאַרפן קאַמף און אַ טייל איז געצוואונגען געווען צו ליקווידירן די וואַרשטאַטן און איבערגיין צו קליינהאַנדל. דאָס איז געווען די שווערסטע צייט פאַר דער אידישער מלאכה, וועלכע איז ממש געשטאַנען פאַר דער סכנה פון אונטערגאַנג. אָבער אָנהויבנדיג פון 1925 יאָר, ווען די סאָוועט־רעגירונג האָט צוליב דעם סחורה־הונגער אין לאַנד און דער וואוקס פון דער אַרבעטסלאָזיגקייט איינגעזען די גרויסע באַדייטונג פון דער קוסטאַר־אינדוסטריע און די „יעווסעקן" האָבן זיך אַ קער געטאָן „מיט׳ן פּנים צום שטעטל", האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. די סאָוועט־רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעזשירן דעם קוסטאַר און האַנטווערקער און מחמת דעם האָט די מלאָכה ווידער אויפגעלעבט.

די צאָל אידישע בעל־מלאכות איז פאַר די לעצטע 3 יאָר שטורמיש געוואַקסן, ניט נאָר די פריערדיגע בעל־מלאכות האָבן זיך אומגעקערט צו זייער פּראָפעסיע, נאָר אויך אַ סך אַנדערע עלעמענטן, ווי קרעמער און אַרבעטער זיינען איבערגעגאַנגען צו קוסטאַרעריי. אין דער קוסטאַרישער סביבה פילן זיך נאַטירליך שטאַרק די שוועריקייטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור בכלל, די האַנטווערקער ליידן שטאַרק פון מאַנגל אין רוּוואַרג און אומזאַץ־מיטלען, אָבער בלי ספק בילדן זיי צום 10־יאָריגן יובל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דעם סאַמע פעסטן עקאָנאָמישן עלעמענט צווישן דער אידישער באַפעלקערונג. מ׳דאַרף נאָך באַטאָנען, די דאָזיגע סאָציאַלע גרופּע איז די איינציגע אָרגאַניזירטע ביי אידן. די קוסטאַרן און האַנטווערקער זיינען אָרגאַניזירט אין ליי־ און שפּאָר־קאַסעס און קוסטאַרישע פאַריינען, וועלכע פירן אַ ברייטע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַרבעט צווישן זייערע מיטגלידער. אָט אַזוי האָט די קאָמוניסטישע פּאָליטיק אין דער אידישער סביבה געפונען איר אייגנאַרטיגן אויסדרוק. אין אַ לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז ביי אידן דער אָרגאַניזירטער כח ניט דער טרעגער פון דער דיקטאַטור — דער אַרבעטער־קלאַס, נאָר דער קליינבירגערליכער בעל־מלאכה. דער אידישער אַרבעטער האָט ניט קיין אייגענע אָרגאַניזאַציע, ער ווערט ווי אַ קליינע מינדערהייט פאַרשוואונדן צווישן דער גרויסער רוסישער אַרבעטער־מאַסע און בלייבט פולשטענדיג דעזאָרגאַני־זירט. פאַרקערט, די קליינבירגערליכע אידישע קוסטאַרן און האַנטווערקער בילדן אַן איבערוועגנדע מערהייט אין די ראַיאָנען פון דער אידישער קאָנצענטראַציע אין די קוסטאַרישע אָרגאַניזאַציעס און שטעלן מיט זיך פאָר אַן אָרגאַניזירטע קראַפט, מיט וועלכער מ׳מוז זיך רעכענען אויף. וויפיל די דיקטאַטור רעכנט זיך בכלל מיט די געזעלשאַפטליכע כחות אין לאַנד.

ניט געקוקט אויף די אין אַלגעמיין גינסטיגע באַדינגונגען, האָט אַ טייל פון די אידישע קוסטאַרן, באַזונדערס אין די שטעטלאַך, ניט קיין מעגליכקייט זיך איינצו־אָרדנען און ווערט, ווי ה׳ ראָזשאַנסקי ווייזט אָן אין זיין רעפעראַט, דעקלאַסירט. דערמיט ערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס די בעל־מלאכות בילדן אַזאַ גרויס פּראָצענט צווישן די איבערוואַנדערער אויף ערד אַרבעט, וועלכע ווערט די לעצטע יאָרן געפירט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב.

די אידישע ערדאיינאָרדנונג איז דאָס נייע און וויכטיגסטע, וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאַפן אין דער אידישער סביבה. אמת, אַגראַריזירונגס־פּראָצעסן זיינען די לעצטע 50 יאָר פאָרגעקומען ביי דער אידישער באַפעלקערונג אין פאַרשיידענע לענדער, די אַגראַריזאַציע איז בכלל געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דער לאַבאָריזירונג און פּראָדוקטיווירונג פון די אידישע מאַסן, וואָס גייט

אין אַלע לענדער, וואו עס איז פאַראַן באַדייטנדע אידישע קבוצים. אָבער אין קיין לאַנד אין דער וועלט איז די אידישע ערדאייננאָרדנונג ניט געפירט געוואָרן אין אַזאַ פאַרנעם ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין משך פון די 10 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז די צאָל אידן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפט, אויסגעוואַקסן אויף 20.000 משפחות, דערפון האָבן בערך 9.000 זיך אַליין באַזעצט אויפ׳ן לאַנד, באַקומענדיג ערד־חלקים צוגלייך מיט די פויערים בעת דער פאַרטיילונג פון די פריצישע־נחלאות און אויף די פרייע קאָלאָניזאַציאָנס־פאָנדן, די איבעריגע זיינען פּלאַנמעסיג קאָלאָניזירט געוואָרן די לעצטע 3 יאָר, נאָך דער גרינדונג פון „קאָמזעט״ — דעם רעגירונגס־אָרגאַן צו איינאָרדנען אידן אויף ערד. אַ דאַנק דער פּאָזיטיווער באַציאונג פון דער סאָוועט־רעגירונג צו דער אידישער קאָלאָניזאַציע און דער ברייטער אונטערשטיצונג פון די אויסלענדישע אידישע אָרגאַניזאַציעס, דער עיקר פון „דזשאָינט״, איז באמת אָפּגעטאָן געוואָרן אַ וויכטיגע היסטאָרישע אַרבעט. די שאַפונג פון אַ אידישן פויערשן קלאַס איז דער גרעסטער אַקטיוו פון דער אָקטיאָבער־רעוואָלוציע אין דער אידישער סביבה. בלי ספק וועלן נאָך אַ סך טויזנטער אידישע משפחות באַזעצט ווערן אויפ׳ן לאַנד, אָבער ביים גרעסטן דערפאָלג פון דער קאָלאָני־זאַציע איז זי ניט ביכולת צו לינדערן די אידישע אַרבעטסלאָזיגקייט. די 3 יאָר פּלאַנמעסיגע אידישע קאָלאָניזאַציע האָבן באַוויזן אַז דורכשניטליך קענען איינגע־אָרדנט ווערן ביז 4.000 משפחות אַ יאָר (20.000 נפשות). די דאָזיגע צאָל איז זייער אַ גרויסע, זי איז אָבער קלענער אפילו פונ׳ם יערליכן צוואוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכער דערגרייכט די לעצטע צייט 40־50 טויזנט אַ יאָר. די ערד־איינאָרדנונג קאָן אויף אַזאַ אופן ניט איינשלינגען אפילו דעם נאַטירליכן צוואוואוקס און אודאי שוין איז זי ניט ביכולת צו פאַרענטפערן די שווערע פּראָבלעם פון אַרבעט־באַשאַפונג פאַר די אַרויסגעשטויסענע דורך דער רעוואָלוציע עלעמענטן.

צוויי פּראָצעסן קומען פאַר אינ׳ם ווירטשאַפטליכן לעבן פונ׳ם רוסישן אידנטום: פּאופּעריזאַציע און פּראָדוקטיוויזאַציע. די אידישע מאַסע ראַנגלט זיך פאַרן קיום און זוכט אַן אויסוועג פונ׳ם קלעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער קאָמוניסטי־שער פּאָליטיק. אידן ציען זיך צו לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע און האָבן אַ סך דערגרייכט אויף די דאָזיגע געביטן, אָבער די ספּעציעלע אידישע „שער״ — די דיספּראָפּאָרציע צווישן דער צאָל אַרויסגעשטויסענע און איינגעאָרדנטע — ווערט אַלץ ברייטער, די רואינירונג איז אַ סך שטאַרקער פונ׳ם ווידעראויפבוי. דאָס איז דער גרונט סך הכל צום 10 יאָריגן יובל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

3.

די רעוואָלוציע האָט צעריסן די קייטן אין וועלכע דאָס אידישע פאָלק איז געווען איינגעשמידט הונדערטער יאָרן אונטערן צאַרישן רעזשים. אידן זיינען אין סאָוועטישן פאַרבאַנד פולבאַרעכטיגט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער. מ׳דאַרף ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען, אַז די פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג האָט די אידישע באַפעלקערונג באַקומען פון דער פאַרשאָלטענער דעמאָקראַטיע, פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע. דאָס איז באַזונדערס נויטיג צוליב דעם, וואָס די קאָמוניסטן — אידישע און ניט־אידישע — פאַרגלייכן שטענדיג די פּאָליטיש־רעכטליכע לאַגע פון דער אידי־שער באַפעלקערונג אונטער דער סאָוועטנמאַכט און דער צאַרישער הערשאַפט און שטרייכן אונטער, אַז די סאָוועטנמאַכט האָט באַפרייט די אידן פון דער וואוינרעכט־מכה, פון דער פּראָצענט־נאָרמע און פון אַלע אַנדערע גזירות, וועלכע די צאַרישע מאַכט האָט איינגעשטעלט ספּעציעל פאַר אידן. דאַרף מען דעריבער דערמאָנען, אַז צווישן דעם מאָנאַרכיסטישן און באָלשעוויסטישן פּעריאָד ליגט דער פּעריאָד פון דעמאָקראַטיע, אַז פאַר דער אָקטיאָבער־רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען די פעברואַר־רעוואָלוציע און אַז די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט אַלע אויסנאַמס־געזעצן און באַשריינקונגען פאַר אידן, אַז די בירגערליכע עמאַנסיפּאַציע פון דער אידישער

באַפעלקערונג איז פאָרגעקומען נאָך פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. בלי ספק איז פאַר די 10 יאָר סאָוועטנמאַכט די אידישע גלייכבאַרעכטיגונג נאָך מער פאַרפעסטיגט געוואָרן. אָבער די ספּעציפישע סאָציאַלע סטרוקטור פונ׳ם אידישן פאָלק האָט ארויפגעלייגט איר שטעמפּל אויך אויפ׳ן פאָליטישן לעבן פון די אידישע מאַסן. אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו עס זיינען ניט גאַראַנטירט די עלעמענטאַרע רעכט פון דער באַפעלקערונג, וואו אַלע אַנדערשדענקענדע ווערן גע׳רודפ׳ט עד חרמה, קאָן נאַטירליך קיין רייד ניט זיין וועגן אַ נאָרמאַלער פרייער פּאָליטישער טעטיגקייט. אָבער דאָס ביסל פּאָליטישע לעבן, וואָס עס איז פאַראַן אין רוסלאַנד, קאָנצענטרירט זיך אין די סאָוועטן און אויספיר־קאָמיטעטן. און דאָ בלייבן די אידן הינטערשטעליג אין פאַרגלייך מיט אַנדערע נאַציעס פונם סאָוועטישן פאַרבאַנד. ביי אידן איז דער פּראָצענט פּאָליטיש־רעכטלאָזע אַ סך גרעסער, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. אין אוקראַינע האָבן די אידן אין 1926 געבילדעט גאַנצע 46.1% פון אַלע וואַלרעכטלאָזע *), בשעת לגבי דער באַפעלקערונג מאַכן די אידן אויס אינגאַנצן 5.4%. דער פּראָצענט וואַלרעכטלאָזע ביי אידן איז שוין דעמאָלט געווען כמעט 9 מאָל גרעסער פון זייער פּראָפּאָרץ אין דער באַפעלקערונג. אין 1927 איז דער פּראָצענט ניט־וואַלבאַרעכטיגטע ביי אידן נאָך מער אויסגעוואַקסן צוליב דער נייער וואַל־אינסטרוקציע, וועלכע האָט אָפּגענומען דאָס וואַלרעכט ביי די קליינהענדלער, ביי איינציגע גרופּן קוסטאַרן און ערדאַרבעטער א. אַ. ביי די וואַלן צו די אידישע שטעטלשע סאָוועטן אין 1927 איז 40 % פון דער אידישער באַפעלקערונג געבליבן אָן וואַלרעכט. 40% פון דער אידישער באַפעלקערונג איז רעכטלאָז און קאָן זיך אַבסאָלוט ניט באַטייליגן אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטליכן לעבן פון לאַנד! נאָר אמת׳ע פּאָליטישע דעמאָקראַטיע וואָלט געקאָנט אָפּווישן דעם אונטערשיד צווישן אידן און ניט־אידן, וואָלט גלייכגעשטעלט די אידישע באַפעלקערונג מיט אַלע אַנדערע נאַציעס.

דער גרויסער פּראָצענט וואַלרעכטלאָזע געפינט אויך זיין אויסדרוק אין דער פאַרטרעטערשאַפט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די סאָוועטן און אויספיר־קאָמיטעטן. די פאָלגנדע טאַבעלע אילוסטרירט דעם אָנטייל פון די אידן אין די סאָוועטן און אויספיר־קאָמיטעטן אין אוקראַינע צום 10־יאָריגן יובל פון דער רעוואָלוציע.

אַנשטאַלט	פּראָצענט אידן צווישן די דעפּוטאַטן	פּראָצענט אידן אין דער באַפעלקערונג
דאָרפישע סאָוועטן	1,6	1,5
שטאָטישע סאָוועטן	19,3	23,1
צענטראַל אויספיר־קאָמיטעט	4,3	5,4

מיט אויסנאַם פון די דאָרפישע סאָוועטן איז דער פּראָצענט אידן אין די סאָוועטן און אויספיר־קאָמיטעטן קלענער פון זייער פאַרהעלטניש־צאָל אין דער באַפעלקערונג. מ׳דאַרף דערביי ניט פאַרגעסן, אַז אידן זיינען אַ שטאָטישע נאַציע, אַז די גרעסטע מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג וואוינט אין די שטעט און אַז די שטאָטישע עלעמענטן שפּילן די הויפּט־ראָלע אין די סאָוועטן (די רוסן למשל, מאַכן אויס 9 % פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג און אין צענטראַל אויספיר־קאָמיטעט בילדן זיי גאַנצע 25%). און פונדעסטוועגן האָבן די אידן אין די סאָוועטישע געזעצגעבערישע אָרגאַנען ניט דערגרייכט זייער פּראָפּאָרץ לגבי דער באַפעלקערונג.

די געבראַכטע ציפערן באַווייזן בדרך אגב, אויך וויפיל די לעגענדע וועגן דער „אידישער הערשאַפט” אין רוסלאַנד, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די ברייטע שיכטן אין אויסלאַנד, האָט ניט קיין שום גרונט אונטער זיך.

און ווי שטייט עס אויפ׳ן אידעאָלאָגישן פראָנט? די אידישע קאָמו־

*) „די אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די אידישע סעקציעס”, זייט 63.

ניסטן באַרימען זיך, אַז זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אין דער אידישער סביבה אַ אידעאָלאָגישן נצחון, אַז די קאָמוניסטישע אידייען האָבן באַהערשט די מוחות פון די אידישע מאַסן, אַז דאָס אידישע לעבן איז פולשטענדיג סאָוועטיזירט. והא ראיה: די איינשטימיגע רעזאָלוציעס פון אַלע פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן זיינען פול מיט לויבגעזאַנגען דער סאָוועטנמאַכט און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די רעזאָלוציעס באַווייזן נאַטירליך גאָרניט, וואָרום אין אַ לאַנד, וואו פּאָליטיק ווערט געמאַכט לויט'ן רעצעפּט פון גריבאָיעדאָוו'ס העלד — „ניט וואַגן צו האָבן אַן אייגענע מיינונג" — קאָנען קיין אַנדערע רעזאָלוציעס ניט אָנגענומען ווערן. אין רוסלאַנד מוזן אַלע בירגער מסכים זיין מיט דעם שטאַנדפּונקט, וועלכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האַלט היינטיגן טאָג פאַר אַ ריכטיגן (אַט האָט טראָצקי געפּרואווט האָבן זיין אייגענע מיינונג — האָט ער דערפאַר באַצאָלט מיט זיין פרייהייט), און אַז נאַטשאַלסטוואָ הייסט מאַכט מען אַ הנותן תשועה, אַ ברירה האָט מען... עס זיינען אָבער פאַראַן אַנדערע פאַקטען, וועלכע באַווייזן, אַז די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע האָט נאָך ווייט ניט באַהערשט די אידישע סביבה. פאַרקערט, דער וואוקס פון דער צאָל קאָמוניסטן ביי ניט־אידן איז אינטענסיווער ווי ביי אידן. אין 1922 יאָר האָבן די אידן אויסגעמאַכט 5,2% פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין 1927 נאָר 4%. נאָך מער, די צאָל קאָמוניסטן איז ביי אידן פאַרהעלטניסמעסיג קלענער, ווי ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. לויט דער לעצטער פּאַרטיי־ציילונג אין יאַנ. 1927 האָט די צאָל אידן קאָמוניסטן און קאַנדידאַטן באַטראָפן 45.342, אָדער 19 אויף יעדע טויזנט אידישע שטאָטישע איינוואוינער, בשעת ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז אויף יעדע טויזנט שטאָטישע איינוואוינער פאַראַן 33 קאָמוניסטן. אָבער דאָס וויכטיגסטע איז, וואָס די אידן־קאָמוניסטן רעקרוטירן זיך הויפּטזעכליך פון די אינטעלעגענטישע עלעמענטן — פון די אָנגעשטעלטע, לערער א. אַז. וו. די אידישע אַרבעטער בילדן אינגאַנצן בערך איין דריטל פון דער אידישער מיטגלידערשאַפט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אפילו אין אוקראַינע האָבן זיי אין 1926 באַטראָפן אינגאַנצן 36%, אַזוי אַז די צאָל אידישע אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוועטישן פאַרבאַנד באַטרעפט בערך 15.000. די אידישע קאָמוניסטן נעמען אָן אַלע מיטלען אַריינצוציען די אידישע אַרבעטער אין דער פּאַרטיי, אָבער די אַרבעטער בלייבן גלייכגילטיג צום קאָמוניזם און אָפּטמאָל ווייזן זיי אפילו אַ פיינטליכע שטעלונג צו אים, באַזונדערס אין די קלענערע ישובים. אין באַריכט פון דעם אידישן ביוראָ ביים צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין וויים־רוסלאַנד ווערט געזאָגט: „די שלעכטע לאַגע פון די שטעטלדיגע אַרבעטער, די כראָנישע אַרבעטסלאָזיגקייט און דער קליינער פאַרדינסט און אויך די שוואַכע פּאָליט־אויפקלער־אַרבעט צווישן זיי, רופן אַרויס ניט קיין געזונטע שטימונגען, וועלכע נעמען אָן ביי דער מער אָפּגעשטאַנענער און ניט קוואַליפיצירטער מאַסע פון די שטעטלדיגע אַרבעטער אַ פאָרם פון „אַנטוישן זיך" אין דער רעוואָלוציע און אידעאַליזירן די פאַר־מלחמה צייט". („אָקטיאַבער" נומ. 139, פונ'ם 20טן יוני 1926). נאָך 10 יאָר מאָנאָפּאָליסטישער דיקטאַטור, נאָך דער פיזישער אויסראָטונג פון אַלע אַנדערע פּאַרטייען, האָט די אידישע אַרבעטער מאַסע ניט נאָר זיך ניט באַהעפט מיט'ן קאָמוניזם, נאָר אַ טייל האָט אפילו אָנגעהויבן צו אידעאַליזירן די פאַר־מלחמה'דיגע צאַרישע צייטן. דאַרף מען נאָך האָבן בעסערע באַווייזן פונ'ם באַנקראָט פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע אין דער אידישער סביבה?

און ווי האַלט עס מיט'ן סאָוועטישן שטייגער? ה' קיפּער פאַרזיכערט אונז, אַז די „סאָוועטיזירונג פון דער אידישער סביבה איז אַ טיפע און גרינטליכע" און אַז „פאַר די 10 יאָר רעוואָלוציע איז אונטערגעריסן געוואָרן דער פונדאַמענט פון אידישן קלעריקאַליזם און שאָוויניזם".*) עס זיינען אָבער פאַראַן לעבעדיגע פאַקטן, וואָס באַווייזן

*) מ. קיפּער. „10 יאָר אָקטיאַבער", קיעוו 1927, זייטן 130־131.

פונקט דעם היפוך פון קיפּער׳ס פעסטשטעלונגען. דער פאַקט, וואָס די אידישע באַפעלקערונג האָט אויף זיך אומעטום אַרויסגעלייגט פרייוויליג אַן אָפּצאָל פאַר כשר פלייש, וואָס זי האָט מיט אירע אייגענע הענט מחיה מתים געווען די „קאָראָבקע", די טאַקסע, וועלכע זי האָט שטענדיג באַטראַכט ווי אַ גזירה, באַווייזט, אַז דער „רעוואָלוציאָנערער בעזים" האָט נאָך ווייט ניט אויסגעקערט דעם אַלטן שטייגער אויף דער אידישער גאַס. און דער עיקר, ניט נאָר די פרומע אידן און „נעפּ"־לייט זיינען גרייט זיך פרייוויליג צו באַשטייערן אַבי קריגן כשר פלייש, נאָר אויך די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון אין די גרויסע שטעט צאָלן „קאָראָבקע"־געלט, ווייל זייער קונדשאַפט — די אַרבעטערשאַפט נויטיגט זיך אין כשר פלייש. און וואָס באַווייזט דער וואוקס פון די חדרים ניט געקוקט אויף די רדיפות און רעפּרעסיעס? דער פאַרוואַלטער פון דער צענטראַלער אידישער בילדונגס־ביוראָ ש. פּאַלאַטניק האָט ניט לאַנג מודה געווען, אַז „דער חדר און ישיבות זיינען געוואָרן אַ געוויינליכע דערשיינונג אין שטאָט און שטעטל" און אַז „די ווירקונג פון׳ם חדר באַרירט אפילו אמאָל אונזער שטעטלדיגע קאָמיוגישע יוגנט". („עמעס" נומ. 210 פון 1927). עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס די לעצטע צייט הויבן אָן די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון איינצופירן שבת־רו, ניט געקוקט אויף׳ן האַרטנעקיגן קאַמף פון די „יעווסעקן". אפילו אינ׳ם אַלטן צענטער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין מינסק, וואו עס געפינט זיך דער שטאַב פון די „יעווסעקן" אין ווייס־רוסלאַנד, זיינען די קראָמען פון צענטראַלן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו שבת געשלאָסן. און דאָס זיינען דאָך אַרבעטער־אַנשטאַלטן, ניט די רבנים און נעפּלייט, ניט אַפילו די בעלי־מלאכות האָבן דאָרט צו זאָגן זייער וואָרט און דאָך זיינען די קאָמוניסטישע פאַרוואַלטונגען פון די דאָזיגע אַנשטאַלטן געצוואונגען אָפּצוהיטן שבת־רוה אונטערן דראַנג פון די שטימונגען פון דער באַפעלקערונג.

די דאָזיגע פאַקטן באַווייזן, אַז צום 10־יאָריגן יובל פון דער רעוואָלוציע איז די אידישע סביבה ניט נאָר ניט סאָוועטיזירט געוואָרן, „טיף און גרונטליך", נאָר פאַרקערט: עס לעבן אויף די רעליגיעזע שטימונגען און עס פאַרשטאַרקט זיך אויך אין די אַרבעטער־רייען דער אַלטער לעבנס־שטייגער. דאָס איז ניט קיין צופעליגע דערשיינונג, דאָס איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון די אידישע מאַסן אין דער פוסטער קאָמוניסטישער פּראַזעאָלאָגיע און פון דער אָפּוועזנהייט פון אַ אידישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אַנשטאָט אַזאַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָרגאַניזירן די אידישע מאַסן צום קאַמף פאַר׳ן סאָציאַליזם, וואָס זאָל וועקן די זעלבסטטעטיקייט פון די אידישע מאַסן, פונקציאָנירט אַ באַשטימטער פון אויבען ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט, וועלכער איז פון די אידישע אַרבעטער ניט געוויילט און ווערט פון זיי ניט קאָנטראָלירט און האָט דעריבער ניט זייער צוטרוי. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז דעזאָרגאַניזירט און פאַלט ביסלעכווייז אַרונטער אונטער דער השפּעה פון די קלעריקאַלע און נעפּמאַנישע עלעמענטן — אַ טרויעריגער סך־הכל צום 10־יאָריגן יובל פון אַ פּראָלעטאַרישער רעגירונג.

.4

וויכטיגע דערגרייכונגען דאַרף מען פאַרצייכענען אויף׳ן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן און קולטורעלן געביט. אין הסכם מיט׳ן אַלגעמיינעם קורס פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין סאָוועטישן פאַרבאַנד זיינען די נאַציאָנאַלע רעכט פון דער אידישער באַפעלקערונג און די עפנטליכע רעכט פון דער אידישער שפּראַך אַנערקענט געוואָרן אין פולער מאָס און ווערן בהדרגה דורכגעפירט אין לעבן. אידישע סאָוועטן, געריכטן, אָפּטיילונגען ביי פאַרשיידענע רעגירונגס־אָרגאַנען באַדינען די אידישע באַפעלקערונג אויף דער אייגענער שפּראַך. אין שולן מיט אידישער אונטערריכטס־שפּראַך לערנען זיך ביז 115.000 אידישע קינדער, ביי די הויכשולן און וויסנשאַפט־אַנשטאַלטן עקזיסטירן אידישע אָפּטיילונגען און קאַטעדרעס און אויך אויף

אנדערע געביטן פון אידישער נאציאָנאלער קולטור איז געשאפן געוואָרן א סך אידישע אנשטאלטן — טעאטערן, מוזייען א. אז. וו. כדי צו נאָרמאליזירן דעם אידישן ווירטשאפטליכן אָרגאניזם, איז געשאפן געוואָרן דער „קאָמזעט", וואָס איז בארופן איינצואָרדנען די אידן אויף דער ערד און אין דער אינדוסטריע. נאָך א באווייז, אז ביי דער פראקטישער לייזונג פון דער „אידישער פראגע" קאָן מען זיך ניט באגרעניצן מיט קולטור־פראָבלעמען, אז אויך די סאָציאל־עקאָנאָמישע ארבעט אין דער אידישער סביבה קאָן ניט רעגולירט ווערן דורך די אָרדנטליכע אלגעמיינע מלוכה׳שע ווירטשאפטליכע אָרגאנען, אז עס זיינען נויטיג *ספעציעלע* אנשטאלטן, וואָס זאָלן זיין צוגעפאסט צו די ספעציפישע אידישע באדינגונגען און זאָלן דורכפירן *ספעציעלע* מאָסמיטלען צווישן דער אידישער באפעלקערונג.

די גרויסע נעץ אידישע פאָליטישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס ווערט אויסגעהאלטן אויפ׳ן חשבון פון דער מלוכה און פירט א ברייטע נאציאָנאל־קולטורעלע ארבעט צווישן די אידישע מאסן. אָבער אויך אין דעם פרט איז די אידישע באפעלקערונג, צוליב איר עקסטעריטאָריאלקייט, אין א געוויסער מאָס הינטערשטעליג. ביי די טעריטאָריאלע נאציעס באטייליגט זיך אין דער נאציאָנאלער בואונג די פאָליטיש פולבארעכטיגטע באפעלקערונג דורך די סאָוועטן און אויספיר־קאָמיטעטן. און הגם די פאָליטישע זעלבסטטעטיקייט איז באגרעניצט ביז צום קלענסטן מינימום, ווערן דאָך ברייטערע באפעלקערונגס־שיכטן אריינגעצויגן אין דער נאציאָנאל־קולטורעלער ארבעט. דער פרינציפ פון *טעריטאָריאלער אויטאָנאָמיע*, וואָס ווערט אנערקענט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, עפנט דאָך געוויסע מעגליכקייטן פאר די טעריטאָריאלע נאציעס זיך צו באטייליגן אין דער נאציאָנאלער אויפבוי־ארבעט. די אידן קאָנען אָבער ניט פרעטענדירן אויף טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע, ווייל זיי בילדן אין ערגעץ ניט קיין געשלאָסענע טעריטאָריאלע מערהיים און דער פרינציפ פון *נאציאָנאל־פערסאָנאלער אויטאָנאָמיע*, וואָס קאָן איינציג און אליין פארענטפערן די נאציאָנאלע פראגע פון די מינדערהייטס־פעלקער ווערט דורך דער קאָמוניסטישער פארטיי און ממילא שוין דורך די „יעווסעקן" באטראכט ווי די „שעדליכסטע פאָרם פון נאציאָנאליסטישן אָטאָפיזם" (לויט׳ן אויסדרוק פון ה׳ טשעמערינסקי). עס איז שווער צו פארשטיין מיט׳ן שכל הישר, פארוואָס טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע שטייט אין הסכם מיט די סאָציאליסטישע פרינציפן און די פערסאָנאלע אויטאָנאָמיע שטערט דער סאָציאלער בויאונג. עס איז אָבער א פאקט, אז די קאָמוניסטישע פארטיי האלט די פערסאָנאלע אויטאָנאָמיע פאר א „בורזשואזער אויכטראכטעניש", און דעריבער האָט ניט די עקסטעריטאָריאלע אידישע נאציע אין די ראמען פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע קיין פארטרעטונגס־אָרגאנען, וואָס זאָלן אָנפירן מיט די נאציאָנאלע און קולטורעלע אידישע ענינים. די איינציגע אָרגאנען, וואו די אידישע באפעלקערונג באטייליגט זיך אין דער אידישער נאציאָנאלער בויאונג, זיינען די אידישע שטעטלשע סאָוועטן און דער קאָלינינדאָרפער אידישער אדמיניסטראטיווער ראיאָן. די דאָזיגע סאָוועטן באדינען אָבער א נישטיגן טייל פון דער אידישער באפעלקערונג. די 146 אידישע סאָוועטן אין אוקראינע און ווייס־רוסלאנד באדינען אינגאנצן 225,000 אידישע איינוואוינער. דער אידישער ראיאָן, מיט וועלכן די אידישע קאָמוניסטן האָבן מרעיש עולם געווען און וועלכער דארף ווערן א מין אתחלתא דגאולה, פאראייניגט ארום און ארום 0,7 פראָצענט פונ׳ם אוקראינישן אידנטום. די מעגליכקייטן ווייטער צו גרינדן אידישע סאָוועטן זיינען זייער באגרעניצט און העכסטנס וועלן 15 פראָצענט פון די אידן אין אוקראינע און ווייס־רוסלאנד ארומגעכאפט ווערן פון די אידישע נאציאָנאלע סאָוועטן. די איבעריגע אידישע באפעלקערונג וואוינט אין די שטעט, וואו קיין נאציאָנאלע סאָוועטן קאָנען ניט געגרינדעט ווערן אפילו ווען אידן בילדן דאָרט א מערהייט, צוליב דער גרויסער צאָל ארבעטער און רויט־ארמייער פון אנדערע נאציעס. די נאציאָנאלע באדערפענישן פון דער אידישער באפעלקערונג ווערן דעריבער באפרידיגט דורך אָפ־

טיילונגען און טישן ביי די אַלגעמיינע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אויף וועלכע די פּאָליטיש־באַרעכטיגטע אידישע עלעמענטן האָבן קיין שום ווירקונג ניט. די אידישע אַנשטאַלטן האָבן דעריבער ניט קיין געזעלשאַפטליכע אַטמאָספער, זיי ווערן פאַרוואַלטעט דורך אַ ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, דורך די אינספּעקטאָרן און באַפאָלמעכטיגטע, וואָס זיינען פון די אידישע מאַסן ניט געוויילט און ווערן דורך זיי ניט קאָנטראָלירט. די אייגנאַרטיגע לאַגע אין דער אידישער סביבה האָט נאָך אין 1918 באַמערקט דער אידישער קאָמיסאַריאַט, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן שאַפן אידישע סעקציעס ביי די סאָוועטן און אַ צענטראַלן אָרגאַן פון די דאָזיגע סעקציעס צו אָנפירן מיט אַלע אידישע אַנגעלעגנהייטן. נאָר דאָס איז געווען אין די האָניג־חדשים פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע (דעמאָלט איז נאָך אויטאָנאָמיזם געווען אַ גאַנגבאַר אַרטיקל), ווען עס זיינען נאָך ניט געווען קיין אידישע סעקציעס, אָבער נאָך דעם ווי די פאַרברענטע אָנהענגער פון פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָבן זוכה געווען זיך צו באַהעפטן מיט דער קאָמוניסטישער פאַרטיי זיינען זיי געוואָרן פויפּסטליכער ווי דער פויפּסט אַליין און האַלטן זיך פעסט ביים קאָמוניסטישן שולחן ערוך, אַז פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז אַ „בורזשואַזער פאָראורטייל”, אַ ציוניסטישע און „סאָציאַל־פאַררעטערישע” אויסטראַכטעניש, וועלכע דאַרף באַקעמפט ווערן אויפ’ן אַנטשיידענעם אופן. די אידישע מאַסן ווערן דעריבער ניט אַריינגעצויגן אין דער נאַציאָנאַלער בוי־אונג. די אידישע אַרבעטער זיינען אינגאַנצן באַזייטיגט פון דער דאָזיגער אַרבעט, זיי האָבן רעכט זעען, הערן און . . . שוויגן. „דאָס פאָלק שוויגט”! דער דאָזיגער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון יעדער דיקטאַטור האָט זיך באַזונדערס בולט אויסגעדריקט אין דער אידישער סביבה. נאָר אמת’ע סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע וועט געבן אַ מעגליכקייט צו אַנטוויקלען די זעלבסטטעטיגקייט פון די ברייטע אידישע מאַסען, צו פאַרווירקליכן דעם לאָזונג: „מיט די מאַסן, דורך די מאַסן, פאַר די מאַסן”.

צו דער סאציאלער און עקאנאמישער לאגע פון די אידען אין אמעריקא

פון דר. הערמאן פראנק.

די פראפעסיאנעלע סטרוקטור פון דער אידישער איינוואנדערונג.

אין פארלויף פון דעם לעצטן יארהונדערט, פון 1900 ביז 1925, זיינען אין אמעריקא אריינגעקומען ארום א מיליאן אידן-פארדינערס (ערווערבס-טעטיגע) פון ביידע געשלעכטער. די דאזיגע אימיגראנטן זיינען רעגיסטרירט געווארן אין די האפנס, לויט פראפעסיעס, אויף דעם פאלגנדן אופן:

	צאל	פראצענט-טייל
אינדוסטריע און האנטווערק — — — —	596,043	60.1
האנדל — — — — — — — — — —	100,147	10.1
לאנדווירטשאפט (פארמעריי) — — — —	24,792	2.4
פרייע פראפעסיעס — — — — — —	19,620	2.0
ניט-פאכאווע ארבעטער — — — — —	102,739	10.4
הויז-דינערשאפט — — — — — — —	123,220	12.4
אנדערע פרנסות — — — — — — —	25,769	2.6
צוזאמען — — — — — —	992,330	100.0

אזא איינטיילונג אונטערשיידט זיך גאנץ שטארק פון דעם פראפעסיע-צוזאמענשטעל פון דער ניט-אידישער אימיגראציע אין דעם זעלבן פעריאד, וועלכע האט באטראפן 11½ מיליאן. אין דער צייט ווען פון יעדע הונדערט פארדינערס זיינען צווישן די אידישע אימיגראנטן 60 געווען פאכאווע ארבעטער (ווי שניידער, שוסטער וכד.) איז ביי די ניט-אידן דער פראצענט-טייל פון אזעלכע ארבעטער געווען ניט מער ווי 15. ביי די ניט-אידן איז אבער דער טייל פון די פארמער-עלעמענטן געווען איבער 26 פראצענט, בעת ביי די אידן האט ער באטראפן בלויז 2.4 פראצענט. א גאנצער דריטל פון דער ניט-אידישער אימיגראציע פאר די לעצטע 25 יאר באשטייט פון ניט-פאכאווע ארבעטער, דער עיקר „פארם-הענט", בעת צווישן די איינגעוואנדערטע אידן זיינען געווען ניט מער ווי 10.4 פראצענט ארבעטער וואס האבן ניט געהאט קיין באשטימטן פאך.

די אלגעמיינע צאל אידישע פאכאווע ארבעטער (596,043), וועלכע זיינען אריינגעקומען אין אמעריקא פון 1900 ביז 1925, באטרעפט 25.8 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאל פון אלע אימיגראנטן פון דעם דאזיגן פראפעסיע-קלאס. דאס איז א פיל גרעסערער פראצענט-טייל ווי די פראפארציע פון דער גאנצער אידישער אימיגראציע (פון טעטיגע אין אלערליי פראפעסיעס) צו דער גאנצער אלגעמיינער אימיגראציע, דאס הייסט 1 מיליאן צו 11½ מיליאן, אדער 9 פראצענט. דאס ווייזט, אז צווישן די אימיגראנטן, וואס געהערן צו אלערליי פרנסה-גרופעס, פלעגן שפילן ביי די אידן די פאכאווע ארבעטער און האנט-ווערקער א פיל גרעסערע ראלע ווי ביי אנדערע אימיגראנטן-נאציעס.

ס'איז אינטערעסאנט צו פארגלייכן דעם צוזאמענשטעל פון די קארגע 600 טויזנט אידישע פאכאווע ארבעטער און האנטווערקער, לויט זייערע פאכן, מיט דער פראפעסיע-סטרוקטור פון די ניט-אידישע ארבעטער-אימיגראנטן פון דעם זעלבן מין (פאכאווע ארבעטער און בעלי-מלאכות). דאס ווערט געוויזן אויף דער פאלגנדער טאבעלע:

טאַבעלע 1.

די אינדוסטריעלע איינוואַנדערונג פון אידן און ניט־אידן אין די פאַראייניגטע שטאַטן פון 1900 ביז 1925.

אינדוסטריע־צווייג	אידן: אַלגעמיינע צאָל	אידן: פּראָצ.	ניט־אידן: אַלגעמיינע צאָל	ניט־אידן: פּראָצ.
קליידער אינדוסטריע	362,642	60.8	388,722	22.6
האָלץ־באַארבייטונג און בוי־אַרבעט	84,683	14.2	430,526	25.1
מעטאַל־באַארבעטונג	46,336	7.8	317,171	18.4
שפּייז־אינדוסטריע	42,501	7.1	134,661	7.8
יואוועליר־ און זייגער־אַרבעט	9,582	1.6	10,121	0.6
דרוקעריי־אַרבעט	9,282	1.6	17,631	1.0
לעדער־באַארבעטונג	8,017	1.4	11,344	0.7
אַנדערע אינדוסטריען	33,000	5.5	409,185	23.8
צוזאַמען	596,043	100.0	1,719,361	100.0

די אידן זיינען זייער ניט גלייכמעסיג געווען פאַרטיילט איבער די פאַרשיידענע פּראָפעסיעס פון אינדוסטריע־אַרבעט. די פאָלגנדע צוזאַמענשטעלונג ווייזט דעם פּראָצענט־טייל פון די אידישע אימיגראַנטן צו דער אַלגעמיינער אימיגראַציע (פון 1900 ביז 1925) אין יעדן פאַך באַזונדער:

קליידער־אינדוסטריע	48.2
יואוועלירעריי און זייגער־מאַכעריי	48.6
לעדער באַארבעטונג	41.4
דרוקעריי	34.5
שפּייז־מיטל אינדוסטריע	23.9
האָלץ־באַארבעטונג און בוי־אַרבעט	16.4
מעטאַל־באַארבעטונג	12.8

נאָך גרעסער ווי אין דער גאַנצער קליידער־אינדוסטריע בכלל איז דער פּראָצענט־טייל פון די אידן אין דער שניידעריי. פון די 339,925 שניידער, וועלכע האָבן אימיגירט אין אַמעריקע פון 1900 ביז 1925, זיינען 221,446, אָדער 65.1 פּראָצענט, געווען אידן (ס'איז אָבער מער ווי זיכער, אַז אַ סך אַרבעטער אידן, וועלכע האָבן אַליין מסתמא קיינמאָל קיין נאָדל אין האַנט ניט גענומען, פלעגן זיך רעגיסטרירן אַלס „שניידער", ווייסנדיג אַז זיי קומען צו קרובים שניידער־אַרבעטער און וועלן מסתמא אויך דאָ אין לאַנד מוזן אָנקומען צו דער דאָזיגער פּראָפעסיע, וועלכע איז שטענדיג געווען „חשוב'ער" פאַר אידן איידער אַנדערע מלאָכות).

די ווירקונג פון דער מלחמה און פון דער אימיגראַציע־באַשריינקונג.

אין די לעצטע 10—12 יאָר זיינען פאָרגעקומען אומגעהייערע ענדערונגען אין דעם פּראָפעסיע־צוזאַמענשטעל פון דער אידישער אימיגראַנטן־מאַסע. די אַרבעטס־עלעמענטן בכלל און די פאַבריק און האַנטווערק־אַרבעטער בפרט ווערן, זינט 1916, פון יאָר צו יאָר אַ קלענערער טייל פון דער אידישער אימיגראַציע. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַריער אין אידישער אויסוואַנדערונג (עמיגראַציע) פון מזרח־אייראָפּע, וועלכער איז אוועקגעשטעלט געוואָרן צוערשט דורך דער וועלט־מלחמה און שפּעטער דורך דער אַמעריקאַנער קוואָטע־סיסטעם אין דער אימיגראַציע־פּאָליטיק פון לאַנד. די פאָלגנדע טאַבעלע ווייזט די גרויסע ענדערונגען אין דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער אידישער אימיגראַציע זינט 1900 ביז דער סאַמע לעצטער צייט.

טאַבעלע 2.

די אנטוויקלונג פון דעם אידישן אנטייל (אין פּראָצענטן) אין דער איינוואַנ־דערונג פון פאַכאָווע אַרבעטער, פון 1900 ביז 1925, אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

פּעריאָדן	דער אַנטייל פון אידישע אַרבעטער: צווישן אַלע אַרבעטער	קליידער־אַרבעטער צווישן	צווישן מעטאַל־אַרבעטער
1900—1901	34.6	50.7	28.2
1905—1906	34.0	56.2	21.8
1913—1914	33.1	56.2	16.7
1915—1916	16.6	38.5	7.5
1919—1920	4.0	9.7	1.6
1923—1924	9.0	28.2	2.9
1925	3.6	16.8	1.1
1900—1925	25.8	48.3	12.8

ווי מיר זעען פון טאַבעלע 2, האָבן די אידן, פאַר דער וועלט־מלחמה, פאַרגע־שטעלט מיט זיך איין־דריטל פון דער גאַנצער צאָל פאַכאָווע אַרבעטער־אימיגראַנטן. דאָס איז מיט 8 פּראָצענט מער ווי זייער דורכשניטליכער אַנטייל פאַר די גאַנצע 25 יאָר (25.8 פּראָצענט). אין דער מלחמה־צייט ווערט דער אַנטייל קלענער אויף אַ גאַנצע העלפט — ער פאַלט ביז איין־זעקסטל (16.6 פּראָצענט). דער נידעריגסטער פּראָצענט־טייל פאַלט אויס אויף דעם יאָר 1925 — 3,6 פּראָצענט, גלייך נאָך דעם איינפיר פון דער קוואָטע־גזרה פון יאָר 1924. אַ סטאַטיסטישער אַנאַליז פון דער אידישער אימיגראַציע נאָך דער מלחמה ווייזט, אַז די איינוואַנדערונג פון די פאַכאָווע אַרבעטער און האַנטווערקער איז שטאַרקער געפאַלן ווי די אַלגעמיינע אידישע אימי־גראַציע. דאָס נעמט זיך קודם כל דערפון וואָס דער הויפּט־טייל פון די איצטיגע אימיגראַנטן באַשטייט, ווי באַקאַנט, פון די פרויען און קינדער פון די פריער־אַריבער־געקומענע איינוואוינער. אַ געוויסע ראָלע שפּילט אָבער אויך דער פאַקט, וואָס דעם פאַראָרמטן אידישן בעל־מלאָכה און האַנטווערקער אין מזרח־אייראָפּע איז איצט נאָך אַ סך שווערער זיך אַריבערצופּעקלען קיין אַמעריקע איידער ס'איז דעם מיטל־קלאַס, וועלכער קען ביי די נייע אומשטענדן פון די איצטיגע אימיגראַציע־געזעצן, גיכער געפינען אַ וועג אַריינצוקומען אין לאַנד.

אַ בילד וועגן דער צאָל איינגעוואַנדערטע אידישע אַרבעטער און בעלי־מלאָכות פון די וויכטיגסטע פּראָפעסיעס, ווי אויך פון פאַרמערס, לערער און סוחרים, גיט די אויספירליכע טאַבעלע נומער 3.

די אנטוויקלונג פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין דער קליידער־ און מעטאַל־אינדוסטריען גייט (ווי מ'זעט פון דער טאַב. 2) פאַראַלעל מיט דעם גאַנג פון דער אידישער אַרבעטער־אימיגראַציע בכלל, דאָס הייסט דער באַטרעפנדער פּראָצענט־טייל פאַרקלענערט זיך אויף אַ העלפט אין די ערשטע מלחמה־יאָרן, און דאַן קומט אַ שאַרפע פאַרמינדערונג אין די נאָך־מלחמה יאָרן, באַזונדערס אין 1925. אין דער־מעטאַל־אינדוסטריע (שלאָסערס, בלעכער, שמידן א. ז. וו.) איז זינט דער מלחמה דער אַנטייל פון די אידן זייער קענטיג געפאַלן. דווקא אין די דאָזיגע טריידס איז פאַר די־לעצטע 10 יאָר אויסגעוואַקסן די איינוואַנדערונג פון די ניט־אידישע פאַכאָווע אַר־בעטער, פאַר וועלכע ס'האָט זיך געעפנט אַ גוטער אַרבעטס־מאַרק צוליב דעם געוואַל־דיגן וואוקס פון דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע און אַנדערע מאַשין־בוי אינדוסטריען דאָ אין לאַנד.

טאַבעלע 3

די איינוואַנדערונג אין די פּאָר. שטאַטן פון אידישע אַרבעטער, בעלי־מלאָכות, פאַרמערס און הענדלער פון 1900 ביז 1925

יאָרן	שניידער	ניטערקעס און שניידערקעס	שוסטער	קירזשנער (היט־מאַכער)	בעקערס און פליישערס	שלאָסער און שמידן	בוי־אַרבעטער און סטאָלאַרעס	מאָלערס און גלעזער	באַרבערס	זייגער־מייסטערס און יוועלירן	דרוקעריי אַרבעטער	פאַרמערס און פאַרם־הענט	לערער און מוזיקאַנטן	הענדלער	יאָרן
1900	7,031	1,300	1,618	—	1,617	1,527	2,559	804	177	405	90	662	181	1,917	1900
1901	5,981	1,811	1,284	—	1,152	1,570	1,874	799	164	401	91	379	164	1,999	1901
1902	6,110	1,704	1,285	—	1,183	1,462	2,018	808	172	366	91	375	150	2,246	1902
1903	9,233	3,315	1,614	—	1,680	2,177	2,600	1,131	266	526	154	380	255	2,363	1903
1904	16,426	3,814	2,763	1,093	2,574	3,885	4,632	1,970	403	740	303	361	471	3,464	1903
1905	22,334	3,657	3,824	1,629	3,496	5,320	6,289	2,849	578	860	387	620	664	4,596	1905
1906	18,418	5,845	2,353	1,248	2,339	3,780	5,462	2,297	594	901	393	1,880	560	3,495	1906
1907	21,779	6,877	2,606	1,115	2,765	3,954	5,394	2,287	577	740	376	2,373	447	3,534	1907
1908	14,882	3,578	1,931	806	1,858	2,615	3,161	1,257	361	469	223	1,948	327	2,416	1908
1909	6,862	2,259	1,125	499	945	1,251	1,578	582	233	246	99	1,250	205	1,574	1909
1910	12,552	4,375	1,955	824	1,693	2,069	2,644	1,145	388	409	209	1,927	301	2,580	1910
1911	12,681	8,043	1,829	1,029	2,003	2,333	2,841	1,220	496	486	236	1,369	365	2,635	1911
1912	12,154	6,462	1,881	813	1,895	1,933	2,142	976	453	414	256	1,214	400	2,297	1912
1913	15,408	7,282	2,569	1,123	2,407	2,712	3,133	1,423	517	526	327	2,285	498	3,842	1913
1914	19,793	12,403	2,814	1,403	2,797	3,324	3,737	1,827	740	697	502	3,349	601	4,843	1914
1915	3,153	1,970	343	266	387	476	536	256	133	147	92	337	196	1,076	1915
1916	1,429	387	188	210	203	365	373	181	145	127	92	168	163	814	1916
1917	1,234	737	136	171	185	236	179	74	107	62	63	166	139	690	1917
1918	105	123	11	7	9	36	19	10	6	5	9	13	22	105	1918
1919	137	58	18	15	31	54	27	6	14	8	5	22	21	135	1919
1920	593	383	88	82	103	168	62	49	61	38	16	98	103	677	1920
1921	5,753	4,363	1,020	411	1,297	1,077	653	304	415	349	200	1,609	721	5,052	1921
1922	2,239	1,504	424	185	478	412	351	125	160	164	77	511	454	1,774	1922
1923	2,475	1,740	607	323	773	694	567	274	294	207	129	690	595	2,331	1923
1924	2,334	1,047	613	336	793	884	675	302	256	244	144	646	586	2,219	1924
1925	350	189	78	60	105	112	109	55	32	45	25	160	93	467	1925
	221,446	85,236	34,977	13,648	34,768	44,436	53,615	23,011	7,742	9,582	4,589	24,792	8,682	59,141	

די אויספירליכע טאבעלע פון דער אידישער ארבעטער־איינוואנדערונג פאר ־י לעצטע 25 יאר (טאבעלע 3) ווייזט, אז די צאל פון די נאדל־טריידס ארבעטער, וועלכע פלעגט כסדר וואקסן פאר דער מלחמה, פאלט שארף גלייך נאך דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. זי שטעלט זיך איין אין די שפעטערדיגע יארן (1921 ביז 1924) אויף א נארמע, וועלכע איז בלויז איין־דריטל פון דער צאל אין דער פאר־מלחמה צייט. אין יאר 1925 איז שוין אבער די צאל איינגעוואנדערטע שניידער, שניידערקעס און נייטערקעס געווען א גאנץ נישטיגע — בסך הכל 539 נפשות. די שפייז־מיטל אינ־דוסטריען (בעקעריי, קצבים־געשעפט א. ז. וו.) ווייזן שוין אין די יארן פאר דער מלחמה א קלענערן דורכשניט אין צאל ווי אין 1900 ביז 1905. לאנגזאם אבער רעגלמעסיג פאלט זייער טייל אין משך פון דער מלחמה און אין די יארן נאך דעם קריג. די איינוואנדערונגס־צאלן אין דער גרופע „הענדלער” אונטערשיידן זיך שארף פון די ציפערן אין אנדערע פראפעסיעס דורך דעם, וואס זיי שטייגן במשך פון דער מלחמה־צייט און ווערן שפעטער אין א באשטימטן זינען סטאביל. אפילו אין יאר 1925, אין דעם קריטישסטן יאר פון דער אידישער אימיגראציע זינט 1900, איז די דאזיגע גרופע ניט אזוי שארף באריהרט געווארן, ווי אין פארגלייך מיט איר — אלע ארבעטס־פראפעסיעס.

די סאציאלע און עקאנאמישע אומשיכטונג פון די אידען אין אמעריקע

ס'איז ניט מעגליך צו באשטימען סטאטיסטיש גענוי די צאל פראדוקטיוו באַ־שעפטיגטע אידן, ווי בכלל די סאציאל־עקאנאמישע סטרוקטור פון דער אידישער באפעלקערונג אין אמעריקע. אין די פעריאדישע פאלקס־ציילונגען, וועלכע קומען פאר אלע צען יאר, ווערט דער פונקט פון רעליגיע אדער נאציאנאליטעט ניט רע־גיסטרירט. אנפאנגענדיג פונ'ם יאר 1910 ווערט אפילו יא אויסגעפרעגט און פאר־צייכנט די מוטערשפראך פון די איינגעוואנדערטע איינוואוינער פון די פאראייניגטע שטאטן; אויך אידיש ווערט רעגיסטרירט. און הגם אידיש־ריידנדיגע זיינען נאר א טייל פון אלע אידן אין אמעריקע, וואלט אבער דער דאזיגער צענזוס־מאטעריאל געקענט אונז געבן א גענוג קלאר בילד וועגן דעם איצטיגן צושטאנד און וועגן די פארקומענדיגע ענדערונגען אינ'ם עקאנאמישן לעבן פון די אידן דא אין לאנד. צום באדויערן זיינען די דאזיגע מאטעריאלן אבער קיינמאל ניט פארעפנטליכט און ביז איצט ווינסשאפטליך נאך ניט באארבעט געווארן.

ניט לאנג צוריק האט א באקאנטער סטאטיסטיקער, פראפעסאר נ. קארפענטער, פארעפנטליכט אן ארבעט („אימיגרענטס ענד דהעיר טשילדרען”), וועלכע באהאנדלט אויך דעם פראפעסיע־צוזאמענשטעל פון פארשיידענע אימיגראנטן־גרופעס דא אין לאנד. ער האט אנאליזירט ארום פיר הונדערט טויזנט דערוואקסענע אימיגראנטן־איינוואוינער, אין א צאל שטעט און סטייטס, לויט זייערע פרנסות. די אידן אין דער דאזיגער גרופע האבן באטראפן 22,025 מענער נפשות, וועלכע ווערן איינגעטיילט (אין פראצענטן) לויט זייערע פראפעסיעס אט אזוי

	%	פערזאנען
האנדלס־אנגעשטעלטע (סעילסלייט) — — — — —	59.8	13,142
פאכאווע בעלי מלאכות (קארפענטערס) — — — —	26.6	5,862
פארלייט אין פאבריקן און שעפער — — — — —	7.7	1,684
פרייע פראפעסיעס: דאקטוירים — — — — — —	4.1	908
פארמערס — — — — — — — — — — —	0.6	143
אייזן־גיסעריי ארבעטער — — — — — — — —	0.6	143
אייזן־באן ארבעטער (אין ווארשטאטן) — — — —	0.3	74
קוילן־גרעבער — — — — — — — — — — —	0.3	69
צוזאמען — — — — — — — —	100.0	22,025

פון די מאַטעריאַלן, וועלכע קאַרפּענטער האָט אויפגעקליבן, שטעלט זיך ארויס, אַז די אידן האָבן אין דעם יאָר 1920 באטראָפן 16.8 פּראָצענט פון אַלע פאָרלייט אין די פאַבריקן און שעפּער, 16.3 פּראָצענט פון אַלע קאַרפּענטערס, 27.8 פּראָצענט פון אַלע מעדיצין־דאָקטוירים, און 40.9 פּראָצענט פון אַלע סעילסלייט אין קראָמען. דאָס איז אַלץ די פּראָפּאָרציע פון די פרעמד־געבאָרענע אידן צו דער אַלגעמיינער צאָל פרעמד־געבאָרענע ווייסע, אָבער ניט צו דער גאַנצער ווייסע־באפעלקערונג בכלל. צווישן די קאַרפּענטערס פון אַלע אימיגראַנטן־גרופּעס צוזאַמענגענומען האָט קיין איינציגע נאַציאָנאַליטעט ניט דערגרייכט אזא הויכן טייל (16.3 פּראָצענט), ווי די אידן.

ניט וויינגער שטאַרק איז דער אָנטייל פון דער אידישער ארבעטענדער פרוי אין דעם גרויסן קלאַס פון די אימיגראַנטקעס־האָרעפּאַשניצעס. אויף דעם גרונד פון דער אונטערזוכונג פון א גרופּע פון 102,020 איינגעוואַנדערטע פרויען־איינוואוינער אין עלטער פון איבער 10 יאָר, פון וועלכע 17,840 זיינען געווען אידיש־ריידענדע, האָט פּראָפעסאָר קאַרפּענטער איינגעטיילט די אידישע גרופּע לויט די פאָלגענדע פרנסות:

	%	פּערזאָנען
פרויען־ארבעטער אין קליידער־פאַבריקן — — — —	67.3	12,015
אָפּיס אָנגעשטעלטע — — — — — — — — — — —	22.1	3,939
הויז־דינערשאַפט — — — — — — — — — — —	7.3	1,305
פרייע פּראָפעסיעס (שול־לערערקעס) ——— — — — —	2.4	420
טעלעפאָן אפּעריטאָרקעס — — — — — — — —	0.6	100
פרויען־ארבעטער אין באַוול־פאַבריקן — — — — —	0.3	61
צוזאַמען — — — — — — — — —	100.0	17,840

ער שטעלט פעסט, אַז די אידישע פרויען־אַרבעטער שטעלן מיט זיך ציזאַמען 43.9 פּראָצענט פון אַלע פרויען־ארבעטער (רעכענענדיג בלויז די צאָל ווייסע איינגעוואַנדערטע פרויען) אין די קליידער פאַבריקן און שעפּער. די טעכטער פון די אידיש־ריידענדע עלמענטן זיינען 42.7 פּראָצענט פון אַלע פרעמד־געבאָרענע סטענאָגראַפיסטקעס און טאַיפּראַיטער־שרייבערקעס, און 7.2 פּראָצענט צווישן אַלע טעלעפאָן־אפּערעיטערקעס. אין דעם קלאַס פון דער הויז־דינערשאַפט שטעלן אָבער אידישע פרויען צוזאַמען א גאַנץ קליינעם טייל — 3.1 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל — 1,873 — אימיגראַנטן־פרויען באַשעפטיגטע אין די דאָזיגע פאַכן אין יאָר 1920, וועלכע זיינען אריינגעקומען אין דער גרופּע פון 102,020 פרעמד־געבאָרענע פרויען, וואָס זייערע פרנסות האָט פּראָפ. קאַרפּענטער אַנאַליזירט.

אין דער פּראָפעסיע פון קליידער־ארבעט און אין די אָפּיס־באַשעפטיגונגען פאַרנעמען די אידישע מיידלאך און פרויען דעם פּראָמינענטסטן פּלאַץ צווישן אַלע אימיגראַנטן גרופּעס (ארום 44 פּראָצענט). פאַקטיש איז דער אָנטייל פון אידישע פרויען נאָך העכער ווי די ציפערן, וועלכע ווערן אויסגערעכנט אין דעם פאָריגן פּאַראַגראַף, ווייל א סך אידן האָבן ביים צענזוס פון 1920 אָנגעגעבן אַנשטאָט אידיש אַנאַנדער מוטער־שפּראַך, ווי למשל רוסיש, פּויליש און דייטש. אָבער אַפילו דער דאָזיגער, לגמרי ניט פולשטענדיגער, מאַטעריאַל איז שוין א גענוג וואָגיגער באַווייז ווי גרויס ס'איז די ראָלע פון די אידישע ארבעטענדע מענער און פרויען אין דער אַמעריקאַנער פּראָדוקציע און אין די שטאָטישע פּראָפעסיעס בכלל.*)

ס'איז אָבער א באַקאַנטע זאַך, אַז נאָך מער ווי די גאַנצע אמעריקאַנער באַפעלקערונג, וועלכע איז שטאַרק באַוועגליך אין סאָציאַלן זין, דאָס הייסט אַז זי בייט די

---

*) די דאָזיגע ציפערן האָט פּראָפ. קאַרפּענטער אויסגעאַרבעט פון די מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען אויפגעקליבן געוואָרן בעת דעם לעצטן צענזוס (אין יאָר 1920).

פּרנסות און גייט שנעל אַריבער פון איין סאָציאַלן קלאַס צו אַ צווייטן, צייכנט זיך אויס דער אידישער טייל דורך זיין סאָציאַלער פליסיקייט. אַ סך אידן פאַרלאָזן דעם קלאַס פון לוין־אַרבעטער און ווערן קליינע „זעלבסטשטענדיגע" אונטערנעמער אָדער פאַרמיטלער אין די האַנדלס־פּראָפעסיעס. באַזונדערס לאָזט זיך דאָס מערקן אין די לעצטע 10—12 יאָר, ווען צוליב דער שאַרפער פאַרקלענערונג פון דער אידישער אימיגראַציע, זינט 1924, האָט זיך כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט דער צושטראָם פון פרישע אידישע אַרבעטנדע עלעמענטן.

דער רוב בנין ומנין פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע איז שטענדיג באַשטאַנען פון די האַלב־בעל מלאָכה'שע אינדוסטריע־צווייגן, ווי שניידעריי, בעקעריי, דרוקעריי, וכדומה, וואו די ראָלע פון דער מעכאַנישער קראַפט איז נישט קיין גאַנץ גרויסע. פאַר די לעצטע 15 יאָר האָט דער טעכנישער פאָרשריט שטאַרק באַרירט די דאָזיגע רעלאַטיוו־אָפּגעשטאַנענע אינדוסטריען, אַרויסשטופּנדיג פון דאָרט ניט ווייניג אידישע אַרבעטס־הענט. די קינדער פון די אימיגרירטע אידישע אַרבעטער פלעגן בכלל זעלטן איבערנעמען די אַרבעטס־פּרנסות פון די טאַטעס; זיי פלעגן ווערן האַנדלס־לייט און פרייע פּראָפעסיאָנאַליסטן (דענטיסטן, אַדוואָקאַטן וכד.). דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז מיט דער צייט זיינען אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע אידישע פּראָפעסיעס, ווי דער נאָדל־פאַך, אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ מערהייט פון ניט־אידישע עלעמענטן (היגע געבאָרענע שוואַרצע און ווייסע אין אימיגראַנטן — איטאַליענער, סלאַווען א. ז. וו.). אויב ביז היינט זיינען נאָך אידן אין יענע פאַכן די גרעסטע נאַציאָנאַליטעט־גרופּע, זיינען זיי שוין אָבער פאָרט ניט מער ווי אַ מינאָריטעט, און אַזאַ מינאָריטעט וואָס האַלט אין איין פאַלן. נאָך מיט אַ יאָר 20 צוריק זיינען די אידן געווען אַ מאַיאָריטעט (65 פּראָצענט) פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין די נאָדל־אינדוסטריען. איצט איז זייער טייל געפאַלן כמעט ביז צו אַ העלפט (35 פּראָצענט). אין דער גרעסטער טרייד־יוניאָן פון דער קליידער־אינדוסטריע — דער „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן אָוו אַמעריקאַ" (מענער־שניידער), וועלכע ציילט אַרום 125 טויזנט מיטגלידער איבער'ן לאַנד, וואָס זיינען באַשעפטיגט ביי דער מענער־קליידער פּראָדוקציע, איז למשל די נאַציאָנאַלע פאַרטיילונג, אין אָנפאַנג 1925, געווען אַזעלכע:

אידן — 38.2 פּראָצענט; איטאַליענער — 30.3 פּראָצענט; היגע־געבאָרענע — 11.5 פּראָצענט; פּאָליאַקן — 7.0 פּראָצענט; טשעכן — 7.0 פּראָצענט; ליטווינער — 4.0 פּראָצענט; אַנדערע — 2.0. צוזאַמען — 100.0 פּראָצענט.

פון די 7,070 נייע יוניאָן־מיטגלידער, וועלכע זיינען אריינגענומען געוואָרן אין דער „אַמאַלגאַמייטעד" אין פאַרלויף פון דער לעצטער העלפט פון יאָר 1923, אין אַלע קליידער־צענטרען פון לאַנד, זיינען בלויז קאַרגע 30 פּראָצענט געווען אידן. די מאַיאָריטעט פון די נייע יוניאָן־אַרבעטער איז באַשטאַנען פון די איינגעוואַנדערטע און היגע־געבאָרענע איטאַליענער, ווי ס'ווייזט די פאָלגנדע סטאַטיסטיק:

איטאַליענער — 2,588 (36.6 פּראָצ.); אידן — 2,002 (28.3 פּראָצ.); אַמעריקאַנער־געבאָרענע — 742 (10.5 פּראָצ.); פאַרשיידענע — 1,738 (24.6 פּראָצ). צוזאַמען — 7,070 (100 פּראָצ.).

דאָס זאָגט עדות אויף אַ טענדענץ, אַז די אידישע באַטייליגונג אין די נאָדל־אינדוסטריען פאַלט ממש אין די אויגן פון יאָר צו יאָר. צוגלייך קומט אָבער פאָר אַ טיפע אומשיכטונג אין דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע: אַן איבערגאַנג פון אַרבעטס־פּרנסות צו האַנדלס־פּראָפעסיעס און צו אַנדערע מיטל־קלאַס עסקים.

צוויי אורזאַכן האָבן געפירט צו דער דאָזיגער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אומשיכטונג אין די לעצטע 10—12 יאָר. 1) די טיף־גייענדע עקאָנאָמישע און טעכנישע ענדערונגען אין דער וויכטיגסטער „אידישער" אינדוסטריע — אין דער קליידער־פּראָדוקציע, און 2) די נייע פאָרם פון דער היגער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אינ־

דוסטריע און האנדל — די אזוי גערופענע מאַסן־פּראָדוקציע.ביידע פאַקטאָרן וועלן דאָ לענגער באהאנדלט ווערן.

1) אין דעם וויכטיגסטן „אידישן טרייד" — אין די קליידער־אינדוסטריען — איז נאָך אַ קורצער אויפלעבונג, אין די יאָרן פון קריג און באַלד נאָך דער מלחמה, אריינגעטרעטן אַ פאַרצויגענער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער דויערט נאָך ביז איצט. דער ברייטער אַמעריקאַנער עולם האָט אין די לעצטע יאָרן אָנגעפאַנגען אויסצוגעבן וויינציגער געלט אויף מלבושים און מער אויף אויטאָמאָבילס, ריידיאָס, און אַנדערע לוקסוס־אַרטיקלען. אַ סך פאַרמעגליכע מענער און פרויען זיינען איצט צופרידן צו קליידן זיך אין פאַרעלטערטע בגדים, וואָס לאָזן זיך נאָך טראָגן, אויב נאָר זיי וועלן זיך, אַ דאַנק אַזאַ עקאָנאָמיע, קענען איינשאַפן אַ נייעם אויטאָמאָביל, אויפהויבנדיג דורך דעם זייער סאָציאַלן פּרעסטיזש. ווידער, זיינען לעצטנס געקומען גרויסע ענדערונגען אין דעם לעבנס־סטאַנדאַרד בכלל, ווי למשל די פאַרשפּרייטונג פון צענטראַל־באהייצונג אין די דירות, וואָס מוז פאַרקלענערן שטאַרק דעם באַדאַרף אין וואַרימע, וואָלענע קליידער. נייע מאָדעס, באַזונדערס די פאַרשפּרייטונג פון זיידענע שטאָפן און פון פוטערוואַרג (פאָרס), האָבן פאַרשטופּט פון געברויך די טוך־קליידער, און דאָס האָט שמערצליך באַריט די שניידעריי, דעם וויכטיגסטן אידישן פאַך אין אַמעריקע.

דוקא, אַלזאָ, אין אַ צייט, ווען עטליכע גרויסע אַמעריקאַנער אינדוסטריען, ווי די אויטאָמאָביל־פּראָדוקציע און דער בוי־פאַך, האָבן דורכגעמאַכט אַ גוטע צייט (פון 1923 ביז 1926) איז, אומדירעקט צוליב זייער ערפאָלג גופא, ערגער געוואָרן דער מצב פון דעם טעקסטיל־פאַך און פון די נאָדל־אינדוסטריען.

אין דער שניידער־אינדוסטריע גופא זיינען אויך פאָרגעקומען וויכטיגע שינויים. אין די מאָדערנע גרויסע שניידער־פאַבריקן, וועלכע געפינען זיך דער עיקר אין שיקאַגאָ, ראָטשעסטער, סינסינעטי און סט. לואיס, זיינען די פרויען־אַרבעטער באַרופן צו שפּילן אַן אומגעהייער־גרויסע ראָלע ביי דער היינטיגער מעכאַניזירטער (מאַשינאָווער) און סטאַנדאַרדיזירטער אַרבעט. די פרויען־אַרבעטער פּאַסן זיך, לויט דער מיינונג פון עקספּערטן, דוקא פאַר דער מאַשינאָווער אַרבעט, וועלכע פאָדערט נישט קיין גרויסע פיזישע אָנשטרענגונג, אָבער ביי וועלכער די גאַנצע נערוון־ענערגיע מוז פאַרזינקען אין אַ קליינער און לייכטער מעכאַנישער פונקציע, וואָס ווערט איבערגע'חזר'ט אַכט אָדער ניין שטונדן טעגליך. די סטאַטיסטיק פון די אָרגאַניזירטע נאָדל־טרייד אַרבעטער ווייזט, אַז אין די לעצטע יאָרן איז באַדייטנד גרעסער געוואָרן די ראָלע פון די פרויען־אַרבעטער אין די יוניאָנס. אין יאָר 1919, למשל, האָבן צווישן די מענער קליידער אַרבעטער אין ניו יאָרק די פרויען אַרבעטער באַטראָפן בלויז 35.2 פּראָצענט. אין סוף 1923 זיינען אָבער פון די 7,070 נייע יוניאָן־מיטגלידער פון דער „אמאַלגאַמייטעד" (וועלכע זיינען אריינגעטראָטן אין די לעצטע 6 מאָנאַטן פון יענעם יאָר) 57.1 פּראָצענט געווען פרויען.

צאָל פון לוין־אַרבעטער און פּראָצענט פון פרויען אין ניו יאָרק סטייט (אין 1919)

אינדוסטריע אָדער טרייד	צאָל אַרבעטער (מענער און פרויען)	פרויען פּראָצענט
פרויען־קליידער — — — — — — — — — —	102,652	61.2
מענער קליידער — — — — — — — — — —	62,008	35.3
געשטריקטע וואַרען — — — — — — — — —	41,372	64.3
מילינערי און שפּיצן (לעיסעס) — — — —	28,096	71.7
העמדלאַך — — — — — — — — — — — —	12,136	74.7
מענער קאָלנערס און קאַפס — — — —	10,920	77.7

אין דער ניו יאָרקער קליידער־אינדוסטריע אַלס אַ גאַנצער זיינען שוין די פרויען אין 1919 געווען די מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט, ווי מיר זעען דאָס פון דער פאָלגנדער טאַבעלע:

חוץ דעם צווייג פון דער קלאָוק און סוט פּראָדוקציע, באַשטייט די מאַיאָריטעט פון די אַרבעטער אין אַלע צווייגן פון דער פרויען־קליידער אינדוסטריע, וועלכע איז די וויכטיגסטע פון אַלע נאָדל־טריידס אין סטייט ניו יאָרק, כמעט אָן אַן אויסנאַם פון פרויען־אַרבעטער. אין דער „דרעס” און „ווייסט” פּראָדוקציע האָבן די פרויען־אַרבעטער פאַרגעשטעלט, למשל, 77 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער־הענט (אין יאָר 1919), בעת אין דער קלאָוק און סוט אינדוסטריע האָבן זיי פאַרגעשטעלט מיט זיך אין יענעם יאָר בלויז 22 פּראָצענט, ווייל דער דאָזיגער צווייג פאָדערט די אַם בעסטן צוגעגרייטע בעלי־מלאָכות און פאַכאָווע אַרבעטער (קאַטערס, למשל). די נעגערקעס האָבן אין גרויסע מאַסן אָנגעפאַנגען אַריינצוטרעטן אין דעם דרעס און ווייסט טרייד, און אין אַנדערע קלענערע צווייגן פון די נאָדל־טריידס, שוין אין די מלחמה־יאָרן, ווען ס'איז זייער באַדייטנד קלענער געוואָרן דער צופלוס פון אימיגראַנטן־אַרבעטער. זיי זיינען ניט נאָר פאַרבליבן אין דעם טרייד אויך אין די שפּעטערדיגע יאָרן, נאָר זייערע צאָלן זיינען נאָך שטאַרק אויסגעוואַקסן דווקא אין די לעצטע איניגע יאָר. (בכלל שפּילט אין דעם גאַנצן ענין אַ וויכטיגע ראָלע די אַרויסשטויסונג פון ווייסע אַרבעטער דורך שוואַרצע).

מ'דאַרף אָבער וויסן, אַז דער פאַקט וואָס אַ גאַנץ גרויסער טייל פון די קליידער־אַרבעטער באַשטייט פון פרויען, פירט מיט זיך צו אָפטע ענדערונגען אין דעם אַרבעטער־פּערזאָנאַל פון אַ שאַפּ, ווייל אַזוי שנעל ווי די פרויען־אַרבעטער האָבן חתונה, פאַרלאָזן זיי געוויינליך די אַרבעט. באַזונדערס איז דאָס אַן אָפטע ערשיינונג ביי די אידישע פרויען־אַרבעטער. ס'איז, אַלזאָ, גאַנץ מעגליך, אַז מיט דער צייט וועלן די אידישע פרויען אויפהערן צו שפּילן אַזאַ קענטיגע ראָלע אין דער ניו יאָרקער קליידער־אינדוסטריע ווי דאָס איז געווען ביז דעם קריזיס פון דער אידישער מאַסן־איינוואַנדערונג אין 1924. *)

ווען דעם אידישן אַרבעטער קומט אויס אָנצושטויסן זיך אויף דער קאָנקורענץ פון דער ביליגער פרויען־אַרבעט וועט ער זיין הינטערשטעליג לגבי די נייע קאָנקורענטן אויף צוויי אופנים: א) אַלס מאַנספּאַרשוין, וועלכער איז ווייניגער מסוגל צו די לאַנגווייליגע, מאַשינאָווע אַרבעטן, צו וועלכע די פרויען טויגן אפשר בעסער; און ב) אַלס איד, וועלכער האָט, כידוע, קנאַפּ חשק צו נעמען זיך ערנסט צו אַ ריין־מאַשינאָווער, גייסטלאָזער באַשעפטיגונג.

דער עקאָנאָמישער באָדן אונטער צענדליגער טויזנטער אידישע אַרבעטער האָט זיך לעצטנס אָנגעפאַנגען צו וואַקלען. דאָך מוז מען פעסטשטעלן, אַז אַ סך אידישע שניידער אַרבעטער, באַזונדערס די צושניידער (קאַטערס), ווייזן אַרויס אַ גאַנץ גרויסע סטאַביליטעט אַלס שטענדיגע בעלי־מלאָכות, דאָס מיינט פּערמאַנענטע פּראָלעטאַריער. אַזעלכע פאַכאָווע אַרבעטער זיינען אָבער אַ מינאָריטעט אין דער גוואַלדיגער מאַסע אידישע נאָדל־טרייד אַרבעטער אין ניו יאָרק און אַנדערע קליידער־צענטערס. די

*) אַ צווייטער רעזולטאַט פון די נייע אומשטענדן — די זייער באַשרענקטע אימיגראַציע, וועט מסתמא זיין, אַז אַ טייל פון די ניו יאָרקער קליידער־שעפּער וועלן זיך אַריבערטראָגן אין די „קאָנטרי שטעט” אַרום ניו יאָרק, וואו ס'איז לייכטער צו געפינען, צווישן די אַמעריקאַנער מיידלאַך און פרויען, אַ רעזערוואואַר פון נייע אַרבעטס־הענט. אויך דאָס איז אַ פאַקטאָר, וועלכער איז ניט גינסטיג פאַר דעם וואוקס פון דער אידישער באַשעפטיגונג אין די נאָדל־טריידס, ווייל דאָס רוב אידישע אַרבעטער קענען פאַרבלייבן אַרבעטער נאָר אין דער שטאָט ניו יאָרק און ניט אין דער פּראָווינץ, וואו זיי „דעקלאַסירן” זיך, ד. ה. נעמען זיך צו מיטלשטאַנד פּרנסות, זייער גיך.

מערהייט פון אָט אַזעלכע אַרבעטער לעבט ליידער אין אַן אומזיכערקייט מיט'ן מאָרגן
(צוליב דער כראָנישער אַרבעטסלאָזיקייט) און זוכט וועגן צו נייע פּרנסות.
אין די לעצטע יאָרן פּאַסירט גאַנץ אָפט, אַז אַן אַרבעטער וואָס פאַרדינט אַרום
50 דאָלאַר אַ וואָך (דאָס קען איצט אָנגענומען ווערן אַלס דער דורכשניטליכע־
פאַרדינסט פון אַ אידישן אַרבעטער אין דער צייט ווען ער האָט אַרבעט) אַרבעט
דורכשניטליך ניט מער ווי 20—25 וואָכן אין יאָר, און קען פון זיין האָרעוואַניע
קוים־קוים עקזיסטירן. די אומזיכערקייט מיט דעם מאָרגן, די געפאַר פאַר דער
מאָגערער עקזיסטענץ, וואָס האַלט זיך אויף הינערשע פיסלאַך, איז נאָך אַלץ דער
הויפּט־שטריך אין דעם געמיט פון די אידישע אַרבעטער, פון 80 פּראָצענט פון זיי,
דאָ, אין דער רייכער אַמעריקע. אַפילו די אַרבעטער, וואָס האָבן אַ שטענדיגע באַשעפ־
טיגונג, ווי למשל די שריפטזעצער אין די צייטונגען א. ז. וו., זעען די קללה פון דער
אַרבעטסלאָזיקייט, פון וועלכער ס'ליידן זייערע חברים, און דאָס באַאיינפלוסט די
פּסיכאָלאָגיע אַפילו פון די מער־גליקליכע צווישן די אידישע האָרעפּאַשניקעס, די וואָס
אַרבעטן „סטעדי" דורך דעם גאַנצן יאָר. בדרך הכלל קען מען זאָגן, אַז דער אידישער
אַרבעטער לעבט פון דער לופט און בויט זיין עקזיסטענץ אויף זאַמד, הגם ער האָט
שוין אַ העכערן העבנס־סטאַנדאַרד, ווי אַ טעלעפאָן אָדער אַ באָד ביי זיך אין שטוב.
ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמע־
ריקע לעבט אַ שטאַרקער דראַנג זיך אַרויסצורייסן פון דער ענגער און אומפריינדליכער
שטאָט, זיך צו באַזעצן ערגעץ־וואו אויף אַ פאַרם און לעבן אין זיכערקייט מיט דעם
מאָרגן, אָדער זיך „אויפהויבן" סאָציאַל, ד. ה. מפרנס צו זיין זיך פון קרעמעריי און
פון אַלערליי מנחם מענדעל פּרנסות. דאָס צו טאָן איז פיל לייכטער — אַפילו אין
דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע — ווי צו ווערן אַ פאַרמער אין אַן אומבאַ־
קאַנטער סביבה; און מיר זעען דעריבער ווי גיך און אומגעשטערט ס'קומט פאָר דער
איבערגאַנג פון אידישע האָרעפּאַשניקעס צום נידעריגערן מיטל־קלאַס.

2) די אַלגעמיין עקאָנאָמישע סיטואַציע פאַר די לעצטע 10 יאָר איז אויך געווען
גינסטיג פאַר דער „דעלאַבאָריזאַציע" (דאָס פאַרלאָזן פון אַרבעטס־פּאָזיציעס) פון די
אידישע אַרבעטער. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ בינטל פאַרבאָרגענע פאַקטאָרן.
דער מאַנגל אין אַמעריקע אין אַרבעטס־הענט בכלל, און אין קוואַליפיצירטע
(פּאַכאָווע) אַרבעטער בפרט, איז פון שטענדיג געווען די וויכטיגסטע טרייב־קראַפט צו
ערפינדונגען, וועלכע שפּאָרן איין די מענשלי:ע אַרבעטס־קראַפט. נאָך פיל גרעסער
איז געוואָרן די ווירקונג פון דעם דאָזיגן פאַקטאָר זינט דעם אָנפאַנג פון דער וועלט־
מלחמה. ניט נאָר האָט זיך, זינט דעם זומער פון 1914, אָפּגעשטעלט די מאַסן־אימי־
גראַציע פון אַרבעטער, נאָר אַ סך איינגעזעסענע פרעמד־געבאָרענע אַרבעטער האָב:
זיך, אין אַ פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג פאַר דער אַלטער היים, אַ לאָז געטאָן צוריק
קיין איירּאָפּע. די אַמעריקאַנער אינדוסטריע און די פאַרמעריי האָבן אָבער, דוקא
צוליב דער מלחמה, געהאַט אַ גוטן סעזאָן, ווייל איירּאָפּע האָט פון איין זייט פאַרשאָטן
אַמעריקע מיט אינדוסטריעלע באַשטעלונגען און מיט באַשטעלונגען אויף שפּייז־מיט־
לען; פון דער צווייטער זייט האָט איירּאָפּע כמעט אָפּגעשטעלט (צוליב בלאָקאַדע
וכד.) איר אינדוסטריעלן עקספּאָרט; די עקספּאָרט מאַרקעטס זיינען במילא אַריינ־
געפאַלן צו אַמעריקע. דאָס אַלץ האָט געפירט צו דער גרויסער מאָדערנער אינדוס־
טריעלער איבערקערעניש אין אַמעריקע — די מאַסן־פּראָדוקציע. די נייע סיסטעם
באַשטייט אין דער מעגליכקייט צו פּראָדוצירן, דורך מאָדערנע מאַשינען און נייע
אַרבעטס־מיטלען, ביי אַ קלענערער צאָל אַרבעטער, פיל מער סחורה און באַדייטנד
ביליגער ווי פריער. נאַטירליך קען דערביי לייכט געמאָלט זיין, אַז ביי אַ קלענערן
קאָסט־פּרייז פון דער וואַרע וועט דער לוין־אַרבעטער דאָך קענען באַקומען אַ גרעסערן
טאָג־לוין ווי פריער.
די געוואַלדיגע פאַרמערונג פון דער פּראָדוקציע האָט אויטאָמאַטיש אַרויסגערופן
אַ גרויסן באַדאַרף אין די פונקציעס פון אַ פאַרמיטלער־קלאַס. וואָס מער סחורה ו‎׳‎

פאַבריקן אַרבעטן אויס, אַלץ גרעסער מוז ווערן די צאָל וואַיאַזשאָרן, אַגענטן פון כל המינים, גראָסיסטן (האָלסיילערס), קרעמער און רעקלאַמע־ספעציאַליסטן, וועלכע האָבן אַלע איין פונקציע — אָפּצוזעצן די סחורה. מיט איין מאָל האָבן זיך געעפנט גרויסע פאַרדינסט־מעגליכקייטן פאַר אַלערליי פאַרמיטלער און האַנדלס־לייט, ווי רייזנדע פאַרקויפערס (סיילסלייט), וכדומה. נאַטירליך איז אויך געוואַקסן די צאָל קרעמער, דער עיקר אין דעם מאַרק פון די נייע געברויכס־אַרטיקלען (אויטאָמאָבילס, מוזיק־אַפּאַראַטן און ריידיאָס, עלעקטרישע ווערקצייג פאַר דעם הויז־געברויך א. ז. וו.

ווידער האָבן געווירקט ריין־פינאַנציעלע פאַקטאָרן — דער איבערפלוס פון דעם פרייען קאַפּיטאַל נאָך דעם גאָלד־מבול פון 1916—1920. די גרויסע אינדוסטריעלע באַלעבונג, במשך פון דער מלחמה ביז צום יאָר 1920, און פון 1923 ביז סוף 1926, האָט געבראַכט שיינע פּראָפיטן דעם רייכן קלאַס און אַ סך פרייע געלט דעם שטאָטישן מיטל־שטאַנד אין דעם אינדוסטריעלן מזרח־טייל פון לאַנד, וואו ס'לעבן 80 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע. דער מלחמה־קריזיס אין בוי־פאַך האָט, ווי אומעטום, געשאַפן אַ באַדאַרף אין דירות און, פאַלגליך, נאָך דער מלחמה — אַ ספּעקולאַציע מיט לאַנד־אייגנטום און געביידעס. די פרייע קאַפּיטאַלן האָבן אַריינ־געשטראָמט אין דעם ספּעקולאַטיווען האַנדל מיט גרונד־ און באָדן (ריעל עסטייט). פון 1919 אָן האָט אָנגעהאַלטן אַן אמת'ע אַזאַרט־שפּיל פון באָדן־ספּעקולאַציע, וואו דער רייכער און מיטעלער קלאַס האָט אַפּגעלעקט אַ פעטן ביינדל. דאָס האָט אַריינגעצויגן אין דער גאָלד־גרוב אַלס מעקלערס, אַגענטן, בוי־אונטערנעמער (קאָנטראַקטאָרס) און סתם בעלנים גיך נתעשר צו ווערן, אַ שיינע צאָל געוועזענע אידישע האָרעפּאַשניקעס, אָנפאַנגענדיג פון מולאַרעס און טשעסלאַרעס (קאַרפּענטערס), ביז שניידער און שטעפּער. זיי אַלע האָבן ווי איבערנאַכט זיך אויפגעהויבן אויף דעם סאָציאַלן לייטער צו אַ גאַנץ הויכער מדרגה.

גלייכצייטיג האָט דער אַלגעמיינער וואוילשטאַנד אין דעם אינדוסטריעלן טייל פון לאַנד, וואו ס'איז קאָנצענטרירט דער אידישער ישוב, אַרויסגערופן אַ גוטע לאַגע אויך אין אַן אַנדער צווייג פון דעם פינאַנץ־געשעפט — אין דער אַסעקוראַנץ (אינ־שורענס). אויך דאָ האָבן אַ סך אידן פון דעם האָרעפּאַשנעם קלאַס אויסגענוצט די נייע מעגליכקייטן פון דער קאָניונקטור (געשעפטס־סיטואַציע). שוין אין דער אַלטער היים איז די פּרנסה פון אַ לעבנס־פאַרזיכערונגס אַגענט ניט געווען פרעמד די אידישע מאַסן. אין אַמעריקע פלעגן אידן־לאַ יוצלח'ס, נאָך פאַר דער מלחמה, זיך זייער אָפט נעמען צו אַגענטור אין דער „מאַסן־פאַרזיכערונג" (אינדאַסטריעל אינשורענס). אין די לעצטע צען יאָר איז אָבער דער איבערגאַנג צו אַזעלכע פּרנסות ווי מעקלעריי, אַגענטור א. ז. וו. געוואָרן אַ געוויינליכע ערשיינונג צווישן אידישע האָרעפּאַשניקעס. טויזנטער אידישע אַרבעטער זיינען, אין משך פון איין צענדליג יאָר, מגולגל געוואָרן אין אַגענטן, מעקלערס און קרעמערס.

און דאָך מוז מען זאָגן, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם איצטיגן אידישן דור אין אַמעריקע וועט שטענדיג פאַרבלייבן ביי די אַרבעטס־פּרנסות. די היגע־געבאָרענע קינדער זייערע איגנאָרירן אפילו די האָרעפּאַשנע פּראָפעסיעס, און זיי פילן אָן ביז איבער די ראַנדן די אַזוי גערופענע פרייע פּראָפעסיעס, אָבער אויך אין זייערע רייען, באַזונדערס צווישן די אַקאַונטענטס, לאָיערס א. ז. וו., ווערט די קאָנקורענץ אַזוי גרויס, און דער סאָציאַלער אַנטיסעמיטיזם (שטילער באָיקאָט) מצד די טאָן־געבער אין דער ווירטשאַפט און פּאָליטיק (די פּראָטעסטאַנטישע יענקים) ווערט פון יאָר צו יאָר שאַר־פער אויף אַזוי פיל, אַז דער פאַרדינסט פון די „קאָפּ־אַרבעט פּראָפעסיעס" איז אָפט ניט גרעסער פון דעם לוין פון אַ שטענדיג־באַשעפטיגטן קוואַליפיצירטן ספּעציאַליסט (עלעקטראָ־מעכאַניק, צאָן־מאַכאַניק, פאַרמאַצעווט, וכד.). דער איבערגאַנג פון דער אידישער יוגנט אין אַמעריקע צו פּראָדוקטיווע מאָדערנע פּראָפעסיעס וואָלט געווען נוצליך פאַר זיי גופא און פאַר דעם היגן אידישן קבוץ בכלל.

מ'דאַרף אָבער, קודם כל, ערוועקן ביי די היגע אידישע האָרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן

די ריכטיגע פאַרשטענדניס פון דעם ווערט און חשיבות פון אַרבעט, פון שאַפונג דורך דער געניטער האַנט און דורך אַ ספּעציאַליזירטער מלאָכה. ביי די היינטיגע אומשטענדן פון דעצענטראַליזאַציע פון דער עלעקטרישער טרייב־קראַפט איז ניט שווער אויסצוגעפינען אַ פולע אַרבייטס־פאַכן, וועלכע קענען געבן אַ באַפרידיגנדן שטענדיגן פאַרדינסט, ווען מ'ווייס נאָר ווי באַוואוסטזיניג צו פאַראייניגן די געהעריגע ווירטשאַפטליכע איניציאַטיוו מיט דער מענשליכער אינטעליגענץ (שכל). ביי אַן ערציאונגס־אַרבעט אין אַזאַ גייסט, וואָלטן אַ סך פון די אידישע אַרבעטער, אין די מיטעלע און יונגע יאָרן, געקענט געפינען פאַר זיך דאָ אין אַמעריקע פאַסיגע פּראָדוקטיווע פּרנסות.

די טרייד־יוניאָן באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער אין ניו יאָרק.

ווי אומעטום אין גלות, האָבען אויך אין אמעריקע די אידישע ארבעטער פארנומען, אַזוי צו זאָגען, די סאַמע לעצטע שטאַפּלען אויף דער לייטער פון דעם פּראָדוצענט צום פאַרברויכער. זיי געפינט מען ניט צווישן די גרונד־פּראָדוצירער, אין דער קוילען און אייזען־אינדוסטריע, נאָר דער עיקר — אין די רייען פון די בעלי מלאכות און פאַבריק־אַרבעטער, וואָס שטעלן צו די סחורה דירעקט צום געברויכער. אידן זיינען די הויפּט־באַשעפטיגטע אין דעם קליידער־פאַך, יאָוועליר־אַרבעט, אין דער דרוקעריי פאַר דעם באַשטעלער פון גאַס און אַז. וו. דער גייסט פון האַנטווערק — די שטרעבונג צו גרופּען־אָרגאַניזאַציעס, ווי צעכן, איינקונפט־קאָאָפּעראַטיוון פון בוי־מאַטעריאַלן, קרעדיט־יוניאָנס און אַז. וו., לעבט אויך אין די האַלב־אינדוסטריאַליזירטע פּראָפעסיעס, צו וועלכער די אידן נעמען זיך גערן, ווי בוי־פאַך, שניידעריי, דרוקעריי וכדומה.

אָבער דוקא אַזעלכע פּראָפעסיעס זיינען צוליב די פּסיכאָלאָגישע מאָטיווען וואָס פאַרבינדן זיי מיט דעם האַנטווערק, באַזונדערס מסוגל פאַר דעם טרייד יוניאָניזם, וועלכער איז דער מאָדערנער אויסדרוק פון דער קאָרפּאָראַציע־אָרגאַניזירונג־טענדענץ צווישן די האָרעפּאַשניקעס אין מיטל־אַלטער. די דריי פאַכן (אַחוץ די באַן־אַרבעטער), וועלכע זיינען אין אַמעריקע, דער ערשטער און גרעסטער קאַפּיטאַליסטישער לאַנד פון דער וועלט, אַם בעסטן אָרגאַניזירט, זיינען דער בוי־פאַך, די דרוקערס, און די נאָדעל־טריידס ארבייטער. אין זיי האָט די מאָדערנע צענטראַליזירטע פאַבריק סיסטעם נאָך ניט דערשטיקט די קלענערע אונטערנעמונגס־פאָרמען, און וועט זיי מסתמא קיינמאָל שוין ניט קענען אינגאַנצן באַזיגען. די אידישע ארבייטער, זייענדיג אַ גאַנץ באַדייטנדער טייל פון די דאָזיגע אַרבעטס־פאַכן אין אַמעריקע, האָבן זיך גאַנץ שנעל אָרגאַניזירט אין טרייד יוניאָנס; און זיי האָבן דורך דעם, כמעט אויף גאַנצע 100 פּראָצענט, יוניאָניזירט די באַטרעפנדע טריידס.

די גרויסע יוניאָנס פון די שניידער ארבעטער — די „אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס" און די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס" — זיינען פּראָגרעסיוו אין זייער סטרוקטור (אין זיי איז פאַרווירקליכט דער פּרינציפּ פון „אינדוסטריעלער" יוניאָן, גלייכהייט צווישן די ראַסן און אַז. וו.). זיי זיינען געווען פון די ערשטע אין אַמעריקע איינצופירן אין לעבן די נייע גרויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע עקספּערימענטן, ווי קאָלעקטיווע אַגרימענטס צווישן דער יוניאָן און די אונטערנעמער־אָרגאַניזאַציעס, אינדוסטריעלע אַרביטריישאָן דורך „אומפּאַרטייאישע טשערלייט", אַסעקוראַנץ געגן אַרבעטסלאָזיגקייט (אין דער קליוולענדער פרויען־קליידער אינדוסטריע און אין דער שיקאַגאָר מענער־קליידער אינדוסטריע), די גרויסע אַרבעטער־באַנקען, און די זייער נוצליכע קרעדיט־יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיווע קליניקעס און זומער־קאָלאָניעס פאַר אַלע יוניאָן־מיטגלידער, און קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענט הייזער. דערווייל האָט בלויז איין יוניאָן — די „אַמאַלגאַמייטעד" פון די שניידער — זיך דורכאויס ארויסגעשטעלט פייאיג אָנצוגיין אומגעשטערט מיט דער פאַרווירקליכונג פון

אָט די אַלע נייע פּלענער. אין די איבעריגע יוניאָנס אין די נאָדל־טריידס זיינען, צוליב אינערליכע און אויסערליכע אומשטענדען, די נייע איינפירען אונטערגעגראָבן געוואָרן נאָך איידער זיי האָבן באוויזן צו בליען. וויכטיגע און צייטיגע פּראָיעקטן, ווי למשל די קאָאָפּעראַטיווע הייזער פאַר די פּרויען קליידער אַרבעטער אין ניו יאָרק, זיינען צוליב דעם בטל געוואָרן.

די קאָנסטרוקטיווע ראָלע פון די טרייד יוניאָנס אין די נאָדל־טריידס איז גאָר ניט אָפּצושאצן. אין יענע אינדוסטריען איז די קאָנקורענץ צווישן די פירמעס אנט־צייטן פון סוועט שאָפּ. אָבער די אינדוסטריע, אַלס אַ גאַנצער קערפּער, געווינט אויך פון דער מאָדערניזירונג און אָרגאַניזירונג אין דער פּראָדוקציע, וועלכע דער פּראָגרע־סיווער טרייד יוניאָניזם טראָגט מיט זיך אַריין. *)

פון דעסטוועגן וואָלט געווען א טעות צו מיינען, אז די אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטער איז געווען א לייכטע זאך. די אידישע אַרבעטער אין אמעריקע זיינען קיינמאָל, באַזונדערס אָבער ביז 1907, ניט געווען קיין גוטער עלעמענט פאר אָרגאַניזירונג. אין די אידישע טריידס איז געווען פאַרשפּרייט די מכה פון „סוועט־שאָפּ", מיט די לאַנגע שטונדן און אן אמת'ן הונגער־לוין. פון קיין דיסציפּלין און ערפאַרונג אין מיטינג־פירונג, רעגיסטראַציע און אז. וו. האָבן די אידישע אימיגראַנטן ניט געוואוסט. ס'האָט זיך געפאָדערט א סך מי און ענטוזיאזם מצד דער אידישער סאָציאַליסטישער פאָלקס־אינטעליגענץ אין די 80ער און 90ער יאָרן (דאָס מיינט, מיט אַ יאָר פערציג־פופציג צוריק), כדי צו אָרגאַניזירן אָט אזא אָרגאַניזאַציאָנעל־אומ־דאַנקבאַרן עלעמענט. און דאָך זיינען דעמאָלט אויפגעבויט געוואָרן געווערקשאַפטן, פון וועלכע ס'זיינען מיט דער צייט אויסגעוואַקסן די היינטיגע גרויסע און פאַר־צווייגטע טרייד־יוניאָנס אין די נאָדל־טריידס.

מיט 40 יאָר צוריק, אין סוף 1888, איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו יאָרק די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די אידישע טרייד יוניאָנס — די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן". אין די הויפּט־פאַכן, ביי וועלכע ס'זיינען שוין דעמאָלט געווען באַשעפטיגט טויזנטער אידישע אַרבעטער — אין די נאָדל־טריידס, אין דער שניידעריי פון מענער קליידער און קלאָוקס (פרויען מאַנטלען), זיינען נאָך אין יענער צייט אינגאַנצען קיין יוניאָנס ניט געווען. ס'האָבן דעמאָלט עקזיסטירט בלויז דריי קליינע אידישע יוניאָנס אין אומבאַדייטנדע טריידס, נעמליך: די שריפטזעצער יוניאָן, די כאָריסטן יוניאָן, און די אַקטיאָרן יוניאָן. צוזאַמען, אין אַלע דריי, האָבן זיי געהאַט 80 מיטגלידער.

היינט צו טאָג נעמט אַרום די צענטראַלע קערפּערשאַפט (פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן) איבער 80 טרייד יוניאָנס פון עטליכע און זיבעציג פאַרשיידענע פאַכן פון אינדוסטריע און קראָם־האַנדל. דאָס זיינען ענטוועדער דורכאויס אידישע פּראָ־פעסיעס, ווי מצה בעקערס, הינער־שוחטים, און אז. וו., אָדער אידישע לאָקאַלס פון „אינטערנעשאָנאַלס", ווי בעקערס, דרוקעריי אַרבעטער און אז. וו., אָדער טרייד־

---

*) ליידער האָט די אַרבעטער־מאַסע אין די יוניאָנס מער געלעבט מיט דעם סאָציאַלן אימפּעט, מיט דער מיטגעבראַכטער סאָציאַליסטישער ענערגיע און טראַדיציע, ווי מיט אַ קלאָרן און פרישן באוואוסטזיין מכח די נייע מעגליכקייטן און באַדינגונגען פון סאָציאַלן פאָרטשריט אין אַמעריקע. די פירער אַליין האָבן אָפטמאָל געהאַלטן די מאַסע „אין זאַק", כדי לענגער און זיכערער צו זיצן אויף די וואַרימע פּלעצער . . . מיט דער צייט האָט זיך אין פילע יוניאָנס אריינגעכאַפּט קאָרופּציע, גלייכגילטיגקייט צו דער מאַסע, ביוראָקראַטיזם און קליקען־פּאַטראָנאַזש — דאָס אַלץ האָט צוגעגרייט אַ גוטן באָדן פאַר דער דעמאַגאָגישער אַגי־טאַציע פון דער לינקער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט דעריבער לייכט געקענט באַגראָבן אויניגע פון די לאַנג־עטאַבלירטע טרייד־יוניאָנס אין דער קליידער־אינדוסטריע.

דאָס איז געקומען צוזאַמען, שריט אין שריט, מיט אַ קאַטאַסטראָפאַלער פאַרשאַרפונג פון דער אַרבעטסלאָזיגקייט אין די נאָדל־טריידס. דער קלאַפּ איז געווען אַ טראַגישער.

יוניאָנס, וואו די אידן זיינען אַ גאַנץ באַדייטנדער טייל. אַרום און אַרום זיינען איצט אָנגעשלאָסן צו דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע איבער 120 טויזנט אידישע אַרבעטער אין ניו יאָרק. דער סעקרעטאַר, מ. פיינסטאָן, האָט צו ערפילן אַ סך פאַר־אַנטוואָרטליכע און שווערע פונקציעס, ביי וועלכע ס'העלפט אים אַן עקזעקוטיווע, וואָס רעפּרעזענטירט די אָנגעשלאָסענע יונייאָנס. זיי דאַרפן מיט ראַט און טאַט שטיצן די נייע טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, וואָס קומען אויף פון צייט צו צייט אויף דער אידישער גאַס, אָרגאַניזירן סימפּאַטיע סטרייקס, און בכלל קאָאָרדינירן די אַרבעט פון די אידישע יוניאָנס ביי פאַרשיידענע אונטערנעמונגען ווי די קאַמפּיינס פאַר דער אַרבעטנדער ארץ ישראל און אז. וו.

נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט, ווי וויכטיג און ברייט ס'זיינען די דאָזיגע אויפגאַבן און ווי קליין ס'זיינען די מיטלען, וועלכע די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן" האָט פון שטענדיג אין איר רשות, מוז מען פעסטשטעלן, איז סיי דער איצטיגער סעקרעטאַר, מ. פיינסטאָן, סיי זיין פאָרגענגער, מאַקס פיין פאַרדינען אַכטונג פאַר זייער פלייס און איבערגעבנקייט. ניט וויינינגער אָפּערווויליקייט האָט אויך אַרויס־געוויזן אין זיין צייט דער ערשטער סעקרעטאַר, ב. וויינשטיין, אַ וועטעראַן פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין ניו יאָרק (מיט איניגע יאָר צוריק האָט ער פאַר־עפנטליכט אַ באַנד עראינערונגען: „40 יאָר אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג").

כדי צו קריגן אַ בעסערן באַגריף וועגן דעם היינטיגן צושטאַנד פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד, באַזונדערס אין ניו יאָרק, וואו ס'לעבט אַ העלפט פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין אמעריקע, וועט נויטיג זיין אָפּצושטעלן זיך איינציגוויז אויף די וויכטיגסטע צווייגן פון דער אידישער אַרבעט. די סטאַטיס־טישע ציפערן, וועלכע ווערן דאָ איבערגעגעבן, זיינען, אין אָנפאַנג פעברואַר, 1928, אויפגעזאַמלט געוואָרן פאַר דעם אַרטיקל, דורך מ. פיינסטאָן, סעקרעטאַר פון די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן" אין ניו יאָרק.

א) די לאַגע אין די שפּייז־מיטל טריידס.

אַ בילד וועגן דעם דאָזיגן צווייג גיט די פאָלגנדע טאַבעלע:

טאַב. 1. די וויכטיגסטע טרייד־יוניאָנס פון ניו יאָרק און די צאָל אידן אין זיי, אין יאָר 1928.

נאָמען פון דער יוניאָן	צאָל מיטגלידער	פרויען מיטגלידער	פּראָצענט אידן	צאָל אידן
בעקערס יוניאָן (פאַרש. לאָקאַלס) — — — —	3,000	—	90	2,700
היברו בוטשער וואָרקערס — — — — — —	800	—	100	800
פּאָלטרי שוחטים יוניאָן — — — — — —	325	—	100	325
אייז קרים וואָרקערס — — — — — — —	250	—	75	180
קוקס ענד בראָילערס (קעבער) — — — — —	200	100	100	200
עג־קענדלערס (אייער־אונטערזוכער) — —	300	—	60	180
בוטשער וואָרקערס — — — — — — — —	600	—	10	60
וועיטערס ענד וועיטרעסעס (קעלנערס) —	3,000	750	88	2,650
צוזאַמען — — — —	8,475	850	84	7,095

די צוויי וויכטיגסטע יוניאָנס פון דעם צווייג — די בעקערס און וועיטערס (קעלנערס) — געפינען זיך איצט אין אַ געדריקטער עקאָנאָמישער לאַגע. אין דעם רעסטאָראַן טרייד איז, זינט דעם איינפיר פון אַלקאָהאָל־פאַרבאָט (פּראָהיבישאָן) די לאַגע אין אומגיסטיגע פון געשעפטליכן שטאַנדפּונקט. די פאַרשפּרייטונג פון

„אויטאָמאַטן" און „סעלף סוירוויס" רעסטאָראַנען שטופּט אַרויס די מענטשליכע אַרבייטס־קראַפט. דאָס באַשאַפט ארבעטסלאָזיקייט אין א טרייד, וואו כמעט 90 פּראָצענט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט זיינען אידן.

נאָך ערגער איז די לאגע אין דעם בעקער טרייד. די אידישע בעקערס מאַכן איצט דורך א קריטישע צייט צוליב דער פארשפּרייטונג פון מאַשינאָווע געבעקס וויקלט ממש „דערשטיקט צו ווערן ביים גאָרגל". ווען ניט די יוניאָנס, וואָלטן די אַרבעטער מסתמא נאָך איצט געליטן ווי מיט 40 יאָר צוריק, אין די טרויעריג־בארימטע (ברויט פון די געבעקס־פאבריקן און ביסקוויטס, וכדומה). א צווייטע אורזאכע פון קריזיס איז די שנעלע איבערוואנדערונג פון די אידישע מאסן פון די אלטע קווארטאַלן (איסט סייד, הארלעם, און אז. וו.) אין נייע ראַיאָנען (בראָנקס, בענסאָנהוירסט און אז. וו.), וואו ס'זיינען שוין פון פריער דאָ עטאַבלירטע בעקער יוניאָנס, וואס באשטייען דער עיקר פון דייטשן. אין אזעלכע יוניאָנס נעמט מען די אידישע ארבעטער ניט גערן אריין. דער סוף איז, אז ס'מוזן רעאָרגאַניזירט ווערן די אלטע אידישע „לאָקאַלס", פון א סך (לאָקאַלס נומ. 3, 87 100 זיינען איצט פאראייניגט אין איינעם — נומ. 500) צווייגן ווערט איין גרעסערע קערפּערשאפט דאָך קען דאָס נאָך עקאָנאָמיש ווייניג העלפן. דער מארק פאר לוקסוס־געבעקס (קעיקס און ד. גל.) איז איצט גרעסער ווי אמאָל און דאָס רופט זיך אויך שלעכט אָפּ אויף דעם אידישן בעקער אַרבעטער וועלכער איז ניט איינגעוואוינט צו אזא מין ארבעט. די אָפּשטעלונג פון דער אידישער אימיגראציע האָט געוואלדיג פארקלענערט דעם מארק פאר דעם פּראָדוקט פון דעם אידישן בעקער־טרייד.

די לאגע פון די פלייש־ארבעטער (בוטשער טרייד) איז ניט אזוי פארערגערט געוואָרן ווי דער מצב אין די איבעריגע גרויסע צווייגן פון די שפּייז־מיטל טריידס. די העכערונג פון דעם לעבנס־סטאַנדארד, ווען דער עולם גיט אויס מער געלט אויף פלייש־שפּייזן ווי אמאָל, האָט משמעות גוט געווירקט אויף אָט דעם דאָזיגן אידישן טרייד. דאָס ערקלערט אויך, פארוואס די נייע יוניאָן פון אייער־אינספּעקטאָרס (עג קענדלערס) באשטייט דער עיקר פון אידן, און די צאָל מיטגלידער אין איר, וואס איז היינט 300, ווערט אַלץ גרעסער.

ב) דער צושטאַנד אין די נאָדל־טריידס.

דריי־פערטל פון די אידישע אָרגאַניזירטע ארבעטער אין ניו יאָרק און צוויידריטל פון אלע אידישע יוניאָניזירטע ארבעטער אין גאנץ אמעריקע, געהערן צו דער קליידער־אינדוסטריע. אַ בילד וועגן דער אנטוויקלונג פון דעם טרייד־יוניאָניזם אין דער דאָזיגער אינדוסטריע אין ניו יאָרק גיט די פאָלגענדע טאַבעלע:

די לאַגע פון די אידישע ארבעטער אין די נאָדל טריידס איז אין די לעצטע יאָרן א גאנץ געדריקטע צוליב אַלגעמיין־עקאָנאָמישע אורזאכן (ווי אַ שארפע קאָנקורענץ אין דער אינדוסטריע) און דורך די פראקציאָנעלע רייסערייען צווישן די „רעכטע" און „לינקע" אין איניגע גרויסע טריידס. די ארבעטסלאָזיקייט, וועלכע איז אין אזא סעזאָן־אינדוסטריע א שטענדיגע מכה, האָט זיך אין די לעצטע יאָרן נאָך באַדייטנד פארשארפט.

די קאָנטראַקטאָר־דזשאַבער סיסטעם דעזאָרגאניזירט די אינדוסטריע. די פּראָדוקטיווע פאקטאָרן אין איר פארבלייבן ניט אויף איין אָרט. פון די געפלאָגטע און פאַר'יאוש'טע אַרבעטער קומען ארויס קליינע אונטערנעמער־קאָנטראקטאָרס (סובמאנופעקטשורערס), וועלכע „ארבעטן" זיך ניט זעלטן ארויף אויף אמת'ע „מאַנופעקטשורערס". ענדליך, פארוואנדלען זיך די גרויסע אינסייד־מאנופעקטשורערס אין דזשאבערס (אינדוסטריעלע צווישן־הענדלער, וואָס באשעפטיגן א צאָל קאָנטראקטאָרס). די גאַנצע אנטוויקלונג פאר די לעצטע 40 יאָר איז, אלזא פארלאָפן אין א מין קרייז: פון דער אַמאָליגער דעצענטראליזאציע (סוועט שאפּ) דורך דער צענטראליזאציע פון דעם יוניאָניזירטן „אינסייד שאפּ" (מאָדערנע קליידער פאבריק) צוריק צו א דעצענטראליזאציע. ס'שטייען איצט אויף תחית המתים די אַמאָליגע

סוועט־שאַפּקעס, וועלכע רופן זיך היינט אָן, — ניט אָן אַ ביטערער איראָניע! — „קאָרפּאָריישאָן" שעפּער (צעדרייט, אין דער אמת׳ן, פון וואָרט „קאָאָפּאָריישאָן", אַ צוזאַמענאַרבעט פון עטליכע קרובים בעלי־מלאָכות וואָס איגנאָרירן די טרייד יוניאָן). אין דעם פרויען־קליידער טרייד, דעם וויכטיגסטן אין ניו יאָרק, קומען אין סעזאָן נייע שעפּער אויף, איינס און צוויי, און פאַרשווינדן פּונקט אַזוי גיך און רעגולמעסיג.

די ציפערן פון די אינדוסטריעלע ציילונגען פון 1879 ביז 1925 ווייזן אַ כסדר׳דיגע פאַרקלענערונג אין דעם אַרבעטער־פּערזאָנאַל פון די קלאָוק שעפּער. די שאַרפסטע מאָמענטן פון אַזאַ ירידה פאַלן אויס אויף די יאָרן 1914, 1919 און 1921, ד. ה. גראַד דעמאָלט ווען ס׳האָט זיך קענטיג געוואָרפן אין די אויגן די מכה פון קאָנטראַקטינג און דזאָבינג. אין 1914 האָט דורכשניטליך איין ניו יאָרקער פאַבריק געהאַט 28 אַרבעטער, אין 1921 — ניט מער ווי 18. מ׳קען, אגב, באַמערקן נאָך אַ צווייטע וויכטיגע און כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג: אָנפאַנגענדיג פון 1889 ווערט וואָס ווייטער אַלץ דייטליכער, אַז די דורכשניטליכע קליידער פאַבריק אין ניו יאָרק איז פיל קלענער לגבי דער דורכשניטליכער אונטערנעמונג אין די פּראָווינץ־שטעט: שיקאַגאָ, באַלטימאָר, און אַז. וו. דער וואוקס פון די גרויסע קליידער־פאַבריקען איז אַ לערך נייע אָבער אַ שנעל פּראָגרעסירנדער פּראָצעס.

טאַב. 2. דער מיטגלידער־שטאַנד פון די טרייד־יוניאָנס אין דער קליידער־פּראָדוקציע פון ניו יאָרק, אין אָנפאַנג 1928.

צאָל אידן	פּראָצענט אידן	ניט־אידן	צאָל מיטגלידער	נאָמען פון דער יוניאָן
35,000	70	20,000	50,000	אינטערנעשאָנאַל לײדים גאַרמענט וואָרק.
18,000	45	12,000	40,000	אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס — —
9,350	85	3,850	11,000	מילינערי וואָרקערס (לאָקאַלס) — — —
2,450	98	625	2,500	קעפּ מייקערס (לאָקאַלס) — — — — — —
7,000	70	1,000	10,000	פּאָריערס (פאַרשיידענע לאָקאַלס) — —
3,750	75	1,250	5,000	פּאַקעט בוק מייקערס — — — — — — —
1,200	80	750	1,500	עמבראָידערערס יוניאָנס (2 אָרג.) — —
1,500	75	1,650	2,000	נעקווער וואָרקערס — — — — — — —
550	50	990	1,100	טשילדרען־דרעס מייקערס — — — —
60	100	——	60	באָטאָן־האָל קעריערס („באָנדל"־טרעגער)
78,860	65	42,115	123,160	צוזאַמען — — —

פון די געוועזענע ניו יאָרקער אידישע שניידער אַרבעטער זיינען מיט דער צייט געוואָרן קליינע „זעלבסטשטענדיגע" פירמעס: די „ריטעיל קלינערס און דאַיערס". פון דער אַלגעמיינער צאָל — אַרום 20 טויזנט אין גרייטער ניו יאָרק —. האָט אַנומעלט אַ גרופּע פון פיר־פינף טויזנט אָרגאַניזירט אַ „טרייד יוניאָן", וועלכער די „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר" האָט אַרויסגעגעבן אַ טשאַרטער זיי שאַפן איצט אַ געמיינזאַמען פראָנט מיט צוויי אַנדערע יוניאָנס אין דעם זעלבן פאַך: 1) די „אינסייד וואָרקערס" פון די ריטעיל קלינערס און דאַיערס" (900 מיטגלידער, 70% אידן, און 2) די „קלינערס און דאַיערס דרייווערס יוניאָן" (500 מיטגלידער, 65% אידן). די אַלע דריי יוניאָנס צוזאַמען האָבן געמאַכט אַ יד אחת נעגן די פאָדערונגען פון דער אַסאָסיאיישאָן פון די „קלינינג" האָלסייל מאַנופעקטשורערס, וואָס זוכען צו עקספּלואַטירן די קליינע ריטעיל פירמעס, וועלכע שטעלן זיי צו די מלבושים, וואָס דאַרפן כעמיש געריינינגט ווערן.

ג) אידן אין די בוי־ארבעטער יוניאָנס.

אין די גרויסע יוניאָנס פון די בוי־אַרבעטער (קאַרפּענטערס, מוליאַרעס, וואַנט־מאַלערס און אַז. וו.) איבער'ן לאַנד, און באַזונדערס אין ניו יאָרק, זיינען באַשעפטיגט טויזנטער אידישע אַרבעטער. קיין גענויע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן דעם דאָזיגן צווייג פון דער אידישער אַרבעט זיינען אָבער ניטאָ. בלויז וועגן די אידישע פּיינטערס (מאַלערס) פון גרעיטער ניו יאָרק, וועלכע געהערן צו די לאָקאַלס פון דער טרייד־יוניאָן (בראָדערהוד אוו פּעינטערס), און זיינען אָנגעשלאָסן צו די „פּאַראיי־ניגטע אידישע געווערקשאַפטן", איז געלונגען דעם שרייבער פון דיזע צייל̈ן אויפצו־קלייבן אַ ביסל סטאַטיסטיק.

בסך הכל זיינען אין גאַנץ ניו יאָרק אָרגאַניזירט 20,000 פּיינטערס (פון זיי אין ניו יאָרק און בראָנקס 14,000, אין ברוקלין 4,000, און אין קווינס — 2,000). אידן זיינען 35 פּראָצענט, אָדער 7,000. די דאָזיגע יוניאָן אין ניו יאָרק ציילט בלויז 25 פּרויען־מיטגלידער — אַלע „אינטיריאָר דעקאָרייטאָרס". די לאַגע פון דעם טרייד איז ניט קיין גלענצענדע, ווייל פּאַרמערס און סתם טאָג־אַרבעטער פון איבער'ן לאַנד קומען אַראָפּ אין גרויסע מאַסן קיין ניו יאָרק און נעמען זיך צו דער מאַלער־מלאכה. די אַרבעט איז, ווי באַקאַנט אַ העכסט־שעדליכע פאַר דעם געזונט, און זי מאַטערט גיך אויס די קערפּער־קראַפט. מ'טרייבט און מ'יאָגט ביי דער אַרבייט, און דאָס פּרעסט אויס די נשמה פון לייב; און פון דער צווייטער זייט — נעמען די קאָנטראַק־טאָרס און אַנדערע אונטערנעמער ניט גערן אריין צו זיך אין דער פירמע עלטערע אָדער שוואַכערע (קערפּערליך) אַרבעטער. ביי אַזעלכע אומשטענדען איז קיין וואונדער ניט, אַז די אידישע פאַרמערונג אין דער צאָל באַשעפטיגטע אין דעם דאָזיגן טרייד איז ניט קיין גאַנץ באַדייטנדע.

פון די אַנדערע צווייגן אין בוי־פאַך, אַ חוץ האָלץ־אַרבעט (קאַרפּענטערס) און „בריקלעיערס", וואו מ'געפינט אַ גרעסערע צאָל אידן, איז ווערט דערמאָנט צו ווערן די מעטאַל אַרבעט פון פאַרשיידענע מינים (פּלאָמבינג, מעש־אַרבעט און אַז. וו.). מיט איי̈ניגע יאָר צוריק זיינען די דאָזיגע טריידס געווען גוט אָרגאַניזירט; לעצטנס אָבער, צוליב אינערליך־פּאָליטישע מחלוקות, און צוליב שטרייטיקייטן אין דעם בוי־פאַך מכח יורידיקציע, איז דער מעטאַל צווייג, וואָס האָט געהאַט אַ סך אידישע אַרבעטער צעפאַלן. אין דעם לאָקאַל פון דער „שיט מעטאַל וואָרקערס", נומער 137, זיינען צווישן 700 מיטגלידער דאָ 400, אָדער 57 פּראָצענט, אידן. אין אַנדערע מעטאַל־אַרבעט טרייד־יוניאָנס פון ניו יאָרק זיינען קיין גרויסע צאָל אידן ניטאָ, הגם אידישע מעכאַניקער, שלאָסערס און שמידן געפינען זיך אין אַ היפּשער צאָל.

ד) אידן אין די לעדער־טריידס.

די שיך־אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך מיט עטליכע יאָר צוריק געהאַט אין ניו יאָרק אַ גאַנץ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, זיינען היינט צו טאָג אַזוי גוט ווי אין גאַנצן דעזאָרגאַניזירט. דאָס איז געקומען דער עיקר צוליב די פּראַקציאָנעלע ריי־סערייען, פון וועלכע קיין איינציגע אידישע יוניאָן איז קיינמאָל ניט געווען פריי. די סוט־קייס און בעג־מייקערס יוניאָן ציילט איצט אַרום 1,000 מיטגלידער, פון וועלכע 75 פּראָצענט זיינען אידן. 10 פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט זיינען פרויען, וועלכע מאַכן די קלעפּ־אַרבעט, אונטערשלאַג א. ז. וו. די ראָלע פון פרויען־אַרבעט אין דעם טרייד וואַקסט כסדר.

ה) די אידן אין די פאַרוויילונגס טריידס.

די לאַגע פון דעם דאָזיגן צווייג פון דער אידישער אַרבעט איז געשילדערט אויף דער פאָלגענדער טאַבעלע.

טאַב. 4. — די אידן אין די פּאַרוויילונגס־טרייד יוניאָנס פון ניו יארק (1928).

נאָמען פון דער יוניאָן	צאָל מיטגלידער	דערפון פרויען	פּראָצענט אידן	צאָל אידן
היברו עקטאָרס יוניאָן — — — — — — — —	345	155	100	345
טעאַטריקעל טעילאָרס ענד דרעסערס — —	40	20	100	40
טעאַטריקעל מיוזישענס — — — — — —	150	—	100	150
טעאַטריקעל סטעידזש קאַרפּענטערס — —	1,200	—	25	300
טעאַטריקעל וואַרקערס ענד אַשערס — —	125	—	100	125
כאָריסטען יוניאָן — — — — — — — —	100	65	100	100
מואַווינג פּיקטשור אָפּערעיטאָרס — —	1,500	—	40	600
צוזאַמען	3,460	240		1,560

די יוניאָנס פון די אַרטיסטען און כאָריסטען זיינען, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרען, געווען פון די ערשטע אויף דער אידישער גאַס. אויך ביז היינט צו טאָג זיינען זיי געבליבען פון די שטאַרקסטע אין דער באַוועגונג. אַלע אָנגעשטעלטע אין די אידישע טעאַטערס פון ניו יאָרק זיינען, קען מען זאָגן, אָרגאַניזירט אויף פולע 100 פּראָצענט.

ו) פאַרשידענע טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציעס.

ס׳זיינען דאָ אין ניו יארק איינציגע ספּעציעל־אידישע לאָקאַלס פון די אַלגע־מיין־גוט אָרגאַניזירטע טריידס, ווי למשל די „היברו אמעריקען טאַיפּאָגראַפיקעל יוניאָן נומ. 83,“, אַ צווייג פון דער אַלגעמיינער שריפטזעצער יוניאָן, מיט 300־350 מיטגלידער. אין אַנדערע קלענערע יוניאָנס זיינען די אידן אַ גרויסער טייל, ווי למשל אין דער יובעליר יוניאָן, וואו זיי זיינען 40 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער מיטגלידערשאַפט (אַרום 500). נאָך גרעסער איז אָבער די צאָל פון קליינע אַר־בייטער יוניאָנס, וואו אידן זיינען דער רוב בנין ומנין פון די אָרגאַניזירטע לוין־אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

ווי באַקאַנט, זיינען אין אמעריקא די קראָם־אָנגעשטעלטע זעהר ווייניג אָדער גאָרניט אָרגאַניזירט אין יוניאָנס. דאָך געפינט מען אין ניו יארק אַ ספּעציעלע יוניאָן פון סעילסלייט אין קליידער און שיך־סטאָרס. דאָרט געהערן 1000 מיט־גלידער, פון וועלכע 2 פּראָצענט זיינען ניט־אידען. די „דעליקאַטעסען און גראָסערי סטאָר קלוירקס יוניאָן“ האָט אַרום 450 מיטגלידער — דורכאויס אידען. די „לאָונדרי דרייווערס יוניאָן“ האָט 400 מיטגלידער (זי עקזיסטירט פון יאָר 1922 אָן), פון זיי זיינען 98 פּראָצענט אידן, א. ז. וו.

דאָס גיט אַ גוטען באַווייז פון דעם קלאַסענבאַוואוסטזיין ביי די אידישע אַר־בייטער און אָנגעשטעלטע. אפילו אין אַ סך קלענערע יוניאָנס, וואו אידן זיינען אין דער מינאָריטעט, ליגט אָבער די פירערשאַפט אין אידישע הענט, צוליב דער פעאיגקייט פון די דאָזיגע פירער.

טאַב. 4. איניגע גרעסערע טרייד יוניאָנס פון ניו יאָרק.

נאָמען פון דער יוניאָן	צאָל מיטגלידער	דערונטער פרויען	פּראָצענט אידן	צאָל אידן
באַרבערס (פּריזירערס) יוניאָן — — — — —	6000	ווייניג	12	720
פּויירניטשור, פלאָוער, גראָסערי ענד בעיקערי דרווערס — — — — — — — — — — —	600	5	30	180
מילך דרייווערס — — — — — — — — — —	650	—	50	325
לאָונדרי דרייווערס יוניאָן — — — — — — — —	400	—	98	390
שו־סעילסמען ענד קלאָדינג סעילסמען — — —	1000	—	98	980
דעליקאַטעסען ענד גראָסערי סטאָר קלווירקס — —	450	—	100	450
דזשועלערס יוניאָן — — — — — — — — — —	500	5	40	200

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישן די אַרבעטער אין אַמעריקע.

פאַר די לעצטע 25 יאָר זיינען צווישן די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע אויפגעקומען און פאַרשוואונדן אַ סך קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אויף דעם עקאָנאָמישן געביט. דאָ אין לאַנד איז, למשל, צוליב אַלגעמיין־עקאָנאָמישע אומשטענדן, ניטאָ קיין גינסטיגער באָדן פאַר דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע (קאָאָפּעראַטיווע סטאָרס) לויט דעם אייראָפּעאישן מוסטער. זי האָט דעריבער אויך ניט געקענט האָבן קיין ערפאָלג אין דער אידישער אַרבעטער־וועלט. פיל מער ערפאָלג האָבן דאַגעגן געהאַט אייניגע אַנדערע וויכטיגע פאָרמען פון דער קאָאָפּעראַציע צווישן די אידישע אַרבעטער דאָ אין לאַנד, ווי למשל קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען, קרעדיט־יוניאָנס (שפּאָר און ליי־קאַסעס), און די פאַרזיכערונגס־אָרדענס, וועלכע באַזירען זיך אויך אויף אַ ריין־קאָאָפּעראַטיוון פונדאַמענט. אין דער לעצטער צייט איז צוגעקומען נאָך אַ צווייג פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג — די קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענט הייזער. אחוץ די פאַרזיכערונגס־אָרדענס, וועלכע קענען דאָ ניט אַרומגערעדט ווערן צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, וועלן די דריי איבעריגע פאָרמען פון קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־אונטערנעמונגען אין קורצן דאָ באַשריבן ווערן.

א) די קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען.

די דאָזיגע באַוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען, נאָך מיט אַ יאָר 15—20 צוריק אין סטייט מאַסאַטשוזעטס. פון די נייע בעקעריי־קאָאָפּעראַטיוון אין יענעם סטייט זיינען איצט זעקס אידישע, די איבעריגע געהערן צו פינישע און איטאַליענישע אַרבעטער. שפּעטער זיינען באַשאַפן געוואָרן ענליכע אונטערנעמונגען אין פאַבריק־שטעט פון ניו דזשוירזי און אין 2—3 פונקטן פון ניו יאָרק סטייט. אין דער לעצטער צייט זיינען געגרינדעט געוואָרן אַזעלכע בעקערייען אין דער מיטעלער וועסט (קליוולענד) און אַפילו אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניאַ.

אַ באַגריף וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער דאָזיגער באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער גיט די פאָלגנדע טאַבעלע:

טאַבעלע 1. אידישע קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען אין אַמעריקע, אין 1925 :

נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו	שטאָט און שטאַט	צאָל מיטגלידער	איינגעצאָלטער קאַפּיטאַל	יערליכע פאַרקויף־סומע
היברו קאָאָפּערעיטיוו בעיקערי	בראָקטאָן, מאַסס.	300	$2,000	$ 36,000
היברו קאאפּערעיטיוו בעיקערי	לאורענס, מאַסס.	200	1,000	28,000
וואָרקינגמענס קאָאָפּ. בעיקערי	לין, מאַסס	300	5,500	50,000
דזשואיש וואָירק. קאָאָפּ. בעיקערי	ספּרינגפילד, מאַסס.	325	6,000	103,000
לעיבאָר ליעג בעיקערי	ניו בעדפאָרד, מאַסס.	200	4,700	25,000
לעיבאָר ליעג בעיקערי	וואוסטער, מאַסס	220	2,770	65,000
קאָאָפּערעיטיוו בעיקעריעס	בראָנזוויל ענד איסט ניו יאָרק	2,000	10,000	227,000
פּיוריטי קאָאָפּ. סאָסייעטי	פּעטערסאָן, נ. דזש.	2,000	8,000	220,000
קאָ־אָפּ ליג	נוואַרק, נ. דזש.	1,500	7,000	140,000
פּיוריטי קאָאָפּערעיטיוו בעיקערי	סיראַקיוז, נ. י.	300	4,000	50,000
וואודרידזש פאַרמ. קאָאָפּ. בעיקערי	פאָלסבורג, נ. י.	80	6,500	40,000
קליוולענד קאָאָפּ. אַסאָסיאיישאָן	קליוולענד, אָהיאָ	1,000	?	60,000
קאָאָפּ. קאָנסומערס ליג	לאָס אַנדזשעלאָס, קאַליפאָרניא	700	3,500	50,000
	צוזאַמען	9,125	?	1,094,000

ווי מ׳קען זען, איז די דאָזיגע קאָאָפּעראַציע, ניט קוקנדיג אויף דעם לערך קליינעם קאַפּיטאַל פון די חברות, גאַנץ שטאַרק טעטיג, ווי ס׳זאָגן עדות די היפּשע סומעס פון אומזאַץ (פאַרקויף). די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי פון בראָנזוויל און איסט ניו יאָרק שיקט פאַנאַנדער איר סחורה אויף צען טראָקס (לאַסט־אויטאָמאָבילן), וועלכע שטעלן צו געבעקס נאָר אין יענעם גרויסן טייל פון כרך ניו יאָרק. די „פּיוריטי בעיקערי פון פּעטערסאָן" שטעלט צו ברויט קיין ברוקלין, בראָנקס או זאין 6—7 שטעטלאך פון ניו דזשוירזי. דער גרויסער ערפאָלג פון דער באַוועגונג קומט דער עיקר פון דעם ערנסט און פון דער איבערגעגבנקייט, וועלכן ס׳ווייזן ארויס די הויפּט־אַקטיווע טוערס, און פון דער סימפּאַטיע מצד די ברייטע מאַסן.

דער פּראָלעטאַרישער אידעאַליזם פון די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיוון איז אַ העכסט־דערפרייענדע און אַלגעמיין־אַנערקענטע ערשיינונג. אין דעם גרויסן טעקסטיל־סטרייק פון יאָר 1921 האָבן די 6 בעקערייען פון מאַסאַטשוזעטס, הגם איינינע פון זיי זיינען געווען אין אַ שלעכטן פינאַנציעלן צושטאַנד, געליפערט 170 טויזנט לעבלאַך ברויט די סטרייקערס פון מאַסאַטשוזעטס, ראָד איילענד, און ניו העמפּשיר, אָן אַ פּעני געלט, העלפנדיג דורך דעם צו געווינען דעם סטרייק. די סטרייקערס זיינען, ווי באַקאַנט, בכלל גאָרניט געווען קיין אידן, נאָר איטאַליענער, סלאַוון, פּאָרטוגעזער א. ז. וו.

די פינישע בעקעריי־קאָאָפּעראַטיוון זיינען בדרך כלל מער ערפאָלגרייך ווי די אידישע. דאָס קומט פון די פאָלגנדע אורזאַכן: 1) די פינען אנטוויקלען גלייכצייטיג מיט די ברויט־קאָאָפּעראַטיוון אויך אַ סך אַנדערע פאָרמען פון דער קאָאָפּעראַציע, ווי מעבל־פאַרקויף, דראַי־גודס (גאַלאַנטערעי), קוילן, רעסטאָראַנען א. אַז. וו.; 2) זיי ציען אריין צו זיך אַלס קויפערס די אַמעריקאַנער־געבאָרענע און פאַרשיידענע פרעמד־שפּראַכיגע אימיגראַנטן־גרופּעס; 3) זיי אינוועסטירן זייערע פּראָפיטן מער אין דעם געשעפט, און פאַרטוען זיי ניט — ווי ס׳טוען געוויינליך די אידן — אויף גאַנץ זייטיגע, הגם זייער וויכטיגע, צוועקן, ווי למשל קלובס, צדקה, וכדומה. דורך אַזאַ עקאָנאָמיע וואַקסט און בליט די פינישע קאָאָפּעראַציע ממש אויטאָמאַטיש, פון זיך אַליין; 4) ביי די פינען שפּילט ניט דער פּראַקציאָנעלער קאַמף אַזאַ גוואַלדיג־צעשטערנדע ראָלע ווי ביי אידן. אין אַלגעמיין לאָזט זיך אָבער באַמערקן, אַז די אידן באַציען זיך, ניט

ערגער פון די פינען, מיט דעם גרעסטן ערנסט און אינטערעס צו די קאָאָפּעראַטיווע פּרינציפּן.

ב. די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע.

קרעדיט־יוניאָנס זיינען איצט זייער ערפאָלגרייך צווישן די אידישע אַרבעטער איבער'ן לאַנד. זיי זיינען איינגעפירט געוואָרן אין לעבן אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב ערשט אין די לעצטע איניגע יאָר, דער עיקר דורך די גרעסערע טרייד יוניאָנס און ביי די ברענטשעס פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. אויך די לאַנדס־מאַנשאַפטליכע סאָסייעטיס אויף דער אידישער גאַס האָבן לעצטנס איינגעפירט ביי זיך אייגענע לייאון שפּאָר־קאַסעס, וואָס אַרבעטן מיט ערפאָלג.

אָט איז אַ ביישפּיל פון דעם גיכן וואוקס פון דער קרעדיט יוניאָן פון דער „אַמאַל־גאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס" אין ניו יאָרק. אין פאַרלויף פון איין יאָר, 1924, איז דער פאַרמעגן פון דער קרעדיט־יוניאָן פון גאָרניט אויסגעוואַקסן ביז 41 טויזנט דאָלאַר. אין סוף 1923 האָט די קרעדיט יוניאָן געהאַט ביי זיך דעפּאַזיטס אויף 6,500 דאָלאַר, וועלכע 20—30 חברים האָבען ווי ס'איז צוזאַמענגעקליבן. אויף דעם יערליכן מיטינג פון יאָר 1925 איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אין משך פון דער קורצער עקזיסטענץ האָט מען שוין אַרויסגעגעבן הלואות אויף 105 טויזנט דאָלאַר, צו 711 חברים, אויף 6 פּראָצענט. דער דורכשניט פון אַ דעפּאַזיט איז 47 דאָל. פון מיטגליד; דער דורכשניט פון די הלואות — 100 דאָלאַר. חוץ די „דיווידענדס" האָט די קרעדיט־יוניאָן נאָך געקענט אָפּשפּאָרן אין דעם יאָר 2,000 דאָל. אין רעזערוו־פאָנד.

די דאָזיגע באַוועגונג האַלט איצט אין וואַקסן איבער'ן לאַנד בכלל, ניט נאָר ביי אידן. באַזונדערס איז זי פאַרשפּרייט אין די סטייטס מאַסאַטשוזעטס און ניו יאָרק. אין באָסטאָן געפינט זיך די „קרעדיט יוניאָן נעשאָנאַל עקסטענשאָן ביוראָ", וועלכע ווערט סובסידירט פון דעם באַקאַנטן פילאַנטראָפּ, ע. פילען. זי העלפט מיט אַלע מיטלען די קרעדיט יוניאָנס פון אַלע עקן לאַנד. ס'איז שטאַרק נויטיג צו באַשאַפן אין ניו יאָרק אַ מין פעדעראַציע פון אַלע אידישע קרעדיט־יוניאָנס, וועלכע זאָל קאָאָר־דינירן זייער פינאַנציעלע טעטיקייט (רעגולירן די אינוועסטמענטס וכד.) און זאָל אָנפירן אַ געהעריגע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אידישע מאַסן.

ג. די קאָאָפּעראַטיווע הויז־אונטערנעמונגען אין ניו יאָרק

דאָס איז די נייעסטע פאָרם פון דער אידישער אַרבעטער קאָאָפּעראַציע אין אַמע־ריקע. אויך זי איז זייער שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די פינען, וועלכע האָבן שוין לאַנג זייערע מוסטער־האַפטע קאָאָפּעראַטיווע הייזער אין ברוקלין, בעת די אידן האָבן ערשט איצט אויף גיך באַוויזן אויפצובויען איניגע גרויסע אַפּאַרטמענט הייזער, מיט הונדערטער דירות, אין פאַרשידענע טיילן פון די בראָנקס.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָט אַ קליינע גרופּע אידישע אַרבעטער אָנגעפאַנגען צו עקספּערימענטירן מיט דער אידעע פון קאָאָפּעראַטיווע דירות. זי האָט אָפּגעדונגען אַן אַלטע אַפּאַרטמענט־הויז אויף מעדיסאָן עוועניו, און פלעגט ביסלאַכווייז פאַר־שפּרייטן איר טעטיגקייט איבער אַנדערע געביטן (רעסטאָראַן, ביבליאָטעק, א. אז. וו.). מיט אַ יאָר פיר צוריק האָט די זעלבע גרופּע, וועלכע איז דעמאָלט באַשטאַנען דער עיקר פון קאָמוניסטן, אָרגאַניזירט אַ קאָאָפּעראַטיוון זומער־קעמפּ ביים האָדסאָן, ניט ווייט פון ביקאָן, נ. י. די אונטערנעמונג איז געווען ערפאָלגרייך און האָט אַ שטופּ גע־טאָן אירע איניציאַטאָרן אויפצונעמען נאָך גרעסערע פּלענער. זיי האָבן תיכף אָפּגע־קויפט אַ גרויסן שטיק לאַנד (איניגע בלאָקס) ביים איסט טייל פון בראָנקס פּאַרק, כדי דאָרט אויפצובויען גרויסע מאָדערנע אַפּאַרטמענט הייזער מיט גוטע און געזונטע דירות צו מעסיגען פּרייזן.

די ערשטע גרופּע פון צוויי גרויסע געביידעס איז פאַרטיג געוואָרן אין סוף 1926. זיי פאַרנעמען דעם שטח פון א שטאַטישן בלאָק, צוזאַמענשטעלנדיג א קוואַדראַט, אין צענטער פון וועלכן עס געפינט זיך א גערטל. ס'זיינען דאָ 16 אַריינגאַנגען פון גאַס אין די פיר זייטן פון קוואַדראַט, 963 צימערן זיינען איינגעטיילט אין 339 דירות צו 3—5 צימערן מיט א באַד אין אַן אַפּאַרטמענט. ס'זיינען אויך דאָ אין איין הויז עטליכע „בעטשעלאָר אַפּאַרטמענטס" צו איין־צוויי צימערן. אויף יעדן „פלאָר" זיינען דאָ צו 12 אַזעלכע מיניאַטור־אַפּאַרטמענטס און צו איין קיך, וואָס דינט אַלע 12 שכנים.

דער ערשטער שטאָק געפינט זיך פולע 10־12 פוס איבער דעם גרונד. דאָס איז באַקוועם פאַר די שכנים פון ערשטן שטאָק, (באַשיצנדיג זיי פון דעם גערויש פון גאַס), און דאָס שאַפט אויך רוים אין „בעיזמענט" פאַר עטליבע גרויסע און שיינע צימערן פאַר דעם אַלגעמיינעם געברויך פון אַלע שכנים, ווי א „פאַרזאַמלונגס־האָל", עס־צימער, לייען־צימער, „דזשימנעזיום" וכד. צוויי גרויסע אויל־ברענערס גיבן באַהייצונג פאַר אַלע דירות און 4 קעסלען שטעלן צו וואַרימע און זודיגע וואַסער טאָג און נאַכט. אַלע דירות האָבן א גוטע ווענטילאַציע, גרויסע פענסטער, און אַנדערע מאָדערנע באַקוועמליכקייטן.

דער דאָזיגער הייזער־בלאָק האָט געקאָסט 1,525,000 דאלאר. די ערשטע היפּאָטעק (מאָרטגעדזש) באַטרעפט 1,150,000 דאָל.; 250.000 דאָל. זיינען איינגעצאָלט געוואָרן פון די שכנים, און דער רעשט איז אויך געקומען דורך אַן הלואה פון צווישן די שכנים, וועלכע האָבן געמוזט אינוועסטירן אין דער אונטערנעמונג צו 250 דאָל. פער צימער. די חבר־געלט באַטרעפט 5 דאלאר; די דירות זיינען צוגענגליך בלויז פאַר די מיטגלידער, וואָס זיינען פּאַרטיי־חברים אָדער סימפּאַטיזירער פון די קאָמוניסטן. די רענט איז 13־15 דאָל. מאָנאַטליך פאַר יעדן צימער.

די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע האָט אין סוף 1926 געהאַט 1.800 מיטגלידער. ס'איז דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן א פינאַנץ־קאָרפּאָריישאָן („קאָנסיומערס פינאַנס קאָרפּאָריישאָן") צו העלפן אין דער פינאַנסירונג פון די הייזער און פון זומער־קעמפּ. די דאָזיגע קאָרפּאָריישאָן האָט אַרויסגעלאָזן שערס אויף 50,000 דאלאר, פון וועלכע דער גאַנצער „קאָמאָן־סטאָק" איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון דעם הויז־קאָאָפּעראַטיוו גופא — די „יונייטעד וואָרקערס קאָאָפּעראַטיוו אסאָסיאיישאָן".

די פינאַנציעלע רעפּאָרטס פון דער דאָזיגער אסאָסיאיישאָן נעמען אַריין מיליאָניגע סומעס. די געשיכטע פון דער אייראָפּייאישער קאָאָפּעראַציע ווייזט, אַז צום ערפאָלג ביי אַזעלכע גרויסע אונטערנעמונגען פאָדערט זיך א לאַנגע פּראַקטישע צוגרייטונג דורך ערפאַרונג פון די טוערס און דורך א לאַנגזאַמען און אָרגאַנישן (נאַטירליכן) וואוקס. ס'בלייבט, אַלזאָ, אָפּצוואַרטן און זען, צי די נייע ריזיגע עקאָנאָמישקאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס אין ניו־יאָרק, וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן ווי א „יש מאין" אין איין יאָר אָדער צוויי, וועלן טאַקי לאָזן פעסטע און טיפע וואָרצלען צו קענען וואַקסן און בליען.

כמעט גלייכצייטיג מיט דעם ערשטן הייזער־עקספּערימענט איז פאַרטיג געוואָרן דאָס קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענט־הויז פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אין נאָרד־בראָנקס (וויליאַמסברידזש ראָוד), מיט 125 דירות (צוזאַמען 500 צימערן) אין א זעקס־שטאָקיגער געביידע. דאָרט געפינט מען צוויי עלעוועיטאָרס (ווינדעס) — א באַקוועמליכקייט, וועלכע קיינע פון די אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענט הייזער האָט ניט. ס'איז אויך דאָ אַן אודיטאָריע און א בינע מיט פּלעצער אין א זאַל פאַר 400 פערזאָנען, 2 קלאַס־צימערן, א ביבליאָטעק, קינדער־גאָרטן, דזשימנעזיאום, ווי אויך א שפּייז־קאָאָפּעראַטיוו אויף א קליינעם פאָרמאַט. די שכנים האָבן געמוזט איינצאָלן צו 200 דאָל פון צימער, די רענט איז פון 14—16 דאָל. פער צימער, לויט דער לאַגע פון דער דירה. די קאָסטען פון דער הויז זיינען 742.000 דאָל. (1.485 דאָל. פער צימער); די פינאַנסירונג — 520 טויזנט ערשטע היפּאָטעק, 100 טויזנט — פון די שכנים, דער רעשט — א באַנק הלואה אויף 8½ יאָר צו מעסיגע ציגזן. די צימערן

זיינען ליכטיגע און גראַמע (12 צו 18 פוס אין 11 צו 15 פוס אין יעדער דירה), די קיך איז 8 צו 16 פוס, די הויך — אומעטום 9 פוס.

די שכנים זיינען צופרידן, און דער זעלבער קאָאָפּעראַטיוו האַלט אין פאַרענדיגן אַ צווייטע געביידע פון כמעט דער זעלבער גרויס אין שכנות מיט דער ערשטער. דאָרט וועט די גרונד־אינוועסטירונג פון די שכנים זיין 400 דאלאר פון צימער (אויסצוצאָלן אין 4 יאָר); און דעריבער וועט די רענט (דירה־געלט) זיין אַ קלענערע — נאָר 11 דאָל. פון צימער. די שטאָדטישע שטייערן וועלן דעמאָלט אַראָפּגענומען ווערן פון דער הויז און די שכנים וועלן שטאַרק עקאָנאָמירן דורך זייערע קאָאָפּעראַטיווע דירות, וואו עס וועט זיין אינוועסטירט צו 1000 ביז 2000 דאלאר פער דירה. די סביבה איז דורכאויס אַ חבר׳שע און אַן אידיש־נאַציאָנאַלע.

אויף דעם זעלבן קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ זיינען אין פאַרלויף פון די לעצטע איי־ניגע יאָר געשאַפן געוואָרן נאָך איינינגע גרויסע אַפּאַרטמענט־הייזער, וואו עס לעבן הונדערטער אידישע אַרבעטער און מיטל־קלאַס פאַמיליעס. ניט שטענדיג און אומע־טום איז די פינאַנסירונג געווען דורכאויס פּאָרזיכטיג און געזונט. צוליב דעם, ווי אויך צוליב מאַנגל אין בוי־ערפאַרונג, זיינען די עקאָנאָמיעס פאַר די שכנים־חברים ניט אַזוי גרויס ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטן. חוץ דעם זיינען די שכנים מיט די דירות שטאַרק צופרידן. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער וויכטיגסטער פאַרבינדונגס־צע־מענט צווישן די שכנים איז ניט די עקאָנאָמיע אין רענט, נאָר פיל מער די שטרע־בונג צו אַ לעבעדיגער קולטורעלער סביבה פון שכנים מיט גלייכע שטרעבונגען און נויגונגען אין דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער וועלט־אַנשויאונג.

אַ באַזונדער קלאַס פאַר זיך שטעלן פאָר די קאָאָפּעראַטיווע הייזער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן" ניט לאַנג אויסגעבויטע אין וואַן־קאָרט־לאַנד סעקשאָן פון דער בראָנקס. די 303 דירות זיינען העכסט באַקוועמע און ביליגע (צו 11 דאָל. פון צימער), די אינוועסטמענט איז צו 500 דאָל. פער צימער; די פינאַנ־סירונג איז אַ גוטע — דורך דער „מעטראָפּאָליטאַן לאַיף אינשורענס קאָמפּאַני", דער „אַמאַלגאַמייטעד באַנק" א. אז. וו. די שכנים באַשטייען פון די אַרבעטער אין פאַר־שידענע טריידס און פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, די גרויסע מערהייט זיינען דאָרט אָבער אידן.

אָט איז אַ רשימה פון דעם איצטיגן שטאַנד פון די גרעסטע קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענט הייזער אין דער אידישער אַרבעטער גאַס פון ניו יאָרק:

טאַבעלע 2. קאָאָפּעראַטיווע הייזער אין ניו יאָרק, פאַרטיגע און אין בוי־פּראָצעס:

נומ.	נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו	אַדרעס (געגנד)	צאָל דירות	צאָל צימערן
1.	יונייטעד וואָרקערס קאָאָפּ. אַסס׳ן	איסט בראָנקס פּאַרק	400	1200
2.	אידישע קאָאָפּ. היים געזעלשאַפט	וועסט בראָנקס (וואַן קאָרטלאַנד־פּאַרק)	235	850
3.	דזשואיש נעשאָנאַל וואָרקערס וואָרקערס אַליענס קאָאָפּ. סאָסייטי	נאָרד בראָנקס, ווילי‍אַמסברידזש ראוד	250	950
4.	„אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָר־קערס האוזינג קאָרפּאָריישאָן —	וועסט בראנקס, וואַן קאָרטלאַנד פּאַרק	303	1185

מ׳קען אָננעמען, אַז קרוב 1,200 אידישע פאַמיליעס, ד. ה. אַרום 6,000 נפשות, לעבן היינט צו טאָג אין די קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענט הייזער אין ניו יאָרק, און די צאָל פון אַזעלכע שכנים ווייזט אַ שטאַרקע טענדענץ צו שטייגן.

דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם אין יאָר 1927

פון היינריך שטרעבעל.
(סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט אינ׳ם דייטשן מלוכה־פּאַרלאַמענט)

דייטשלאַנד.

די לעצטע וואַלן צום ר י י כ ס ט א ג (דייטשער מלוכה־פּאַרלאַמענט) זיינען פאָרגעקומען נאָך אין דעצעמבער 1924. פון די בס״ה 30,290,000 גילטיגע שטימען האָט דעמאָלט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּארטיי באַקומען 7,881,000; די רעשטלאַך פון דער אַמאָליגער אומאָפּהענגיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאַרגע 100.000; די קאָמוניסטן האָבן באַקומען 2,709,000 שטימען. די טענדענץ פון דער וויטערדיגער אַנטוויקלונג האָט זיך שוין דעמאָלט אויסגעדריקט אין דעם פאַקט, וואָס אין פאַרגלייך מיט די מאַי־וואַלן פון דעמזעלבן יאָר — דער רייכסטאַג איז אויפגעלייזט געוואָרן אין הערבסט — האָבן די קאָמוניסטן פאַרלוירן 1 מיליאָן שטימען, בעת די ס. פּ. האָט געוואונען 1 מיליאָן מיט 800,000 שטימען.

מ׳קען רעכענען, אַז די נייע רייכסטאַג־וואַלן, וואָס וועלן אפשר פאָרקומען שוין אין יאָר 1928, וועלן ברענגען דער ס. פּ. ד. נאָך אַ פיל גרעסערן ערפאָלג. ווייל אַלע וואַלן, וואָס זיינען אין משך פון די לעצטע חדשים פאָרגעקומען, סיי אין פאַרשידענע דייטשע שטאַטן און סיי אין איינצלנע שטעט — האַמבורג, מעקלענבורג, אָלדענבורג, דאַנציג, ברוינשוויג און אַזוי ווייטער — האָבן זיך געענדיגט מיט אַ גאַנץ שטאַרקן שטימען־צוואוקס פון 25 פּראָצענט און מער. ס׳איז גאַנץ מעגליך, אַז די ס. פּ. ד. וועט ביי די קומענדע וואַלן דערגרייכן די צאָל פון 10 מיליאָן שטימען און אין הסכם דערמיט אויך אַ פאַרגרעסערונג פון דער צאָל מאַנדאַטן, וועלכע באַטרעפט היינט 131 פון 493. די קאָמוניסטן האָבן אין רייכסטאַג 63 פאַרטרעטער, פון וועלכע 15 זיינען אָבער אַלס אָפּאָזיציאָנעלע אַרויס פון דער פראַקציע. און הגם מ׳קען אָננעמען, אַז די לינקע שטימונג, וואָס הערשט איצט אין דייטשלאַנד, וועט צונוצקומען אויך דעם דייטשען קאָמוניזם, וועט אָבער פאָרט דער אומפאַרגלייכבאַר גרויסער צוואוקס פון שטימען אויספאַלן אויפ׳ן חלק פון דער דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ס׳איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז דער ווידער־אַרויפשטייג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין יאָר 1924. ווארום זינט נאָוועמבער 1923 באַטייליגט זיך די פּאַרטיי ניט מער אין דער קאָאַליציע־רעגירונג. די רעגירונגען אָבער, וועלכע האָבן געהערשט אין משך פון די לעצטע פיר יאָר — באַלד קאָאַליציעס פון די בירגערליכע מיטל־פּאַרטייען, באַלד ווידער (ווי ס׳איז אויך איצט זייט מאַי 1926) אַ ברייטערע בירגערליכע קאָאַליציע, וואָס שליסט איין אויך די רעכטע פּאַרטייען, (אַזוי גערופענער „באַזיץ־בירגער־בלאָק״) — האָבן געפירט אַזאַ אָפענע און ברוטאַלע קלאַסן־פּאָליטיק קעגן דער אַרבעטערשאַפט און די צו איר נאָענטע שיכטן, אַז די ניט־פאַרמעגליכע טיילן פון פאָלק זיינען דורכדעם ממש ווי מיט שטעקנס אַריינגעטריבן געוואָרן אין שורות פון די לינקע פּאַרטייען. היות ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע טראָגט אָבער ניט מער — אַזוי ווי ס׳איז געווען ביז סוף 1922 און דאַן, ווידעראַמאָל, אין הערבסט 1923, ווען זי איז געווען אַ טייל פון דער קאָאַליציע־רעגירונג — קיין שום אחריות פאַר דער מלוכה־פּאָליטיק, אַזוי איז זי אויך פיל אומאָפּהענגיגער סיי אין איר קריטיק און סיי אין אירע אַקציעס און פון דאַנען קומט עס אויך, אַז זי געווינט דעם גרעסטן טייל פון די, וואָס זיינען אומצופרידן מיט דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

דער ריין פּלוטאָקראַטישער כאַראַקטער פון דער רעגירונג פונ׳ם „באַזיצבירגער

בלאָק" שפּינלט זיך שוין זייער קלאָר אָפּ אין דער שטייער־פּאָליטיק. זייט דער סטאַביליזאַציע פון דער וואַלוטע, אין הערבסט 1923, ווערן אין דייטשלאַנד צוויי דריטל פון אַלע שטייערן אַרויסגעפּרעסט פון די באַזיצלאָזע קלאַסן, אין דער פאָרם פון אָפּצאָלונגען פאַר אימפּאָרטירטע סחורות, פאַרברויך־שטייערן, לוין־שטייערן א. אַז. וו., בעת אויף באַזיצנדיגע שיכטן פאַלט אויס (אין דער פאָרם פון הכנסה־, פאַרמעגן־ירושה־שטייער א. אַז. וו.) בלויז איין דריטל פון די שטייערן. אין ענגלאַנד האָבן מיר גראָד דעם היפּוך דערפון !

אַ גרויסע אומצופרידענהייט האָט צווישן די 12 מיליאָן דייטשע שכנים (קאָמעניקעס) אַרויסגערופן די וואוינונגס־ און דירה־געלט פראַגע. אין דייטשלאַנד זיינען היינט פאַראַן, לויט אַן אָפיציעלער אַנקעטע פון דער לעצטער צייט, 960.000 פאַרהייראַטע פּאָרלאַך, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע דירות. בעת די פיר מלחמה־יאָרן האָט דאָס בויען פון וואוין־הייזער כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט. דערנאָך איז געקומען דער צוזאַמענברוך, די אינפלאַציע, וואָס האָט לחלוטין אוממעגליך געמאַכט דעם פּריוואַטן וואוינונגס־בוי. וואוינונגען פאַר'ן אַרבעטער־קלאַס און מיטל־שטאַנד האָבן דערפאַר זייט יאָרן געקאָנט בלויז געבויט ווערן מיט דער הילף פון שטאַרקע אינוועסטירונגען פון עפנטלאַכע מיטלען. דאָס וועט אויך אין די נאָענטע יאָרן אַזוי בלייבן, ווייל די פּרייזן פון די בוי־מאַטעריאַלן שטייען איצט אויף 175 אַנטקעגן 100 אין יאָר 1913 און בוי־קרעדיטן (אויב מען באַקומט זיי שוין) קאָסטן ניט ווייניגער ווי 8 ביז 10 פּראָצענט צינזן. און אַזוי קומט אויס, אַז אין הייזער, וואָס ווערן געבויט בלויז מיט פּריוואַטע געלדער, מוז דאָס דירה־געלט קאָסטן לכל הפּחות 250 ביז 300 פּראָצענט פון'ם פאַר־מלחמה'דיגן פּרייז. אַזוי ווי אַזעלכע הויכע דירה־געלדער וואָלט אָבער זעלטן ווער געקאָנט באַצאָלן, אַזוי גיבן די מלוכה און די געמיינדעס בוי־סובווענציעס, וועלכע שטאַמען פון די דירה־געלט־שטייערן, וואָס ווערן געצאָלט פון אַלע שכנים.

אָבער ניט קוקענדיג דערויף, וואָס יאָר־יערליך ווערן פון דירה־געלט־שטייערן איינגעקאַסירט 1500 מיליאָן מאַרק, גייט צו דאָס בויען פון נייע דירות זייער פּאַמעליך. דאָס נעמט זיך צום טייל דערפון, וואָס פון די הכנסות פון די דירה־געלט־שטייערן גייט העכסטנס די העלפט פאַר בוי־צוועקן; די אַנדערע העלפט אָבער מוז פאַרנוצט ווערן אויף אַנדערע מלוכה'שע און קאָמונאַלע צוועקן צוליב דעם, וואָס די רייכע דרייען זיך אַרויס פון צאָלן שטייערן. און אַזוי האָבן מיר אויף איין זייט דירות־נויט און אויף דער אַנדערער זייט דירות־וואוכער. צוזאַמען מיט די וואוין־שטייערן, באַטרעפט דאָס דירה־געלט היינט 125 פּראָצענט לגבי פאַר דער מלחמה. בסך הכל צאָלן די דייטשע שכנים דעם קיילעכדיגן סכום פון 6 מיליאַרדן מאַרק. אין דער זעלבער צייט האָבן די הויז־באַזיצער דורך אַ געזעצליכער אַנולירונג פון 75 פּראָצענט פון די אַמאָליגע היפּאָטעקן־שולדן, באַקומען אַ יערלאַכע מתנה פון גוטע 3 מיליאַרדן. און כדי פול צו מאַכן דאָס מעסטל, פּלאַנעוועט נאָך די רעגירונג דורכצופירן אַ ווייטערדיגע העכערונג פון'ם דירה־געלט דערווייל אויף 160 פּראָצענט פון'ם פאַר־מלחמה־פּרייז. ס'איז דעריבער קיין חידוש, אַז די מאַסן דירה־דינגער געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון ווילדער אויפרעגונג. און די פאַרטיידיגונג פון זייערע אינטערעסן ליגט, נאַטירליך, בעיקר אין די הענד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

צאָל־וואוכער און דירות־וואוכער האָבן מער פון אַלץ גורם געווען צו אַ כסדר'דיגן וואַקסן פון די פּרייזן. אין משך פון קאַרגע 3 יאָר זיינען בלויז די אימפּאָרט־אָפּצאָלן און די דירה־געלטער אַליין געהעכערט געוואָרן אויף 4 און אַ האַלב מיליאַרד. איז טאַקע ניט קיין חידוש, וואָס דער אינדעקס פון די לעבנסקאָסטן איז געוואַקסן מיט 25 פּראָצענט. און אונטער דעם דאָזיגן וואוקס פון די פּרייזן האָבן שטאַרק געליטן ניט בלויז די אַרבעטער, נאָר אויך די אָנגעשטעלטע און די באַאמטע.

און כל זמן די איצטיגע אָדער אַן ענליכע רעגירונג וועט שטיין ביי דער מאַכט, וועלן די מאַסן־שטייערן, די דירה־געלדער און די פּרייזן אויף סחורות ווייטער גע-

טריבן ווערן אין דער הויך! דאָס ווייסן אויך די מאַסן און דעריבער דער צוג אויף לינקס, דערפאַר די גוטע קאָניונקטור פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע*).

מער נאָך ווי אין יאָר 1924 וועט דער איצטיגער וואַלקאַמף שטיין אונטערן צייכן פון סאָציאַלן קאַמף. גראַד איצט, ווען די לאַסטן פונ׳ם דאָועס־אָפּמאַך וועלן אינ׳ם יאָר 1928-29 דערגרייכן פולע צוויי און האַלב מיליאַרד מאַרק, שטרענגט די דייטשע פּלוטאָקראַטיע אָן אַלע אירע כחות, אַרויפצוּוואַרפן די גאַנצע לאַסט אויפ׳ן אַרבעטער־קלאַס און אויף דעם מיטלשטאַנד און אין דערזעלבער צייט נאָך מער צו פאַרקלענערן אירע אייגענע שטייער־צאָלונגען. דערביי פאַלט איר ניט איין צו פאַרקלענערן חלילה די הוצאות פאַר׳ן מיליטאַריזם. אדרבה: מיליטאַריזם און ביוראָקראַטיע, און בעיקר אַ גרונד־רעאַקציאָנערע און רעפּובליק־פיינדליכע יוסטיץ, דאָס זיינען די מיטלען, מיט וועלכע מען וויל — ניט קוקנדיג אויף אַלע צרות — האַלטן אין צוים דעם אַרבעטער־קלאַס. און טאָמער איז דאָס ווייניג, וויל מען דורך דעם נייעם רעאַקציאָנערן פּראָיעקט פון אַ שול־געזעץ, איבערגעבן די שולן אין די הענט פון דער קירך און אַרויפלייגן אויף די פאָלקס־מאַסן די קייטן פון גייסטיגער פאַרשקלאַפונג. אָבער די מאַסן רירן זיך שוין און די קומענדע רייכס־וואַלן וועלן אָן אַ ספק צונישטמאַכן די חשבונות פונ׳ם באַזיצבירגער בלאָק.

עסטרייך.

די עסטרייכישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז די שטאַרקסטע און אַמבעסטן אָרגאַניזירטע פאַרטיי פונ׳ם אייראָפּייאישן סאָציאַליזם. ביי די וואַלן צום נאַציאָנאַל־ראַט (מלוכה־פּאַרלאַמענט) פונ׳ם 21טן אַפּריל, 1927, האָט זי פון בסך־הכל 3,608,000 באַקומען ניט ווייניגער ווי 1,530,000 שטימען, דאָס איז 43 פּראָצענט. אין אָקטאָבער 1923 האָט זי פון 3,312,000 שטימען ערשט געהאַט די צאָל פון 1,321,000 (39.6 פּראָצענט), פון די 296 טויזנט שטימען, וואָס זיינען צוגעוואַקסן אין די דריי מיט אַ האַלב יאָר, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געוואונען 222 טויזנט, אָדער 85 פּראָצענט.

די שטאַרקסטע מאַיאָריטעט האָט אָבער די עסטרייכישע סעציאַל־דעמאָקראַטיע אין ווין גופא. אָט זיינען די וואַל־ציפערן:

	אָפּגעגעבענע שטימען	דערפון סאָצ. דעמ. שטימען
אַפּריל 1927	1,146,000	687,000
אָקטאָבער 1923	1,029,000	571,000

*) אין דער דייטשער אייזן און שטאָל אינדוסטריע איז אין דעצעמבער 1927 אויסגעבראָכן אַ שאַרפער קאָנפליקט. זעקס חדשים פאַר׳ן סוף יאָר האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז פאַר געוויסע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער דאָזיגער אינדוסטריע זאָל פון 1טן יאַנואַר 1928 דורכגעפירט ווערן די 8־שעה׳דיגע אַרבעטסצייט. דער רייכסווירטשאַפטסראַט (דאָס איז אַן אָפיציעלע באַראַטענדע קערפערשאַפט, וואָס באַשטייט פון פּראָמינענטע פאַרטרעטער פון די אונטערנעמער און אַרבעטער), איינשליסנדיג די פאַרטרעטער פון די שווער־אינדוסטריעלע, האָט אַנערקענט די באַרעכטיגונג פון אָט דער פאַראָרדנונג. אָבער פיר וואָכן פאַר דעם טאָג, אין וועלכן די פאַראָרדנונג האָט געזאָלט אַרײַנטרעטן אין קראַפט, זיינען פּלוצלינג די אייזן־ און שטאָל־אינדוסטריעלע אַרויס מיט אַן ערקלערונג, אַז די דורכפירונג פון דער 8־שעה־שיכט ביי די דאָזיגע 50,000 אַרבעטער (אין אמת׳ן בלויז 35,000), וועט זיי פשוט רואינירן און אַז דערפאַר זאָגן זיי זיך אָפּ דורכצופירן די דאָזיגע באַשטימונג. און צו דערזעלבער צייט האָבן די אינדוסטריעלע אויך אָנגעהויבן צו מאַכן אַלע נויטיגע צוגרייטונגען, כדי אין פאַל פון אַ קאָנפליקט דורכצופירן אַ לאָקאַוט אויף אַלע זייערע אַרבעטער, 300,000 אין צאָל. ווי דער דאָזיגער סכסוך זאָל זיך ניט ענדיגן — ביי דער אונטערטעניגער געהאָרכזאַמקייט פון דער רעגירונג לגבי די אונטערנעמער איז צו דערוואַרטן אַ שוואַכליכען קאָמפּראָמיס — זיכער איז, אַז אויך דער דאָזיגער פאַל, וואָס שטרייכט אַזוי בולט אונטער די פאַר׳עקשנ׳טע חוצפה פון די דייטשע אונטערנעמער, וועט איבערלאָזן נייע פאַרביטערונג אין די הערצער פון די מאַסן און אַזוי אַרום אויפטאָן אַ גרויס שטיק סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פאַר די נאָענטע וואַלן.

אין ווין שטייען הינטער דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע 60 פּראָצענט פון אַלע וויי־
לער, (1923, בלויז 55.5 פּראָצענט). היות ווי ווין איז אָבער ניט בלויז אַ שטאָט־
געמיינדע, נאָר גלייכצייטיג אויך אַ זעלבסטשטענדיג לאַנד אינ'ם עסטרייכישן שטאַטן־
בונד, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרשטאַנען אויסצונוצן די דאָזיגע מערהייט אויף
אַ מוסטערהאַפטן אופן פאַר אַ שטאָט־ און געמיינדע־פּאָליטיק, וואָס ווערט געטראָגן
פון סאָציאַליסטישן גייסט.

ווין איז די איינציגע אייראָפּייאישע גרויסע שטאָט, וואו ס'ווערט געפירט אַ שטיי־
ער־ און דירות־פּאָליטיק, וועלכע איז אין הכסם מיט די אינטערעסן פון די ברייטע
מאַסן. בעת פריער איז דער שטייער וואָס האָט געבראַכט די גרעסטע הכנסות געווע;
אַ שטייער אויף דירה־געלט, וועלכע האָט מיט דער גרויזאַמסטער האַרטקייט געדריקט
אויפ'ן קליינעם שכן, מוז היינט דער באַזיצער־קלאַס טראָגן די הויפּט־לאַסן פון די
שטייערן. ס'איז אָבער ניט נאָר בטל געוואָרן דער דירות־געלט שטייער; אויך דאָס
דירה־געלט גופא באַטרעפט היינט בלויז אַ קליינעם טייל פון די פאַר־מלחמה־פּרייזן. די
סאָציאַל דעמאָקראַטישע שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט זיך גאַנץ ריכטיג געשטעלט אויפן
שטאַנדפּונקט, אַז דאָס וויכטיגסטע פון אַלץ איז, דורך נידעריגע דירה־געלטער צו
האַלטן אויף אַ נידעריגער הויך דעם אַלגעמיינעם פּרייז־ניוואָ, כדי אַזוי אַרום מעגליך צו
מאַכן דער אינדוסטריע, וועלכע געפינט זיך שוין אַזוי אויך אין אַ גענוג צרה'דיגער
לאַגע, די קאָנקורענץ מיט די שכנות'דיגע לענדער. און אַ דאַנק דער דאָזיגער קלוגער
פּאָליטיק איז טאַקע דער ווינער פּראָלעטאַריאַט געווען ביכלות איבערצוקומען די שווע־
רע צייטן און ניט צוזאַמענברעכן.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שטאָט־פאַרוואַלטונג פון ווין האָט אָבער ניט בלויז
דורכגעפירט מוסטערהאַפטע שכנים־שוץ־געזעצן, נאָר זי האָט אויך מיט דער הילף
פון עפנטלאַכע מיטלען אויסגעבויט צענדליגער טויזנטער נייע היגיענישע וואוינונ־
גען. אינ'ם רויטען ווין זיינען צוגעקומען גאַנצע גרויסע שטאָט־טיילען מיט פּראַכט־
פולע פּאַרקס און שפּיל־פּלעצער, מיט שווימבעדער, לייען־זאַלן און אַנדערע. אַזוי
איז ווין געוואָרן ניט בלויז אַ מעקאַ פאַר'ן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, נאָר אויך
אַ שטודיר־אָביעקט פאַר'ן בירגערליכן סאָציאַל־ און קאָמונאַל־פּאָליטיקער. אויב ווין
האָט געקאָנט באַקומען אַן אַמעריקאַנער הלואה אויף 30 מיליאָן דאָלאַר, באַווייזט דאָס
אַמבעסטן, וואָס פאַר אַ גוטן שם איר סאָציאַליסטישע פאַרוואַלטונג האָט זיך דער־
וואָרבן אין דער וועלט.

אָן אַ שאָדן איז די עסטרייכישע סאָציאַל דעמאָקראַטיע אַרויס פון אַ זייער שווע־
רער פּאָליטישער דערשיטערונג אין יולי 1927. נאָ:טוענדיג דעם ביישפּיל פון דיי־
טשלאַנד און אַנדערע לענדער, האָט אויך אין עסטרייך דאָס בירגערטום אָנגעהויבן
אָרגאַניזירן זיך אין פאַשיסטישע מיליטערישע פאַרבאַנדן, בעיקר אין די שטאַרק־אַגראַ־
רישע טיילן פונ'ם לאַנד. מחנות פון די דאָזיגע פאַשיסטן־באַנדעס האָבן זיך אָפּט־
מאָל צוזאַמענגעשטויסן מיט סאָציאַל דעמאָקראַטישע אַרבעטער און דערביי זיינען ניט
איינמאָל סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַרוואונדעט און אפילו גע'הרג'עט געוואָרן. די
שטראָפן וואָס די געריכטן פלעגן אַרויפלייגן אויף די פאַשיסטישע מערדער, זיינען
אָבער תמיד אויסגעפאַלן אַזוי נידעריג, אַז מ'האָט עס ממש געמוזט פילן ווי אַ פּראָ־
וואָקאַציע.

ווען אין חודש יולי איז ווידעראַמאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן אַזאַ מין אויפרייצנ־
דיגער קלאַסן־אורטייל, זיינען די אַרבעטער פון עטליכע גרעסערע ווינער פאַבריקן —
ניט אָפּוואַרטנדיג דעם רוף פון דער פּאַרטיי — אַרויס אין אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַ־
ציע איבער די ווינער הויפּט־גאַסן. אַזוי ווי פון איין זייט האָבן זיך צווישן די דע־
מאָנסטראַנטן אריינגעמישט עלעמענטן וואָס זוכן נאָר דעם סקאַנדאַל און פון דער
אַנדער זייט האָט זיך די פּאָליציי — וואָס שטייט ניט אין רושת פון דער סאָציאַל־
דעמאָקראַטישער שטאָט־פאַרוואַלטונג — אויפגעפירט מיט אויסערגעוויינליכער כאַ־
ראַקטערלאָזיגקייט, האָט דאָס געפירט צום אונטערצינדן פון עפנטליכע געביידעס, צום

ביי פון באַריקאַדן און צו בלוטיגע גאַסן־קאַמפן, אין וועלכע איבער נײַנציג דעמאָנסט־ראַנטן זיינען דער׳הרג׳עט און הונדערטער זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָר אַ דאַנק דער אַנשטרענגונג פון אַלע כחות, מצד דער פּאַרטיי און די געווערקשאַפטן, האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרהיטן, אַז די דאָזיגע מאַסן־שחיטה זאָל ניט ווערן דער סיגנאַל צו אַ בירגער־קריג, — אַ בירגער־קריג, וועלכער איז, דורך די פאַנאַטישע קאַמף־הכנות פון די פאַשיסטישע „היים־ווערען” און נאָך מער צוליב דער סכנה פון אַן אינטערווענץ פונ׳ם אויסלענדישן פאַשיזם, עלול געווען צו ברענגען אַ קאַטאַסטראָ־פע פאַר דער עסטרייכישער אַרבעטערשאַפט.

אָבער די אָנפירונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַרויס־געוויזן גענוג פאַרשטענדניש און ענערגיע, די פּאַרטיי גופא האָט פאַרמאָגט גענוג זעלבסט־באַהערשונג און דיסציפּלין, כדי צו פאַרמיידן דאָס ערגסטע. אַ פּ אַ ר ט י י־ט אָ ג, וועלכער איז דערנאָך אָפּגעהאַלטן געוואָרן, האָט באַשטעטיגט די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג און האָט אויך מחייב געווען די פּאַרטיי־מיטגלידער, אַז להבא זאָלן אַקציעס אונטערגענומען ווערן בלויז בהסכם מיט דער גאַנצער פּאַרטיי.

זעענדיג די דאָזיגע געשלאָסענע אייניגקייט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם פאַקט, אַז די עסטרייכישע אַרבעטער־מאַסן האָבן דורך זייער פאַרשטאַרקטן אָנשלוס צו די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעוויזן זייער אַבסאָלוט פעסטן צוטרוי צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט טאַקע דאָס בירגערטום גע־האַלטן פאַר גלייכער, דעם דאָזיגן קאָנפליקט ניט ווייטער צו פאַרשאַרפן. דער קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט ווערט בכן אויך ווייטער אָנגע־פירט מיט די מיטלען פון דעמאָקראַטיע. און די אויסגעצייכנטע גייסטיגע כלי־זין פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צוזאַמען מיט דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן כח פון דעם סאָציאַלן עקספּערימענטן־אונטערריכט פון דער ווינער סאָציאַליסטישער גע־מיינדע־פּאָליטיק זיינען די בעסטע גאַראַנטיע פאַר ווייטערדיגע ערפאָלגן.

פראַנקרייך.

פאַר די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווי אויך פאַר די סאָציאַלע פאַר־העלטנישן פון דעם דאָזיגן לאַנד, איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז בלויז איין פּאַרטיי מעג זיך דאָ באַרימען מיט געשלאָסנקייט פון איר אָרגאַניזאַציע און מיט דעם, וואָס ווערט אין דייטשלאַנד באַצייכנט מיט׳ן וואָרט „פּאַרטיי־דיסציפּלין”. דאָס איז די ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פּ אַ ר ט י י! זי איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין יאָר 1905. דער דאָזיגער שפּעטער גרינדונגס־דאַטום מאַכט אפילו אויפ׳ן ערשטן בליק אַ מאָדנעם איינדרוק. מען האַלט דאָך פראַנקרייך פאַר׳ן קלאַסישן לאַנד פון רעוואָלוציעס און פון גייסטיגן פּראָגרעס. אויך האָבן דאָרט ניט געפעלט קיין סאָציאַ־ליסטיש־אָריענטירטע אוטאָפּיסטן און וועג־ברעכער. באמת אָבער איז אין דעם דאָזיגן פּרוכטבאַרן לאַנד, וואָס איז ניט געבענטשט מיט קיין צו גרויסער שפע פון קוילן און אייזן, די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פאַרגעקומען אין אַ סך אַ לאַנגזאַמערן טעמפּאָ, ווי, למשל, אין דייטשלאַנד. דער הערשנדער שיכט איז דעריבער, פאַר דער וועלט־מלחמה, געווען דער פּויער אין דער קליינער רענטיע, וועלכער האָט געצויגן זיין חיונה פון צינזן.

ערשט די נאָך־מלחמה־צייט האָט — אַ דאַנק דער פאַרברייטערונג פון די פּאָ־ליטישע גרעניצן, דורכ׳ן באַקומען פון נייע נאַטור־אוצרות, דורך דער ירידה פון דעם פינאַנציעלן וואוילשטאַנד — אָנגעוויזן דער אינדוסטריע אַ חשוב׳ן פּלאַץ אינ׳ם געזעלשאַפטליכן לעבן און אינ׳ם אויפבוי פונ׳ם לאַנד. אַזוי אַרום איז פאַרברייטערט געוואָרן דער יסוד פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — כאָטש ס׳האָט נאָך לאַנג ניט גרינדליך איבערגעביטן דער כאַראַקטער פונ׳ם לאַנד און פון דער באַפעלקערונג, ווי ער איז אויבן קורץ געשילדערט געוואָרן. אַגראַריש־בירגערליך־קאָנסערוואַטיוו —

די דאָזיגע באַצייכנונג איז אויך היינט צו טאָג נאָך ריכטיג פאַר׳ן גרויסן רוב פונ׳ם פראַנצויזישן פאָלק.

אָבער, שוין דער קריג פאַר זיך אַליין, האָט פאַר דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי געבראַכט אַ גוואַלטיגע אויפבליאונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס שוין ביים סאַמע אָנהויב איז דער שטאַרקסטער פירער, זשאַן זשאָרעס, דערמאָרדעט געוואָרן. אין 1920 האָט די פאַרטיי געציילט איבער 180,000 מיטגלידער, וואָס הייסט ווייט איבער צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אין 1913. אָבער, ענליך ווי אין דייטשלאַנד, איז דער דאָזיגער אויפבלי צעשטערט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער שפּאַלטונג אויפ׳ן קאָנגרעס אין טור (1920). ניט קיין גאַנצע 50.000 מיטגלידער זיינען געבליבן געטריי דער פאַרטיי, דער רוב איז אַריבער אין קאָמוניסטישן לאַגער, כדי פון דאָרט אין אַ גאָר קורצע צייט אַריבערצוגיין אין דער גרויסער מחנה פון פּאָליטיש אינדיפערענטע; ניט רעכענענדיג די געציילטע, וואָס האָבן זיך, נאָכ׳ן אויסשלוס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אָרגאַניזירט אין אומבאַדייטענדע צווישנגרופּירונגען.

די לאַגע פון דער פראַנצויזישער פאַרטיי איז געוואָרן נאָך שווערער, ווען די קאָמוניסטן האָבן זיך ניט צוריקגעהאַלטן אַוועקצורויבן, מיט דער הילף פון די בירגערליכע געריכטן, „די הומאַניטע״, דעם פאַרטיי־אָרגאַן, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך זשאָרעס׳ן. און די סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז אַזוי אַרום געבליבן אָן אַן אייגענער טאָג־צייטונג. ערשט אין 1926 האָט זי געקאָנט אָנהויבן אַרויסגעבן דעם טעגליכן „פּאָפּולער״ אין פּאַריז.

די פאַרטיי גופא האָט זיך אָבער שוין פריער, אין אַ באַדייטנדער מאָס, ווידער פאַרשטאַרקט.

אין די לעצטע יאָרן האָט זי געציילט איבער 100,000 מיטגלידער און געפינט זיך איצט, אין אָרגאַניזאַטאָרישן זין, אין לאַנגזאַמען אָבער כסדר׳דיגן אַרויסשטייג. איר פּאָליטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע מאַכט־פּאָזיציע דריקט זיך אויס אין די 105 מאַנדאַטן אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער, וועלכע ציילט בסך־הכל 610 מיטגלידער. די צאָל פון די קאָמוניסטישע מאַנדאַטן איז בלויז 27. אינ׳ם סענאַט, וועלכער ווערט געוויילט אויפ׳ן יסוד פון אַן אַנדערן און נאָך פיל שלעכטערן וואַל־סיסטעם, און וועלכער האָט אַגב אַ געוויסן, הגם באַגרעניצטן, וועטאָ־רעכט בנוגע באַשלוסן פון דער קאַמער, האָבן די סאָציאַליסטן בלויז 6 מיטגלידער. די אָפּשאַפונג פון דער דאָזיגער ערשטער קאַמער איז טאַקע אַ טייל פונ׳ם קאַמף־פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. די בערך גרויסע צאָל פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן פאַרדאַנקט, אמת, די סאָציאַליסטישע פאַרטיי ניט בלויז איר אייגענעם כח. צוליב דעם פּראָפּאָרציאָנעלן וואַלרעכט, פאַרבונדן מיט מאַיאָריטעטס־פּרעמיעס, איז זי אין יאָר 1924 געווען געצוואונגען אָפּצושליסן אַ וואַל־קאַרטעל מיט די בירגערליכע ראַדיקאַלע פאַרטייען, אַ דאַנק וועלכן זי האָט דעם 11טן מאַי, 1924, געוואונען 61 מאַנדאַטן. אָבער די צאָל שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף די ריין־סאָציאַליסטישע וואַל־צעטלען, באַטרעפט אויך אַרום 700,000.

אויף דער פראַגע וועגן אַ באַטייליגונג אין דער רעגירונג צוזאַמען מיט בירגערליכע פאַרטייען האָט די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי, סיי נאָכ׳ן קאַרטעל־נצחון, סיי שפּעטער, געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער. זי האָט געשטיצט דאָס מיניסטעריום פון העריאָ און אויך די שפּעטערע רעגירונג פון פּענלעווע, אַזוי לאַנג, ווי זי האָט דאָס געהאַלטן פאַר פאַראייניבאַר מיט די גרונדפּרינציפּן און יסודות פון דער פאַרטיי. ד. ה., אַזוי לאַנג ווי די דאָזיגע רעגירונגען האָבן איינגעהאַלטן אַ סאָציאַל־פּראָגרעסיוון און פּאַציפיסטישן קורס. צו דעם איצט הערשנדיגן קאַבינעט פון פּואַנקאַרע שטייט זי אין אָפּאָזיציע. זי האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פונ׳ם קאַרטעל און פון דער קאַרטעל־פּאָליטיק.

דאָס לעצטע יאָר איז די פאַרטיי געשטאַנען אין אַן אַנטשיידענעם קאַמף קודם כל קעגן פּואַנקאַרעס פינאַנץ־פּאָליטיק. זי האָט גלייכצייטיג אָפּגעוואָרפן די פאַר־

שלאגן פון דער רעגירונג און אויך די „רעפארמען“, וואס זיינען אויסגעארבעט געווארן פון א ספעציעלער קאמיסיע. זי האט זיך אבער ניט באנוגנט מיט בלויזער קריטיק, נאר זי האט אליין פארגעשלאגן א דעטאלירטן שטייער־פראגראם, וועלכער האט, א חוץ א קאפיטאל־שטייער, און שוינענדיג די וויינציגער פארמעגלאכע און די קליינע פארדינערס, אנגעוויזן אויף די וועגן און מיטלען ווי אזוי ס׳זאל אויסגעמיטן ווערן יענער שווערער סטאביליזירונגס־קריזיס, אונטער וועלכן פראנקרייך ליידט שוין איצט אזוי שווער. ביי איר גאנצער געגנערשאפט צו דער רעגירונג האט אבער די פארלאמענטארישע פארטרעטונג פון דער פארטיי קיינמאל ניט אויסגענוצט איר אפאזיציאנעלע שטעלונג אויף א דעמאגאגישן אופן. זי האט גאר נישט אפגעלייקנט פון פאאנקארעס דערפאלגן. זי האט אבער אנגעוויזן, אז איי אמת׳ן זיינען דאס בלויז שיינבארע און מאמענט־דערפאלגן. און דערפאר איז טאקע געוועזן שטארקער סיי די ווירקונג פון איר קריטיק, איר ווידערשטאנד געגן די פינאנץ־דיקטאטארישע פולמאכטן, וואס די רעגירונג פאאנקארע האט געפאדערט אין צום גרויסן טייל אויך באקומען, סיי דער קאמף געגן דער פראקטישער דיקטאטור פון דער „באנק דע פראנס“, און צום סוף איר קאמפאניע געגן דער פארטייערונג פון ברויט און מילך און געגן דער אפשוואכונג און אפשאפונג פון דער וואוינונגס־צוואנג־ווירטשאפט, ווי אויך איר ענערגישע ארבעט לטובת די אינוואלידן פון ארבעט. ווען מען גיט נאך צו די באמיהונגען צו פארבעסערן דאס וואלגעזעץ און — ענליך ווי אין בעלגיען — די פארשלאגן צו פארקלענערן די מיליטערישע דינסט־צייט, איז מען בארעכטיגט צו גלויבן, אז די טאקטיק פון דער פארטיי האט אין די ברייטסטע קרייזן געמוזט געפינען א ווארימען אפקלאנג.

די הערשנדע ריכטונג, וועלכע רעכנט זיך מיט די טאקטישע באדערפנישן, און איז אבער גלייכצייטיג קעגן קאאליציע־פאליטיק, גרופירט זיך ארום דעם פירער פון דער פארטיי, לעאן בלום. רעכטס פון איר געפינט זיך די גרופע פון די קאאליציעס־פריינד אונטער דער פירונג פון פיער רענודעל, בעת אויף דער לינקער זייט שטייט א קלענערע גרופע אונטער בראקע און זשיראמסקי, וואס פאדערט פון דער פארטיי א שארפערע האלטונג. די איינינקייט פון דער פארטיי איז אבער צוליב די דאזיגע ריכטונגען ניט אין סכנה. די אפשטימונגען, וועלכע וועלן אין קומענדן יאר פארקומען לויט׳ן נייעם וואלרעכט, וועלן זיין א מאסשטאב פאר׳ן דערפאלג פון דער ביזאיצטיגער פאליטיק.

בעלגיע.

דאס דאזיגע קליינע לאנד, וואס גרעניצט זיך מיט פראנקרייך און שטייט צו אים קולטורעל און אויך פאליטיש זייער נאענט, — עס פארמאגט בלויז 30,440 קוואדראט־קילאמעטער און 7.75 מיליאן איינוואוינער — איז געוועזן די ערשטע פון אלע אייראפעאישע קאנטינענטאלע מלוכות, וואס איז ענערגיש און אנטשלאסן געגאנגען אויפ׳ן וועג פון אינדוסטריאליזירונג. די גרינדונג פון א סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע רופט זיך Parti ouvrier Belge (בעלגישע ארבעטער־פארטיי) איז טאקע צוליב דעם פארגעקומען שוין אין יאר 1885, מיט 20 יאר פריער איידער אין פראנקרייך. מיט אירע ארום 600.000 מיטגלידער איז זי די שטארקסטע פארטיי אין לאנד.

אין אפריל 1925 האט זי, ביי א פראפארציאנעלן וואל־רעכט בלויז פאר מענער, באקומען 820.650 שטימען, ד. ה., 39.44 פראצענט פון אלע שטימען. פון 187 פארטרעטער אין דער קאמער האט די פארטיי 79, פון די 153 אין סענאט — 59. די נישטיגע ראלע פון די קאמוניסטן דריקט זיך אמבולטסטן אויס אין דער צאל פון זייערע קאמער־מאנדאטן; זיי פארנעמען 2 פלעצער.

די ארגאניזאציע פון דער בעלגישער ארבעטער־פארטיי איז, ווי איר נאמען, ענלאך צו דער ענגלישער לייבאר פארטי. אלע צווייגן פון דער ארבעטער־באוועגונג

זיינען אין איר ענג צוזאַמענגעשלאָסן: פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציס, גנאָסנשאַפטן, קראַנקענקאַסעס א. אַז. וו. די עקזיסטענץ פון 8 טאָג־צייטונגען און 26 וואָכן־בלעטער דעמאָנסטרירט איר קראַפט און באַדייטונג.

אין אַזאַ לאַגע האָט די בעלגישע אַרבעטער־פּאַרטיי זיך נאָך וויניגער געקאָנט אַרויסדרייען פון דעם דראַנג זיך צו באַטייליגן אין דער פאַרוואַלטונג פון׳ם לאַנד. אַזוי איז נאָך דער מלחמה מיט איר הילף געקומען צו דער מאַכט אַ קלעריקאַל־ליבעראַל־סאָציאַליסטישע רעגירונג, אָבער אונטער׳ן דרוק פון די בירגערליכע געגנער איז זי אין 1921 אַרויסגעטראָטן פון דער קאָאַליציע. דער ערפאָלג פון דער דאָזיגער אָפּאָזיציע־פּאָליטיק קומט צום אויסדרוק אין די פריער דערמאָנטע וואַל־רעזולטאַטן פון 1925, וועלכע האָבן אָבער, לויט דער מיינונג פון די מאָסגעבנדע פּאָליטיקער און פון׳ם רוב פון דער פּאַרטיי, ווידער אַמאָל אין זיך געטראָגן די נויטווענדיגקייט פון אַ נייער קאָאַליציע. אָבער דעם ליבעראַל־סאָציאַליסטישן קאַבינעט פולעט־וואַנדערוועלדע זיינען אָבער, — אמת, מצד דער גרויס־פינאַנץ און אין היפּוך צו די אינטערעסן פון׳ם לאַנד, — געלייגט געוואָרן אַזעלכע שטיינער אין וועג ביי דער דורכפירונג פון זיין עיקר׳דיגער אויפגאַבע, דער סטאַביליזירונג פון׳ם פראַנק, אַז די רעגירונג האָט געמוזט אָפּטרעטן איר פּלאַץ פאַר אַ נייער קאָאַליציע, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף דער ברייטסטער באַזע פון דריי־פערטל וויילער־שטימען; דאָס איז די קאָאַליציע צווישן קאַטאָליקן, ליבעראַלן און סאָציאַליסטן.

אין דער דאָזיגער רעגירונג האָבן די קאַטאָליקן און די סאָציאַליסטן געהאַט צו 4 מיניסטער־פּאָרטפעלן און די ליבעראַלן צוויי. דאָס מיניסטעריום פון אויסערן (וואַנדערוועלדע), פון אינדוסטריע און אַרבעט, אייזנבאַן, קונסט און וויסנשאַפט האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די סאָציאַליסטישע מיטגלידער.

אַלס דעם צוועק פון איר אַרבעט אין דער רעגירונג האָט די פּאַרטיי בפירוש אָנגערופן ד י ס ט אַ ב י ל י ז י ר ו נ ג פ ו נ ׳ ם פ ר אַ נ ק; זי האָט קענטיג געפילט, אַז אויף׳ן סאָציאַלן געביט וועלן זיך די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, ובפרט דער אויסבוי פון דער סאָציאַל־פאַרזיכערונג און דער שוץ פון׳ם פויערשן פּעכטער קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע, אָנשטויסן אויף גרויסע שוועריגקייטן.

די דאָזיגע שוועריגקייטן זיינען טאַקע באַלד געקומען און די טעטיגקייט פון דער רעגירונג האָט אָנגעהויבן אַרויסצורופן אין אַלץ מער וואַקסנדיגע אומצופרידנקייט אין די שורות פון די פּאַרטיי־מיטגלידער. פונדעסטוועגן האָט די פּאַרטיי־מערהייט געהאַלטן פאַר ריכטיגער, צו פאַרבלייבן אין דער קאָאַליציע ביז דער פולער רעגולירונג פון די פינאַנספראַגן; די דאָזיגע אויפגאַבע קאָן איצט, נאָכדעם ווי דער פראַנק איז סטאַביליזירט געוואָרן מיט 175 געגן 1 פונט סטערלינג, באַטראַכט ווערן פאַר פאַרענדיגט.

אָבער דערמיט האָבן אויך די בירגערליכע פּאַרטייען פאַרלאָרן דעם חשק צו דער קאָאַליציע. די רעגירונג האָט זיך גענומען וואַקלען און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון קריזיסן. אין נאָוועמבער 1927 איז די רעגירונג פאַנאַנדערגעפאַלן צוליב דער קאַטעגאָרישער פאָדערונג פון די סאָציאַליסטן צו פאַרקלענערן די מיליטער־דינסט צייט אויף אַ האַלב יאָר. אָבער גראָד צוליב דעם, וואָס דער צוזאַמענברוך פון דער קאָאַליציע איז פאָרגעקומען איבער אַ פראַגע, וואָס רירט אָן די אינטערעסן פון׳ם גאַנצן פאָלק און איז אויך אַלעמען פאַרשטענדליך, האָט די בעלגישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אַ חוץ דעם אויף איר נאָענטסטן פּראָגראַם נאָך אַ גאַנצע שורה אַנדערע זייער וויכטיגע סאָציאַלע פאָדערונגען, די בעסטע אויסזיכטן, אַז דער קומענדער וואַל־קאַמף וועט ניט בלויז איינהיטן איר ביז־איצטיגע פּאָזיציע אַלס די ערשטע פּאַרטיי אין לאַנד, נאָר, אַז זי וועט זי אויך נאָך פאַרשטאַרקן סיי געגן רעכטס און סיי געגן די קאָמוניסטן.

ענגלאַנד.

די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטי, אָן וועלכער די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס זיי־
נען קאָלעקטיוו אָנגעשלאָסן, האָט אין גרינדונגס־יאָר 1900 געציילט 375.931 מיט־
גלידער. אין יאָר 1920 האָט די פּאַרטיי דערגרייכט די צאָל פון 4.539.807 מיטגלי־
דער; זייט דעמאָלט אָבער איז פאָרגעקומען אַ פּאַמעלאַכדיגער צוריקגאַנג פון איבער
אַ מיליאָן מיטגלידער. אָבער ניט פון די אויסגערעכנטע צאָלן אַליין ווערט באַשטימט
די פּאָזיציע פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטי. איר איצטיגע השפּעה און איר באַדיי־
טונג פאַר דער צוקונפט איז ענג פאַרקניפּט מיט׳ן ענגלישן צ ו ו י י ־ פּ ר ט י י ע ן ־
ס י ס ט ע ם, וועלכעס איז אפילו פאַרמאָל דורכגעבראָכן דורך דער ווייטערדיגער
עקזיסטענץ פון אַ ליבעראַלער פּאַרטיי, אין דער פּראַקטיק אָבער באַשטייט עס אויך
איצט. די לייבאָר פּאַרטי האָט איבערגענומען די ירושה פון דער אָפּשטאַרבנדיגער
ליבעראַלער פּאַרטיי. אירע דעפּוטאַטן פאַרנעמען שוין די בענק פון דער אָפיציעלער
אָפּאָזיציע און זי וועט זיין די נאָכפאָלגערן פון דער איצט הערשנדיגער קאָנסערוואַ־
טיווער פּאַרטיי.

דעם ערשטן פּרואוו איבערצונעמען די רעגירונגס־מאַכט אין אירע הענט, האָט
די לייבאָר־פּאַרטי, ווי באַקאַנט, שוין הינטער זיך. די וואַלן פונ׳ם 6טן דעצעמבער
1923 האָבן איר געבראַכט 4.355.000 שטימען און 121 מאַנדאַטן. דאָס איז געווען
אַ דריטל פון אַלע מאַנדאַטן אין האוז אָוו קאמאָנס; מאַקדאָנאַלדס רעגירונג, וועלכע
האָט איבערגענומען דעם אַמט דעם 22טן יאַנואַר, 1924, איז בכן געווען אַ מינאָרי־
טעטס־רעגירונג. איר אַקציאָנס־פרייהייט איז דעריבער געווען אַ באַגרעניצטע. אָבער
ניט קוקענדיג דערויף האָט די דאָזיגע רעגירונג אויפ׳ן געביט פון דער אויסען־פּאָלי־
טיק געקאַנט אָנווייזן אויף אַזעלכע דערפאָלגן ווי: די אַנערקענונג פון סאָוועט־רוסלאַנד,
דאָס צושטאַנדקומען פון דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ, דאָס אָננעמען דעם עקספּערטן־
פּלאַן בנוגע דייטשלאַנד׳ס צאָלונגען און אויך דעם פּראָיעקט פונ׳ם גענפער פּראָ־
טאָקאָל, וועלכער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ זייער ברייטן פּרואוו פאַר דער פּאַ־
ציפירונג פון אייראָפּאַ; אויך די אַנדערע דערמאָנטע שריט זיינען אָנגענומען גע־
וואָרן אינ׳ם אינטערעס פונ׳ם פּאַציפיזם. אויפ׳ן געביט פון דער אינערער פּאָליטיק
געפינען מיר אַזעלכע אַקטיווע פּאָסטנס ווי אַ גרויסצוגיגן דירות־בוי־פּראָגראַם,
פאַרבעסערונג פון דער ארבעטסלאָזען פאַרזאָרגונג א. אַ.

כאָטש אַ טייל פון די דערמאָנטע רעגירונגס־אַקציעס זיינען שפּעטער בטל גע־
וואָרן — מיר דערמאָנען דעם אָפּברוך פון די באַציאונגען מיט רוסלאַנד — אַזוי ווייזט
אָבער די אויפגעלעבטע דיסקוסיע איבער די פּרינציפּן פון דעם גענפער פּראָטאָקאָל אויף
דער היי־יאָריגער סעסיע פון דער פעלקער־ליגע, אַז די טעטיגקייט פון דער אַרבעטער־
רעגירונג איז ניט געבליבן אָן אַ ווירקונג.

דער צוריקטריט פון דער רעגירונג איז פאָרגעקומען, פּונקט נאָך צען חדשים פון
איר באַשטאַנד, ווי ס׳איז היינט שוין זיכער פעסטגעשטעלט, אויפ׳ן יסוד פון אַ
געפעלשטן בריוו פונ׳ם אַזוי־גערופענעם זינאָוויעוו־בריוו. ניט אַזוי צוליב דעם פאַר־
לוסט פון פּרעסטיזש, נאָר פיל מער צוליב דעם אַנטי־דעמאָקראַטישן וואַל־סיסטעם מיט
מערהייטס־פּרעמיעס, האָט די אַרבעטער־פּאַרטיי אין די וואַלן פונ׳ם 9טן אָקטאָבער,
1924, פון די 615 מאַנדאַטן שוין באַקומען בלויז 151; וואָרים פּאַקטיש האָט זי אין
די דאָזיגע וואַלן געוואונען אַ גאַנצן מיליאָן שטימען.

פאַר דער פּאָליטישער צוקונפט פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אַרבעט, הגם ניט
פרייוויליג, זייער שטאַרק די קאָנסערוואַטיווע רעגירונג באָלדווין גופא. זי האָט זיך
אַרויסגעוויזן פאַר אומפּייאיג אָפּצושאַפן, אָדער כאָטש צו פאַרלייכטערן ווייט־פאַר־
צווייגטע עקאָנאָמישע שוועריגקייטן פונ׳ם לאַנד. זי איז לחלוטין דורכגעפאַלן ביי דער
דרינגענד נויטיגער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַזוי וויכטיגער פאַר ענגלאַנד קוילן־אינ־
דוסטריע; און דורך אירע דיקטאַטאָרישע מעשים ביי אַרבעטס־קאָנפליקטן האָט זי

באַוויזן, אַז זי האַלט פון דער דעמאָקראַטיע אַלס אַ הערשאַפטס־יסוד נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי דינט די אינטערעסן פון איר אייגענער פאַרטיי אין איר אייגענעם קלאַס. די לייבאָר פאַרטיי, ניט זייענדיג כמעט לחלוטין געשטערט דורך קאָמוניסטישע מאַכינאַציעס און פראַזן, קאָן אַזוי אַרום אָנפירן איר פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט ניט בלויז אַלס די פאַרטיי פונ׳ם סאָציאַלן פּראָגרעס, נאָר אויך אַלס די באַשיצערן פון דער דעמאָקראַטישער טראַדיציע.

די ענגלישע אַרבעטער־פאַרטיי איז פּראַקטיש די אויספירערן פונ׳ם פּאָליטישן ווילן פון דער אַרבעטערשאַפט, זי האָט זיך אין די נאָך־מלחמה יאָרן לחלוטין צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען און צו דער פאַרשאַרפונג פונ׳ם קלאַסנקאַמף אין ענגלאַנד; די גייסטיגע אָנפירונג פון דער פאַרטיי געפינט זיך אָבער בעיקר אין די הענט פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר פאַרטי, וועלכע איז אָרגאַניזאַטאָריש אַ טייל פון דער גאַנצער לייבאָר פאַרטי. די אי. על. פּי. איז אָבער נאָך געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1893, און האָט איצט 70.000 מיטגלידער. פון די 151 דעפּוטאַטן פון דער אַרבעטער־פאַרטיי זיינען 206 חברים פון דער אומאָפּהענגיגער אַרבעטער פאַרטיי. פון זיי האָט, בעת די וואַלן, די דאָזיגע פאַרטיי אַליין נאָמינירט און פינאַנסירט בלויז 27. זי זעט איר אויפגאַבע אין דער פאַרשפּרייטונג פון די עיקר־אַנשויאונגען פונ׳ם סאָציאַליזם, דאָס הייסט, אין אונזער פאַל, די תורה פון קאַרל מאַרקס און פונ׳ם קאָנטינענטאַלן סאָציאַליזם; אין פּראַקטישע פראַגן שטרעבט זי משפּיע צו זיין אויף דער פּאָליטיק פון דער לייבאָר־פאַרטי און דורך צוגרייטונג פון פאַרשידענע פּראָיעקטן און פּראָגראַמען, איר צו געבן דעם יסוד פאַר איר אַרבעט.

געווינען די מאַכט אין דער געזעלשאַפט — דאָס איז אַ קלאָרער ציל פון דער אינד. לייבאָר פאַרטי. איבערנעמען די רעגירונג אויפ׳ן וועג פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזירונג. זייענדיג אַ שאַרפע קעגנערין פון געוואַלט און טעראָר, לייקנט זי אָבער ניט די מעגליכקייט אַז די אַרבעטערשאַפט קאָן דאָך געצוואונגען ווערן צו דער דירעקטער אַקציע. אַלס דער טרייבנדיגער עלעמענט אין דער לייבאָר־פאַרטי האָט די אינד. לייבאָר פאַרטי דעם הויפּט־חלק אין דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער פראַגע און זי האָט אויך אַמייסטן מיטגעהאָלפן אין דער דורכפירונג פון די אונטערזוכונגען וועגן דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז י ר ו נ ג פ ו ן ד י ק ו י ל ן־ג ר ו ב ן; זי האָט זייער פרי זיך געוואָרפן אינ׳ם קאַמף פאַר שלום, זי אַרבעט כסדר איבער פאַרבעסערונגס־פאָרשלאַגן אויפ׳ן געביט פון שטייער־וועזן; זי פּראָפּאָגאַנדירט די אידייען פון אַ קאַפּיטאַלס־אָפּצאָלונג („קעפּיטעל ליוויי") און פון אַ מינימום־לוין — אַלץ אָבער אין פאַרבינדונג מיט׳ן ציל צו סאָציאַליזירן די ווירטשאַפט און האָבנדיג אין געדאַנק די באַהערשונג פונ׳ם פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

די אינדעפּענדענט לייבאָר פאַרטי פאַרשפּרייט כסדר דעם קרייז פון איר השפּעה. זי פאַרמאָגט איצט 1075 לאָקאַלע גרופּן (בראַנטשעס) געגן 637 אין יאָר 1923.

איבער דער אַנטוויקלונג פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין מזרח־אייראָפּע איז ניטאָ קיין סך צו זאָגן. צום גרעסטן טייל זיינען די דאָזיגע לענדער, פילע פון זיי יורשים־שטאַטן פון דער אַמאָליגער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש ניט גענוג אַנטוויקלט, כדי די סאָציאַליסטישע פאַרטייען צו געבן אַ גינסטיגן באָדן פאַר זייער עקזיסטענץ און ענטוויקלונג. דערצו נאָך, וואָס דער הערשנדיגער פּריצים־קלאַס (ערד־באַזיצער) רעגירט דאָרט מיט דער אייזערנער פויסט פון טעראָר און דיקטאַטור און אונטערדריקט אַזוי אַרום יעדע צאַפּל פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. אַזוי איז אויך די לאַגע אין אונגאַרן, אין רומעניע, אין יוגאָסלאַוויע און אויך אין עטליכע אַנדערע קלענערע און גרעסערע לענדער.

אַלס ביישפּיל האָט דאָ געווירקט דער איטאַליענישער פאַשיזם, וועלכער האָט לחלוטין אונטערדריקט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אינ׳ם אייגענעם לאַנד. די

רעשטלאַך פֿון די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געפֿינען זיך, אין קליינע גרופּען פֿאַראייניגט אין אויסלאַנד.

אַ גרעסערע באַדייטונג באַזיצט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג נאָר אין דער טשעכאָסלאָוואַקיע און, אָן אַ ספק, אויך אין פּוילען. איןביידע לענדער ווערט די סאָציאַליסטישע אַנטוויקלונג אויך שטאַרק באַווירקט דורכן פּראָבלעם פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אַזוי עקזיסטירט אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי נעבן דער טשעכאָסלאָוואַקישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע איז נאָך געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1872, אַ דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. די ערשטע ציילט 116.000 מיטגלידער, האָט 54 פֿון די 299 מאַנדאַטן אין פּאַרלאַמענט, 35 פֿון די 148 פּלעצער אין סענאַט און האָט אין די לעצטע וואַלן געצויגן איבער אַ מיליאָן און אַ האַלב שטימען. די דייטשע ס. ד. האָט 72.000 מיטגלידער און פֿאַרנעמט 30 פּלעצער אין פּאַרלאַמענט און 17 אין סענאַט.

בעת די טשעכאָסלאָוואַקישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט די גאַנצע צייט, אַ חוץ אַ קליינער הפסקה, זיך באַטייליגט אין די רעגירונגען, שטייט אָבער די דייטשע פּאַרטיי פֿון אָנהויב אָן ביז איצט אין אָפּאָזיציע צו די דאָזיגע רעגירונגען. ווען די באַמיאונגען, די דאָזיגע צוויי גרעסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו פֿאַראייניגן זאָלן זיך איינגעבן, דאַן וואָלט אין דעם דאָזיגן זייער פּראָגרעסיווע לאַנד די השפּעה פֿון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע שטאַרק געוואָקסן.

כדי בעסער צו כאַראַקטעריזירן דעם מצב, זאָל נאָך דערמאָנט ווערן, אַז לעבן די צוויי דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס געפֿינען זיך נאָך אין לאַנד: אַ מאַגיאַרישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, אַ פּוילישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי און אויך אַ סאָציאַל דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד.

נאָך גרעסער איז די צעשפּליטערונג אין פּוילן, וואו ס'געפֿינען זיך צווישן אַנדערע אויך דריי אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַ חוץ דייטשע, אומאָפּהענגיגע און אַזוי ווייטער. אַ גרעסערע פּאָליטישע טעטיגקייט אַנטוויקלט אָבער בלויז די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1892. זי ציילט אַרום 60,000 מיטגלידער און פֿאַרנעמט אין פּאַרלאַמענט (סעים) 41 פֿון 444 פּלעצער און אין סענאַט 7 פֿון 111. אין איצטיגן מאָמענט ווערט איר טעטיקייט, צוליב דעם דיקטאַטור־סיסטעם אין לאַנד, זייער שטאַרק געשטערט.

* * *

נעמט מען אין באַטראַכט, אַז אונזער איבערבליק האָט צוליב זיין קורצקייט ניט געקענט אַלעם אויסשעפּען; אַז אויך אין דער שווייץ, אין האָלאַנד, דענעמאַרק און אין די סקאַנדינאַווישע לענדער עקזיסטירט און אַנטוויקלט זיך אויפֿן בעסטן אופֿן אַ שטאַרקע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאַן באַקומט זיך אין אַלגעמיין אַ זייער דערפֿרייענדיג בילד איבערן וואוקס פֿונ'ם אייראָפּייאישן סאָציאַליזם אין יאָר 1927.

אין יאָר 1928 וועלן אין אַ שורה פֿון די וויכטיגסטע לענדער — צוו. זיי דייטשלאַנד און פֿראַנקרייך — פֿאָרקומען נייע וואַלן און אַזוי אַרום וועט בולט ווערן דער אויפֿבלי פֿונ'ם סאָציאַליזם אין זיין גאַנצן פֿאַרנעם. ס'איז צו דערוואַרטן, אַז דאַן וועט אוודאי נאָכאַמאָל אַקטועל ווערן די פֿראַגע פֿון דער קאָאַליציע־פּאָליטיק. לאָמיר־זשע האָפֿן, אַז, ניט קוקנדיג דערויף ווי די פּאַרטיי־מערהייטן וועלן די דאָזיגע פֿראַגע פֿאַרענטפֿערן, וועט אָבער ניט פֿאַרגעסן ווערן די פֿונדאַמענטאַלע דערפֿאַרונג, אַז דער לעבנס־עלעמענט פֿונ'ם סאָציאַליזם איז און בלייבט דער קלאַסנקאַמף און אַז דער כח פֿון סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן גייט נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי זיי ווערן בעגלייט פֿונ'ם צוטרוי און פֿון דער קאַמפּווילליגקייט פֿון די פֿאָלקס מאַסן!

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל אין יאָר 1927

(אַ קורצער איבערבליק)

פון ב. לאָקער.

1927 איז געווען אַ יאָר פון אָרגאַניזאַטאָרישער פאַרשטאַרקונג און אינטענסיווער פּאָליטישער אַקטיוויטעט פונ׳ם סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל.

פונ׳ם אָרגאַניזאַטאָרישן, אָבער ניט ווייניגער פונ׳ם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, איז פון זייער אַ גרויסן ווערט דער ווידעראַנשלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון שווייצאַריע אָנ׳ם אינטערנאַציאָנאַל. ערשטנס איז דערמיט דער אינטערנאַציאָנאַל פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַ לאַנדפּאַרטיי פון בערך 50 טויזנט מיטגלידער, וואָס שפּילט אין איר לאַנד אַ וויכטיגע פּאָליטישע ראָלע. אָבער די פּאָזיציע, וואָס די שווייצאַרישע פּאַרטיי פאַרנעמט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, קאָן ניט געמאָסטן ווערן בלויז מיט איר צאָל, אָדער מיט דער באַדייטונג פון דער שווייץ אין דער וועלט־פּאָליטיק. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען, אַז זי איז געווען אין דער מלחמה־צייט איינע פון די וויכטיגסטע זיילן פון דער אַ. ג. צימערוואַלד־ריכטונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געפּרואווט אָרגאַניזירן די אַרבעטער־מאַסן צום קאַמף געגן דעם פעלקער־מאָרד און, אַז זי האָט שפּעטער, אין יאָר 1921, געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער גרינדונג פון דער „אַרבעטס־געמיינשאַפט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען“ („ווינער אינטערנאַציאָנאַל“). איר באַשלוס, ניט מיטצוגיין מיט׳ן גאַנצן ווינער אינטערנאַציאָנאַל אין דער פאַראייניגונג מיט׳ן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, פון וועלכער עס איז אויפ׳ן האַמבורגער פאַראייניגונגס־קאָנגרעס (1923) אַרויסגעוואַקסן דער היינטיגער אינטערנאַציאָנאַל, איז אַמשטאַרקסטן באַדויערט געוואָרן דוקא פון יענע פּאַרטייען, וואָס פאַרנעמען אין די עיקר־פראַגן פון סאָציאַליסטישער טאַקטיק אַן ענליכע פּאָזיציע ווי די שווייצאַרישע פּאַרטיי. דאָס האָט פון איין זייט פאַרקלענערט דעם כח פון דער דאָזיגער ריכטונג אינ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, פון דער צווייטער זייט האָט עס די שווייצאַרישע חברים גופא אַריינגעבראַכט אין אַ מצב פון אומפּראָדוקטיווער איזאָלאַציע אויפ׳ן אינטערנאַציאָנאַלן געביט. די אומנאָרמאַליטעט פון דער לאַגע האָט נאָך אָנגענומען אַ קוריאָזן כאַראַקטער דעריבער, ווייל צוליב אַ סך טעמים געפינט זיך דער סעקרעטאַריאַט פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל אין דער שווייץ. ניט האָבנדיג אין לאַנד גופא קיין אָנגעשלאָסענע פּאַרטיי, האָט דער סעקרעטאַריאַט עפּעס ווי געשוועבט אין דער לופטן. אויך כלפּי דער פעלקער־ליגע איז די פּאָזיציע פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל דורכדעם געוויס ניט געשטאַרקט געוואָרן.

נאָכ׳ן אָנשלוס פון דער שווייצאַרישער פּאַרטיי איז געבליבן בלויז נאָך איין איינציגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון באַדייטונג מחוץ פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, דאָס איז די נאָרוועגישע. ס׳איז אָבער וויכטיג צו געדענקען, אַז דער דאָזיגער מצב איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הסכמה פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל גופא. נאָר אַזוי איז מעגליך געווען די פאַראייניגונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פריער אָנגעשלאָסן דעם סאָצ. אינט.) מיט דער „אַרבעטער־פּאַרטיי“, וועלכע איז פריער געווען פאַרבונדן מיט׳ן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צו איין גרויסער פּאַרטיי, וועלכע האָט טאַקע ביי די ערשטע וואַלן נאָך דער פאַראייניגונג, געהאַט אַ גרויסן נצחון. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געשטעלט אויפ׳ן שטאַנדפּונקט, אַז די איינהייט פונ׳ם סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קלאַס אין נאָרוועגיע גופא איז אַזאַ גרויסער געווינס, אַז ער וועגט איבער די צייטווייליגע ניט־פאַרבונדנקייט פון דעם לאַנד מיט׳ן אינטערנאַציאָנאַל. פּאַקטיש באַשטייען שוין איצט צווישן דעם אינטערנאַציאָנאַל און דער פאַראייניגטער נאָרוועגישער פּאַרטיי זייער פריינדליכע חבר׳שע באַציאונגען און דער אָפיציעלער אנשלוס פון דער פּאַרטיי איז מסתמא אַ פראַגע פון אַ גאָר נאָענטער צייט.

אַ וויכטיגע אָרגאַניזאַטאָרישע געשעעניש איז די גרינדונג פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־סעקרעטאַריאַט ביים ביוראָ פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע איז באַשלאָסן געוואָרן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־קאָנפערענץ אין ברוסל. דער סעקרעטאַריאַט באַשעפטיגט זיך ספּעציעל מיט דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פרויען און גרייט צו פאַר׳ן ביוראָ און דער עקזעקוטיווע פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, מאַטעריאַלן און פּראָיעקטן בנוגע פרויען־ענינים.

אין דעם יאָר זיינען ענגער און פעסטער געוואָרן די פאַרבינדונגען מיט׳ן פּראָפעסיאָנעלן (אַמסטערדאַמער טרייד־יוניאָן) אינטערנאַציאָנאַל. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל שטייט אויפ׳ן באָדן פון דער זעלבסטשטענדיגקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג סיי אין

די אײנצלנע לענדער, סײ אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, כּלפּי דער פּאָליטישער באַוועגונג. די אײנהײטליכקײט פֿון דער אַקציע זוכט ער צו דערגרײכן פֿון אײן זײט דורך אַ קלאָרער אָפּגרענעצונג פֿון די אויסגאַבן־קרײזן פֿון בײדע באַוועגונג, פֿון דער אַנדער זײט דורך חבר׳ישער צוזאַמענאַרבעט פֿון בײדע צדדים, וואָס ווערט אַלץ לײכטער, וואָס מער סײ די פּראָפֿעסיאָנעלע, סײ די פּאָליטישע באַוועגונג נעמען אַרום — יעדע אויף איר געביט — דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. בײדע אינטערנאַציאָנאַלן שטיצן זיך געגנזײטיג אינ׳ם קאַמף געגן דער שפּאַלטונגס־ און „דעמאַסקירונגס"־טאַקטיק פֿון די קאָמוניסטן.

דער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אויך אינ׳ם פֿאַרגאַנגענעם יאָר באַמיט אַרײנצוטראָגן אײנהײטליכקײט און פּלאַנמעסיגקײט אין דער פּאָליטיק פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען פֿון פֿאַרשידענע לענדער אין פֿראַגן פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. בפֿרט האָט ער זיך פֿערמאַנענט באַשעפֿטיגט מיט די פֿראַגן וועגן מיליטאַריזם און אַנטוואָפֿנונג און מיט אַלע קאָנקרעטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שײכות צו די באַציאונגען צווישן די פֿעלקער. ער האָט אָנגעפֿירט אַן אויסגעהאַלטענעם קאַמף געגן אַלע כּחות, וואָס בילדן אַ סכּנה פֿאַר׳ן אײראָפּײאישן אָדער וועלט־שלום. דעריבער האָט ער אַלץ ווידער און ווידער אויפֿגעהויבן די פֿאָדערונג, אַז די דײטשע רײך־פּראָווינצן זאָלן סוף כּל סוף לגמרי באַפֿרײט ווערן פֿון דער אַליאירטער אָקופּאַציע. אין דעם דאָזיגן קאַמף גײען האַנט אין האַנט די פֿראַנצויזישע, בעלגישע און ענגלישע סאָציאַליסטן מיט די דײטשע חברים. אָבער פּונקט אַזוי האָט דער אינטערנאַציאָנאַל און מיט אים די דײטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײ אומברחמנות׳דיק אויפֿגעדעקט די רעוואַנש משוגעת׳ן, די אויפֿוואַכנדיגע אימפּעריאַליסטישע רעאַקציע פֿון דעם דײטשן יונקערטום, זײערע געהײמע מלחמה־הכנות אפֿילו ווען דאָס האָט אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַמוניציע־ליפֿערונגען צו דײטשלאַנד מצד דער באָלשעוויסטישער רעגירונג.

דער קאַמף פֿונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם געגן דעם פֿאַשיזם טראָגט אַ דאָפּלטן כאַראַקטער. די ברוטאַלע אונטערדריקונג פֿון יעדער פֿאָלקס־פֿרײהײט און פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג אין די אײנצעלנע פֿונ׳ם פֿאַשיזם באַהערשטע לענדער איז גאַנץ גענוג, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל באַטראַכטן דעם פֿאַשיזם פֿאַר איר דם־שונא. אָבער חוץ דעם איז דאָס פֿאַשיסטישע איטאַליע אַ נעסט פֿון אינטריגעס, סײ אויפֿ׳ן באַלקאַן, סײ אויפֿ׳ן מיטללענדישן ים און אין אַפֿריקע, און מוסאָליני קאָנצענטרירט אַרום זיך אַלע שוואַרצע פֿאַשיסטישע כּחות (אונגאַרן, רומעניע, די אַלבאַנישע דעספּאָטיע), וואָס שמידן שטענדיג אימפּעריאַליסטישע פֿאַרכאַפּונגס־פּלענער. אינ׳ם קאַמף געגן דעם פֿאַשיזם האָט דער אינטערנאַציאָנאַל שטענדיג באַזונדערס שטאַרק אונטערגעשטראָכן די דאָזיגע געפֿערליכסטע זײט זײנע און אויך קלאָר אָנגעוויזן אויף דער טונקעלער ראָלע פֿון דער ענגלישער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג, וואָס שטאַרקט שטילערהײט מוסאָליני׳ס בלוטיגע הענט — צוליב דעם אײגענעם אינטריגן־שפּיל מיט פֿראַנקרײך.

דעם דעמאָנסטראַטיוון אויסדרוק פֿון זײן תּהום־טיפֿן האַס צום פֿאַשיזם האָט דער אינטערנאַציאָנאַל געגעבן מיט דער אויפֿדעקונג פֿונ׳ם מאַטעאָטי־דענקמאָל אין בריוסל (סעפּטעמבער 1927). דער דענקמאָל פֿונ׳ם מאַרטירער פֿונ׳ם איטאַליענישן און אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, וואָס איז אין יאָר 1924 דערמאָרדעט געוואָרן פֿון מוסאָליני׳ס דירעקטע שלוחים, שטײט דערווײל אינ׳ם בריוסעלער פֿאָלקס־הויז. אָבער דער אינטערנאַציאָנאַל האָט פֿײערליך ערקלערט, אַז דער קאַמף געגן דעם פֿאַשיזם וועט נישט אויפֿהערן, ביז דער דענקמאָל וועט אַוועקגעשטעלט ווערן דורכ׳ן באַפֿרײטן איטאַליענישן אַרבעטער־קלאַס — אין איטאַליע.

אגב, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אַ באַזונדערן פֿאָנד אויף מאַטעאָטי׳ס נאָמען, וואָס זײנע מיטלען זײנען באַשטימט צו העלפֿן פֿינאַנציעל די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען, וואָס ווערן אונטערדריקט און גע׳רודפֿ׳ט אין די לענדער אָן דעמאָקראַטיע. בעיקר איז דערווײל געשטיצט געוואָרן די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ פֿון די איטאַליענישע אַרבעטער, אָבער אויך פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ליטע און אין . . . רוסלאַנד האָבן געמוזט אויסגעטײלט ווערן געוויסע הילפֿס־סכומים.

בנוגע רוסלאַנד האָט דער אינטערנאַציאָנאַל נאַטירליך שטענדיג אין זין געהאַט אָפּצוטײלן די חילוקי־דעות מיט׳ן באָלשעוויזם און דעם קאַמף געגן די רדיפֿות אויף די סאָציאַליסטן פֿון די פֿראַגן, וואָס זײנען פֿאַרבונדן מיט רוסלאַנדס אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. רוסלאַנדס אָנערקענונג מצד אַלע מלוכות און דער פֿעלקער־ליגע, קאַמף געגן יעדן פּרוב פֿון אַן אַנטי־רוסישער מלוכות־קאָנצענטראַציע און פֿון יעדער פֿאָרם פֿון אינטערווענציע איז געבליבן דער אומדערשיטערליכער פּרינציפּ פֿונ׳ם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זײנע פּאַרטײען. דעריבער האָט ער אויך שאַרף פֿאַראורטײלט דעם איבעררײס פֿון די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט רוסלאַנד דורך דער רעאַקציאָנערער רעגירונג פֿון ענגלאַנד.

פּונקט אַזוי האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אָנגענומען אַ שאַרפֿע שטעלונג געגן יעדער אַרײנמישונג פֿון אויסלענדישע רעגירונגען אינ׳ם גרויסן קאַמף צווישן די פֿאַרשײדענע פּראָווינצן און גענעראַלן אין כינע, אַ קאַמף, אין וועלכן ס׳ווערט אין שווערע קאָנוואולסיעס געבוירן דאָס בײניטע, מאָדערנע כינעזישע פֿאָלק. אין דער זיצונג פֿון דער עקזעקוטיווע, פֿעברואַר 1927, האָט, אגב צום ערשטן מאָל, אַנטײל גענומען אַ דעלעגאַציע פֿון דער יונגער כינעזישער

סאָציאַלדעמאָקראַטיע (דערווייל אַלס גערסט) ; איר מעמאָראַנדום איז געווען דער יסוד פון די באשלוסן פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל.

אַ סך אויפמערקזאמקייט האָט דער אינטערנאַציאָנאַל געשענקט דעם אנטוואפנונגס־פּראָבלעם בכלל. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, אין וועלכער ס׳גייען אריין חברים פון די וויכטיגסטע לענדער, איז באאויפטראגט געוואָרן, צונויפצוזאַמלען דעם גאַנצן מאטעריאל וועגן די פראַגן פון שטייענדיגע אַרמייען, מיליץ, באגרעניצונג און קאָנטראָל פון דער פּראָדוקציע פון כלי־זין און אַמוניציע א. אַז. וו. און צוצוגרייטן געהעריגע פאָרשלאַגן פאַר׳ן דריטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס, וואָס דאַרף פאָרקומען אין אויגוסט 1928.

מער ווי ווען ס׳איז אין די לעצטע יאָרן האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַל אויך באַשעפטיגט מיט די פּראָבלעמען פון דער נאַציאָנאַל־פּאָליטיק. די פראַגן זיינען ארומגערעדט געוואָרן אין אַ שורה זיצונגען און אַ באזונדערע קאָמיסיע איז באשעפטיגט מיט׳ן צוגרייטן געהעריגע רעזאָלוציעס פאַר׳ן קאָנגרעס. אין צוזאַמענהאַנג מיט די קאָלאָניאַלע פּראָבלעמען זיינען אַגבֿ עטליכע מאָל מצד דער פּועלי־ציון־דעלעגאַציע אָנגערירט געוואָרן די פראַגן פון ארץ־ישראל, בפרט די סאָציאַל־פּאָליטישע פאָדערונגען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. מיר האָבן שטענדיג באַגעגנט די געהעריגע פאַרשטענדעניש סיי מצד דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל סיי מצד דער בריטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

אויך די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, בפרט די פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישן קריזיס, אַרבעטסלאָזיגקייט, אַכט־שעה׳דיגן אַרבעטס־טאָג און אַרבעטער־שוץ בכלל, זיינען ניט אַראָפּ פונ׳ם סדר היום פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל. ס׳איז אריינגעטראָגן געוואָרן איינהייטליכקייט אין די אַקציעס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די איינצלנע לענדער בנוגע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטערשוץ־קאָנווענציעס, ובפרט בנוגע דעם קאַמף פאַר דער ראַטיפיקאַציע פונ׳ם וואַשינגטאָנער אָפּמאַך וועגן אַכט־שעה׳דיגן אַרבעטסטאָג, וואָס ווערט נאָך אַלץ סאַבאָטירט פון וויכטיגע רעגירונגען.

אַן אַלץ וויכטיגערע ראָלע שפּילט דער אינטערנאַציאָנאַל אינ׳ם אויסגלייכן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און פּאָליטישע סתירות צווישן די אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען. בפרט איז דאָ וויכטיג די אַרבעט פון דער קאָמיסיע פאַר נאַציאָנאַלע ענינים. זי האָט זיכער אַ גרויסען חלק אין דער שטאַרקער דערנענטערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אינ׳ם לעצטן יאָר צווישן דער טשעכישער און דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אַ דאַנק וועלכער דער איינהייטליכער פראָנט פונ׳ם גאַנצן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט אין דער דאָזיגער יונגער רעפּובליק האַלט ביים פאַרווירקליכט ווערן. דער פאַקט, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויפגענומען די פראַגע וועגן דעם פאַרהאַלטן זיך פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטן אינ׳ם ענין שוואַרצבאָרד האָט אין אַ באַדייטנדער מאָס אָפּגעקילט זייערע פּעטליורע־סימפּאַטיעס.

מיר מוזן זיך צום באַדויערן באַנוגענען מיט די דאָזיגע קורצע באַמערקונגען, וואָס שעפּן בשום אופן ניט אויס די טעטיגקייט פונ׳ם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע זיינען אָבער גענוג צו אילוסטרירן סיי איר פּאָזיטיוויגקייט און פּלאַנמעסיגקייט, סיי די שוועריגקייטן, וועלכע זי מוז גובר זיין. ניט קוקנדיג אויף אַלע שוועריגקייטן ווערט אָבער דער אינטערנאַציאָנאַל אַלץ מער און מער אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דער וועלט־פּאָליטיק, דער וועכטער פון שלום צווישן די פעלקער, דער פירער פון דער מענשהייט צו אַ העכערן, שענערן לעבן.

אונזער באַוועגונג

אַלוועלטליכער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד פועלי ציון

(פאַראייניגט מיט'ן צ. ס. פאַרבאַנד)

פון ב. לאָקער.

1. די טעטיגקייט פונ'ם פאַרבאַנדס־ביוראָ

פון דער פילזייטיגער אַרבעט פונ'ם פאַרבאַנדס־ביוראָ אינ'ם יאָר 1927 זאָלן דאָ נאָר קורץ דערמאָנט ווערן עטליכע וויכטיגערע ענינים. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ באַשטייט, ווי באַקאַנט פון אַן אייראָפּאישן סעקרעטאַריאַט אין בערלין און אַן ארץ־ישראל'דיגן אין תל־אביב. די פאַראייניגונגס וועלט־קאָנפערענץ אין ווין (1925) האָט אָנגעצייכנט די אַרבעטס־געביטן פון די צוויי סעקרעטאַריאַטן אויף דעם אופן, אַז דער ארץ־ישראל'דיגער זאָל אָנפירן די ארץ־ישראל'דיגע טעטיגקייט פונ'ם וועלט־פאַרבאַנד און די לאַנד־פאַרטייען, אינסטרואירן די פאַרטרעטער פונ'ם וו. פ. אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אינ'ם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל בנוגע אַלע א"י־ענינים; אינ'ם אויפגאַבן־קרייז פונ'ם אייראָפּעאישן ביוראָ גייט אַריין די אָרגאַניזאַטאָרישע אָנפירונג פון דער באַוועגונג, די פּאָליטישע ענינים פון אַלע לאַנד־פאַרטייען און די אָנפירונג פון דער טעטיגקייט אינ'ם אינטערנאַציאָנאַל בנוגע אַלע ניט־א"י־'דיגע פראַגן.

אין דער פּראַקטיק האָט זיך די דאָזיגע אַרבעטס־טיילונג ניט געלאָזט אינגאַנצן דורכפירן. סיי צוליב פינאַנציעלע שוועריגקייטן, וואָס האָבן אין אַ הויכער מאָס געשטערט די אַרבעט פונ'ם ביוראָ אין ארץ־ישראל, סיי צוליב פּראַקטישער צוועקמעסיגקייט האָט דאָס אייראָפּעאישע ביוראָ אין אַ שורה פאַלן געמוזט אַריינגיין אינ'ם אַרבעטס־תחום פונ'ם ארץ־ירשראל'דיגן ביוראָ, נאַטירליך מיט דער הסכמה פונ'ם לעצטן. ס'איז אָבער פאָרגעקומען אויך דער פאַרקערטער פאַל.

די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט פונ'ם פאַרבאַנדס־ביוראָ לאָזט זיך שווער אָפּשיידן פון דער פּאָליטישער טעטיגקייט. זי האָט זיך אויסגעדריקט אַחוץ דער שטענדיגער קאָרעספּאָנדענץ מיט אַלע לאַנד־פאַרטייען וועגן אַלע פראַגן פון זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער, פּראָפּאַגאַנדיסטישער און פּאָליטישער טעטיגקייט אינ'ם אַרויסגעבן אַ רעגלמעסיגע וועכנטליכע קאָרעספּאָנדענץ פאַר דער פאַרטיי־פּרעסע, אין דער באַטייליגונג אין פאַרטיי־באַראַטונגען (פּוילן. אַמעריקע), אין פּאָליטישע אַקציעס (וואַלן אין וואַרשע), אין פּראָפּאַגאַנדע־טורן (דייטשלאַנד, פּוילן, אַמעריקע).

די נסיעה קיין אַמעריקע (חבר לאָקער) איז געווען געווידמעט ניט בלויז דער פאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע, נאָר קודם כל דער אַקציע פאַר'ן פּאָליטישן פאָנד פון דער וועלט־באַוועגונג און דעם אָנהויב פון אַן אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע איבער דער לאַגע אין א"י און אין ציוניזם, וואָס איז בעיקר געווענדט געגן דער שעדליכער ראָלע פונ'ם אַמעריקאַנער ציוניזם אינ'ם „נייעם קורס", וואָס איז עטאַבלירט געוואָרן אויפ'ן פופצנטן קאָנגרעס.

דאָ דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן די גרינדונג פונ'ם אַרכיוו פון דער וועלט־באַוועגונג, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן פונ'ם אייראָפּ. ביוראַ אין 1927 און באַשטעטיגט געוואָרן דורך דער פאַרבאַנדס־באַראַטונג.

אַ סך אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט האָבן אויך געפאָדערט די צוגרייטונג און דורכפירונג פון די וואַלן צום פופצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס און פון דער פאַרבאַנדס־באַראַטונג (אויגוסט 1927 אין באַזעל).

צום פופצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט דאָס פאַרבאַנדס ביוראָ דורכגעפירט חדשים־לאַנגע צוגרייטונגען. ס'איז נויטיג געווען צו וועקן דעם אינטערעס פון די אייגענע חברים און פריינד פונ'ם אַרבעטנדן ארץ־ישראל פאַר'ן קאָנגרעס, אויפמערקזאַם מאַכן אויף די סכנות, וואָס גרייטן זיך פאַר דער אַרבעטערשאַפט דורך דער גוט דורכגעפירטער אַרבעטער־פיינטליכער העצע פון די רעאַקציאָנערע און ליקווידאַטאָרישע עלעמענטן אין ציוניזם געגן די פּאָזיציעס פון דער אַרבעטערשאַפט, כדי שוין ביים שקלים־פאַרקויף צו זיכערן דאָס וואַלרעכט אַ וואָס גרעסערער צאָל פון חברים און סימפּאַטיקער. שוין די דאָזיגע באמת ניט לייכטע

אַרבעט האָט געבראַכט אַ געוויסן ערפאָלג. נאָך וויכטיגער איז אָבער געווען דער וואַל־קאַמף גופא, וועלכער איז צום ערשטן מאָל אין אַ גאַנצער שורה וויכטיגע לענדער דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ ברייטן מאסשטאב. אַלץ האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ ווירקליכן אידעען־ און פּראָגראַמען־קאַמף. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט ניט נאָר דורך זיין וואַל־פּלאַטפאָרם קלאָר פאָרמולירט די פּראָבלעמען, ארום וועלכע דער וואַל־קאַמף איז פאָרגעקומען, נאָר האָט מיטגעהאָלפן אַ שורה פּאַרטייען דורך עצות און אינסטרוקציעס אין דער פּראַקטישער דורכפירונג פון דער אַקציע, וועלכע איז געווען געקרוינט פון אַ גאַנץ באַדייטנדן ערפאָלג.

מיר האָבן אויפ'ן פופצנטן קאָנגרעס געהאַט אַ פראַקציע פון 31 דעלעגאַטן, דערפון 4 מיטגלידער פונ'ם א. ק.; די דאָזיגע צאָל איז סיי אַבסאָלוט סיי רעלאַטיוו די גרעסטע, וועלכע מיר האָבן ווען ס'איז דערגרייכט, הגם דאָס מאָל האָבן אונזערע רוסלענדישע חברים צוליב ריין פאָרמאַלע טעמים ניט באַקומען קיין שטימבאַרעכטיגטע דעלעגאַטן. מיר זיינען איצט אין אַקציאָנס־קאָמיטעט פאַרטראָטן דורך פינף מיטגלידער, בעת אויפ'ן לעצטן קאָנגרעס (1925) האָבן מיר פאַר'ן אויסקלייבן דעם פערטן מיטגליד געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון די ראַדיקאַלן.

וועגן דער שטעלונג פון אונזער פראַקציע אויפ'ן קאָנגרעס גופא איז בשעתו אויספירליך באַריכטעט געוואָרן אין דער פרעסע.

די פאַרבאַנדס־באַראַטונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזעל ערב און בעת דעם ציוניסטישן קאָנגרעס האָט סיי לויט איר צונויפשטעל, סיי לויט דער וויכטיגקייט פון אירע החלטות פאַקטיש געהאַט די באַדייטונג פון אַ וועלט־קאָנפערענץ. אויך וועגן דער באַראַטונג זיינען שוין געווען אויספירליכע באַריכטן אין דער פרעסע. ווייטער אונטן דרוקן מיר איבער די וויכטיגסטע רעזאָלוציעס.

אַ באַדייטנדן טייל פון זיין אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע האָט דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ אויך אין דעם יאָר געווידמעט דער אַרבעט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט'ן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל זיינען ווייטער אויסגעהאַלטן געוואָרן די אָרגאַניזאַטאָרישע און פּאָליטישע באַציאונגען. אין אַלע זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע פונ'ם סאָצ. אינט. איז דער וועלט־פאַרבאַנד געווען פאַרטראָטן (צום טייל דורך חבר לאַקער, צום טייל דורך חבר מ. יאַרבלום). צוליב דער אינפאָרמאַציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער עפנטליכקייט איבער די אַלגעמיינע און ארץ־ישראל'דיגע אויפגאַבן און פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג האָט דאָס פ. ב. באַנייט די אויסגאַבע פון דער „אידישער אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענץ" (דערווייל אין דייטש), וועלכע אַנטהאַלט אַ חוץ לויפנדער אינפאָרמאַציע אויך אַן אָפּטיילונג דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

אין די זיצונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע זיינען אָפט ארויפגעבראַכט געוואָרן, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַלגעמיינע פראַגן, ענינים, וואָס אינטערעסירן אונז באַזונדער. אַזוי האָט אונזער פאַרטרעטער ביי דער באַראַטונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנערקענונג פונ'ם 8 שעה'דיגן אַרבעטס־טאָג דורכגעפירט אַ פאָרשלאַג, וואָס איז מחייב די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די קאָלאָניאַל־ און מאַנדאַט־מלוכות, צו קעמפן פאַר דער איינפירונג פונ'ם 8 שעה'דיגן אַרבעטס־טאָג און בכלל פון מאָדערנע סאָציאַל־פּאָליטישע געזעצן אין די קאָלאָניעס און מאַנדאַט־געביטן. ביי דער געלעגנהייט האָט די דעלעגאַציע פון דער בריטישער לייבאָר־פּאַרטיי אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע, אַז זי איז גרייט שטענדיג צו העלפן דער א"י'דיגער אַרבעטערשאַפט אין איר גערעכטן קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. בעת די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע זיינען אויך אויפגענומען געוואָרן מיט די חברים פון דער לייבאָר פּאַרטיי די פראַגן פון אַרבעטסלאָזיגקייט, רעגירונגס אַרבעטן, פּאָליטיק פון דער פאַרוואַלטונג א. א. און צוגעגרייט אויף דעם אופן די ווייטערע אַרבעט פון דער לאָנדאָנער פאַרטרעטונג.

בעת דער באַהאַנדלונג פונ'ם סדר היום פון דעם קומענדיגן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס האָט אונזער פאַרטרעטער שטענדיג זיך ארויסגעזאָגט פאַר אַן אינטענסיווערער פאַראינטערעסירונג פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל מיט דער קאָלאָניאַל־ און מאַנדאַטן־פּאָליטיק און קלאָר געמאַכט אונזער שטעלונג אין און בנוגע ארץ־ישראל. די קאָלאָניאַל־פראַגע איז אריינגענומען געוואָרן אין סדר היום פונ'ם קאָנגרעס.

אין דער באַהאַנדלונג פון די רדיפות אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט אונזער פאַרטרעטער עטליכע מאָל געהאַט די איניציאַטיווע און איבערגעגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַל אויספירליכע מאַטעריאַלן בפרט וועגן דער טעטיגקייט און די ליידן פון אונזערע חברים, די צ. ס.

די באַגעגענישן בעת די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע זיינען אויך באַנוצט געוואָרן צו שטאַרקן דעם קאָנטאַקט מיט די איינצלנע פּאַרטייען פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל. באַזונדערס ענג איז דער קאָנטאַקט געווען אין ענגלאַנד, וואו ס'האָט געאַרבעט דער ח' אָלשאַנסקי (פון ארץ־ישראל) און אין פראַנקרייך (ח' יאַרבלום).

צום סוף זאָל נאָך דערמאָנט ווערן, אַז אויך בעת דעם באַזוך פונ'ם גענעראַל־סעקרעטאַר, חבר ב. לאָקער, אין אַמעריקע, איז די אַרבעט פונ'ם פ. ב. ניט איבערגעריסן געוואָרן. דאָס ביוראָ איז צייטווייליג אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין פּאַריז אונטער חבר מ. יאַרבלומ'ס אָנפירונג.

2. די לאַנד־פּאַרטייען.

וועגן דעם מצב און דער טעטיגקייט פון
די פּועלי־ציון (צ. ס.) פּאַרטייען אין די איינ־
צלנע לענדער איז אויספירליך געשריבן גע־
וואָרן אינ'ם אַלמאַנאַך פון 1927. דאָ זאָלן
נאָר דערגענצט ווערן די וויכטיגסטע נייע
פאַקטן.

ארץ־ישראל. „אחדות־העבודה“, די לאנד־
פּאַרטיי פונ'ם וועלט־פארבאנד, איז אויך אין
דעם יאָר געבליבן די פאראנטוואָרטליכע אָנ־
פירערין פון דער ארבעטערשאַפט און דער אַר־
בעטער־אָרגאַניזאַציע. דער קאַמף פון דער
הסתדרות פאַר אַ קאָנסטרוקטיווער פאַרענטפע־
רונג פונ'ם אַרבעטסלאָזיגקייטס־פּראָבלעם דורך
אַ ר ב ע ט, פאַר'ן רעכט אויף אַרבעט (פּתח־
תקוה) און אָרגאַניזירטער אַרבעטס־פּאַרטיי־
לונג; די אָנשטרענגונג פאַר דער אינערליכער
קאָנסאָלידירונג פון דער ארבעטער־ווירטשאַפט,
די מוסטערהאַפטע דיסציפּלין פון דער ארץ־
ישראל'דיגער ארבעטערשאַפט, דער קאַמף פאַר
דער פארשטארקונג פון דער אַקטיוויטעט פון
דער ציוניסטישער א"י־עקזעקוטיווע און פון
דער רעגירונג לגבי דעם קריזיס — דאָס אַלין
איז צו פאַרשרייבן קודם כל אויפ'ן חשבון
פון דער זעלבסטלאָזער און זאכליכער ארבעט
פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געטראָגן פונ'ם
צוטרוי פון דער מערהייט אַרבעטער אין לאַנד.

דער דאָזיגער צוטרוי האָט זיך ווידער
אמאָל באוויזן ביי די וואַלן צום ציוניסטישן
קאָנגרעס. פון די 23,199 אָפּגעגעבענע שטי־
מען האָבן די אַרבעטער־פּאַרטייען באקומען
13,376. פון דער דאָזיגער צאָל איז אויסגע־
פאַלן אויף אחדות־העבודה 9,143 (דערפון
894 אויף דער ספּעציעלער ליסטע פון די
תימנ'ער ארבעטער), אויף הפּועל הצעיר —
4.233.

רוסלאנד. די רדיפות זיינען אין 1927
פאַרשאַרפט געוואָרן. די אַרעסטן און פאַר־
שיקונגען נעמען נישט קיין סוף. די ארבעט
פון דער פּאַרטיי איז פונדעסטוועגן נישט אָפּ־
געשטעלט געוואָרן. אויך דער יוגנט־פארבאנד
איז אַקטיוו. די חברים נויטיגן זיך אָבער
דרינגענד אין הילף פון דער וועלט־באוועגונג.

פּוילן. די פּאַרטיי האָט זיך, נישט קוקנ־
דיג אויף פינאַנציעלע שוועריגקייטן און
מענטשן־מאנגל אין צענטער, שטארק פארפעס־
טיגט. די וואַלן צו די שטאָט־ראַטן האָבן איר
געבראכט העכער 90 מאַנדאַטן אין בערך 50
שטעט (איבער 20 טויזנט שטימען). ביי די
וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס האָט זי אין
קאָנגרעס־פּוילן באקומען איבער 6,000 שטי־
מען, פון קנאַפּע 30,000 — די צווייט־גרעס־
טע צאָל צווישן אַלע פּארטייען (דעם ערשטן
פּלאַץ האָט פארנומען מזרחי).

די פּארטיי נעמט אויך איצט דעם אָנפירנ־
דיגן אָרט אין דער אַרבעט פונ'ם קאָמיטעט
פאַר'ן אַרבעטנדן ארץ־ישראל און פונ'ם
„החלוץ“. דער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי איז די
וועכנטליכע „באַפריאונג־אַרבעטער שטימע“.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט“ איז
איינע פון די שטארקסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס
אין פּוילן.

ליטע. סיי די פּארטיי, סיי דער יוגנט־
פארבאַנד זיינען שטארק געפּענטעט אין זייער
אַרבעט און אנטוויקלונג דורכ'ן איצטיגן רע־
זשים. זיי קאָנצענטרירן זייער עיקר־טעטיג־
קייט אויף א"י און קולטור־אַרבעט און אויף
דער ספּאָרט־באוועגונג. דער ספּאָרט־פּאַרבאַנד
„הכח“ איז שטארק אויסגעוואַקסן און גיט
ארויס פון צייט צו צייט אַן אייגענעם אָרגאַן.
די פּארטיי גופא גיט ארויס העקטאָגראַפישע
ידיעות.

לעטלאנד. ס'האָט אָנגעהויבן ערשיינען
אַן אייגענער פּארטיי־אָרגאַן „אונזער וועג“.
די באַציאונגען מיט דער לעטישער ס. ד. זיי־
נען געוואָרן ענגערע.

דער יוגנט־פארבאנד „באָראָכאָוו יוגנט“
האָט זיך גוט אנטוויקלט.

דייטשלאַנד. אַ רעווידירטע באַרעכנונג
פון די וואַל־רעזולטאַטן האָט אַרויסגעבראַכט,
אַז חבר דר. אָסקאַר קאָהן איז געוויילט
געוואָרן אַלס מיטגליד פונ'ם בערלינער קהלה־
ראַט. די פּאַרטיי איז אויך פאַרטראָטן אינ'ם
לאַנד־פאַרבאַנד פון די פּרייסישע קהילות
דורך צוויי מיטגלידער.

די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן
געבראַכט אונזערע חברים אַ גאָר גרויסן
נצחון. זיי האָבן באַקומען 1540 שטימען
און 3 פון די 12 דייטשע מאַנדאַטן.

אינ'ם אוינצלשטיוט ט י ר י נ ג ע ן איז גע־
גרינדעט געוואָרן אַ „געזעלשאַפט פון פריינד
פונ'ם אַרבעטנדן ארץ־ישראל“ אין וועלכער
ס'זיינען אַריינגעגאַנגען די וויכטיגסטע פי־
רער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לאַנד־
פּאַרטיי.

עסטרייך. די פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע
אין ווין האָט בעת די וואַלן צום מלוכה־
פּאַרלאַמענט און דער ווינער מוניציפּאַלער
פּאַרוואַלטונג (אַפּריל 1927) אַנטוויקלט אַ
לעבעדיקע טעטיגקייט לטובת דער סאָציאַל־
דעמאָקראַטיע, פאַר וועלכער ס'האָט טאַקע
געשטימט די מערהייט פון דער אידישער
באַפעלקערונג. פּועלי ציון האָבן צונויפ־
געקליבן עטליכע טויזנט חתימות אויף אַ
דעקלאַראַציע, אין וועלכער ס'ווערט געפאָ־
דערט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַ
ענערגישער קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם,
שיצן דאָס רעכט פון דער אידישער באַ־
פעלקערונג אויף נאַציאָנאַלן אויסדרוק און
אַקטיווע סימפּאַטיע פאַר'ן אַרבעטנדן ארץ־
ישראל.

באַזונדערס גוט האָט זיך אַנטוויקלט די
יוגנט אָרגאַניזאַציע, וועלכע ציילט שוין אי־
בער 300 חברים און גיט אַרויס אַן אייגע־
נעם חודש־אָרגאַן „די אידישע אַרבעטער־
יוגנט“ (דייטש).

בעלגיע. אונזערע חברים זיינען די אי־
ניציאַטאָרן און הויפּט־אָנפירער פונ'ם קאָ־
מיטעט פאַר'ן אַרבעטנדן ארץ־ישראל. מיט
דער הילף פונ'ם פאַרבאַנדס־ביוראָ (חבר יאר־
בלום אי צו דעם צוועק געקומען קיין בעל־

גיע) האָט זיך איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ בעלגישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פון „פריינט פונ'ם אַרבעטנדן ארץ ישראל" אין וועלכן ס'גייען אַריין די וויכטיקסטע פירער פונ'ם בעלגישן סאָציאַליזם, ווי וואַנדערוועלדע, הויזמאַנס, פּיערא א. א.

אַרגענטינע. די פּאַרטיי־אַרבעט האָט אויפגעלעבט. ס'האָט ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער פּאַרטיי־אָרגאַן „די נייע צייט".

בראַזיל. די יונגע פּועלי ציון־אָרגאַניזאַציע אין בראַזיל האָט אין דעם יאָר געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָרויס. אַ דאַנק דעם קומען פון חבר א. בערגמאַן פון פּוילן זיינען געשאַפן געוואָרן נייע אָרגאַניזאַציעס אין ריאָ־דע־זשאַניירא און אַ שורה ערטער אין דער פּראָווינץ. אין פּאָרטאָ אַלעגראַ ערשיינט דער פּאַרטיי־אָרגאַן „דאָס נייע וואָרט" (חודש־בלאַט). אַ סך העלפט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעט דער טור פון חבר א. ש. יורים.

די פּאַרטייען אין ענגלאַנד און רומעניע און די אָרגאַניזאַציעס אין שווייץ, פראַנקרייך א. א. האָבן פאָרטגעזעצט זייער טעטיקייט.

טשעכיע. סוף 1927 איז אין אלמיץ פאָרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע אין טשעכיע. ס'עקזיסטירן שוין גרופּן אין אלמיץ, פּראַג, אָסטראַוו, פּרעסבורג.

אַ יאָר פּועלי־ציון טעטיקייט

פון פּ. קרוזאָ.

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער מצב פון דער פּאַרטיי האָט זיך אין משך פון לעצטן יאָר ניט פיל געענדערט. די צאָל פון פאַריינען איז כמעט דיזעלבע. די צאָל פון פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע באַצאָלן די רעגיסטראַציע פון מינימום 10 דאָלער אַ יאָר, איז צווישן פופצן און זעכצן הונדערט. עס איז שוין אָבער באַקאַנט פאַר אַלעמען, אַז די רעגיסטראַציע קען ניט באַטראַכט ווערן פאַר דעם איינציגן מאַסשטאַב פון פּאַרטיי־צוגעהעריקייט. אונזער פּאַרטיי ציילט מינימום ביי 5 טויזנט חברים, וועלכע זיינען אין פולשטענדיג אידייאישן הסכם מיט דער פּאַרטיי, אידענטיפיצירן זיך מיט איר בליק און שטעלונג צו אַלע געזעלשאַפטליכע און אַרבעטערפראַגן, רעכענען זיך און פילן זיך אַלס פּועלי ציון און באַטייליגן זיך אַקטיוו אין די פאַרשיידענע טעטיקייטן פון דער פּאַרטיי.

די צווייגן פון אונזער פּאַרטיי זיינען דעם יאָר באַדייטנד געוואַקסן. באַזונדערס דערמוטיגנד איז דער שנעלער וואוקס פון דעם יונגסטן צווייג פון אונזער פּאַרטיי, די פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע. אויך די פּועלי ציון יוגנט־באַוועגונג האָט לעצטן יאָר געשלאָגן פיל טיפערע וואָרצלען אינ'ם אַמעריקאַנער באָדן. אַזוי ווי דער אַלמאַנאַך אַנטהאַלט אויספירליכע באַריכטן פון ביידע אָרגאַניזאַציעס, ווערט מיר פאַרשפּאָרט צו שרייבן ברייטער וועגן זייער מצב. עס דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן, אַז די פּאַרטיי־ליטונג האָט געווידמעט זייער פיל צייט און ענערגיע צו דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרשטאַרקונג און אידייאישער פאַרטיפונג פון ביידע פּאַרטיי־צווייגן.

פּאַרטיי־פּרעסע און ליטעראַטור.

דער אָפיציעלער פּאַרטיי־אָרגאַן, „דער אידישער אַרבעטער", ערשיינט שוין 5 יאָר — פאַר די לעצטע 3 יאָר אַלס צוויי־וועכנטליכע צייטונג. ער ווערט רעדאַגירט פון אַ קאָלעגיום, וועלכער באַשטייט פון די חברים ב. צוקערמאַן, א. העמלין און פּ. קרוזאָ. „דער אידישער אַרבעטער" האָט באַלויכטן און באַהאַנדלט אַלע פראַגן פון דעם אַמעריקאַנעם אידישן אַרבעטער־לעבן, פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק, פון דער ארץ ישראל אַרבעטערשאַפט און האָט באַזונדערס אָפּגעשפּיגלט אַלזייטיג דעם קאַמף און לעבן פון אונזער פאַרצווייגטער באַוועגונג אין אַמעריקע. „דער אידישער אַרבעטער" האָט דורך זיין אָפענער און אַגרעסיווער שטעלונג אויסגעאיבט אַ באַדייטנדע השפּעה אויף דער אַרבעטער־ און ציוניסטישער עפנטליכקייט.

דער אידיש־ענגלישער „יוגנט" איז לעצטן יאָר ערשינען רעגלמעסיג און איז בכלל געוואָרן אַ מער אָנגעזעענער פאַקטאָר אין לעבן פון אונזער פּאַרטיי.

די „פּיאָנערן פרוי" ערשיינט 3 מאָנאַטליך אין אידיש און ענגליש מיט אויפקלערנדע און אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען פאַר דער מיטגלידערשאַפט פון דער פרויען אָרגאַניזאַציע.

צו אונזער פּאַרטיי־פּרעסע איז לעצטן יאָר צוגעקומען אַ חשוב'ער מיטגליד — דער ענגלישער מאָנאַטליכער זשורנאַל „וואַנגאַרד", רעדאַגירט פון ח' יצחק זאַר. הגם ניט קיין אָפיציעלער פּאַרטיי אָרגאַן, ערפילט דער „וואַנגאַרד" אַ זייער וויכטיגע פּאַרטיי־פונקציע און שליחות. אַלס דער איינציגער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער חודש־זשורנאַל איז דער „וואַנגאַרד" אונגעהויער וויכטיג, באַזונדערס אין דער איצטיגער צייט פון רעאַקציע־שטימונגען אינ'ם אָפיציעלן ציוניזם. ניט קוקנדיג וואָס דער „וואַנגאַרד" עקזיסטירט בלויז איניגע חדשים, האָט ער זיך שוין דערוואָרבן אַ וויכטיגן פּלאַץ אין דער אידיש־אַמעריקאַנער פּרעסע, ווייל שוין לאַנג האָט זיך געפילט די נויטווענדיקייט פון אַן ערנסטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּעריאָדי־

שער אויסגאַבע אין ענגליש. דער „וואַנגאַרד“ האָט אין משך פון דער קורצער צייט געוואונען פאַר זיך אַ סך פריינט און איז בלי ספק אַ זייער וויכטיגער ביטראַג צו אונזער פועלי ציון פרעסע.

אַ וויכטיגן אָרט אין אונזער פרעסע פאַרנעמט אויך דער חודש־אָרגאַן פונ׳ם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד „די אידישע אַרבעטער שטימע“.

אונזער פּאַרטיי־ליטעראַטור אין אַמעריקע איז באַרייכערט געוואָרן מיט זייער אַן אינטערעסאַנט און רייך ווערק: דער צווייטער באַנד פון ב. באָראָכאָוו׳ס שריפטן, וועלכער איז לעצטנס ארויס פון דרוק אונטער דער רעדאַקציע פון חבר ב. לאָקער. אַ סך אַנערקענונג קומט דעם באָראָכאָוו ברענטש 14 פון א. נ. אַ .פ. פאַר דער איניציאַטיוו און דורכפירונג פון אָט דער שווערער אונטערנעמונג. דער געקליבענער מאַטעריאַל אין דעם בוך איז פון קאָלאָסאַלן ווערט פאַר אונזער גאַנצער וועלט־באַוועגונג.

דער „אַרבעטער אַלמאַנאַך“ ווערט דאָס יאָר ארויסגעגעבן צום צווייטן מאָל, און מ׳דאַרף האָפן, אַז ער וועט ווערן אַ שטענדיגע אינסטיטוציע.

צו דער רשימה דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן דער בוך „מאָדערן פּאַלעסטיין“ פון אונזער חבר דר. א. ש. וואַלדשטיין. אין קאָנטראַסט צו די אָפט ערשינענע ביכער וועגן ארץ ישראל פון טוריסטן, וועלכע באַנוגענען זיך מיט איבערפלעכליכע שילדערונגען, איז דאָס בוך פון דר. וואַלדשטיין אַן ערנסטער שטודיום פון די פאַרשיידענע פאַזן פון דעם ארץ ישראל לעבן און אַן אָביעקטיווע באַהאַנדלונג פון די פאַרשיידענע סאָציאַלע פּראָבלעמען. פון באַזונדער ווערט פאַר אונזער באַוועגונג זיינען יענע קאַפּיטלען אין בוך וועלכע באַשרייבן די אַרבעטער אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל.

צו דער פאַרלעגערישער טעטיגקייט פון אונזער באַוועגונג דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן די צוויי בענדער „אידישע פּאָעטן“, אַ האַנטבוך פאַר דער אידישער פּאָעזיע, צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט פון חבר יואל ענטין און אַרויסגעגעבן פון אונזער שולן קאָמיטעט.

ארץ ישראל טעטיגקייט.

דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין פון 1927 האָט אריינגעבראַכט די סומע פון 135 טויזנט דאָלער. ווען די שורות ווערן געשריבן, איז דער ארץ ישראל אַרבעטער קאַמפּיין פון 1928 אויף 300 טויזנט דאָלער אין פולן שוואונג. אַלע גרעסערע קרייזן פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג און אַלע גרעסערע צאָלן פון אַרבעטער קערפּערשאַפטן אַלס גאַנצע שליסן זיך אָן אָן דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין. דאָס געזונטע און אידעאַליסטישע אין דער היגער אַרבעטער באַוועגונג פאַראייניגט זיך און גרופּירט זיך ארום דער אַרבעטנדער ארץ ישראל. גרויס איז שוין די מחנה פון אידישע אַרבעטער, וועלכע געפינען אין דער ארץ ישראל טעטיקייט אַן אינערע נשמה־באַפרידיגונג און אַ טיפן לעבנס־אינהאַלט. און אין דעם ליגט די גאַראַנטיע פאַר דער פערמאַנענץ און פאַר׳ן ערפאָלג פון די ווייטערע אונטערנעמונגען לטובת דער אויסברייטונג פון דער אַרבעטער ווירטשאַפט און די באַפעסטיגונג פון די אַרבעטער אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל.

ניט קוקנדיג אָבער אויף דער אַלץ וואַקסענדער מחנה פון פריינט און מיטהעלפער פונ׳ם אַרבעטנדן ארץ ישראל, זיינען די פועלי ציון נאָך אַלץ די הויפּט אָנפירער און דורכפירער פון דעם ארץ ישראל אַרבעטער קאַמפּיין. אויף אונזערע חברים איבער׳ן לאַנד ליגט נאָך אַלץ דער הויפּט יאָך און די הויפּט זאָרג און דער אויסגאַנג פון דעם קאַמפּיין הייגנט נאָך אַלץ אָפּ אָן דעם סכום פון ענערגיע וואָס אונזער באַוועגונג טראָגט אריין אין דעם קאַמפּיין. און מיט גרויס באַפרידיגונג קענען מיר פעסטשטעלן, דאָס אַלע חברים, אין יעדער שטאָט און שטעטל, ווידמענען זיך מיט אַן אויסערגעוויינליכער מסירת נפש און אָפּפערוויליקייט צו דער ארץ ישראל אַרבעט, וועלכע איז געוואָרן דער הויפּט זין פון זייער לעבן און הויפּט מקור פון זייער גייסטיגער באַפרידיגונג.

אויסער דעם איז אין משך פון יאָר אָנגעפירט געוואָרן אַ שטילע אָבער פּראָדוקטיווע אַקטיוויטעט לטובת דער ארץ ישראל אַרבעטער באַנק. ארום 6 טויזנט אַקציעס זיינען הייאָר פאַרקויפט געוואָרן אויף דעם סכום פון קרוב צו 35 טויזנט דאָלער. באַזונדער אַנערקענונג קומט צום ח׳ י. העסטרין פון וויניפּעג, דירעקטאָר פון אַרבעטער־באַנק קאָמיטעט, וועלכער האָט באַוויזן צו פאַרקויפן 4 טויזנט אַקציעס אין משך פון די לעצטע עטליכע חדשים.

די סוכות־וואָך האָט די פּאַרטיי אַדורכגעפירט איבער׳ן גאַנצן לאַנד אַ בלומען־ און זאַמל־טאָג פאַר דעם פּאַלעסטינא אַרבעטער פאָנד.

אויסער דעם, וואָס אונזערע חברים אין אַלע שטעט נעמען אַן אנגעזעהענעם אנטייל אין די קאָמיטעטן און טעטיקייט פון נאַציאָנאַל פאָנד און יונייטעד פּאַלעסטיין אַפּיל, זיינען מיר אין די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פאַרטראָטן דורך פאָלגנדע חברים. אין נאַציאָנאַל פאָנד דירעקטאָריום דורך די חברים באַנטשעק, בראַון, ערענרייך און קרוזאָ. אין דירעקטאָריום און אַדמיניסטראַציון קאָמיטעט פון יו. פּי. איי. — דורך ח׳ ברוך צוקערמאַן.

פּאָליטיש־ציוניסטישע טעטיגקייט.

די פּאַרטיי האָט געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער לאַגע אינ׳ם אַלוועלטליכן און אינ׳ם אַמעריקאַנער ציוניזם און באַזונדער די אַרבעטער־פיינדליכע שטימונגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן באַזונדערס בולט אין צוזאַמענהאַנג מיט די הכנות צום פופצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס. די פּאַרטיי פּרעסע האָט

זיך באמת אויפצוקלערן די אמת'ע סבות פון דער שווערער לאגע אין ארץ־ישראל און אפצושלאגן די אטאקעס אויף דער ארבעטערשאפט.

דער דאזיגער אויפקלערונגס ארבעט איז צו פארדאנקען דער פארשטארקטער אינטערעס פון אונזערע חברים צו די קאנגרעס־וואלן, וואס האט געפונען זיין אויסדרוק אינ'ם שקלים־פארקויף. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואס די שקל־אקציע האט זיך צוליב די קאמפליקאציעס מיט'ן שקל באארד שפעט אנגעהויבן, איז אונז דאך געלונגען צו פארשפרייטן ארום 10 טויזנט שקלים.

אונזער פארטיי האט דורך א רעפערענדום־אפשטימונג דערוויילט די חברים פראפעסאר ח. פיינמאן און פ. קרוזא אלס די דעלעגאטן פון דער פארטיי צום 15טן ציוניסטישן קאנגרעס. דעם דריטן מאנדאט האט די פארטיי, אויף דער נאמינאציע פון דער פרויען ארגאניזאציע, וועלכע האט צווישן אירע חברות פארשפרייט ארום 3000 שקלים, איבערגעגעבן צו חברה רחל בן־צבי. דערצו האבן מיר באקומען א מאנדאט פון קאנאדע, פון וואנען עס איז געפארן חבר א. רייזנווין פון טאראנטא. ביים לעצטן קאנגרעס האט אונזער פארטיי אליין, געהאט 4 דעלעגאטן — די גרעסטע צאל אין אונזער פארטיי־געשיכטע — און דערמיט באדייטנד געשטארקט אונזער פועלי־ציון־פראקציע און דעם ארבעטער פליגל ביים ציוניסטישן קאנגרעס.

פאר'ן קאנגרעס האט די פארטיי געשענקט א סך אויפמערקזאמקייט דעם קאמף געגן דער „הדסה"־אדמיניסטראציע פון ארץ ישראל פאר איר פרוב צו אנולירען דעם אפמאך מיט דער קופת חולים. אין איר האנדלונג האבן מיר געזען א חשק צו צעברעכן די אויטאנאמיע פון דער „הסתדרות", אדער פון איינער פון אירע אינסטיטוציעס. דער אנגעהויבענער קאמף אין אונזער פארטיי־פרעסע האט באקומען די אונטערשטיצונג פון א גרויסן טייל פון דער אידיש־אמעריקאנער פרעסע. אונזערע פאראיינען זיינען אינסטרואירט געווארן צו ווירקען אויף די „הדסה" גרופען אין זייערע שטעט, אז זיי זאלן פראטעסטירן געגן דער ארץ ישראל פארוואלטונג פאר אירע אנגריפן אויף דער ארגאניזירטער ארבעטערשאפט. די פארטיי האט אויך געפאדערט דר. בלוסטאנ'ס רעזיגנאציע פון זיין פאסטן אלס הויפט־דירעקטאר פון הדסה אין ארץ־ישראל. עס איז קיין ספק ניט, אז אונזער שנעלע און אגרעסיווע האנדלונג האט פיל בייגעטראגן דערצו, אז די „הדסה" פארוואלטונג אין ארץ־ישראל זאל ענדערן איר טאקטיק און איינגיין אויף קאמפראמיסן.

נאכ'ן קאנגרעס איז אונזער פארטיי אויסגעקומען אויפצונעמען א העפטיגן קאמף געגן דער אמעריקאנער ציוניסטישער ליטונג פאר איר ארבעטער־פיינדליכער טאקטיק און באזונדערס געגן דער שטרעבונג מצד דער בירגערליך ציוניסטישער ארגאניזאציע צו האבן אויסשליסליכן קאנטראל איבער די ארץ־ישראל־פאנדן. אונזער פארטיי האט פארעפנטליכט א לענגערע „דעקלאראציע, ווארנונג און אויפרוף", וועלכע איז איבערגעדרוקט געווארן אין אונזער ארץ־ישראל'דיגער און אייראפעאישער פרעסע, און כמעט אין אלע אידיש־טעגליכע צייטונגען פון דער פראווינץ און אין א שורה אידיש־ענגלישע צייטשריפטן. אונזער דעקלאראציע, צוזאמען מיט די אפגעהאלטענע פראטעסט־פארזאמלונגען איבער'ן לאנד, האבן געצוואונגען דעם דירעקטאריום פון „יונייטעד פאלעסטיין אפיל" צו געבן פארטרעטערשאפט צו די ארבעטער פראקציעס אין ציוניזם. די פארטיי האט דערמיט געבראכט א גרויסע טובה פאר'ן גאנצן יו. פי. איי., וועמעס פאפולאריטעט וואלט זיכער געפאלן דורך דער אויסשליסליכער קאנטראל פון די בירגערליכע ציוניסטן.

די שעדליכע ווירקונג פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ליטונג דורך אירע ארבעטער־פיינדליכע ארויסטרעטונגען איז צו א גרויסער מאס אפגעשוואכט געווארן דורך חבר בערל לאקער'ס אויפטריט אין די גרעסטע שטעט פון אמעריקא אויף זיין לעצטן לעקציע־טור, אויפקלערנדיג דער ציוניסטישער עפנטליכקייט צו דער פאלשקייט, אומבאגרינדעטקייט און שעדליכקייט פון די אטאקעס אויף דער ארץ ישראל ארבעטערשאפט.

טרייד־יוניאן טעטיגקייט

אין דער צייט פון דעם צעפלאקערטן און פארניכטענדן ברודער־קריג אין דער אידישער טרייד־יוניאן באוועגונג, האט אונזער פארטיי, לויט אירע כחות, געגעבן יעדע מאראלישע הילף צו די יוניאנס. אין אונזער פארטיי־פרעסע און אויף פארזאמלונגען איבער'ן לאנד האבן מיר געהאלטן אין כסדר'דיגן באקעמפן די פארניכטונגס־טאקטיק פון די קאמוניסטישע עלעמענטן אין די יוניאנס. די פארטיי האט זיך אבער קיינמאל ניט אינגאנצן אידענטיפיצירט מיט'ן רעכטן פליגל, האט זיך שטענדיג רעזערווירט דאס רעכט פון קריטיק און האט זעלבסטשטענדיג אנגעפירט איר קאמף געגן די קאמוניסטן, אויפווייזנדיג אומעטום די ספעציפישע פראבלעמען פון דער אידישער טרייד־יוניאן באוועגונג אין אמעריקע און אנצייכנענדיג איניגע קאנסטרוקטיווע פלענער פאר דער טיילווייזער לעזונג פון די פראבלעמען.

א ספעציעלער טרייד־יוניאן קאמיטעט פון פארטרעטער פון צענטראל קאמיטעט און פון דער גענעראל עקזעקוטיווו פון נאצ. ארב. פארבאנד, האט זיך פאר איניגע חדשים צייט אפגעגעבן מיט דער ארגאניזירונג פון אונזערע חברים אין די טרייד־יוניאנס. אפטע און ספעציעלע פארזאמלונגען מיט חברים־ארבעטער פון פארשיידענע פאכן זיינען אפגעהאלטן געווארן, וואו די ברענענדע פראגן פון סדר היום זיינען דיסקוטירט געווארן. עס איז צום באדויערן דעם קאמיטעט ניט געלונגען דורכצופירן א ברייטע און זעלבסטשטענ־

דיגע טרייד יוניאָן אַקטיוויטעט, עס איז אָבער אויפגעטאָן געוואָרן אַ העכסט וויכטיגע אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן דער אמת'ער לאַגע אין די יוניאָנס און דאָס האָט געפירט צו דער פאַראייניטליכונג פון אונזער בליק און פון דער טאַקטיק פון אונזערע חברים אין די יוניאָנס.

אונזערע פאַראיינען אין באָסטאָן, מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ, מינעאַפּאָליס און אַנדערע קלענערע פונקטן האָבן זיך אויף אַ זייער אַקטיוון אופן באַטייליגט אין דעם טאָג־טעגליכן קאַמף פון דעם אידישן אַרבעטער און האָבן אָנגעפירט די טעטיגקייט פון שאַפן מאַטעריעלע שטיצע פאַר די סטרייקנדע אַרבעטער אין זייערע שטעט. אין באָסטאָן האָבן אונזערע חברים פאַר חדשים־לאַנג אָנגעפירט אַ ברייטע און ערפאָלגרייכע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם בעקער יוניאָן לייבל. די לייסטונגען פון די פועלי ציון זיינען געווען פון באַזונדער באַדייטונג, אַ דאַנק דעם אינדזשאָנקשאָן, וועלכער האָט פאַרווערט דער בעקער יוניאָן אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע אָנצופירן. אונזער פאַראיין אין מינעאַפּאָליס האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו פאַר דער פאַררופונג פון אַ קאָנפערענץ לטובת די סטרייקענדע אין דער מעבעל אינדוסטרי. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען אַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן איבערגעגעבן די פירערשאַפט אין די הענט פון די פועלי ציון. עס איז כאַראַקטעריסטיש און סימפּאַטאָמאַטיש, אַז די סטרייקנדע אַרבעטער האָבן זיך געווענדעט מיט אַ רוף צו אונזער פאַראיין, אַז ער זאָל רופן די קאָנפערענץ, מורא האָבנדיג, אַז ווען די רעכטע עלעמענטן פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג וועלן אַזאַ קאָנפערענץ רופן, וועלן זיך די לינקע אַנטזאָגן אנטיילצונעמען און דאָסזעלבע פאַרקערט. דער ערפאָלג פון דער קאָנפערענץ און דערנאָך פון דער זאַמלונג פונ'ם סטרייק־פאָנד ווייזט אָן דעם פאַרטרויען פון אַלע עלעמענטן צו אונז און אויף דער ראָל וועלכע די פועלי ציון פּאַרטיי קאָן און דאַרף איצט שפּילן אין דער אידישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

מיר זיינען אַ טייל פון דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט, וועלכער אַרבעט איצט אויס די פאַרבאַרייטונגס־פּלענער פאַר'ן צונויפרופן פון אַ אידישן אַרבעטער קאָנגרעס אין אַמעריקא. דער געדאַנק וועגן דעם קאָנגרעס איז אַרויסגעגאַנגען פון אונזערע לעצטע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. בפרט האָט די שיקאַגאָ'ער קאָנווענשאָן אונטערשטראָכן די נויטווענדיגקייט און באַדייטונג פון אַזאַ קאָנגרעס פאַר דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקא באַזונדער, און פאַר די פּראָבלעמען פון די טרייד־יוניאָנס.

קולטורעלע טעטיגקייט.

ווי אין די פאָריגע יאָרן האָט די פּאַרטיי אויך דאָס יאָר געטאָן איר חלק אַרבעט אין דער אָנפירונג פון דער שולן־באַוועגונג, און אין דער אויפהאַלטונג פונ'ם לערער־סעמינאַר.

(זע באַריכט פונ'ם אידיש נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד) אין משך פונ'ם יאָר זיינען איבערן לאַנד אָפּגעהאַלטן געוואָרן הונדערטער לעקציעס איבער די פאַרשידענסטע טעמעס (אַלגעמיין־פּאָליטישע, אַרבעטער־באַוועגונג, ארץ־ישראל פּראַגן, קולטור־און דערציאונגס־פּראָבלעמען). באַזונדערס וויכטיג זיינען פאַר דער קולטורעלער אַרבעט די טורס פון אָנפירנדע חברים (ענטין, פיינמאַן, קרוזאָ, צוקערמאַן און לאָקער).

פועלי־ציון וועלט־באַוועגונג.

אויף דער פועלי ציון וועלט באַראַטונג, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן לעצטן אויגוסט אין באַזעל, זיינען מיר געווען פאַרטראָטן דורך די חברים פיינמאַן, קרוזאָ הערינגמאַן און באַרדען פון ניו יאָרק, מ. מרגליות פון דעטראָיט און דר. פּאַלעווסקי פון נואַרק. אויך ביי דער וועלט־באַראַטונג האָבן מיר דאָס מאָל געהאַט די גרעסטע פאַרטרעטערשאַפט פון אַמעריקא. די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט אַקטיוו מיטגעווירקט אין די פאַרהאַנדלונגען און באַשלוסן פון דער באַראַטונג, וועלכע האָט געהאַט צו ערלעדיגן ערנסטע אָרגאַניזאַציאָנס־און פּאָליטישע פראַגן און פעסטשטעלן אונזער טאַקטיק און שטעלונג צו די וויכטיגסטע פראַגען פון קאָנגרעס.

פועלי־ציון־פּאָליטישער פאָנד.

ווען די וועלט באַוועגונג האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ פּאָליטישן פאָנד איז קלאָר געווען, אַז אויף דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי וועט פאַלן די הויפּט זאָרג פון דער אַקציע. אונזער פּאַרטיי האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפע פאַרשטענדניש פאַר די נויטן פון דער וועלט־באַוועגונג און דער אָפּרוף איז אומעטום געווען אַן אויסגעצייכנטער. עס איז שוין געשאַפן געוואָרן די סומע פון 13 טויזנט דאָלאַר און די אַקציע איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיגט. די באַגעגנטע סימפּאַטיען פאַר דעם פאָנד אין פאַרשיידענע קרייזן בריינגען די גאַראַנטיע אַז די אַקציע פאַר'ן פּאָליטישן פאָנד קומענדן יאָר וועט בריינגען פיל גרעסערע רעזולטאַטן.

קלאָר צו מאַכן די חברים די באַדייטונג פונ'ם פּאָליטישן פאָנד האָט אַ סך מיטגעהאָלפן דער באַזוך פון ח' בערל לאָקער, סעקרעטאַר פון וועלט־פאַרבאַנד, וועלכער האָט אין די לעצטע 5 חדשים דורכגעמאַכט אַ לעקציע־טור איבער'ן לאַנד.

אין דער אַרבעט פאַר'ן פּאָליטישן פאָנד האָבן די צווייגן פון אונזער באַוועגונג, די פועלי ציון יוגנט, די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע און דער נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד געגעבן די פולע מיטהילף און קאָאָפּעראַציע.

אַמעריקאַניש־אידישער קאָנגרעס.

אונזער פּאַרטיי באַמיט זיך לעצטנס אַריינצובריינגען אַביסל לעבן אין דעם האַלב־פּאַראַליזירטן גוף פון דעם אַמעריקאַניש־אידישן קאָנגרעס. די אידישע לאַגע אין מזרח איראָפּאַ — דער הויפּט פאַקטאָר פון באַשאַפן דעם

קאָנגרעס — פאָדערט אונזער כסדר'דיגע אויפמערקזאַמקייט און מיטהילף. און די אַמעריקאַנער אידישע כחות זיינען נאָך אַלץ צוברעקלט און די שעדליכע מאַכט פון דער זעלבסט־געקרוינטער „דזשואיש קאָמיטע" דאָמינירט נאָך אַלץ, הויפטזעכליך צוליב דער אונאַקטיוויטעט און בלוטלאָזיגקייט פון דער אַדמיניסטראַציע פון אידישן קאָנגרעס, וועלכע פאַרנאַכלעסיגט אירע פליכטן און דערמיט איר ענטוויקלונגס־מעגליכקייט. די פאַרטיי פאָדערט איצט פון קאָנגרעס אַן אויסגעהאַלטענע און קלאָר־דעפינירטע טאַקטיק, וועלכע זאָל זיין אין אָנקלאַנג מיט דעם דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון קאָנגרעס און אויך אַן אַגרעסיוון רעאַגירן אויף די איצטיגע ערנסטע פראָבלעמען אין אידישן לעבן.

ק אָ נ ו ו ע נ ש אָ ן.

די אַלע אַקטיוויטעטן פון דער פאַרטיי זיינען שטאַרק באַפרוכטפערט און סטימולירט געוואָרן פון דער זעכצנטער קאָנווענשאָן, וועלכע איז אָפגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ פון דעם 12טן ביז דעם 16טן אָקטאָבער 1927. די קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען באַלד נאָך דער פועלי־ציון־וועלט־באַראַטונג און דעם פופצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס, און דאָס האָט אין אַ הויכן מאָס אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף די באַראַטונגען און החלטות. זי האָט געהעריג רעאַגירט אויף דעם נייעם אַרבעטער פיינדליכן קורס אין ציוניזם, אָנגעוויזן אויף דער באַזונדערס שעדליכע ראָלע פון דער אָנפירונג פונ'ם בירגערליכן ציוניזם אין אַמעריקע אויפ'ן קאָנגרעס, און פראָקלאַמירט דעם אויפקלערונגס־קאַמף אין אַמעריקע, בפרט געגן די מאָנאָפאָליסטישע תשוקות בנוגע דעם יוניטעד פאַלעסטיין אַפיל. די קאָנווענשאָן האָט אָבער אויך פאַרשטאַרקט אונזער זעלבסטשטענדיגע ארץ ישראל אַרבעט און האָט גרינדליך באַהאַנדלט די פראַגן פון טרייד־יוניאָן־קאַמף און קולטור־אַרבעט.

אין דעצעמבער איז אָפגעהאַלטן געוואָרן אַ פאַרטיי־ראַט, וועלכער האָט זיך באַשעפטיגט בעיקר מיט אָרגאַניזאַציאָנס פראַגן.

צענטראַל־קאָמיטעט.

די לייטונג פון דער פאַרטיי איז איצט צוזאַמענגעשטעלט פון פאָלגנדע מיטגלידער: דר. י. אַפעלבוים, מאיר בראון, ס. באָנטשעק, י. בערקענבליט, מ. גודמאַן, א. העמלין, יצחק זאַר, ל. סיגאַל, ס. סיגאַל, ה. ערענרייך, יואל ענטין, דוד פינסקי, פראָפעסאָר חיים פיינמאַן, ב. צוקערמאַן, וועלוול שוואַרץ, י. שניידער, די ח"ח ב. קאַדער און א. כהן, פאַרטרעטער פון יוגנטליכן צ. ק. און חברה לאה ביסקין פון דער פיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

פון מאיר בראון.

דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אין אַמעריקע, וועגן וועלכנס טעטיגקייט ס'איז שוין געשריבן געוואָרן אינ'ם „אַרבעטער־אַלמאַנאַך" פון 1927, האָט היינטיגס יאָר געפייערט דעם יום טוב פון זיין פופצן יאָריגער עקזיסטענץ אַלס געזעצליך פונקציאָנירנדער קאָאָפעראַטיווער אַרבעטער־אָרדן.

דעם 6טן יאַנואַר 1913 האָט דער פאַרבאַנד דערהאַלטן זיין טשאַרטער, וואָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט אָנצופירן זיינע אָפעראַציעס אויפ'ן געביט פון קאָאָפעראַטיווער לעבנס־פאַרזיכערונג און קראַנקען בענעפיטן. פון יענעם יאָר אָן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען די פאַרצווייגטע טעטיגקייט פון פאַרבאַנד אויף די פאַרשידענע געביטן. זיין פיזיאָנאָמיע איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן אַלץ קלאָרער, דער פאַרבאַנד איז אין די 15 יאָר ווייט אַוועק אין זיין גייסטיגער אַנטוויקלונג. היינט צו טאָג איז ער איינער פון די חשובע צווייגן פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איינער פון די וויכטיגסטע מיטקעמפער פאַר דעם אַרבעטנדן ארץ־ישראל, פאַר אידישע פאָלקס־שולן, פאַר קולטורעלער אַרבעט און בכלל פאַר קאָאָפעראַטיווע טעטיגקייטן.

דער פאַרבאַנד האַלט אויף, צוזאַמען מיט די פועלי ציון, אַרום פופציג פאָלקס־שולן, וואו איבער פינף טויזנט אידישע קינדער קריגן אַ מאָדערנע אידישע דערציהונג; ער האָט פאָרטגעזעצט זיין הילף פאַר'ן אידישן לערער־סעמינאַר, ער האָט געגרינדעט אידישע אַרבעטער געזאַנגס־פאַריינען, פון וועלכע דער ניו יאָרקער פאַרבאַנד כאָר פאַרנעמט אַ זייער וויכטיגן פלאַץ צווישן אַלע אידישע געזאַנגס־פאַריינען בכלל. ער האָט סעקציעס פאַר ספאָרט און אַטלעטישע איבונגען, און שטיצט יעדן פאַרזוך פון פאַרבאַנד מיטגלידער אויף דעם געביט; (דאָ דאַרפן באַזונדערס דערמאָנט ווערן די טרומפעלדאָר פוסבאָל שפילער פון ניו יאָרק, אָרגאַניזירט אין בר. 212 פון אידיש נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד, זיי זיינען באַקאַנט אַלס אויסגעצייכענטע שפילער און האָבן מערערע מאָל געקראָגן אַנערקענונג).

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט שענקט דער פאַרבאַנד צו דער פראַגע פון בוי פון קאָאָפעראַטיווע הייזער. אין ניו יאָרק האָט ער צוויי הייזער מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, אין וועלכע עס וואוינען 125 פאַמיליעס, און ער איז צוגעטראָטן צום בוי פון נאָך צוויי הייזער פאַר ווייטערע 125 פאַמי־

ליען. די היוזער שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטערעסאַנטן ווינקל פון אידישן אַרבעטער לעבן: אַן אייגענע שולע, אַ וועכענטליכער פאָרום, אַ צאָל פאַריינען פון אַלע צווייגן פון אונזער באַוועגונג. אַנדערע שטעט קלערן אויך וועגן קאָאָפּעראַטיווע היוזער, די אַרבעט איז ערשט אין איר אָנהויב, דער פאַרבאַנד האָט אַ צענטראַלן קאָאָפּעראַטיוון דעפּאַרטמענט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אויפקלערונג וועגן קאָאָפּעראַטיווער טעטיגקייט און אָרגאַניזירונג פון גרופּן פאַר׳ן בוי פון קאָאָפּעראַטיווע היוזער.

דער פאַרבאַנד האָט אַרום 40 קאָאָפּעראַטיווע שפּאָר־ און ליי־קאַסעס; די גרעסטע זיינען אין ניו יאָרק, סט. פּאָול, מינעאַפּאָליס און טאָראָנטאָ. זייער פאַרמעגן באַטרעפט אַרום אַ דריטל מיליאָן דאָלאַר, הלוואות האָבן זיי דעם יאָר אַרויסגעגעבן אויף קרוב אַ מיליאָן דאָל.

אַ שורה ברענטשעס פאַרמאָגן צוזאַמען מיט די פּועלי־ציון און צום טייל אַליין אייגענע היימען, (אינסטיטוטן”) אין וועלכע ס׳קאָנצענטרירן זיך אַלע נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, שולן און ביבליאָטעקן. די וויכטיגסטע אינסטיטוטן זיינען אין שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, מילוואָקי, אַטלאַנטאַ און אַטלאַנטיק סיטי.

דער פאַרבאַנד האָט אויך אייגענע זומער־פאַרוויילונגס־פּלעצער און קעמפּס פאַר קינדער און דערוואַקסענע אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ מיט אַ פאַרמעגן פון איבער 200 טויזנט דאָלאַר.

דער דירעקטער פאַרמעגן פון פאַרבאַנד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די קאַפּיטאַלן פון פאַרזיכערונגס און קראַנקען בענעפיט איז פאַרגרעסערט געוואָרן צו דער סומע פון 325 טויזנט דאָלאַר.

דער פאַרבאַנד ווערט אַנערקענט אַלס איינער פון די ערשטע צווישן די זיכערסטע אַמעריקאַנער אָרדנס, ניט נאָר פון די אידישע. זיין איבערשוס איבער דעם נויטיגן רעזערוו איז אַרום 75%, דאָס הייסט, אַז ער האָט אַ גרעסערן פּראָצענט פון זיכערקייט וויפיל דאָס געזעץ פאַרלאַנגט און וויפיל זיין אייגן פאַרזיכערונגס סיסטעם, געבויט אויף וויסנשאַפטליכע יסודות לויט אַנערקענטע טאַבעלן פון שטערבליכקייט, באַשטימט פאַר אים. דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער פאַרהעלטניסמעסיג קליינער צאָל פון טויטן פאַלן, וואָס איז אַ סך קלענער פון דער דערוואַרטעטער צאָל. דער פאַרבאַנד האָט אויסגעצאָלט אין די 15 יאָר איבער דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר אין בענעפיטן צו זיינע מיטגלידער. די מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד זיינען פאַרזיכערט אין אָרדן אין קרוב צו דריי מיליאָן דאָלאַר. הייאָר פּלאַנט דער פאַרבאַנד אויסצובריטערן זיינע פאַרזיכערונגס־פאָרמען, איינאָרדנען פאַר זיינע מיטגלידער די זעלבע פאַרזיכערונגס קאָנטראַקנע פאַרזיכערונגס־פאָרמען, איינאָרדנען פאַר זיינע מיטגלידער די זעלבע פאַרזיכערונגס־קאָנטראַקטן ווי אָנערקאַנטע לעבנס־פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן. ער דערוואַרט אויך צו פאַרגרעסערן זיין וועכנטליכן קראַנקן בענעפיט און די צאָל קראַנקן־וואָכן. עס איז אויך מעגליך, אַז דער פאַרבאַנד וועט אויף דער הייאָריגער קאָנווענשאָן באַשטימען צו דערקלערן אַ דיווידענד פאַר זיינע מיטגלידער, דאָס איז דער בעסטער באַווייז פון דער פינאַנציעלער זיכערקייט פון דעם פאַרבאַנד.

אין דער טעטיגקייט פונ׳ם פאַרבאַנד פאַרנעמט די ארץ־ישראל אַרבעט אַ באַזונדערס חשוב׳ן און ברייטן פּלאַץ. זיינע חברים און ברענטשעס באַטייליגן זיך ענערגיש אינ׳ם געווערקשאַפטן קאַמפּיין, זייער ביטראַג פאַר׳ן קאַמפּיין אין די עטליכע יאָר קען געשאַצט ווערן אויף אַן ערך 50 טויזנט דאָל. דער פאַרבאַנד האָט אויך דורכגעפירט מיט ערפאָלג אַ זעלבסטשטענדיגע אַקציע פאַר׳ן אַרבעטער־סאַניטאַריום פון קופּת חולים.

אין איצטיגן מאָמענט איז דער פאַרבאַנד— אַ חוץ זיינע שטענדיגע פילזייטיגע אַרבעטן — פאַרטאָן אין אַ נייער גרויסער און אחריות־פולער אונטערנעמונג, וואָס פאַרשלינגט די ענערגיע פון זיינע בעסטע טוער אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד. אין יאָר 1926 האָבן די מיטגלידער פון דער ארץ־ישראל־אַרבעטער־דעלעגאַציע, די חברים רמז, האַרצפעלד און באַראַץ, פאָרגעשלאָגן דער עקזעקוטיווע פונ׳ם פאַרבאַנד און דעם צענטן יובילעאום־צוזאַמענפאָר, צו אָרגאַניזירן בשותפות מיט דער „הסתדרות העובדים” אין ארץ־ישראל אַן אייגענע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

די קאָנווענשאָן האָט דעם פאָרשלאַג פּרינציפּיעל אָנגענומען; די גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט שפּעטער געשיקט קיין ארץ ישראל דעם שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט די פראַגע גענויער אויסגעפאָרשט צוזאַמען מיט דער לייטונג פון דער הסתדרות און פון דער אַרבעטער־באַנק. אין רעזולטאַט איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך וועגן דער גרינדונג פון דער געזעלשאַפט „הסנה”.

די געזעלשאַפט האָט שוין אַ טשאַרטער פון דער ארץ ישראל רעגירונג און האָט באַקומען דאָס רעכט פון אַ געזעצליכער פאַרזיכערונגס־קאָמפּאַני, וואָס קאָן זיך באַשעפטיגן מיט אַלע צווייגן פון פאַרזיכערונג. אַ דירעקטאָריום פון ניין מיטגלידער איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער פירערשאַפט פון „הסנה” אין ארץ ישראל. אין דעם דירעקטאָריום זיינען אַ פאַרטרעטער פון דער הסתדרות, פון דער אַרבעטער באַנק און פונ׳ם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

די געזעלשאַפט איז שוין צוגעטראָטן צו אירע ערשטע אָפּעראַציעס אויפן געביט פון לעבנס־פאַרזיכערונג. די צאָלונגען זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן לויט אַלע כללים פון אַ וויסנשאַפטליכן פאַרזיכערונגס־סיסטעם.

„הסנה” וועט זוכן צו באַזאָרגן איינצעלנע, אַרבעטער און ניט אַרבעטער, מיט לעבנס פאַרזיכערונג. אויך וועט זי זאָרגן דורך גרופּן פאַרזיכערונג פאַר גאַנצע אַרבעטער דערפער, קבוצות און מושבים, ווי אויך אינדוסטריעלע

קאָאָפּעראַטיוון און גרופּן אַרבעטער אין פאַרשידענע פאַבריקן. שפּעטער וועט „הסנה" אויך אויפנעמען דעם צווייג פון קאָמפּענסאַציע פאַרזיכערונג, אין וועלכער די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל זיינען באַזונדערס פאַראינטערעסירט, איבערהויפּט זינט זיי האָבן אויסגעפירט, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אין ארץ ישראל אַ געזעץ וועגן קאָמפּענסאַציע פאַרזיכערונג.

„הסנה" האָט אויך די אויפגאַבע צו העלפן שאַפן היפּאָטעקן קרעדיט (ערשטע מאָרטגעדזשעס) פאַר'ן בוי פון אַרבעטער־הייזער און אַרבעטער קוואַרטאַלן, און אַזוי וועט די געזעלשאַפט סיי פונ'ם גרינדונגס־קאַפּיטאַל, סיי פון אירע פאַרזיכערונגס־פּרעמיאומס פאַרווענדן געלטער אויף דעם פּראָדוקטיוון אופן, וואָס זאָל באַזאָרגן מיט בוי־קרעדיט אַ צאָל אידישע אַרבעטער פאַמיליען.

„הסנה" האָט די מעגליכקייטן צו ווערן אַ וויכטיגער פינאַנץ אינסטרומענט אין די הענט פון אידישע אַרבעטער, וואָס קאָן פיל העלפן צו דער באַפעסטיגונג פון די אידישע אַרבעטער פּאָזיציעס אין ארץ ישראל, און פירן מיט דער צייט צו דער עטאַבלירונג פון אַן אַלוועלטליכער אידישער אַרבעטער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט אַלע אורזאַכן צו פייערן איצט, נאָך פופצן יאָר אַרבעט, זיין יובילעאום־יום־טוב, אָבער אין דער זעלבער צייט ווייסט ער, אַז ער איז נאָך אַלץ אין אָנהויב פון זיין אַרבעט.

און מיט זאָרג און ערנסט קומט ער צו זיין עלפטער קאָנווענשאָן אין דעטראָיט. אַ קנויל פון עקאָנאָמישע, קולטורעלע און אָרגאַניזאַציאָנס פּראָבלעמען האָט ער צו לעזן, אָבער, זייענדיג באַוואָפנט מיט דעם נויטיגן כח און אַרבעטסווילן, וועט ער זיכער געפינען דעם וועג צו זייער פאַרענטפערונג און דערמיט צו דער ווייטערער פאַרשטאַרקונג פון זיין השפּעה און שאַפונגס־פיאיגקייט.

די פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע

פון לאה ביסקין.

די פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע (פרויען אָרגאַניזאַציע פאַר די חלוצות אין ארץ־ישראל), האָט ערשט פאַרענדיגט דאָס דריטע יאָר פון איר עקזיסטענץ. מיט דריי יאָר צוריק האָט זי מיט אַ קליינער צאָל חברות און בלויז עטליכע גרופּן איבער'ן לאַנד, אָנגעהויבן איר אַרבעט צו העלפן באַפעסטיגן די פּאָזיציעס פון דער אַרבעטער פרוי אין ארץ־ישראל, פאַרבעסערן איר עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע און דערמעגליכן איר פולן אַנטייל אינ'ם אויפבוי פון דער אידישער אַרבעטענדער היימלאַנד.

אָבער שוין ביי איר גרינדונגס־קאָנווענשאָן, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָקטאָבער 1926, האָט זי געקאַנט פאַרצייכענען אַ באַדייטנדיגן דערפאָלג, סיי אויפ'ן אָרגאַניזאַציאָנס־געביט, סיי אין דער טעטיגקייט פון שאַפן פאָנדן פאַר'ן אַרבעטנדן ארץ־ישראל. באַזונדערס אָבער האָט זיך די אָרגאַניזאַציע פאַרשטאַרקט און פאַרגרעסערט אין לעצטן יאָר און יעצט ציילט זי שוין 50 קלובן איבער'ן לאַנד מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון קרוב צו 3.000 אָרגאַניזירטע חברות.

אידעאָלאָגיש שטייט די פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע אויפ'ן יסוד פון די גרונט־פּרינציפּן פונ'ם פועלי ציוניזם. זי איז פאַרבונדן מיט דער פועלי ציון פאַרטיי דורכדעם, וואָס אירע חברות צאָלן דעם שקל און די תרומה, (יערליכער שטייער פונ'ם וועלט־פאַרבאַנד פועלי ציון) און אויך דורך דער געגנזייטיגער פאַרטרעטערשאַפט אין צ. ק. פון די פועלי־ציון און דער עקזעקוטיווע פון דער פרויען־אָרגאַניזאַציע.

לעצטן אָקטאָבער האָט די אָרגאַניזאַציע אָפּגעהאַלטן אין שיקאַגאָ די ערשטע קאָנפערענץ פון די פאַראיינען פון דער מיטל־וועסט, אויף וועלכער עס זיינען געווען פאַרטראַטן די גרעסטע צאָל קלובן פון יענעם געגנט. ענדע דעצעמבער 1927, איז אין ניו יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן די קאָנפערענץ פון די מזרח־שטאַטן. ביי ביידע צוזאַמענפאָרן זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן זייער דערפרייענדיגע באַריכטן פון דער טעטיגקייט, וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך דאָרט בולט אַרויסגעוויזן דער טיפער אינטערעס פון די חברות צו דער אָרגאַניזאַציע, צו דער אַרבייטער פרוי אין ארץ ישראל און צו דעם אויפבוי פון דער אידישער היימלאַנד אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

ביי דער איסטערן קאָנפערענץ איז אָפּיציעל אויפגענומען געוואָרן דער חשוב'ער גאַסט פון ארץ ישראל, חברה רחל ינאית בן־צבי, וועלכע איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס די פאָרשטייערין פון די אידישע אַרבעטער־פרויען אין ארץ־ישראל, אויף דער ספּעציעלער איינלאַדונג פון דער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע. חברה בן־צבי האָט דאָרט געהאַלטן אַ לענגערן רעפעראַט איבער די פּראָבלעמען, דעם לעבן און שאַפן פון דער אַרבעטאָרין אין ארץ־ישראל.

אין פאַרלויף פון לעצטן יאָר זיינען דורכגעפירט געוואָרן איניגע לענגערע אָרגאַניזאַציאָנס־טורן איבער'ן לאַנד. דעם ווינטער האָט חברה בן־צבי באַזוכט כמעט אַלע קלובן און אַ דאנק דעם איז די אָרגאַניזאַציע פאַרשטאַרקט און באַפעסטיגט געוואָרן, אירע רייען

האָבן זיך פאַרגרעסערט און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ וואונדערבאַרער סענטימענט פאַר דער ארץ־ישראל טעטיגקייט.

לעצטן יאָר האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט אַ קאַמפּיין פאַר די פרויען קאָאפּעראַטיוון אין ארץ ישראל פאַר 25 טויזנט דאלאר, פון וועלכע קרוב צו 15 טויזענט דאלאר אין מזומן זיינען געשאַפן געוואָרן. אויך אין די פריערדיגע פאָר יאָר האָט די אָרגאַניזאַציע געזאמעלט באַדייטנדע סומען פאַר דעם צוועק. דאָס יאָר פירט זי אַן אַקציע אויף 35 טויזנט דאלאר, פון וועלכע מער ווי אַ העלפט איז שוין געשאַפן געוואָרן, און די אַרבעט איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיגט, אַזוי, אַז עס איז צו דערוואַרטן, אַז די פולע סומע זאָל געשאַפן ווערן. דאָס האָט פיל מיטגעהאָלפן דער פארשטאַרקונג פון די פרויען־ווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל און געגעבן אַ מעגליכקייט אַ גרויסער צאָל חברות זיך צו באַשעפטיגן פאַר קאָנסטרוקטיווער און פּראָדוקטיווער אַרבעט.

אויסער דעם באַטייליגט זיך די אָרגאַניזאַציע אַקטיוו אין אַלגעמיינע ארץ־ישראל טעטיגקייטן, וואָס ווערן דאָ אָנגעפירט: ווי דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין, פּאַלעסטינא אַרבעטער פאָנד, קרן־היסוד, נאַצ. פאָנד, אַרבעטער באַנק, און האָט זיך אויסגעצייכנט אין לעצטן שקלים קאַמפּיין, וואָס האָט איר דערמעגליכט צו האָבן אַ פאַרטרעטערן אין דער פּועלי־ציון פראַקציע, אויפ'ן 15־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. די קלובן האָבן אויך פיל מיטגעהאָלפן אין פּאָליטישן פאָנד, וואָס די פּועלי ציון פּאַרטיי אין אַמעריקע זאַמלט פאַר די אויפגאבן פון דער וועלט־באַוועגונג און האָבן געשאַפן באַדייטנדע סומען פאַר די סטרייקנדע מיינערס.

די אָרגאַניזאַציע פירט אָן אויף אַ ברייטן אופן קולטור־ און זעלבסט־בילדונגס־טעטיגקייט. לעקציעס און שטודיר־קלאַסן ווערן אין די ווינטער־חדשים דורכגעפירט אין אַלע קלובן. עס ווערן שטודירט פראַגן איבער ארץ־ישראל, אידישע געשיכטע און ליטעראַטור, אידישע און אַרבעטער פּראָבלעמען בכלל און פרויען־פּראָבלעמען בפרט.

אַן אינטענסיווע טעטיגקייט פירט די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע אָן פאַר די פאָלקס־שולן אין אַמעריקא. די חברות באַטייליגן זיך סיי אין שאַפן פאָנדן, סיי אין אַלע אַזעלכע טעטיגקייטן פאַר דער פאַרשטאַרקונג, פאַרצווייגונג און אויפהאַלטונג פון די שולן.

די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס אַ צייטשריפט אין אידיש און אין ענגליש „די פּיאָנערן פרוי“, וועלכע דערשיינט דערווייל אַלע דריי חדשים און וועט אין גיכן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חודש'ליכן אָרגאַן. אין דער צייט פון איר עקזיסטענץ האָט די אָרגאַניזאַציע אַרויסגעגעבן אַ רייע פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונגס־שריפטן, און האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל.

די פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע האָט אין די דריי יאָר פון איר עקזיסטענץ געמאַכט אַ גרויסן פּראָגרעס אָרגאַניזאַטאָריש, קולטורעל און אויפ'ן פינאַנציעלן געביט פאַר ארץ־ישראל. זי האָט פאַראינטערעסירט אַ גרויסע צאָל אידישע אַרבעטער פרויען אין דער באַוועגונג, האָט אַרויסגערופן די וואַרימסטע חבר'ישע געפילן פון טויזנטער פרויען און מענער אין אַמעריקע צו איר אַרבעט און האָט געשאַפן די געהעריגע שטימונג פאַר דער אָרגאַניזאַציע. דאָס פעלד פאַר דער באַוועגונג איז פריש און ווערט איצט צואַקערט, אָבער גאָר אינגיכן וועט די אָרגאַניזאַציע ווערן אַ שטאַרקער און וויכטיגער כח פאַר דעם ארץ־ישראל אויפבוי, פאַר דער נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פאַר דער סאָציאַלער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעטער־פרוי.

די יונגע פּועלי־ציון

פון י. שניידער.

יוגנט־קלובן ביי דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַמעריקע האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינדן נאָך פאַר דער מלחמה. ס'איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אָנפירנדע קערפּערשאַפט און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ פּרעסע; פון אָנהויב אין אַ מימעאָגראַפירטער פאָרם; סוף 1914 איז שוין ערשינען דער געדרוקטער „יונגער אידישער קעמפער“ אין 4 זייטן און האָט זיך שפּעטער צואוואקסן צו 12 זייטן מיט אידישע און ענגלישע אָפּטיילונגען.

אין דער מלחמה־צייט האָט זיך די יוגנט־באַוועגונג פאַרברייטערט און פאַרצווייגט איבער אַלע אָפּטיילונגען איבער'ן גאַנצן לאַנד. אַ סיסטעמאַטישע קולטור־טעטיגקייט איז אָנגעפירט געוואָרן און די קלובן זיינען געווען אַקטיוו אין אַלע פּאַרטיי־אונטערנעמונגען און אַקציעס פון יענער צייט. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר דעם אידישן לעגיאָן האָבן זיך פיל חברים, און איבערהויפּט פון די טעטיגסטע, אָן אים אָנגעשלאָסן. אין 1920, בשעת דער פּוע״צ־פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג, איז אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די יוגנט־קלובן, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פון טעטיגקייט אין די קלובן און האָט אויך אָנגעמערקט די אויפגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע און די באַציאונג

צו דער פּאַרטיי. אָבער די אנטוויקלונג פון דער יוגנט איז נאָך דער קאָנסטיטואירנדער קאָנ־ווענשאָן ניט אַוועק צופרידנשטעלנדיג. דער יוגנט־באַוועגונג גופא האָט נאָך געפעלט אַ טיכ־טיגע פירערשאַפט. די עלטערע חברים, איבערהויפּט אין דער אָנפירערשאַפט, האָבן צוליב די וויכטיגע פּאַרטיי־טעטיגקייטן, ווי „צייט", געצייג־קאַמפּיין א. ז. וו., אָנגעהויבן צו פאַר־נאַכלעסיגן די יוגנט־אַרבעט און ווען אין אַפּריל 1921 איז נאָך דערצו דער „יונגער אידישער קעמפּער" קאָנפיסקירט געוואָרן איז די ארבעט אין די וויכטיגסטע קלובן זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

בלויז אין איין טייל פון לאַנד, אינ'ם ניו ענגלאַנד דיסטריקט, זיינען איינגעהאַלטן געוואָרן די פּאָזיציעס. אַ דאַנק דער נאָענטקייט פון די איינצלנע שטעט און דער איבערגע־בענער ענערגישער אָנפירערשאַפט. אָנהויב 1922, מיט דער גרינדונג פון אַ נייעם יוגנט־קלוב אין ניו יאָרק האָט זיך אָנגעהויבן רעאָרגאַניזירן די יוגנט־באַוועגונג. ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליגער צענטראַלער קאָמיטעט פאַר יוגנטליכע און ענגליש־שפּרעכנדע קלובן מיט חברה ר. קרופּסקי אַלס צייטווייליגער סעקרעטארין. דער קאָמיטעט האָט זיך גע־שטעלט אין פאַרבינדונג מיט פאַרשיידענע שטעט און גלייך האָבן אָנגעהויבן זיך אָרגאַניזירן נייע פּונקטן. דאָס איז געווען די צייט פון פרייערער איינוואַנדערונג און די אַלע נייע קלובן זיינען געגרינדעט געוואָרן פון דעם איינגעוואַנדערטן עלעמענט.

דעם 3טן יולי 1922 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין האַרטפאָרד, קאָנג., אַ דיסטריקט־קאָנ־פערענץ מיט פּאַרטרעטער פון ניו ענגלאַנד־געגנט און ניו יאָרק. די דאָזיגע קאָנפערענץ איז אָבער פאַקטיש געווען פון דער גרעסטער באדייטונג פאַר דער באוועגונג אין גאַנצן לאַנד. דאָ איז באַשטימט געוואָרן דער נאָמען פון אונזער אָרגאַניזאַציע: י ו נ ג ע פּ ו ע ל י צ י ו ן. ס'איז געוויילט געוואָרן אַ צ. ק. צום סוף יאָר איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַ באַצאָל־טער סעקרעטאר און די טעטיגקייט האָט אָנגענומען אַ ברייטערן שוואונג. באַלד האָט זיך דערפילט די נויטיגקייט פון אַן אייגענער טריבונע. אין מאַרטש 1923 האָט אָנגעהויבן צו ערשיינען דער „יוגנט זשורנאַל", וועלכער ווערט ארויסגעגעבן ביז היינטיגן טאָג אַלס חודש־בלאַט אין אידיש און ענגליש.

די ערשטע ברייטערע צוזאַמענקונפט מיט אַ גרעסערער צאָל געוויילטע פאַרטרעטער פון די קלובן איז געווען דער 2טער צוזאַמענפאָר וועלכער איז פאָרגעקומען לייבאָר דעי (אָנהויב סעפּטעמבער) 1923 אין ראַקסבורי, מאַסס. די יוגנט־באַוועגונג האָט שוין דעמאָלט געהאַט איבער 500 מיטגלידער אין 18 קלובן. ביז סעפּטעמבער 1924, צום דריטן צוזאַמענפאָר (אין באָסטאָן) איז די צאָל פאַרגרעסערט געוואָרן מיט 50 פּראָצענט.

ביז דאַן האָט זיך די באַוועגונג קאָנצענטרירט אין איר פעסטער מערהייט אין די מזרח־סטייטס, אָבער פון דעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן קלובן אין דער מיטל־וועסט און סאַוט ווי אויך אין קאַנאַדע. דער עלעמענט אין די קלובן איז באַשטאַנען פון דער איינ־געוואַנדערטער יוגנט. מיט דער פאַרקלענערונג פון דער מאַסן־אימיגראַציע, ווען די יוגנט־פאַראיינען האָבן דערזען אַז עס שעפּט זיך צו ביסלאַך אויס דער דאָזיגער עלעמענט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן קלענערע קינדער־קלובן פון היגע געבאָרענע יונגוואַרג. דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז די פערטע קאָנווענשאָן אין פּעטערסאָן (סעפּטעמבער, 1925) האָט געמוזט איינטיילן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אין צוויי קאַטעגאָריעס: יוגנט־קלובן ביז'ן עלטער פון 17 יאָר; איבער דעם עלטער זיינען זיי אָנגערופן געוואָרן פ אַ ר א י י נ ע ן. דאָס איז נויטיג געווען כדי צו קענען איינטיילן די בילדונגס־טעטיגקייט לויט די יאָרן. ביסלאַכווייז הויבט אָן צו פאַרגרעסערן זיך דער ענגליש־שפּרעכנדער עלעמענט. צו דעם פינפטן צוזאַמענפאָר אין אָלבאַני (1926) ציילט אָט דער עלעמענט איין־דריטל פון דער מיטגלידערשאַפט; אויפ'ן זעקסטן צוזאַמענפאָר (אין טאָראָנטאָ 1927) פאַרנעמט שוין דער אידיש־רעדנדער טייל בלויז איין דריטל פון אַלע מיטגלידער.

די אָנפירערשאַפט מיט דער יוגנט־באַוועגונג געפינט זיך די גאַנצע צייט ביי אַ צענטראַל קאָמיטעט פון יוגנטליכע אָדער אַרויסגעוואַקסענע פון דער יוגנט, וועלכע ווערן ערוויילט ביי די צוזאַמענפאָרן. די סעקרעטארן פאַר די לעצטע 5 יאָר זיינען געווען י. זאַלצבערג, י. שניי־דער און ב. קאָדער, וועלכער איז ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן ווידער ערוויילט געוואָרן. אין צענטראַל קאָמיטעט געפינען זיך צוויי פאַרטרעטער פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי (דיזעלבע צאָל שיקט די יוגנט אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי). פאַר די לעצטע פאָר יאָר זיינען געטראַנ־ספערירט געוואָרן צו דער פּאַרטיי 8 יוגנט־פאַראיינען און אַ צאָל אינדיווידועלע מיטגלידער.

אין יעדער אַקציע און קאַמפּיין פון דער פּאַרטיי האָבן די יוגנט־קלובן שטענדיג מיט־געהאָלפען; אַזוי ביי די וואַלן צום אידישן קאָנגרעס, ציוניסטישן קאָנגרעס א. אַ. וו.

זייער אַקטיוו איז די יוגנט במשך דער גאַנצער צייט פאַר די פאַרשיידענע ארץ־ישראל־פאָנדן, איבערהויפּט פאַר די אַרבעטער־פאָנדן, ווי פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד (געזאַמלט איבער 12 טויזנט דאָלער אין 5 יאָר צייט), געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, סאַניטאַריום און מעדיקאַמענ־טען־אַקציע, קאַמפּיין פון די פּיאָנירן פרויען קלובן פאַר די חלוצות און דעם ביכער־קאַמפּיין פאַר דער ועדת התרבות פון דער הסתדרות. די יוגנט האָט זיך אויך שטענדיג אָפּגערופן אויף אַלגעמיינע אַרבעטער־אַקציעס (פאַרשיידענע סטרייקס, פּראָטעסט־באַוועגונג ארום עניין סאַקאָ־וואַנזעטי, אָרגאַניזירונג פון יוניאָנס א. אַז. וו.).

יעדער קלוב איז פאַרפליכטעט צו אָנפירן אַ רעגולערע זעלבסטבילדונג און ערציאונגס־טעטיגקייט. דאָס ווערט געטאָן אין פּאַרטיי־שולן, קורסן, סעריעס און איינצלנע לעקציעס איבער וויסנשאַפטליכע און צייטמעסיגע טעמעס, געזאַנגס־גרופּן, אָרקעסטרען, ליטעראַריש־דראַמאַטישע סעקציעס. שיקאַגאָ, מינעאַפּאָליס, ניו ענגלאַנד האָבן אייגענע מימעאָגראַפישע צייטונגען. 7 קלובן פאַרמאָגן אויך אייגענע ביבליאָטעקן. אין איניגע שטעט (אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ, מילוואָקי, עקראָן א. א.) געפינען זיך ביי די יוגנט קלובן פאַרשיידענע ספּאָרט־אַפּטיילונגען. די יוגנט־קלובן העלפן מיט אין פילע שטעט אין דער טעטיגקייט פון די אָרטיגע פאָלקסשולען און דעם אידישן לערער־סעמינאַר.

לעצטן יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסער פּראָפּאַגאַנדע־ און אָרגאַניזאַציאָנס־טור מיט דעם סעקרעטאַר וועלכער האָט געדויערט 10 וואָכן און האָט אַרומגענומען 35 שטעט. אַ צווייטער טור איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם ניו־ענגלאַנד געגנט. גאַנץ אָפט ווערן די קלובן באַזוכט פון פּאַרטיי־חברים, וולכע פאָרן אַרום אויף פאַרשיידענע מיסיעס.

זייט דעם לעצטן יאָר איז די יוגנט־אָרגאַניזאַציע אָנגעשלאָסן אָן דעם סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, אַלס טייל פון דער ארבעטס־געמיינשאַפט פון די אידישע סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס (פּועלי ציון יוגנט וועלט־פאַרבאַנד).

די מיטלען אויף אָנצופירן מיט דער באַוועגונג ווערן געשאַפן פון די אייגענע מיטגלידער דורך דעם אָרגאַניזאַציאָנס־ און קולטור־פאָנד און דורך מיטגלידס־שטייער. אָט די דאָזיגע הכנסה מאַכט אויס אַרום 90 פּראָצענט פון אַלע הוצאות.

דער איצטיגער צענטראַל קאָמיטעט באַשטייט פון די חברים ב. קאָדער, ה. מאַקסאָן, י. שניידער, א. כהן, ש. פאָגעלפאַנגער, א. פעדער, מ. סילווערבערג, מ. קעבסט און פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי, ח"ח פ. קרוזאָ און ס. באַנטשיק.

דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין פאַר די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל

פון א. העמלין.

דעם 14טן פעברואַר, 1924, איז אין קופּער יוניאָן האָל, פּראָקלאַמירט געוואָרן דער ערשטער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. דאָס איז אָן ספק געווען אַ היסטאָרישע געשעעניש אין דעם לעבן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אומפאַרגעסליך וועלן בלייבן די הערליכע ווערטער וועלכע דער פירער און פּיאָנער פון דיזער באַוועגונג, מאַקס פּיין, האָט מיט גרויס פּאַטאָס אויסגערופן: „מיר זיינען געקומען אַהער אַרונטערנעמען דעם חרם וועלכער איז פאַר יאָרן און יאָרן געלעגן אויף די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל"! פון יענעם טאָג אָן האָט זיך ווירקליך אָנגעפאַנגען אַ וואונדערבאַרע באַוועגונג, וועלכע זאַמלט אַרום זיך אַלץ גרעסערע קרייזן פון די אידישע אַרבעטער און פאָלקסמאַסן פון אַמעריקע און ווערט אַלץ מער אַ גאַר וויכטיגער כוח פאַר דעם אויפבוי פונ'ם אַרבעטענדן ארץ־ישראל.

דער ערשטער געווערקשאַפטן קאַמפּיין איז צושטאַנד געקומען אַ דאַנק דעם באַשלוס וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַן אַלגעמיינעם מיטינג פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן פון ניו יאָרק אין דעצעמבער, 1923. ביז דעמאָלט זיינען פאָרגעקומען איניגע קאָנפערענצן מיט אַרבעטער פירער, וואו מען האָט בכלל פאַרהאַנדלט וועגן דער באַטייליגונג פון דער אַרב. באַוועגונג אין אַלגעמיינע אידישע פּראָבלעמען. קאָנקרעט האָט מען זיך אָבער דאַן אָפּגעשטעלט ביי דער פראַגע פון העלפן באַפעסטיגן די פּאָזיציעס פון די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. צו דעם האָבן אַ סך טרייד יוניאָן פירער שוין דאַן אַרויסגעוויזן פיל סימפּאַטי און פאַרשטענדניש. אַרום יענער צייט איז אויך אָנגעקומען אַן אָפיציעלע ווענדונג פון דער „הסתדרות" צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן, אין וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די גאַנצע לאַגע און די אַנטוויקלונגס מעגליכקייטן פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין ארץ ישראל, און די געווערקשאַפטן זיינען איינגעלאַדן געוואָרן, צו שיקן אַ דעלעגאַציע און באַקענען זיך מיט דער לאַגע אויפ'ן אָרט. אַלס ענטפער אויף דער דאָזיגער איינלאַדונג האָבן עס די געווערקשאַפטן אין חודש דעצעמבער כמעט איינשטימיג באַשלאָסן, צו ענטפערן אויף דעם רוף פון דער הסתדרות און צוטרעטן צו דער דורכפירונג פון אַ געלטזאַמלונג פאַר די אַרבעטער־אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט איז דאַן דערוויילט געוואָרן, אין וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן פאַרטרעטער פון אַלע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, פון אַ שורה לאָקאַלע און צענטראַלע טרייד יוניאָנס, און עס איז געבאָרן געוואָרן אָט די קערפּערשאַפט, וועלכן מיר רופן איצט „געווערקשאַפטן קאַמפּיין קאָמיטעט פאַר די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל".

פאַר די, וועלכע לייענען דעם איבערבליק,

וועט אפשר אויסקוקן, אַז די האַנדלונג פון די געווערקשאַפּטן איז אָפּגעלאָפן אויף אַ גאַנץ גלאַטן אופן. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ טעות. די באַקאַנטמאַכונג פון דעם דאָזיגן באַשלוס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע געגנערשאַפּט און אויפרודערונג אין געוויסע קרייזן פונ׳ם „אידישן סאָציאַליסטישן פּאַרבאַנד“ און פון דער „פּאָרווערטס“ אַסאָסיאיישאָן, שוין ניט רייידנדיג פון די קאָמוניסטישע עלעמענטן, וועלכע באַקעמפן אונזער אַרבעט אויפ׳ן ביטערסטן אופן. שטערונגען און שטויגער אין וועג זיינען געלייגט געוואָרן פון אַלע זייטן, און אויף פאַרשידענע אופנים. בטול, ציניזם, אָפענע און פאַרשטעלטע געגנערשאַפט, שטילשווייגן אין דער פּרעסע, — דאָס אַלץ האָט באַגעגנט דער ערשטער געווערקשאַפטן קאַמפּיין. צום גליק אָבער האָט זיך געפונען אַ גרופּע פון איבערגעבענע אַרבעטער פירער, ווי שיפּלאַקאָף, מאַקס צוקערמאַן, מ. פּיינסטאָן, י. שלאָסבערג, דזש. גאָלדשטיין, ל. הענאַך און צו זיי אַ רייע איבערגעבענע חברים און פריינט איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכע האַבן פאַרמאָגט גענוג מוט און קוראַזש, געגענצושטעלן זיך אָט די אַלע שוועריקייטן. אַ דאַנק דעם איז דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין סוף כל סוף אַרויס אין דער עפנטליכקייט און האָט אָנגעפאַנגען פעסט צו מאַרשירן אונטער זיין אייגענער פאָן.

דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין קען מען זיכער ניט אָפּטיילן פון זיין שעפער, פאַר־קעמפּער און טרייען פירער, דעם פאַרשטאָרבע־נעם מאַקס פּיין. ער איז געווען די נשמה און די טרייב־קראַפט פון דער באַוועגונג, וועלכע ער האָט געווידמעט די לעצטע פינף יאָר פון זיין לעבן. זייענדיג אַרומגערינגלט פון אַ סביבה פון געגנערשאַפט, איז פּיינ׳ען זייער אָפּט אויסגעקומען דורכצומאַכן טיפע אינער־ליכע ליידן. גאַנץ אָפּט פלעגן מיר זיך באַגע־גענען אין דעם אָפיס פון די געווערקשאַפטן, און פּיין פלעגט מיט זיין שטענדיגן הומאָר פאַרבייגייענדיג אַ פרעג טאָן: „נו, העמלין, זאָגט, וועלן מיר האָבן צו באַצאָלן פאַר די אַדווערטייזמענטס פון קאַמפּיין?“ ווארום אין די קרייזן, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען האָט מען דאַן אָפּגעשאַצט, אַז דער ערשטער קאַמפּיין וועט אַריינברינגען העכסטנס $10,000. דערפון וועט מסתמא $5,000 אַראָפּ־גיין אויף הוצאות, און $5,000 וועט מען אָפּ־שיקן קיין ארץ ישראל, און פאַר אַזאַ קאַמפּיין איז זיכער ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך.

אָבער די אַלע געגנער און סקעפּטיקער האָבן אַ טעות געהאַט. דער קאַמפּיין האָט זיך אָנגעצונדן ווי העלער פאַקל, און האָט זיך פאַר־שפּרייט איבער אַלע ווינקעלאַך פון אַמעריקע. דער ערשטער אויפטריט פון די געווערק־שאַפטן פאַר ארץ ישראל האָט איבעראַל אַרויס־גערופן דעם העכסטן ענטוזיאַזם. די פראַגע וועגן ארץ ישראל איז צום ערשטן מאָל אַוועק־געשטעלט געוואָרן אויפ׳ן סדר היום פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטער באַוועגונג און איז געוואָרן דער געשפּרעך פון טאָג צווישן אָרבע־טער אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטער פירער. די גאַנצע אידישע וועלט האָט אויפגענומען מיט פרייד דעם באַשלוס פון די פאַראייניגטע אי־דישע געווערקשאַפטן, וועלכער איז מיט רעכט באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ נייער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבע־טער באַוועגונג. און אין משך פון עטליכע יאָר האָט דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין באַקו־מען זיינע „בירגער רעכט“ אין דעם אידישן אַרבעטער לעבן פון אַמעריקע.

אַ ריזיגע מינדליכע און שריפטליכע פּראָ־פּאַגאַנדע האָט דער געווערקשאַפטן קאָמיטעט דורכגעפירט. די מינדליכע פּראָפּאַגאַנדא איז גלענצענד דורכגעפירט געוואָרן דורך פילע אַר־בעטער פירער און שפּעטער דורך די מיטגלי־דער פון דער ארץ ישראל אַרבעטער דעלעגאַ־ציע. די ערשטע דעלעגאַציע צום געווערק־שאַפטן קאַמפּיין איז געקומען אין 1926, און איז באַשטאַנען פון די חברים י. בן צבי, באַראַץ און רמז. (איין דעלעגאַציע, באַ־שטייענד פון די חברים כצנלסון, מאַניאַ שחט און יוסף באַראַץ, איז שוין דאָ געווען אין 1922, אין די אינטערעסן פון דער ארץ ישראל אַרבעטער באַנק; דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט). די צווייטע דעלעגאַציע (1927) איז באַשטאַנען פון די חברים דר. חיים אַרלאַזאַראָף, דוב האָז און זלמן רובאַשאָוו. אין דער היי־יאָריגער, דריטער דעלעגאַציע זיינען געקומען די חברים דר. אַרלאַזאַראָף, דוב האָז און י. מערעמינסקי. זיי אַלע האָבן געבראַכט דאָס וואָרט פונ׳ם אַר־בעטנדן ארץ־ישראל אין אַלע ווינקעלאַך פון אַמעריקע, האָבן באַקאַנט און פּאָפּולער גע־מאַכט צווישן אַלע קרייזן פון אַמעריקאַנער אידנטום די שאַפונגען פון דער „הסתדרות“, אירע צילן און אויפגאַבן.

אויסער דער מינדליכער פּראָפּאַגאַנדא, איז זייער פּיל אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם גע־ביט פון שריפטליכער פּראָפּאַגאַנדא. אין די ערשטע עטליכע קאַמפּיינס זיינען אַרויסגע־געבן געוואָרן פיר געווערקשאַפטן קאַמפּיין צייטונגען, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן, אין 200 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אויסער דעם זיינען ערשינען אויפרופן, ליפלעטס, פּראָפּאַ־גאַנדע־בראָשורן, און לאָקאַלע אויסגאַבן. די אַלע מאַטעריאַלן זיינען צעשיקט געוואָרן פריי צו אַלע יוניאָנס, אַרבעטער רינג בראַנטשעס, און אַ סך פּראָגרעסיווע און אַרבעטער אָרגאַ־ניזאַציעס. אויסער דעם, זיינען ערשינען אויפרופן אין דער פּריוואַטליכער אידישער פּרעסע. דאָ דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די אַרטיקלען פון אב. קאַהאַן אין „פּאָרווערטס“ נאָך זיין צוריקקער פון ארץ ישראל אין 1927, וועלכע האָבן געהאַט אַ ברייטע און גינסטיגע ווירקונג. די שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדא האָט דערגרייכט הונדערטער טויזנטער אידישע אַר־בעטער און פאָלקס־מענשן, וועלכע האָבן זיך אויף אַזאַ אופן דערנענטערט צו ארץ ישראל, און צו דער אויפבוי אַרבעט פון אונזערע פּיאָנערן.

אַן אינטערעסאַנטער שטריך אין געווערקשאַפטן קאַמפּיין איז די ברייטע סימפּאַטיע און אַנערקענונג, וועלכע אונזער אַרבעט געווינט אין דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג. די ערשטע נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָנווענשאָן, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 3טן יאַנואַר 1926 אין בעטהאָוון־האָל, איז אַדרעסירט געוואָרן פון אונזער ענגלישן פריינט קאָל. דזשאָשוא וועדזשוואוד, וועלכער האָט דאַן אויך אַדרעסירט אונזער ערעפנונגס פאַרזאַמלונג אין קופּער יוניאָן און איניגע פאַרזאַמלונגען אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. צו דער צווייטער קאָנווענשאָן (2טן יאַנואַר 1927, אין „פאָרווערטס” האָל) איז אָנגעקומען זייער אַ וואַרימער בריוו פון פּרעזידענט גרין פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. מיט אַ חודש שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אַרבעטער קאָנפערענץ אין טשיקאַגאָ, צו וועלכער עס איז אָנגעקומען אַ זייער וואַרימע און באַגייסטערטע באַגריסונג פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם סאָציאַליסטישן פירער און קעמפּער יודזשין וו. דעבס. דיזעלבע קאָנפערענץ איז אויך באַגריסט געוואָרן פון חבר דזש. פּיטצפּאַטריק, דער דעמאָלסטיגער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

צו דער דריטער און ערפאָלגרייכסטער קאָנווענשאָן, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 1טן יאַנואַר 1928 אין דעבס אַדיטאָריום, זיינען אָנגעקומען אָפּיציעלע באַגריסונגען פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער בריטיש לייבאָר פּאַרטיי, פון פּרעזידענט גרין פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, פון לעאָן בלום און זשאַן לאָנגע פון פראַנקרייך, פון דעם אַלטן פרייהייטס קעמפער פון איטאַליען, חבר טוראַטי, און אַ רייע אַנדערע פּראָמינענטע פּערזענליכקייטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער און אַמעריקאַנער אַרבעטער וועלט. עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען די וואַרימע בריוו וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן פון די חברים מעקדאָנאַלד און לאָנגע צו דער אַרבעטער דעלעגאַציע אין 1927 אין וועלכע די פּראָמינענטע סאָציאַליסטישע פירער פאָדערן אויף די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע אָפּצורופן זיך ברייט־האַרציג פאַר דער אויפבוי אַרבעט אין ארץ ישראל.

ריידנדיג וועגן די אַרבעטער קאָנווענשאָנס, איז כדאַי צו באַטאָנען, אַז די פאַרטרעטערשאַפט פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס איז געשטיגן פון יאָר צו יאָר, און די קאָנווענשאָנס גופא זיינען געוואָרן אַ גרויסע און הערליכע געשעעניש אינ׳ם לעבן פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג פון אַמעריקע. דער צווייטער אַרבעטער צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 2טן יאַנואַר 1927 האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין, איז אַנשטאָט אַ צייטווייליגער אונטערנעמונג, איינשטימיג ערקלערט געוואָרן אַלס אַ פּערמאַנענטע, און עס איז געוויילט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט אויף אָפּצוגעבן זיך שטענדיג צו דער אַקטיוויטעט פאַר די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. דער דריטער צוזאַמענפאָר איז געווען באַזוכט פון איבער 500 דעלעגאַטן, רעפּרעזענטירנדיג 198 צענטראַלע און לאָקאַלע אַרבעטער קערפּערשאַפטן. צווישן די צענטראַלע קערפּערשאַפטן האָבן זיך געפונען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן און אירע אָנגעשלאָסענע יוניאָנס, די גענעראַל עקזעקוטיוו פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס, די גענעראַל עקזעקוטיווע פון די העט און קעפּמייקערס יוניאָן פון אַמעריקע, די אינטערנעשאָנאַל פּאַקעטבוק וואָירקערס יוניאָן, די דזשאָינט באָאַרדס פון דער אַמאַלגאַמייטעד, פון דער קלאָוק און סקוירט מייקערס יוניאָן, די גענעראַל עקזעקוטיווע פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און זיינע בראַנטשעס און פרויען קלובן, די צענטראַל קאָמיטעטן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון, פון די צעירי ציון, יונגע פּועלי ציון, די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, לינקע פּועלי־ציון, די גענעראַל עקזעקוטיווע פון דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג און 40 בראַנטשעס פון דעם אַרבעטער רינג, וועלכע זיינען געווען פאַרטראָטן דורך 75 דעלעגאַטן. צו דער קאָנווענשאָן איז פאַקטיש געווען פאַרטראָטן די גאַנצע אידישע טרייד יוניאָן באַוועגונג פון אַמעריקא.

די ממשות׳דיגע רעזולטאַטן פון די פאַרגאַנגענע דריי יאָר זיינען געווען ווי פאָלגט:

דער ערשטער קאַמפּיין פון יאָר 1924 — 53,093.24 דאָלאַר.

דער צווייטער קאַמפּיין פון יאָר 1926 — 111,897.64 דאָלאַר.

דער דריטער קאַמפּיין פון יאָר 1927 — 135,309.01 דאָלאַר.

אין דער זעלביגער פּראָפּאָרציע מיט דעם וואוקס פון די געלט־סכומים, איז אויך געוואַקסן די צאָל פון באַטייליגטע שטעט, אָרגאַניזאַציעס און בייסטייערער. אין דעם ערשטן קאַמפּיין האָבן זיך באַטייליגט 88 שטעט פון 21 שטאַטן און 3 פּראָווינצן פון קאַנאַדאַ, אין דעם צווייטן קאַמפּיין האָבן זיך באַטייליגט 97 שטעט פון 26 שטאַטן און 4 פּראָווינצן פון קאַנאַדאַ, אין דעם דריטן קאַמפּיין האָט די צאָל פון שטעט שוין דערגרייכט 148 פון 26 שטאַטן און 5 קאַנאַדישע פּראָווינצן. די צאָל פון פּראָגרעסיווע און אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן זיך באַטייליגט מיט זייערע בייסטייערונגען און מיט זייער מיטאַרבעטערשאַפט דערגרייכט אַרום 800, די צאָל בייסטייערער פאַר דעם קאַמפּיין אין די פאַרשידענע שטעט, אָרגאַניזאַציעס און שעפּער, דערגרייכט לערך אַרום 15,000 פּערזאָן.

אין דעם איצטיגן מאָמענט ווערט אָנגעפירט די אָנגעשטרענגטע אַקציע אויף דעם סכום פון 300,000 דאָלאַר. אויך דער הייאָריגער קאַמפּיין האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס און סימפּאַטיע אין אַלע קרייזן פון דער אידישער אַלגעמיינער און אַרבעטער באַפעלקערונג. עס איז אמת, דאָס דער הייַנטיגער

קאַמפּיין ווערט געפירט אין זייער אַ שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, וועלכע פילט זיך איבער'ן גאַנצן לאַנד, און אין אַ מאָמענט ווען די אידישע טרייד יוניאָנס לעבן דורך אַ זייער שווערע און ביטערע צייט. דאָך שיינט עס, אַז דער קאַמפּיין פון 1928 וועט דורכגעפירט ווערן מיט ניט קיין קלענערן ערפאָלג ווי די לעצטע קאַמפּיינס, און וועט נאָך אַרויפקומען צו אַ גרעסערן ציפער ווי דער קאַמפּיין פון 1927.

די פאַרדינסטן פון דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין זיינען גרויס און אַלזייטיג, ניט נאָר צוליב די מאַטעריעלע מיטלען וועלכע ער זאַמלט פאַר די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל, נאָר הויפּטזעכליך צוליב דעם, וואָס ער האָט אומגעוואָרפן און פאַרניכטעט די מחיצה, וועלכע איז אין פאַרלויף פון צענדליגער יאָרן אַוועקגעשטעלט געוואָרן צווישן די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע און דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל. פון יאָר צו יאָר ווערן אַלץ שטאַרקער די פעדים, וועלכע פאַרבינדן די אידישע אַרבעטער באַוועגונג פון ביידע זייטן אָקעאַן און עס ווערט באַשאַפן איין געמיינזאַמער כח פאַר דעם ווידער אויפבוי פון אונזער פאָלק און פאַר דער שאַפונג פון אַ אידישער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין ארץ ישראל. דאָס וועט פאַרבלייבן, אָן ספק, אַ שיינער און הערליכער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער אַלוועלטליכער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

דער אַלוועלטליכער החלוץ

פון י. מערעמינסקי.

די פּיאָנערישע אַרבעטן און גרויסע עראָבערונגען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און איר קולטור און ווירטשאַפט אין לאַנד, האָבן אין משך פון די לעצטע 6־7 יאָר אָנגעצונדן מיט נייעם גלויבן, מונטערקייט, מוט, קאַמפּסלוסט און בוי־ווילן צענדליגער טויזנטער יוגנטליכע און אַרבעטער אין מזרח־איראָפּע און זיי האָבן זיך קאָלעקטיוו גענומען גרייטן, גייסטיג און פאַכמעניש, צום קאַמפּס־ און אויפבוי־פראָנט פונ'ם אַרבעטנדיגן ארץ־ישראל.

די החלוץ־אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן גרויס אין צאָל, מעכטיג אין איר ווילן, שטאַרק אין איר פאַרברייטונגס־אַרבעט, פעלזן־פעסט אין אירע קאָלעקטיוויסטישע שטרעבונגען צו צושטעלן די נאַציאָנאַלע אויפבוי־גוואַרדיע, די לעגיאָנען פאַר'ן וואַקסנדיגן אידישן אַליין־אַרבעטנדיגן און שאַפנדן פאָלק אין ארץ־ישראל.

און ווען עס איז געקומען די שווערע שעה פונ'ם לעצטן קריזיס־נסיון איז די אַלוועלטליכע „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע געבליבן טריי אירע אויפגאַבן, פעסטער צוזאַמענגעצויגן אירע רייען, פאַרשטאַרקט איר אויפקלערונגס אַרבעט, פאַרפעסטיגט איר לעבעדיגן ב ו נ ד מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל און מיט אירע עליה־ און קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוציעס און געבילדעט אין גאַנץ איראָפּע דעם לעבעדיגן פראָנט פון י צ י ר ה ־ צ י ו נ י ז ם געגן דעם ירידה־און קריזיס־ציוניזם.

15טען סעפּטעמבער, 1927, איז אין דאַנציג פאָרגעקומען די יערליכע אַלוועלטליכע החלוץ־באַראַטונג, אין וועלכער די שליחים פון דער החלוץ־באַוועגונג, די פאַרטרעטער פון דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל*) און די ארץ־ישראל אַרבעטער, וואָס זיינען ספּעציעל געשיקט געוואָרן צו די החלוץ אַרבעטן אין פאַרשידענע לענדער (ב. בנארי, א. ציזלינג, טרטקובר, שליווקאָ, עדה פישמן) האָבן גענוי אַנאַליזירט דעם מצב אין החלוץ בכלל, די לאַגע אין יעדן־לאַנד באַזונדער און אָנגעמערקט די ריכטליניען פאַר ווייטערדיגער אַרבעט.

אין דעם סך הכל, וועלכן די דאָזיגע באַראַטונג האָט געמאַכט, איז קלאָר געוואָרן, אַז די טעטיגקייט פון „החלוץ" באַזונדערס אין מזרח־איראָפּא איז געוואָרן פיל שווערער, אַז צו די גרונט־מדות פון „החלוץ" — ווי געדולד, אַליינאַרבעט, אַריבערגיין נאָך אַני די אַלטע היימען צו אַן אַרבעטער־לעבן און זיך צוגעוואוינען לעבן אין קאָלעקטיוון, איז צוגעקומען נאָך אַ מוז — גובר צו זיין די אַרומיגע געפאַלענע שטימונג, פּטור ווערן פון אַזעלכע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די „החלוץ"־רייען אין דער „התלהבות" תקופה פון 1925, באַקעמפן די קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פונ'ם אידישן שטעדטל־לעבן און קאָנסאָלידירן די ו י ר ט ש אַ פ ט ל א כ ע אַ ר ב ע ט ן, וואָס דעם „החלוץ" איז געלונגען אויפצובויען אין רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, ליטע, לאַטוויע, טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך, דייטשלאַנד און די התחלות אין אַנדערע לענדער. די ערשטע 8 חדשים פון 1927 איז געמאכט געוואָרן די אָנשטרענגונג אויסצוהאַלטן און קאָנסאָלידירן די „החלוץ"־רייען און צופּאַסן די אָרגאַניזאַציע צו די שווערע נסיונות, וואָס דער קריזיס־ציוניזם האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל און אין אויסלאַנד. נאָך די 9 חדשים איז אָנגעקומען ד י ס ט אַ ב י ל י ט ע ט סיי אין דער צאָל פון חלוצים, ווי אויך אין זייער ווירטשאַפטליכער און קולטור־טעטיגקייט.

---

*) די חברים בערל קאַצענעלסאָן, לוי שקאָלניק און ישראל מערעמינסקי.

אויב אין די יאָרן 1920־1926 איז די פירערשאַפט פון „החלוץ" אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע געווען בעיקר פון חלוצים, וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד און אוקראַינע און ספּעציעלע דעלעגירטע פון הסתדרות העובדים, איז דווקא אין 1927 אויסגעוואָקסן כמעט אין אַלע לענדער אַ אָרטיגע פירערשאַפט, וואָס איז שוין אַרויסגעקומען פון דער טאָג־טעגליכער אַרבעט אין די פערמעס פון דעם „החלוץ" אין פּוילן, רומעניע, ליטע א. א. במשך פון די פריערדיגע יאָרן. אין יאָר 1927 האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט דער צוזאַמענבונד פון דער פאַך־אויסבילדונג און גייסטיגער צוגרייטונג מיט דער קאָלעקטיוויסטישער (קבוצים) עליה־פאָרם און מיט די קאָלעקטיוון — די אַרבעטס־לעגיאָנען אין ארץ־ישראל. הכשרה און עליה זיינען געוואָרן אָרגאַנישער צוזאַמענגעבונדן. מען האָט אָנגעהויבן שטאַרקער אכטונג צו געבן אויף דעם, אַז סיי דער תוכן, ווי אויך די פאָרם פון „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע אין פערמעס־לעבן זאָל זיין וואָס מער געבונדן שוין אין דער פאַר־עליה־צייט, מיט זידלונגס־גרופּן, וואָס האָבן אַזאַ גרויסע באַדייטונג ביים עראָבערן די נייע אַרבעטס־פּאָזיציעס אין דער פּריוואַטער אידישער קאָלאָניע, ביים פאַרנעמען קאָלאָניזאַציע־פּאָסטנס אויפ'ן באָדן פון אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, ביים טריקענען בלאָטעס, בויען וועגן און אויספילן די בכלל גרויסע פּיאָנערישע שליחות פונ'ם אידישן אַרבעטער אין דער נייע־אויפוואַקסנדער ארץ־ישראל.

דווקא אין אַט־אָ דער צייט פון ירידה אין ציוניזם, פון „בירגערליכן" צעלויפן זיך—און פון אָרגאַניזירטע אָנגריפן געגן ציוניזם און אונזער אויפטו אין ארץ־ישראל, דווקא אין די יאָרן 1926 און 1927, ווען אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק האָט מען באַפּאַלן כסדר די קבוצות און קבוצים אין ארץ־ישראל, האָט מנצח געווען אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט און יוגנט אין אייראָפּע דער קבוצה־פּרינציפּ פאַר הכשרה (פאַך־אויסבילדונג) און עליה, אַלס די געזינטסטער און זיכערסטער פאַר אַן אַרמיי פון חלוצים, וואָס גייען ערפילן די **נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שליחות** פונ'ם אידישן פאָלק.

די דאָזיגע קבוצים־עליה און הכשרה האָט זיך אָנגעהויבן אין 1925 אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. שוין פריער האָבן קבוצות עקזיסטירט אין פאַרשידענע לענדער — אין רוסלאַנד, רומעניע, פּוילן, אָבער די עליה איז נאָר פון רומעניע געווען אין קבוצות און זייער פאַרבינדונג מיט לאַנד־אַרבעט איז ניט געווען ספּעציעל מיט קבוצים־פאַרבאַנדן. אין 1925 (סעפּטעמבער) האָבן די חלוצים פון קבוץ „הכובש" (ווילנער געגנט) צוזאַמען מיט די רעזערוועז פון פּינסקער קבוצה און דעם גאַליציאַנער עליה־קבוץ א' געלייגט דעם יסוד פאַר דער נייע־קאָלעקטיוויסטישער עליה־תקופה, וועלכע האָט פּאַקטיש באַוויזן צו צונויפשמידן און צוגעבן די נויטיגע לעבנס קראַפט די טויזנדער חלוצים אין דעם שווערן יאָר 1927, — דעם יאָר פון כסדר'דיגן באַשריינקען די חלוצים־עליה קיין ארץ ישראל. שוין צום סוף 1926 זיינען 71.6 פּראָצענט חלוצים געקומען קיין ארץ ישראל און זיךגעשטעלט צו דער אַרבייט אַלס חברים פון קבוצים און נאָר 28.4 פּראָצענט זיינען געקומען אַלס יחידים. דאָס האָט מחייב געווען אין 1927 צו פאַרשטאַרקן די קבוצים פון הכשרה און האָט אַרויפגעלייגט באַזונדערע פליכטן אויף דער אַלוועלטליכער „החלוץ" אָרגאַניזאַציע. די כסדר'דיגע באַשריינקונגען פון דער עליה האָבן געפאָדערט מעשים אין די לענדער און געפאָדערט גרעסערע געלד־אָנשטריינגונגען. די 18,520 חלוצים און חלוצות*) האָבן געפאָדערט אַרבעט. די אָנגעהעריגקייט צום „החלוץ" איז דאָך ניט קיין בלויז אידעאָלאָגישע, זי איז מחייב יעדערן צו אַרבעט און דער טייל, וואָס האָט זיך באַדאַרפט אויסלערנען די אַרבעט איז כסדר געוואָקסן און צוזאַמען מיט דעם איז אויך כסדר געשטיגן די נויטווענדיגקייט איינצואָרדנען נייע קאָאָפּעראַטיווע ווערקשטאַטן, לאַנד־פערמעס, אַריינדרינגען אין נייע פאַכן (קאַלאַסאַוו, וואָלין — שטיינער־ברעכעריי א. אַ.). די גזירה אויף דער עליה בכלל און בפרט געגן די חלוצים האָט נישט געלאָזן חלוצים און חלוצות, וואָס זיינען שוין געווען פאַרטיג צו דער עליה, אַז זיי זאָלן אַרויס פון די פערמעס און ווערקשטאַטן און אָפּטרעטן זייער פּלאַץ פאַר אַנדערע. און אויב צו דעם זאָל מען נאָך צוגעבן אַז אויסער'ן החלוץ איז אין 1926 אויסגעוואָקסן אַ באַוועגונג פון „החלוץ הצעיר" און ס'זיינען כסדר אין 1927 געוואַקסן די חלוצישע פאָדערונגען פון די טויזנטער חברים און חברות פון „השומר הצעיר" — ווערט קלאָר אין וואָס פאַר אַ שווערן ווינקל די צייט האָט אַוועקגעשטעלט דעם לעבעדיגסטן און נויטווענדיגסטן טייל פון דער אויפבוי־באַוועגונג — דעם אַלוועלטליכן „החלוץ".

דאָס האָט גורם געווען צו אַ פאַרשטאַרקטער קאָנסטרוקטיווער און קאַמפּס־טעטיגקייט פונ'ם וועלט־פאַרבאַנד „החלוץ" אויפ'ן לעצטן 15טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און שפּעטער אויך אין די פאַרשיידענע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אין די פאַרשיידענע אימיגראַציע און פּראָדוקטיוויזירונגס געזעלשאַפטן, וואָס זיינען טעטיג אין אייראָפּע.

די אַרבעטער־פאַרטרעטער אויפן 15טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז נאָך אַ שווערן קאַמף געלונגען דורכצוזעצן די פאָדערונג „אַז אַ פאָלקס איינוואַנדערונג, געפירט אין גרויסן מאַסשטאַב, וועלכע זאָל אַריינברענגען אין לאַנד אַרבעטער און קאַפּיטאַל — איז אַ אומבאַדינגטע

*) די פאַרטיילונג לויט די לענדער זע ווייטער.

נויטווענדיקייט פאַר׳ן וואוקס פון ישוב און פונ׳ם אויפבוי־ווערק אין לאַנד, ווי אויך אַ תנאי מוקדם צו דער פאַרווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם״.

גלייכצייטיג האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אונזער רעזאָלוציע: אַז ער זעט אין דער־אָרגאַניזירטער עליה פון חלוצים, באַזונדערס אַצינד, אַ אַנטשיידענדן גורם פאַר דער שטאַרקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג״... „די עליה פון חלוצים איז אַ פאָרבאַדינג פאַר דער שטאַרקונג פון די אידישע אַרבעטער־פאָזיציעס אין ארץ ישראל, בפרט ביי היינטיגן טאָג אין די קאָלאָניעס״.

דער קאָנגרעס האָט אויך באַשלאָסן במשך פון 1927 צו ערמעגליכן די עליה פון חלוצים (לפחות 1500).

אַ ענליכן קאַמף האָבן די אַרבעטער־פאַרטרעטער אָנגעפירט אויפ׳ן קאָנגרעס אויך אויפ׳ן געביט פון דערגרייכן אַ בעסערע און מער פאַראַנטוואָרטליכע באַציאונג פון דער ציוניסטישער לייטונג צו די הכשרה־נויטן פון דער החלוץ־אָרגאַניזאַציע.

דער קאָנגרעס האָט מסכים געווען מיט אונזערע פאָדערונגען און האָט אַנערקענט אין אַ באַזונדער החלטה, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט ווען די עולים זאָלן זיין „באַזונדערס גוט צוגעגרייט צו זייער אַרבעט אין לאַנד״. אַזוי ווי אין יאָר 1926 איז גוואַלדיג געקרווודעט געוואָרן דער ביודזשעט פון חלוצים־הכשרה, און ניט קוקנדיג אויף אַלע באַמיאונגען פון דעם „החלוץ״ און דעם מרכז לעליה״ פון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין א״י האָט דער החלוץ אין רוסלאַנד ניט באַקומען די פאַר אים אַסיגנירטע סכומים, איז עס געלונגען אויף דעם קאָנגרעס דורכצופירן, אַז די עליה און הכשרה פון חלוצים האָט פאַרצוגסרעכט אין דעם אַלגעמיינעם עליה־ביודזשעט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אַז קודם כל זאָלן אויסגעצאָלט ווערן די געלדער, וואָס ווערן באַשטימט פאַר רוסלענדישע חלוצים.״

אין דער החלוץ־באַראַטונג אין דאַנציג איז אָנגעמערקט געוואָרן דער וויטערדיגער אַרבעטס־פּלאַן פאַר 1927 און 1928. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערגרייכן מיטלען כדי צו קאָנסאָלידירן די החלוץ פערמעס און אונטערנעמונגען, צו שאַפן לאַנדווירטשאַפטליכע פערמעס אין גאַליציע און אין עסטרייך, צו שטעלן זיך אין נעענטערע באַציאונגען מיט אַמעריקע וועגן שאַפן חלוצים־גרופן און אַ החלוץ־פאָנד, פאַרצוזעצן די פאַרבינדונגען מיט׳ן אר״ט, מיט יק״א און אָנפירן אַן אינטענסיווע אַרבעט פאַר באַלדיגער חלוצישער עליה, באַנייען דעם חלוצים סעמינאַר אין וואַרשע, מיט דער באַטייליגונג פון אָנפירענדע אַרבעטער טוער פון ארץ־ישראל און צו שטאַרקן און פאַראייניגן די חלוצישע יוגנט.

די לעצטע חדשים פון 1927 האָבן אָבער בולט געמאַכט די גרויסע פרעמדקייט און ניט־פאַרשטענדיגקייט, וואָס הערשט אין די איצטיגע ציוניסטישע אָנפירנדיגע קרייזן בנוגע צו „החלוץ״. ניט קוקנדיג אויף די קאָנגרעס־באַשלוסן האָט די נייע ציוניסטישע עקזעקוטיווע אין ירושלים, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר אָנטשלאָסנקייט צו קעמפן געגן אַרבעטנדן ארץ ישראל כסדר איגנאָרירט דעם החלוץ און זיינע באַדערפנישן. ערשטנס האָט זי רעדוצירט דעם הכשרה־ביודזשעט פון „החלוץ״ אויף העכער 50 פראָצענט בשעת די איבעריגע ביודזשעט־פונקטן זיינען כמעט נישט פאַרקלענערט געוואָרן.

די סיים־וואַלן, די אַלגעמיינע לאַגע אין פוילן ווי אויך אין אַנדערע לענדער פון מזרח־איראָפּא האָט ביז׳ן סוף 1927 נישט ערמעגליכט דורכצופירן אַ גרויסע געלד אונטערנעמונג פאַר׳ן החלוץ, ווי דאָס איז געווען אין יאָר 1926. די פאַרהאַנדלונגען מיט׳ן דזשאָינט און אָרט זיינען נאָך נישט געווען אָבגעשלאָסן, אָבער ס׳איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז זיי וועלן דס יאָר נישט געבן דעם החלוץ די אונטערשטיצונג, וואָס ער פאַרדינט אַלס הויפּט־טרעגער פון דעם אידישן פראָדוקטיוויזירונגס פראָצעס אין מזרח־איראָפּע. דאָס אַלץ האָט שווערער געמאַכט די לאַגע פון „החלוץ״, וועלכער באַמיט זיך דאָך ווייטער צו ענטוויקלען און אויסברייטערן זיין אַרבעט און פירט אָן דעם שווערן קאַמף פאַר באַנייטער עליה.

אין דעם דאָזיגן עליה־קאַמף איז דאָ צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז די חלוצישע רייען פון מזרח איראָפּא ווילן בשום אופן ניט שלום מאַכן מיט דער שטעלונג פון די אָפיציעלע ציוניסטישע קרייזן, וועלכע האָט נישט קיין ציוניסטישן מוט צו ערפילן אַפילו די מינימאַלע קאָנגרעס־באַשלוסן אויפ׳ן געביט פון עליה.

דער פראָטעסט געגן דעם ניט־עליה ציוניזם האָט זיך אָנגעהויבן אין פוילן און האָט זיך אין נאָוועמבער און דעצעמבער אַריבערגעטראָגן מיט אַ געוואַלדיגער שנעלקייט און ברייטקייט קיין רומעניע און קיין א״י.

די אידישע אַרבעטער־ווירטשאַפטן אין לאַנד, קבוצים, קאָאָפּעראַטיוון אין שטאָדט און אין די קאָלאָניעס האָבן אין עפענטליכע פאַרזאַמלונגען אויסגעדריקט זייער פראָטעסט געגן די רעגירונג און די איצטיגע פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ירושלים און געפאָדערט אַ באַלדיגע חלוצים עליה, וועלכע איז נויטיג כדי אויפצומונטערן די אַרבעט אין לאַנד און דעם ציוניסטישן זעלבסטגעפיל און מעשים און אויסלאַנד.

די קאַלטע באַציאונג צו די פאָדערונגען מצד די בעלי בתים פון דער עליה האָט אַפילו

פאַראייניגט אין פוילן אין אַ געמיינזאַמען פּראָטעסט אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, וועלכע האָבן דערפילט, אַז עליה'לאָזיקייט קאָן ברענגען צום גרעסטן געלד־קריזיס.

חלוצים אָבער אין 1927 האָבן זיך פּונקט ווי אין 1920 ניט באַנוגנט נאָר מיט פּראָטעסטן, רעדעס און מיטינגען. אין פוילן האָבן זיך אַנטשלאָסן איניגע הונדערט חלוצים „עולה רגל" צו זיין קיין ארץ ישראל מיט אַלע מיטלען און דורך אַלע וועגן. די ערשטע זיינען געקומען די חלוצים פון דער קבוצה „שחריה" קיין וואַרשע און דאָ האָבן זיי פון דער החלוץ־צענטראַלע און פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען פאַרלאַנגט באַלדיגע דערלויבנישן צו פאָרן קיין ארץ ישראל, ווען די ווענדונג צו דער ירושלימער עקזעקוטיווע האָט קיין רעזולטאַטן נישט געגעבן האָט זיך פאַרשטאַרקט די שטרעבונג צו גיין קיין א"י אויך אָן ערלויבנישן. אָט אָ דער פאַקט באַצייכנט פאַקטיש ווי שטאַרק עס איז דער ווילן און נויט פונ'ם „החלוץ", ווי ערנסט ער נעמט אָן זיין אויפגאַבע אין דעם אויפבוי־פּראָצעס פונ'ם אַרבעטנדן ארץ ישראל און ווי טריי ער זעצט פאָר די גרויסע חלוצישע טראַדיציעס פון זיינע פאָרגייער אויך ווען אַרום הערשט פרעמדקייט, ירידה און אונגלויבן.

מיר ברענגען אָט אָ דעם פאַקט פון „שחריה" נישט ווייל מיר ווילן אונטערשטיצן „אַ אונלעגאַלע עליה" — נאָר ווייל מיר האָבן געוואָלט באַווייזן אַלזייטיג ווי אַזוי דער יאָר 1927 האָט זיך געשלאָסן פאַר'ן „החלוץ" אויפ'ן שוועל פון זיין 10 יאָריגן יובל.

מיר ברענגען דעם פאַקט פון פוילן כדי צו באַווייזן, אַז די חלוצים פון פוילן, רומעניע גלייך ווי די בסדר פאַרפאָלגטע און געיאָגטע חלוצים אין רוסלאַנד שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיינע מניעות כדי מיט זייער אייגענער עליה און אַרבעט לעגאַליזירן און אויפבויען דאָס אידישע אַרבעטס פאָלק.

מיט דעם ענדיגן מיר די דאָזיגע רשימה פאַר'ן יאָר 1927, וועלכע שליסט זיך מיט פאַר־פאָלגונגען געגן רוסלענדישן החלוץ און פּרובן אים צו פאַריאָגן פון די ווירטשאַפטן, וועלכע ער האָט מיט מסירות און שווייס געבויט אין ק ר י ם נאָך פאַר דער קרימער קאָלאָניזאַציע, מיט דעם שליסן מיר די רשימה וואָס דערציילט ווי אויך אין ציוניזם זיינען נאָך נישט אויפגעשטאַנען די כחות, וואָס זאָלן קאָנען שאַצן ווי געהעריג דעם ח ל ו ץ און מיט זיין הילף אויסרייניגן דעם ציוניזם פון זיינע פאַלשע נביאים און פירער וואָס מיינען מיט פרעמדע כחות צו בויען דאָס אידיש לאַנד.

אָבער מיט באַפרידיגונג נעמען מיר עס אויף, אַז דער „החלוץ" איז פעסט און מוטיג אין'ם געמיינזאַמען קאַמף מיט דער הסתדרות פאַר דעם אמת'ן פּיאָנערישן אידיש־שאַפנדן און לעבענדן אַרבעטס־צענטער אין ארץ ישראל.

פאָלגנדע ציפערן ווערן געגעבן אַלס אילוסטראַציע וועגן גרויס און ווערט פון „החלוץ" און זיין טעטיגקייט ביז'ן יאָר 1928.

די גרויס פון „החלוץ".

לויט די אָפיציעלע באַריכטן פונ'ם החלוץ־פאַרבאַנד ציילט פוילן — 4200 חלוצים און חלוצות און 3200 יוגנטליכע, רוסלאַנד — 7000 חלוצים און חלוצות; גאַליציע — 1579; ליטע — 560; דייטשלאַנד — 510; טשעכיע — 405; עסטרייך — 350; לאַטוויע — 115; האָלאַנד — 35; בולגאַריע — 20; בסה"כ 18,520 חלוצים און חלוצות אין 11 אייראָפּעאישע לענדער, פון זיי באַקומען ביי היינטיגס טאָג 4,140 מיטגלידער פאַך־און גייסטיגע פאַרברייטונג אין קאָלעקטיוויסטישע פערמעס און ווערקשטאַטן אין 103 קאָלעקטיוון און 18 אינדיווידועלע אונטערנעמונגען, דער החלוץ פאַרמאָגט אין די לענדער 18 אייגענע לאַנד־ווירטשאַפטליכע אונטערנעמונגען.

3,500 חלוצים און חלוצות האָבען שוין אין 1926-27 געענדיגט זייער הכשרה און זייער איבערזידלונג קיין ארץ ישראל איז אַ דרינגענדע נויטבאַדערפניש.

החלוץ אין דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

די אַלגעמיינע צאָל חברים און חברות פון „החלוץ", וואָס זיינען געקומען קיין ארץ ישראל פאַר די עליה־יאָרן פון 1920 ביז 1927, דערגרייכט 14,000, גענויערע ידיעות זיינען נאָר פאַראַן פון 8692, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער אַרבעטער־ציילונג פון 1926 (המפקד השני על העובדים העברים בארץ ישראל — כ"ב אלול תרפ"ו — הוצאת הועד של הסתדרות העובדים).

פון די 8692 זיינען 44.9 פּראָצענט פון פוילן, 28.2 פּראָצענט פון רוסלאַנד און אוקראַינע, 5.9 פּראָצענט פון רומעניע, 5.9 פּראָצענט פון ליטע, 5.4 פּראָצענט פון גאַליציע, 3.2 פּראָצענט — דייטשלאַנד, 2.4 פּראָצענט — עסטרייך, 1,6 פּראָצענט לאַטוויע, 2.5 פּראָצענט פון אַנדערע לענדער (טשעכיע, בולגאַריע, אונגאַרן, שווייץ, עסטאָניע, טערקיי, ענגלאַנד, איטאַליע, קובאַ, גריכנלאַנד, האָלאַנד, כינע, אַרגענטינע, אַמעריקע און מאַראָקאָ).

די אַלע חלוצים און חלוצות לעבן: 39.4 פּראָצענט — אין קאָלאָניעס און אייגענע אַרבעטער־לאַנדווירטשאַפטן; 37.5 פּראָצענט — זיינען מיטגלידער פון קאָלעקטיוון, וואָס זיינען צעשפּרייט אין פאַרשידענע אַרבעטן פון לאַנד. דער פּראָצענט חברות איז 24,2%. (64.2 פּראָצענט האָבן נאָך אין אויסלאַנד געקאָנט העברעאיש).

צום שלוס פון 1927 האָט דער אַלוועלטליכער החלוץ געהאַט זיינע חברים אין פאָלגענדע ווירטשאַפטן און אונטערנעמונגען:

אייגענע לאַנדווירטשאַפטן.

אין פוילען.

די פערמע אין גראָכאָוו — 16 חברים און 9 חברות, בס"ה — 25.
די פערמע „שחריה" ביי סעמיאַטיץ — 10 חברים, 4 חברות, בס"ה — 14.
די פערמע „תל אברהם" אין לינקאָווע — 8 חברים, 4 חברות, בס"ה — 12.
די פערמע אין לוצק — 3 חברים, 2 חברות, בס"ה — 5.

אין פאַרשיידענע ווערקשטאַטן:

אַ קאָלעקטיוו פון שטיינברעכער אין קליסאָווע (וואָלין) — 50 חברים, 15 חברות, בס"ה 65.
שלאָסעריי „פטיש" (האַמער) אין וואַרשע — 17 חברים.
סטאָלעריי אין יאַדלינסק — 8 חברים, 1 חברה, בס"ה — 9.
סטאָלעריי אין סווואַלק — 6 חברים.
שלאָסעריי און סטאָלעריי „יד חרוצים" אין אויגוסטאָוואַ — 9 חברים.

קאָלעקטיוון פאַר לאַנד־אַרבעט און אַנדערע.

קאָלעקטיוו אין טערעצענקענץ — 20 חברים, 3 חברות, בס"ה — 23.
קאָלעקטיוו אין נודיטש — 16 חברים, 4 חברות, בס"ה — 20.
קאָלעקטיוו אין דאָמבראָווו — 25 חברים) 5 חברות ,בס"ה — 30.
קאָלעקטיוו אויפ'ן נאָמען פון די געפאַלענע אין „תל חי", אין גלאָז־פאַבריק בראָדע־אָפּלין — 18 חברים, 4 חברות, בס"ה — 22.
קאָלעקטיוו ראָקיטנע — 22 חברים, 6 חברות, בס"ה — 28.
קאָלעקטיוו מאַציעוו — 6 חברים.
קאָלעקטיוו פאַר שאָסיי־אַרבעטן אין גאָראָדעא — 8 חברים, 2 חברות, בס"ה — 10.
אַן אַרטעל אין אווגוסטאָוו — 10 חברים.
אַן אַרטעל אין דרוזגעניק — 8 חברים.
לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלעקטיוו אין ראַדזאַנסק — 14 חברים, 7 חברות, בס"ה — 21.
לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלעקטיוו אין טשערשאַני — 12 חברים, 5 חברות, בס"ה — 17.
לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלעקטיוו ביי דראָגיטשען — 25 חברים, 7 חברות, בס"ה — 32.
לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלעקטיוו פאַניאַטי ביי טשעכאַנאָוויץ — 12 חברים, 4 חברות.
לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלעקטיוו אין וויגדאָראָווע ביי סעמיאַטיטש — 10 חברים, 3 חברות, בס"ה — 13.
קליינע לאַנדווירטשאַפטליכע קבוצות אין זעלבן געגנט — 37 חברים, 16 חברות, בס"ה 53.
צוזאַמען אין 23 אונטערנעמונגען — 243 חברים, 66 חברות, בס"ה — 309.
צו דעם קומען נאָך צו 10 קבוצות פון „החלוץ הצעיר":
גרינס־גאָרטן אין לובלין 50 חברים און חברות; אין לאָמזשע — 35; אין טשעכאַנאָוו — 32; אין שעראַנסק — 17; אין זשעטל — 12; אין גראַיעווע — 22; אין סארני — 18; אין סאַרענקי — 14; אין ראָוונע — 20; אין אסטרין — 12. בס"ה יוגנטליכע 232 חברים און חברות.

דער „החלוץ" אין פוילן שליסט אויך איין די הכשרה פון „השומר הצעיר", וועלכער האָט פאָלגנדע אונטערנעמונגען: אין ביאַליסטאָק 2 ווערקשטאַטן פון סטאָלעריי און נייטערקעס, אַ סטאָלעריי אין וואַרשע א. א. בס"ה 466 חברים און חברות אין שטענדיגע אַרבעטן.

אין רומעניע.

אין אייגענע ווירטשאַפטן אין בילישאַני (ביי בעלצי, בעסאַראַביע) 110 העקטאַר באָדן און אין יאַסי — 43 העקטאַר. אין די ווירטשאַפטן צוזאַמען מיט ווערקשטאַטן זיינען קאָנצענטרירט אָרגאַניזירטע 678 חברים און חברות.

אין מזרח־גאַליציע געפינען זיך אין די קבוצות אַליין פון החלוץ 340 חברים און חברות פון די 1927 חלוצים, וואָס געפינען זיך בכלל אין די אונטערנעמונגען פון החלוץ.

אין דייטשלאַנד זיינען סוף 1927 געווען אין 11 קאָלעקטיוון פאַר לאַנד־אַרבעטן און אין 12 פאַר אַלגעמיינע אַרבעטן 474 חברים און חברות.

אין טשעכיע ציילט דער „החלוץ" 7 קאָלעקטיוון פאַר לאַנד־אַרבעט און אַנדערע פאַכן, 2 אינסטיטוציעס פאַר פאַך־אויסבילדונג און איין לאַנדווירטשאַפטליכע פערמע וועלכע באַשעפטיגן 405 חברים. די פערמע געפינט זיך אין קאַמאַדא, ביי טרופּאַ.

אין עסטרייך געפינען זיך אין די אונטערנעמונגען פון „החלוץ" 78 חברים און 54 חברות אין 2 האַנטווערקשאַפטן „צוקונפט" און „אַרטענאַו" און אין 6 לאַנדווירטשאַפטליכע אונטערנעמונגען.

אין לאַטוויע האָט דער החלוץ: אַ לאַנדווירטשאַפטליכע פערמע אין בעקענגראַף, אַרבעטס־קאָלעקטיוו „מעבר" אין דובעלן, אַ לאַנדאַרבעטס־קאָלעקטיוו אין ליבאַווע. בס"ה געפינען זיך אין הכשרה 85 חלוצים און חלוצות.

אין ליטע געפינען זיך 560 חלוצים און חלוצות, פון וועלכע 474 זיינען שטענדיג אין

די קאָלעקטיוון. ליטע האָט איין לאַנדווירטשאַפטליכע פערמע, 8 לאַנד־אַרבעטער און אַנדערע קאָלעקטיוון און איין שטאָטישן ווערקשטאַט.

אויסער האָלאַנד, וואו עס באַקומען פּאָד־אויסבילדונג 35 חלוצים און חלוצות, און בולגאַריע מיט אירע 20 חלוצים איז נאָך דאָ צו דערמאָנען די 7,000 חלוצים און חלוצות פון ראַטענרוסלאַנד. 1,100 חלוצים האָבן געאַרבעט ביז אַצינד אין קאָלעקטיוון. אין רוסלאַנד האָט דער „החלוץ" אויסגעבויט 8 אייגענע לאַנדווירטשאַפטן און 5 שטאָטישע אונטערנעמונגען. (די ציפערן זיינען פון סוף 1927 איידער דער „יעווסעקציע" איז געלונגען ארויבצורופן די רדיפות און די גירושים פון חלוצים פון זייערע ווירטשאַפטן).

דער אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד

פון מ. רודענסקי.

אין יאָר תרפ"ז איז אויסגעפאַלן דער 25־יאָריגער יובל פונ'ם נאַציאָנאַל־פאָנד (קרן קימת לישראל), וואָס זיין גרינדונג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויפ'ן פינפטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס (באַזעל, 1901), און ס'איז גע̇ווים וויכטיג און אינטערעסאנט צו וואַרפן אַ קורצן בליק אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיגן פּאָפּולערסטן פינאַנץ־אינסטרומענט פונ'ם ציוניזם.

די פינאַנציעלע אַנטוויקלונג. פון 1902 ביז 1906 זיינען געזאמלט געוואָרן פאַר'ן נ. פ. 59.400 עגיפּטישע פונט; 1907—1911 — 90.000 פונט; 1912־1916 — 156.000 פ.; 1917־1921 — 530.000 פונט; 1922־1926 — 923,000 פונט. בסך הכל פון 1902 ביז 1926 — 1.758.000 פונט.

די אַנטוויקלונג פונ'ם ערד־באַזיץ. אין תרע"ד (13 יאָר נאָך זיין גרינדונג) האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד געהאַט אין ארץ ישראל 20,785 דונאַם ערד; אין תר"פ — 24,294; תרפ"א — 71,091; תרפ"ב — 78.00; תרפ"ג — 98,074; תרפ"ד — 141,756; תרפ"ה — 177,530; תרפ"ו — 192,010; תרפ"ז — 200,708 דונאַם. דערצו קומען נאָך צו 1,494 דונאַם שטאָטישער באָדן, ד. ה. בסך הכל — 202,202 דונאַם.

מיט אַנדערע ווערטער: דער ערד באַזיץ פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד איז אין תרפ"ז געווען צען מאָל גרעסער ווי אין יאָר תרע"ד, אַכט אַ האַלב מאָל גרעסער ווי אין תר"פ.

פונ'ם נאַציאָנאַל פאָנד באָדן זיינען ביז תרפ"ז באַזעצט געוואָרן 126,330 דונאַם. — 30,161 דונאַם זיינען באַשטימט צו באַוואַלדען; דערפון זיינען שוין באַוואַלדעט 3,172 דונאַם מיט 451,717 ביימער; 44,217 דונאַם זיינען גוט צו באַזעצונג, אָבער נאָך ניט באַזעצט.

נאַציאָנאַל־פאָנד קאָלאָניעס און באַפעלקערונג. אויפ'ן באָדען פונ'ם נאַציאָנאַל־פאָנד געפינען זיך 18 מושבים (קאָלאָניעס פון אַליין־אַרבעטנדיגע יחידים מיט קאָאָפּעראַטיוון איינקויף און פאַרקויף און געגנזייטיגער הילף), 24 קבוצות, 2 קינדער־דערפער, 3 מיידלשע פערמעס, 1 אַגריקולטורעלע עקספערימענט־סטאַנציע, 2 אַגריקולטורעלע שולן מיט אַ באַפעלקערונג פון 7,251 נפשות (דערפון 4,086 אַרבעטנדיגע).

אמעליאָראַציע־אַרבעטן. פון תרפ"א ביז תרפ"ז האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד אויסגעטריקנט 25,000 דונאַם זומפּיגע ערד אין עמק יזרעאל.

אַמעריקע און דער נאַציאָנאַל פאָנד. פון 1902 ביז 1926 האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד באַקומען פון די פאַראייניגטע שטאַטן 444 טויזנט פונט (52 און אַ האַלב פּראָצענט פון אַלע הכנסות). דערפון בלויז 159,000 אין די צוואַנציג יאָר פון 1902 ביז 1921, און 285 טויזנט פונט (25 און אַ האַלב פּראָצענט פון 1926. אין די ערשטע 20 יאָר האָט אַמעריקע געגעבן דורכשניטליך צו קאַרגע 8,000 פונט יערליך, אין די לעצטע 5 יאָר צו 57 טויזנט פונט, ד. ה. אַ זיבנמאָליגע העכערונג. קענעדע האָט געגעבן אין דערזעלבער צייט 35,000 פונט (2,0 פּראָצענט). פונדעסטוועגן, אין פאַרגלייך מיט אייראָפּע, וואָס האָט אין משך פון די גאַנצע 25 יאָר געגעבן דעם נאַציאָנאַל פאָנד 942.540 פונט (53,6 פּראָצ.), איז אַמעריקע הינטערשטעליג. אפילו אין די נאָך־מלחמה יאָרן, 1922־1926, האָט אייראָפּע געגעבן 432,000 פונט געגן די 285,000 פונט פון אַמעריקע. דערביי פיגורירט איצט רוסלאַנד אינגאַנצען ניט, און אַ גאַנצע שורה אייראָפּעאישע לענדער האָבן, ווי באַקאַנט, שטאַרק געליטן פונ'ם עקאָנאָמישן קריזיס, געלט־אינפלאַציע א. אז. וו. דאָס ווייזט, אַז אין אַמעריקע קאָן נאָך זייער אַ סך געטאָן ווערן אויף צו פאַרגרעסערן די הכנסות.

די וויכטיגסטע געשעעניש אויפ'ן געביט פון שאַפן מיטלען פאַר'ן נאַציאָנאַל פאָנד איז די באַקאַנטע „קאַנאַדער אונטערנעמונג". די ציוניסטן פון דעם לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַ אידישן ישוב פון בלויז 150 טויזנט נפשות, האָבן גאַראַנטירט דער נאַציאָנאַל פאָנד פאַר די נאָענטסטע 7 יאָר דעם סכום פון 1 מיליאָן דאלאר, פון וועלכע 300 טויזנט זיינען דורך אַ געהעריגער קרעדיט־טראַנסאַקציע תיכף אויסגעצאָלט געוואָרן, דער רעשט וועט אויסגעצאָלט ווערן אין 7 יערליכע ראַטעס צו 100 טויזנט דאלאר. דערמיט איז דערמעגליכט געוואָרן

דעם נאַציאָנאַל פאָנד אויסצולייזן אין אויגער פון די בעסטע געגנטן פון לאַנד 47,000 דונאַם ערד, וואָס איז באַזונדערס פּאַסיג פאַר פלאַנצונגען, און דערמיט צו לייגן דעם יסוד פאַר אַ נייעם גרויסן קאָלאָניזאַטאָרישן אויפטו.

אויך אין די פאַראייניגטע שטאַטן האָבן מיר פאַר׳ן לעצטן יאָר אָנגעהויבן מערקן גרויסע ענדערונגען אין די באַציאונגען צום נאַציאָנאַל פאָנד. עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט נייע קרייזן, וואָס זיינען ביז איצט געווען ווייט און פרעמד צו ציוניזם.

פאַר׳ן לעצטן יאָר זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן אַ צאָל פון צוואות אויף באַדייטנדע סומען פון צען ביז 15 טויזנט דאָלאַר יעדע. איינִיגע פון די, וואָס האָבן איבערגעלאָזט די צוואות, זיינען געווען ווייט פון דער ציוניסטישער אידעע, און נאָר דורך אַ צופאַל האָבן זיי זיך דערוואוסט וועגן דעם נאַציאָנאַל פאָנד, און ווען זיי האָבן געהאַלטן ביי פאַרענדיגן זייערע חשבונות מיט דער וועלט, האָט זיי באַגייסטערט דער פאָנד, וועלכער לייזט אויס דעם באָדן אַלס אייביגן אייגנטום פאַר׳ן אידישן פאָלק. עס ווערן אויך איצט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט איינִיגע פאַרמעגליכע מענשן וועגן טראָסט־פאָנדן אויף באַדייטנדע סומען. עס זיינען פאַראַן אומערשעפּליכע מעגליכקייטן אויף דעם דאָזיגן געביט, און עס איז צו ערוואַרטן, אַז די נאָענטע צוקונפט וועט ברענגען באַדייטנדע רעזולטאַטן פון דעם דאָזיגן הכנסה־קוואַל.

פאַר דער לעצטער צייט ווערט פאַרהאַנדלט וועגן אַן אָפּמאַך מיט אַ פאַרזיכערונגס געזעלשאַפט וועגן עפענען אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר אַרויסנעמען פאַרזיכערונגען פאַר׳ן נאַציאָנאַל פאָנד. דאָס איז אַ ניי טעטיגקייטספעלד, וואו מען קאָן זייער פיל ערוואַרטן. עס מוז פאַרשפּרייט ווערן דער געדאַנק, אַז גלייכצייטיג מיט פאַרזיכערן די אייגענע פאַמיליע, זאָל אויך פאַרזיכערט ווערן די צוקונפט פונ׳ם אייגענעם פאָלק און לאַנד.

דער שיינער ביישפּיל פון די קאַנאַדער ציוניסטן דרינגט ביסלאַכווייז אַריין אויך אין אַמעריקע און עס ווייזן זיך שוין איינִיגע געמיינדעס, וואו עס איז פאַראַן אַ ווילען אויסצולייזן שטחים לאַנד אין זייער נאָמען. אין דער שווערער צייט, וואָס ארץ ישראל לעבט דורך, האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד זיך באַמיט צו פאַרגרינגערן די אַרבעטסלאָזיגקייט דורך באַשעפטיגן הונדערטער אַרבעטער אויף פאָרבאַרייטן דעם באָדן, אויסטריקענען זומפּן, דורכפירן וואַסערלייטונג און פלאַנצונגען אין פאַרשיידענע געגנדן. וואָלטן געווען מער מיטלען ביי דעם נאַציאָנאַל פאָנד, וואָלט פיל מער אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם געביט.

אין דער אַרבעט פון נאַציאָנאַל פאָנד זיינען פאַראינטערעסירט פאַרשיידענע שיכטן פון פאָלק. יעדער פון זיין שטאַנדפּונקט פילט די הייליגקייט און וויכטיגקייט פון דעם פאָלקס פאָנד. די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין דער ציוניסטישער וועלט וואָלטן באַדאַרפט פאַרשטאַרקן זייער אינטערעס און טעטיגקייט פאַר׳ן נאַציאָנאַל־פאָנד, וועלכער פאַרווירקליכט די אידייען פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט און פאַרזיכערט דעם באַזיץ פון די נאַטירליכע אוצרות פאַר׳ן גאַנצן פאָלק.

סטאַטיסטיק

די צאָל אידן אויף דער וועלט.

די צאָל אידן אויף דער וועלט באַטרעפט אויפ'ן יסוד פון די נייעסטע צענזוסן און שאַצונגען 14,783,862. דערפון לעבן אין: אייראָפּע 9,621,111 (65.17%); צפון און דרום־אַמעריקע 3,979,365 (26.91%); אַפריקע 588,670 (3.97%); אַזיע 570,138 (3.79%); אויסטראַלעזיע 24,578 (0.16%).

אידן אין אַמעריקע.

צ פ ו ן ־ אַ מ ע ר י ק ע.

קענעדע (1921) 126,196; פאַראייניגטע שטאַטן (אָן די באַזיצונגען — 1920) 3,600,800; אַלאַסקאַ (1917) 500; קובא (1925) 8,200; סאַן דאָמינגאָ (1921) 55; יאַמאַיקא (1921) 1,250; מעקסיקאָ (1927) 16,000; פּאַנאַמאַ־קאַנאַל־געגנט (1926) 750; פּאָרטאָ ריקאָ (1917) 200; ווירדזשין־אינזלען (1923) 70; סך הכל אין צפון־אַמעריקע 3,754,021.

צ ע נ ט ר אַ ל און ד ר ו ם ־ אַ מ ע ר י ק ע.

אַרגענטינע (1924) 200,000; בראַזיל (1924) 21000; טשילי (1924) 2,000; קוראַסאַאָ (1920) 565; פּאַראַגוויי (1924) 400; סורינאַד (1923) 818; אורוגוויי (1910) 150; ווענעזועלא (1894) 311; סך הכל אין דרום אַמעריקע 225,344.

אין גאַנץ אַמעריקע: 3,979,365.

אידן אין אייראָפּע.

מערב־און־דרום אייראָפּע.

איטאַליע (1924) 50,5000; אירישער פריישטאַט (1911) 5,148; בולגאַריע (1920) 43,232; בעלגיע (1921) 44,000; גיבראַלטאַר (1920) 1,123; גרויס־בריטאַניע (1924) 297,000; גריכנלאַנד (1925) 125,000; דאַנציג (1924) 9,230; דייטשלאַנד (1922) 615,000; דענעמאַרק (1921) 5,947; האָלאַנד (1925) 150,000; טערקיי (אייראָפּע—1923) 120,000; יוגאָ סלאַוויע (1920) 64,159; לוקסמעבורג (1922) 1,353; מאַלטאַ און גאָזאַ (1920) 35; סאַאר־געגנט (1920) 5000; פּאָרטוגאַל (1921) 1,000; פראַנקרייך (1926) 200,000; ציפערן (1921) 195; שווייץ (1920) 20,979; שפּאַניע (1920) 4,000; סך הכל אין מערב־און דרום־אייראָפּע 1,762,410.

צ פ ו ן ־ א י י ר אָ פּ ע.

נאָרוועגיע (1920) 1,457; עסטלאַנד (1922) 4,566; פינלאַנד (1920) 1,618; שוועדן (1920) 6,469; סך הכל צפון־אייראָפּע (אָן רוסלאַנד) 14,110.

צענטראַל און מזרח־אייראָפּע.

אונגאַרן (1920) 473,310; טשעכאָסלאָוואַקיע (1921) 354,342; לאַטוויע (1925) 95,675; ליטע (1923) 155,125; עסטרייך (1920) 350,000; פּוילן (1921) 2,854,000; רומעניע (1920) 900,000; סך הכל צענטראַל און מזרח־אייראָפּע (אָן רוסלאַנד) 5,182.452.

אייראָפּעאישע רוסלאַנד (1920).

קרים 51,516; מערב־רוסלאַנד (וויטעבסקער גוב.) 115,613; ווייס־רוסלאַנד 395,184; אוקראַינע 1,795.540; דאָס איבעריגע אייראָפּעאישע רוסלאַנד 304,286; סך הכל אינ'ם אייראָפּעאישען רוסלאַנד 2,662,139.

אין גאַנץ אייראָפּע 9,621,111.

אידן אין אַזיע.

ארץ ישראל און שכנישע לענדער.

ארץ־ישראל (1926) 157,800; אַראַביע 25,000; אַדן (1911) 3,747; איראַק מעסאָפּאָטאַמיע (1920) 87,488; סוריע און לבנון (1922) 35,000; סך הכל ארץ־ישראל און שכנישע לענדער 309,035.

קליין־אַזיע, צענטראַל און צפון־אַזיע.

אַפגאַניסטאַן 18,135; אַזיאַטישע טערקיי (1923) 70,000; פּערסיע 40,000; אַזערביידזשאַן (1923) 24,676; אוזבעקישע און טורקמענישע רעפּובליקן (1923) 25,683; גרוזיע (1922) 23,433; סיביר (1910) 44,725; קירגיזיע (1920) 2120; סך הכל קליין־אַזיע, צענטראַל און צפון־אַזיע 244,272.

מזרח און דרום־אַזיע.

אינדאָ כינע (פראַנצויזיש, 1924) 1,000; אינדיע (1921) 21,778; בריטיש־מאַלאַי (1921) 703; האָנג־קאָנג (1920) 150; יאַפּאַן (1922) 1000; כינע (1921) 12,000; סך הכל מזרח־און דרום אַזיע 36,631.

אין גאַנץ אַזיע 589,938.

אידן אין אַפריקע.

צפון־טייל פון אַפריקע (אַראַבישע לענדער).

אַלזשיר (1926) 100,000; טאַנזשיר (1922) 12,000; טוניס (1926) 65,000; ליביע (1919) 20,000; פראַנצויזישע מאַראָקאָ (1926) 117,512; שפּאַנישע מאַראָקאָ (1916) 18,000; מצרים (1917) 59,581; סך הכל צפון אַפריקע 392,093.

מזרח טייל פון אַפריקע.

אַביסיניע (1922) 50,000.

דרום־טייל פון אַפריקע.

(דאָס שוואַרצע אַפריקע).

דרום־אַפריקאַנישע יוניאָן (1921) 62,103; זיד־וועסט־אַפריקע (1925) 200; טאַגאַנאַיקאַ (1923) 10; פּאַרטוגעזיש־אָסט אַפריקע (מאַזאַמביק — 1923) 100; קאַנגאָ (1923) 177; קעניא (1924) 100; נאָרד־ראָדעזיע (1921) 110; זיד־ראָדעזיע (1921) 1,289; סך הכל דרום־טייל פון אַפריקע 64,089.

גאַנץ אַפריקע 506,182.

אידן אין אויסטראַלעזיע.

אויסטראַליע (1921) 21,615; האַוואַאי (1926) 77; ניי־זעעלאַנד (1921) 2,380; פיליפּינישע אינזלען (1917) 500; סך הכל 24,572.

די אידישע וואַנדערונג.

אימיגראַציע אין די פאַראייניגטע שטאַטן ביז סוף 1907.

וועגן דער אידישער איינוואַנדערונג ביז 1881 זיינען דאָ זייער ווייניג צאָלנמעסיגע ידיעות. פון 1881 ביז 1899 זיינען איינגעוואַנדערט דורך די פּאָרטן פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיא און באַלטימאָר 533,478 אידן. וועגן דער איינוואַנדערונג דורך אַנדערע פּאָרטן און וועגן דער צוריקוואַנדערונג זיינען קיין ציפערן ניטאָ.

פון 1899 ביז 1907 זיינען דורך אַלע האַפנס אַריינגעקומען 6,974,447 איינוואַנדערער, דאַרונטער 829,244 אידן (11.9 פּראָצ.). אויך פאַר דעם פּעריאָד זיינען ניטאָ קיין ציפערן וועגן דער צוריקוואַנדערונג.

איינוואַנדערונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן 1908—1927.

אַריינגעקומענע אימיגראַנטן:

אין די יאָרן 1908—25: אַלגעמיינע צאָל 10,950,950; אידן 1,018,878 (9.3 פּראָצ.).

אין 1926: אַלגעמיינע צאָל 304,488; אידן 10,267 (3.3 פּראָצענט).

אין 1927: אַלגעמיינע צאָל 335,175; אידן 11,483 (3.4 פּראָצענט).

צוריקגעפאָרענע עמיגראַנטן:

1908—25: אַלגעמיינע צאָל 3,667,702; אידן 52,585. (אויף 100 איינוואַנדערער זיינען געוועזן צוריקוואַנדערער 33,5; ביי אידן — 5.2).

אין 1926: אַלגעמיינע צאָל 73,366; אידן 341. (אויף 100 איינוואַנדערער זיינען געוועזן צוריקוואַנדערער 25.2; אידן 3.3).

אין 1927: אַלגעמיינע צאָל 73,366; אידן 224. (אויף 100 איינוואַנדערער זיינען געוועזן צוריקוואַנדערער 20.7; אידן 1.9).

סך הכל זיינען געוועזן 3,818,060 אויסוואַנדערער, פון וועלכע 53,150 זיינען געוועזן אידן. (אויף 100 איינוואַנדערער זיינען געוועזן צוריקוואַנדערער 32.9; אידן 5.1).

דער אַלגעמיינער איינוואַנדערונגס - צואוואוקס (דיפערענץ צווישן איינוואַנדערונג און צוריקוואַנדערונג) באַטרעפט אין די יאָרן 1908—25: 7,283,248, דערפון 966,293 אידן אָדער 13.3 פּראָצ.; אין 1926 227,496, דערפון 9,926 אָדער 4.3 פּראָצ.; אין 1927: 261,809, דערפון 11,259 אידן, אָדער 4.3 פּראָצענט. סך הכל אַן איינוואַנדערונגס־צוּוואוקס פון 7,772,553, דערפון 987,478 אידן אָדער 12.7 פּראָצענט.

צוריקגעוויזענע און דעפּאָרטירטע אימיגראַנטן.

צ ו ר י ק ג ע װ י ז ע נ ע:

אין 1899—1925 — 398,167, דערפון 28,018 אידן.

אין 1926: 20,550, דערפון 871 אידן.

אין 1927: 19,755, דערפון 1,090 אידן.

סך הכל — 438,472, דערפון 29,979 אידן.

ד ע פּ אָ ר ט י ר ט ע:

אין 1899—1925 — 65,485, דערפון 3,373 אידן.

אין 1926 — 10,904, דערפון 175 אידן.

אין 1927 — 11,662, דערפון 184 אידן.

סך הכל — 88,051, דערפון 3,732 אידן.

פאַרגליכן מיט דער צאָל אַריינגעלאָזענע אימיגראַנטן איז דער פּראָצענט פון די צוריקגעוויזענע:

אין 1925 — 8.6; ביי אידן 11.1.
אין 1926 — 6.7; ביי אידן 8.4.
אין 1927 — 5.9; ביי אידן 9.5.

אונטער דער ווירקונג פון די אימיגראַציע־געזעצן פון 1924 לײדט בכן די אידישע איינוואַנדערונג פּראָפּאָרציאָנעל שטאַרקער ווי די אַלגעמיינע איינוואַנדערונג.

דער פּראָצענט פון דעפּאָרטירטע אידן אין אין פאַרגלייך מיט דער צאָל אַריינגעקומענע איז קלענער ווי אין דער אַלגעמיינער איינוואַנדערונג.

פאַרטיילונג פון דער אידישער איינוואַנדערונג אויף די איינצלנע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע אין 1926 און 1927

(די ערשטע ציפערן זיינען פאַר 1926, די צווייטע פאַר 1927)

אָהיאָ 358—269; אילינאָי 787—762; אײאָװאַ 42—29; אײדעהאָ 2—4; אינדיאַנאַ 51—36; אַלאַבאַמאַ 8—12; אַלאַסקאַ 1—1; אָקלאַהאָמאַ 12—8; אַריזאָנאַ 1—1; אָרעגאָן 22—27; אַרקענסאָ 2—2; דזשאָרדזשיא 19—24; דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא 33—43; דעלאַווער 8—13; האַוואַי 0—1; וואַשינגטאָן 22—47; וויסקאָנסין 94—64; וועסט ווירדזשיניא 11—4; ווירדזשיניא 25—12; ווערמאָנט 3—20; זױד־דאַקאָטאַ 4—3; זױד־קאַראָלײנאַ 2—0; טענעסי 6—11; טעקסאַס 42—53; יוטאַ 4—3; לואיזיאַנאַ 13—6; מאָנטאַנאַ 3—2; מאַסאַטשוזעטס 387—385; מיזורי 111—73; מינעסאָטאַ 82—80; מיסיסיפּי 9—12; מעין 15—17; מערילענד 101—98; מישיגען 529—470; נאָרד דאַקאָטאַ 4—7; נאָרד קאַראָלײנאַ 2—21; ניו־העמפּשיר 15—5; ניו דזשוירזי 480—524; ניו יאָרק: 1926 — 5575; 1927 — 7068; ניו מעקסיקאָ 3—0; נעוואַדאַ 2—1; נעבראַסקא 26—28; פלאָרידאַ 46—33; פּענסילווייניא 853—787; קאָלאָראַדאָ 18—15; קאַליפאָרניא 213—214; קאָנעקטיקוט 147—155; קענזעס 8—5; קענטאַקי 7—7; ראָוד אײלענד 39—34.

פון וועלכע לענדער איז געקומען די אידישע איינוואַנדערונג פון 1926 און 1927

אײראָפּע. אַלבאַניע 0—1; אונגאַרן 168—161; איטאַליע 8—10; אירישער פרײשטאַט 14—14; בולגאַריע 2—1; בעלגיע: אין 1926 77; אין 1927 71;

גרויסבריטאַניע מיט נאָרד־אירלאַנד 511—486 ; גריכענלאַנד 5—25 ; דאַנציג 25—16 ; דייטשלאַנד 652—546 ; דענעמאַרק 7—10 ; טערקיי (אייראָפּ.) 42—41 ; טשעכאָסלאָוואַקיע 176—258 ; יוגאָסלאַוויע 6—7 ; לאַטוויע 208—249 ; ליטע 304—312 ; נאָרוועגיע 10—7 ; עסטלאַנד 17—6 ; עסטרייך 71—68 ; פּאָרטוגאַל 2—2 ; פּוילן 4133—5187 ; פינלאַנד 3—0 ; פראַנקרייך (מיט קאָרסיקאָ) 168—182 ; רומעניע 603—690 ; רוסלאַנד 1552—921 ; שווייץ 10—17 ; שוועדן 7—9; שפּאַניע 1—1 ; אַנדערע טיילן פון אייראָפּע 2—1. סך הכל פון אייראָפּע 8842—9631.

אַ ז י ע. אינדיע 6—2 ; ארץ־ישראל 164—333 ; טערקיי (אַזיאַטישע) 2—2 ; כינע 42—36; סיריע 1—23 ; פּערסיע 3—0 ; אַנדערע טיילן פון אַזיע 13—11.

אַ פ ר י ק ע. מצרים 45—18 ; אַנדערע טיילן פון אַפריקע 29—30. סך הכל 74—48.

א ו י ס ט ר אַ ל ע ז י ע. 8—6.

אַ מ ע ר י ק ע. בראַזיל 22—44 ; מעקסיקאָ 19—70 ; ניו־פאַונדלענד 3—3 ; קענעדע 931—1268 ; קובא 80—194 ; אַנדערע וועסט־אינדישע אינזלען 2—3 ; אַנדערע טיילן פון זיד־אַמעריקע 55—75. בסך הכל פון אַמעריקאַנישע לענדער 1,112—1,660.

געשלעכט פון די איינוואַנדערער.

נ י ט ־ א י ד ן. אין 1925 : 158,485 מענער (55.7 פּראָצ.) און 125,537 פרויען (44.3 פּראָצ.) ; אין 1926 : 165,999 מענער (56.4) ; און 128,222 פרויען (43.6) ; אין 1927 : 188,908 מענער (58.4) און 134,784 פרויען (41.6).

א י ד ן. אין 1925 : 4,767 מענער (46.4 פּראָצ.) און 5,525 פרויען (53.6) ; אין 1926 : 4.568 מענער (44.5) און 5,699 פרויען (55.5) ; אין 1927 : 5,255 מענער (45.8) און 6,228 פרויען (54.2).

צווישן די אידישע איינוואַנדערער איז דער פּראָצענט פרויען גרעסער, צווישן די ניט־אידישע איז גרעסער דער פּראָצענט מענער.

עלטער פון די איינוואַנדערער.

נ י ט ־ א י ד ן. אין 1925 : 48,305 אונטער 16 (17.0 פּראָצ.); 208,825 צווישן 16 און 44 (73.5) ; 45 און העכער 26,892 (9.0). אין 1926 : 45,338 אונטער 16 (15.4) ; 222,843 צווישן 16 און 44 (75.7); 26,040 פון 45 און העכער (8.9). אין 1927 : 48,840 אונטער 16 (15.7) ; 248,077 צווישן 16 און 44 (76.6) ; 26,775 פון 45 און העכער (8.3).

א י ד ן. אין 1925 : 2,417 אונטער 16 (23.5) ; 5,155 צווישן 16 און 44 (50.0) ; 2,720 פון 45 און העכער (26.5). אין 1926: 2,009 אונטער 16 (19.6) ; 5,684 צווישן 16 און 44 (65.1) ; 2,574 פון 45 און העכער (15.3). אין 1927 : 2,849 אונטער 16 יאָר (24.8) ; 6,497 צווישן 16 און 44 (56.6) ; 2,137 פון 45 און העכער (18.6).

צווישן די אידישע איינוואַנדערער איז דער פּראָצענט פון קינדער (אונטער 16) און עלטערע (איבער 44 יאָר) אַ סך אַ העכערער ווי צווישן די ניט־אידישע.

אידישע אימיגראַציע קיין קאַנאַדע.

פון 1901 ביז 1925 זיינען אָריינגעקומען אין קאַנאַדע 5,000,119 אימיגראַנטן, צווישן זיי 98,788 אידן (1.9 פּראָצענט) ; אין 1926 זיינען אריינגעקומען 96,064 אימיגראַנטן, צווישן זיי 3,587 אידן (3.7 פּראָצענט).

אידישע אימיגראַציע קיין אַרגענטינע.

פון 1913 ביז 1915 און פון 1919 ביז 1925 זיינען אריינגעקומען אין אַרגענטינע 1,678,334 איינוואַנדערער, דערפון 57,223 אידן (3.4 פּראָצענט). אין יאָר 1926 זיינען אריינגעקומען 135,111 אימיגראַנטן, דערפון 7,534 אידן (3.6 פּראָצענט).

אידישע אימיגראַציע קיין ארץ ישראל.

לויט דער אָפיציעלער רעגירונגס־סטאַטיסטיק, וועלכע איז ניט קיין פולשטענדיגע, ווייל זי נעמט ניט אין באַטראַכט די איינוואַנדערונג דורך די לאַנד־גרעניצן (דורך און פון מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע *), זיינען פונ'ם 9טן דעצעמבער 1917 ביז מאַי 1921 איינגעוואַנדערט נאָך ארץ־ישראל 14,101 פּערזאָן. וויפיל ס'זיינען דערפון געווען ניט־אידן ווייס מען ניט, אָבער די צאָל איז זיכער געווען אַ מינימאַלע.

פון יוני ביז דעצעמבער 1921 זיינען איינגעוואַנדערט 4,784 אידן און 77 ניט־אידן. פאַר דער גאַנצער צייט פון 1917 ביז סוף 1921 זיינען ניט פאַראַן קיין אויסוואַנדערונגס־ציפערן. בסך הכל באַטרעפט די אידישע איינוואַנדערונג לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון דעצעמבער 1917 ביז סוף 1926 יאָר 93,958 נפשות. פאַקטיש דערגרייכט זי איבער 100,000.

פון 1922 אָן האָט זיך די איין־ און אויסוואַנדערונג לויט די אָפיציעלע ציפערן אַנטוויקלט אויפ'ן פאָלגנדן אופן :

אידישע איינוואַנדערונג : 1922 — 7,844 ; 1923 — 7,421 ; 1924 — 12,856 ; 1925 — 33,801 ; 1926 — 13,081 ; בסך הכל — 75,071.

אידישע אויסוואַנדערונג : 1922 — 1,503 ; 1923 — 3,466 ; 1924 — 2,097 ; 1925 — 2,151 ; 1926 — 7,365 *); בסך־הכל — 16,522.

דער ריינער איינוואַנדערונגס־צואוואוקס פון 1922—1926 באַטרעפט בכן 58,551.

אין דער זעלבער צייט זיינען איינגעוואַנדערט 3.220 ניט־אידן, און אויסגעוואַנדערט

---

*) פאַר'ן יאָר 1926 זיינען גענומען די ציפערן בלויז פון דער אידישער אימיגראַציע. פאַר די איבעריגע יאָרן — די גאַנצע אימיגראַציע.

7,404 ; לויט געשלעכט און עלטער פאַרטיילט זיך די איינוואנדערונג אַזוי : **)
אין 1922 : 3,427 מענער (42.0 פראָצ.) ; 2,528 פרויען (31.0) ; 2.173 קינדער (27.0).

אין 1923 : 3,228 מענער (40.39) ; 2,616 פרויען (32.74) ; 2,147 קינדער (26.87).
אין 1924 : 5,502 מענער (40.6) ; 4,300 פרויען (31.7) ; 2,751 קינדער (27.7).
אין 1925 : 14,413 מענער (38.6) ; 11,953 פרויען (34.5) ; 8,275 קינדער (23.8).
אין 1926: 5,900 מענער (45.0) ; 4,560 פרויען (35.0) ; 2,620 קינדער (20.0).
סך הכל : 32,470 מענער (42.0) ; 25,957 פרויען (33.5) ; 18,966 קינדער (24.5).

**) פון די 7,365 אידישע אויסוואנדערער פון 1926 זיינען געווען 6,952 צוריקפאָרנדע איינוואנדערער און 416 ארץ־ישראל־דיגע בירגער. אין דעמזעלבן יאָר זיינען איינגעוואַנדערט 829 ניט־אידן, אויסגעוואנדערט 2,064, דערפון 783 צוריקוואנדערער און 1,281 ארץ־ישראל׳דיגע בירגער.

דער אַלוועלטליכער פּראָלעטאַריאַט (לויט לענדער)

לאַנד	פֿאַרדינער: צאָל (אין טויזנטער)	פֿאַרדינער: פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג	פּראָלעטאַריער: צאָל (אין טויזנטער)	פּראָלעטאַריער: פּראָצענט פון אַלע ערוואַרבנדע
רוסלאַנד	74,430	51.4	10,313	13.9
דייטשלאַנד	32,881	53.5	23,315	71.0
ענגלאַנד און אירלאַנד	21,143	44.4	19,055	91.1
איטאַליע	18,207	46.0	12,000	65.9
פראַנקרייך	21,721	55.4	13,000	59.9
פּוילן	14,320	53.3	3,841	26.8
שפּאַניע	9.300	43.1	3,400	36.5
רומעניע	7,500	46.1	3,500	46.7
טשעכאָסלאָוואַקיע	6,713	49.3	3,913	58.3
יוגאָסלאַוויע	5,300	44.1	2,000	37.7
אונגאַרן	3,752	47.0	1,966	54.2
בעלגיע	3,150	42.2	2,400	76.2
האָלאַנד	2,722	37.8	2,200	80.8
עסטרייך	3,826	58.5	1,800	57.0
גריכענלאַנד	2,820	51.0	750	26.6
פּאָרטוגאַל	2,700	38.6	1,300	48.1
שוועדען	2,946	49.9	1,713	58.1
בולגאַריע	2,500	49.2	650	26.0
שווייץ	1,860	47.9	1,363	73.3
דענעמאַרק	1,524	46.6	1,000	65.6
פינלאַנד	1,436	47.2	1,000	68.2
נאָרוועגיע	1,070	40.4	590	55.1
ליטע	1,250	57.7	280	22.4
לאַטוויע	830	45.0	190	22.9
עסטלאַנד	570	51.5	130	22.8
אַלבאַניע	362	45.0	91	25.0
דאַנציג	176	45.8	132	75.0
לוקסעמבורג	126	47.9	92	73.3
פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע (1920, מיט די באַזיצונגען	41,595	39.4	26,081	62.7
פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע (1920). אָן די באַזיצונגען	38,065	41.4	22,40[illegible]	58.9
יאַפּאַן (אָן די באַזיצונגען)	27,487	45.0	10,247	37.3
קאַנאַדאַ	3,331	37.9	2,055	61.7
בריטישע אינדיע	146,414	45.9	38,000	26.0
זיד־אַפריקאַ	2,700	40.0	1,350	50.0
אויסטראַליע	2,533	42.6	1,932	76.3
ניו־זעעלאַנד	550	42.0	200	36.4
אַרגענטינע	4,035	40.0	3,026	75.0
בראַזיל	12,250	40.0	8,670	70.8
מעקסיקאָ	5,501	36.4	4,573	83.1
פיליפינען	4,725	45.0	1,800	38.0
יאַוואַ און מאַדעיראַ	15,750	45.0	5,000	32.0
עגיפטן	6,940	50.0	3,800	55.0

פּראָצענט פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין פאַרשידענע לענדער.

(1טן יאַנואַר 1925)

(לויט די באַריכטן פון אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל)

לאַנד	באַפעלקערונג	צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער	פּראָצענט
עסטרייך	6,526,661	1,044,068	16.0
ענגלאַנד	40,560,588	5,531,000	13.6
אויסטראַליע	5,749,807	729,155	12.7
טשעכאָסלאָוואַקיע	13,611,349	1,669,456	12.3
דייטשלאַנד	59,852,682	6,000,000	11.5
בעלגיע	7,539,568	726,126	9.6
דענעמאַרק	3,267,831	306,158	9.4
ניי־זעעלאַנד	1,099,449	96,821	8.8
שוועדן	5,987,520	451,650	7.5
האָלאַנד	7,086,913	517,914	7.3
שווייץ	3,880,320	261,713	6.7
מעקסיקאָ	13,886,948	838,000	6.2
לוקסעמבורג	260,767	14,087	5.4
איטאַליע	38,835,941	2,234,520	5.1
רוסלאַנד	131,299,007	6,604,684	5.0
טשילי	3,754,951	162,000	4.3
איסלאַנד	94,690	4,000	4.2
נאָרוועגען	2,649,775	94,567	3.6
קובאַ	2,889,004	100,000	3.5
אַמעריקע	106,138,000	3,606,738	3.5
אירלאַנד	4,390,219	148,501	3.4
אונגאַרן	8,119,432	267,885	3.3
עסטלאַנד	1,110,538	30,000	2.7
פראַנקרייך	39,209,766	1,068,046	2.7
מעמעל	150,000	3,894	2.6
לאַטוויאַ	1,596,131	38,867	2.4
קאַנאַדאַ	8,788,483	201,981	2.3
שפּאַניע	21,658,222	453,578	2.1
פּוילן	27,178,690	539,089	1.9
אַרגענטינע	8,698,516	120,000	1.4
פינלאַנד	3,402,593	47,312	1.4
בולגאַריע	4,958,400	49,803	1.0
פּאָרטוגאַל	6,032,991	36,000	0.6
יוגאָסלאַוויע	12,017,323	64.000	0.5
פּערו	5,550,000	25.000	0.5
יאַפּאַן	57,655,000	230,000	0.4
רומעניע	17,393,140	46,863	0.3
זיד־אַפריקאַ	8,000,000	27,670	0.3
בראַזיל	30,635,695	104,000	0.3
האָלענדישע אָסט־אינדיע	49,350,834	60,000	0.1
עגיפּטן	13,000,000	12,000	0.09
כינע	436,094,953	300,000	0.07
בריטישע אינדיע	319,929,583	195.800	0.06

די אינטערנאַציאָנאַלע טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

דעם 31טן דעצעמבער 1925 זיינען אין אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל געווען אָנגעשלאָסן 24 לאַנד־צענטראַלעס און 23 לענדער מיט אַ צאָל פון 13,366,387 מיטגלידער (געגען 13,133,004 סוף 1924 און 15,316,127 סוף 1923).

די פאָלגנדע טאַבעלע גיט אָן די צאָל אָנגעשלאָסענע מיטגלידער, ווי אויך די צאָל און דעם פּראָצענט פרויען אין די איינצלנע לענדער, סוף 1925:

ארגענטינע: 14 אָנגעשלאָסענע פאַרבאנדן מיט 82,574 מיטגלידער (פעבר. **1**, 1926). דערפון זיינען 635 פרויען, וואָס מאכט אויס 0.8 פּראָצענט פון סך הכל.

בעלגיע: 27 פארבאנדן מיט 552,094 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 26,638 פרויען, וואָס מאַכט אויס 4.8 פּראָצענט אַנטקעגן 8.7 פּראָצענט דעם 31טן דעצ., 1924.

בולגאַריע: 16 פארבאנדן מיט 14,803 מיטגלידער (דעצ. 31, 1921).

דענעמארק: 51 פארבאנדן מיט 239,704 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 29,326 פרויען, וואָס מאכט אויס 16.4 פּראָצענט אנטקעגן 16.3 פּראָצ. דעם 31טן דעצ., 1924.

דייטשלאַנד: פאבריק־אַרבעטער — 40 פארבאנדן מיט 4,182,511 מיטגל. (דעצ. 31, 1925). דערפון 720,825 פרויען, וואָס מאַכט אויס 17.7 פּראָצ. אַנטקעגן 19.2 פּראָצ. דעם 31טן דעצ., 1924, דארונטער 127,814 יוגנטליכע אָנגעשטעלטע. — 14 פאַרבאַנדן מיט 339,855 מיטגל. (דעצ. 31, 1925). דערפון 80,304 פרויען, וואָס מאַכט אויס 20.1 פּראָצ. אַנטקעגן 23.0 פּראָצ. דעם 31טן דעצ., 1924.

פראַנקרייך: 36 פארבאנדן מיט 605,250 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925).

גרויסבריטאַניען: 206 פארבאנרן מיט 4,365,619 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). פון זיי 462,446 פרויען, וואָס מאכט אויס 10.6 פּראָצ., אנטקעגן 6.7 פּראָצ. דעם 31טן דעצ., 1924.

איטאַליען: 38 פארבאנדן מיט 234,520 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925).

יוגאָסלאַוויען: 30 אָנגעשלאָסענע פארבאנדן מיט 27,156 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 2,174 פרויען, וואָס מאכט אויס 8.0 פּראָצ., אנטקעגן 9.6 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

קאַנאַדא: 68 פארבאנדן מיט 106,412 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925).

לאַטוויע: 17 פאַרבאַנדן מיט 16,670 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 2,241 פרויען, וואָס מאכט אויס 15.4 פּראָצענט, אנטקעגן 13.5 פּראָצ. דעצ. 31, 1924).

לוקסעמבורג: 12 פארבאנדן מיט 13,398 מיטגלידער. דערפון 106 פרויען, וואָס מאכט אויס 0.8 פּראָצענט.

מעמעל געביט: 5 פארבאנדן מיט 1,401 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 249 פרויען, וואָס מאַכט אויס 17.8 פּראָצ., אַנטקעגן 16.2 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

נידערלאַנד: 26 פארבאנדן מיט 189,686 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 10,892 פרויען, וואָס מאַכט אויס 5.7 פּראָצ., אַנטקעגן 5.9 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

עסטרייך: 53 פארבאנדן מיט 807,515 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון זיינען 185,922 פרויען, וואָס מאַכט אויס 23.0 פּראָצענט, אַנטקעלן 23.0 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

פאַלעסטינא: 28 אָנגעשלאָסענע פארבאנדן מיט 18,663 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925).

פוילען: 28 פארבאנדן מיט 224,423 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 24,083 פרויען, וואָס מאַכט אויס 10.7 פּראָצ., אַנטקעגן 12.1 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

רומעניען: 25 פארבאנדן מיט 33,093 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 1,096 פרויען, וואָס מאַכט אויס 3.3 פּראָצ.

שוועדען: 34 פארבאנדן מיט 384,617 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 34,868 פרויען, וואָס מאכט אויס 9.1 פּראָצ., אנטקעגן 8.6 פּראָצ. דעב. 31, 1924.

שווייץ: 19 פארבאנדן מיט 149,997 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 12,564 פרויען, וואָס מאַכט אויס 8.4 פּראָצ., אנטקעגן 8.8 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

שפּאַניען: 33 פארבאאָדן מיט 235,007 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925).

טשעכאָסלאָוואַקיע: 48 פארבאנדן מיט 356,386 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 65,654 פרויען, וואָס מאכט אויס 18.4 פּראָצענט, אנטקעגן 17.9 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

אונגארן: 38 פארבאאָדן מיט 125,024 מיטגלידער (דעב. 31, 1925). דערפון 15,746 פרויען, וואָס מאַכט אויס 12.6 פּראָצענט, אַנטקעגן 13.4 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

סך הכל: 906 אָנגעשלאָסענע פארבאנדן מיט 13,366,387 מיטגלידער (דעצ. 31, 1925). דערפון 1,685,669 פרויען, וואָס מאכט אויס 14.0 פּראָצענט, אַנטקעגן 13.7 פּראָצ. דעצ. 31, 1924.

איבער דעם שטאנד פון 31 דעצ., 1926, זיינען אין מאָמענט, ווען דער דאָזיגער באַריכט איז געשריבן געוואָרן, נאָך נישט אַלע ציפערן געווען גענוי באקאנט. איצט איז פעסטגעשטעלט, אַז די מיטגלידער־צאָל איז אין יאָר 1926 פארקלענערט געוואָרען מיט 527,213, אָדער 3.2 פּראָצענט. די צאָל מיטגלידער האָט באטראָפן 12,839,174. דער דאָזיגער פאַרלוסט איז געקומען הויפטזעכליך מחמת דעם צוריקגאַנג פון מיטגלידער אין גרויסבריטאַניע אויף ארום 200,000 (צוליב דעם גענעראַל סטרייק און מיינער סטרייק), אין דייטשלאַנד ארום 250,000 (גרויסע אַרבעטסלאָזיגקייט), און אין דענעמארק איבער

83,000 (ארויסטריט פון דעם פארבאנד פון נישטגעלערנטע אַרבעטער מחמת גרויסע דיפערענצן). דאַגעגען קאָן מען אָנווייזן אויף אַ צואוואוקס פון מיטגלידער אין אַ שורה לענדער (פוילן 19,960, ארץ־ישראל 3,669, שוועדן 30,242). חוץ דעם האָבן זיך אין יאָר 1926 אָנגעשלאָסן צוויי נייע לאנד־צענטראַלעס — ליטא מיט 18,486 מיטגלידער און דרום־אַפריקע (אָרגאַניזאַציע פון די פאַרביגע אַרבעטער) מיט 60,660 מיטגלידער. ווייטער האָט זיך די מיטגלידער־צאָל פאַרגרעסערט מיט 192,000 מיטגלידער דורך דער פארשמעלצונג פון דער דייטשער און טשעכישער לאנדעס־צענטראַלע אין טשעכאָסלאָוואַקיע סוף 1926. פון זיי איז די טשעכישע שוין געווען פון פריער אָנגעשלאָסן.

בסך הכל קאָן מען זאָגן, אַז דאָס יאָר 1926 איז נישט געווען קיין שלעכטס. דער באַדייטנדער צוריקגאַנג פון דער מיטגלידערצאָל מוז צוריקגעפירט ווערן אויף פאָראיבערגייענדיגע סבות.

פאַר דעם יאָר 1927 קאָן נאָך נישט געגעבן ווערן קיין גענויע איבערזיכט: אָבער מען קאָן שוין איצט ארויסזען, אַז אין פאַרשיידענע לענדער האַלטן אין צוקומען פרישע מיטגלידער, און אין דייטשלאַנד אַליין איז דער צוריקגאַנג פון 1926 שוין ווידער אויסגעגליכן געוואָרן.

אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

די לעצט־באַקאַנטע צאָלן, וואָס דערמעגליכן אַ פארגלייך צווישן די פארשיידענע ריכטונגען אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג לויט זייער גרויס, זיינען פונ׳ם 31טן דעצ., 1924. בכלל קאָנען אָבער די רעלאַטיווע פאַרגלייך־ציפערן אָנגעווענדט ווערן אויך אויף דער איצטיגער לאַגע.

דער אָנטייל, וועלכן די איינצלנע ריכטונגען האָבן געהאַט אין דער אינטערנאַצ. טרייד־יוניאָן באַוועגונג אין 1921 און 1924 ווערט געוויזן אין די פאָלגנדע ציפערן:

אמסטערדאמער אינטערנאַציאָנאַל: אין 1921 — 22,411,826 מיטגלידער (48.4 פראָצענט; אין 1924 — 17,702,431 מיטגלידער (49.1 פראָצענט).

קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס: אין 1921 — 7,069,000 מיטגלידער (15.3 פראָצענט); אין 1924 — 7,333,845 מיטגלידער (20.3 פראָצענט).

קאָנפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס: אין 1921 — 3,759,106 מיטגלידער (8.1 פראָצ.); אין 1924 — 2,112,109 מיטגלידער (5.9 פראָצענט).

סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס: אין 1921 — 1,254,217 מיטגלידער (2.7 פראָצ.); אין 1924 — 471,439 מיטגלידער (1.3 פראָצענט).

פארשיידענע אָרגאַניזאַציעס: אין 1921 — 11,778,982 מיטגלידער (25.5 פראָצענט); אין 1924 — 8,442,887 מיטגלידער (23.4 פראָצענט).

צוזאַמען: אין 1921 46,273,132 מיטגלידער; אין 1924 36,062,711 מיטגלידער.

ווי עס איז צו זען דערפון, האָבן די צוויי ריכטונגען, דער אַמסטערדאמער אינטערנאַציאָנאַל און די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס געקראָגן אַ גרעסערן איינפלוס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, בעת די אַנדערע ריכטונגען, און אם מייסטן די סינדיקאַליסטישע, האָבן פארלוירן פון זייער איינפלוס. דאָס וואָס די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פון 1921 ביז 1924 באַוויזן אָנצוהאלטן און אַפילו צו פאַרמערן זייער מיטגלידערצאַל איז צוריקצופירן בעיקר אויף די רוסישע טרייד־יוניאָנס. דעם 31 דעצ., 1924, האָט זייער אנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אויסגעמאַכט ביי 90 פראָצענט. עס איז זיכער, אַז זינט 1924 איז די השפעה פון דער קאָמוניסטישער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין אינטערנאַציאָנאַל שטארק פארקלענערט געוואָרן, אַזוי אַז דער רוסישער אָנטייל אין דער קאָמוניסטישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג דערנענטערט זיך צו 100 פראָצענט. מיט אַנדערע ווערטער: די דאָזיגע ריכטונג איז שוין באַגרעניצט כמעט בלויז אויף רוסלאַנד. דערביי מוז באַמערקט ווערן, אַז אין דער ריכטונג „אַמסטערדאַם" זיינען אריינגערעכנט אָרגאַניזאַציעס פון איניגע לענדער (קודם כל אַמעריקע), וועלכע כאָטש ניט זייענדיג אָנגעשלאָסן אָן דעם אינטערנאַציאָנאַל פארטרעטן זיי פונדעסטוועגן זיין שטאַנדפונקט.

דער אַרבעטער קלאַס אין די פאַראייניגטע שטאַטן*)

לויטן צענזוס פון 1920 זיינען געווען אין די פאַראייניגטע שטאַטן לוין־ און געהאַלט־נעמער:

קוואַליפיצירטע אַרבעטער: מענער — 4,839,125; פרויען — 75,526.

האַלב קוואַליפיצירטע אַרבעטער: מענער — 4,260,153; פרויען — 2,124,414.

אָנגעשטעלטע און ענליכע אַרבעטער: מענער — 3,468,541; פרויען 2,169,603.

פּראָסטע אַרבעטער (לייבאָרערס).

אין דער לאַנדווירטשאַפט: מענער — 4,528,953; פרויען — 920,379.

אַנדערע: מענער — 5,512,613; פרויען — 110,226.

דינער: מענער — 736,988; פרויען — 1,697,135.

בסך הכל לוין־נעמער: מענער — 23,346,373; פרויען — 7,097,283.

פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער:

געהאַלט־נעמער: מענער — 669,237; פרויען — 939,251.

אומאָפּהענגיגע: מענער — 454,422; פרויען — 65,877.

אייגנטימער, באַאַמטע, דירעקטאָרן:

אין דער לאַנדווירטשאַפט: מענער — 5,338,047; פרויען — 163,695.

אַנדערע: מענער — 2,614,557; פרויען — 262,099.

עפנטליכע באַאַמטן: מענער — 637,157; פרויען — 21,194.

סך הכל מענער — 33,059,793; פרויען — 8,549,399.

*) אויפ'ן יסוד פון די מאַטעריאַלן פון אַננאַ ראָטשעסטער, אינ'ם „אַמעריקען לייבאָר יאָר בוך".

אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

אין דער אַמעריקען פעדערוישאָן אָוו לייבאָר — — — — — — — — — 2,878,297
אייזנבאַן אַרבעטער (בערך) — — — — — — — — — — — — 500,000
אַנדערע יוניאָנס (בערך) — — — — — — — — — — — — — 150,000

צוזאַמען (קנאַפּ) — — — — — — — — — — — — — — — 4,000,000

פּראָצענט אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין די פאַר. שטאַטן לויט אינדוסטריען.

ביים גראָבן מינעראַלן: אין 1910 — 27.3 פּראָצ.; אין 1920 — 41.0 פּראָצ.
אין פאַבריקן: אין 1910 — 11.6 פּראָצ.; אין 1920 — 23.2 פּראָצענט.
טראַנספּאָרט: אין 1910 — 17.1 פּראָצ.; אין 1920 — 37.3 פּראָצענט.
בוי־אינדוסטריע: אין 1910 16.4 פּראָצ.; אין 1920 — 25.5 פּראָצ.
האַנדל: אין 1910 — 1.0 פּראָצ.; אין 1920 — 1.1 פּראָצ.
פּראָפעסיעס: אין 1910 — 4.6 פּראָצ.; אין 1920 — 5.4 פּראָצ.
קאָנטאָר־אַרבעט: אין 1910 — 1.8 פּראָצ.; אין 1920 — 8.3 פּראָצ.
באַדינונג: אין 1910 — 2.0 פּראָצ.; אין 1920 — 3.8 פּראָצ.
קהל'שע דינסט: אין 1910 — 2.5 פּראָצ.; אין 1920 — 7.3 פּראָצ.

מיטגלידערשאַפט פון דער אַמעריקען פעדערייַשאָן אָוו לייבאָר אין פאַרשידענע צייטן.

יאָר	מיטגלידערשאַפט אין אַ יאָר	יאָר	מיטגלידערשאַפט אין אַ יאָר	יאָר	מיטגלידערשאַפט אין אַ יאָר
1897	264,825	1907	1,538,970	1917	2,371,434
1898	278,016	1908	1,586,885	1918	2,726,478
1899	349,422	1909	1,482,872	1919	3,260,068
1900	548,321	1910	1,562,112	1920	4,078,740
1901	787,537	1911	1,761,835	1921	3,906,528
1902	1,024,399	1912	1,770,145	1922	3.195,635
1903	1,465,800	1913	1,996,004	1923	2,926,468
1904	1,676,200	1914	2,020,671	1924	2,900,000
1905	1,494,300	1915	1,946,347	1925	2,878,297
1906	1,454,200	1916	2,072,702	1926	3,303,966
				1927	3,312,526

דער אַרבעטס־לוין אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

צווישן די מאָנאַטליכע אָדער יערליכע פאַרדינסטן פון די קנאַפּע 31 מיליאָן לוין־אַרבעטער אין אַמעריקע, זיינען דאָ קאָלאָסאַלע פאַרשיידנהייטן. אין אַלגעמיין ווערט אָנגענומען אַלס דער דורכשניטליכער אַרבעטס־לוין פון אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער, אין „פּראָספּעריטי” צייט, 25 ביז 30 דאָלאַר אַ וואָך.

העכערע לוינען. אַ רעלאַטיוו קליינע גרופּע אַרבעטער פאַרדינט מער ווי דעם דאָזיגן דורכשניטליכן לוין. דאָס זיינען קודם כל די פעסט־אָרגאַניזירטע טיילן פון די אייזנבאַן, בוי־אַרבעטער, רערן־לייגער (פּלאָמבער), מענער און פרויען קליידער־אַרבעטער, זעצער, דרוקער א. א., וואָס האָבן דורך זייערע יוניאָנס דורכגעזעצט העכערע לוין־טאַריפן. אַהער גייט אויך אַריין אַ געוויסע צאָל (ניט אָרגאַניזירטע) שטאָל און אויטאָמאָביל־אַרבעטער — פון די ערשטע בערך אַן אַכטל, פון די לעצטע נאָך וויניגער, וווּיטער ניט־אָרגאַניזירטע בוי־ און קליידער־אַרבעטער, וועלכע גענינסן פון די יוניאָן־באַדינגונגען, וואָס זייערע אָרגאַניזירטע חברים האָבן אויסגעקעמפט. דאָ דאַרף מען אויך אַריינרעכענען אַ געוויסן קליינעם פּראָצענט סטענאָגראַפיסטן, בוכהאַלטערס און אַנדערע.

בסך הכל קאָן מען רעכענען, אַז אַרום 3 מיליאָן, אָדער איין צענטל פון די לוין־אַרבעטער, פאַרדינען צווישן 42 און 60 דאָל., אַ קלענערער טייל אפילו ביז 75 דאָל אַ וואָך. אָבער בלויז אַ קליינער טייל פון זיי איז באַשעפטיגט דאָס גאַנצע יאָר.

נידעריגערע לוינען. פילפאַך גרעסער איז אָבער די צאָל אַרבעטער, וואָס זייערע לוינען שטייען אונטער דעם דערמאָנטן דורכשניט. די „סעקשאָן הענדס”, וואָס האַלטן אין אָרדנונג די באַן־שינעס, באַקומען אין דורכשניט 17 דאָל. אַ וואָך. די אַרבעטער אין די בוימוואָל שפּינערייען האָבן אין 1926 פאַרדינט דורכשניטליך 17.48 דאָל. אַ וואָך; זיידן־אַרבעטער אין ניו יאָרק (יאַנואַר 1928) 21.75, אין פּענסילוואַניא (דריי חדשים פריער) — 19.49, און די מערהייט אַרבעטער אין די זאָקן־וועבערייען קריגן צווישן 15 און 20 דאָל. אַ וואָך. בלויז אין דער נאָרד, וואו די „פול פעשיאָנד” זאָקן־אַרבעטער זיינען פעסט אַרגאַניזירט, פאַרדינט אַ קליינער טייל (וויניגער ווי איין צענטל פונ'ם גאַנצ'ן פאַך) צו 50 דאָל. אַ וואָך.

יאָר־פאַרדינסטן אונטער 1,000 דאָלאַר אין די פאַבריקן. אויפ'ן יסוד פון פאַבריק־צענזוס שאַצט סעקרעטערי אָוו קאָמערס הואָווער דעם דורכשניטליכן לוין פונ'ם אַמעריקאַנער פאַבריק־אַרבעטער אויף 1280 דאָלאַר אַ יאָר (אָדער 24.62 אַ וואָך). אָבער דערזעלבער צענזוס באַווייזט, אַז איבער 1,830,000 אַרבעטער אין די פאַבריקן (אַ פינפטל פון אַלע לוין־נעמער אין די פאַבריקן קריגן וויניגער ווי צו 1,000 דאָל. אַ יאָר (אָדער 19.23 דאָלאַר אַ וואָך).

אויף די איינצלנע אינדוסטריע־צווייגן פאַרטיילן זיך די דאָזיגע שלעכט באַצאָלטע אַרבעטער אַזוי:

האָלץ־אינדוסטריע (האָלץ־זעגן, בוימער אויסהאַקן, קוישן אויסאַרבעטונג, טערפּענטין, קאַסטנס־פאַבריקאַציע, האָלץ־שניצעריי), 561,541 אַרבעטער.

טעקסטיל־אינדוסטריע (זיידען, געוואַנט, שטריק, זעק, טעפּיכער, נעצן, טאַפּעצירער־מאַטעריאַלן) — 548,538 אַרבעטער.

באַקליידונגס־אינדוסטריע, אַחוץ שניידעריי (שטריקעריי, היט, הענטשקעס, קאָרסעטן, העמדער — 350,269 אַרבעטער.

דערנערונגס־אינדוסטריע (קאָנסערוון, צוקער־אויסאַרבעטונג, ביסקוויטן, עופות־שעכטעריי, עסיג) — 201,718 אַרבעטער.

טאַבאַק־אינדוסטריע — 132,132 אַרבעטער.

כעמישע אינדוסטריע (קינסטליכע באַמיסטיגונג, בוימוואָל־אויסאַרבעטונג, קאָסמעטיק, פּערפיומען, פייערווערק) — 46,284 אַרב.

פאַרשיידענע קלענערע אינדוסטריען (קנעפּ, בעזימער, קינסטליכע בלומען, גאָלדשמידעריי) — 35,386 אַרבעטער.

צוזאַמען 1,830,868 אַרבעטער.

דורכשניטליכע פאַרדינסטן פון די אייזנבאַן־אַרבעטער. די „אינטערסטייט קאָמערס קאָמישאָן” פאַרעפנטליכט ציפערן וועגן די לוינען ביי די אייזנבאַהן־אַרבעטער אויפ'ן יסוד פון וועלכע דאָס ביוראָ פאַר אַרבעטער־סטאַטיסטיק האָט אויסגערעכנט די דורכשניטליכע פאַרדינסטן פון די אַרבעטער ביי 148 פאַרשיידענע באַשעפטיגונגען ביי די דאַמף־אייזנבאַנען. אין 1926 האָבן די דאָזיגע באַנען באַשעפטיגט איבער אַ מיליאָן מיט אַכט פּראָצענט פונ'ם גאַנצן באַן־נעץ פון די פאַראייניגטע שטאַטן. די דורכשניטליכע פאַראייניגטע שטאַטן. די דורכשניטליכע פאַרדינסטן זעען אויס אַזוי:

דורכשניטליכער יאָר־פאַרדינסט	צאָל באַשעפטיגטע	פּראָצענט
19.23 אַ וואָך — — — —	418,767	23.2
19.23—24.99 אַ וואָך —	179,796	9.9
25—30.76 אַ וואָך —	374,941	20.8
30.77—42.30 אַ וואָך —	542,478	30.0
42.31—67.30 אַ וואָך —	269,826	14.9
67.31 און מער אַ וואָך	19,972	1.1
סך הכל — —	1,805,780	100.0

איבער 23% פון די אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן בכן פאַרדינט ווייניגער ווי $19.23 אַ וואָך, איבער אַ דריטל ווייניגער ווי 25 דאָל. דאָס זיינען די פּשוטע אַרבעטער אין די רעפּאַראַטור־וואַרשטאַטן, קרייץ־וועג־היטער, איבערשאַלטער, שינעס־ריייניגער, קאָכער און אויסהעלפער אין די קיכן פאַר די אָנגעשטעלטע, נידעריגערע ביוראָ־אָנגעשטעלטע, שיק־אינגלאַך; די העכערע לוינען באַקומען די אייגנטליכע קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן, די מאַשין־מייסטער, קאָנדוקטאָרס, העכערע באַאַמטע א. אַ.

ווייכע קוילן.

אין די ווייכע קוילן־גרובן ווערן געוויסע אַרבעטן באַצאָלט מיט אַ העכערן דורכשניטס־לוין. אָבער דער גרויסער רוב פון די קוילן־גרובן אַרבעטן ווייניגער ווי 5 טעג אַ וואָך. אין 1924 האָבן די ביטומינאַזע קוילן־גרובן געאַרבעט אין דורכשניט בלויז 171 טעג. און דער העכסטער שכירות־דורכשניט פון קוילן־גרעבער און אויפלאָדער איז געווען — לויט אַן אָפּשאַצונג פונ'ם ביוראָ פאַר אַרבעטס־סטאַטיסטיק מיט 150 דאָלאַר נידעריקער ווי דער דורכשניטליכער פאַבריק לוין. אין 1926, דער יאָר פונ'ם ענגלישן קוילן־סטרייק, האָבן די אַמעריקאַנער קוילן־גרובן געאַרבעט אין דורכשניט 215 טעג. די אַרבעטער האָבן דעריבער — אַ חוץ אין קאָלאָראַדאָ — מער פאַרדינט. אין די מייסטע שטאַטן איז אָבער דער דורכשניטליכער לוין פאַר יעדן אַראָבשטייג (סטאַרט) געפאַלן; אין קאָלאָראַדאָ איז ער פון 7.23 דאָל. אין 1924 געפאַלן ביז 6.31 דאָל. אין 1926, אַזוי אַז דאָ האָבן די אַרבעטער אין 202 אַרבעטס טעג פאַרדינט ווייניגער ווי אין 178 אַרבעטס טעג אין 1926.

דער דורכשניטליכער לוין פאַר'ן אַראָפּשטייג איז געווען אין 1926 (די ציפערן אין די קלאַמערן זיינען דער דורכשניטס־לוין אין 1924).

אַלאַבאַמאַ 4.57 (4.57); קאָלאָראַדאָ 6.31 (7.23); אילינאָיז 8.90 (8.55); אינדיאַנאַ 8.20 (8.56). קענזעס 5.83 (5.92); קענטאָקי 5.18 (5.63); אָהייאָ 6.71 (7.17); פּענסילווייניא 6.18 (6.40); טענעסי 3.49 (4.08); ווירדזשיניא 5.04 (4.65); וועסט ווירדזשיניא 5.85 (6.10); בסך הכל אין דורכשניט פון די אויסגערעכנטע שטאַטן 6.46 (6.56).

דער העכסטער יערליכער פאַרדינסט דורכשניטס האָט אין 1924 באַטראָפן אין אַלאַבאַמאַ: 1.005 דאָל.; קאָלאָראַדאָ 1.287; אילינאָיז 1.265; אינדיאַנאַ 1.164; קענזעס 894; קענטאָקי 980; אָהייאָ 1025; פּענסילווייניא 1152; טענעסי 6.49; ווירדזשיניא 1051; וועסט־ווירדזשיניא 1110; אַלגעמיינער דורכשניט 1128.

ניט קוואַליפיצירטע אַרבעט.

די פעדעראַלע ביוראָ פאַר אַרבעטס־סטאַטיסטיק האָט אויסגערעכנט, אַז דעם 1טן יולי 1927 האָט דער דורכשניטליכער לוין פאַר אַ שעה ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעט באַטראָפן 42.6 סענט. אָבער דער דאָזיגער דורכשניט שליסט איין זייער גרויסע אונטערשיידן. אַזוי האָט מען געצאָלט פאַר ניט־קוואַליפיצירטער בוי־אַרבעט אין די מיטל־אַטלאַנטישע שטאַטן 1.12½ דאָל. די שעה, אין די דרום־אַטלאַנטישע שטאַטן בלויז 15 סענט.

אין די איינצלנע אַרבעטס־צווייגן שוואַנקען די לוינען (1 יולי 1927) פאַר ניט־קוואַליפיצירטער אַרבעט אויפ'ן פאָלגנדן אופן (די איינגעקלאַמערטע ציפערן זיינען די דורכשניטלוינען פאַר די פאַריייניגטע שטאַטן). אויטאָמאָבילן: 33.3—70 סענט (46:31); באַקשטיין ציגעל, געברענטער ליים: 17.5—62.7 (42.2); צעמענט 25—56 (39.2); עלעקטרישע מאַשינען א. א. 33—61 (44.2); גיסערייען און מאַשין־פאַבריקן 17.5—56 (37.8); אייזן און שטאָל 20—50 (43.2); לעדער: 22.5—60 (41.4); האָלץ (זעגמילן): 16—62.5 (32.2); פּאַפּיר 22.5—54.0 (42.5); נאַפט־ראַפינעריע: 30—62 (44); שעכט־אַרבעט און פלייש פּאַקערייַ: 37.5—45 (41.73); עפנטליכע אַרבעטן: 20—71.5 (39.8); דזשענעראַל קאָנטראַקטינג (בוי א. א.): 15—112.5.

פאַרם־אַרבעט.

די ערגסטע לוינען באַקומען די 5,500,000 פאַרם־אַרבעטער. לויט אַ באַרעכענונג פונ'ם „יונייטעד סטייטס ביוראָ אָוו אַגריקולטשורעל עקאָנאָמיקס", האָט אין אָקטאָבער, 1927, דער חודש־לוין פון אַ פאַרם־אַרבעטער אין דורכשניט באַטראָפן:

	אָן עסן	מיט עסן
נאָרד־אַטלאַנטישע שטאַטן —	47.01	69.03
נאָרד צענטראַלע שטאַטן —	42.47	56.67
זיד־אַטלאַנטישע שטאַטן —	25.77	36.44
זיד־צענטראַלע שטאַטן — —	25.57	36.85
ווייטע וועסט שטאַטן — —	56.39	78.33
דורכשניט — — —	35.68	40.77

אין 1926 זיינען די לוינען פון פאַרם־אַרבעטער געווען אַ ביסל העכער.

16—17 מיליאָן אַרבעטער פאַרדינען אונטער 25 דאָלאַר אַ וואָך!

קיין גענויע צאָלן פון די אַרבעטער, וואָס פאַרדינען אונטער 25 דאָל. אַ וואָך, האָבן מיר ניט, אָבער די פאָלגנדע צאָלן זיינען נאָענט צום אמת:

באַשעפטיגונג	אַלגעמיינע צאָל פאַרדינער	אונטער 25 דאָל. אַ וואָך
פארם אַרבעטער — —	5,500,000	5,500,000
קוילן־אַרבעטער — —	1,000,000	500,000
פאַבריק ־ אַרבעטער —	12,000,000	5,500,000
אַרבעטער אין טראַנס־פּאָרט, האַנדל און עפנטליכן דינסט —	4,00,000	1,500,000
אַנגעשטעלטע און ענליכע — —	5,000,000	2,000,000
הויז און פערזענליכער דינסט — — —	3,000,000	1,700,000
	30,500,000	16,700,000

מ'קען רעכענען, אַז צווישן די, וואָס פאַר־דינען אונטער 25 דאָל. אַ וואָך, זיינען פאַראַן בערך 6 מיליאָן פרויען און מיידלאך און אַ 3 מיליאָן אינגלאך און יונגע לייט אונטער 20 יאָר.

וואו צאָלט מען די נידעריגסטע לוינען?

די נידעריגסטע לוינען ווערן געצאָלט אין צען זיד־שטאַטן: פון ווירדזשיניאַ און טענעסי ביז לואיזיאַנאַ און אַרקענזעס. די איבער אַ מיליאָן אַרבעטער, וואָס געפינען זיך דאָרט פאַרדינען אין דורכשניט ווייניגער ווי 1000 דאָלאַר אַ יאָר.

דעם אַרבעטער'ס חלק אין דער אַמעריקאַנער פּראָדוקציע.

די ציפערן פאַר 25 יאָר, 1899—1923, ווייזן, אַז פון די ווערטן, וואָס די אַרבעטער פּראָ־דוצירן אין די אַמעריקאַנער פאַבריקן, באַקומען זיי ווייניגער ווי אַ העלפט, ווי עס איז צו זען פון דער פאָלגנדער טאַבעלע:

יאָרן	אַרבעטס־לוין	אַרבעטער־געהאַלטן	ס"ה פון אַרבעטער'ס חלק	פּראָצענט פון אַנדערע אין פאַרגלייך מיט'ן אַרבעטער'ס חלק
1899 — — — — — — —	41.5	4.2	45.7	54.3
1904 — — — — — — —	41.5	4.5	46.0	54.0
1909 — — — — — — —	40.2	5.5	45.7	54.3
1914 — — — — — — —	41.3	6.5	47.8	52.2
1919 — — — — — — —	42.1	5.7	47.8	52.2
1921 — — — — — — —	44.7	6.9	51.6	48.4
1923 — — — — — — —	42.1	5.4	47.5	52.5
19.25 — — — — — — —	40.1	5.9	46.0	54.0

סטרייקס און לאָקאַוטס אין די לעצטע יאָרן.

יאָר	צאָל סטרייקס און לאָקאַוטס	צאָל אַרבעטער	דורכשניטליכע צאָל אַרבעטער	יאָר	צאָל סטרייקס און לאָקאַוטס	צאָל אַרבעטער	דורכשניטליכע צאָל אַרבעטער
1916	2,667	1,599,917	600	1921	1,785	1,099,247	616
1917	2,325	1,227,254	528	1922	865	1,608,321	1,859
1918	2,151	1,230,989	576	1923	1,132	744,948	658
1919	2,665	4,160,348	1,561	1924	872	654,453	751
1920	2,226	1,463,054	657	1925	1,012	428,218	423
				1926	783	329,592	421

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער
געשיכטע פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג

אַריינפיר.

די מאַטעריאַלן, וואָס ווערן דאָ ווייטער פּובליקירט, זיינען אַ טייל פון אַ גרעסערן זאַמלבוך איבער דער פאָרגעשיכטע און גרינדונגס צייט פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, וואָס דער געחתמ׳עטער גרייט צו צום דרוק. זיי נעמען אַרום אַ פּעריאָד פון בערך 9 — 10 יאָר — זייט דער גרינדונג פונ׳ם ערשטן פאַריין פּועלי ציון אין מינסק (1897) ביז דער קאָנסטיטואירונג פון די פּועלי־ציון־פּאַרטייען אין די איינצעלנע לענדער אַלס סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט אַ קלאָרער קלאַסן־קאַמף־פיזיאָנאָמיע.

דער מאַטעריאַל איז דערווייל ווייט פון פולשטענדיגקייט. דער וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון (פאַראייניגט מיט צ. ס.) האָט נאָך ניט קיין פּאַרטיגן אַרכיוו, פון וועלכן מ׳זאָל קענען מיט פולע הענט שעפּן די מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון דער באַוועגונג. מיר זיינען ערשט אין לעצטן יאָר צוגעטראָטן צו דער שאַפונג פון אַזאַ אַרכיוו און האַלטן טאַקע ערשט ביים אָנהויב פון דער וויכטיגער אַרבעט. די צונויפ־שטעלונג פונ׳ם מאַטעריאַל פון דער איצטיגער פּובליקאַציע איז דעריבער פאָרגעקומען אינ׳ם סאַמע פּראָצעס פון זאַמלען די מאַטעריאַלן אין די פאַרשידענע לענדער. דערצו האָבן מיר צוליב מאַנגל אין פּלאַץ געמוזט אויסלאָזן אַ גאַנצע שורה פון אינטערע־סאַנטע און וויכטיגע דאָקומענטן, מיר האָבן דערווייל גאַנץ אָדער טיילווייז צוריק־געשטעלט וויכטיגע טעטיגקייטס־געביטן, ווי די פּראָפעסיאָנעלע (טרייד־יוניאָן) אַרבעט — מיט דער אויסנאַם פון ארץ ישראל — וויכטיגע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען, א. אַ. דאָס הויפּט־געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף אַזעלכע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן באַלויכטן די אידיאיש ע אַנטוויקלונג פונ׳ם פּועלי־ציון געדאַנק אין די גרינדונגס־יאָרן, די ראַנגלענישן מיט די אידייאישע געגנער, די אינערליכע זוכענישן און בלאָנדזשענישן, וועלכע די באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט פון אירע ערשטע אָנהויבן ביז צו איר ענדגילטיגער אידייאישער און פּאָליטישער קאָנסאָלידי־רונג. דערביי האָבן מיר ווי ווייט מעגליך אויך אויסגעמיידט צו פּובליקירן מאַטעריאַלן, וואָס זיינען שוין פון פריער צוגענגליך פאַרן ברייטערן עולם, ווי למשל נחמן סירקינ׳ס „אויפרוף צו דער אידישער יוגנט” און אַנדערע, וואָס זיינען געדרוקט אין סירקינ׳ס געזאַמלטע שריפטן.

דער צוועק פון דער היינטיגער פּובליקאַציע איז, צו פירן דעם לייענער דירעקט צום קוואַל, געבן אים אָריגינעלן היסטאָרישן מאַטעריאַל, און אַזוי דערמעגליכן אים, אַליין צו געווינען אַ לעבעדיג בילד פון דער געבורט און די ערשטע שריט פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אויף דער היסטאָרישער אַרענע. מיר האָפן אין דער נאָענטסטער צייט, צו קענען פאַרעפנטליכן אַ פאַרברייטערטע אויסגאַבע פונ׳ם מאַטעריאַל, דער־גענצט דורך וויכטיגע דאָקומענטן, בילדער, בריוו, פאַקסימיליעס א. אַז. וו. אַלס זעלבסטשטענדיגן ספר, וואָס וועט זיין דער ערשטער פון אַ סעריע ספרים, אין וועלכע ס׳זאָלן צונויפגעזאַמלט ווערן די בוי־שטיינער פאַר דער געשיכטע פון דער באַוועגונג ביז׳ן היינטיגן טאָג.

ניו יאָרק, אַפּריל, 1928.

ב. לאָקער.

כראָניק פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג

(פאָרגעשיכטע און גרינדונגס־צייט 1897 — 1907)

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז ביז היינט נאָר איין מאָל געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו, צונויפצושטעלן אַ כראָנאָלאָגישע איבערזיכט איבער דער אַנטוויקלונג פון דער פועלי ציון באַוועגונג. — אין דעם יובל־נומער פונ׳ם ווינער (דייטשן) „אידישן אַרבעטער“, דעצעמבער 1927. דעם דאָזיקן פּרואוו פון חבר מ. זינגער פאַרדאַנק איך טאַקע עטליכע וויכטיגע דאַטעס. אָבער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף די סאַמע עיקר׳דיגסטע „מיילן־שטיינער“. דערצו האָבן זיך — וואָס ס׳איז ביי אַן ערשטן פּרואוו ניט קיין חדוש, — אַריינגעכאַפּט ביי אים עטליכע וויכטיגע טעותים, וואָס נעמען זיך צום טייל אויך דערפון, וואָס די אַרבעט איז קענטיג געמאַכט געוואָרן צום גרויסן טייל על פּי זכרון. אונזער כראָניק איז אַ סך אויספירליכער — הגם אויך אין איר פעלן נאָך בלי־ספק גענוג וויכטיגע פאַקטן — און מיט ווייניג אויסנאַמען צונויפגעשטעלט אויפ׳ן יסוד פון אַרכיוואַרישן מאַטעריאַל. ס׳פאַרשטייט זיך אַליין, אַז דאָ און דאָרט האָט זיך אויך געקאָנט טרעפן אַ טעות, און איך וועל דאַנקבאַר זיין פאַר יעדן אָנווייז, וואָס וועט מיטהעלפן פאַרבעסערן און פאַרפולן די כראָניק.

נאָך אַ באַמערקונג וועגן דעם אויסדרוק „פאָרגעשיכטע“, וואָס געפינט זיך אינ׳ם איינגעקלאַמערטן אונטערקעפּל. דאָס וואָרט איז דאָ באַנוצט אין זייער אַן ענגן זין. ווארום אין אַ ווייטערן זין נעמט אַרום די פאָרגעשיכטע פונ׳ם פועלי־ציוניזם אַלץ, וואָס האָט וועלכע ס׳איז שייכות צו דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און צום אידישן סאָציאַליזם ביז אים. לויט מיין אויפפאַסונג גייען אַהער אַריין ניט נאָר העס און ליבערמאַן (מיט זיין ליבלינגס־אידעע וועגן אַ אידישער סעקציע פונ׳ם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, זיין לאָנדאָנער סאָציאַליסטישן פאַראיין און דעם „האמת“), נאָר אויך די אידן־סאָציאַליסטן פון די זעכציגער און זיבעציגער יאָרן, וואָס זיינען „געגאַנגען אין (רוסישן) פאָלק“, די „קרייזלאַך“, וואָס האָבן געפּרידיגט דער אידישער מאַסע אַן אידעאָלאָגיע פון אַרבעט און געשאַפן „רעמעסלעני אוטשילישטשעס“, ווייטער, סיי די בילו־באַוועגונג (אין וועלכער ס׳זיינען אויך געוועזן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטן), סיי די קאָמונע־טרוימער צווישן די „אַמעריקאַנצעס“ און עם־עולם־לייט, חיים זשיטלאָווסקי׳ס פּרואוו צו פאַרבינדן דעם סאָציאַליזם מיט דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון דעם אידישן פאָלק דורך איבערגאַנג צו אַרבעט („אַ איד צו אידן“); יאָ, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען — אפילו דער „בונד“, וועלכער האָט דער ערשטער געפירט די אידישע מאַסן צום קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן.

דאָ אָבער בין איך אויסן ניט די דאָזיקע ברייטע און אודאי העכסט וויכטיגע פאָרגעשיכטע, נאָר אַ סך אַ באַשיידענערע זאַך, — אַזוי צו זאָגן, די דירעקטע אומיטלבאַרע פאָרגעשיכטע, וואָס הויבט זיך אָן מיט דעם מאָמענט, ווען אידישע אַרבעטער און אינטעליגענטן האָבן צום ערשטן מאָל גענומען זוכן אַ שלום און אַ סינטעז צווישן דעם אידעאישן און פּאָליטישן ויתרוצצו־צווילינג, מיט וועלכן דאָס יאָר 1897 האָט געבענשט דאָס אידישע פאָלק: דעם פּאָליטישן ציוניזם און דעם (דעמאָלט דורכ׳ן „בונד“ רעפּרעזענטירטן) סאָציאַליזם. און די דאָזיקע פאָרגעשיכטע הויבט זיך אָן טאַקע אין דעמזעלבן יאָר 1897.

ב. לאָקער.

שיף „מאורעטאַניאַ“,
אויפ׳ן וועג קיין אייראָפּע.
אַפּריל, 1928.

1897

אין לעמבערג ווערט געגרינדעט אַ אידיש־נאַציאָנאַלער פאַראיין פון בוכהאַלטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע „עבריה“. אַן ענליכער פאַראיין אנטשטייט אין ווין.

אין מינסק ווערט געגרינדעט דער ערשטער פאַראיין „פועלי ציון“.

1898

דר׳ נחמן סירקין פּובליקירט אונטער׳ן פּסעוודאָנים בן־אליעזר אַ בראָשור (אין דייטש): „די אידן־פראַגע און דער סאָציאַליסטישער אידן־שטאַט“. אַן אויסצוג ערשיינט אינ׳ם ווינער זשורנאַל „דויטשע וואָרטע“, אַרויסגעגעבן פונ׳ם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט ענגעלבערט פּערנעסטאָפער.

אין יולי ווערט דורך דר. שאול־רפאל לאַנדוי געגרינדעט אין ווין אַ ציוניסטישער פאַריין פון אידישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע „אחוה“. אין דעם זעלבן יאָר ווערט געגרינדעט אַן אַרבעטער־ציוניסטישער פאַראיין „אמונה“ אין ברין (מאָראַוויע) און ס׳ווערט געלייגט דער יסוד

פֿאַר ענליכע פֿאַריינען אין ביעליץ (שלעזיען), קראָקא, נייסאַנץ, דראָהאָביטש.

דעם 1טן אויגוסט ערשיינט אין ווין אַ חודש־בלאַט אין דייטש „דער אידישער אַרבייטער“, אָרגאַן פֿיר די אינטערעסן דער אידישן אַרבייטערשאַפֿט“, אַרויסגעגעבן פֿון דר. ש. ר. לאַנדוי.

די ווינער פּאָליציי דערלויבט ניט די גרינדונג פֿון אַן אַרבעטער־פֿאַריין „משה העס“.

דער צווייטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל באַגריסט די גרינדונג פֿון ציוניסטישע אַרבעטער־פֿאַריינען.

1899

אין יוני ערשיינט דער לעצטער נומער פֿונ'ם ווינער „אידישן אַרבעטער“.

אין פּאַריז הויבט אָן ערשיינען אין פֿראַנצויזיש אַ חודש־זשורנאַל „פֿאַר ציוניסטישן און סאָציאַלן אידענטום“ „לע פלאַמבאָ“ („דער פֿאַקעל“), אַרויסגעגעבן פֿון זשאַק באַהאַר. דער ערשטער נומער אַנטהאַלט צוו. אַנד. אַן אַרטיקל פֿון בערנאַר לאַזאַר: „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט בנוגע דעם אַנטיסעמיטיזם“.

דר. חיים זשיטלאָווסקי פּראָקלאַמירט אין בונדישן „אידישן אַרבעטער“ (נומ. 6) דעם געדאַנק פֿון אַן אַלוועלטליכער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אין אירע אויפֿגאַבן גייט אַריין די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע.

אין סטאַניסלאַוו (גאַליציען) ווערט געגרינדעט דער פֿאַריין פֿון האַנדלס־אַנגעשטעלטע „אחוה“ (דורך דער אָפּשפּאַלטונג פֿונ'ם אַלגעמיינעם ציוניסטישן פֿאַריין „ארץ־ישראל“).

אין אויגוסט ווערט אָפּגעהאַלטן אין ברין (מאָראַוויע) דער ערשטער עסטרייכישער „נאַציאָנאַל־אידישער, ציוניסטישער האַנדלונגס־געהילפֿן־טאָג“ מיט דעלעגאַטן אויס ווין, ברין, ביעליץ, לעמבערג, דראָהאָביטש. ס'ווערט באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון דער נאַציאָנאַל־אידיש־ציוניסטישער האַנדלונגס־געהילפֿנשאַפֿט.

ס'הויבט אָן ערשיינען אין ברין אַן אָרגאַן פֿונ'ם צענטראַל־פֿאַרבאַנד „די אידישע פֿאָלקסשטימע“ (דייטש). דער פֿאַרבאַנד שאַפֿט אַ ביוראָ פֿאַר רעכטליכן שוץ פֿון אָנגעשטעלטע.

1900

אין יוני ווערט אין ווין אָפּגעהאַלטן דער „צווייטער פּאַרטייטאָג פֿון די אידישע האַנדלס אָנגעשטעלטע אין עסטרייך“ מיט דעלעגאַטן אויס גאַליציען, מאָראַוויע, ווין, בעהמען.

בער באָראָכאָוו ווערט אין יעקאַטערינאַסלאַוו אויסגעשלאָסן אויס דער רוסישער סאַציאַל־דעמאָקראַטיע, מחמת זיין „שעדליכן איינפֿלוס אויף די אַרבעטער“ (ציוניסטישע אַפּיקורסות).

אין נאָוועמבער גרינדן ב. באָראָכאָוו און שמעון דאָבין אין יעקאַטערינאָסלאַוו אַ „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פּאַריין“. אַרום דער גלייכער צייט אַנטשטייט אַ סאָציאַליסטישע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין וויטעבסק.

פּסח־צייט, בעת אַ קליינעם פּאָגראָם אין יעקאַטערינאָסלאַוו אָרגאַניזירן די פּועלי ציון דעם ערשטן זעלבסטשוץ.

דעם 24טן און 25טן מאַי ווערט אין פּראַג אָפּגעהאַלטן דער „דריטער פּאַרטיי־טאָג (דעלעגירטן־טאָג) פֿון די אידישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין עסטרייך“ מיט דעלעגאַטן אויס פּראַג, ברין, ווין אָלמיץ, פּראָסניץ, גאַבלענץ, רייכענבערג, פּילזען, אינסברוק (די אַלע שטעט ליגן אין מערב־עסטרייך) און לעמבערג.

דר. נחמן סירקין פּובליקירט די בראָשור „אַן אויפֿרוף פֿון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן צו דער אידישער יוגנט“.

סוכות־צייט אָרגאַניזירן די פּועלי־ציון דעם ערשטן אידישן סטרייק אין יעקאַטערינאָסלאַוו (מענער־שניידער).

אין בונדישן „ביאַליסטאָקער אַרבעטער“ (נומ. 4 און 5) און אין דער „אַרבעטער־שטימע“ (נומ. 29) ווערט פֿאָרמולירט די ניט פּראָלעטאַריזירונגס־טעאָריע.

דעם 19טן נאָוועמבער עפֿנט זיך אין מינסק דער ע ר ש ט ע ר צ ו ז אַ מ ע נ פֿ אָ ר פֿון פּועלי ציון.

דער פֿערטער צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד נעמט אָן אַ רעזאָלוציע געגן דעם ציוניזם און באַשליסט „ניט צולאָזן ציוניסטן ניט אין די עקאָנאָמישע, ניט אין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס“.

1902

ס'אַנטשטייען פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע, אָדעס, ווילנע, דווינסק א. אַ. שטעט.

נאָכן מינסקער צוזאַמענפֿאָר פֿון די רוסישע ציוניסטן הויבן אָן די פּועלי־ציון זיך אָפּטיילן פֿון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אין מינסק ערשיינט דער ערשטער אַרבעטער־ציוניסטישער אָרגאַן אין אידיש (העקטאָגראַפֿירט) „דער אַרבעטער־ציוניסט“ (ערשינען צוויי נומערן).

אין ווילנע הויבט אָן ערשיינען אַ העקטאָגראַפֿירטע „כראָניק“.

אין זומער ווערן געגרינדעט דער „מערבי“ אין לאָנדאָן און די „חלוצי־ציון“ אין לידז (ענגלאַנד), וועלכע שטעלן זיך די אויפֿגאַבע „צו פֿאַרברייטן דעם ציוניזם אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און אויף דעם גרונד פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסטהילף“. די גרופּע שטעלט אַרויס אַ סאָציאַליסטישע קאָנסטיטוציע פֿאַר „גרויס ארץ ישראל“.

דר. נחמן סירקין גרינדעט אין לאָנדאָן אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פֿאַריין „פֿאָרווערטס“ (וועלכער ווערט דערנאָך אַן אָפּטיילונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע „חרות“).

1903

נחמן סירקין גרינדעט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע „חרות" און גיט אַרויס אין בערלין דעם „המון" אין אידיש און „השחר" אין העברעאיש.

חול־המועד פסח קומט פאָר אין ראָוונע אַ באַראַטונג פון פועלי־ציוניסטישע טוער, וועלכע באַשליסט צונויפצורופן אַ קאָנפערענץ אויף צו באַהאַנדלען די פראַגן פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם און טאַקטיק.

אין ניו יאָרק ווערט געגרינדעט די „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע „פועלי־ציון". אין מאַי לאָזט זי אַרויס די בראָשור „אונזער פּלאַטפאָרם, אַן אַפּיל צו דער אידישער יוגנט פון אַמעריקע".

דעם 4טן יוני באַפאַלט דער פועלי־ציוניסט פנחס דאַשעווסקי — אונטערן איינדרוק פונ'ם קעשענעווער פּאָגראָם — דעם אַנטיסעמיט און פּאָגראָם־אַגיטאַטאָר קרושעוואַן און פאַרוואונדעט אים מיט אַ מעסער אין האַלז. ער ווערט פאַראורטיילט צו פינף יאָר צוואַנגס־אַרבעט. בעת דער רעוואָלוציע פון 1905 ווערט ער באַפרייט.

נ. שטיף פּובליקירט אַ בראָשור „טשעמו אוטשיט נאַס פּאָקושעניע דאַשעווסקאַוואָ? (וואָס לערנט אונז דער אַטענטאַט פון דאַשעווסקי'ן?), וואָס קומט צום אויספיר, אַז די ציוניסטן־סאָציאַליסטן מוזן זיך שטעלן אויפן באָדן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די בראָשור איז אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע „מאָלאָדאָי איזראַאיל".

פאַר אַ גרופּע מיט דעם זעלבן נאָמען גיבן אַרויס בן־אדיר און פאַבריקאַנט אין כאַרקאָוו אַן אומלעגאַלע פּראָקלאַמאַציע פאַר'ן פּאָליטישן קאַמף.

אין יוני קומט פאָר אין ווילנע אַ באַראַטונג פון פועלי־ציון, ביי דער באַטייליגונג פון פאַרטרעטער פון ווילנע, מינסק, דווינסק, וואַרשע, האָמעל, מאָהילאָוו, קרעסלאַווקע, קאָוונע און גראָדנע.

אויף דער באַראַטונג קריסטאַליזירן זיך דריי ריכטונגען:

1) די מ י נ ס ק ע ר — געגן פּאָליטישן קאַמף. די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע דאַרף אָבגעלייגט ווערן ביז צום דערגרייכן די טעריטאָריאַלע זעלבסטשטענדיגקייט.

2) די ד ו ו י נ ס ק ע ר — אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטיש, אָבער סקעפּטיש בנוגע דעם נוצן פונ'ם פּאָליטישן קאַמף פאַרן אידישן פּראָלעטאַריאַט, פאַר צופּאַסן די רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט פון פאַל צו פאַל צו איר נוצן פאַרן אידישן אַרבעטער־קלאַס.

3) די פּע־קאַ־אישע (פּ. ק. — פּאָליטישער קאַמף) — פאַר אַ ברייטן, באַדינגונגסלאָזן פּאָליטישן קאַמף.

די אָנהענגער פון פּאָליטישן קאַמף בלייבן אין דער מינדערהייט. די באַראַטונג ווייזט אַ צענטער מיט אַ מערהייט פון דער מינסקער ריכטונג. פאַקטיש האָט אָבער דער צענטער פאַרבינדונגען בלויז מיט די „מינסקער" אָרגאַניזאַציעס (מינסק, באָברויסק, באָריסאָוו, גראָדנע, ביאַליסטאָק).

אין יוני ווערט אָפּגעהאַלטן אין לעמבערג די „ערשטע קאָנפערענץ פון אידישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין גאַליציען", צונויפגערופן פון די פאַריינען „אחוה" אין לעמבערג און סטאַניסלאַוו און „אחדות" אין קראָקאָ. ס'ווערט באַשלאָסן צו גרינדן אַן „אַלגעמיינעם פאַרבאַנד פון די אידישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע".

אויפ'ן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס לאָזט אַרויס אַ גרופּע סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן מיט נ. סירקין בראש אַ פּראָקלאַמאַציע „ניט רוהיג און ניט געזעצליך", וועלכע איז אַן ענטפער אויף הערצלס ערקלערונג, אַז דער רוסישער פּרעמיער פּלעווע האָט אים בעת זיין באַקאַנטן וויזיט צוגעזאָגט צו שטיצן דעם ציוניזם, אויב די ציוניסטן וועלן זיך האַלטן רוהיג און געזעצליך.

אין הערבסט קומט פאָר אַ צוזאַמענפאָר פון דער אידישער לערן־יוגנט אין פּוילן, וואָס שטייט אונטער פועלי־ציוניסטישער השפּעה.

אָקטאָבער (חול־המועד סוכות) קומט פאָר די ערשטע קאָנפערענץ פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע" (שפּעטערע סיימיסטן).

אין אָדעס ערשיינען העקטאָגראַפישע „כראָניקעס". אין ווין הויבט אָן ערשיינען אַ חודש־זשורנאַל „דער אידישער אַרבעטער", אָרגאַן פון די פועלי־ציון (דויטש).

ס'אַנטשטייען פאַריינען „פועלי־ציון" אין לאָנדאָן, לידז, מאַנטשעסטער, ליווערפּול.

ס'ערשיינט אַן אָרגאַן פון פועלי־ציון אין לאָנדאָן „דער לאָנדאָנער איד".

די פועלי־ציון נעמען אַן אַנטייל אין דער טרייד־יוניאָן־אַרבעט אין ענגלאַנד, בפרט איז זייער איינפלוס באַדייטענד ביי די שניידערס.

דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון בונד נעמט אָן אַ רעזאָלוציע וועגן קאַמף „מיט אַלע פאָרמען פרן ציוניזם".

1904

אין מערץ ערשיינט דאָס ערשטע העפט פון „וואָזראָזשדעניע".

דעם ערשטן מאַי ערשיינט אין ניו־יאָרק דער „ראַדיקאַל־ציוניסטישער" דריי־חודש'־דיקער זשורנאַל פון פועלי־ציון „די נייע שטימע".

דעם 22טן און 23טן מאַי קומט פאַר אין קראָקאָ אַ צוזאַמענפאָר פון דעלעגאַטן פון ציוניסטישע אַרבעטער־פאַריינען אין עסטרייך. דער צוזאַמענפאָר באַשליסט צו פאַרייניגן אַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַ פ אַ ר ב אַ נ ד פ ו ע ל י צ י ו ן (וועלכער איז גלייכצייטיג אַ פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער), נעמט אָן פּראַגמאַטישע טעזן, לויט וועלכע פועלי־ציון שטייען אויפן באָדן פונ'ם באַזעלער פּראָגראַם און אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זיי וועגן אָבער אונטערגעוואָרפן דעם קאָנגרעס נאָר אין ציוניסטישע פראַגן און לגמרי אויטאָנאָם אין זייער סאָציאַל־ווירטשאַפטליכער טעטיקייט. די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועג־

גונג וועט שטיצן די סאָציאַל־פאָליטישע אַקציעס פון דער ס. ד., וועלכע ליגן אין אינטערעס פון די אידישע אַרבעטער, און יענע פאָליטישע אַקציעס פון דער ס. ד., וועלכע העלפן מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונ'ם אידישן פאָלק.

אין רוסלאַנד קומט פאָר די ענטגילטיגע שפּאַלטונג צווישן די „מינסקער" (פועלי־ציון־נאַציאָנאַליסטן") און די אָנהענגער פון פאָליטישן קאַמף.

גלייכצייטיג צוברענט זיך דער קאַמף אַרום דער אוגאַנדא־פראַגע. די טעריטאָריאַליסטיש־געשטימטע אָרגאַניזאַציעס האַלטן אָפּ אין דעצעמבער אַן אייגענעם צוזאַמענפאָר, וועלכער ווערט דורכן אַרעסט פון די טיילנעמער איבערגעריסן. ער ענדיגט זיך פעברואַר 1905.

אין ענגלאַנד פאַראייניגט זיך דער פאַריין „פאָרוועָרטס" מיט פועלי־ציון.

אין אָקטאָבער קומט פאָר אין סטאַניסלאַוו דער ערשטער גרעסערער סטרייק פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין גאַליציען, געפירט פון פועלי־ציון.

ס'הויבט זיך אָן די צווייטע עליה קיין ארץ־ישראל. אין אַ שורה שטעט אין פוילן און רוסלאַנד אַנטשטייען פועלי־ציוניסטישע גרופן „פיאָנערן נאָך פּאַלעסטינא".

אין זיין באַריכט צום אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס ווייזט אָן דער בונד אויף דער „שעדליכער טעטיקייט פון די ציוניסטישע סאָציאַליסטן צווישן די אידישע אַרבעטער".

1905

אין פעברואַר קאָנסטיטואירט זיך די (טעריטאָריאַליסטישע) „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי" (ס. ס.)

אין מאַי קומט פאָר דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די אַמעריקאַנער פועלי ציון אין פילאַדעלפיא. אויך דאָ קומט פאָר אַ קאַמף צווישן טעריטאָריאַליסטן און פּאַלעסטינצעס. די טעריטאָריאַליסטן זענען אין דער מערהייט. מ'באַשליסט ניט צו שפּאַלטן זיך, נאָר לאָזן די פאַראיינען פרייהייט אין דער טעריטאָריאַליסטישער פראַגע.

אין ניו יאָרק גרינדעט זיך אַ פאַריין „פועלי־ציון־פּאַלעסטינצעס", וועלכער פאָדערט די אָפּשפּאַלטונג פון די טעריטאָריאַליסטן.

אין לאָנדאָן הויבט אָן ערשיינען דער חודש־אָרגאַן פון די ענגלישע פועלי־ציון „די אידישע פרייהייט".

אין יוני ווערט אין קראָקא אָפּגעהאַלטן דער צווייטער פּאַרטיי טאָג פון די עסטרייכישע פועלי־ציון. די פּאַרטיי שטרייכט אונטער די קלאַסן־אינטערעסן אין ציוניזם, פראָקלאַמירט די פאַראייניגונג פון די פועלי־ציון פון אַלע לענדער און שטעלט אַרויס בנוגע דער אַרבעט אין ארץ ישראל די פאָדערונגען: פ ו י ע ר י ם ־קאָלאָניזאַציע, ניט דערלאָזן גרויסן ערד־באַזיץ, אָפּהיטונג פון די פּרינציפּן פון סאָציאַל־פּאָליטיק און אַרבעטערשוץ אין דער אינדוסטריע. די הויפּט־אויפגאַבע פון פועלי־ציון איז „צו גרינדן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מפלגות פונ'ם אידישן פאָלק אַ נאַציאָנאַלן ווירטשאַפט־אָרגאַניזם אויף דער אייגענער ערד", ווייטער „צו פאַרטרעטן די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט דורך זייער געווערקשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן".

צום זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין אויגוסט קומען באַזונדערע דעלעגאַציעס פון פועלי־ציון און ס. ס. פועלי־ציון טרעטן צום ערשטן מאָל אַרויס אַלס פראַקציע. ס. ס. פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס מיט די טעריטאָריאַליסטן.

בעת דעם קאָנגרעס קומט פאָר אין פרייבורג אַ קאָנפערענץ פון די פועלי־ציון דעלעגאַטן (צווישן זיי באָראָכאָוו), וועלכער ווילט אויס אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אויף צונויפרופן דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון פועלי־ציון אין רוסלאַנד. אָבער די מערהייט פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט איז נוטה צו „וואָזראָזשדעניע". און באַנוצט זיך מיט אירע פולמאַכטן, כדי צו פאַרכאַפּן די אָרגאַניזאַציעס.

ס'צופלאַקערט זיך דער קאַמף צווישן פועלי־ציון און וואָזראָזשדעניע אַרום די איינצעלנע ראַיאָנען און אָרגאַניזאַציעס. באָראָכאָוו קערט זיך אום קיין רוסלאַנד, גרינדעט אָן אָרגאַניזאַציאָנס־ביוראָ און נעמט איבער די אָנפירונג פונ'ם קאַמף.

אין אַמעריקע לאָזט אַרויס דער אַקציאָנס־קאָמיטעט באַלד נאָכן זיבעטן קאָנגרעס אַ „דעקלעראַציאָן", אין וועלכער ער רופט צו האַלטן די איינהייט פון דער פּאַרטיי. ס'ווערן באַשטימט צוויי צענטראַלע קאָמיטעטן פאַר די טעריטאָריאַליסטן און פּאַלעסטינצעס, וועלכע דאַרפן אָנפירן די באַזונדערע — ארץ־ישראל'דיקע אָדער טעריטאָריאַלע — אַרבעט פון די ביידע טיילן. פאַר אַלע איבריקע אַרבעטן זאָל בלייבן קאָמפּעטענט דער געמיינזאַמער קאָמיטעט.

אין סעפּטעמבער קומט פאָר די צווייטע קאָנפערענץ פון וואָזראָזשדעניע, וועלכע באַשליסט צו בילדן אַ פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַלסטן.

סוף סעפּטעמבער נעמט אָן אַ קאָנפערענץ פון פועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין יעקאַטערינאָסלאַוו די וואָזראָזשדעניע־פּלאַטפאָרם. דאָס גלייכע געשעט אויף ראַיאָן־קאָנפערענצן אין יעקאַטערינאָסלאַוו און ווילנע. דער פוילישער און דער קרימער פאַרבאַנד בלייבן פועלי־ציוניסטיש.

דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון בונד אין אָקטאָבער נעמט ווידער אָן אַ שאַרפע קאַמף־רעזאָלוציע געגן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

אין אָקטאָבער קומט פאָר אין באַלטימאָר דער ערשטער באַזונדערער צוזאַמענפאָר פון די (פּאַלעסטינישע) פועלי־ציון אין אַמעריקע. דערמיט איז די שפּאַלטונג אַ פאַקט.

אין נאָוועמבער הויבט זיך אָן דער וואַלרעכטס־קאַמף אין עסטרייך. פועלי־ציון טרעטן

צום ערשטן מאָל אַרויס אַקטיוו אין דער מלוכה פּאָליטיק.

אָנהויב דעצעמבער ווערט אָפּגעהאַלטן די ראַיאָן־קאָנפערענץ פון די רוסישע פּועלי־ציון אין פּאָלטאַווע, וועלכע פאָרמולירט די הויפּט־פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי.

אין דעצעמבער קומט פאָר אויף דער בערדיטשעווער ראַיאָן־קאָנפערענץ די ענטגילטיגע שאַפּלטונג צווישען פּועלי־ציון און סיימיסטן.

אין דעצעמבער ערשיינט אין „יעווריסקאַיאַ זשיזן" באָראָכאָווס אַרבעט „קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע".

1906

אין יאַנואַר ערשיינט דער ערשטער נומער „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקא". אָנהויב פון „אונזער פּלאַטפאָרם".

פעברואַר: גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער „אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון אין רוסלאַנד". דער צוזאַמענפאָר פאַלט דורך. באָראָכאָוו און אַנדערע חברים ווערן אַרעסטירט, אָבער באַלד ווידער באַפריוט.

די טעאָרעטישע קאָנפערענץ אין קאָנסטאַנטינאָגראַד און סימפעראָפּאָל נעמט אָן באָראָכאָו'ס טעאָרעטישע הויפּט־עיקרים. באָראָכאָוו נעמט איבער צו שאַפן דעם פּראָגראַם־פּראָיעקט.

דער וואַל־רעכט־קאַמף אין עסטרייך איז אין העכסטן ברען. פּועלי־ציון פּראָקלאַמירן פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג און אויטאָנאָמיע און פאַרלאַנגען אַ געהעריגע פאַרטרעטונג פונ'ם אידישן פאָלק אין פּאַרלאַמענט. די פּועלי־ציון אין לעמבערג טרייבן פאַנאַנדער אַן אַסימילאַטאָרישע קאַנפערענץ. דורך אַ מסירה פונ'ם אַסימילאַטאָרישן פירער דר. ביק ווערט דער פאַרבאַנד פּועלי ציון פון דער רעגירונג ליקווידירט. אויף זיין אָרט ווערט געגרינדעט דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד.

אַפּריל: אין מאַנטשעסטער קומט פאָר די ערשטע קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין ענגלאַנד.

מאַי: צום ערשטן מאָל ווערט געפייערט דער ערשטער מאַי אין ארץ־ישראל (אַלע פּועלי ציון פאַרזאַמלען זיך אין ראשון־לציון).

יוני: די פּאָלטאַווער פּאָליציי מאַכט אַן אָבלאַווע אין דער דירה פון חבר אבנר (י. בן־צבי), געפינט דינאַמיט און באָמבעס פונ'ם פּועלי־ציון־זעלבסטשוץ. בן־צבי'ס עלטערן, באָראָכאָוו און אַנד. חברים ווערן אַרעסטירט.

אין סימפעראָפּאָל ערשיינט דער ערשטער נומער פון פּועלי־ציוניסטישען זשורנאַל „מאַיאַט" („האַמער"). אין צווייטן נומער (יולי) ערשיינט דער המשך פון „אונזער פּלאַטפאָרם".

אָקטאָבער: טעאָרעטישע קאָנפערענץ פון דער א. ס. ד. א. פּ. פּועלי ציון אין ארץ ישראל" אין רמלה אַרבעט אויס די רמלה'ר פּלאַטפאָרם.

אין לעמבערג קומט פאָר דער דריטער פּאַרטייטאָג פון די עסטרייכישע פּועלי־ציון. די פּאַרטיי נעמט אָן דעם נאָמען: „אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון". קאַפּלאַנסקי פּראָיעקט־פּראָגראַם ווערט אָנגענומען אַלס באַזיס פאַר דער פּאַרטייטעטיקייט. דער פּאַרטיי טאָג באַשליסט צו פאַרלאַנגען אַ פאַרטרעטונג אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די צווייטע קאָנווענשאָן פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון אין באָסטאָן באַשליסט צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין ארץ ישראל אויסצופאָרשן די מעגליכקייטן פון רעאַלער אַרבעט.

25טן דעצעמבער: גרינדונגס־צוזאַמענפאַר פון ענגלישע פּועלי־ציון אין לידז.

1906 ווערט געגרינדעט די ערשטע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע (בוענאָס־איירעס).

1907

יאַנואַר: ס'ערשיינט „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק" אין ווילנע.

אין יפו (19—22 טבת) קומט פאָר דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער א. ס. ד. א. פּ. פּועלי ציון אין ארץ ישראל. ס'ווערט אָנגענומען אַ פּראָיעקט־פּראָגראַם.

מערץ: די פּאַרטייען אין רוסלאַנד, עסטרייך און אַמעריקע גיבן איבער דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ אַ מעמאָראַנדום וועגן די פּרינציפּן פון פּועלי־ציוניזם און דעם אָנשלוס אין אינטערנאַציאָנאַל.

מאַי: ערשטער נומער „פאָרווערטס", סוף פון „אונזער פּלאַטפאָרם".

יולי: ס'ערשיינט דער ערשטער אָרגאַן פון די פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל „דער אָנפאַנג".

אויגוסט: צווייטער (אָרדענטליכער) צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי אין קראָקא. באָראָכאָוו לייגט פאָר דעם פּראָגראַם־פּראָיעקט, וועלכן ער האָט אויסגעאַרבעט נאָכ'ן פּאָלטאַווער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר.

ערשטע פּועלי־ציון – וועלט – קאָנפערענץ. קאָנסטיטואירונג פונ'ם אַלוועלטליכן אידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד פּועלי־ציון.

פּועלי ציון ווערן אָנערקענט אַלס אויטאָנאָמע פעדעראַציע אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

א. ליבערמאַן — דער פאָטער פון אידישן סאָציאַליזם

(צום יובילעאום פון דער ערשטער העברויאיש־סאָציאַליסטישער צייטשריפט „האמת")

פון ב. באָראָכאָוו.

דעם חודש ווערט פערציג יאָר, זינט עס האָט צוערשט דערבליקט די וועלט די סאָציאַליסטישע פרעסע אויף דער אידישער גאס. אין מאַי, 1877 (סיון ה' תרל"ז), איז אין ווין ערשינען דער ערשטער נומער פון דער העברעאישער צייטשריפט „האמת" — דער ערשטער סאָציאַליסטישער אָרגאַן ביי אידן. סיי די צייטשריפט, סיי, נאָך מער, איר אַרויסגעבער און רעדאקטאָר **אהרן ליבערמאַן**, געהערן צו די אינטערעסאַנטע און מערקווירדיגע ערשיינונגען אין דער געשיכטע פון די לעצטע דריי אידישע דורות. כדי צו פארשטיין יענע צייט און די פיזיאָנאָמיע פונ'ם ערשטן אידיש־סאָציאַליסטישן אָרגאַן, ווילן מיר דאָ אָנהויבן פון ליבערמאַנ'ען, וועלכער פארדינט פאָלשטענדיג דעם נאָמען — **דער פאָטער פונ'ם אידישן סאָציאַליזם**.

אהרן שמואל ליבערמאַן (וועלכער האָט זיך שפּעטער א נאָמען געגעבן „אַרטור פרימען" און פלעגט זיך חתמ'ען מיט די פסעוודאָנימען „בר־דרורה" און „דניאל איש חמודות") איז געבוירן געוואָרן אַן ערך אין 1848־טן יאָר אינ'ם שטעטל לונע, גראָדנער גובערניע*), נאָר זיין ערציאונג האָט ער געקראָגן אין די גרעסערע שטעט סואוואלק און ווילנא. דאָרט האָט ער געלעבט אין הויז פון זיין פאָטער אליעזר דוד ליבערמאַן, אַ העברעאישער לערער, וואס פלעגט געבן שטונדן אין באַלעבאַטישע הייזער. אַן אינטערעסאַנטער און אָריגינעלער צופאַל: אי דער פאָטער אי דער זון זיינען ביידע אין איין צייט אַרונטערגעפאַלן אונטער'ן איינפלוס פון דער השכלה, און דעם יונגען ליבערמאַן איז פארשפּאָרט געוואָרן צו פאַרזוכן יענע יסורים, וואָס די פרייזיניגע יוגנט פלעגט דעמאָלט אויסשטיין אין די קאָנפליקטן מיט פרומע עלטערן. ביי זיין פאָטער אין הויז האָט ליבערמאַן אויך געלערנט די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור. זיין גאַנץ לעבן איז ער געבליבן א הייסער ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפּראַך, און מיט דער שפּראַך האָט ער זיך באַדינט אין זיין סאָציאַליסטישער פראָפּאַגאַנדע.

לויט דעם אידישן מנהג פון יענע צייטן, האָט דער קומענדיגער „ניהיליסט" זייער פרי חתונה געהאַט און איז שוין געווען אַ פאָטער פון א פאַמיליע, ווען ער איז אַריין אין דער ראַבינער שול אין ווילנא, כדי צו פארענדיגן דאָרט זיין אַלגעמיינע בילדונג. די ראַבינער־שול איז געווען א צענטער פון השכלה, פון פרייהייטליכע און אַפילו רעוואָלוציאָנערע אידעען אין די 70־ער יאָרן. איינצינע פון די תלמידים האָבן שוין געהערט פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ, און צוויי שילער, אַהרן ליבערמאַן מיט זיין אינגערן חבר זונדעלעוויטש (געבוירן 1854) זיינען געוואָרן אַקטיווע טוער פון דער סאָציאַליסטישער פראָפּאגאנדע.

די יאָרן 1873־1878 בילדן א גאַנצע עפּאָכע אין דער רוסישער רעוואָלוציע. דאַן הויבט זיך אָן די אינטערעסאַנטסטע באַוועגונג פון „געהעכץ אין פאָלק"; די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, על פי רוב סטודענטן און קורסיסטקעס, פלעגן זיך איבערטאָן אין פויערשע און אַרבעטער־קליידער, אויסלערנען זיך א מלאכה, און גיין דערנאָך אין פראָסטן פאָלק אריין. כדי צו טראָגן אהין רעוואָלוציאָנערע אידעען. דער גייסטיגער אָנפירער פון דער באַוועגונג איז געווען פּ.

---

*) ניט אין סואוואַלק, ווי איניגע היסטאָריקער האָבן אָנגעגעבן על פי טעות. די גענויע דאַטע פון ליבערמאַנ'ס געבורט איז ניט באקאנט.

לאווראָוו'ס צוויי־וועכנטליכער זשורנאַל „וופּעריאָד”, וואָס האָט זיך געדרוקט אין לאָנדאָן און איז אויף אַן „אונלעגאַלן” אופן פאַרשפּרייט געוואָרן אין רוסלאַנד. אויך די אידישע יוגנט איז ניט געבליבן אונבאַרירט פון דער דאָזיגער פּראָפּאַגאַנדע, פון וועלכער ס'איז דערנאָך אויסגעוואַקסן די באַוועגונג פון „טשאָרני פּערעדיעל” און די טעראָריסטישע טעטיגקייט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ”. די ברידער לעווענטאַל, אַקסעלראָד, אַראָנסאָן, לאַזאַר גאָלדענבערג, גאָלדשטיין, ל. צוקערמאַן, געסי העלפמאַן, גאָץ — זיינען נאָר די מער באַקאַנטע אידישע נעמען, וואָס פיגורירן אין די „אונטעראירדישע” אָרגאַניזאַציעס פון די 70־ער יאָרן. אויך האָבען זיך באַוויזן איינציגע אידישע סאָציאַליסטישע שרייבער, ווי צ. ב. מ. ווינטשעווסקי, ל. קאַנטאָר, יהלל און מ. ליליענבלום. די לעצטע דריי זיינען שפּעטער דורך די פּאָגראָמען אַנטוישט געוואָרן אין די רוסיש־רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן און צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג פון חבת־ציון.

צווישן די אַלע אידישע אינטעליגענטן האָבן זיך זונדעלעוויטש און ליבערמאַן אויסגעטיילט מיט אַ נייעם און אָריגינעלן שטריך: בשעת אַנדערע פלעגן טראָגן זייער סאָציאַליזם צו די קריסטליכע אַרבעטער־מאַסן אָדער באַשרענקען זיך מיט העברעאישע לידער וועגן סאָציאַלע פראַגן, האָבן זיךביידע יונגע תלמידים פון ראַבינער־שול געמיט צוציען די א י ד י ש ע מ א ס ן צום סאָציאַליזם. פאַר יענע צייטן איז דאָס געווען אַ גרויסער חדוש, ווייל ניט נאָר די קריסטליכע אינטעליגענטן, נאָר אויך אפילו די אידישע, האָבן געהאַט אַ נעגאַטיוון קוק אויף דער עקאָנאָמישער ראָלע פון אידישן פאָלק: אידן זיינען ניט פעאיג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, זיי זיינען בטבע מעקלער, הענדלער, וואוכערניקעס און אַנדערע „פּאַראַזיטן”, הכלל אַ מאַטעריאַל, וואָס טויג אבסאָלוט ניט פאַר סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. זונדעלעוויטש און ליבערמאַן זיינען אָבער געווען נעהענטער באַקאַנט מיט די אידישע פאָלקס־מאַסן: אליין פּראָלעטאַריער און אויסגעהאָדעוועט צווישן אידישע פּראָלעטאַריער, האָבן זיי געוואוסט, אַז די אידישע מאַסן לעבן פון דער אַרבייט פון זייערע הענט, און אַז דאָס אידישע פאָלק איז ניט קיין פאָלק פון פּאַראַזיטן און עקספּלואַטאַטאָרן, נאָר פון עקספּלואַטירטע און געדריקטע פּראָדוקטיווע אַרבעטער. בכן האָבן זיי זיך גענומען צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן דעם אידישן פאָלק. זונדעלעוויטש האָט צו דעם צוועק געגרינדעט אין ווילנאַ אַ „קרוזשאָק” (אגודה, גרופּע) פון יונגע אידישע אינטעליגענטן, ער האָט זיך אָבער אין גיכן אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצער יוגנט־ענערגיע אין דער רוסישער פּאָליטישער באַוועגונג, אָפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג, געמאַכט דאָרט אַ געהיימע דרוקעריי און איז באַלד אַריינגעפאַלן אין די קלעפּיגע הענט פון דער צאַרישער פּאָליציי און מאָרד־יוסטיץ. זונדעלעוויטש'ן האָט מען פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע קיין סיביר, וואו ער איז אָפּגעווען כמעט דרייסיג יאָר, ביז די רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר האָט אים ענדליך באַפרייט פון געפאַנגנשאַפט.*)

ליבערמאַן האָט זיך באַצייטנס אויסגעמאַכט פון די צאַרישע שומרים און איז אוועק קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט געווידמעט דעם קורצן רעשט פון זיין לעבן דער סאָציאַליסטישער אויפקלערונג פון זיינע אידישע ברידער. באַלד, ווי ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט איבער'ן גרעניץ, האָט ער געגרינדעט אין בערלין אַ גרופּע אידישע סאָציאַליסטן, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „ד י א י ד י ש ע

---

*) אויספירליך וועגן זונדעלעוויטש'ן זע דעם אַרטיקל פון לעאָ דייטש אין דער „צוקונפט” 1914, ז. 831־839; חוץ דעם דייטש'ס „זעכצען יאָר אין סיביר”, מ. ווינטשעווסקי'ס אַרטיקל אין דער „צוקונפט” 1894 נ. 11, ע. סינטאָווסקי'ס דיסערטאַציע „די אָנפענגע דער סאָציאַליסטישען בעוועגונג אונטער דען רוסישען יודען”, בערן 1912, ז. 10 און פאָלג., סטעפּניאַק „פּאָדפּאָלנאַיאַ ראָסיאַ” און ה. בורגין, די געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, 1915, ז. 17־22.

ס ע ק ט ע פ ו ן א י נ ט ע ר נ א צ י א נ א ל"; זי איז באשטאנען פון פאליטישע עמיגראנטן, וואס האבן נאך פאר ליבערמאנ'ען פארלאזט רוסלאנד. באלד נאך דעם פארט ער קיין לאנדאן, וואו ער ארבעט אין לאווראוו'ס אויבנדערמאנטער צייטשריפט „וופעריאד" און אין דערזעלבער צייט גרינדעט ער א אידישן סאציאליסטישן פאריין, דעם ערשטן אין דער וועלט. ווערליג יענע צייטן, איז דער פאריין געווען גאנץ גרויס, האט געציילט 37 מיטגלידער, כמעט דורכאויס ארבעטער. ליבערמאן אליין האט אויך געלעבט פון האנד־ארבעט, אלס ליטאגראף.

אינ'ם ארכיוו פון אויסלענדישן קאמיטעט פון „בונד" אין זשענעווע, געפינט זיך דאס געשריבענע פראטאקאל־בוך פון דעם דאזיגן פאריין, געפירט אין א מוסטערהאפטער ארדנונג טיילווייז אין אידיש, טיילווייז אין העברעאיש. דעם פראטאקאל פלעגט פירן ליבערמאן גופא, אלס סעקרעטאר פון פאראיין. דאס פראטאקאל־בוך איז באטיטלט:

„ פ נ ק ס

אגדת

הסאציאליסטים העברים בלונדון

נוסדה כ"ו אייר התרל"ו 20 (8) מאי 1876".

אינ'ם „פנקס" געפינט זיך אויך דער סטאטוט פונ'ם פאראיין (תקנות) אדער ריכטיגער, זיין פראגראם, פארפאסט גלייכצייטיג אין העברעאיש און אידיש (די זיצונגס־פראטאקאלען זיינען אבער אלע אין אידיש). מיר ברענגען דא אן אויסצוג פון אט דעם ערשטן סאציאליסטישן פראגראם אין אידיש, לאזנדיג אן ענדערונגען די ארטאגראפיע און דעם סטיל פונ'ם מערקווירדיגן דאקומענט:

„ווייל מיר זיינען איבערציינגט, אז די הארדנונג, וואס הערשט איצט אין אלע לענדער, איז מעהר ניט ווי גזלה און אונרעכט; די קאפיטאליסטען, די הערשער און די גייסטליכע האבען צוגענומען אלע מענשענרעכטע און אלעם גוטס פאר זיך אליין און דורך די הערשאפט פון די געלד האבען זיי געמאכט די ארבייטער פיר צו זייערע שקלאפען;

„אז זאלאנג עס וועט זיין פריוואט־אייגענטום, וועט ניט אויפהערען דאס עקאנאמישע עלענד; זאלאנג די מענשען וועלען זיין געטיילט אויף פעלקער און געשלעכטער, וועט אלץ זיין צווישען זיי שנאת חנם, און זאלאנג עס וועלען הערשען די גייסטליכע איבער די געמיטער פון דאס פאלק, וועט זיין רעליגיאנס־האס;

„אז די ווירקליכע רעטונג פון אלע מענשען קען עררייכט ווערען נור דורך א גרינדליכע אומוואנדלונג אין די פאליטישע עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע פערהעלטניסע, צו אויסווארצלען אלעם בעשטעהענדע און אויפהויבען אנשטאט דעם א נייען בנין אויף די סאציאליסטישע פרינציפען כדי ס'זאל אונטערגעהן אלעם אונרעכט און די הערשאפט פון קאפיטאל, כדי עס זאל ניט זיין קיין ליידיגגייער און קיין „מיין" און „דיין"...

„אז מיר אידען זענען א טייל פון דער מענשהייט, דעריבער קען אונז ניט קומען קיין ישועה מעהר ניט, ווי דורך די ערלעזונג פון דער גאנצער מענשהייט".

„אז די ערלעזונג פון דער גאנצער מענשהייט פון עלענד און שקלאפעריי קען בעווירקט ווערען נור דורך די ארבייטער אליין, אז זיי וועלען זיך פעראייניגען צום שטורמקאמף קעגען זייערע רויבער צו צושטערען די בעשטעהענדע ארדנונג און אנשטאט דעם פעסטצוזעצען די הערשאפט פון ארבייט, גערעכטיגקייט, פרייהייט און ברידערליכקייט פון אלע מענשען;

„און אז די ארבייטער פון אייראפא און אמעריקא האבען זיך פעראייניגט אין פערשיעדענע געזעלשאפטען צו עררייכען דעם ערהאבענעם ציעל און זיי בערייטען

זיך צו רעוואָלוציאָן אום צו גרינדען די הערשאַפט פון ארבייטער־סאָציאַליזם (אין העברעאישען טעקסט: „סאָציאַליזמוס־העבודה״);

„האָבען מיר יודישע קינדער (אנחנו ילידי בני ישראל) דעראיבער בעשלאָסען זיך אָנצושליסען ברידערליך אָן דעם הייליגען ארבייטער־בונד...״

דאָס פּראָגראַם איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון ליבערמאַנ׳ען און איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן פונ׳ם פאַריין.

דער פאַריין האָט עקזיסטירט סך הכל זיבן חדשים, ביז ליבערמאַן איז אוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן. אין דער צייט האָט ליבערמאַן ארויסגעגעבן אויך די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע אין העברעאיש. די פּראָקלאַמאַציע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אל שלמי בחורי ישראל״ (צו דער אינטעליגענטער אידישער יוגנט). ליבערמאַן רופט די יוגנט, וואָס וויל ווידמען אירע כחות דער טובת הכלל, אַז זי זאָל צוטרעטן צו דעם גרויסן באַפרייאונגס־קאַמף פון די אַרבעטער מאַסן פון אַלע פעלקער. ווייטער זאָגט ער אין אַ בילדרייכער ביבלישער שפּראַך, אַז אויך דער אידישער המון הויבט אָן צו ערוואַכן צום קאַמף געגן די אייגענע אידישע עקספּלואַטאָרן; די לעצטע זיינען פּאַראַזיטן, וואָס זויגן דאָס בלוט סיי פון די אידן, סיי פון די אַרבעטער־מאַסן פון אַנדערע פעלקער, אַ דאַנק די פאַרברעכן פון די אידישע עקספּלואַטאָרן פאַרפאָלגט מען די אידישע מאַסן. דער אידישער המון וועט באַלד דערקענען זיינע שונאים, און וועט צו זיי אויסרופן:

„אז היו עונותיכם על עצמותינו ומפשעכם נגע לנו. אתם הוללתם על ראשינו סערת סיפה ותבריקו עלינו חזיז רעם וברק! באשמותיכם תלהבה מסביב שנאת הלאום ובמעל כפיכם בערה בנו קנאת הדת ותיקד עד להשחית. הרבות מרטות עפפו על פנינו ולפי שאול עצמינו נפזרו, עצמות אלפי אחינו בני העם. אתם עוללתם בעפר קרן העם כלו ומעול רכלתכם היה עם־עבר כלו לגדופים, העם הממשך ומרט, העם הנגש והנענה מחמת ידיכם יתר הרבה מאד מכל משפחות אדמה״. (אַזוי זיינען אייערע זינד אויסגעפאַלן צו אונזער קאָפּ און אייערע פאַרברעכן זיינען געוואָרן אונזער פּיין. איר האָט אַראָפּגעבראַכט אויף אונזערע קעפּ דעם שטורם פון שווערט און ס׳האָבן אויף אונז אַראָפּגעבליצט בליצן און דונערן. אַ דאַנק אייערע זינד איז צעברענט געוואָרן אַרום אונז די שנאה פון פאָלק און דורכ׳ן פאַרראַט פון אייערע הענט האָט זיך צעפלאַקערט אויף אונז דער רעליגיעזער האַס ווי אַ פאַרניכטונגס־פייער. אין אונז זיינען געשליידערט געוואָרן אָנגעשאַרפטע שווערדן און האָבן אַריינגעדרונגען אין די לייבער פון טויזנטער אונזערע ברידער פון פאָלק, איר האָט דערנידעריגט דאָס גאַנצע פאָלק און מחמת דעם שקר פון אייער האַנדל איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק באַשולדיגט געוואָרן, דאָס זעלבע פאָלק, וואָס ווערט אַליין געדריקט און געמאַטערט פון אייערע רויבערייען נאָך אַ סך מער ווי אַלע אַנדערע געשלעכטער פון דער ערד).

די פּראָקלאַמאַציע איז אונטערגעשריבן „מאת המתנדבים בעם לבית ישראל״ (פון די איבערגעבענע צום פאָלק אינ׳ם אידישן פאָלק). און די גאַנצע פייערדיגע רעדע איז דורכגעדרונגען מיט טיפער ליבשאַפט צום אידישן פאָלק און צו דער מענטשהייט. „אנחנו אוהבי עמנו, אנחנו אוהבי כל המין המעונים״ — מיר, די פריינט פון אונזער פאָלק און פון אַלע ליידנדע מאַסן. — אָט דער מאָטיוו דרינגט דורך דעם גאַנצן אויפרוף.

פון לאָנדאָן איז ליבערמאַן אוועק דורך בערלין קיין ווין, וואו ער האָט זיך באַפריינדעט מיט׳ן קאָנסערוואַטיוון און נאַציאָנאַליסטישן השכלה־פּובליציסט פּרץ סמאָלענסקין און אַ קורצע צייט געאַרבעט אין זיין „השחר״. נאָר באַלד האָט זיך ליבערמאַן מיט אים צעגאַנגען און אין מאַי 211־ געגרינדעט דעם אויבן דערמאָנטן העברעאישן אָרגאַן „האמת״, — דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אָרגאַן ביי אידן. דער „האמת״ איז געווען אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל, און הגם ליבערמאַן האָט זיך געמיט צו שרייבן פאַרשטעלט, כדי די רוסישע צענזור זאָל ניט שטערן דעם זשורנאַל, דאָך האָט דער „האמת״ ניט געהאַט קיין אריכת ימים: די ווינער צענזור האָט אים פאַר־

מאַכט אויף דעם דריטן נומער און דעם רעדאַקטאָר אַרעסטירט. פון ווין האָט מען ליבערמאַנ'ען אַרויסגעגעבן צו דער פּרייסישער פּאָליציי, און אין בערלין איז פּאָרגעקומען דער פּראָצעס פון ליבערמאַנ'ען מיט צוויי אַנדערע רוסיש־אידישע סאָציאַליסטן (הורוויטש און אַראָנסאָן, עדוואַרד בערנשטיינ'ס שוואָגער). ליבערמאַן איז פאַר'משפּט געוואָרן צו געפענגנים (לויט איניגע ידיעות אויף 15 חדשים, לויט אַנדערע אויף 9 חדשים), און איז ערשט אין יאַנואַר 1880 באַפרייט געוואָרן. צוזאַמען איז ליבערמאַן אָפּגעזעסן אין ווינער און בערלינער תפיסות העכער צוויי יאָר, שטענדיג אונטער דער געפאַר אַרויסגעגעבן צו ווערן קיין רוסלאַנד.

דאָס געפענגנים האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופן אויף ליבערמאַנ'ס גייסטיגן גלייכגעוויכט. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ טראַגישע ליבע־געשיכטע אין לאָנדאָן און אַמעריקא, וואוהין ער איז געפאָרן נאָך דער באַפרייאונג. דעם 18טן נאָוועמבער 1880 (און ניט דעם 20טן, ווי ס'שטייט על פּי טעות אינ'ם יאָרבוך פון דער איד. סאָצ. פעד.) האָט דער פאָטער פון אידישן סאָציאַליזם באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין סיראַקוז, נ. י. פאַר'ן טויט האָט ער געלאָזט אַ צעטעלע מיט די ווערטער: „זאָל לעבן די וועלט! אַ מענטש וואָס געפינט אין איר בלויז נויט און פּיין, איז פאַראורטיילט צום טויט. זאָל מען מיך ניט באַשולדיגן, ביז מ'וועט זיך ניט געפינען אין מיין לאַגע".*)

פון דער צייטונג „האמת" זיינען אַרויס בלויז דריי קליינע נומערן — אַ צוקנאַפּער מאַטעריאַל, אַז מען זאָל פון איר קענען ציען וואָסערע גרינדלאַכע שליסן וועגן דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג פון יענער צייט בכלל און פון אהרן ליבערמאַן בפרט. מיר ווייסן אפילו ניט גענוי, וואָסערע אַרטיקלען אין דעם „האמת" זיינען געשריבן געוואָרן פון ליבערמאַנ'ען אַליין און וואָסערע פון זיינע מיטאַרבייטער. ווייל ליבערמאַן האָט דערקלערט, אַז ער וועט ניט דרוקן קיין נעמען אונטער די אַרטיקלען. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז סיי דער פּראָספּעקט פונ'ם „האמת", סיי די לייט־אַרטיקלען און די קלאַסן (נאָטיצן) שטאַמען פון ליבערמאַנ'ס טאַלאַנטפולער פּען.

לויט אַלע סמנים איז ליבערמאַן געשטאַנען ווייט פונ'ם וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם; פון מאַרקס און ענגעלס. פערציג יאָר צוריק איז די מאַרקסיסטישע שטה געווען נאָך בערך יונג און ווייניג באַקאַנט, נאָך ווייניגער אַנערקענט. דער סאָציאַליזם פון „האמת" טראָגט אַן אידעאַליסטישן און משכיל'ישן כאַראַקטער. אַזוי לייענען מיר אין ליבערמאַנ'ס העברעאישן פּראָספּעקט צום „האמת":

דער חושך, וואָס הערשט נאָך עד היום אין די מחות פון דער מערהייט, איז דער פאָטער פון אַלע אומגליקן אין דער וועלט. ער האָט דורכגעדרונגען דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט ביז איר גרונט און האָט צעבראָכן אירע גלידער אַזוי, אַז זיי קאָנען שוין ניט געהיילט ווערן. ער האָט דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר'ן שקר אויף דער ערד און מיט זיין כח האָבן די געוואַלטטעטיגע פאַרנומען זייער פּלאַץ אין דער שפּיץ און אַרויפגעלייגט זייער יאָך אויפ'ן פאָלק... דאָס פאָלק ווייסט זיינע יסורים... וואָס זיינען אָן אַ צאָל, ער גייט אָבער צו גרונד מחמת דער אונוויסנהייט, דאָס פאָלק ווייסט ניט ווי אַזוי אויסצומיידן דאָס שלעכטע און אויסצוקלייבן דאָס גוטע. נאָר דער אמת קען אַריינברייגנען ליכט אין דעם מענטשליכן קאָפּ... אונטערצושיידן דאָס גוטע און דאָס שלעכטע.

„אַ סך זיינען היינטיגע צייטן די וואָס קעמפן פאַר דאָס גוטע צווישן אַלע פעלקער... נאָר אין אונזער אידישער ליטעראַטור האָט ביז איצט געפעלט דער אמת, ווייל

---

*) וועגן ליבערמאַנ'ס זעלבסטמאָרד און וועגן דער גאַנצער ראָמאַנטישער געשיכטע פון זיין נסיעה קיין אַמעריקע זעה מ. ווינטשעווסקי'ס „ערינערונגען" אין דער „צוקונפט" 1909. ז. 85־90 און 168־175. די דאַטע פון זעלבסטמאָרד — 18טער נאָוועמבער — איז אויך אָנגעגעבן אין דער קאָרעספּאָנדענץ אין „הצפירה" פון 9 (21) דעצעמבער 1880.

זינט די נבואה האָט זיך אָפּגעטאָן פון׳ם אידישן פאָלק, האָבן זיך אונזערע שרייבער ניט אינטערעסירט מיט די נויטן פון לעבן און מיט די אינטערעסן פון פאָלק״.

דאָ קומט ליבערמאַן צו דעם ריכטיגן, הגם ביטערן געדאַנק וועגן דער אידישער ליטעראַטור פון זיין צייט: „אַזוי האָבן זיך אונזער ליטעראַטור און אונזער לעבן אַלץ מער דערווייטערט איינער פון צווייטן, ביז די ליטעראַטור האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין די וועגן פון׳ם לעבן און דאָס לעבן פאַרשטייט ניט אונזער ליטעראַטור.״

דאָס אַלעס איז נאָך ניט סאָציאַליזם. אָבער באַלד גייט אַריבער ליבערמאַן צו אַ פאָרזיכטיגער (צענזור!) פאָרמולירונג פון זיין סאָציאַליזם:

„די פראַגע פון אַרבעט און ברויט שטייען איצט אומעטום איבער אַלע אַנדערע פראַגן... דאָס אידישע פאָלק איז אַ פאָלק פון בשר ודם, ווי אַלע אַנדערע פעלקער.. און דאָס גליק פון פאָלק איז פאַר אונז די העכסטע ריכט־שנור אין אַלע פראַגן״.

דאָ שטעלט זיך ליבערמאַן קעגן דעם נאַציאָנאַליזם, און ערקלערט:

„ניט די ליבשאַפט צו דער נאַציע (לאַ אהבת־הלאום) באַוועגט אונז אַרויסצוגעבן די צייטשריפט. מיר וועלן ניט געבן קיין פאָרצוג די קינדער פון אונזער פאָלק פאַר אַלע אַנדערע מענטשן, ווייל איין פאָלק איז ניט העכער פאַר׳ן צווייטן, ווי עס איז ניטאָ קיין פאָרצוג ביי אַ מענטשן צו זיין לייבליכן ברודער. בלויז די ליבשאַפט צום מענטשן בכלל און אונזער ליבשאַפט צו די קינדער פון אונזער פאָלק, נאָר אַלס מענטשן, — בלויז דאָס באַוועגט אונז צו רעדן צו זיי אין דער שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען און צו ערקלערן זיי די רייד פון אמת״.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ליבערמאַנ׳ס משכיל׳יזם איז זיין אונקריטישע איבער־צייגונג, אַז די אידן „פאַרשטייען״ די העברייאישע שפּראַך.

פון די טעאָרעטישע אַרטיקלען אין „האמת״ צייכנט זיך אויס (ליבערמאַנ׳ס) אַרבעט „מלחמת הקיום בעד קיומו ביחס אל חיי החברה״ (לייט־אַרטיקל פון נומ. 2)— דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און זיין באַציאונג צום לעבן פון דער געזעלשאַפט. דער מחבר פירט אויס, אַז דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ טרייבט די מענטשן צו פאַר־אייניגן זאַך אין אַ געזעלשאַפט, און „די סאָלידאַריטעט איז דאָס פאָל־קאָמסטע געווער אינ׳ם קאַמף פאַר׳ן לעבן״.

מיט סאָציאַליסטישע געדאַנקען און געפילן זיינען אויך דורכגעדרונגען אַלע סקיצן און געדיכטן, וואָס געפינען זיך אין „האמת״. עטליכע אַרטיקלען באַהאַנדלען אידישע פראַגען, ווי דער לייט אַרטיקל פון׳ם ערשטן נומער, און אָפּהאַנדלונגען וועגן די אידן אין אונגאַרן און די אידן אין לאָנדאָן.

אין גיכן נאָך ליבערמאַנ׳ס טויט האָט י. א. טריוואוש געשריבן אַ נאָוועלע „דור תהפּוכות״, וואו ער פירט אַרויס אהרן ליבערמאַנ׳ען אין דער פיגור פון זיין העלד „פראַנק״, טריוואוש האָט ליבערמאַנ׳ען גוט געקענט פּערזענליך און האָט אים גע־שילדערט, אַלס אַ נאַטור, וואָס איז פול מיט אינערליכע ווידערשפּרוכן. פון איין זייט אַ ניהיליסט, וואָס לייקענט די פאַרגאַנגענהייט און די עקזיסטענץ־באַרעכטי־גונג פון נאַציאָנען בכלל און פון דער אידישער בתוכם; פון דער אַנדערער זייט אַ פייערדיגער העברייאיסט, וואָס רעגט זיך אויף צוליב אַ גרייז אין אַ „ויו״, און אַ טיפער פאַרהערער פון׳ם אידישן פאָלק. אויך מאָרים ווינטשעווסקי, ליבערמאַנ׳ס פּערזענליכער פריינד און חבר, שילדערט אין זיינע אויסגעצייכנטע „ערינערונגען״ ליבערמאַנ׳ס שטורמישע, ווידערשפּרוכספולע און אַרטיסטישע נאַטור.

אַלע דאָקומענטן וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען פון׳ם גרינדער פון אידישן סאָציאַליזם, דעקן אויף אַ טראַגישן ריס אין זיין נשמה. אַט לייקנט ער אָפּ אַבסאָלוט די עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק, און אָט דריקט ער זיך אויס אין אַ כמעט ציוניס־טישן זינען. ש. ל. ציטראָן (אין „הד הזמן״) און מ. ק. (אין „השלח״), וואָס האָבן געקענט ליבערמאַנ׳ען, דערציילן פון זיינע לאַנגע דיסקוסיעס מיט פּרץ סמאָלענסקינ׳ען, וואו ליבערמאַן „בטל את העבר ההיסטורי בתכלית הבטול ויבז לשאלת האומה ולאהבת

הלאום״ (האָט אַבסאָלוט מבטל געווען דעם היסטאָרישן עבר און האָט פאַרוואָרפן די נאַציאָנאַלע פראַגע און די ליבע צום פאָלק). דער לייט־אַרטיקל ליבערמאַנ׳ס אינ׳ם ערשטן נומער „האמת״ איז געווידמעט דער „שאלת היהודים״ (אידנפראַגע). דאָ דריקט ער זיך אויס *זייער* קאַטעגאָריש געגן דעם עצם עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק: „אנחנו היהודים אין לנו קולטורה מיוחדת לנו לבד, משונה מן קולטורת העמים אשר בקרבם אנחנו יושבים... וכבר נתפרדה החבילה, אם באמת היתה ביניגו בזמן מן הזמנים״ (מיר אידן האָבן ניט קיין שום אייגענע קולטור, וואָס זאָל זיך אויסטיילן פון דער קולטור פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וואוינען... און ס׳איז שוין לאַנג צעריסן געוואָרן דער באַנד, אויב אַזאַ האָט בכלל אַמאָל עקזיסטירט צווישן אונז).

אַזוינע ווערטער — פון אַ שרייבער וואָס רעדט צו אידן אין נאָמען פון אידן („אנחנו היהודים״) און דוקא אין דער אוראַלטער שפּראַך, יענער שפּראַך, וואָס האָט אין לויף פון לאַנגע דורות געדינט פאַר אַ קולטור־באַנד צווישן די צעזייטע טיילן פון פאָלק!

דער אויבנדערמאָנטער „פנקס״ פונ׳ם לאָנדאָנער פאַריין באַלייכט אָבער די אַנדערע זייט פון ליבערמאַנ׳ס כאַראַקטער. אינ׳ם פּראָטאָקאָל פון דער צענטער זיצונג ב׳ אב 1876, לעזען מיר, אַז ליבערמאַן האָט געמאַכט דעם פאָלגענדן פאָרשלאַג: אַזוי ווי די נעקסטע זיצונג פון פאַריין פאַלט אויס אויף תשעה באב, זאָל מען די זיצונג אָפּלייגן. געגן דעם טרעט אַרויס זיין חבר געאָרג סאַפּער בזה הלשון:

„אונז סאָציאַליסטן גייט דיזער טאָג גאָר ניט אָן. מיר האָבן אונז פון דער אַלטער טראַדיציאָן אָפּגעזאָגט... מיר ווייסן נאָר פון אונזער זאַכע, וועלכע איז צוגלייך די זאַכע פון דער גאַנצן מענטשהייט״.

אויף דעם האָט ליבערמאַן געענטפערט:

„פאַרלויפיג האָט תשעה באָב פאַר אונז אידישע סאָציאַליסטן די זעלבע באַדייטונג, ווי פאַר אַלע אונזערע שטאַמעס־גענאָסן, *זאָלאַנג עס וועט ניט ווערן די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, האָט די פּאָליטישע פרייהייט איינע גראָסע וויכטיקייט פיר יעדעס פאָלק.* דיזער טאָג ט׳ באב איז דער טאָג, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן אונזער אונאַבהייניגקייט, און אונזער פאָלק טרויערט דעריבער ביז איצט, שוין איבער 18 הונדערט יאָר״. — דער פאַריין איז מסכים געווען מיט ליבערמאַנ׳ס מיינונג און האָט אָפּגעלייגט די זיצונג.

ליבערמאַנ׳ס קאָסמאָפּאָליטיזם איז אַרויסגעפלאָסן פון דעם פרישן גלויבן, וואָס האָט נאָך אין יענער צייט געהערשט ביי די סאָציאַליסטן פון אַלע פעלקער, — אַז אָט באַלד וועט אָנקומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. מחמת דעם האָט ער געלייקנט די נאַציאָנאַלע פראַגע פונקט אַזוי, ווי ער האָט פּרינציפּיעל ניט געדרוקט קיין פּריוואַטע אַנאָנסן אין זיין „האמת״. וואַרטנדיג יעדע מינוט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, האָט ליבערמאַן אויסגעמידן אַלץ, וואָס קאָן דערנענטערן די סאָציאַליסטן צו דער היינטיגער אָרדנונג. דעם נאַציאָנאַליזם און די צייטונגס־אַנאָנסן האָט ער גלייך באַטראַכט פאַר קאַפּיטאַליסטישע ערשיינונגען, וואָס מוזן אַריינטראָגן בירגערליכן גייסט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

ווי מיר זעען, האָט זיך דעם פאָטער פון אידישן סאָציאַליזם ניט איינגעגעבן צו שאַפן האַרמאָניע צווישן זיין טיפן נאַציאָנאַל־אידישן אינסטינקט און זיין לאָגישער, טיף־דורכגעטראַכטער און אויסגעוויטאָגטער סאָציאַליסטישער איבערצייגונג.

ליבערמאַנ׳ס גאַנצע נאַטור איז געווען פול מיט טראַגישע און אַרטיסטישע ווידערשפּרוכן.

רירענד איז דאָס בילד פון די רוסישע פרייהייטס־מאַרטירער, וועלכעס ליבערמאַן האָט געצייכנט מיט זיין אייגענער האַנט (דאָס בילד האָט מ. ווינטשעווסקי פאַרעפנטליכט אין דער „צוקונפט״, 1909, ז. 88). אויף טיפע קינסטלערישע נייגונגען זאָגט עדות אויך ליבערמאַנ׳ס געצירטער כתב, וואָס מ׳קען זען אין אַרכיוו פון

„בונד" אין גענף און אין דער ניו יאָרקער פּאָבליק־לייברערי, זאָגט עדות אויף אַ נשמה, וואָס האָט געאָטעמט מיט שיינקייט און קונסט.

נאָר אַפשר דעם מערקווירדיגסטן שטריך אין ליבערמאַנ׳ס פּערזענליכקייט האָט אָנגעצייכנט זיין מיט־אַרטיסטישער הורוויטש, וועלכער דערציילט אין „בילאָיע", ווי ליבערמאַן האָט געשיקט צו זיין פאַרגעטערטן לערער לאַווראָוו אַן אויסערגעוויינליכע מתנה. די מתנה איז געווען — זיין אייגענע היטל, מיט׳ן פאָלגענדן צעטל:

„אַזוי ווי איך האָב ניט די מעגליכקייט צו שיקן אייך מיין קאָפּ, שיק איך אייך מיין היטל".

ליבערמאַנ׳ס טראַגישער כאַראַקטער האָט אים אויך צו זעלבסטמאָרד געטריבן, און דער פּאָטער פון אידישן סאָציאַליזם איז געשטאָרבן פאַר די רוסישע פּאָגראָמען: די לעצטע וואָלטן אפשר אַריינגעבראַכט מער קלאָרקייט אין זיין באַציאונג צו דער אידן פראַגע.

דאָס יובילעאום־יאָר פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג

פון ב. באָראָכאָוו.

אין יולי ווערט 25 יאָר, זייט די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד זיינען צום ערשטן מאָל ארויסגעטראָטן אין אַ גרויסן מאַסן־שטרייק און די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן טראָגן אַ מער וויינ־יגער פּלאַנמעסיגן און צילבאַוואוסטן כאַראַקטער. דאָס איז געווען דער ערשטער באַדייטנדער שריט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג נישט נאָר דורך זיין גרויס — עס האָבן זיך אין אים באַטייליגט אַלע אידישע וועבער ביי די פאַרמיטלער אין ביאַליסטאָק, — נישט נאָר דורך זייער דויער — צוויי חדשים! — נאָר אויך דורך זיין וואונדערבאַרער אָרגאַניזירטקייט. די ערשטע שריט פון אַ פּלאַנמעסיגער מאַסן־אָרגאַניזאַציע אויף דער אידישער גאַס באַציען זיך אַלע צום 1887 יאָר, פּונקט 10 יאָר פאַר דער אנטשטייאונג פון „בונד".

בכלל איז די אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער אידישער גאַס גאָר נישט אַזוי יונג, ווי מ׳מיינט געוויינליך. אין צוויי יאָר ארום וועלן מיר קענען פּראַוועז דעם 50־יאָריגן יובל פון דעם ערשטען אידישן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, וועגן וועלכן מיר האָבן ידיעות. איך מיין די חברה פון די דאַמען־שניידער־אַרבעטער אין מאָהילעוו, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1864 יאָר. די דאָזיגע חברה איז באַשריבן געוואָרן פון ס. טאַטיטשעוו אין דער צייטשריפט „פּראָמישלענאָסט אי זדראָוויע" (מאַי 1903) פון שרה ראַבינאָוויטש („די אָרגאַניזאַציע פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד", 1903) און פון ס. א. מאַרגאָלין אין „וואָסכאָד" (מאַי 1906). אָבער די גאַנצע עפּאָכע צווישן דער גרינדונג פון דער דאָזיגער אַרבעטער־חברה און דער אנטשטייאונג פונ׳ם „בונד" איז ביי אונז לחלוטין נישט אונטערזוכט, און אין ערגיץ נאָך נישט באַשריבן, און דעריבער וועט, האָף איך, נישט שאַדן צו באַקענען די חברים־לעזער כאָטש מיט די וויכטיגסטע געשעענישן פון דער עפּאָכע.

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד איז פופציג יאָר אינגער פאַר

דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג *), דאָך איז זי שוין פון אָנפאַנג אָן רייך געוועזן אין אינטערעסאַנטע מאָמענטן. די אַט ערשט דערמאָנטע חברה פון דאַמען־שניידער האָט נישט נאָר פאַרפאָלגט די צוועקן פון געגנזייטיגן קרעדיט און הילף געגן קראַנק־הייט אָדער אין פאַל פון טויט, נאָר אויך געפירט דעם קאַמף פון די אַרבעטער געגן די מייסטערס. דעריבער זיינען די מייסטערס געווען מלא רציחה אויף דער חברה וואָס האָט באַקומען אַ גרויסן איינפלוס צווישן די אַרבעטער, און האָבן זי גע'מסר'ט ביי דער אַדמיניסטראַציע. אויפ'ן גרונד פון דער מסירה האָבן די פירער פון דער־חברה געהאַט אויסצושטיין שווערע פאַרפאָלגונגען מצד דער פּאָליציי, אָבער די שטרייקען, וואָס די דאָזיגע חברה פלעגט אָנפירן געגען די בעלי־בתים, זיינען זייער אונבאַדייטנד סיי צו דער צאָל אַרבעטער, סיי צו דער גרויס פון די ווערקשטאַטן, סיי צו די פאָדערונגען פון דער חברה. די גרויסע מערהייט פון די אידישע אַרבעטער איז באַשעפטיגט ביי קליינע בעלי־מלאָכות, און דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, וואָס אויך די ערשטע שריט פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע זיינען געמאַכט געוואָרען אינ'ם האַנדווערק און נישט אין דער גרעסערער פאַבריק־אינדוסטריע.

די ערשטע שפּורן פון דעם עקאָנאָמישן קאַמף אין דער אידישער פאַבריק־אינ־דוסטריע זיינען אונז באַקאַנט פון די זיבעציגער יאָרן. אין דער אונלעגאַלער צייט־שריפט „וופּעריאָד" פון דעם באַרימטן רוסישן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט פּ. לאַוו־ראָוו זיינען אין 1875 יאָר געדרוקט געוואָרן העכסט אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענ־ציעס פונ'ם צפון־מערב'דיגען קאַנט, וואו עס ווערן גענוי באַשריבן איינציגע נישט אָרגאַניזירטע שטרייקן פון אידישע אַרבעטער אויף די טאַבאַק־פאַבריקן אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט. צוליב „קאָנספּיראַציע" איז אין די קאָרעספּאָנדענציעס נישט אָנגעגעבן גענוי דאָס דאַטום פון די שטרייקן, און די קאָרעספּאָנדענציעס גופא זיינען אַנאָנים; איצט איז אָבער באַוואוסט, אַז זייער מחבר איז איינער פון די ערשטע אידען־סאָציאַליסטן, א. זונדעלעוויטש.

וועגן די אידישע וועבער אין ביאַליסטאָק געפינען מיר זייער ווינציג אָנדיי־טונגען אין דעם לייט־אַרטיקל פון נומער 1 פון דער „אומלעגאַלער" צייטשריפט „דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער" (אַפּריל 1899), וואו עס ווערט געזאָגט: „ווער פון די עלטערע וועבער געדיינקט נישט די שרעקליכע שטרייקן וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט צענדליגער יאָרן צוריק? די „בונטן", ווי מען פלעגט זיי דאַן רופן, וואַרפן אַ שרעק אויף אַלע פאַבריקאַנטן און לוינקעטניקעס („מייסטערס־פאַרמיטלער") און דער פאַרפאַסער דערציילט, אַז ביי די דאָזיגע שטרייקן פלעגן די אַרבעטער אָפט גאַנץ סטיכיש אָנווענדן דעם עקאָנאָמישן טעראָר, שלאָגן די מייסטערס, ברעכן די פענסטער אין די פאַבריק־קאַנטאָרן און אָנטאָן נאָך אַזוינע „בונטן". די שטרייקן האָבן גע־טראָגן מערסטנטיילס אַ פאַרטיידיגונגס־כאַראַקטער, פלעגן אַרויסגערופן ווערן דורך צו גרויסע אונטערדריקונגען מצד די בעלי בתים, בעת די לעצטע פלעגן פאַרזוכן אַראָפּצורייסן די שכירות, פאַרלענגערן דעם אַרבעטס־טאָג, אָדער פלעגן צו שטרענג שטראָפן די אַרבעטער, צו גראָב זיך באַגיין מיט זייער פערזענליכקייט א. אַז. וו.

*) די לעצטע הויבט זיך אָן לויט די אַרכיוו־אונטערזוכונגען פון דעם באַקאַנטן עקאָנאָמיסט טוגאַן באַראַנאָווסקי, אינ'ם אָנפאַנג פון נײַנצענטן, טיילוויז נאָך אינ'ם אַכצענטן יאָר־הונדערט.

פון אַ ריזיגן אָנגריף־שטרייק ביי די ביאַליסטאָקער וועבער דערציילט די „ראַבאָ־טשעיע דיעלאָ” נומער 5—4 (1טער טייל, זייט 34). ער איז פאָרגעקומען בעת דעם רוסיש־טערקישן קריג פון 1877—1878 יאָר. צוליב דער מלחמה האָבן די פאַבריקאַנטן געהאַט גלענצנדע געשעפטן (באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי און עקספּאָרט נאָך רומעניען), און די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג צו העכערן די שכירות. אָפּשטרייקנדיג דריי טאָג, האָבן די אַרבעטער געזיגט. אין דעם שטרייק, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט 35 יאָר צוריק, האָבן זיך באַטייליגט אַלע ביאַליסטאָקער אַרבעטער, סיי אידישע (אַן ערך אָנדערטהאַלב טויזנט), סיי דייטשע און פּוילישע — צוזאַמען אַן ערך 15 טויזנט אַרבעטער.

אָבער די אַלע דערמאָנטע קאָנפליקטן געהערן צום פּאָרהיסטאָרישן פּעריאָד פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל אין זיי האָט נאָך לגמרי געפעלט די קלאַסן־באַוואוסטע אָרגאַניזאַציע פון פּלאַנמעסיקייט. אין יענע ווייטע צייטן איז די באַוועגונג געוואָרן ריין סטיכייאיש, און אפילו די מאָהילעווער חברה פון דאַמען־שניידער האָט געטראָגן אַ שאַרפן רעליגיעזן כאַראַקטער. ווי אַלע אַנדערע חברות פון יענער צייט האָט זי צום ביישפּיל געהאַט אַן אייגענע ספר תורה, זיך פאַרזאַמלט אין קלויז א. ד. גל., נאָר מיט דעם חילוק, וואָס אין איר פלעגט מען די בעלי־בתים נישט אריינגעמען.

בנוגע צום עקאָנאָמישן קאַמף קען מען צוטיילן די גאַנצע צייט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף פאָלגנדע זעקס קורצע פּעריאָדן:

1) דער פּאַרהיסטאָרישער פּעריאָד, וועגן וועלכן מיר האָבן אָט ערשט גערעדט. דעמאָלט זיינען די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע און דער עקאָנאָמישער קאַמף פון די אַרבעטער געווען ביידע זייער שוואַך און צוטיילט, נישט געהאַט צווישן זיך קיין שום באַרירונגס־פּונקטן. די אַרבעטער־מאַסן פלעגן אפילו אַרויסגיין אַמאָל אין אַ שטרייק געגען די בעלי־בתים, נאָר זיי האָבען נישט געהאַט קיין שום באַגריף פון סאָציאַליזם און פון קלאַסנקאַמף. די ווייניגע אידישע סאָציאַליסטן פון יענער צייט האָבן פון זייער זייט (אויסער זונדעלעוויטש'ן) גאָר נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן מכח די אַלטעגליכע אינטערעסן פונ'ם אַרבעטער און מכח דעם עקאָנאָמישן קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. דער סאָציאַליזם אויף דער אידישער גאַס האָט נאָך נישט געפונען קיין וועג צו די אידישע אַרבעטער און די אַרבעטער — קיין וועג צו אַ באַוואוסטזיניגער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיגער פּעריאָד נעמט אַרום די זעכציגער, זיבעציגער און די אַכציגער יאָרן ביז אַן ערך 1886—1889 יאָר.

2) דער פאָרברייטונגס־פּעריאָד פון אַ ברייטער אָרגאַניזאַציע הויבט זיך אָן אין רוסישן תחום המושב מיט דעם צוויי־מאָנאַטליכען אַלגעמיינעם שטרייק פון די אידישע וועבער אין ביאַליסטאָק אין יולי־סעפּטעמבער 1887 און מיט דער גרינדונג פון די ערשטע קליינע שטרייק־קאַסן אין ווילנע אינ'ם יאָר 1888. אויף דעם סמך קענען מיר רעכענען דאָס יאָר 1887 פאַר דעם אָנהויב פון דער געשיכטליכער עפּאָכע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון תחום המושב. אין די נעקסטע צען יאָר האָבן די אַרבעטער און דער סאָציאַליזם זיך געגנזייטיג געזוכט און געפונען.

3) דער עקאָנאָמישער פּעריאָד פון „בונד” עפנט זיך

מיט דער גרינדונג פון דעם „אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און אין פּוילן" אין סעפּטעמבער 1897 יאָר און ציט זיך אַן ערך ביז 1901—1902 יאָר. ווען אויף דער אידישער גאַס באַווייזט זיך אַ נייע אַרבעטער־באַוועגונג — די „פּועלי ציון" אָדער אַנדערש „ציוניסטן־סאָציאַליסטן", און דער „בונד" פון זיין זייט הערט אויף זיך צו שטיצן אויפ'ן עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער און נעמט אָן אַ שאַרפן פּאָליטישן כאַראַקטער פון אַ שטרענג אָרגאַניזירטער פּאַרטיי.

4) דער פּאָליטישער צושפּאַלטונגס־פּעריאָד, וועלכער קען צוטיילט ווערן אויף צוויי קורצע אָפּשניטן: פון 1901 אָדער 1902 יאָר ביז דער רעוואָלוציע פון 1905, און די רעוואָלוציאָנערע צייט פון 1905—1907. דער פינפטער (אָדער זעקסטער) פּעריאָד הויבט זיך אָן איצט און וועגן אים קאָן דער היסטאָריקער נאָך גאָר נישט זאָגן: דאָס איז די זאַך פונ'ם פּאָליטיקער און פּאַרטיי־פּובליציסט.

דאָס איז אַלץ געדעט מכח די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד. אין די איבעריגע לענדער פונ'ם אידישן ישוב איז די געשיכטע נאַטירליך געגאַנגען אַנדערש. אינטערע־סאַנט איז אָבער, אַז אין דער זעלבער צייט ווען אין רוסלאַנד הויבט זיך אָן אַ ברייטע מאַסן־באַוועגונג וועלכע טראָגט שוין אַלץ אַ קלאָרערן מאַסן־כאַראַקטער (1887—1897) אנטשטייט די זעלבע באַוועגונג אויך אין אַנדערע גלות־לענדער: אין ניו יאָרק פּאַלט אויס דער ערשטער מאַסן־שטרייק פון אידישע שניידער אויף דעם יאָר 1886, אין לאָנ־דאָן שטרייקן צום ערשטן מאָל אַרום 10 טויזנט אידישע שניידער אין 1889 יאָר. אין גאַליציען אָן פּוילישע סאָציאַליסטן צום אָנפאַנג פון די 90ער יאָרן צו אָרגאַ־ניזירן די אידישע פּראָלעטאַריער, און אין אַמסטערדאַם (האָלאַנד) ברעכט אויס אין 1894 יאָר דער ערשטער אַלגעמיינער שטרייק פון די אידישע בריליאַנט־אַרבעטער און עס אָרגאַניזירט זיך דער מעכטיגער „דיאַמאַנטן־אַרבעטער־בונד".

אויב מיר באַמערקן די ערשטע שפּורן פון אידישן אַרבעטער־קאַמף פריער פאַר אַלץ אין רוסלאַנד, אנטשטייט אָבער אַ ברייטע מאַסן־באַוועגונג כמעט גלייכצייטיג אין אַלע גרעסערע גלות־לענדער. די דערשיינונג האָט איר גוטן גרונד: די אַכציגער און ניינציגער יאָרן זיינען אַ צייט פון אַן אַלוועלטליכער עקאָנאָמישער אויפלעבונג, וועלכער האָט זיך הער־ליך פאַנאַנדערגעשפּילט נאָך דעם שרעקליכן קריזיס פון דעם סוף זיבעציגער יאָרן. צוגלייך וואַקסט אויך דער סאָציאַליזם אין דער גאַנצער וועלט, אין אַמעריקא (שיקאַגאָ) ברעכן אויס די ריזיגע אַרבעטער־אונרוען פון יאָר 1886, אין אייראָפּע לעבט אויף אין 1889־טן יאָר דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. אין דעם אידישן לעבן קומען אויך פאָר טיפע שנויים: עס אנטשטייט אומעטום אין אייראָפּאַ אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, אין רוסלאַנד בושעוועט זיך פאַנאַנ־דער דער ערשטער פּאָגראָם־שטורם, און עס וואַקסט אונגעהויער דער עמיגראַציאָנס־שטראָם פון רוסלאַנד, גאַליציען, רומעניען קיין אַמעריקע, ענגלאַנד און האָלאַנד. די אַכציגער און ניינציגער יאָרן זיינען אין דער גאַנצער וועלט אַ צייט פון כאַאָטישער, אונקלאָרער גערונג און פון אַלגעמיינער אומבאַשטימטקייט און אומצופרידנקייט. צווישן די אידישע מאַסן פון פאַרשיידענע לענדער קניפּט זיך אָן צוליב דער עמיגראַציע אַ לעבעדיגע פאַרבינדונג. פאַר זיי עפענען זיך ברייטע אָקעאַנישע, אַלוועלטליכע האָריזאָנטן און אינטענסיוו הויבט אָן צו אַרבעטן דער פאָלקס־געדאַנק. די פרוכט פון דעם אַרבעטער־דענקען פון פאַרשיידענע לענדער טראָגן זיך אַריבער אויף אומ־

זיכטבאַרע גייסטיגע וועגן פון איין עק וועלט אין דעם צווייטן. סאָציאַליסטישע אידעען ווערן אַריבערגעשליידערט פון דעם פאַר׳חושכ׳טן רוסלאַנד אין דעם פרייען ענגלאַנד און אַמעריקע. פון דאָרט אָנגעפילט מיט אַ נייעם אינהאַלט קערן זיי זיך אום איבער לאָנדאָן, קעניגסבערג און ווין צוריק אין די געטאָס פון גאַליציען און רוסלאַנד. אַן אַרבעטער, וועלכער האָט ערשט געשטרייקט אין ניו יאָרק, טיילט מיט זיינע פרישע איינדרוקן דעם חבר, וועלכער וועט באַלד שטרייקן אין ביאַליסטאָק אָדער ווילנע. דער קאַפּ פול מיט אומבאַשטימטע האָפנונגען, לאָזט זיך דער אידישער אַרבעטער איןווייטן וועג. און אין אַלע דורכגאַנגס־פונקטן, אין עסטרייך, דייטשלאַנד, פּאַריז, האָלאַנד און ענגלאַנד, לאָזט זיך אַראָפּ דער גאַרנדער מענטשן־שטויב, טרעט אין באַרירונג מיט די חברים פון אַלע לענדער, פאַרבינדט אַ גייסטיגן פאָדעם צווישן מזרח און מערב, און אַזוי טראָגן זיך די זאָמען פונ׳ם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־געדאַנק איבער די אַרבע פנות עולם, די עמיגראַציאָנס־ווינטן פארשפרייטן אומעטום די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

דעריבער, מיין איך, באַדייטן די יאָרן 1886 (דער ערשטער מאַסן־שטרייק אין ניו יאָרק), 1887 (ביאַליסטאָק) און 1889 (לאָנדאָן) ליכטיגע, שטראַלנדיגע זכרונות נישט נאָר פאַר יעדן איינצלנעם לאַנד פון דעם אידישן ישוב, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי ס׳ווערן עקספּלאָאַטירט און ווי עס קעמפט פאַר אַ בעסערן לעבן דער אידישער אַרבעטער. און ווען די פּאַטענטירטע „איינציגע” פירער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג וואָלטן געהאַט אַ ברעקל באַגריף פון זייער אייגענער געשיכטע, וואָלטן זיי מוזן אַצינד אין דער גאַנצער וועלט פייערן דעם פינף און צוואַנציגסטן יאָר פון דעם אידישן באַוואוסטזיניגן פּראָלעטאַרישן קאַמף אין רוסלאַנד.

כדי דער לעזער זאָל זען, אַז דער ביאַליסטאָקער שטרייק פון יאָר 1887 האָט ווירקליך יענע באַדייטונג, וועלכע איך גיב אים צו, וועל איך געבן די באַשרייבונג פון זיין גאַנג. *)

בשעת דעם רוסיש־טערקישן קריג פון 1877 איז דער אַרבעטס־לוין ביי די וועבער הויך געשטיגן, צוליב דער גינסטיגער מאַרק־קאָניוקטור און אונטער דעם דרוק פון אַ געלונגענעם שטרייק. דאָס איז געווען אַ גאָלדענע צייט פאַר די וועבער־אַרבעטער: זיי פלעגן פאַרדינען 10—15 רובל (25—38 קראָנען) אַ וואָך. ביי דער דאַמאָלדיגער ביליגקייט פון די עקזיסטענץ־מיטלען, איז דאָס געווען אַ גרויסע הכנסה: אַ דירה פלעגט קאָסטן 1 און אַ האַלבן רובל אַ חודש, אַ פונט פלייש 4—5 קאָפּיקעס. נאַטירליך האָט די גאָלדענע צייט געמוזט גיך האָבן אַ סוף, ווייל אַ דאַנק די גרויסע „גליקן”

---

*) אין יענער צייט האָט די אָפענע רוסישע פּרעסע נישט געטאָרט ברענגען קיין גענויע ידיעות וועגן שטרייקן און בכלל פאָלקס־באַוועגונגען. אויסער איניגע צואוואָרפענע אָנדייטונגען אויף דעם דאָזיגן שטרייק אין פאַרשיידענע קוועלן, געפינט זיך אין דער אונלעגאַלער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ” נומ. 4-5 (ערשטער טייל, זייט 84-85) אַ גענויערע באַשרייבונג. אָבער ווי ווייניג די אָפיציעלע „איינציגע פאַרטרעטער פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט” ווייסן די געשיכטע, זעט מען שוין פון דעם, וואָס אין דער „בונדיסטישער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג (1900), ווי אויך אין זייערע „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג” (1906) ווערט מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט פון דער דאָזיגער מערקווירדיגער פּאַסירונג. אויך אין די באַקאַנטע געשיכטליכע אַרבעטן פון פּאָגאַזשעוו, פּאַסע, אַקימאָוו געפינען מיר נישט קיין שום ידיעות מכח דעם דאָזיגן שטרייק.

האָט זיך אין דער וועבעריי אַ לאָז געטאָן אַ גאַנצע מחנה נייע אַרבעטער און פון דער אַנדערער זייט זיינען אויך די גלענצענדע געשעפטן פון די פאַבריקאַנטן געפאַלן נאָכ'ן קריג. די קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער און די אונגעניטקייט פון די נייע אַרבעטער האָבן אין גיכן אַזוי שטאַרק אַראָפּגעשלאָגן די שכירות, אַז אין יאָר 1885—1886 האָבן די וועבער, אַרבעטנדיג פון 14 ביז 16 שעה אַ טאָג, זיך געמוזט שוין באַנוגענען מיט אַ הונגער־לוין פון 1 אַ האַלב ביז 3 רובל אַ וואָך.

גלייכצייטיג איז אָבער אויך געשטיגן דער יקרות אויף דירות און עקזיסטענץ־מיטלען, און די אַרבעטער איז נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה, ווי אַרויסגיין אין אַ שטרייק.

געשטרייקט האָבן די אידישע אַרבעטער נאָר ביי די פאַרמיטלער („לוינקעט־ניקעס") ווייל די דאָזיגע אַרבעטער האָבן געהאַט די נידעריגסטע לוינען, פיל נידעריגער איידער די פאַבריקס־וועבער. אַלע צוויי אָדער דריטהאַלבן טויזנט אידישע אַרבעטער וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי די „לוינקעטניקעס", זיינען אַריין אין דעם שטרייק, וועלכער איז געווען וואונדערבאַר אָרגאַניזירט, אויף אַזאַ אופן:

דאָס שטרייק־קאָמיטעט האָט נישט געפונען פאַר מעגליך אָפּצושטעלן מיט אַמאָל דעם גאַנצן פאַך, ווייל ס'וואָלט געווען שווער צו קריגן דאָס נויטיגע געלט, כדי אויסצוהאַלטן אַזאַ גרויסע אַרמיי פון שטרייקענדע. דעריבער האָט דער קאָמיטעט דורכגעפירט אַ „כסדר'דיגן" שטרייק מיט אַזאַ חשבון, אַז מיט אַמאָל זאָלן שטרייקן נישט מער ווי עטליכע צענדליגע אַרבעטער אין איינינגע ווערקשטאַטן, און די אַרבעטער פון די איבעריגע ווערקשטאַטן, וואָס בלייבן דערווייל ביי דער אַרבעט, זאָלן אונטערשטיצן די שטרייקענדע.

די דיסציפּלין איז געווען אַ זעלטענע און דער קאָמפּליצירטער פּלאַן האָט זיך גלענצענד איינגעגעבן. איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיך געשטעלט די ווערקשטאַטן. די אַרבעטער האָבן פאַרלאַנגט העכערן דעם לוין (7 קאָפּ. פון אַ שטריין, אַנשטאָט 3 אַ האַלב ביז 5 קאָפּ.), און אַז איין פאַרטיע פלעגט געווינען און זיך אומקערן צו דער אַרבעט האָבן זיך תיכף געשטעלט שטרייקן אַנדערע אַרבעטער. איין גליד פון דער דאָזיגער שטרייקן־קייט פלעגט דויערן נאָר עטליכע טעג, העכסטנס אַ וואָך, אַנדערטהאַלבן, און די אַרבעטער האָבן אומעטום געוואונען.

דער גאַנצער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן אין יולי 1887 — און אומזיסט איז קיין ביאַליסטאָק אַראָפּגעקומען דער גראָדנער גובערנאַטאָר, האָט צונויפגערופן צו זיך די אַרבעטער און האָט זיי געפּרואווט איינרעדן זיך אָפּצוזאָגן פון דעם שטרייק. נאָר דאָס האָט נישט געהאָלפן, דער שטרייק האָט געדויערט ביז סעפּטעמבער און אַלע אַרבעטער האָבן גע'פועל'ט 7 קאָפּ. פון שטריין (קנויל).

צו דעם באַשריבענעם שטרייק האָט ד סאָציאַליסטיש־געשטימטע אינטעליגענץ נאָך נישט געהאַט קיין שום שייכות, און בכלל האָט זיך נאָך דעמאָלט אין ביאַליסטאָק נישט געפירט קיין שום סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע. אויך אין ווילנע איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן דער נויטיגער צוזאַמענהאַנג צווישן דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון דער אינטעליגענץ און דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן. אין ווילנע האָט דוקא שוין פון 1885 יאָר זיך געפירט אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אָבער זי האָט נישט געפונען קיין צוטריט צו די אַרבעטער. ערשט אין 1893 און

1894 יאָר ענדיגט זיך די צייט, וועןביידע טיילען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — די אינטעליגענץ און די אַרבעטער — זוכן איינער דעם צווייטן.

אין די ערשטע יאָרן פון זוכעניש האָבן אָבער ביידע צדדים געמאַכט קענטיגע ערפאָלגן. אין 1887 יאָר איז פאַרצייכנט נאָר דער איינער שטרייק אין ביאַליסטאָק; אין 1888 — פיר שטרייקן; אין 1891 —, אין 1892 — 3, אין 1893 — 7, אין 1894 — 9 שטרייקן פון אידישע אַרבעטער (ס'רוב נאָר קליינע שטרייקן אין ווילנע, ווי אויך ביי די בערשטער אין ווילקאָווישק). די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע האָט אויך אַרויסגעוויזן שיינע פּירות: אַזוי האָט אַ געוויסער טייל אידישע אַרבעטער אין ווילנע שוין אין 1892 יאָר געפּייערט דעם 1טן מאַי.

אין 1893—1894 יאָר האָבן כמעט אַלע סאָציאַליסטן פאַרשטאַנען די נויטיגקייט צו פירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער, כדי זיי צו דערציען אויפ'ן באָדן פון זייערע אַלטעגליכע אינטערעסן. אויף אַזאַ אופן איז ענדליך געלייזט געוואָרן די פראַגע, ווי אַזוי ברענגט מען אַריין דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין די אַרבעטער־מאַסן, ווי פאַראינטערעסירט מען זיי אין דעם ווייטן אידעאַל פון סאָציאַליזם? די דאָזיגע דערנענטערונג אויפ'ן יסוד פונ'ם עקאָנאָמישן קאַמף האָט אַריינגעגאָסן נייע כחות אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט זי געמאַכט גרויס און פרוכטבאַר. די ערשטע זעקס־זיבן יאָר האָט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג געטראָגן נאָך כמעט אויסשליסליך אַ עקאָנאָמישן און קולטורעל־דערציערישן כאַראַקטער, און ערשט אין 1900—1902 יאָר טרעט אַריין דער אידישער אַרבעטער אין פּאָליטישן קאַמף געגן דער זעלבסטהערשונג.

אָבער ווי ברייט עס האָט זיך פאַרשפּרייט דער עקאָנאָמישער קאַמף אין ליטע און פּוילן, זעט מען פון פאָלגנדע ציפערן, וועלכע ווייזן וויפיל אידישע אַרבעטער פלעגן שטרייקן פאַר די צען יאָר 1895—1904:

יאָר	צאָל שטרייקן (אידישע)	שטרייקנדע אידישע אַרבעטער (אַן ערך)
1895 — —	83	4,700
1896 — —	92	3,300
1897 — —	150	23,800
1898 — —	179	11,000
1899 — —	223	18,600
1900 — —	277	16,000
1901 — —	453	22,000
1902 — —	455	28,000
1903 — —	340	41,000
1904 — —	166	8,000

צוזאַמען האָבן פאַר די צען יאָר די אידישע אַרבעטער געהאַט נישט ווייניגער ווי 2418 שטרייקס און אין זיי האָבן זיך באַטייליגט אַן ערך פון 175 טויזנט אידישע אַרבעטער. ווען מ'זאָל אויסרעכענען די דורכשניטליכע גרויס פון די שטרייקן פאַר יעדן יאָר, וועט זיך גלייך אַרויסשטעלן, אַז די דורכשניטליך גרעסטע שטרייקן (160

מאַן אויף 1 שטרייק) פאַלן אוים אויף דאָס יאָר 1897; און צום סוף פון דעם דאָזיגן קאַמפּס־רייכן יאָר האָט זיך אָרגאַניזירט דער „בונד“. ווייטער וועלן מיר אנטדעקן, אַז די קלענסטע שטרייקן (58, 49 און 62 מאַן אין דורכשניט אויף 1 שטרייק) קומען אוים אין די יאָרן 1900—1902 — ד. ה. אַקוראַט די יאָרן, ווען ס'האָט זיך אָנגע־הויבן צו שפּאַלטן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, ווען ס'זיינען אַנטשטאַנען די „פּועלי ציון“ און דער „בונד“ האָט זיי אויסגעשלאָסן פון זיינע אָרגאַניזאַציעס.

דאָס באַווייזט אונז, אַז די געשיכטע פון די אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען שטייט אין אַן אינטערעסאַנטן צוזאַמענהאַנג מיט די דערשיינונגען פונ'ם עקאָנאָמישן קאַמף אויף דער אידישער גאַס. גענויער וועגן דעם דאָזיגן צוזאַמענהאַנג אָן אַנדער מאָל.

איך שליס מיין אַרטיקל מיט פאָלגנדער באַמערקונג: היינטיגס יאָר האָבן מיר אַ פיראַרטיגע שמחה. ס'ווערט 35 יאָר צו דער ערשטער סטיכייאישער, נאָך אומ־באַוואוסטזיניגער אַרויסטריט פון אידישע אַרבעטער, 25 יאָר צו זייער ערשטער פּלאַנ־מעסיג אָרגאַניזירטער באַוועגונג, 15 יאָר צו דער גרינדונג פון דער ערשטער אַרבעטער־פּאַרטיי אויף דער אידישער גאַס („בונד“) און 5 יאָר צו דער גרינדונג פונ'ם אַלוועלט־ליכן אידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד „פּועלי ציון“.

1877 — 1887 — 1897 — 1907! פיר גרונדלייגנדע דאַטן פונ'ם אידישן אַרבעטער־געדאַנק, פון זיין רעוואָלוציאָנערער טאַט; יעדעס מאָל אויף 10 יאָר עלטער די באַוועגונג און יעדעס מאָל מיט 10 יאָר רייפער דער באַוואוסטזיין, און יע־דעס מאָל אַ היסטאָרישער שריט פאָרווערטס, אַ נייע ברייטערע פּערספּעקטיוו. פון תהו ובהו צום ערשטן פונק פון באַוואוסטזיניגער אָרדנונג, ווייטער צו פעסטער אָרגאַ־ניזירונג און נאָך ווייטער צו אַלוועלטליכער איינהייט — אָט דאָס איז דער אַנטוויק־לונגס־גאַנג פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

זכרונות

(צום יובילעאום פון די רוסישע פּועלי־ציון)

פון ב. באָראָכאָוו

דעם פּורים ווערט פונקט צען יאָר, זינט ס'איז פאָרגעקומען דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון אין רוסלאַנד. צען יאָר! נאָר די פעדער איז ניט בכח איבערצוגעבן די געפילן און זכרונות, וואָס שווימען אַרויף ביי אַן „אַלטן“ פּאַרטיי־אַרבעטער, ווי איך בין, בעת מ'דערמאָנט זיך אָן דעם אונפאַרגעסליכן געשעהעניש. און לאָמיר בעסער איבערגעבן די טרוקענע היסטאָרישע פאַקטן, יענעב קליינעם, קוים באַמערקליכן אָנהויב, פון וועלכן דער צוזאַמענפאָר איז ענטשטאַנען, יענע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן אונזער שוואַכע, באַשיידענע אונטערנעמונג דערהויבן צו דעם היינטיגן דערפרייליכן מצב.

אַלזאָ, צו די טרוקענע פאַקטן. דער צוזאַמענפאָר, וועמעס יובילעאום מיר וועלן באַלד פייערן, האָט נ י ט געקראָגן דעם נאָמען „ערשטער“, ווייל פאַקטיש האָט די פּאַרטיי עקזיסטירט נאָך פינף יאָר פאַר אים און האָט פאַר דער צייט אָפּגעהאַלטן פאַרשידענע אַנדערע צוזאַמענפאָרן. די פּועלי־ציוניסטישע א י ד י ע, דער־געדאַנק פון אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן סאָציאַליזם און ציוניזם, האָט שוין אַ זייער חשוב'ן עלטער, זי איז ניט קיין סך אינגער פאַר'ן סאָציאַליזם גופא, און איר

ערשטער באַגרינדער איז געווען דער באַרימטער טוער פונ׳ם דייטשן סאָציאַליזם און מיטגליד פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל משה העס. נאָר אַ ממשות׳דיגע און מאָדערנע געשטאַלט האָט די גרונד־אידייע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם צוערשט געפינען ביי אונזער הויך־געשעצטן חבר דר. נחמן סירקין, וועלכער וועט מיט רעכט פאַרצייכנט ווערן אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק אַלס גייסטיגער פאָטער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

זיין נייען אָריגינעלן און מוטיגן געדאַנק האָט דר. סירקין ענטוויקלט צוערשט אין מינדליכע פאָרטראַגן און אַרטיקלען וועגן דער אידן־פראַגע, וועלכע ער פלעגט האַלטן אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס פון רוסיש־אידישע סטודענטן, ווי אויך דרוקן אין דער סאָציאַליסטישער צייטשריפט פון ערנסט פערנערסטאָרפער אין ווין, „דייטשע וואָרטע“. דר. סירקינ׳ס פראָפאַגאַנדאַ איז אָנגעגאַנגען אין 1898 ביז 1901 יאָר, און איר ערשטע ממשות׳דיגע פרוכט איז געווען די גרינדונג פון אַ גרופּע „ציוניסטן־סאָציאַליסטן“, אין וועמעס נאָמען דר. סירקין האָט אין מאַי 1901 אַרויסגעלאָזן אין בערלין אין דער רוסישער שפּראַך אַן „אויפרוף צו דער אידישער יוגנט“ אין פאָרם פון אַ בראָשורע. דאָס איז געווען דער ערשטער אָפיציעלער מאַניפעסט פון דעם פּועלי־ציוניזם, הגם נאָך אָן דעם נאָמען.

פונקט ווי דר. סירקינ׳ס געדאַנקען האָבן זיך ענטוויקלט לכתחילה זעלבסטשטענדיג, אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרקלונגענער און פאַרגעסענער פילאָזאָפיע פון משה העס, האָט זיך אויך אין רוסלאַנד גופא אָנגעהויבן אַ סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע באַוועגונג זעלבסטשטענדיג, אָן צוזאַמענהאַנג מיט דר. סירקינ׳ס אויסלענדישע פּראָפּאַגאַנדאַ. די ערשטע גרופּע פון סאָציאַליסטישע, קלאַסנבאַוואוסטע פּועלי־ציון אין רוסלאַנד איז ענטשטאַנען אין נאָוועמבער 1900 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און אירע גרינדער זיינען געווען: דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות און שמעון דאָבין וועלכער איז דערנאָך אַוועק צו דער פּאַרטיי „סערפּ“ און געקראָגן זיך אַ נאָמען, אַלס אַ קלוגער און געשמאַקפולער שרייבער אין אידיש.

מ׳וועט מיר ערלויבן נאָך אַביסל מער דערציילן וועגן דער דאָזיגער ערשטער אָרגאַניזאַציע פון אונזער פּאַרטיי. פון סעפּטעמבער 1900 ביז מאַי 1901 האָט דער שרייבער פון דיזע שורות וועלכער האָט געהערט צו דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין יעקאַטערינאָסלאַוו, געהאַלטן אַ סעריע פאָרטראַגן וועגן סאָציאַליסטישן ציוניזם אין אַ זעלבסטבילדונגס־קלוב פון יונגע אינטעליגענטע פּראָלעטאַריער („עקסטערנעס“), וועלכער האָט געציילט קרוב צו 150 מיטגלידער; און אונזער היינט באַרימטער פריינט דר. שמריהו לעווין, וועלכער איז דעמאָלט געווען ראַבינער אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט אין דעמזעלביגן פאַריין געהאַלטן אַ סעריע פאָרטראַגן געגן דער נייער אידייע. די לאַנגע און אינהאַלטסרייכע דיסקוסיע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליגט אויך אַנדערע פּראָמינענטע ציוניסטישע פירער, (אַלע געגן דער פאַרבינדונג פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם) האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס דער זעלבסטבילדונגס־קלוב האָט אָנגענומען דעם נייעם שטאַנדפּונקט און זיך אַ נאָמען געגעבן „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַריין“. זיין ערשטער עפענטליכער אַרויסטריט איז געווען די אָרגאַניזאַציע פון באַוואַפנטן זעלבסטשוץ ביי דעם קליינעם פּאָגראָם, וואָס די שטאָדט האָט איבערגעלעבט פּסח 1901, און דער צווייטער אַרויסטריט איז געווען אַ סטרייק פון מענער־שניידער סכות 1901. דאָס איז געווען דער ערשטער סטרייק פון אידישע אַרבעטער אין דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט*).

---

*) אין אַן אַרטיקל: „ביי דער וויגעלע פונ׳ם ציוניסטישן סאָציאַליזם“ אין דער ניו־יאָרקער „וואָרהייט“ פונ׳ם 13טן מערץ, 1916, דערציילט באָראָכאָוו נאָך די פאָלגענדע פּרטים:

געווען בין איך דעמאָלט אַ מיטגליד אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און געאַרבעט אונטער דער אויפזיכט פונ׳ם יעקאַטערינאָסלאַווער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָמיטעט, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די אומלעגאַלע צייטשריפט „יוזשני ראַבאָטשי“. פון די

די אַלע פאַקטן ווערן איצט פאַרעפנטליכט צום ערשטן מאָל. די פאַקטן, אגב אורחא, באַווייזן, אַז די ערשטע אידישע „סאַמאָאָבאָראָנע" איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון די פּועלי־ציון, נאָך דריי־און־אַ־האַלב יאָהר פאַר'ן „בונד" (אין האָמעל, סעפּט. 1903).

איצט לאָמיר בקיצור איבערבליקן די געשיכטע פון דער באַוועגונג פון 1901 ביז 1906.

דעם נאָמען „פּועלי־ציון" האָט זיך צוערשט געגעבן (נאָך אין 1899טן יאָר) אַ פאַראיין אין מינסק*) אונטער דער פירונג פון דעם היינט באַקאַנטן ליטעראַט א. ליטווין, בערגער און רובענטשיק, נאָר דער דאָזיגער פאַריין האָט אָפּגעלייקנט דעם סאָציאַליסטישן קלאַסן־שטאַנדפּונקט בנוגע צום גלות. דאָס איז דער אורשפּרונג פון די אַזוי־גערופענע „מינסקער פּועלי־ציון", וואָס האָבן זיך אין 1907טן יאָר פאַראייניגט מיט די ס. ט. — אַ סאָציאַליסטישער פאַריין מיט'ן נאָמען „פּועלי־ציון" איז, אונטער'ן איינפלוס פון יעקאַטערינאָסלאַוו און פּאָלטאַווע, ענטשטאַנען אין 1902טן יאָר אין אדעס, און אין גיכן זיינען שוין אין גאַנץ דרום־רוסלאַנד געווען צעוואָרפן גרופּן און אָרגאַניזאַציעס פון דער נייער שטרעמונג, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַנ'אייגענעם אונלעגאַלן אָרגאַן אין רוסיש אין 1902טן יאָר. — אַן אינטערעסאַנטע אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַליסטישע פּועלי־ציון איז ענשטאַנען אַרום 1909טן יאָר אין וויטעבסק, וואו איר טעאָרעטיקער איז געווען הירש ז., אַ מענש פון

*) דאָ איז זיך באָראָכאָוו טועה אין דאַטום. דער מינסקער פאַריין פּועלי ציון איז געגרינדעט געוואָרן אין 1897.

אַנדערע מיטגלידער פון ס. ד. קאָמיטעט געדענק איך דעם קריסט פּאָזניאַקאָוו, פאַר זיין אַטעאיזם אויסגעשלאָסן פון גייסטליכער סעמינאַריע, דעם גרוזינער צכאַקאַי און דעם אידן טאַראַטוטאַ. פּאָזניאַקאָוו, אַ בחור פון קאָלאָסאַלער בילדונג, פלעגט מיט מיר צוזאַמען שרעקליך שיכור'ן און היים דיסקוטירן פון קאַרל מאַרקס און ריכאַרד וואַגנאַריום. מיר ביידע, אינגלאַך פון 19 יאָר, האָבען געקענט מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל" אויף אויסווייניג, און מיר האָבן אַגיטירט צווישן אַרבעטער, קריסטליכע און אידישע, פאַרשפּרייטנדיג אומלעגאַלע ביכלאַך.

מיין אַרבעט איז געווען צו לייענען מיט די אַרבעטער קאַפּיטלען פון א. באָגדאַנאָוו'ס פּאָפּולערן בוך „גרונדלאַגן פון עקאָנאָמישער וויסנשאַפט" און פאַרטייטשן עס אין פּראָסטע ווערטער, מיט לעבעדיקע ביישפּילן. איך געדענק שוין ניט, וואָס האָט מיר געמאַכט פאַר אַן אַפּיקורס, און ס'האָט זיך מיר, פון אַ באַגעגעניש מיט אידישע און קריסטליכע אַרבעטער אינאיינעם, אַנטפּלעקט דעם אמת פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. האָט דער קאָמיטעט געפונען, אַז איך האָב אַ שעדליכן איינפלוס אויף די אַרבעטער, איך לערן זיי צו טראַכטן זעלבסטשטענדיג, און מ'האָט מיך אָן שהיות אויסגעשלאָסן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. — שפּעטער מיט יאָרן איז פּאָזניאַקאָוו געוואָרן צוריק אַ גלויביגער קריסטליכער מיסטיקער, אַוועק אין גאַנצן פון סאָציאַליזם, און דער איד טאַראַטוטאַ איז געוואָרן אַ טעראָריסטישער אַנאַרכיסט און געפאַלן אין אַ באַוואָפנטער שלאַכט געגן אַ גאַנצע מחנה קאָזאַקן. וואָס איז געוואָרן פון'ם גרוזינער צכאַקאַי, ווייס איך ניט.

וואָס טוט אַן אויסגעשלאָסענער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער ווערט אַ ציוניסטישער אַפּיקורס? בין איך אַוועק אין אַ גרויסן זעלבסטבילדונג־פאַראיין פון אידישע סטודענטן, און האָב זיי געמאַכט פאַר די ערשטע פּועלי־ציון אין רוסלאַנד. מנחם־מענדל אוסישקין, דער "מורשה" פון יעקאַטערינאָסלאַווער ציוניסטישן ראַיאָן, איז געווען אַ שטאָל־און־אייזערנער איד, ער פלעגט זיך באַרימען, אַז ער וואוינט אויפ'ן ראָג פון דער „אייזערנער" און דער „האַרטנעקיגער" גאַס, זיין הויז איז טאַקע געווען „נאַ אוגלו זשעליעזנאַי אוליצי אי אופּאָרנאַי אוליצי", אַזוי האָבן די גאַסן געהייסן גאָר ניט אין שפּאַס. האָט אוסישקין ערקלערט שטרענג און קאַטעגאָריש: אַזאַ אַפּיקורס וועל איך ניט דערלאָזן! און דר. שמריהו לעווין, דעמאָלט געזעלשאַפטליכער ראַבינער אין יעקאַטערינאָסלאַוו, איז אויך ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט מיין סאָציאַליסטישן אויפטו, נאָר לויט זיין שטענדיגער פיינער און קולטורעלער מאַניר, האָט ער געפּרואווט צו ווירקן מיט גוטן, מיט איבערצייגונג. אַליין געקומען אין דעמזעלביגן אַפּיקורס'ישן זעלבסטבילדונג פאַראיין און האָט דאָרט געהאַלטן אַ סעריע פאָרטראַגן געגן סאָציאַליסטישן ציוניזם.

די יוגנט־וואַרג האָט אָבער ניט געפאָלגט די עלטערע מענטשן, דער פאַראיין האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאַג און זיך אַ נאָמען געגעבן „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַראיין".

אויסערגעוויינליכער דענקער־קראַפט און אויסערגעוויינליך טראַגישן שיקזאַל. זיין תלמיד, ח' חאַשין, איז היינט א באַקאַנטער פאַרטיי טוער. פון וויטעבסק איז דער פועלי־ציוניזם אין 1903-1905 אריינגעדרונגען אינ'ם ראַיאָן פון „בונד" און זיך פאַרשפּרייט איבער ליטא און פוילען.

אין יאָר 1903 האָט זיך די באַוועגונג פאַרבונדן מיט איר גייסטיגן פאָטער דר. נ. סירקין דורך זיין אָרגאַן „דער המון". א יאָר שפּעטער איז אַנטשטאַנען די גרופּע „וואָזראָזשדעניע" מיט איר אינטערעסאַנטן זשורנאַל, וועלכער האָט אָבער שפּעטער אַריינגעטראָגן אין דער פאַרטיי די אומגליקליכע שפּאַלטונג.

האַלטן מיר שוין ביי די שפּאַלטונגען, וועלכע האָבן אין 1904 ביז 1906 יאָר צעריסן די יונגע באַוועגונג אויף שטיקער. די אוגאַנדע־פראַגע האָט דערוועקט טעריטאָריאַליסטישע נייגונגען אין א גרויסן טייל פון די יונגע פאַראיינען, אפילו דער פאָרקעמפער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, דר. סירקין, איז אויף א לענגערער צייט הינגעריסן געוואָרן פון דער טעריטאָריאַליסטישער שטרעמונג. די טעריטאָריאַליסטישע פאַראיינען האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן אין יאַנואַר, 1905, אויף זייער ערשטן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר אין אדעס, וואו זיי האָבן זיך א נאָמען געגעבן „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרביימער־פאַרטיי". אין אויגוסט 1905 הייבט זיך אָן א צווייטע שפּאַלטונג, על פּי איניציאַטיוו פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע", וועלכע האָט באַטאָנט די סיימיסטישע, ד. ה., נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמיסטישע זייטן פון פועלי ציוניזם און אָפּגעוואָרפן ארץ ישראל צוזאַמען מיט דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבייט.

און אויף דער קיעווער קאָנפערענץ פון די פּאַלעסטינישע פועלי ציון, אין יולי, 1905, האָט זיך קאָנסטיטואירט די „אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי פועלי־ציון", וועלכע האָט באַלד נאָך דעם געשיקט צום זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל 47 דעלעגאַטן. באַלד נאָכ'ן קאָנגרעס האָבן זיך די מערסטע דעלעגאַטן צונויפגעקליבן אין ציריך און אויסגעקליבן א צענטראַל־קאָמיטעט; נאָר דאָרט האָט זיך שוין געלאָזט פילן דער סיימיסטישער איינפלוס, און דער „צ. ק." האָט ניט דערבליקט די וועלט. אין דעצעמבער 1905 איז די שפּאַלטונג פאָלשטענדיג דורכגעפירט געוואָרן, אויף דער העכסט־דראַמאַטישער קאָנפערענץ אין בערדיטשעוו, און כמעט גלייכצייטיג זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן צוויי גרינדונגס־צוזאַמענפאָרן: אונזערע אין פּאָלטאַווע און א סיימיסטישער — אין קיעוו.

מיר האַלטן אַלזאָ ביי יענער גרויסער היסטאָרישער געשעהעניש פאַר אונזער באַוועגונג, דעם „אַלרוסישן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבייטער פאַרטיי פועלי־ציון, וועלכער האָט ענדליך געמאַכט א סוף צו אַלע שפּאַלטונגען און וועמעס צען־יאָריגן יובילעי מיר גייען פייערן אַצינד*).

געענפנט האָט ער זיך ערב־פּורים תרס"ו (סוף פעברואַר, 1906) אין פּאָלטאַווע, אין אָנוועזנהייט פון דרייסיג דעלעגאַטן, געהיים אין אן ענגער דושנער שטיבל פון א אידישער בעקעריי אונטער דער שטאָט. זיבן טאָג און זיבן נעכט זיינען מיר געזעסן און געשלאָפן דאָרטן, ניט אַרויסגעגאַנגען פון די פיר ווענט, כדי די צאַרישע פּאָליציי זאָל אונז ניט באַמערקען. די טיפסטע טעאָרעטישע פראַגן און די שווערסטע אָרגאַניזאַציאָנס פּראָבלעמען זיינען גרינדליך, מונטער און מיט ענטוזיאַזם באַהאַנדלט געוואָרן אין אָט די ווייניג־וואָס „קאָמפאָרטאַבעלע" באַדינגונגען, ביז די פּאָליציי האָט אונז פאָרט דערטאַפּט, און מיר האָבן זיך געמוזט בחפזון אַריבערפּעקלען אין א האָטעל אין מיטן שטאָט.

אונזער „ריקצוג" איז פאָרגעקומען „אין פולשטענדיגער אָרדנונג", אַזוי אַז דער

*) אין אַן אַרטיקל „10 יאָר אידישער סאָציאַליזמוס", „וואַרהייט", 5טער דעצעמבער, 1915, דערציילט באָראָכאָוו, אַז די פּאַרטיי האָט דעמאָלט געהאַט 16000 גוטשטייענדע מיטגלידער.

שונא האָט ניט פאַרכאַפּט קיין איינציגן „קריגס־געפאַנגענעם"*) ; און אונזער קליינע ארמיי האָט דריי טעג גאַנץ רואיג פאַרטגעזעצט איר ארבעט אין האָטעל, וועלכן מיר האָבן פאַרכאַפּט מיט געוואַלט, שטרענג אָנזאָגנדיג דעם באַלעבאָס קיין אַנדערע געסט ניט אויפצונעמען. אָבער אויך אין האָטעל האָט מען אונז ענדליך אויסגעשפּירט, און אין די הענט פון שונא זיינען ארייגעפאַלן צוויי קריגס־געפאַנגענע, נאָר אַלע פּראָטאָקאָלן און דאָקומענטן זיינען באַצייטנס געבראַכט געוואָרן אין זיכערהייט.

אָנגעלערנט פון דעם פריערדיגן פּסק, האָבן מיר שוין לכתחילה פאַרענדיגט די וויכטיגסטע אָרגאַניזאַציאָנס־ארבעט, אויסגעקליבן דעם ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט און חוץ דעם אויסגעקליבן א ספּעציעלע טעאָרעטישע קאָמיסיע אויסצוארבעטן דאָס פאַרטיי־פּראָגראַם.

די טעאָרעטישע קאָמיסיע האָט זיך באַלד נאָכ'ן דורכפאַל אויסבאהאַלטן אין א קליין שטעטל פון פּאָלטאַווער גובערניע און, אויסגעשפּירט דאָרט פון די צאַרישע מרגלים, האָט זי זיך אריבערגעפּעקלט קיין סימפעראָפּאָל, ווידער לאָזנדיג אין די לאַפּעס פון דער רעגירונג צוויי געפאַנגענע.

דער רעזולטאַט איז געווען : די טעאָרעטישע קרעפּטיגונג פון דער פאַרטיי. איינער פון די באשלוסן פון צוזאַמענפאָר איז געווען : צו גרינדן דעם אַלוועלטליכן פאַרבאַנד פועלי־ציון.

* * *

די רוסישע פועלי־ציון האָבן אין לויף פון די צען יאָר געשפּילט א גרויסע ראָל אין דער אלוועלטליכער פועלי־ציון־באַוועגונג. אונזער פאַרטיי אין ארץ־ישראל איז געוויסערמאסן א פּראָדוקט פון דער רוסישער פאַרטיי. אין איר גרינדונג און אָנפירונג האָבן אנטייל־גענומען דיזעלביגע חברים, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אויך די באַוועגונג אין רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט סיסטעמאַטיש געגעבן רעדאקטאָרן פאַר אלע פאַרטיי־צייטשריפטן אין עסטרייך, אַמעריקע, ענגלאנד, ארץ־ישראל און ארגענטינא. רוסלאַנד איז א לאַנגע צייט געווען יענער הויך־אוויון, אין וועלכן ס'האָט זיך אויסגעשמאָלצן, קריסטאַליזירט און אויסגעשמידט דער פועלי־ציוניסטישער געדאַנק פאר גאָר דער וועלט.

די אָפּגעשפּאָלטענע טיילן, די ס.־ס. און די סיימיסטן, וואָס האָבן אין אָנהייב ווייט איבערגעשטיגן די פועלי־ציון סיי אין אויסערליכן גלאַנץ, סיי אין אינטעליגענטע כחות, זיינען אין גיכן אונטערגעגאנגען און פארלאָרן יעדן איינפלוס אויף דער אידישער גאס, ווייל אלעם לעבנספייאיגע פון זייערע פּראָגראמען איז סיי ווי אנטהאַלטן אין דעם פּראָגראם פון די פועלי־ציון. די לעצטע האַלטן אין איין וואַקסן, אין צאָל, און נאָך מער אין אַיינפלוס, און ניט ווייט איז דער טאָג, ווען די פועלי־ציון וועלן איבערנעמען די פירערשאפט איבער'ן גאנצן אידישן ארבעטער־קלאַס.

דאָס איז די גרויסע היסטאָרישע פרוכט פון יענער קליינער באהאַלטענער אסיפה אין דער שטויביגער, הייסער בעקעריי, אונטער שטענדיגער סכנה פון אַ פּאָליציי־אָנפאַל.

צום שלום לאָמיר אויסרעכענען די דעלעגאטן פון יענעם אונפארגעסליכן און דראַמאַטישן צוזאמענפאָר :

פונ'ם אָרגאַניזאַציאָנס־ביוראָ : 1) נחמיה, היינט באַקאַנט אונטער זיין אייגענעם נאָמען ב. באָראָכאָוו ; 2) עובדיה, היינט באקאנט, אלס י. בן־צבי (אבנר).

---

*) אין דער „וואַרהייט" פונ'ם 13טן מערץ, 1616, דערציילט באָראָכאָוו : „נאָך עד־היום ליגן זיבן פונט אונזערע דינאַמיט באַגראָבן אין יענעם הויף פון דער בעקעריי, וואו מיר זיינען אָפּגעזעסן די ערשטע זיבן טעג. וויטערע צוואנציג פונט מיט זיבן פארטיגע באָמבעס האָט מען געפונען שפּעטער, בעת מ'האָט ארעסטירט די חברים ב. צ., ר. און מיך. דאָס האָט דער פּאָלטאַוואַער קאָמיטעט געהאַלטן ביי זיך על כל צרה שלא תבוא, אויפ'ן פאַל פון א פּאָגראָם אָדער פון אן אויפשטאַנד."

פונ׳ם פּאָלטאַווער ראַיאָן: 3) אַברהם־לייזער פון פּרילוק, איצט דער פּאַרטיי־חבר אַראָנאָוו אין ניו יאָרק*); 4) אַדאָלף, דעלעגאַט פון גאַדיאַטש, אַ פּאַרטיי־ליטעראַט אונטער׳ן פּסעוודאָנים „אַראָנאָוו"; היינט וועגן אים קיינע ידיעות; 5) אריה מ., דעלעגאַט פון קאָבעליאַקי, דערנאָך רעדאַקציאָנס מיטגליד פונ׳ם ערשטן פּאַרטיי־אָרגאַן, היינט אַ לערער אין ארץ־ישראל; 6) באָריס ראַבטשינסקי, פון קרעמענטשוג, דערנאָך רעדאַקציאָנס־מיטגליד פון דעם ערשטן פּאַרטיי־אָרגאַן, שטייט איצט נאָענט צו דער פּאַרטיי; 7) דניאל אסאַרבאַן, פון פּאָלטאַווע, היינט פון אים קיינע ידיעות; 8) זרובבל פון פּאָלטאַווע, אַ סטאָליאַר־אַרבעטער, היינט דער באַקאַנטער שריפטשטעלער און פּאַרטיי־פירער; 9) עמנואל פון קאָנסטאַנטינאָגראַד, היינט פון אים קיינע ידיעות; 10) פ., פון מירגאָראָד, היינט קיינע ידיעות; 11) שמואל „נעגער", פון פּאָלטאַווע, היינט אַ פּאַרטיי־חבר.

פון כאַרקאָווער ראַיאָן: 12) נתן, היינט קיינע ידיעות.

פון קיעוו־וואָלינער ראַיאָן: 13) חברה גאָלדע, היינט באַקאַנטע שריפטשטעלערין און פּאַרטיי פירערין ר. ינאית (רחל גאָלדין); 14) ניסן לוריע, מיטגליד פון ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט, שטייט היינט נאָענט צו דער פּאַרטיי; 15) פּאַוועל פּאַלעסטינער טראַצעלסקי, היינט אַ פּאַרטיי־טוער אין רוסלאַנד — אַלע דריי געשיקט פון ראַיאָנס־קאָמיטעט, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט קיעוו, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, שפּאָלאַ, טשערקאַסי, וויניצאַ, קאַמענעץ־ און מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, פּאָלאָניע און אַנדערע שטעט.

פון דרום־מערב׳דיגן ראַיאָן: 16) ברוך טשיזיק, דעלעגאַט פון סאָראָקי, בעסאַראַביער גובערניע, אַ לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבעטער, אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פון אַן אַרבעטער־טעאָרעטיקער, היינט אַ קאָלאָניסט אין כנרת (ארץ־ישראל); 17 גרשון פ., פון אָדעס, אַ שוסטער־אַרבעטער, אויך אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פון אַן אַרבעטער־אַגיטאַטאָר, היינט קיינע ידיעות פון אים; 18) משה ג., וועמעס ברודער, אויך אַ פּועלי־ציון, איז פאַר זיינע אויגן דער׳הרג׳עט געוואָרן אין סאַמאָאָבאָראָנע, היינט קיינע ידיעות.

פון קרימער ראַיאָן (סימפעראָפּאָל, סעוואַסטאָפּאָל, מעליטאָפּעל, פעאָדאָסיאַ, קערטש, יעווּפּאַטאָריאַ און אַנד.): 19) פעליקס מענטשיקאָווסקי, דעלעגאַט פון ראַיאָנס־קאָמיטעט, געוועזן אַ מיטגליד פון ערשטען צענטראַל־קאָמיטעט, און שפּעטער אַ קורצע צייט פּריוואַט־דאָצענט פון נאַטור־וויסנשאַפטן אין אַ רוסישער אוניווערסיטעט, דערנאָך אַנטזאַגט פון דער שטעלע, אַלס איד, היינט אַ פּאַרטיי־מיטגליד אין רוסלאַנד**).

פון צפון־מערב׳דיגן ראַיאָן: 20 ברוכסאָן, פון וויטעבסק, היינט באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען אַלכסנדר חשין; 21) יאָסל ברזל, פון באָריסאָוו, מינסקער גוב., צעפעליג אַרעסטירט געוואָרן פאַר דעם צוזאַמענפאָר, היינט אַ פּאַרטיי־חבר אין רוסלאַנד; 22) מאַטעס ג., דעלעגאַט פון דווינסק, אין גיכען אַוועק פון דער פּאַרטיי צו די אַלגעמיינע ציוניסטן; 23) עקיבא ק., דעלעגאַט פון אָרשע און קאָפּיס, אַ מיטגליד פון ערשטען צענטראַל קאָמיטעט, היינט אַ פּאַרטיי־פירער אין רוסלאַנד; 24) דעלעגאַט יצחק זאַר, פון מינסק, צופעליג פאַרשפּעטיגט צום צוזאַמענפאָר.

פון ליטווישן ראַיאָן: 25) יעקב יאַנאָווסקי, פון ביאַליסטאָק, דערטונקען געוואָרן אין 1907 יאָר, אַנטלויפנדיג פון מיליטער־דינסט, געוועזן איינער פון די טעטיגסטע חברים, אָרגאַניזירט אַ סאַמאָאָבאָראָנע בעת׳ן פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק; 26 לייב הייט, פון ווילנע, היינט אַ פּאַרטיי־חבר אין רוסלאַנד***); 27) רפאל ק., פון קאָוונאָ, היינט נאָענט צו דער פּאַרטיי.

פון פּוילישן פאַרבאַנד (אַן אויטאָנאָמישער טייל פון דער פּאַרטיי): פון

---

*) געשטאָרבן 1927. — רעד.

**) איצט אין ארץ־ישראל.

***) געשטאָרבן מיט עטליכע יאָר צוריק אין ווילנע.

ווארשעווער ראַיאָן: 28) שמעון „פויגעלע”, היינט נאָענט צו דער פּאַרטיי; פון לאָדזער ראַיאָן: 29) מוליע (פּנחס איידעלמאַן), היינט א פּאַרטיי־פירער אין פּוילען; 30) שלמה שולמאַן, היינט אַ פּאַרטיי־חבר אין פּוילן.

ס'זיינען, שיינט מיר, געווען נאָך איניגע דעלעגאַטן, נאָר איך געדענק ניט קיין פּרטים פון זיי. — פון אלע אויסגערעכנטע 30 דעלעגאַטן האָבן מיר היינט ידיעות בלויז וועגן 21 חברים: איינער איז אוועק פון דער פּאַרטיי, 1 געשטאָרבן, און 19 זיינען נאָך היינט פּאַרטיי־חברים, פון וועלכע א העלפט פאַרנעמט א וויכטיגע שטעלונג אין דער באַוועגונג. א נייער באַוויז, אַז די פאַרשיידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע קריזיסן האָבן שוואַכער באַריהרט אונזער פּאַרטיי, איידער די איבעריגע אידישע ארבעטער־פּאַרטייען; אַן איבעריגער באַוויז פון דער פעסטקייט פון אונזערע אידייען, פון זייער לעבנס־פיאיקייט...

(„די קעמפּפער שטימע”, ניו־יאָרק, נומער 31, פעברואַר 1916).

רוסלאַנד

די תקנות פונ'ם פאַראיין „פּועלי־ציון” אין מינסק.

1. צוועק פון פאַראיין.

דער צוועק פון פאַראיין באַשטייט אין פאָלגענדעם:

א) מיטצואווירקן דער ציוניסטישער אידעע, ווי זי איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דער באַזעלער פּראָגראַמע. (דאָ ווערט איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט דאָס באַזעלער פּראָגראַם).

ב) שטאַרקן דעם אידישן נאַציאָנאַל־געפיל ביי די אידישע אַרבעטער.

ג) אויפהייבן דעם גייסטיגן צושטאַנד און פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער.

2. די טעטיקייט פון פאַראיין.

די טעטיקייט פון פאַראיין דריקט זיך אויס אין פאָלגענדעס:

א) ער פאַרקויפט שקלים, פאַרברייטערט די אַקציעס פון אידישן קאָלאָניאַל־באַנק און קלייבט געלט אויף דעם „נאַציאָנאַל־פאָנד”.

ב) ער אַגיטירט פאַר דעם ציוניזמוס אין אַלגעמיין און איבערהויפּט צווישן אַרבעטער.

ג) ער פאַרברייטערט צווישן די מיטגלידער בילדונג, מאַכט זיי באַקאַנט מיט דער אידישער שפּראַך, געשיכטע ליטעראַטור און לעבן און פאַרשאַפט זיי ביכער צום לעזן, (צום לעצטן צוועק האָט דער פאַראיין אַן אייגענע ביבליאָטעק).

ד) ער אונטערשטיצט זיינע מיטגלידער, ווען זיי געפינען זיך אין נויט. דערצו האָט דער פאַראיין אַ גמילות חסד, פון וועלכן עס ווערן אַרויסגעגעבן הלואות און אַ נויט־פאָנד, פון וועלכן עס ווערן אַרויסגעגעבן אונטערשטיצונגען.

ה) ער נעמט נאָך זיינע קרעפטן נאָך אַן אנטייל אין יעדער אַרבעט, וואָס איז נוצליך דעם ציוניזמוס און דער אידישער מאַסע.

ו) ער גייט אַריין אין דער פאַראייניגטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן פון די אַרבעטער און טראָגט אַלע חובות וואָס דיזע לייגט אויף די פאַראיינען.

3. די מיטגלידער, זייערע חובות און רעכטע.

א) מיטגלידער פון פּועלי־ציון קענען זיין נאָר אַרבעטער, סיי זיי אַרבעטן ביי פרעמדע סיי ביי אייגענע עלטערן, דאָס גלייכן זעלבסטשטענדיגע אַרבעטער, וועלכע עס האַלטן ניט קיין געדונגענע אַרבעטער.

ב) ניט־אַרבעטער קענען נאָר דאַן געהערן צום פאַראיין, ווען זיי ברענגען אים נוצן מיט זייער טעטיקייט.

(אין דעם פּאַראַגראַף ווערן נאָך אויסגערעכנט די חובות פון די מיטגלידער, צווישן אַנדערע ווערט יעדער מיטגליד פאַרפליכטעט, „צו פאַרשרייבן זיך וווּניגסטנס אויף 1 אַקציע פון קאָלאָניאַל־באַנק” און „צו זאָרגן פאַר זיין אידישע און מענטשליכע אַנטוויקלונג, לעזן ביכער און סטאַרען זיך באַקאַנט צו ווערן מיט דער אידישער געשיכטע, ליטעראַטור און לעבן. די, וועמען די צייט ערלויבט, דאַרפן זען, ווי ווייט מעגליך איז, צו לערנען די העברעאישע שפּראַך”. אין די ווייטערע פּאַראַגראַפן ווערן גענוי רעגולירט די אָרגאַניזאַטאָרישע ענינים).

ערשטער צוזאַמענפאָר פון די ציוניסטישע אַרבעטער פאַראײנען.

באַשלוסן און רעזאָלוציאָנען פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון ציוניסטישע אַרבעטער פאַראײנען.

באַשלוסן און רעזאָלוציאָנען, כ״א כסלו תרפ״ב, 19טן נאָיאבר, 1901*).

אײדער מיר װעלן איבערגעבן די באַשלוסן און רעזאָלוציאָנען, װעלכע דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען, ערלויבן מיר זיך פאָלגנדע אָנמערקונגען צו מאַכן:

א) די באַשלוסן און רעזאָלוציאָנען האָבן מיר זיך געסטאַרעט איבערצוגעבן ריכטיג װי זײ זײנען פאָרמולירט געװאָרן אויפ'ן צוזאַמענפאָר. אין אײנצעלנע פאַלן האָבן מיר זיך ערלויבט קלײנע רײן סטיליסטישע, אַלזאָ נאָר אויסערליכע פאַרענדערונגען, װײל אויפ'ן צוזאַמענפאָר האָט מען אַלעס אויסגעדריקט אײלענדיג און דערום האָט מען ניט געקאָנט זאָרגן דערפאַר אַז עס זאָל זײן אויסגעדריקט דײטליך און קלאָר. דעם זין פון די באַשלוסן און די רעזאָלוציאָנען האָבן מיר, נאָך אונזער איבערצײגונג, איבערגעגעבן אַבסאָלוט ריכטיג.

ב) דאָ װאו די באַגרינדונג ד. ה. די ערקלערונג, פאַרװאָס מען האָט אָנגענומען אַזאַ באַשלוס אָדער רעזאָלוציאָן, איז געבראַכט געװאָרן צוזאַמען מיט דעם באַשלוס, הײסט עס, אַז די באַגרינדונג איז פאָרמולירט געװאָרן פון צוזאַמענפאָר. דאָ אָבער, װאו די באַגרינדונג איז געבראַכט געװאָרן באַזונדער, איז זי פון צוזאַמענפאָר ניט פאָרמולירט געװאָרן. דער צוזאַמענפאָר האָט נאָר אָנגענומען אַ באַשלוס אָדער אַ רעזאָלוציאָן און ניט ערקלערט דעם טעם. אין אַזעלכע פאַלן האָבן מיר די באַגרינדונג געמוזט אַזױ אויפשטעלן װי עס האָט זיך אַרויסגעװיזן פון די דעבאַטן, װאָס זײנען פאָרגעקומען בעת מען האָט די פראַגע באַהאַנדלט. אין דיזער באַגרינדונג מוז אַביסל אַרויסטרעטן דער פערזענליכער אײנדרוק, װעלכן מיר האָבן אַרויסגעטראָגן פון די פאַרהאַנדלונגען.

איצט װילן מיר די באַדײטונג פון אַ באַשלוס און אַ רעזאָלוציאָן ערקלערן. אַ באַשלוס האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אין די פאַלן, װען ער האָט אַ געװיסע טעטיקײט ניט נאָר געפונען פאַר נױטיג און נוצליך, נאָר ער האָט נאָך געפונען אַז מיר זײנען איצט שוין, בײ אונזער איצטיגן צושטאַנד בכח דאָס צו דערװײזן. דאָ װאו דער צוזאַמענפאָר האָט דערין געצװײפלט, האָט ער קײן באַשלוס ניט אָנגענומען. אַלע באַשלוסן זײנען אַלזאָ אַ חוב, װאָס מוז ערפילט װערן, װען די געשאַפענע פאַרײניגונג פון די ציוניסטישע אַרבעטער-פאַרײנען זאָל האָבן אַ קיום. קײנער האָט ניט דאָס רעכט אַנטזאָגן זיך פון ערפילן די אַרויפגעלײגטע חובות, װען ער איז נאָר צוגעשטאַנען צו דער פאַרײניגונג. אונזער פאַרײניגונג קאָן נאָר דאַן האָבן אַ װערט, װען מיר האָבן דערמיט געשאַפן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע מיט אַ שטענדיגער דיסציפּלין. װען אײניגע פון אונזערע באַשלוסן זאָלן בלײבן נאָר אויפ'ן פּאַפּיר, דאַן האָט אונזער גאַנצע אַרבעט קײן שום װערט, דאַן זײנען מיר ניט בעסער פון אַלע די יעניגע װאָס מען רופט זײ נאה דורשים און ניט נאה מקיימים. דאָס מוז זיך יעדער פאַרײן און יעדער אײנצעלנער מיטגליד קלאָר מאַכן און שטענדיג געדײנקען. די באַשלוסן קאָנען אײנגעטײלט װערן אין דרײערלײ קאַטעגאָריען: א) אַזעלכע, װאָס לײגן אַרויף אַ חוב אויף דער פאַרײניגטער אָרגאַניזאַציע, ד. ה., אויף דעם צענטראַל-קאָמיטעט, װאָס דאַרף אויסגעקליבן װערן. דאָס איז אַזעלכע אַרבעט, װאָס קײן אײנצעלנער פאַרײן קאָן זי מיט זײנע קרעפטן אַלײן ניט אויספירן, און נאָר די גאַנצע פאַרײניגטע אָרגאַניזאַציאָן קאָן דאָס דערװײזן. די פאַראַנטװאָרטונג פאַר דעם ערפילן פון אַזעלכע חובות ליגט אויף דעם צענטראַל-קאָמיטעט, װעלכער איז מחויב אָפּגעבן װעגן דעם רעכנשאַפט פאַר דעם קומענדן צוזאַמענפאָר. דערמיט איז נאַטירליך ניט געזאָגט, אַז אײנצלנע פאַרײנען אָדער מיטגלידער האָבן ניט דאָס רעכט, דער צענטראַל-קאָמיטעט אָן זײנע חובות דערמאָנען. ב) אַזעלכע, װאָס לײגן אַרויף אַ חוב אויף יעדער אײנצעלנעם פאַרײן, װאָס איז צוגעשטאַנען צו דער אָרגאַניזאַציאָן. דער צענטראַל-קאָמיטעט איז מחויב צו קאָנטראָלירן די פאַרײנען, אויב זײ ערפילן דיזע חובות, און די פאַרײנען זײנען מחויב װעגן דעם אָפּגעבן רעכנשאַפט פאַר דעם צענטראַל-קאָמיטעט, אַזױ

---

*) אָפּגעהאַלטן געװאָרן אין מינסק (רעד.).

ווי אויך פאַר דעם קומענדן צוזאַמענפאָר. ג) אַזעלכע, וואָס ליגן אַרויף אַ חוב אויף יעדער איינצעלנעם מיטגליד פון אַ פאַריין, וואָס געהערט צו דער אָרגאַניזאַציאָן. ניט דער צענטראַל־קאָמיטעט, ניט דער קומענדער צוזאַמענפאָר קאָן אויף זיך נעמען קאָנטראָלירן איינצלנע מיטגלידער, צי זיי ערפילן זייערע חובות. דאָס קאָן נאָר טאָן יעדער פאַריין אַליין, וועלכער איז מחויב צו זען, אַז זיינע מיטגלידער זאָלן ערפילן זייערע חובות. דער צענטראַל־קאָמיטעט אָדער דער קומענדער צוזאַמענפאָר קאָנען זיך נאָר דאַן אריינמישן אין אַזעלכע זאַכן, ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון א פאריין ערפילן ניט זייערע חובות. דאַן איז אין דעם שולדיק דער גאַנצער פאַריין, פון וועלכן מ׳קאָן פאָדערן רעכנשאַפט.

די באַדייטונג פון אַ רעזאָלוציאָן איז עטוואָס אַנדערש. רעזאָלוציאָנען קענען איינגעטיילט ווערן אין צווייערליי קאַטעגאָריעס: א) אַזעלכע, וועלכע דריקן נאָר אויס די מיינונג פון דער פאַרזאַמלונג וועגן אַ באַשטימטער פראַגע. מיט אַזאַ רעזאָלוציאָן ערקלערן מיר דער וועלט, ווי מיר קוקן אויף געוויסע זאכן. אַזאַ רעזאָלוציאָן האָט הויפּטזעכליך אַ טעאָרעטישע באַדייטונג. א מיינונג קאָן נאָר זיין ריכטיג אָדער פאַלש. ווען דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעשפּראָכן אַ געוויסע מיינונג, האַלט ער זי געוויינטליך פאַר ריכטיג, און דאָ קאָן גאָר קיין שאלה ניט זיין צי דאָס איז אַ חיוב אָדער ניט. און דאָך האָבן אַזעלכע רעזאָלוציאָנען אַ גרויסע פראַקטישע באַדייטונג. מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז פון יעדער טעאָרעטישער מיינונג קאָן מען מאַכן אַ פראַקטישן שלוס, צום ביישפּיל, ווען מיר זאָגן אַרויס אַ מיינונג, אַז די און די טעטיגקייט איז שעדליך, איז פון דאַנען געדרונגען, אַז מיר דאַרפן זען אויסמיידן אַזאַ סאָרט טעטיגקייט און ווי ווייט מיר קאָנען אַרויסטרעטן געגן איר. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך ניט געקאָנט פאַרנעמען דערמיט אויסצורעכענען אַלע פראַקטישע שלוסן, וועלכע עס גייען אַרויס פון די אויסגעשפּראָכענע מיינונגען. יעדערער פאַר זיך מוז אָבער די זאַך באַקלערען און זען אַז אין זיין פראַקטישער טעטיגקייט זאָל ניט זיין קיין סתירה צו די מיינונגען פון דער אָרגאַניזאַציע. ב) אַזעלכע רעזאָלוציאָנען, וועלכע דריקן אויס אַ וואונש און ווייזן אָן דעם צענטראל קאָמיטעט, די איינצלנע פאַריינען אָדער איינצלנע מיטגלידער אויף אַ באַשטימטע טעטיגקייט אָדער טאַקטיק. דיזע רעזאָלוציאָנען האָבן אייגנטליך אַ ריין פראַקטישע באַדייטונג. זיי אונטערשיידן זיך פון די באַשלוסן נאָר מיט דעם וואָס זיי זיינען ניט קיין חוב. וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט דאָס ניט געמאַכט פאַר אַ חוב, איז מחמת פאַרשידענע טעמים. אָדער ער האָט זיך געהאַלטן אין דער פראַגע ניט אַזוי שטאַרק קאָמפּעטענט און האָט געקלערט, אַז עס קען זיין, אַז דאָס זאָל ניט אומעטום פּאַסן. אָדער ער האָט געצווייפלט דערין, צי מיר האָבן שוין די קרעפטן, אויף דורכפירן דאָס. ווי באַלד דאָס איז ניט קיין חוב קאָן נאַטירליך יעדערער, וועמען דאָס איז נוגע געפינען, אַז דאָס לוינט ניט פאַר אים אָדער ער קאָן דאָס ניט דערווייזן און אַזוי ווייטער. איין זאַך איז אָבער יאָ אַ חוב. די פראַגן מוזן באַהאַנדלט ווערן, די זאַך מוז גוט באַטראַכט ווערן. ווען דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציאָן, טאָר קיינער ניט אַוועקמאַכן דאָס מיט׳ן האַנט און גאָר ניט אַ קלער טאָן וועגן דעם. פאַרקערט יעדערער איז מחויב מיט דער פראַגע זיך צו אינטערעסירן און זען צי דאָס פּאַסט צי ניט, צי מ׳קאָן דאָס דערווייזן צי ניט. איצט גייען מיר איבער צו די באַשלוסן און רעזאָלוציאָנען.

ערשטער טייל: אַגיטאַציאָן, ליטעראַטור און אָרגאַניזאַציאָן.

פון אַלע דעבאַטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מינדליכע אַגיטאַציאָן איז צו שוואַך, צו שאַפן אַ גרויסע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז די פאַראַנענע ליטעראַטור קאָן ניט ענטפערן אויף די פראַגן, וועלכע די אַרבעטער שטעלן דעם ציוניזמוס. עס מוז געשאַפן ווערן אַ נייע ליטעראַטור. דערצו זיינען אָבער נויטיג די קרעפטן פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָן, דאַרום זיינען די דריי פונקטען: אַגיטאַציאָן, ליטעראַטור און אָרגאַניזאַציאָן באַהאַנדלט געוואָרן צוזאַמען. ס׳זיינען אָנגענומען געוואָרן פאָלגענדע באַשלוסן און רעזאָלוציאָנען:

1) באַשלוסן:

א) יעדער פאַריין קלייבט אויס פון זיך פאַרטרעטער, און די פאַרטרעטער פון אַלע פאַריינען בילדן צוזאַמען דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניגונג ציוניסטישער אַרבעטער פאַריינען.

ב) דער צענטראַל־קאָמיטעט קלייבט אויס

פון זיך איין פאָרשטייער. דיזער קלייבט אַליין אויס פאַר זיך אין זיין שטאָט 2 העלפער. דער פאָרשטייער מיט זיינע 2 העלפער בילדן דאָס ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט, דורך וועלכן עס פאַרבינדן זיך אַלע פאַריינען פון דער פאַראייניגונג.

אָנמערקונג. ווען אין צענטראַל קאָמיטעט ווערט אַ פראַגע אָפּגעשטימט, ווערן זעלבסטפאַרשטענדליך די שטימען פון דעם פאָרשטייערס צוויי העלפער ניט גערעכנט.

ג) דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פאָל־גענדע חובות און רעכטע: 1) ער פירט דורך אַלע באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר, וואָס געהערן צו דער ערשטער קאַטעגאָריע. 2) ער קאָנטראָ־לירט די איינצלנע פאַראיינען, צי זיי ערפילן זייערע חובות צום ציוניזם בכלל און צו דער פאַראייניגונג בפרט און צי זייער טעטיג־קייט פירט זיך נאָך דעם גייסט פון דעם פאַריין. 3) ער פאָדערט און באַקומט פון יעדער פאַריין אַ פאַרצייכניש פון די פּעאיג־סטע און ענטוויקלסטע מיטגלידער, וועלכע ער שיקט, ווען ער געפינט פאַר נויטיג, אין אַנדערע שטעט אַגיטירן דעם ציוניזמוס צווישן די אַרבעטער. 4) ער טראָגט אַריין פאָרשלאַגן, וועלכע מוזן באַהאַנדלט ווערן אין יעדער פאַריין.

ערקלערונג. פון דער באַשטימונג זעט מען אַז דער צ. ק. האָט ניט דאָס רעכט אַרויפלייגן נייע חובות אויף די פאַריינען. ער האָט אָבער די רעכט, פאָרלייגן עס די פאַריינען, וועלכע טאָרן ניט איבערגיין שווייגנדיג איבער אַזאַ פאָרשלאַג; זיי מוזן אים באַטראַכטן, דעבאַטירן וועגן דעם און דאָס ערשט אָננעמען אָדער ניט.

5) ער רופט צונויף וויטערדיגע צוזאַ־מענפאָרן.

ערקלערונג. די באַשטימונג מוז אין דעם זין פאַרשטאַנען ווערן, אַז אַלעס, וואָס געהערט צום נייטערדיגן צוזאַמענפאָר (ניט צו אַלע צוזאַמענפאָרן בכלל) באַזאָרגט דער צ. ק.: ער אַרבעט אויס אַ פּראָגראַם (וועלכער קאָן זעלבסטפאַרשטענדליך אויף דעם צוזאַמענפאָר געענדערט ווערן), באַ־שטימט דעם אָרט, די צייט און אויך דאָס וואַל־סיסטעם. די רעכט און די פליכטן פון צ. ק., קאָנען ניט אָפּגעטיילט ווערן איינע פון די אַנדערע. אַלעס וואָס דער צ. ק. האָט רעכט צו טאָן, איז ער גלייכצייטיג מחויב צו טאָן, ווען די זאַך פאָדערט עס.

6) ער נעמט אַריין נייע פאַריינען אין דער פאַראייניגונג.

ערקלערונג. ווען אַ פאַריין וויל צושטיין צו דער פאַראייניגונג ציוניסטישער אַרבעטער־פאַריינען ווענדעט ער זיך צום צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער ערקונדיגט זיך, צי דאָס איז ווירקליך אַ ציוניסטיש־דעמאָק־ראַטישער אַרבעטער־פאַריין, און באַשטימט דאַן צי אַריינגעמען אים צי ניט. אַזוי ווי די העכסטע אינסטאַנציע איז דער צוזאַמענ־פאָר, פאַרשטייט זיך, אַז אַ פאַריין, וועלכן דער צענטראַל קאָמטעט האָט ענטזאַגט, קאָן זיך דאַן ווענדן צום נעקסטן צוזאַמענפאָר.

7) ער קלייבט אויס 3 מענטשן, וואָס וואוינען אין איין שטאָט, וועלכע בילדן דאָס רעדאַקציאָנס־ביוראָ, וואָס דאַרף זאָרגן פאַר שאַפן פון ליטעראַטור.

ערקלערונג. מען דאַרף ניט פאַר־בייטן דאָס רעדאַקציאָנס־ביוראָ מיט דעם ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט. נאָך דער באַ־שטימונג פון דער רעדאַקציאָנס־ביוראָ קאָנען אין אים אויסגעקליבן ווערן מענטשן ניט נאָר וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט צום צענטראַל קאָמיטעט, נאָר אַפילו וואָס געהערן ניט צו אַן אַרבעטער פאַריין.

ד) דאָס רעדאַקציאָנס־ביוראָ האָט אויף זיך פאָלגענדע פליכטן און רעכטע: 1) ער גיט אַרויס אַ צייטשריפט, וועלכע דריקט אויס די מיינונגען און די ריכטונג פון דער פאַראייניגונג.

ערקלערונג. דער אונטערשייד צווישן אַ צייטשריפט און אַזעלכע צירקולאַר־נע־בריוו, ווי צום ביישפּיל, די בריוו פון פּאָסט־ביוראָ, באַשטייט אין 2 זאַכן 1) אין די בריוו ווערט דאָס גאַנצע מאַטעריאַל (אַלע ידיעות פון די פאַרשידענע שטעט) צוזאַמען אויסגעאַרבעט פון איין מענטשן (אָדער פון איניגע) וועלכער טראָגט אַריין אין דעריגען זיין פערזענליכן גייסט, אין אַ צייטשריפט דאַגעגן ווערן אַלע נאַכריכטן און אַרטיקלען, וואָס גייען אַריין איבערגעגעבן ככתבם ובלשונם, וואָרט אין וואָרט, און דערום קאָנען דאָרט פאָרקומען זעלבסשטענדיגע מיינונגען פון פאַרשידענע שרייבער. 2) די בריוו נעמען אויף נאָר אַזעלכע נאַכריכטן, וואָס קומען אָן אין דעם נאָמען פון פאַריין; דורכשרייבן

זיך מיט'ן פּאָסט־ביוראָ האָבן געקענט נאָר די פאַריינען, ניט איינצעלנע פּריוואַט־פּערזאָנען, יעדער בריוו וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פּאָסט ביוראָ, האָט געמוזט האָבן די הסכמה פון פאַריין און דעריבער איז דאָס צוגעגאַנגען שווער, אין אַ צייט־שריפט וועט קאָנען נעמען אַן אַנטייל יעדערער, ווער עס וועט נאָר וועלן און קענען שרייבן, און דארום רעכענען מיר אַז דאָס וועט צוגיין פיל לייכטער.

2) ער ווענדעט זיך דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט צו אַלע אינטעליגענטע קרעפטן, וועלכע קאָנען ליטעראַריש באַאַרבעטן פאַרשידענע פראַגן, וואָס אינטערעסירן אונז אַלס ציוניסטן און אַרבעטער. 3) ער ווענדעט זיך דורך דעם צ. ק. צום אַקציאָנס־קאָמיטעט אָדער צו איינצעלנע מיטגלידער פון אים, וועגן מיטלען אויף אַרויסגעבן ליטעראַרישע ווערק וועלכע ער געפינט פאַר נוצליך.

ע ר ק ל ע ר ו נ ג . אונזערע מיטלען זיינען צו קליין מיר זאָלן זיך אָננעמען אַליין אַרויסגעבן גאַנצע ליטעראַרישע ווערק, מיר מוזן זיך ווענדן דעם ווענדן צו דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז ניט ווייניגער פאַר אונז פאַראינטערעסירט דערין צוציהען די אַרבעטער צום ציוניזם. דער עיקר מיר זאָלן נאָר האָבן גוטע ווערק. די מיטלען וועט אונז האָפנטליך דער אַק.־ק. אָדער דער קאָנגרעס אַסיגנירן.

4) ער לאָזט אַרויס אויפרופן און ער טיילט איינצעלנע פאַריינען די ערלויבניש אַרויסלאָזן אויפרופן, ווי ווייטער ווערט ערקלערט.

ה) די צייטשריפט באַהאַנדלט אַלע וויכטיגע פראַגן פון ציוניזם, אַזוי ווי איבערהויפּט אַלע וויכטיגע פראַגן פון אידישן לעבן פון שטאַנדפּונקט דער פאַריינ־יגונג, נעמט אויף אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן וועגן אַלעם וואָס איז נוגע דעם ציוניזם און די אידישע אַרבעטער, ווייזט אָן אַלע פראַגן, וואָס דאַרפן ליטעראַריש באַאַרבעט ווערן אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער ציוניסטן.

ו) אַן אַרטיקל אָדער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס קומט אָן אין דעם נאָמען פון אַ גאַנצן פאַריין, וואָס געהערט צו דער פאַראייניגונג, מוז אויפגענומען ווערן.

ע ר ק ל ע ר ו נ ג . איידער די רעדאַקציאָנס ביוראָ נעמט אויף אַן אַרטיקעל אָדער קאָרעספּאָנדענץ געגן איר ווילן, האָט זי זעלבסטפאַרשטענדליך דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן, צי דאָס גייט ווירקליך אַרויס פון אַ גאַנצן פאַריין און ניט פון איינצעלנע פערזאָנען. אויך ערקלערן דעם פאַריין, פאַר וואָס זי געפינט פאַר ניט גוט אויפצונעמען די צושריפט.

ז) יעדער מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט באַקומט איין עקזעמפּלאַר פון דער צייטשריפט און פאַרברייטעט זי (זעלבסטפאַרשטענדליך אָן שום פאַרענדערונג) אין זיין שטאָט, די ריינע הכנסה דערפון מוז אָפּגעשיקט ווערן דער קאַסע פון צענטראַל קאָמיטעט.

ח) יעדער מיטגליד פון צ. ק. איז מחויב אויפצונעמען אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן און צושטעלן זיי צום רעדאַקציאָנס־ביוראָ.

ט) יעדער פאַריין האָט דאָס רעכט אין זיין שטאָט אַרויסלאָזן אויפרופן, אָבער נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן אַן אָרטליכן און דערצו ניט קיין פּאָלעמישן כאַראַקטער.

י) ווייניגסטנס 1 עקזעמפּלאַר פון יעדן אַרויסגעלאָזענעם אויפרוף מוז צוגעשטעלט ווערן דער רעדאַקציאָנס־ביוראָ.

כ) אַן אויפרוף, וועלכן עס גיט אַרויס ניט די רעדאַקציאָנס־ביוראָ מוז פריער פאָרגעלייגט ווערן צו אַ מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט, וועלכער האָט דאָס רעכט אַרויפלייגן אויף דעם זיין „וועטאָ“, ד. ה. ניט לאָזן אַרויסגעבן דעם אויפרוף אָן אַן ערלויבניש פון דער רעדאַקציאָנס־ביוראָ.

ל) אויפרופן, וואָס האָבן אַן אַלגעמיינעם אָדער אַ פּאָלעמישן כאַראַקטער, אָדער אַזעלכע אויף וועלכע דער מיטגליד פון צ. ק. האָט האָט אַרויפגעלייגט זיין „וועטאָ“, קאָנען אַרויסגעגעבן ווערן נאָר דורך דאָס רעדאַקציאָנס ביוראָ אָדער מיט זיין ערלויבניש.

ע ר ק ל ע ר ו נ ג . דער צוועק פון די לעצטע 4 באַשטימונגען איז פון איין זייט ניט אָפּנעמען די פרייהייט ביי איינצעלנע פאַריינען אַרויסגעבן אויפרופן נאָך זייער אייגענער איניציאַטיווע, פון דער אַנדערער זייט אָבער פאַרהיטן עס זאָלן ניט פאַרברייטעט ווערן לייכטזיניגע אויפרופן, וואָס קאָנען שאַדן דער באַוועגונג. דער צוזאַמענפאָר האָט ערקלערט אַז אין אַזעלכע זאַכן מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיג און אויסגערעכנט.

מ) יעדער פאַריין איז מחויב אַריינצו־

טראָגן אויף די הוצאות פון צענטראַל קאָמיטעט (אין וועלכע עס גייען שוין אַריין די הוצאות פון רעדאַקציאָנס־ביוראָ) 20 קאָפּויקען יאָרליך פאַר יעדן מיטגליד. דער פאָרשלאַג, פאַרקויפן זויטיגע מענטשן שקלים טייערער ווי צו 40 קאָפּייקען און דאָס מותר דערפון זאָל גיין אויף די הוצאות פון דער פּאַרויניגונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

ג) ביז וואַנען עס וועט אויסגעקליבן ווערן דער צענטראַל קאָמיטעט ערפילט זיינע חובות דער פאָרשטאַנד פון דעם פאַריין „פּועלי ציון" וועלכער האָט צונויפגערופן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר.

2) רעזאָלוציאָנען.

א) דער צוזאַמענפאָר געפינט צוערשט פאַר נויטיג אַרויסצוגעבן אַ קאַטעכיזם פון ציוניזם ד. ה. אַ ווערק אין וועלכן עס ווערן ערקלערט די הויפּט־גרונדן (עקרים) פון ציוניזם, וואָס ווערן אַנערקענט פון אַלע ציוניסטן.

ב) דער צוזאַמענפאָר שפּרעכט אויס זיין וואונש, אַז די רעדאַקציאָנס־ביוראָ זאָל די ערשטע זאַך אַרויסגעבן אין פיל עקזעמפּלאַרן אַ לעגאַל געדרוקטן אויפרוף פאַר ווייניגער ענטוויקלטע אַרבעטער, אין וועלכן עס זאָל ערקלערט ווערן דער ציוניזמוס בכלל און זיין באַדייטונג פאַר די אידישע אַרבעטער בפרט.

ג) אין אַ שטאָט, וואו עס איז נאָך ניטאָ קיין ציוניסטישע באַוועגונג צווישן אַרבעטער געפינט דער צוזאַמענפאָר פאַר נוצליך אָנהויבן פריער צו אַרבעטן מיט אַ גאַנץ קליינער צאָל אַרבעטער און ערשט דאַן ווען עס וועט זיך שוין געפינען אַ געווויסע צאָל אַרבעטער וואָס פאַרשטייען גוט דעם ציוניזמוס און זיינען אים איבערגעגעבן, דאַרף מען איבערגיין צו אַ מאַסן באַוועגונג.

ד) דער צוזאַמענפאָר לייגט פאָר די פאַריינען איינפירן דיסקוסיאָנען פאַר די מיטגלידער.

ע ר ק ל ע ר ו נ ג. אונטער דיסקוסיאָנען פאַרשטייען מיר פאַרזאַמלונגען פון ניט קיין גרויסע גרופּן, אויף וועלכע די מיטגלידער ריידן זיך דורך צווישן זיך וועגן פאַרשידענע פראַגן, וואָס רירן אָן די ציוניסטישע אַרבעטער, און אויף וועלכע זיי געוואוינען זיך קלאָר אויסדריקן זייערע געדאַנקען.

צווייטער טייל: קולטור־טעטיגקייט.

אין די וכוחים וועלכע קומען פאָר וועגן דער קולטור ווערן זייער אָפט צונויפגעמישט צוויי באַזונדערע פראַגן: א) די ריין טעאָרעטישע פראַגע, צי קען מען זאָגן, אַז יעדעס פאָלק האָט אַ באַזונדערע פון אים אויסגעאַרבעטע און פאַר אים פּאַסנדע קולטור און, אויב יא, אין וואָס באַשטייט די אידישע קולטור. ב) די ריין פּראַקטישע פראַגע, צי זיינען ציוניסטן אַ ל ס א ז ע ל כ ע מחויב אויפהויבן דעם גייסטיגן צושטאַנד פון דאָס אידישע פאָלק און, אויב יא, אין וואָס דאַרף באַשטיין דיזע אַרבעט.

מיט דער ערשטער פראַגע האָט זיך דער צוזאַמענפאָר ניט באַשעפטיגט, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז דאָס געהערט צו די געלערטע. ער האָט געפונען אַז די צווייטע פראַגע איז ניט אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט דער ערשטער זי זאָל ניט קאָנען באַהאַנדלט ווערן באַזונדער. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אַלזאָ באַשעפטיגט נאָר מיט דער צווייטער פּראַקטישער פראַגע, וועלכע באַשטייט פון צוויי פּונקטן: א) ווי דאַרף זיך, נאָך אונזער מיינונג, דער ציוניזמוס בכלל פאַרהאַלטן צו דער קולטור טעטיגקייט? ב) ווי זאָל דיזע טעטיגקייט געפירט ווערן אין די ציוניסטישע אַרבעטער פאַראיינען? אַלעס, וואָס געהערט צום ערשטן פּונקט פון דיזער פראַגע, קען דורכגעפירט ווערן נאָר דורך דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן. דער צוזאַמענפאָר האָט דאָ געקאָנט ניט עטוואָס באַשליסן נאָר זיין מיינונג אויסשפּרעכן. ער האָט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציאָנען:

א) דער צוזאַמענפאָר געפינט אַז די קולטור טעטיגקייט בילדעט אַ טייל פון ציוניסטישן פּראָגראַם און איז דעריבער אַ חוב אויף אַלע ציוניסטן.

ב) אונטער קולטור טעטיגקייט פאַרשטייט דער צוזאַמענפאָר אַלעס, וואָס דאַרף מאַכן דאָס אידישע פאָלק פעאיג צו דורכפירן דעם ציוניזמוס און צו פירן אַ זעלבסטשטענדיגן פרייען לעבן אין זיין אייגענעם לאַנד.

א נ מ ע ר ק ו נ ג. אין אַלע וכוחים וועגן דער קולטור טעטיגקייט האָט מען קיינמאָל ניט פאָרמולירט וואָס מען פאַרשטייט אונטער דעם וואָרט. נאָך דער אויבנגעבראַכטער ערקלערונג קאָן אייגנטליך קיין ספק ניט זיין אַז די קולטור טעטיגקייט גייט אַריין אין פּראָגראַם פון ציוניזמוס. יעדערער פאַרשטייט, אַז אַן אומוויסנד פאָלק

קאָן זיך ניט באַפרייען און קאָן די אים געבראכטע באפרייאונג ניט באַנוצן.

ג) דער קאָנגרעס אַלס פאָרשטייער פון אלע ציוניסטן פון דער גאַנצער וועלט, דאַרף זיך באַשעפטיקן נאָר מיט אזעלכע פּראקטישע קולטור־ארבעט, וועלכע האָט אַ באדייטונג פאר דאָס גאנצע אידישע פאָלק, צ. ב., שאַפונג פון א אידישער אוניווערסיטעט אדער א נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק און נאָך אזעלכע זאכן. אלע איבעריגע קולטור־ארבעט מוז איבערגעלאָזן ווערן די אָרטיגע אָרגאַניזאַציאָנען און די איינצעלנע פּאראיינען.

ד) דער צוזאַמענפאָר שפּרעכט זיך אויס געגען די איינפירונג פון אַ באזונדער קולטור־שקל.

וועגן דעם צווייטן פונקט פון דער פראַגע האָט דער צוזאַמענפאָר אנגענומען פאלגנדע באשלוסן און רעזאָלוציאָנען:

1) באשלוסן:

א) די ציוניסטישע ארבעטער־פאריינען זיינען מחויב געבן זייערע מיטגלידער אַלגעמיין־מענשליכע און ספּעציעל־אידישע וויסנשאַפט און אנטוויקלען אין זיי דאָס קלאסן־באַוואוסטזיין.

ב) די אנטוויקלונג פון קלאַסן־באַוואוסטזיין ביי ציוניסטישע ארבעטער מוז האָבן וואָס מער אַ ריין וויסנשאַפטליכן און וואָס וויניגער אן אַגיטאַציאָנעם כאַראַקטער און דאַרף זיין ניט איינזייטיג, ד. ה., די מיטגלידער דארפן באקאנט ווערן מיט אַלע פארשידענע ריכטונגען אין דער סאָציאלער פראַגע.

ע ר ק ל ע ר ו נ ג. מיר קוקן אויף דער אנטוויקלונג פון קלאַסן־באוואוסטזיין ניט ווי אויף אַ מיטל צו זייטיגע ווערעמענע צוועקן, נאָר ווי אויף א מיטל צו מאכן דאָס אידישע פאָלק רייף און פארשטענדיג, ער זאָל קאָנען פארהיטן זיין פרייהייט אין זיין אייגענעם לאנד. און דארום נוצט אונז ניט אלעס וואס קאָן נאָר אויף א ווילע אויפרייצן דאָס געפיל פון דעם אַרבעטער. פאר אונז איז וויכטיג, אַז דער ארבעטער זאָל גוט און ריכטיג פ אַ ר ש ט י י ן זיין לאַגע.

ג) יעדער ציוניסטישער ארבעטער איז מחויב לערנען זיינע קינדער העבראיש.

א נ מ ע ר ק ו נ ג. פון דעם חוב וואָס דער צוזאמענפאָר האָט אַרויפגעלייגט אויף יעדער איינצלנעם מיטגליד וואקסט שוין ממילא אַרויס א חוב אויף יעדער פאריין — געבן זיינע מיטגלידער די מעגליכקייט צו ערפילן דיזן חוב, דארום זיינען אלע פאריינען מחויב נעמען אַן אַנטייל אין יעדער ארבעט וואָס האָט דעם ציל שאַפן ג ו ט ע און ב י ל י ג ע שולן אדער חדרים פאר קינדער אָדער פאַרבעסערן די וואָס זיינען פאראן.

ד) דער צענטראל קאָמיטעט איז מחויב אויסארבעטן אַ פּראָגראַם ווי און וואס צו לערנען אין די פאַריינען (איניגע אָנווייזונגען דערצו האָט דער צוזאַמענפאָר געגעבן אין די ווייטערדיגע רעזאָלוציעס) און אויך אויסארבעטן אַ פּראָגראם פון סיסטעמאַטישן לעזן אין די שפּראַכן וואָס זיינען פארשטענדליך פאר די ארבעטער אָדער פאר א טייל פון זיי ד. ה. אין אידיש (זשאַרגאָן), העברעאיש און רוסיש.

ה) דער צענטראל קאָמיטעט איז מחויב ארייננגיין אין פארבינדונג מיט די פארלאגן, וואס גיבן ארויס ביכער פאר דעם פאָלק (אין זשאַרגאָן), כדי פון איין זייט העלפן זיי פארברייטן די ביכער, וועלכע ער געפינט פאַר ניצליך. פון דער אַנדער זייט קריגן אן איינפלוס אויף די פאַרלאַגן זיי זאָלן באַקומען מער א אידישן נאַציאָנאַל־כאַראַקטער. ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן אז די לעצטע זאַך איז גאַנץ אומעגליך, דאַרף דער צ. ק. זוכן מיטלען צו גרינדן אַן אייגענעם פאַרלאַג.

2) רעזאָלוציאָנען.

א) דער צוזאַמענפאָר ערקלערט, אַז די קענטניש פון דער העבראישער שפּראַך איז פאַר אַרבעטער ציוניסטען זייער וויכטיג און נויטיג, און דאָך געפינט ער, אַז לערנען די שפּראַך מיט ערוואקסענע אַרבעטער איז מעגליך נאָר אין איינצלנע פעלע, און דאַרום מוז ער שטעלן אין ערשטער רייו די אידישנאַציאָנאַלע אנטוויקלונג, ד. ה. דאָס ערלערנען און באַקאַנט ווערן מיט דער אידישער געשיכטע, ליטעראַטור און לעבן דורך לייענען, רעפעראַטן און כראָניקעס פון געגנווערטיגן אידישן לעבן.

ב) אין אַלגעמיין־מענשליכער באַציאונג געפינט אויך דער צוזאַמענפאָר די אַלגעמיינע אנטוויקלונג, ד. ה. דאָס באקאַנט ווערן מיט פארשיידענע וויסנשאפטליכע און געזעלשאַפטליכע פראַגן פאַר פיל וויכטיגער אַלס

שפּראַך־קענטניש. איין אויסנאַמע מאכט דער צוזאַמענפאָר נאָר פאַר אַבסאָלוט בעזגראַמאָטנע, וועלכע עס איז די ערשטע זאך נויטיג אויסלערנען ווי עס איז שרייבן און לייענען.

דריטער טייל: באַציאונגען צו אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אויסגעשפּראָכן וועגן אונזערע באַציאונגען צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צו דער שטודירנדער יוגנט און צום בונד. וועגן דעם ערשטן פּונקט האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען פאָלגנדע באשלוסן און רעזאָלוציאָנען:

1) באַשלוסן.

א) אין דער פאַרייניגונג פון ציוניסטישע*) פאַריינען קאָן אריינטרעטן אַלס גלייכבארעכטיגטער פאַריין אַ געוויסע צאָל פון ציוניסטישע אַרבעטער נאָך איידער זיי זיינען אַנערקענט געוואָרן אַלס „פאַריין“ פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן ד. ה. נאָך איידער דער פאַריין איז איינגעשריבען געוואָרן ביים ראַיאָנס־פאָרשטייער.

ב) וויבאַלד אָבער אַ פאַריין איז צוגעשטאַנען צו דער פאַרייניגונג, איז ער מחויב זען אריינטרעטן אין די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן. ווען ער באגעגנט דערביי וועלכע עס איז שוועריקייטן, איז די גאַנצע פאַרייניגונג, אין ערשטער רוי אַלזאַ דער צ. ק., מחויב העלפן די שוועריקייטן צו באַזייטיגן.

2) רעזאָלוציאָנען.

א) דער צוזאַמענפאָר ערקלערט, אַז מיר שאַפן אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציאָן צוליב צוויי זאַכן: 1) אָנצופאַסן די טעטיקייט פון די אַרבעטער־ציוניסטן צו די באַדערפנישן פון דער אַרבעטער־מאַסע, כדי זי זאָל קאָנען צושטיין צום ציוניזם ניט לאָזנדיג אָן אַ זייט זייערע אַלטעגליכע אינטערעסן; 2) צו דעמאָקראַטיזירן דעם ציוניזם אין אַלגעמיין. מיר שטעלן זיך אָבער ניט אין קיין אָפּאָזיציאָן צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, מיט וועלכער מיר זיינען סאָלידאַריש. מיר אונטערוואַרפן זיך אינגאַנצן דער באַזעלער פּראָגראַם. אַלע אונזערע פאָדערונגען פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָן פירן מיר דורך מיט קאָרעקטע מיטלען (ד. ה. מיט מיטלען, וואָס גייען ניט געגן די דיסציפּלין פון אָרגאַניזאַציאָן).

ב) דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז אַלע ציוניסטישע פאַריינען דאַרפן האָבן דאָס רעכט אריינגיין צווישן זיך אין פאַרבינדונג, דורכשרייבן זיך איינע מיט די אַנדערע און צונויפרופן צוזאַמענפאָרן אָן שום ערלויבניש פון וועמען עס איז, נאָר אַלע צירקולאַרן וואָס ווערן פאַנאַנדערגעשיקט ווי אויך די פּראָטאָקאָלן פון די צוזאַמענפאָרן דאַרפן אויך צוגעשיקט ווערן דעם פאָסט־ביוראָ אָדער דעם צענטער וואָס וועט געשאַפן ווערן אָנשטאַט אים.

דער פאָרשלאַג, אַז דער צוזאַמענפאָר דאַרף אומבאַדינגט איינלאַדן צו זיינע זיצונגען דעם ראַיאָן־פאָרשטייער, אין וועמעס ראַיאָן ער פאַרזאַמלט זיך, איז אָפּגעלעגט געוואָרן. אויך איז אָפּגעלעגט געוואָרן דער פאָרשלאַג, אַז די אַרבעטער פאַריינען דאַרפן האָבן אַ באַזונדערן פאַרטרעטער אין אַקציאָנס־קאָמיטע. דאָסגלייכן דער פאָרשלאַג אַז די אַרבעטערפאַריינען דאַרפן אריינגיין אין די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָן ווי איין גאַנצעס.

אָנמערקונג. דער צוזאַמענפאָר האָט איבערהויפּט געפונען אַז די אַרבעטער פאַריינען דאַרפן אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָן אין קיין זאך ניט זיין אָפּגעטיילט פון די איבעריגע פאַריינען. פאַרקערט, זיי דאַרפן גלייך מיט אַלעמען נעמען אַן אַנטייל אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָן און דורך איר אויף איר ווירקן.

ג) דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז די אַרבעטער פאַריינען האָבן ביז אַהער שוואַך ערפילט זייערע חובות צום אַלגעמיינעם ציוניזם און ווינשט אַז ווייטער זאָלן זיי אין דיזער הינזיכט אַרבעטן בעסער.

וועגן די באַציאונגען צו דער שטודירנדער יוגנט האָט דער צוזאַמענפאָר קיין באַשטימטע מיינונג ניט אויסגעשפּראָכן, ווייל דיזע אָרגאַניזאַציאָן איז נאָך צו יונג און דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט ווייניג פאַקטן צו אורטיילן וועגן איר. ער האָט נאָר אָנערקענט אַז די אָרגאַניזאַציאָן פון דער שטודירענ־

*) דאָ איז אין אָריגינאַל, באַשיינפערליך על פּי טעות, ארויסגעלאָזט דאָס וואָרט אַרבעטער. — רעד.

דער יוגנט האָט פאַר אונז יעדנפאַלס אַ גרויסן אינטערעס און מיר דאַרפן מיט איר נענטער באַקאַנט ווערן. ער האָט אין דעם זין אָנגענומען 1 באַשלוס און 1 רעזאָלוציאָן.

באַשלוס: דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פאַראייניגונג דאַרף זיך דורכשרייבן מיט דער אָרגאַניזאַציאָן פון דער שטודירנדער יוגנט.

רעזאָלוציע: דער צוזאַמענפאָר לעגט פאַר אַלע דעלעגירטע פון די אַרבעטער פאַראיינען, נעמען אַן אַנטייל אין דער פאַרזאַמלונג פון דער שטודירנדער יוגנט.

וועגן די באַציאונגען צום „בונד" האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען פאָלגנדן באַשלוס, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך גלייכצייטיג אַן אויסגעשפּראָכענע מיינונג.

באַשלוס: דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז דער „בונד" האָט זיך אין זיין גאַנצער טעטיקייט ביז אַהער ניט גערעכנט מיט די באַזונדערע לעבנס־פאַרהעלטנישן, אין וועלכע דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך, און דאַרום האָט ער באַשלאָסן קעמפן געגן די טעטיקייט פון „בונד" מיט אַלע אָרנטליכע מיטלען.

אָנמערקונג. די פראַגע האָט אַרויסגערופן זייער לאַנגע דעבאַטן, און עס איז גאַנץ אונמעגליך אין קורצן איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון זיי. אין דער ליטעראַטור וואָס וועט אַרויסגעגעבן ווערן וועט די פראַגע מסתמא ניט איינמאָל באַהאַנדלט ווערן. דאָ ווילן מיר נאָר אויפמערקזאַם מאַכן אויף איין זאַך, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די דעבאַטן: מיר זיינען ניט נאָר דערמיט אומצופרידן, וואָס דער „בונד" איז ניט ציוניסטיש אָדער ניט נאַציאָנאַל. מיר געפינען, אַז אין זיין גאַנצער טעטיקייט, אַפילו אין דער ריין עקאָנאָמישער, האָט זיך דער „בונד" געשטעלט אויף אַ פאַלשן וועג: ער האָט קיינמאָל ניט אַ קלער געטאָן, אַז דאָס, וואָס איז נוצליך און נויטיג פאַר אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער, קאָן זיין שעדליך אָדער גאַנץ איבעריג פאַר אידישע אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע. ווען ער וואָלט נאָר דאָס ניט פאַרגעסן, וואָלט יעדנפאַלס זיין טעטיקייט צווישן אידישע אַרבעטער געדאַרפט זיך אין פיל זאַכן אונטערשיידן פון דער טעטיגקייט צווישן אַנדערע אַרבעטער. מיר זעען אָבער קיין אונטערשייד ניט אפילו אויף אַ האָר. דאָס באַווייזט אַז דער „בונד" האָט די גאַנצע צייט זיך ניט געגעבן די מי, באַטראַכטן די באַ**זונדערע** לאַגע פון די **אידישע** **אַרבעטער** (וועגן דער באַזונדערער לאַגע פון אידישן **פאָלק** האָט שוין נאַטירליך גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין). ער האָט געפונען פאַר לייכטער, פירן בלינד די אידישע אַרבעטער־מאַסע אויף אַ פאַרטיגן וועג, וואָס אַנדערע האָבן אויסגעאַרבעט פאַר אַנדערע. דער קאַמף געגן דער טעטיקייט פון „בונד" קאָן נאַטירליך באַשטיין נאָר אין שריפטליכע און מינדליכע קריטיק. און דאָס איז אַ חוב סיי אויף די גאַנצע פאַראייניגונג, סיי אויף די פאַראיינען און איינצלנע מיטגלידער.

פערטער טייל: עקאָנאָמישע טעטיגקייט.

וועגן דער עקאָנאָמישער טעטיקייט האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען פאָלגנדע באַשלוסן און רעזאָלוציאָנען:

1) באַשלוסן.

א) אַזוי ווי די פאַראייניגונג פילט זיך צו שוואַך צו נעמען אויף זיך אַליין די גאַנצע אַרבעט פון פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער, אונטערשטיצט זי און העלפט צו שאַפן אַזעלכע אַרבעטער אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע האָבן נאָר דעם איינציגן צוועק, פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע און אויפהויבן דעם גייסטיגן צושטאַנד פון די אידישע אַרבעטער.

ערקלערונג. דער צוזאַמענפאָר האָט געפונען, אַז אין דער עקאָנאָמישער אַרבעט מוזן זיך די אַרבעטער ציוניסטן פאַראייניגן מיט אַנדערע אַרבעטער, ווייל נאָר אין גאַנץ גרויסע פאַראייניגונגען ליגט די מאַכט פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציאָנען. נאַטירליך קענען ציוניסטן אונטערשטיצן נאָר ריין עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס באַרירן ניט די יעניגע פראַגן, אין וועלכע די מיינונגען פון ציוניסטישע אַרבעטער און אַנדערע זיינען פאַרשיידן.

ב) דער צענטראַל קאָמיטעט איז מחויב אַריינגיין אין פאַרבינדונג מיט אַזעלכע אָרגאַניזאַציאָנען כדי ערלייכטערן ציוניסטישע אַרבעטער דעם אַריינטריט אין זיי. אויף וועלכע תנאים דאָס זאָל געשעהן, ווערט איבערגעלאָזט דעם צ. ק. דער פאָרשלאַג — מאַכן

אַ חוב אויף יעדן איינצלנעם מיטגליד, אריינטרעטן אין עקאָנאָמישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציאָנען, דאָס גלייכן דער פאָרשלאַג אַריינעמען אין די ציוניסטישע אַרבעטער־פאַרוינען נאָר אַרבעטער מיט אַ פאַרטיגן קלאַסנבאַוואוסטזיין, איז אָפּגעלעגט געוואָרן.

ג) יעדער ציוניסטישער ארבעטער־פאַריין איז מחויב, מאַכן אַ גמילת חסד און אַ נויטפאָנד, וועלכע עס באַנוצן די מיטגלידער פון פאַריין. פון דעם חוב איז דער פאַריין נאָר דאַן פריי, ווען דאָס רוב מיטגלידער געהערן צו אַן עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציאָן, וואו זיי קאָנען באַקומען דיזעלבע שטיצונג ווי פון גמילת חסד און פון נויט־פאָנד.

ערקלערונג. פון גמילת חסד ווערן אַרויסגעגעבן הלואות, וועלכע מוזן צוריק איינגעצאָלט ווערן אין אַ צייט אַרום. פון נויט־פאָנד ווערן אַרויסגעגעבן אונטערשטיצונגען, וועלכע ווערן ניט געפאָדערט צוריק. אַזוי ווי די, וואָס באַקומען אַזעלכע אונטערשטיצונגען איז ניט אַנגענעם מען זאָל דערפון וויסן, קען אַ נויט־פאָנד ניט געפירט ווערן אַזוי אָפען ווי אַ גמילות חסד. ער מוז געפירט ווערן עטוואָס געהיים פון איניגע אויסגעקליבענע פערזאָנען.

ד) אַ מיטגליד פון אַ ציוניסטישן אַרבעטער פאַריין טאָר ניט אָנקומען אויף דעם אָרט פון אַן אַנדער אַרבעטער, וועלכן מען האָט אַנטזאָגט אָן זיין שולד, ווען דיזער געהערט צו אַ ציוניסטישן פאַריין, אָדער צו אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע נעמט אויף זיך דעמזעלבן חוב אַנטקעגן ציוניסטישע אַרבעטער.

ה) אין יעדן ציוניסטישן אַרבעטער־פאַריין מוז זיך געפינען אַ שטענדיגע קאָמיסיאָן, וועלכע דאַרף שטיצן אַרבעטער־ציוניסטן, וואָס קומען פון אַנדערע שטעט זוכן אַרבעט, ווען זיי ברייגנען אַ בריוו פון אַ ציוניסטישן פאַריין.

2) רעזאָלוציאָנען.

א) דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז ציוניסטישע אַרבעטער קאָנען נעמען אַן אַנטייל נאָר אין אַזעלכע שטרייקן, וועלכע דינען אַלס מיטל צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע און ניט אַלס מיטל צו אַנדערע צוועקן.

ב) דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז פאַר אידישע אַרבעטער איז נוצליך די קליינע אונטערנעמער זאָלן קענען עקזיסטירן און דאַרום דאַרפן אַרבעטער־ציוניסטן אויסמיידן די יעניגע קאַמפּס־מיטלען, וועלכע קענען ניט פאַרבעסערן זייער אייגענע לאַגע און דינען נאָר דערצו, צו אונטערגראָבן די קליינע אונטערנעמער.

ערקלערונג. פאַר ניט אידישע אַרבעטער איז דער אונטערגאַנג פון די קליינע אונטערנעמער קיין אומגליק ניט, ווייל פאַר זיי זיינען אָפּן די גרויסע פאַבריקן; אידישע אַרבעטער ווערן אָבער דאָס רוב צו די פאַבריקן ניט צוגעלאָזן און דאַרום זיינען זיי אינגאַנצן אָנגעהאַנגען אויף די קליינע אונטערנעמער.

ג) דער צוזאַמענפאָר ערקלערט פאַר נויטיג צו שאַפן אַ סטאַטיסטישע ביוראָ און אַן אויסקונפטס־ביוראָ און געפינט אַז מיר זיינען אין דער לאַגע אָנהויבן צו טאָן וועגן דעם.

ערקלערונג. דאָס סטאַטיסטישע ביוראָ דאַרף באַקומען ריכטיגע ידיעות וועגן דער צאָל פון די אידישע אַרבעטער און זייערע לעבנס־באַדינגונגען אין פאַרשיידענע שטעט און באַרופן, באַאַרבעטן די ידיעות און פון צייט צו צייט פאַרעפנטליכן. דאָס אויסקונפטס־ביוראָ דאַרף באַקומען ידיעות וועגן דעם, ווי און וועלכע אַרבעטער עס קענען קריגן אַרבעט און ענטפערן די, וואָס פרעגן אָן וועגן דעם. דער צוזאַמענפאָר האָט ניט ב א ש ל אָ ס ן שאַפן דיביידע ביוראָ'ען, ווייל ער האָט געצווייפלט צי מיר האָבן שוין דערצו די קרעפטען. דער צ. ק. מוז אָבער זוכן מיטלען דערצו און מאַכן פאָרברייטונגען.

ד) דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז ציוניסטן דאַרפן ווי ווייט מעגליך ווירקן אויף די אידישע אונטערנעמער זיי זאָלן זיך ניט אַנטזאָגן צו נעמען אידישע אַרבעטער.

ערקלערונג. עס איז אַ טרויעריגע טאַטזאַך, אַז אידישע אַרבעטער איז שווער צו קריגן אַרבעט ניט נאָר ביי ניט אידישע אונטערנעמער נאָר אַפילו ביי אידן. פילע פון אונזערע אידישע אונטערנעמער ווילן, צו אונזער שאַנדע, בשום אופן ניט נעמען קיין אידישע אַרבעטער. אונזער אָרגאַניזאַציאָן קען נאַטירליך אויף די לייט ניט ווירקן. מיר קאָנען זיך נאָר ווענדן צו די אַנדערע ציוניסטן, וואָס קאָנען פּיליכט האָבן אַ שטיקל איינפלוס.

פינפטער טייל: פאָדערונגען אויפ'ן קאָנגרעס.

איינע פון די פריער געבראַכטע אָנגענומענע רעזאָלוציאָנען קענען אייגנטליך גערעכנט ווערן צו פאָדערונגען אויפ'ן קאָנגרעס. דאָס זיינען אַזעלכע פראַגן אין וועלכע דער צוזאַמענפאָר האָט ניט געקאָנט אָננעמען קיין באשלוס נאָר מחמת דעם, ווייל די זאך ווענדט זיך אָן דער גאַנצער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, אויף וועלכע אונזער צוזאַמענפאָר קאָן ניט ארויפלייגן קיין חובות. ווען דער צוזאַמענפאָר האָט דאָך אויסגעטיילט באַזונדער די פאָדערונגען אויפ'ן קאָנגרעס האָט ער דערמיט געמיינט ניט אונזערע פאָדערונגען אין אַלגעמיינעם נאָר די יעניגע פאָדערונגען, וועלכע די דעלעגירטע פון די אַרבעטער־פאַריינען דאַרפען ארויסשטעלן אָדער אונטערשטיצן אויף דעם פינפטן קאָנגרעס. די וויטערדיגע באשלוסן זיינען אַלזאָ ניט מער אַלס אינסטרוקציאָנען פאַר אונזערע דעלעגירטע אויף דעם 5טן קאָנגרעס און האָבן ניט די אַלגעמיינע באדייטונג ווי די איבעריגע באַשלוסן. עס איז נאָך וויכטיג צו באמערקן, דאָס דעם צוזאַמענפאָר איז ניט געבליבן קיין צייט צו באהאנדלען דיזן טייל, ער האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטע, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט פאָלגנדע אינסטרוקציאָנען:

א) אונטערשטיצן די פריע פאַרבינדונג פון פארשיידענע פאַריינען איינע מיט די אַנדערע.

ב) פאָדערן דער אויפזיכטס־ראַט זאָל אָפּגעבן אַ רעכענונג וועגן דער טעטיקייט פון דער קאָלאָניאַלער באנק.

ג) דורכפירן דעם פרינציפּ, אַז נאָר דער אויפזיכטס־ראַט דאַרף געבן די ריכטונג דער טעטיקייט פון באנק, ד. ה. דאַרף אָנווייזן וואָס די באַנק זאָל טאָן; ווי דאָס זאָל געטאָן ווערן געהערט צו דער פאַרוואַלטונג, וועלכע דאַרף דינען אַלס אָרגאַן אויף דורכצופירן די צילן, וואָס דער אויפזיכטס־ראַט האָט אַוועקגעשטעלט דער באַנק.

ד) פאָדערן דער אויפזיכטס־ראַט זאָל האָבן אַ שטענדיגן פאַרטרעטער (גובערנער) אין באַנק גופא, וועלכער דאַרף אַכטונג געבן, עס זאָל קיין זאַך ניט געטאָן ווערן געגן דעם ווילן פון אויפזיכטס־ראַט און וועלכער דאַרף דעם אויפזיכטס־ראַט אָפּגעבן רעכנשאפט וועגן אַלעס, וואָס קומט פאָר אין באַנק.

ה) ארויסטרעטן אנטשיידן געגן דעם, אַז די באַנק זאָל זיך פאַרנעמען מיט זייטיגע געשעפטן, וואָס האָבן קיין שיכות ניט צום ציוניזמוס און ניט דערלאָזן, אַז די מיטל וואָס זיינען באשטימט געוואָרן אויף עררייכן דאָס ענד־ציל פון ציוניזמוס, זאָלן באנוצט ווערן צו אַנדערע צוועקן.

ו) פאָדערן רעכנשאפט וועגן דער באַנק־קאָנפערענץ וואָס איז געווען אין ווארשא און פאַרלאַנגען מען זאָל ערקלערן ווער האָט גענומען אין איר אָן אַנטייל און וואַרום האָבן נאָר דיזע באקומען די מעגליכקייט דערצו.

ז) זען אַז בעת מען קלייבט אויס דעם אויפזיכטס־ראַט זאָל מען קוקן ניט*) אויף די פערזענליכע פעאיקייטן און אייגנשאַפטן פון די קאַנדידאַטן און ניט אויף דעם, צו וועלכן קלאַס זיי געהערן.

ח) פאָרלייגן דעם קאָנגרעס ער זאָל אָננעמען אַ רעזאָלוציאָן אין וועלכער ער קאָנסטאַטירט, אַז מאַנכע אידישע אונטערנעמער, ניט אויסגעשלאָסן די אונטערנעמונגען פון די אידישע געמיינדן, נעמען ניט צו קיין אידישע אַרבעטער און אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אַ פראָטעסט געגן דעם.

ט) פאָדערן אַז בא דער וואַל פון די פאַרשיידענע קאָמיסיאָנען, אַזוי ווי בא דער וואַל פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, זאָל אָפּגעהיט ווערן דער מנהג, אַז ווען אַחוץ די קאַנדידאַטן, וואָס דער פערמאַנענץ־אויסשוס שטעלט ארויס, ווערט אָנגערופן אַ נייער, מוז זיך פאַר דער אָפּשטימונג דער פערמאַנענץ־אויסשוס מישב זיין צווישן זיך צי ער נעמט אָן דעם צוגעגעבענעם קאַנדידאַט.

י) פאָדערן אַז די ראיאָנס־פאָרשטייער זאָלן אויך אויף ווייטער בלייבן מיטגלידער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, כדי אויף די פּאָליטישע ארבעט זאָלן קאָנען האָבען אַן איינפלוס די, וואָס אַרבעטן צווישן פאָלק און שטייען נאָענט צו זיין לעבן.

כ) נאָר אין דעם פאַל שטימען דערפאַר, אַז דאָס פּאָסט־ביוראָ זאָל בלייבן ווען עס וועט זיך ארויסווייזן אַז אין אים קאָנען אויך אויף ווייטער פארהיט ווערן די פרינציפּן פון דעמאָקראַטיזמוס און קריטיק.

ל) אַזוי ווי די קולטור־פראַגע אין אַלגע־

---

*) דאָס וואָרט „ניט" איז דאָ קענטיג איבעריג. — רעד.

מיינעם רופט ארויס אויף די קאנגרעסן נאָר טומל, דאַרפן די דעלעגירטע פון די אַרבעטער פאַריינען דעם מאָל די אַלגעמיינע קולטור־פראַגע ניט אויפוועקן, נאָר ווען די פראַגע וועט דאָך פאָרקומען אויפ'ן קאָנגרעס, דאַרפן זיי אונטערשטיצן די מיינונגען און פאָדערונגען וואָס זיינען אויסגעשפּראָכן אין די רעזאָלוציאָנען, וועלכע דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען וועגן דער אַלגעמיינער קולטור־טעטיגקייט.

די נייע שטרעמונגען אין מינסק.

(די מינסקער אָפּאָזיציע און איר פּראָגראַם)

ענדע פאָריגן זומער זיינען די נייע שטרעמונגען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין מינסק צו די היגע „פּועלי־ציון". פון אָנהויב האָט עס געטראָגן אַ ריין טעאָרעטישן כאַראַקטער. מען האָט געוואָלט באַגרינדן דעם ציוניזמוס פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט און אויפווייזן, אַז אונזער ציוניזמוס איז נאָר אַ געוויסע פאָלגע פון סאָציאַליזמוס. קיינע פּראַקטישע שלוסן האָט מען דערפון ניט אַרויסגעפירט. אַלע „סאָציאַליסטן" האָבן ערקלערט, אַז פּראַקטיש שטייען זיי אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט, ווי ביז אַהער, זיי ווילן נאָר געבן אַ נייע טעאָרעטישע באַגרינדונג.

נאָר שוין אין דער פאָרם, אין וועלכער דאָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן (ווייניגסטנס פון איינינגע), האָט מען געזען, אַז דאָס מוז פירן צו געוויסע פּראַקטישע רעזולטאַטן.

מען האָט ניט געזאָגט: מיר זיינען סאָציאַליסטן, ד. ה. מיר זיינען איבערצייגט, אַז מיר טוען אַ סאָציאַליסטישע אַרבעט. מען האָט געזאָגט: מיר דאַרפן זיין סאָציאַליסטן. ד. ה. אייגנטליך, מיר דאַרפן טאָן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אונז געבן דאָס רעכט אָנצורופן זיך סאָציאַליסטן. מען האָט ניט געזאָגט: מיר באַגרינדן דעם ציוניזמוס פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט. ווען מען וואָלט אַזוי געזאָגט, וואָלט מען דאָך גלייך געדאַרפט נעמען און באַגרינדן. דאַן וואָלט מאָר געקענט זיין די פראַגע, צו די באַגרינדונג איז ריכטיג אָדער פאַלש, ניט אָבער צו גוט אָדער שלעכט. מען האָט אָבער געזאָגט: מיר דאַרפן דעם ציוניזמוס באַגרינדן פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, ד. ה. אויב אַזאַ באַגרינדונג איז נאָך ניטאַ, מוזן מיר זי כאָטש באַשטעלן אויף „זאַקאַז"; פאַרקערט, טאָמער האָבן מיר אַ באַגרינדונג פון ציוניזמוס, וועלכע איז ניט איינגעבויט אויפ'ן סאָציאַליזמוס, טויג זי נישט, זי מעג זיך זיין ריכטיג. דאָס האָט שוין געמוזט פירן צו וועלכע עס איז פּראַקטישע רעזולטאַטן.

אין דער אמת'ן האָט זיך די פּראַקטישע ווירקונג פון דעם נייעם וואָרט אַרויסגעוויזן נאָך אין דעם ערשטן מאָמענט, אמת אין אַ קליינינגקייט. עס איז אַרויסגעגאַנגען די מינסקער בראָשורע וועגן דעם האָמעלער פּאָגראָם. די בראָשורע האָט ביי פילע „פּועלי־ציון" אין אַנדערע שטעדט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנהייט, און דאָס איז געווען פאַרשטענדליך. אין דער בראָשורע ווערט שטריינג דורכגעפירט דער ציוניסטישער שטאַנדפּונקט נאָך וועלכן מיר האָבן דאָ ביי די פּאָגראָמען צו טאָן מיט איין אַלגעמיינער ערשיינונג פון אונזער גלות־לעבן, וואָס אין פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע לענדער נעמט זי נאָר אָן פאַרשידענע פאָרמען. אין דער בראָשורע ווערט ערקלערט, אַז ניט די זעלבסטהערשנדע רעגירונג האָט באַשאַפן דעם אַנטיסעמיטיזמוס, נאָר איר אייגענער אַנטיסעמיטיזמוס איז אויך אַ פּראָדוקט פון דעם אַלגעמיינעם אַנטיסעמיטיזמוס, וועלכן זי נוצט נאָר צייטנווייז אויס צוליב אירע אייגענע צוועקן. די זעלבסטהערשונג ווערט דאָרטן אַרויסגעשטעלט ניט ווי די גרונד־אורזאַכע פון אונזערע אידישע צרות אין רוסלאַנד, נאָר ווי איינע פון די פילע קרעפטן, וועלכע פאַרשטאַרקן אין געוויסע מאָמענטן די ווירקונג פון דער הויפּט־סבה, פון אונזער גלות־צושטאַנד. אַזעלכע געדאַנקען האָבן נאַטירליך ניט געקענט געפעלן די יעניגע „פּועלי־ציון", וועלכע האָבן שוין צו יענער צייט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די אַרומיגע ערשיינונגען פון בונדישן שטאַנדפּונקט. אין מינסק איז מען נאָך דאַמאָלס ניט געוועזן אַזוי ווייט פאַרקראָכן. די מינסקער „פּועלי־ציון" האָבן ווייניגסטנס דאַמאָלס אַלע כמעט מסכים געווען מיט אַלץ, וואָס שטייט אין דער בראָשורע, וועלכע זיינען געקומען מיט אַ וואונדערליכער טענה, די בראָשורע האָט דאָך געקענט אָנשרייבן איין אַלגעמיינער ציוניסט! די טענה איז ריכטיג אָבער דאָך האָט זי ניט קיין שום זין. די ציוניסטן פון פאַרשידענע ריכטונגען גייען זיך פאַנאַנדער אין זייערע ווייטערדיגע אידעאַלען אָדער די ספּעציעל אידישע צרות ערקלערן אַלע ציוניסטן גלייך. זיי זעען אין דעם אַ פּראָדוקט פון אונזער גלות־צושטאַנד, ניט אַ פּראָדוקט פון דער אויסערליכער אָרדנונג אין דיזער אָדער יענער לאַנד. און אַזוי ווי אין דער בראָשורע וועגן האָמעלער פּאָגראָם ווערט נאָר ערקלערט די אורזאַכע פון די פּאָגראָמען, איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט, האָט אייגנטליך געקענט זאָגן יעדער אַנדער ציוניסט. וואָלט עס געזאָגט אַן אַנדערער, וואָלט אונז געוועזן פאַרי

שׁ פּ אָ ר ט צו זאָגן. אַנדערש קען גאָר ניט זיין.

דאָס איז אַזוי איינפאַך, אַז יעדערער האָט עס אייגנטליך געדאַרפט פאַרשטיין. אָבער די פּסיכאָלאָגיע פון אונזערע „פּועלי־ציון" איז שוין געווען אַביסל צעבראָכן דורך דעם, וואָס עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ וואָרט אָן אַן אינהאַלט. אונזערע „פּועלי־צון" האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו דוכטן, אַז מיר טאָרן אין קיין זאַך ניט זיין גלייך צו די איבעריגע ציוניסטן, אַפילו אין דעם ציוניזמוס גופא.

אָבער דאָס איז געווען נאָר אַ קליינער סימפּטאָם פון דער טראַגישער ווירקונג, וועלכן ניט אַלע האָבן באַמערקט. אַלע זיינען דאָך געבליבן איבערצייגט, אַז פּראַקטיש גייט מען זיך אין קיין זאַך ניט פאַנאַנדער און דעריבער איז מען ניט מחויב אַרויסצורופן אַ שפּאַלטונג אין פאַריין. עס זיינען געמאַכט געוואָרן איניגע פאַרזוכן אויסצואַרבעטן אַ פעסטן פּראָגראַם, אָבער מען האָט זיך אַליין אָפּגעהאַלטן, ווייל מען האָט מורא געהאַט אַרויסצורופן דערמיט אַ שפּאַלטונג. אין אַזאַ צושטאַנד האָט דער פאַריין איבערגעלעבט דעם לעצטן האַלב יאָר.

עס האָט אָבער ניט געדויערט עטליכע מאָנאַט, און אונזערע „סאָציאַליסטן" זיינען שוין אַריבער אין צווייטן פּעריאָד פון זייער אַנטוויקלונג. מען איז אין אַ גוטער שעה געוואָרן רעוואָלוציאָנערן, נאַטירליך אויפ'ן פּאַפּיר. דיזעלבע, וועלכע האָבן פריער געשריבן, אַז אײנס צו דאָס אַנדערע איז גאָר ניט שייך: מען קען זיין אַ סאָציאַליסט, און דאָך ניט זיין קיין רוסישער רעוואָלוציאָנער ווי באַלד די רעוואָלוציע וועט אונז גאָר נישט ניט געבען, דיזעלבע האָבען שוין אָנגעהויבן צו זינגען אַ גאַנץ אַנדער לידעלע: מיר קענען ניט זיין ניט קיין רעוואָלוציאָנערן, ווייל דער לעבן(?) טרייבט אונז דערצו.

פון דעם צווייטן פּעריאָד איז נאָר איין טראָט צום דריטן און לעצטן פּעריאָד. מען האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אַלע ערשיינונגען פון בונדישן שטאַנדפּונקט. מען האָט אָנגעהויבן צו זען אין דער רעגירונג די הויפּט־סבה פון אַלע אונזערע צרות, און דער ציוניזמוס איז געוואָרן איבעריג. מען האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען ניט נאָר אָן דער מעגליכקייט פון דעם ציוניזמוס, נאָר אַפילו אין זיין נויטיגקייט. ביי אונז זיינען שוין אויך דאָ איניגע „פּועלי־ציון" (צום גליק איז נאָך זייער צאָל ניט גרויס), פאַר וועלכע דער ציוניזמוס האָט פאַרלאָרען כמעט זיין גאַנצע באַדייטונג, און דאָך האָבען זיי ניט דעם מוט אָפּצוזאָגן זיך פון אים אינגאַנצן.

איצט פילט שוין יעדערער, אַז ווייטער קען דאָס אַזוי ניט גיין, איצט איז שוין ניטאָ וואָס צו רעכענען זיך מיט דעם, טאָמער וועט סוף כל סוף קומען צו אַ געווויסער שפּאַלטונג, דער פאַריין מוז האָבן אַ פעסטן פּראָגראַם, און אַזאַ פּראָגראַם ליגט אים איצט פאַר דער קאָמיטעט. יעדערער פון אונז קען גאַנץ רוהיג באַטראַכטן דאָס פּראָגראַם. עס איז ניט אַזוי וויכטיג, מיר זאָלן איינער דעם אַנדערן איבעררידן. וויכטיג איז נאָר אַרויסצושטעלן קלאָר די פּרינציפּן, כדי יעדערער זאָל וויסן וואוהין ער געהערט. מיר גיבן אַרויס אונזער פּראָגראַם, וואָס איז נאַטירליך אַ רעזיומע פון דאָס, וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט.

1. די כראָניק פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.*)

יעקאַטערינאָסלאַוו. דעם 25טן נאָוועמבער האָט די היגע ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „פּועלי ציון“ אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע „צו אַלע אַרבעטער־ציוניסטן“. די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג, וועלכע הערשט איצט ביי דעם גרעסטן טייל פון „פּועלי ציון“. נאָך דעם ווי די פּראָקלאַמאַציע זאָגט אַרויס איניגע אַלגעמיינע געדאַנקען וועגן די איצטיגע לאַגע פון אידישן פאָלק, און נאָכדעם ווי זי קריטיקירט אין איניגע באַמערקונגען דעם אָפּיציעלן ציוניזם און דעם „בונד“, ענדיגן די פאַרפאַסער פון דער פּראָקלאַמאַציע מיט אַן אויפרוף צו אַלע אַרבעטער־ציוניסטן, וועלכע זיינען מסכים מיט זיי, דאָס דיזע אַלע אַרבעטער זאָלן זיך פאַראייניגן אונטער איין פאָן, און דאַס די פאַרשידענע גרופּן זאָלן זיך מער מתקרב זיין איינע צו די אַנדערע, צום סוף ווערן ערקלערט אין דער פּראָקלאַמאַציע די אַלגעמיינע פּרינציפּן און אויפגאַבן פון דער יעקאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע אין פאָלגנדער אויסדריקונג:

1) די פּועלי ציון שטייען אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט, ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער שטרעבט צו פאַרניכטן די עקזיסטירנדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג און צו פאַרוועקסלען זי אויף אַ סאָציאַליסטישע.

2) די פּועלי ציון ערקענען, דאָס יעדע נאַציע האָט דאָס רעכט, זיך זעלבסט צו באַשטימען.

3) די פּועלי ציון געפינען, אַז די גאַנצע און פאָלקאָמע באַפרייאונג פון אַלע נאַציאָנען וועט ערשט זיין מעגליך דענסטמאָל, ווען עס וועט פאַרווירקלאַכט ווערן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, ווייל, כל זמן עס הערשט די בורזשואַזיע, מוז אויך עקזיסטירן די שנאה צווישן נאַציאָנען און ממילא אויך די אונטערדריקונג פון איין נאַציאָן דורך דער צווייטער.

4) די פּועלי ציון ערקענען, אַז די שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַל פּאָליטישן צענטער אין פּאַלעסטינע איז די נויטיגסטע באַדינגונג, דער יסוד פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קיום, וואו די אידישע מאַסע זאָל זיך קענען פריי און רעגלמעסיג אַנטוויקלען.

די פּועלי ציון איז די פּאַרטיי פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע שטעלט זיך פאָלגענדע אויפגאַבן:

1) „די שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן צענטער אין פלשתינה“.

2) „אַן אַקטיווין קאַמף פאַר בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכטן אין גלות“.

3) „אַ קאַמף מיט דעם הערשנדן געזעלשאַפטליכן אָרדנונג“.

לויט דיזע פּרינציפּן, אַזוי ווי אויך פון דער גאַנצער פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איז שוואַך אין ליטעראַרישן זין, איז שווער צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף פון דער טאַקטישער פּאָזיציאָן, ווי אויך פון דער פּראָגראַם פון דער יעקאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע. מען קען נאָר פּאַקטיש באַהויפּטן, אַז עס זיינען דאָ זייער סימפּאַטישע שטימונגען ביי די אַרבעטער־ציוניסטישע אגודות. אַזעלכע שטימונגען, וועלכע זיינען צוזאַמענגעוואָקסן פון אָנהויב אָן מיט דער יעקאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע. די טעאָרעטישע אַנשויאונגען האָבן אָבער ניט קלאָר אַרויסגעזאָגט די יעקאַטערינאָסלאַווער אַרבעטער אין זייער פּראָקלאַמאַציע. מיר זיינען אין ספק, אויב עס

*) אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע: דרוקנדיג אַ גאַנצע רייע קאָרעספּאָנדענץ־כראָניקעס פון די אַרבעטער־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָט דערהוויל די רעדאַקציע דעם ציל, באַקאַנט צו מאַכן פאַרלויפיג דעם לעזער בכלל מיט דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון די לעצטע און באַקימערט זיך ניט מיט זייער אינערליכן לעבן. צוליב דעם צוועק וועלן אונזערע קאָרעספּאָנדענטן באַקאַנט מאַכן די לעזער מיט דער גאַנצער ליטעראַטור, וואָס איז נוגע דעם דאָזיגן ענין: מיט די פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און אַזוי ווייטער. דיזע קאָרעספּאָנדענציעס וועלן דינען פאַר אונז אַלס רויער־מאַטעריאַל, דורך וועלכער די לעזער וועלן קאָנען באַקאַנט ווערן מיט אַלע (צווישן זיך גאַנץ פאַרשידענע) שטרעבונגען אין דער יונגער באַוועגונג. שפּעטער וועלן מיר געבן אַ רייע פּרינציפּיעלע אַרטיקלען איבער די גרונט־פראַגן פון דער באַוועגונג.

וועט זיין בכלל מעגליך אויף דעם אופן צו פאַראייניגן אַלע אַרבעטער ציוניסטן אין איין פעסט צוזאַמענגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל האָבן פעסטע פּרינציפּן און אַ באַשטימטע טאַקטיק.

און אין אמת'ן, ווען מען ווערט נאָר אַבערפלעכליך באַקאַנט מיט די גרעסטע אָרגאַניזאַציעס „פּועלי ציון" פון פאַרשידענע שטעט, באַמערקט מען גלייך אַ גאַנצע רייע וויכטיגע פאַרשידנהייטן צווישן זיי. עס איז גענוג צו ווייזן אויף דעם מיינונג געגן דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, אין וועלכן אַזעלכע צוויי קאָנטראַסטן, ווי יעקאַטערינאָסלאַווער און מינסקער פּועלי ציון זיינען מסכים, אין דער צייט, ווען די איבעריגע אַרבעטער אָרגאַניזאַציאָנען האַלטן יאָ אונטער דעם פּראָיעקט די פאַראַרשידענע אָרגאַניזאַציעס גייען זיך אויך פאַנאַנדער בנוגע דעם פּאָליטישן און קלאַסן־קאַמף, בנוגע דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, די שייכות צו דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע און אַלע נאָענטסטע אויפגאַבן, וואָס ווערט אָנגערופן „צוקונפטס פּראָגראַם". דערווייל קאָן מען נאָך ניט זאָגן, דאָס דיזער ציוניזם האָט אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג, ווען מען זאָל ניט רעכענען איינציגע אַלגעמיינע יסודות פון די „פּועלי ציון" בנוגע דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון אידישן פאָלק בכלל. אין אַלע איבעריגע הינזיכטן זיינען די פאַרשידענע אגודות „פּועלי ציון" אַזוי ווייט איינער פון דער אַנדערער „כרחוק מזרח מן מערב".

דער פאַרבונד צווישן די אָרגאַניזאַציעס איז זייער אַ שוואַכער, באַזונדערס צווישן די דרום־און מערב־שטעט.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען דאַרף מען זיך זייער וואונדערן אויף די אומגלויבליכע געשווינדקייט, מיט וועלכער דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם אַנטוויקלט זיך: אין די לעצטע צוויי יאָר האָבן זיך געבילדעט אַרבעטער־אגודות כמעט אין אַלע גרויסע אידישע שטעט אין מערב־און אין דרום־רוסלאַנד. דער „בונד", ניט ווילנדיג, באַקימערט זיך שטאַרק וועגן זיי אין „די לעצטע ידיעות". דער לעצטער פּראָטאָקאָל איבער דעם „בונד'ס" טעטיגקייט פון 4טן ביז'ן 5טן צוזאַמענפאָר מאַכט באַזונדערס אויפמערקזאַם אויף דער געשווינטער אַנטוויקלונג פון דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם, וועלכער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן אין דער לעצטער צייט.

און אַגב גיט דער „בונד" דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם אויך אַזאַ „אמת'ע" (לויט די „אמת'ע" פאַקטן, וואָס ער ברענגט דאָרטן) כאַראַקטעריסטיק, ווי דעם בורזשואַזנעם ציוניזם.

דער פאַקט אָבער, אַז די אַרבעטער־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון זייערע פריערדיגע אַגיטאַציאָנע און אָרגאַניזאַציאָנע ראַמען, וועלכע זיינען שוין איצטער ניט אימשטאַנד אַרומצונעמען אַלע אָרגאַניזאַציעס — דער דאָזיגער פאַקט איז דער בעסטער באַווייז, ווי ווייט די פּועלי ציון זיינען לעבנספעאיג. **און די נאָענטסטע אויפגאַבע** דאַרף זיין צו פאַראייניגן טעאָרעטיש און פּראַקטיש אַלע צעוואָרפענע אגודות.

אָדעס. אין אָנפאַנג היינטיגן ווינטער האָט זיך ביי אונז געגרינדעט אַ נייע אָרגאַניזאַציע „פּועלי ציון". די היגע ציוניסטן האָבן שוין לאַנג זיך געסטאַרעט צו גרינדן אַזעלכע אַרבעטער־אגודות, נאָר זיי זיינען על פי רוב געווען אַ מקרה־זאַך, זיי האָבן געטראָגן אַ צופעליגן כאַראַקטער, און דעריבער האָבן זיי טאַקע אין דיזער הינזיכט קיין פאָרטשריט ניט געמאַכט. כאָטש אין אָדעס וואוינען אַזוי פיל אידישע אַרבעטער, איז זי פאָרט געווען נאָר דער צענטער פון בורזשואַזנעם ציוניזם. צווישן די אַרבעטער האָבן אַגיטירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און אין דער לעצטער צייט, אויך דער „בונד". איצטער לאָזן זיך הערן נייע לידער. די בעסטע אינטעליגענטישע קרעפטן פון די אָדעסער ציוניסטן שטרעבן צו אַרבעטן צווישן די אַרבעטער. מיט דער דאָזיגער אַגיטאַציע ווירקן זייער מיט די אַרבעטער פון מערב רוסלאַנד, וועלכע באַזעצן זיך דורך וואָס עס איז פאַר אַן אופן, אין אָדעס. זיי זיינען די בעסטע פאַרשפּרייטער פון די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אידעען צווישן דער מאַסע.

דער נייער קאָמיטעט פּועלי ציון האָט מודיע געווען פון זיין קיום דורך אַ קליינער פּראָקלאַמאַציע „צו די אידישע אַרבעטער". די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציע רופט די אַרבעטער צום ציוניזם און צו דעם עקאָנאָמישן קאַמף. ווי קוקט דער קאָמיטעט אויף דעם פּאָליטישן קאַמף, איז ניט דערמאָנט אפילו מיט איין וואָרט.

גלייך נאָך דער דאָזיגער פּראָקלאַמאַציע האָט דער קאָמיטעט אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבן די „ציוניסטישע אַרבעטער כראָניק", וועלכע גייט אַרויס יעדע וואָך אין דער פאָרמאַט פון ניט גרויסע העפטן און זיינען געדרוקט אויף אַ מימיאָגראַף. ביז איצט זיינען אַרויס כסדר דריי נומערן, און דער פערטער איז געווען אַ חנוכה־נומער. די „כראָניקעס" — לויט ווי עס איז מודיע די רעדאַקציע — וועלן דינען אַלס אַ וועג פאַר אַלע אָדעסער ציוניסטישע „פּועלי ציון". אין די כראָניקעס וועלן קומען טעאָרעטישע אַרטיקלען, וועלכע וועלן בפרטות ערקלערן די פּראָגראַם פון פּועלי ציון, ידיעות פון פאַרשידענע וויכטיגע פּאַסירונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער אידישער וועלט. די דאָזיגע ידיעות וועלן זיין פּאַסנד באַלויכטן, אויך

וועלן ווערן מיטגעטיילט אינפאָרמאַציאָנס ידיעות, ווי עס גייט די טעטיגקייט פון די „פּועלי ציון“ אין די אַנדערע שטעט.

דער ערשטער נומער „כראָניקעס“ איז מבאר די עיקר יסודות, אויף וועלכע עס איז פעסטגעשטעלט דער ציוניזם, די יסודות אויף וועלכע דער קאָמיטעט גרינדעט אויס זיין פּראָגראַם. מיר האַלטן ניט פאַר איבעריג פאַרצופירן דיזע יסודות, כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם אָדעסער קאָמיטעט:

1) „...נאָך אַ רעכטע היסטאָרישע תקופה אין דער מענטשליכער אַנטוויקלונג וועט פאָרקומען אין דער פאָרמע פון באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן. אַן אַלזייטיגע און פאָלקאָמע אַנטוויקלונג ביי יעדער פאָלק איז נאָר מעגליך דענסטמאָל, ווען עס פירט אַ זעלבסטשטענדיגע, פרייע עקזיסטענץ; כדי די מאַטעריאַלישע און גייסטליכע באַדערפעניש זאָלן ווערן צופרידנגעשטעלט, מוז דאָס פאָלק האָבן אַ נאַציאָנאַלע און סאָציאַל-פּאָליטישע אווטאָנאָמיע (אַ זעלבסטשטענדיגן קיום). אַזאַ אווטאָנאָמיע איז מעגליך נאָר דענסטמאָל, ווען דאָס רוב פון דער נאַציע געפינט זיך אויף איר אייגענער טעריטאָריע, און ווען די נאַציע אַנטוויקלט זיך, ווי עס פאָדערן אירע גייסטליכע און עקאָנאָמישע באַדערפנישן. יעדע נאַציע האָט דאָס פאָלקאָמע מאָראַלישע רעכט צו פאָדערן אַזעלכע באַדינגונגען, וואו זי זאָל קאָנען פירן איר עקזיסטענץ פולקאָם זעלבסטשטענדיג.

2) „די אידישע נאַציע האָט ניט איר אייגענע אווטאָנאָמיע אין דער צייט, ווען אַלע נאַציאָנען האָבן דאָס יאָ. די אידן בילדן אומעטום נאָר אַ קליינעם טייל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, צווישן וועלכע זיי וואוינען. און דעריבער זיינען די אידן געצוואונגען זיך צו אַנטוויקלען, לויט עס פאָדערן די באַדינגונגען פון די הערשנדע נאַציאָנען. דאָס מזל און דער קיום פון דער אידישער נאַציע ווערט באַשטימט ניט דורך די אידן זעלבסט, נאָר לויט די אינטערעסן און די באַדערפענישן פון די הערשנדע נאַציאָנען. דיזער היסטאָרישער דרוק האָט צעקאַליעטשעט די אידישע נאַציע דערמיט, וואָס די לעצטע איז געצוואונגען געווען זיך צו אַנטוויקלען איינזייטיג. צופרידנשטעלן די באַדערפנישן פון די נאַציאָנען, וועלכע רינגלען איר אַרום, האָט די אידישע נאַציע זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלק פון קליין בירגער — סוחרים, בעלי מלאכות; דער קלאַס ערדאַרבעטער איז אינגאַנצן צווישן אידן ניטאָ: די אידישע מאַסע, וועלכע איז צוזאַמענגעקוועטשט דורך אירע באַשעפטיגונגען ספּעציעל אין די שטעט, איז שרעקליך אונטערדריקט עקאָנאָמיש און גייסטליך.

די אורזאַכן פונ׳ם עקאָנאָמישן דרוק ליגט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוילונג, וואָס קומט פאָר אין אונזער געזעלשאַפט. די אַנטוויקלונג פונ׳ם גרויסן קאַפּיטאַל און אינדוסטריע מאַכט חרוב די קליינבירגערליכע געשעפטן און אונטערנעמונגען, און די אייגנטימער פון די לעצטע זיינען געצוואונגען צו ווערן פּראָלעטאַריער. אָבער אין די לענדער, וואו עס זיינען צוזאַמענגעדריקט אין איין אָרט גרויסע אידישע מאַסן, איז אוממעגליך, יעדנפאַלס זייער שווער, דער איבערגאַנג פאַר אידן פון קליינבירגער אין פּראָלעטאַריער.

דעם דאָזיגן איבערגאַנג לאָזט ניט צו דער אַקערבויערישער כאַראַקטער פון דיזע לענדער און די קאָנקורענץ פון די מער שטאַרקערע הערשנדע נאַציע, וועלכע לאָזט ניט צו אידן צו די מער פּראָדוקטיוו־עקאָנאָמישע צווייגן. מחמת דעם עקאָנאָמישן דרוק ווערט שרעקליך פאַראָרעמט די אידישע מאַסע, זי ווערט שוואַך פיזיש, גייסטליך און זיטליך און די גרויסע רדיפות צוזאַמען מיט דעם עקאָנאָמישן דרוק רופן אַרויס ביי די אידן אַן אומגעהויערע עמיגראַציע. אָבער די איצטיגע עמיגראַציע אין די באַזעצטע קולטורעלע לענדער איז זייער געפערליך. וואָס מער עס פאַרגרעסערט זיך די עמיגראַציע, אַלץ מער אַנטוויקלט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אין די לענדער, וואו די אידן עמיגרירן, און אַלץ העכער הערן זיך קולות, אַז מען דאַרף אינגאַנצן פאַרמאַכן די טירן פאַר די אויסוואַנדערער. די ביטערע לאַגע פונ׳ם אידישן פאָלק ווערט נאָך טרויעריגער דורך דעם, וואָס די אידישע אינטעליגענץ אַסימולירט זיך מיט דער אַרומיגער באַפעלקערונג און גייט אינגאַנצן אַוועק פון איר אייגענער נאַציע.

3) „פון דיזע אומרעגלמעסיגע באַדינגונגען, אין וועלכע עס געפינט זיך דאָס אידישע פאָלק, ליידט מער פון אַלע דער אידישער פּראָלעטאַריאַט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ליידט דאָפּלטע צרות: פון די נאַציאָנאַלע רדיפות און פון דעם קאַפּיטאַל, און דעריבער מוז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פירן אַ דאָפּלטן קאַמף. אין רוסלאַנד און אין גאַליציען, וואו עס געפינט זיך די הויפּטמאַסע פונ׳ם אידישן פאָלק, איז דער פּראָלעטאַריאַט געצוואונגען אָפּצוגעבן זיינע בעסטע כחות אויף דער מלחמה מיט דער זעלבסטהערשונג, מיט דעם אַדעל א. אז. וו., ד. ה., מיט אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע געפינען זיך ניט אין דעם אידישן פאָלק גופא, און די דאָזיגע מלחמה וואָלט דער אידישער פּראָלעטאַריער פאַרשפּאָרט צו פירן, ווען ער וואָלט זיך אַנטוויקלט זעלבסטשטענדיג.

ווייטער, דאָ אין רוסלאַנד געפינט דער קאַמף פון אידישן פּראָלעטאַריאַט פאַר זיין צוקונפט אַ סך מניעות פון דער קאָנסערוואַטיווער רוסישער מאַסע און דעם אַקערבויערישן כאַראַקטער פונ׳ם לאַנד און אין דער נאַציאָנאַלער שנאה, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט היסטאָריש און וועלכע ווערט נאָך שטאַרקער מחמת דער אומרעגלמעסיגער לאַגע פונ׳ם אידישן פאָלק און דורך די אונטערהעצונגען פון דער רעגירונג.

4) „די אַלע רעזולטאַטן פון דער אומרעגלמעסיגער לאַגע קענען נאָר פאַרניכטעט ווערן דורך דעם, וואָס די אידישע נאַציע וועט צוריק אָנפאַנגען צו פירן אַ רעגלמעסיגן לעבן.

דאָס אידישע פאָלק מוז צוריק אָנפאַנגען פירן אַן אויטאָנאָמישן זעלבסטשטענדיגן לעבן אויף זיין טעריטאָריע.

צו שאַפן די באַדינגונגען צו אַזאַ סאָרט לעבן — אין דעם איז די אויפגאַבע פון ציוניזם.

5) „דער אידישער פראָלעטאַריאַט, אַלס דער געזונדסטער קלאַס פון אידישן פאָלק, דאַרף שטיין אין דער רייע פון די קעמפער פאַר די פאָלקס־באַפרייאונג. קעמפן געגן יעדע אונטערדריקונג, דאַרף דער אידישער פראָלעטאַריאַט אויך אויפהויבן די פאָן אין דעם נאָמען פון דער באַפרייאונג פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אין דעם נאָמען פון דער פרייער אַנטוויקלונג פון אידישן פאָלק. באַפרייענדיג דאָס אידישע פאָלק, באַשאַפט דער פראָלעטאַריאַט צוזאַמען מיט דעם ניע באַדינגונגען פאַר זיין אייגענער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג. אָבער פאַרייניגן זיך אונטער דער פאָן פון ציוניזם, טאָר דער אידישער פראָלעטאַריאַט אפילו ניט פאַרגעסן אויף איין מינוט דעם גרויסן סאָציאַליסטישן אידעאַל, פאַר וועלכן ער פירט אַזאַ ענערגישן קאַמף.

קעמפן פאַר די רעגלמעסיגע באַדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר דעם עקזיסטענץ פון זיין פאָלק, מוז דער פראָלעטאַריאַט אין דער אייגענער צייט שטרעבן, דאָס עס זאָלן פאַרווירקליכט ווערן די גרויסע סאָציאַליסטישע אידעען.

דעריבער, צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע אויפגאַבען שטעלט זיך דער פראָלעטאַריאַט ספּעציעלע צילן. אָרגאַניזירנדיג די אידישע אַרבעטער אויף דעם באָדן פון ציוניזם, דאַרף מען אין דער אייגענער צייט פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַלן און דעם קלאַסן באַוואוסטזיין צווישן די אַרבעטער ציוניסטן, און ניט דערלאָזן, אַז דער קלאַסנבאַוואוסטזיין פון דער אידישער אַרבעטער מאַסע זאָל פאַרדונקלט ווערן דורך דעם, וואָס זיי נעמען אַן אַנטייל צוזאַמען מיט די איבעריגע קלאַסן פון אידישן פאָלק, אין דער נאַציאָנאַלער אַרבעט. פעסט קעמפענדיג פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, מוז דער פראָלעטאַריאַט שטרעבן זיי דורכצופירן אין לעבן גלייך, ווי עס וועט פאַרווירקליכט ווערן די ציוניסטישע אידעע.

אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־ציוניסטן איז איצט אויך נויטיג, כדי בעסער צו באַשיצן די קלאַסן־אינטערעסן. ענדליך האַלט דער ציוניסטישער פראָלעטאַריאַט פאַר אַ חוב צו פירן אַ קאַמף מיט די אַלע אַנדערע שטוי-מוטגען צווישן די אידישע אַרבעטער, אויף וויפיל דיזע שטימונגען קלערן ניט ריכטיג אויף די נאַציאָנאַלע אויפגאַבע און דערמיט גופא פירן זיי די אידישע מאַסע אויף ניט ריכטיגע וועגן".

אויסער דיזן אַרטיקל זיינען דאָ אין ערשטן נומער צוויי אַרטיקלען איבער די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און גאַליציען און וועגן דאַשעווסקי'ס אָנפאַלן אויף קרושעוואַנ'ען.

אין דעם לעצטן אַרטיקל פאַרדינט אונזער אויפמערקזאַמקייט דעם מחבר'ס בליק וועגן דאַשעווסקי'ס אָנפאַל — דער דאָזיגער בליק איז סותר, לויט אונזער מיינונג, אַלע פריערדיגע געדאַנקען פון מחבר.

„דאַשעווסקי איז אַ ציוניסט — זאָגט דער מחבר — און דאָס גליק פון זיין פאָלק זעט ער נאָר אין זיין זעלבסטשטענדיגן לעבן אויף דער אייגענער טעריטאָריע; זיין נשמה אָבער איז זייער אַ ווייכע און אַ היציגע: זי האָט זיך געמוזט אָפּרופן אויף די אַלע באַליידיגונגען, וואָס שיטן זיך זייער פיל פון אַלע זייטן אויף דעם אויסגעמוטשעטן, אָפּגעשוואַכטן רוקן פון דער אידישער מאַסע. ער ווייס, אַז זיין שריט, אויף וועלכן ער האָט זיך ערוואַגט, וועט ניט מקרב זיין די ציוניסטישע אידעע אפילו אויף איין האר; ער פילט אָבער אויך, אַז איין איינציגער איד קאָן ניט פאַרשווייגן קרושעוואַנ'ען עט קאָמפּ. די רשעות, וואָס זיי האָבן געגן אונז געטאָן. אַ הייליגע נקמה האָט זיין גייסט געפאָדערט", א. אז. וו.

אַזאַ אוממוטיגער בליק בנוגע דעם קאַמף מיט דעם עפענטליכן אַנטיסעמיטיזם און מיט'ן אַנטיסעמיטיזם פון דער רעגירונג, אויף זיינע אוממיטלבאַרע רעזולטאַטן און אויף זיין ווירקונג אויף דער פאַרווירקליכונג פונ'ם נאַציאָנאַלן אידעאַל — אַזאַ בליק, לויט ווי עס וואָלט אויסוויזן, פאָדערט אַ פאָלקאָמע גלייכגילטיגקייט צו דער אַרומיגער ווירקליכקייט: די גאַנצע אונזערע געזעלשאַפטליכע ענערגיע דאַרף ווערן פאַרברויכט אויף די מיטלען, וועלכע פירן אוממיטלבאַר צום בנין פון דער נייער אידישער געזעלשאַפט. מיט איניגע שורות פריער זאָגט אָבער דער אויטאָר, אַז מיט דאַשעווסקי'ן פראָטעסטירט די אידישע יוגנט געגן דעם געוויסן אידישן „מקבל באהבה זיין", וועלכע מען האָט בקבלה.

„די אידישע יוגנט פאָדערט אַ דרייסטע און פּאַסנדע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אָן וועלכע דאָס אידישע פאָלק וועט אַלץ שוואַכער און קאָן אויסגאַנצן מיט דער צייט אונטערגיין". די לעצטע פראַזע ווייזט דערויף, אַז „אַ דרייסטע און אַ פּאַסנדע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק" איז נויטיג ניט

גאָר „צו באַפרידיגן אונזער אויסגעמוטשעטע און צעריסענע נשמה" (דעם אויטאָרס אויסדרוק): אויף נקמה, — כאָטש גאָר די „הייליגסטע" — קען מען ניט בויען אַ ריכטיגע שיטה פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אינ'ם צווייטן נומער „כראָניקעס" זיינען פאַראַן 2 אַרטיקלען: וועגן די באַציאונגען פון „פּועלי ציון" צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און וועגן דעם צוזאַמענפאָר פון די רבנים אין הוראָדנאַ און איניגע קליינע קאָרעספּאָנדענציעס: „פון דעם לעבן פון די אגודות „פּועלי ציון".

אינ'ם ערשטן אַרטיקל רעקאָמענדירט די רעדאַקציע די אַרבעטער־ציוניסטן „אָפּצוטיילן זיך פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און צו בילדן אַ זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציאָנע גאַנצע מיט איין אינדיווידועלע קלאַסן־פיזיאָנאָמיע". אַז די אַרבעטער זאָלן זיך אָפּטיילן איז, לויט דעם אויטאָר'ס מיינונג, נייטיג איבער צוויי אורזאַכן: „ערשטנס, כדי אָפּצוהיטן פון דעם מישמאַש און פאַרדונקלען פון דעם ק ל אַ ס ן ב אַ ו ו א ו ס ט ז י י ן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, און צווייטנס, צוליב דעם, כדי עס זאָלן מנצח זיין די פאָדערונגען, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט שטעלט אַרויס אין דער ציוניסטישער פּראָגראַם. כדי פאַנאַנדערצושיידן די פאָדערונגען פונ'ם ציוניסטישן פּראָלעטאַריאַט פון די פאָדערונגען, וועלכע עס שטעלט אַרויס די ציוניסטישע בורזשואַזיע, פירט אונז פאָר דער מחבר אַ פאָדערונג: „אַז די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציאָן זאָל זיין געגרינדעט אויף די יסודות פון קאָאָפּעראַציעס (געמיינשאַפטליכע אייגנטום), אָבער ניט אויף פּריוואַט אייגנטום". פון אַנדערע פאַרשידנקייטן בנוגע דער „אינערליכער" און „אויסערליכער" ציוניסטישער פּאָליטיק, שווייגט, צום באַדויערן, דער מחבר, אויסער „דעם עקאָנאָמישן קאַמף", וועלכע אַנדערע עלעמענטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פאַרשטייט זיך, קענען ניט פירן.

אַלס איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבן פון די „פּועלי ציון" ווייזט אָן דער מחבר אויף די אַגיטאַציע צווישן פּראָלעטאַריאַט, הגם מען דאַרף אין דער אייגענער צייט ניט אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון דער אַגיטאַציע צווישן די איבעריגע שיכטן פון אידישן פאָלק, באַזונדערס צווישן דער סאָציאַליסטיש געזאָנענער אינטעליגענץ.

ניט זעענדיג אויף דעם אופן קיין גרויסן אונטערשייד צווישן די פּראָגראַם פון אָדעסער קאָמיטעט און די אַלגעמיינע ציוניסטישע פּראָגראַם, מיינט דער מחבר, אַז די מלחמה, וואָס שטייט פאַר די „פּועלי ציון" צו פירן מיט די בורזשואַזנע עלעמענטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועט זיין ניט אַזאַ שטאַרקע און זי וועט ניט צורייסן דעם „אחדות" אין ציוניסטישן לאַגער.

אויסער דעם — זאָגט דער מחבר — וועט די מלחמה ניט זיין אַזאַ שווערע און זי וועט זיך מסתמא ענדיגן מיט גרויס נצחון, ווייל דער אידישער קליינבירגער איז ניט גלייך צו די קליינבירגער פון אַן אַנדער נאַציאָן, וועלכע האָבן זיך (לויט דר. סירקינ'ס אויסדרוק) פעסט איינגענאַדעט אין זייער בורזשואַזנעם „גן־עדן" און ווילן בשום ענין ואופן ניט אַרויסקריכן פון דאָרטן. אונזערע קליינבירגער זיצן אין בורזשואַזנעם „גיהנם" און זיי וואָלטן זיך מיט גרויס פאַרגעניגן אַרויסגעכאַפּט פון דעם דאָזיגן „גיהנם" און זיך מיט גרויס חשק גענומען צו פּרוכטבאַרער, פּראָדוקטיווער אַרבעט, ווען עס וואָלט נאָר דאָס געווען מעגליך. לויט איר פּסיכאָלאָגיע צייכנט זיך די אידישע קליין־בורזשואַזיע (וועלכע די פאָריגע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן זיי שוין פאַרטיג געמאַכט פאַר קאַנדידאַטן אויף פּראָלעטאַריער) גאָר ניט אַזוי שטאַרק אויס פון אונזער פּראָלעטאַריאַט, ווי מען וואָלט אין פלוג מיינען. און דאָס איז טאַקע די אורזאַכע, וואָס די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע מיט דער באַלייכטונג פון סאָציאַליזם באַגעגנט ניט אַ שטיינערנעם באָדן צווישן דער אידישער קליין־בורזשואַזיע".

מיר קענען גלייך מסכים זיין מיט'ן מחבר, אַז אַזאַ סאָרט פּראָגראַם קאָן ניט באַגעגענען אַ שטורמדיגע מלחמה. עס וואָלט אָבער גאַנץ אַנדערש געווען, מסתמא, ווען די אָדעסער אַרבעטער־ציוניסטן וואָלטן געגעבן אַ גלייכן און באַשטימטן ענטוואָרט אויף די פאַרשידנהייטן, פון וועלכע מיר האָבן גערעדט פריער. אויב עס וואָלט דערביי געליטן די „אחדות" פון דעם ציוניזם, וואָלט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם געוויס פאַרדינט דערביי.

די באַמערקונג וועגן דעם הוראָדנער צוזאַמענפאָר איז אָנגעשריבן שטרענג, אָבער מיר וואָלטן געגן דעם קיין זאַך ניט געהאַט, ווען די „כראָניקעס" וואָלטן ניט אָפּגעטיילט אַן אָרט צו אַזעלכע באַמערקונגען. אין דער לעגאַלער ליטעראַטור איז אויך געווען גענוג אַרטיקלען וועגן דעם דאָזיגן צוזאַמענפאָר, און דעריבער וואָלט געווען אַ סך וויכטיגער, אַז די אומלעגאַלע פּרעסע זאָל זיך באַשעפטיגן מיט די מער שטאַרקערע און מער בייזע שונאים...

דער דריטער נומער אַנטהאַלט אַרטיקלען וועגן דעם 2טן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער ס"ד פּאַרטיי, (איבער דעם „בונד'ס" אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי), דער אָנפאַנג פונ'ם פּרטי־כל וועגן קישינעווער משפּט (קאָראַבטשעווסקי'ס רעדע) און אַ לייט־אַרטיקל, וועלכער אַנטוויקלט איניגע יסודות פון דער פּראָגראַם.

דער חנוכה נומער ענטהאַלט דריי אַרטיקלען: „חנוכה", „חנוכה און אירע געגנער" און אַ פּעליעטאָן „וועגן די פּאַרטייען אינ'ם ציוניזם".

דער ערשטער אַרטיקל ערקלערט דעם סאָ־

ציאַל־פּאָליטישן יסוד פון די מכבים־קאַמף און פאַרגלייכט זייער וויציג יענע תקופה מיט די איצטיגע פּאַסירונגען אין אידישן לעבן. דער צווייטער אַרטיקל טראָגט אַ כאַראַקטער פון אַ פעליעטאָן און מאַכט אַביסל חוזק פון די אָדעסער פאָרשטייער פון דער „חברה צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אידן אין רוסלאַנד“, וועלכע עס האָבן זיך אויסגעפּליסט אין אָדעס מיט זייער בורזשואַז־אַסימילאַציאָנס פּרינציפּן, און פון די בונדיסטן. ניט קוקנדיג אויף דעם גרויסן אונטערשייד צווישן בורזשואַזנע „בעלי השכלה“ און די בונדיסטן, געפינט דער מחבר ביי זיין צד השוה: אַן אָפענע אָדער אַ באַהאַלטענע, אַ באַוואוסטע אָדער ניט קיין באַוואוסטע שטרעבונג צו אַסימילאַציע. — אַזוי כאַראַקטעריזירט דער מחבר די „געגנער פון חנוכה“.

מיר מוזן באַמערקן, אַז דער דאָזיגער אַרטיקל, אַזוי אויך דער אַרטיקל וועגן דעם צווייטן רוסישן ס״ד צוזאַמענפאָר, מאַכן אויף אונז אַ שלעכטן איינדרוק איבער זייער נוסח און טאָן, מיט וועלכן די „כראָניקעס“ ריידן וועגן „בונד“. דער דאָזיגער טאָן איז ענטווידער אַביסל חוצפּה׳דיג, אָדער צופיל „פערפעפערט“ מיט׳ן פעליעטאָן לשון. דער נאַציאָנאַלער אָפּאָרטוניזם פון „בונד“ רופט אָן אַ שום ספק אַרויס ביי אונז אַ געפיל פון אומצופרידענהייט און פאַראַכטונג, אָבער מיר דאַרפן דאָך ניט פאַרגעסן דעם „בונד׳ס“ גרויסן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן פאַרדינסט, אַלס דער ערשטער קעמפער געגן אונזערע נאַציאָנאַלע שונאים און אַלס דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט. דעם „בונד׳ס“ הנהגה אויפ׳ן צוזאַמענפאָר איז געווים געווען ניט פּאַסיג, און די אונצופרידענהייט איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אָבער מיר דאַרפן דאָך אָבער ניט פאַרגעסן, אַז אין דעם דאָזיגן פאַקט איז דאָך פאַראַן אַ מער וויכטיגע זייט: די עקשנות׳דיגע החלטה פון די רוסישע ס. ד.־פאָרשטייער, דאָס מיר זיינען ניט קיין נאַציע און, אַז מיר האָבן ניט קיין נאַציאָנאַלע באַדערפנישן. די דאָזיגע זייט גיט צו דער ערשיינונג שוין אַ ביסל אַ טראַגישן כאַראַקטער און פאָדערט שוין אַ גאַנץ אַנדער באַציאונג צו זיך, אַ מער ערנסטע און מער וויכטיגע. אויסער דעם דאַרפן מיר ניט סטאַרען זיך נאָכצוטאָן דעם „בונד“ און צו צאָלן אים מיט די זעלבע מטבעות, ווי ער אונז, מיר דאַרפן האָבן בנוגע צום „בונד“ מער סבלנות, ווי דער „בונד“ ווייזט אַרויס בנוגע דעם ציוניזם אין אַלע זיינע שטרעבונגען און פאָרמען. דער „בונד“ קען אונז אַליין דינען אַלס אַ משל, ווי וויט מען קען נאָך ניט מיט אַזעלכע אופנים אָפּשוואַכן דעם געגנער...

(דאַ קומט אַ לענגערער אויסצוג פון אַ סאַטירישן אַרטיקל געגן דעם פירער פון די אָדעסער ציוניסטן. — רעד. פונ׳ם אַלמאַנאַך.)

דער הויפּט חסרון פון די „כראָניקעס“, ווי מיר האָבן געוויזן, איז דאָס, וואָס זיי שווייגן איבער דער פראַגע פון פּאָליטישן קאַמף. מען דאַרף אָבער קיין טעות ניט האָבן און מיינען, אַז די ג אַ נ צ ע אָרגאַניזאַציע זאָגט זיך אָפּ פון דיזן קאַמף. איבער דער פראַגע וועגן די באַציאונגען צו דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, ווערט זייער שטאַרק געשטריטן צווישן די מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע. מען רעדט וועגן דעם, אויף וואָסער אופן קען מען דעם דאָזיגן קאַמף בעסער אויסנוצן אין דעם נאַציאָנאַלן זין, ד. ה., ווי און ווען דאַרף מען אַליין ווערן די פירער פון אַ רעוואָלוציאָנערער אונטערנעמונג, און ווי דאַרף מען זיך פאַרהאַלטן צו די רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען פון אַנדערע פּאַרטייען, מען ויכוח׳ט, אויב מען דאַרף זיך אָפּרופן אויף אַזעלכע ערשיינונגען, ווי צ. ב., פּאַראַיאָריגע פּאַסירונגען אין זלאַטאָוסט און ד. ג. אַזעלכע זאַכן דאַרף מען געווים אַרומריידן מיט אַ קלאָרן ישוב הדעת. א ו נ ז ע ר מיינונג איז, אַז ביי אַזעלכע ערשיינונגען דאַרף שטענדיג שטיין פאַר די אויגן דער כלל, „לאָז זיין אַביסל מערער, אַבי ניט ווייניגער“. די היסטאָרישע מאָמענטן פאָדערן פון אונז קרבנות פאַר אַלע פּאָליטישע חטאים פון בורזשואַזנעם ציוניזם, און וואָס גיכער עס וועלן ווערן פאָרגעבראַכט דיזע קרבנות, איז אַלץ בעסער.

מיר ווינשן דעריבער אונזערע יונגע חברים, וואָס גיכער טעאָרעטיש צו ענטפערן אויף דיזע פראַגן, אַזוי ווי עס האָבן אויף איר געענטפערט די עלטערע חברים אין וואַרשא און יעקאַטערינאָסלאַוו — און פּראַקטיש — וואָס גיכער איבערצוגיין פון די פּאָליטישע וכוחים אין דעם פּאָליטישן קאַמף אין ריכטיגן זין פון דעם וואָרט. נאָר ביי דיזער באַדינגונג קאָן דער ציוניסטישער פּראָלעטאַריאַט ווערן דער פאָדערשטער חיל פונ׳ם גאַנצן אידישן פּראָלעטאַריאַט.

מינסק. פון אַלע מערב גובערניעס איז מינסק דער ערשטער אָרט, וואו עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ציוניסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. ניט קוקנדיג אויף דעם, פאַרנעמט ניט מינסק אַזאַ בכבוד׳יגן אָרט אין די אַרבעטער ציוניסטן קרייזן. די מינסקער האָבן געקראָגן ניט קיין גוטן שם, ווייל זיי זיינען נאָענט געשטאַנען צו די עכט רעאַקציאָנערע אידישע אַרבעטער — צו די באַקאַנטע „ניעזאַווויסימצעס“. מיר מוזן באַמערקן, אַז די מינסקער אַרבעטער־ציוניסטן האָבן געהאַלטן פון די „פּאָליטישע גלייכגילטיגקייט“ איבער גאַנץ אַנדערע אורזאַכן און טעאָרעטישע איבערציגונגען, ווי די „ניעזאַוויסימצעס“. די טעאָריע פון די לעצטע איז געווען געגרינדעט אויפ׳ן ריינעם „עקאָנאָמיזם“. זייער פּראַקטישע פּאָליטיק איז געווען פאָרגעשריבן פון די רעכטע רעאַקציאָנערע אינסטינקטן, זיי האָבן פאַרשמוצט די

אידישע אַרבעטער־באַוועגונג דערמיט, וואָס זי האָבן איר מקרב געווען מיט זובאַטאָוון, וואַסיליעוון און נאָך אַנדערע „פּאַרטיידיגער" פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, זייער צווייפלהאַפטע „נוצן" און אַזאַ מיאוסן אָפּאָרטוניזם — אָט דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער פּאַרטיי, וועלכע איז שוין גאָט צו דאַנקען נפטר געוואָרן.

די מינסקער „פּועלי ציון" זיינען אויסגעגאַנגען פון ריינע אידעאַליסטישע געדאַנקען! די ליבע צום ציוניסטישן אידעאַל און דאָס גלויבן אין דער מאַכט פון אידישן פאָלק — פון איין זייט — און אַ טיפער טרויעריגער פּעסימיזם בנוגע צו די אַנדערע פעלקער און זייער שייכות צו דעם אידנטום — פון דער אַנדער זייט — אָט דאָס זיינען די עקרים פון זייער וועלטאנשויאונג.

אַזעלכע גרויסע טעאָרעטישע אונטערשיידן האָבן פונדעסטוועגן ניט געשטערט די „ניעזאַוויסימצעס" און „פּועלי ציון" מסכים צו זיין אין איין פּונקט: אין דער פּאָליטישער גלייכגילטיגקייט. איצט באַמערקט מען שוין ביי די מינסקער פּועלי ציון איניגע פאַרענדערונגען: די אַלטע פירער ביי די אַרבעטער פאַרלירן וואָס ווייטער זייער ווירקונג, מען באַמערקט אַ גרויסע שטרעבונג אָפּגרעניצן זיך פון די ניעזאַוויסימצעס.

נאָר פונדעסטוועגן גייען נאָך זייער שטאַרק אויף די אַלטע הייוון. אַלס זייער אַ כאַראַקטעריסטישן דאָקומענט פאַר די מינסקער אַרבעטער קאָן דינען דאָס אידיש ביכל: „צום אידישן פאָלק" (איניגע ווערטער וועגן האָמלער פּאָגראָם), וועלכן דער מינסקער קאָמיטעט האָט געדרוקט נאָך אין חודש סעפּטיאַבער. אין דעם דאָזיגן ביכל, וואָס איז געשריבן מי טאַ ריינער פאָלקס־שפּראַך, ווערט באַלויכטן זייער וואַרעם און ערלאַך די געשיכטע פון האָמלער פּאָגראָם מיט אַלע זיינע דעטאַלן. דער מחבר ווייזט, ווי שטאַרק עס איז געווען די אַנטיסעמיטישע שטימונג אין דער רוסישער מאַסע, אויב איניגע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען און דאָס גרויסע אונטערהעצונג פון דער רעגירונג זיינען געווען אימשטאַנד אויפצוהויבן אַזאַ שטורם פון שנאה און מערדעריי. דער מחבר ווידמעט איניגע וואַרימע ווערטער דעם גובערנאַטאָר קלינגענבערג'ס רעדע, וואו דער לעצטער בענקט שטאַרק נאָך די אידן פון דער גוטער אַלטער צייט „וועלכע האָבן ערלויבט זך צו שפּייען אין פּנים", און דאַן גייט דער מחבר איבער צו דער פּראַגע פון „זעלבסטשוץ" און צו די אַנדערע פאָלגן, וועלכע מיר קענען זיך אָפּלערנען פון דעם האָמלער פּאָגראָם.

רעכענען אַן אָרגאַניזירטע זעלבסטשוץ נייטיג און וויכטיג פאַר די ציוניסטן, קומט פון דעסטוועגן דער מחבר מיט אַ מאָדנעם ספק צו דעם פועל יוצא דערפון: אַן אָרגאַניזירטע זעלבסטשוץ ברענגט צו דעם, אַז עס מישן זיך אַריין מיליטער און פּאָליציי, געגן וועלכע מיר קאָנען קיין זאַך ניט טאָן. אויסער דעם, די זעלבסטשוץ וואָלט נאָך געהאַט אַ ווערדע, אויב „יעדער איד וואָלט נאָך געווען אַ גבור", און דערצו איז נאָך זייער ווייט. אונזער איצטיגע „זעלבסטשוץ" באַשטייט נאָר פון איניגע יונגע קרעפטן, וועלכע גייען באַשיצן ניט זיך אַליין, נאָר זייערע ברידער. מיט אַזעלכע קרעפטן קען מען ניט אָפּהאַלטן אַ פּאָגראָם, אויב די רעגירונג העצט אונטער דערצו.

פאַרוואָס־זשע, אויף דעם אופן, מיינט דער מחבר, „אַז עס קאָן ניט זיין קיין פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם, ווי די ציוניסטן דאַרפן זיך האַלטן בנוגע צו זעלבסטשוץ"!

„די ציוניסטן — זאָגט דער מחבר — נעמען ניט קיין אַנטייל אין פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד, ווייל זיי זעהען ניט אין דעם אַ מיטל, וואָס ראַטעוועט פון אונזערע אידישע צרות; דערפון איז אָבער ניט געדרונגען, אַז מיר באַדאַרפן ניט באַשיצן אונזער כבוד אין דער צייט פון אַ פּאָגראָם, ווייל דאָס איז ניט קיין מיטל ווי צו באַזייטיגן די פּאָגראָמען. עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע מאָמענטן אין לעבן. עס זיינען פאַראַן מאָמענטן, ווען מיר קענען און מיר מוזן זיך רעכענען מיט'ן קלאָרן שכל. דעמאָלט באַקלערן מיר פילאָזאָפיש יעדע פראַגע, מיר זוכן אַ סבה פון יעדער ערשיינונג, און ווען מיר ווילן באַזייטיגן די דאָזיגע ערשיינונג, טאָ סטאַרען מיר זיך פריהער פון אַלעם צו באַזייטיגען די סבה, וועלכע האָט אַרויסגערופן די דאָזיגע ערשיינונג אין לעבן. אין אַזעלכע מינוטן רעכנען מיר אויס די נוצן און שאָדן פון יעדער זאַך. אין אַזעלכע מינוטן קומען מיר צום ציוניזם, צו אונזער ריינער ציוניסטישער אַרבעט. אָבער עס זיינען פאַראַן מינוטן, ווען מענטשן מיט געפיל קענען זיך ניט רעכענען מיט'ן טרוקענעם שכל, אין אַזעלכע מינוטן פילאָזאָפירט מען ניט, מען וכוח'ט ניט, מען מאַכט ניט אַ סך הכל פון „פאַר" און „געגן", מען קלערט ניט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין ווייטער, מען גיט זיך איינגאַנצן איבער דעם געפיל און מען טוט דאָס, וואָס דער געפיל הייסט. אַזעלכע מאָמענטן זיינען פאַר אונז די פּאָגראָמען. ווען מען קומט צו אונז צו גיין אין מיטן העלן טאָג און מען פאַרגיסט אונזער בלוט, מען געוואַלטיגט פרויען, מען טרעט מיט די פיס אַלעס, וואָס אונז איז טייער און הייליג, — דעמאָלט קענען מיר ניט שטיין פון ווייטן און קוקן, אַפילו, ווען מיר ווייסן, אַז מיר וועלן אַלע אונטערגיין. דאָ שמועסט זיך וועגן אונזער נאַציאָנאַלן כבוד, פון אונזער מענשליכער ווערדע, דאָ איז יעדער פון אונז מחויב צו קעמפן אַפילו ווען ער איז איינער געגן הונדערט, *זעלבסטשוץ איז אַ זאַך, וואָס אונזער ערע פאָדערט*, און דעריבער דאַרפן מיר זיך דאָ ניט רעכענען מיט'ן געזונטן שכל. קישינעוו האָט אונז געוויזן, אַז מיר האָבן שוין

ניט וואָס צו פאַרלירן: וועט זיין מיט איניגע קרבנות מערער אָדער ווייניגער, צי קלאַפּט מען אונז מיט אַ צוואַק אין קאָפּ ווי אין קישינעוו, אָדער מיט אַ קויל אין האַרצן, אַזוי ווי אין האָמעל — דאָס איז ניט קיין גרויסע נפקא־מינה. מיר האָבן דאָ נאָר איין מיטל — קעמפן פאַר אונזער כבוד, ווי ווייט נאָר עס איז מעגליך".

מיר ווילן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין חקירות, ווי ווייט וויכטיג עס איז אַ „זעלבסט־שוץ": פאַר אונז איז דער זעלבסטשוץ ניט נאָר אַ זאַך, וואָס אונזערע ערע פאָדערט, נאָר דאָס פאָדערט אויך אונזער „זעלבסט־עקזיסטענץ". מיר פרעגן נאָר דעם מחבר פון ביכל: „צי דען האָבן געקענט די „האָמעלער" זיין איבערציינט, אַז אָן זעלבסט־שוץ וועט דער האָמעלער פּאָגראָם ניט זיין אַזוי שרעקליך, ווי דער קישינעווער? צי דען איז אַ גרעסערע צאָל קרבנות און אַ קלענערע צאָל קיין נפקא מינה ניט אין אַזעלכע פאַלן?"

אין די פאַרפירנדע ציטאַטע אינטערעסירט אונז ניט אַזוי פיל דיזער פעסימיזם, וואָס האָט עפּעס אַ שטיקל יסוד, וויפיל אַ גאַנץ אַנדער זאַך, אויף וואָס מיר וואָלטן וועלן דעם לעזער אויפמערקזאַם מאַכן.

באַווייזענדיג מיט הייסע ווערטער אַז די זעלבסטשוץ איז נויטיג אויס ריינע מאָראַלישע געפילן און אַז די לעצטע מוז פאַרקומען אויב די מאַסע האָט ערריכט אַ געוויסע אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין — האָט דער מחבר נאַטירליך געדאַרפט קומען צו דיזעלבע אויספירונגען וועגן דער פראַגע פון פּאָליטישן קאַמף. און אין אמת'ן, מיט איניגע שורות שפּעטער פון די פאָרגעפירטע ציטאַטן זאָגט דער מחבר פאָלגענדעס: „אַלס ציוניסטן, פילן מיר שטאַרק יעדע אידישע צרה און מיר רופן זיך אָפּ אויף יעדן אידישן אומגליק פריער פון אַלע. אַלס ציוניסטן, דאַרפן מיר ערציען אונזער פאָלק, עס זאָל זיין ווערט פריהייט. אַלס ציוניסטן, מוזן מיר זיין אין יעדער צייט באַרייט, מקריב צו זיין אונזער לעבן אויפ'ן מזבח פון אונזער נאַציאָנאַלער ערע"... צי איז דען דערפון ניט געדרונגען, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּרופן אויף יענע אונצאָליגע פּאָגראָמען, גרויסע און קליינע, וועלכע די רעגירונג פאַראורזאַכט אונז מיט איר אונערטרעגליכער אונטערדריקונג, אַרויסשיקענים, באַגרענצונגען א. אַז. וו.? צי איז דען דערפון ניט געדרונגען, אַז עס איז נויטיג עפענטליך צו בויקאָטירן די אַנטיסעמיטן, אַזוי ווי זיי טוען געגן אונז? צי דען דאַרפן מיר נאָר דעמאָלט אַרויסטרעטן מיט אונזער זעלבסטשוץ, ווען מען הרג'עט אונז, און ווען מיר ליידן פון פיזישע גוואַלדטאַטן? צי איז דען ניט קלאָר, אַז ביי דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון אונזער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין מוזן מיר אונבעדינגט אַריבערגיין פון „געיאָגטע" אין „זעלבסט באַשיצער", אַז מיר דאַרפן זיך ניט נאָר באַשיצן פאַר דעם פיינד, נאָר אויך אויף אים אָנפאַלן און צוליב דעם דאַרפן מיר זיך פאַראייניגן אין דיזע מאָמענטן מיט אַלע די, וועלכע זיינען אויך פאַראינטערעסירט אין דעם?

אַזעלכע פשוט'ע זאַכן דאַכט זיך, פליסן אַרויס פון די געדאַנקען, וועלכע דער אויבענער מחבר האָט אַרויסגעזאָגט: קיין שום פאַרצווייפלונג קען אונז ניט אָפּהאַלטן פון דעם, וואָס דאָס לעבן אַליין שרייבט אונז פאָר, און אַז מיר דאַרפן אַרויסווייזן שטענדיג גבורה'שע מעשים, כדי צו אַנטוויקלען אין דער מאַסע דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין, וועלכער לאָזט זיך ניט אַזוי טרעטן מיט די פיס.

אָבער דער מחבר גייט ניט, לויט אונזער מיינונג, לשיטתו בנוגע דעם פּאָליטישן קאַמף. געגן וואָס ער מאַכט גאַנץ אַנדערע אויספירונגען.

דער קאַמף מיט דער רעגירונג, לויט זיין מיינונג, געהערט ניט צו אונזער אַרבעט, וואָס שטרעבט צו באַשאַפן אַ בעסערע צוקונפט פאַר'ן אידישן פאָלק. מיר דאַרפן אָנשטרענגען אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף די ווירקליכע אָבער ניט צופעליגע אורזאַכן פון אונזערע צרות. דער אַנטיסעמיטיזם אין דער רעגירונג איז נאָר אַ מקרה־זאַך, ווייל די אינטערעסן פון דער גרויס בורזשואַזיע וועלכע, לויט דעם מחבר'ס מיינונג, ווערן באַשיצט פון דער רעגירונג, ליידען פון די פּאָגראָמען: „די פּאָגראָמען שטערן דעם האַנדל, זיי רופן אַרויס פאַרשידענע קריזיסן, די בורזשואַזיע פאַרלירט ביי יעדן פּאָגראָם זייער פיל געלט, און זי איז דערמיט, געוויינליך, ניט צופרידן". די אורזאַך פון אַנטיסעמיטיזם ליגט: „אין אונזער שוואַכקייט, און אין דער טיף איינגעוואָרצלטער שנאה געגן אונז, וואָס מיר באַגעגנען אַזוי אין דער רעגירונג, אַזוי אין דער געזעלשאַפט (לכל הפחות אין דעם גרעסטן טייל פון דער געזעלשאַפט), אַזוי אויך ביי דעם רוסישן המון". דיזע איינגעוואָרצלטע שנאה באַנוצן צוליב זייערע אינטערעסן פאַרשידענע רעאַקציאָנערן און סתם פאַנאַטיקער פון מענשן־שנאה, וועלכע זעען אין דעם פאַרניכטן די אידן אַ ציל פאַר זיך אַליין.

„וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט געפונען אין די פּאָגראָמען דער קישיניעווער אָדער האָמעלער נאַטאַריום? קיין אידישע קאָנקורענטן דאַכט זיך האָבן זיי ניט, כמעט אַלע זייערע הכנסות זיינען פון אידן, און דער מזל פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן (וועלכע ווערט געפירט כלומרשט פון די אידן) איז זיי זייער ווייניג נוגע. דאָ האָבן מיר, ווי מען זעט, אַ ריינעם פאַנאַטיזם, אַ שנאה צוליב די שנאה גופא". די אַרבעטער פון האָמעלער אייזנבאַן־דעפּאָ, וועלכע זיינען געווען אַגיטירט פון די אידישע אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן, האָבן געראַבירט די אידן ניט דערפאַר, ווייל זיי האָט גערופן דערצו די פּאָליציי, נאָר פאַרקערט, די הנהגה פון דער פּאָליציי ערקלערט זיך מיט דעם, ווייל זי, די פּאָליציי,

איז אַזוי אַנטיסעמיטיש, אַזוי ווי די אַרבעטער אין דעפּאָ.

„ניט די זעלבסט הערשנדע, נאָר די אַנטיסעמיטישע רעגירונג דריקט און רודפ'ט אונז, פירט אויס דער מחבר — און דער אַנטיסעמיטיזם קען ניט זיין פאַרניכטעט דורך אַ פּאָליטישע רעוואָלוציאָן. די רומענישע אַנטיסעמיטישע רעגירונג דריקט אונז ניט ווייניגער, ווי די רוסישע, הגם זי איז ניט אַ זעלבסט־הערשנדע, און פאַרקערט, די טערקישע רעגירונג איז ניט אַנטיסעמיטיש, הגם זי איז אַ דעספּאָטישע רעגירונג". דער מחבר זעהט ניט קיין שום ערבות, אַז עס וועט אויסגעבעסערט ווערן די אידישע לאַגע נאָך דער רעוואָלוציאָן, ווייל דענסמאָל וועט די ממשלה איבערגיין פון דער עכט אַנטיסעמיטישער רעגירונג אין די הענט פון דער ניט ווייניגער אַנטיסעמיטישער געזעלשאַפט. ניט אָפּלייקענען די מעגליכקייט, אַז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציאָן וועט די באַציהונגען פון דער רוסישער געזעלשאַפט צו די אידן אויסגעבעסערט ווערן, געפינט פון דעסטוועגן דער מחבר, אַז האָפן און פאַרלאָזן זיך צופיל אויף דער רעוואָלוציע לוינט ניט. „דיזע האָפנונג איז ניט אַ קאַמף, דאָס הייסט ניט זיך באַנוצן מיט די אייגענע קרעפטן. דאָס הייסט האָפן אויף די אורזאַכן פון דער צווייטער מדרגה, וועלכע עס קען זיין וועלן אויסבעסערן אונזער לאַגע, אַן אונטערדריקטעס פאָלק קען זיך ניט פאַרלאָזן דערויף, וואָס אין אַ פאַרלויף פון צייט וועלן די אונטערדריקער ווערן בעסער".

לאָמיר אָננעמען, אַז מיר זיינען מסכים מיט אַלע אויסגעפירטע רעיונות, אין וועלכע עס איז געוויס דאָ זייער פיל אמת, עס פרעגט זיך אָבער: „וואָס איז דערפון געדרונגען?"

דערפון וואָס דאָס אונטערדריקטע פאָלק דאַרף ניט וואַרטן, ביז וואַנעט די אונטערדריקער וועלן רחמנות האָבן אויף אים, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז עס דאַרף מקבל באהבה זיין און געדולדיג טראָגן דעם יאָך פון שקלאַפעריי וואַרטנדיג אויף די גאולה פון לעתיד לבוא, וואָס עס קען דאַכט זיך ניט ווערן ערוויכט מיט איין דריי פון צויבער־שטאָק. מודה זיין דעם מחבר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ שונא, וועלכן עס איז שווער צו כאַפּן, אַזאַ מין שד, וואָס שוועבט אַרום ניט נאָר אין קרייזן פון דער רעגירונג, נאָר אויך אין דער געזעלשאַפט, ניט נאָר ביי דער בורזשואַזיע און פעאָדאַלן, נאָר אויך צווישן די אַרבעטער, און אַפילו אויך צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין האמעל, קאָנען מיר פון דעסטוועגן ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר זאָלן ניט קעמפן מיט'ן דאָזיגן שונא אין די פאַלן, ווען ער נעמט אָן אַ געוויסע באַשטימטע געשטאַלט, ווען דער שד ווערט מגולגל אין אַ געוויסן גוף, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט קעמפן מיט דער רוסישער רעגירונג, אויב דער רוח פון אַנטיסעמיטיזם ווערט אין איר פאַרקערפּערט! די גזרה שוה פון דער זעלבסט־הערשנדער רעגירונג און אַנטיסעמיטישער רעגירונג געפינען מיר אין גאַנצן פאַר ניט ריכטיג. די רעגירונג אונטערדריקט אונז ניט נאָר דערפאַר, ווייל זי איז אַן אַנטיסעמיטישע, נאָר אויך דערפאַר ווייל זי איז אַ זעלבסט־הערשנדע. דערפאַר ווייל זי איז אַן אַנטיסעמיטישע מוזן מיר זיך קווילן און ליידן מער פון די איבעריגע טייל פון דער באַפעלקערונג, פון איר זעלבסט־הערשעריי. מחמת איר אַנטיסעמיטיזם פילן מיר, אידן, מער דעם יאָך פון דעם אַבסאָלוטיזם. און מיר קענען גאָרניט פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט פאַראייניגן מיט די איבעריגע פאַרינטערעסירטע עלעמענטן, צו קעמפן מיט'ן אַלגעמיינעם שונא, דער טויט פון וועלכן איז נויטיג אונז אַלעמען, און דורך די באַפרייאונג פון וועלכן מיר וועלן אַלע ניט פאַרלירן נאָר אַ סך געווינען.

אַם ענדע רעכענען מיר פאַר אַ זאַך, וואָס האָט ניט קיין שום ממשות, די הוכחה, אַז די מלחמה מיט דער רוסישער רעגירונג צילט ניט צו דער ענדליכער באַפרייאונג פון דער „אידן־נויט", נאָר אַז דאָס איז אַ מלחמה מיט אַ צופעליגן שונא, וועלכע זיינען ניט ווייניג דאָ אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע פון גלות. דער קאַמף פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט מיט'ן אַבסאָלוטיזם צילט אויך ניט אונמיטלבאַר צו דער פאַרענדערונג פון די סאָציאַלע בעדינגונגען פונ'ם לעבן; אַזעלכע מיני פּלפּולים האָבן געפירט איניגע טעאָרעטיקער פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג צו דעם פאַרשאָלטענעם „עקאָנאָמיזם" און צו זיין פאַרדאָרבענעם געשטאַלט פון „ניעזאַוויסימצעס", וואָס איז שוין לאַנג אָפּגע'משפט געוואָרן אויף טויט פון דעם פּראָגרעסיוון טייל פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט. אין קאַמף פאַר זיינע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכטן וועט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע אונטערדריקטע נאַציאָנען באַקומען פּאָליטישע פעסטקייט און מאַכט, וועלכע וועלן מיטווירקן, דאָס דער ווייזער פון דער היסטאָרישער וואָג זאָל אַריבערגיין אין דער זייט פונ'ם נצחון פון זיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן. אויסער דעם האָט די פּאָליטישע פרייהייט אין די ערטער פון גלות אַ זעלבסטשטענדיגען ווערט.

מיט'ן גאַנצן האַרצן ווינשן מיר, דעריבער, די פירער פון דער מינסקער „פּועלי ציון", וועלכע גייען שוין איצט פון הינטן פון דער באַוועגונג, פון וועלכער זיי אַליין זיינען געווען דער פאָדערשטער חיל — צו געזעגענען זיך מיט די אַלטע פאַרשימעלטע שמאַטעס, וועלכע זיינען איבערגעבליבן בירושה פון די אַלטע רעאַקציאָנערע אַנשויונגען, אָדער אין גאַנצן אַוועקצוגיין פון דער אידישער מאַסע, וועלכע איז שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסען די דאָזיגע פירער.

קרעסלאַווקא. אין יאַנואַר האָבן די היגע פ"צ (בערשטער) אויסגעהאַלטן אַ

שווערן סטרייק. 60 מענטשן האָבן געמוזט אַוועקלייגן זייער אַרבעט וועגן די אונמעגליכע אַרבעטסבאַדינגונגען. דער סטרייק האָט זיך געענדיגט נישט'קשה'דיג. מען האָט זיך דערשלאָגן די פאַרקירצונג פון אַרבעטס־צייט אויף אַ האַלבע שעה אין טאָג און נאָך עטליכע קליינע פאַרבעסערונגען. די רעזולטאַטן וואָלטן געווען בעסערע, אַז מען וואָלט צו דער צייט באַקומען געלט פון אַנדערע שטעט. אָן אַן אַלגעמיינע ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציאָן קאָן מען ניט מאַכן קיין סטרייק־פאָנד, און אַזאַ פאָנד איז אונז זייער נויטיג כדי צו פירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף מיט ערפאָלג. אַ חוץ דעם, דער מיסערפאָלג פון די ציוניסטישע סטרייקען הינדערט זייער שטאַרק דער פאַרברייטונג פון אונזערע אידעען און וואַרפט אַראָפּ דעם כבוד פון אונזער באַוועגונג אין די אויגן פון דער ברייטער אַרבעטער מאַסע. מיר מיינען, אַז איינע פון די וויכטיגסטע זאַכן נאָך אונזער אָרגאַניזאַציאָן־פאַרבינדונג איז די גרינדונג פון אַ סטרייק־פאָנד.

ש א ו ו ע ל. די שאוועלער ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציאָן האָט אַרויסגעלאָזן אַ פלוג־בלאַט נומער 3 אונטער דעם נאָמען: „די שאוועלער פאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע און דער רוסיש־יאַפאָנער קריג“.

עס איז ניט אַוועק קיין סך צייט זייט דעם קישענעווער פאָגראָם. מען הערט נאָך די קרעכצן, די טרערן האָבן זיך נאָך ניט אויסגעטריקנט אויפ'ן פנים. און דער צו'הרג'עטער און דערשלאָגענער איד האָט זיך אויפגעהויבן פון דר'ערד און זיך געכאַפט קושן די הענט פון זיין בלוטיגן שונא. פון אַלע עקן פון רוסלאַנד קומען אָן ידיעות, אַז די אידישע געבילדעטע יוגנט באַווייזט זייער פאַטריאַטיזם... וואָס איז דען געשען? עס איז אפשר געשען עפעס אונגלויבליכעס, וואָס האָט גענויטיגט די אידן גיין געגן זייערע מענטשליכע געפילן? איז דען אפשר בטול געוואָרן פלעווער פאָליטיק, וואָס באַשטייט אין העצן פון איין נאַציאָן אויף דער אַנדערער, כדי אָפצולענקען זיי פון קאַמף געגן אַלעמענס שונא — דער רוסישער רעגירונג? זיינען אפשר געפאַלן די גראָבע מויערן פון „צערטא“, פון דיזעם פינסטערן שטייג, וואו עס שטאַרבן אַוועק אונזערע יונגע כחות? ניין! לא היה ולא נברא! וואָס־זשע דען איז געשען, וואָס די אידן האָבן אָנגעהויבן זינגען זמירות זייער מערדער און פאַרגעסן אויף די קלעפ, וועלכע מען האָט זיי ניט לאַנג געגעבן? די סבה איז דער קריג מיט יאַפאַן.

די רוסישע רעגירונג האָט שוין לאַנג געשאַרפט אירע ציין אויף מאַנדזשוריע און קאָרעא, נאָר אַלץ שטילערהייט, איצט איז דאָס אַרויף געשוואומען אין דער הויך.

צוליב דעם איז אין שאוועל, ווי אין אַנדערע אונטערטעניגע שטעט, דעם 4טן פעווראַל, געווען אַ פאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע. זי האָט געדאַרפט אויסדריקן, ווי דער עולם שטייט שטאָל און אייזן פאַר'ן קייסער און ווי הייס ער ווינשעוועט אין גיכן מנצח זיין „די שונאים פון רוסישן פאָלק“. די לערער פון דער היגער גימנאַזיע, לייענדיג טאָג־טעגליך אין די אונטערגעקויפטע צייטונגען פון מאַניפעסטאַציעס, האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט זען שאוועל אויך צווישן זיי. מיט אַלע כחות האָבן זיי געהאָלפן די גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס מאַכן אַ מאַניפעסטאַציע, כדי איינצופלאַנצן אין די יונגע הערצער די ליבע צום צאַריזם. בשעת דער גרויסער פויזע זיינען עטליכע גימנאַזיסטקעס אַרויסגעלאָפן אויפ'ן גאַס מיט געזאַנג („גאָט היט דעם קיסר“) און אַ לאָז געטאָן זיך צום גימנאַזיום, דאָרט זיינען צו זיי צוגעשטאַנען די גימנאַזיסטן און זינגענדיג דעם הימן, זיינען זיי אַוועק אין „מיליטער קלוב“, וואו די אָפיצירן האָבן גע'שיכור'ט לכבוד פון זייערע חברים, וועלכע האָבן געדאַרפט אָפפאָרן אויף מלחמה. אַהינצו איז געקומען דער דירעקטאָר. דער עולם האָט אויפגעהויבן עטליכע לחיים'ס און די גאַנצע חברה איז אַוועק מיט מוזיקע באַלייטן די אָפיצירן... עס האָט געעקלט און געשוינדערט יעדן ערליכן און פאַרשטענדיגן מענטשן, וועלכער עס האָט נאָר געזען די מאוסע סצענע אויפ'ן באַן הויף. יונגע קינדער, ביי וועלכע עס איז דער מענטשליכער באַוואוסטזיין נאָך זייער שוואַך ענטוויקלט, קינדער, וועלכע מען דאַרף ערציען אין פריינדשאַפט און ליבע צו מענטשן, אָט די קינדער לערנט מען מיט חדוה, מיט שמחה, מיט ווילדע געשרייען באַגריסן די אָפיצירן, וועלכע פאָרן הרג'ענען מיט אייגענע הענט וואָס מער אַזוינע ווי זיי, לעבעדיגע מענטשן.

נאָר נאָך טרויעריגער איז, דאָס די אידישע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, וועמעס ברידער און שוועסטער מען האָט אַזוי ניט לאַנג געקוילעט און גע'הרג'עט אין קישינעוו און האָמעל אין מיטן העלן טאָג, וועמעס ברידער און שוועסטער מען האָט אַרעסטירט און גע'הרג'עט נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט די „חוצפה“ צו פאַרטיידיגן זיך און שטעלן זיך פאַר דעם מענטשליכן כבוד — אָט די קינדער האָבן זיך ניט געשעמט ענטפערן „הוראַ“! אויף דעם טאָסט פאַר דעם נצחון פון רוסישן געווער, דעמזעלבן געווער, מיט וועלכעס מען הרג'עט אונזערע ברידער וועלכע קעמפן פאַר פרייהייט, מיט וועלכעס מען האַלט אונז פאַרשפאַרט אין דער פאַרשאָלטענער „צערטא“, ווי הערינג אין אַ פאַס און מיט וועלכעס מען האַלט אויף נייע געזעצן געגן אונזער פאָלק! ווי טרויעריג און טראַגיש איז דאָס טאַנצן און שפרינגען פון אונזער פינסטערן, אָרעמען פאָלק! דאָס פאָלק, וועלכעס איז אומעטום אַ „שעיר לעזאזל“ קוקט אויף דעם קריג ווי אויף אַ זאַך, וואָס דינט זיינע אייגענע אינטערעסן און שטעלט זיך אַנטקעגן די יאַפאָנער, ווי אַנטקעגן זיין ערגסטן שונא. נאַר ווי איז די אמת'ע סבה פון דער מלחמה? וואָס פאַר אַ אינטערעסן האָבן זיי אַרויסגערופן? דאָס פאַרשטייען ניט

אַלע, און מיט דעם ערקלערט זיך די פּעלער פון דער פינסטערער מאַסע, וועלכע נעמט צו אַלץ צום האַרצן.

די מלחמה מיט יאַפּאַן איז קיין מלחמה פון דעם „המון". ניט אין די אינטערעסן פון המון לאָזט דער קיסר פאַרגיסן אונזער בלוט. ניין! נאָר אין די אינטערעסן פון צאַריזם, וואָס וויל האָבן אַ גרעסערע מלוכה און מער מענטשן, איבער וועמען ער זאָל קענען הערשן און אין די אינטערעסן פון די רוסישע פאַבריקאַנטן און קאַפּיטאַליסטן, וואָס דאַרפן האָבן נייע מערק פאַר זייער סחורה, — דאָ ליגט די סבה פון דער מלחמה.

די אידישע בורזשואַזיע האָפט נאָך אַלץ, אפשר וועט דער רבונו של עולם צושיקן אַ גוטע דעה דער רוסישער רעגירונג און זי וועט „שיינקען" אונז אַביסל מער רעכט. זי איז אין האַרצן רעוואָלוציאָנער, און שיקט צו אַלע שוואַרצע יאָר 100 מאָל אַ טאָג פלעווע מיט זיין באַנדע, האָט זי קיין מוט ניט, אָפן דאָס אַרויסזאָגן און שטייט אויף די הינטערשטע פיסלאַך פאַר יעדן, וועלכער טראָגט גאָלדענע קנעפּלאַך. אין דעם גייסט ערציט די בורזשואַזיע אירע קינדער, און עס וואַקסן אויס פון זיי גוטע מאַניפעסטאַנטן, וועלכע פאַרשרייען די גאַסן מיט קולות „יחי המלך! עס לעבע דער רוסישער קיסר!"

מיר, אידישע אַרבעטער, קוקן אויף דעם גאָר מיט אַנדערע אויגן. מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז מיר וועלן ניט אויפהערן צו לייד[ן] סיי ווי מענטשן, סיי ווי אידן, כל זמן מיר וועלן ניט אויסמאַכן אַ רוב פון דער באַפעלקערונג אין אַ וועלכעס עס איז לאַנד. כדי צו לייזן די אידישע פראַגע, שטרעבן מיר צו ערווערבן פאַר דעם אידישן פאָלק אַ אייגענע טעריטאָריע, וואו מיר וועלן קענען פרייער קעמפן פאַר געזעלשאַפטליכע צושטאַנדע, וועלכע פאַסן צו אונזער פראָלעטאַרישן אידעאַל. נאָר כל־זמן מיר זיינען אין גלות, פאַרמאַכן מיר פון דעסטוועגן די אויגן ניט אויף די אַרומעדיגע וועלט, מיר ווייסן גאַנץ גוט, ווי די רוסישע דעספּאָטישע רעגירונג האַלט זיך געגן אונז, ווי אַ קעמפענדן קלאַס, מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אומעטום, אין אַלע אירע מעשים טראַכט זי נאָר פון אירע אייגענע אינטערעסן און אויף קיין אופן ניט פון די אינטערעסן פון המון. מיר האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די קישענעווער און האָמלער רציחות, מיר האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די אומשולדיגע אָרימע לייט, וועלכע זיינען געפאַלן, אַלס אַ קרבן פאַר זייער פאָלק.

אַז מיר קוקן זיך צו און הערן, ווי די געמיינע, בלוטגיריגע, זעלבסטהערשנדע רעגירונג, מיט דער גאַנצער באַנדע פון שפּיאָנען און טעלערלעקער, האָט די העזה רופן אונז אין נאָמען פון דעם המון אויף דער מלחמה מיט יאַפּאַן, פילן מיר איצט פאַר אונזער הייליגן סאָציאַליסטישן חוב, פּראָטעסטירן געגן יענע פאַלשקייט און ליגן. ניט מיר דאַרפן די מלחמה, נאָר די רוסישע בלוטגיריגע און הערשנדע רעגירונג דאַרף זי האָבן. און דער נצחון וועט אויך ניט אונז אָנקומען; עס וועלן אים אויסנוצן די רוסישע פאַבריקאַנטן צוליב זייערע אינטערעסן.

מיר אידן, וועמענס בלוט מען זייגט טאָג־טעגליך אין דער „צערטאַ" און פאַרגיסט אויף די פּאָגראָמען, מיר אידן טאָרן זיך ניט פרייען, וואָס מען מאַכט מאַניפעסטאַציעס, מיר דאַרפן, אדרבה, פרייען זיך פון יעדעם קלאַפּ וועלכע די רעגירונג באַקומט. מיר דאַרפן העלפן מיט אַלע כחות, אַז די פאַרשאָלטענע רעגירונג זאָל קריגן איר מפלה אין דער מלחמה. מיר דאַרפן זיך באַמיען, אַז קיינער פון אונזערע אייגענע זאָל ניט גיין אויף מלחמה און זאָל ניט געבן קיין נדבות.

איר זאָלט וויסן, אידישע סאָלדאַטן, אַז אומזיסט פאַרגיסט איר אייער בלוט — איר פאַרטיידיגט אַ שונא, וועלכער וועט אַנשטאָט אַ דאַנק מאַכן אַ פּאָר פּאָגראָמען אויף אייערע ברידער.

ברידער! זייט ניט מער קיין קנעכט! פאַלט ניט כורעים פאַר אונזער שונא, דער דעספּאָטישער זעלבסטהערשונג! לאָמיר צוזאַמען אַרויסגיין געגן אים אויף אַ מלחמה, און פון טיפן האַרצן אַ געשריי טאָן: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! נידער מיט דעם מיליטאַריזם! עס לעבע די פרייהייט!

(„די אידישע פרייהייט", אָרגאַן פאַר דעם אידישן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, יאַנואַר־פעברואַר 1904, לאָנדאָן. — אַן אויסגאַבע פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע". — (רעד.).

2. כראָניק פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.*)

די אָפטע מיספאַרשטענדנישן, מיט וועלכע עס קומט אונז אויס זיך צו באַגעגענען אין דער אידישער געזעלשאַפט, וואָס לייענט און איז געזעלשאַפטליך טעטיג, וועגן דער באַציאונג פון „וואָזראָזשדעניע" צו דער אַזוי גערופענער „פּועלי ציון"־באַוועגונג, צווינגען אונז מקדים זיין די „כראָניק" מיט פאָלגנדער אויפקלערונג.

„וואָזראָזשדעניע" איז נישט קיין פּאַרטיי־אָרגאַן פון „פּועלי ציון". אַזאַ אָרגאַן ביי די „פּועלי ציון" קאָן גאָר איצט נישט געמאַלט זיין, ווייל זיי האָבן נישט ביי היינטיגס טאָג קיין געהעריגע צענטראַלע איינריכטונגען, וואָס זאָלן זיין קאָמפּעטענט ארויסצוגעבן אזאַ מין אָרגאַן. ווי זשע איז אונזער באַציאונג צו „פּועלי ציון"? אונז פאַרייניגט מיט זיי אַ געמיינזאַמער נאַציאָנאַלער און סאָציאַליסטישער אידעאַל, אונז צעשיידן — איניגע פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן (בפרט אין דער פראַגע פון באַגרינדונג). דאָס איז גענוג, כדי מיר זאָלן קאָנען רעכענען די „פּועלי ציון" אַלס נאָנטסטע פאַרבינדעטע, מיט וועלכע מיר פאַרלירן נישט די האָפנונג צו דערגרייכן פולשטענדיגע געדאַנקען־איינהייט און חבר'שע מיטאַרבעט אינ'ם קאַמף פאר געמיינזאמע אידעאַלן.

ביז אַצינד האָבן נאָך די „פּועלי ציון" נישט געגעבן קיין גאַנץ קלאָרן און בולט'ן ליטעראַרישן אויסדרוק פאַר זייערע אָנשויאונגען. צווישן זיי זיינען דאָ פילע און נישט קיין ווייניג וויכטיגע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, כאָטש בדרך כלל דערנענטערן זיך זייערע אָנשויאונגען צו אַן אויסגלייך־ליניע, וועלכע מיר האָבן טאַקע אין זינען, ווען מיר ריידן וועגן אונזערע חלוקי דעות מיט זיי.

צוליב דעם אַלעם עפענען מיר עס די בלעטער פון „וואָזראָזשדעניע" פאַר אַן אויפקלערונג פון אַלע פּראָבלעמען, וואָס שטעלן היינט פאָר דעם גרעסטן אינטערעס פאַר דער „פּועלי ציון"־באַוועגונג. בפרט וועט די „כראָניק פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג" פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פרייער טריבונע פאַר די אָרגאַניזאַציעס פון „פּועלי ציון", וואָס שטייען מיט אונז אין דירעקטע אָרגאַניזאַציע־באַציאונגען, אָבער מיר נעמען אַראָפּ פון זיך די אחריות פאַר דער פּרינציפּיעלער זייט פון די מיינונגען, וואָס ווערן ארויסגעזאַגט אויף דער טריבונע. צום גרעסטן באַדויערן, קומט אונז אויס שוין אין דער ערשטער צייט צו געבן פּלאַץ אונזערע קאָרעספּאָנדענטן פאַר פּאָלעמיק און אויפדעקונגען, וואָס האָבן נישט קיין פּרינציפּיעלן ווערט און אינטערעס. (זעט די קאָרעספּאָנדענץ פון דווינסק און שאַוועל). דאָס אומקלאָרע בילד פון באַציאונגען, וואָס הערשן צווישן די היינטיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פראַקציעס אין רוסלאַנד, צווינגט אונז זיך צו באַמיען מיט אַלע כחות אויסצומיידן אַזאַ מין אידייאישן קאַמף. מיר זיינען אויך איבערציינט, אַז דער נצחון פון דעם אָדער יענעם אידעאַל, אָדער פּאַרטיי־פּראָגראַם, איז אַפילו אויף אַ האָר נישט אָפּהענגיג פון יענער אבסאָלוטער ניט פּראָדוקטיוו פארווענדעטער ענערגיע, וועלכע ווערט אין אַזאַ גרויסער מאָס אויסגעגעבן אויף צווישנפּאַרטייאישע רייבונגען. דאָך מוזן אויך מיר זיך שטעלן אויף אָט דעם גליטשיגן וועג. די אָרגאַניזאַציעס „פּועלי ציון" שטייען אויס כסדר אַזעלכע גראָבע און נישט געוויסנהאַפטע אָנפאַלן, אַז עס וואָלט געווען לגמרי נישט נאַטירליך, ווען די אָנהענגער פון אָט דער יונגער באַוועגונג זאָלן עס אינגאַנצן איגנאָרירן און נישט איינשטעלן זיך פאַר זייער פּאַרטיי־כבוד. מיר ליגן דעריבער ארויף די גאַנצע אחריות אויף יענע, וואָס זיינען די ערשטע שולדיגע פון אָט דעם אומנוצליכן און אומזיניגן קאַמף.

מיר בעטן די חברים פון „פּועלי ציון" צוצושיקן מער רעגולער די קאָרעספּאָנדענצן און ידיעות און באַזונדערס די פּראָקלאַמאַציעס און פלוג־בלעטלאך, וואָס זיי גיבן ארויס, כדי מען זאָל קאָנען שפּעטער צונויפשטעלן אַלגעמיינע איבערבליקן פון דער באַוועגונג, וואָס זאָלן זיך אויסצייכענען מיט גענויגנדער פולשטענדיגקייט.

דווינסק: די דווינסקער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע איז איינע פון די גרעסטע אָרגאַניזאַציעס אין ליטע. זי איז געווען די איינציגע פון די צפון־מערב אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָט פון ערשטן טאָג פון איר אנטשטיין פּרינציפּיעל געקעמפט געגן יענעם כאַראַקטער, וועלכן עס האָבן אָנגענומען די ליטווישע אָרגאַניזאַציעס פּועלי ציון, באַזונדערס דער געוועזענער מינסקער צענטער. די הויפּט סבה, צוליב וועלכער זי איז געווען ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן צו בילדן אַ שטענדיגע אָפּאָזיציע צום צענטער, איז געווען דער פאַקט, אַז זי האָט זיך געבילדעט אויף אַנדערע וועגן און אויף אַנדערע יסודות ווי יענע אָרגאַניזאַציעס. כמעט אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך עלעמענטן, וואָס זיינען געקומען פון ציוניזם צו אַרבעטער. זייענדיג נ אָ ר ציוניסטן, אָבער פילנדיג זיך ניט באַפרידיגט אין דער אַלגעמיין ציוניסטישער סביבה און אַנערקענענדיג, פון דער אַנדערער זייט, ווי וויכטיג עס איז פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג די באַטייליגונג פון אַרבעטער, — האָבן די עלעמענטן אָנגעהויבן אַגיטירן דעם ציוניזם צווישן די אַרבעטער, נישט ארויסגייענדיג פון זייערע ספּעציפישע אינטערעסן. נאַטירליך, אַז זייער טעטיגקייט האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין שאַפן „ציוניסטישע אַרבע־

*) „וואָזראָזשדעניע", נומ. 3—4. 1904.

טער קרייזלאַך", וועלכע האָבן געדאַרפט, לויט דער מיינונג פון זייערע גרינדער, זיך אונטערשיידן פון אַלע אַנדערע ציוניסטישע קרייזלאַך נאָר מיט זייער „דעמאָקראַטיזם", דאָס הייסט מיט דער אַנערקענונג, אַז די אַרבעטער, וואָס צאָלן „אַ שקל" האָבן די זעלבע רעכט ווי די בירגערליכע ציוניסטן. *)

גאָר אַנדערש איז אַנטשטאַנען די דווינסקער אָרגאַניזאַציע. אירע ערשטע גרינדער זיינען געקומען פון די א ר ב ע ט ע ר־אינטערעסן צום ציוניזם. מיר זאָגן „פון די אַרבעטער אינטערסן", אָבער ניט „פון סאָציאַליזם", — ווי זיי האָבן דעמאָלט געמיינט, — ווייל זייערע ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען זיינען נאָך נישט געווען גענוג גוט דורכגעטראַכט און צונויפגעבונדן צווישן זיך. פילנדיג זיך ניט באַפרידיגט מיט דער בונדישער טעאָריע, האָבן זיי געזוכט אַ סינטעזע צווישן ציוניזם און בונד, און אָט אַ די זוכענישן האָבן כסדר געליוגט אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף זייער גאַנצער טעטיגקייט.

דער ערשטער סכסוך צווישן דווינסק און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, בפרט די מינסקער, איז פאָרגעקומען אַרום דער פראַגע וועגן אונזערע באַציאונגען צו דער דאַן אַנטשטאַנענער „אידישער אומאָפּהענגיגער פּאַרטיי". די אָרגאַניזאַציעס, ביי וועלכע די איינציגע דאגה איז געווען די ציוניסטישע אַגיטאַציע צווישן אַרבעטער, אָבער וועלכע זיינען געווען גענוג פּראַקטיש כדי צו פאַרשטיין אַז די אַרבעטער דאַרפן פירן סטרייקס (וועלכע מ'קען געוויינליך ניט אָנרופן מיט דעם נאָמען „עקאָנאָמישער קאַמף" וואָס אַנטהאַלט פאַרשידענע סכנות) און וואָס האָבן זיך גערעכנט אַלס טריוע אַרבעטער פריינט, — האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער „אומאָפּהענגיגקייט", ווי אָן אַ מציאה. דאָס איז אויך פאַרשטענדליך: וואָלט ניט געווען די „אומאָפּהענגיגקייט", וואָלטן זיי ניט ווילנדיג געמוזט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די אידישע אַרבעטער, וועלכער האָט ערשטנס זיי ווייניג אינטערעסירט, און צווייטנס — איז ער פאַרבונדן ווי באַוואוסט מיט פאַרשידענע „אומאַנגענעמליכקייטן". די אַלע סבות האָבן זיי טאַקע באַוואויגן זיך צו באַפרייען ביי דער ערשטער מעגליכקייט פון וועלכע עס איז עקאָנאָמישע אויפגאַבן און אָפּגעבן זיך אין גאַנצן מיט דער ציוניסטישער אַגיטאַציע צווישן אַרבעטער; זיי האָבן איבערגעלאָזן די עקאָנאָמישע אַרבעט אויפ'ן חסד פון די „אַפּיטרופּסים" פון דער אידישער מאַסע — פון די פיהרער פון דער „אומאָפּהענגיגקייט", וועלכע האָבן גענומען אויף זיך אויסער אַלעמען אויך די מי אָפּצוגעווינען די אַרבעטער פון „ניט אַנשטענדיגע ווערטלאַך". קורץ, אַ באַשטימטער חלק פון די ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן „אַרבעטער פריינט", האָבן געקוקט אויף דער אַנטשטייאונג פון די „אומאָפּהענגיגע" ווי אויף אַ גאולה, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, וועלכע עס וועט אָנטאָן נחת אי גאָט אי לייטן. מיט'ן „דיפּלאָמאַטיע"־חסד פון אָט די „דעמאָקראַטישע" הערן און השפּעות, וועלכע זיי האָבן געהאַט לכתחילה אויף דער אָרגאַניזאַציע, — איז אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון „פּועלי ציון" אָנגענומען געוואָרן די באַרימטע רעזאָלוציע: „מיר אונטערשטיצן רוין (?) עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס דאָרט וואו זיי זיינען פאַראַן און העלפן מיט זייער אַנטשטייאונג דאָרט, וואו זיי זיינען נאָך ניטאָ".

די דווינסקער אָרגאַניזאַציע איז פון אירע ערשטע שריט אָן שאַרף אַרויסגעטראָטן געגן אָט דער באַלוידיגענדיגער קאָקעטעריע מיט די „אומאָפּהענגיגע". ערשטנס, האָבן מיר פּשוט ניט פאַרשטאַנען ווי קאָן מען עס אַוועקגעבן די „עקאָנאָמישע אַרבעט" אין פרעמדע הענט, און צווייטנס — אונזער סאָציאַליסטישער זעלבסטבאַוואוסטזיין האָט אונז אונטערגעזאָגט ווי פּאָליטיש אומריין עס איז די דאָזיגע רעזאָלוציע. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַ קאַמף געגן דעם אַלעמען און מיר קאָנען מיט שטאָלץ זאָגן, אַז אין דעם פאַרניכטן פון די „אומאָפּהענגיגע" קומט אונז אַ גרויסער חלק, ווייל טאַקע דורכדעם, וואָס אונז איז עס געלונגען נאָך אַ לאַנגן קאַמף אַרויסצוזאָגן אָט די שיטה פון א ו נ ז ע ר אָרגאַניזאַציע — האָבן מיר ביי איר אַרויסגענומען דעם באָדן אונטער די פיס און איר איז באַשערט געוואָרן סוף כל סוף אַראָפּצוגיין פון דער בימה.

די צווייטע פראַגע, אין וועלכער מיר זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, *) בפרט מיט'ן מינסקער צענטער, — איז געווען די פראַגע וועגן דער לעגאַליטעט פון אונזער טעטיגקייט. יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר

*) מיר מוזן, לוידער, פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז צו די אַרבעטער זיינען געקומען נישט נאָר דעמאָקראַטישע עלעמענטן, נאָר אויך אַזעלכע הערן, וועלכע האָבן געוואָלט צוטראָגן ציוניזם דעם אַרבעטער נישט אַזוי פון אהבה צום אַרבעטער אַליין, ווי צוליב'ן ראַטעווען דעם „כלל ישראל", וועלכער קאָן ליידן פון דעם, וואָס די אידישע אַרבעטער זיינען אַראָפּ פון דרך הישר און זיינען אַוועק אויפ'ן גליטשיגן וועג פון מסוכנ'דיגער אַפּיקורסות. צום גליק זיינען די דאָזיגע עלעמענטן געווען ווייניג אין צאָל און זייער השפּעה האָט געדויערט גאָר נישט לאַנג.

*) מיר האָבן דאָ אין זינען אויסשליסליך די ל י ט ו ו י ש ע אָרגאַניזאַציעס, ווייל מיט די פּוילישע און דרום אָרגאַניזאַציעס זיינען נישט מיר און נישט דער מינסקער צענטער ניט געשטאַנען אין קיינע פאַרבינדונגען. מיט דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע זיינען מיר אַריין אין אָרגאַניזאַציע־פאַרבינדונגען נאָר אין מאַי פאָריגן יאָר, ווען מיר האָבן פון איר באַקומען פלוג־בלעטער וועגן דעם איבערפאַל פון פנחס דאַשעווסקי; מיט די דרום־אָרגאַניזאַציעס — נאָך שפּעטער.

אַ ציל „צונויפשטעלן ציוניסטישע קרייזלאך פון אַרבעטער", האָבן נישט געוואָלט משיג זיין, — מיט וואָס מיר אונטערשיידן זיך פונ'ם אָפיציעלן ציוניזם. אויב, צום באַדויערן", עס עקזיסטירן אַזעלכע אַרבעטער, וואָס האנדלען מיט „אונלעגאַלער סחורה" און זיי זיינען געצוואונגען זיך צו פאַרבאָרגן", איז עס דען מחייב אַז מיר מוזן זיי נאָכמאַכן? מיר זיינען דאָך „צופּאַרלעסיגע" אידן. . . . להיפוך, אויב אויך מיר וועלן פאַרלאַנגען צו ווערן קאָנספּיראַטיוו, קאָן מען דאָך נאָך אונז צונויפמישן מיט „יענע" און מ'קאָן נאָך אַ טראכט טאָן, אַז מיר זיינען אַזוי — זאָל גאָט שומר ומציל זיין — ווי זיי, בשעת מיר באַשעפטיגן זיך גאָר מיט אַזאַ אַלט־ערלויבטן עסק, ווי דער ציוניזם". דער שכל — וואָס קאָן מען דאָ זאָגן — איז דאָך אַ ריכטיגער!

דער סאָציאַליסטישער שטאַנדפונקט, פון וועלכן די דווינסקער אָרגאַניזאַציע איז אַרויסגעגאַנגען בשעת איר גאַנצער טעטיגקייט, האָט אודאי געמוזט שאַפן אירע אַ באַזונדערע פּאָזיציע אין אָט דער פראַגע. כאָטש די דווינסקער האָבן דאַן נאָך נישט איינגעשלאָסן אין זייער פּראָגראַם דעם פּאָליטישן קאַמף, אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז געבן די מאַסן אַ סאָציאַליסטישע ערציאונג און דערוועקן אין זיי דעם קלאַסן זעלבסטבאַוואוסטזיין איז אוממעגליך ביי די איצטיגע פּאָליציייאישע תנאים. אַ סך מי האָט געקאָסט אונזער אָרגאַניזאַציע כדי צו קאָנען אויסרייניגן אירע שורות פון לעגאַליזאַטאָרן. אָט אָ דער קאַמף איז געווען פיל ענערגישער ווי דער „שטרייט" וועגן אונזערע באַציאונגען צו די „אומאָפּהענגיגע", ווייל איינזעענדיג מיט וואָס פאַר אַן אומצופרידנהייט דער אידישער המון האָט אומעטום באַגעגנט דאָס נייגעבאָרענע פּאָליטישע קינד, האָבן אונזערע „שדכנים" אַליין זיך באַמיט וואָס שנעלער זיך אָפּצוזאָגן פון דער „פּאַרטיי"; אודאי איז עס געמאַכט געוואָרן נישט „פּרינציפּיעל" — רחמנא לצלן. נאָר צוליב פּראַקטישע חשבונות: „אָטאָ דער בונד האָט געקאָנט שווערער מאַכן די גרינדונג פון ציוניסטישע קרייזלאַך. אָבער גאָר אַנדערש האָבן זיי געקוקט אויף דער לעגאַליזאַציע פון אונזער אַרבעט, — דאָ האָבן זיי איינגעזען סכנות אַז עס זאָל נישט קאָמפּראָמיטירט ווערן דער לעגאַלער ציוניזם. זיי האָבן אָנגעהויבן אויפמערקזאַמער אומקוקן זיך און האָבן שנעל באַמערקט, אַז די אַגיטאַציע צווישן אַרבעטער איז גאָרנישט אַזאַ פּשוט'ער ענין, ווי דאָס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט לכתחילה, און אַז זיי האָבן מיט אייגענע הענט באַשאַפן אַזאַ כח, וועלכער קאָן גאָר ברענגען דעם ציוניזם מער היזק ווי נוצן. דערמיט טאַקע האָבן זיי אָנגעהויבן צו קעמפן, ווי מען זאָגט, „נישט אויף לעבן נאָר אויף טויט". באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם קאַמף יענע עלעמענטן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן בילדן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און האָבן גלייכצייטיג אויך פאַרנומען אַ געהעריגן אָרט אין דער אָפיציעלער ציוניסטישער וועלט. אָטאָ די הערן האָבן נישט נאָר פאַרלאָזן אונזערע שורות, נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעכענען זיך מיט אונז ווי מיט די געפערליכסטע שונאים.

פון דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן די נ י י ע תקופה אינ'ם לעבן פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלאכווייז אויסרייניגן פון די נישט געבעטענע פריינט. אַ סך ציוניסטן — „דעמאָקראַטן" — האָבן אַליין ביי דער ערשטער מעגליכקייט פאַרלאָזן די מחנה פון „פועלי ציון" פילנדיג, אַז נישט דאָרט איז זייער פּלאַץ.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַריין אין דער צווייטער אַנטוויקלונגס־תקופה.

פאָריגן זומער האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבן די דיסקוסיע וועגן פּאָליטישן קאַמף. אייגנטליך, איצט איז שוין דער וכוח נישט געגאַנגען וועגן דער פראַגע פון יאָ אָדער נישט איינשליסן דעם פּאָליטישן קאַמף אין פּראָגראַם, ווייל פאַקטיש זיינען שוין אַלע געווען רעוואָלוציאָנערן נאָך פאַר'ן ויכוח. דער ענין איז געווען, ווי פ אָ ר מ ו ל י ר ט מען און ווי באַגרינדעט מען וויסנשאַפטליך אונזער פּאָליטישן קאַמף אַזוי אַז ער זאָל שטימען מיט'ן ציוניזם. מיר האָבן אין דער פראַגע געהאַט ביי צען אַלגעמיינע וכוחים. עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן עטליכע שטרעמונגען ביים פאָרמולירן די פראַגע, אָבער סוף כל סוף איז מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע פאָרמולירונג: „דער ציוניזם איז אַ היסטאָרישער אידעאַל, וועלכער ווערט פאַרווירקליכט טאַקע דורך אַ היסטאָרישער עוואָלוציע; ער גיט אָבער נישט קיין תשובה אויף דעם איצטיגן רעכטלאָזן מצב פונ'ם אידישן המון אין די גלות־לענדער, און דעריבער אַנערקענען מיר די נויטווענדיגקייט צו פירן דעם קאַמף פאַר פּאָליטישע און בירגערליכע רעכט פאַר די אידן אין אָטאָ די לענדער. אַזוי ווי אין רוסלאַנד איז אָט דער דאָזיגער קאַמף ענג פאַרבונדן מיט'ן אַליינהערשנדן רעזשים, שליסן מיר איין אין אונזער פּראָגראַם דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט'ן לעצטן".

מיר האָבן אין אָט דער רעזאָלוציע אָנגעוויזן נאָר אויף אונזערע ב י ר ג ע ר ל י כ ע און פּ אָ ל י ט י ש ע רעכט, ווייל מיר רעכענען, אַז מיט זיי ווערן אויסגעשעפּט די קאָנקרעטע פאָדערונגען וועלכע מיר קאָנען אַרויסשטעלן אין רוסלאַנד. די דערמאָנטע רעזאָלוציע דריקט אויס בקיצור די מאָטיוון צוליב וועלכע מיר האָבן דאַן אָנגענומען דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

צום שלום וועלן מיר מעלדן אַ ביסל פונ'ם היינטיגן לעבן פון אונזער אָרגאַניזאַציע. די אַרבעט גייט ביי אונז איצט גאַנץ לעבעדיג, באַזונדערס צווישן דער אָרגאַניזירטער אינטעליגענץ, — פאַר דער לעצטער צייט האָבן מיר געוואונען אַ גרויסן חלק אירן. די לעצטע 3 חדשים זיינען רייך מיט וכוחים

און גרויסע אַגיטאַציע־פאַרזאַמלונגען, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט מיט בונדיסטן, ווי אויך מיט יונגע ציוניסטן. דעם לעצטן חדש האָבן מיר געהאַט דריי דיסקוסיעס מיט די אָרטיגע בונדיסטן, צו וועלכע זיי האָבן צוגעשיקט אַלע זייערע „רעזערוון", ד. ה. זייערע „טעאָרעטיקער", וואָס דרשענען וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, ניט האָבנדיג פון אים די קלענסטע השגה, — און סתם קאָמעדיאַנטן, זייער שוואַכע אויפ'ן געביט פון טעאָריע, אָבער וואָס האָבן נסיון אויפ'ן געביט פון מאַרק־לשון. אויף די פראַגן וועגן דער פראָלעטאַריזאַציע פון די אידישע מאַסן וועלכע מיר האָבן זיי געשטעלט האָבן די דאָזיגע הערן געענטפערט מיט באַציכנונגען ווי „זשאַנדאַרמען", „שפּיאָנען" א. א.; די בונדישע „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" האָבן זיי זיך באַמיט צו פאַרדעקן מיט דער רויטער . . . פעסקע פונ'ם טערקישן סולטאַן, און זייערע „טעאָריעס" — ריכטיגער, זייער עם־הארצות — מיט דער באַקאַנטער „הערצל נסיעה". און מען מוז זאָגן דעם אמת, אַז אויף דעם געביט האָבן זיי ארויסגעוויזן אַ סך מער קונסט ווי אויפ'ן געביט פון וויסנשאַפטליכע פראַגן. אַ יוצא מן הכלל איז נאָר געווען די לעצטע דיסקוסיע, וואו אונזערע געגנער האָבן זיך געהאַלטן גאַנץ אַנשטענדיג ד. ה. זיי האָבן זיך נישט געזידלט און האָבען געוואָלט ריידן וויסנשאַפטליך, אָבער עס איז אַ ספק צי זיי וועלן פרובן זיך באַרימען מיט ערפאָלג אין דער דיסקוסיע...

ענליכע דיסקוסיעס האָבן מיר געהאַט מיט'ן „בונד" אויך אין די אַרומיגע שטעטלאַך. באַזונדערס ערפאָלגרייך זיינען פאַר אונז געווען די דיסקוסיע אין רעזשיצע און ליוצין. קיין קרעסלאָווקע האָט מען ארויסגערופן אונזערן אַ חבר (פון דער נאָנטסטער שטאָט), אָבער ווען ער איז געקומען, האָבן די בונדיסטישע אינטעליגענטן פלוצלונג „פאַרלאָרן דעם לשון" און מיר זיינען זיך צופאָרן מיט גאָרנישט...

אין חדש יוני איז לויט'ן פאַרלאַנג פון דער מאַסע אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פייערונג לכבוד דאָס ערשיינען פונ'ם ערשטן נומער „וואָזראָזשדעניע". מען האָט געהאַלטן נישט ווייניג טאָסטן, צווישן זיי אַ סך וואונשן, אַז עס זאָל אונז אויסקומען בקרוב צו פייערן דאָס ערשיינען פון פּאַרטייאישן אָרגאַן.

דעם ערשטן אויגוסט איז געווען דער יובילעאום פון אונזער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכן עס זיינען זיך צונויפגעפאָרן אַ סך דעלעגאַטן פון די אָרגאַניזאַציעס אין אונזער געגנט. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן אַ פּאָר רעדעס וועגן סאָציאַליסטישן ציוניזם און אויף אַנדערע טעמעס. דעם ערשטן טאָג ראש השנה האָבן מיר איינגעאָרדנט 2 מאַסן־פאַרזאַמלונגען אונטער'ן שטאָט.

צום סוף אַ פּאָר ווערטער וועגן די „פאַרפאָלקאָמטע" מעטאָדן פון בונדישער „פּאָלעמיק". אומצופרידענע מיט'ן אויסגאַנג פון די דיסקוסיעס מיט אונז, האָבן זיך די בונדיסטן דערטראַכט צו אַ נייער טעאָריע, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז דער בונד, אַלס איינציגער פאָרשטייער פונ'ם אידישן פראָלעטאַריאַט, אַנערקענט אונז (!) נישט אַלס אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און מיר האָבן, אַלזאָ, קיין רעכט נישט זיך צו רעכענען אַלס אַזעלכע. אָט אָ די „טעאָריע" ווערט פראָקלאַמירט דורך אַלע בונדיסטן פון קליין ביז גרויס. אָבער אָט די פּרינציפּיעלע נישט אַנערקענונג וואָלט געווען פאַר אונז אַ האַלבע צרה. אַ סך ערגער איז, וואָס די בונדיסטן מאַכן אונז בכלל אָן ניט ווייניג צער און צרות אין יענע וואַרקשטאַטן, וואו זיי בילדן אַ מערהייט. למשל, אויף דער דווינסקער שוועבעלאַך־פאַבריק ציונט מען סיסטעמאַטיש אויף די אַרבעטער פון אונזערע אַרבעטער מגן דוד'ס... דאָס איז נאָך ווייניג. פאָריגע וואָך האָט מען אונזערע חברים געמאַכט אַ פולשטענדיגן סקאַנדאַל. אונזערע חברים קלערן דאָרט אויף איינציגע אַרבעטאָרקעס; די בונדיסטן זיינען פון דעם געוואָר געוואָרן און זיי האָבן מיט אַלע אמת'ן און שקרים געצוואונגען איין אַרבעטערין אַרויפצוקריכן אויפ'ן טיש — און אויסשרייען דריי מאָל: „נידער מיט'ן ציוניזם!" מיר וואָלטן אויף אָט די ערשיינונגען ניט רעאַגירט ווען זיי וואָלטן געווען נאָר איינצלנע און ווען זיי וואָלטן נישט געווען אַזוי טרויעריג לויט זייער וועזן. צי דען האָבן אַזעלכע מיטלען עפּעס געמיינזאַמעס מיט ערליכן פּרינציפּיעלן קאַמף?... ווען מיר וואָלטן נישט יעדע מינוט אָפּגעהאַלטן אונזערע חברים, וואָלטן צווישן אונז פאָרגעקומען ממש גאַסן־געשלעגן, ווייל לעצטנס איז די באַציאונג פון די בונדיסטן צו אונז געוואָרע אומדערטרעגליך. אויב זיי וועלן אויך אַצינד ניט איבעררייסן זייער טאַקטיק, איז עס שווער פאָראויסצוזען צו וואָס זי קאָן נאָך דערפירן... אויף דעם ענדיגן מיר פאָרלויפיג אונזער ערשטן בריוו.

מינסק *)

*) רעדאַקציע־באַמערקונג. — **אינ'ם** נומער 37 „אַרבעטער שטימע" איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, וואָס איז איבערגעדרוקט אינ'ם נומער 4 פון „וועסטניק בונדא": „פועלי ציון" אַלס שומרים פון דער ציוניסטישער דאָגמע", דער מאמר איז אָנגעשריבן וועגן אַ בראָשור: „פאַרשידענע שטרעמונגען ביי „פועלי ציון". לויט דער מיינונג פון מחבר אַנטהאַלט דער מאמר אַ „פּראָגראַם" און אַ „פּראָגראַם־באַגרינדונג" פון „פועלי ציון"; דעריבער געפינט דער מחבר פאַר מעגליך צו בויען אויפ'ן יסוד פון דעם מאמר זיין קריטיק פון דער באַוועגונג. דער נישט אינפאָרמירטער לעזער באַדאַרף אַזוי אַרום אונפאַרמיידליך אַרויסטראָגן דעם רושם, אַז די בראָשור וועלכע ווערט דורך אים אַנאַליזירט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַוועגונג, לפחות — דריקט זי אויס די שטימונג פון אַ באַדייטנדען חלק פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מינסקער ציוניסטישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט פאַר אונז אַ דאָפּלטן אינטערעס: ערשטנס, מינסק, — וואו עס איז צום ערשטן מאָל (אין צפון מערב געגנד) אַנטשטאַנען די איניציאַטיוו צו בילדן באַזונדערע ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, — איז געווען לכתחילה דער צענטראַלער פּונקט פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע־אַרבעט צווישן דער אידישער אַרבעטער־מאַסע אין ליטע; די מינסקער אָרגאַניזאַציע האָט במשך פון אַ באַשטימטן צייט־אָפּשניט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון איר געזעלשאַפטליכער צורה אויף דער אַרבעט אין אַ גאַנצע רייע אַנדערע שטעדט און שטעדטלאַך. כאַראַקטעריזירענדיג די אידעאישע פיזיאָנאָמיע פון מינסקער אָרגאַניזאַציע אויף דער ערשטער מדרגה פון איר אַנטוויקלונג, באַקומען מיר אַזוי אַרום דאָס בילד פון אידייען און אָנשויאונגען, וואָס האָבן געהערשט נישט נאָר אין מינסק, נאָר כמעט איבעראַל, וואו עס האָבן דאַן עקזיסטירט ציוניסטישע אַרבעטער־פאַריינען. צווייטנס, איז די געשיכטע פון דער אידעאישער אַנטוויקלונג פון דער מינסקער אָרגאַניזאַציע פאַר אונז וויכטיג צוליב דעם, וואָס די מינסקער אָרגאַניזאַציע האָט דורכגעמאַכט כמעט אַלע אַנטוויקלונגס־שטופן, וועלכע אונזער באַוועגונג האָט דורכגעלעבט פונ'ם מאָמענט, וואָס זי איז ענטשטאַנען. ביז צום היינטיגן טאָג. אין איר אַנטוויקלונג שפּיגלט זיך אָפּ ביז צו אַ געוויסער מאָס די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון אונזער ענין, אונז אינטערעסירט דאָ נישט אַזוי די אויסערליכע פּאַקטישע זייט פון דער אַנטוויקלונג פון דער אָרטיגער אָרגאַניזאַציע, ווי איר אינערליך לעבן, — דער פּראָצעס פון איר גייסטיגן וואַקסן.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף איניגע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן: ווער זיינען געווען די ערשטע אַגיטאַטאָרן פון דער ציוניסטישער אידעע און דער אַרבעטער־מאַסע, אויף וועלכן באָדן און פון וועלכן שטאַנדפּונקט האָט זיך געפירט די אַגיטאַציע? אויף אָט דער פראַגע מוזן מיר ענטפערן: די ערשטע אַגיטאַטאָרן זיינען געווען מער אָדער ווייניגער ליבעראַל־דעמאָקראַטישע ציוניסטן, וועלכע האָבן געזוכט אין דער אידישער אַרבעטער־מאַסע אַ שטיצפּונקט פאַר זייער מער אָדער ווייניגער „פּריידענקערישן" און דעמאָקראַטישן ציוניזם. די דעמאָקראַטישע ציוניסטישע אינטעליגענץ האָט געפילט, אַז אין דער אַטמאָספער פון פּאַסיווע קליינבירגערליכע אידישע שיכטן איז שווער צו שאַפן אַ שטאַרקע באַוועגונג, וואָס זאָל טראָגן אַ *קולטור* כאַראַקטער: צו מעכטיג הערשן דאָרט די קליינע בעל־הבתישע אינטערעסן, צו שטאַרק איז דאָרט אַלץ דורכגעדרונגען מיט אַ רעאַקציאָנערער, קליינבירגערליכער, קליינגייסטיגער פּסיכאָלאָגיע, אַ סך מער פּאַסט זיך פאַר'ן דעמאָקראַטישן ציוניזם, זעלבסטפאַרשטענדליך, די אַרבעטער־מאַסע.

אָבער ווי נאָר די אַרבעטער מאַסע האָט באַדאַרפט דינען נאָר אַלס פרוכטבאַרער באָדן, אויף וועלכן עס האָבן באַדאַרפט אויסוואַקסן מער צוועקמעסיגע פאָרמען פון לעגאַלער ציוניסטישער אַרבעט, איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער האָט געמוזט שטריינג אַנטשפּרעכן דעם גייסט פונ'ם אָפיציעלן ציוניזם. אויב דער ציוניזם האָט טאַקע דאָ אָנגענומען אין אַ באַשטימטער מאָס אָריגינעלע און פּראָגרעסיווע פאָרמען, איז עס נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ער האָט זיך דאָ צוגעפּאַסט צו דער אָריגינעלער קולטור־פּסיכאָלאָגישער סביבה פון דער פּראָגרעסיוו געשטימטער פּראָלעטאַרישער מאַסע. אויף דער־

וואָס איז אָרגאַניזירט אין „פּועלי ציון", ווי דער לעזער קאָן זיך איבערצייגן פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס מיר פאַרעפנטליכן דאָ אויבן, איז אַזאַ רושם אַבסאָלוט נישט אין הסכם מיט דער פּאַקטישער לאַגע; *אַפילו אין מינסק*, — אין אָט אָ דעם שטענדיג קרענקליכן פּונקט פון דער „פּועלי ציון"־באַוועגונג, הויבט זיך אָן אויסצואוועבן אָט אָ די רעאַקציאָנערע ריכטונג, וועלכע האָט באַקומען איר „טעאָרעטישן" אויסדרוק אין דער בראָשור, וואָס דער בונדישער קריטיקער רעדט אַרום. אמת, דער מחבר פונ'ם אַרטיקל אין דער „אַרבעטער שטימע" רעדט צום סוף פון זיין אַרטיקל וועגן די „רעוויזיאָניסטן", ד. ה. וועגן אַ צווייטער, „ווייט נישט שוואַכער ריכטונג אין „פּועלי ציון", וועלכע שטייט אויף אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט, אָבער דער עצם אָפּרוקן אויפ'ן אונטערשטן פּלאַן די עלעמענטן, וואָס בילדן *די גרעסטע מערהייט פון דער באַוועגונג* און וואָס בילדן איר קערן, און דאָס אַרויסרוקן אויפ'ן ערשטן פּלאַץ אַ קליינצאָליגע זייטיגע גרופּע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ נעבאַכדיגע איבערלעבעניש פון די רעאַקציאָנערע אָנשויאונגען, וואָס האָבן נישט קיין שום פּאָפּולאַריטעט אין דער „פּועלי ציון" מאַסע — איז אַ אויסדריקליך טענדענציעזער מעטאָד, וואָס גיט נישט צו קיין כבוד זיין מחבר.

מיר קאָנען נישט דערלאָזן, אַז דער בונד — וועלכער איז גלענצענד באַקאַנט מיט אַלע ערשיינונגען פונ'ם אידישן פּאָליטישן לעבן — האָט נישט געוואוסט די אמת'ע לאַגע פון דער גרופּע, צו וועלכער עס געהערט דער מחבר פון די „פאַרשידענע שטרעמונג ביי פּועלי ציון" — און מיר מוזן דעריבער אָננעמען, אַז באַנוצנדיג זיך מיט דער שוואַכער אַנטוויקלונג פון דער „פּועלי ציון" ליטעראַטור, איז דער בונדישער קריטיקער אָנגעקומען צו אָט אָ דעם צווייפלהאַפטן פּאָלעמישן מעטאָד נאָר מיט'ן איינציגן ציל צו וואַרפן אַ שאָטן אויף טאַקע אָט יענע „רעוויזיאָניסטן", וועלכע, באמת רייידנדיג, שטערן זיי מער זיין גייסטיגן גלייכגעוויכט ווי די מחברים פון „די פאַרשידענע שטרעמונגען" מיט זייער רעאַקציאָנערן פּלאַפּלען, וואָס אינטערעסירט ווער ווייס וועמען.

אידישער אַרבעטער־מאַסע האָבן די דאַמאָלסט־
דיגע דעמאָקראַטיש־ציוניסטישע אַגיטאַטאָרן
געקוקט נישט ווי אויף אַ באַזונדער סאָציאַל־
עקאָנאָמישער גרופּירונג פון דעם אידישן
פאָלק, וועלכע האָט שוין אַצינד אירע ספּעצי־
פישע קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן־אויפ־
גאַבן: מיט די אידישע אַרבעטער האָבן זיי
זיך גערעכנט נאָר אַלס מיט אַ באַזונדערן
ק ו ל ט ו ר ־ פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ן עלע־
מענט, וועלכער לעבט מיט אַ רייכערן גייסטיגן
לעבן, צייכנט זיך אויס מיט ענערגיע, איז
קאַמפּס־פעאיג און קאָן אַזוי אַרום ברענגען
גרויסע נוצן דער ציוניסטישער באַוועגונג
און שפּילן אין איר די ראָל פון אַ פּראָגרע־
סיוון דעמאָקראַטיזירענדן פאַקטאָר.

דער ציל פון אַ באַזונדערער אַרבעטער־
אָרגאַניזאַציע, וועלכע עס האָבן געוואָלט שאַפן
די דאַמאָלדיגע פאַרטרעטער פון די אָרטיגע
„פּועלי ציון„ און וועלכע האָט אָנגעהויבן צו
פונקציאָנירן נאָכ׳ן ערשטן צוזאַמענפאָר אין
1901 יאָר אין דער פאָרם פון אַ צענטראַל־
ביוראָ, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דער
פאַרוואַלטונג פון איינעם פון די באַרימטע
אָרטיגע ציוניסטישע טוער, — איז געווען אַ
דאָפּעלטער: ערשטנס, צוציען צום ציוניזם
וואָס מער אַרבעטער — „צ י ו נ י ז י ר ן
דעם פּראָלעטאַריאַט”, — צווייטנס, צו באַקו־
מען די השפּעה אויף דער אַלגעמיינער ציו־
ניסטישע אַרבעט, — „ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ־
ז י ר ן די ציוניסטישע באַוועגונג”, אָבער
דאָס ערשטע גלייך ווי דאָס צווייטע, — ווי
דאָס „ציוניזירן” דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט
אַזוי אויך דאָס „דעמאָקראַטיזירן” דעם ציו־
ניזם — האָבן נישט באַדאַרפט אַרויס פון די
„ברייטע” ראַמען פון די אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע
אינטערעסן און נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, וועלכע
שטייען כלומרשט העכער אָדער אויסער פאַר־
שידענע קלאַסן־אויפגאַבן פון יענע אַלע סאָצי־
אַלע גרופּן, וואָס שטעלן צונויף דאָס אידישע
פאָלק.

די ציוניסטישע אַגיטאַציע אין דער אידי־
שער אַרבעטער־מאַסע האָט נישט פאַרפאָלגט
דעם ציל צו אַנטפּלעקן די אמת׳ע קלאַסן־אינ־
טערעסן פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט, דער־
וועקן זיין קלאַסן־זעלבסטבאַוואוסטזיין און
פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון זיין קלאַסן־פּראָבלעם
— נישט אָפּזאָגנדיג זיך פון אַנדערע פאָרמען
פון קלאַסן־קאַמף, — רופן צום קאַמף פאַר זיין
נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג אויף
אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע. דערי־
בער טאַקע האָט אויך יענע ראָל, וואָס איז באַ־
שטימט געוואָרן פאַר׳ן אידישן פּראָלעטאַר־
יאַט און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע,
נישט באַדאַרפט טראָגן קיין שטעמפּל פון אַ באַ־
זונדער סאָציאַלער גרופּע, וועלכע ווידמעט זיך
באַזונדערע אַלנאַציאָנאַלע אינטערעסן נאָר
אויף אַזויפיל, וויפיל זיי זיינען פ אַ ר ־
ב ו נ ד ן מיט קלאַסן אינטערעסן, אויף
וויפיל זיי ד י נ ע ן די קלאַסן־אינטערעסן.
בקיצור — די אַרבעטער האָט מען אַריינגענו־
מען אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־אָרגאַני־
זאַציע נישט אַלס אַ ר ב ע ט ע ר , נאָר אַלס
צ י ו נ י ס ט ן , אָדער, ווי מען האָט זיך
דאַן אויסגעדריקט, אַ ל ס א י ד ן .

מען האָט זיי אַריינגענומען נישט אַלס אַר־
בעטער, נאָר ניט קוקנדיג דערויף, וואָס זיי
זיינען געווען אַרבעטער; די אַגיטאַטאָרן
האָבן זיך נישט באַמיהט דערווייזן אַז דער
ציוניזם איז ענג פאַרבונדן מיט די אַרבעטער־
אינטערעסן. זיי האָבן זיך נאָר באַמיט באַ־
ווייזן, אַז דער ציוניזם ו ו י ד ע ר ־
ש פּ ר ע כ ט נ י ש ט די דאָזיגע אינטע־
רעסן; אַ ב ר י ק פון דער אידישער אַרבע־
טער־פּראָבלעם צום ציוניזם האָט קיינער נישט
געזוכט!

דער פאַקט, אַז די אָרגאַניזאַציע „פּועלי
ציון” אין מינסק איז נישט געגרינדעט גע־
וואָרן ניט פ אַ ר און ניט ד ו ר ך די
אידישע אַרבעטער אַליין, נאָר הויפּטזעכליך
פ אַ ר ׳ ן ציוניזם און דורך אַלגעמיין־
ציוניסטישע עלעמענטן — און פון דעם די
באַזונדער צורה, וואָס זי האָט באַקומען — האָט
זי אונטערשיידעט פון אַנדערע ציוניסטישע
אָרגאַניזאַציעס נאָר אויף אַזוי פיל, אויף ווי־
פיל זי האָט זיך אַנטוויקלט אין אַן אייגנאַר־
טיגער קולטור־פּסיכאָלאָגישער סביבה. אָט דער
פאַקט האָט בלי ספק באַשטימט ווי דאָס אינער־
ליכע לעבן אַזוי אויך די אויסערליכע טאַקטיק
פון „פּועלי־ציון”. וועגן דער אַנטוויקלונג
פונ׳ם קלאַסן־באַוואוסטזיין ביי די אָרגאַני־
זירטע אַרבעטער ציוניסטן האָט מען לכתחילה
פאַקטיש זייער ווייניג געטראַכט, כאָטש אפשר
טעאָרעטיש האָט מען עס געהאַלטן פאַר נויטיג.
אַזאַ טענדענץ האָט געמוזט אונפאַרמיידליך
קומען אַלס פּועל־יוצא פונ׳ם אַלגעמיין־
ציוניסטישן כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַ־
ציע, וועלכן זיי האָבן אָנגענומען אַלס אויס־
גאַנגס־פּונקט פאַר זייער פּראָגראַם.

אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט האָבן די
פירער פון דער אָרגאַניזאַציע אָפּגעשלאָגן פון
וועג די אַזוי גערופענע „עקאָנאָמישע אַרבעט”.
וואָס האָט מען דאָ געקאָנט טאָן? אינגאַנצן
איגנאָרירן זי האָט מען נישט געקאָנט. דער־
פירן ביז גאָרנישט די גאַנצע „עקאָנאָמיק” און
דעם קלאַסן־קאַמף אינ׳ם אידישן פאָלק האָבן
געקאָנט נאָר אַזעלכע מאָדנע „דעמאָקראַטן”,
וועלכע עס האָט אַרויסגעשטעלט די „יונגע
פראַקציע„ אין דער פּערזאָן פון אירע אַלטע
„חובבי־ציוניש געשטימטע משכילים”. די
אַרבעטער האָבן עס ניט געקאָנט טאָן: געגן
דעם האָט אַרויסגעשריען זייער גאַנצע ווירק־
ליכקייט, זייער קלאַסן־אינסטינקט. פון דער
צווייטער זייט — אַריינבעמען דעם עקאָנאָמישן
קאַמף אין זייער פּראָגראַם איז אויך נישט גע־
ווען אַנשטענדיג פאַר אַ ציוניסטישן פאַריין,
וועלכער איז גרייט געווען אַריינצוטרעטן אין
חלוקי דעות מיט דער ציוניסטישער אָרגאַני־
זאַציע נאָר ביז אַ געוויסן גרעניץ.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען די פאַר־
שאָלטענע „פּאָליטיק”: ווי אַזוי קאָן מען
דען פירן אין דער זעלבסטהערשנדער רוס־
לאַנד אַן אָפענעם עקאָנאָמישן קאַמף, ווען מען

שטייט אויפ'ן יריד פון לעגאַליטעט און פּאָליטישער גלייכגילטיגקייט?

די „עקאָנאָמישע" פראַגע האָט מען אָפּגעלייגט ווי ווייט מעגליך. ס'האָט געהערשט אַן איבערצייגונג, אַז איינשליסן דעם עקאָנאָמישן קאַמף אינ'ם פּראָגראַם טאָר מען נישט; דעריבער האָט מען זיך באַגרעניצט מיט'ן זוכן עפּעס אַנדערע מיטלען, כדי צו באַפרידיגן אַט אָ די וויכטיגע נויטבאַדערפנישן פונ'ם אַרבעטער־לעבן. אין משך פון אַ שטיקל צייט האָבן פילע „פּועלי־ציון" — באַזונדערס די, וואָס זיינען אַריבערגעקומען פון „בונד", — געזוכט גלייכצייטיג צו דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע פונ'ם „בונד", אָבער שפּעטער — ווען בלייבן ווייטער אין „בונד" האָט שוין אַ „פּועלי ציון" נישט געקאָנט, — האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק טראַכטן וועגן אַ זעלבסטשטענדיגער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע.

נאָך פאַר'ן אַנטשטיין פון דער באַוואוסטער לעגאַליזאַטאָרישער „אומאָפּהענגיגער אידישער אַרבעטער פּאַרטיי" האָבן פילע פון די דעמאָלסטיגע מינסקער „פּועלי ציון"־פירער, געוואָלט מאַכן אַ פּרואוו און גרינדן אַן אומלעגאַלע, אָבער אַ זעלבסטשטענדיגע ריין פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אַט אָ די ריין־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע האָט באַדאַרפט באַפרידיגן די טאָג טעגליכע פּראָפעסיאָנעלע נויטבאַדערפנישן פון יענע אַרבעטער, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, אין זייער איינג אויפגעפאַסטן אַלגעמיין ציוניסטישן שטאַנדפּונקט געפונען פאַר מעגליך (אָדער פאַר נוציג, אַרויסגייענדיג פון דעם „פּראַקטישן" נוצן, וועלכע דאָס קאָן כלומרשט ברענגען דעם ציוניזם) — צו שטיין ווייט פון דעם קאַמף פאַר פּאָליטישע פרייהייט, וואָס האָט זיך געפירט אין רוסלאַנד, די אָרגאַניזאַציע, וועלכע מען האָט געמיינט צו בילדן, האָט, פאַרשטענדליך, באַדאַרפט זיין אַ קאָנספּיראַטיווע ווייל ביזן אָנהויב פון דער פּראָוואָקאַטאָרישער זובאַטאָוו־קאָמעדיע, זיינען די אָרטיגע, שפּעטער „אומאַבהענגיגע" פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע געווען נאָך זייער ווייט פון „אומאַבהענגיקייט" און פון „נישט אַריינמישן זיך אינ'ם קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל". אַפילו דאַן, ווען ער טראָגט דעם אומשולדיגן שטעמפּל פונ'ם ריינעם עקאָנאָמיזם, מען דאַרף נאָר באַמערקן, אַז כאָטש פאַקטיש זיינען די „פּועלי ציון" „עקאָנאָמיסטן" געשטאַנען אין דער פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פונ'ם עקאָנאָמישן קאַמף נישט ווייט פון די שפּעטערדיגע „לעגאַליזאַטאָרן", אָבער טעאָרעטיש זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען גאָר פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. בשעת ווען די „לעגאַליזאַטאָרן" (מיר רעדן וועגן ערליכע, אויפריכטיג בלאָנדזשענדיגע און איבערצייגטע לעגאַליזאַטאָרן) זיינען אַרויסגעטראָטן געגן יעדער „פּאָליטיק" בכלל, אַרויסגייענדיג פון זייער ענג־פּראָפעסיאָנעלן פּראַקטישן פאַרשטיין פון דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג — זיינען די „פּועלי ציון" געקומען צום „פּראָפעסיאָנאַליזם" אָפּוואַרפענדיג לכתחילה די וויכטיקייט פונ'ם פּאָליטישן קאַמף נישט פאַר'ן אַרבעטער־קלאַס אַלס אַזעלכן, נאָר פאַר די אידישע אַרבעטער, וועלכע — שטייענדיג אויפ'ן באָדן פונ'ם ציוניזם, דאַרפן זיך בכלל באַציען פּעסימיסטיש צו יעדער היסטאָרישער אַרבעט אין די אַזוי גערופענע „גלות לענדער". בשעת די „לעגאַליזאַטאָרן" אומאַבהענגיגע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ דירעקטע אויפגאַבע נייטראַליזירן די אַרבעטער־מאַסע און אַרויסרייסן מיט'ן שורש איר אינסטינקטיוון אָדער באַוואוסטזיניגן רעוואָלוציאָניזם, כדי צו באַקומען אַ פּראָוואָקאַטאָרישע „באַשטעטיגונג" אויף כלומרשט פּראָפעסאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען, מיט וואָס עס האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן די דעמאָראַליזאַציע און פּראָוואָקאַציע אין דער אַרבעטער־מאַסע, האָבן די „פּועלי ציון" בעצם געשטרעבט נאָר צו באַפרידיגן זייערע ממשות'דיגע פּראָפעסיאָנעלע הצטרכות'ן, איגנאָרירנדיג דעם פּאָליטישן קאַמף נישט צוליב די אינטערעסן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, נאָר צוליב זייער אַלגעמיינער פּעסימיסטיש־ציוניסטישער אויפפאַסונג. ביידע זאַכן האָבן, אוודאַי, געמוזט ברענגען סוף כל סוף דעם זעלבן רעזולטאַט. דעמאָראַליזאַציע, צו וועלכער עס האָט דערפירט די אומפאַרשעמטע „זובאַטאָוושטשינא".

די „פּועלי ציון" איז, ווייזט אויס נישט באַשערט געווען צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פון בילדן אַ ריין־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע. אַט אָ די איניציאַטיוו האָט שפּעטער אויף זיך גענומען די זובאַטאָוו־קאָמפּאַניע וועלכע האָט אוודאַי פאַרפאָלגט אַנדערע צילן ווי די „פּועלי ציון", און וועלכע האָט אָנגעהויבן מיט דער הילף פון אַ פּאָר אידישע לעגאַליזאַטאָרן, אַ פּאָר געוועזענע בונדיסטן און איין געוועזענעם מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע „פּועלי ציון", איר אומפאַרשעמטע „אַנטיפּאָליטישע פּאָליטיק".

די גרינדונג פון אַט אָ דער נייער „פּאַרטיי", האָט אוודאַי נישט געהאַט קיין באַציהונג צו „פּועלי ציון"; אַ באָדן פאַר זייער „טעטיגקייט" האָבן די „אומאָפּהענגיגע" שפּעטער געפונען אין די פאַרשידנסטע שיכטן פון דער אָרטיגער אַרבעטער־מאַסע, — צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, — בונדיסטן און „פּועלי ציון". — און נישט אָרגאַניזירטע, די מיאוס'ע ראָל, וועלכע עס האָבן דאַן געשפּילט אין אַט אַ דער געשיכטע די דעמאָלסטיגע פאַרטרעטער פון די לאָקאַלע „פּועלי ציון", איז באַשטאַנען אין זייער פולשטענדיגער פּאַסיוויטעט, קוקנדיג אויף די „פּועלי ציון", נישט ווי אויף אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פריער פון אַלץ, אַ פּראָלעטאַרישע, וועלכע האָט שטענדיג אין אויג די אינטערעסן פונ'ם פּראָלעטאַריאַט און אין כבוד, נאָר ווי אויף, הויפּטזעכליך. אַן אָרגאַניזאַציע פון ציוניסטן און זייענדיג דורך און

דורך דורכגעדרונגען מיט אַ נעבעכדיגן קליינבירגערליכן „ציוניסטישן" תכלית און פּאָליטישער גלייכגילטיגקייט — האָבן אונזערע „פּועלי ציון" נישט נאָר ניט געטראַכט וועגן דער סכנה פון דעמאָראַליזאַציע, וועלכע שטעקט אין אַזאַ מין מסופק'דיגען שפּיל מיט דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט, — נאָר זיי האָבן אין האַרצן זיך געפרייט מיט דער „אונערוואַרטעטער ישועה". ווי זשע! שטעלט אייך פאָר! זיך באַפרייען פון אַזאַ קאָפּ ברעכעריי ווי די „עקאָנאָמישע אַרבעט"! איצט, האָבן זיי געמיינט, וועלן מיר זיך קאָנען אָפּגעבן רוהיג און געזעצליך דער אַלגעמיין ציוניסטישער אַרבעט.

אַ גרויסער טייל פון דעמאָלסטדיגע חברים זיינען באמת איינגיכן געוואָרן „נייטראַלע" און איייניגע פון אָט אָ די אַרבעטער־ציוניסטן זיינען דאָרט שפּעטער געוואָרן „קאָך־לעפל". אָבער דאָס האָט לאַנג ניט געדויערט. ווי מיר האָבן דאָ פריער געזען זיינען די מאָטיוון, צוליב וועלכע די „פּועלי ציון" זיינען געוואָרן מיטגלידער פון „פּאַריין", געווען לגמרי אַנדערע ווי די מאָטיוון פון די „אומאפּהיינגיגע". אמת, די סביבה אין אָט אָ דעם כלומרשט „אונאבהענגיגן" פּאַריין איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט געווירקט דעמאָראַליזירנדיג אויף יעדן איינעם, ווער עס איז מיט איר געקומען אין באַרירונג, און אַ סך „פּועלי ציון", וואָס האָבן געהערט צו דער „אונאפּהענגיגער פּאַרטיי, האָבן זיך פולשטענדיג פּאָליטיש דעמאָראַליזירט, אָבער עס איז נישט אַוועק קיין סך צייט און די באַוואוסטזיניגע, מאָראַליש־אַנטוויקלטע חברים פון „פּועלי ציון" האָבן זיך דערפילט נישט בכח צו זיצן ווייטער אין דער בלאָטע פון דער „אונאבהענגיגער" פּאַרטיי און זיי האָבן אָנגעהויבן איינער נאָכ'ן אַנדערן פון איר אַרויסצוטרעטן. צוזאַמען מיט יענע חברים, וואָס זיינען לכתחילה געווען געגען די „אונאַבהענגיגע", — האָבן זיי אָנגעהויבן אין דער אָרגאַניזאַציע אַ ענערגישע אַגיטאַציע געגן די „נייטראַלע". זיי האָבן געפאָדערט, אַז די אָרגאַניזאַציע „פּועלי ציון" זאָל איינשליסן אין איר פּראָגראַם דעם עקאָנאָמישן קאַמף. מען מוז באַמערקן, אַז גלייכצייטיג איז פאָרגעקומען אינערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע עפּעס אַן עוואָלוציע. האָבנדיג דעם שונא פון צוויי זייטן — פון רעכטס און לינקס — האָבן די „פּועלי ציון" געמוזט פאַרברייטערן זייער וועלט אַנשויאונג; זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינטראַכטן זיך בעסער אינ'ם סאָציאַליזם און קלאַסן־קאַמף, ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו באַשטימען אַ קלאַסן־צורה ביי די אַרבעטער און ווערן אַלץ קלערער און בולט'ער. אַנשטאָט דעם פריערדיגן קוק אויף „פּועלי ציון", ווי אויף אַ דעמאָקראַטיש־ציוניסטישן פּאַריין; האָט זיך אָנגעהויבן ענטוויקלען אַ נייע אַנשויאונג, וועלכע פּאַסט אויף „פּועלי ציון" אַלס קלאַסן־פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, און פון דעם מאָמענט אָן בילדעט זיך אַ שטענדיגע אָפּאָזיציע, וועלכע איז אין געוויסערמאָס גע־וואָרן דער געוויסן פון מינסקער „פּועלי ציון".

די דאָזיגע אָפּאָזיציע האָט כסדר געפאָדערט, אַז די אָפיציעלע פאַרטרעטער פון „פּועלי ציון" זאָלן זיך עפנטליך אַרויסזאָגן וועגן זייער באַציאונג צו די „נייטראַלע" און אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל אָננעמען אַ באַשטימטע החלטה אין דער פראַגע. מען האָט אַפילו אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז די יעניגע, וואָס ווילן זיך אָנשליסן אָן דעם „נייטראַלן פאַריין" זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער אָרגאַניזאַציע. די אַזוי גערופענע פאַרטרעטער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבען אָבער דאָך נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוזאָגן אַזוי אָדער אַנדערש זייער מיינונג און האָבן כסדר געמאַכט „דיפּלאָמאַטיע". די אָפּאָזיציע האָט בשעת מעשה ניט געדרעמעלט, זי האָט קאָנספּיראַטיוו אָרגאַניזירט אַלע אירע כחות און האָט זיך גענומען, פון איין זייט, — אַליין אָנצופירן שטרייקן (נאַטירליך — אונלעגאַל), און פון דער צווייטער — אַגיטירן געגן די „אונאַבהענגיגע".

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אונאַבהענגיגער פאַרטיי דער פּראָצעס פון צעפאַלונג און אויפלעזונג, און אָט אָ דער פאַקט צוזאַמען מיט דער נייער פּאָליטיק פון פּלעווען, האָט זי שפּעטער דערבראַכט צו אַ שנעלן געצוואונגענעם זעלבסטמאָרד. אָבער צו דער צייט האָבן זיך פון איר אָפּגעטרייסלט אַלע „פּועלי ציון", אַביסל פריער איז לויט'ן צירקולאַר פון פּלעווען בטול געוואָרן אויך די ציוניסטישע „קאָנסטיטוציע" און די ציוניסטן זיינען געווען געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון זייער אַלטען „דעוויז": „עפנטליך־רעכטליך" אָדער „רוהיג און געזעצליך". — ווי אַזוי האָט דאָס געווירקט אויף די לאָקאַלע „פּועלי ציון"?

נאָך פאַר'ן אָפיציעלן פאַרווערן דעם ציוניזם האָבן זיך די „פּועלי ציון" אָנגעהויבן צופּאַסן צו נייע קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען; פאַרשידענע אַנשטאַלטן זיינען רעאָרגאַניזירט געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אונלעגאַלע, די פאַרזאַמלונגען זיינען שוין פאָרגעקומען קאָנספּיראַטיוו, אָט אָ די אויסערליכע שנויים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אינ'ם לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע, האָבן געגעבן אַ שטויס פאָרווערטס די אינערליכע אַנטוויקלונג פון די אָפּאָזיציאָנעלע חברים, אמת, אַ סך זיינען אויך פריער נישט געווען צופרידן מיט דער מער אַלס „לאָיאַלער" טאַקטיק פון זייערע פירער; זייענדיג טעאָרעטיש געגן איינשליסן דעם פּאָליטישן קאַמף אין דעם פאַרטיי־פּראָגראַם, אַלס אַזעלכן, אָבער טראָגנדיג אין האַרצן אַ באַוואוסטזיניגע שנאה צו דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, זייענדיג דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט — האָבן אונזערע רעוואָלוציאָנער געשטימטע חברים (נישט קוקנדיג אויף דער „טרוקענער לאָגיק", וועגן וועלכער עס רעדן אַזוי פיל די טרוקענע דאָגמאַטיקער אין זייער נאָך עלטערער און „טרוקענער" ליטעראַטור) — **נישט**

געקאָנט מאָראַליש פירן אַ „רוהיגע און געזעצליכע" אַרבעט דאַן, ווען אַרום און אַרום איז פאָרגעקומען אַזאַ טויט־שווערער קאַמף...

אָבער ביז אָט אָ דעם מאָמענט האָבן זיי ניט געהאַט געניג כח כדי צו קעמפן אויף אָפענע מיטינגען געגן די אַלטע פאָרמען, אויצט האָט „דאָס לעבן אַליין" צושטערט די ציוניסטישע „קאָנסטיטוציע", און נאָכ'ן ערשטן שריט איז שוין ניט שווער געווען צו גיין ווייטער, מיר מוזן באַמערקן, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ צופעליגער אויסערליכער שטוים, דער הויפט פאַקטאָר פון אָט אָ דער עוואָלוציע איז געווען די ווייטערדיגע אידייאישע ענטוויקלונג פון דער אָפּאָזיציע אַליין, וועלכע האָט געבראַכט צו דער פאַרטיפונג פון איר אַלגעמיינער וועלט אַנשויאונג און, בפרט, פון איר קוק אויפ'ן כאַראַקטער פון אונזער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע.

צו יענער צייט זיינען שוין געווען אין דער אָרגאַניזאַציע אַ גענוגנדע צאָל באַוואוסטזיניגע און איבערצייגטע סאָציאַליסטן. פאַקטיש האָט זיך כמעט די גאַנצע קולטור־אַרבעט געפונען אין די הענט פון די „יונגע", וועלכע האָבן געפירט אַ אינטענסיווע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און האָבן מיטגעווירקט צו ענטוויקלען דעם קלאַסן־זעלבסטבאַוואוסטזיין פון די חברים.

אויף דער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע האָט מען ניט מער געקוקט ווי אויף אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס איינציג ציל די אַרבעט פאַר'ן ציוניסטישן אידעאַל. ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו ענטוויקלען אַן אַנדער קוק, לויט וועלכן אונזער אָרגאַניזאַציע איז קודם כל אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וועלכע פירט צו באַפרידיגן די אינטערעסן פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט און אויף וועלכער עס ליגט דער שטעמפּל פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פּסיכאָלאָגיע און פּראָלעטאַרישן אידעאַל. דאָס מיטהעלפן רעאַליזירן דעם ציוניסטישן אידעאַל, איז לויט דער אויפפאַסונג, איינע פון די ו ו י כ ט י ג ס ט ע נענסטע אויפגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע, אָבער ניט איר א י י נ צ י ג ע אויפגאַבע. דער גאַנצער סך הכל פון די ממשות'־דיגע מאַטעריעלע און גייסטיגע לײדן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די „אידישע פראַגע" אין אירע פאַרשידענאַרטיגע קאָנקרעטע ערשיינונגען, קומט ניט נאָר אַלס פועל יוצא פון דעם פאַקט, וואָס אידן, אַלס נאַציע, וואָס לעבט צ ו ו י ש ן אַנדערע פעלקער קענען ניט פריי און אַלזייטיג זיך ענטוויקלען זעלבסטשטענדיג, נאָר אויך פון די טיפע סאָציאַלע סתירות פון דער אַלגעמיינער אָרדנונג, וואָס רינגלט אונז אַרום. כל זמן דאָס אידישע פאָלק האָט זיך ניט קאָנצענטרירט אויף אַ באַזונדער טעריטאָריע, — דאַרפן מיר קעמפן געגן די אַלגעמיינע גורמים פון אונטערדריקונג, וועלכע מאַכן, אויסער אַלץ, נאָך פיל אינטענסיווער און מסוכנדיגער די ספּעציפיש אידישע אונטערדריקונג.

אָט אָ דאָס פאַרטיפן און פאַרברייטערן די אויפפאַסונג פון די ציוניסטישע פּראָבלעמען, פון איין זייט, און אונזערע אָרגאַניזאַציע אויפגאַבן, פון צווייטן צד, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ מער ערנסטער באַציהונג צו אונזער איצטיגן מצב — האָבן געמוזט נויטווענדיגערווייזע ברענגען צו אַ גאַנץ אַנדערן קוק אויף דאָס אַזוי גערופענע „געגנוואַרטס־פּראָגראַם" און אויפ'ן כאַראַקטער פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

אָנהויב היינטיגן ווינטער האָט זיך, ווי געזאָגט, די פריערדיגע אָפּאָזיציע פולשטענדיג „זעלבסט־באַשטימט" און אַצינד האָט זי זיך אויסגעטיילט אין אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטייט אויפ'ן באָדן פון אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם.

נאָר אונזערע „אַלטיטשקע" טראָגן זיך נאָך עד היום אַרום מיט זייער מכלומרשטער „טרוקענער לאָגיק", כאָטש זיי האָבן שוין לאַנג פאַרלאָרן דעם חוש פאַר רעאַליטעטן. אָנהויב דעם זומער האָט דער אַלטער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור וועגן „פאַרשידענע שטרעמונגען אין „פּועלי ציון"", וואו ער בענקט נאָך „די גוטע אַלטע צייטן" און זעט שוין זיסע חלומות די צוקונפט"...

גענויע ידיעות וועגן איצטיגן מצב פון די אַלטע און נייע מינסקער אָרגאַניזאַציעס וועלן מיר געבן קומענדיגן מאָל.

אונזער צוקונפט

מיט דעם טיטל האָבן די וואַרשעווער „פּועלי ציון" אַרויסגעגעבן אַ פלוגבלאַט צו די אידישע אַרבעטער און אַרבעטאָרינס. מיר דרוקן אים דאָ אָפּ:

ברידער און שוועסטער!

שוין זייט איניגע יאָרן הערט מען אַ רעש אין דער אידישער וועלט. אומעטום אין אַלע מדינות, וואו עס געפינען זיך אידן, רעדט מען און מען רוישט, עס איז אַ נייעס! די אידן הויבן אויך אָן ריידן אַ וואָרט אין דער וועלט־געשיכטע. די אידן ווילן פון זיך אַראָפּוואַרפן די שווערע קייטן, אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון גלות און אָנהויבן צו לעבן אַ פרייען מענטשליכן לעבן. דיזע נייע אידישע באַוועגונג, דער ציוניזמוס, איז דורכגעלאָפן ווי אַ בליץ די גאַנצע וועלט און האָט אומעטום באַלייכט און אָנגעוואַרעמט די פאַרטרוקנטע פאַרדאַרטע הערצער פון אונזער פאָלק. נאָר ביי אַ גרויסן חלק פון די אידישע אַרבעטער איז נאָך ביז היינט דער ציוני־

סטישער געדאַנק ניט געוואָרן געהערט. צו זיי, אין די אָרעמע קאַלטע פּאָדוואַלן, אין די פינסטערע פאַרדומטע ווערקשטאַטן איז נאָך ניט אַריינגעדרונגען דער ליכטיגער שטראַל פון דעם נייעם אויפגעגענדען אידישן לעבן: דער ציוניזמוס, וואָס זיין ציל איז צו פאַרוויניגן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, צו פאַרזאַמלען אַלע כחות, כדי צו צעברעכן ד׳ שווערע קייטן, וואָס האַלטן אונז געשמידט שוין טויזנטער יאָרן, צו מאַכן אַ סוף פון דעם לאַנגן פינסטערן גלות. אַ סוף פון די אידישע צרות און אונז שאַפן אַ נייעם פרייען לעבן. דיזע אידישע באַפרייאונג איז אין אמת׳ן די באַפרייאונג פון דעם אידישן אַרבעטער: עס איז אונזער באַפרייאונג פון דעם דאָפּלטן יאָך, וואָס מיר טראָגן אויף אונז: ווי אידן און דערצו נאָך ווי אַרבעטער. דארום מוזן ווערן און וועלן אויך ווערן די אידישע אַרבעטער די טראָגערס פון דעם אידישן פרייהייטס-געדאַנק, ווי באַלד זיי וועלן אים נאָר ריכטיג פאַרשטיין און וועלן דערקענען זיין גרויסע באַדייטונג פאַר זיי.

דער ציוניזמוס איז ניט עפּעס אַ מין האַנדל, אַ געשעפט, וואָס מען דאַרף צו אים האָבן געלט. די אידן־פראַגע איז ניט קיין געלט־פראַגע! פאַר אונז אַרבעטער באַטייט דער ציוניזמוס די איבערקערונג פונ׳ם גאַנצן ביז איצטיגן אידישן לעבן. אַלץ, וואָס עס האָט ביז איצט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, אַלץ וואָס מען האָט ביז איצט געהאַלטן פאַר גרויס און וויכטיג מוז איצט ווערן פאַרענדערט און איבערגעביטן, ווייל אַלע מיינונגען און פאַרשטעלונגען פון אונזער פאָלק זיינען אַ ירושה פון דעם פינסטערן גלות, פון דעם אייביגן קרעמער־לעבן, וואָס האָט דעם אידן איינגעוואוינט אויף אַלץ אין דער וועלט וואָס ער זעט צו פרעגן: וואָס וועט עס קאָסטן? דאָס געלט איז געוואָרן די אידישע נשמה, זיי האָבן דאַרום אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין זייער אייגענעם כח, און ווייסן ניט אַז אַ מענטש מיט זיינע קרעפטן קען אויך עטוואָס אויפטאָן. דער פינסטערער גלות האָט דעם אידן איינגעוואוינט מורא צו האָבן פאַר יעדן פרישן ווינטעלע, וואָס גיט צו אים אַ בלאָז, צו ציטערן פאַר יעדן נייעם, ווייל ער איז געוואָרן געוואוינט צו זען אין די נייעסן, אַלץ פרישע גזירות. אַלץ נייע צרות; די ביטערע אומזיכערע פרנסה לאָזט דעם אידן קיינמאָל ניט קיין פרייע מינוט, כדי ער זאָל קענען באַקלערן זיין לאַגע, באַרעכענען, וואָס עס טוט זיך מיט אים און ווי ער האַלט אין דער וועלט. דער ציוניזם פאַרלאַנגט אָבער, אַז דער איד זאָל מאַכן מיט זיך אַ קלאָרע רעכענונג און זאָל זען וואָס עס טוט זיך מיט אים, און זאָל פאַרשטיין, אַז ווייטער קען אַזוי מער ניט זיין: ער זאָל איינזען, אַז ער מוז אַלץ אַוועקוואַרפן און אָנהויבן אַ נייעם נאַטירליכן, מענטשליכן לעבן. צו דער אידישער רעוואָלוציע, איז דער אידישער אַרבעטער באַרופן צו זיין דער ערשטער, ווייל ער האָט שוין אין זיך, אין זיין לעבן געמאַכט די רעוואָלוציע. דער אידישער אַרבעטער, וואָס לעבט פון זיין האָראָוואַניע און שאַפט נייע פראָדוקטן, האָט שוין איינגעזען, אַז דאָס געלט איז נאָך ניט דער עיקר אין דער וועלט; אַז אין אמת׳ן איז נאָר די אַרבעט, די האָראָוואַניע מאַכט און שאַפט אַלץ אין דער וועלט, דאַרום האָט ער באַקומען אַ שטאַרקן גלויבן אין דעם מענטשן, אַ גלויבן אין זיינע אייגענע כחות, אַז נאָר זיי צושטערן און בויען וועלטן. דער אַרבעטער האָט אויך איינגעזען, אַז די נייעסן וואָס קומען אויף זיינען אין אמת׳ן ניט קיין גזירות, ווייל וואָס עס ווערט אַלץ מער נייעס אין דער וועלט אַזוי ווערט אַלץ די נאַטור מער איינגענומען פון דעם מענטשן, און די נייעסן, די אַנטדעקונגען זיינען געשאַפן צו פאַרבעסערן, צו פאַרשענערן און פאַרגרינגערן דעם מענטשנס לעבן. דער מענטש דאַרף נאָר זען זיך סטאַרן, אַז ער זאָל פון זיי קענען הנאה האָבן, אַז אַנדערע זאָלן ניט אַוועקנעמען זיין חלק און אים וואַרפן אַן אָפּגעגריזעטן ביין. צוליב די אַלע אורזאַכן זיינען די אַרבעטער פיאיג צו פאַרשטיין אַ הויכן, אַ גרויסן אידעאַל, דער אידעאַל פון דער אידישער פרייהייט, דער ציוניזם. זיי זיינען דער געזונטער פאָרטגעשריטענער עלעמענט אין דעם אידישן פאָלק און פון זיי וועט די אידישע פרייהייט און אויפלעבונג זיך אָנהויבן. מיר רופן אייך דאַרום, אידישע אַרבעטער און אַרבעטערינען, איר זאָלט זיך פאַראייניגן צו אונז, איר זאָלט פאַרנעמען אייער פּלאַץ צווישען די קעמפערס פאַר דער אידישער פרייהייט, פאַר דער אידישער ערלעזונג.

איר פרעגט אונז, וואָס האָט דער ציוניזם געגעבן דעם אַרבעטער? אין אמת׳ן פאַרשטייען מיר גאָר אַזאַ שאלה ניט; דער ווערט

און די באַדייטונג פון אן אידעאַל טאָר ניט און קען ניט ווערן געשאַצט נאָך דעם, צי ער האָט שוין אין דער מינוט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן עפּעס געגעבן, אויב מען קען שוין באַלד פון אים האָבן הנאה. מיר האָבן שוין געזען אַ סך אידעאַלן, וואָס בשעת זיי זיינען אַרויס האָבן זיי דעם עולם צוגעזאָגט שוין גליקליך צו מאַכן און די גרויסע מאַסע האָט זיך צו זיי אַ צי געטאָן, צום סוף האָט זיך פון זיי אויסגעלאָזן אַ ווינד. אן אידעאַל איז קיין צעטל אויף אַ לאַטעריע, וואָס מען גיט היינט אַ רובל און מאָרגן געווינט מען שוין די גרויסע געווינס, פאַר אַ אידעאַל מוז מען קעמפן און זען ער זאָל ווערן אויסגעפירט. אים קען מען נאָר שאַצן, וואָס וועט ער אונז געבן שפּעטער, אַז ער וועט ווערן אויסגעפירט? צו פאַרענטפערט ער די פאָדערונגען פון אונזער לעבן? צי קען ער אַראָפּנעמען דעם שווערן יאָך און פאַרגרינגערן אונזער לעבן? עס קען זיין, אַז אן אידעאַל גיט אונז איצט בשעת ער איז נאָך קליין און שוואַך גאָר ניט, פונדעסטוועגן קען ער זיין נויטיג און נוצליך פאַר אונז אין דער שפּעטערער צייט. אַז מיר וועלן אַזוי קוקן אויף דעם ציוניזם וועלן מיר זען, אַ דער ציוניסטישער אידעאַל איז גראַד געשאַפן און נויטיג פאַר אונז אַרבעטער, אַז ער און נאָר ער קען און וועט פאַרענטפערן די אידישע אַרבעטער־פראַגע.

די אידישע אַרבעטער־פראַגע איז ניט גלייך צו דער אַרבעטער־פראַגע ביי די אַנדערע פעלקער. ביי זיי באַדייט די פראַגע נאָר אַ קאַמף צווישן דעם קאַפּיטאַל און דער אַרבעט, ביי אונז אידן באַדייט די פראַגע אין אמת'ן: וואו זאָלן מיר נעמען אַרבעט? עס איז ביי אונז אן אַרבעטס־פראַגע, ווייל אַז מיר קוקן זיך נאָר גוט צו, זעען מיר, אַז מיר אידן האָבן קיין אַרבעט ניט, אַז מיר האָבן גאָרניט די מעגליכקייט צו ווערן רעכטע אַרבעטער וואָס לעבן בכבוד פון זייער האָראָוואַניע. אין די גרויסע פאַבריקן, אין די ווערקשטאַטן, וואו עס ווערן געשאַפן די וויכטיגסטע פּראָדוקטן לאָזט מען אונז אידן ניט אַריין. בכלל מוזן מיר אַרבעטן אין די קליינע פאַבריקן ביי אַזעלכע אינדוסטריע־צווייגן, וואָס זיי האָבן ניט קיין צוקונפט, וועלכע מוזן סוף כל סוף איינגעשלונגען ווערן פון די גרויסע פאַבריקן. דערפאַר מוזן מיר אידישע אַרבעטער עמיגרירן. אויסוואַנדערן, קלאַפּן אין די פאַרשלאָסענע טירן פון אַמעריקע און אַפריקע; אָבער אויך דאָרטן געפינען מיר ניט קיין באַשעפטיגונג אין די גרויסע פאַבריקן, און מוזן ווייטער אַרבעטן אין דעם אייגענעם פאַבריקל, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן אין דער היים. דער טעם פאַר דעם וואָס מען לאָזט אונז ניט אַריין אין די גרויסע פאַבריקן איז זייער איינפאַך און נאַטירליך.

ווען מיר קוקן זיך גוט צו צום לעבן פון די מענטשן זעען מיר, אַז פון אייביג אָן האָבן די מענטשן מלחמה געהאַלטן פאַר צוויי זאַכן. די גאַנצע וועלט־געשיכטע איז אין אמת'ן אַ מלחמה פאַר דער ערד, פאַר דאָס לאַנד, וואו די נאַרונג וואַקסט, און אַ צווייטע מלחמה פאַר די נאַרונג גופא. די ערד איז געווען פון אייביג אָן די קוועלע פון לעבן, זי האָט געשפּילט אין דער וועלט די גרעסטע ראָלע, און די מלחמה פאַר איר, ווער עס זאָל איר באַהערשן, איז געוואָרען געפירט צווישן די פעלקער, צווישען די נאַציאָנען, יעדעס פאָלק האָט זיך געסטאַרעט צו כאַפּן, איינצונעמען אַ גרעסערן חלק ערד און האָט פאַרגאָסן זיין בלוט איר אָפּהיטנדיג. די צווייטע מלחמה פאַר די נאַרונג גופא, פאַר דער הכנסה וואָס די ערד האָט געגעבן, איז געוואָרן געפירט פון מענטשן וואָס געהערן צו דעם אייגענעם פאָלק, צווישן די איינציגע גלידער, וואָס געהערן דער נאַציאָן גופא: דאָס איז דער קלאַסן־קאַמף. מיר, אידן, האָבן באַלד פון אָנהויב אויך געפילט, אַז די ערד איז די מוטער פון לעבן און האָבן איינגענומען אַ לאַנד און האָבן איר געהיט ווי דער שוואַרצאַפּפל פון אויג. פון דער צייט אָן, וואָס מיר זיינען אַרויס אין גלות און מיר וואַלגערן זיך אין דער פרעמד זעען מיר, אַז אומעטום לאָזט מען אונז אַ סך זאַכן טאָן נאָר צו דער ערד לאָזט מען אונז זיך ניט צורירן, די ערד איז הייליג, זי געהערט דעם פאָלק, איר היט מען, אַז זי זאָל ניט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט; אין אונזערע צייטן שפּילט די גרעסטע ראָלע אין פעלקער־לעבן די פאַבריק, די אינדוסטריע, זיי זיינען געוואָרן די קוועלן פון לעבן, פון רייכקייט, לאָזט מען אונז אידן צו זיי אויך ניט צו. מען היט די פאַבריק זי זאָל ניט אַריינפאַלן אין אידישע הענט, מען לאָזט אין איר ניט אַריין דעם פרעמדן, דעם אידן. צוליב דעם אייגענעם טעם קען אונז, אידישע אַרבעטער, גאָר ניט העלפן ווען מען זאָל אונז אַפילו געבן בירגערליכע

און פּאָליטישע רעכט, צו האַנדלען, צו זיין קאָראַבעלניקעס, צו בעטלען, אָבער ניט צו אַרבעטן, צו לעבן פון אונזער האַראָוואַניע.

עס קען אפשר טרעפן, אַז מען זאָל אונז יאָ וועלן אַריינלאָזן אין די פאַבריקן, אַז מען זאָל אונז וועלן געבן דאָס רעכט אויף אַרבעט וואָס אונז פעלט היינט, אָבער מיר קענען דאָס רעכט ניט באַנוצן, מיר קענען די טובה ניט אָננעמען, ווייל דערפאַר פאַרלאַנגט מען פון אונז, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, וואָס עס איז ביז איצט ביי אונז געווען ליב און טייער. מען פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן דערפאַר פאַרקויפן אונזער נשמה. מיר זאָלן אויפהערן זיין, וואָס מיר זיינען פון דער נאַטור און ווערן אַנדערע באַשעפענישן, דינען פרעמדע פעלקער, פרעמדע אינטערעסן. דאָס קענען מיר אָבער ניט טאָן, ווייל דאָס איז געגן דעם אמת, געגן אונזער נאַטור, געגן אונזער געשיכטע און אונזער גאַנצע ביז־איצטיגע אַנטוויקלונג; אין דעם באַשטייט די אידישע אַרבעטער־פראַגע. עס איז אַן אַרבעטס־פראַגע, די פראַגע קען נאָר געלייזט ווערן, ווען מיר וועלן באַפרייט זיין פון גלות, ווען מיר וועלן באַקומען אַן אייגענעם ווינקל, וואו מיר וועלן זיך קענען פריי און נאַטירליך אַנטוויקלען, לעבן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן, באַשאַפן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע אינדוסטריע אין אַן אייגענעם לאַנד, אין אַ אידישען לאַנד, ערשט דעמאָלט וועלן מיר קענען גיין רוהיג און זיכער אויף דעם וועג, וואָס פירט צו אונזער באַפרייאונג, צו פאַרניכטונג און אָפּשאַפונג פון דעם לעצטן אַרבעטס שקלאַפעריי, וואָס דריקט נאָך דעם מענטשן.

דער ציוניזמוס איז די ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דעם אידישן פאָלק. ער וויל איבעראַנדערשן דאָס גאַנצע אידישע לעבן און שאַפן אַ נאָרמאַלע נאַטירליכע לאַגע, כדי אונזער פאָלק זאָל זיך קענען אַנטוויקלען גלייך מיט אַנדערע פעלקער. דער ציוניזמוס איז ניט צופרידן מיט האַלבע אַרבעט, מיט אַ הילף אויף אַ מינוט, ער וויל דאָס אידישע פאָלק ווידער אויפלעבן און עס אַרויפפירן אויף דעם געשיכטליכן וועג פון וועלכע עס איז אַראָפּ שוין זייט צוויי טויזנט יאָר, וואָס דאָס איז די סבה פון אַלע אונזערע ליידן.

דער ציוניזמוס וועקט דאָס אידישע פאָלק צום לעבן, צו אַרבעט, אָבער דאָס נייע לעבן קען זיך ערשט אָנהויבן ווען אַלע באַגריפע און מיינונגען, וואָס הערשן ביים פאָלק איבער לעבן און אַרבעט, איבער ערע און מענטשליכקייט וועט ווערן איבערגעביטן, ווען עס וועט ווערן אַ רעוואָלוציע אין די געדאַנקען און פאָרשטעלונגען פון דעם פאָלק. דיזע רעוואָלוציע קענען מיר אידישע אַרבעטער מאַכן, דאַרום רופן מיר אַייך, ברידער און שוועסטער, אידישע אַרבעטער און אַרבעטעריגען, צו דער אַרבעט, צו דער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק.

עס איז שוין צייט מיר זאָלן צערייסן די שווערע קייטן, וואָס האַלטן אונז געשמידט און לאָזן אונז ניט גיין פאָרווערטס, צו פראָגרעסירן גלייך מיט אַלע פעלקער. מיר רופן אַייך, איר זאָלט איינעמען אייער פּלאַץ אין דער באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען דעם בעסטן חלק פון אונזער פאָלק, איר זאָלט איינטרעטן אין דער באַוועגונג, וואָס נאָר זי אַליין וועט אונז געבן די מעגליכקייט צו ווערן פרייע ניצליכע אַרבעטער, און וועט לייזן די אידישע אַרבעטער־פראַגע.

מיר רופן אַייך, איר זאָלט אַייך פאַרייניגן צום ציוניזמוס, איר זאָלט איינטרעטן אין דער אידישער רעוואָלוציע!

(„דער אידישער אַרבעטער”, ווין־קראַקאָ, 10טן סעפטעמבער, 1906.

החלטות

וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציוניסטישע קאָמיטעטן אויפ׳ן דרום־ראַיאָן

א. צו דער פראַגע וועגן טעריטאָריאַליזמוס.

א) דאָס איינציגע וויסנשאַפטליכע סיסטעם, וועלכע ערקלערט אונז באַפרידיגנד די ציוניסטישע באַוועגונג, און וועלכע באַגרינדעט דעם פּועלי ציוניזם — איז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם.

די וכּוחים האָבן באַוויזן, אַז עס עקזיסטירט אין דער פּאַרטיי אַ חילוק־הדעות וועגן דער ראָלע און דער באַדייטונג פון דער אידעאָלאָגיע, דער חילוק־הדעות אין וועלכן עס שפּיגלען זיך אָפּ די מחלקות אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור בכלל.

ב) די מאַטעריאַליסטישע וועלט־באַטראַכטונג אסר׳ט נישט די אַריינפירונג פון פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן ביי דער באַשטימונג פונ׳ם באַגריף „נאַציאָן". אָבער ווען די קלאָרע נאַציאָנאַלע פאַרשידנהייטן טראָגן אַ קולטורעל פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער, אין דעם בנין פון די פאַרשידנהייט און אין דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון די נאַציאָנען שפּילט די הויפּט ראָלע דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּאַקטאָר. אויך אין דעם קיום און אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער אידישער נאַציאָן אינ׳ם גלות האָט די הויפּטראָלע געשפּילט איר איינאַרטיגע סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע צווישן אַנדערע פעלקער.

די וכּוחים האָבן אַרויסגעוויזן אַ פּולשטענדיגן פּירוד הדעות ביי דער פראַגע וועגן באַשטימונג פונ׳ם באַגריף „נאַציאָן". אָבער פונ׳ם פּראָגראַמאַטישן שטאַנדפּונקט האָט מען געפונען פאַר וויכטיג ניט די באַשטימונג פון דעם באַגריף, וואָס האָט נאָר אַן אַקאַדעמישע באַדייטונג, נאָר דעם ערקלערן פון יענע היסטאָרישע כּחות, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ווירקלאַכע ראָלע ביי דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָן.

ג) די טעאָרעטישע באַגרינדונג און אַנטוויקלונג פונ׳ם פּועלי־ציוניזמוס פירט אונז צו דער טעריטאָריאַליסטישער אידעע. די וכּוחים האָבן באַוויזן, אַז עס איז אוממעגליך — שטייענדיג אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון אַ טעאָרעטישן בנין דעם פּועלי־ציוניזמוס — צו מאַכן פאַר קאָנקרעט דעם באַגריף „טעריטאָריע". דער רעיון טעריטאָריע ווערט קאָנקרעט, ווען דאָס לאַנד קאָן ערפילן די דאָזיגע פאָדערונגען.

ד) 1. דער קלימאַט און די געאָגראַפישע תּנאים פאַר דער אַקלימאַטיזאַציאָן.

2. דאָס אַנטשפּרעכנדע קלימאַט און געאָגראַפּישע תּנאים, וואָס זאָל מעגלאַך מאַכן די אַנטוויקלונג פון ערד־אַרבעט און אינדוסטריע.

3. די עטנאָגראַפּישע תּנאים, וועלכע זאָלן מעגליך מאַכן צו בילדן אַ מרכּז (די מערהייט פון דער באַפעלקערונג).

4. פּאָליטישע גאַראַנטיעס אין פאָרם פון אַן אויטאָנאָמיע (נאָך דעם מוסטער פון די ענגלישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג).

(באַמערקונג: דער דעלעגאַט ה. צ. האָט פאָרמולירט „אַ פּאָליטישע אויטאָנאָמיע").

די וכּוחים האָבן אַרויסגעוויזן אַ שאַרפן חילוק־הדעות אין דער פראַגע, אויף וויפיל פּ אַ ל ע ס ט י נ א קאָן ערפילן די דאָזיגע פאָדערונגען: עטליכע האָבן געבראַכט ראיות, אַז פּאַלעסטינא טויג לחלוטין נישט, אַנדערע — אַז זי האָט מער מעלות אין דער הינזיכט פון אַנדערע לענדער. די וכּוחים האָבן אַרויסגעוויזן דאָס פעלן פון גענויע ידיעות איבער פּאַלעסטינא.

ה) מען מוז ווירקן אויף דעם קאָנגרעס, ער זאָל זיך ווענדן צו די מלוכות, וועלכע האָבן טויגבאַרע טעריטאָריעס, זיי זאָלן זיי פאַרשלאָגן די אידן צו באַזעצונג. דער צוזאַמענפאָר האָט קאָנסטאַטירט, אַז די דיפּלאָמאַטישע אַרבעט איז נויטווענדיג, כּדי מען זאָל דערגרייכן אַ טעריטאָריע, און האָט זיך פאַרהאַלטן בשלום צו אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר פּאַלעסטינא. די ציוניסטישע דיפּלאָמאַטיע מוז אָבער פריי זיין פון די רעאַקציאָנערע (?) פאָרמען, וועלכע ה ע ר צ ל פלעגט אַנווענדן.

ו) קיין קאָנקרעטע טעריטאָריע טאָר מען ניט אַריינגעמען אין פּראָגראַם, איידער מען האָט זי אויסגעפאָרשט.

ז) די הוספה צו די החלטות איבער „טעריטאָריע", וועלכע עטליכע דעלעגאַטען האָבן

פארגעשלאָגן: „ביי פאַרשידענע תנאים דאַרף פאַלעסטינא בילכער זיין פון אַלע לענדער", איז צוריקגענומען געוואָרן, נאָכדעם, אַז די וכוחים האָבן קלאָר געמאַכט, אַז אין דער הוספה (וועלכע איז געבויט אויף אידעאָלאָגישע מאָמענטן, ווי ליבע צו פאַלעסטינא) ליגט אַ ווידערשפּרוך צו דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אנשויאונג און אַ סתירה צו דער גאַנצקייט פונ'ם טעאָרעטישן בנין. (דעלעג. ס. איז ניט מסכים).

ב. צו דער באַגרינדונג פונ'ם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

(ווי אַ טייל פון דער נאַציאָנאַל פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק).

א) וועגן דעם ערשטן פּונקט — די דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַקטועלער מאָטיוו צום פּאָליטישן קאַמף — זיינען קיין החלטות ניט אָנגענומען געוואָרן. דער פירוד הדעות אין דעם הינזיכט האָט זיך אַרויסגעוויזן, בפרט ביי דער פּרינציפּיעלער מיינונג איבער דער באַדייטונג פון דעם רעיון—דיקטאַטור. מכח רוסלאַנד זיינען אָבער אַלע מסכים, אַז ניט דער הוילער רעיון—דיקטאַטור, נאָר די טעגליכע נויטווענדיגקייט פון דער באַפרייאונג אויס דער פּאָליטישער קנעכטשאַפט — איז דער באַוועגנדער כח, וועלכער רופט אַרויס די הכרחיות פונ'ם פּאָליטישן קאַמף.

ב) מכח דער פראַגע וועגן פאַראייניגונג מיט די ראַדיקאַלע בירגערליכע אידישע פּאַרטייען צו אַן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אונטער וועלכער מען מיינט „אַן אָרגאַניזירטע מלחמה מיט דעם יאָך, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך די צוגעהעריגקייט צום אידישן פאָלק", איז אָנגענומען געוואָרן: „אַזאַ פאַראייניגונג איז מעגליך, אויף וויפיל די פאָרמען וועלען ניט סותר זיין אונזער וועלט־אנשויאונג.

די וכוחים האָבן אַרויסגעוויזן אַן אַלגעמיינעם שטרעבן ביי די דעלעגאַטן מאַכן אויף צו פריער פאַר אוממעגליך די פאַרדונקלונג פון קלאַסן־באַוואוסטזיין דורך דער דאָזיגער פאַראייניגונג.

ג) צו דער פראַגע וועגן דאָס שייכות פון פּועלי־ציוניזמוס צו דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק (רעוואָלוציאָנערער קאַמף בכלל): אַלס מיטגלידער פון דער גאַנץ־וועלטיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ובכן פאַראינטערעסירט אין דער פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליסטישע אידעען אין גלות, און אַחוץ דעם, אַזוי ווי מיר פאַרשטייען: 1. אַז כדי צו פאַרווירקליכן די לעצטע צילן פונ'ם ציוניזמוס מוז געשאַפן ווערן אַ גרויסע פּאָליטישע באַוועגונג און עס איז נויטיג אַנטיילצונעמען אין דעם פּאָליטישן לעבן פון די גלות־לענדער, כדי מען זאָל קענען ווירקן אינ'ם זין, וואָס איז נוצליך דעם ציוניזמוס, אויף די פאָרשטייער פון די פעלקער; 2. אַז אַזאַ באַוועגונג און אַזאַ מין טיילנעמען זיינען נאָר מעגליך ביי אַ פרייען פּאָליטישן סדר; 3. אַז ביי אים איז מעגליך אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריער־מאַסן; 4. אַז די פאַרווירקליכונג פון די ציוניסטישע צילן איז מעגליך נאָר אין עתיד און די קאָלאָניזאַציאָן פון נייע לענדער איז אַ לאַנג־דויערנדער פּראָצעס; 5. ובכן וועט נאָך אַ לאַנגע צייט די אידישע פּראָלעטאַריער־מאַסע מוזן אין עקאָנאָמישן זין צוריקגיין; 6. אַז די פאַראָרמונג פון פּראָלעטאַריער־מאַסן, ווען זי גייט אַריבער אַ באַשטימטן גבול, קאָן מאַכן די מאַסע פאַר אוממפּויאיג צו זיין דער טרעגער פון אַ ברייטער געזעלשאַפטליכער באַוועגונג; 7. אַז נאָך דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער וועלט־אנשויאונג איז נויטיג צו ערציען די פּראָלעטאַריער־מאַסן אין סאָציאַליסטישן גייסט און איינוואָרצלען אין זיי דעם האַס צו דער קנעכטשאַפט אין אַלע אירע פאָרמען — באַטראַכטנדיג דאָס אַלץ, געפינען מיר פאַר נויטיג אַן אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַריש־נאַציאָנאַלע מלחמה געגן דעם נאַציאָנאַלן דרוק אין גלות און דאָס טיילנעמען אין פּאָליטישן לעבן פון די גלות־לענדער.

די וכוחים האָבן אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ פּראָלעטאַריש־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, העלפנדיג צו בויען דעם בנין פון פּאָליטישער פרייהייט, פאַרהאַלטנדיג די פאַראָרמונג פון די מאַסן, באַפעסטיגנדיג זיי צום באָדן פון דער אַרבעט, כדי צו דערגרייכן אין גלות אַ מאַקסימאַלע פאַרבעסערונגס־מדרגה פון זייער לאַגע — וועט זיי דורך דעם ערציען אין דעם גייסט פון אונזער וועלט־אנשויאונג און וועט העלפן צו שאַפן צווישן די אידישע פּראָלעטאַריער די גרויסע באַוועגונג צום פאַרווירקליכונג פונ'ם ציוניזמוס אין אונזער גייסט.

ג) צו דער פראַגע מכח אונזער פאַרהעלטעניש צו „וואָזראָזשדעניע" איז באַשלאָסן

געוואָרן, אונטערשטיצן די „וואָזראָזשדעניע" אויף וויפיל זי דינט אַלס ליטעראַרישער אָרגאַן צום מיינונג־אויסטויש. אַז איר פּאַרטייאישע פיזיאָנאָמיע וועט קלערער ווערן, וועט אויך קלערער ווערן דאָס שייכות צו זיי פון די פועלי־ציון.

ד) צו דער פראַגע מכח אונזער פאַרהעלטעניש צו דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע: 1. בלייבנדיג אַ קלאַסן־פּאַרטיי, פאַראייניגן מיר זיך מיט איר צוליב יענע צוועקן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער דערגרייכונג פון אַ טעריטאָריע. מיר נעמען אנטייל אין יענע צענטראַלע ציוניסטישע אינסטיטוציאָנען, וועלכע האָבן אַ גאַנץ וועלטליכן ציוניסטישן כאַראַקטער; 2. וועגן דאָס טייל־נעמען אויפ'ן 7טן קאָנגרעס. וועגן דעם אופן באַקומען שקלים (קאָנספּיראַציע) און וועגן דעם אָפּהיטן פון קאָנספּיראַציע אויפ'ן קאָנגרעס (קאָנספּיראַטיוו): איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצושטעלן אונזערע קאַנדידאַטן מיט אונזער קאָנגרעס־פּראָגראַם אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ה) אויסגעאַרבעטע פאָדערונגען צום צ. ק. (קאָנספּיראַטיוו).

ו) עס זיינען אויסגעאַרבעט טעכנישע אָרגאַניזאַציאָן־סטאַטוטן, כדי צו פאַראייניגן דעם ראַיאָן און צו צו מאַכן אַ סדר אין דער אַרבעט און אין די לאָקאַלע קאָמיטעטן (קאָנספּיראַטיוו). עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָגראַם צו לעזן, וואָס וועט זיין באַזונדער אָפּגעדרוקט.

ז) באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ געוויען באַריכט איבער דעם צוזאַמענפאָר.

(„דער אידישער אַרבעטער", ווין־קראַקאַ, 15 אַפּריל, 1905).

החלטות, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פון דער פּרילוקער (פּאָלטאַווער גובערניע) אָרגאַניזאַציע „פּועלי־ציון".

1) מיר שטייען אויפ'ן באָדן פון באַזעלער פּראָגראַם און פאַרשטייען אונטער דעם ציוניזמוס די שאַפונג פון נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פונ'ם אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינא.

2) מיר זעען אין דעם ציוניזמוס אַ היסטאָרישע הכרהיות — אַ רעזולטאַט: 1) פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פונ'ם אידישן פאָלק; 2) פון אַ סך היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן אין דעם אידישן לעבן.

3) אַזוי ווי אין דער פאַרווירקליכונג פון דעם ציוניזמוס זיינען פאַראינטערעסירט אַלע אידישע קלאַסן, ובכן פאַראייניגט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מענטשן מיט פאַרשידענע דעות און מיט פאַרשידענער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע, מוז די אָרגאַניזאַציע גרופּירט ווערן אין פּאַרטייען און דער ציוניסטישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף בילדן אַ זעלבסטשטענדיגע פּאַרטיי „פּועלי־ציון", וואָס זאָל אַריינגיין אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע.

4) שטייענדיג אויפ'ן סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט האַלטן מיר די מלחמה מיט'ן קאַפּיטאַליזמוס אויך אין די גלות־לענדער פאַר אַ אינטעגראַלן טייל פון אונזער פּראָגראַם.

5) אַלס רוסישע בירגער און אַלס סאָציאַל־ציוניסטן, גייען מיר האַנט אין האַנט מיט דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט אין דעם קאַמף מיט'ן אַבסאָלוטיזמוס.

6) האַלטנדיג די ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן, ווי זיי רופן זיך אָן) פאַר ניט קיין מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, רעכענען מיר פונדעסטוועגן אין פּרינציפּ פאַר מעגליך צו פאַראייניגן זיך מיט זיי אין איניגע פּונקטן פון לאָקאַלער אַרבעט.

7) האַלטנדיג, אַז דאָס פּראָגראַם פונ'ם „בונד" באַפרידיגט ניט די אינטערעסן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, ווייל עס פעלן אין די גלות־לענדער נאָרמאַלע באַדינגונגען אי פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע פון די דאָזיגע מאַסן, אי פאַר אַן אַלזייטיגער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, רעכענען מיר פאַר נויטיג צו באַקעמפן דעם „בונד".

(„דער אידישער אַרבעטער", ווין־קראַקאַ, נומ. 15, נאָוו. 1905).

החלטות פונ'ם וואַרשעווער צוזאַמענפאָר.

אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון וואַרשעווער פאַדראַיאָן פון דעם אידיש סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אַרבעטער פאַרבאַנד „פועלי ציון" אין פוילן דעם 25טן מאַי 1906, זיינען אָנגענומען געוואָרן פאָלגענדע רעזאָלוציאָנען:

וועגן אונזער פּלאַטפאָרמע.

די אָביעקטיווע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליסטישן אָרדנונג האָט אַרויסגערופן ביי דעם אידישן פאָלק אַ קלאַס פּראָלעטאַריער.

דאַנקבאַר די ענטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדע קרעפטע קומט פאָר צווישן די פּראָלעטאַריעריזירענדע־זיך מאַסן קאָנקורענציע פאַר דעם אַרבעטער פּלאַץ אין די פאַבריקן. די קאָנקורענציע וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אָרדנונג לאָזט ניט אידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן — אַלס אַ טייל פון דעם אידישן נאַציאָן, וועלכן איז די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד — צו די העכערע פאָרמען און צווייגן פון דער פּראָדוקציאָן.

דאָס ניט מעגליכקייט, זיך צו צופּאַסן צו די אָביעקטיווע ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליסטישן אָרדנונג, אָדער די איזאָלאַציע, נאַציאָנאַליזירט די אידישע מאַסן, פאַקטיש ווייזט זיך אַרויס אין לאָקאַלע קאָנצענטראַציע אין די נייע געטאָס: ניו יאָרק, לאָנדאָן א. ד. ג. די קאָנצענטראַציע איז אַ רעזולטאַט, אַלזאָ, פון דעם עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַלן צושטאַנד פון די איזאָלירטע מאַסן.

די וויטערע ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, פאַרשטאַרקענדיג די איזאָלאַציע, ברענגט דאַצו, אַז די לאָקאַלע קאָנצענטראַציע קאָן ניט פאַרענטפערן די עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון אידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ענטשפּרעכנד זיין לאַגע אין געזעלשאַפטליכן לעבן, אָדער אין זיין אַנטייל אין די פּראָדוקציאָנסמיטלען — אַרבעט אויס זיין קלאַסן אידעאַל דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

דער היסטאָרישער פּראָצעס פירט דעם אידישן פּראָלעטריאַט. צום סאָציאַליזם דורך דעם קלאַסן־קאַמף, און דער ציוניזם איז אַ נויטווענדיגער מאָמענט אין קלאַסן ענטוויקלונג פון דעם איד. פּראָלעטאַריאַט אין וועג צום סאָציאַליזם.

וועגן באַגרינדונג פון פּאַלעסטיניזם.

די שטרעבונג פון די אידישע מאַסן צום היימאַט — פּאַלעסטינע עקזיסטירט דאַנקבאַר דעם וואָס זיי האָבן זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו פרישע סאָציאַל עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן די אַלטע פּאַלעסטינישע אידעאָלאָגיע פאַרניכטן און שאַפן אַ נייע.

דער געגענזאַץ צווישן די נויטווענדיגקייט פון צופּאַסן זיך צו די סאָציאַל עקאָנאָמישע באַדינגונגען און די אונמעגליכקייט פון דעם רופט אַרויס אין די אידעאָלאָגיע ביי די אידישע איזאָלירטע מאַסן בכלל, און ביי דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט בפרט די שטרעבונג צו היימאַט פּאַלעסטינע, וועלכע איז ביז איצט געווען אין פּאַטענץ.

די שטרעבונג ווערט רעאַליזירט אין טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע אין פּאַלעסטינע, וועלכע קומט פּאַקטיש פאָר.

וועגן פּאָליטישן קאַמף.

אין די אַלע פעלע ווען עס ווערן פאַרווירקליכט די אַלע פאָדערונגען (טיילן) פון דעם פּראָגראַם מינימום דער סאָצ. דעמ. פירט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַן אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף.

ווען דער ניט אידישער פּראָלעטאַריאַט קעמפט פאַר זיינע ספּעציעלע פאָדערונגען פירט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַ פּאַסיוון פּאָליטישן קאַמף.

ווען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט ספּעציעלע פאָדערונגען און אויפגאַבן, פירט ער דעם פּאָליטישן קאַמף זעלבסטשטענדיג.

וועגן זעלבסטשוץ.

דער צוזאַמענפאָר געפינט פאַר נויטיג:
1) אָנצופירן אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר זעלבסטשוץ און אַלגעמיינע פאָלקסבאַוואַפונג.
2) פאַרפליכטן די אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן נאָך קיין זעלבסטשוץ — צו גרינדן אַזעלכע. און די איבעריגע צו פאַרשטאַרקן די ביזהעריגע זעלבסטשוץ.

וועגן ליטעראַטור.

נעמענדיג אין באַטראַכט די וויכטיגקייט און נויטווענדיגקייט פון פּאַרטייאישע ליטעראַטור געפינט דער צוזאַמענפאָר פאַר נויטיג, דאָס דער וו. ר. ק. זאָל אַרויסגעבן פּעריאָדיש אַ פּאַרטייאישן אָרגאַן. די אָרגאַניזאַציעס פאַרפליכטן זיך מעגליכסט צו שטיצן דעם אָרגאַן.

„אידישער קעמפער", נומער 17. יולי, 1906.

פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ

ערשטער זעלבסטשוץ פאַרזוך.

„די יעקאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע פּועלי־ציון האָט אָרגאַניזירט דעם ערשטן פאַרזוך פון זעלבסטשוץ אין היינטיגן יאָרהונדערט: דאָס איז געשען בעת די פּסח־אומרוען אין 1901 יאָר; די זעלבסטשוץ האָט געהאַט קליינע צוזאַמענשטויסן מיט די כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיגט אָן דער אַריינמישונג פון דער פּאָליציי“...

„...אין דער צייט פון צושפּליטערונג האָבן די פּ״צ פאָרטגעזעצט זייער אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט, נעמענדיג אַ גרויסן אַנטייל אין דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. אין די רייען פונ׳ם זעלבסט־שוץ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך זיי בשעת פּאָגראָמען אין די יאָרן 1905 — 1906, זיינען אין פאַרשידענע שטעט אַריין ביז אַכט טויזנט מאַן, פון די בערך 100 פּ. צ., וואָס זיינען געפאַלן אַלס קרבנות פון זעלבסטשוץ, ווילן מיר דערמאָנען: מענאַקער אין זשיטאָמיר, יוסף ברוך אין יעקאַטערינאָסלאַוו, גראָדזינסקי אין מאָהופּאָל, וועמענס טויט איז פאָרגעקומען ביי באַזונדערס טראַגישע אומשטענדן“...

(ב. באָראָכאָוו, „צו דער געשיכטע פון פּועלי־ציוניזם“, געשריבן, 1912).

די דווינסקער פּראָקלאַמאַציע.

„צו דער אידישער געזעלשאַפט. מיט אַ יאָר צוריק איז פאָרגעקומען די קעשענעווער שחיטה. עס איז פאַריבער אַ יאָר פון דעמאָלט, ווען די רוסישע קנעכט האָבן באַקומען פון זייער אַזיאַטישער רעגירונג אַ פּרוויהייט וואָס ס׳איז ניטאָ מקנא צו זיין — צו שפּילן די ראָל פון טיראַנען במשך פון עטליכע טעג — הרג׳ענען נישט באַוואָפנטע מענער, שוואַכע פרויען און אומשולדיגע קינדער. זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט — נישט מקנא צו זיין — צו ווערן געשטעמפּלט אין דער געשיכטע אַלס רוצחים פון מענשליכן געשלעכט.

די אויפגערעגטע געזעלשאַפטליכע מיינונג פון אייראָפּאַ האָט געפאָדערט אַ משפּט איבער די רוצחים, ד. ה. געפאָדערט, אַז די צאַרישע רעגירונג זאָל מאַכן אַ משפּט איבער זיך אַליין... און אָט איז נאָכ׳ן קעשענעווער פּאָגראָם פאָרגעקומען די קאָמעדיע פון קעשענעווער פּראָצעס, וועלכער האָט אַנטפּלעקט די גאַנצע פאַלשקייט פון רוסישן געריכטס־וועזן, וועלכער דריקט אויס ווי אין אַ שפּיגל די אונאויסשעפּבאַרע בלאָטע פון דער רעגירונגס־שיטה. גערעכטיגקייט האָט מען געזוכט אין אַ לאַנד, וואו די רעגירונגס־גזילה קומט פאַר אין מיטן העלן טאָג, וואו דער ווילקיר פון די רעגירונגס־באַאַמטע איז געזעצליך, וואו די רעכט פון נאַציעס און פּערזאָן ווערן געטראָטן מיט די פּיס...

דער האָמלער פּאָגראָם, וואָס איז געשען נאָכ׳ן קעשענעווער, האָט ענדליך אַלעמען איבערצייגט, אַז די פּאָגראָמען זיינען געוואָרן אַ שיטה פון דער אינערליכער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, אַז אַצינד זוכנדיג אַ בליץ־אָבלייטער פאַר די פּאָלקס־ליידנשאַפטן וועט די רעגירונג מיט אַלץ וואַקסענדיגער ענערגיע העצן די נאַציעס איינע געגן דער צווייטער, זי וועט געבן פרייהייט די רויבער־אינסטינקטן פון דעם נישט־אינטעליגענטן און כלומרשט־אינטעליגענטן המון, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון קאַמף געגן די אמת׳ע שולדיגע פון זיין קנעכטשאַפט, עם הארצות און ווילדקייט. די נאַציעס־העצע איז אַ לעבעדיגער נערוו פונ׳ם זעלבסטהערשנדן סדר, זי איז אַ נויטווענדיגער פּועל יוצא פונ׳ם הערשנדן רעגירונגס־רעזשים, און דעריבער קאָן נאָר דער קאַמף און אויסשליסליך דער קאַמף באַשטימען אונזער באַציאונג צו אים. אונז וועלן נישט ברענגען קיין ישועות נישט די דעפּוטאַציעס פון אונזער שקלאַפן־פּחדנות׳דיגער בורזשואַזיע, וועלכע האָט גאָרנישט אויסער פּחד און געלט, נישט די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס און צביעות׳דיגע רעדעס פון אונזער געבילדעטער מאַסע: אַ קאַמף מוזן מיר פירן אויף לעבן און טויט, קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר נישט, אויב מיר ווילן נישט דערלאָזן קיין אייביגע געוואַלדטאַטן איבער אונזער פּערזענליכקייט, קיין אייביגן אויסשפּאַטן פון אונזערע רעכט. אָטאָ דאָס לערנט אונז דער קעשענעווער פּאַגראָם. ער רופט אונז צום בלוטיגן קאַמף פאַר די עלעמענטאַרסטע מענשן־רעכט, וועלכע מען נעמט ביי אונז אָפּ, צום קאַמף געגן דעם רעגירונגס־רעזשים, אונטער׳ן דרוק פון וועלכן עס קרעכצט דאָס גאַנצע אידנטום נישט נאָר פון פּאָגראָמען, נאָר יעדן טאָג, יעדע שעה — ביי יעדער נייער באַגרעניצונג, וועלכע שלויַדערט אין די אָרעמס פון דלות הונדערטער משפּחות, ביי יעדן מיסברויך מיט דער מאַכט, וואָס עס מאַכן די רויבערישע באַאַמטע און די פּאָליציייאישע כאַמעס און די איבעריגע אין דער סטאַדע וועלף. דער קעשענעווער פּאָגראָם רופט אונז מעכטיג צו נקמה פאַר די טאָג־טעגליכע חורבנות, וועלכע מיר ליידן, פאַר דעם אַלטעגליכן שפּאָט און באַליידיגונג, וועלכע מען קאָן שוין ניט מער איבערטראַגן. עס איז שוין צייט אַוועקצוואַרפן די אַלאונטערטעניגסטע שתדלנות ביי די צוויטוויליגע טיראַנען. עס איז שוין צייט זיך אָפּצוזאָגן פונ׳ם גלויבן אין דער אַלמעכטיג־

קיוט פון די געלט־מתנות, וועלכע ווערן צעטיילט בסוד סודות. גענוג שוין צו בוקן זיך פאַר די אויסוואורפן פון מענשליכן מין עס איז געקומען די שעה פון זעלבסטשוץ, די צייט פונ׳ם קאַמף פאַר׳ן רעכט אויף אַ פרייען לעבן

אָבער געדענקט, איר פּחדנות׳דיגע שקלאַפן, אַז אַ באמת פריי לעבן ווערט נישט דערוואָרבן דורך בגידה צום נאַציאָנאַלן אידעאַל, נישט דורכ׳ן אומפארשעמטן געלויף אין דער מחנה פון די שטארקע נאַציעס. עס איז נישטאָ קיין אינדיווידועלע פרייהייט אָן אַ נאַציאָנאַלער! מען קאָן זיך נישט צבועקיש אָפּגרעניצן פון די אייגענע ברידער און מען טאָר נישט בלייבן גלייכגילטיג, ווען דאָס נאַציאָנאַלע לעבן ווערט געטראָטן מיט די פיס, סיי דורך אונזערע אָפענע שונאים, ווי אויך דורך אונזערע כלומרשטע פריינט. פּאָגראָמען זיינען געוואָרן אַ געוויינליכע ערשיינונג אין דעם אידישן לעבן נישט נאָר ביי אונז אין רוסלאַנד... אונזערע ברידער הרג׳עט מען אין מאראָקאָ, טרייבט מען פון רומעניע, שלאָגט מען אין עסטרייך און אַפילו אין דעם „ציוויליזירטן" ענגלאנד. אַלע פינסטערע כחות פון דער „ציוויליזירטער" וועלט האָבן זיך פאַראייניגט און גרייטן זיך, אונז צו פאַרניכטונג. „טרעט אָפּ פאַר געוואַלדטאַט, אנטזאגט אייך פון אייערע נאַציאָנאַלע אייגנארטיגקייטן, וועלכע זיינען ניט נושא חן ביים בארבארישן המון, ווען ניט — וועט זיין שלעכט!" — שרייען אונז „פריינד" און גרייטן זיך פאַרטילן צווישן זיך די אַסימילאַציע־טראָפייען. זיי האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. „דער אייביגער איד" טרעט נישט אָפּ געגן דעם אָנגריף פון פינסטערע כחות, לויפט נישט דערשראָקן פונ׳ם שלאכט־פעלד, איז נישט בוגד אין זיין פאָן, וועלכע עס האָבן אַזוי הויך געהאַלטן אומצייליגע דורות, פאַרגיסנדיג בלוט פאַר דער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. מיר וועלן זיך ניט דערשרעקן פאַר׳ן רעגירונגס־דעספּאָטיזם און וועלן נישט פאַלן כורעים פאַר אַנדערע נאַציעס. שעמען זאָלן זיך די פאַרעטער, וואָס לאָזן איבער זייער שוואכע אונטערדריקטע נאַציע אין איר קאמף מיט שטאַרקע פעלקער, וואָס זיינען דורכגעדרונגען דורך און דורך מיט אימפּעריאליסטישע האָפענונגען און וואָס טרעטן מיט די פיס דאָס רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטשטענדיגן לעבן! מיר לעבן איבער אַ קריטישן מאַמענט, פאַר אונז שטייט די פראַגע: זיין אָדער ניט זיין?

אונזער נאַציאָנאַלער כבוד איז פאַרשוועכט, באַזונדערע גלידער פון אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם זיינען צוזייט און צושפּרייט איבער גאַר די וועלט און זיי ווערן אכזריות׳דיג פאַרפאָלגט, די רעאַקציאָנערן שטיקן אונז, און די פּראָגרעסיסטן, וואָס ווערן באַוועגט פון אוטיליטאַריסטישע חשבונות, און אָפט פון עגאָאיסטישע, ענג־פאַרטייאישע אינטערעסן, ערקלערן וועגן זייער באַנקראָט און שרייען אונז: „גיט זיך אונטער! אַסימילירט אייך!" ס׳איז אַ קריטישער מאָמענט! דאָס האַרץ ציטערט אויף פון שרעקליכער איינזאַמקייט!... און דאָך רופן מיר אייך צו נאַציאָנאַלער אַרבעט, צו נאַציאָנאַלן קאמף. דאָס אידישע פאָלק האָט שוין ניט איין מאָל זיך געפונען אין אַזאַ איינזאמקייט. באַווייזט זשע, אַז איר זיינט ראוי אייערע אָבות! הויבט אויף הויך די פאַרלעצטע פאָן פון אַ שקלאַף צווישן נאַציעס! זאָלן אייך נישט אָפּשרעקן נישט דער זיגרייכער געשריי פון די אַנטיסעמיטן, נישט די געגאַרטע ריידערייען פון אונזערע „פריינד". שוין צו לאַנג האָבן מיר געטראָגן דעם פרעמדן עול; שוין, דאַכט אונז, גענוג צו דינען אַלס מיטל, צו זיין אַ שמש ביי פעלקער און פּאַרטייען! שוין צייט ארויסצוגיין פון דער לאַגע פון אַ שקלאַף! שוין צייט צו פאַרנעמען אַ גלייכבארעכטיגטן פּלאַץ אין דער משפחה פון פעלקער! מיר מוזן לעבן אַלס פּראָטעסט געגן די רויבערישע אָנפאַלן אויף אונזער נאַציאָנאַלער פרייהייט, געגן דעם אימפּעריאַליסטישן גייסט, וואָס האָט באַהערשט די וועלט. נישט פּחדנות׳דיג לויפן, נאָר קעמפן מיט די שונאים פון זעלבסטשטענדיגער אנטוויקלונג פון נאַציעס, מיט די געוויסנלאָזע עקספּלאָאַטאַטאָרן פון די שוואַכע פעלקער. אָט דאָס איז דער אידעאַל, וואָס איז ראוי פאַר׳ן „אייביגן איד". נישט אנטלויפן, נישט צוזייען זיך, נישט פאַרלירן דעם פּנים, נישט פארשווינדן — נאָר אויפלעבן, שטארק ווערן, ווידער אויפשטעלן דעם צעטרייסלטן פאָלקס־אָרגאַניזם! אָט צו וואָס עס מוזן שטרעבן די יורשים פון די מכבים!

און אונטער דער פאָן פון אָט דעם נאַציאָנאַלן קאמף רופן מיר אַלע גייסט־שטאַרקע! נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט! זאָל לעבן די נאַציאָנאַלע פרייהייט! זאָל לעבן דער ציוניזם! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!

דווינסקער קאָמיטעט פון
ציוניסטן־סאָציאַליסטן."

אַ בריוו פון ביאַליסטאָק.

באַריכט פון דער טעטיגקייט פון דער ביאַליסטאָקער זעלבסטשוץ פון דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי „פּועלי ציון” אין דער צייט פון 1טן, 2טן און 3טן יוני דיזעס יאָר...

ביאַליסטאָק, 21טן יוני, 1906. —

דינסטאָג נאָך דעם אינצידענט וואָס האָט געטראָגן אויף דער לויה פון דעם דער'הרג'עטן פּאָליצמייסטער דערקאַטשאַוו. די ביאַליסטאָקער אידישע געמיינדע האָט געשיקט אַ קראַנץ אויף דער לויה און די ביאַליסטאָקער פּאָליציי אָן דער שפּיצע מיט דעם באַוואוסטן פּריסטאַוו שערעמעטיעוו האָבן ניט געוואָלט צונעמען און נאָכדעם, צונעמענדיג, האָט זיך שערעמעטיעוו אויסגעדריקט דאָס דאָנערשטאָג וועט מען זיך מיט אידן אָפּרעכענען עס וועט זיין אַ פּאָגראָם. די קלאַנגען זיינען באַלד צושפּרייט געוואָרן איבער די גאַנצע שטאָדט, 6 אָוונדס האָבן זיך די קלאַנגען פאַרשטאַרקט, דען מען האָט איבערגעגעבן פון אַ פּריוואַט אָרט דאָס דאָנערשטאָג וועט באַשטימט עטוואָס פּאָרקומען, מיר האָבן זיך דינסטאָג אָוונט פּאַרזאַמלט און באַקלערט וואָס צו טאָן. מיר האָבן די ערשטע זאַך אויסגעקליבן פון זיך צוויי מענטשן, דעם שרייבער פון דיזע ציילן מיט נאָך איינעם און מען האָט אונז באַפּולמעכטיגט צט גיין צו די פּאָרשטייער פון שטאָדט, זיך צו דערוויסן צי די קלאַנגען האָבן עפּעס אַ ווערט אָדער ניט. מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען און זיי האָבן אונז צוגענומען און מיר האָבן געהערט די דאָזיגע ווערטער: „מיר זאָגן אייך, אַז דאָנערשטאָג וועט עטוואָס זיין, אויב ניט אַ „חוליגאַנסקער פּאָגראָם” וועט זיין אַ „וואָיענער”. דען אויסער דעם וואָס עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען ווייס איך דאָס פון אַ פּריוואַט זיכערן אָרט און דער אינצידענט אויף דער היינטיגער לויה איז ריכטיג איבערגעגעבן”.

מיר זיינען אַוועק און באַשלאָסן זיך אויפקלייבן מיטוואָך. מיטוואָך 1 אור בייטאָג איז געוועזן אַ פּאַרזאַמלונג פון אַלע ביאַליסטאָקער פּאַרטייען וועגן זעלבסטשוץ. נאָר צו קיינע פּראַקטישע רעזולטאַטן האָט דיזע פּאַרזאַמלונג ניט געבראַכט, מיר האָבן געזען דאָס אויב מיר וועלן וואַרטן וועט פון דעם גאָר ניט אַרויסקומען — האָבן מיר באַשלאָסן זיך צונויפקלייבן דערווייל באַזונדער און זיך אָרגאַניזירן, ד. ה. זיין גרייט. אַזוי איז גע־

מיטוואָך פּאַרנאַכט האָבן מיר אויפגעקליבן אונזער באַיעוואָי־אַטריאַד און אים צוטיילט געווער מיט פּאַטראָנעס. אים געגעבן אינסטרוקציעס און אויך געזאָגט ווי ער זאָל זיך פירן, ד. ה. זיין טאַקטיק. און אים געמעלדעט דאָס פון 8 אור דאָנערשטאָג מוז ער זיין אויפ'ן פּלאַץ. דעם אָרט האָבן מיר באַשטימט גומיענער גאַס, דען מיר האָבן גערעכנט דאָס דאָרטן וועט זיך עס אָנפאַנגען, אויך האָבן מיר דיזע נאַכט איינגעאָרדנט אַ סאַניטאָר אַטריאַד אויף נייע־וועלט גאַס.

1טער טאָג פון פּאָגראָם, דאָנערשטאָג, 1טער יוני.

פון 8 אור דאָנערשטאָג. אונזער גאַנצער אַטריאַד איז שוין פּאַרזאַמלט אויף גומיענער גאַס, אין שטאָדט איז אַלץ רואיג און שטיל. נאָר פּראָצעסיעס מיט מאַסן פּויערים פון קליינע שטעטלאַך און די אַרומיגע דערפער ציען זיך אין שטאָדט אַריין, עס גייט אַוועק אַ שטונדע נאָך אַ שטונדע, עס איז שוין 10 אור און די געשעפטן זיינען אַלע פּאַרמאַכט אויפ'ן שלאָס. 12 אור בייטאָג, די רוסישע פּראָצעסיע הויבט אָן צו גיין פון דער רוסישער צערקווע דורכגייענדיג ליפּאָווע גאַס גאַנץ רואיג. אויך ניקאָלאַיעווסקי גאַס זיך פּאַרקירעווענדיג אויף אַלעקסאַנדראָווסקי גאַס און איז שוין באַלד דורכגעגאַנגען די גאַנצע גאַס ביי די לעצטע 2 מויערן, און דאָ הויבט זיך אָן דאָס, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט גערעכנט צו זען ביי אונז אין ביאַליסטאָק. דאָס וואָס מיר פּלעגן נאָר לייענען אין די צייטונגען און זיך פּאָרשטעלן נאָר אין דער פּאַנטאַזיע. דער זייגער איז שוין 1:30 בייטאָג און אין אונזער גאַס איז נאָך אַלץ רואיג. מיט אַמאָל קומט צולויפן איינער און מעלדעט דאָס אויף ביי שטאַט ראַבעוועט מען שוין. מיר האָבן דאָס ניט געוואָלט גלויבן. איך מיט נאָך עטליכע נעמען יעדער אַ רעוואָלווער אין די קעשענעס און הויבן אָן צו גיין אין דער ריכטונג פון יענע גאַסן, ווי מיר גייען נאָר אַרויס פון גומיענער אויף ליפּאָווע—גייט אָן אַ גאָראָדאָוואָי און הויבט מיר אָן צו שלאָגן מיט זיין שאַשקע און שיסט אויך פון אַ רעוואָלווער אויף מיר. איך כאַפּ מיין רעוואָלווער און הויב אויך אָן צו שיסן און נאָך מיר נאָך עטליכע פון אונז שיסן אויך אויף אים. דער גאָראָדאָוואָי הויבט אָן צו אַנטלויפן, און פון ווייטן זעען מיר ווי עס גייט אָן אַן עסקאַדראָן דראַגונער מיט די ביקסן אין די הענט און הויבט שוין גלייך אָן צו שיסן. מיר האָבן געמוזט אָפּטרעטן, מיר זיינען אַריין צוריק אין גומיענער גאַס, און געוואַרט וואָס וועט ווייטער זיין. מיר זעען פון ווייטן ווי די דראַגאָנער און נאָך זיי אַ קאָמפּאַניע כוליגאַנעס הויבן אָן צו גיין אין דער ריכטונג אויף סוראַזשער גאַס. גלייך ווי זיי קומען שוין גאָר נאָענט פון דער גאַס, האָט מען פון דעם אַטריאַד זעלבסט־שוץ וואָס איז דאָרטן געשטאַנען אַ וואַרף געטאָן אַ באָמבע דאָרטן אויפ'ן גאַס, די באָמבע האָט זיך צוריסן מיט אַ שרעקליכן קלאַפּ, נאָר זי האָט קיינעם ניט געשאַט, די ווירקונג איז אָבער געווען אַ גוטע. מער האָבן זיי שוין אין דער גאַס ניט געוואָלט גיין, דען זיי האָבן מורא געהאַט פּאַר די באָמבעס. גלייך נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן גיין אויף אונזער גאַס, ד. ה. אויף גומיענער גאַס. ווי זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער גאַס האָבן זיי אָנגעהויבן רייסן וואַרשילסקעס זייגער און גאָלדקראָם, זיינען עטליכע פון אונז אַרויסגעלאָפן

און אָנגעהויבן שיסן אויף זיי, צוויי פון זיי, ד. ה. פון די כוליגאַנעס זיינען דערביי גע׳הרג׳עט געוואָרן און די איבעריגע זיינען אַנטלאָפן געוואָרן, זיי זיינען שוין ווייטער אין דער גאַס ניט געגאַנגען, אַזוי איז גומיענער גאַס אויך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. גלייך האָבן מיר זיך צוטיילט אויף צוויי אַטריאַדן, איין אַטריאַד איז געבליבן דאָ אויף דער גאַס און דעם אַנדערן האָבן מיר געשיקט אויף נייע־וועלט גאַס. קומענדיג אויף נייע־וועלט גאַס האָט דער אטריאַד זיך פאַראייניגט מיט אַן אַטריאַד פון דער אידישער טעריטאָריאַליסטישער אַרבעטער פּועלי ציון און האָבן צוזאַמען אָפּגעשלאָגן אַן אַטאַקע פון די כוליגאַנעס אויף נייע־וועלט גאַס, נאָכדעם האָט מען צו וויסן געגעבן דאָס מיר זאָלן אויך קומען אויף נייע־וועלט גאַס, דען היגטער נייע־וועלט גאַס איז דאָ אַ דאָרף ביעלאַסטאַטשעק און פון דאָרט גייען אַלע קריסטן אין שטאָט אַריין צו העלפן ראַבעווען. מיר זיינען גלייך אַוועק הינטערן שטאָט, מיר האָבן דערזען ווי פון ווייטן גאַנצע כמאַרעס קריסטן גייען אין דער ריכטונג צו אונז וואו מיר שטייען. מיר האָבען זיי צוגעלאָזן גאַנץ נאָענט און גלייך אויסגעשאָסן, זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן צוריק, נאָר האָבן זיך ווייטער פאַרזאַמלט. מיר האָבן געזען ווי עס זיינען צו זיי צוגעקומען סטראַזשניקעס מיט ביקסן, זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צו אונז און אָנגעהויבן שיסן, מיר האָבן אָנגעהויבן ענטפערן, זיי זיינען צעלאָפן געוואָרן, דערביי איז איין סטראַזשניק פאַרוואונדעט געוואָרן און פון אונז צוויי לייכט פאַרוואונדעט, אַזוי זיינען מיר געשטאַנען ביז אָוונט, ביי נאַכט איז עטוואָס רוהיגער געוואָרן, מיר האָבן צעשטעלט פּאַטרולן און זיינען אַוועק אין אַ צווייטן אָרט, די נאַכט האָט מען געשאָסן פון ווייטן נאָר צוגיין נאָענט האָבן זיי מורא געהאַט. עס איז געקומען דער צווייטער טאָג, פרייטאָג דער 2טער יוני.

מיר האָבן געמיינט, דאָס היינט וועט עס שטילער ווערן, נאָר מיר האָבן אַ טעות געהאַט. גלייך מיט׳ן אָנפאַנג טאָג האָט מען אָנגעהויבן שיסן אין אַלע גאַסן, דער טאָג איז געווען אַ שרעקליכער. דעם טאָג האָבן די כוליגאַנעס אָנגעפאַלן אויף מאזורס גאַס, מיר האָבן זיי צוגעלאָזן גאַנץ נאָענט און מיר האָבן זיך באַהאַלטן, נאָכדעם זיינען מיר אויף זיי אָנגעפאַלן פון דריי זייטן. זיי זיינען צולאָפן געוואָרן אין אַלע זייטן און האָבן דערביי איבערגעלאָזן עטליכע גע׳הרג׳עטע. דעם טאָג האָבן מיר אויך אויסגעשטעלט פּאַטרולן אויף אַלע וועגן וואָס פירן פון דאָרף אין שטאָט אַריין און די פּאַטרולן פלעגן אָפּנעמען אַלע זאַכן וואָס זיי פלעגן אַוועקטראָגן צו זיך אין דאָרף אַריין. עס איז בּיסלעכווייז אַוועק דער טאָג און מיר האָבן געמיינט דאָס ביינאַכט וועניגסטנס וועט מען אונז לאָזן צורו. נאָר מיר האָבן אַ שרעקליכן אירטום געהאַט. די נאַכט פון פרייטאָג אויף שבת וועלן מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן. עס איז געווען אַ באַרטאָלאָמעאוס־נאַכט, עס איז געווען אַ נאַכט וואָס מען קען זיך ניט פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע, מיר זיינען באָמבאַרדירט געוואָרן פון דריי זייטן פון פּולעמיאָטן פון 12:30 אור ביינאַכט ביז 4 אור פאַרטאָג. די צייט איז געווען אַ שרעקליכע, מיר האָבן געמיינט אַלע, דאָס דיזע נאַכט וועלן מיר שוין ניט איבערלעבן. אַזוי איז אַוועק די נאַכט אויך, עס איז געקומען שבת, ביז 12 אור האָט מען נאָך געהערט איינצעלנע שיסעריי, אום 1 אור האָט עס אויפגעהערט און מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן אויף די גאַסן, די שטאָט איז ערקלערט געוואָרן אין קריגס־צושטאַנד ערשטער ראַנג, און גיין מעג מען נאָר די הענט אין די קעשענעס און ניט קוקן די סאָלדאַטן אין געזיכט אַריין. מיר האָבן זיך גלייך גענומען אויפזאַמלען די פאַרוואונדעטע און גע׳הרג׳עטע און אַ טייל פון אונז האָט גלייך אָנגעהויבן גיין אויף אָביסקעס, ביי די קריסטן וואָס מיר האָבן פאַקטיש געוואוסט, אַז זיי האָבן געראַבירט. מאַסן מענטשן פלעגן צו אונז גלייך קומען און זאָגן דאָס דאָ אין דעם און דעם אָרט זאָל מען גיין זען, מיר האָבן מאַסן זאַכן געפונען אויך ביי די וואָס מען האָט אונז אָנגעוויזן. דעם ערשטן טאָג, דאָס הייסט דאָנערשטאָג, איז פאַרפאַלן געוואָרן איינער פון אונזער אַטריאַד און אונזערער אַ חבר. איצט שבת, האָבן מיר זיך דערוואוסט, דאָס ער האָט זיך דורכגעריסן און לויפנדיג האָט מען אים דערשאָסן. ער האָט באַקומען 10 קוילן פון ביקסן, און נאָכדעם האָבן אים די כוליגאַנעס נאָך גע׳הרג׳עט מיט אַייזערנע שטעקנס. מיר האָבן דיזער אויפגעטאָן אין צייט פון פּאָגראָם: מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט גומיענער, נייע־וועלט און מאָזורער גאַסן און ניט אַריינגעלאָזן פרישע פּויערים אין שטאָט אַריין, די הויפּט טאַקטיק אונזערע איז געווען זיך פאַרטיידיגן, נאָר אויך וואו מיר האָבן געקאָנט זיי אויך אָנגרייפן און אָפּנעמען זאַכן און אויפקלייבן גע׳הרג׳עטע און פאַרוואונדעטע און מיר קאָנען איצט זאָגן דאָס מיר האָבן ערפילט וויפיל עס איז נאָר געלעגן אין אונזער מעגליכקייט.

מיר האָבן געאַרבעט די ערשטע טעג ניט עסנדיג און ניט שלאָפנדיג, דאָס איז אין קורצן אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן, און דערביי האָט אונזער פאַרטיי גענומען אַ טעטיגן אַנטייל, מיר מעגן זאָגן דעם הויפּט אַנטייל אין דער גאַנצער אַרבעט אין די אויבנדערמאָנטע גאַסן.

די זעלבסט־שוץ איז געווען אַזוי צוטיילט אין די גאַסן:

אויף סוראזשער גאַס איין אטריאַד פון אַנאַרכיסטן און ס. ר.; אויף פּיאַסקעס ס. ר. און אַ ביסל ס. ס. און אויף די אויבנדערמאָנטע גאַסן די פּועלי ציון און די אידישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי. מערקווירדיג איז אונז איין זאַך: עד היום וויסן מיר נאָך ניט וואו עס איז געווען די אטריאַדן און אַפילו איין אַטריאַד פון דעם „אַלמעכטיגן בן־יחיד". אַ סאַמאָאָבאָראָנעץ

„אידישער קעמפער", נומ. 18, 1906.

א הילפרוף פון סעדליץ.

אן אמעריקאנישן צענטראל קאמיטעט סאצ. ארג. פועלי ציון.

חברים!

דער סעדליצער אויפשטאנד איז שוין לאנג איינגעשטילט, די מיטלען מיט וועלכע די היגע אדמיניסטראציע האט איינגעשטילט זיינען אייך זיכער גוט באקאנט. די סעדליצער בונטאווטשטשיקעס סמיען שוין מער ניט צו שטערן די רו פון אונזערע פארזארגער די ביוראקראטיע, עס הערן זיך מער ניט די מעכטיגע שטימען פון די פרייהייט־לידער, אלעס איז פארשטיקט, א דאנק דעם ווייסן טעראר וואס בושעוועט אין אונזער געגנט. די פעלדס־געריכטן, וועלכע ברייגען טאג־טעגליך נייע קרבנות דעם אפגאט, דעם ווילקיר, אלעס אזוי שטיל און רואיג ווי אויף א בית־עלמין און דאך געפינט ניט די היגע אדמיניסטראציע פאר נויטיג אפצושטעלן דעם יאגד אויף די קראמאלניקעס, וועלכן זי פירט פון פאגראם אן ביז היינט מיט גרויס ענערגיע. פיל זיינען היינט פאראן ביי אונז וואס טארן זיך ניט ווייזן אויף גאט'ס וועלט, וואס מוזן שמאכטן פארשפארטערהייט אין זייערע פינסטערע באהעלטענישן, צוליב די שטרענגע מיטלען וואס די היגע פאליציי נעמט אן אום זיי צו געפינען. ווי עס ווייזט אויס האט די היגע אדמיניסטראציע זיך פארנומען, אויסראמען איין מאל פאר אלע מאל, די וויכטיגע אנפירער פון די היגע ארגאניזאציאנען...

אזעלכע אומגליקליכע וואס מוזן פארברייגען שוין דריי מאנאטן אין באהעלטעניש, זיך שרעקן יעדער מינוט פאר'ן טויט, מיט וועלכן דער פ ע ל ד ג ע ר י כ ט ד ר א ט ז י י און מוזן איבערטראגן פיל לײדן, וועלכע זיינען די פאלגן פון אזא ארט לעבן, זיינען אין אונזער ארגאניזאציאן פאראן 5.

די היגע אדמיניסטראציע זוכט זיי שוין פון צוויי וואכן נאכ'ן פאגראם אן, און פארלויף פון די גאנצע צייט האט אונזער ארגאניזאציאן געזארגט פאר זייער זיכערהייט ניט אריינצופאלן אין די הענט פון אונזערע הענקער, און אויך פאר זייער עקזיסטענץ. איצט האבן מיר איינגעזען דאס עס איז ניט ווינשענסווערט די זעלבע חברים ווייטער אזוי צו האלטן. אלזא האבן מיר באשלאסן מיט די איינשטימונג פון די 5 חברים: אום זיי צו געבן א ראדיקאלע הילף פון זייער טרויעריגע לאגע זאל מען זיי אפשיקן נאך פאלעסטינע אין דעם לאנד צו וועלכן זיי האבן געשטרעבט זייער גאנץ לעבן. צוליב דעם זעלבן צוועק האבן מיר זיך געווענדעט צום היגן „קאמיטעט צו שטיצן די געליטענע פון פאגראם“ דאס ער זאל געבן די נויטיגע געלט אויף הוצאות פאר די חברים, נאר צום באדויערן האבן זיי די ניי צוגעקומענע אידישע ביוראקראטן אונז אפגעזאגט: „פאר זיי האבן מיר קיין געלט ניט“! עס האט ניט געהאלפן פון אונזער זייט קיינע רייד; זיי שטיצן זיך אויף דעם שווערן און שטרייגן רעזשים, וואס הערשט ביי אונז!...

אלזא חברים, מיר ווענדן זיך צו אייך איר זאלט אונז ארויסהעלפן מיט געלט אום כדי מיר זאלן האבן די מעגליכקייט צו רעטן אונזערע פינף וויכטיגע חברים. פון די רוסישע ארגאניזאציעס קאנען מיר קיין געלט ניט פאדערן, ווייל די אלע ארגאניזאציעס מיט וועלכע מיר האבן באציאונגען, ווי ווארשא, לאדז, א. אז. וו. זיינען היינט צופיל רואינירט און ארעם.

חברים, מיר פאדערן פון אייך א שנעלע און באלדיגע הילף!

חברים, ווייזט אייער סאלידאריטעט מיט די רוסישע חברים! אויב עס איז מעגליך, איר זאלט אונז ארויסשיקן געלט דורך א טעלעגראמע וואלט זייער גוט זיין.

נ. ב. דיזן בריוו שיקן מיר ניט דירעקט צו אייך, נאר אויף א סעדליצער חבר'ס אדרעס, ווייל אייער אדרעס איז פארדעכטיג, קאן נאך אמאל דורכפאלן די בריוו מיט אונזער אדרעס.

אין נאמען פון סעדליצער אידישע ס. ד. ארבעטער ארגאניזאציאן „פועלי ציון“.

מיט חברים און פארטיי גרוס,

גבר.

סעדליץ, 19טן נאוועמבער, 1906.

ווענדונג פון אמעריקאנער פועלי־ציון צ. ק.

חברים און סימפאטיקער!

ווי איר זעט פון דיזן בריוו וועלכן מיר האבן אייך דא איבערגעגעבן איז הילפע זייער נויטיג פאר די פינף חברים וועלכע שמאכטן אין פינסטערע קעלערס זייט דעם לעצטן פאגראם אין שעדליץ, זיי ערווארטן יעדן טאג דאס גרויזאמסטע, אין פאל זיי וועלן אריינפאלן אין די מערדערישע פאליציואישע הענט, ווען מיר שאפן כאטש א טייל פאר זייערע רייזע קאסטן נאך פאלעסטינע אזוי האבן מיר מענטשן ברידער, געראטעוועט פון לעבנס־געפערליכע געפענגעניש, ווער פון אייך וועט זיך ניט אפרופן? זאל יעדער פיל ער קאן צו הילף קומן. און די הילף מוז קומען וואס שנעלער.

מיר ווילן אויסדריקן אונזער צוטרויאונג צו די חברים און לעזער דאס די נויטיגע סומע וועט אין פארלויף פון א וואך, העכסטנס צוויי געשאפן ווערן.

צענטראל קאמיטעט סאצ.
ארג. פוע"צ, אמעריקע.
(„איד. קעמפער“, ניו יארק,
נומ. 42, יאנואר 11, 1907).

חבר משה קריינדילס.*)

(אַ קרבן פון זעלבסט־שוץ)

אַ שטיק האַרץ איז פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן אָפּגעריסן געוואָרן, איינער פון אונזערע בעסטע און טיכטיגסטע מיטגלידער איז פון אונז אַוועק, משה קריינדילס, דער ערשטער פון די גרינדער פון פועלי ציון אין ביאַליסטאָק, דער וועלכער האָט קיינמאָל נים געוואוסט פון רו. תמיד האָט איר אים געזען אַרבעטנדיג פאַר זיינע געדריקטע אָרימע ברידער. שטענדיג געשטרעבט צו פאַרגרינגערן, זייערע ליידן, זיין קורצן אָבער הויכן לעבן פון מעשים האָט ער פאַרבראַכט אין קאַמף: אין קאַמף פאַר די אונטעריאָכטע און אייביג געדריקטע. אָט דיזן טייערן חבר האָבן מיר פאַרלאָרן, מיר וועלן זיך שוין מער מיט אים אין אונזער קאַמף נים באַגעגענען.

און געפאַלן איז ער אַלס קרבן פאַרטיידיגנדיג זיינע פאָלקס ברידער און שוועסטער.

אין דער צייט פון דעם שרעקליכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם האָט זיך משה נים באַהאַלטן אויף אַ בוידעם אָדער קעלער, נאָר מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט איז ער אַרומגעגאַנגען פאַרטיידיגן דאָס לעבן און ערע פון זיינע ברידער און שוועסטער, אין די אומגליקליכע ביאַליסטאָקער טעג האָט משה נים גערוט און איינמאָל אַנטלויפנדיג פון אַ באַנדע סאָלדאַטן — כוליגאַנעס איז אים אויסגעקומען עטוועדער, אָדער, פון איין זייט אַריינפאַלן אין די כוליגאַנסקע הענט, אָדער אַראָפּשפּרינגען פון פאַרקן און גע׳הרג׳עט ווערן. און משה האָט דאָס לעצטע אויסגעקליבן, צום גליק איז ער אַראָפּשפּרינגענדיג אַרויס אַ לעבעדיגער, נאָר אין האַרצן האָט זיך עס אָפּגעריסן, און אין אַ וואָך אַרום האָט ער זיך אַ קראַנקער צום בעט געלעגט. וויסנדיג אַז ער וועט מער מיט אונז נים קאָנען אַרבעטן. די דאָקטוירים האָבן ערקלערט אַז די קישקע האָט זיך אַראָפּשפּרינגענדיג צוריסן, און זונטאָג איז אונזער ליבער, איידעלער חבר געשטאָרבן.

צו זיין לויה זיינען געקומען אויסער אַלע אָן אונטערשייד חברים, נאָר אויך אַלע פאַרטייען האָבן געשיקט זייערע פאָרשטייער.

שלאָף רוהיג ליבער חבר און פריינט אין דיין אייביגן רו. דיינע חברים האָבן ביי דיין אָפענעם קבר געשוואָרן פאָרטצוזעצן די אַרבעט, וועלכע דו האָסט אָפּגעגעבן דיין גאַנצן לעבן.

פאַר דער ביאַליסטאָקער ס. ד. פועלי ציון אָרגאַניזאַציאָן.

אברהם קאַגאַן.

„אידישער קעמפער" נומ. 24,
7טער סעפטעמבער, 1906.

---

*) צוגעשיקט פון די ביאַליסטאָקער חברים. — רעד.

ווער מאַכט פּאָגראָמען?

פאַר מיר ליגט אַ בראָשורע פון צ. ק. פון דער פועלי ציון אין רוסלאַנד: „דער אָדעסער פּאָגראָם און די אידישע סאַמאָאָבאָראָנאַ".

דער פאַרפאַסער פון דיזער בראָשורע האָט זיך נים באַנוגנט בלויז מיט דערציילן מעשיות גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר מיט לעבעדיגע פאַקטן צייגט ער אָן דעם אמת פון די שוידערליכע פּאַסירונגען. נים מיט די „אָפּיציעלע" באַריכטן פאַרנעמט ער זיך און נים גלאַט השערות לאָזט ער אונז וויסן נאָר פאַקטן וואָס זיינען קלאָר געוואָרן דורך מאַנאַטן פון פאָרשונגען און אונטערזוכונגען. און איבערלעזנדיג די בראָשורע קריגן מיר אַ גאַנץ אַנדערע באַליכטונג אויף די פּאָגראָמען ווי די וואָס די אַלגעמיינע מיינונג האָט אָנגענומען פאַר׳ן אמת׳ן אמת.

נים די כוליגאַנעס האָבן די פּאָגראָמען געמאַכט, די פּאַסירונגען צייגן אַז זיי די פראַפעסיאָנעל כוליגאַנעס זיינען נים מער ווי פשוט׳ע גנבים און זייער הומאַניטעט שטייגט אַריבער די פון די רעגירונגס באַאַמטע. ווען אַ גאָראָדאָוואָי האָט „באַפוילן איינעם פון די כוליגאַנעס דער׳הרג׳ענען אַ אידן האָט ער מיט האַס און פאַראַכטונג געענטפערט: „מיין זאַך איז נאָר צו גנב׳ענען און ראַבעווען — טויטן איז דיין גזלנ׳ישע פּאָליציייסקע אויפגאַבע". די פּאָליציי האָט פון די באָסיאַקעס — די אמת׳ע פּאָגראָמשטשיקעס, די גאַנצע צייט פון פּאָגראָם קיין אויג נים אַראָפּגעלאָזן זיי זאָלן ח"ו נים פאַרבייטן די אידישע אויף נים אידישע הייזער און די אָרימע קבצנים אויף רייכע און זאַטע.

אַלע טיילן פון פאָלק האָבן זיך באַטייליגט אין די פּאָגראָמען: פּאָליציייסקע און סאָלדאַטן, הענדלער און האַנטווערקער, זאַוואָד און פאַבריק אַרבעטער צוזאַמען מיט באַסעס און פאָרלייטע: מוזישעקס וועלכע האָבן נעכטן מיט שווייס זייער ערד געאַקערט, האָבן זיך מיט זייערע בלוט־זויגער, די פּאָמעסטשיקעס פאַראייניגט אויפ׳ן אַלגעמיינעם פיינד.

די באָבע מעשיות פון כוליגאַנעס איז אַ פאַנטאַזיע פון פויגלינגע און פלוידער זעק, וועלכע שרעקן זיך צו קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן. דאָס קאָנען אויסטראַכטן: דער ליבעראַל ראַדישצעוו בשותפות מיט דעם ראַדיקאַל פלעכאַנאָוו, ביי וועמען דער גאַנצער רוסישער פאָלק איז טייער און ווילן אָפּוואַשן זיין בלוט־פלעק. אָבער מיר „זעלבסטפאַרטיידיגער" ביי וועמען דער „אידישער לעבן" איז אַ ציל פאַר זיך אַליין, מיר טאַפּן נים אין דער פינסטער און דער אמת איז אונז טייער אַבוואָל ביטער און איבערפילט די אויגן מיט זודיגע טרערן. ביי אונז איז טייער דער אמת אויך דערפאַר כדי צו וויסן וואָס פאַר קאַמף מיטלען מיר דאַרפן געגן די מערדעריי אָננעמען.

פ.

„אידישער קעמפער", נומ. 8, 1906.

וועגן זשיטאָמירער פּאָגראָם.

(בריוו און פּראָקלאַמאַציע).

איך שיק אייך צו מיט דעם בריוו 3 פּראָקלאַמאַציעס וועגן דעם זשיטאָמירער פּאָגראָם. איינע פון דעם בערדיטשעווער קאָמיטעט פּועלי־ציון, איינע פונ'ם קאָמיטעט פאַר'ן נאַציאָנאַלן זעלבסטשוץ און די דריטע, וועלכע דער זשיטאָמירער קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון האָט אַרויסגעגעבן צו די חברים פון דער אָרגאַניזאַציע אַ טאָג נאָך דעם פּאָגראָם. איך בעט אייך זייער, געערטע חברים, אָפּצודרוקן די זשיטאָמירער פּראָקלאַמאַציע, ווייל דער „בונד" שרייבט אין זיינע „לעצטע נאַכריכטן", אַז נאָר ער האָט אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ א. אז. וו. עס איז דעריבער וויכטיג למען האמת אַז דער עולם זאָל וויסן, אַז מיר, פּועלי־ציון, האָבן גענומען דעם גרעסטן אנטייל אינ'ם זעלבסטשוץ. די נעמען פון די הרוגים פון די פּועלי ציון קאָנט איר זען אינ'ם „פריינד" נום. 99. צו די פּרטים פונ'ם פּאָגראָם, וואָס איר ווייסט מסתמא פון די בלעטער, וויל איך נאָך צולייגן פאָלגענדעס:

די גרעסטע אָרגאַניזאַציאָן פונ'ם זעלבסטשוץ איז געווען ביי די פּועלי ציון: 500 מענטשן, דער „בונד" האָט 350. די בורזשואַזע ציוניסטן האָבן אויך אָרגאַניזירט דעם זעלבסטשוץ. — קיין אַלגעמיינע קאָאַליציע פון אַלע אָרגאַניזאַציעס איז ניט געווען. אַז די פּועלי־ציון האָבן זיך געווענדעט אין דעם ענין צום „בונד", האָט ער געפונען תירוצים און אָפּגעלייגט דעם ענטפער פון טאָג צו טאָג. זיין הסכמה האָט ער געגעבן צוויי טאָג נאָך דעם פּאָגראָם!.. עס פאַרשטייט זיך, דאָס וואָלט געבראַכט אַ סך נוצן.

מיט ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן גרוס,
אַ מיטגליד פון דעם זשיטאָמירער
זעלבסטשוץ פון די פּועלי־ציון

דוד

מיר ברענגען די צוגעשיקטע פּראָקלאַמאַציע:

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן „פּועלי־ציון."

פּראָלעטאַריער אַלער נאַציאָנען פאַראייניגט אייך!

אידישע פּראָלעטאַריער אַלער לענדער, פאַראייניגט אייך אונטער דער פאָן פון „פּועלי־ציון".

„בדם ואש יהודה נפלה,
ובדם ואש יהודה תקום!"

י. כהן.

קישינוב און זשיטאָמיר!

ווידער אַ פּאָגראָם, ווידער יעדן געהרגט, געשלאָגן, ווידער גיסן זיך טייכן אידיש בלוט! ווידער אַ פּאָגראָם — נאָר פאָרט ניט קישינוב! ניט ווי מיזז אין די קעלערס זיינען זיי געשטאָרבן, ניט ווי הינער אין דער שטייג האָט מען זיי אָבגעדרייט די קעפּ. ניין! אין מיטן דער גאַס מיט דעם געווער אין דער האַנט זיינען די זשיטאָמירער העלדן געפאַלן און ניט ביליג האָבן זיי זיך פאַרקויפט.

קישינוב און זשיטאָמיר! ווי אַזוי ענליך זיינען די צוויי פּאָגראָמען און ווי אַזוי ווייט זיינען זיי איינער פון דעם אַנדערן: קישינוב און זשיטאָמיר,ביידע גרויסע שטעט מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג, דאָ אַזוי ווי דאָרט, אַ פינסטערע מאַסע געפירט פון אָפיציעלע און ניט אָפיציעלע טשינאָווניקעס און פאָרט, וואָס פאַר אַ חילוק פון קישינוב ביז זשיטאָמיר?

פיל האָט אין די לעצטע צוויי יאָר דאָס אידישע פאָלק געלערנט, נאָך מער האָט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט געלערנט.

דאָס אידישע פאָלק האָט זיך איבערצייגט ערשטנס, אַז זיין באַפרייאונג מוז אויסגעפירט ווערן דורך איהם אַליין, צווייטנס, אַז עס קאָן זיך ניט באַגנוגן מיט דעם צוקונפטס־אידעאַל אַליין, צו קאָנצענטרירן דאָס אידישע פאָלק אויף אַ אייגענעם טעריטאָריום אין פּאַלעסטינא נאָר אַז אויף דעם וועג צו דעם צוקונפטס־אידעאַל מוז מען דערווייל קעמפן פאַר די צייטליכע אינטערעסן, דען נאָר דורך פרייהייט פירט דער וועג צו פרייהייט.

דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אין קישינוב געלערנט, אַז עס איז איהם אוממעגליך צו פירן אַ נאָרמאַלן קלאַסן־קאַמף זאָ לאַנג דאָס גאַנצע אידישע פאָלק געפינט זיך אין אַ אומנאָרמאַלער לאַגע, אַז אויף וואולקאַנישן

באַדן איז אוממעגליך אַ סאָלידעס הויז צו בויען און איז דעריבער געקומען צום באַשלוס אַז ער, דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, אַלס דער געזונדסטער קלאַס פון דעם אידישן פאָלק מוז זיין דער אַוואַנגאַרד אין דעם קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע באַפריאונג.

אָרגאַניזירט אונטער דער פאָן פון פועלי־ציון האָט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין פאַרבינדונג מיט דעם בעסטן מענשן פון אַלע אַנדערע קלאַסן, ווי אויך מיט דער הילף פון די בעסטע מיטגלידער פון דער הערשנדער נאַציאָן, באַשיצט אין זשיטאָמיר דאָס לעבן און דאָס פאַרמעגן פון די איינוואוינער און די ערע פון דער גאַנצער נאַציאָן.

דער זשיטאָמירער פאָגראָם האָט פּריבאַווזט אַ טרויעריג בלעטל צו דער טרויעריגער געשיכטע פון דעם גלות, דאָס בלעטל איז אַ טרויעריגס. עס ברענגט אָבער ערע דער אידישער נאַציאָן, די פרישע זשיטאָמירער קרבנות האָבן דאָס רעכט געשטעלט צו ווערן אין איין רייע מיט אַלע גרעסטע אידישע נאַציאָנאַלע העלדן.

שלאָפט רוהיג איידעלע העלדן, איר האָט אייער בלוט ניט אומזיסט פאַרגאָסן! אייער ביישפּיל וועט באַגייסטערן טויזנטער און טויזנטער פון דעם אידישן פאָלק, וועלכעס וועט אייך נימאָלס פאַרגעסן.

און איר, ברידער, וועלכע איר זיינט געבליבן לעבן, באַמיט אייך ווערט צו זיין צו דער אייגענער נאַציאָן צו געהערן, צו וועלכער די איידעלע זשיטאָמירער העלדן געהערן! אין אַ שרעקליכער לאַגע געפינט זיך איצט די אידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. די זעלבסטהערשונג, וועלכע האַלט ביי דער גסיסה שטרענגט אָן אַלע אירע כחות אום צו דערלענגערן אירע עקזיסטענץ און שטעלט זיך פאַר קיין שום מיטל ניט אָב. עס איז, אַלזאָ, קיין וואונדער ניט, אַז די זעלבסטהערשונג וויל אויסנוצן אונזער שוואַכקייט אַלס אַ פאָלק אָן אַ טעריטאָריע, וואָס לעבט אין אַ מינאָריטעט צווישן אַנדערע פעלקער, און וויל צו אונז אויסלאָזן איר ביטער האַרץ, רעכענענדיג דערמיט צו פאַרבלענדן די אויגן פון דער אומוויסנדער מאַסע, לאָמיר זשע באַווייזן אַז מיר זיינען אויך ניט אַזוי שוואַך ווי מען רעכנט, לאָז איטליכער וויסן, אַז אונזער בלוט קאָסט טייער, לאָז מען וויסן „אַז אויף אַ שפּיי ענטפערן מיר מיט בלוי!“

נאָר דאַן ווען דער בעסטער טייל פון דעם אידישן פאָלק וועט זיך אָרגאַניזירן אונטער דער פאָן פון „פועלי ציון“, וועלכע פאַרייניגן אין זייער פּראָגראַם די געגנוואַרטס־אינטרעסען מיט די צוקונפטס־אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק, וועלכע קעמפנדיג פאַר די ענדליכע באַפרייאונג פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, באַפרייט מיט דעם וועג צו איר ענדציל דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, נאָר דאַן ווען דורך אונזער מוטיגן העלדישן קאַמף וועלן די פאָגראָמען איינע אוממעגליכקייט ווערן, נאָר דאַן וועט דאָס אידישע פאָלק קענען אין זיכערהייט אַרבעטן פאַר זיין צוקונפט, צו שאַפן אַ פרייע אידישע געזעלשאַפט אין פּאַלעסטינא.

ברידער! מיר רופן אייך צו זעלבסט־באַשיצונג און צום קאַמף! צו זעלבסט־באַשיצונג געגענאיבער דער פינסטערער מאַסע און צו קאַמף געגן דער זעלבסטהערשונג!

נידער מיט די פּאָגראָמען! עס לעבע די אידישע נאַציאָנאַלע זעלבסט באַשיצונג!

נידער מיט די זעלבסטהערשונג! עס לעבע די רעוואָלוציאָן! עס לעבע דער ציוניזמוס! עס לעבע דער סאָציאַליזמוס!

ציטליכער קאָמיטעט פון זעלבסטבאַשיצונג פון „פועלי ציון“.

„דער אידישער אַרבעטער“, קראקא, נומער 10, 1טער יולי, 1905.

רוסישע „פועלי־ציון“ וואַנדערן קיין ארץ־ישראל.“

ארץ ישראל, וואוהין עס זיינען לרוב געפאָרן נאָר אלטע אידן, כדי דאָרט צו שטאַרבן, איז אצינד געווארן דער ציל פון הונדערטער אידישע ארבעטער פון רוסלאנד. עס זיינען אונזערע חברים, די „פועלי ציון“, וואָס זוכן אונזער אידעאל פּראַקטיש צו פארווירקליכן.

איבער 30 ארבעטער זיינען דורך ווין אַליין קיין ארץ ישראל געפאָרן. אַלע קענען דעם ציוניזמוס און דעם סאָציאַליזמוס דורך און דורך. עס איז ממש אַ מחיה מיט זיי צו ריידן איבער די באשטרעבונגען. „זיי ווילן פאראיילן דער בורזשואזיע“, דריקט זיך אויגער אַ קאָוואַל אויס.

די מייסטע פון די „פועלי ציון" לאָזן זיך קיין ארץ ישראל פאָרן מיט זייער וויי־ניג געלט. אזוי זיינען אָנגעקומען קיין יפו אין צוויי חדשים דריי חברים אָן א קרייצער. מיר האָבן זיי פארשאפט האלבע קאַרטן ביז קיין יפו. כדי צו באקומען דעם רעשט געלט פאר דער נסיעה האָבן זיי אין ווין אַלס ציגל־שלעפּער ביי איינעם געאַרבעט, ביז זיי האָבן זיך דאָס נויטיגע געלט צוזאמענגעקליבן און זיינען קיין יפו געפארן.

פון אלכסנדריען שרייבן זיי אונז פאלגנדעם (מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן):

אַלעקסאַנדריא, דעם 29טן אויגוסט.

„געערטע חברים „פועלי ציון" אין ווין.

„אונזער ערשטע פליכט איז אייך אויסדריקן אונזער דאנק פון טיפסטן הארצן פאר אייער באַגיין זיך מיט אונז. געערטע חברים! מיר געפינען פאַר נויטיג אייך צו שרייבן פון אונזער רייזע. דעם 19טן זיינען מיר אָפּגעפאָרן פון טריעסט. מיר זיינען געשטאנען אין עטליכע ארטן אין איטאַליען, דאָסגלייכן אין גריכנלאַנד. לאנג זיינען מיר אין ערגעץ ניט געשטאנען. אצינד זיינען מיר אין אלכסנדריען. אָנגעקומען זיינען מיר אם 25טן. אויפ'ן שיף זיינען געקומען איניגע פון די דאָרטיגע ציוניסטן, אכטונג געבן אויף די עמיגראנטן, מען זאָל זיי ניט פארפירן, ווייזן צו וועמען צו פארפאָרן און דאָסגלייכן. אין אלכסנדריען האָבן מיר אויך געטראפן „פועלי ציון" פון קישענעוו און אַנדערע רוסישע שטעט. די בורזשואזנע ציוניסטן זיינען אומעטום די אייגענע. מיר וועלן אייך נאָך דעריבער שרייבן. נאָכאמאָל, אונזער טיפסטע פריינדשאפט צו אייך.

„מיט „פועלי ציון" גרוס".

כדי די דאָזיגע חברים זאָלן ניט אָנקומען גאַנץ פרעמד קיין יפו האָבן מיר אונז געווענדעט צו דעם דירעקטאָר פון דער ענגליש־פּאלעסטינא־באנק ער זאָל עפּעס פאר די אַרבעטער זען צו טאָן. מיר דערהאלטן דעריבער פאָלגנדעס שרייבן. (מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן):

יאַפאַ, דען 4טן סעפטעמבער, 1904.

„אַן די רעדאקציאָן „דער אידישער אַרבעטער".

„וויר געלאנגען אין דען באזיץ אירעס געערטן פאָם 17 פ. מ. און האָבן אירעס וואונשע ענטשפּרעכענד, דען פאָן אינען אַנגעגעבענען צוויי אַרבעטערן דען פ ר י י ע ן א י נ ט ר י ט אין יפו ערמעגליכט וואס אונז איינע אויסגאַבע פון צירקא 30 פראנק פאראורזאכט האַט, דא די לייטע מיטללאָז זינד.

דאַ וויר יעדאָך ניט אים שטאַנדע זינד זאָלכע אונטערשטיצונגען לייסטן צו קענען, זא ווערדן וויר זי ערזוכן אין צוקונפט נאר באַמיטלטע לייטע עמפּפעלן צו וואָלן, די אירע שפעזן זעלבסט צאָלן און אויך אויסהארן קענען ביז זי פאסנדע ארבעט געפונדן האבן.

וויר עמפּפעלן אונז אינען און צייכנען האָכאַכטונגספאָל.

חברת אנגליא־פלשתינה,

דירעקטאָר לעוואַנטין.

מיר דאַנקען הערן לעוואנטין פאַר דעם און מאכן אלע רוסישע „פועלי ציון" אויפמערקזאם, אז זיי זאָלן זיך ניט לאָזן אָן געלט פאָרן. דער פירער פון די ווילנער „פועלי ציון" שרייבט אונז דעריבער.

ווילנע, דעם 31טן אויגוסט, 1904.

געערטע געזינונגס גענאָסן!

צוליב געוויסע אורזאַכן איז ווין געוואָרן דער עטאפּ־פונקט פון אונזערע ברידער, וועלכע פאָרן קיין פאלעסטינא; זייער צאָל נעמט אויך אלץ מער צו. געסטערן איז ווידער אפּגעפאָרן אונזערער א חבר, הירש דובלער, קיין פאלעסטינא. מיר האָפן, אז אונזערע ברידער וועלן פינדן ראַט און מאָראלישע הילף ביי די ווינער „פועלי ציון" אויף זייער וועג קיין ארץ ישראל. מיר וועלן דאַפיר זארגן, דאָס איר זאָלט אין אונקאָסטן ניט קומען דורך אונזערע עמיגראנטן. מיר בעטן נאָר גוטן ראַט און באלערונג פאר אונזערע ברידער אין פרעמדן לאנד.

מיט דאנק און ציונ'ס גרוס. ש. נ.

(דער „אידישער אַרבעטער", ווין־קראקוי, נומ. 10, סעפטעמבער, 1904.)

פועלי ציון אין דער צווייטער עליה.

דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט באַזוכט אויף אַ קורצער צייט ארץ־ישראל אין זומער 1904. דעמאָלט האָב איך זיך פאַרבונדן מיט די ערשטע עולם פון די ליטווישע חלוצים. עטליכע חלוצים פון האָמל, מיטגלידער פון דעם זעלבסטשוץ, וואָס זיינען נאָכ׳ן פּאָגראָם אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, האָב איך באַגעגנט אין דער פערמע סעדזשעראַ, דעם פאַרשטאָרבענעם חבר יחזקאל חאנקין אין ראשון לציון אָדער פּתח־תקוה, די ברידער ישראל און אליעזר שוחט ביי דער אַרבעט אָדער שמירה אין די ווייגגערטנער פון ראשון לציון. דאָס איז געווען סוף תרס״ד, אָבער בעת דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי, ווינטער תרפ״ו, זיינען שוין געקומען אין לאַנד צענדליגער פון די נייע חלוצים פון פּוילן, ליטע און דרום־רוסלאַנד, בפרט פון ראָסטאָוו. די דאָזיגע גאַנצע עליה איז געווען פון איין זייט אַ פּראַקטישער ענטפער אויף דער טעריטאָריאַליסטישער ליקווידאַציע — און דאָ האָט געשפּילט אַ ניט קליינע ראָלע דער רוף פון אוסישקין און וויטקינ׳ס בריף — פון דער צווייטער זייט זיינען צענדליגער חברים פון דעם זעלבסטשוץ באַלד נאָך די שרעקליכע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

י. בן־צבי, פון די גרינדונגס־טעג, ב. באָראָכאָוו׳ס געקליבענע שריפטן, 2, ניו יאָרק, 1928.

...„אין דער לעצטער צייט האָבן אָנגעהויבן פּועלי־ציון פאָרן אין פּאַלעסטינע, כדי שוין דאָרט אַ פרישן, אַ דעמאָקראַטישן גייסט אין די קאָלאָניעס איינצופירן. אָ ט ד אָ ס א י ז אַ ר ב ע ט ן !״

(דר. י. וואָרטסמאַן, „די ברויט־פראַגע אין ציוניזם״, „די אידישע צוקונפט״, 1905, נומער 2).

די וואַרשאַווער „פּועלי ציון״ האָבן אַרויסגעלאָזן אין דער פּרעסע פאָלגנדע ערקלערונגען וועגן פּראַקטישער אַרבעט ווי צו פאַרווירקליכן אין לעבן דעם גרויסן היסטאָרישן געדאַנק פון ווידער אויפלעבן דאָס אידישע פאָלק דורך דאָס אידישע לאַנד: —

אין דער צייט, ווען די אידישע פּאַרטייען פּאָלעמיזירן, צי דאַרפן אידן אַ לאַנד, צי ניין, אויך אין דער צייט, ווען די ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן פירן ברענענדע דיסקוסיעס, צי דאַרפן מיר גלאַט אַ טעריטאָריע, צי גאָר פּאַלעסטינע, אין דערזעלבער צייט ענטוויקעלט זיך די נייע ערשיינונג פון „פּיאָנערן נאָך פּאַלעסטינע״, וועלכע האָט פאַרכאַפּט אויך אונזער שטאָט — ו ו אַ ר ש א . די פּיאָנערן באַשטייען בלויז פון פּועלי ציון, וועלכע נעמען אויף זיך אָן די שווערסטע באַדינגונגען, וואָסערע זאָלען ניט פאָרקומען, ערטראָגן און לײדן, ביז זיי וועלן ניט ערריכן זייער ציל.

די פּיאָנערן באַשטייען פון פאַרשידענע פאַכן אַרבעטער, נאָר ווי באַלד זיי וועלן ניט געפינען קיין אַרבעט פון זייערע פאַכן, זיינען זיי גרייט זיך צו נעמען צו ערד אַרבעט, מיט 3 מאָנאַטן צוריק האָט זיך די גרופּע געגרינדעט אין וואַרשא, זי האָט זיך געציילט ביז 40 מאַן. ווייל זי האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ זייער שלעכטן מאָמענט, איז אונמעגליך געווען די חברים פאָרצובריטן צו דער רייזע. נאָר אַ דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון די פּיאָנערן אַליין ווי אויך פון דעם ניי געגרינדעטן פאַראיין „עבודה״, וואָס האָט גענומען אַ זייער גרויסן אַנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע פון די היגע פּיאָנערן, איז געלונגען די טעג די ערשטע גרופּע פּיאָנערן פון 11 מאַן אַ ר ו י ס צ ו ש י ק ן נ אָ ך פּ אַ ל ע ס ט י נ א . 5 ז י י נ ע ן ד ו ר ך אָ ד ע ס ג ע פ אָ ר ן , א ו ן 6 ד ו ר ך ו ו י ן , צוליב געוויסע אורזאַכן. איצט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דורך ווין קאָסט זייער פיל דאָס פאָרן, דאַגעגן דורך אָדעס קאָסט אַ סך ביליגער. די 2טע גרופּע אָרגאַניזירט זיך, כדי אָפּצופאָרן אין מאָנאַט מאַי.

די אַלע חברים וואָס טרעטן אַריין אין דער גרופּע, ווערן גוט באַזאָרגט, זיי זאָלן זיין פיזיש און גייסטיג ענטוויקלט. עס ווערן אויך געגרינדעט העברייאישע לעקציעס פאַר די חברים, ווי אויך איבער דער געאָגראַפיע און גאַנצן לעבן פון פּאַלעסטינא. זיי וועלן אויך די טעג פאַרעפנטליכן גענויע באַריכטן אין דער פּרעסע וועגן פּאַלעסטינא, פאַר אַלע גרופּן.

זיי ווענדן זיך אין בריוו צו אַלע גרופּן פּיאָנערן, אין וואָס פאַר אַ שטאָט זיי זאָלן ניט זיין מיט אַן אויפרוף, זיך צו אָרגאַניזירן, צו זאַמלען מאַטעריאַל און גייסטיגע קרעפטן, זיי זאָלן קומען אין פאַרבינדונגען מיט אַלע שטעט, וואו עס איז נאָר דאָ אַזעלכע גרופּעס, ווייזן, אַז דער ציוניזם איז ניט גלאַט אַן אוטאָפּיע, נאָר אַ ברענענדע לעבנס־פראַגע, ווייזן, אַז נאָר דורך אַ פעסטער אָרגאַניזירטער עמיגראַציע, וועט מען קאָנען אָנהויבן רעאַליזירן דעם גרויסן היסטאָרישן געדאַנק.

ר ו ב י נ ס ק . . . עס איז פאַראַן אַ סך פון די פּועלי־ציון, וואָס ווילן פאָרן קיין פּאַלעסטינע אַלס ערד אַרבעטער. די לעצטע שרייבן זיך אויף מיט די באַריסאָווער פּאַלעסטינא־פּיאָנירן.

(„אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, נומ. 4, 1906).

גאָראָשקי (וואָהליניען):

די פּועלי ציון אַרבעט גיוט ביי אונז פאָרווערטס. די עמיגראַציע נאָך ארץ ישראל איז ביי אונז זייער גרויס, פיל קאַפּיטאַליסטן פאָרן אויך אַהין. מיר האָפן פון אונזער קליינעם צענטער אין גיכן שיקן מער ווי 20 חלוצים (פּועלי ציון) נאָך ארץ ישראל.

(„אידישער קעמפער", ניו יאָרק, 1906, נומ. 6).

לאָדז:

דאָ האָט זיך געבילדעט אַ אידישע אַרבעטער גרופּע. „פּיאָנערן נאָך פּאַלעסטינע" אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאָלגנדע תקנות:

1) די אידישע אַרבעטער גרופּע „פּיאָנערן נאָך פּאַלעסטינא" באַשטייט פון 25 פּערזאָן.

2) די וואָס טרעטן אַריין אין דער פּיאָנערן־גרופּע דאַרפן זיין געוויסערמאַסן צוגעגרייט צו דעם פיזיש און גייסטיג. מיטגלידער ווערן אָנגענומען אָן אונטערשייד פון געשלעכט, און ניט אינגער פון 18 יאָר.

3) די גרופּע פאַראייניגט אַלע, וועלכע אַנערקענען אַלס איינציגן מיטל צו לעזן די אידישע און באַזונדערס, די אידיש־פּראָלעטאַרישע פראַגע — קאָנצענטרירן די אידישע מאַסן אין פּאַלעסטינא. און אַנערקענענדיג דאָס די ענטוויקלונג פון לאַנד נויטיגט זיך אין יונגע, ענערגישע הענט, דאַרום ווידמען זיי זיך אַלס פּיאָנירן אין דעם לאַנד.

4) יעדער, וואָס גייט אַריין אין די גרופּן צאָלט ניט ווייניגער פון 2 רובל איינשרייב־געלט און אין ראַטן ניט ווייניגער פון 48 רובל — מינימום 1 רובל וועכענטליך.

5) די קאַסע פון דער גרופּע איז דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער גרופּע.

6) דאָס איינגעצאָלטע געלט ווערט ניט צוריקגעגעבן.

7) אַלע מיטגלידער פאַרפליכטן זיך אין געגנזייטיגער שטיצע אויך אין פּאַלעסטינא.

8) קיינער פון די מיטגלידער באַנוצט זיך ניט מיט פּריווילעגיעס.

9) די צייט פון אָפּפאָרן איז אין הערבסט פון היינטיגן יאָר 1906.

(„אידישער קעמפער", ניו יאָרק, 1906, נומ. 9).

די לעצטע צייט, האָט זיך אָנגעהויבן צו באַמערקן אַ גרויסע עמיגראַציע קיין ארץ ישראל פון פּוילישן געגנט. אפילו צווישן די ניי אָנגעקומענע „פּועלים" פאַרנעמען די פּוילישע אַ גרויסן פּראָצענט. דאָס קליינע שטעטל פלאָנסק (וואַרש. גוב.) אַליין, האָט אַהער געשיקט 15 פּועלים און אַלע סימפּאַטישע באַגייסטערטע אָרגאַניזירטע יונגע לייט. נאָך מער קוריאָז איז דאָס, וואָס די אַריסטאָקראַטישע, אַסימילאַטאָרישע פּוילישע ערד אַרבעט־שולע פון טשענסטאָכאָוו איז געוואָרן אַ פּאַדריאַדטשיק פאַר די פּאַלעסטינא קאָלאָניעס. דערווייל זיינען געקומען 12 שילער, נאָר לויט ווי זיי האָבן מיר דערציילט, וואַרטן אַלע שילער אונגעדולדיג אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן ענדיגן די שולע און קאָנען פאָרן קיין ארץ ישראל.

עקרונ'ער קאָלאָניסטן זיינען זיך פּשוט מחיה מיט די שילער פון טשענסטאָכאָוו און צאָלן זיי, נאָך אַלעם גרייטן, עטליכע און פופציג קאָפּיקעס אַ טאָג.

(„אידישער קעמפער", ניו יאָרק, 17טן אויגוסט, 1906, נומ. 21).

דעם 25טן יוני, איז אָנגעקומען די ערשטע עמיגראַציאָנס־כוואַליע נאָכ'ן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם. אָנגעקומען זיינען 187 נפשות, אויף אַ פראַנצויזישן שיף.

דאָס רוב עמיגראַנטן איז באַשטאַנען פון פּוילישע אידן, דערנאָך — 52 גרוזינער און די איבעריגע פון פאַרשידענע רוסישע שטעט. יונגעלייט, אָרגאַניזירטע — 27.

(„אידישער קעמפער", ניו יאָרק, 17טן אויגוסט, 1906, נומ. 21).

לאָדז. די טעג זיינען אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינא, (דורך אָדעס) 6 יונגע לייט אַרבעטער (פּיאָנירן). זיי זיינען אַלע מיטגלידער פון „פּועלי ציון".

— ניט קוקנדיג אויף די שרעקליכע פּאָליציי־אישע באַדינגונגען, אין וועלכע לאָדז געפינט זיך, און אויף דעם גרויסן רעגן, וועלכער האָט דעמאָלט געגאָסן, האָט זיי באַגלייט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער, זייערע חברים פון פאַראיין, וועלכע זיינען מיט זיי איינג פאַרבונדי דורך דער ביזהעריגער אַרבעט און אויך דורך דעם איצטיגן שריט וואָס זיי האָבן געמאַכט. ביז סוכות צייט וועלן נאָך אַרויספאָרן בערך 15 מאַן.

(„אידישער קעמפער", ניו יאָרק, אָקטאָבער 26, 1906, נומ. 31)

וועגן פּיאָנערן־פאָנד.

אַנערקענענדיג די וויכטיגקייט און נויטווענדיגקייט פון רעאַלער אַרבעט אין פּאַלעסטינא, געפינט דער צוזאַמענפאָר פאַר נויטיג, צו גרינדן אַ פּיאָנערן־פאָנד. דער אוסטאַוו פון פאָנד דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן דורך דער וו. ר. ק.

וואַרשעווער ראַיאָן קאָמיטעט).

(באַשלוס פונ'ם צוזאַמענפאָר פונ'ם וואָלאָקער פּאָדראַיאָן פון דער י. ס. ד. א. פּ. פּועלי־ציון אין פּוילן, 25טן מאַי 1906. אָפּגעדרוקט אין „אידישען קעמפער, 1906, נומער 17).

עסטרייך

ציוניזם

פון סאַלאָמאָן רובינשטיין*)

...און וואָס פאַר אַ שיכות שטייט דער ציוניזם צום סאָציאַליזם? שטרייננג גענומען איז קיין שום שיכות ניט. דער סאָציאַליזם איז אין דער ערשטער ליניע אַ קלאַסנקאַמף, אַ קאַמף פון דער גרויסער מאַיאָריטעט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער מינאָריטעט פון די פּאַראַזיטישע הערשנדיגע קלאַסן, די פעאָדאַלן און דער בורזשואַזיע. דער ציל פונ׳ם סאָציאַליזם איז די באַפרייאונג פון די פּאָליטיש און עקאָנאָמיש אונטערדריקטע קלאַסן דורך דער סאָציאַליזירונג פון די אַרבעטס־מכשירים אַריינגערעכנט אויך די ערד, און דורך דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט׳ן ציוניזם. דער ציוניזם איז ניט קיין קלאַסנקאַמף; ער קען אויך ניט ווערן קיין קלאַסנקאַמף, דער ציוניזם איז נאָר אַ פּראַקטישע און עקאָנאָמישע הילפס אַקציע פאַר די, וועלכע פאַלן הילפלאָז פאַר אַ קרבן פון די אַנטיסעמיטישע אָנגריפן און העצערייען. דער ציל פונ׳ם ציוניזם איז, צו שאַפן פאַר יענע, וועלכע ווערן פאַרפאָלגט און אַרבעטסלאָז אַלס אידן, אַ מקום מנוחה דאָרט, וואו לאָגישע און היסטאָרישע אומשטענדן גיבן די גע׳רודפ׳טע אַ מעגליכקייט, זיך צו מאַיאָריזירן און פטור ווערן פון די אַנטי־סעמיטישע אָנגריפן. דער ציוניזם אַז זיך אויך ניט מתכון, צו פאַרענטפערן די סאָציאַלע פראַגן; די פאַרענטפערונג פון דער סאָציאַלער פראַגע לאָזט ער איבער דעם סאָציאַליזם, וואָס דאָס זאָל און מוז שטענדיג זיין זיין איינציגע אויפגאַבע. אין די צילן ווי אין די יתוס־פּרינציפּן זיינען סאָציאַליזם און ציוניזם פאַרשידן איינער פונ׳ם אַנדערן. אָבער זיי זיינען ניט סותר איינער דעם אַנדערן. דער ציוניזם איז לגבי דעם סאָציאַליזם לגמרי אַ פּריוואַט־זאַך, אַזוי ווי רעליגיע, פּראָדוקטיוו־קאָאָפּעראַטיוו און קאָנסום־פאַראיינען. ער ערקלערט עס בלויז פאַר אַ פליכט פון יעדן איד, זיך אָנצונעמען פאַר זיינע שטאַם ברידער, דורכדעם, וואָס ער אונטערשטיצט די קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען אין ציון (ארץ־ישראל, סוריה און די סביבה). ס׳איז אָבער די ציוניסטן דערלויבט, צו גיין מיט דער פּאָליטישער פּאַרטיי אַלס פאַרבינדעטע, וועלכע איז אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו זייער איבערצייגונג. די ציוניסטישע אַרבעטער פון עסטרייך זיינען אַלע סאָציאַל דעמאָקראַטן, וואָס געהערן צו די פאַרשידענע סאָציאַל דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. און, באמת, אין וואָס זאָל באַשטיין די סתירה צווישן דעם סאָציאַליזם און ציוניזם. אין רוסלאַנד און אין רומעניע ברעכן זייער אָפּט אויס מאַסן־רדיפות, דאָס גלייכן אויך אין מאַראָקאָ און אין פּערסיע. אויף דער גאַנצער וועלט, וואו ס׳עקזיסטירן נאָר אַנטי־סעמיטן, ווערט יעדער אידישער פּראָלעטאַריער צוריקגעשטויסן אויפ׳ן אַרבעטס־מאַרק; די אַרבעטס־פאַרמיטלונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס קענען דערויף עדות זאָגן. אויב מ׳שאַפט בכן פאַר די דאָזיגע גערודפטע און אַרבעטסלאָזע אַ נייע היים מיט לייכטערע חיונה קוועלן, איז דאָס אַנטי־סאָציאַליסטיש? מ׳וועט אָבער זאָגן: די קאָלאָניעס זיינען ניט קיין סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען. לעבן מיר דען היינט אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג? קענען מיר דען טאָן עפּעס אַנדערש, ווי צופּאַסן זיך צו די היינטיגע אומשטענדן? זיינען אפשר די פּראָדוקטיוו און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון סאָציאַליסטיש? אויב יאָ, קענען מיר פאַרזיכערן, אַז די פּראָדוקטיוו־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס וועלן געשאַפן ווערן פון די אידישע אַרבעטער אין ציון, וועלן לכל הפּחות זיין בהסכם מיט די אַז די דאָרטיגע פּראָדוקטיוו־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון זאָלן שטיין ווייט העכער פון די היגע דורך פרייער אָרגאַניזאַציע און מיט העלפן דער אַלגעמיינער אינטעליגענץ און אַז אַלע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס אין ציון זאָלן זיין אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער־פּרינציפּן פון די היגע פּראָדוקטיוו־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון. יאָ, מיר וועלן זיך באַמיען, וועלט. און אויב די אָנהייבער פון די פּראָדוקטיוו־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון האָבן רעכט, אַז פון דער ראַציאָנעלער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע און פון דער קאָאָפּעראַטיווער רעגולירונג פון דער אַרבעט וועט פאָרקומען די געזעלשאַפטליכע רעוואָלוציע אויף אַ בשלום׳דיגן אופן, וועלן זיכער די אידישע קאָלאָניסטן פאָרויסגיין אַלע פעלקער מיט׳ן בעסטן ביישפּיל און אינ׳ם גייסט פון די נביאים וועט פון ציון אַרויסגיין די תורה פון אמת, פרייהייט און גערעכטיגקייט.

(„דער אידישער אַרבעטער" (דייטש), ווין, נום. 1, 1טער אויגוסט, 1898).

---

*) די רעדאַקציע פונ׳ם „אידישן אַרבעטער" באַמערקט וועגן דעם מחבר פון דעם אַרטיקל (פון וועלכן מיר האָבן אויסגעלאָזט עטליכע אַריינפירנדיגע שורות): „דער מחבר איז באַקאַנט אַלס דער ע ר ש ט ע ר באַגרינדער פון אידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין גאַליציען. ער האָט אויך באַרייזט פּאַלעסטינע און ווייס די דאָרטיגע אומשטענדן פון אייגענעם אָנקוק.

די אידישע ארבעטער באוועגונג אין גאליציע.

(א בריוו פון גאליציע, פון אונזער קארעספאנדענט)

אין דער לעצטער צייט, איבערהויפט זייט דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם, אויסגעוואקסן און באפעסטיגט צווישן די אידישע מאסן אין רוסלאנד, האט זיך פאנאנדערגעגאסן אין א גרויסער כוואליע איבער אלע לענדער, וואו עס לעבן און ליידן אידישע ארבעטער מאסן — מערקט זיך א ווענדונג צום בעסערן אין די געגנזייטיגע באציאונגען צווישן די גרופן פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין די פארשידענע לענדער.

די ערשיינונג האט זיך אם בולט׳סטן ארויסגעוויזן אין די באציאונגען צווישן די ציוניסטישע ארבעטער מאסן אין רוסלאנד, אין עסטרייך און איבערהויפּט אין גאליציע.

ביז מיט א גאר קורצער צייט צוריק איז די באוועגונג און אידעאלאגיע פונ׳ם ציוניסטישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאנד (און אפילו אין רוסיש־פּוילן) געווען אזוי ווייט און פרעמד פאר דעם ציוניסטישן פּראָלעטאַריאַט און דער ציוניסטישער אינטעליגענטער יוגנט אין גאליציע, אז מען האט ניט געקאנט אפילו קלערן ניט נאר וועגן וועלכער ס׳איז געמיינזאמער ארבעט, נאר אפילו אויפן געביט פון ליטעראַטור און דער אויסארבעטונג פון אן אלגעמיינעם אידיש־פּראָלעטאַריש־ציוניסטישן פּראָגראַם האט יעטוועדער פון אט די טיילן פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט געארבעט זעלבסטשטענדיג, ניט אנפרעגנדיג זיך און ניט אינטערעסירנדיג זיך מיט דעם, וואס אנדערע גרופן האבן שוין דערגרייכט אין דער הינזיכט.

און דאך — ניט קוקנדיג אויף דעם ריזיגן אונטערשייד צווישן די באדינגונגען (איבערהויפט פּאָליטישע) אונטער וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו לעבן און ארבעטן דעם רוסישן און דער גאליציש אידישן פּראָלעטאַריאַט, דערמאנען דאך די נויטן און באדערפנישן פון דער 800 טויזנט קעפּיגער אידישער מאסע אין גאליציע אין א גרויסן מאס אן די נויטן פון דער אידישער מאסע אין דעם אונגליקליכען „תחום המושב". די ניט־נארמאלע צוזאמענהויפונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין שטעט און שטעטלאך (34.7% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג אין שטעט און נאר 3.7% אין די דערפער), די אונגעהויערע ארימקייט (מער ווי 90% פירען א הונגער לעבן), וועלכער האלט אין וואקסן צוליב דער שטרעבונג פון דער פּוילישער באפעלקערונג אויסצומיידן פארמיטלער און צו פארבינדן אונמיטלבאר דעם פּראָדוצענט און דעם פארברויכער (פּויערן־קרייז, מילך געזעלשאפטן א. ז. וו.); דער געזעלשאפטליכער און טיילווייז פּאָליטישער באיקאט; די גייסטיגע צוריקגעשטאנענהייט, די קראנקהאפטיקייט און אלס רעזולטאט פון דעם אלעמען — די אלץ וואקסנדע עמיגראציע (פאר׳ן לעצטן צענדליג יאר האבן ארויסגעוואנדערט מער ווי 100.000 נפשות און אין די לעצטע צוויי יאר האט די אויסוואנדערונג איבערגעשטיגן דעם נאטירלאכן צוואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג) — אט דאס איז דאס בילד פונ׳ם אידישן לעבן אין גאליציע. עס דערמאנט אין פילע הינזיכטן דאס בילד פונ׳ם אידישן לעבן אין רוסלאנד, און אט די ענליכקייט אין לעבענס־באדינגונגען האט ניט געקענט בלייבן אן א ווירקונג אויף דעם נאציאנאלן־ און קלאסן־באוואוסטזיין פון די אידישע מאסן אין רוסלאנד און גאליציע. און באמת, אויב מיר וועלן ערנסט דורכקוקן די געשיכטע פון דער ציוניסטישער און סאציאל־דעמאקראטישער באוועגונג צווישן די אידישע מאסן אין גאליצע, ווארפט זיך גלייך אין די אויגן איר ענליכקייט מיט דער געשיכטע פון דער זעלבער באוועגונג אין רוסלאנד: די שטופנווייזע, סיסטעמאטישע פּראָלעטאַריזאציע און דעמאקראטיזאציע פון דער ציוניסטישער באוועגונג, די לאנגזאמע נאציאנאליזירונג פון דער סאציאל־דעמאקראטישער באוועגונג און — אלס רעזולטאט פון דעם — די אלץ וואקסנדע איבערצייגונג אין דער נויטיגקייט פון א סינטעז פון די צוויי באוועגונגען וועלכע האבן זיך ענטוויקלט אלס אונאפּהייניגע און געגנזייטיג פיינדליכע באוועגונגען, און די שטרעבונג אויסצוארבעטן אן אלגעמיינעם ציוניסטיש־סאציאליסטישן פּראָגראַם פאר דעם גאנצן אידישן פּראָלעטאַריאַט — דאס זיינען די הויפּט־שטריכן פון אט דער געשיכטע.

א לויפנדער בליק אויף די וויכטיגסטע דערשיינונגען אין דעם געזעלשאפטליכן לעבן פון די מאסן אין גאליציען אין משך פון דער לעצטער צייט איבערצייגט קלאר, אז דאס איז אויגנטליך די ענטוויקלונגס טענדענץ פון דעם ציוניסטישן און סאציאל־דעמאקראטישן געדאנק אין גאליציע.

הגם די ציוניסטישע אידעע האט נאך מיט פילע יארן צוריק געהאט א גרויסע צאל אנהייננגער צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט אין גאליציע, איז דאך דורכגעגאנגען א לאנגע צייט, ביז די ציוניסטישע באוועגונג אין גאליציע איז געווארן באמת א מאסן באוועגונג און נאך א היבשע צייט וועט דורכגיין איידער זי וועט ווערן באמת א באוואוסטזיניגע פּראָלעטאַרישע באוועגונג.

עס זיינען דורכגעגאנגען ערשט 3־4 יאר, זינט דער אפיציעלער ציוניזם האט אויפגעהערט באפרידיגן די גאליצישע ארבעטער — איבערהויפּט די געשעפטס־אנגעשטעלטע, — ביי וועלכע עס האט זיך מער און מער דערוועקט די איבערצייגונג אין דער נויטיגקייט צו רעאגירן אויף דער איצטיגער לאגע פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

זייט יענער צייט האָט דער גאַליציאַנישער אידישער פּראָלעטאַריאַט געמאַכט פילע שריט אויף דעם וועג צו דער ענטגילטיגער אויסאַרבעטונג פון אַ באַשטימטן „געגנוואַרטס-פּראָגראַם“. די פּראָפעסיאָנעלע טעטיגקייט, אין וועלכער די ערשטע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פון די ציוניסטישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע (אין פּראַג, לעמבערג און אַנדערע שטעט) האָבן געזען די פולע לייזונג פון דער פראַגע פון געגנוואַרטס-פּראָגראַם פאַר׳ן ציוניסטישן פּראָלעטאַריאַט, האָט אינגיכן אויך אויפגעהערט זיי צו באַפרידיגן. און אַזוי ווי די צאָל אַדעפּטן צווישן די אָנגעשטעלטע און בעלי מלאכות האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ נויטווענדיגקייט אין אַ פולער פּראָלעטאַריש-ציוניסטישער פּראָגראַם, ווי אויך אין דעם צו באַשטימען זייער שטעלונג אין ציוניזם און זייער באַציאונג צו די אַנדערע אידישע און ניט-אידישע פּאַרטייען.

מיט דעם צוועק האָט דער צ. ק. פונם „פאַרבאַנד פון אידישע אָנגעשטעלטע און האַנדווערקער פון גאַליציע“, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר 1903, צונויפגערופן אין מאַי פון לויפנדן יאַר אין קראַקאָ אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון בעלי מלאכות און האַנדלס אָנגעשטעלטע, וועלכע עקזיסטירן אין עסטרייך.

עס זיינען געקומען צום צוזאַמענפאָר 37 דעלעגאַטן וועלכע האָבן פאַרטראַטן אַרום 2000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון אגודות פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, איבערהויפּט פון גאַליציע און ווין. די רעפעראַטן וועגן: „די נויטווענדיגקייט צו רעגולירן דעם אַרבעטס-טאָג פאַר האַנדלס אָנגעשטעלטע („אבענדשפּערע“), „די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון עסטרייכישע אַרבעטער-ציוניסטן“, און איבערהויפּט אונזער לאַגע אין ציוניזם און אונזער באַציאונג צו דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, און אויך די אַנדערע, האָבן אַרויסגערופן אַ זייער לעבהאַפטע דסקוסיע. די דיסקוסיעס האָבן באַוויזן, אַז די אַרבעטער-ציוניסטן אין גאַליציע זיינען ניט אַריבערגעוואַקסן דעם אָפיציעלן ציונזם, זיי זיינען אָבער, לוידער, נאָך ניט דערוואַקסן צום אמת׳ן קאָנסעקווענטן און סאָציאַליסטישן, צום פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

דער הויפּט אינטערעס פונ׳ם צוזאַמענפאָר איז געווען, ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטן, דער רעפעראַט פון ח׳ גראָס פון ווין — „אונזער לאַגע אין ציוניזם און אונזער באַציאונג צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע“. און אַזוי ווי די טעזיסן, וועלכע ער האָט אויפגעשטעלט, זיינען, מיט קליינע ענדערונגען, אָנגענומען געוואָרן פונ׳ם צוזאַמענפאָר, און דינען נאָך ביז היינט אַלס דער פּרינציפּיעלער באָדען, אויף וועלכן די גאַליציאַנישע און בכלל די עסטרייכישע ציוניסטן-אַרבעטער אַנטוויקלען זייער טעטיגקייט, ערלויבן מיר זיך צו ציטירן זיי דאָ בקצור:

1) מיר שטייען אויפן באָדן פונ׳ם באַזעלער פּראָגראַם און אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן פונ׳ם קאָנגרעס.

2) מיר זעען אין ציוניזם ניט קיין קלאַסן-פּאַרטיי, נאָר אַ פאַרטרעטערשאַפט פון אַלע קלאַסן און שיכטן פון אידישן פאָלק, פאַר וועלכע דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפן אַ מעגליכקייט פון אַ ווייטערער עקזיסטענץ אויף אַן אייגענער טעריטאָריע.

3) מיר טאָרן ניט קוקן אויפ׳ן אידישן פּראָלעטאַריאַט ווי אויפ׳ן אָביעקט פון אונזער באַוועגונג: ער דאַרף זיין דער אָ ב י ע ק ט (?) און דער סוביעקט (דער טרעגער) פון דער באַוועגונג. דערפאַר דאַרף די ציוניסטישע פּאָליטיק זיין אַ דעמאָקראַטישע, כדי צו דערוועקן די אַלע כחות, וועלכע זיינען פאַרבאָרגן אין אונזערע פאָלקס-מאַסן און לייטן זיי צו אונזער ענטגילטיקן צוועק.

4) דער אידישער אַרבעטער קלאַס, וועלכער געפינט זיך אין בעסערע פאַרהעלטניסע איידער דער אַרבעטסלאָזער אידישער פּראָלעטאַריאַט, און וועלכער קאָן, פאָלגליך, און איז באַרופן צו ווערן אַ מעכטיגער טרעגער פון די ציוניסטישע אידעען, דאַרף זיך אָרגאַניזירן אינערהאַלב דעם ציוניזם נאָר אַזוי, אַז ער זאָל אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק זיין אָפּהענגיג פונ׳ם קאָנגרעס און אין זיין סאָציאַל-עקאָנאָמישער טעטיגקייט געניסן פון פאָלקאָמער אויטאָנאָמיע.

5) די לאַגע פון די אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איז ניט אידענטיש מיט דער לאַגע פונ׳ם ניט-אידישן אַרבעטער קלאַס, ווייל אים קומט אום צו ליידן ניט נאָר פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, נאָר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, פון עקאָנאָמישער אַרויסשטויסונג.

6) די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטייען אויפ׳ן ציוניסטישן באָדן, וועלן אונטערשטיצן יעדע טעטיגקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע וועט זיין געווענדעט פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר לאַגע פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט און וועלכע וועט זיך רעכענען מיט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער.

7) די אַרבעטער-ציוניסטן וועלן אונטערשטיצן נאָר אַזאַ פּ אָ ל י ט י ש ע און דעמאָקראַטישע טעטיגקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע וועט זיין נוצליך פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונ׳ם אידישן פאָלק.

אין דער דיסקוסיע, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט נאָך דעם רעפעראַט, זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, צווישן אַנדערע, פאָלגנדע מיינונגען, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג, וואָס הערשט אין דעם גאַליציאַנישן פּראָלעטאַריאַט. „אויטאָנאָמיע בלויז אין עקאָנאָמישע פראַגן, איז אַן אַבסורד, ווייל פּאָליטיק און עקאָנאָמיק זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. מיר

שטייען אויפ'ן באָדן פון קלאַסן־קאַמף און אונטערשטיצן די באַזעלער פראָגראַם. — אַזאַ פאַרבינדונג פון פאָליטישער און עקאָנאָמישער טעטיגקייט איז די ראַציאָנאַלסטע. (ח' הערץ פון לעמבערג). מיר דאַרפן אָנפירן אַ קאַמף געגן רעאַקציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין אונזער באַוועגונג פון דעם מין, ווי די אַרטיקלען אין „די וועלט" וועגן דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, וועגן פּאָפּסט א. אנד." (ח' פעלדבלום פון קראַקאָ). „דער קאָנגרעס איז יעצט ניט בכח צו פאַרענטפערן ניט נאָר עקאָנאָמישע פראַגן, נאָר אפילו ניט קיין קולטורעלע און טאַקטישע, ווייל די קלאַסן־אונטערשידן לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף אַלע דערשיינונגען פונ'ם אידישן לעבן. פריער אָדער שפּעטער וועט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מוזן פאַנאַנדערגעטיילט ווערן אויף פאַרשידענע קלאַסן־פעדעראַציעס. דערפאַר דאַרפן מיר זיך אַרויסזאָגן קלאָר אין אונזערע טעזיסן וועגן דעם סאָציאַלן געבוי פון די אידישע קאָלאָניעס און דער צוקונפטיגער אידישער מלוכה. עס מוז זיין אַ סאָציאַליסטישער געבוי. (ח' גאָלדשטיין פון פּשעמישל).

אין זיין ענטפער צו די אָפּאָנענטן האָט דער רעפערענט אגב אַרויסגעבראַכט אַ מיינונג וועלכע וואַרפט — אָן אַ ספק — אַ שווערן שאָטן אויף זיין אויפפאַסונג פונ'ם פראָלעטאַרישן ציוניזם. „פאַר'ן ציוניזם" — האָט ער געזאָגט — זיינען נויטיג דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַרטרעטער פון די מעכטע, און דערפאַר דאַרף דער אידישער פראָלעטאַריאַט אָפּהיטן אַ געוויסע פאַרזיכטיגקייט אין זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף".

אין דער פראַגע וועגן אָרגאַניזאַציע האָט דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן פאַראייניגן אַלע ציוניסטישע פראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס אין עסטרייך אין איין אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע — „פועלי ציון", און אויך אַריינגיין אין פאַרבינדונגען מיט די אויסלענדישע פועלי־ציון (רוסלאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקא), כדי צו גרינדן אַן אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַר'ן גאַנצן אידישן פראָלעטאַריאַט.

דער קראָקאָווער צוזאַמענפאָר האָט זיכער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינ'ם לעבן פונ'ם אידישן פראָלעטאַריאַט אין גאַליציע. ער האָט אָנגעצייכנט די גרונד־פּרינציפּן, הגם זיי האַלטן נאָך ווייט ניט אויס קיין קריטיק, אויף וועלכער די יונגע אָרגאַניזאַציע „פועלי ציון" דאַרף זיך האַלטן. אינגיכן וועט דער אָרגאַניזאַציע אויסקומען דורכצופירן אירע פּרינציפּן אין לעבן און דורכצוגיין ניט קיין גרינגערן נסיון.

(„וואָזראַזשדעניע", פּאַריז, נום. 3‑4, נאָוועמבער 1904).

אידישע פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניגט אייך אונטער דער פאָן פון „פועלי־ציון".

פלוגשריפט נומער 1.*)

 אַרויסגעגעבן פון די לעמבערגער „פ ו ע ל י צ י ו ן" (ציוניסטן־סאָציאַליסטן).

ברידער און שוועסטער פון אַרבעטער־קלאַס!

מיר שטייען אַצינד פאַר צוויי גרויסע און שטאַרקע באַוועגונגען. פון איין זייט דער ס אָ צ י אַ ל י ז מ ו ס, וואָס וויל אונז באַפרייען פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שקלאַפעריי. פון דער אַנדערער זייט דער צ י ו נ י ז מ ו ס, וואָס וויל אונז באַפרייען פון גלות. ביידע האָבן אויף אונז אַ אונגעהייערן איינפלוס, ביידע זאָגן אונז צו אַ הערליכע צוקונפט, ביידע זיינען פאַר אונז נויטיג ווי דאָס לעבן. וועלכע באַוועגונג דאַרפן מיר ווילן? אין וועלכן וועג באַדאַרפן מיר צו גיין? צוריק מיט עטליכע יאָר, אַז מען האָט די פראַגע געשטעלט, האָבן אַ טייל געענטפערט: מיר זיינען אַ טייל פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און דאַדורך מוזן מיר שטרעבן צו פאַרווירקליכן דעם סאָציאַליזמוס, אַ נאַציאָנאַלער קאַמף גייט אונז גאָר ניט אָן". און אַ טייל האָבן באַהויפּטעט: „מיר ליידן נ אָ ר אַלס אידן, דאַדורך מוזן מיר זיין ציוניסטן, כדי מיר זאָלן העלפן דעם אידישן פאָלק צו באַפרייען זיך פון גלות, אַ קלאַסן־קאַמף קאָן אונז ניט העלפן, דערפאַר גייט ער אונז גאָר ניט אָן".

עטליכע יאָר זיינען איבערגעלאָפן, ביידע באַוועגונגען האָבן זיך ריזיג אַנטוויקלט. דער ציוניזמוס האָט אָנגענומען מער דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע פאָרמען. דער סאָציאַליזמוס האָט אָנגענומען נאַציאָנאַלע פונקטן אין זיין פראָגראַם, און כמעט אַלע פראָלעטאַריאַטס האָבן זיך אָרגאַניזירט אויף נאַציאָנאַלער באַזיס. נאָר אַ גרויסער טייל פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס איז געבליבן — אויף דעם איינפלוס פון זיינע אַסימילירטע אָנפירער — אין די פרעמדע פּאַרטייען, און זיי האָבן גע'טענה'ט גלייך מיט דער בורזשואַזיע: אין פּוילן זיינען

*) אָן אַ דאַטום, מסתמא 1904 (רעד.).

מיר פּאָליאַקן. אין רוסלאַנד — רוסן, אין דייטשלאַנד — דייטשן א. ז. וו. אַ אידיש פּאָלק — האָבן זיי וויטער געזאָגט — עקזיסטירט נישט מער, עס איז אַ אונזין און א אונמעגליכקייט, צוריק צו באַקומען אַ אידישע מדינה, דאַדורך מוזן מיר העלפן אַנדערע פעלקער צו באַפרייען, דאַן וועלן מיר באַפרייט ווערן פון אַלע אונזערע צרות און ליידן. דאָס עלנד פון די רומענישע עמיגראַנטן, דער הונגער פון וואַנדערנדע אידישע אַרבעטער, די יאָמערליכע קולות פון די קישעניווער יתומים און אַלמנות, דאָס צישן פון טייכן אידיש בלוט, די צענדליגע אומעדומעדיגע פּאָגראָמען, הריגות און רדיפות, האָבן זיי געצוואונגען אַביסל ערנסטער צו דיינקען איבער דער אידן־פראַגע, ביז זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס אויסמישן זיך אונטער אַנדערע פעלקער ליגט נאָר אין די אינטערעסן פון דעם אידישן רייכן קלאַס, און ליידן דערפון ליידן נאָר די אונטערדריקטע אידישע אַרבעטער־מאַסן, און האָבן אָנגעהויבן שרייען דאָס זיי זיינען אידן און ווילן זיך אַלס אידן העלפן. זיי זיינען אָבער אין מיטן דענקען און קלערן שטיין געבליבן, אַזוי דאָס זיי האָבן אין דעם אייגנטליכן ענין פון „אידן־פראַגע“ גאָר נישט געוואָלט באַגרייפן און זיינען געבליבן ביי אַ שוואַך פלאַטשיג און אונאויספירליכעס פּראָגראַם, דאָך זיינען זיי שוין עטליכע שריט נעענטער צום גלייכן וועג, צום אמת׳ן ציל.

די יעניגע אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן פריער באַהויפּטעט, דאָס זיי זיינען נאָר ציוניסטן, און דער סאָציאַליסטישער קאַמף גייט זיי נישט אָן, דיזע האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צום אַלטעגליכען לעבן פון דעם אַרבעטער קלאַס און האָבן אָנגעהויבן צו דיינקען ערנסטער איבער׳ן סאָציאַליזמוס, ביז זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס זייערע פריערדיגע אַנשויאונגען זיינען אַביסל רעאַקציאָנער און גיבן נים קיין תשובה אויף די אַלע פראַגן, וועלכע רינגלען ארום אונזער פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט. זיי האָבן זייער פּראָגראַם פאַרבעסערט, און אויפגענומען דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, ביז זיי האָבן זיך ענדליך ערקלערט דאָס זיי שטייען אויף אַ ציוניסטישן־סאָציאַליסטישן שטאַנדפונקט.

ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? און וואָס איז אַצינד אונזער פּראָגראַם? וואָס זיינען אונזערע פאָדערונגען? — וועלן אַ סך אַרבעטער פרעגן — מיר וועלן זיך באַשטרעבן אין קורצן דאָס צו ענטפערן:

„זייענדיג איבערצייגט, דאָס אויסמישן זיך אונטער אַנדערע פעלקער קאָנען זיך נאָר איינציגע רייכע אידן, דען זייער געלד פאַרדעקט אַלסדינג, זיי פילן נים דעם יאָך, וואָס עס טראָגט אויף זיך דער גלות־איד, זיי פילן נים דעם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם, זיי מאַכן זיך נישט זעענדיג און נישט פילנדיג דעם איינגעבאָרענעם נאַציאָנאַלן האַס, וואָס באַגלייטן אונז פרעמדע אויף יעדן שריט. דאַגעגן מיר אַרבעטער ווערן פון קליינע פאַבריקן אַרויסגעיאָגט, אין די גרויסע נים אַריינגעלאָזט, אומעטום הערן מיר אונטער אונזערע פּלייצעס: „יעוורעי“, „זשיד־זשיד“, „העפּ־העפּ“, אומעדום ווערן מיר באַטראַכט פאַר נע־ונד׳ניקעס, פאַר פרעמדע, פאַר קאָנקורענטן, מיר האָבן קיין שום רעכט אויף וועלכע עס איז פאָדערונגען. דען וואו מיר קומען, זיינען דאָ אייגענע קינדער פון דעם לאַנד, וועלכע ווילן אַליין אַרבעטן און לעבן. דאָס צווינגט אונז צו זוכן אַ תשובה אויף אונזער „אַרבעטס־פראַגע“, אַ רעצעפּט אויף אונזערע מכות. זוכנדיג די מיטל ווי אַזוי זיך פון דעם צו באַפרייען, דערמאָנען מיר זיך אין דעם, וואָס איז דורכגעוויקט מיט אונזער נשמה, אין דעם וואָס פאַרנעמט אונזערע בעסטע געפילן און אידעלסטע באַגריפע, און דעם וואָס שטעלט אונז פאַר אונזער הערליכע פאַרגאַנגענהייט און מאָלט אונז אויס אַ גליקליכע צוקונפט. דאָס איז ארץ ישראל, דאָס לאַנד, וועלכעס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פאַר אַ ארץ זבת חלב ודבש, דאָס לאַנד וואו אונזערע עלטערן האָבן געפירט אַ פרידליך און רוהיגעס לעבן. נאָך אַביסל נאָכקלערן קומען מיר צו דעם באַשלוס, דאָס עס איז פאַר אונז נויטיג ווי דאָס לעבן, מיר זאָלן צוזאַמען נעמען אַלע אונזערע צוזייטע און צושפּרייטע כחות, אָנווענדן אַלע מעגליכע און זאָגאַר אונמעגליכע מיטל, כדי צוריק צו באַקומען דאָס לאַנד אויף וועלכן מיר האָבן היסטאָרישע פאָדערונגען און רעכטע. דאָרט קאָנען מיר זיכער זיין וועלן מיר האָבן די מעגליכקייט זיך אויסצורוען פון אונזער באַלד צוויי טויזנט יעריגער פאַרפאָלגטער וואַנדערונג, דאָרט וועלן מיר קאָנען אַנטוויקלען אונזערע פיזישע און גייסטיגע כחות. דאָרט וועלן מיר קאָנען פריי אָטעמען און לעבן.

דאָרט וועלן מיר פאַר אונזער ארבעט געניסן דאָס וואָס אונז קומט. כדי דאָס אויסצופירן נעמען מיר אַנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג וועלכע איז געבויט אויף סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע יסודות און פירט צו דער *אידישער פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערליכקייט*. אונזער אויפגאַבע איז נאָך גרעסער, מיר אַרבעטן דורכצופירן, דאָס די אידישע מדינה, וועלכע דאַרף געגרינדעט ווערן, זאָל זיין אַ מוסטער פאַר דער וועלט ווי אַזוי די סאָציאַליסטישע מדינות דאַרפן אויסזען, עס וועט דאָרט ניט עקזיסטירן, אַ „שלאַכטאַ“ אָדער „יחוס“, עס וועט נישט מעגליך זיין, אַז דער רייכער קלאַס זאָל לעבן אויף אונזער השבון, פון אונזער האָרעוואַניע, אַזוי ווי עס געשעט אין דער היינטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. דען עס וועלען ניט זיין די „גראָס גרונד־איינגענטום־באַזיצער“. די פעלדער און פאַבריקן וועלן ניט זיין אַ פּריוואַט־אייגענטום, נאָר אַלצדינג וועט געהערן דעם גאַנצן פאָלק, דאָס גאַנצע לאַנד און אַלע אינסטיטוציאָנען וועלן זיין „פאָלקס־אייגענטום“, דאַרום רופן מיר צו אייך אַלע, אידישע אַרבעטער און אַרבעטערינען: אונזער פּלאַן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג דאַרף זיין אין דער ערשטער רייע. לאָמיר זיך אויפהויבן פון אונזער אלטעגליכן נידעריגן לעבן און אָנקוקן די הערליכע צוקונפט, וואָס בליט פאַר אונז. מיר מוזן פערדרענגען די בורזשואַזיע און מיר פּראָלעטאַריער מיט דער הילף פון דער אמת׳ער אידישער אינטעליגענץ, מוזן אַליין ערייכן דעם גרויסן ציל. אַלזאָ אַרבעטער אויף צו אונזער באַפרייאונג.

מיר גייען נאָך ווייטער און באַהויפּטן: דאָס ניט נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיין אין אונזער היים, וועלן מיר זיין סאָציאַליסטן, נאָר שוין אַצינד, זאָלאַנג דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך גייסטיג נידריג, פּאָליטיש פאַרשקלאַפט און עקאָנאָמיש אונטערדריקט, איז אונז ניט קיין חלוק, אין וועלכן לאַנד מיר געפינען זיך, נאָר מיר ערקלערן זיך אַלס אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז פאַרפליכטעט אַראָפּ־צוואַרפן פון זיך די קייטן, צו פאַרניכטן די מאַכט פון דער באַזיצנדער קלאַס, צו צושטערן און צו צושמעטערן אַלעס, וואָס פאַראורזאַכט אונז שמערצן און ליידן. אַ אויסדרוק פון אונזערע געפילן און שטרעבונגען זיינען די ווערטער פון דעם פועלי ציון ליד:

„מיר שווערן, צורייסן די קייטן אויף שטיקער
פון אונזערע געבונדענע וואונדיגע הענט,
אַרונטערצואוואַרפן דעם יאָך פון די דריקער,
פאַרלאָזן דאָס גלות, די פינסטערע ווענט“.

אַזוי זעען מיר דאָס די ביידע געדאַנקען, דער „ציוניזמוס“ מיט דעם „סאָציאַליזמוס“ זיינען זיך ניט סותר, אין געגנטייל: פון איינעם פליסט אַרויס אַ הסכמה אויפ׳ן צווייטן, דען אין דעם מאָמענט וואָס מיר ערקלערן זיך אַלס סאָציאַליסטן, אַלס קעמפער פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, מוזן מיר צוגעבן דאָס מיר מוזן אונבאַדינגט אויך קעמפן פאַר אידישער פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט. אַלס ציוניסטן שטרעבן מיר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק צו באַפרייען, מיר זעען אָבער ניט דאָרט אַ פאַרבאָט אויף צו פאַרטיידיגן אונזערע קלאַסן־אינטערעסן, עס צווינגט אונז דאָרט גאָרניט צו פאַרציכטן אויף אונזערע וועלט־אַנשויאונגען, אין געגנטייל: דער ציוניזמוס לערנט אונז זעלבסטגעפיל, מוט, ענערגיע און זעלבסט הילף, מיר קומען צו דעם אַנטשלוס, דאָס ווען אַ פאָלק וויל זיך באַפרייען, מוזן פריער די איינצלנע גלידער פון דאָס פאָלק זיין פריי אין יעדער הינזיכט. אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַרטיידיגען מיר אונזערע אַרבעטער־אינטערעסן, מיר לאָזן ניט פאַרלעצן אונזערע קלאַסן געפילן. אין דער אַרבעטער־באַוועגונג היטן מיר אונזער נאַציאָנאַלן כבוד. מיר לאָזן ניט טאָן אַזעלכעס, וואָס שאַדט אונזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

די מיטל ווי אַזוי דעם דאָפּלטן קאַמף אויסצופירן, וועלן מיר מודיע זיין אין אַ צווייטן פלוגשריפט, דערווייל טראַכטעט אייך צו אָרגאַניזירן אין ציוניסטיש־סאָציאַלסטישע פאַר־איינען. עצות און מודעות פערטיילט דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַל שטעלע פון אונזער עסטרייכישן „פועלי ציון“ פאַרבאַנד (הייגריך גאָטליב קראַקוי ברזשאזאווא 4).

אידישע אַרבעטער, אַרבעטערינען, און אַלע וואָס ווערן אונטערדריקט און אויסגענוצט,

אַלע וואָס ערנערן זיך מיט דעם שווייס פון זייער אַרבעט, לאָמיר זיך אַלע פאַראייניגן און צוזאַמען אויסרופן:

נידער מיט דער אַסימילאַציאָן!
נידער מיט דעם קאַפּיטאַליזמוס!
נידער מיט דעם אַנטיסעמיטיזמוס!
עס לעבע דאָס אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַריאַט!
עס לעבע דאָס אידישע פּראָלעטאַריאַט!
האָך די אידישע פרייהייט!
האָך דער סאָציאַליזמוס!
האָך דער ציוניזמוס!

„פּראָגראַם און טאַקטיק“

(רעפעראַט).

איינער פון די גרונטגעזעצן פון אונזערע פאַראַיאָריגע טעזן איז געווען, אַז עס איז ניט נאָר דאָס רעכט, נאָר אויך די פליכט פון די ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, צו קעמפן פאַר די קלאַסן־אינטערעסן פונ׳ם אַרבעטנדן פּראָלעטאַריאַט, און, אַז זיי זיינען אין אירער דאָזיגער אַרבעט אינגאַנצן אויטאָנאָם, ד. ה., זיי האָבן ניט צו געבן קיין רעכענונג וועגן דעם, דעם קאָנגרעס.

מיט דעם האָט געזאָלט דאָס רעכט פון געווערקשאַפטליכער טעטיגקייט באַוויזן ווערן ניט מער נעגאַטיוו און בלויז צוליב טאַקטישע סיבות, נאָר איינמאָל אויף אַלע מאָל פּראָגראַמאַטיש אויסגעדריקט ווערן. מיט דעם איז קלאָר און דייטליך אָפּגע׳פּסקנ׳ט געוואָרן די שאלה, צי מיר זאָלן עס צולאָזן, נאָך דער טעאָריע פון אַ נשמה יתרה, אַז דער ציוניסטישער אַרבעטער זאָל „אַרבעטן“ פאַר׳ן ציוניזמוס אין אַ ציוניסטישן און פאַר׳ן סאָציאַליזמוס אין אַ סאָציאַליסטישן פאַראיין און באמת׳ן גאָרניט טאָן פאַר ביידע באַוועגונגען, אָדער צי זאָל ווערן די פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן צום ברענפּונקט פאַר אַלע אינטערעסן פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

די באַשטימונג **אָבער וועגן דער** אויטאָנאָמיע איז מער געמיינט געוואָרן לטובה פאַר׳ן אַלגעמיינעם ציוניזמוס, אַלס פאַר די פּועלי־ציון. מיר זיינען ניט מחויב אָפּצוגעבן רעכענונג דעם ציוניזמוס פון אונזערן ווירטשאַפטליכן קאַמף אינ׳ם גלות. **דערפאַר וועט ער אויך ניט קענען פאַראַנטוואָרטליך** געמאַכט ווערן, באַזונדערס פון זייטיגע מענשן, פאַר אונזער קלאַסנקאַמף.

אָט נאָך דער שיטה האָבן די עסטרייכישע פּועלי־ציון, דאָס קאָנען מיר מיט צופרידנקייט זאָגן, דורכגעפירט אַזוי ווי אונטערשטיצט דעם לעצטן יאָר גליקליכע קעמפּע פאַר דער פאַרקירצונג פון דער אַרבעטסצייט און פאַר העכערע שכירות, ניט באַרירנדיג אפילו אויף אַ האָר דעם געזאַמטן ציוניזמוס, אָן זיין הילף, כאָטש אונזערע ערפאָלגן זיינען סוף כל סוף, סיי ברוח סיי בחומר לטובה פאַר׳ן גאַנצן ציוניזמוס.

דאָס האָט פונדעסטוועגן ניט אָפּגעהאַלטן אונזערע עטליכע פּרנסה־קריטיקער אַרויפצוּוואַרפן זיך אויף אונז, אונזערע סטרייקס א. א. וו., ווי אויף אַ „סכנה“ פאַר׳ן ציוניזמוס. אָבער אַ חוץ אונזערע פּראַקטישע ידיעות, קאָנען מיר אָנווייזן אין דעם פּרט אויף ניט קיין קלענערן, ווי אויף אונזערן פירער ז״ל. עטליכע חדשים פאַר הערצל׳ס טויט האָב איך מיט נאָך צוויי חברים, געהאַט דאָס גליק צו פירן אַ לאַנגן און אַ געדענקווירדיגן געשפּרעך מיט דר. הערצל. אגב, אין דעם בייזיין פון אַלע איבעריגע מיטגלידער פונ׳ם ועד הפּועל. טעאָדאָר הערצל האָט פול און גאַנץ צוגעגעבן די ריכטיגקייט פון דער אויטאָנאָמיע. איך האָב, אגב, באַמערקט, אַז דורך דעם וועלן די בירגער מער ניט אָפּגעשרעקט ווערן פונ׳ם ציוניזמוס, ווייל דער ציוניזמוס וועט ניט קאָנען אידענטיפיצירט ווערן מיט דעם ווירטשאַפטליכן קאַמף פון די פּועלי ציון, וואָרים מען וועט קאָנען ווייזן אויף אונזער באַזונדערער שטעלונג. אויף דעם האָט הערצל געמאַכט די ביטערע און כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג: „אָבער, האָבן מיר דען ביי אונז דאָס בירגערטום? שטייט עס דען אין אונזערע רייען?“

ער האָט נאָך געפרעגט, צי ער, אָדער די ציוניסטישע לייטונג, וועלן קאָנען, בעת אַ סטריק, זי דאַרינליגען אין אַ שלום, ווי, למשל, דער פּרעזידענט ל א ב ע... דערביי האָט ער נאָך מוסיף געווען: „איך האָף זייער פיל פון די אידישע אַרבעטער, בפרט פון אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אינ׳ם סאָציאַליסטישן חדר און האָבן דערגרייכט אַ געוויסע פּאָליטישע רייפקייט, וואָס עס פעלט אונזערע קליינבירגער“... ער האָט נאָך געזאָגט, אַז דער ציוניזמוס קאָן און וועט פאַרווירקליכט ווערן נאָר מיט דער הילף פון ברייטע פאָלקס־מאַסן, און האָט אונז צוגעזאָגט צו אונטערשטיצן אונז מיט אַלע כחות.

אַזוי האָט דער גרויסער הערצל מיט זיין אָדלער־בליק טאַקע באַלד דערקענט די וויכטיגקייט פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און צוגעשטימט צו אונזערע באַשטרעבונגען.

מיר זעען דעריבער נאָך אונזער פּראַקטיק פון אַ גאַנץ יאָר, זייער גוט די נויטיגקייט איינצוהאַלטן דעם גרונטגעדאַנק פון יענער טעזע.

נישט ווייניגער וויכטיג, ווי יענע טעזע, וואָס באַשטימט אונזערן אויטאָנאָמען קלאַסנקאַמף, זיינען געווען די, וואָס באַשטימען אונזער שטעלונג צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. זי האָט געהאַט דעם זין, אַז די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציאָן וועט אונטערשטיצן אַלע פּאָליטישע אַקציאָנען פון דער סאָציאַל־דעמאַקראַטיע, וואָס זיינען נויטיג פאַר׳ן אידישן פּראָלעטאַריאַט, מיר טאָרן אָבער ניט ביטרעטן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אפילו, ווען זי וועט אונז געבן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. ווי וויכטיג בפרט דער לעצטער פּונקט איז געווען, באַווייזט די ניט לאַנג איינגעטראָטענע שפּאַלטונג אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין גאַליציען. צוליב דער קלאָרקייט, וועלכע מר האָבן זיך דערשלאָגן אין דעם פּונקט, האָבן די סעפּאַראַטיסטן אפילו קיין ביסל ניט „איממפּאָנירט“ אונזערע חברים אידישע פּראָלעטאַריער, וואָס קעמפן צוליב אַ „אידישע“ אויטאָנאָמיע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, בשעת נאָך זייער פּראָגראַם און טאַקטיק זיינען זיי גאַנץ גלייך מיט איר און קאָנען, און טאָרן ניט נעמען קיין אנטייל נאָך דיזער פּראָגראַם אין דעם אויפבויען אַ היים פאַר׳ן אידישן פאָלק; — קעמפן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער ערעפענונגס־רעדע, צוליב פּוסטע פאָרמען אָן אינהאַלט.

מיר קענען דעריבער מוסר מודעה זיין, אַז די טעזן פון אונזער לעצטן פּאַרטיי טאָג איבער אונזער קלאַסן קאַמף, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיג און מוזן אפשר נאָר סטיליסטיש געוועגדעט ווערן.

אַנדערש איז די מעשה מיט די טעזן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט׳ן ריינעם ציוניזמוס, מיט אונזער ענדציל, אַנדערש ווי ביי די אַנדערע פּונקטן, האָבן מיר זיך פאַר אַ יאָרן, — ניט רעכענענדיג די טעזע, וואָס פאָדערט אַ דעמאָקראַטישע פּאָליטיק אינ׳ם ציוניזמוס — צופרידענגעשטעלט מיט דער ערקלערונג, אַז מיר שטייען אויפ׳ן יסוד פונ׳ם **באַזעלער פּראָגראַם** און אין דער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז געשאַפן פונ׳ם קאָנגרעס. כאָטש די טעזע זאָגט אייגענטליך זייער פיל, זאָגט זי פונדעסטוועגן ניט מיט איין אות, ווי די פּועלי־ציון פאַרשטייען דעם ציוניזמוס.

האָבן מיר דען באמת׳ן די אייגענע דעות איבער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, ווי די מזרחים, אָדער ווי די חובבי־ציון? וואו איז דאָ די סינטעזע, די פאַראייניגונג פון ציוניזמוס און סאָציאַליזמוס? סוף כל סוף קען זיך דאָך אונזער סאָציאַליזמוס ניט קאָנטשען מיט דעם, וואָס מיר שאַפן געווערקשאַפטן אינ׳ם גלות אפילו ניט מיט דעם, וואָס די רוסישע פּועלי ציון באַטייליגן זיך אין רעוואָלוציאָנערע אַרבעטן. אַזעלכע רעוואָלוציעס, ווי אין רוסלאַנד, האָבן פאַר 200 יאָר געמאַכט די ענגלישע בורזשואַס און פאַר 100 יאָר די פראַנצויזישע, נישט זייענדיג קיין סאָציאַליסטן, אויב די פּועלי־ציון שטרעבן צו אַ פאַרשמעלצונג פונ׳ם ציוניזמוס מיט סאָציאַליזמוס, מוזן זיי דאָס קודם כל אויסדריקן אין דער אַרבעט אין דעם לאַנד פון אונזערע צוקונפט. דאָס איז ניט געמאַכט געוואָרן אין טעזן פונ׳ם פאַר אַ יאָריגן פּאַרטיי טאָג — ס׳פאַרשטייט זיך, אַז מיר וואָס האָבן אַליין די טעזן אויפגעשטעלט האָבן געוואוסט פון די חסרונות. אלא מיר האָבן באַטראַכט אונזערע טעזן ווי עפּעס צייטווייליגעס (פּראָוויזאָרישעס) ווייל מיר האָבן זיכער ערוואַרטעט, אַז נאָך אַ גרינדליכער דיסקוסיאָן אין אונזערע פּרעסע און אין אונזערע פאַרזאַמלונגען וועט אַ אינטערשטאַטליכע אסיפה אויסאַרבעטן אַ פולשטענדיגעס פּראָגראַם פון די פּועלי ציון.

די אינערע און אויסווענדיגע באַדינגונגען האָבן די פאַראייניגונג אַלץ ווייטער גערוקט.

מיר זאָגן זיך אויף קיין פאַל ניט אָפּ פונ׳ם געדאַנק צו שאַפן אַ אינטערשטאַטליכע פועלי־ציון־פּאַרטיי מיט אַ שותפות׳דיגן פּראָגראַם; אָבער די געשעענישן אינ׳ם לעצטן יאָר האָבן עס זייער נויטיג געמאַכט, אַז מיר זאָלן אונזערע טעזן פאָלשטענדיגער מאַכן און אַז מיר זאָלן שטעלן באַשטימטע פאָדערונגען וועגן קאָלאָניזאַציאָן אין ארץ־ישראל. דערביי ווילן מיר נאָכאַמאָל באַטאָנען, אַז אונזערע טעזן זיינען אויך דעם מאָל נאָר פּראָוויזאָריש און מוזן מאַכן פּלאַץ דעם קומענדן פּראָגראַם.

וואָס זיינען געווען די קאָלאָניזאַטאָרישע אידעען פון די חובבי ציון? מען האַלט דאָס ניט פאַר נויטיג, זיך דעריבער דעם קאָפּ צו צעברעכן אויב די אידישע ניט דעגענערירטע און ניט־געלערנטע פּראָלעטאַריער, וואָס ביי דער קאָלאָניזאַציע מוזן זיי דאָך די ערשטע זיין (מען קען ניט רעכענען, אַז די קרעמער, וואָס קענען ווי עס איז לעבן אין די גלות־לענדער, וועלן מיט זייערע פאַמיליעס אויסוואַנדערן קיין ארץ ישראל, כדי דאָרט די ערד צו באַאַבעטן) וועלן צופרידן זיין, נאָר פאַר ליבע צו ציון מיט 5 פראַנק שכירות אַ וואָך און דאָס אויך נאָר 6 חדשים אין יאָר. אָט אַזאַ חובב־ציון ערגעץ אין אָדעסאַ אָדער מינסק וואָס האָט אַ פּאָר רובל אַ יאָר געצאָלט, מער איז צו אים אָבער גאָרניט שייך געווען, האָט זיכער געמיינט אַז, ווען צוויי באַפריינדעטע אַרבעטער וואַנדערן אויס, איינער קיין אַמעריקע און דער אַנדערער קיין פּאַלעסטינע, און דער ערשטער פאַרדינט אין אַמעריקע 15 דאָלאַר אַ וואָך, דער אַנדערער אין פּאַלעסטינע אָבער נאָר 5—6 פראַנק און איינער איז דעם אַנדערן מודיע פון זיינע שכירות וועט דער אַרבעטער פון אַמעריקע קיין פּאַלעסטינע פאָרן און ניט פאַרקערט.

אַז די חובבי ציון דענקען אין אמת׳ן אַזוי, באַווייזט זייער וואונדערן זיך בשעת זיי האָבן דערזען, אַז נאָך אַ קאָלאָניזאַציע פון צוואַנציג יאָר מיט דער הילף פון באַראָן ראָטשילד׳ס מיליאָנען, וואַנדערן אויס הונדערטער אין פּאַלעסטינע־געבאָרענע אַרבעטער קיין אויסטראַליען און אַמעריקע.

איך אָבער וואָלט מיך געוואונדערט ווען דאָס וואָלט ניט אַזוי געווען.

ווי אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וואָס דער באָדן איז דאָרט זייער גוט, די פּראָדוקטן פון דער ערד ווערן זייער לייכט פאַרקויפט און די פּויערים זיינען שוין טויזנטער יאָרן געוואוינט צו ערד־אַרבעט, עקזיסטירט דאָך אַ נויט אין אַרבעטער, אַ פראַגע פון „לאַנד־פלוכט“, וואָס אַלע רעגירונגען קענען ניט פאַרענטפערן. און פּאַלעסטינע, וואָס די ערד אין איר איז שוין יאָר־טויזנטער ניט באַאַרבעט געוואָרן, און די וואָס וועלן זי באַאַרבעטן זיינען שוין אויף אַזוי פיל טויזנטער יאָרן פרעמד פון ערד־אַרבעט, זאָל קאַפּויער זיין, און דאָס געפיל אַליין זאָל אַלץ גוט מאַכן? ניין, מיט דער דאָזיגער שווערער פראַגע פון ציוניזם קענען די חובבי ציון גאָרניט מאַכן. עס מוזן דאָ גאַנץ אַנדערע סאָציאַלע תנאים ווירקן, כדי דער אידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל דאָס לאַנד פון אונזערע אָבות אַזוי ליב קריגן, אַז ער זאָל ווערן ניט נאָר אַ „חובבי“ נאָר טאַקע אויך אַ פּועלי ציון, אַן אַרבעטער פאַר ציון.

אַ גוטער באַווייז, אַז די חובבי ציון האָבן גאָרניט אויסגעלערנט און נאָך פאַרקערט אַ סך פאַרגעסן, איז דאָס, וואָס זיי באַנוגענען זיך איצט שוין ניט מיט דער ביזהעריגער אַרבעטער־פראַגע און קומען אַצינד, נאָך הערצל׳ס טויט, ווייטער מיט זייערע טעאָריעס.

ניט לאַנג האָב איך גערעדט מיט׳ן ראש פון די חובבי ציון, מיט הערן אוסישקין. ער האָט מיר קלאָר און אָפן געזאָגט, אַז דער נאַציאָנאַל־פאָנד וועט נאָך זיין מיינונג ניט קענען גאָר ניט מאַכען און אַז מען מוז צווישן די רייכע אידן אַגיטירן זיי זאָלן קויפן גרויסע שטיקער ערד אין פּאַלעסטינע. אַז איך האָב ביי אים געפרעגט, ווי איז ער פאַרזיכערט, אַז די דאָזיגע אידישע פאַמעסטשיקעס וועלן ניט נעמען בעסער אַראַבישע אַרבעטער ווייל זיי זיינען וועלוועלער, האָט ער געזאָגט: דאָס וועלן די רייכע אידן ניט טאָן. מען זעט וואוהין דער וועג פירט, ווען די אידישע אַרבעטער וועלן ניט קענען קאָנקורירן, דאָס איז דאָך קלאָר, מיט די אַראַבער, וועט די ערד פון פּאַלעסטינע נאָך דעם סיסטעם פון אוסישקין אפשר אין אידישע הענט זיין, אָבער זי וועט קיינמאָל ניט זיין באַזעצט פון אַ אידישער מאַיאָריטעט. אַ משל האָבן מיר שוין אין די איצטיגע קאָלאָניעס. איצט פאַרשטייט מען שוין, ווי אַזוי אוסישקין איז אין זיין בראָשורע אויף דעם

משונה'דיגן איינפאַל געקומען, אַז די יונגע ציוניסטן זיינען מחויב דריי יאָר צו אַרבעטן אַלס דינסט אין פּאַלעסטינע. אַנדערש האָט ער זיך ניט געקענט העלפן.

ווי גרויס איז דער חילוק צווישן די דעות פון דר. הערצל און אוסישקין: ערשטנס האָט הערצל פון דער ערשטער מינוט אָן פאַרשטאַנען, אַז פאַר דער ציוניסטישער יוגנט איז ניט קיין פּלאַן איר שכירות־שקלאַפעריי פון גלות מיט דעם אייגענעם אין פּאַלעסטינא צו פאַרבייטן. דערפאַר האָט ער שוין אין זיין „יודענשטאַט" צוגעזאָגט די אַרבעטער דעם זיבען־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג און נאָך אַנדערע גוטע תקנות. דאָס איז בנוגע די בעלי־מלאָכות. וואָס האָט אָבער הערצל די ערד־אַרבעטער געוואָלט געבן? — גאָרניט. דאָס זעט אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער עס איז אמת, אַז הערצל איז געווען אונטער דער השפעה פון מאַרקס' דאָגמאַטיזם און טאַקע מחמת דעם טעם האָט ער געגלויבט, אַז די בויערן מוזן מיט דער צייט פאַרשווינדן. ער זאָגט דאָס קלאָר אויף אַן אַנדערן אָרט פון זיין בוך. אָבער טעאָדאָר הערצלען בלייבן ניט פרעמד די נייע ערפינדונגען פון דער וויסנשאַפט. אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אויך חוץ איר זיינען אַ סך גרויסע מענטשן אויפגעשטאַנען און זיי באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז די פּויערים מוזן אויך אין דער צוקונפט בלייבן און אַז מאַרקס האָט מיט זיינע נביאות וועגן דער ערד־אַרבעט גאָרניט געטראָפן. אין אמת'ן גערעט איז אַ גרויסער חילוק צווישן דעם וואָס פריהדריך ענגעלס האָט געזאָגט אויף אַ גרויסער אַסיפה אין ווין אין דעם יאָר 1892 אַז ביז צום סוף פון דעם 20טן יאָרהונדערט איז שוין די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פאַרטיג און צווישן די אַרטיקלען פון עדואַרד בערנשטיין אָדער דוד וואו זיי ווייזן, אַז די אַגראַרישע טעאָריע פון מאַרקס האָט קיין גרונט ניט. עס איז דערפאַר ניט קיין צופאַל, וואָס הערצל האָט איינגאַנצן מסכים געווען מיט אָפּענהיימערס טעאָריע. מיט זיין גאונ'ישן קוק האָט הערצל געזען, אַז מען מוז פאַרבינדן דאָס נאַציאָנאַלע מיט דעם סאָציאַלן, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר דער דאָזיגער זיוג אַליין קען די מאַסן אַזוי ווייט באַגייסטערן, אַז זיי זאָלן זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם דאָזיגן אידעאַל. ניט די רייכע אידען נאָר די גרויסע מאַסע פון אונזער פאָלק וועלן די נויטיגע מיטלען שאַפן.

איך וויל גאָרניט מתוכח זיין זיך מיט אוסישקינ'ען, וואָס זאָגט, אַז די רייכע אידן זאָלן אין פּאַלעסטינע קויפן ערד. זיי קענען קויפן, אָבער נאָר מיט דעם תנאי אַז ווען עס וועט קומען דערצו די ערד צו באַאַרבעטן זאָל זי אין קליינע שטיקער געטיילט ווערן און נאָר אידן זאָלן זי באַאַרבעטן.

מיר, פּועלי ציון, מוזן דערפאַר געגען דער טעטיקייט פון „גאולה" פּראָטעסטירען און זי שאַרף באַקעמפן, ווייל זי וויל פּראָסט איינפירן אין פּאַלעסטינע ערד־שפּעקולאַציע און ערד־רענטנער. מיר ווייסן ניט אויב אָפּענהיימערס טעאָריע וועט אין דער פּראַקטיק אַ קיום האָבן, און מיר זאָגן ניט, אַז מיר זיינען מיט אים אין אַלץ מסכים, אָבער אַזויפיל ווייסן מיר שוין, אַז גרויסע אימעניעס, דער גרויס גרונדבאַזיץ, וועט זיין אַ טויט פאַר דעם ציוניזם. דער ציוניזם וועט, איבעראַנדערשנדיג נאָרדוי'ס אַ וואָרט, סאָציאַל זיין אָדער גאָרניט זיין! דער גרויסער הערצל איז אונז געווען אַ גאַראַנטיע, אַז מען וועט די סאָציאַלע אינטערעסן פון אונזער פּראָלעטאַריאַט אָפּהיטן. איצט איז ער טויט און די אַנטי־סאָציאַלע חובבי ציון האָבן ווידער דעם קאָפּ אויפגעהויבן. איצט איז די פליכט פון די פּועלי־ציון אין אַלע לענדער זיך אין איין פּאַרטיי צו פאַראייניגן, כדי מיר זאָלן קענען דורכזעצן אונזערע סאָציאַלע פאָדערונגען. פּועלים געגען חובבים! שוין אין דעם נאָמען ליגט דער חילוק. דאָרט זיינען נאָר „ליבהאָבער" פון ציון, דאָ אַרבעטער פאַר ציון. צו אונזער גרויס באַדויערן זיינען אַ סך פּועלי ציון אין רוסלאַנד, ווען אין אַנדערע ענינים זיינען זיי זייער פאָרטגעשריטן, געבליבען בנוגע צום סאָציאַליזם אויף דעם אַלטן מאַרקסיסטיש־דאָגמאַטישן שטאַנדפּונקט בעת סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער אַליין זיינען מודה, אַז ער האָט שוין זיין צייט אָפּגעלעבט. איין טייל פון די דאָזיגע פּועלי־ציון זיינען דער היפך פון די חובבי־ציון. ווען די לעצטע בויען איר סיסטעם אויף דער חבת ציון, אויף דעם געפיל, זאָגן די דאָזיגע פּועלי־ציון, אַז דער עיקר איז ניט ציון, נאָר אַבי אַ טעריטאָריע, ווייל זיי ווילן נאָר די עקאָנאָמישע פראַגע פאַרענטפערן.

אַזוי ווי אוגאַנדאַ איז ניט מסוגל צו קאָלאָניע, האַלט איך עס פאַר אַ „פּרינציפּן־שטרויט" דאַריבער צו שמועסן און וויל דעם טעריטאָריאַליזם ניט אָרומרוידן. נאָר זאָגן וויל איך, אַז איך אַליין בין געווען פאַר אוגאַנדאַ און וועל אויך אין דער צוקונפט ניט זיין קיין געגנער פון אַ טעריטאָריאַלן פּראָיעקט וואָס טויג, נאָר גלויבן, גלויב איך ניט, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט אָן די „געפילס־מאָמענטע" וואָס זיינען ביי פּאַלעסטינע פאַראַן, ערגעץ אַנדערש קענען ווערן אַ פאָלק פון פויערים. און לכל הפחות וואָלט איך ניט געוואָלט צולאָזן, אַז ציוניסטישע געלט און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל דורך אַ מאַיאָריזירונג ווערן פאַרווענדט פאַר'ן טעריטאָריאַליסטישן תכלית. אויב די טעריטאָריאַליסטן גלויבן אין דער זאַך, זאָלן זיי זיך מטריח זיין גרינדן אַן אייגענע פּאַרטיי. איך וויל אָבער ניט אַוועקגיין פון דער פראַגע ניט באַמערקנדיג עפּעס געגן דעם „עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם". אין אַמעריקע האָט זיך געבילדעט אַ חברה, וואָס רופט זיך אָן „צעשטרייאונגס־געזעלשאַפט". זי זאָגט, אַמעריקע האָט נאָך פּלאַץ פאַר 12 מיליאָן אידען, נאָר זאָלן די איינוואַנדערער ניט בילדן קיין נייע געטאָס. זאָלן זיי זיך צושפּרייטן איבער'ן גאַנצן לאַנד, וועלן זיי לייכט באַקומען אַרבעט.

דאָס איז אַן „עקאָנאָמישע" תשובה אויף דער פראַגע, וואָרים „אויפלייזונג", פאַרניכטונג איז אויך אַ „לייזונג". צי וועלן די טעריטאָריאַליסטן ביי דער „לייזונג" מיטאַרבעטן? איך האָף אַז ניט.

אָבער עפּעס, וואָס האָט נאָך מער ממשות ווי דער טעריטאָריאַליזם, שיידט אונז אָפּ פון אונזערע פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע ברידער אין רוסלאַנד. דאָס איז די לויט דעם אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיזם אויפגעבויטע טעאָריע פון דער אויספירונג פונ'ם ציוניזם. זיי זאָגן: דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קען אין גלות ניט „פּראָלעטאַריזירט" ווערן (זיי מיינען דערמיט אַז ער קען ניט ווערן קיין אינדוסטריע־פּראָלעטאַריאַט), דערפאַר איז דער חוב פונ'ם ציוניזם דאָס אידישע פאָלק אין פּאַלעסטינע אָדער ערגעץ אַנדערש צו פּראָלעטאַריזירן. איך פרעג שוין, צי ס'איז שוין קיין העכערער אידעאַל ניטאָ, ווי דאָס פיזיש־דעגענערירטע אידישע פאָלק צו פאַבריק־אַר־בעטער צו מאַכען? אָבער דאָס איז אַן אוטאָפּיע. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ס'וועלן זיך אין פּאַלעסטינע לאָזן גרינדן אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (זיכער לייכטער ווי אין אַ טעריטאָריע הינטער די הרי־חושך); אָבער דאָס זעט יעדער, אַז אַ קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל געלינגען, מוז האָבן אַן אַגראַרישן פונדאַמענט און דאָ ווייזט זיך אַרויס, ווי ווייט מיר קומען מיט אַ שאַבלאָנהאַפטער מאַרקסיסטישער דאָגמאַטיקע ביים ציוניזם. לויט דער טיערער טעאָריע וואָלטן מיר געמוזט באַשאַפן אין פּאַלעסטינע אַ שטאַנד פון פויערים צו קיין שום אַנדערן תכלית נאָר כדי ער זאָל לויט מאַרקס' נביאות צו גרונד גיין! (פאַרעלענדונגס־טעאָריע).

ניין, מיר דאַרפן ניט אין ציוניזם קיין טעאָריעס פון פּראָלעטאַריזאַציע און פון צוגרונד־גיין (?). לויט דעם וואָס די נייע וויסנשאַפט לערנט אונז, האָבן מיר דאָס רעכט און די מעגליכקייט אויסצופירן, אַז אונזערע פּראָלעטאַריער זאָלן ניט ווערן „פּראָלעטאַריזירט", נאָר זיי זאָלן ווערן ב א ז י צ ע ר; ניט קיין קאַפּיטאַליסטן, אָבער פרייע פויערים, באַזיצער פון דעם וואָס זייער אַרבעט טראָגט זיי אויף זייער אייגן שטיקל ערד.

און דערמיט קום איך צום סוף, צו אונזער שטעלונג צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

אָט די גרויסע פּאַרטיי, וואָס האָט פאַר אַ יאָר פופצן געשריען, אַז דער קאָלעקטיוויסטישער צוקונפטשטאַט איז באַלד דאָ, האָט פריער מיט אַ שיין פון רעכט געקאָנט פאַרלאַנגען פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט ער זאָל אויפגעבן זיין נאַציאָנאַלן עתיד. היינט, וואו די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט אַ סך טעאָריעס געמוזט אַוועקוואַרפן, וואו זי האָט אין דער אַגראַר־פראַגע אינגאַנצן אַ טעות געהאַט, מוזן מיר מיט'ן גאַנצן קול לייקענען, אַז נאָר די מאַרקסיסטישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע אַליין האָט דאָס רעכט זיך אָנצורופן סאָציאַליסטיש. מיר מוזן לייקענען, אַז ס'קען איבערהויפּט זיין אַ שייכות צווישן מאַרקסיזם און דעם אַגראַרישען באַזיס פונ'ם ציוניזם, אָבער כאָטש די סאָציאַלדעמאָקראַטיע קען אונז ביי דער פאַרווירקליכונג פונ'ם ציוניזם ווייניג געבן, כאָטש זי איז פון אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי אַן עוואָלוציאָנערע געוואָרן, ווייסן מיר גאַנץ גוט דאָס צו שאַצן וואָס זי האָט געטאָן פאַר דער פּאָליטישער, קולטורעלער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונ'ם גאַנצען פּראָליטאַריאַט און דערפאַר וועלן מיר די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין די דאָזיגע שטרעבונגען

תמיד אונטערשטיצן, ניט כ אָ ט ש מיר זיינען ציוניסטן, נאָר ו ו י י ל מיר זיינען ציוניסטן. דאָס אידישע פאָלק איז אין אַלע גרויסע עפּאָכעס פון זיין היסטאָריע תמיד געווען נאַציאָנאַל און סאָציאַליסטיש. אַז די אידן האָבן זייער לאַנד באַזעצט האָבן זיי סאָציאַלע געזעצן באַשאַפן, וואָס באַגליכן אַלע מענטשן. דאָס אייגענע איז געשען נאָך דעם ווי זיי זיינען צוריקגעקומען פון גלות בבל אונטער עזרא און נחמיה. דאָס אייגענע וועט איצט זיין. און דערפאַר זיינען ציוניזם און סאָציאַליזם ניט קיין נעבנזאַך, נאָר זיי זיינען ביידע אַ סינטעזע, אַ פאַרבינדונג פון צוויי אידייען, וואָס לאָזן זיך גאָרניט צוטיילן.

(„אידישער אַרבעטער", ווין־קראַקוי,
1 אויגוסט און 15 אָקט., 1905).

טעזן צום רעפעראַט: „וועגן פּראָגראַם און טאַקטיק פון די פּועלי ציון".

1. מיר שטייען אויפ'ן יסוד פונ'ם באַזעלער פּראָגראַם און אין דער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז געשאַפן פונ'ם קאָנגרעס.

2. מיר זעען אינ'ם ציוניזם דעם איינציגן אמת'ן פאַרטרעטער פון אַלע קלאַסן און מפלגות פונ'ם אידישן פאָלק.

צוליב די חילוקים און די אינטערעסן און אָנשויאונגען פון די אַלע עלעמענטן (פונ'ם אידישן פאָלק) אין סאָציאַלער הינזיכט איז די גרופּירונג אינ'ם ציוניזם נאָך פּאַרטייען נישט צו פאַרמיידן.

3. אַזוי ווי די פאַרווירקליכונג פונ'ם ציוניזם מוז געשען, דער עיקר, פאַר'ן אידישן פּראָלעטאַריאַט און דורך אים, איז עס די זאַך פון די פּועלי ציון פון אַלע לענדער צו פאַראייניגן זיך וואָס גיכער צו איין פּאַרטיי און פאַר דעם צו אַרבעטן, אַז ביי אַלע אַקציאָנען פונ'ם ציוניזם זאָלן, פריער פאַר אַלץ, אָפּגעהיט ווערן די סאָציאַלע אינטערעסן פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

אַזוי ווי דער ציוניזם גרייט זיך אָנצוהייבן פּראַקטישע אַרבעטן אין ארץ־ישראל, שטעלן מיר שוין היינט פאָלגנדע פאָדערונגען:

1. ביי דער אַגראַרישער קאָלאָניזאַציע איז צו שטרעבן:

א) אַז די ערד, וואָס ווערט געקויפט, זאָל פאַרווענדעט ווערן פאַר אַ ישוב פון זעלבשטענדיגע אידישע בויערן, וואָס זיכערן זיך, ווען נאָר מעגליך אין גענאָסנשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, דעם פולן ריוח (ערטראַג) פון זייער אַרבעט.

ב) אַז עס זאָל ניט דערלאָזן ווערן די בילדונג פון אַ גרויסגרונדבאַזיץ, וואָס וועט ניט קוקנדיג אויף זיינע אַנדערע סאָציאַלע חסרונות אומעגליך מאַכן אַ מאַסאָווע קאָלאָניזאַציע פון אידישע פּראָלעטאַריער און דערמיט אויך די מאַיאָריזירונג פון ארץ־ישראל דורך אידן.

2. ביי אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן דער קאָנגרעס און די ציוניסטישע לייטונג דערפאַר צו זאָרגן, אָדער זאָלן זייער איינפלוס דערצו אויסנוצן, אַז ביים באַשטימען פון די אַרבעטס־באַדינגונגען (ביים צושטאַנדקומען דער ארבעטס־פאַרטרעגע) זאָל מען שטענדיג און פעסט רעכענען זיך מיט די פּרינציפּן פון דער איצטיגער סאָציאַל־פּאָליטיק, באַזונדערס מיט'ן אַרבעטער־שוץ.

4. די פּועלי ציון, וואָס מוזן פאַרטרעטן די סאָציאַל־ווירטשאַפטליכע אינטערעסן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט שוין אינ'ם גלות, זיינען אין דער דאָזיגער טעטיקייט אינגאַנצן אויטאָנאָם, ד. ה. זיי זיינען ניט מחויב אָפּצוגעבן דעם קאָנגרעס רעכענונג וועגן דעם.

שטעלונג צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

5. די טאַטזאַך, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט ניט אינ'ם גלות קיין אַגראַרישן און קיין אינדוסטריעלן יסוד (פונדאַמענט) און בילדעט ניט דעריבער קיין ווירטשאַפטליכן אָרגאַניזם (ווירטשאַפטס־איינהייט) איז די סבה פון דער באַזונדערער לאַגע און פון דער אַרט פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס אונטערשיידט זיך זייער פון דעם ניט־אידישן.

די אומנאָרמאַלע לאַגע האָט פאָלגנדע סימנים:

א) די שטייגנדע דעקלאַסירונג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס זיינען צום טייל געצוואונגען צו אַן אומפּראָדוקטיווער טעטיקייט, וואָס איז שוין איבערגעיאָגט פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, צום טייל צו אַ שטענדיגער (כראָנישער) אַרבעטסלאָזיקייט.

ב) איינע אָן אַ מאָס זיך תמיד פאַרגרעסערנדע עמיגראַציאָן, וואַקסענדע צערשטרייאונג אין לענדער מיט מאָדערנער קולטור, און דאָס צורייסן פון אַלע אידיש־קולטורעלע באַנדן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָס די באַשאַפונג פון אַן אינדוסטריע אָדער גאָר פון לאַנדווירטשאַפט געהערט ניט צו אירע אויפגאַבן, קען ניט ברענגען קיין ענדערונג אין דער דאָזיגער לאַגע, וואָס איז אַזוי געפערליך פאַר'ן אידישן פּראָלעטאַריאַט.

דעריבער דאַרף זיך דאָס אידישע פּראָלע־

טאַריאַט ניט צופרידנשטעלן אַפילו מיט דער אַנערקענונג פון אַן אויטאָנאָמיע אין דער סאָצ. דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, נאָר האָט דאָס רעכט און די פליכט צו בילדן אַ זעלבשטענדיגע פועלי ציון אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איר הויפּט־אויפגאַבע איז גרינדן, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מפלגות פונ׳ם אידישן פאָלק, אַ נאַציאָנאַלן ווירטשאַפטס־אָרגאַניזם („ווירטשאַפטס־איינהייט״) אויף דער אייגענער ערד.

6. עס איז ווייטער די אויפגאַבע פון דער פועלי ציון אָרגאַניזאַציאָן ענערגיש צו פאַרטרעטן די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט דורך זייער געווערקשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן. דערביי וועלן די פועלי ציון אונטערשטיצן אַלע סאָציאַליסטישע אַרבעטן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס נוצן דעם צוועק, אַזוי ווי אַלע זייערע באַשטרעבונגען צו דעמאָקראַטיזירן די געזעלשאַפט, כל זמן זיי אַנטשפּרעכן די אינטערעסן פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

7. מיטגלידער פון דער פועלי ציון אָרגאַניזאַציאָן טאָרן ניט געהערן צו אַן אַנדערער פּאָליטישער פּאַרטיי. אַזוי איז אויך ניט ערלויבט, אַז פועלי ציוניסטישע גרופּן אַלס אַזעלכע זאָלן צוטרעטן צו אַן אַנדער געווערקשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע.

דאָס לעצטע איז ניט שייך צו איינצלנע פועלי ציון.

(„דער אידישער אַרבעטער״, ווין־קראָקוי, 1 יולי, 1905)

די אַנטוויקלונג פון די פועלי־ציון

פון בן שבתי.

די שטאַטוטן פונ׳ם פאַרבאַנד „פועלי ציון״ זיינען שוין ענדליך באַשטעטיגט געוואָרן פון דעם מיניסטעריום. בכן ליגט שוין אַצינד ניט קיין פאָרמעלע הינדערניסע אויף אונזער וועג, און מיר קענען רוהיג אויספירן די החלטות פון אונזער פּאַרטייטאָג. ניט קיין פאָרמעלע, אָבער אַנדערע יא. מיר געפינען זיך איצט אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינט זיך דער, וואָס וויל בויען אַ הויז און האָט ערשט באַקומען דעם רשיון פון דער באַהערדע. אמת, מיר האָבן שוין אַ בוי־פּלאַן, כאָטש נאָך אויך ניט קיין אויסגעאַרבעטן אין אַלע דעטאַלן, אָבער אונז פעלט די קאָנצענטרירונג פון די אַרבעטער און פון דער אַרבעט. כדי דאָס צו דערגרייכן, רופט איצט איין די גרינדונגס־קאָמיטע פון די „פועלי ציון״ אַ פאַרבאַנדס־טאָג קיין קראָקוי, אין דער זעלבער גאַסטפריינדליכער שטאָט, וואו מיר האָבן פאַראַיאָרן געלייגט דעם טעאָרעטישן פונדאַמענט צו אונזער בנין, וועט מאַרקירט ווערן דער אָנהויב פון דער פּראַקטישער אַרבעט.

אין דעם מאָמענט, ווען מיר שטייען אָנגעגרייט אַריינצוטרעטן אין דער ציוניסטישער פאָלקס־באַוועגונג אַלס אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציאָן, כדי צו קעמפן פאַר דאָס ציוניסטישע ענדציל און אויך פאַר די ווירטשאַפטליכע און קולטורעלע אינטערעסן פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט — אין דעם מאָמענט טויכן אויף פאַר אונזער גייסט די אַלע פראַגן, מיט וועלכע קריטיקער פון דער גאַנצער וועלט האָבן אונז פאַרשאָטן, באַזונדערס אין דער לעצטער צייט, און האָבן זיי געוואָלט וואַרפן, ווי שטיינער, צווישן אונזערע פיס. ניט אַריינלאָזנדיג זיך מיט זיי אין אַ פּאָלעמיק, ווילן מיר פונדעסטוועגן אַ ווײַלע זיך אָפּשטעלן כדי קלאָר צו מאַכן זיך זעלבסט און אויך אַלע אַנדערע, וואָס ווילן מיר אין אמת׳ן און וואָס זיינען אונזערע שטרעבונגען, „דאָס וועלן און דאָס ווערדן״ פון די פועלי ציון.

די אַנטשטייאונג פון ציוניסטישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע איז אַזוי אַלט ווי דער פּאָליטישער ציוניזם בכלל. נאָך אין יאָר 1897 האָט זיך אין ווין געבילדעט אַ ציוניסטישער אַרבעטער־פאַריין, און באַלד נאָך דעם זיינען אַזעלכע אגודות אַנטשטאַנען אין אַ גרויסען טייל פון עסטרייכ׳ס גרעסערע שטעט. אויך אין ענגלאַנד, ובפרט אין לאָנדאָן, וואו הערצל ז״ל האָט שוין ביים ערשטן אויפטרעטן אַרויסגערופן באַגייסטערונג צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט, האָבן זיך די דאָרטיגע אַרבעטער־פאַריינען אויסגעצייכנט דורך דער סובסקריפּציאָן אויף אונזערע אַקציעס. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן די אידישע אַרבעטער אין רומעניען. אין אַן אויפפאַלנדן היפך צו די דערמאָנטע לענדער שטייט רוסלאַנד, דער צענטער פון דעם אידישן אַרבעטער־פּראָלעטאַריאַט.

דאָרט האָט דער ציוניזם צווישן די ארבעטער אין די ערשטע יאָרן ערוואָרבן נאָר אַ קליינע צאָל אָנהענגער. די סבה דערפון איז דאָס, וואָס די מאַרקסיסטיש ערצויגענע אַרבעטער האָבן דעמאָלט געזען אין דעם ציוניזם אַ „בורזשואַ ראָמאַנטיק", בעת דער קאָלעקטיוויסטישער צוקונפטס־שטאַט האָט זיך זיי אויסגעוויזן פיל נענטער און בעסער. אַחוץ דעם האָט זיי דער פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערער קאַמף מער גייסטיגע באפרידיגונג געגעבן, ווי די ציוניסטישע ארבעט אין די ערשטע יאָרן, וואָס איז באשטאנען אין זאמלען שקלים און אַקציעס.

קערן מיר זיך אום צוריק צו עסטרייך, באמערקן מיר, אַז ווי נאָר עס האָט זיך געגרינדעט אַ געוויסע צאָל ציוניסטישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פּאַריינען, האָבן זיי אָנגעהויבן שטרעבן זיך ענגער צו פּאַראייניגן אויף אַ ווירטשאפטליכן באַזיס. צו דיזען צוועק האָט מען אָפּגעהאַלטן פארבאנדס־טעג אין ווין, ברין, פּראג און קראקוי, און דעמאָלט איז שוין באשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ פּאַרבאַנד, פון וועלכן די קאָנסטיטואירונג שטייט פאַר אונז אַצינד. דערפון זעט מען, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר, ווי פאַלש עס איז גראָד אין די עסטרייכישע פּועלי ציון צו זען אַ קינסטליך פּראָדוקט פון נאָכמאַכונג. נאָר דער העברעאישער נאָמען „פּועלי ציון" ווי בכלל דאָס גאַנצע ניי־העברעאישע, שטאַמט פון רוסלאַנד. דער נאָמען איז, זעלבסטפארשטענדליך, ניט בלויז אַ פּשוט'ע פאָרם, נאָר אין אים דריקט זיך אויס אונזער וואונש אין ענגערע באציאונגען צו קומען מיט אונזערע רוסישע פּראָלעטאַרישע ברידער, וועלכע האָבן דאָך אין די לעצטע יאָרן זיך געכאַפּט צום שכל, אַז דער ציוניזם איז ניט קיין „בורזשואַ ראָמאַנטיק", וואָרים זיין פּאַרווירקליכונג **האָט אַ גרויסע באַדייטונג הויפּטזעכליך פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.** אָבער ניט נאָר מיט אונזערע חברים אין רוסלאַנד, מיר ווילן זיך פּאַראייניגן אויך ניט די פּ"צ פון אַמעריקע, ענגלאַנד, אַרגענטינע, עגיפּטן און פּאַלעסטינע. און דער דאָזיגער וואונש איז ניט נאָר ביי אונז, נאָר אויך ביי אַלע אונזערע חברים פון די דאָזיגע לענדער. אַ ראיה איז, אַז אונזער „אידישער ארבעטער" האָט אין די אַלע לענדער פיל פּועלי ציוניזער. נאָך דעם, וואָס מיר האָבן ביז איצט געזאָגט, קען מען אין אונזער אנטוויקלונג דייטליך דריי מדרגות אונטערשיידען: 1) די כמעט אויטאָמאַטישע בילדונג פון זעלבשטענדיגע ציוניסטישע ארבעטער־פּאַריינען, 2) די טענדענץ צו אַ צוזאַמענשלוס פון די דאָזיגע פּאַריינען אויף אַ געווערקשאַפטליכן באזיס, 3) דאָס שטרעבן צו פּאַראייניגן די ציוניסטישע פּראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע לענדער און צו שאַפן אַ פּלאַטפאָרם פאַר געמיינזאַמע אַרבעט.

וועלכע סבות האָבן ארויסגערופן די דאָזיגע שטרעבונגען? דאָס, וואָס דער רעיון איז אויפגעטראָטן אין דער זעלבער צייט אין אַ סך לענדער און ערד־טיילן, באווייזט שוין אַליין, אַז דאָס איז ניט קיין ווילקירליכע טענדענץ פון איינצלנע מענטשן. ובכן וועלכע מאָטיוון האָבן ארויסגערופן די באוועגונג? מיר ווילן קורץ, אויף וויפיל עס ערלויבט זייער ענגער אָרט, זיך פּרובן געבן אַן ענטפער. די פּראַגע, פאַרוואָס האָבן זיך די אידישע אַרבעטער פון אָנהויב אָן אין באזונדערע פּאַריינען אָרגאַניזירט אַנשטאָט צו אריינטרעטן אין די בירגערליכע, קען שטעלן נאָר אַ תם פון דער אגדה, אַ נאַאיווער מענש, וואָס האָט קיין שום ידיעה ניט פון מציאות'ע הפוכים און נאָך ווייניגער פונ'ם גאָסטן־גייסט, וואָס הערשט אינ'ם גלות־אידענטום. ווער, למשל, פון די, וואָס האָבן געלעבט אַ לענגערע צייט אין גאַליציען, ווייס ניט, מיט וואָס פאַר אַ גדלות עס קוקט אַראָפּ די אידישע „אַריסטאָקראַטיע", די אינטעליגענץ, די אמת'ע קאַריקאַטור פון אַ בורזשואַזיע, אויף די איבעריגע פאָלקס־שיכטען! ווער קען ניט דעם גאַליצישן האַנדלס־איד, וועלכער זעט אין דעם אַרבעטער און אין דעם בעל־מלאָכה בכלל „אַ שאַנד אין דער משפחה"! מען קען דערויף ענטפערן, אַז דער ציוניזם מוז בייקומען די הפוכים אינ'ם אידנטום! יאָ, ער מוז, אָבער אַן אַנדער פּראַגע איז צי ער קען. פאַר דעם ניט־אידעאָלאָג איז די קאַריקאַטור פון אונזערע געזעלשאַפטליכע פארהעלטנישע אַ שפּיגל בילד הויפּטזעכליך פון דעם ווירטשאַפטליכן לעבן, און דאָס לעצטע אין **דעם גלות** לחלוטין אומשטירצן איז ניט די אויפגאַבע און קען ניט זיין די אויפגאַבע פונ'ם ציוניזם. ובכן דאַרף מען די סבה פון דעם סעפּאַראַטיזם ניט זוכן נאָר אין דעם פּאַרטיקולאַריזם פון די אַרבעטער. ווער עס איז דערינען מסופק, דער קען דורכלייענען עטליכע באשווערדן פון גאַליצישע אַרבעטער ביים עסטרייכישן לאַנ־

דעם־קאָמיטעט אויף ציוניסטישע אַגודות, וועלכע האָבן זיי ניט געוואָלט ארייננעמען אַלס מיטגלידער ווייל זיי זיינען ניט געווען בעל־ביתי׳ש, אָדער אַ פּראָטעסט פון אַ פּועלי־ציון אויס סאַדאַגורע געגען דעם דאָרטיגען ציוניסטישען פרויען־פאַריין, וואָס האָט ניט איינגעלאַדן דעם פאַריין פּועלי ציון צו אַ פעסט, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין פּראָלעטאַריער פאר געסט. מיר פון אונזער זייט זיינען ניט מוחל אַזעלכע עבורות, אָבער מיר האַלטן זיי פאר באגרייפליך. מיר זיינען פאַרזיכערט, אַז באוואוסטע פּועלי ציון וועלן ווייטער ניט פּראָטעסטירן, נאָר דורכגעדרונגען פון זייערע היסטאָרישע אויפגאַבן, וועלן זיי פילן אַ פאָלשטענדיגע באפרידיגונג צווישן גלייך־דענקנדע און גלייך־פילנדע און וועלען גיין נאָר אַהין, וואו מען וויל זיי האָבן.

דאַרום, ווער עס האָט ערקענט, וואָס פאַר אַ גרויסן ווערט עס האָט די צוציהונג פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט צו ציוניזמוס, דער וועט אין די אַרבעטער־פאַריינען זען ניט נאָר דאָס בעסטע מיטל דערצו נאָר אויך דעם אָרט, וואו דער אַרבעטער קען אַם בעסטן אַרבעטן פאַר גייסטיגע הויבונג.

מיר זעען שוין אויף־צו־פריער, אַז מען וועט אונז פרעגן אַזאַ מין קשיה: „גוט, לאַזן זיך די ציוניסטישע אַרבעטער בשם אלהי ישראל אָרגאַניזירן אין אייגענע פאַריין, אָבער צוליב וואָס דאַרפן זיי די געווערקשאַפטליכע טעטיגקייט?“ דערויף קענען מיר פאָלגענדעס ענטפערן: פאַר דעם אַרבעטער איז — ניט ריידנדיג איצט וועגן אַלע סאָציאַליסטישע טעאָריען — די ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן דאָס, וואָס פאַר דעם אַרבעטגעבער דאָס קאַפּיטאַל.

אַן איינצעלנער קאַפּיטאַל־האָבנדער אונטערנעמער איז אַ סך שטאַרקער, ווי 100 ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אָפּזאָגן זיך פון דער געווערקשאַפט הייסט פאַר יעדן פאַרנינפטיגן אַרבעטער אָפּזאָגן זיך פון אַ שטרעבן צו העכערן שכירות, צו קורצערער אַרבעטס־צייט א. אז. וו. ווער עס זאָגט „א“, מוז דאַרום אויך „ב“ זאָגן. ווער עס וויל ציוניסטישע אַרבעטער־פאַראיינען האָבן, דער מוז אויך וועלן זייער ווירטשאַפטליכע גרונדלאַגע. ווארום ווען ניט, האָט אַן ערליכער אינטעליגענטער אַרבעטער קיין אַנדער ברירה ניט, ווי צו זוכן זיין רפואה ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. נו, זיינען אָבער ביי אונז פאַראַן—צום גליק ניט פיל—„פרידליכע ציוניסטען“, וואָס מיינען, אַז ס׳וואָלט דעם ציוניזמוס ניט געשאַדט, ווען די אידישע אַרבעטער וואָלטן געהערן צו דער זעלבער צייט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער געווערקשאַפט און צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן. די, וואָס מיינען אַזוי, באַווייזן דערמיט, אַז זיי זיינען לחלוטין ניט באַקאַנט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער געווערקשאַפט. זי איז איצט שוין ניט מער קיין ניטראַלע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאַן, אדרבא, זי איז דער שווער־פונקט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. ווער עס געהערט איר, ביי דעם בלייבט קיין נשמה יתרה פאַר אַנדערע שטרעבונגען. אַ ראיה, אַז אפילו זעלבסט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליטישע און אַנדערע פאַראיינען פירן נאָר אַ שוין־לעבן לעבן דער געווערקשאַפט. די פירער פון דער סאָצ. דעמ. פאַרטיי האָבן פון זייערע פּראַקטישע ערפאַרונגען געלערנט, אַז פאַר די פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע צילן, קאָן מען נאָר אויף די אַרבעטער רעכענען, ביי וועלכע מען האָט געוואונען דאָס צוטרוי דורך אַרבעט פאַר זייערע ווירטשאַפטליכע אינטערעסן אין דער געגענוואַרט; און אַז דורך די געווערקשאַפטן ווערן די אַרבעטער אויף לאַנג צוגעבונדן צו דער פאַרטיי. פאַרקערט, ביי יענע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווערקשאַפטליך דורך אַנדערע אָרגאַניזירט, ווי, למשל, הונדערט טויזנטער פון אַרבעטער אין דייטשלאַנד דורך די קלעריקאַלן, אדער אין ענגלאַנד, דורך די טרייד־יוניאָנס, — ביי די זיינען די ערפאָלגן פון דער סאָצ. דעמ. גלייך נול. מיר פּועלי ציון, זיינען לחלוטין ניט קיין געגנער פונ׳ם סאָצ. דעם. רעיון, ווען אפילו פילע פון אונז האַלטן די איינזייטיגע מאַרקסיסטישע צוקונפטס־טעאָריען פאַר וויסנשאַפטליך אומריכטיג. מיר אָבער האַלטן, אַז ווי באַלד דער גרעסטער טייל פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט האָט קיין אַרבעטסגעלעגנהייט ניט און איז דעקלאַסירט, איז נאָר דער ציוניזמוס די ערשטע און די אַליין מעגליכע הילף און אַז זיין פאַרווירקליכונג פאָדערט די גאַנצע נשמה און די גאַנצע כחות פונ׳ם אידישן אַרבעטער. דאָס זעצט אָבער פאָראויס, זיינע ווירטשאַפטליכע געגענוואַרטס־

אינטערעסן זאָל ער קאָנען אין דער ציוניסטישער פאָלקס־באַוועגונג מיט ניט קיין קלענערער ענערגיע פאַרטרעטן, ווי ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן געווערקשאַפט. מיר ריידן שוין ניט וועגן דעם, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאָדערט פון די אידישע אַרבעטער פאַר דעם עולם הזה, וואָס זי זאָגט זיי צו דעם זעלבען פּרייז, וואָס די גלחים אין מיטלאַלטער פלעגן פאָדערן פון אונזערע אבות אבותנו פאַר דער צוגעזאָגטער עולם הבא: **אָפּזאָגן זיך פונ'ם אידנטום.**

בלייבט נאָך די מורא, אַז דער אַריינגעטראָגענער ווירטשאַפטליכער קאַמף זאָל ניט שאַדן דעם ציוניזמוס. די מורא האָט קיין גרונד ניט נאָך דער החלטה פונ'ם לעצטן קראַקויער פּאַרטיי־טאָג, וועלכע זאָגט: **אין פּאָליטיש ציוניסטישער הינזיכט אונטערשטיצן מיר דער געזאמטאָרגאַניזאַציאָן און דעם קאָנגרעס. הינגעגן זיינען מיר פאָלשטענדיג אויטאָנאָם אין אונזער ווירטשאַפטליכער געגנוואַרטס־אַרבעט.** די החלטה האָבן מיר אויפגעשטעלט, נאָכדעם, אַז דר. הערצל ז"ל האָט אין אַ זיכער דענקווירדיגער אונטעררעדונג מיט דריי פּועלי ציון — צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות—אַרויסגעזאָגט זיין הסכמה צו אונזער מיינונג וועגן געגנוואַרט אַרבעט און דערביי זיינען געווען די איבעריגע מיטגלידער פונ'ם אַקציאָנס־קאָמיטעט. ער האָט אונז צוגעזאָגט זיין טאַטקרעפטיגסטע אונטערשטיצונג און האָט ערקלערט, אַז ער לייגט דאָס גרעסטע געוויכט אויף דער טעטיגקייט פון פּאָליטיש־ערצויגענע און רייפע אַרבעטער. אין דער לעצטער צייט האָבן אויך דר. פּאַסמאַניק און אוסישקין זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פולשטענדיגער אויטאָנאָמיע אין דער געגנוואַרטסאַרבעט, וועלכע מוז זיין גאַנץ אונאָפּהענגיג פונ'ם קאָנגרעס. מיר וועלן אויפ'ן קאָנגרעס מיט אַלע כחות אונטערשטיצן אוסישקינ'ס פאָדערונג, אַז 3000 שקלים זאָלן האָבן דאָס רעכט צו בילדן אַן אייגענע פעדעראַציע.

ביי אַן אויטאָנאָמיע מיט אַן הסכמה פון קאָנגרעס קאָן דער גרעסטער נאַר ניט מאַכן דעם ציוניזמוס פאַראַנטוואָרטליך פאַר ־ ווירטשאַפטליכע אַרבעט פון די פּועלי ציוני

מכח דער דריטער פראַגע — מכח מעגליכ קייט און באַרעכטיגונג צו בילדן אַן אינטערטעריטאָריעלע פאַראייניגונג צווישן אַלע פּועלי ציון — וועלן מיר אין אַ פאָלגענדן אַרטיקל ריידן.

(„דער אידישער אַרבעטער", ווין־קראקא, 7 מאַי, 1905).

פּראָגראַם־פּראָיעקט

פון דער אידישער סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון" אין עסטרייך.

קאַפּיטאַליזם און אידן־פראַגע.

די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די אידן אין דער איצטיגער צייט הענגט אָפּ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון יענע לענדער, אין וועלכע די אידן געפינען זיך אין אַ באַדייטנדער צאָל. דער זיך־אַנטוויקלענדער קאַפּיטאַליזם שטויסט אָן אינ'ם אידישן לעבן אויף ערשיינונגען, וואָס מאַכן אויס אין זייער סך־הכל דעם עצם פון דער אידן־פראַגע, וועלכע צייכנט זיך אויס דורך ווירטשאַפטליבע צוקאַלעטשעטקייט (פאַרשטימלונג), פּאָליטישע מאַכטלאָזיגקייט און דורך דעם אָפּשטאַרבן פון אַלע קולטורעלע פאַרבינדונגען פון דער אידישער נאַציע.

עקאָנאָמישע סטרוקטור און דאָס פעלן פון א נאַציאָנאלער ווירטשאַפט.

די ווירטשאַפטליכע אַנטוויקלונג פון די אידן, וואָס זיינען אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, האָט קיין שום זעלבסטשטענדיגקייט ניט און הענגט אָפּ פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווכחות, פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן, דערפון נעמט זיך די ניט נאָרמאַלע עקאָנאָמישע דיפערענצירונג און פאַנאַנדער־

טיילונג פונ'ם אידישן פאָלק: דאָס פעלן פון אַ פויער־קלאַס, די אויפגעהאַלטענע אַנטוויקלונג פון גאַנצע פאָלקס־קלאַסן און דאָס, וואָס דאָס רוב פונ'ם אידישן פאָלק גייט צו די אונטערגייענדע קלאַסן פון קליין־האַנדל און קליין־האַנדווערק, וועלכע ליידן זייער פון קאַפּיטאַליזם און פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ.

דאָס אידישע פּראָלעטאַריאַט.

דאָס אנטשטיין פון אַ אידישער גרויס־בורזשואַזיע רופט בכלל ניט אַרויס קיין גלייך באַדייטנדען אידישן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דער גרעסטער טייל פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט איז קאָנצענטרירט אין אַ קליינער צאָל ניט־פּראָגרעסיווע פּראָדוקציאָנס־צווייגן, וועלכע טראָגן דעם כאַראַקטער פון קליין־האַנטווערק און פון הויז־אינדוסטריע. אין דער צייט, ווען דער איבערגאַנג פון די דאָזיגע ניט־אַנטוויקלונגס־פעאיגע קליין־באַטריבן און דורך דעם צו פאַראָרימטקייט און פאַרעלנטקייט (דעקלאַסירונג) פון די ברייטע מאַסן פונ'ם אידישן פאָלק, אין דערזעלבער צייט ווערן אַריינגעצויגן אין די מאָדערנע פּראָדוקציע די היימישע פּראָלעטאַריזירטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג, וואָס ווערן אָפּגעריסן פונ'ם באָדן און האַלטן פעסט די דערגרייכטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

די ראָלע פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער פּראָדוקציע און די גרעניצן פון זיין קלאַסן־קאַמף

דורך דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, וועלכע ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך רעאַקציאָנערע פאָראורטיילן געגן די אידן, ווערט עס פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט כמעט אינגאַנצן אוממעגליך אַריינצודרינגען אין די מאָדערנע גרויס־אינדוסטריעס; דאָס אידישע פּראָלעטאַריאַט ווערט ד ע ר ד ו י ט ע ר ט פון די אַלע, אויף אַ העכער עקאָנאָמישער מדרגה שטייענדיגע פּראָדוקציע־צווייגן, וועלכע מאַכן דאָך דאָס פּראָלעטאַריאַט צום יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, און וועלכע גיבן אים אין די הענט די וויכטיגסטע פעדים פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און פאַרקערס־לעבן. דורך די ניט נאָרמאַלע עקאָנאָמישע דיפערענצירונגען פונ'ם אידישן פאָלק, ווי אויך דורך דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ווערן ג ר ע נ י צ ן געשטעלט דעם קלאַסנקאַמף, וועלכער מאַכט גיכער דעם אונטערגאַנג פון די אידישע מיטל־קלאַסן, טראָגט אָבער ניט אין זיך דעם שעפערישן כאַראַקטער פון געזעלשאַפטליכער ניי־געשטאַלטונג.

די אויפגאַבע פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז צוגעבונדן צו די פון דער גרויס־אינדוסטריע צוריק־געשטופּטע קליין־באַטריבן און וואָס ווערט דערפאַר מער פון אַנדערע עקספּלואַטירט, קומט צום באַוואוסטזיין פון זיין לאַגע און אויפגאַבע, וועלכע באַשטייט אין דעם, צו געפינען אַ וועג פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־כחות פונ'ם אידישן פאָלק דורך אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון זיינע לעבנס־באַדינגונגען.

דער אַנטוויקלונגס־גאַנג צום אידנשטאַט.

די טענדענצן פון דער דאָזיגער ענדערונג פון די אידישע לעבנס־באַדינגונגען, ווייזט זיך אַרויס דורך אַלע פאַקטן פון דעם אידישן לעבן, באַזונדערס שאַרף אָבער דורך דער געוואלטיגער, צו אַ היסטאָרישער ערשיינונג געוואָרענע אויסוואַנדערונג (עמיגראַציע), וועלכע שליידערט אַריבער אין יענער זייט די מיליאָנען פאַראָרימטע (באַזיצלאָזע) און אַרבייטסלאָזע אידישע פּראָלעטאַריער. די דאָזיגע עמיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּייאישע געטאָס נאָך לענדער מיט אַ העכערער קולטור, טראָגט ניט אין זיך אין איר איצטיגער פראנט קיין כחות, וואָס פירן צו אַ העכערער אַנטוויקלונג; פאַרקערט, די איינוואַנדערער פאַלן אַריין אין דעם אוממענשליכן „שוויץ־סיסטעם" און זיי רייצן אויף געגן זיך די היימישע אַרבעטער־באַפעלקערונג, וועלכע זוכט זיך צו שיצן, למשל, דורך איינוואַנדערונגס־פאַרבאָטן (איסורים).

טעריטאָריעלע פארענטפערונג פון דער אידנפראגע.

נאָר דורך דעם, וואָס דער עמיגראַציע־שטראָם וועט באַקומען אַ וועג אין אַ ניט־אַנטוויקלט לאַנד, דורך די קאָנצענטראַציע און אָרגאַניזירונג פון אידישער אַרבעט און דורך דעם אַריינגעמען פון אַלע וויכטיגסטע עקאָ־

נאָמישע פּאָזיציעס אין דעם דאָזיגען לאַנד אין די הענט פון די אידישע אַרבעטנדע מאַסן, קאָן באַשאַפן ווערן דער פונדאַמענט פאַר אַ אידישע ווירטשאַפטס־איינהייט, עס קאָן געזיכערט ווערן די ניט־געשטערטע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־כחות און פון דער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט פונ׳ם אידישן פאָלק און די ביז איצט געקנעכטעטע אידישע נאַציע קען זיך אויפהויבן צו דער מדרגה פון אַ פאָלק, וואָס באַשטימט פריי זיין אייגענע געשיכטע.

אין זיין שטרעבן, טעריטאָריאַל צו פאַרענטפערן די אידנפראַגע, באַגעגנט זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט מיט אַנדערע קלאַסן פונ׳ם אידישן פאָלק, וועלכע זיינען אויך פאַראינטערעסירט אין דער דאָזיגער פאַרענטפערונג און אַרבעט מיט זיי צוזאַמען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע, פאַרגעסט אָבער ניט דערביי די פאַרשיידנקייט פון די מאָטיוון און אינטערעסן פון די איינצלנע פאָלקס־קלאַסן, בפרט זיינע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן.

די ריכטונג פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע — פּאַלעסטינע.

די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע איז ניט אַ קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניאַל־אונטערנעמונג, וועלכע באַצוועקט צו עקספּלואַטירן אַ לאַנד, כדי צו באַשאַפן דאָרט נייע מערק (אָפּזאַץ־געביטע), זי איז אויך ניט אַ פילאַנטראָפּישער קאָלאָניזאַציאָנס־פּראָיעקט; די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס זיין וועג איז באַשטימט דורך די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די פאָלקס־מאַסן, וועלכע מען וויל קאָלאָניזירן און דורך דער געשיכטע פון דער אידישער נאַציע.

ווייל די ברייטע אידישע מאַסן זיינען שוין זייט יאָרהונדערטער שטאָט־באַוואוינער, איז פאַר זיי דער איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט זייער שווער, דערפאַר קאָן אַ קאָלאָניזאַציע פון די דאָזיגע מאַסן אויף ניט קולטיווירטע טעריטאָריען (יונגפרויליכע, קרקע בתולה) אָדער אויף אַזעלכע, וועלכע וועלן אַ לאַנגע צייט טויגן בלויז פאַר לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע, ניט פירן צום צוועק פון נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע. דער אידישער עמיגראַציע־שטראָם מוז ווערן געפירט אין אַזאַ לאַנד, וועמעס געאָגראַפישע און ווירטשאַפטליכע לאַגע קען מעגליך מאַכען אַ גרויס־געפּלאַנטע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע קאָלאָניזאַציע, אַ לאַנד, וועלכעס האָט די ציהונגס־קראַפט צוצובינדן די אידישע מאַסן צום באָדן און וואָס קאָן בייקומען דורך דעם די שוועריגקייטן, צו באַשאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטליכן פונדאַמענט פאַר דער אידישער געזעלשאַפט.

די דאָזיגע פאָרבאַדינגונגען זיינען פאַראַן נאָר ביי דעם היסטאָרישן פאָטערלאַנד פון די אידן — פּאַלעסטינא — וואָס איז אַ טייל פון א מדינה, וועלכע געפינט זיך נאָך אין נאַטוראַל ווירטשאַפט, וואָס ליגט צווישן גרויסע האַנדלס־וועגן און אין דער נאָענט פון אַנטוויקלונגס־פייאיגע מערק און וועלכע איז דערצו אין משך פון טויזנטער יאָרן געבליבן אין דעם באַוואוסטזיין פונ׳ם אידישן פאָלק דאָס איינציגע לאַנד פון זיין צוקונפט און זיין פרייהייט.

קלאַסן־קאַמף און סאָציאַליזם.

קענענדיג די ניט־נאָרמאַלע לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך צוליב דעם גלות, זעט איין דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ניט בלויז די נויטיגקייט פונם׳ קאַמף פאַר׳ן אויסבעסערן די לאַגע פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס ביי די איצטיגע פּראָדוקציע־פאַרהעלטנישען, נאָר אויך די נויטיגקייט פון דעם גאַנצען אָפּשאַפען פון דער דריקענדער עקספּלואַטאַציע, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג, דורך דאָס צוזאַמענגיין מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אין זיין ווירטשאַפטליכן און פּאָליטישן קלאַסנקאַמף. כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיגען ציל, באַדינט זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין די גלות־לענדער, ווי אויך אינ׳ם אידישן לאַנד, מיט אַלע מאַכט־מיטלען פונ׳ם קלאַסנקאַמף, דערביי קענען די דאָזיגע מאַכטמיטלען אין פּאַלעסטינא נאָך פאַרמערט ווערן דורך דער מעגליכקייט, די ניי־באַשאַפענע ווירטשאַפטס־איינהייט, נענטער צו ברענגען צו דער פאַרווירקליכונג פונ׳ם סאָציאַליזם דורך גענאָסנשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס אין אַגראַרישער באַציאונג.

אַרויסגייענדיג פון די דאָזיגע פּרינציפּן דערקלערט די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי ציון” עסטרייכס:

1. מיר שטייען אויפ׳ן יסוד פונ׳ם סאָ־

ציאַליזם און שטרעבן צו דער פאַרגעזעלשאַפטליכונג פון אַלע פּראָדוקציע־מיטלען און צום איבערבייטן פון דער סחורה־פּראָדוקציע (וואַרען־פּראָדוקציע) אין סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע, וואָס ווערט אויסגעפירט פאַר און דורך דער געזעלשאַפט.

2. דער וויכטיגסטער פּונקט פונ׳ם פּראָגראַם־מינימום פון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון“ וואָס איז מסכים אין אַלע אַנדערע פאָדערונגען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־פּראָגראַמען, איז טעריטאָריאַלע לעזונג פון דער אידן־פראַגע אין פּאַלעסטינא.

3. ביז צו דער פאַרווירקליכונג פון דעם דאָזיגן פּראָגראַם פּונקט ערשטרעבט די פּאַרטיי אין די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן די פולע גלייכבאַרעכטיגונג פונ׳ם אידישן פאָלק אויפ׳ן יסוד פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ניט־באַטראַכטנדיג דערביי די דערגרייכונג פון נאַציאָנאַלע הוימען (וואָס זיינען אויטאָנאָמע איןווירטשאַפטליכע, פּאָליטישע און קולטורעלע פראַגן) פאַר די אין די גלות־לענדער לעבנדיגע טיילן פון אידישן פאָלק, פאַר אַ לעזונג, אָדער אויך נאָר פאַר אַ פּאָרבאַדינגונג צו דער טעריטאָריאַלער לעזונג פון דער אידן־פראַגע.

(„דער אידישער אַרבעטער“, נומ. 38, קראקוי, נאָוו. 2, 1906).

פּרינציפּן ערקלערונג פון עסטרייכישן קאָמיטעט פּועלי ציון.

דער עסטרייכישער קאָמיטעט פּועלי ציון האָט אַרויסגעגעבן די פאָלגנדע פּרינציפּיעלע ערקלערונג:

„די אונטערגעצייכנטע ערקלערן, אַז זיי אַנערקענען דאָס פּועלי ציוניסטישע פּראָגראַם פול און גאַנץ.

מיר ערקלערן:

1) אַרויסגייענדיג פון שטאַנדפּונקט, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קאָן זיך אין גלות ניט ענטוויקלען אי עקאָנאָמיש אי קולטורעל, און ער איז דערפאַר גענויגט צו אַרבעטן פאַר די ערייכונג פון אַן אייגן לאַנד (מחמת היסטאָרישע און עקאָנאָמישע טעמים איז פאַר אונז דאָס לאַנד נאָר אין פּאַלעסטינע דענקבאַר) — גייען מיר צוזאַמען מיט אַלע מפלגות פון אידישן פאָלק, וועלכע שטרעבן צו דעם זעלבן ציל, אָבער נאָר אַזוי ווייט, אויף וויפיל עס האַנדלט זיך אום די שאַפונג פון די אַלגעמיינע יסודות פון דער „ווערנדער“ אידישער מלוכה.

2) אַרויסגייענדיג פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, אַז נאָר די פאַרגעזעלשאַפטליכונג פון אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטל וועט פאַרניכטן דעם קלאַסנשטאַט, און אַז כדי דאָס צו ערייכן, מוז געפירט ווערן אַ שטענדיגער קלאַסנקאַמף אויף פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט — גייען מיר אין אַלע פראַגן פון אונזער געגנוואַרטס אַרבעט צוזאַמען מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, ווי לאַנג דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ווערט דורכדעם אין זיין נאַציאָנאַל קולטורעלע ענטוויקלונג ניט געהינדערט.

מיר באַטראַכטן דעם ציוניזם אַלס אַן ענד מיטל, וועלכער גיט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט די מעגליכקייט צו צוקומען צום סאָציאַליזמוס, אַלס אַ שותפות׳ן ענד ציל“.

דיזע פּרינציפּן ערקלערונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צוליב דעם פאַרקויף פון די פּועלי ציון שקלים (אין עסטרייך האָבן די „פּועלי ציון“ באַזונדערע שקלים וואָס זיינען גילטיג צו די קאָנגרעס וואַלן אַקוראַט ווי די שקלים פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן). אַלע וואָס אונטערשרייבן דיזע ערקלערונג זיינען מחויב, צו צאָלן דעם שקל נאָר אין די פּועלי ציון אָרגאַניזאַציאָן. די ערקלערונג קאָן אונטערגעשריבן ווערן נאָר פון אַזעלכע וואָס אַנערקענען די פּרינציפּן „פול און גאַנץ“.

טראָץ די מסירות פון די אַנטי־ציוניסטן האָט זיך די פּועלי ציון באַוועגונג פאַרשטאַרקט אין עסטרייך. דער אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציאָן וואָס פלעגט ערשיינען איין מאָל אין צוויי וואָכן ערשיינט איצט וועכנטליך און די אַרבעט פון די פּועלי ציון גייט אַן איבער׳ן גאַנצן לאַנד מיט גרויס ערפאָלג.

(„אידישער קעמפער“, נומ. 5, 1906).

שווייץ

בערן, שווייץ. —

די היגע גרופּע פּועלי ציון האָט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציאָנען וועגן פּראַקטישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינא: „בעמענדיג אין אנבעטראכט וואָס די פאַרווירקליכונג פון ציוניסטישן אידעאַל איז אָפּהיינגיג פון אַ לאַנגזאַמע ערוועקבונג פון אַ קולטור־עקאָנאָמישען באַזיס אין פּאַלעסטינא, און זיך שטיצנדיג אויפ׳ן באַזעלער פּראָגראַם, פאָדערט אויף די בערנער סאָצ. דעמ. גרופּע פּועלי ציון דעם אַקציאָנס קאָמיטעט זיך צו נעמען אומגעזאַמט צו רעאַלנע אַרבעט אין פּאַלעסטינא און פאַרווענדן אויף דעם אַלע מאַטעריעלע מיטלען וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן פאַרמאָגט. מיר לאַדן איין אַלע פאַרוינען וואָס זיינען מיט אונז איינפאַרשטאַנען זיך אָנצושליסן אין אונזער רעזאָלוציאָן און עס פאַרעפנטליכן.

אַזאַ מין באַשלוס האָט אויך אָנגענומען דער בערנער אַקאַדעמישער ציוניסטישער פאַראיין.

(„איד. קעמפער“, נומ 5, 1906)

אמעריקע

אונזער פּלאַטפאָרם.

אַן אַפּיל צו דער אידישער יוגנט פון אמעריקא.

פון דער ראַדיק. נאַצ. אָרגאַניזאַציאָן „פּועלי ציון“ אין ניו יאָרק.

מיר, אַ טייל פון דער ברייטער אידישער מאַסע, האָבן זיך פאַרזאַמלט און צוזאַמען באַטראַכט די אומשטענדן, אונטער וועלכע עס לעבט איצט די אידישע מאַסע, ווי אויך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק; און, באַטראַכטנדיג די אומשטענדן פון אונזער אינערליכן און אויסערליכן לעבן אַרום אונז, האָבן מיר געמוזט אַנערקענען דעם פאַקט, אַז אין דער אידישער וועלט גייען יעצט פאָר צוויי גוואַלדיגע גייסטיגע שטרעבונגען: איינע פון זיי אַ נאַציאָנאַלע און די אַנדערע אַ ראַדיקאַלע, אַ דעמאָקראַטישע.

ביידע שטאַמען פון אונצופרידנהייט מיט דער אונגעזונטער און אוננאָרמאַלער לאַגע פון דעם אידישן פאָלק אין אַלע לענדער, און איבערהויפּט דאָרטן, וואו זיי ווערן אמסייסטן אונטערדריקט; ביידע זוכן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון דעם אידישן פאָלק. איינע — אָנשליסנדיג זיך אָן דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט אין זיין קאַמף געגן די העכערע קלאַסן, און די אַנדערע אָרגאַניזירנדיג דאָס אידישע פאָלק באַזונדער צו באַפרייען זיך פון דעם יאָך פון אַנדערע פעלקער אויף אַ פרידליכן וועג, ניט מאַכנדיג קיין אונטערשיד צווישן די קלאַסן אין דעם אידישן פאָלק גופא. דיזע ביידע שטרעמונגען שטייען איינע געגן די אַנדערע פיינדליך און יעדע פון זיי באַמיט זיך צו באַקעמפן די צווייטע, און אויפצווייזן, אַז נאָר זי אַליין פירט צום ריכטיגן וועג פון רעטונג.

נאָך אונזער מיינונג, שטייען די פאָרשטייער פון ביידע שטרעמונגען אין דעם געשטאַלט ווי מיר זעען זיי פאַר אונזערע אויגן, אויף אַ פאַלשן באָדן. די און יענע האַלטן זיך אָן אַלטע אָפּגעלעבטע באַגריפן און ווילן ניט וויסן פון די פאָדערונגען, וואָס דער נייער לעבן מיט די טאָג־טעגליך נייע באַדינגונגען, שטעלט אַרויס און צווינגט, מיט זיי זיך צו רעכנען. די פאָרשטייער פון איין שטרעמונג ווילן ניט פאַרשטיין, אַז די אַנדערע איז ניט קיין געמאַכטע, געקינסטלטע; ניט נאַרישקייט, פאַנאַטיזמוס, אָדער בייזער ווילן האָט זי אַרויסגערופן, נאָר די קראַפט פון די אומשטענדן, דער לעבן אַליין. די אומשטענדן ליגן אין די אויסערליכע באַדינגונגען וואָס רינגלען אַרום דאָס אידישע פאָלק, ווי אויך אינווייניג אין דעם אידישן פאָלק גופא, אין זיין אָרגאַניזם, אין זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, אין זיין געגנוואַרט און אין זיין צוקונפט.

דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט האָט זיך אָרגאַניזירט צום קאַמף געגן די הערשנדע קלאַסן. צו דיזער אָרגאַניזאַציאָן האָט געפירט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט פאַר דעם לעצטן יאָרהונדערט, דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געמוזט אָנשליסן אָן דעם קאַמף און שטעלן זיך זאָגאַר אין דער ערשטער רייע, ווייל ער איז שטאַרקער געדריקט און מער אַנטוויקלט.

די זעלבע אומשטענדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם קלאַסן־קאַמף, האָבן אויך אַרויסגערופן אַ נאַציאָנאַלן קאַמף. גרויסע און שטאַרקע נאַציאָנען שטרעבן איינצושלינגען קלענערע און שוואַכערע. דיזע אָרגאַניזירן זיך און קעמפן פאַר זייער פרייהייט. דער נאַציאָנאַלער קאַמף אַרום האָט געמוזט האָבן אַן איינפלוס אויף דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז טויזנדער יאָרן אונטערדריקט, און פאַר די טויזנדער יאָרן האָט עס ניט פאַרגעסן זיין אַמאָליגע פּאָליטישע פרייהייט. דער אַרומיגער פרייהייטס־גייסט האָט נויטוועדיג געמוזט אויפבלאָזן דעם שלומערנדן פונק אין דעם אידישן בוזעם צו אַ מעכטיגן פלאַם. דער באַפרייאונגס־אידעאַל, וואָס האָט געטראָגן אַ דונקעלן כאַראַקטער פון אַ משיח־לעגענדע האָט באַקומען פלייש און בלוט; ער האָט זיך פאַרקערפּערט אין דער דייטליכער שטרעבונג וואָס טראָגט דעם נאָמען ציוניזמוס.

דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס רעכט צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, פּונקט ווי דאָס פּוילענ־

דישע פאָלק, די בולגאַרן, מאַצעדאָניער, פּאָליאַקן, אַרמעניער און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן. דאָס וואָס די אַלע פעלקער זיינען ניט אָפּגעריסן פון זייער באָדן און די אידן — יאָ, מאַכט די אויפגאַבע שווערער, אָבער ניט אוממעגליך, ווייל, ענדליך, איז דאָס פאָלק'ס לעבן און שטרעבן אין אים אַליין און ניט אין דער ערד. דאָס פאָלק וואָס פילט זיך אַלס פאָלק, וואָס וויל לעבן, האָט דאָס רעכט צו לעבן און וועט לעבן, ווייל עס באזיצט די נויטיגע פעאיקייטן און קראַפט צום לעבנס־קאַמף.

דער נאַציאָנאַלער קאַמף, ווי אויך דער קלאַסן־קאַמף, זיינען ניט נאָר ניט דאַגעגן איינער דעם אַנדערן, זאָנדערן פאַרקערט: זיי זיינען פאַרשיידענע צווייגן פון דעם זעלבן שטאַם. זיי שטרעבן צו דאָס זעלבע, נעמליך, צו באַפרייען די מענטשהייט מיט פאַרשיידענע מיטלען, אויף פאַרשיידענע וועגן; ווען אין דעם נאַציאָנאַלן קאַמף נעמען אָפּט אויך אַנטייל מענטשן, וואָס געהערן צו דער העכערער קלאַסע, צו דער בורזשואַזיע, דאַרף דאָס די פּראָלעטאַריער ניט אָפּשרעקן. ניט די גאַנצע בורזשואַזיע איז פיינדליך דעם פּראָלעטאַריאַט. עס איז דאָ אין איר אידעלע עלעמענטן, וועלכע האָבן ארויסגעשטעלט און שטעלן נאָך איצט ארויס די בעסטע פאַרקעמפער אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

די מענטשן, וועלכע זיינען פעאיג צו אירגנד וועלכן פּראָטעסט, צו אירגענד וועלכן קאַמף, זיינען דאָך נענטער דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי יענע פאַרקויפטע נשמות, וואָס פאַרלייקענען זייער שטאַם, זייער נאָמען, וואָס זיינען פעאיג צו פאַרקויפן אַלעס און זיך אַליין צוליב קליינליכע מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן.

אויף דעם גרונד פון דיזע געדאַנקען, אין וועלכע מיר זיינען פעסט איבערצייגט, האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן, אין וועלכע ביידע שטרעמונגען פון דעם נאַציאָנאַלן און קלאַסן־קאַמף זאָלן זיך קענען פאַרשטענדיגן און פאַרייניגן. מיר אַפּעלירן צו אַלע די יעניגע, וואָס דענקען אַזוי ווי מיר, וואָס ווינשן די באַפרייאונג פון דער אַרבעטער־קלאַסע, ווי אויך פון דעם אידישן פאָלק — זיי זאָלן אונז געבן זייער האַנט און מיטהעלפן אונז אין אונזער שווערער אָבער הייליגער אויפגאַבע, צו פאַרייניגן אונטער אונזער פאָן, אַלעס וואָס דענקט און פילט ערליך און אידל אין דעם אידישן פאָלק און שטרעבן און אַרבעטן און קעמפן צוזאַמען פאַר זיין פאָלקאָמענער באפרייאונג פון איוגענע און פרעמדע דריקער, ווער זיי זאָלן ניט זיין און ווי זיי זאָלן ניט הייסן.

אם שלום האַלטן מיר פאַר נויטיג צו באַמערקן, אַז אונזער אָרגאַניזאַציאָן איז ניט די ערשטע. אין רוסלאַנד עקזיסטירט אין פילע שטעט אַ פעדעראַציע פון ענליכע אָרגאַניזאַציאָנען מיט דער ענליכער אויפגאַבע, און דיזע אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס טראָגען איבעראַל דעם נאָמען „פועלי ציון”, האָבן שוין פילעס אויפגעטאָן און באַקומען אַ גרויסע מאַכט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אויך אין ציוניזמוס.

די פּרינציפּען פון אונזער פּראָגראַם.

ביז אַהער האָבן מיר ערקלערט די אומשטענדן, וואָס האָבן ארויסגערופן אונזער אָרגאַניזאַציאָן און געבן איר דעם געזעצליכן באָדן צו עקזיסטירן. מיר האָבן דאָס געהאַלטן פאַר נויטיג אום צו באַווייזן, אַז אונזער שטרעבן איז ניט קיין קאַפּריז, אָדער פאַנטאַזיע, נאָר אַ נויטווענדיגער פּראָדוקט פון לעבן, פון איצטיגער צייט. אַז דאָס, וואָס מיר גייען גרינדן דאָ יעצט אין אַמעריקע איז שוין אַן עקזיסטירנדער פאַקט, האָט אַ פעסטן באָדן און באזיצט אַ שטאַרקע מאַכט אין רוסלאַנד. מיר גייען ניט גרינדן עטוואָס נייעס, נאָר מיר ווילן אַ באַוועגונג פון איין וועלט־טייל מאַכן פאַר אַ באַוועגונג פון צוויי וועלט־טיילן, פאַר אַ וועלט־באַוועגונג; אויך גייען מיר ניט קעמפן געגן וועלכער־ניט־איז אַרבעטער־אָרגאַניזאַציאָן. מיר ווילן, פאַרקערט, העלפן יעדע אָרגאַניזאַציאָן, ווער זי זאָל ניט זיין און ווי זי זאָל ניט הייסן, ווען די אָרגאַניזאַציאָן אַרבעט נאָר פאַר דאָס וואָהל פון אידישן אַרבעטער־קלאַס און דעם אידישן פאָלק בכלל.

אונזער ערשטער וואונש און וויכטיגסטע אויפגאַבע צו וואָס מיר ווילן שטרעבן מיט אַלע אונזערע קרעפטן, איז צו מיען זיך, אַז אַלעס וואָס איז גוט און פאָרטגעשריטן אין דער אידישער מאַסע און אין דער אידישער אינטעליגענץ, זאָל זיך מיט אונז פאַרייניגן צו

טראָגן ליכט, וואָס מער ליכט אונטער די ברייטע קרייזן פון דער אידישער מאַסע. ליכטיג־קייט ברענגט צו טאָלעראַנץ און זעלבסט־באַוואוסטזיין, זעלבסט־באַוואוסטזיין ברענגט צו זעלבסט־הילף. מיר ווילן, אַז די אידישע מאַסע זאָל זיין פעאיג צו דענקען, איבערהויפּט צו דענקען זעלבשטענדיג, דאַן וועט זי קאָנען זיך אַליין העלפן.

און דעריבער איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון די „פּועלי ציון" איבעראל: בילדונג פאַר די מאַסן. דאָס איז דער ערשטער וויכטיגסטער פּונקט פון אונזער טעטיקייטס־פּראָגראם.

אונטער בילדונג פאַרשטייען מיר אַלעס וואָס מאַכט העכער, אנטוויקלטער דעם מענטשנ'ס גייסט און איידעלער זיינע געפילן. דער אידישער אַרבעטער דאַרף האָבן:

1) אַלגעמיינע אנטוויקלונג אַלס מענטש, אַלס מיטגליד פון דער מענטשליכער געזעל־שאַפט.

2) אנטוויקלונג פון זיין קלאסן־באַוואוסטזיין אַלס אַרבעטער, אַלס רעכטלאָזער און אויסגעבייטעטער.

3) אנטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, אַלס קינד פון דעם פאָלק, וואָס האָט באַשאַפן אַ גרויסע, רייכע קולטור, וואָס האָט גענומען אַן אַנטייל אין שאַפן און אויס־אַרבעטן די שענסטע אידעאַלן פאַר דער מענשהייט, און אַליין ווערט ער דאָך טויזנטער יאָרן געדריקט און געפּייניגט, אָן אַ רעכט, אָן אַ היים, אָן אַ שוץ.

פּראַקטיש ווערט דיזע אויפגאַבע אויסגעפירט דורך גרינדן ביבליאָטעקן, אָוונט־שולן, פאַראַנשטאַלטן לעקטשורס, דיסקוסיאָנען, אָרגאַניזירן קליינע גרופּן אויף צו לערנען נאַטור־און כאַציאַלע וויסנשאַפטן, די לאַנדעס־שפּראַך, טעכנישע ידיעות, וואָס זיינען נויטיג דעם אַרבעטער אַלס אַרבעטער.

וואו עס וועלן ניט זיין גענוג די אייגענע קרעפטן דערצו — פאַרייניגן זיך די פּועלי ציון מיט אַנדערע פאָרטגעשריטענע אָרגאַניזאַציאָנען, אָדער העלפן די חברים אריינקומען אין שולן אָדער אַנשטאַלטען וואָס עקזיסטירן שוין צו דעם זעלבן צוועק. הויפּט אַכטונג וועט ווערן געלייגט אויף לערנען קולטור־געשיכטע, און געשיכטע אין אַלגעמיין, דאַן ספּעצ־ציעלע אידישע געשיכטע, ליטעראַטור, פּאָליטישע עקאָנאָמיע. די וואָס האָבן צייט און מעגליכקייט, וועט געגעבן ווערן אונטעררינכט אין דער העברעאישער שפּראַך. צוליב דעם צוועק וועט געעפנט ווערן אַן אייגענע ספּעציעלע העברעאישע שולע, אָדער מען וועט זיך באַנוצן, ווען דאָס וועט זיין פּאַסנד און מעגליך, מיט איינע פון די העברעאישע שולן וועלכע עקזיסטירן שוין.

אַ ספּעציעלע שולע וועט געעפנט ווערן פאַר צוקונפטיגע אַגיטאַטאָרן פאַר אונזער אידעע.

אויף די לעקטשורס און דיסקוסיאָנען וועלן איינגעלאַדן ווערן אויך אונזערע געגנער, אויב זיי זיינען ספּעציאַליסטן אין זייער פאַך.

פון צייט צו צייט וועלן מיר ארויסגעבן אַגיטאַציאָנס־ביכלאַך, און אויב מעגליך, אַן אייגענעם מאָנאַטליכן אָדער וועכנטליכן זשורנאַל.

דער צווייטער פּרינציפּ פון אונזער פּראָגראַם איז עקאָנאָמישע טעטיגקייט.

אויף דעם ערשטן פּלאַץ אין דיזער הינזיכט שטייט ביי אונז דער „טרייד יוניאָניזם". יעדער חבר פון אונזער פאַרבאַנד דאַרף זיין אויפגעפּאָדערט און פאַרהאַלפען אריינצוטרעטן אין די יוניאָנס, אַגיטירן פאַר דעם יוניאָן־פּרינציפּ אַלעמאָל און אומעטום, האָבנדיג אימער אין זינען, אַז נאָר דורך די יוניאָנס און אין די יוניאָנס איז מעגליך פאַר דעם אַרבעטער צו קעמפן מיט ערפאָלג פאַר זיינע מענטשליכע רעכט און אינטערעסן.

אויף דעם צווייטן פּלאַץ שטייט געגנזייטיגע הילף, אין פאַל פון קראַנקהייט, פון אַ נויט, און איבערהויפּט אין יעדן פאַל, ווען איין חבר דאַרף האָבן דעם אַנדערענס מאַטעריעלע, גייסטיגע אָדער מאָראַלישע הילף.

דאָס קאָן זיך אויסדריקן אין ספּעציעלע הילפס־ שפּאָר־ און לייַ־קאַסן און קאָנסום און פּראָדוקציאָנס פאַריינען א. ז. וו. אויסער דעם דאַרף אונזער אָרגאַניזאַציאָן נעמען אַ וויב־

טיגן אַנטייל אין אַלע טאָגעס־פראַגן, ספּעציעל אידישע אָדער מענשליכע און אַלגעמיינע, ווי דער פליוש־סטרייק, למשל, אָדער דער באַרימטער קוילן־סטרייק.

דער דריטער פּרינציפּ אין אונזער פּראָגראַם איז דער געזעלשאַפטליכער אונטערהאַלט. געבן דעם אַרבעטער די געלעגנהייט און מיטלען צו פאַרברענגען אין זיינע רו־שטונדן פרייליך די צייט, אויפהויבנדיג דערביי זיין געשמאַק צו אַלץ, וואָס איז שיין און ערהאַבן, אָפּציענדיג אים פון די פּלעצער, וועלכע, אום געלט צו מאַכן, אַפּעלירן צו זיינע גראָבע געפילן און פאַרדאַרבן אויף אַזאַ אופן זיין געשמאַק, — דאָס האַלטן מיר פאַר אַזאַ הייליגער אויפגאַבע, ווי די קולטורעלע און עקאָנאָמישע אַרבעט.

מיר וועלן אַלזאָ ביי דעם ערשטן שריט פון אונזער טעטיקייט אויך זען אָנווענדן אַלע מיטלען צו אָרגאַניזירן וואָס שענער און אַנגענעמער דעם געזעלשאַפטליכן אונטערהאַלט פון אונזערע חברים.

מיר האַלטן דאָס פאר נויטיג דעסטאָ מער, ווייל אַ שטונדע פון רייכעם, אמת'ן פאַר־געניגן איז דער בעסטער מיטל צוצוציען דעם אַרבעטער צו אַ העכערן אידעאַל, אַנטוויקלען און שטאַרקן זיין געפיל צום געזעלשאַפטליכן לעבן, צו חבר'שאַפט און ברודערשאַפט.

פּראַקטיש וועט דיזע אויפגאַבע דורכגעפירט דורך גרינדן אַ כאָר, אַן אָרקעסטער, דעקלאַ־מאַטאָרישע און דראַמאַטישע סעקציאָנען א. ז. וו. די אָרגאַניזאַציאָן וועט מיט דיזע און אויך פרעמדע פרייוויליגע אָדער געדונגענע קרעפטן פאַראַנשטאַלטן פּיקניקס, עקסקורשאָנס א. ז. וו., וואו די חברים וועלן קאָנען אומזיסט אָדער פאַר אַ קליינעם פּרייז אַנגענעם פאַר־ברענגען די צייט.

אויף דיזע דריי פּונקטן וועט זיין געגרינדעט אונזער פּראָגראַם, אונזער צוקינפטיגע קאָנסטיטוציאָן.

דיזע קאָנסטיטוציאָן וועט ווערן אויסגעאַרבעט אין אַלע אירע איינצלהייטן אין אַ קור־צער צייט אַרום, ווען מיר וועלן האָבן אַ באַשטימטע, פעסטע קאָרפּאָראַציאָן אָדער אַ פאַרבאַנד פון עטליכע אָרגאַניזאַציאָנען און דער לעבן וועט אונז ווייזן דעם ריכטיגן וועג און געבן די נויטיגע ערפאַרונג.

צום שלוס ווילן מיר באַמערקן נאָכאַמאָל, אַז:

די „פּועלי ציון" מוזען שטיין אין פריינדליכע פאַרהעלטניסע מיט אַלע פּאַרטגעשרי־טענע אָרגאַניזאַציאָנען, סיי ציוניסטישע, סיי ניט־ציוניסטישע.

זיי האַלטן פאַר זייער פּרינציפּ אין אַלגעמיין ווייניגער צו רײדן און מער צו טאָן.

זיי וויכן אוים יעדן פראַזן־קאַמף מיט געגנער און מיען זיך, ווי וויט מעגליך, צו גיין האַנט אין האַנט מיט אַלע ערליכע מענשן און ערליכע אָרגאַניזאַציאָנען.

אַלס אַ ציוניסטישע איז די אָרגאַניזאַציאָן פון די „פּועלי ציון" געשטיצט אויף דעם באַזעלער פּראָגראַם, זעט פאַרשפּרייטן אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באַנק, אונטערשטיצן דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, נעמט אַן אַנטייל אין די ציוניסטישע קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, האָבנדיג אימער אין באַטראַכט צו דעמאָקראַטיזירן דעם ציוניזם אין אַלגעמיין און מאַכן אים נענטער צום פאָלק.

צו דער זעלבער צייט ערקלערן מיר פאַר אונזער פליכט, צוזאַמען מיט אונזער ציוניס־טישער טעטיקייט, צו נעמען איבעראַל וואו מיר זיינען אַן אַנטייל אין דעם פּאָליטישן ווי אויך אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף, און אין דיזען קאַמף צו גיין האַנט אין האַנט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אויף דעם גרונד:

1) שטימען די „פּועלי ציון" ביי יעדער עלעקשאָן אויסשליסליך פאַר דער פּאַרטיי, וואָס פאַרטרעט אַם מערסטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

2) דריקן די „פּועלי ציון" אויס זייער טיפע סימפּאַטיע דעם אידישן אַרבעטער בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד פאַר זיין אונערמידליכער טעטיקייט צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער אין קאַמף פאַר זייער פרייהייט און זייערע רעכטע.

1903.

ערשטער צוזאַמענפאָר אין אַמעריקע.

אַ מ ע ר י ק ע. חבר ראָזאָווסקי (ניו יאָרק) טיילט אונז מיט פאָלגענדעס: דעם 29—30טן אַפּריל און ערשטן מאַי האָבן זיך צום ערשטן מאָל פאַרזאַמלט פאַרטרעטער פון די ניט לאַנג געגרינדעטע פאַריינען אין אַמעריקא. פאַרטראָטן זיינען געווען 4 שטעט: ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באַלטימאָר און באָסטאָן מיט 22 דעלעגאַטן. די הויפּט־פראַגע איז געווען ביי די פאַרזאַמלטע: „טעריטאָריאַליזם אָדער ציוניזם" און נאָך אַ לאַנגע היסע דעבאַטע פון 7 אַזייגער אין אָוונט ביז 8 אַזייגער אינדערפרי איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די פּועלי ציון שטרעבן פיר די שאַפונג פיר דעם אידישן פאָלק אַן אייגענעם באָדן, אַ טעריטאָריום. וועלכער באָדן, וועלכער טעריטאָריום? דאָס געהערט ניט אין דער אַלגעמיינער פּוע"צ אָרגאַניזאַציאָן, יעדער פאַראיין ווי יעדער חבר מעג אַגיטירן ווי ער פאַרשטייט".

נאָך אַזאַ מין באשלוס איז ווידער ווייניג קלאָרקייט אריינגעטראָגן געוואָרן. נאָכ'ן קאָנפערענץ האָט זיך דעריבער אָרגאַניזירט באזונדער דער ערשטער פּועלי ציון (פּאַלעסטינצעס). געלונגען איז אָבער דעם קאָנפערענץ אריינצוטראָגן קלאָרקייט ביי אַ צווייטער פראַגע: פון וועלכן שטאַנדפּונקט גייען ארויס די פּ. צ., אַלס ציוניסטן, פון עקאָנאָמישן אָדער פון ביידע? נאַטירליכערווייזע איז אָנגענומען געוואָרן דאָס לעצטע, עס הייסט אונגעפער:

„די פּועלי־ציון זעען אין דעם „עקאָנאָמישן" און „נאַציאָנאַלן" דרוק נאָר אין די גלות־לענדער וואו אויף אַן אייגענעם טעריטאָריום וועט עס באזייטיגט ווערן".

בנוגע די ציוניסטישע אינסטיטוציעס: פאַר די באַנק איז מחויב די „גאַנצע אָרגאַניזאַציאָן" אַרבעטן; פאַר'ן נאַציאָנאַל־פאָנד קען יעדע אַגודה טאָן ווי זי איז געזאַנען. דער פאָרשלאַג, אַז „די וועלט" זאָל אויך אין העברעאיש ערשיינען, איז מיט אַ שטימע דורכגעפאַלן. וועגן די ציוניסטישע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע: „מיר געהערן אָן דער אַמעריקאַנער פעדעראַציאָן, זאָלאַנג זי שטערט ניט אונזערע זעלבשטענדיגע ארבעטן". בנוגע צום פּאָליטישן קאַמף: „יעדער פאַריין געהערט צו וועלכער פּארטיי ער ווינשט" (אין אַמעריקא זיינען דאָ צוויי פאַרטייען, סאָצ. דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי). אַ רעזאָלוציאָן איז געפּאַסט געוואָרן: „העלפן די פּ. צ. אין רוסלאַנד" (ביז איצט האָבן די אַמעריקאַנער פּ. צ. געהאָלפן נאָר דעם „בונד" א. ד. ג. געגנער). די לעצטע רעזאָלוציאָן ווערט שוין דורכגעפירט אין לעבן. נאָכ'ן קאָנפערענץ האָבן די פּ. צ. אָרגאַניזירט אָפן־איור־מיטינגען (גאַסן פאַרזאַמלונגען) אין דעם ניו יאָרקער אידישן קוואַרטאַל, וואו מען זאַמלט געלדער פאַר

„פּועלי ציון" זעלבסטפאַרטיידיגונג אין רוסלאַנד.

* * *

ערשטע אגודה פון פּוע"צ פּאַלעסטינע

די נייע אַגודה „פּועלי ציון" (פּאַלעסטינצעס) טיילט אונז מיט פון איר גרינדונג. אירע סטאַטוטן זיינען פאָלגנדע:

אַ. צילן: 1) די פּועלי ציון (פּאַלעסטינצעס) אַרבעטן פיר די איבערליכע און אויסערליכע אויפלעבונג פון אידישן פאָלק אויף זיין היסטאָרישן באָדן — פּאַלעסטינע לויט דעם „פּועלי ציון" געדאַנק. 2) מיר שטייען אין פאַרבינדונג מיט אַלע פּאַלעסטינצעס אָן אונטערשייד פון פּאַרטייען און קלאַסן, און שטרעבן צוזאַמען פאַרברייטן און פאַרטיפן דאָס באַזעלער פּראָגראַם. 3) מיר אַרבעטן פיר די אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אויף די יסודות פון „נאַציאָנאַלער זעלבסטהילפע" און „קלאַסן־באַוואוסטזיין". 4) מיר אַרבעטן פאַר די ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ז י ר ו נ ג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיר אַנערקענען די נאַציאָנאַל קולטורעלע אַרבעט, איבערהויפּט די ערציאונג פון דער אידישער יוגנט אין נאַציאָנאַלן זינן, אַלס איינע פון אונזערע הויפּט־אַרבעטן (אָנמערקונג: מיר אַנערקענען „העברעאיש" אַלס די נאַציאָנאַל־אידישע שפּראַך). ב. מיטעל: 1) שריפטליך און מינדליך אַגיטירן פיר דעם פּאַלעסטינישן פּועלי־ציון געדאַנק. 2) אַרבעטן פיר אַלע אינסטיטוציאָנען וועלכע דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט געשאַפן, אַזוי לאַנג ווי דיזע אינסטיטוציאָנען דינען זייער צוועק — די ערָאָבערונג פון פּאַלעסטינא. 3) מיר אונטערשטיצן די „קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל" לויט קאָנגרעס־באַשליסע. 4) מיר באַטייליגן זיך אין אַלע אידיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ארבעטן אין די גלות־לענדער, אַזוי לאַנג זיי זיינען פּרינציפּיעל ניט געגן דעם הויפּט־געדאַנק פונ'ם פּועלי־ציוניזם. 5) מיר געהערן צו דער אַלגעמיינער פּו"צ אָרגאַניזאַציאָן ווי צו דער ציוניסטישער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציאָן (פעדערײשען אָוו אַמעריקאַן זייאָניסטס) אַזוי לאַנג זיי שטערן ניט אונזערע אויטאָנאָמישע אַרבעטן. 6) מיר גייען צוזאַמען מיט אַלע אידישע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציאָנען אין אַלע ארבעטן, זאָלאַנג זיי דינען זייער צוועק — די אומענדערונג פון דעם לעת עתה'דיגן געזעלשאַפטליכן דרוק אויף אַ פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט; מיר באַקעמפן זיי, ווען זיי טרעטן ארויס געגן נאַציאָנאַליזם בכלל און דעם אידישן נאַציאָנאַליזם בפרט.

„די יודישע פּרויחייט".

זומער, 1905.

דעקלאַראַציאָן

(אַרויסגעגעבן פון דעם א. ק. דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציאָן פועלי ציון אָוו אַמעריקא).

נאָך פאַר׳ן 7טן קאָנגרעס זיינען די אַמעריקאַנער פועלי ציון, ווי באַוואוסט, ניט געווען איינ̇יג איבער דער טעריטאָריעלער פראַגע אין ציוניזמוס. די פועלי־ציון, אָבוואָל האָבן אַרויסגעוויזן אַ זאָנדערבאַרע איינ̇יגקייט אין אַלע אַנדערע פראַגן, און האָבן געבילדעט איין פּאַרטיי אין ציוניזמוס, עטוואָס אַ גאַנצעס, מיט אַן אייגענער וועלט׳ס אַנשויאונג — האָבן זיך דאָך אין דעם פונקט צוטיילט אין צוויי ריכטונגען, אין פּאַלעסטינצעס און טעריטאָריאַליסטן. אויף דער ערשטער אַלגעמיינער קאָנווענשאָן זיינען ביידע ריכטונגען געווען פאַרטראָטן. דער טעריטאָריאַלער פונקט האָט דאָרט פאַרנומען אַ וויכטיגן פּלאַץ אויף דער טאָגעס־אָרדנונג און איז היים דעבאַטירט געוואָרן. נאָר ווערענד פאַר דער קאָנווענשאָן איז געווען קלאָר, אַז אַ קאָמפּראָמיס אין דעם פונקט איז אונמעגליך, ווייל די פראַגע איז אַ פּרינציפּיעלע און ערלויבט קיינע קאָמפּראָמיסן, האָט זי זיך דאָך ניט אַזוי לייכט געוואָלט פּאַסן, די אָרגאַניזאַציאָן פאַנאַנדערצוטיילן. די דעלעגאַטן האָבן גוט געוואוסט די געפאַר פון פערנאַנדערטיילונג, דעם פאַרלוסט וואָס די אידעע קען ליידן, און נאָך מער האָבן זיי גוט געדיינקט וויפיל די ביידע ריכטונגען אָבוואָל זיי זיינען אין דעם פונקט ניט איינ̇יג, האָבן דאָך אין אַלגעמיין, וואָס פאַר אַ גוואַלטיגע פאַרבינדונג זיי האָבן צוזאַמען, ווייל ביידע ריכטונגען האָבן, נאָך אַלעמען, איין אַנשויאונג באַציגליך דער אידישער לאַגע, איין סאָציאַל־עקאָנאָמישן פּרינציפּ, איין לייזונג פאַר די אידן־פראַגע אַזוי ווייט וואָס אַ באָדן אין אַלגעמיין אנבאַלאַנגט, אויך איין נאַציאָנאַל־פּאָליטיק, און איינע און דיזעלבע געגנער; אין דערזעלבער צייט איז פאַר זיי, די דעלעגאַטן, אויך געווען קלאָר, וואָס פאַר אַ קאַמף מיר מוזן דורכמאַכן אין אַמעריקא, אום אונזער אידעאַל זאָל אַריינדרינגען אין דער מאַסע: אַ קאַמף פון איין זייט מיט דער גלייכגילטיגקייט פון אַ טייל פון דער היגער מאַסע בכלל, ביי וועלכער דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, ווי איבערהויפּט יעדער באַוואוסטזיין, איז אָפּגעשטאָרבן, און פון דער אַנדערער זייט מיט דער מאַסע, וואָס איז שוין אפשר מער באַוואוסט, איז אָבער לוידער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם אַסימילאַציאָנס־גייסט, און זינגט מה־יפית אויף אַ נייעם שטייגער.

די אַלע אויבנדערמאָנטע פאַקטן האָבן די דעלעגאַטן פון דער קאָנווענשאָן גוט געדענקט און האָבן זיך דאַפיר ניט געאיילט מאַכן אַ שפּאַלטונג. קיין וואונדער דאָס, וואָס ווען אַ רעזאָלוציאָן איז אַריינגעבראַכט געוואָרן וואָס האָט מעגליך געמאַכט אַ פאַרייניגונג צווישן די צוויי ריכטונגען, האָבן זיי די דעלעגאַטן א י נ ש ט י מ י ג אָנגענומען. די האַנדלונג האָט אַרויסגערופן אַלעמענס צופרידנהייט, ווייל אַלע האָבן געפילט ווי ריכטיג די קאָנווענשאָן האָט געהאַנדלט, ווי פאַרזיכטיג זי איז געווען, ניט צו צוברעכן דאָס, וואָס איז מיט אַזויפיל מי קוים אויפגעבויט געוואָרן. לויט דער רעזאָלוציאָן איז די פועלי ציון געבליבן פאַקטיש איין גאַנצע פּאַרטיי טראָץ אירע צוויי פאַרשידענע ריכטונגען אין דעם טעריטאָריאַלן פונקט, דורכדעם וואָס די פּאַרטיי האָט גראַדע אין דער פראַגע גענומען אַ נייטראַלע שטעלונג. אַזוי איז געוועזן ביז׳ן קאָנגרעס.

נאָך די פאַסרונגען אָבער אויף דעם 7טן קאָנגרעס, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז יענע רעזאָלוציאָן, כאָטש ניט אין עצם, נאָר אין דעם אופן ווי זי איז דורכגעפירט געוואָרן, וועט איצט ווייט ניט זיין צופרידנשטעלענד און וועט שטערן פיל אין דער אַרבעט. די זאַך איז דיזע:

יענע רעזאָלוציאָן, אַנערקענענדיג די נויטווענדיגקייט פון אַ לאַנד, אַ באָדן פאַר׳ן אידישן פאָלק — אָננעמענדיג אַלס איר אויסגאַנגס פונקט די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע ווי אויך סאָציאַלע לאַגע פון דעם אידישן פאָלק, דאָס הייסט, זייענדיג טעריטאָריאַל אין פּרינציפּ, האָט דאָך אָפּגעגעבן דאָס רעכט די פאַראיינען צו שטימען איבער דער פראַגע, וועלכער זאָל זיין דער באָדן, וואָס איז פיאיג צו לייזן די אידן פראַגע?

וואָלט מען דאָס צו דערזעלבער צייט אַרויפגעלייגט אויף די פאַרייגען אַלס אַ פליכט, צו אויסערן זייער מיינונג איבער דער לעצטער פראַגע, און לויט דער מיינונג זיך גרופּירן, וואָלט געווען גוט; דאָס האָט מען אָבער ניט געטאָן, דער קאָנגרעס איז געווען נאָענט, און

די פאַרייניגען האָט זיך ניט געוואָלט פריער טיילן, וואַרטענדיג אויף א באַשלוס פון קאָנגרעס. די מייסטע פאַרייניגען האָבען דאַפיר אָנגענומען נייטראַלע פּלאַטפאָרמען, וואָס דאָס האָט במילא געהייסען ניט ריידען וועגען דעם טעריטאָריאַלען פּונקט איבעראַנצען, ווי אויך ניט טאָן קיין פּאָ־לעסטינישע אָדער טעריטאָריאַליסטישע אַרבעט.

נאָר אויב אַזאַ סאָרט אָרדנונג איז נאָך געווען מעגליך ביז דעם קאָנגרעס, ווייל, ווי עס איז, זיינען דאָך איינגע ציוניסטישע איבסטיטוציאָנען געווען פאַר ביידע ריכטונגען, אַל־געמיין, און אויף אַזאַ אַרט איז נאָך געווען אַ מעגליכקייט אין אַ נייטראַלען פאַריין טאָן פּראַקטישע אַרבעט, איז דאָס אָבער יעצט, נאָכ'ן קאָנגרעס, ווען די טעריטאָריאַליסטען האָבען געמאַכט אַ באַזונדערע פּאַרטיי, געוואָרען אינגאַנצען אונמעגליך.

די פראַגע: „ווי וועט יעצט זיין מיט דער פּועלי־ציון פּאַרטיי?" האָט זיך אויף דאָס ניי ערוועקט אין די פאַרייניגען. וועלען זיך יעצט די פּועלי ציון שפּאַלטען, אָדער וועלען זיי בלייבען פאַראייניגט? איז דאָ אַ מעגליכקייט ווייטער צו אַרבייטען צוזאַמען? ווי וועט מען דאָ ווייטער אָנפירען די אַרבייט אין אַלגעמיין? אויף די אַלע פראַגען האָבען זיך געהערט פאַרשי־דענע אַנטוואָרטען, יעדער פאַריין האָט געטאָן ווי אים איז געפעלען, איינגע האָט עס אינגאַנצען ענטמוטיגט. דער א. ק. איז פאַרוואָרפען געוואָרען מיט פראַגען, אויף וועלכע ער האָט קיין באַשטימטען ענטפער ניט געקאָנט געבען. און די אַלע פראַגען באַקלערען און באַשפּרעכען האָט דער סעקרעטאַריאַט צוזאַמענגערופען אַן אַלגעמיינע זיצונג פון דעם אַקציאָנס קאָמיטעט, וועלכע האָט שטאַטגעפונען 27־טען אויגוסט.

נאָך אַ גענויע באַקלערונג פון דער לאַגע, און אַן ערנסטע באַטראַכטונג איבער דער פראַגע, האָט דער א. ק.*) אויף דער זיצונג אָנגענומען פאָלגנדען באַשלוס, געשטיצט אויף פאָלגנדע מאָטיוון.

ווען מיר באַטראַכטען און שטודירען איינערזייטס די פּרינציפּען פון די ביידע ריכטונגען אין די פּועלי ציון, ווייזט זיך אַרויס, אַז ביידע ריכטונגען האָבען אין אמת'ן איין אויס־גאַנגס פּונקט פאַר זייער טעאָריע, איין אָנשויאונג איבער דער לעזונג פון דער אידען־פראַגע, און איין געלט־ און ווירטשאַפטס־פראַגע; איין שטרעבונג צו ענדערען דעם גלות מצב און איי־נע קלאַסען אינטערעסען; איין מיינונג איבער דער נויטווענדיגקייט פון נעמען אַנטייל אין פּאָליטישן קאַמף אין די גלות לענדער אַלס גאַנצע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, ווי אויך אַ באַשטרעבונג, צו באַקעמפען פון איין זייט די אומפּעריאַליסטישע טענדענצען אין דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי, האַנט אין האַנט מיט אַלע אונטערדריקטע פעלקער, פון דער אַנדער זייט איין באַשטרעבונג צו באַקעמפען די אַסימילציאָנס און די מה־יפית געפילען אין דער אידישער מאַסע, ווי אויך אין דער אידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט ביי זיי זיך אָנגעזאַמעלט אַלס פאָלגע פון לאַנגען גלות, פון שפּילען די ראָלע איבעראַל פון „עבד עבדים", איין ווילען צו נאַציאָנאַליזירען און רעוואָלוציאָניזירען די אידישע מאַסען, וועקען אין זיי דעם נאַציאָנאַל באַ־וואוסטזיין, דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, ווי אויך די פאַרשטענדניש, אַז זיי מוזען האָבען אַן אייגענעם באָדען, אום זיי זאָלען ווערען פאָלקאָם פריי, קומט דאַהער דער א. ק. צום שלוס, אַז אין דיזע אַרבעטען גייען ביידע ריכטונגען אויך יעצט האַנט אין האַנט, און צעגייען זיך ערשט, ווען עס קומט וועגען דער פראַגע איבער דער געאָגראַפישער לאַגע פון באָדען.

פון דער אַנדער זייט, אַנערקענענדיג דעם פאַקט, אַז די פּועלי־ציון האָט ביז יעצט עקזיסטירט אַלס עטוואָס אַ גאַנצעס, זייענדיג פאַראייניגט דורך די אַלגעמיינע פּרינציפּען, און נאָכער ערשט אין איין פּונקט זיך צעטיילט, און ניט פאַרקערט, אויסגעוואָקסען אַלס באַזונדערע אָדער אַנטאַגאָניסטישע פּאַרטייען, און נאָכער אויסגעפּינען, אַז אין איינגע פּונקטען קאָנען זיי זיך גראַדע פאַראייניגען, דער אונטערשיד אין די ביידע פעלע איז גאַנץ קלאָר, דען ווערנד אין לעצטען פאַל איז פּאַקטיש דאַ צוויי צעטיילטע פּאַרטייען נאָך פון פריער און דאַרף ערשט זוכען אין וואָסערע פּונקטען זיי פאַראייניגען זיך, זיינען זיי אין ערשטען פאַל פאַראייניגט און דאַרפען זוכען אין וואָס זיי צעטיילען זיך.

שטיצענדיג זיך אויף דעם זיי עס באַשלאָסען דאָס:

---

*) אַ גענויער באַריכט איבער דער זיצונג וועט צוגעשיקט ווערען צו די פאַרייניגען.

די פּועלי ציון בלייבט ווייטער פּאַקטיש עקזיסטירן אַלס איין פּאַרטיי פאַר די אַלע פּרינציפּן, וואָס זיינען פאַר זיי, די ביידע ריכטונגען, אַלגעמיין, און צעטיילט זיך בלויז אין דעם פּונקט, איבער וועלכן יעדע ריכטונג האָט זיך איר מיינונג.

צו דערזעלבער צייט, ערקלערט דער א. ק., דאָס מער וועלן קיין נייטראַלע פּאַריינען געדולדעט ניט ווערן אין פאַרבאַנד, יעדער פּאַריין מוז וויסן, אויף וואָס פאַר אַ באָדן ער שטייט און טאָן זיין אַרבעט פאַר דיזער פּאַרטיי און אינסטיטוציאָן, וועלכע פאַרטרעט זיין מיינונג בנוגע דער טעריטאָריעלער פראַגע. און ביידערליי פּאַריינען, חוץ דעם, וואָס זיי ווערן פאַראייניגט דורך דער א. ק., גרינדן פאַר זיך נאָך צוויי צענטראַלע קערפּערשאַפטן, אַ פּאַלעסטינישע און אַ טעריטאָריאַליסטישע, יעדע פון וועלכע וועט אַכט נעמען אויף איר אַרבעט.

דיזע קערפּערשאַפטן זיינען אָבער אויסשליסליך באַשעפטיגט מיט דער איינציגער טעריטאָריאַלער פראַגע, מישן זיך אָדער ניט אין די אַנדערע אַרבעטן, וועלכע זיינען פאַר די ביידע ריכטונגען אַלגעמיין, איבערלאָזנדיג אין דעם אַ פריי פעלד פאַר דער א. ק. וואָס טוט אַלע אַרבעטן געמיינזאַם פאַר ביידע ריכטונגען.

דאָסזעלביגע וואָס איז דאָ אויסגעדריקט געוואָרן אין מערערע ווערטער, ווערט נאָכדעם אַריינגעבראַכט אין פאָרמע פון אַ רעזאָלוציאָן און ווערט פון א. ק. אַקצעפּטירט.

זי לויטעט:

אין אַנבאַטראַכט, דאָס די טעריטאָריאַליסטן און פּאַלעסטינצעס אין די „פּועלי ציון” אָרגאַניזאַציאָן, טראָץ זייערע מיינונגס-פאַרשידנהייטן איבער דער טעריטאָריעלער פראַגע, האָבן דאָך גענוג פאַראייניגונגס-פּונקטן, פיל געמיינזאַמע אַרבעט, און אויך אַלגעמיינע געגנער, זיי עס באַשלאָסן, דאָס, אבוואָל די פּאַריינען דאַרפן זיך פון היינט אָן און ווייטער גרופּירן לויט זייער מיינונג איבער דער טעריטאָריאַלער פראַגע, און וועלען פאַראייניגט ווערען, יעדע ריכטונג דורך אַ העכערער, באַזונדערער צענטראַלער קערפּערשאַפט, וואָס וועט נעמען אַכט אויף דיזער אַרבעט, וואָס איז שייך צו דעם טעריטאָריאַלן פּונקט, בלייבט דאָך אַלץ דער א. ק. פיגורירן אַלס גאַנצע, ניט-צעטיילבאַרע קערפּערשאַפט פון דער גאַנצער פּועלי ציון פּאַרטיי, און דיזע קערפּערשאַפט טוט די גאַנצע סומע אַרבעט, וואָס איז פאַר ביידע ריכטונגען אַלגעמיין.

געשטיצט אויף דער רעזאָלוציאָן זיי עס ווייטער באַשלאָסן: ווענדן זיך באַלד צו אַלע פּאַריינען מיט פאַרעפנטליכונג, אָפּצושטימען דעם טעריטאָריאַלן פּונקט, זיך גרופּירן לויט דעם מיינונג איבער דעם, איינשליסן זיך אין א. ק. וואָס טוט די גאַנצע מאַסע אַלגעמיינע אַרבעט און אָנשליסן זיך אָן דער קערפּערשאַפט, געשאַפן ספּעציעל מיט דעם צוועק, צו נעמען אַכט אויף די פּאַלעסטינישע און די אַנדערע אויף די טעריטאָריאַליסטישע אַרבעט.

באַשלוסן געפּאַסט אויף דער א. ק. זיצונג:

1) אַרויסגעבן אונזער פּלאַטפאָרם.

2) צוטרעטן צו דער אַרבעט פון אַ וואָכנבלאַט.

3) שאַפן געלט פאַר דעם זעלבסטפאַרטיידיגונגס פאָנד און צוליב דעם זיך ווענדן אויך צו די אַלגעמיינע ציוניסטישע פּאַריינען דירעקט און דורך דער פעדעריישאָן.

4) אויפפאָדערן די פּועלי ציון פּאַריינען ווייטער צו אַרבעטן פאַר דעם פאָנד.

5) דאָס געלט פון פאָנד צעטיילן צווישן די רוסישע פּועלי ציון פּאַלעסטינצעס און טעריטאָריאַליסטן אויף דער העלפט.

6) ווירקן אויף די רוסישע פּועלי ציון, אַז זיי זאָלן זיך, וואָס דער זעלבסטפאַרטיידיגונג אַנבאַלאַנגט, איבעראַל פאַראייניגן.

7) אַוועקשיקן אַ טייל געלט פון זעלבסטפאַרטיידיגונגס פאָנד די פּועלי ציון טעריטאָריאַליסטן, און די פּאַלעסטינצעס שיקן אַזוי שנעל ווי מען וועט באַקומען זייער אַדרעס פון זייער צ. ק.

אַקציאָנס קאָמיטעט
פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציאָן
פּועלי ציון און אַמעריקא

(1905).

אונזער פּלאַטפאָרם

אַנגענומען אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציאָן „פּועלי ציון" פון אַמעריקע, אין באַלטימאָר, דעם 23טן, 24טן, 25טן און 26טן דעצעמבער, 1905.

א.

אונזער שטעלונג צום ציוניזם:

א) אַזוי ווי די ענטוויקלונג פון דער מענטשהייט דריקט זיך אויס אין די פאָרמען פון ענטוויקלונג פון איינצעלנע נאַציאָנען;

ב) אַזוי ווי צו די נאָרמאַלע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע אַנט־וויקלונג פון יעדער נאַציאָן איז אונבעדינגט נויטיג, זי זאָל בילדן אַ מאַיאָריטעט אויף אַ בעשטימטן באָדן;

ג) און אַזוי ווי דיזע ענטוויקלונג קען פערווירקליכט ווערן נאָר אויף דעם היסטאָרישן בערעכטיגטן באָדן פון דעם בעטרעפענדן פאָלק: שליסן מיר זיך אָן צו דעם ציוניזם, וועלכער שטרעבט צו שאַפן אַן עפנטליך, רעכטליך גע־זיכערטע היים פאַר דעם אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע.

ב.

אונזער שטעלונג צום סאָציאַליזם.

א) בעטראַכטנדיג די איצטיגע געזעל־שאַפט, וועלכע איז באַזירט אויף פּריוואַט אייגענטום, אַלס אַ געזעלשאַפט אין וועלכע אַ מינאָריטעט אין בעזיץ פון די פּראָדוקציאָנסמיטלען און פּראָדוקציאָנס אינסטרומענטן אייגנעט זיך אָן די אַרבעט פון דער בעזיצלאָזער מאַיאָריטעט, — שטרעבן מיר אָפּצו־שאַפן דיזע אונגערעכטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג און איינצופירן אַ סאָציאַלע אָרדנונג באַזירט אויף קאָלעקטיווען אייגנטום.

ב) אַלס סאָציאַליסטן נעמען מיר אַנטייל אין אַלץ וואָס פירט צו די בעפרייאונג פון די אַרבעטער מאַסן און גייען צוזאַמען מיט אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען אַזוי לאַנג ווי זיי ווידערשפּרעכן ניט אונזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

ג) מיר באַקעמפן אַלע אַסימילאַטאָרישע און אימפּעריאַליסטישע טענדענצן אין די סאָציאַליסטישע רייען און פאָדערן דאָס דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס זאָל זיין פאַרטראָטן ניט נאָך טעריטאָריעלע גרענעצן נאָר נאָך נאַציאָנאַלע גרופּירונגען.

ד) מיר שטרעבן צו אָרגאַניזירן די אידי־שע אַרבעטער אויף די יסודות פון נאַציאָנאַלן און קלאַסן בעוואוסטזיין.

ה) מיר שטרעבן צו פאַראייניגן אַלע אידישע אַרבעטער אונטער דער פאָן פון פּועלי ציון.

ו) מיר שטרעבן צו אָרגאַניזירן די פּועלי ציון אין אַ וועלטליכן פאַרבאַנד.

ז) מיר שטרעבן דאָס דער צוקונפטיגער אידישער שטאַט זאָל נאָך מעגליכקייט געגרינ־דעט ווערן אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

געגנווארטס פּראָגראַם.

א) אָבגלייך די פאָלקאָמענע לייזונג פון דער אידישער פראַגע קען נאָר פערווירקליכט ווערן אויף זיין אייגענעם באָדן אין ארץ ישראל קעמפן מיר פאַר די פולע גלייכבאַ־רעכטיגונג פון דעם אידישן פאָלק אין די גלות לענדער.

ענגלאַנד

פאַרבאַמערקונג.

אין זומער 1902 איז אין דער לאָנדאָנער איסט-ענד אַנטשטאַנען אַ ציוניסטישער פאַריין „מערבי“, אַרום וועלכן ס'האָט זיך גרופירט בעיקר די איינגעוואַנדערטע מזרח-אידישע יוגנט, וואָס איז געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער בעל-הבית'ישער און אַנטי-דעמאָקראַטישער אָנפירונג פון דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע. אַן ענליכער פאַריין האָט זיך אין דערזעלבער צייט געגרינדעט אין לידז מיט'ן נאָמען „חלוצי-ציון“. די גרופּע האָט זיך געשטעלט דעם ציל, „צו פאַרברייטערן דעם ציוניזם אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און אויף דעם גרונד פון נאַציאָנאַלער זעלבסט-הילפע“.

אַרום די דאָזיגע פאַריינען האָבן זיך גרופירט די ערשטע אַרבעטער-ציוניסטן. די „מערבים“ האָבן ערקלערט, אַז זיי ווילן אַרבעטן פאַר'ן רענעסאַנס פון מערב-אַזיע און האָבן אפילו אויפגעשטעלט אַ סאָציאַליסטישע קאָנסטיטוציע פאַר „גרויס-ארץ-ישראל“. „דער באָדן און זיינע רייכטימער זאָל געהערן דעם גאַנצן פאָלק; אַלע זאָלן אַרבעטן נאָך די קרעפטן און באַקומען נאָך באַדערפעניש — דער יחיד פאַר דעם רבים און דער רבים פאַר דעם יחיד“...

„די רענעסאַנס-סאָציאַליסטן זיינען דאָ געווען די טרעגער פון ציוניסטישן אידעאַל אינערהאַלב דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און טרייד-יוניאָניזם. צוערשט האָבן זיי געזוכט צו געווינען גאַנצע יוניאָנס פאַר דעם „פּועלי ציוניזם“. (פּועלי ציון האָט מען דעמאָלט געמיינט אַרבעטער-ציוניסטן). דער אָנפאַנג איז געמאַכט געוואָרן מיט די שנוידערס און סטאָליערס אין די איסט-ענד פון לאָנדאָן. דער נצחון איז געווען גרויס, אָבער די זיגרייכע עראָבערער האָבן באַלד איינגעזען, אַז זיי האָבן באַזיגט אַ חורבה, אַז די אידישע יוניאָנס אין ענגלאַנד בליען און פאַרוועלקן ווי דער קיקיון דיונה, נאָך איידער דער פּרימאָרגן ערשיינט. די סאָציאַליסטן און ציוניסטן האָבן אויך איינגעזען, אַז די „יוניאָן“ מוז זיין זעלבסטשטענדיג און אומפּאַרטייאיש, אויב זי פאַרטרעט ווירקליך די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער-קלאַס. די פּועלי ציון זיינען דעריבער אָרגאַניזירט געוואָרן אין זעלבסטשטענדיגע סאָציאַליסטיש-ציוניסטישע פאַריינען און אַריינגענומען אין זיך אַרבעטער פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס.“*)

די חברים פון דער דאַמאָלסטיגער פּועלי ציון זיינען געווען ווייט פון קלאַסנקאַמף און נאָך ווייטער פון סאָציאַליזם. זיי האָבן נאָר געוואָלט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אַגיטירן און פאַרשפּרייטן צווישן די אידישע אַרבעטער: די אַרבעט פון די פאַריינען איז באַשטאַנען אין פאַרקויפן שקלים, אַקציעס און נאַציאָנאַל-פאָנד-מאַרקעס. אין אינטעליגענטע קרעפטן איז דער פאַריין געווען אָרים.

גלייכצייטיג האָט אין לאָנדאָן געאַרבעט אַ מער אינטעליגענטער פאַריין מיט'ן נאָמען „פאָרווערטס“. דיזער פאַריין האָט געזאָלט זיין אַן אָפּטיילונג פון דער דאַמאָלסטיגער אָרגאַניזאַציע „חירות“. ביי דיזן פאַריין טרעפן מיר שוין אַ געדרוקטע פּראָגראַם, וועמעס צוועק עס איז:

1) אַגיטירן דעם באַזעלער פּראָגראַם צווישן די אידישע אַרבעטער;

2) זיין מיטגלידער אין די טרייד-יוניאָנס:

ווי מיר זעען, איז דיזער פאַריין שוין מער ראַדיקאַל, ער אַנערקענט שוין דעם קלאַסנקאַמף, אויף וויפיל די אומשטענדן ערלויבן.

ווי געזאָגט, האָט דער פאַריין עקזיסטירט אַלס אַן אָפּטיילונג (בּרענטש) פון „חירות“, טראָץ דעם וואָס דער צווייטער פּונקט פון זיין פּראָגראַם איז געווען געגן דעם פּראָגראַם פון „חירות“. „חירות“ האַלט, אַז די אַרבעט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אידן אין די גלות-לענדער איז ניט פאַרבונדן מיט דעם ציוניזם, און באַשעפטיגט זיך ניט מיט איר אַלס אָרגאַניזאַציאָן. דער פאַריין „פאָרווערטס“ האָט ניט שלעכט געאַרבעט אין דעם זינען פון ליטעראַטור פאַרשפּרייטונג פון דער דאַמאָלסטיגער „יונג-ישראל“, „חירות“, א. אז. וו. און האָט אַליין אויך אַרויסגעגעבן איניגע בראָשורן.

אָבער צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער שטילקייט איז דיזער פאַריין אויך שטיל געוואָרן. שפּעטער האָט די רוסיש-אידישע עמיגראַציע אַהער אויך פאַרוואָרפן איניגע חברים פון די רוסישע פּועלי-ציון, אַהערקומענדיג מיט דעם גאַנצן ברען פון רוסלאַנד האָבן זיי ניט געקאָנט אַריינטרעטן אין ביידע עקזיסטירנדע פאַריינען, און זיי האָבן געגרינדעט די „גרופּע רוסישע אַרבעטער-ציוניסטן“. דער צוועק פון דיזער גרופּע איז געווען: בילדן די חברים אַזוי, אַז זיי זאָלן קענען אַריינטראָגן לעבן אין דער אַלגעמיינער לאָנדאָנער אידישער מאַסע. דיזע ערליכע נאַאיוויטעט פון יענע חברים, פאַר וועמען דאָס לאַנד און די אומשטענדן זיינען אינגאַנצן אומבאַקאַנט געווען, האָט געפירט דערצו, אַז נאָך אַ קורצע עקזיסטענץ פון פאַר זיך ערנסטע אַרבעט, איז די גרופּע אונטערגעגאַנגען. שפּעטער האָבן זיך די אַלע לעבעדיגע

---

*) יחיאמת, „דער פּועלי ציוניזם אין ענגלאַנד“, „אידישער אַרבעטער“ לעמבערג, 12 מערץ, 1909.

און טויטע גרופּן פאַראייניגט אין אַ „ראַדיקאַל ציוניסטישן אַרבעטער־פאַריין פּועלי ציון,
לאָנדאָן“, און אין אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן, ערקלערן זיי פאָלגענדעס:

—„מיר, די „פּועלי ציון“, שטייענדיג אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די אידן אין אַלע גלות־
לענדער, וועלכע אַרבעטן פאַר אַ בעסערע צוקונפט פון זייער פאָלק, דאַרפן אויך קעמפן פאַר
די געגנוואַרטיגע פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע; דאַרפן און מוזן אַנערקענען דעם קלאַסנ־
קאַמף, וועלכער איז דער ראַדיקאַלסטער מיטל צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע“.

דער דאָזיגער פאַריין איז שוין טאַקע געווען אַ ראַדיקאַל־ציוניסטישער.
עס איז אים אויך געלונגען צוציען די בעסטע קרעפטן, וועלכע די לאָנדאָנער ציוניסטישע
באַוועגונג האָט געהאַט. דער פאַריין האָט אויך ערפאָלגרייך געאַרבעט: אָרגאַניזירט די חברים
אין טרייד־יוניאָנס, געגרינדעט אַ ביבליאָטעק און פאַראַנשטאַלטעט אַלע וואָך רעפעראַטן.*)

נאָכ׳ן זעקסטן קאָנגרעס שפּאַלטן זיך די ענגלישע פּועלי־ציון אין אוגאַנדיסטן און פּאַ־
לעסטינצעס. עס גרינדן זיך פּאַלעסטינישע פּועלי־ציון־פאַריינען אין לאָנדאָן, לידז, ליווער־
פּול, מאַנטשעסטער, גלאַזגוי. די דאָזיגע פאַריינען זיינען שוין מער אָדער ווייניגער אויס־
געשפּראָכן סאָציאַליסטישע. (זע די פּראָגראַמען פון די פאַריינען אין לאָנדאָן און לידז,
זייטן 67—68).

אין פרילינג 1905 ערשיינט דער חודש־זשורנאַל „די אידישע פרייהייט“**),
אַ ראַדיקאַל־ציוניסטישער אַרבעטער־אָרגאַן, אַרויסגעגעבן פון די פאַראייניגטע פּועלי־ציון אין
ענגלאַנד. אין דעם ערשטן העפט פון דעם אָרגאַן ווערט דערציילט, אַז די „אידישע סאָציאַ־
ליסטן“, וועלכע ווילן אַרבעטן פאַר׳ן ציוניזם און פאַר׳ן סאָציאַליזם, האָבן זיך אָרגאַניזירט
ענדליך אַלס „אַרבעטער ציוניסטן, פּועלי־ציון“. אין דעמזעלבן העפט ווערט אויך
ערקלערט, אַז:

פאַר׳ן סאָציאַליזם עקזיסטירט קיין גלות און די גאַנצע ערד איז זיין ארץ ישראל.
איבעראַל, וואו דער מענש איז, מוז ער, ווען ער איז זיין „איך“־באַוואוסט, קעמפן פאַר
זיינע מענטשליכע רעכט, פאַר זיין אינדיווידועלע און סאָציאַלע אונאָפּהענגיגקייט, פאַר דער
אָפּשאַפונג פון דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער עקספּלואַטאַציע, פאַר די אַנערקענונג פון
זיין רעכט אויף אַרבעט און די פרייע אַנטוויקלונג פון זיינע אידישע און נאַציאָנאַלע אייגנ־
טימליכקייטן, אויף זיין חשבון“. (זייט 3).

אין דעם צווייטן העפט ווערט מיטגעטיילט, אַז „די פּועלי ציון איז אַ באַזונדער פּאַרטיי
אין ציוניזם“ (זייט 40), עס ווערט פּאָלעמיזירט געגן די ליווערפּולער ציוניסטן, וועלכע
נוצן אויס דעם נאָמען „פּועלי־ציון“ פאַר אַ ניט סאָציאַליסטישן פאַריין (זייט 41) און עס
ווערט ערקלערט, אַז:

„פּועלי ציוניסטן אין ריכטיגן זין זיינען נאָר די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, ביי וועלכע עס
איז פאַראייניגט און פאַרבונדן דאָס אינדיווידועלע און סאָציאַלע און זיי קענען און ווילן
קעמפן אָדער אַרבעטן פאַר ביידע צוזאַמען, ניט מוחל זייענדיג אויף איינע צוליב די אַנדע־
רע“ (זייט 2 ***).

דעם 14טן און 15טן אַפּריל 1906 ווערט אויף דער איניציאַטיוו פונ׳ם לידזער פאַריין אָפּ־
געהאַלטן אין מאַנטשעסטער אַ קאָנפערענץ צו וועלכער עס זיינען געקומען דעלעגאַטן פון
ליווערפּול, לידז, מאַנטשעסטער און אַנדערע שטעט ****).

אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ האָבן זיך בנוגע דער פּראָגראַם־פראַגע אַרויסגעוויזן צוויי
שטרעמונגען: אַ ראַדיקאַלע, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי דאַרף ניט אָננעמען קיין
בפירוש־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם, נאָר בלויז אָרגאַניזירן די אַרבעטער אויפ׳ן באָדן פון די
פּרינציפּן פונ׳ם ענגלישן טרייד־יוניאָניזם, און אַ סאָציאַליסטישע, וועלכע פאַרלאַנגט אַ קלאָר־
סאָציאַליסטישע פּראָגראַם. צו קיין אידעאישער אייניגונג איז מען ניט געקומען. דאָס
אָנגענומענע פּראָגראַם רעדט בלויז וועגן „די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן און עקאָנאָמישן
קלאַסן־קאַמף“. ס׳ווערט אָבער גאַראַנטירט דעם סאָציאַליסטישן פליגל פרייהייט פון סאָציאַ־
ליסטישער אַגיטאַציע (זע ווייטער „מאַנטשעסטער פּראָגראַם“.)

אין משך פון 1906 איז אָבער די ריין־סאָציאַליסטישע ריכטונג שטאַרקער געוואָרן. פון
איין זייט דורכ׳ן צוקומען פון חברים אויס רוסלאַנד, פון דער צווייטער זייט אַ דאַנק דער
השפּעה פון דער פּועלי־ציוניסטישער ליטעראַטור פון רוסלאַנד, עסטרייך און אַמעריקאַ, וואָס
איז געלייענט געוואָרן אויך פון די ענגלישע חברים. אַזוי איז שוין אויף דעם 25טן דע־

---

*) ר. קענדזשערסקי, מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון פּועלי־ציוניזם אין ענגלאַנד,
„אידישער קעמפער“, ניו יאָרק, 8 און 15 נאָוועמבער, 1907.

**) פון דעם זשורנאַל זיינען אַרויס בלויז דריי נומערן.

***) יתיאמת, דאָרט.

****) אין די באַריכטן וועגן דער דאָזיגער קאָנפערענץ, וואָס זיינען ערשינען אינ׳ם קראָ־
קאָווער „אידישן אַרבעטער“ (פונ׳ם 11טן מאַי, 1906) און אינ׳ם ניו־יאָרקער „אידישן
קעמפער“ (1906, נומ. 8) איז ניט דערמאָנט וועגן דער באַטייליגונג פונ׳ם לאָנדאָנער פאַריין.
דאָס האָט געווים פאַרלייכטערט דער ליווערפּולער קאָנפערענץ (זע ווייטער), ניט צו אַנערקענען
דעם קאָנפערענץ פון מאַנטשעסטער און זיך אַליין צו באַטראַכטן אַלס די ערשטע.

צעמבער, 1906, דאַמאָל אויף דער איניציאַטיווע פונ׳ם לאָנדאָנער פאַריין, צונויפגערופן געוואָרן אַ נייער קאָנפערענץ קיין ליווערפּול, וועלכער האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס „ערשטער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון אין ענגלאַנד“ און אָנגענומען אַ נייעם פּראָגראַם, וועלכער איז בעיקר באַאיינפלוסט פונ׳ם פּאָלטאַווער פּראָגראַם, הגם אין דער באַגרינדונג פונ׳ם סטיכישן פּראָצעס ווערט אויך דער אידעאָלאָגישער פאַרבינדונג פון דער „אידיש־געשיכטליכער אַנטוויקלונג“ מיט ארץ ישראל אָפּגעגעבן אַן אָרט אַלס „געזעלשאַפטליך שאַפענדער פאַקטאָר“.
ב. ל.

סטאַטוטן פון די „פּועלי־ציון“, נומער 1

(ציוניסטישער אַרבעטער־פאַראיין, לאָנדאָן, 1)

אם אין אני לי, מי לי,
ואם לא עכשיו, אימתי?
(הלל).

נאָמען.

1) „פּועלי ציון“ נומער 1. ציוניסטישער אַרבעטער פאַראיין, לאָנדאָן.

צוועק.

1) העלפן פאַרברייטן און פּאַרטיפּן דעם באַזעלער פּראָגראַם, וועלכער באַצוועקט די באַשאַפונג פאַר דאָס אידישע פאָלק — אַן אייגענע היים אין ארץ־ישראל.

2) דעמאָקראַטיזירן די ציוניסטישע באַוועגונג.

3) אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער־מאַסן לויט די פּרינציפּן פון קלאַסן־קאַמף.

4) זעלבסטבילדונג.

מיטל.

1) „פּועלי ציון“ אַגיטירט צווישן אידישן פּראָלעטאַריאַט דורך לעקטשורס, קורסן, פּובליק־מיטינגס, ביבליאָטעק, גימנאַסטיק, מוזיק און ליטעראַטור.

באמערקונג: פּועלי ציון וועט זוכן באַשאַפן מיטלען, וועלכע זאָלן ערמעגלאָכן צו פירן אַ שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדע דורך בראָשורן, ליפלעטס א. ד. ג.

2) פּועלי ציון אונטערשטיצט אַלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס ווי נאַציאָנאַל־פאָנד, שקל און באַנק.

3) פּועלי ציון באַטייליגט זיך אין אַלע נאַציאָנאַלע אַרבעטן, וועלכע זיינען ניט געגן ציוניסטישן פּראָגראַם לויט איר שטאַנדפּונקט.

4) פּועלי ציון זאַמלט געלט, כדי צו גרינדן אַן אונטערשטיצונגס־פאָנד פאַר די חברים.

חובות און רעכטע פון חברים.

1) יעדער חבר צאָלט ווייניגסטנס צוויי פּענס אַ וואָך.

2) מוז אַלע אַרבעט אויספירן, וועלכע ליגט נאָר אין זיין מעגליכקייט.

3) מוז קומען צו אַלע פאַרזאַמלונגען.

4) מוז אומעטום פאַרטרעטן די אינטערעסן פון פאַראיין.

5) דאַרף זיין אַ „יוניאָן־מעמבער“.

6) דאַרף זיין אַן אַקציאָנער פון אידישן קאָלאָניאַל־באַנק.

7) מוז האָבן אַ שקל און ווייניגסטנס 2 שקלים פאַרקויפן.

8) מוז טוילנעמען אין „קאָנגרעס־וואַלן“ און מוז באַזונדערס פיל זאָרגן פאַר׳ן ב. פּ.

9) ער האָט דאָס רעכט זיך צו באַטייליגן אין אַלע וואַלן און אַליין אויסגעקליבן צו ווערן.

10) האָט דאָס רעכט דעם קאָמיטעט פאָרצושלאָגן פּונקטן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע.

11) האָט דאָס רעכט אַנטייל צו נעמען אין אַלע קורסן.

רעזאָלוציאָנען

1) אונזער שטעלונג צו דער ענגליש־ציוניסטישער־פעדערײשאָן. ערקלערנדיג, אַז די ע. צ. פ. האָט ביז איצט ניט ערפילט די ציוניסטישע חובות, וואָס אַ לאַנדס־קאָמיטעט האָט אויף זיך, ווילן מיר דאָך באַלאַנגען צו איר אַזוי לאַנג ווי מען וועט אונז דאָרט צולאָזן צו אַ פרייער ערליכער קריטיק.

2) אונזער שטעלונג צו דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“. גייענדיג מיט איר האַנט אין האַנט, וואו זי פאַרטרעט די אַרבעטער־אינ־

טערעסן, וועלן מיר זי באַקעמפן דאָרט, וואו זי אַנערקענט ניט די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן בכלל און די אידישע בפרט.

3) צו אוגאנדא. מיר באַטראַכטן יעדע דערוויליגע גרינדונג פון אַ אידנשאַפט, אָדער אידישע אויטאָנאָמיע דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין איין אַנדער לאַנד אויסער ארץ־ישראל, אַלס אַ וועג, וועלכער דערווייטערט אונז פון אונזער הויפּט ציל; מיר וועלן דערפאַר קעמפן געגן אַלע אַזעלכע פּלענער, וועלכע שטערן אונז אין אונזער אמת ציוניסטישער אַרבעט.

4) אונזער שטעלונג צו דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. אַלע קאָנגרעס־באַשלוסן זיינען מיר פאַרפּליכטעט אויסצופירן; מיט אויסנאַמע פון יענע, וועלכע זיינען געגן ארץ־ישראל און געגן די אינטערעסן פון „פּועלי ציון“.

איינשטימיג אָנגענומען, לאָנדאָן, י״ח תמוז, א., תתל״ה לגלותנו.

פּראָגראַם פון די לידזער פּועלי־ציון (1905)

1) פּועלי ציון שטייען אויף דעם שטאַנדפּונקט, וועלכן ס'האָט אָנגענומען דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער שטרעבט אומצוענדערן די אינדיווידועלע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג אויף אַ געזעלשאַפטליכע.

2) פּועלי ציון אַנערקענען די רעכטע פון יעדער נאַציאָן אויף זעלבסט־באַשטימונג.

3) פּועלי ציון אַנערקענען: די באַפרייאונג פון די נאַציאָנען קען געלינגען נאָר דאַן, ווען די געגנוואַרטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע רופט אַרויס שטרייטיגקייטן צווישן נאַציאָנען, וועט אינגאַנצן געענדערט ווערן.

4) פּועלי ציון געפינען פאַר נויטיג די באַשאַפונג פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן צענטער אין ארץ־ישראל, כדי די אידישע נאַציאָן זאָל האָבן אַן אָנהאַלט און זאָל זיך קענען אַנטוויקלען ווי אַ באַזונדערע נאַציאָן.

פּועלי ציון איז אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון אידישע אַרבעטער, וועלכע שטעלן זיך פאָלגנדע אויפגאַבן: א) שאַפן פאַר דאָס אידישע פאָלק אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן צענטער אין ארץ־ישראל; ב) פירן אַ קאַמף פאַר בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכטע אין די גלות לענדער; צו באַקעמפן די איצטיגע עקאָנאָמישע אָרדנונג גלייך מיט אַנדערע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס.

(אידישע פריהייט, נומ. 2, לאָנדאָן, 1905.)

מאַנטשעסטער פּראָגראַם (אַפּריל 1906)

א) „פּועלי ציון“ איז אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אידישע אַרבעטער, וועלכע שטרעבט גלייך מיט דעם גאַנצן אידישן פאָלק צו אַן אייגענע נאַציאָנאַלע היימאַט נאָר אין ארץ־ישראל.

ב) די אָרגאַניזאַציאָן פון „פּועלי ציון“ שטרעבט צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער לויט די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן און עקאָנאָמישן קלאַסן־קאַמף.

1. אָבער די ראַדיקאַלישע אגודות פון די פּועלי ציון מוזן לאָזן פריי זייערע פּלאַטפאָרמען פאַר דער אַגיטאַציע פאַר דעם סאָציאַליסטישן פּועלי־ציוניזם.

2) זיי זיינען פאַרפּליכטעט צו שטיצן אונזער אַלגעמיינע פּועלי ציוניסטישע ליטעראַטור.

3. מיר מוזן זיין פאַראייניגט מיט די אָרגאַניזאַציעס פון פּועלי־ציון פון דער גאַנצער וועלט, און אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס מוזן מיר שיקן אונזערע אייגענע דעלעגאַטן, פּועלי־ציוניסטן, וועלכע זאָלן זיך פאַראייניגן מיט אַלע דעלעגירטע פּועלי־ציוניסטן אום אויסצוקעמפן אונזערע פאָדערונגען פון דעם ציוניסטן־קאָנגרעס.

ג) די יוניאָנס (פאַך־פאַראיינען) מוזן זיין אומפּאַרטייאיש.

ד) יעדער חבר פון די „פּועלי ציון“ איז פאַרפּליכטעט צו באַלאַנגען צו אַ יוניאָן.

ה) „פּועלי־ציון“ מוז גרינדן יוניאָנס דאָרט, וואו עס זיינען קיינע יוניאָנס ניטאָ.

ו) מיר געהערן צו דער ענגליש ציוניסטן־פעדעראַציאָן כל זמן מיר האָבן נאָך קיין אייגענע.

ז) אַזוי ווי צו אַן אייגענע פּועלי־ציוניסטישע פּרעס אין ענגלאַנד האָבן מיר נאָך ניט קיין קרעפטן, מוזן מיר זיך דערווייל באַנוצן מיט די אויסלענדישע ליטעראַטור, ביז דער 2־טער קאָנפערענץ, וואו מיר וועלן האַנדלען וועגן דער פראַגע.

ח) שטיצן ווי ווייט מעגליך די „זעלבסטשוץ“ פון די פּועלי־ציון אין רוסלאַנד.

ט) מיר זאָלן שטיצן ווי ווייט מעגליך אַגיטאַטאָרן פון רוסלאַנד, וועלכע וועלן קומען אַגיטירן דעם פּועלי־ציוניזם אין ענגלאַנד.

י) אַרבעטן אין דעם ערעפענונג פון מאָדערנע שולן צו לערנען העברעאיש און ענגליש.

יא) באַשלאָסן צו גרינדן אַ צענטראַלען קאָמיטעט פון אַלע פּועלי־ציון אין ענגלאַנד, וועלכער זאָל קומען אין פאַרבינדונג מיט די אויסלענדישע קאָמיטעטן פון פּועלי־ציון און מיט דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

(„אידישער אַרבעטער“, קראקוי, מאַי 11, 1906).

ליווערפּול פּראָגראַם (דעצעמבער 1906)

1) אַלגעמיינעס.

די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פירט מיט היסטאָרישער נויטווענדיגקייט צום אונטערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג, וואָס איר גרונדלאַגע איז אין דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון דער געזעלשאַפטס־פּראָדוקציאָן; זי טרענט דעם אַרבעטער פון זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פאַרוואַנדלט אים אין אַ באַזיצלאָזן פּראָלעטאַריער.

האַנט אין האַנט מיט דער מאָנאָפּאָליזירונג פון געזעלשאַפטס־רעכטום גייט: 1) דער אונטערגאַנג פון דעם קליין־באַטריב דורך דעם קאָלאָסאַלן גרויס־באַטריב פון קאַפּיטאַל; די אַנטוויקלונג פון ווערק־אַרבעטער צום מאַשין־פּראָלעטאַריער.

דורך דיזער אַנטוויקלונג ווערט וואָס ווייטער אַלץ גרעסער די צאָל פון: 1) פּראָלעטאַריאַט, 2) אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי, און שאַרפער ערשיינט דער געגנזאַץ פון אַרבעט מיט קאַפּיטאַל. אַלס רעזולטאַט איז דער קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט מיט בורזשואַזיע.

2) אומנאָרמאַלער פּראָלעטאַריזירונגס פּראָצעס.

די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם צווינגט די אידישע מאַסן צו פּראָדוצירן די אָפּגעשטאַנענע צווייגן פון דער געזעלשאַפטס־פּראָדוקציאָן און שוואַכט אָפּ דעם סטראַטעגישן באַזיס פון אידישן פּראָלעטאַריאַט.

ניט בילדנדיג קיין נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלן ווירטשאַפטס־אָרגאַניזם, אַנטשטייט אַ געשיכטליך קאָלאָסאַלע עמיגראַציע און אימיגראַציע, אַרויסוואַרפנדיג די אידישע מאַסן פון לענדער מיט קליין פּראָדוקציאָנס־אַנטוויקלונג צו לענדער פון קאָלאָסאַל קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אַנטוויקלונג.

געפינענדיג דעם אַרבעטס־מאַרק פאַרפולט, דריקט דאָס זיי ווייטער צו עמיגרירן.

3) דער עמיגראַציאָנס־קאָנצענטרירונגס־פּראָצעס.

די עמיגראַציאָן שטרעבט צו לענדער, אין וועלכע זי געפינט דעם קלענסטן סאָציאַלן ווידערשטאַנד, אָפּשטעלנדיק זיך אין דעם לאַנד, וועלכעס אַנטשפּרעכט פאָלגענדעס:

1) האַלב אַגריקולטור אַנטוויקלונג.

2) ווי די לאָקאַל־פּאָליטישע הערשאַפט פירט ניט קיין קאָלאָניאַל־פּאָליטיק.

3) וועלכע האָט געאָגראַפיש נייטראַלע באַציאונג צו דער וועלטליכער קאָלאָניאַל־ און ווירטשאַפטס־פּאָליטיק.

4) מיט וועלכער די איד־געשיכטליכע אַנטוויקלונג איז אָביעקטיוו־עטנאָגראַפיש און אידעאָלאָגיש פאַרבונדן און וואָס דיזע פאַרבינדונג איז איבערגעגאַנגען אין אַ געזעלשאַפטליך שאַפנדן פאַקטאָר.

דער סטיכישער עמיגראַציאָנס־פּראָצעס פירט צו דער קאָנצענטרירונג פון אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינא, און דערמיט ווערט פאַרשטאַרקט דער סטראַטעגישער באַזיס פון אידישן פּראָלעטאַריאַט.

4) די פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינא.

אַנערקענענדיג דיזע טעזן, זיינען אונזערע פּרינציפּן:

1) די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום און די פאַרגעזעלשאַפטליכונג פון באָדן און פּראָדוקציאָן. דער איינציגער וועג, וואָס די פּאַרטיי אַנערקענט, איז דער קלאַסנקאַמף פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין די רייען פון אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט.

2) די שאַפונג פון פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר דעם אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

3) אינטעלעקטועל, פיזישע און מאָראַלי־

שע אַנטוויקלונג פון די אידישע מאַסן אויף דעם גרונט פון זעלבסטהילפע.

1) פּאָליטישע אַרבעט.

1) דורכפירן דאָס נאַטוראַליזאַציאָנס־געזעץ אין די איינגעוואַנדערטע אידישע מאַסן אַלס מעגליכקייט פאַר די שטים־ און בירגער־רעכט.

2) שטימען פאַר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען אין פּאַרלאַמענט און אין קאָונטי קאָונסיל.

(באַמערקונג. אין די צירקלען וואו די אידישע מאַסן וואוינען אַלס מאַיאָריטעט, וועלן מיר זען דורכפירן אַ אידישן סאָציאַליסט אַלס פּאַרטיידיגער פון די באַזונדערע אידיש־נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אינטערעסן).

3) באַאיינפלוסן די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האַלטן זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון שמאָלן פּראָפעסיאָנעלן קאַמף, אַז זיי זאָלן אָננעמען דעם סאָציאַליסטישן און פּאָליטישן קאַמף.

2) עקאָנאָמישע אַרבעט.

1) אַנטייל נעמען אין די טרייד־יוניאָנס. (באַמערקונג: אַזוי ווי די טרייד־יוניאָנס אין ענגלאַנד זיינען זייער קאָנסערוואַטיוו געשטימט, וועלן מיר קעמפן געגן אַלע קאָנסערוואַטיווע און אַנטי־רעוואָלוציאָנערע באַשליסע).

2) אָנפירן אַ סיסטעמאַטישע אַגיטאַציע פאַר די פּרינציפּן פון קלאַסנקאַמף און אַליין אָרגאַניזירן סטרייקס אין די פאַכן, פון וועלכע עס עקזיסטירט ניט קיין יוניאָנס.

3) סאָציאַליסטישע טעטיגקייט.

1) אַנטייל נעמען אין סאָציאַליסטישן קאָנגרעס און אויספירן זיינע באַשלוסן.

(באַמערקונג. אַזוי ווי דער סאָציאַליזם אַלס פּריוואַטס־אידעאַל מוז שטרעבן צו דער זעלבשטענדיגקייט פון יעדער אונטערדריקטער נאַציאָן — וועלן מיר קעמפן געגן די באַשליסע, וועלכע שאַדן די אינטערעסן פון די אונטערדריקטע נאַציאָנען בכלל און פון אידישן פאָלק בפרט).

2) פייערן דעם ערשטן מאַי אַלס סאָלידאַריטעטס־אויסדרוק מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

3) פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

4) ציוניסטישע אַרבעט.

1) אַנטייל־נעמען אין ציוניסטן־קאָנגרעס און אויספירן זיינע באַשליסע, וועלכע זיינען ניט געגן אונזערע פּרינציפּן.

2) אונטערשטיצן די ציוניסטישע אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיינען געגרינדעט אין דעמאָקראַטיש קאָלעקטיוון זין, ווי — שקל, נאַציאָנאַל־פאָנד, בצלאל, פּאַלעסטינא, קאָמיסיאָן, סטאַטיסטישע און פאָלקס־ווירטשאַפטליכעס קאָמיסיאָן, נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק א. אז. וו.

3) אַנטייל נעמען אין די לאָקאַלע ציוניסטישע אינסטיטוציאָנען און פעדעראַציאָנען, וועלכע זיינען ניט געגן אונזערע פּרינציפּן און טאַקטיק.

5) פּאָליטישע אַרבעט.

1) רעגולירן דעם עמיגראַציאָנס־פּראָצעס נאָך פּאַלעסטינא דורך די גרינדונג פון א) אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ, ב) פּאַלעסטינא־אַרבעטער־פאָנד, ג) פּיאָנערן־גרופּע, א. אז. וו.

2) קעמפן געגן אַלע פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אין ארץ־ישראל, דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען געגן דער ציוניסטישער אַגראַר־ און ווירטשאַפטס־פּאָליטיק און פּראָגראַם.

(באַמערקונג. דיזן פּונקט האָט אונזער קאָנפערענץ ניט אָנגענומען, ווייל מען האָט ניט געקענט קומען צו קיין קלאָרן באַשלוס, דערפאַר האָט מען דאָס געשטעלט צו אַ פרייע דיסקוסיע ביז צום נעקסטן קאָנפערענץ).

אַרגענטינע

אַרגענטינע באַזיצט ניט קיין באַזונדער גינסטיגע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ געזונטער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די אידישע באַפעלקערונג באַשטייט דאָ הויפּטזעכליך פון פרישע נאָך ניט איינגעזעסענע איינוואַנדערער, וואָס רעקרוטירן זיך מערסטנטייל פון די פאַרשידנאַרטיגע שיכטן פון אידישן קליינבירגערטום. איר באַגעגנט דאָ אי דעם באַקאַנטן אידישן לופט סוחר׳ל, אי דעם זעלבסטשטענדיקן קליינעם האַנדווערקער, דעם בעל־הבית׳ישן לוידיגגייער און דעם פּראָסטן בעל־הבית׳ישן לוידיגגייער און דעם אַלע קומען אַהער מיט דעם ציל, אָנזאַמלען וואָס מער געלט, מאַכן דאָ „גאָלדענע גליקן". דאָ הילכט עס ממש אין דער לופט־אָפּ דער מעטאַלישער קלאַנג פון קאַפּיטאַל. אידעאַלן, דאָס איז אַ זאַך, וואָס האָט אַקנאַפּן שיכות צו דעם דאָזיגן לאַנד. ווי ווייט עס איז דאָ אָפּגעשטאַנען די אידישע באַפעלקערונג אין קולטורעלן הינזיכט, ציינט אונז גאַנץ דייטליך אונטער דער פאַקט, וואָס ביז היינטיקן טאָג איז נאָך ניטאָ קיין איין אידישע צייטונג... אַ חוץ איין־איינציג שוואַרץ בלעטל, וואָס האַלט אין איין וואַרפן בלאָטע אויף די סאָציאַליסטן, און אויך דאָס דאָזיגע בלעטל, וואָס זאָל כלומרש׳ט דערשיינען אַלע וואָך, פאַקטיש אָבער גייט עס אַרויס שוין אין די גוטע צייטן 3 מאָל אין יאָר.

די פרייע פון אַרבעט צייט פאַרברענגט דאָ די מאַסע אין כל־המינים קאַפעס, קאַפעשאַנטאַנען און גלאַט רעסטאָראַנען, יעדער לויט זיין געשמאַק און קעשענע.

די איינציגע באַוועגונג, וועלכע איז מסוגל געווען לייכטער פון וועלכע ס׳איז אַנדערע באַוועגונג, זיך איינצולעבן אין דאָס דאָזיגע לאַנד, דאָס איז געווען ביז פאַר דער לעצטער צייט דער אַנאַרכיזם. די איינוואַנדערונג האָט וואָס ווייטער אַראָפּגעבראַכט מיט זיך אַלץ אַ גרעסער צאָל באַוואוסטזיניגע אַרבעטער פון רוסלאַנד, אַרבעטער מיט אַ שוין באַשטימטע פּאַרטייאישע אָנשויאונג. זיי האָבן דאָ געגרינדעט פאַרשידענע פּאַרטייאישע קרייזלאַך. אַזוי איז אַנטשטאַנען די ס. ס.׳אישע גרופּע, אַזוי איז אויך געבוירן געוואָרן די בונדישאיסקרישע גרופּע אונטער דעם נאָמען „ביבליאָטעקא־רוסא". פאַרשטייט זיך אַז די אַלע האָבן ווייניג וואָס געקענט מיטווירקן דער ענטשטייאונג פון פּועלי ציון אין אַרגענטינע. און אויב ס׳האָט יאָ ווער אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר די לעצטע איז דאָס גיכער געווען דער אַלגעמיינער ציוניזם.

די ציוניסטן צוטיילן זיך דאָ אויף דער אָפיציעלער ציוניסטישער פעדעראַציע און דעם אַרבעטער־פאַריין „תפארת־ציון". ווער איז אייגענטליך די פעדעראַציע, דאָס איז שוין אַ סוד־זאַך, וואָס קיינער איז ניט בכח דאָס מגלה צו זיין. מ׳ווייס נאָר, אַז בראש פון איר שטייט איינער אַן אויפגעקומענער גביר, אגב ניט קיין קליינער גראָבער יונג דערצו, וואָס זוכט אין ציוניזם בלויז אַ כסא־הכבוד אין דעם אַקציאָנס קאָמיטעט און אַ רעקלאַמע אין דער אָרטיגער פּרעסע. דער דאָזיגער, מ׳שטייגס געזאָגט, פאָרשטייער פאַרמאָגט נאָך אַ סעקרעטאַרל, וואָס האָט פשוט דעם ציוניזם אין אַ מין שווינדל פאַרוואַנדלט. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע „אָנפירער" דיסקרעדיטירן נאָר דעם ציוניזם אין די אויגן פון דער מאַסע. די אַרבעטער פון „תפארת־ציון" זיינען דוקא יאָ איבערגעגעבענע און טעטיגע, זיינען זיי אָבער דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן רעאַקציאָנערן קאָנסערוואַטיזם, אויף אַ שטייגער פון די חובבי־ציון.

ביי אַזעלכע ניט גינסטיגע אומשטענדן, האָבן אַ גרופּע פּיאָנערן — וואָס איז באַשטאַנען סך־הכל פון איניגע פּערזאָן און דערצו נאָך אָן אַן איינהייטליכער פּאַרטייאישער אָנשויאונג — אָנגעהויבן פלאַנצן אויף דעם באָדן פון אַרגענטינע די זוימען פון פּועלי ציוניסטישן אידעאַל. פאַר דער אָרעמער, סיי גייסטליך, סיי מאַטעריעל, פּיאָנירן־גרופּע איז פאָרגעשטאַנען אַ שווערע און גראַנדיעזע אויפגאַבע: באַקעמפן די אוטאָפּישע אידעאַלן, וואָס האָבן אין געוויסע מאַסן געשוועבט שוין פון פריער צווישען די אידישע אַרבעטער און פאַרשפּרייטן דעם נייעם אויפלעבנדן געדאַנק פון דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

דער ערשטער שריט, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן דורך דער קליינער פּ. צ.׳טישער גרופּע אין דער דאָזיגער ריכטונג איז געווען דאָס ווענדן זיך מיט אַן עפענטליכן אויפרוף צו די אידישע אַרבעטער, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן דורך זיי מיט גרויס סימפּאַטיע. גלייך נאָכדעם איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ רייע עפענטליכע פאַרזאַמלונגען, וועלכע האָבן צוגעצויגן צו זיך וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע מאַסן צוהערער פון די פאַרשידענע אַרבעטער קרייזן.

די געגנערישע פּאַרטייאישע גרופּן זיינען ניט געווען אימשטאַנד בייצושטיין דעם עפנטלאַכן קאַמף. וואָס די פּ. צ. האָבן קעגן זיי אָנגעפירט. דערשפּירנדיג בולט׳ער איר באַדנלאָזיגייט, איז אַראָפּגעגאַנגען די ערשטע פון דער סצענע די ס. ס.׳אישע גרופּע. גיך איז זי אינגאַנצן צעפאַלן און אפילו אַ זכר נאָך זיך ניט איבערגעלאָזן. די בונדישע איסקראַוועצעס זיינען בכלל ניט פייאיג געווען צו שטערן דער זיך פאַרשפּרייטנדער פּ. צ. אַגיטאַציע. די ווירקונג פון דער דערמאָנטער גרופּע באַשרייגקט זיך אין אַלגעמיין אין אַן ענגען קרייזל פון אַרבעטער־אַריסטאָקראַטן, וואָס רייִדן רוסיש, טראָגן זיך תמיד אַרום מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם, טראָגן ברילן און ליבעראַליזירן...

נאָר אַ באַזונדערן עקשנות'דיגן קאַמף און אויך ניט אָן דערפאָלג איז אויסגעקומען צו פירן מיט'ן אַרגענטינער תושב, דעם אַנאַרכיזם, וועלכער איז דאָ אַצינד אויף פיל אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אָט די דאָזיקע דרייסטע און מוטיקע אַגיטאַציע האָט פאַרשפּרייט די ווירקונג פון דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם איבעראַל און געשאַפן אַ גינסטיגע אַטמאָספערע פאַר זיין ווייטערדיגער אַנטוויקלונג. צו דערזעלבער צייט האָט אויך אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין אַרגענטינע די נייע פּ. צ. ליטעראַטור פון אַמעריקע און רוסלאַנד. אַ דאַנק וועלכער עס ווערט קריסטאָליזירט און געשאַפן אַ מער איינהייטליכע פּ. צ.'אישע אנשויאונג.

די אָרימע פּיאָנערן גרופּע איז אויף אַזאַ אופן אין משך פון אַ קורצער צייט געוואָקסן ווי אין כמות, אַזוי אויך אין אבות. אמת, די פּועלי ציון בילדן נאָך ניט דאָ קיין גרויסע פּאַרטיי, דאָך זיינען זיי אָבער אַ שטאַרקע גרופּע, וואָס פילט אונטער זיך אַ פעסטן און געזונטן באָדן. זיי באַזיצן דאָ אַן אייגענעם סאַלאָן, אַ לעזע־זאַל און אַ גוט־איינגעריכטעטע ביבליאָטעק. פּועלי ציון דאָס איז דאָ די איינציג פּאַקטיש־טעטיגע גרופּע און זייער איינפלוס פאַרשפּרייט זיך דאָ איבעראַל. זיי אָרגאַניזירן דאָ אָפטע רעפעראַטן און צוויי מאָל אין וואָך פאָרלעזונגען. — אונטער דער ווירקונג פון די פּועלי ציון זיינען זאָגאַר די „תפארת־ציון" געוואָרן פּראָגרעסיווער. דער ציוניזם איז געוואָרן פּאָפּולערער און באַליבטער ביי די מאַסן. אַ דאַנק זיי איז אויך ביי די אַנאַרכיסטן ענטשטאַנען אַ געוויסע סימפּאַטיע צום פּראָלעטרישן ציוניזם און אַן ערנסטערע נאַציאָנאַלע־שטימונג. אַזוי הויבן זיך אָן צו באַווייזן אין זייער לאַגער „אַנאַרכיסטן־ציוניסטן".

אין דערזעלבער צייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען אין האאג די אַלוועלטליכע פּ. צ. קאָנפערענץ, האָבען דאָ די פּועלי ציון געפייערט זייער איין יעריגן יובילעאום. לכבוד דעם דאָזיגן יום טוב האָבן זיי פאַראַנשטאַלטעט אַ מוזיקאַליש־ליטעראַרישן אָוונט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג און האָט אויך אַגב אַריינגעבראַכט באַדייטנדע מאַטעריעלע איינקונפט.

אין דער לעצטער צייט האָבן דאָ די מיטגלידער פון פּועלי ציון אָפּגעגעבן יעדער דעם לוין פון אַן אַרבעטס־טאָג אויף צו שאַפן די מעגליכקייט אַראָפּצובריינגען אַ חבר אַן אַגיטאַטאָר פון רוסלאַנד. דאָס געלט איז שוין אַריבערגעשיקט געוואָרן דעם רוסישן צ. ק. דאָס קומען פון אַ טאַלאַנטפולן אַגיטאַטאָר וועט בלי־ספק נאָך אויף פיל מער פאַרשטאַרקן און פאַרשפּרייטן דעם פּראָלעטאַרישן ווילן אין אַרגענטינע.

בוענאָס אַיראָס.

ז. סאָרקין.

(„אידישער אַרבעטער", לעמבערג, 1908, נומער. 16).

דער רינג שליסט זיך.

אויך אין אַרגענטינע איז שוין דאָ אַ „אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון". אין אַ פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איז אונז צוגעשיקט געוואָרן פון בוענאָס־אַירעס, ווענדט זיך אונזער שוועסטער פּאַרטיי צו די אַרבעטער און אַרבעטערינען און רופט זיי צום קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזמוס און זאָגט דאָ צווישן אַנדערעס פאָלגענדעס:

„מיר אידישע אַרבעטער זיינען געווען ניט די לעצטע, וועלכע האָבן מוטיג געוואָרפן זיך אין קאַמף פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל... אָבער באַלד האָט דאָס לעבן באַוויזן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אַז דער וועג צום סאָציאַליסטישן אידעאַל איז ביי אים גאָר אַן אַנדערער... און האָט פאַרשטאַנען, אַז די ערשטע אויפגאַבע זיינע איז צו באַפרייען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק... דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר ביי אַ פאָלק, וואָס לעבט זעלבסטשטענדיג אויף אַן אייגן לאַנד קען אַנטשטיין אַ געזונדער פּראָלעטאַריאַט, אַז נאָר אויף אַן אייגן לאַנד וועלן וואַקסן די קרעפטן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, און דער קאַמף פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל וועט האָבן וואו פאַנאַנדערוויקלען זיך. און אָרגאַניזאַציעס פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון" זיינען אויפגעוואַקסן אין אַלע עקן פון דער וועלט און אויף זייער פאָן איז אָנגעשריבן פריער פאַר אַלעס: „ערד און פרייהייט!" — ערדייבן אַן אייגן לאַנד, וואו מיר זאָלן קענען לעבן אונאָפּהענגיג פון די אַלע פעלקער, וואו מיר זיינען צוזייט און צושפּרייט, אָט דאָס איז דאָס פּראָגראַם־מינימום, דער ערשטער צוועק, צו וועלכן מיר שטרעבן.

(„דער אידישער אַרבעטער", קראָקוי, נום. 3, 2טער נאָוועמבער, 1906).

ארץ ישראל

(אַ בריוו פֿון ארץ ישראל)

די פּועלי ציון, דער אַוואַנגאַרד פֿון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט ריכטיג פֿאַרשטאַנען זיינע אויפֿגאַבן און אָנגעציינט דעם וועג וואָס פֿירט אים צו דער ליכטיגער וועלט פֿון סאָציאַליזם, האָט אויך דאָ אין פּאַלעסטינע אַ קליינע, אָבער יונגע און קרעפֿטיגע אָרגאַניזאַציאָנען און אַ גוטן באָדן פֿאַר איר אַרבעט.

מיר מוזן אָבער מודה זיין, אַז די גרעסטע טייל יונגע, געזונטע אַרבעטער זיינען נאָך אויסער אונזער אָרגאַניזאַציאָן, דאָ איז פֿאַראַן נאָך אַ גרופּע יונגע אַרבעטער (פֿון די אַלטע איז ניטאָ וואָס צו ריידן) וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אונטער דעם פּראָגראַם פֿון צעירי ציון.

איבעראַל אַגיטירן זיי אַז אין פּאַלעסטינע זיינען אַלע ציוניסטן גלייך, עס גיט ניט קיין פּראָלעטאַריער און קיין קאַפּיטאַליסטן קלאַסע, עס איז ניטאָ קיין עקספּלואַטאַציאָן פֿון אַרבעטער און דערום איז נאַטירליך ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר קלאַסנקאַמף, ניט דערפֿאַר חלילה ווייל זי לעבט זיך זוי גרויסאַרטיג, נאָר זאָגן זיי, דאָס וואָלט אַריינגעבראַכט אַ קריג און אַ מישמאַש אין דער אַלגעמיינער זאַכע און אַזוי ווי זיי גייען נאָך ווייטער און ערקלערן אַז די היגע קאָלאָניסטן און אַפילו די אייגענטימער פֿון פֿאַבריקן און ווערקשטאַטן באַשעפֿטיגן דאָ אין זייער אַרבעט אידן און צאָלן זיי טייער בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען אידן און ווייל זיי ד. ה. די אידישע פֿאַבריקאַנטן איז טייערער די אַלגעמיינע זאַכע.

דאָס לעבן אָבער מיט זיינע אומבאַרעמהערציגע געזעצע ווירקט אויך אויף די בורזשואַזע ראַדיקאַלן אַזוי גוט, ווי עס ווירקט אויף מאַנכע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און שטופּט זיי אַלץ נעענטער צו אונז. די צעירי ציון ווערן איבערציינט אין די פֿאַלשקייטן פֿון זייערע „טעאָריען". דאָ ניט לאַנג צוריק האָט איינער פֿון די פֿאַבריקאַנטן (אַ ציוניסט) אָפֿן ערקלערט אַז ער קוקט אויף זיי ניט ווי אויף אידעאַליסטן נאָר ווי אויף „אַרבעטער־קראַפֿט". אַביסל האָט אין דעם צוגעהאָלפֿן דער שטרייט מיט די קאָלאָניסטן אין פּתח־תקוה. עס מערקט זיך איצט אַן אונצופֿרידנהייט מיט זייער פּראָגראַם און זיי ערקלערן אַז זייער אָרגאַניזאַציאָן דאַרף טראָגן אַן אויסשליסליך אַרבעטער כאַראַקטער און, אַז מען דאַרף זוכן מיטלען ווי צו פֿאַרבעסערן די אַרבעטער לאַגע — אַ נאַטירליכע פֿאָלגע פֿון דעם ווירקליכן לעבן.

אונזער אָרגאַניזאַציאָן באַזירט אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון די יעקאַטערינאָסלאַווער פּועלי ציון; אונזער ציל איז: די באַשאַפֿונג פֿון אַ אידישע געזעלשאַפֿט אין ארץ ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות; דורך פֿאָלגענדע מיטל: פֿירן אַן אונאויפֿהערליכן קלאַסן קאַמף כדי צו פֿאַרבעסערן דעם צושטאַנד פֿון די אַרבעטער און ערציען זיי אַלס קלאַסן באַוואוסטע פּראָלעטאַריער אַרמיי, וועלכע וועט ענדליך שטירצן די איצטיגע אָרדנונג און ברייגגען צום נצחון פֿון סאָציאַליזם.

אין פֿאַרשידענע לענדער נעמט אָבער דער קלאַסן קאַמף אָן פֿאַרשידענע פֿאָרמען לויט די שטופֿע פֿון געזעלשאַפֿטליכער און עקאָנאָמישער ענטוויקלונג אין דאָס לאַנד. אין ארץ ישראל, אין דאָס לאַנד וועלכע גערט איצט איבער פֿון דער שטופֿע פֿון נאַטור ווירטשאַפֿט צו קליין בורזשואַזע ווירטשאַפֿט, קאָן דער קלאַסען קאַמף נאַטירליך ניט אָננעמען אַזעלכע פֿאָרמען ווי אין די אינדוסטריעל אַנטוויקלטע לענדער. דאָ איז אויך ניטאָ קיין גוואַלדיגע אַרמייען פּראָלעטאַריער ווי אין יענע לענדער, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז מען דאַרף ניט אויפֿקלערן די היגע אַרבעטער און ערציען זיי אין דעם גייסט פֿון סאָציאַליזם.

אַרבעטער זיינען דאָ (אין יהודה און גליל) אַרום זעקס הונדערט פֿון וועלכע צוויי הונדערט זיינען אַלטע. דאָס פֿאַרדינסט איז פֿון זיבען ביז צוועלף פּיאַסטער אַ טאָג (פּיאַסטער איז גלייך צו 7 קאָפּ.) אין פֿאַבריקן און זאַוואָדן פֿיל העכער. דער אַרבעטסטאָג אויף די פֿעלדער איז אַכט שעה און אין פֿאַבריקן 9-11 שעה. אַ געזונטער יונגערמאַן, אַ בעל מלאכה קאָן דאָ לייכט פֿאַרדינען זיין לעבנסמיטל. אַ פֿאַקט איז דאָ צו באַמערקן אַז דער אידישער אַרבעטער אַלס מער ענטוויקלטער שטופּט אימער מער אַרויס דעם אַראַבישן און פֿאַרנעמט זיין אָרט. דאָס קומט פֿאָר ניט נאָר אין גרויסע פֿאַבריקן (אין איניגע פֿון זיי איז ניט פֿאַראַן קיין איין אַראַבער), נאָר אפֿילו אין קליינע ווערשטאַטן. די ענטוויקלונג פֿון דאָס לאַנד שיינט זיך צו פֿאַרשטאַרקן אויף דעם חשבון פֿון דער איצטיגער אימיגראַציאָן וואָס אירע כוואַליעס גרייכן אויף אַהער וואָס ווייטער אַלץ אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציאָן. צווישן די נייע אימיגראַנטן געפֿינען זיך ניט נאָר בעלי־מלאכות אָדער קרעמער, אָפֿט קען מען זען מיטל־קלאַס אידן און אפֿילו גאַנץ גרויסע קאַפּיטאַליסטן. ארץ ישראל און סוריה אַלס אומ־קולטיווירטע, ניט־באַאַרבעטע לענדער שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ פֿעט ביינדל ניט נאָר פֿאַר די אידישע, נאָר אויך פֿאַר די קריסטליכע וועלט־איינשלינגער. בכלל איז איצט פֿאַראַן אַ באָדן פֿאַר אַ שטאַרקע סאָציאַל דעמאָקראַטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציאָן.

דרינגענדע נויטווענדיגקייט איז דאָ אין גוטע פּועלי ציון ליטעראַטור, איבערהויפּט ציייטונגען און זשורנאַלן. מיר בעטן אונזערע חברים פון די גלות לענדער אונז צו שיקן די ליטעראַטור און אויך זיך איבערשרייבן מיט אונז אַזוי אָפט ווי מעגליך.

מיט פּועלי ציון גרוס,

מ. קארסאנסקי, סעקרעטאר.

(„אידישער קעמפער“, ניו יאָרק, נומ. 7, מאַרטש 30טן, 1906.)

באָדען־קויף אין דאַלייקאַ.

אין דער לעצטער צייט האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד געקויפט אַ שטיק ערד פון 600 **דונאַם**, נאָהענט פון דאַלייקע. די ערד מוז באַארבעט ווערן כדי זי זאָל ניט איבערגיין אין די הענט פון דער רעגירונג (נאָכ׳ן טערקישן געזעץ טאָר פּריוואַט ערד ניט שטיין ליידיג און אויב זי ווערט ניט באַארבעט דריי יאָר נאָכאַנאַנד, גייט זי איבער צו דער רעגירונג). אָבער אָפּגעבן די ערד אויף אַרענדע הייסט זיך אויך מיט איר שיידן אויף אימער. דעריבער האָט ה׳ שיינקין, דער פאָרשטייער פון נאַציאָנאַל פאָנד, כדי צו זיין זיכער, אַז די ערד בלייבט נאַציאָנאַל אייגנטום, פאָרגעלייגט פאַר די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צו נעמען אויף זיך די באַאַרבעטונג פון די נאַצ. פאָנד ערד לויט פאָלגענדן תנאי: די אַרבעטער זאָלן זיך בייטן אַלע פינף יאָר, אַ גאַראַנטיע, אַז די ערד וועט ניט איבערגיין צו זיי אין פּריוואַט אייגנטום. דער בעל הבית אויף דיזער ערד, אויף 25 יאָר, זאָל זיין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די „פּועלי ציון“ אָרגאַניזאַציע האָט אויף דעם געענטפערט, אַז אַלס אַרבעטער אָרגאַניזאַציע איז איר אויפגאַבע צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אירע חברים אַלס אַרבעטער, ווי מענשען, וואָס פאַרקויפען זייער אַרבעטס־קראַפט, און ניט צו פאַרזאָרגן זיי אַ תכלית אַלס בעלי־בתים. די פּועלי ציון אָבער אַלס ציוניסטן, וועלכע נעמען אַן אנטייל אין נאַציאָנאַל־פאָנד, פאָדערן אַז די ערד זאָל צו קיינעם ניט אָפּגעגעבן ווערן, נאָר זי זאָל באַארבעט ווערן דורך דעם נאַציאָנאַל פאָנד. די אַרבעטער זאָלן באַהאַנדלט ווערן בעסער ווי ביי פּריוואַט־אייגנטימער. אין דער אַדמיניסטראַציע זאָלן זיין פאַרטראָטן איינציגע פאָרשטייער פון די אַרבעטער, כדי עס זאָל ניט עקזיסטירן אַזאַ ביוראָקראַטיזם ווי דער מנהג איז ביז איצט געווען. עס זאָל אויך זיין אַן אַלגעמיינע קאָנטראָלע.

אַן ארץ ישראל אַרבעטער

(אידישער קעמפער, נומ 11, 1906).

סטרייק פון שלאָסעריי־אַרבייטער אין יפו.

אין שטיינ׳ס מעכאַנישער שלאָסעריי און גיסעריי פאַבריק אין יפו, וואו עס אַרבעטן פון 55 ביז 60 אַרבעטער, דאָס רוב אשכנזים, האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק צוליב פאָלגנדע סבות:

1) די אַרבעטס־שטונדן זיינען אומבאַגרעניצט און די אַרבעטער מוזן אַרבעטן אַזוי לאַנג ווי דער בעל־הבית וויל. 2) פאַרוואונדעטע ווערן ניט געהיילט און באַקומען ניט שטיצע אפילו ווען זיי בלייבן אומהיילבאַר. 3) דער בעל הבית קאָן אָפּזאָגן די אַרבעטער צו יעדער צייט אָן נאָטים.

די אַרבעטער האָבן געפאָדערט נייע פאַבריק־ביכלאַך מיט מענשליכערע באַדינגונגען. דער בעל־הבית האָט אָנפאַנגס נאָכגעגעבן אָבער באַלד חרטה געהאַט און אָפּגעזאָגט די אָנפירער. די אַרבעטער האָבן אויף דעם געענטפערט מיט אַ סטרייק, אונטער דער פירונג פון דער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע. די פּועלי ציון אַפּעלירן נאָך מאַטעריעלער הילף. דער צ. ק. פון די פּועלי ציון אין אַמעריקא האָט זיי זאָפאָרט אַרויסגעשיקט אונטערשטיצונג, אָבער דאָס איז נאָך וויט ניט גענוג.

(אידישער קעמפער, 27 יולי, 1906)

אַ בריוו פון פתח תקוה.

פּתח תקוה, 27 שבט, תרס״ז

קומענדיג אַהער האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף שטערונגען אין אונזערע באַשטרעבונגען. די „חלוקה“ אידן האָבן אין אונז דערזען אַ לעבעדיגן פּראָטעסט געגן די צופוילטע יסודות פון זייער עקזיסטענץ. און אָט די „נפשות“ וועלכע פירן אַ שטענדיגן קאַמף מיט אַלץ וואָס איז ליכטיג און פריי, איבן אויס זייער איינפלוס ניט נאָר איבער אַזוינע פּונקטן ווי ירושלים, יפו א. אז. וו., נאָר כמעט אין גאַנץ פלשתינה. מען מוז זיין געהאָרכזאַם צו די רעגירער פון דער חלוקה, וויל אויב ניט, ריזיקירט מען מיט די הונדערט און טויזנט רובלען, וועלכע די אָרימע אידישע מאַסן וואַרפט צונויף פון אירע בלוטיגע קאָפּיקעס.

פון דער צייט וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן אַהער אַלס אַרבעטער, און לעבן פון אַרבעט, האָבן די פינסטערע קרעפטן אָנגעהויבן פילן צו אונז אַן אינסטינקטיווע שנאה, אויס פורכט פאַר זייערע צעפוילטע יסודות.

ניט קוקנדיג אויף דעם האָבן זיי ניט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם נייעם לעבעדיגן שטראָם, עס קומען צו אַלץ מער אַרבעטער, וועלכע האָבן באַוויזן אַז דער אידישער אַרבעטער איז מער ניצליך אין פאַרגלייך מיט דעם אַראַבער, ניט נאָר אין פאַבריקאַציאָן און האַנט־אַרבעט, זאָנדערן אויך אין אַ גאַנץ רייע אַגריקולטורן, און די אַרבעט הויבט אָן איבערגיין און — מיט דער פאַרגרעסערונג פון אונזער צאָל — וועט איבערגיין אין אידישע הענט.

די פאָרשטייער פון דער חלוקה האָבן ניט געדרימלט און שטענדיג געזוכט אַ געלעגנהייט אָנהויבן אַ קאַמף מיט אונז אַלס פאָרשטייער פון געזונטע שטרעבונגען. און אַז מען זוכט, געפינט מען.

מיט די לאַנג אַריבערגעקומענע חברים פון רוסלאַנד, באַזעעלט מיט דעם אידעאַל פון קאָנצענטראַציאָן פון אונזערע קרעפטן אין אונזער לאַנד, געפּרעסט פון די טרויעריגע בלוטיגע פּאַסירונגען פון די פינסטערע אָקטאָבער־טעג, האָבן מיר באַשטימט מאַכן אין פּתח־תקוה אַ מיטינג, אויסריידן אונזער ווייטאָג, און אונזער מיטפילונג צו אונזערע העלדישע ברידער פון זעלבסט־שוץ. פילע פון די קאָלאָניסטישע יוגנט האָבן גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין מיטינג. גאַנץ אַנדערש האָבן עס באַטראַכט די „חלוקה־נעמער", זיי האָבן אין דעם דערזען אַ גוואַלדיגע „עברה". עס וועלן דאָך זיין „בחורים ובתולות" צוזאַמען, און גאָט אַליין הייסט, אַז דער מיטינג דאַרף געשטערט ווערן. דער „ועד", וועלכער באַשטייט אין גרעסטן טייל פון חלוקה'ניקעס, האָט באַשלאָסן קיינער זאָל אונז ניט געבן קיין קוואַרטיר, דעם שמש האָט מען געשיקט זאָגן קיינער זאָל צום מיטינג ניט גיין. אַז מיר האָבן זיך ניט דערשראָקן פאַר די זעלבסט־געמאַכטע פאַרטרעטער פון גאָט, און מיר האָבן געהאַלטן אונזער מיטינג אין הויז פון אַן אַרבעטער, האָט דער „ועד" געשיקט אַראַבישע שומרים פאַנאַנדערטרייבן אונז, ניט קוקנדיג וואָס מיר האָבן געוואָרנט מען זאָל ניט שיקן קיין שומרים, ווייל מיר זיינען פעסט באַשלאָסן דורכצופירן אונזער גערעכטן פאַרלאַנג.

אַלס אַנטוואָרט אויף אונזער אפיקורסישן טאַט האָט דער „ועד" באַשלאָסן דעם חבר וואָס האָט אונז געגעבן די הויז, אַרויסשיקן פון קאָלאָניע און זייערער אַ חבר הועד האָט אין די גרעבסטע אויסדריקע באַליידיגט די עהרע פון אונזערע שוועסטער.

אויף זייערע האַנדלונגען און אויסדריקע האָבן מיר געענטפערט מיט פאָלגנדע באַשליסע:

א) קיינער פון אונזערע חברים טאָר ניט אַרויסגעשיקט ווערן. ב) דער וואָס האָט באַליידיגט די אַרבעטאָרינס מוז גע'משפט ווערן פון אַן ערען געריכט. מיר האָבן עס געמאָלדן דעם „ראש הועד". דער ועד האָט אונזערע פאָדערונגען פאַרוואָרפן און באַפעלן אַרויסצונעמען די טירן און פענצטער פון הויז, וואו אונזער מיטינג איז געווען, און אַ באָיקאָט מען זאָל די אַרבעטער ניט געבן קיין אַרבעט און קיין דירות.

אַ בריוו וועגן באָיקאָט האָט דער ועד געשיקט צום אַדמיניסטראַטאָר פון באַראָן ראָטשילד'ס יהודה'ר קאָלאָניעס, אין אַנדערע קאָלאָניעס איז דער שמש אַרומגעגאַנגען אויסרופן מען זאָל אידישע אַרבעטער ניט געבן קיין אַרבעט. אַן אויסנאַמע האָט מען געמאַכט פאַר די אַרבעטער, וועלכע וועלן זיך חתמ'ענען אויפ'ן פּאַפּיר פון ועד, אַז זיי וועלן פאָלגן זיינע באַשליסע און וועלן זיך פירן אין אַ רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן גייסט. זעלבסטפאַרשטענדליך, דאָס די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן זיך אויף אַזאַ שענדליכן פּאַפּיר ניט גע'חתמ'עט און דער ועד האָט גענומען די רוסישע פּאָליטיקע פון אַרויסשיקן. דערווייל האָבן זיי אַרויסגעשיקט פינף מענטשן, מיט די איבעריגע וועט מען שפּעטער פאַרטיג ווערן, דורך באָיקאָט וועלן זיי סיי־ווי־סיי מוזן אַוועקגיין.

נאָך דעם העכסט אידישליכן אוקאַז פון ועד האָט מען זיך דעם 17טן שבט באַנוצט מיט דער צייט ווען מען איז געוועזן ביי דער אַרבעט, און מען האָט זיך אַריינגעריסן אין הויז פון דאָקטאָר, וואו עס האָט זיך געפונען די פון די אַרבעטער־געגרינדעטע ביבליאָטעק. מען האָט אַרויסגעשלעפּט די טישן מיט די אַלמערס, מיט די ביכער און צייטונגען, און מען האָט צעשטערט וואָס עס איז מיט פיל מאַטערניש געבויט געוואָרן.

דער צושטאַנד פון פּתח־תקוה איז אומערטרעגליך, עס איז אונמעגליך פאַר די נייע לעבעדיגע קרעפטן צו אַרבעטן (אין אַנדערע קאָלאָניעס פאָדערט מען אידישע אַרבעטער), צענדליגע אידישע אַרבעטער האָבן קיין וואוינונג, די וואָס האָבן וואוינונגען, שיקט מען אַרויס. קורץ מען האָט זיך גענומען מאַכן אוממעגליך דאָס לעבן פון די אַרבעטער אין דער קאָלאָניע.

אַלס אַנטוואָרט צו די דריקענדע צושטענדע האָבן מיר באַשטימט צו פירן אַ קאַמף אום יעדען פּרייז, מיט אַלע מעגליכע מיטלען. מיר וועלן אנשטרענגען אַלע אונזערע קרעפטן אום דורכצוברעכן די דיקע צעפוילטע וואַנט.

נידער מיט דער פינסטערקייט!
עס לעבע די ליכטיגקייט!
עס לעבע דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין ארץ ישראל!

די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין פּתח תקוה

(„אידישער קעמפער", ניו יאָרק, נומ. 2, 6 אַפּריל, 1907.)

אַ בריוו פון רחובות.

דיזן יאָר זיינען אין רחובות פאַרפלאַנצט געוואָרן פיל נייע פלאַנטאַציעס אויף דעם פּלאַץ פון די וויינשטאָקן, וועלכע זיינען, ווי באַוואוסט, דאָס יאָר אויסגעהאַקט געוואָרן, ווי אויך אויף דעם נייעם באָדן, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן געקויפט ביי „גאולה". ביי דעם „האַקן" און פלאַנצן זיינען געווען באַשעפטיגט איניגע צענדליג אידישע אַרבעטער. איבערהויפּט האָבן די קאָלאָניסטן אָפּגעגעבן די אַרבעט אין קאַוואַלע (אויף שטיק). די אַרבעטער האָבן ביי דער אַרבעט גוט פאַרדינט — דער מיטעלער פאַרדינסט איז געווען 15-20 פּיאַסטער טעגליך. עס איז געווען פּלאַץ נאָך פאַר פיל אידישע אַרבעטער, נאָר, אַ דאַנק איניגע אורזאַכן, האָבן מער קיין אַרבעטער אין רחובות ניט געקאָנט עקזיסטירן. די וויכטיגסטע אורזאַכע איז דאָס, וואָס אין רחובות פילט זיך איין גרעסערער מאַנגל אין וואוינונגען, די אַרבעטער וואוינען צו 3-4 מענשען אין איין חדר, וואָס 1 מענש קאָן קוים וואוינען, אין שטאַלן, קעלערס און בכלל אין אַזעלכע פּלעצער, וואָס ווירקן זייער שעדליך אויף זייער געזונט. זיי צאָלן אויך פאַר די שעדליכע וואוינונגען זייער גוטע פּרייזן... ווען עס האָט זיך געענדיגט דאָס פלאַנצן, זיינען זיך פיל אַרבעטער פון רחובות צעגאַנגען. אין רחובות איז איצט געבליבן נאָר אַ קליינע צאָל אידישע אַרבעטער, און אויך זיי האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיגע אַרבעט, ניט דערפאַר, ווייל עס איז קיין אַרבעט ניט געווען, נאָר דערפאַר וואָס ביי טעגליכע, פּראָסטע אַרבעט, איז שוין דער קאָלאָניסט געוואוינט צו זיין שטענדיקן גוטן פריינט און שב, צום „פלח"...

דער „סינדיקאַט" פון די קאָלאָניסטן מויערט יעצט אין רחובות אַ נייעם קעלער. ווי נאָר דער קעלער האָט זיך אָנגעהויבן מויערן, האָט די „אַרבעטער ביוראָ" פון רחובות געוואָלט שיקן איניגע אידישע אַרבעטער צו דער פּראָסטער אַרבעט פון קעלער, נאָר דער „סינדיקאַט", וועמעס פאָרשטייער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע ציוניסטן, איז געווען געגען דעם, אַז די רוסישע „קראַמאָלניקעס", וועלכע האָבן געוואָלט צעשטערן דעם קעלער אין ראל"צ., זאָלן מויערן דעם רחובות'ער קעלער, און הגם די אידישע אַרבעטער האָבן געוואָלט אַרבעטן ביים קעלער פאַר דער קלענסטער פּרייז, אונטער וועלכן אַן אַרבעטער האָט ניט אויף לעבנסמיטל, פאַר 7 פּיאַסטער, האָט זיי דאָך דער „אידעאַליסטישער" סינדיקאַט ניט געוואָלט צונעמען. יעצט, ווען עס פעלן אין קאָלאָניע אַראַבער, ווען די אַראַבער זיינען אַוועק שניידן געטריידע, ביי וועלכע זיי פאַרדינען מער, ווי ביי די אידישע קאָלאָניסטן, האָט זיך ביים קעלער אָפּגעשטעלט די אַרבעט, און דער „סינדיקאַט" האָט שוין געשיקט נאָך אידישע אַרבעטער. די לעצטע האָבן דאָן זאָגאַר אינגאַנצן ניט געוואָלט גיין, נאָר אַ דאַנק פאַרשידענע צופעליגע סבות האָבן זיי באַשטימט שטעלן זיך צו דער אַרבעט, נאָר ניט ווייניגער, ווי פאַר 9 פּיאַסטער טעגליך. יעצט אַרבעטן ביים קעלער 12—15 אידישע אַרבעטער, צוזאַמען אַרבעטן אַציגד אין רחובות ביי 40 אידישע אַרבעטער. אַ גרויסער טייל פון זיי איז פאַרנומען אין די ביי־געפלאַנצטע אראנזשען־גערטנער (באַיאַרעס). די מיטעלע אַרבעטס־פּרייז איז 10—9 פּיאַסטער טעגליך. איבערהויפּט זיינען די אידישע אַרבעטער פאַרנומען אין אַזעלכע צווייגן פון אַרבעט, וואו עס פאָדערט זיך אַ געוויסע מאָס קוואַליפיצירונג.

ס. ב. („דער אָנפאַנג" נומ. 1, ט"ו תמוז, תרס"ז).

דער מאַנגל אין אַרבעטער הויבט זיך אָן צו פילן גאַנץ שטאַרק אין פאַרשידענע פּלעצער, ווי פתח תקוה, וכדומה. —רעדאַקציע.

פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין ירושלים.

די ירושלים'ער אָרגאַניזאַציע מיט איר איניאָריגן עקזיסטירן, האָט אונז דערוויזן, אַז אין ירושלים איז דאָ פאַר אונז אַ רייכער באָדן. די פּאַרטיי־אַגיטאַציע וועלכע האָט זיך דאָ אָנגעהויבן פירן נאָך דער פּריוואַטער איניציאַטיווע פון איניגע חברים, וואָס זיינען אַהער געקומען צו לערנען זיך אַ פאַך, האָט זיך גלייך צוגענומען ביי די היגע ירושלים'ער אַרבעטער און זיי האָבן ביסלאַכווייז אָנגעהויבען צוטרעטן צו אונז, אַזוי אַז היינט, ציילענדיג ביי אונז אין אָרגאַניזאַציע ביז 60 חברים, געפינען מיר האַלב פון זיי ירושלים'ער געבאָרענע. באַלד ווי די גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען האָט מען אָנגעפאַנגען פירן אַ פּלאַנמעסיגע אַרבעט, סיי אין דער טיף, סיי אין דער ברייט. צוליב דער ערשטער אויפגאַבע זיינען ביי אונז געוואָרן אָרגאַניזירט ג ר ו פּ ע ס, וואו ס'איז באַהאַנדעלט געוואָרן פאַרשידענע פראַגן, אויך אינערליכע אַלגעמיינע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג ע ן. צוליב דער צווייטער זיינען געוואָרן אָרגאַניזירט דריי אָפענע רעפעראַטן אויף די טעמאַ'ס „די פּלאַטפאָרם און פּראָגראַם פּראָיעקט פון י. ס. ד. א. פּ. אין פּלשתינא (פּועלי ציון)". „וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם" און „צו דער פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע". אויך איניגע אַגיטאַציאָנס אָוועטן. מען קאָן זאָגן, אַז קיין אַרבעט פון אונזער זייט איז ניט דורכגעגאַנגען, ניט ברייננגענדיג אונז נייע חברים. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט אויך געפייערט דעם ערשטן מאַי, מיט ניט אַרבעטן אין דעם טאָג און

צונויפקלייבן זיך הינטער'ן שטאָט, מען האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון ערשטן מאַי פאַרן אַלוועלטלאַכן אַרבעטער און באַזונדער פאַרן אידישן אַרבעטער אין פּלשתינא. אויך וועגן אונזער ציל און נאָענטסטע אַרבעט. נאָך די רעדעס האָט מען געזונגען, געטרונקען טאָסטן און ד. ג. אַזוי האָט מען פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג. דער יום טוב האָט געמאַכט אַ גוטע ווירקונג אויף אַלע חברים. אויסער דעם זיינען צוטיילט געוואָרן די פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע דער צ. ק. האָט אונז צוגעשיקט. מיר האָבן אויך דורכגעפירט אין דעם שטיין טשעסער פאַריין אַ באַשטימונג, וועלכע האָט פאַרפליכטעט אַלע חברים פייערן צו דעם ערשטן מאַי. דורך אונזער איניציאַטיווע איז דאָ געוואָרן אָרגאַניזירט אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער פאַריין פון שטיין־טשעסער, צו וועלכן ס'זיינען צוגעטראָטן אויך תימנים און ספרדים; אויפן פאַריין האָבן מיר אַ געוויסע ווירקונג, און אונזער רעדנער האָט דאָרט פאַרגעלעזן שוין וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (אין העברעאיש). מיר פירן אויך אַ פאָרבערייטונגס אַרבעט צו אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון אַנדערע פאַכן, און וואָס עס פילט זיך אַ גרויסע באַדערפניש. לײדער איז ביי אונז ניטאָ די נויטיגע ליטעראַטור, ד. ה. פאַר אונז איז נויטיג ביט נאָר ליטעראַטור וועגן פּראָפעס. פאַראיינען, נאָר אויך פאַרשידענע פּאָפּולער־וויסנשאַפטליכע און בעלעטריסטיק; ביי אונז לעזט מען ביכער אי אין זשאַרגאָן אי אין העברעאיש. ס'איז אַפילו דאָ אַ ביבליאָטעק פון 200 ביכער, נאָר אַ דאַנק דער גרויסער פאָדערונג אויף ליטעראַטור, זיינען שטענדיג די גרעסטע טייל ביכער צעטיילט. אויסער דעם הויבן שוין אָן פעלן ביכער פאַר די, וועלכע לעזן פון אָנפאַנג גרינדונג פון דער ביבליאָטעק. וועגן אונזער באַדייטונג און ווירקונג אין שטאָט דעם צווייטן מאָל.

(„אָנפאַנג“, נום. 1.)

שוסטער און סאָטליער אַרבעטער אין יפו.

א' דרא"ח תמוז איז אין יפו געגרינדעט געוואָרן דורך דער איניציאַטיווע פון פּועלי־ציון אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון שוסטער־אַרבעטער, אונטערן נאָמען אגודת פּועלי הסנדלים ביפו. די אַגודה ענטהאַלט ביי 25 חברים, דערין ספרדים און תימנים, און דעריבער קומען פאַר די פאַרזאַמלונגען אויף העברעאיש און זשאַרגאָן. עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די תקנות דורך דעם ועד פון דער אגודה און אָנגענומען געוואָרן אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון דעם פאַראיין.

— אָנפאַנג תמוז האָט זיך אָרגאַניזירט אין יפו אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון טישלער (סטאָליער) אַרבעטער, דאַצו האָט מיטגעהאָלפן דער עקזיסטירנדער דאָ הי אַרבעטער פאַרבאַנד

— ה' בן־צבי האָט פאַרגעלעזן אין יפו אַ פאָרטראַג וועגן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונגען. דער רעפערענט האָט אָנגעוויזן די באַדייטונג און די פאָרמען פון פּראָפס. באַוועגונגען בכלל, און זייער וואונשבאַרע פאָרם אין א"י בפרט. דער פאָרטראַג האָט אַרויסגערופן לעבעדיגע דעבאַטן.

— דעם י"ט תמוז איז פאָרגעקומען אויף דער סטאָליער פאַבריק פון דער חברה בית־אומנות אין יפו, אונטער דער דירעקטאָריי פון ה' דוד טריטש, אַ קאָנפליקט צווישן דעם מייסטער און די אַרבעטער פון פאַבריק. די סיבה איז די אונמענשליכע שענדלאַכע באַהאַנדלונג מצד פון דעם מייסטער צו די אַרבעטער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ סטרייק פון די אַרבעטער, וועלכער איז ענטשטאַנען גאַנץ סטיכיש. דעם סטרייק האָט אָנגענומען פירן דער סטאָלער אַרב.־פאַראיין. די פּרטים וועלן מיר געבן אין פאָלגענדן נומער.

— דער קאָמיטעט פון שוסטער־אַרבעטער־פאַראיין אין יפו בעט אונז פאַרעפנטליכן, אַז יעדער איינצעלנער, וועלכער עס וויל באַקומען ידיעות וועגן דעם צושטאַנד פון שוסטעריי, און וועגן די באַדינגונגען פון דער אַרבעט זאָל זיך ווענדן אין די ווערקשטעלע פון ה' מוערמן אין יפו.

(„אָנפאַנג“, נום. 1).

— כ"ז תמוז איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט מיטינג געגן ה' ד. טריטש פאַר די אונמענשלאַכע באַציאונגען צו די סטרייקענדע אַרבעטער.

אין אָנפאַנג האָט מען אין נאָמען פון טישלער אַרבעטער פאַראיין געלעזן אַ באַריכט וועגן דעם קאָנפליקט און די ווייטערדיגע פאַרהאַנדלונגען. טריטש ווערט אין דעם באַריכט באַשולדיגט: 1) בעת דעם סטרייק, ווען די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן פירן מיט אים אונטערהאַנדלונגען, האָט ער זיך פון די לעצטע אָפּגעזאָגט. 2) ווען דער פּלשתינה־ראַט האָט אים פאָרגעלייגט אַ בית־דין של שלשה (טרעטעיסקי סוד) מיט די אַרבעטער האָט ער זי אָפּגעזאָגט און מיט דעם האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן דער באַשטימונג פון פּלשתינה'ר אידישער געזעלשאַפט. 3) טריטש האָט געמאַכט דעם גרעסטן פאַרברעכן געגן דעם ציוניזם, אויסדריקנדיג זיך, אַז עס איז בעסער געבן אַרבעט 10 אַראַבער איידער איין אידן, און דאָס איז אין דער צייט, ווען ער האָט געקראָגן אַ מאַנדאַט פון יפו'ער ציוניסטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. 4) אויך מיט דעם, אַז בעת דעם סטרייק האָט ער געדראָהט מיט'ן אויסלענדערישן קאָנסול. נאָך דעם באַריכט האָבן פיל רעדנער גערעדט, דער רוב האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אקטיוון

פּראָטעסט. צום ענדע איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט פון 7 שטימען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„1) אַנערקענענדיג, אַז דער סטרייק אין „בית אמנות" איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די שטענדיגע אונמענשליכע באַהאַנדלונגען פונ'ם מייסטער צו די אַרבעטער, דריקט אויס די פאַרזאַמלונג איר פּראָטעסט געגן ה' טריטש'ן, דירעקטאָר פון „בית אמנות", וועלכן ער גיט צו אַ נאַציאָנאַלע באַדייטונג, — פאַר זיין איבערגעבן דיזן אַנשטאַלט אין די הענט פון אַזאַ נידערטרעכטיגן מענטשן, און זי פאָדערט זיין ענטזאַגונג.

2) אַנערקענענדיג, אַז די אַלע פאָדערונגען פון די אַרבעטער זיינען געווען גערעכטיגע, אַנערקענענדיג פאַר אַ פאַרברעכן דאָס ענטזאָגן זיך פון ה' טריטש צו קומען אין פאַרהאַנדלונגען מיט די סטרייקענדע אַרבעטער אויך פון אַ פרידנס־געריכט און זיין דראָען די אַרבעטער זיי צו פאַרבייטן מיט ניט־אידישע אַרבעטער; אַנערקענענדיג אַז ה' טריטש'ס ענטזאָגן זיך פון דער קאָמיסיע, וועלכע דער פּלשתינה־ראַט האָט אויסגעוויילט אום צו ערליידיגן דיזן קאָנפליקט איז אַ באַליידיגונג געגן די עפנטליכע ציוניסטישע מיינונג — דריקט אויס די פאַרזאַמלונג איר שאַרפסטן פּראָטעסט געגן אַזעלכע פאַרברעכערישע טאַטן פונ'ם ה' טריטש און באַשליסט: א) אַרויסצורופן אַ מאָראַלישן באָיקאָט אויף ה. טריטש, כל זמן ער וועט ניט ערפילן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. ב) פאָדערן ביי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָנען אַנולירן דעם מאַנדאַט פון ה' טריטש. ג) די פאַרזאַמלונג דריקט אויס איר באַדויערן וואָס איינער פון די אַרבעטער האָט זיך באַנוצט אין דער צייט פון סטרייק מיט גוואַלד געגן דעם מייסטער פון „בית אמנות".

(„אָנפאַנג" נומ. 2, ט"ו אב, תרפ"ז)

די באַוועגונג פון די דרוקעריי־אַרבעטער אין ירושלים.

א.

די לאַגע פון די דרוקעריי־אַרבעטער אין ירושלים מיט פופצען יאָר צוריק איז געווען אַ טרויעריגע, פונקט ווי די לאַגע פון אַלע דאָרטיגע אַרבעטער. מ'האָט געאַרבעט צוועלף שעה, שטייענדיג אויף די פיס אין די פינסטערע און נאַסע קעלערן, אין וועלכע די דרוקערייען האָבן זיך געפונען און איינאָטעמענדיג שלעכטע לופט, פול מיט בליי־שטויב. די שכירות זיינען געווען נישטיג, העכסטנס פופצן פראַנק אַ וואָך. דער רוב אַרבעטער האָט פאַרדינט נאָר צען פראַנק אַ וואָך. זיי פלעגן אויך באַקומען אַ קליינע שטיצע פונ'ם „כולל" און אַזוי געלעבט אין דחקות און אָרעמקייט.

אין יאָר תרנ"ז, חול המועד פסח, איז געגרינדעט געוואָרן אין ירושלים דער ערשטער אַרבעטער־פאַריין. דער פאַריין האָט עקזיסטירט בלויז צוויי וואָכן און האָט ניט באַוויזן אין די עטליכע טעג צו געווינען די הערצער פון די אַרבעטער. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ שטאַרקער געגנערשאַפט מצד די בעלי־בתים.

דער ערשטער סטרייק פון די דרוק־אַרבעטער אין ירושלים איז געווען אין יאָר תרס"ב. אין די דרוקערייען אין ירושלים איז אַן אַלטער מנהג, אַז פון ראש חודש אָדר אָן הערט מען אויף אַרבעטן ביי נאַכט. דער דרוקער פ. פלעגט עובר זיין אויף דעם דאָזיגן מנהג. האָבן איינמאָל די צוויי הויפּט־אַרבעטער אָפּגעמאַכט מיט די איבעריגע אַרבעטער, צו מאַכן אַ סוף צו דער נאַכט־אַרבעט. ווי ס'איז געוואָרן אוונט, האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן און אָנגעטאָן די מאַנטלען אוועקצוגיין.

— וואוהין? — האַלט זיי דער בעל־הבית צוריק מיט אַ געשריי.

— אַהיים, ס'איז דאָך היינט ראש חודש אָדר.

— אויב איר וועט איצט אַוועקגיין, האָט איר ביי מיר מער קיין אַרבעט ניט.

די צוויי אַרבעטער זיינען אַוועקגעגאַנגען, נאָך זיי די איבעריגע אַרבעטער. צו מאָרגנס האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט און באַשלאָסן, אַז קיינער זאָל ניט צוריקגיין צו דער אַרבעט, אויב אַלע גייען ניט צוריק. דעמזעלבן טאָג מיטאָג־צייט איז געקומען אַ שליח פונ'ם דרוק־אייגנטימער, צוריקצורופן די צוויי הויפּט־אַרבעטער צו דער אַרבעט.

— און די איבעריגע אַרבעטער? — האָט געפרעגט איינער פון זיי.

— זיי וועלן ניט צוריקגענומען ווערן.

— אויב אַזוי וועל איך אויך ניט גיין. מיר האָבן אַלע אינאיינעם פאַרלאָזט די אַרבעט און מיר וועלן אינאיינעם זיך אומקערן צו דער אַרבעט.

דער דרוק־אייגנטימער איז געווען געצוואונגען צוריקצונעמען אַלע אַרבעטער און אָפּצושאַפן די נאַכט־אַרבעט.

ב.

נאָך דעם דאָזיגן סטרייק האָבן זיך נאָך געטראָפן אין פאַרשיידענע דרוקערייען אַ סך סכסוכים צווישן די בעלי בתים און די אַרבעטער. די בעלי־בתים פלעגן צוריקהאַלטן די אַרבעטערס שכירות און צווינגען זיי צו אַרבעטן ביינאַכט פאַר אַ נישטיגן לוין. און ווען די

בעלי־בתּים האָבן דערזען, אַז פֿאַר יעדן באַזונדער איז שווער צו בויגן די אַרבעטער, האָבן זיי זיך פֿאַרזאַמלט און געגרינדעט דעם פֿאַריין פֿון די דרוקערײַ־באַזיצער. האָבן זיך אויפֿגעהויבן אויך די אַרבעטער און אויפֿ׳ס ניי געגרינדעט אַ פֿאַריין פֿון דרוק־אַרבעטער אין ירושלים.

כ״ב סיון תּרס״ב האָבן זיך די אַרבעטער פֿאַרזאַמלט און האָבן באַשלאָסן צו שטעלן די בעלי בתּים מיט דער גאַנצער קראַפֿט די פֿאָלגנדע פֿאָדערונגען:

א) צו באַשטימען אַן אַרבעטס־טאָג פֿון צען שעה, אַנשטאָט צוועלף.

ב) צו שליסן די אָפּמאַכן מיט די אַרבעטער אויף אַ האַלב יאָר אין די חדשים שבט און תּמוז, ד. ה. אין אַ צייט ווען אין די דרוקערייען איז דאָ אַ סך אַרבעט, און ניט ווי ביז איצט, נאָך פּסח און נאָך סכּות, ווען ס׳איז דאָ ווייניג אַרבעט.

די בעלי בתּים האָבן ניט אָנגענומען די דאָזיגע פֿאָדערונגען. די אַרבעטער האָבן באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם סטרייק און האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט צו געבן שטיצע יענע סטרייקער וואָס האָבן ניט פֿון וואָס צו לעבן. און כּדי ס׳זאָלן זיך ניט געפֿינען צווישן זיי קיין סטרייק־ברעכער, האָבן די אַרבעטער געגעבן אַ שבועה — ביי גאָט און דעם פֿאַריין, — אַז זיי וועלן ניט צוריקגיין צו דער אַרבעט, ביז ס׳וועלן ניט דערפֿילט ווערן זייערע פֿאָדערונגען און אַז קיין בית דין איז ניט באַרעכטיגט צו באַפֿרייען זיי פֿון דער שבועה.

דער סטרייק האָט אַרויסגערופֿן אַ טומל און איבעראַשונג צווישן די דרוקערײַ־באַזיצער. פּלוצים, אין איין האַלבער שעה, האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין אַלע דרוקערייען אין ירושלים. די בעלי בתּים האָבן גערופֿן דעם אָנפֿירער פֿונ׳ם סטרייק און נאָך עטליכע אַרבעטער און האָבן זיי פֿאָרגעשלאָגן צו געבן זיי דאָפּלטע שכירות און אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, כּדי זיי אָפּצוטיילן פֿון זייערע חברים. די אַרבעטער האָבן ניט אָנגענומען דעם שענדליכן פֿאָרשלאָג פֿון די בעלי בתּים. ס׳האָט זיך אָבער דאָך איינגעגעבן די בעלי בתּים אונטערצוקויפֿן עטליכע אַרבעטער צו פֿאַרראַטן זייערע ברידער און זיך שטעלן אַרבעטן. דער פֿאַריין האָט זיך געווענדעט צום בית־דין, ער זאָל אַסר׳ן די אַרבעט פֿון די אַרבעטער, וועלכע ברעכן זייער שבועה. דער בית־דין האָט דערפֿילט דעם פֿאַרלאַנג פֿון די אַרבעטער און די סטרייק־ברעכער זיינען געצוואונגען געוואָרן ווידער אַמאָל צו וואַרפֿן די אַרבעט. האָבן אָבער די דרוקערײַ־בעלי־בתּים זיך אויסגעזוכט דריי „חכמים״, וואָס האָבן בטל געמאַכט די שבועה — און די סטרייק־ברעכער זיינען ווידער צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

די אַרבעטער, וואָס זיינען געבליבן געטריי דעם סטרייק, האָבן שוין אָנגעהויבן צו ליידן הונגער. אויך דאָס געלט, וואָס איינער פֿון זיי האָט אַריינגעטראָגן לטובת דעם סטרייק, פֿאַרקויפֿנדיג דער ווייב׳ס צירונג, האָט זיך אויסגעלאָזט. די סטרייקער האָבן זיך געווענדעט צום ראש פֿון די אַשכּנזישע רבנים אין ירושלים, ער זאָל מאַכן אַ פּשרה צווישן זיי און די דרוקערײַ־בעלי־בתּים. דער רב האָט געלאָזן רופֿן די בעלי בתּים צו אַ זיצונג פֿונ׳ם בית־דין; זיי האָבן סוף כּל סוף מסכּים געווען צו אַ צען־שעה׳דיגן אַרבעטס־טאָג, מיט׳ן תּנאַי, אַז דער אַרבעטער־פֿאַריין זאָל בטל ווערן. דער בית־דין האָט גע׳פּסק׳נט אויפֿצולייזן אויך דעם פֿאַריין פֿון די דרוקערײַ־באַזיצער. נאָך אַ סטרייק פֿון דריי וואָכן האָבן זיך די אַרבעטער אומגעקערט צו דער אַרבעט.

ג.

ראש חודש איר תּרס״ז זיינען זיך צונויפֿגעקומען די אָנפֿירער פֿון דרוקערײַ־אַרבעטער, זיבן אין צאָל, און האָבן אַוועקגעלייגט דעם גרונד־שטיין פֿאַר׳ן דריטן פֿאַריין פֿון די דרוקערײַ־אַרבעטער אין ירושלים. אין אַ חודש צייט האָט דער פֿאַריין שוין אַרומגענומען כּמעט אַלע דרוקערײַ־אַרבעטער. דער פֿאַריין האָט עקזיסטירט צוויי יאָר און זיך אַלץ מער אַנטוויקלט, ביז ס׳איז פֿאָרגעקומען אַ זאַך, וואָס האָט אים געצוואונגען אַרויסצוטרעטן אין אַן אַקטיוון קאַמף און — צופֿאַלן. אָט וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען:

איינער אַ דרוקערײַ־בעל הבית האָט געשלאָגן אַן אַרבעטער. דער אַרבעטער האָט זיך געווענדעט צום פֿאַריין, ער זאָל ציען דעם שלעגער צו פֿאַראַנטוואָרטונג. דער פֿאַריין האָט אַרויפֿגעלייגט אויפֿ׳ן בעל הבית אַ שטראָף פֿון דריי לירעס און כּדי אויף ווייטער אויסצומיידן אַזעלכע מעשׂים, האָט דער פֿאַריין פֿאָרגעלייגט מ׳זאָל זיך ווענדן צו אים אין יעדן פֿאַל פֿון אַ סכסוך צווישן די אַרבעטער און בעלי בתּים. אַחוץ דעם האָט דער פֿאַריין געפֿאָדערט פֿון די דרוקערײַ־באַזיצער, זיי זאָלן זיך שריפֿטליך פֿאַרפֿליכטן, ניט אָפּצוזאָגן קיין שום אַרבעטער איידער ס׳ענדיגט זיך זיין אַרבעטס־„זמן״, ד. ה. פֿאַר פּסח אָדער פֿאַר סוכּות. דער פֿאַריין האָט געגעבן די דרוקערײַ־באַזיצער צייט פֿיר טעג צו דערפֿילן די דאָזיגע פֿאָדערונגען. אַלס אַן ענטפֿער אויף די פֿאָדערונגען האָבן די דרוקערײַ־באַזיצער פֿאַרלאַנגט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך שריפֿטליך מתחייב זיין אַרויסצוגיין פֿונ׳ם פֿאַריין פֿון די דרוקערײַ־אַרבעטער; אויב ניט — ווערן זיי אָפּגעזאָגט. די אַרבעטער האָבן פֿאַרלאָזט די דרוקערײַ.

אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די מיטגלידער פֿונ׳ם פֿאַריין, וואָס איז גערופֿן געוואָרן צוליב דער דאָזיגער געשעעניש, איז געוויילט געוואָרן אַ סטרייק־קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳זיינען אַריינגעגאַנגען אויך פֿאָרטרעטער פֿון „פּועלי־ציון״ און „הפּועל הצעיר״. דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפֿרוף צו די ירושלים׳ער איינוואוינער וועגן דעם סטרייק און

אויפגעפאָדערט אַלע, וואָס פאַרשטייען אַז די סטרייקערס זיינען גערעכט, ניט צו באַשטעלן קיין שום זאַך אין דער דרוקעריי ביז די בעלי־בתים וועלן נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

ד.

עטליכע אַרבעטער, וואָס זיינען ניט געווען קיין מיטגלידער אין פאַריין, האָבן זיך ניט געוואָלט באַטייליגן אין סטרייק און האָבן ווייטער געאַרבעט אין דער דרוקעריי. דער סטרייק־קאָמיטעט האָט מיט זיי פאַרהאַנדלט, צוגעזאָגט זיי צו באַצאָלן יעדע וואָך זייערע שכירות און ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו געווינען כמעט אַלעמען אויף זיין זייט. נאָר איינער איז געבליבן אַרבעטן. דורך אים און דורך עטליכע לערן־אינגלאך האָט די דרוקעריי געקענט אין אַ געוויסער מאָס אויספירן די באַשטעלונגען און די בעלי־בתים האָבן ניט קיין סך געליטן פונ'ם סטרייק.

דער סטרייק־ברעכער איז געווען פאַר'עקשנ'ט און האָט זיך ניט גערעכנט מיט'ן גורל פון זיינע חברים. איינמאָל, ווען ער איז געגאַנגען עסן, זיינען צו אים צו צוויי אַרבעטער און האָבן אים געשלאָגן. אויף זיין געשריי זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַ סך אידן און אַרבעטער און האָבן זיך געוואָרפן אויף די שלעגער. איינער איז אַנטלאָפן, דער אַנדערער האָט אויסגעשאָסן מיט אַ רעוואָלווער אין דער לופט, כדי אָנצושרעקן די נאָכלויפער. די פאַרפאָלגער זיינען אַ מינוט געבליבן שטיין. אָבער זעענדיג, אַז דער אַרבעטער וויל זיי בלויז אָנשרעקן, זיינען זיי אים ווידער נאָכגעלאָפן, האָבן אים געכאַפּט און איבערגעגעבן דער מאַכט. מ'האָט אים געפּרואווט באַשולדיגן אַז ער האָט געשאָסן אויפ'ן דרוקעריי־באַזיצער מיט דער כונה צו הרג'ענען אים, אָבער ס'האָבן זיך ניט געפונען דערויף קיין עדות.

דער באַשולדיגטער, וואָס איז געווען אַ רוסישער בירגער, איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם רוסישן קאָנסול, וועלכער האָט אים באַפרייט. האָבן די אייגנטימער פון דער דרוקעריי זיך געווענדט צו זייערע קאָנסולן, דעם עסטרייכישן און דייטשן, מיט דער בקשה, זיי זאָלן שיצן זייער לעבן און אייגנטום; דערביי האָבן זיי דערקלערט, אַז דעם סטרייק פירן אָן רוסישע רעוואָלוציאָנערן, טעראָריסטן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. די קאָנסולן זיינען געקומען צום פּאַשאַ און מיט אים צוזאַמען זיינען זיי געפאָרן צום רוסישן קאָנסול און פאַרלאַנגט, ער זאָל אַרעסטירן די אידישע יונגעלייט, וואָס זיינען זיינע אונטערטאַנען. ער האָט אָבער ניט מסכים געווען. דאַן האָבן די בעלי־בתים פאַרגעלייגט דעם פאַריין פון די דרוקעריי־אַרבעטער צו באַשטימען אַ בוררים־געריכט. און דאָ האָבן זיך שוין באַוויזן אויף דער סצענע אויך די אַנדערע דרוקעריי־באַזיצער, און מיט זיי זיינען געקומען די „כוללים" מיט'ן בית־דין אויפ'ן שפּיץ.

ה.

כ' חשון תרס"ט האָבן זיך פאַרזאַמלט אינ'ם הויז פון די כוללים די בית־דינ'ס, פאַרטרעטער פונ'ם פאַריין „עזרה", פון דער חברה „כל ישראל חברים" און אַנדערע עסקנים. צווישן זיי זיינען געווען מענשן, וואָס האָבן מיט אַ צייט צוריק אויפגעהויבן אַ קאַמף געגן דער „חלוקה" און די כוללים און זיינען דעריבער פון די בית־דינ'ס געלייגט געוואָרן אין חרם. אין דער דאָזיגער פאַרזאַמלונג האָט מען גערעדט וועגן דער סכנה, וואָס שוועבט איבער'ן אידישן ישוב דורך די אַרבעטער־אַגודות, וואָס האָבן שוין אויסגעשפּרייט זייער נעץ אויך אויף די דרוקעריי־אַרבעטער, וועלכע זיינען דאָך צום גרויסן טייל ירושלים'ער תושבים. צום סוף האָט מען באַשלאָסן צו באַנוצן זיך אין דער דאָזיגער עת צרה מיט'ן אַלטן כלי־זין — דעם חרם.

דער אויפרוף וועגן חרם איז פאַנאַנדערגעקלעבט געוואָרן אויף אַלע גאַסן פון ירושלים. די חרם־וואַרפער האָבן אויפגעפאָדערט די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך פאַרפליכטן בכתב אַרויסצוגיין פונ'ם פאַריין און קיינמאָל מער ניט אַריינצוטרעטן. און צו דעם צוועק איז צוגעגרייט געוואָרן אַ ספּעציעלער פאָרמולאַר.

אַ שווערע אויפגאַבע איז געשטאַנען פאַר'ן סטרייק־קאָמיטעט. דער סטרייק האָט שוין געהאַט דורכגעבראָכן דעם לכתחילה'דיגן ענגן ראָם. געגן די אַרבעטער זיינען שוין איצט געשטאַנען ניט בלויז זייערע בעלי בתים, נאָר אַ גאַנצע כנופיא פון ממונים *) און תקיפים. די קאַסע פון די אַרבעטער איז געווען ליידיג. די צאָל פון די אַרבעטער איז געווען ביי זיבעציג, כמעט אַלע בעלי־משפחה. אמת, די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין ירושלים האָבן געשטיצט די אַרבעטער, אָבער די הילף איז ווייט ניט גענוג געווען.

דער סטרייק־קאָמיטעט האָט אין אַן אויפרוף צו דער ירושלימ'ער באַפעלקערונג אויפגעקלערט די פאָדערונגען פון די סטרייקער און פּראָטעסטירט געגען דער התנהגות פון די בית דינ'ס. און אַזוי ווי מ'האָט אָנגעהויבן פון פאַרשיידענע זייטן צו פאַרלוימדן די סטרייקפירער אַז זיי זיינען „טעראָריסטן", האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן אַרויסצוגיין מיט אַ פּראָ־

---

*) באַאַמטע פון דער „חלוקה".

טעסט געגן דער פאַרלוימדונג. זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון דער אַלטער און נייער שטאָט, זיינען געבליבן שטיין ביי די הייזער פון אַ סך פון די חרם־וואַרפער און די אַרבעטער־פירער האָבן געהאַלטן רעדעס. צום סוף זיינען זיי געקומען צום רעגירונגס־הויז און האָבן איבערגעגעבן דעם פּאַשאַ, גובערנאַטאָר פון ירושלים, אַ בקשה־שריפט, אין וועלכן ס'ווערט דערקלערט אַז דער סטרייק איז אויסגעבראָכן, ווייל די פאַבריק־באַזיצער האָבן געוואָלט אַוועקרויבן ביי די אַרבעטער דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירן.

ו.

אין יענעם אָוונט זיינען געקומען קיין ירושלים צוויי פון די יפו'ער עסקנים און פאַרבעטן צו זיך דעם סטרייק־קאָמיטעט. זיי האָבן געראַטן די אַרבעטער צו ווענדן זיך צו די רבנים מיט'ן פאָרשלאַג זיך נאָכאַמאָל צו פאַרזאַמלען און צו באַטראַכטן די פראַגע אין די אויגן פון די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן מסכים געווען. אָבער צו־מאָרגנס האָט דער דירעקטאָר פונ'ם אַפּ"ק *), איינער פון די דערמאָנטע צוויי עסקנים, געגעבן אַ באַפעל ניט צו האַלטן דאָס געלט פון די סטרייקער אין באַנק, און ער האָט אויך אָנגעזאָגט די באַאַמטע זיי זאָלן זיך ניט מישן אין סטרייק. **)

די לאַגע פון די סטרייקער איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. די מאַטעריעלע הילף האָט זיך אויסגעלאָזט, די התקות איז געוואַקסן, דער הונגער האָט זיי אָנגעהויבן צו מאַטערן, די „ממונים" האָבן געדראָעט, אַז זיי וועלן ארויסוואַרפן די סטרייקער פון די דירות פון די „כוללים". די אַרבעטער זיינען ביי זיך אַראָפּגעפאַלן. עטליכע האָבן אונטערגעשריבן די דערמאָנטע פאַפירלאַך און זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט. די איבריגע האָבן נאָך געלייגט האָפענונגען אויף דער פאַרזאַמלונג פון די רבנים, אָבער באַלד פון אָנהויב האָט מען אַפילו ניט דערלויבט די אַרבעטער צו באַטייליגן זיך. די יפו'ער שתדלנים האָבן זיי פאַרראַטן. און נאָר נאָך ענערגישע פאָדערונגען האָט זיך איינגעגעבן די אַרבעטער ארייגצוברייגגען אין דער פאַרזאַמלונג פינף פאָרטרעטער. ווי מ'האָט געקענט פאָראויסזען, האָט די פאַרזאַמלונג באַשטעטיגט דעם פריעריגן באַשלוס. די אַרבעטער האָבן זיך אונטערגעגעבן, און אַזוי האָט זיך געענדיגט דער אַלגעמיינער סטרייק פון די דרוקער, וואָס האָט געדויערט 11 טעג.

„האַחדות", ירושלים, תרע"א, נום. 7—9.

* * *

דער צושטאַנד פון די אַרבעטער אין דער הייליקער שטאָט איז מורא'דיק. ערשטנס — די שכירות. דער געהאַלט פון די ארבעטער אין דער גאַנצער וועלט איז אונטערוואָרפן דעם אייזערנעם־געזעץ, ענטדעקט דורך דעם באַרימטן פערדינאַנד לאַסאַל, דהיינו, אָפּהענגיג פון דעם מינימום לעבענסבאַדערפניש, נידריגער פון וועלכן ער קאָן ניט פאַלן. אין ירושלים, אָבער, אין דער שטאָט פון אויסלענדישער חלוקה און שטיצע, איז די ווירקונג פון דעם אייזערנעם געזעץ פון שכירות בטל, און דער לוין פאַלט נידריגער פאַר דעם מינימום־באַדערפניש. אַזוי צום ביישפיל, אין דעם דרוקער פאַך זיינען דאָ פילע ארבעטער מיט פאַמיליעס (4 נפשות), וועלכע באַקומען סך הכל 40 גרוש אַ וואָך ***), אַ סומע, וועלכע קאָן בשום אופן ניט קלעקן פאַר אַ משפחה, בפרט נאָך אין שטאָט. מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ אויסנעמליכע דערשיינונג, דאָס אַ קוואַליפיצירטער (געלערנטער) בעל־מלאכה, וועלכער ווערט גוט באַלוינט איבעראַל, אָבער דאָ אין דער הויפּטשטאָט פון „עם הספר" (בוך־פאָלק) קלעקט אים ניט אויף צום לעבן? די סבה איז אַלגעמיין פאַר דער גאַנצער ירושלימ'ער פּראָדוקציע, און זי שטאַמט פון דעם חלוקה־סיסטעם. יעדער נפש־מישראל, וועלכער זיצט אין דער הייליגער שטאָט, דערהאַלט, ווי ס'איז באַקאַנט, אויף זיין חשבון חלוקה פון איינעם פון די כוללים אָדער צדקה־אַנשטאַלטן (ווענעמס צאָל שטייגט אַריבער צוואַנציג). די חלוקה איז זייט דורות די פריווילעגיע פון יעדן אינדיווידואום, וועלכער האָט די זכיה צו זיצן אין ירושלים. אָבער די פריווילעגיע פון די ארבעטער נוצן אויס זייערע בעלי־בתים צוליב זייערע פריוואַט־צילן, אריינ'חשבונ'דיק דאָס חלוקה־געלד וועלכעס פאַלט אַריין דעם אַרבעטער אויף זיין חלק אין דעם חשבון פון זיינע שכירות, וואָס זיי, די בעלי־בתים, דאַרפן זייערע לוין־אַרבעטער באַצאָלן. אויף אַזאַ אופן פאַלט אַראָפּ די נאָרמע פון אַרבעטער־לוין נידעריגער ווי איבעראַל אין דער וועלט, ווארום די חלוקה דערפילט די ראָלע פון אַ חלק פון ארבעטס־לוין. מיט אַנדערע ווערטער: דער בעל־הבית פאַרנוצט די טייל חלוקה וועלכע קומט אָן צוליב דעם אַרבעטער. אַליין דיזער פאַקט איז אַ גזלה און רויבעריי מצד די שטאַרקע בעלי־בתים. עס ברענגט מיט עטוואָס נאָך מער שרעקליכעס — אין אַן אַנדער געביט. ס'איז דאָך באַוואוסט פון דער פּראַקטיק, דאָס

---

*) אַנגלאָ פּאַלעסטיין קאָמפּאַני, די ציוניסטישע באַנק.

**) די באַאַמטע פון דער ירושלימ'ער אָפּטיילונג פונ'ם באַנק האָבן געהאַלטן מיט די סטרייקער. דער דירעקטאָר און זיין פאָרטרעטער (יהושע ברזילי ז"ל) זיינען געווען מיטגלידער אינ'ם קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן צו זאַמלען געלט פאַר די סטרייקער.

***) בערך 2.75 — 7.40 פראַנק.

די באַציאונג פון דעם „געבער" צו דעם „נעמער" באַקומט אַ פאָרם פון הערשונג און אונטערוואָרפנהייט אפילו אין יענעם פאַל, בעת דער ערשטער גיט ניט פון זיין קעשענע. אמת, מיר האָבן געזען, אַז דאָס חלוקה־געלט, וועלכעס דער אַרבעטער דערהאַלט, איז ניט אַנדערש ווי זיין פאַרדינסט נאָר אין אַ מאָדנער נידעריגער פאָרם. אָבער זייענדיג געצוואונגען מקבל זיין ווי פון זייטיגע מענשן, איז דער אַרבעטער ממילא אָפּהענגיג ניט נאָר אָן זיין בעל־הבית נאָר אויך אָן די ממונים און די אמרכלים פון דער חלוקה. די לעצטע, וועלכע זיינען בסך הכל שמשים, פאַרמיטלערס, איבערצוגעבן דאָס געלט פון פרעמדע אין די הענט פון יענעם פאַר וועמען דאָס איז באַשטימט, זיי נוצן זיך אָבער אויס מיט זייער לאַגע, און פאַרשקלאַפן צו זיך דעם גאַנצן המון פון די „מקבלים". אַזוי איז פאַרקנעכטעט געוואָרן דער ירושלימער המון צו די חלוקה ממונים און איז אָפּהענגיג פון זיי אין אַלע זיינע שריט און טריט, גרויסע און קליינע. און דיזע הערשאַפט, וועלכע איז, אגב, דערוואָרבן געוואָרן גאָר ביליג — איז ביטערער און ערגער פון יעדער הערשאַפט פון אַ געוויינליכן בעל־הבית. זי איז אַ שטער אויף דעם וועג פון יעדער ענטוויקלונג, יעדער אומענדערונג צום בעסערן, יעדער סימן פון אויפלעבונג.

אמת טאַקע, ווי איך האָב געוויזן, איז די סומע פון חלוקה ניט אַזוי אַזוי פיל באַדייטנד. אין איניגע כוללים דערגרייכט זי סך הכל ביז 8 רו"כ פער יאָר אויף אַ נפש און אפילו ווייניגער*), נאָר חוץ געלט־שטיצע איז דאָ נאָך פאַרשידענע פאָרמען פון חלוקה (צ. ב. הלואות צוליב הייזער בויען, גמילת חסד־הכללית א. ז. וו.) און בחנם'דיגע דירות. דורך דעם אַלעם פאַרשפּרייטן די פירער פון די כוללים זייער מאַכט איבער דעם המון, און הערשן איבער אים אומבאַגרעניצט. דיזע ממונים ווערן ניט געוויילט (זייער גאַנצע קראַפט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען באַקאַנט פאַר די אויסלענדישע „נדבנים"), זיי האָבן ניט קיין קריטיק איבער זיך. די שטעלעס זייערע לאָזן זיי איבער בירושה די קינדער, און ביים לעבן גיבן זיי איבער זייערע קרובים און פריינט אַלע פעטע שטעלעס ארום דער חלוקה. און גאָרניט האָט זיך ניט אומגעביטן, און בייט זיך ניט אין דיזן געביט, במשך פון דורות.

ווען די מענשן זאָלן זיך ניט אומענדערן, וואָלט פיליכט אויך דיזע פאָרמע ענטשפּראָכן צו די פאָדערונגען פון פאָלק, ווי ס'האָט צו זיי ענטשפּראָכן במשך פון דריי יובלות, פון דעם אָנפאַנג פון דעם נייעם ישוב. דער אינהאַלט, אָבער, פון לעבן בייט זיך אום כסדר. די שטאָט, וועלכע איז זייט יאָרהונדערטער געשטאַנען שטיל אָן שום פּראָדוקציע, האָט אָנגעהויבן דערוועקן זיך צו אַ נייעם לעבן, צו אַ לעבן פון נאַטירליכער אַרבעט און האַנדל. וואַנדלט איבער די גאַסן פון דער אינערליכער ירושלים, איבער די פינסטערע דורכגאַנגען, איבער די שטיקנדע געסלאַך, קוקט אַרויס, וועט איר זיך איבערציוגן, דאָס ניט בטלנים, ניט ליידיג־גייער זיצן אין די קליינע קרעמלאַך, נאָר מענטשן, וועלכע אַרבעטן, און לעבן פון זייער האָרעוואַניע, בעלי־מלאכות אַרבעטער פון אַלע פאַכן א. א. וו. אויך אין ירושלים האָט זיך געלאָזט הערן דער פייף פון דאַמף־מאַשין, אויך ירושלים האָט זיך אָנגעפילט מיט גערויש פון מאַשינען און קלעפּ פון דעם שמיד־האַמער, אויך צו דער שטאָט וועלכע דערהויבט זיך אויף דעם שפּיץ פון וועלט־בערגלאַך האָט דערגרייכט די באַן, און געבראַכט מיט זיך דעם אייראָפּעאישן קאַפּיטאַל און די אייראָפּעאישע אַרבעט. און ווען פריער איז איר ישוב געווען „כלו קודש", האָט ער זיך צוביסליך אומגעענדערט אויף „חצי להם וחצי לי". און די ערשטע העלפט וואַקסט אומער אויפ'ן חשבון פון דער צווייטער. און ווי באַלד נאָר די מענשן הויבען אָן צו לעבן פון זייער אייגענער אַרבייט, באַפרייט זיך שוין זייער אינדיווידואַליטעט, און זייערע פאָדערונגען ענטוויקלען זיך אַלץ מער. באַזונדערס האָט די מ אַ ש י ן געבראַכט אַ באַדייטנדע אומענדערונג, אַזוי ווי זי פאָדערט צו איר ציל יונגע קינדער, אויף וועלכע ס'איז גרינגער צו ווירקן. נאָך אין די יונגע יאָרן באַפרייט זי זיי פון זייערע עלטערן, פון דער פאַמיליען־ווירקונג, און דערציט אין זיי דעם גייסט פון זעלבסטשטענדיגקייט.

די געוויינטליכע גרויסע פּראָדוקציע פון ירושלים, וועלכע באַנוצט זיך מיט דער אַרבעט פון יונגע בחורים, און מאַכט צוגלייך דעם מענשן פאַר אַן אייביגן לוין אַרבעטער, איז דער דרוקער־פאַך. דיזער פאַך, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „מלאכת־הקודש", איז אין דער ווירקליכקייט דער סאַמע אינטעליגענטער. איבעראַל זיינען די דרוקער־אַרבעטער געווען די ערשטע זיך צו אָרגאַניזירן. אויך אין ירושלים האָבן זיי די ערשטע אָנגעהויבן בילדן אַ מין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין — נאָך פאַר זעקס יאָרן. דעמאָלט, ד. ה. ווען ס'האָט ניט געקאָנט זיין קיין ווירקונג פון דער זייט פון רוסלענדער עמיגראַנטן, האָבן זיך שוין די דרוקער־אַרבעטער אויסגערעדט און אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. ס'איז אונז ניט וויכטיג, ווי אַזוי זייער דעמאָלטיגער שטרייק האָט זיך געענדיגט, מערקווירדיג איז דער פאַקט גופא, וועלכער צייגט אַ געזעלשאַפטליכע אויפלעבונג און אינדיווידועלע ענטוויקלונג.

*) למשל, די כוללים מינסק און ווילנע פאַרטיילן 10—8 רו"כ אויף יעדער נפש פער יאָר, כולל פּינסק — 23 רו"כ אויף אַ נפש.

דערווייל האָט זיך געטראָפן אַ פאַרפאַל, וועלכן מ'קאָן ניט פאַרשווייגן און וועלכער וועט אונז געוויסערמאַסן באַלויכטן די שפּעטערדיגע געשעענישן.

די שטאָט־בעלי־בתּים האָבן כּלל ניט אכטונג געגעבן אויף די סמנים פון דער צייט, און, ווי פאַר הונדערט און דרייסיג יאָרן אַזוי איצט האָבן זיך געפונען קנאים צו גאָט און זיין תורה, און האָבן באַשלאָסן צו באַנייען די רדיפות קעגן „אפּיקורסים". דערצו האָבן זיי געגרינדעט אַ חברה „חפּוש חטאים", וועלכע פלעגט אויסזוכן „זינדיגע" און באַשטראָפן פּיזיש די, וועלכע זי האָט אנערקענט פאַר אַזעלכע. אויף דעם מאָל, אָבער, האָט זיך זיי זייער אויפטו ניט איינגעגעבן, אַן אגודה פון גוטע ברידער האָט געענטפערט אויף קראַפט מיט קראַפט: „חפּוש חטאים" איז בטל געוואָרן און ירושלים האָט זיך אַביסל באַרואיגט.

(אויס'ן אַרטיקל פון אבנר: „וועגן דעם אַלגעמיינעם סטרייק אין ירושלים", „דער אידישער אַרבעטער", לעמבערג, 1909, נומ. 1 און 2).

אַ באַריכט פון דעם שטרייק אין ראשון לציון.

פון דער שטרייק־קאָמיטע אין ראשון לציון באַקומען מיר דעם פאָלגנדן באַריכט וועגן דעם פיל באַשפּראָכענעם שטרייק: די לעצטע אָנפאַלן, וועלכע זיינען ערשינען אין עטליכע צייטונגען, האָבן אונז געצוואונגען אָפּגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן דעם פאַרגאַנגענעם שטרייק אין ראשון לציון, בכדי אונזערע חברים זאָלן גענוי ווייסן וואָס איז אַזוינס דאָ פאָרגעקומען. אין קעלער אין ראשון לציון אַרבעטן אַנ'ערך פון 45 מענטשן, וועלכע צעטיילן זיך אויף אַזעלכע אַרבעטער וואָס אַרבעטן שוין אַ משך 10-15 יאָר, און אַזעלכע, וואָס אַרבעטן ס"ה 1-2 יאָר. בשעת דער קעלער האָט געהערט צום יק"א, האָבן די אַרבעטער געהאַט געוויסע תקנות (אַרבעטס־אָרדנונג). ס'איז ניט איבעריג צו באַמערקן, דאָס עס איז זיי ניט אַזוי גרינג געווען דיזע תקנות צו באַקומען: עטליכע מאָל האָבן זיי געמאַכט שטרייקן. נאָר דאַמאָלט איז געווען אַן אַנדער צייט! דאַמאָלסט איז געווען אַ שטרייק ביי יק"א, ביי דעם באַראָן, הייסט דאָס, ביי דעם באַראָן האָט מען דאָך געמאָגט שטרייקן און קיינער האָט זיך ניט געפונען צו פאַרטיידיגן דעם „ישוב". בעת דער קעלער איז אַריבער צו די קאָלאָניסטן, האָבן זיך פון די אַלטע אַרבעטער מער ווי אַ העלפט צערעכנט, און מען האָט אויף זייער אָרט גענומען יונגע אַרבעטער. די יונגע אַרבעטער האָבן זיך פאַראייניגט אין אַן אָרגאַניזאַציאָן פון יונגע אַרבעטער פון קעלער. די פריערדיגע, אויבנדערמאָנטע אַרבעטס־אָרדנונג, האָט ניט געקאָנט באַפרידיגן די יונגע אַרבעטער. דערצו מוז מען נאָך צוגעבן, אַז די לאַגע פון די אַרבעטער אין קעלער איז שרעקליך פאַרשווערינט אויבער די אומפאַנטשליכע באַציאונגען פון צוויי שעפן, וועלכע סטאַרען זיך צו דערגיין די יאָרן די אַרבעטער: דאָס זיינען די הערן ג. ל., אַ געוועזענער קרעמער, און דער צווייטער פּלפּול, אַן אויסגעהאָדעוועטער בן יקיר ביים „אַליאַנס". מיר האָבן אַ סך פאַקטן וועגן זייער באַגיין זיך מיט די אַרבעטער, נאָר מיר ווילן זיך יעצט מיט זיי ניט באַנוצן. מיר וועלן נאָר אָנווייזן, אַז די שעפן פלעגן זיך זייער אָפּט דערעסן די אַרבעטער און די מער־היציגע פון די יונגע ברענען מיט אַ כעס. דאָס מאָל, ווען ל. האָט געוואָלט זיך לאָזן באַדינען פון אַן אַרבעטער און, ווען דער לעצטער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו ערפילן, האָט דער שעף געפאָדערט מען זאָל אים אַנטזאָגן. דאָס האָט אַזוי אַריינגעבראַכט אין כעס דעם אַרבעטער, אַז דער לעצטער האָט אין זיין אויפרעגונג אויפגעהויבן אַ האַק אויפ'ן שעף.

די יונגע אַרבעטער וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט, האָבן ניט געקאָנט בלייבן רואיג, זעענדיג ווי די שעפן קאָמאַנדעווען מיט אַרבעטער און וואָס פאַר יעדער קלייניגקייט קאָנען זיי ענטזאגט ווערן, און זיי האָבן אויף אַ פאַרזאַמלונג וואו ס'זיינען געווען ביז 28 מאַן, אויסגעאַרבעט פאָדערונגען צו דער פאַרוואַלטונג פון קעלער. די ערשטע פאָדערונג איז געווען, אַז דער אַרבעטער, וועלכער איז אנטזאגט געוואָרן אָן באַדייטנדע אורזאַכן, זאָל צוגענומער ווערן צוריק. דיזע פאָדערונג האָט ה' גלוסקין, דער מנהל פון קעלער, זיך אנטזאגט צו ערפילן און אויף מאָרגן האָבן די אַרבעטער אָפּגעשטעלט דעם קעלער. דער שטרייק, וועלכער האָט געדויערט איין טאָג, האָט זיך אויסגעלאָזן דערמיט, אַז די פראַגע וועגן צונעמען צוריק דעם אַרבעטער זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם פרידנס־געריכט און די אַרבעטער זאָלן תיכף ומיד שאַפן אַ קאָמיסיע אויסצואַרבעטן תקנות פאַר אַלע אַרבעטער אין קעלער. די

אַרבעטער האָבן אויסגעאַרבעט די תקנות און אַ לאַנגע צייט געגאַנגען צום מנהל, ה' גלוסקין, ער זאָל זיי אונטערשרייבן, נאָר ער האָט קאַטעגאָריש אַלע מאָל זיך אַנטזאָגט צו אונטערשרייבן די תקנות און עד היום זיינען די דאָזיגע תקנות ניט אונטערגעשריבן און עקזיס־
ניט אין קעלער.

די יונגע אַרבעטער האָבן אָבער שטענדיג פאַרטיידיגט די פאַרפאָלגטע אַרבעטער און האָבן אַלע מאָל אויפגעוויזן אויף דער אומגערעכטיגקייט פון דער אַדמיניסטראַציע. לסוף איז פאָרגעקומען אַזאַ געשעעניש, איבער וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנפליקט, וואָס האָט געבראַכט צו דעם צווייטן שטרייק. עס איז דאָ אין קעלער איין אַרבעטער, אַ ספרדי, וועלכער אַרבעט געטריי שוין 18 יאָר, וועלכן מען עקספּלאָאַטירט אַזוי פיל, דאָס עס קומט אויס צו אַרבעטן אפילו מיטאָג צייט. דיזן אַרבעטער האָט איינער פון די אויבנדערמאָנטע שעפן געשיקט אַרבעטן פרישטאָג־צייט; דער צווייטער שעף, ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט, האָט אָבער ניט געהייסן אַרבעטן (דאָס קומט פאַר זייער אָפט, ווען איינער הייסט און דער צווייטער, צוליב אַ סכסוך מיט דעם ערשטן שעף, זאָגט פונקט פאַרקערט, און ליידן ליידט דער אַרבעטער...). ווען דער אַרבעטער איז ניט געגאַנגען אַרבעטן, האָט דער ערשטער שעף, ג. ל., געפאָדערט ביי דער קעלער־אַדמיניסטראַציע, מען זאָל תיכף אָפּזאָגן דיזן אַרבעטער, און, ער איז אַנטזאָגט געוואָרן. די יונגע אַרבעטער האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַזאַ באַציאונג צו די אַרבעטער, וועלכע ליידן איבער די פּריוואַטע סכסוכים צווישן די שעפן, און האָבן געפאָדערט מען זאָל דעם ענטזאָגטן אַרבעטער צונעמען צוריק, זאָנסט שטעלן זיי אָפּ די אַרבעט און אויף זיין פּלאַץ וועלן זיי קיינעם ניט צולאָזן אַרבעטן.

מען האָט צוליב דעם געמאַכט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער פון קעלער. ה' גלוסקין האָט זיך לכתחילה אפילו געקנייטשט, ער האָט זאָגאַר געשוואָרן, אַז ענטווידער ער בלייבט אין קעלער, אָדער דער ענטזאַגטער אַרבעטער. ה' גלוסקין האָט אָבער סוף כל סוף געמוזט אים צוריקנעמען, דערפאַר האָט ער אָבער באַשטימט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור צו ווערן פון די אַרבעטער, וואָס „קאָנטראָלירן" זיינע מעשים אין קעלער, און אויף דעם דריטן טאָג זיינען ענטזאַגט געוואָרן די 6 „הויפּט־רעוואָלוציאָנערן", מיט דער פאַלשער מאָטיווירונג, אַז עס פעלט אַרבעט פאַר זיי. די אַרבעטער האָבן אים אָנגעוויזן, אַז די אַרבעט איז ניט ווייניגער געוואָרן. דאַן האָבן די זעקס אַרבעטער זיך געווענדעט צו די חברים־אַרבעטער אויסער דעם קעלער און מיט זייער הילף האָבן זיי אָפּגעשטעלט דעם קעלער. ה' גלוסקין האָט זיך נישט דערשראָקן. ער האָט, ווי עס ווייזט אויס, שוין פאָרויס אויסגעאַרבעט אַ טאַקטיק. דאָס ערשטע האָט ער געהייסן צונויפרופן אַלע איבעריגע אַרבעטער און אונטער דראָאונגען אנטזאָגן פון אַרבעט, האָט ער זיי געצוואונגען זיך אונטערשרייבן געגן דעם שטרייק. דאַן האָט ער געשיקט אין אַלע קאָלאָניעס רייטערס מיט טעלעגראַמען: — „רכושנו בסכנה, היקב סגור, באו לעזרה!" (אונזער גוטס איז אין געפאַר, דער קעלער איז געשלאָסן, קומט צו הילפע!). דיזע טעלעגראַמע האָט געבראַכט זייער פיל קאָלאָניסטן אין ראשון לציון. אויך פילע אַרבעטער זיינען געקומען. זעענדיג, אַז די זאַך האָט, אַ דאַנק דעם מנהל פון קעלער, אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער, האָבן די זעקס אַרבעטער געשיקט שלוחים אין יפו, צו די אָרגאַניזאַציעס פון „פועלי ציון" און „הפועל הצעיר", מיט אַ פאָרשלאַג איבערצונעמען און פירן ווייטער דעם שטרייק כדי ער זאָל טראָגן אַן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. צו צוויי פאָרשטייער פון ביידע אָרגאַניזאַציעס פון יפו זיינען תיכף אַוועקגעגאַנגען קיין ראשון לציון, מיט זיי זיינען געקומען אין דער קאָלאָניע אַ סך אַרבעטער און האָבן געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכן עס זיינען געווען ביז 70 אַרבעטער. די רעזאָלוציאָנען וועלכע מען האָט אָנגענומען איינשטימיג, אַ חוץ אייניגע שטימען, זיינען פאָלגענדע:

די פאַרזאַמלונג אנערקענט דעם שטרייק און זאָגט אַרויס איר ווילן, אַז די אָרגאַניזאַציאָנען זאָלן אים פירן ווייטער אָן טעראָר. די פאָדערונגען, וואָס די זעקס אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט זיינען ריכטיגע, און מען מוז זיי אונטערהאַלטן.

אויף צו פירן ווייטער דעם שטרייק האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטעט פון פינף מאַן, פון די אָרגאַניזאַציעס „פועלי ציון", „הפועל הצעיר" און „אגודת הפועלים". דער קאָמיטעט

האָט פאַרלאַנגט מען זאָל צוריק צונעמען די זעקס אַרבעטער, ווייל זיי זיינען געווען ענטזאגט אַלס אנטיילנעמער אין שטרייק. דערביי האָט דער קאָמיטעט געפאָדערט, מען זאָל האַלטן צוגעמאַכט דעם קעלער ביז דער סכסוך וועט נישט זיין געענדיגט.

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען מיט דעם קאָמיטעט פון די קאָלאָניסטן, האָבן די לעצטע ערקלערט, אַז זיי וועלן עפענען דעם קעלער און די זעקס אַרבעטער וועלן זיי ניט צוריקנעמען. דער אַרבעטער קאָמיטעט האָט אָבער ערקלערט, אַז דאָס אָפּשאַפן פון די זעקס אַרבעטער דערפאַר ווייל זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ שטרייק, קאָן ער נישט צולאָזן. דער קאָלאָניסטן קאָמיטעט האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם. די אַרבעטער האָבן דערצו ערקלערט, אַז זיי מוזן זיך באַראַטן מיט זייערע אָרגאַניזאַציעס. דאַן האָבן די פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע „הפועל הצעיר" ערקלערט די איבעריגע מיטגלידער פונ'ם אַרבעטער קאָמיטעט, אַז זיי אַנטזאָגן זיך צו פירן ווייטער דעם שטרייק, און זיי אַנערקענען די פאָדערונגען פון די זעקס אויסגעשלאָסענע אַרבעטער פאַר ניט קיין ריכטיגע און דעם שטרייק פאַר אַ געענדיגטן. און מיט דעם וואָס זיי האָבן דאָס ערקלערט דעם קאָמיטעט האָבן זיי זיך נישט באַנוגנט, זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען צו דער קאָמיסיע, וועלכע איז געוועזן אויף דער פאַרזאַמלונג פון די קאָלאָניסטן און האָבן אויך זיי דערקלערט דאָס זעלבע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די קאָלאָניסטן האָבן געמאַכט אַ שטאַרקע אָוואַציע, דער „אמת'ער" אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. מען האָט געפּאַטשט בראַוואָ און פריילין זיך צעגאַנגען אַהיים. אויף מאָרגן האָט זיך געעפנט דער קעלער און מיט דעם איז דער שטרייק געענדיגט געוואָרן.

די זעקס אַרבעטער האָבן זיך געווענדעט צום צ. ק. פון „פועלי ציון", ער זאָל העלפן פאַרענדיגן דעם סכסוך. דער צ. ק. האָט באַשלאָסן מיטצוהעלפן זיי אַלס פריוואַטע מענטשן. נאָך עטלאַכע בריוו וואָס דער צ. ק. פון „פועלי ציון" האָט געשיקט צו ה' גלוסקין, האָט דער לעצטער באַשטימט צו פאַרענדיגן מיט די זעקס אַרבעטער און צוזאַמען מיט זיי האָט ער אויסגעאַרבעט תנאים, אויף וועלכע זיי האָבן מסכים געווען.

דריי מיטגלידער פון אַרבעטער קאָמיטעט:

בן ציון. א. קומרוב. אבר. סאַוואַראַנסקי.

(„אידישער אַרבעטער", קראָקוי, 1907).

פלאַטפאָרם

פון דער אידישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי אין פאַלעסטינא (פועלי־ציון), אויסגעאַרבעט אויף דער טעריטאָריאַלער קאָנפערענץ אין רמלה (18־20 תשרי, ס"ו)

.1

די געשיכטע פון דער מענשהייט באַשטייט פון נאַציאָנאַלן־ און קלאַסן־קאַמף.

דער אופן, דורך וועלכן די מענשן שאַפן די פּראָדוקטן, וועלכע זיינען נויטיג פאַר זייער עקזיסטענץ, און די נאַטירלאַכע און היסטאָרישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט פאָר דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס — צוטיילן די מענשהייט אויף געזעלשאַפטן און קלאַסן.

אַ באַשטימטער פּראָדוקציאָנס־אופן באַשאַפט געוויסע פּריווילעגיעס פאַר די הערשנדע קלאַסן, אַ דאַנק וואָס עס קומט פאָר אַ קלאַסן־קאַמף צווישן די הערשנדע און אונטערדריקטע. די ערשטע ווילן פאַרשטאַרקן זייערע פּריווילעגירטע פּאָזיציעס, די צווייטע — זיי פאַרניכטן.

אַ באַשטימטער צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, ווערנדיג צו ענג פאַר די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון אַ געזעלשאַפט, שטופּט זי צו פאַרכאַפּן אַ פרעמדן עקאָנאָמישן באַזיס — טעריטאָריע — און דאָס רופט אַרויס אַ ווידערשטאַנד פון דער צווייטער געזעלשאַפט, און אַזוי אַנטשטייט דער נאַציאָנאַלער קאַמף.

.2

די באַטראַכטונג פון דאָס סאָציאַל־עקאָנאָמישע לעבן אין פּאַלעסטינא באַווייזט אונז, אַז אין איר הערשט די פעאָדאַלע אָרדנונג. איינזייטיג באַמערקן מיר דאָ שפּראָצונגען פון קאַפּיטאַליזם, וועלכער אַנטוויקלט זיך פון די אימיגרירנדע פּראָדוקטיוו־קרעפטן, און רעוואָלוציאָניזירט די הערשנדע אָרדנונג. אין דעם פּראָצעס פון רעוואָלוציאָניזירונג שפּילן דאָ אַ וויכטיגע ראָל די איינגעוואַנדערטע אידישע פּראָדוקטיוו־קרעפטן.

די שפּראָצונגען פון קאַפּיטאַליזם באַ־

מערקט מען אם מערסטן אין דער אַגראַרער ווירטשאַפט, וואו עס ווערט אָנגעווענדעט הויפּטזעכליך דער מיטעלער קאַפּיטאַל. אויף וויפיל עס איז מעגליך פאָראויסצוזען די ווייטערע אנטוויקלונג, וועט דער מיטעלער קאַפּיטאַל אין דער אַגראַרער ווירטשאפט נאָך געגוג לאַנג הערשן.

(וואָס פאַר אַ קאַפּיטאַל וועט זיך ערשט אנטוויקלען אין דער אינדוסטריע — איז געבליבן אַן אָפענע דיסקוסיאָנס־פראַגע).

.3

דער קאַפּיטאַליזם, וועלכער אנטוויקלט זיך אין פּאַלעסטינא, נויטיגט זיך אין אינטענסיווע אינטעליגענטע אַרבעטער, און אַזוי ווי דער היגער אַרבעטער שטייט נאָך אויף זייער אַ נידעריגע שטופע, איז די קאַפּיטאַליסטישע אנטוויקלונג אין פּאלעסטינא אָפּהייננגיג פון דער עמיגראציע פון אויסלענדישע, מער אנטוויקלטע אַרבעטער.

דער קאַפּיטאַליזם, רעוואָלוציאַניזירנדיג די פעאָדאַלע אָרדנונג, פּראָלעטאַריזירט ביסלאכווייז דאָס פויערטום, וועלכע געפינט אַ צולייגונג פון זיין אַרבעטס־קראפט נאָר דאָ, וואו די אינטענסיוויטעט שפּילט ניט קיין וויכטיגע ראָל.

.4

די אורזאכן פון דער אימיגראציע אין פּאַלעסטינא פון דעם גרויס קאַפּיטאַל ליגן אין דער אנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַל זעלבסט, וועלכע פירט צו אַן איבערפלוס אין די הויך־אנטוויקלטע לענדער און באוועגט אים צו זוכען נייע פּלעצער פון צולייגונג פון די ניט קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די אורזאַכן פון דער אימיגראציע פון מיטעלן קאַפּיטאַל ליגט אין דעם, וואָס דער אידישער קאַפּיטאַל אין אַלגעמיין און באזונדערס דער מיטעלער ווערט דורך דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ארויסגעשטויסן פון די גלות־לענדער.

די פאַקטאָרן, וועלכע פאַראורזאַכן, דאָס אַ טייל פון דער אַלוועלטליכער עמיגראציע זאָל גיין אין פּאַלעסטינא, שטאַמען דערפון, וואָס די אידישע ברייטע מאסן ווערן ארויסגעשטופּט פון אַלע ספערן פונ׳ם פּראָדוקציאָנס לעבן און מוזן עמיגרירן. די אידישע עמיגראציע, וועלכע וואקסט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג, וועט מוזן זיך קאָנצענטרירן אין פּאַלעסטינא, ווייל אין די הויך־אנטוויקלטע לענדער שטויסט זי זיך אָן אויף אַלץ מער שטערונגען.

פּראָיעקט־פּראָגראַם.

אויסגעארבעט אויף דעם ערשטן דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר אין יפו (9-22 טבת, ס״ז)

1. פּראָגראַם מאַקסימום.

די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי אין פּאַלעסטינא (פּועלי ציון) שטרעבט צו דער פאַרגעזעלשאַפטליכונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

דאָס איינציגע מיטל, וואָס די פּאַרטיי אַנערקענט, איז דער קלאַסן־קאַמף, די פאָרמען פון וועלכע זיינען אָפּהייננגיג פון ציוטיגע און אָרטיגע באַדינגונגען.

2. נאַציאָנאַל־פראַגע
(מאַקסימאַלע פאָרמולע)

בנוגע דער אידן־פראַגע שטרעבט די פּאַרטיי צו אַ פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר דעם אידישן פאָלק דאָ אין לאַנד.

3. אימיגראציאָנס־פראַגע.

אַנערקענענדיג, דאָס די אנטוויקלונג פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינא איז אָפּהייננגיג פון די אימיגרירנדע פּראַדוקטיוו־קרעפטן, קעמפט די פּאַרטיי געגן אַלע שטערונגען, וועלכע שטייען אויפ׳ן וועג פון דער אידישער אימגראציע אין פּאַלעסטינאַ, און פאָדערט פון די אידיש־געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטן (ווי יק״א, ציוניסטישע אָרג.) צו שאַפן אין פּאַלעסטינאַ די נויטיגע אינסטיטוטן צו רעגולירן די אימיגראציע.

4. ציוניסטישער קאָנגרעס.

צוליב די ארבעט אין און פאַר פּאַלעסטינא באטייליגט זיך די פּארטיי אין ציוניסטישן קאָנגרעס, אויף וועלכן ז שיקט אירע פאָרשטייער באזונדערס פון אַנדערע פּאַלעסטינא׳ער אָרגאַניזאַציעס.

5. אידיש־פּראָלעטאַרישע באוועגונגען אין גלות.

אַנערקענענדיג, דאָס די אידישע ווירקליכקייט אין די גלות־לענדער פירט צו דער עמיגראציע פון די אידישע אַרבעטער מאַסן אין פּאַלעסטינאַ, און דאָס די פּאַלעסטינער ווירקליכקייט פירט צו דער אנטוויקלונג פון דעם אידישן אַרבעטער קלאַס אין פּאַלעסטינא, — און אַזוי ווי דעם היסטאָרישן פּראָצעס האָבן פון אַלע אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין גלות ריכטיג פארשטאנען נאָר די אַלוועלטליכע פּועלי ציון — פאַראייניגט זיך די פּאַרטיי מיט די לעצטע אין אַלע פראַגן, וועלכע באַרירן אונזערע געמיינזאַמע אינטערעסן.

6. אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס.

אַנערקענענדיג, דאָס די אינטערעסן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינא זיינען סאָלידאַריש מיט די אינטערעסן פון דעם אַלוועלטליכן פּראָלעטאַריאַט — באטייליגט זיך די פּאַרטיי אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאַציאַליסטישן קאָנגרעס.

7. אונזערע נאָענטסטע פאָדערונגען.

א) אַלגעמיינע וואַל־רעכט אין אַלע אידישע שטאָטישע און קאָלאָניאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען; ב) דעמאָקראַטישע קאָנטראָל איבער אַלע אינסטיטוטן אין פּאַלעסטינא, וועלכע זיינען געשאַפן דורך אידישע געזעלשאַפטליכע מיטלען.

8. פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען.

געפינענדיג, דאָס פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ארבעטער קאָנען אם בעסטן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַראײניגן וואָס מער אַרבעטער — אַנערקענט די פּאַרטײ די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינא אין אומפּאַרטײאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַרײנען.

9. פילאַנטראָפּיע.

די פּאַרטײ קעמפט געגן פילאַנטראָפּיע אויף וויפיל זי דעמאָראַליזירט די אידישע באַפעלקערונג און פאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פון אירע פּראָדוקטיוו־קרעפטן.

(„פּראָלעטאַרישער געדאַנק”, נומער 3, ווילנע, 23 פעברואַר, 1907.)

„החורש”

(אַ בריוו פון ארץ ישראל)

...דיזע אָרגאַניזאַציע איז ניט מיט אײנמאָל געשאַפן געוואָרן. זי האָט פאַר דער צײט ביז וואַנען זי איז אַרײנגעטראָטן אין דער איצטיקער פאָרמע, אײניגע מאָל געביטן אירע צילן און צוזאַמען מיט דעם אויך איר פּראָגראַם. אַזוי האָט זי זיך פּאַמעלאַך ענטוויקלט, ביז וואַנען זי איז געוואָרן דאָס וואָס זי איז איצט.

לויט ווי אויך איז געוויס באַקאַנט, טײלן זיך די קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע אויף פּלאַנטאַציע און אַקערבויאישע. אונטער דעם ערשטן מין גײען אַרײן דער גרעסטער טײל קאָלאָניעס אין יהודה, אונטער דעם צווייטן אַלע גליל'ער קאָלאָניעס. ביז מיט אײניגע יאָר צוריק, איז אין די קאָלאָניעס פון גליל ניט געווען כמעט קײן אידישער אַרבעטער. אַלע יונגע אימיגראַנטן וואָס זײנען געקומען פון די גלות־לענדער, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַרבעטן אין די קאָלאָניעס פון יהודה. אין דעם איז פאַראַן אַ סך סבות, פון וועלכע די הויפּט סבות זײנען פאָלגענדע:

א) די מאַטעריאַלע לאַגע. אין די קאָלאָניעס פון יהודה פאַרדינט דער אַרבעטער מער און דאַצו אַרבעט ער ווייניגער (ווינטער 7־8 שעה, זומער 10 שעה), דאַגעגן אין די קאָלאָניעס פון גליל פאַרדינט מען ווייניקער און מ'אַרבעט מער (11־12 שעה).

ב) דער קולטורעלער צושטאַנד. אין די קאָלאָניעס פון יהודה איז שטענדיג געווען אַ מער קולטורעלער לעבן, און דער נײער אימיגראַנט קומענדיג נאָר וואָס פון רוסלאַנד, וואו ביי יענער צײט האָט דאָס לעבן גע'רעש'ט, האָט זיך מיט אַמאָל ניט געקאָנט אָפּרײסן פון אַלעם און אַוועק ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער גליל'ער קאָלאָניע. אין יהודה האָט ער שטענדיג געהאַט ביבליאָטעקן, צײטונגען, ס'איז שטענדיג געווען אַ גרויס יונגוואַרג פון די קאָלאָניסטן און פון די אַרבעטער מיט וועלכע מ'האָט געקאָנט רײדן, דיסקוטירן וועגן די אַלע פראַגן, טעאָריעס וואָס דאָס אידישע לעבן איז דאַמאָלס געווען אַזוי רײך מיט זיי.

ג) די פרײהײט. אין די קאָלאָניעס פון יהודה, וואו דער אַרבעטער איז אַ טעגליכער, האָט ער די פולע פרײהײט אין דער לײדיגער צײט פון דער אַרבעט. ער געפינט זיך אויף אַ באַזונדער וואוינונג און איז מיט גאָרניט געבונדן צום בעל־הבית, און אַפילו די אײניגע מאָנאַטליך־געדונגענע אַרבעטער זײנען אויך גענוג פרײ. דאַגעגן, אין די קאָלאָניעס פון גליל, וואו דער אַרבעטער איז אַ מאָנאַטליכער אָדער אַ יערליכער, און דאַצו געפינט ער זיך נאָך בײם בעל־הבית מיט וואוינונג און עסן, איז דער אַרבעטער אַבסאָלוט ניט פרײ. קומענדיג פון פעלד גאַנץ שפּעט האָט נאָך דער אַרבעטער אין דער היים אויך נאָך פאַרשידענע אַרבעטן ווי געבן עסן די בהמות, פירן זיי טרינקען און אַכטונג געבן אויף זיי. אין מיטן נאַכט מוז דער אַרבעטער נאָכאַמאָל אויפשטײן געבן עסן די בהמות און צוגרײטן אַלעם צו דער אַרבעט אַזוי אַז דער אַרבעטער האָט כמעט קײן פרײע מינוט ניט.

אויך האָט מיטגעווירקט אַ סך דאָס, וואָס די יהודה'ער קאָלאָניעס זײנען אַנטשטאַנען אַ סך פריער, און דאָ האָבן זיך שוין געקאָנט באַזעצן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער, אײדער די קאָלאָניעס אין גליל זײנען נאָך אַנטשטאַנען, און אַז אַ דער נײ־אָנגעקומענער האָט שוין געפונען אין די קאָלאָניעס חברים, באַקאַנטע און געוויינליך איז אים געווען בעסער אָפּשטעלן זיך צווישן באַקאַנטע, ווי גײן קײן גליל, וואו אַלס איז אים געווען פרעמד.

אָט די אַלע סבות האָבן מיטגעבראַכט, אַז דער גאַנצער שטראָם פון דער עמיגראַציע, האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָר אין די פּלאַנטאַציע קאָלאָניעס פון יהודה. אין גליל האָבן די קאָלאָניסטן געאַרבעט מיט אַראַבישע האַראַטינען (אַרבעטער פון יאָר פאַר אַ געוויסן פּראָצענט פון דער ערנטע).

ערשט מיט אײניגע יאָר צוריק איז געקומען קײן גליל אַרבעטער פון יהודה, און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַרבעטן אין דער פאַרמע סדג'רה פון „יקא”. דיזע ערשטע אַרבעטער, זײענדיג אין יהודה זײנען געווען אַלע מיטגלידער פון „הפועל הצעיר”. קומענדיג קײן גליל און געפינענדיג די קאָלאָניעס אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ס'איז ניטאָ קײן אײן אידישער אַרבעטער, האָבן זיי באַלד געטראַכט וועגן „כבוש העבודה”, ניט האָבנדיג קײן אידישע אַרבעטער וועלכע

זאָלן פאַרנעמען די פּלעצער פון אַראַבער, האָבן זיי דאַן געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע „החורש". דער ציל פון דער נייער אָרגאַניזאַציע האָט באַדאַרפט באַשטיין: אין צוציען אַרבעטער פון יהודה, אַוואו ס'איז שוין געווען אַ גאַנץ גרויסע צאָל אַרבעטער און מיט יעדן טאָג זיינען דאָרט נייע צוגעקומען, קיין גליל. האָפנדיג אויף דעם אידעאַליזם פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן צוליב דעם אידעאַל געוואָרפן רוסלאַנד, הגם ס'האָט זיך זיי דאָרט געלעבט בעסער מאַטעריעל און קולטורעל, און געקומען קיין פּאַלעסטינע, האָבן זיי געגלויבט, אַז דער אַרבעטער וועט צוליב דעמזעלבן אידעאַל איבערלאָזן יהודה און קומען קיין גליל, הגם דאָרט לעבט זיך אים בעסער אין אַלע הינזיכטן. אָט דאָס זיינען די ערשטע צילן פון „החורש" אין זיין ערשטן פּראָגראַם. דיזעלבע פּראָגראַם פון „כבוש עבודה" ווי ביים פּועל הצעיר נאָר מיט איין קליינע נפקא מינה, וואָס דאָרט איז „כבוש עבודה" בכלל און דאָ האָט מען צוגעגעבן „עבודה פשוטה".

נאָר מיט דעם האָט זיך דאָס אָנגעהויבן און ביי דעם איז דאָס געבליבן. קיין נייע אַרבעטער פון יהודה האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן צוצוציען אפילו די אייניגע וואָס זיינען געקומען, זיינען אויך אין אַ קורצער צייט נאָך זייער קומען געגאַנגען צוריק קיין יהודה און אַזוי איז דער „החורש" ניט געווען אומשטאַנד עפּעס ממשות'דיק צו טאָן און ער איז זיך פּאַמעלאַך אינגאַנצן געשטאָרבן.

ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, איז צוליב אויסערליכע סבות, ווי דער באָיקאָט אין פּתח־תקוה און דער סטרייק אין ראשון'ער קעלער, וועלכע האָבן פאַרערגערט די לאַגע פון דעם אַרבעטער אין יהודה, און נאָכדעם אויך אינערליכע סבות, דאָס וואָס יק"א האָט קאָלאָניזירט אַ פּאָר רוסישע אַרבעטער וואָס האָבן פריער געאַרבעט אין גליל, מ'האָט גענומען ריידן אַז יק"א דענקט צו קאָלאָניזירן אויף אירע באָדנס די אַלע אַרבעטער וואָס וועלן אַרבעטן אַ געוויסע צייט אין גליל, אַ דאַנק די אַלע סבות, האָט זיך אין גליל צונויפגעקליבן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער, דאַן האָט דער „החורש" אַ צווייטן מאָל אויפגעלעבט, נאָר שוין מיט גאַנץ אַנדערע צילן. די נייע אָנגעקומענע אַרבעטער האָבן אַ קוק געגעבן אויף דעם צושטאַנד פון די קאָלאָניעס, אויף דער דעזאָרגאַניזאַציע ביי יק"א אין דעם ענין פון קאָלאָניזירן. אַרבעטנדיג אין געוויסע פּרינציפּן, האָט זי גאָרניט אין אַכט גענומען ווען ס'טויג זיך אויס בעסער אַלס קאָלאָניסט, נאָר ווער ס'איז געפעלן געוואָרן בעסער דעם אָדער יענעם אַדמיניסטראַטאָר. אַזוי זיינען געוואָרן קאָלאָניסטן אַזעלכע, וועלכע האָבן פון איין זייט ניט געטויגט אַלס קאָלאָניסטן. זיי האָבן פריער ניט געהאַט קיין ספּעציעלע פאָרבילדונג אין אַגריקולטור בכלל און אין אַקערבוי בפרט. דאָס האָט מיטגעבראַכט, אַז אַ גרויסער טייל פון קאָלאָניסטן האָבן אַליין ניט געאַרבעט, נאָר די גאַנצע אַרבעט זייערע פלעגן זיי איבערלאָזן אויף זייערע אַראַבישע אַרבעטער. ביי דעם ערשטן שלעכטן צופאַל האָבן פילע פון זיי אינגאַנצן געוואָרפן די קאָלאָניזאַציע און זיינען אַוועק אין שטאָט עפּענען געוועלבלאַך, אָדער גלאַט אַזוי מסחר'ן. ביי אַזאַ פירונג פון דער אַרבעט, איז גאָר קיין וואונדער וואָס דער גרעסטער טייל קאָלאָניסטן זיינען באַלד אַריינגעזונקען אין חובות פון וועלכע זיי האָבן זיך נאָך ביז היינטיגן טאָג ניט באַ־פירונג פון דער אַרבעט, איז גאָר קיין וואונדער וואָס דער גרעסטער טייל קאָלאָניסטן זיינען זיינען ניט געווען די אידן אויף וועלכע מיר האָבן געהאָפט, פון וועלכע מיר האָבן עפּעס געקאָנט דערוואַרטן אַלס אידן, האָבן גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ האָפנונג ס'ליגט אַוועק אויף זיי דער בעסערער טייל פון אידישן פאָלק, זיי האָט געפעלט יעדער פונק פון נאַציאָנאַלער ערע, ביי דעם קלענסטן צוזאַמענשטויס מיט אַראַבער, פלעגט ווערן אַ ויצעקו צו דער אַדמיניסטראַציע און זי האָט שוין געהאַט איר מיטל: באַקשיש, חילין, סאַראי א. אַז. וו. זיי האָבן גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין, אַז דער נאַציאָנאַלער כבוד ליידעט ניט דיזעלבע מיטלען. אַזוי איז געווען דער צושטאַנד אין די קאָלאָניעס אין דער צייט וואָס די אַרבעטער האָבן דאָ גענומען קומען אין אַ גרעסערער צאָל. אָט דאָס אַלץ האָבן גאַנץ גוט געוואוסט די אָנגעקומענע אַרבעטער און זיינען געקומען צום שלוס, אַז פון אַזאַ קאָלאָניזאַציע האָבן מיר גאָרניט צו דערוואַרטן. ווען מ'זאָל אפילו קאָלאָניזירן נאָך 100 און נאָך 1000. ווען מיר ווילן, אַז די קאָלאָניזאַציע זאָל ווערן פאַר אונז דאָס, וואָס זי דאַרף זיין, מוזן מיר זען אַליין צוגרייטן אַ בעסערן, געזונטערן אַקערבוי־עלעמענט, געזונט פיזיש און גייסטליך, געזונט אַלס אַרבעטער, קאָלאָניסט און די הויפּטזאַך אַלס — איד.

דאָס זיינען די צילן פון „החורש" און לויט נאָך די צילן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן זיין פּראָגראַם. געוויינליך ניט מיט איינמאָל איז דאָס אויסגעאַרבעט געוואָרן. ס'זיינען געווען פאַרשידענע אַנדערע שטרעבונגען אויך אין „החורש", פון איין זייט זיינען נאָך געווען אייניגע אַלטע חברים, וועלכע האָבן גע'חלומ'ט וועגן „כבוש עבודה", פון דער צווייטער זייט זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט, אַז דער „החורש" זאָל אינגאַנצן אַראָפּנעמען זיין פּאָליטישן אינהאַלט, און זאָל ווערן אַ ריין פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, צו קעמפן אויף פאַרבעסערן דעם אַרבעטער לעבן. נאָר די שטרעמונג זיינען מער ניט געווען ווי איינצעלנע און דער גרעסטער טייל פון די גליל'ער האָבן געשטימט צו דעם פּראָגראַם וועלכע איך האָב אויבן געשילדערט.

וועגן די טעטיקייטן פון „החורש" וועל איך שרייבן אַ צווייטן מאָל. ישראל.

סדג'רה, גליל. („אידישער אַרבעטער", נומער 10, 1909).

דאָס פּראָגראַם פון „החורש".

1. פּרינציפּן.

1) צווישן די אַרבעטן וואָס זיינען נויטיג צו באַלאַנגען צו אונזער ציל אין לאַנד דאַרף די לאַנדווירטשאַפט פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט, ווייל די ערד איז די גרונדלאַגע פון יעדער מדינה.

2) פון די צוויי ארטן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט: גאָרטן־קולטור און געטריידע־קולטור, דאַרפן מיר פאָרציען די לעצטע, ווייל:

א) די תבואה קולטור ברוינגט אונז דעם לעבעדיגן אינווענטאר און ליפערט די נויטיגסטע פּראָדוקטן וואָס זיינען די ווירטשאַפטליכע גרונדלאַגע פון יעדן פאָלק און לאַנד.

ב) די תבואה קולטור איז אַ וויכטיג מיטל צום אויסלייזן פון לאַנד: ווייל ביי פּלאַנצונגען איז גענוג פאַר אַ משפּחה 40-50 דונאם ערד, דאַרף מען ביי דער תבואה־קולטור 250-300 דונאם.

ג) די תבואה קולטור איז ווייניגער פון דער גאָרטן־קולטור אָנגעוויזן אויף דעם וועלט־מאַרק, און דאַרף דורכדעם אַזוי ניט מורא האָבן פאַר אַן אַלגעמיינעם קריזיס.

ד) די תבואה קולטור איז לייכטער פאַר מענטשן מיט מיטלמעסיגן פאַרמעגן, ווייל די ערד ברייגגט שוין דעם ערשטן יאָר הכנסות און מ'דאַרף ניט וואַרטן אַ פּאָר יאָר ווי ביי פּלאַנצונגען.

ה) די בויערן זיינען מער צוגעבונדן צו דער ערד, זיינען ניט געניגט צו עמיגרירן און זיינען די בעסטע קעמפער פאַר'ן לאַנד.

2.

מיר ווילען שאַפן אין דער לאַנדווירטשאַפט אַ בויערן־שטאַנד, וועלכער פעלט אונז אין די גלות־לענדער, און וועלכער ברייגגט אַריין ביי אַנדערע פעלקער אַ פּריש, געזונט לעבן. און דאַצו קען מען נאָר קומען דורך דער תבואה קולטור, דען די גאָרטן קולטור האָט אַ קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער, וועלכער קען דעם באַזיצער ניט דערנעענטערן צו דער ערד און דער נאַטור.

3.

ווייל מיר אַנערקענען אַז אונזער הויפּט־אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט דאַרף זיין די תבואה־קולטור, מוזן מיר אַרבעטער ווידמענען אונזער גאַנצע אַרבעט דעם פאַך.

דורך דעם האָבן מיר זיך געשטעלט דעם ציל צו אַנטוויקלען אין אונזער לאַנד דעם עלעמענט פון לאַנד־אַרבעטער, שטאַרקע אין קערפּער און גייסט.

4. די מיטל.

1) פירן צווישן די אַרבעטער אַ ברייטע אַגיטאַציע איבער די שטאַרקע נויטיקייט פון אַזאַ עלעמענט.

2) פאַרברייטן אין די קאָלאָניעס די נויטיקע באַדינגונגען צו זיין אַנטוויקלונג.

3) פאַרבעסערן און דערלייכטערן די מאַטעריאַלע לאַגע פון די מיטגלידער דורך דעם גרינדן פון: לייַ־קאַסעס, שותפות'דיקע קיכן, אינפאָרמאַציאָנס ביוראָס א. אַז. ו.

4) פאַראַנשטאַלטן אָוונט־קורסן פאַר העברעאיש און אַראַביש, און וואו ס'איז מעגליך פאַר ערד־אַרבעט.

5) איינפירן צווישען די מיטגלידער טורן־איבונגען (גימנאַסטיק), און זיי לערנען וואָפן האַלטן, אום אין זיי צו אַנטוויקלען דעם טאַלאַנט און געפיל פון זעלבסטווער.

5. די אָרגאַניזאַציע.

1) אָן דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע שטייט אַ צ. ק. וואָס ווערט דערוויילט פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אויף אַ האַלב יאָר, און וועלכער פירט אַלע ענינים פון דער אָרגאַניזאַציע.

2) די אָרגאַניזאַציע טיילט זיך אויף אָרטגרופּן. די אָרטגרופּע בילדעט די אַרבעטער פאַרזאַמלונג אין יעדער קאָלאָניע. יעדע אָרט־גרופּע ווילט אַ פאַרטרויענסמאַן וועלכער שטייט אין באַציאונג מיט'ן צ. ק.

3) מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע קען זיין יעדער אַרבעטער אין די אַקערבוי־קאָלאָניעס, וועלכע אַרבעטן אין אַלע צווייגן פון דער ערד אַרבעט (וועכטער, פאַסטוכער, מעלקער א. אַז. וו.) און אויך יעדער אַרבעטער פון אַנדערע קאָלאָניעס וועלכער איז באַשעפטיגט אין דעם אַקערבוי, און וועלכע אַנערקענען דאָס פּראָגראַם פון דער אָרגאַניזאַציע.

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג: די וואָס אַנערקענען די פּראָגראַם און האָבן ניט די אַנדערע באַדינגונגען, מעג נאָר די הויפּט־פאַרזאַמלונג זיי אָננעמען.

6. בייטראָגן.

יעדער מיטגליד צאָלט איין בושליק אַ חודש. דערפון גייען: צוויי מעטאַליק אין דער פאַראיינס קאַסע און 8 מעטאַליק אין לייַ־קאַסע.

(„אידישער אַרבעטער", לעמבערג, 1909, נומער 10).

אַמאַלגאַמייטעד באַנק

אָוו ניו יאָרק

די ערשטע
אַרבייטער באַנק
אין ניו יאָרק

15־11
יוניאָן סקווער
קאָרנער 15־טע סטריט,
וועסט סייד פון
יוניאָן סקווער

וואַקסט מיט
יעדען טאָג.
גרעסטער ערפאָלג

נאָהענט צו **10 מיליאָן דאָלאַר דעפּאָזיטס**

די נייע פּראַכטפאָלע היים אין 11־15 יוניאָן סקווער

איז אויסגעצייכענט צוגעפּאַסט פאַר דעם גרויסען וואוקס פון דער אַמאַלגאַמייטעד באַנק און איז זעהר באַקוועם פאַר יעדען איינעם, אין וועלכען טייל שטאָדט ער זאָל זיך ניט געפינען.

איבער 10,000 דעפּאָזי־טאָרס אין דער 4½% אָפּטיילונג

איבער 10 טויזענט דעפּאָזיטאָרס שפּאַרען זייער געלט אין דיזער אָפּטיילונג, אין וועלכער איר קענט עפענען אַן אַקאַונט מיט דער קלענסטער סומע. אַ סייווינג אַקאַונט אין דער אַמאַלגאַמייטעד באַנק איז די בעסטע און זיכערסטע אינוועסטמענט.

אַמעריקאַנער דאָלאַרען געשיקט איבעראַל ביז אין שטוב אַריין

צענדליגע מיליאָנען דאָלארס זיינען שוין איבערגעשיקט געוואָרען אין אַלע וועלט טיילען. דאָס געלט ווערט געשיקט שנעל און פּינקטליך דירעקט צום עראַלטער, דורך פּאָסט, קייבעל אָדער ווייערלעס.

אויב איר ווילט באַלאַנגען און האַנדלען מיט אַ באַנק וואו איר פילט אַז דאָס איז אייער באַנק, פאַר אייערע אינטערעסע — איז דאָס

THE AMALGAMATED BANK

11-15 UNION SQUARE, cor. 15th Street, NEW YORK CITY
(West Side of Union Square)

דירעקטאָרי פון די פּועלי ציון ברענטשעס

באָראָכאָוו פאַראיין, ניו יאָרק.

געגרינדעט אין מאַרטש 1922 אַלס יוגנט קלוב, אָנגעשלאָסן אָן דער פּאַרטיי אין אָקטאָבער, 1927, ציילט איצט 40 מיטגלידער, אייגענע צימערן אין 254 איסט בראָדוויי. מיטינגען און לעקציעס יעדן פרייטאָג און זונטאָג אוונטן. ס'איז פאַראַן אַ יוגנט קלוב ביים פאַראיין. ד. פּישמאַן, סעקרעטאַר, 78 באַערום סטריט, ברוקלין.

בראָנזוויל, ברוקלין.

געגרינדעט אין נאָוועמבער 1922 אַלס יוגנט קלוב, אָנגעשלאָסן אָן דער פּאַרטיי אין אַפּריל 1926. ציילט 46 מיטגלידער. אייגענער צענטער אין 1709 פּיטקין עוועניו, אָפן יעדן אָוונט. יעדן מיטוואָך, זעלבסטבילדונגס־קרייז אין פּאָליט.־עקאָנאָמיע. דאָנערשטאָג מיטעט דער פּועלי ציון „פּיאָנירן" פוטבאָל טים, זונטאָג 6 אַ זייגער מיטינג פון יוגנט קלוב. אב. שודראוו, סעקר. 122 הערצל סטריט, ברוקלין, נ. י.

בראָנקס ברענטש 1.

אָרגאַניזירט אין 1926. מיטינגען יעדן פרייטאָג אוונט אין דער ד. פּינסקי פאָלקס שול, 850 האָום סטריט, קאָרנער פּראָספּעקט עוו. דער יהואש יוגנט קלוב האָט די מיטינגען יעדן פרייטאָג אוונט אין זעלבן פּלאַץ.

בראָנקס ברענטש 2.

געגרינדעט 7טן אָקטאָבער 1927 מיט 11 מיטגלידער, ציילט איצט 32. מיטינגען יעדן ערשטן און דריטן פרייטאָג אין דער פאַרבאַנד קאָאָפּעראַטיווער הויז, 808 אידי עוו., פּ. הורוויץ, סעקרעטאַר, 808 אידי עוועניו, בראָנקס.

באָראָ פּאַרק, ברוקלין, נ. י.

מיטינגען יעדן פרייטאָג אוונט אין באָראָ פּאַרק לייבאָר ליסעאום, 1377 12טע סטריט. ל. סאַפּאַן, סעקר., 1455 52טע סטריט.

ראָטשעסטער, נ. י.

מיטינגען יעדן פרייטאָג אוונט אין אייגענעם אידישן אַרבעטער אינסטיטוט, 27 ביוקאָן פּאַרק; י. גאָרדאָן, סעקרעטאַר, 23 מאַריאַ סטריט.

באָפאַלאָ, נ. י., ברענטש 1.

געגרינדעט אין 1906; מיטעט אין אייגענעם אינסטיטוט, 488 דזשעפערסאָן עוועניו; אב. וואגנער, פּאָרזיצענדער; לאה קאפּלעוואצקי, פינ. סעקר.; מ. קרופּניק, קאָרעספּאָנדינג סעקרעטאר, 466 ספּרינג סטריט.

באָפאַלאָ, נ. י., ברענטש 2.

געגרינדעט חנוכה 1926 מיט 15 מיטגלידער; ציילט איצט 34. מיטעט אין אייגענעם אינסטיטוט, 488 דזשעפערסאָן; מ. פּאַנער, פּאָרזיצער; ר. זאקאלעק, פּראָט. סעקר.; עקזעקוטיווע: י. מאזעס, ב. מאזעס, מ. פרידמאַן, מ. זיימאַן, ר. פּוירל, מ. זאקאלעק, ל. לויטיס, י. שעראטניק; אסתר וויינשטיין קאָרעספּ. סעקר., 260 היקאָרי סט.

פילאַדעלפיע, פּאַ.

מיטינגען דעם 1טן און 3טן פרייטאָג אין דער יעקב דינעזאָן שול, 3952 וו. דזשיראַרד עוועניו; י. שטאלער און דר. מ. קאַליש פּאָרזיצנדע; א. באלפור, סעקרעטאר, 1605 נאָרד 6טע סט.

פּיטסבורג, פּאַ.

געגרינדעט אין 1905 מיט פינף מיטגלידער און ציילט איצט 35; מיטינגען ווערן אָפּגעהאַלטן אין לייבאָר ליסעאום, מילער סטריט; מ. שווארץ, סעקרעטאר, 8 גראַנוויל סטריט.

קליוולאַנד, אָהיאָ.

געגרינדעט אין 1906 מיט 12 מיטגלידער. איצט 35. מיטינגען יעדן ערשטן און דריטן דאָנערשטאָג. סעקרעטאַר, ל. שקאָלניק, 3370 איסט 134טע סטריט.

מאַלדען, מאַסס.

געגרינדעט אין 1923 אַלס אַ יוגנט קלוב מיט 6 מיטגלידער, אַנגעשלאָסן זיך אָן דער פּאַרטיי אין 1926; ציילט איצט 20 מיטגלידער; מיטינגען קומען פאָר צוויי מאָל אין חודש, מיטוואָך אוונט, אין אידישן צענטער; ליבע לעווין, סעקרעטאַר, 352 ברייענט סטריט. ביים פּאַראיין עקזיסטירט אַ יוגנט־קלוב.

שיקאַגאָ, פעדעראַטיווער קאָמיטעט

ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון 7 חברים ערוויילט ביי אַ שטאָט־קאָנפערענץ, צו צוויי פאַרטרעטער פון יעדן פּועלי ציון ברענטש און 2 פאַרטרעטער פון דער יוגנט. העדקוואָדערס אין אייגענעם נאַצ. סאָצ. אינסטיטוט, 3322 דאוגלאַס בולוואַרד. מיטינגען יעדן צווייטן מיטוואָך; י. דזשוליאַן, סעקרעטאַר.

שיקאַגאָ, ברענטש 2.

געגרינדעט אין 1920 מיט 6 מיטגלידער; ציילט איצט 28. מיטעט יעדן 2טן און 4טן מאָנטאָג אין יהואש שולע, 2540 פּאָטאָמאַק עוועניו. עקזעקוטיוו מיטגלידער: ר. ברוקער, חברה גאַלין, מ. דזשייקאָבסאָן, מ. זאַלץ, לערמאַן און ח. סיימאַן; סעקרעטאַר ת. גרינבערג, 1319 סאָוט טורנער עוו.

סאַן אַנטאָניאָ, טעקסאַס.

געגרינדעט אין 1910, ציילט איצט 15 מיטגלידער. מיטעט יעדן צווייטן דאָנערשטאָג. באַאמטע: חבר און חברה ווילדאַרסקי, אברהם סאַנקין, קאַסיר, און נ. קאָרין, סעקרעטאַר, 1014 דענווער בולוואַרד.

פּועלי ציון, מילוואָקי, וויס.

געגרינדעט אין 1908 מיט 10 מיטגלידער. זיך פאַראייניגט מיט'ן יוגנט קלוב אין 1927. ציילט 56. מיטעט דעם 2טן און 4טן פרייטאָג אין פּאָלקס אינסטיטוט; אסתר מאַטראַץ, פינ. סעק. א. קאָהן, טרעזשורער; עקזעקוטיווע: י. טוכמאַן, ס .קאַמיסאַר, מ. מעלראַד, ראָזע בעקער; קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר, נ. סענד, 808 וואַלנאַט סט.

סט. לואיס, מיזורי.

פריערדיגע צ. ס. מיטגלידער, 30 אין צאָל, זיך פאַראייניגט אין דער פּאַרטיי; ציילן איצט 47 מיטגלידער; מיטינגען יעדן זונטאָג אין י. מ. ה. א.; באַאמטע: י. פּרק, י. לעמבערגער, מ. גרינוואַלד, נ. קויפמאַן, נ. בערדיטשעווערסקי, מ. רעזניק און ז. מעלמאַן, סעקרעטאַר, 5573 ווערנאָן עוועניו. עס עקזיסטירט אויך אַ יוגנט פאַראיין.

סינסינעטי, אָהייאָ.

געגרינדעט אין 1912. ציילט איצט 30 מיטגלידער. מיטינגען אַלע צוויי וואָכן, זונטאָג, אין דער ביוראָ אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן, 658 ראָקדייל עוועניו. ס. גראַד, פינ. סעקר.; ל. קריט, טרעזשורער; דבורה קושניר, סעקרעטאַר, 876 ראָקדייל עוועניו.

מיננעאַפּאָלים, מינן.

געגרינדעט אין 1911 מיט 12 מיטגלידער; ציילט איצט 55. מיטעט יעדן צווייטן דאָנערשטאָג אין לייבאָר לייסעאום, 1426 — 6טע עוועניו; אברהם מיטעלמאַן, פינ. סעקר.; שלמה גוטמאַן, טרעזשורער. שמואל זאַראַמפּף, קאָרעספּ. סעקרעטאַר, 827 אָליווער סט. נאָרט. ביים פאַראיין עקזיסטירן צוויי יוגנט קלובן.

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

געגרינדעט אין 1913 מיט 8 חברים. ציילט איצט 40. מיטינגען יעדן ערשטן און דריטן פרייטאָג אין 420 נאָרט סאָטאָ סטריט. נ. ריידער, סעקרעטאַר, 420 נאָרט סאָטאָ סטריט.

טאָראָנטאָ, אָנט., קאַנאַדע.

מיטינגען ווערן אָפּגעהאַלטן יעדן פרייטאָג אוונט אין פאַרבאַנד אינסטיטוט, 24 סיסעל סטריט; ישראל פריימאַן, פאָרזיצנדער. א. עדעלשטיין, פראָטאָקאָל סעקרעטאַר; קאָרעספּאָנדענץ און פינאַנץ סעקרעטאַר, מ. לאווינסקי, 116 גאַסאָו סטריט. ביים פאַראיין עקזיסטירט אַ יוגנט פאַראיין און אַ יוגנט קלוב.

מאָנטרעאַל, קוויבעק, קאַנאַדע.

געגרינדעט אין 1905. ציילט איצט 40
מיטגלידער; מיטעט יעדן פרייטאָג אוו.
אין אייגענעם לאָקאַל, 3828 מיין סט.;
ל. חפץ, סעקרעטאַר, 5307 עספּלענעיד
עוועניו. אין זעלבן לאָקאַל האָט אויך
די זיצונגען דער יוגנט פאַראיין.

וויניפּעג, מאַנ. קאַנאַדע, בר. 1

ציילט איצט 28 מיטגלידער; מיטעט
יעדע צוויי וואָכן אין דער י. ל. פּרץ
שול. סעקרעטאר, מ. סאסקין, 595
באיד עוועניו.

וויניפּעג, ברענטש 2.

געגרינדעט אין 1925. פאַרזאַמלונגען
יעדן זונטאָג אין י. ל. פּרץ שול ; רחל
גאָלדשטיין, רעקאָרד. און פינ. סעקרע־
טאַר; א. גראַנאָווסקי, קאָרעספּ. סעקרע־
טאַר, 618 סעלקירק עוועניו. אין ווי־
ניפּעג עקזיסטירט אויך אַ יוגנט פאַר־
איין.

יונגע פּועלי ציון קלובן

סיילעם, מאַסס.

געגרינדעט דעם 20טן יאַנואַר, 1925.
די מיטינגען ווערן אָפּגעהאַלטן אין
לידיא פינקהאַם מעמאָריאל האָל. נאָ־
וואַק, סעקר., 11 ענגליש סטריט. אַ
קינדער קלוב עקזיסטירט אויך.

דר. נ. סירקין פאַראיין, טאָראָנטאָ.

געגרינדעט נאָוועמבער 8, 1926 מיט 12
מיטגלידער ; ציילט איצט 36; מיטעט
יעדן זונטאָג אוונט אין פאַרבאַנד הויז,
24 סיסעל סטריט; ל. קאָרגאַטש, פאָר־
זיצער. שרה גאָלדבערג, פּראָט. סעקר.
מ. קופער, פינ. סעקר. שערער, טרע־
זשורער; אב. גרין, קאָרעספּאָנדענץ סע־
קרעטאר, 156 בראנזוויק עוועניו. עס
עקזיסטירט אויך אַ קינדער קלוב.

פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע

דאַון טאַון, ניו יאָרק.

געגרינדעט 3 יאָר צוריק מיט 8 מיט־
גלידער. ציילט איצט 70; מיטעט 2
מאָל אין חודש אין „היאַס“ בילדינג,
425 לאַפאַיעט סטריט, רום 109. ע.
מינץ, סעקרעטאר, 911 לאנגוואוד עוו.
בראָנקס.

בראָנקס, ענגליש־שפּרעכענדע גרופּע.

געגרינדעט 1926. ציילט איצט 30
מיטגלידער. מרס. א. מאגיל, סעקר.,
1784 פּראָספּעקט עוועניו.

מאָררים עוועניו גרופּע, בראָנקס.

געגרינדעט מאַרטש 1927 מיט 8 מיט־
גלידער. ציילט איצט 15 ; מיטעט
אַלע צוויי וואָכן אין הויז פון חברה
רובין, 1541 מאָררים עוועניו, בראנקס.
חברה מיללער פינאַנץ סעקר. און טרע־
זשורער; פייגעל בענסאָן, קאָרעספּאָנד.
סעקרעטאר, 1527 מאָררים עוועניו.

קאָאָפּעראַטיווע פאַרבאַנד הויז קלוב, בראָנקס, נ. י.

געגרינדעט אַפּריל 1927 מיט 15 מיט־
גלידער. ציילט איצט 40; מיטעט יעדן
צווייטן מיטוואָך אין קאָאָפּ. הויז, 808
אוידי עוועניו ; עקזעקוטיווע : פּערל־
מוטער, לעהר, הארוויץ, בערשאד, שער,
פארמאן, און חנה טאפילאָווסקי, סעקר.,
2771 וויליאַמסברידזש ראוד, בראָנקס,
נ. י.

נואַרק, ניו דזשוירזי

געגרינדעט 1926. ציילט איצט 40
מיטגלידער. בעסיע חפץ, סעקר., 21
אינגראַהעם פּליים.

פּאַסייק, ניו דזשוירזי.

געגרינדעט 1925. ציילט 30 מיטגלי־
דער. שרה לוצקי, סעקר., 360 שער־
מאַן סטריט.

טרענטאָן, ניו דזשוירזי.

געגרינדעט אין 1926. ציילט איצט
60 מיטגלידער. אַננאַ נעמזער, סעקר.,
417 מאַרקעט סטריט.

פילאַדעלפיא, פּאַ.

געגרינדעט 1925. ציילט איצט 75 מיטגלידער. פ. האַלבערשטאַנדט, סעקר., ק. אַ. אָרפאַן האָום, 12טע סטריט און גרינליין.

פיטסבורג, פּאַ.

געגרינדעט 1925. ציילט איצט 50 מיטגלידער. יוכבד באַזין, סעקר., 215 דינווידי סטריט.

טשעלסי, מאַסס.

אָרגאַניזירט אָקטאָבער, 1926, מיט 16 מיטגלידער. ציילט איצט 40. איוואַ טשעקאווי, סעקר., 99 סענטראַל עוו.

ראָקסבורי, מאַסס.

געגרינדעט 29טן נאָוועמבער, 1927 מיט 16 חברות. ציילט איצט 26; מיטעט יעדן ערשטן און דריטן מיטוואָך אין דער פאָלקס שולע, 288 בליו היל עוו. באַאמטע: ר. סיגעל, פ. ראשיש, א. אַל־פערט, ב. וואולף. סאָניא קענדעל, סע־קרעטאַר, 47 ווייאָמינג סטריט.

פאָל־ריווער, מאַסס.

געגרינדעט דעם 30טן מאַי 1926, מיט 11 מיטגלידער. ציילט איצט 39; מי־טעט אין תלמוד תורה אינסטיטוט, 47 מייסאָן סטריט; באאמטע: גאָלדבערג, יורעצקי, ארענשטיין, און אייבראַמס, סעקרעטאַר, 1291 פּלעזאנט סטריט.

ספּרינגפילד, מאַסס.

געגרינדעט דעם 31טן יאַנואַר 1927, מיט 12 מיטגלידער. ציילט איצט 23. מיטינגען יעדן מיטוואָך אוונט. באַ־אמטע: י. מאַרגאָליס, ס. זאַריצקי, א. אַלפערט, סעקר., 44 ברוקליין עוועניו.

וואַשינגטאָן, ד. ס.

געגרינדעט 7טן נאָוועמבער 1926 מיט 6 מיטגלידער. ציילט איצט 63; מי־טעט דעם 2טן און 4טן מיטוואָך אין אידישן קאָמיוניטי סענטער. באַאמ־טע: ס. פּריליכאָוו, מ. גאָלדין, ס. העג־קין, לייזעראָוו. ס. סיידעל. סעקרע־טאַר, 449 ראַנדאָרף סטריט. נ. וו.

שיקאַגאָ, נאָרט וועסט סייד.

אָרגאַניזירט אין 1925. ציילט 200 מיטגלידער. מרים שוואַרץ סעקר., 3402 קאַרמען עוועניו.

שיקאַגאָ, וועסט סייד קלוב.

געגרינדעט אָקטאָבער 1926 מיט 20 מיטגלידער. איצט 40. מיטעט יעדן 1טן און 3טן מיטוואָך אין היברו אינ־סטיטוט, 3500 דאגלאס בולווארד. באַ־אמטע: שטערענבערג, ווייסמאַן, זיל־בערט; פעטמאַן, סעקר., 1112 סאוט קילער עוועניו.

פּראָווידענס, ר. איל.

געגרינדעט אין 1926 מיט 22 מיטגלי־דער. ציילט איצט 40. ה. האַלפּערין, סעקר., 309 פיין סטריט.

האַרטפאָרד, קאָנג.

געגרינדעט יאַנואַר, 1927 מיט 6 מיט־גלידער. איצט 55. ס. וועלמאַן, סעק., 113 סאוט סטריט.

קליוולאנד, אָהייאָ.

אָרגאַניזירט מאַרטש, 1927. ציילט איצט 50 מיטגלידער. מרס. ב. באַר־טאַן, סעקר., 979 פּאַרקוואוד דרייוו.

קענטאָן, אָהייאָ.

געגרינדעט מאַרטש, 1927. ציילט 30 מיטגלידער, ל. געגשאַפט, סעקר., 1118 וואַלנאַט עוועניו.

סינסינעטי, אָהייאָ.

געגרינדעט סעפּט., 1927. ציילט איצט 50 מיטגלידער. מ. שולזינגער, סעקר., 332 ראקדייל עוועניו.

טאָלידאָ, אָהייאָ.

געגרינדעט מאַרטש 1927, מיט 15 מיט־גלידער. ציילט איצט 30. ז. מיכלין, סעקר., 2358 פראַנקלין עוועניו.

מילוואָקי, וויסקאָנסין.

געגרינדעט דעם 26טן אַפּריל, 1927, מיט 18 מיטגלידער. ציילט איצט 23; מיטעט דעם 2טן און 4טן מיטוואָך אוונט אין איד. פאָלקס אינסטיטוט. באַאמטע: בעקער, פינ. סעקר.; לעל־טשוק, טרעזשורער און אסתר זאַוועל, קאָרעספּאָנד. סעקר., 615½ מעינעקע עוועניו.

סט. פאול, מיננעסאָטא.

געגרינדעט אין 1926, סעקרעטאר, הע־לען פאַגאלער, 475 אַניטאַ סטריט.

אָמאהא, נעבראַסקאַ.

געגרינדעט דעם 1טן יוני, 1927, מיט 8 מיטגלידער. איצט 35. יעדן ערשטן מיטוואָך אין חודש אַ געשעפטס זי־צונג. 2 פּרייטאָגן ליטעראַרישע אוונטן. ה. קיפּניס, סעקרעטאַרין, 2771 פּאַר־קער סטריט.

טולסאַ, אָקלאַהאָמאַ.

געגרינדעט דעם 28טן פעברואַר, 1926, מיט 14 מיטגלידער. איצט 40. מי־טעט דינסטאָג אוונט אין אידישן אינ־סטיטוט. מ. טורין, פּאָרזיצנדער. אַ. סטעקאָל, וויצע פּאָרזיץ. ל. אַפּעלמאַן, טרעזשורער, ב. ראַבינאָוויטש, סעקר., 111 סאוט ווהילינג.

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

געגרינדעט אין מאַי 1926, מיט 12 חברות. איצט 56. אסתר טורנאָוו, סעקרעטאר, 911 נ. מאטט סטריט.

איי־אָוואָ סיטי, אייאָוואַ.

געגרינדעט 1927. ציילט איצט 25 מיטגלידער. מרס. מארקאָוויץ, סעקר., 812 ס. דובאק סטריט.

דעטראָיט, מיש.

געגרינדעט 1926, מיט 15 מיטגלידער. ציילט איצט 100. מיטינגען יעדן מאָנטאָג אין פאָלקס שול, 8753 — 12־טע סטריט. ראָזע מארגאָליס, סעקר., 2015 בלעין עוועניו.

מאָנטרעאל, קאַנאַדע.

געגרינדעט אין 1926 מיט 10 מיטגלי־דער. איצט 50. מיטינגען אַלע מיט־וואָך אוונט. ש. קייזערמאַן, טרעזשו־רער, דונסקי, פּראַז. סעקר. בעללאַ לאַזאַרוס, קאָרעספּאָנדינג סעקר., 5688 עספּלאַנעיד עוועניו.

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

געגרינדעט אין 1925. ציילט איצט 75 מיטגלידער. אסתר קרעמער, סעק., 491 יוקליד עוועניו.

פועלי ציון פרויען קלוב וויניפּעג, קאַנאַדע.

געגרינדעט אין 1923 מיט 25 מיט־גלידער. ציילט איצט 150. מיטעט יעדן מיטוואָך אוונט אין דער פּרץ שול. באַאמטע: מיכאַנאַוסקי, טשאר־טשיל, גרין, ערן, סיגאל, נעמענאָוו, יא־נאָווסקי, פּעק, דאַזער, ספּיוואַק, גרעי, אוּוערבאַך, פּעסיקאָוו, עלקין, דעקטאָר, ראַבינס. מרים העסטרין, סעקרעטאר, 306 סט. דזשאָנס עוועניו.

דירעקטאָרי פון ברענטשעס פון אידיש־נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַרבאנד

ברענטש 1, פילאדעלפיא, פּאַ.

געגרינדעט אין 1911, מיט 11 מיטגלי־דער. ציילט איצט 120. מיטעט יעדן 2טן פרייטאָג אין חודש, אין דינעזאָן שול, 3952 דזשיראַרד עוו. ה. דזשאַ־זעף, פּרעז., ש. מלמד, וויצע פּרעז.; ש. טשודנאָף, רעק. סעקר.; ה. קאַפּלאַן, קאַסיר. עקז.: נ. איזראַלאָף, י. סי־געל, י. סטוירן, י. קאָהן, א. פילקאָף, ל. אייזענבערג; ש. שאַפּיראָ, סעקר. 4209 דזשיראַרד עוועניו.

בר. 4, פּיטסבורג, פּאַ.

געגרינדעט מיט 18 יאָר צוריק מיט 10 מיטגלידער. ציילט איצט 90; מי־טינגען געהאַלטען אין ציון אינסטי־טוט, 1851 סענטער עוועניו; מ. סי־געל, טשערמאַן. ב. רייסבערג, טרע־זשורער, י. כהן, סעקרעטאַר, 1574 לי־בערטי עוועניו.

מאַקס נארדוי, בר. 5, מילוואָקי, וויסקאָנסין.

געגרינדעט אין 1911 מיט 15 מיט־גלידער, ציילט איצט 96. מיטעט דעם 2טען און 4טען דאָנערשטאָג פון חודש אין אידישען פאָלקס אינסטיטוט, 600 11טע סטריט. מ. וויינגראד, טשערמאַן; י. קניאז, סעקר. 742½ — 16טע סט.

פּרץ־שאַפּירא בר. 6, שיקאַגאָ, איל.

געגרינדעט אין מאַי 1910. מיטעט דעם 2טען און 4טען מיטוואָך פון חודש אין נאַצ. סאָצ. אינסטיטוט, 3322 דאַג־לאַס בולוואַרד. באַאַמטע ה. רעזניק, פּאַרזיצענדער; דר. ה. עפּשטיין, טרעזשו־רער; י. הערבסט, האָספּיטאַלער; ט. גאָלדענבערג, סעקר., 1908 ס. אייוועס עוועניו.

יהואש בר. 8, מאָנטרעאל, קאַנאַדע.

דער עלטסטער בראַנטש אין קאַנאַדע. האַלט אָפּ די מיטינגען יעדען דינסטאָג אוונט אין פּועלי ציון לאָקאַל, 3828 מיין סטריט; ד. לאַבאַוויצקי, סעקר., 3849 דראַלעט סטריט.

באָראָבאָוו בר. 14, ניו יאָרק.

געגרינדעט אין 1910 מיט 4 חברים. ציילט איצט 285. מיטעט יעדען 2טען און 4טען דאָנערשטאָג, אין בעטהאָווען האָל, 210 איסט 5טע סטריט; דזש. קופּער, פּראַט. סעקר.; ב. רודערמאַן, טרעזשו־רער; ס. גון, האָספּיטאַלער; י. פינ־קעל, סעקרעטאַר; 586 קאָסקויאָסקאָ סט. ברוקלין, נ. י.

יוגנט בר. 18, בראַנזוויל, ברוקלין.

ציילט איצט 130 מיטגלידער. מיטעט יעדען 2טען און 4טען דינסטאָג, אין האָפּ־קינסאָן מענשאָן, 428 האָפּקינסאָן עוו., באַאַמטע: מ. זימערמאַן, טשערמאַן; ר. מאַנישעוויטש, וויצע טשערמאַן; ב. שניידער, האָספּיטעלער, י. שניידער, רעקאָרדינג סעקר.; י. וויכמאַן, טראָס־טי; י. ח. פרידמאַן, פינאַנס סעקר., 10420 — 114טע סטריט, ריטשמאָנד היל, לאָנג איילאַנד.

בר. 20, וויניפּעג, קאַנאַדע.

ציילט 115 מיטגלידער. מיטעט דעם 1טען און 3טען זונטאָג אין דער פּרץ שול; ס. גאַנעצקי, טרעזשורער; ס. פעלדמאַן, רעק. סעקר.; א. זאלטשען, פינ. סעקר. און האָספּיטעלער, 172 אבערדין עוו.

בר. 27 וועסט ענד, באָסטאָן, מאַסס.

געגרינדעט 11טען יולי 1911, מיט 18 מיטגלידער. ציילט איצט 48; מיטעט דעם 1טען און 3טען זונטאָג אין 62 טשעמבערס סטריט; באַאַמטע: ל. קענ־דעל, נ. בעקער, ה. מאַרקאָוויטש, א. געלער, א. גאָלדמאַן, ב. פעוואזינסקי; י. פּאַרקער, סעקרעטאַר, 19 אובורן סטריט.

זשיטאָמירער בר. 52, ניו יאָרק.

געגרינדעט 11טען מאַרטש, 1911, מיט 9 מיטגלידער. ציילט איצט 235. מי־טעט דעם 2טען און 4טען מיטוואָך אין 64 איסט 4טע סטריט, ניו יאָרק. מ. ראַמבאַם, פּראָט. סעקר. ש. אַרשין, טרע־זשורער; עד. דובינסקי, פינ. סעקר., 1113 וואַרד עוועניו, בראָנקס, נ. י.

בר. 55, ראָקסבורי, מאַסס.

געגרינדעט אין 1921 מיט 9 חברים; צעהלט איצט 60. מיטעט אין דער פאָלקס שול, 288 בלוהיל עוו., מ. דייטשמאַן, פאַרזיצענדער; י. בלום, רעק. סעק.; יצחק דאום, סעקר. 10 דענני־סאָן סטריט.

דאָס נייע לעבען בראַנטש 71, אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא.

געגרינדעט 7טען יאַנואַר 1913, מיט 18 מיטגלידער. איצט 59. מיטעט אין אייגענעם צענטער, 327 קריו סטריט, ס. וו.; ה. קיונאַנסקי, טשערמאַן; ד. קליין, פּראָט. סעקר.; א. צענקער, פינ. סעקר., 172 קאַראָלל סט., ס. א.

בר. 74, טשעלסי, מאַסס.

געגרינדעט אין 1913. ציילט איצט אַרום 100 מיטגלידער. מיטעט דעם 2טן און 4טן זונטאַג, 11 אַ זייגער אין דער פרי. ש. ציפערשטיין, פאַרזיצער; דר. האַלצמאַן, וויצע פאַרזיצער; י. פאגער, רעקאָרדינג סעקר.; ש. עפשטיין פינ. סעקר., 168 פוירל סטריט.

אוורונין בר. 79, דעטראָיט, מיש.

מיטינגען יעדן פרייטאַג אוונט אין דער פאַרבאַנד שולע, 1905 גלעדסטאָן. טעלעפאָן גארפילד 10300. פ. גאָלדשטיין, רעקאָרדינג סעקרעטאר. דר. י. ע. זעליזער, פינ. סעקרעטאר. טעלעפאָן נאָרטוויי 6217 מ.

טשעטשערסקער בר. 80, ניו יאָרק.

אַ לאַנדסמאַנשאַפט ברענטש, וועלכער באַשטייט פון 150 מיטגלידער. נעמט אנטייל אין אַלע פאַרבאַנד אַרבעטן און פירן אָן אַ רעליף טעטיגקייט פאַר טשעטשערסק. מיטעט יעדן 1טן און 3טן שבת אוונט אין 336 איסט 15טע סטריט. מ. קריינעס, סעקר. 159 א. 96טע סטריט, ברוקלין.

י. ל. פרץ בר. 83, ניו יאָרק.

געגרינדעט אין סעפטעמבער 1916 מיט 48 מיטגלידער. ציילט איצט 83. מיטעט דעם 1טן און 3טן פרייטאַג אין 336 איסט 15טע סטריט. א. סאסנע, פראָט. סעקר. מ. קאַסטאָוו, טרעזשורער; ה. מיללען, האָספיטאַלער; ה. וואַקסבערג, פינ. סעקר., 464 איסט 145טע סטריט.

יהואש בר. 89, בראָנקס, נ. י.

ציילט 80 מיטגלידער. מיטעט יעדן 2טן פרייטאַג אין פראַנקלין קאַסינאָ, 861 איסט 162טע סטריט. י. עלדמאַן, טשערמאַן; עקזעקוטיווע: ד. קאַטעל, פ. בעגון, י. פאַזנאַנסקי, ג. שינדעלמאַן, ד. הערליך. ל. קאַטעל, סעקר., 587 איסט 140טע סטריט, בראָנקס, נ. י.

משה העסס בר. 96, שיקאַגאָ, איל.

געגרינדעט אין 1916; ציילט איצט 50 מיטגלידער. מיטעט דעם 2טן און 4טן מיטוואָך אין 2441 וועסט דיוויזשאָן סטריט. נ. הארעקער, פאַרזיצער. ה. גרינבערג, פראָט. סעקר. י. לערמאַן, האָספיטאַלער. י. טייטעלבוים, קאָר. סעקר., 1103 נ. מאָזאַרט סטריט.

שלום עליכם ברענטש 102, שיקאַגאָ, איל.

געגרינדעט מאַי, 1916, מיט 15 מיטגלידער. ציילט איצט 95. מיטעט דעם 2טן און 4טן שבת אין נאָצ. סאָצ. אינסטיטוט, 3322 דאגלאס בולוואַרד. ל. טשודנאָוו, פאַרזיצער. י. חזן, פראָט. סעקר. פ. ס. פעטמאַן, סעקרעטאַר, 1112 סאוט קילער עוועניו.

באַראַכאָוו ברענטש 122, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

געגרינדעט דעצעמבער 1917, מיט 15 מיטגלידער. ציילט איצט 65. מיטעט אין דער פאָלקס שול, 420 נ. סאטא סטריט. ב. בראָדי, רעקאָרדינג סעקר. ה. טעמקין, קאָרעספאָנד. סעקר., 219 נאָרט בראָדוויי.

שמעון בן גיורא ברענטש 128, סקרענטאָן, פאַ.

געגרינדעט אין מאַרטש 1919 מיט 10 מיטגלידער. ציילט איצט 50. מיטעט יעדן צווייטן זונטאַג אין עדלין בילדינג, באַאמטע: ס. ווילענסקי, מ. פיטעל, ס. עלפוס, י. סיראָטא, מ. קאָהן, י. עניקס. א. גלאַזאָלד, סעקר., 719 קרעסלער קאורט.

טשעכאַנאָווצער יוגנט בר. 162, ניו יאָרק.

געגרינדעט דעם 24טן דעצעמבער, 1921, מיט 17 מיטגלידער. ציילט איצט 47. מיטעט יעדן 1טן און 3טן פרייטאַג אין 96 קלינטאָן סטריט. מ. געלפאנד טשערמאַן. רעק. סעקר., ר. פאמעראַנץ. טרעזשורער, י. קאָליש. לואיס קאַפלאַן, פינ. סעקר. 105 שלאַי סטריט, נוארק, נ. דזש.

סירקין בר. 220, וויניפעג, קאַנאַדע.

געגרינדעט דעם 8טען אַפריל, 1927. ציילט איצט 32 מיטגלידער. מיטינגען

קומען פֿאָר דעם 1טן און לעצטן דינ־סטאָג אין חודש. יוסף ערען, 562 באַראוס, פינאַנס סעקרעטאר. א. לבדי, אָרגאַניזאַציאָנס סעקרעטאר, 456 פלאָ־ראַ.

אחד העם בר. 226, ווילקעס־באַר, פענסילוויינאַ.

מיטינגען ווערן אָפּגעהאַלטן דעם 2טן זונטאָג אין חודש אין דער י. מ. ה. א. צבי סאַר, רעקאָרדינג סעקרעטאר. דזש. גאָלדשטיין, טרעזשורער. ח. פליישער, פינאַנס סעקרעטאר, 266 איסט מאַר־קעט סטריט.

יהואש בר. 232, אַטלאַנטיק סיטי, ניו דזשוירזי.

געגרינדעט דעם 1טן מאַי, 1927, מיט 38 מיטגלידער. ציילט איצט 130. מי־טעט דעם 1טן און 3טן דאָנערשטאָג אין אייגענעם פאָלקס אינסטיטוט, 205 אַט־לאַנטיק עוועניו. מ. באקסט, טשער־מאַן. מ. יורעצקי, וויים טשערמאַן. מ. דוואָרין, טרעזשורער. ד. פרעדמעסקי, רעקאָרדינג סעקר. ניסן האָלצמאַן, פי־נאַנץ סעקר., 413 נ. ווערמאנט עוו.

מאַנדאָלין אָרקעסטער, ניו יאָרק.

געגרינדעט פון ניו יאָרקער שטאָט־קאָ־מיטעט מיט 3 יאָר צוריק. באַשטייט איצט פון 50 שפּילער און צוזאַמען מיט די קלאַסן — ביז 125 מיטגלי־דער. רעהוירסלס יעדן פרייטאג אוונט אין מוזיק און קולטור צענטער, 105 צווייטע עוועניו. אָנפאַנגער קלאַס — יעדן דינסטאָג אוונט אין זעלבן לאָקאַל. בראָנזווילער אָפּטיילונג יעדן דאָנער־שטאָג אוונט אין היברו עדיוקיישאָנאל סאָסייעטי, האָפּקינסאָן און סאטטער עוועניו, ברוקלין. ביידע שפּילער, ווי אויך אָנפאַנגער ווערן איצט אַריינגע־נומען. מ. קריינעס, סעקרעטאר, 159 איסט 96טע סטריט, ברוקלין, נ. י.

דירעקטאָרי פון פרויען קלובן פון אידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער פארבאנד

קלוב נומער 2, ראטשעסטער, נ. י.

געגרינדעט דעצעמבער 1922. פּאַרזי־צענדע, פּ. אַטלאַס; רעקאָרדינג סעקר., ל. אסטראָוו, 157 דעלעוואַן סטריט; פינ. סעקר., ראזאטשעווסקי; טרעזשו־רער, שולמאַן.

ש. פרוג נום. 4, טאָראָנטאָ, קאַנ.

געגרינדעט אין 1921 מיט 18 מיטגלי־דער. ציילט איצט 55. פאַרזאַמלונגען יעדע צוויי וואָכן אין פאַרבאַנד אינ־סטיטוט, 24 סיסעל סט. באַאמטע: קירשענבוים, גינזבורג, ראַבינאָוו, גרינבוים, שער, ארגאנעק, דראטץ, קאַפּ־לאַנסקי, קליין, שטראך, קראוועץ, לאַנד־בערג, סאקאלאוו. א. גאָטליב, סעקרע־טאַר, 611 קאַלעדזש סטריט.

מאניע שחט, נום. 7, באָפאַלאָ, נ. י.

געגרינדעט יאַנואַר 1921, מיט 20 מיט־גלידער. ציילט איצט 80. מיטעט אין אייגענעם אינסטיטוט, 488 דזשעפער־סאָן עוועניו. ט. סיראטא, פּאָרזיצנ־דע. קאַפּליוואטסקי, רעקאָרדינג סעק־רעטאַר. האָספּיטעלערס, גאָלדען און שוליווסקי. א. קריידען, סעקרעטאר, 131 פאָרדהאָם דרייוו.

באַראָכאָוו נום 9, מאָלדען, מאַסס.

געגרינדעט אין אָקטאָבער 1922. ציילט איצט 28 מיטגלידער. מיטעט יעדן 1טן און 3טן מיטוואָך. סילווערמאַן, פּרעזידענט. ליבעס, וויצע פּרעזידענט פייזער, טרעזשורער. אפּעל, רעק. סעק־רעטאר. קרינסקי, קאָרעספּאָנד. סעקר., 180 עסעקס סטריט.

יהודית נום 14, פילאַדעלפיא, פּאַ.

געגרינדעט דעם 1טן מאַי, 1924, מיט 30 מיטגלידער. ציילט איצט 150. מי־טינגען ווערן אָפּגעהאַלטן אין 329 פּיין סטריט. מאַרגאָליס, טשערלוידי. באַרד־וויס, רעקאָרדינג סעקר. נארין, וויים־טשערליידי. ריטלמאַן, טרעזשורער. מ. שייפער, קאָרעספּאָנד. סעקר. 344 האַי־זעל סטריט, ועסטוויל, נ. דזש.

באַראַכאָוו נומ. 22, אַטלאַנטאַ, דזש.

געגרינדעט מיט 2 יאָר צוריק פון 18 חברות. ציילט איצט 30. מיטעט יעדן מיטוואָך אין דער אייגענער הויז. חברה מילער, טשערליידי. מ. דעקאַוויטש, סעקרעטאַר, 509 מאַרטין סטריט.

באַראַכאָוו נומ. 24, מינעאַפּאָליס, מינעסאָטאַ.

געגרינדעט אין נאָוועמבער, 1925. — ציילט איצט 28 מיטגלידער. מיטינגען געהאַלטן אין עמנואל קאָהן סענטער, 909 עלוואוד עוועניו, נאָרט; באאמטע: טוטעלמאַן, זאַמסקי, לאַקס, ראַפּאָפּאָרט, לערמאַן, בערמאַן. גוטמאַן, סעקרעטאַר, 628 עמערסאָן עוו., נאָרט.

שושנה נומ 38, אַטלאַנטיק סיטי.

געגרינדעט דעם 15טן מאַי, 1927, מיט 40 מיטגלידער. ציילט איצט 140. מיטינגען אין אייגענעם פּאָלקס אינסטיטוט יעדן 2טן און 4טן מיטוואָך, 205 אַטלאַנטיק עוועניו. ספּיוואַק, פּרעזידענט. סאַלטצמאַן, וויס פּרעז. ברייטעל, טרעזשורער. נ. סיגעל, סעקרעטאַר, 120 נאָרט האַרטפּאָרד עוו.

דירעקטאָרי פון ארבעטער רינג ברענטשעס

ברענטש 11, ברוקלין, נ. י.

געגרינדעט אין מאַי, 1901. ציילט איצט 350 מיטגלידער. מיטעט יעדן דינסטאָג אין בראָנזווילער לייבאָר ליי־סעאום, רום 401. ישראל קרעפּפּא, סעקרעטאַר, 350 קריסטאָפער עוועניו, ברוקלין, נ. י.

בר. 92, וואַשינגטאָן, ד. ק.

געגרינדעט מיט 17 מיטגלידער. ציילט איצט 250. מיטעט אין דזשואיש קאָמיוניטי סענטער. מאַקס דעניסאָן, סעקרעטאַר, 3609 ווארדער סטריט נ. וו.

אַפּ־טאַון בר. 138, פילאַדעלפיא, פּאַ.

געגרינדעט 8טן יולי, 1907. ציילט איצט איבער 300 מיטגלידער. מיטעט יעדן דאָנערשטאָג אין 1231 נאָרט 6טע סטריט. א. בעקער, האָספּיטאַלער, 3224 פּיידזש סטריט. ב. פינגערברען, סעקרעטאַר. 2505 נאָרט האָליוואוד סט.

בר. 207, אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא.

געגרינדעט דעם 8טן יולי, 1908, מיט 15 מיטגלידער. ציילט איצט 105. מיטעט אין אַרבעטער רינג לייסעאום, 473 קעפּיטאָל עוועניו יעדן 1טן און 3טן זונטאָג. א. לאָנדאָן, טשערמאַן. ב. פיינסטאָן, רעק. סעקר. ל. קאָהען, טרעזשורער. מ. קרעמער, האָספּיטאַלער. ס. באַקער, קאָר. סעקר., 384 פאונדרי סטריט נ. וו.

עדיוקיישאָנאַל ברענטש 372, סאַן אַנטאָניאָ, טעקסאַס.

געגרינדעט אין אויגוסט, 1925, מיט 25 מיטגלידער. ציילט איצט 40. מיטעט יעדן 2טן און 4טן דאָנערשטאָג אין לייבאָר טעמפּל. ה. אוזדאַנסקי, רעקאָרדינג סעקר. דזש. זאַלין, טרעזשורער. ה. שור, קאָרעספּאָנדינג סעק., 1711 דוראַנגא סטריט.

פיאָנער לאָאָן סינדיקאַט, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

מיטעט יעדן זונטאָג פון 2 ביז 5 נאָכמיטאָג אין פועלי ציון לאָקאַל. וועגן אינפאָרמאַציע זיך נאָכפרעגן יעדן טאָג ביים סעקרעטאַר, ה. רייזלער, 3828 מעין סטריט, אָדער ב. לאַכאָוויצקי, 3849 דראָלעט סטריט.

התאחדות צעירי ציון סניף א׳, נ. י.

געגרינדעט אין 1920 מיט 28 מיטגלידער. ציילט איצט 65. מיטינגען געהאַלטן אין אייגענעם לאָקאַל, 202 איסט בראָדוויי. י. ד. ליבערט, פּאָרזיצער און אָנפירער פון קולטור אַמט. נ. רוסעק, סעקר., 202 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק, נ. י.

די ערשטע אידישע אינשורענס קאָמפּאַניע

פון ל. ע. ג.

די דזשודעאָ לאַיף — די ערשטע אידישע אינשורענס קאָמפּאַניע איז אַן ערשיינונג וואָס ציט אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. עס איז גענוג בלויז איינמאָל אַריינצוקוקן אויפ'ן צענטן פלאָר פון 44 איסט 23טע סטריט, אין האָום־אָפיס פון דיזער קאָמפּאַניע, וואו עס קאָכט און עס זידט מיט באַוועגונג און אַרבעט — און מען קאָן זיך לייכט איבערציי̆גן אַז דאָ וואַקסט אַן אינסטיטוציע מיט אַ גוואַלדיגן פאַרנעם, וועמענס ריזיגן איינפלוס עס איז נאָך דערווייל שווער אָנצוצייכנען אין אַלע זיינע איינצעלהייטן.

די קורצע געשיכטע פון דיזער קאָמפּאַניע איז פול מיט דראַמאַטישע איינצעלהייטן און דער צוקונפטיגער געשיכטס שרייבער וועט זיכער מיט גרויס אינטערעס פאַראייביגן דאָס בילד ווי אַזוי אַ קליינע גרופּע פון מענטשן, וועלכע זיינען אויסגעלאַכט געוואָרן אַלס בעלי חלומות, און וועלכע האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן פילע שוועריגקייטן און שטערונגען, האָבן אַוועקגעשטעלט אַן אינסטרומענט וואָס גייט שפּילען אַ גרויסע ראָלע אין דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל.

ווי באַקאַנט איז די דזשודעאָ לאַיף דאָס אייניקל; דאָס טאָכטער איז די דזשודע אינשורענס קאָמפּאַניע לימיטעד אָוו פּאַלעסטיין, מיט דעם האָום אָפיס אין ירושלים און די מוטער איז — די דזשודעאָ אינדאָסטריעל קאָרפּאָריישאָן, וועלכע איז דער אייגענטימער און קאָנטראָלער פון ביידע.

די דזשודעאָ אינדאָסטריעל קאָרפּאָריישאָן, טשאַרטערט אונטער די געזעצן פון דעם שטאַט ניו יאָרק, האָט זיך געגרינדעט אין 1919 פון אַ גרופּע ציוניסטן, וועלכע זיינען געווען טעטיג אין אָרדער בני־ציון. דאָס ציל פון דיזער קאָרפּאָריישאָן איז געווען צו העלפן ענטוויקלען אינדוסטריע און האַנדל אין ארץ־ישראל. די קאָרפּאָריישאָן האָט אַרויסגעלאָזט שערס פאַר דעם געלד פון וועלכע עס איז פאַרשפּ,ראָכן געוואָרן צו טאָן אַרבעט אין ארץ־ישראל. זייער פיל האָבן דאַמאָלסט סקעפּטיש געשאָקלט מיט'ן קאָפּ, ווען זיי האָבן געזען די שערס־סערטיפיקייטס פון דער דזשודעאָ אינדאָסטריעל; אַ גרויסער טייל פון די קויפער האָבן זיכער ניט ערוואַרט אַז די שערס זאָלן שטייגן אין פּרייז. היינט־צו־טאָג האָט די קאָמפּאַניע קיינער שערס מער צו פאַרקויפן, און עס איז אפשר דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון ציוניזם, אַז אַ ציוניסטיש פּאַפּירל זאָל שטייגען אין ווערט און אַריינברענגען הכנסה.

דער ערשטער מאָנומענט פון דער דזשודעאָ אינדאָסטריעל קאָרפּאָריישאָן, איז די דזשודעאָ אינשורענס קאָמפּאַניע לימיטעד אָוו פּאַלעסטיין מיט דעם האָום־אָפיס אין ירושלים און ברענטשעס אין תל־אביב, חיפה, אַלכסנדריה און קיירא (עגיפּטן) עס איז איבריג אַרויסצולאָזן זיך אין דעטאַלן וואָס אַן אינשורענס קאָמפּאַניע מיינט פאַר דעם אויפבוי פון אַ לאַנד. די געשיכטע פון דעם מאָדערנעם אינדוסטריאַליזם ווייזט אַז די אינשורענס געלדער האָבן געשפּילט די גרעסטע און וויכטיגסטע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקע, דאָס רייכסטע לאַנד אויף דער וועלט.

די דזשודעאָ אינשורענס קאָמפּאַניע לימיטעד אָוו פּאַלעסטיין איז די ערשטע און איינציגע אידישע אינשורענס קאָמפּאַניע אין ארץ ישראל וועמענס פּרימיום־געלדער פאַרבלייבן אין לאַנד און ווערן אינוועסטעט אין לאַנד אין געגנזאַץ צו די אַנדערע — ניט־אידישע אינשורענס קאָמפּאַניעס וואָס פירען אַרויס די פּרימיום־געלדער פון ארץ־ישראל און אינוועסטן זיי אין די לענדער וואו זייערע האָום־אָפיסעס געפינען זיך.

די דזשודע לאַיף איז די סובסידיערי פון דער דזשודעאָ אינשורענס קאָמפּאַניע לימיטעד אָוו פּאַלעסטיין. זי איז געטשאַרטערט און שטייט אונטער דער אויפזיכט פון דעם אינשורענס דעפּאַרטמענט פון דעם סטייט ניו־יאָרק.

דער שנעלער וואוקס פון אָט דער קאָמפּאַניע האָט געצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט אין דער אינשורענס־וועלט אין אַמעריקע.

פאַר אַ פּעריאָדע פון 10 און אַ האַלב חדש, האָט די דזשודעאָ לאַיף צו פאַרצייכענען די פאָלגנדע צאָלן: 3953 אַפּליקיישאָנס פאַר לאַיף־אינשורענס אויף אַ סומע פון 14,099,259; פון וועלכע עס זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן: 3165 פּאַליסיס אויף אַ סומע פון 9,718,454.

דער אינטערעסאַנטסטער פּיטשור אָבער פון דיזער יונגער קאָמפּאַניע איז אַרטיקל נומער 4 פון איר טשאַרטער. עס איז זיכער דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אינשורענס־דעפּאַרטמענט אין דעם שטאַאַט פון ניו־יאָרק אַז אַזאַ אַרטיקל זאָל געטשאַרטערט ווערן.

דער אַרטיקל לעזט זיך ווי פאָלגט:

עס איז דער אַלגעמיינער צוועק פון דיזער קאָרפּאָריישאָן צו פאַראינטערעסירן פּאַליסי־האָלדערס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין אַלגעמיין צו קאָאָפּערירן מיט דער דזשודעאָ אינשורענס קאָמפּאַניע לימיטעד פון פּאַלעסטינע, וועלכע איז דאָס אייגנטום פון דער דזשודעאָ אינדאָסטריעל קאָרפּאָריישאָן, ביידע קאָרפּאָריישאָנס וועלכע זיינען אָרגאַניזירט פאַר דעם צוועק צו ענטוויקלען האַנדל און אינדוסטריע אין פּאַלעסטינע און אין די נאַכבאַר־לענדער; כדי צו גרינדן אַ פאָנד וועלכער זאָל געשאַפן ווערן פון דיווידענדן פאַרדינט פון זיין אייגענעם סטאַק צו ווערן באַנוצט אין דער אויבן־דערמאָנטער קאָאָפּעראַציע, אָבער נאָר אין אַ מאָס אויטאָריזירט און ערלויבט דורך די געזעצן פון דיזן שטאַאַט".

אינהאלט פון אלמאנאך פאר דעם יאר 1927.

לוח.
פאָרוואָרט.
צו דער געשיכטע פון פועלי־ציוניסטישען געדאנק — — — — — פון יצחק זאר
צוואנציג יאר פועלי־ציוניזם—פון ב. לאָקער
די נאציאָנאל־סאָציאליסטישע באוועגונג אין אמעריקע — — — פון ברוך צוקערמאן
די פועלי־ציון פארטיי אין אמעריקע — פון ה. עהרענרייך
די סאָציאליסטישע באוועגונג אין אמעריקע — פון ה. סילוועד
די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען — פון מאקס פיין
די אידישע יוניאָנס — — — פון ז. שער
אידישע אָרדנס אין אמעריקע פון מאיר בראון
דער העברעאישער שול־וועזען אין אמעריקע — — — — — — פון אברהם לעווין
די אידישע פאָלק־שול — פון ש. שאפּירא
אידישע פארמעריי אין אמעריקע — פון י. קאצאָוויטש
אידישע ערד־ארבייט אין אנדערע לענדער.
דאָס אידישע לעבען אין קאנאדע — פון א. ריינוויין
אמעריקאנער בירגער און בירגערשאפט — פון ראובן פינק
אלוועלטליכע ארבייטער באוועגונג :
אָרגאניזירטע ארבייטער אין פארשיידענע לענדער.
טרייד־יוניאָנס לויט ריכטונגען.
מיטגלידערשאפט פון אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאל.
ארבייטער־פאָרדינסטען נאָך דער מלחמה.
וואוקס פון פארדינסטען און לעבענס־קאָסטען.
דורכשניטליכע ארבייטער־פארדינסטען.
קאָאָפּעראטיווען :
קאָאָפּעראטיוועז אין אמעריקא.
קאָאָפּעראטיוועז אין אנדערע לענדער.
אידישע קאָאָפּעראטיוועז.
אידישע ארבייטער אין רוסלאנד.
די צאָל אידען אויף דער וועלט :
צאָל אידען לויט קאָנטינענטען.
אידען אין איירפּע.
אידען אין אזיע.
אידען אין אויסטראלעזיע.
אידען אין אפריקע.
אידען אין דער ענגלישער אימפּעריע.
אידען אין מעקסיקא.
אידען אין רוסלאנד.
אידען אין פראנקרייך.
אידען אין פארשידענע שטעדט.
אידען אין אמעריקע :
אָפּשאצונג פון דער אידישער באפעלקערונג.
אידישע באפעלקערונג אין די שטאטען.
אמעריקאנער שטעדט מיט א אידישער באפעלקערונג פון 1,000 און מער.
אידישע באפעלקערונג אין ניו יאָרק.
10 אמעריקאנער שטעדט מיט דער גרעסטער צאָל אידען.
אידיש און העברעאיש — מוטער־שפּראכען אין אמעריקע.
אידען אין אמעריקאנער קאָנגרעס.
אידישע אימיגראציע :
אידישע אימיגראציע קיין אמעריקע, 1881 — 1925.
אידישע אימיגראציע, 1881 — 1898.
אידישע אימיגראציע, 1899 — 1907.
אידישע אימיגראציע, 1908 — 1924.
דעפּאָרטירטע און צוריקגעשיקטע אימיגראנטען.
אידישע איינוואנדערונג קיין ארגענטינע.
אידישע אימיגראציע קיין קאנאדע.
קענעדער שטעדט מיט א אידישער באפעלקערונג איבער 500.
אידישע באפעלקערונג אין קאנאדע.
אידישע באפעלקערונג אין פּראָווינצען פון קאנאדע.
אמעריקע :
די שטאטען פון אמעריקע.
באפעלקערונג פון אמעריקע.
צאָל מענער און פרויען.
באפעלקערונג לויט ראסען.
אמעריקאנער בירגער.
פרעמד־געבאָרענע.
ווי איניגע אמעריקאנער שטעדט זיינען געוואקסען.
וואוקס פון דער אמעריקאנער באפעלקערונג זינט 1920.
שטערבליכקייט אין אמעריקע.
אנאלפאבעטען אין אמעריקע.
פארדינער אין אמעריקע.
קינדער־ארבייט אין אמעריקע.
פאבריק־ארבייטער און אנגעשטעלטע.
פארדינער לויט ראסע און נאציאָנאליטעט.
ארבייטער־באנקען אין אמעריקע.
אָרגאניזירטע ארבייטער אין אמעריקע :
וואוקס פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.
אָרגאניזירטע ארבייטער אין דער „פעדעריישאָן”.
די יוניאָנס פון דער „פעדעריישאָן”.
יוניאָנס, וואָס באלאנגען ניט צו דער „פעדעריישאָן”.
אומגליקען אין אמעריקאנער קוילען־גרובענס.
סטרייקס און לאָק־אוטס.
דאָס ניו יאָרקער געזעץ וועגען באגיטיגונג פאר געשעדיגטע ארבייטער.
ארבייטער־פארדינסטען אין אמעריקע.
הכנסה־שטייערען.
פארם־איגענטום אין אמעריקע.
ווערטה פון פארם־פּראָדוקטען.
פארדינסטען פון פארם־ארבייטער.
דורכשניטליכע הכנסה.
ווי עס לעבט א פאמיליע מיט דריי קינדער.
לעבענס־קאָסטען.
שכירות און לעבענס־קאָסטען.
נאציאָנאלע פּארקען.

אימיגראַציע קיין אַמעריקע :

אַלגעמיינע אימיגראַציע.
צוריקגעשיקטע און דעפּאָרטירטע.
אימיגראַציע דורך פאַרשידענע פּאָרטען.
אימיגראַציע אין 1926.
נאַטוראַליזירונג.
אימיגראַציע־קוואָטאָס.
די נייע געפּלאַנטע קוואָטאָ.
דאָס נאַציאָנאַלע רייכטום פון אַמעריקע.
דאָס נאַציאָנאַלע רייכטום פון אַנדערע לענדער.
אַמעריקאַנער עקספּאָרט און אימפּאָרט.
פּרעזידענטען פון אַמעריקע.
צאָל קאָנגרעסלייט.
הכנסות און הוצאות פון דער רעגירונג.
ווייטקייט צווישען אַמעריקאַנער שטעדט.
געזעצליכע ימים טובים.
די שטאָדט ניו יאָרק.
קוואַליפיקאַציעס פאַר שטימען.

ארץ־ישראל :

געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל.
יורידישער סטאַטוס פון ארץ־ישראל.
געריכטען אין ארץ־ישראל.
הוצאות און הכנסות פון דער ארץ־ישראל רעגירונג.
שטח פון ארץ־ישראל באָדען.
וואוקס פון אידישען ישוב.
באַפעלקערונג לויט ראַסען און רעליגיע.
באַפעלקערונג לויט געשלעכט.
שטאָדטישע און דאָרפישע באַפעלקערונג.
געבורטען און שטערבליכקייט.
נאַטירליכער צוואוואוקס צו דער באַפעלקערונג.
שטאָדטישע באַפעלקערונג אין 1925.
איינוואַנדערונג ביז יולי, 1926.
אימיגראַנטען פון פאַרשידענע לענדער.
פּראָפעסיעס פון די איינגעוואַנדערטע.
אימיגראַנטען לויט זייער קענטשאַפט פון העברעאיש.
פאַרטיילונג פון אימיגראַנטען אין שטאָדט און דאָרף.
אימיגראַנטען מיט הסתדרות־סערטיפיקאַטען.
טוריסטען־באַוועגונג.
אימפּאָרט און עקספּאָרט.
ווערטה פון אידישע אינדוסטריען אין ארץ־ישראל.
בוי־באַוועגונג.
ווערטה פון אידישע ווירטשאַפטען אין די קאָלאָניעס.
אייזענבאַן־ליניען.
ארץ־ישראל׳ער שולעס.

די אַרבייטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל :

הסתדרות הכללית.
הסתדרות לויט פּראָפעסיעס.
אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער לויט פּלעצער.
אַנשטאַלטען פון הסתדרות.
קאָאָפּעראַטיוועו פון הסתדרות.
די קבוצה און מושב־עובדים.
אַגריקולטורעלע אַרבייטער־ווירטשאַפטען.
לאַנדווירטשאַפטליכע לוין־אַרבייטער.
אַרבייטסלאָזיגקייט.
סטרייק־באַוועגונג.
אַרבייטער־אימיגראַציע.
די פאַכען פון די אַרבייטער אין חוץ־לארץ און אין ארץ־ישראל.
אַרבייטס־צייט.
פּאָליטישע גרופּירונגען
בילדונג פון דער ארץ־ישראל אַרבייטערשאַפט.
המשביר.
הכנסות פון פּאַלעסטינא אַרבייטער־פאָנד.
אינוועסטירונגען פון פּאַלעסטינא אַרבייטער־פאָנד.
אַרבייטער־באַנק
סולל־בונה
קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַצ.
פּאָליטישע פּאַרטייען אין ארץ־ישראל.
ארץ־ישראל פּרעסע.
פאַרלאַגען און ביבליאָטעקען.
האַנדעלס אַנשטאַלטען.
פאַבריקן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.
פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען.
ארץ־ישראל׳דיגע ציוניסטישע עקזעקוטיווע.
הדסה.
קופּת חולים.
שפּיטאָלען.
קאָלאָניעס און דערפער.
טייכען און אָזיעראָס.
טהאָלען.
בערג.
בוכטעס.
היסטאָרישע פּלעצער.
פּועלי ציון לאַנד־פּאַרטייען.
דער איצטיגער מצב פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי — פון א. העמלין.
דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבייטער־פאַרבאַנד— פון סיגאַל.
ציון־אַפּיעל — פון דר. גיטלין.
אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקא
אידישע פעריאָדישע אויסגאַבען אין אַמעריקא
סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.
אַלוועלטליכער פּועלי ציון פאַרבאַנד.

היסטאָרישע און ביאָגראַפישע דאַטען :

אַלגעמיינע.
פון דער אידישער געשיכטע.
פון דער אידיש־אַמעריקאַנישער געשיכטע.
פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער־באַוועגונג.

די וועלט און די מענשען :

די באַפעלקערונג פון דער וועלט.
די באַפעלקערונג לויט ראַסען.
די שפּראַכען פון דער וועלט.
די באַפעלקערונג לויט רעליגיעס.
לענדער, מלוכות און הויפּטשטעדט.
שטעדט מיט אַ באַפעלקערונג פון 200,000 און מעהר.
דירעקטאָרי.

עס איז פאַרבליבען אַ צאָל עקזעמפּלאַרען, צו באַקומען אין פּועלי ציון אָפיס, 32 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק, נ. י.

זייט איר שוין אַ חבר אין דעם

אידיש־נאַציאָנאַלן אַרב. פאַרבאַנד

אויב ניט, וואָרום ניט?

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד גיט זיינע מיטגלידער די זי־כערסטע אינשורענס פון הונדערט ביז 3 טויזנט דאָל. 15 און 20 יעריגע פּאָליסים. קראַנקען־בענעפיט 6, 9 און 12 דאָל. אַ וואָך. די בעסטע סאַניטאַריום פאַרבינדונגען, אין אַ קרייז פון חבר׳שאַפט און פריינדשאַפט.

דער פאַרבאַנד שטייט אינ׳ם צענטער פון יעדער אידיש־נאַציאָנאַלער, קול־טורעלער און אַרבעטער טעטיגקייט.

דער פאַרבאַנד
האָט אָנגעפאַנגען די באַוועגונג פאַר אי־דישע פאָלקס־שולן צו געבן דעם אידישן קינד אַ מאָדערנע אידישע דערציאונג. ער האָט געגרינדעט און האַלט אויס צענדליגע שולן איבערן לאַנד.

דער פאַרבאַנד
האָט באַווירקט אַנדערע קערפּערשאַפטן צו אַרבעטן פאַר אידישע פאָלק שולן.

דער פאַרבאַנד
האָט אָרגאַניזירט אין פילע שטאָטישע ביבליאָטעקן אידישע און העברעאישע אָפּ־טיילונגען.

דער פאַרבאַנד
האָט גענומען די איניציאַטיוו און ענער־גיש זיך באַטייליגט אין אַמעריקאַנעם אי־דישן קאָנגרעס, אין אימיגראַציאָנס־פראַגן און אז. וו.

דער פאַרבאַנד
האָט אַלע מאָל געהאָלפן אין אַלע אַרבע־טער קאַמפן, וועלכע זיינען געפירט גע־וואָרן פאַר דער פאַרשטאַרקערונג אינ׳ם אַרבעטער־קלאַס.

דער פאַרבאַנד
העלפט דאָס אַרבעטנדע ארץ־ישראל, שאַפנ־דיג גרעסערע סומען דורך אייגענער אי־־ציאַטיוו און אויך העלפנדיג אַנדערע אַר־בעטער אַקציאָנען פאַר דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל.

דער פאַרבאַנד
אָרגאַניזירט די אידישע אַרבעטער פרוי אין באַזונדערע פרויען קלובן מיט אַ פאַרצווייגטן פּראָגראַם פון טעטיגקייט.

דער פאַרבאַנד
האָט בראַנטשעס און פרויען קלובן אי־בער׳ן גאַנצן לאַנד, אויך אין קענעדע.

דער פאַרבאַנד
גיט אַרויס אַ מאָנאַטליכן זשורנאַל, קאַ־רעספּאָנדענץ־קורסן און אַנדערע אויסגאַבן פאַר זיינע מיטגלידער.

ספּעציעלע פּריווילעגיעס ווערן געגעבן צו קולטור פאַראיינען, בענעפיט־אָרגאַניזאַציעס און לאַנדסמאַנשאַפטן ביים אָנשליסן זיך אין פאַרבאַנד. ווערט אַ חבר אין פאַרבאַנד, שליסט זיך אָן אין דעם זיכערסטן, אידעאַליסטישן אידישן אַרבעטער אָרדן.

פאַר מער אינפאָרמאַציע ווענדן זיך אין הויפּט־אָפיס:

JEWISH NATIONAL WORKERS' ALLIANCE OF AMERICA

189 — 2nd Avenue **New York, N. Y.**

Telephone Stuyvesant 3072

אידישער אַרבעטער פאַרבאַנד קרעדיט יוניאָן

אָרגאַניזירט אונטער דער אויפזיכט פון דעם ניו יאָרקער סטייט בענקינג דעפארטמענט.

189 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק

ווערט א מיטגליד אין דער קרעדיט יוניאן פון איד. נאצ. ארב. פארבאנד.

פינאַנציעלער סטייטמענט דעם 1טען יאנואר, 1928:

אַלגעמיינער פאַרמעגען פון דער קרעדיט יוניאָן — — — — — — — —	$110,741.85
פאַרליען צו מעמבערס ביז דעם 1טען יאנואר, 1928 — — — — — — —	108,134.26
דער באַלאַנס אין באַנק איז געווען — — — — — — — — — — — — —	2,607.59

די קרעדיט־יוניאָן נעמט אויף נייע מיטגלידער. אַ קליינע צאָל ניט־פאַרבאַנד חברים קענען זיך איצט אָנשליסן. קומט אריין כל זמן איר קענט.

איר קענט קויפן שערס און זיי אויסצאָלן ביסלאַכווייז.

איר קענט קויפן שערס און זיי אויסצאָלן ביסלאכווייז. איר קריגט אייערע דיווינדן. איר קענט דאָס געלט ארויסציען יעדן טאָג. איר קענט לייען געלט אויף לייכטע באדינגונגען. אַלץ חבר'יש, פריינטלאך. אין אייער אייגענעם פינאַנץ־אינסטיטוט.

די קרעדיט־יוניאָן פון אידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער־פאַרבאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1923 און איז אַ זיכערע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציע, פארוואַלטעט פון אַ באָארד אָוו דירעקטאָרן, און איר הויפט־צוועק איז צו העלפן די חברים שפּאָרן געלט און לייען געלט פאַר אַ קליינעם פראָצענט אָהן באַזונדערע שוועריקייטן און אין אַ חבר'שען פריינטלאכן גייסט.

די קרעדיט־יוניאָן איז אונטער דער אויפזיכט פון דעם ניו יאָרק סטייט בענקינג דעפּאַרטמענט און די געלט, וואָס די חברים אינוועסטירן, קויפנדיג שערס, איז פונקט אַזוי זיכער ווי אין אירגענד וועלכער באַנק אין ניו יאָרק.

אייניגע וויכטיגע פונקטן פון דער קאָנסטיטוציע:

1) די קרעדיט־יוניאָן לייט געלט צו אירע מיטגלידער אויף וועכנטליכע אָפּצאָלונגען פאַר 6 פראָצענט אַ יאָר.

2) די פאַרדינסטן פון דער קרעדיט־יוניאָן ווערן יעדן יאָר צוטיילט צווישן אַלע מיטגלידער, לויט דער צאָל שערס, וואָס יעדער באזיצט.

3) דער פרייז פון אַ שער איז 5 דאָלאר, איינטריט־געלט 25 סענט אַ שער בלויז פאַר די ערשטע 10 שערס.

4) הלוואות ווערן געגעבן אויף וועכנטליכע אָפּצאָלונגען ביז אַ יאָר צייט.

5. שערס פון דער קרעדיט־יוניאָן קאָנען צו יעדער צייט איינקאַסירט ווערן. די דירעקטאָרן האָבן דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען 30 טעג נאָטיס.

6) אינדאָרסירן פאַר הלוואות קאָנען אויך ניט־מיטגלידער פון פאַרבאַנד אָדער פון דער קרעדיט־יוניאָן.

ווערט אַ מיטגליד אין דער פאַרבאַנד קרעדיט־יוניאָן. העלפט זיך אַליין און העלפט אויך דעם וואוקס פון אַ וויכטיגער פארבאַנד־אינסטיטוציע.

פאָריין דעפּאַרטמענט.

די קרעדיט יוניאָן האָט איינגעפירט אַ פאָריין דעפּאַרטמענט, וואָס שיקט געלט אין אַלע טיילן פון דער וועלט. עס וועט אייך קאָסטן ביליגער ווי אין די אַנדערע באַנקען און צו דערזעלבער צייט וועט איר האָבן חבר'שע באהאנדלונג. דאַרום שיקט געלט צו אייערע קרובים אין איירָאָפּע דורך אייער קרעדיט־יוניאָן. פאַר מער אינפאָרמאַציע ווענדט זיך אין אָפיס פון דער קרעדיט־יוניאָן.

JEWISH WORKERS' ALLIANCE CREDIT UNION

Under the Supervision of the New York State Banking Department

189 — 2nd Ave., Cor. 12th St. Tel. Stuyvesant 3072-3. New York

נאָך צוויי נייע
קאָאָפּעראַטיווע
פאַרבאַנד הייזער

געבויט פון פאַרבאַנד קאָאָפּעראַטיווע היים־
געזעלשאַפט פון אידיש־נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד.

דערוואַרטעטע רענט
עלף דאָלער אַ צימער

עס זיינען נאָך געבליבן אַ צאָל זייער גוטע
אַפּאַרטמענטס.

לופטיג, זוניג,
בלומען־גאָרטן
שול און
קינדער־גאָרטן,
ביבליאָטעק,
אוידיטאָריום,
גאַרבעדזש־
אינסינערייטאָר,
גימנאַזיום.

אַן אייגענע היים,
ביליקע רענט,
קולטורעלער צענטער,
לייכטע איינצאָלונגען,
צוגענגליך פאַר
יעדן איינעם.

נעבן סאָבוועי,
בראָנקס פּאַרק,
פּאָבליק סקול,
האַי־סקול.
נעבן
די ערשטע
פאַרבאַנד
קאָאָפּעראַטיווע
הייזער.

הויפּט־אָפּיס:

פאַרבאַנד קאָאָפּער. היים־געזעלשאַפט

189 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק, נ. י.
Tel. Stuyvesant 3072

סאָב־אָפּיס:

J. N. W. CO-OPERATIVE HOMES
2771 Williamsbridge Road Tel. Olinville 9884

ווי אַזוי צו פאָרן צו די הייזער:

Lexington Av. Subway to Burke Ave. Station
4 Stations after East 180 Street Station

פלענער פאַרטיק — קומט אויסקלייבן אייער
אַפּאַרטמענט, אָדער פאַרלאַנגט אינפאָרמאַציע.

Farband Co-Operative Homes Association
189 Second Avenue, New York City

Name ....
Address ....
Telephone ....

אונזער קעמפ

די זומער היים פון אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד
אין הייליאנד מילס, ניו יארק.

„אונזער קעמפ" וועלכער איז אנערקענט געווארען אלס דער שענסטער זומער פלאץ, מאכט שוין פארבארייטונגען פאר דער דערעפענונג פון 3־טען סעזאן.

„אונזער קעמפ" וועט היינטיגען זומער א סך פארשענערט ווערען און וועט באמת ווערען דער באקוועמסטער פון אלע קעמפס ארום ניו יארק.

אן ערפארענער אגראנאם איז ספעציעל אנגעשטעלט צו פארשענערען די פראכטפולע לאנקעס, בוימער און בלומען, צו מאכען פון דעם קעמפ אן אמת׳ן גן־עדן.

עס ווערען אויך אויסגעארבייט פארשידענע בוי־פראיעקטען, כדי צו קענען געבען בעסערע באקוועמליכקייטען פאר אונזערע טויזענטער פריינד און חברים, וועלכע באזוכען דעם קעמפ און ווילען דארט פארברענגען זייער זומער וואקאציע.

גרייט זיך צו צו פארברענגען אייער וואקאציע אין דער ווארעמער, חבר׳שער און אמת אידישער אטמאספערע פון „אונזער קעמפ"!

קינדערוועלט

די היים פאר אונזערע קינדערלאך, אן אפטיילונג פון „אונזער קעמפ", ווערט דעם יאר פיל פארגרעסערט, כדי צו קאנען צופרידענשטעלען די אלע קינדערלאך, וועלכע מיר האבען לעצטען יאר, צוליב מאנגעל אין פלאץ, ניט געקאנט אריינגעמען.

אויך „קינדערוועלט" ווערט פיל אויסגעבעסערט און פילע נייע באקוועמע בא[נ]געלאוס ווערען צוגעבויט.

רעגיסטראציע פאר קינדער שוין אפען

אונזער פרייז פאר היינטיגען סעזאן איז דערזעלבער:

$145 פאר א פולען סעזאן (10 וואכען)
$75 פאר א האלבען סעזאן (5 וואכען)

פאר מיטגלידער פון איד. נאצ. ארב. פארבאנד.

קינדער פון ניט מיטגלידער צאלען 30 דאלער מער א סעזאן. — מיר גיבען 10 פראצ. דיסקאונט פאר די וואס וועלן זיך רעגיסטרירען און איינצאלען וויניגסטענס א העלפט.

פאר מער איינצעלהייטען ווענדעט זיך אין אפיס פון

„אונזער קעמפ" און „קינדערוועלט"

189 צווייטע עוועניו ניו יארק

טעלעפאן סטייוועסאנט 3072.

שליסט זיך אָן אין דער

פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע

די וויכטיקע צילן און אויפגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע, די אַרבעט וואָס זי האָט ביז יעצט געטאָן און וואָס זי פּלאַנט צו טאָן אין דער צוקונפט פאַר דעם ארץ־ישראל אויפבוי און אויפ'ן קולטורעלן געביט פאַר די אידישע אַרבעטער פרויען דאָ אין לאַנד, באַרעכטיקט אונז צו פאַרלאַנגען פון יעדער פּראָגרעסיווער אידישער פרוי אָנצושליסן זיך אין אונזערע רייען און העלפן דורכפירן אונזערע וויכטיקע אַרבעטן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג.

גרונט פּרינציפּן:

1. באַטייליקט זיך אין דעם אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היימלאַנד אין ארץ־ישראל אויף סאָציאַליסטישע און קאָאָפּעראַטיווע יסודות.
2. ערמעגלאַכן דער אידישער אַרבעטער פרוי זיך איינצואָרדנען אין ארץ־ישראל און פאַרבעסערן איר עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע.
3. אויסבילדן אַ טיפּ חלוצה, וועלכע זאָל זיך צופּאַסן צו דעם קאָאָפּע־ראַטיוון לעבן אין ארץ־ישראל סיי אויפ'ן אַגריקולטורעלן און סיי אויפ'ן אינדוסטריעלן געביט.
4. דערהויבן דעם קולטורעלן מצב פון דער אידישער אַרבעטער פרוי אין די גלות לענדער און פון דער אַרבעטער פרוי אין ארץ־ישראל.

אין אַ צווייטן אָרט אין דעם אַלמאַנאַך געפינט זיך אַ דירעקטאָרי פון אונזערע קלובן איבער'ן לאַנד, מיט דעם נאָמען און אַדרעס פון דער סעקרעטאַרין אין אייער שטאָט. שיקט צו איר אייער נאָמען און אַדרעס און זי וועט אייך געבן גענויערע אינפאָרמאַציע וועגן דער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע און וועט אייך אויך איינלאַדן צו די פאַרזאַמלונגען פון דעם קלוב.

באַטייליקט זיך אין דער פּיאָנערן אַרבעט!

ווערט אַ מיטגליד פון דער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע!

הויפּט אָפיס:

PIONEER WOMEN'S ORGANIZATION

32 Union Square, Room 1011, New York, N. Y.

אינטערנעשאָנאל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן

(געגרינדעט אין יאַנואַר, 1899)

INTERNATIONAL LADIES' GARMEN TWORKERS' UNION

Affiliated with the American Federation of Labor

Organized January, 1899

די יוניאַן איז פאַרבונדען מיט דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לײבאָר און מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען באַקלײדונגס פאַרבאַנד.

די יוניאַן האָט אַ ספּעציעלע סאַניטאַרי באָארד.

דער מעדיצינישער צענטער פון דער אינטערנעשאָנאל גיט מעדיצינישע באַהאַנדלונג צו טויזענטער מעמבערס און ארבעטער פון אנדערע יוניאַנס.

פאַר ע ד י ו ק י י ש אָ נ א ל ארבעט עקזיסטירט א ספּעציעלער עדיוקײשאָנאל דעפּאַרטמענט.

גיט אַרויס צוויי וואָכענבלעטער, וואָס ווערען געשיקט צו אלע מיטגלידער, אין אידיש — „די גערעכטיגקייט", אין ענגליש — „דזשאַסטיס".

האָט אַן אייגענע זומער היים, די „יוניטי הויז", אין פאָרעסט פּאַרק, פּאַ., וואו די מעמבערס קענען פאַרברענגען זייער ווייקיישאָן.

אייגענע בילדינג — 3 וועסט 16טען סטריט, ניו יאָרק.

INTERNATIONAL BUILDING, 3 W. 16th ST., NEW YORK

מאָריס זיגמאַן,
פּרעזידענט.

אברהם באַראָף
דזשענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער.

אַמאַלגאַמיטעד קלאָדהינג וואָרקערס אָוו אַמעריקאַ

15 יוניאָן סקווער ניו יאָרק, נ. י.

סידני הילמאַן
דזשענעראַל פּרעזידענט

יוסף שלאָססבערג
דזשענ. סעק.־טרעזשורער

דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד.

אבראהאם בעקערמאַן
אוגוסט בעלאנקא
היימאַן בלומבערג
דזשאָזעף קאַטאַלאַנאָטי
לעאָ קשיצקי
סעמועל לעווין

לאַזאַרוס מאַרקאָוויטץ
אנזאינאָ ד. מאַרימפּיעטרי
אברהם מילער
סידני ריסמאַן
פרענק ראַזענבלום
מיימי סאַנטאָראָ
סטיפּהען סקאַלאַ

אָפיציעלע אָרגאַנען אין אַכט שפּראַכען:

אידיש („פאָרטשריט"), ענגליש, איטאַליעניש, רוסיש, טשעכיש, ליטוויניש, פּויליש און פראַנצויזיש.

אַמאַלגאַמיטעד באַנק אָוו ניו יאָרק

15 יוניאָן סקווער,
ניו יאָרק.

אַמאַלגאַמיטעד טראָסט ענד סייווינגס באַנק

111 וו. דזשעקסאָן בולוואַרד,
שיקאַגאָ, איлл.

ניו יאָרק דזשאָינט באָארד

אמאלגאמייטעד

קלאָטהינג וואָירקערס יוניאָן

אָוו אמעריקא

35־31 וועסט 15טע סטריט

ניו יאָרק.

אברהם בעקערמאן,
מענעדזשער.

אברהם מילער,
סעקרעטאר־טרעזשורער.

היברו־אמעריקאן טיפאָגראַפיקאל יוניאָן 83

אי. טי. יו., נומ.

96—94 קאנאל סטריט
ניו יאָרק.
טעל. אָרטשארד 4873.

פאָדערט דעם יוניאָן לייבעל
אויף אַלע אייערע
דרוק־ארבייט!

עס רעפּרעזענטירט: גוטע אַרבייט, גוטע
וויידזשעס, גוטע אַרבייטס־באַדינגונגען.

א. וו. דזשאָזעפסאָן, פּרעזידענט
נ. דראָשער, סעק.־טרעזשורער.

אמאַלגאַמייטעד לײדיס גאַרמענט קאַטערס
יוניאָן, לאָקאַל 10, א. ל. ג. וו. י.

געגרינדעט אין סעפּטעמבער, 1906. ציילט 4,500 מיטגלידער.

דייוויד דובינסקי, דזשענעראַל מענעדזשער.

231 איסט 14טע סטריט, ניו יארק.

טראָגט העטס
מיט'ן
יוניאָן לייבעל!

אײדער איר מעסט אָן אייער נייע היטל, געפינט אויס צי דאָס היטל האָט אַ יוניאָן לייבל.

האָט אין זינען, אַז אַ יוניאָן־לייבל מיינט בעסערע מענטשליכע באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער, און אַ יוניאָן לייבל — מיינט „סוועט שאָפּ".

העלפט אונז אָנהאַלטן מענטשליכע באַדינגונגען פאַר אונזערע אַרבעטער.

לייבעל פּראָמאָוטינג דעפּאַרטמענט קעפּ מייקערס יוניאָן.

THE STRONG FRIENDLY BANK

For Checking Accountss—Every Banking Facility
For Thrift Accountss—4% Interest, Compounded Quarterly

INTERNATIONAL UNION BANK

5th Ave. and 21st St. **New York, N. Y.**

Member Federal Reserve System

Depository City of New York Depository State of New York

BANKING HOURS:

Daily, 9 A. M. to 4 P. M.
Saturdays until 2 P. M.

Mondays and Tuesdays
until 7 P. M.

מילינערי וואָירקערס יוניאָן, לאָק. 24

—— פון דער ——

קלאָט העט, קעפּ, מילינערי וואָירקערס
א י נ ט ע ר נ ע ש אָ נ אַ ל י ו נ י אָ ן

30 וועסט 37טע סט., נ. י.

ברענטש אָפיס — 640 בראָדוויי, ניו יאָרק.

ב אַ אַ מ ט ע :

נ. ספּעקטאָר —מענעדזשער. א. ראָוז — סעקרעטאר־טרעזשורער.
י. ה. גאָלדבערג, א. מענדעלאָוויטש, מ. גוטמאַן — אָרגאַנייזערס.

אויב איהר ווילט געשמאַקע עסענס און שעהנע מוזיק
קומט הערען דעם וועלט־באַוואוסטען צימבלער

יאָסעלע מאָשקאָוויטש

ער אַליין שפּילט אין זיין אייגענעם פּלאַץ.

LITTLE ROUMANIAN RENDEZVOUS

76 Second Avenue — Tel. Dry Dock 8779

Special Attention Given to Parties and Banquets

Compliments of

UP-TO-DATE PRINTING CO.

476 Broadway ~ New York City

בנק הפועלים בע"מ

די אַרבייטער־באַנק אין ארץ־ישראל

אַקציען־קאַפּיטאַל — 100.000 עליפּטישע פונט

די אַרבייטער־באַנק איז דער קרעדיט־אַנשטאַלט פון אַלע אינסטיטוציעס פון דער „הסתדרות" אין דאָרף און אין שטאָט.

די אַרבייטער־באַנק פירט אָן אַלערליי באַנק געשעפּ־טען און האָט פאַרטרעטונגען און קאָרעספּאָנדענטען אין די גרעסטע וועלט־צענטרען.

די אַרבייטער־באַנק האָט אויך סייווינגס־אַקאונטס. אַמעריקאַנער חברים קענען מאַ־כען זייערע דעפּאָזיטס אויף ספּעציעלע באַדינגונגען.

די אַרבייטער־באַנק האָט שוין געצאָלט 5 פּראָצענט דיווידענד צו אירע אַקציאָנערן.

אַגענטור פאַר'ן פאַרקויף פון אַקציעס אין אַמעריקע:

PALESTINE WORKERS' BANK COMMITTEE

32 Union Square | New York City

אַ געזונטער מאַגען אין אַ געזונטען קערפּער

דאָס איז געווען די פילאָזאָפיע פון די פאַרצייטיגע רוימער; דאָס איז אויך די פילאָזאָפיע פון דער הייַנטיגער וועלט. ווען דער קערפּער איז נאָרמאַל איז דער קאָפּ קלאָר און דער מאַגען קען טיכטיג ארבייטען. אָבער ווען דער קערפּער ליידט פון אַ פאַרשטאָפּטען אָדער ניט רעגולירטען מאָגען איז דער קאָפּ צוטומעלט און דער מאַגען „סטרייקט" — עס געהט ניט פון אָרט.

עקס־לאַקס

דער קענדי אָפּפיהר־מיטעל

רעגולירט אייער מאָגען, און גיט אַייך אַ קלאָרען קאָפּ.

עקס־לאַקס קומט אין פאָרם פון

עקס־לאַקס „טשאָקאָלאַד" און

עקס־לאַקס „פיג פלייוואָר" (פייגען)

אין אַלע דראָג סטאָרס.

יעצט וועט איהר הנאה האָבען
פון מצה־שפּייזען יעדען טאָג.
עסט זיי ביי יעדער געלעגענהייט.
גוט מיט פּוטער, קעז, דזשעלי,
מיט טעה, קאַווע, מילך, זופּ און
פּיעלע אַנדערע מאכלים.

מאַנישעוויטץ-מצה

„די מצה מיט אַלע מעלות"

מצה־מעהל — מצה־פאַרפעל

אין אַלע גראָסערים

מיט מאַנישעוויטץ מצה, מצה־מעהל, און פאַרפעל אין אייער הויז, קענט איהר צו־גרייטען א געשמאַקען מחיה׳דיגען מאהלצייט אין אַן אויגענבליק. קומען גע־פּאַקט אין נייע דאַפּעלט־פּאַרזיגעלטע באָקסעס, וואָס זיינען דאָס לעצטע וואָרט אין מאָדערנער שפּייז־פּרע־זערווירונג.

The B. MANISHEWITZ CO., Cincinnati, Ohio.
New York Distributor, M. V. MANISCHEWITZ, 673 Broadway.

דער ערפאָלג פון אונזער אינסטיטוציע — איר וואוקס און פאָרטשריט — קומט דערפון, וואָס מיר דינען דעם עולם אויף אַן אויפריכטיגען אופן.

דורך אונזער טשעק און סייווינגס דעפּאַרטמענט האָבען מיר פיל בייגעשטייערט צום וואוילזיין פון אונזערע דעפּאָזיטאָרס. דורך אונזער אויסלענדישן דעפּאַרטמענט זיינען מיר געוועזן אין די יאָרן פון שרעק און ליידן וואָס זיינען געקומען נאָכ׳ן קריג — די ערשטע אין פעלד צו ברענגען הילף און דערלייכטערונג צו אונזערע ברידער אין נויט אומעטום וואו זיי האָבן זיך נאָר געפונען.

מיר לאַדן אייך צו קומען אָדער שרייבן און זיך באַקענען מיט אונז.

BANK OF COMMERCE and TRUST COMPANY

21 Milk St.—Boston, Mass.

Member Federal Reserve System

היברו פאַבלישינג קאמפּאַני:

199,990

תלמידים און תלמידות

האָבען געלערנט אידיש לייענען און שרייבען פון
יעקב לעווינ'ס ביכער

„אָנפאַנגער" און „נייע אידישע שול"

אַט די צאָל שילער און שילערינס קענען באשטעטיגען, אז ה'
יעקב לעווין איז דער בעסטער אַווטאָריטעט
פון אידישער פּעדאַגאָגיע.

לער־ביכער פון יעקב לעווין

אָנפאַנגער, א לערבוך פאר אידישע שולן, 1טער טייל —	.50
אָנפאנגער דיטאָ, 2טער טייל	.60
אָנפאנגער דיטאָ, 3טער טייל	.60
אָנפאנגער דיטאָ, 4טער טייל	.90
אָנפאנגער דיטאָ, 5טער טייל	1.00
אָנפאַנגער, דיטאָ, 6טער טייל	1.25
נייע אידישע שול, א לערבוך פאר אידיש־אָנפאנגער צו לערנען לעזן און שרייבן אידיש, מיט צייכנונגען און בילדער — — — — — —	.50
נייע אידישע שול, 2טער טייל	1.25
יאָסעלע, פון יעקב דיגעזאָן, בעארביט פאר אידישע שולן, פון יעקם לעווין — — —	.50
פרץ'ס שריפטען, בעארביט פאר אידישע שולן, פון יעקב לעווין — — — — — —	.60
פרוג'ס שריפטען, בעארביט פאר אידישע שולן, פון יעקב לעווין — — — — — —	.50

מעשות און לעגענדעס
פון דער
אידישער געשיכטע

ערשטער טייל

(פון אברהם'ס געבורט ביז משה'ס טויט)

אַ נייער לערבוך פאַר
די אידישע שולן

צוזאמענגעשטעלט פון

יעקב לעווין

פרייז 50 סענט

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני

632 בראָדוויי, ניו יאָרק

עלטסטע אין אמעריקא — גרעסטע אין דער וועלט

דזשודעא לאיף אינשורענס קא.

די ערשטע און איינציגע אידישע אינשורענס קאמפאני אויף דער וועלט
האום־אפיס:
44 איסט 23טע סטריט, ניו יארק, נ. י.
די טאכטער פון דער
דזשודעא אינשורענס קאמפאני לימיטעד און פאלעסטיין
מיט דעם האום־אפיס אין ירושלים (ארץ־ ישראל)
דאס אייניקעל פון דער
דזשודעא אינדאסטריעל קארפארישאן,
44 איסט 23טע סטריט, ניו יארק נ. י.

וועלכע איז די אייגענטימערין וואס קאנטראלירטביידע אינשורענס קאמפאניעס.

די דזשודעא לאיף אינשורענס קא.

האט ענדע מארטש — 10½ חדשים זייט זי האט אנגעהויבען פונקציאנירען — ארויגעקראגען אפליקיישאנס פאר לאיף־אינשורענס אויף א סומע פון העבער

14 מיליאן דאלאר

פאליסים וואס די דזשודעא לאיף גיט ארויס:

1) ארדינערי לאיף
2) לימיטעד פעימענט לאיף, 10, 15 און 20 יאהר.
3) ענדאומענט, 10, 15 און 20 יאהר.
4) 10 יאהר טוירם.
5) קינדער־ענדאומענט.
6) לאיף אניואיטיעס.
7) לאיף אניואיטיעס מיט צוריקצאהלונג פון קעש.
8) דעפוירד איוואיטיעס.
9) „גאולה" פאליסי.
10) 1 יאהר טוירם.
11) בר־מצוה פאליסי.
12) דיסאבילויטי וועיווער און פרימיום אינשורענס.
13) דאובל אינדעמניטי אינשורענס.
14) סינגל פרימיום לאיף און ענדאומענטס.
15) לאיף, אינקאם, ארדינערי לאיף און 20 פעימענט לאיף

די דזשודעא לאיף אינשורענס קאמפאני איז ביז איצט געלייסענסט אין פאלגענדע סטייטס:

ניו יארק, ניו דזשורזי, מאסאטשוזעטס, מערילאנד, אילינאי, דיסטריקט או קאלאמביא, ראוד־איילענד, מעין, דעלעווער.

JUDEA LIFE INSURANCE COMPANY
44 EAS T23rd STREET NEW YORK, N. Y.
Telephone Ashlnd 9103

כל המקיים נפש אחת כאילו קיים עולם מלא.

די דענווער סאַנאַטאָריום

פון דער

דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליעף סאָסייעטי

די סאַנאַטאָריום אין דענווער איז געגרינדעט געוואָרן צוריק מיט 24 יאָר. איבער זעקס טויזנט קראַנקע האָבן דאָרט געפונען הילף און שוץ אַקעגן דעם מלאך המות פון דער ווייסער פּלאָג.

דער אַנשטאַלט איז דער ערשטער אין אַמעריקא, וועלכער האָט איבערצייגט די מעדיצינישע וועלט, אַז מען טאָר ניט אוועקנעמען די האָפנונג פון געזונט צו ווערן אפילו פון די, וועלכע זיינען שוין אין דער פּאָרטגעשרי־טענער שטופע פון דער קראַנקהייט. מיט שטאָלץ קענען מיר אָנווייזן אויף די הונדערטער, וועלכע זיינען געהאָלפען געוואָרען און זיינען צוריק געוואָרען די ברויט־געבער פון זייערע פאַמיליעס.

אונזער דערפאַרונג האָט אונז אָבער אויך באַוויזן, אַז אונזער ערפאָלג וואָלט ניט אין אַן ערך געווען גרעסער אויב די פּאַציענטען וואָלטען געגאַנגען וואָס פריער אין דענווער, און וואָלטן ניט געוואַרט צו גיין אין דענווער אלס דאָס לעצטע מיטל.

זייט איר קראַנק אויף שווינדזיכט און איר פילט ניט בעסער דאָרט וואו איר געפינט זיך, טאָ פאַרזאַמט ניט און גייט וואָס מעגליך פריער אין דענווער, אפילו ווען איר טראָגט זיך אַרום מיט אַ חשד אַז איר האָט די קראַנק־הייט, זאָלט איר ניט פאַרפעלן צו קומען אין אונזער אָפיס און זיך לאָזן אונ־טערזוכן פון אונזערע דאָקטוירים, מומחים אין טובערקולאָז.

געפינט אויס וואָס איז אייער געזונט־צושטאַנד. די אונטערזוכונג איז פריי!

אַדרעס פון אונזער ניו יאָרק אָפיס:

Denver Sanatorium

31 UNION SQUARE NEW YORK, N. Y.

בית העורים (אידישע כשר'ע היים פאר בלינדע)

39 איסט 7טע סטריט, ניו יארק.

למה לי חיים
חיים כזאת,
הלא עור עינים
חשוב כמת.
אידען, רחמנים
בני רחמנים,
העלפט אונז
אויפבויען
אונזער היים
פאר די
אידישע בלינדע.

Will You not help us "open the doors of the First Jewish National Home for Blind?

געעהרטע פריינט:

עס שיקן אייך אן אויפרוף די אידישע בלינדע. זיי זיינען געשטראפט פון גאט מיט אייביגער פינצטערניש — בלינדשאפט. זיי זיינען בארויבט פון א גלייכן וועג, הפקר איז זייער לעבן. וואו א שטיין, א סלופ, אן אומגליק — טרעפט דאס דעם בלינדן. ער איז הילפלאז ווי א קינד; ארעם, נאקעט, בארוועס, הונגעריג און אן א היים.

דאס אידישע פאלק איז זיי שולדיג א חוב — א אידישע, כשר'ע היים. און זיי באנוצן זיך מיט דעם „אידישן יארבוך" און בעטן אלע אידן, אז זיי זאלן זיי העלפן עפענען די טירן פון דער אידישער היים פאר בלינדע (39 איסט 7טע סטריט, ניו יארק) און זיי זאלן ניט דארפן קריגן רחמנות פון ניט-אידישע בלינדע אנשטאלטן.

וועט איר זיך צוהערן צו זייער געבעט?
וועט איר זייער בקשה ערפילן?

מיר זיינען זיכער, אז יא. ווייל ווער איז נאך אזוי האפנונגסלאז ווי א בלינדער! הארצרייסנד און פארצווייפלט איז זיין לאגע! יעדע אידישע הארץ פארשטייט און פילט מיט די ליידן און שמערצן פון בלינדן. יעדער איינער באגרייפט דעם שרעקליכן שיקזאל פון בלינדן און די גרויזאמקייט פון בלינדשאפט. אבער מיט בלויז סימפאטיזירן מיט'ן בלינדן וועט איר אים ניט העלפן. העלפט עפענען די היים! שיקט גלייך, היינט, זאפארט וויפיל איר קענט. לייגט ניט אפ אויף מארגן. פארווירקליכט אונזער אונטערנעמונג — צו עפענען די ערשטע כשר'ע היים פאר ארימע, עלנדע, הילפלאזע בלינדע. ביז די הויז וועט געעפנט ווערן מוזן מיר דערווייל העלפן א גרויסע צאל בלינדע אין די הונדערטער, וואס מוזן קריגן וועכנטליכע הילף. א גרויסע צאל קריגן אויך דאקטאר און מעדיצינישע הילף. און ווען ניט אונזער ארגאניזאציע, וואלטן זיי געשטארבן אין גאס. דארום בעטן מיר אייך, העלפט אונז, שיקט ארײַן אייער הילף צו די בלינדע.

דער בית העורים הלאומי איז ניט קיין לאקאלע אינסטיטושאן, וואס העלפט אידישע בלינדע בלויז פון ניו יארק. אידישע בלינדע פון גאנץ אמעריקע וועלן ארייגענומען ווערן אין דער היים. דארום ווענדן מיר זיך צו אלע קלאסן פון אידישן פאלק, אן אונטערשיד וואו זיי זאלן ניט וואוינען, זיי זאלן אונז העלפן.

מיט אכטונג און פריינדשאפט,
בית העורים הלאומי.
האן. לואיס דזש. וואראנקער, פרעזידענט.
שעפטעל נידעלמאן, עקזעקוטיוו דירעקטאר.

שיקט אייערע נדבות אויף דיזן אדרעס:

American Jewish Ass'n for the Blind, Inc., 39 E. 7th St., N. Y.

לעזט און פאַרשפּרייט אונזער פּאַרטיי פּרעסע

1) „דער אידישער אַרבייטער",
אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי — פּועלי ציון.

2) „יוגנט",
מאָנאַטליכער זשורנאַל, אין אידיש און ענגליש, ארויסגעגעבען פון די יונגע פּועלי ציון.

3) „די פּיאָנערין־פּרווי",
פּעריאָדישע צייטשריפט פון דער פּיאָנערן פּרויען אָרגאַניזאַציע פאַר די חלוצות אין ארץ־ישראל.

סובסקריפּשאָן פּרייזען:

א יאָר „אידישער אַרבייטער" — — — — — — — — — $2.50
א יאָר „יוגנט" — — — — — — — — — — — — — $1.00
„די פּיאָנערין־פּרווי" (יעדער נומער) — — — — — — 10 ס.

אַדרעס פון די רעדאַקציעס:

32 יוניאָן סקווער : : ניו יאָרק

די

קאָלאָמביא פינאַנס קאָרפּאָריישאָן

פינאַנסירט איינצעלנע פּערזאָנען און פאַרשידענע גע־
שעפטען, פון די קלענסטע ביז די גרעסטע סומען

די קאָלאָמביא
פינאַנס
אָפּערט צו דעם
פובליקום אירע
סערטיפיקייטס און
אינדעבטעדנעס
וועלכע
טראָגען אריין

6

פּראָצענט

סאָלאָמאָן קרוסאָ, פּרעזידענט

אינטערעסט
ווערט
געצאָלט
יעדע
ד ר י י
מאָנאַט

6

פּראָצענט

די אַדרעסען פון דער קאָלאָמביא פינאַנס׳עס ברענטשעס זיינען:

296 גרענד סט., ניו יאָרק
3824 ־ 3טע עוו., בראָנקס
525 ־ 7טע עוו., ניו יאָרק
154 נעסאו סט., ניו יאָרק
16 קאָורט סטריט, ברוקלין

296 GRAND ST., New York
3824 3rd AVE., Bronx
525 7th AVE., New York
154 NASSAU ST., New York
16 COURT ST. Brooklyn

Columbia Finance Corp.